STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06113

DI GOLDENE MASKE

Ludvig Born

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06113-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657061135T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

די
גאָלדענע מאַסקע
אָדער
די געהיימניסע פון טירקישען הויף

היסטאָרישער ראָמאַן

אין וועלכען עס ווערט אויפגעדעקט די סודות פון די טירקישע רעוואָלוציאָנען, פון סולטאנ׳ס הארעם און די ענדע פון אן ארונטער־געוואָרפענעם סולטאן

פערפאסט פון

לודוויג פ. באָרן

1910

פערלאג פון „מאָרגען זשורנאל" און „אמעריקאנער"

נ י ו י אָ ר ק.

די גאָלדענע מאַסקע

—אָדער—

די געהיימניסע פון טערקישען הויף

1.

די גאָלדענע מאַסקע.

דעם צווייטען אויגוסט, אין יאָהר 1861 איז א גאַנצען טאָג געווען אין קאָנסטאנטינאָפאָל און ארומיגע ערטער א שרעקליכער הייסער וועטער; עס איז געווען שווער צו אטהמען פון היטץ און אויף די גאַסען האָט מען מעהר וויא הינד ניט געזעהען ארומלויפען: מענשען זיינען ליעבער געבליעבען זיטצען ביי זיך אין די הייזער, וואו די שטראהלען פון די זון האָבען זיי ניט אזוי געברענט. נאָר פון אבענד, ווען די היטץ איז עטוואָס אָבגעפאלען, האָבען זיך אָנגעהויבען, וואו ניט וואו, צו ווייזען אויף די גאַסען מענשען. די לופט איז געווען אונגעוועהנליך רוהיג, עס איז ניט געווען צו פיהלען דעם קלענסטען ווינטעלע. באלד האָט זיך דער הימעל פערצויגען מיט געדיכטע שווארצע וואָלקענס. די שרעקליכע היטץ, וואָס איז געווען דעם גאַנצען טאָג, און דערנאָך די שטילקייט און די שווארצע וואָלקענס, דאָס זיינען געווען ריכטיגע סמנים דאָס עס וועט באלד זיין א גרויסער שטורעם. די שיפלעך וואָס בעדעקען אימער דעם באָספאָר (די שמאָלע שטיק ים וואָס פעראייניגט דעם „שווארצען מעער" מיט דעם „מארמאָר־מעער" הייסט „באָספאָר". קאָנסטאנטינאָפאָל שטעהט אויף'ן ברעג פון באָספאָר.) האָבען זיך בעצייטען בעהאלטען אין זיכערע ערטער, וואו דער שטורם וועט צו זיי ניט צוקומען. עס האָט זיך מעהר ניט געזעהען וויא איין איינציגע שיפעלע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט צוגעשיפט צום ברעג. אין דיעזעה שיפעלע איז נאָר געזעסען איין מענש, דער בעל הבית אליין. זיין נאָמען איז געווען סאדי. א יונגער טערק, שען געוואקסען, מיט פייערדיגע קלוגע אויגען; זיין געזיכט איז געווען אָבגעברענט פון זון, אָבער ער האָט אויסגעזעהען געזונד און מונטער. געקליידעט איז ער אפילו געווען ניט זעהר רייך, אָבער זעהר ריין און מיט געשמאַק.

— צו וואָס שיפסט דו זיך אין אזא צייט? — האָט איהם געפרעגט א בעקאַנטער גרעק, וואָס איז געזעסען אויף'ן ברעג.

— איך האָב דאָ ניט ווייט געבראכט צופיהרען א יונגען פּראנצויז,—האָט סאדי געענטפערט.

— מיין עצה איז דו זאָלסט ערשט צוריק ניט פאָהרען, באלד וועט זיין א גרויסער שטורם, און מען דארף זיך דערמיט אויף דיעזען וואסער ניט שפּיעלען, — האָט דער גרעק צו איהם געזאָגט.

— פון גאָט קען מען זיך ניט בעהאלטען,—האָט סאדי געענטפערט און אין דיא מינוט אָבגעפאָהרען מיט זיין שיפעל פון ברעג. קוים וואָס ער האָט זיך דערוויי־טערט אויף עטליכע קלאפטער פון ברעג, איז ארויס א שרעקליכער שטורם און אויפ'ן ים האָבען זיך אויפגעהויבען אזעלכע גרויסע וועלען, דאָס דיא שיפעל האָט זיך יעדע מינוט געקענט איבערקעהרען און ארויסווארפען איהר דרייסטען פּאסאזשיר. סאדי אָבער האָט זיך וועניג געקימערט, ער איז זיך־געזעסען גאנץ רוהיג און גערודערט. דער ים האָט ארום איהם גערוישט און געליארמט, דער שטורם האָט זיך פון מינוט געשטארקט. באלד האָט סאדי דערהערט א געשריי פון מענשען וואָס בעטען מען זאָל זיי ראטעווען פון טויט. סאדי האָט זיך ארומגעקוקט און האָט דערזעהען א גרויסע און א געפּוצטע שיפעל מיט א פּאלאטקע פון טהייערע זיידענס. דריי געזונדע מאט־ראָזען האָבען אָנגעוואָרען דיא כוחות רודערנדיג און צוגלייך שרייענדיג מען זאָל קומען זיי העלפען. נעבען פּאלאטקע איז געשטאנען א דיענער וואָס האָט געמאכט א סיגנאל דאָס מען זאָל דערזעהן פון וויטען דאָס זיי זיינען אין געפאָהר.

— „מיר זיינען פערלאָרען!" האָט זיך געהערט פון פּאלאטקע א יאָמערנדע פרויען־שטימע, „מיר זיינען פערלאָרען. אין שיפעל איז אָנגעגאנגען וואסער!".

— „זייט רוהיג, מיינע טהייערע פּרינצעסין", האָט איהר געטרייסט איין אנדער שטימע, דיא וואסער איז ניט פון אונטען, נור פון אויבען, און מיר קענען עס אויסשעפּען".

סאדי האָט גלייך פערשטאנען, דאָס אין פּאלאטקע זיצט איין אריסטאָקראַ־טישע דאמע. דאָס וואָלט גענוג געווען פיר יעדען מענשען, ער זאָל זיך שטעלען אין סכנה כדי צו רעטען דיא שיפעל, און א פּשיטא שוין פיר א מענשען מיט אזא פיינעם כאראקטער וויא סאדי, וואָס איז בערייט געווען צו שטעלען זיין לעבען אין געפאהר אויך פיר דעם קלענסטען מענשען אין דער וועלט.

דעריבער, וויא נאָר סאדי האָט דערהערט דיא וויינענדע פרויען־שטימע, האָט ער אָנגעווענדעט אלע קרעפטען זיך צו־צושיפען צו דער יאכט. ער האָט צוגעבונדען זיין קליינע שיפעלע צו דער יאכטע און האָט זיך בעמיהט זיא אויפצוהאלטען אויפ'ן וואסער זיא זאָל ניט אראָב צום גרונד. אָבער דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות, ווייל זיא איז שוין מעהר וויא העלפט פול געווען מיט וואסער, און עס איז קיין אנדער

מיטעל ניט געווען צו רעטען דיא דאמע וויא איהר ארויפצונעהמען אויף'ן קליינעם שיפעלע. דיא פרינצעסין האָט געפרעגט ביי סאדי אויב ער נעהמט זיך אָן איהר געזונדערהייד צו ברייגנען אין איהר פאלאץ אין סקוטארי. סאדי האָט איהר פערזי־כערט אויף זיינע הייליגע נאמנות, אז עס וועט איהר חו"ש א האָר ניט שאדען, און דאָס זיא מעג זיך אויף איהם פערלאָזען. דיא פרינצעסין איז מרוצה געוואָרען.

דאָס איז געווען דעם סולטאן'ס א פלימעניצע, וואָס האָט געהייסען ראָשאנע. בשעת סאדי האָט מיט איהר געשפראָכען, האָט ער איהר געקענט גוט בעטראכטען. זיא איז אפילו פון יוצא וועגען געגאנגען אין א שלייער. אָבער איהר געזיכט איז געבליעבען מעהר אָפען וויא פערדעקט, און סאדי האָט געקענט זעהען, דאָס זיא איז געווען א זעלטענע שעהנהייט. זיא האָט אויף איהם געמאכט דעם בעסטען איינדרוק, און מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלען דעם גליק און פערגניגען וואָס ער האָט גע־פיהלט, וויא ער האָט דערהערט, דאָס זיא וויל עטליכע שטונדען בלייבען מיט איהם איינע אליין אויף זיין שיפעלע. ער איז פראָסט געווען אויף'ן זיעבטען הימעל.

אָבער א חוץ דיא פרינצעסין איז געווען אין יאכט נאָך א פערזאָן, וועלכע האָט געמאכט אויף סאדי, פערקעהרט, דעם ערגסטען איינדרוק. דאָס איז געווען איהר האָפמייסטער, א הויכער, א געזונדער גרעק מיט א ווילדע געזיכט. ער האָט מעהר געפאסט צו זיין א הויפטמאן פון א באנדע גנבים וויא איין האָפמייסטער ביי א פרינצעסין. מיט זיין בליק אליין האָט ער געוואָרפען א שרעק אויף דעם יונגען שיפער סאדי. דער גרעק האָט ניט געקענט פערבאָרגען זיין פערדרוס, דאָס דיא פרינצעסין האָט אזא צוטרויען צו סאדי, דאָס זיא איז מרוצה צו פאָהרען מיט איהם איינע אליין און וויל קיינעם ניט מיטנעהמען, אפילו איהם, איהר האָפמייסטער. „דיא שיפעלע, האָט זיא געזאָגט, קען קיין דריי מענשען ניט פיהרען אין אזא שטורם וועטער". אָבער ער האָט גוט פערשטאנען, אז דאָס איז נאָר א'ן אויסרייד... און דאָס האָט איהם זעהר געקריינקט.

דער גרעק האָט אָבער געמוזט שווייגען. ניט ווילענדיג האָט ער געמוזט צו רעכט מאכען פיר דיא פרינצעסין אויף סאדי'ס שיפעלע איין אָרט צו זיצען. ער האָט אונטערגעבעט א וויכען דיוואן, האָט פאמעלאך אריינגעזעצט דיא פרינצעסין, צו וועלכער ער האָט זיך טיעף פערנייגט און איז צוריק אריין אין זייער יאכט. סאדי מיט דיא פרינצעסין האָבען גלייך אָבגערודערט און זיינען אוועקגעפאָהרען איבער דעם שטורמדיגען מעער. דריי שטונדען האָט געדויערט ביז וואנען זיי זיינען געקומען אין האפען, וואו עס שטעלען זיך אָב דיא שיפען. אין דיעזע דריי שטונדען האָבען זיי געהאט דיא מעגליכקייט בעקאנט צו ווערען איינער מיט דעם אנדערן און זאָגאר צו ווערען פריינד. זיי האָבען פיעל געשפראָכען צווישען זיך און האָבען דיא גאנצע צייט

ניט אראָבגענומען דיא אויגען איינער פון דעם אנדערן. סאדי האָט געהאט א גוטע געלעגענהייט ארויסצואווייזען וואָס פיר א בריה ער איז אין רודערן, און וואָס פיה א קלוגער מענש ער איז געווען. זיא איז געוואָרען נייגיעריג צו וויסען מיט וועמען זיא האָט דאָ א געשעפט און זיא האָט ביי איהם געפרעגט, וויא ער הייסט און וועה ער איז.

— מיין נאָמען איז סאדי, האָט ער געענטפערט, מיין פאָטער האָט געהייסען בוחמאד, ער איז געווען א מוצעאן (מוצעאן הייסט ביי דיא מאחמעדאנער א מין שמש וואָס רופט דעם עולם דאווגען.) אין דעם מינארעט (געבעט הויז) פון דעם סולטאן'ס מוטער. עס איז שוין פינף יאָהר וויא ער איז טוידט, און מיך האָט מיינע אָרעמ־קייט געבראכט צו ווערען א שיפער.

— עס טהוט מיר לייד, האָט זיא זיך אָבגערופען, דאָס דו דארפסט זיין א שיפער, מיט דיין פערשטאנד וואָלסט דוא געטויגט צו טהאָן פיעל בעסערעס און וויכטיגערעס וויא צו רודערן א שיפעל. דוא האָסט גענוג מוטה און דרייסט צו זיין א גוטער קריעגסמאן, און עס איז פיעל גלייכער פיר דיך צו שטרייטען מיט דיא פיינדע פון אונזער פאטערלאנד איידער צו שטרייטען מיט דיא וועללען פון ים, קום מאָרגען צו מיר און איך וועל דיך בעלוינען פיר דעם וואָס דו האָסט מיך גערעטעט פון געפאהר. איך הייס ראָשאנע, איך בין דעם סולטאן'ס א פלימעניצע און וואָהן אין מיין פאלאץ אין סקוטארי.

סאדי האָט זיך טיעף פערנייגט און האָט געענטפערט:

— צו רעטען דעם אנדערן פון געפאהר איז דיא שולד פון יעדען מענשען. עס פרייט מיך זעהר דאָס איך האָב געהאט דעם גליק צו ערפילען מיין שולד אייך צו רעטען. דיעזע עהרע אליין איז פיר מיר דיא גרעסטע בעלאָהנונג, און איך קען פון אייך מעהר ניט פערלאנגען וויא דעם געוועהנליכען געצאָהלט פיר דעם אריבערשיפען.

— נו, זאָל זיין וויא דו זאָגסט. סיי וויא סיי האָב איך יעצט ביי זיך קיין געלד ניט. דעריבער מוזט דו דיך שוין בעמיהען צו קומען מאָרגען צו מיר.

ריידענדיג זיינען זיי בשלום אָנגעקומען צום האפען. אין דיא זעלבע מינוט, וויא זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט, האָט אָנגעפאנגען שטארק צו רעגענען און צו דונערן. אויפ'ן ברעג איז געווען א גרויסער לארם, וואָס האָט זיי פערוואונדערט. זיי האָבען זיך ארומגעקוקט און האָבען דערזעהען דאָס דאָרטען איז געווען א געשלעג צווישען טירקישע און קריסטליכע מאטראָזען. עס האָט זיך געגאָסען בלוט; אין לופט האָבען געבליצט מעסער און קינזשאלען. דיא טירקען האָבען געשריען: „צום טייפעל דיא קריסטען! טוידטעט זיי!" דיא קריסטען האָבען נאטירליך

אויך ניט געשוויגען, און דער ליארם און טומעל איז געוואָרען פון מינוט צו מינוט גרעסער. דיא פּאָליציי האָט דאָ אויך גאָר נישט געקאָנט מאכען. ווען דיא פּרינ־צעסין האָט געשטעלט איהרע פיס אויף דיא טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט אויף דעם הויכען ברעג, האָט זיא בעמערקט, וויא סאדי איז מיט א מאָל געוואָרען בלאס, האָט ארויפגעלייגט דיא הענד אויף'ן הארצען און האָט אָנגעפאנגען צו זאָגען פּסוקים פון אלקאָראן.

— וואָס איז מיט דיר סאדי? — האָט זיא איהם געפרעגט.

— איהר זעהט ניט? — האָט ער געענטפערט מיט שרעק: — דאָרטען שטעהט דיא „גאָלדענע מאסקע“... ער האָט איהר געוויזען אויף איין מענש וואָס איז געשטאנען ניט וויט. דיעזער מענש איז געווען ארומגעבונדען מיט א בלאָהען טוך פון וועלכע דיא שפּיטצען זיינען געווען פערוואָרפען אויף הינטען. זיין בלאַ־סער, פערבלוטיגטער געזיכט איז געווען האלב מאסקירט מיט א גאָלדענע מאסקע, דיא פּרינצעסין איז געווען ערשטוינט און האָט זיך אָבגערופען: יא, עס איז ער!

וויא דיא מאטראָזען האָבען דערזעהען דיעזען מאן, זיינען זיי גלייך גע־וואָרען שטיל און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין פראָנט, קריסטען בעזונדער און טירקען בעזונדער. דער אונבעקאנטער מאן מיט דיא גאָלדענע מאסקע איז שטי־לערהייד פארבייגעגאנגען דיא מאטראָזען. טירקען האָבען דאמאָלס צונויפגעלייגט דיא הענד אויף'ן הארצען, קריסטען האָבען זיך גע'צלם'ט, און דערנאָך האָט זיך יעדער פון זיי רוהיג גענומען צו זיין ארבייט, אזוי וויא עס וואָלט קיין געשלעג ניט געווען.

ווען דיא פּרינצעסין האָט זיך בערוהיגט, האָט זיא געבעטען סאדי, ער זאָל בריינגען פיר איהר דיא קארעטע. זעטצענדיג זיך אין קארעטע, האָט זיא גע־הייסען דעם קוטשער, ער זאָל געשווינד נאָכפאָהרען נאָך דיא גאָלדענע מאסקע, וואָס איז אָקערשט אוועק פון דיא מאטראָזען; אָבער דער קוטשער האָט געזאָגט אז דאָס איז אונמעגליך, ווארום איידער ער וועט זיך אויסקערעווען, וועלען זיי שוין דיא גאָלדענע מאסקע ניט האָבען פאר דיא אויגען. דער קוטשער איז געווען גערעכט: דער מאן, וואָס אלע האָבען גערופען מיט דעם נאָמען גאָלדענע מאסקע, האָט זיך צומישט צווישען דיא מענשען וואָס זיינען דאָרטען געשטאנען, און זיי האָבען ניט געקענט זעהען וואו ער איז אהינגעקומען. דיא פּרינצעסין האָט גענו־מען אָבשיעד פון סאדי און איז אוועקגעפאָהרען צו זיך אין פּאלאַסט.

.2

דיא שיינע רעציע.

סאדי האָט געוואָלט וויסען, פון וואָס איז ארויסגעקומען דער געשלעג צווישען דיא קריסטליכע און טירקישע מאטראָזען. ניט ווייט פון ברעג איז געווען א קאפע־הויז, און סאדי איז ארייננעגאנגען אהין אין דער האָפנונג, דאָס דאָ וועט מען איהם דערציילען דיא גאנצע מעשה. ער האָט זיך דאָרטען ערקונדיגט דאָס דעם גאנצען ליארם האָט אָנגעמאכט איין אלטער טערק. דיעזער טערק האָט געוואָלט מיט געוואָלט פערפיהרען צוויי קריסטליכע אונגארישע מעדכען אין גאלאטע און דאָרטען פערקויפען אין הארעם פון א רייכען טערק. דיא מעדכען האָבען געמאכט א ליארם און דערפון איז ארויס דער געשלעג צווישען טירקען און קריסטען, וואָס האָט געדויערט ביז עס האָט זיך בעוויזען דיא גאָלדענע מאסקע. דיא מעדכען האָבען קוים געקענט אנטלויפען. דער רייכער טערק וואָס האָט זיי געוואָלט קויפען איז געווען איינער פון דיא גרעסטע נכבדים אין טירקיי, מען האָט איהם גערופען האמיד־קאדי.

דיא קאפע־הייזער זיינען אין טירקיי אזעלכע ערטער, וואו עס קלייבען זיך צוזאמען אלער האנד מענשען צו פערברייננגען דיא צייט און זיך לוסטיג צו מאכען. מען דערצעהלט זיך דאָ אלע נייעס, מען זאָגט וויטצען, גלייכווערטלאך, מען מאכט גימנאסטיקע, אלערליי פאָקוסען און ביי דעם ווערט געטרונקען און גערויכערט. ווער עס געהט נאָר אהין אריין, דער געהט שוין פון דאָרטען אזוי גיך ניט ארויס, און נאָך אזעלכער, וואָס האָט זיך ניט צו היילען, אזוי וויא סאדי, וואָס איז געווען א מענש אליין און קיינער האָט אויף איהם אין דער היים ניט געווארט.

סאדי האָט פערבראכט אין קאפע־הויז א רעכטע צייט. ווען ער איז פון דאָרטען ארויס איז ער דיא ערשטע זאך אראָבגעגאנגען צום ים א קוק טהאָן אויף'ן שיפעל און איהר שטארקער צובינדען, ווייל איהם האָט זיך געדאכט דאָס ער האָט איהר פריהער ניט גוט צוגעבונדען. אין שיפעל האָט ער דערזעהען דיא פרינצעסין'ס דיוואן, וועלכען ער האָט אין היילענעם פערגעסען פריהער ארויסצונעהמען. ער האָט געוואָלט גלייך לויפען אָבטראָגען איהם צו דיא פרינצעסין, זיא זאָל ניט מיינען, דאָס ער האָט דעם דיוואן בכיון געלאָזען פיר זיך. עס איז שוין אָבער געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט, דעריבער האָט ער דאָס אָבגעלייגט ביז אויף מאָרגען און דערווייל האָט ער דעם דיוואן מיטגענומען צו זיך אהיים.

עס איז איהם אויסגעקומען צו געהן אהיים דורך פינסטערע, שמאָלע

געסלאַך, וואו מען האָט א לעבעדיגען נפש ניט געזעהן. אומעטום זיינען געשטאַנען שמוטציגע, נידעריגע, האלב איינגעפאלענע הייזער, וואו עס האָבען געוואָהנט אידען אָדער טערקען. ארום און ארום איז געווען אזוי שטיל אזוי וויא אויף א בית־עלמין. מיט א מאָל האָט סאדי דערהערט א שוואכען געשריי, א זיפץ פון א מענשען וואָס האלט פאר'ן טוידט. סאדי האָט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען. עס איז אָבער געווען אזוי פינסטער דאָס ער האָט קיינעם ניט בעמערקט. ער איז אוועקגעגאנגען ווייטער, אָבער אין עטליכע סעקונדען ארום האָט זיך דער זיפץ נאָך א מאָל געלאָזט הערען. סאדי האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגען און איז געגאנגען אין דער זייט פון וואנען עס איז געגאנגען דיא שטימע. ער האָט באלד בעמערקט ניט ווייט פון אמאָשעע, וואו עס האָט געברענט א לאַנטערנע, צווישען א קופע געדיכטע בוימער א מעדכען, וועלכע איז געשטאַנען אויף איין אָרט אזוי וויא א צוגעשלאָגענע און האָט פון שרעק ניט געקענט שרייען. צוגעהענדיג נעהנטער האָט סאדי דערהערט, וויא איינער האָט געזאָגט:

„אהא! דו ביסט שוין, שענע רעציע, ביי מיר ווידער אין דיא הענד"!

און אויף דעם האָט דיא אונגליקליכע מעדכען נאָר געענטפערט מיט א זיפץ.

וויא סאדי איז געקומען צו דיא בוימער און האָט דערזעהן דיעזע מעדכען, איז ער געבליעבען שטעהן ערשטוינט פון איהר שעהנהייט, עס האָט זיך איהם געדאכט, דאָס ער זעהט א הימלישע בעשעפענים, וואָס איז אראָבגעפאלען אויף דער ערד. באלד האָט ער אויך דערזעהן דעם מענשען וואָס האָט איהר געוואָלט בעליידיגען. דאָס איז געווען דיא פרינצעסין ראשאנע'ס האָפמייסטער, אונזער בעקאַנטער גרעק.

„וואָס האָסט דו צו דיעזע אָרעמע מעדכען"?— האָט איהם סאדי געפרעגט מיט א שטרענגע שטימע. דיא מעדכען האָט זיך דערפרייט אויף דיא הילף וואָס איז געקומען צו איהר אונגעריכטערהייד; זיא האָט זיך געוואָרפען סאדי צו דיא פיס און האָט איהם געבעטען מיט געוויין ער זאָל זיך פיר איהר אָננעהמען. וויא דער גרעק האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָבגעטראָטען פון איהר, ווייל ער האָט מורא געהאט, סאדי זאָל איהם ניט פערמסר'ן ביי דער פרינצעסין. ער איז מיט כעס אוועקגעגאנגען פון דעם מעדכען און האָט זיך אין הארצען געטרייסט, דאָס זיא וועט נאָך א מאָל ארייןפאלען אין זיינע הענד און יעמאָלט וועט זיא שוין בלייבען ביי איהם אויף אימער.

וויא זיי זיינען געבליעבען אליין, האָט סאדי ביי דעם מעדכען געפרעגט, ווער זיא איז, וואו זיא וואָהנט און וואָס פערלאַנגט פון איהר דער גרעק?

— איך הייס רעציע, — האָט זיא איהם געענטפערט, — מיין פאָטער איז

געוועזען דער געבילדעטער אַלמאַנזאָר. יעצט בין איך געבליעבען אָהן עלטערען, אָהן שוועסטער און ברידער, עלענד וויא א שטיין. דיזער גרעק... אַ! גוטער מענש, שיטצע מיך פון איהם.... ער איז אַנגעשטאַנען אויף מיין לעבען, ער וויל מיר נייטהען מיט געוואַלט אַנצונעהמען זיין ליעבע און האָט זיך בעשלאָסען מיך צו גנב'ענען און אוועקפיהרען פון מיין היים. דיזער פערפלוכטער מענש איז דער מערדער, וואָס האָט אומגעבראַכט מיין ברודער אבדולאַס. מיין פאָטער איז אויך אומגעקומען פון זיינע בלוטיגע הענד; וויא מען זאָגט האָט ער איהם פאַהרענדיג אריינגעוואָרפען אין ים. אזוי בין איך דורך איהם געבליעבען איינע אליין אין דער וועלט, איינע אליין אין מיינע עלטערען'ס אלטע פינסטערע וואָהנונג, און ער קען טאָהן מיט מיר וואָס ער וויל. ער דרעהט זיך שטענדיג ארום אין גאַס, וואו איך וואָהן, אזוי וויא א וואָלף ארום א שטאַל פון שאָף. ער ווייס דאָס אין מיין וואָהנונג איז ניט דאָ ווער עס זאָל זיך אַננעהמען פיר מיר. און ער לאָזט מיך דעריבער אפילו אין מיין אייגענעם וואָהנונג ניט רוהען. פיעל מאָל האָב איך געמוזט צוזאַמען רופען דיא שכנים, זיי זאָלען מיך רעטען פון דיעזען ווילדען מענשען. איך האָב זיך דערוואוסט דאָס ער איז לאַצאַרוס, פּרינצעסין ראַשאַנע'ס האָפמייסטער, וועלכער איז ביי איהר א גרויסער תקיף, און אלע האָבען פיר איהם מורא. איך זיץ גאַנצע טעג פערשלאָסען ביי זיך אין דער היים, כדי זיך ניט צו בעגעגנען מיט דיעזען בלוט־הונד. אָבער היינט 12 ביי נאַכט, בשעת איך בין געגאַנגען אין דיא נאָהענטסטע מאַשעע צו בעטען גאָט, האָט מיך דער הונד אָבגעהיט, און אזוי בין איך אריינגעפאַלען צו איהם אין דיא הענד. וויא איהר זעהט, ברויך איך צו האָבען איינעם, וואָס זאָל מיך געגען איהם שיטצען. איך האָף, דאָס איהר וועט אייך ניט ענטזאָגען מיין בעשיצער צו זיין.

— אייער האָפנונג איז זעהר ריכטיג, איהר טוישט אייך ניט. איך בעגלייט אייך אהיים און פון היינט אָן קענט איהר זיין רוהיג, דאָס קיינער וועט זיך ניט אונטערשטעלען אויף דאָס מינדעסטע אייך צו בעליידיגען. איך וועל איבער אייך וואַכען מיט לייב און לעבען.

— עס פרעהט מיך דאָס צו הערען פון אייך, עדעלער מאַן! — האָט זיא געענטפערט, — איך נעהם מיט פערגניגען אָן אייער שוטץ, אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט מיך בעגלייטען פון וויטען, כדי מיינע שכנים זאָלען אייך ניט בעמערקען און זאָלען מיר ניט חושד זיין אין וואָס עס איז.

— אייער פאָרזיכטיגקייט איז זעהר קלוג, עס געפעלט מיר זעהר, האָט איהר סאַדי געזאָגט. דערנאָך האָט ער פון איהר גענומען אבשיעד, און פערזיכערט, דאָס ער וועט איהר אימער שיטצען וויא וויט ער וועט קענען.

3.

א נעסט פון דערווישעס.

דעם זעלבען אבענד האָט מען די גאָלדענע מאסקע געזעהען געהנדיג אין די גאס קאפו. פון דיעזער גאס איז ער דורך דעם הילצערנעם טויער ארויסגעקומען אויף די ברייטע וועג, וואָס פיהרט צום סולטאן'ס פאלאסט, וואָס איז פון ביידע זייטען פערפלאנצט מיט גרויסע קאשטאנען־בוימער. ווי די גאָלדענע מאסקע איז אָבגעגאנגען א רעכטע שטיק האָט זי זיך פערנומען לינקס אין א שמאָלינקע וועגעלע וואָס האָט זיך געדרייט צווישען בערגלאך ארויף און אראָב, און איז געווען דורכאויס בעוואקסען מיט גראָז. אין עטליכע מינוט ארום איז דער פערמאסקירטער מענש געקומען צו א רואינע (א חורבה), וואו מענשען פלעגען יעצט כמעט קיינמאָל ניט קומען. ארום און ארום האָבען געוואקסען אלטע בוימער. עס איז שוין געווען גוט שפעט און די רואינע מיט די שווארצע טורעמס, גרויסע מינארעטען, וואָס זיינען קוים געווען בעלויכטען מיט די בלאסע לבנה, האָט אויסגעזעהן ווי א בעצויבערטע וועלט.

אין דיעזער רואינע איז געווען זעהר פיעל צימערן, אין וועלכע א פרעמדער מענש האָט זיך לייכט געקענט פערפּלאָנטערן. פון איין טיר האָבען זיך געהערט שטימען פון מענשען וואָס בעטען גאָט. די גאָלדענע מאסקע האָט פערשטאנען, דאָס דאָרטען געפינען זיך דערווישען. זי איז צוגעגאנגען צו דיעזער טיר אָבער איז מיט א מאָל אוועק אָן א זייט און פערשוואונדען געוואָרען צווישען די געדיכטע בוימער, וועלכע האָבען דערביי געוואקסען. ניט ווייט פון טיר איז געזעסען איין אלטער דערוויש וואָס איז געווען בעהאנגען מיט אמולעטען (קמעות) און האָט אָהן אויפהער וויעדערהאָלט דעם הייליגען שפרוך: „גאָט איז גרויס און מאחמעד איז זיין פּראָפעט!“

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך נעבען דער רואינע אָבגעשטעלט א קארעטע, פון וועלכע עס איז באלד ארויס א פאָרנעהמער טערק אין א רויטען פעס, די גאנצע ברוסט בעדעקט מיט אָרדערס. ווי דער אלטער דערוויש האָט איהם דערזעהן, איז ער אויפגעשטאנען פאר איהם, האָט צוגעבויגען די הענד אויף'ן הארצען און האָט זיך זעהר טיעף פערנייגט.

נעבען טיר זיינען געזעסען עטליכע דערווישען ארום זייער שייך (עלטסטער) און האָבען געזונגען הייליגע ליעדער. זיי זיינען געווען אזוי פערטיעפט, דאָס זיי האָבען ניט בעמערקט וויא דער פאָרנעהמער מאן איז פארבייגעגאנגען. ער האָט זיי ניט געוואָלט שטערן און איז געשווינד אריין אין טיר. ער איז אריין אין א זאל אָהן א באלקען; אנשטאָט א באלקען האָט זיך געזעהן דער הימעל.

דאָ זיינען געווען א קאָמפּאַניע פון אנדערע דערווישען, וועלכע האָבען זיך, איינער דעם אנדערן, געשלאָגען מיט שטעקענס איבער די רוקענס, הענד און פיס, ביז עס האָט זיך פון זיי געגאָסען בלוט. די התלהבות פון זיי איז אָבער געווען אזוי גרויס, דאָס זיי האָבען קיין ווהעטאָג ניט געשפּירט און קיינער פון זיי האָט אפילו א פּיפּס ניט געטהאָן. פיר דעם גאַסט איז דאָס אָבער קיין נייעס ניט געווען, ער האָט שוין ניט איין מאָל געזעהן די קאָמעדיע. ער איז דעריבער דאָ לאַנג ניט פערבליבען און איז פון דאנען גלייך אריין אין איין אלטען טורם, וואָס האָט זיך נאָך זעהר גוט געהאַלטען. ביים אריינגאַנג פון טורם איז געזעסען א יונגער דערוויש, וואָס האָט געדיענט פאר א שווייצאר.

— מאנזור־עפענדי איז היער? — האָט ביי איהם דער גאַסט געפרעגט.

— איהר וועט אזוי גוט זיין און אריינגעהן אין ראטה'ס־קאבינעט, — האָט דער דערוויש געענטפערט און האָט זיך טיעף פערנייגט, — דאָרטען וועט איהר געפינען באבא־מאנזור צוזאמען מיט דעם געערטען האמיד־קאדי.

— איז דאָ היינט געווען די פּרינצעסין ראָשאנע?

— אין מיין צייט איז זי ניט געווען.

— דער גאַסט, וועלכער איז געווען דער גרויס וויזיר מוסטאף־פּאשא, איז אריינגעגאַנגען אין דעם געהיימען ראטה'ס־קאבינעט, וואו ער האָט געפונען צוויי גרויסע בעאַמטע. זיי זיינען געווען געקליידעט דורכאויס וויא טירקען: אין ברייטע הויזען, ברייטע גארטלען און שיך מיט שפּיצען. איינער פון זיי איז געווען האמיד־קאדי, דער יוסטיץ־מיניסטער פון טירקיי. ער איז געווען א גאַנץ אלטער ערנסטער מאַן. דער אנדערער האָט אויסגעזעהען פיעל אינגער; דאָס איז געווען דער רעליגיאָן מיניסטער מיט דעם טיטעל „שייך־אול־איסלאם“, די נעהנטסטע פּערזאָן פון סולטאַן. ער האָט געהייסען מאנזור־עפענדי, נאָר דערווישען פלעגען איהם רופען באבא־מאנזור. מוסטאף־פּאשא איז געווען, אזוי וויא מיר האָבען שוין געזאָגט, דער גרויס וויזיר פון טירקיי, וואָס האָט פיעל אויפטראג מיט איירָאָפּער; דעריבער איז ער געווען געקליידעט גאַנץ איירָאָפּעאיש און ווען ניט זיין רויטע פעסע, וואָלט מען איהם ניט דערקענט דאָס ער איז א טירק. אריינקומענדיג אין קאבינעט, האָט ער זיך טיעף פערנייגט און האָט זיך געזעצט לעבען די צוויי מיניסטאָרען.

— עס פרעהט מיך זעהר וואָס איך האָב אייך דאָ געפונען, — האָט ער זיך אָבגערופען צו זיי, — איך האָב פיר אייך א וויכטיגע נאכריכט.

— אין וואָס קען זיא בעשטיין? — האָט געפרעגט באבא־מאנזור שייך־אול־איסלאם.

— אָ! איהר קענט אייך ניט פאָרשטעלען וואָס פיר א וויכטיגע נאכריכט דאָס איז! געווים געדיינקט איהר נאָך דעם קלוגען און געלערענטען אלמאנזאר און זיין זוהן אבדוללאס? טו הערט וויא אזוי איך האָב זיך דערוואוסט, וואו זיי געפינען זיךביידע. פאָהרענדיג פון סולטאן אהיים, האָב איך בעמערקט, וויא א קליינער שלאנג איז ארויסגעקראָכען פון א לאָך, וואָס איז געוועזן דערביי אין א וואנד, און האָט זיך אוועקגעלייגט אויפ'ן וועג, וואו איך האָב בעדאַרפט פארביי פאָהרען. א סאָלדאט, וואָס איז געשטאנען אויפ'ן וואך, האָט איהם געוואָלט טיידטען, נאָר איך האָב ניט דערלאָזען. אין דיא זעלבע מינוט האָט דער שלאנג געחאפּט א יאשצעריצע, וואָס האָט זיך געוואַרעמט אויפ'ן זון און איז מיט איהר צוריק אריין אין זיין לאָך. דאָס איז מיר אריין אין נאָז. איהר ווייסט דאָך, דאָס איך גלויב אין אזעלכע זאכען. גלייך האָב איך זיך אָנגעטהאָן ציוויל און בין געגאנגען צו א ציגיינערין אין גאלאטע. איהר נאָמען איז קאדידזע, זיא פערשטעהט זעהר גוט פותר חלום צו זיין. איך האָב איהר ניט געזאָגט ווער איך בין און האָב איהר דערצעהלט וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען. אָבער זיא האָט עס מיר אזוי פותר געוועזען אזוי וויא זיא וואָלט וויסען, דאָס איך בין א פּאָליטישע פּערזאָן. זיא האָט מיר נעמליך געזאָגט, דאָס אין סקוטארי וואָהנט איין אלטער מאן, א לעהרער פון אלקאַראן, וועלכער שטאמט ארויס פון אביסיד'ס פאמיליע, און פיר וועלכען מען דארף זיך היטען, ווארום דורך איהם און זיינע קינדער וועט אונגעזאמט קומען א מפּלה אויף דעם טראָהן פון טערקיי: א קליינער שלאנג וועט איינשלינגען דיא גלענצענדע יאשצעריצע... „דעריבער, ברייננג אום דיעזען שלאנג איידער ער וועט אויספיהרען זיין פּלאן", האָט זיא מיר געזאָגט צום סוף.

— וואָס איך הער? אזוי האָט זיא געזאָגט? —האָט זיך געוואונדערט שייך-אול-איסלאם.

— הערט ווייטער, —האָט דער וויזיר פאָרטגעזעצט, —איך האָב גלייך גענומען זוכען אין סקוטארי דיא פּערזאָן, וואָס הייסט אלמאנזאר און שטאמט ארויס פון דיא אלטע אביסידישע קאליפען פאמיליע. איך האָב זיך דערצו גענומען זעהר שטריינג, ווייל איך האָב גערעכענט, דאָס ביי דיזעם אלמאנזאר איז געווים בעהאלטען דער יונגער פּרינץ סאלאדין, דאָס הייסט, דיא געפעהרליכסטע פּערזאָן פיר אונזער סולטאן, און דעריבער זיינען פיר מיר געוועזען דיא ווערטער פון דיא ציגיינערין נאָך פיעל וויכטיגער.

— איהר מעגט זיין רוהיג, —האָט זיך אָבגערופען האמיד-קאדי, —האָט אייך דיא ציגיינערין ניט געזאָגט מען זאָל אומברייננגען דעם שלאנג פריהער וויא ער וועט אויספיהרען זיין פּלאן? ד. ה. מען זאָל ערמאָרדען אלמאנזאר? —דאָס האָט

מען שוין אָבער לאנג געטהאָן, ווארום עס איז שוין מעהר וויא א האלב יאָהר, וויא אלמאנזאר און זיין זוהן אבדוללאס זיינען שוין אויף יענער וועלט. און מיינט נ״ט, דאָס מיר ווייסען ניט, וואו עס געפינט זיך דער פּרינץ סאלאדין. וויא דיא מעשה איז, דאנקען מיר אייך אין דעם נאמען פון אונזער גאנצער געזעלשאַפט פיר אייערע טרייהייט צו אונזערע הייליגע רעליגיאָן.... איך מיין, דאָס דער אנ־דערער וויזיר, רעשיד־פּאשא, איז אויך מסכים צו אייערע פרומע פּלענער...

— צום אונגליק איז דאָס גאנץ פּערקעהרט,—האָט דער וויזיר געענטפערט, —רעשיד־פּאשא איז אדרבא א גרויסער געגנער פון אונזערע אלטע מנהגים; ער איז א פּראָגרעסיסט וואָס וויל עוקר מן השורש זיין אונזערע אלטע רעליגיאָן! מיין קומען אהער צו אייך איז אויך מעהר צוליעב איהם וויא צו ליעב דיא נאכ־ריכט וואָס איך האָב אייך דערצעהלט; איך וויל אייך נעמליך זאָגען דאָס מען דארף זיך היטען פון איהם, ווייל ער איז אונזער געפעהרליכסטער געגנער.

— אויב אזוי,—האָט זיך שייך־אול־איסלאם אָבגערופען,—מוז אין קורצען זיין א סוף פון זיין לעבען... איך דארף נאָר זאָגען איין וואָרט און מען וועט דיזען פּיינד פון אונזער הייליגען פּראָפעט אוועקשיקען אויף יענער וועלט.

— און עס וואָלט געוועזען גאנץ רעכט אויף אזא׳ן אפּיקורס!—האָט מסכים געוועזען האמיד־קאדי.

אין דיזע מינוט האָט מען דעם שייך־אול־איסלאם געמעלדעט, דאָס דיא פּרינצעסין ראָשאנע איז געקומען. מוסטאף־פּאשא איז אויפגעשטאנען און מיט די ווערטער: „איך האָב מיין זאך געטאָן און גאָט זאָל אונז זיין צו הילף“ האָט ער פער־לאָזען דעם דאטס־קאבינעט. באלד איז אריין דיא פּרינצעסין, וואָס איז געוועזען אין גאנצען פערהילט מיט א שלייער. באבא־מאנזור און האמיד־קאדי האָבען זיך טיעף פערנייגט פאר איהר, און האָבען געבעטען זיצען אויף א זיידענעם דיוואן.

— אונזער אלעמענס גערעכטיגע זאך איז אין געפאהר,—האָט זיא זיך אָב־גערופען צו זיי,—איך בין געקומען אייך אָנזאָגען א וויכטיגע נייעס. אייער גע־פעהרליכסטער פּיינד האָט זיך ווידער בעוויזען אין קאָנסטאנטינאָפּעל.

מאנזור־עפענדי איז געוואָרען חעכסט אונרוהיג און האָט מיט א טיפע פער־ביינונג געפרעגט;

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

— פון וואנען?—איך האָב איהם געסטערן אליין געזעהן אין סקוטארי, איך מיין, דיא גאָלדענע מאַסקע,—האָט זיא געענטפערט.

— אַ! מיינע טייערע פּרינצעסין! אונזערע פּיינד זיינען אַקוראַט, וויא ביא

וואסער שלאַנגען, וואָס וויא מען האקט זיי אָב איין קאָפּ וואקסען ביי זיי אָב הונ־דערט אנדערע קעפּ! נאָר זייט רוהיג, מיר וועלען אין קורצען דערגעהן דעם סעק־רעט פון דיא גאָלדענע מאסקע אויך, מיר וועלען דערקענען אונזער פיינד וואָס בעהאַלט זיך אונטער איהר, און אראָברייסען פון איהם דעם שלייער, וואָס האָט איהם לאַנג פערבאָרגען פון אונזערע אויגען.

ביי דיזע ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צו האמיד־קאדי און האָט איהם געהייסען שרייבען א בעפעהל צו אלע מולאַמס, קאדים און קאוואסען, זיי זאָלען אַנווענדען אלע קרעפטען צו חאַפּען דיא גאָלדענע מאסקע, וואו מען וועט איהר נאָר בעגעגענען, אפילו אין מאָשע. און ווער עס וועט זיך ניט סטאַרעווען און וועט איהר לאָזען ענטלויפען, דער וועט בעשטראָפט ווערען מיט זיין פערמעגען און לעבען. אונטערגעשריבען.

— איך האָף,—האָט דיא פרינצעסין געזאָגט, דאָס דיזער שטרייננגער בעפעהל וועט ברייגגען נוצען; איך האַלט שוין דיא גאָלדענע מאסקע גלייך וויא געפאנגען, און מיט דעם בין איך שוין רוהיג. יעצט האָב איך צו אייך א קליינע ביטע, איך פערלאַנג א שטעלע פיר א יונגען מאַן. ער איז אפילו פון אָרעמען שטאַנד, אָבער זעהר א ספּריטנער מענש וואָס קען זיין פיר אייך פיל נוטצליכעה. האמיד־קאדי האָט פערפערטיגט דעם בעפעהל און מאַנזור־עפענדי האָט איהם וויא איין אנדערער פאָרנעהמער אָפּיציר.

— אייער וואונש וועט געוויס ערפילט ווערען, שיקט דעם יונגען מאַן צו מיר — איהר געענטפערט מאַנזור־עפענדי, — איך דאנק אייך פיר אייערע טריי־הייט צו אונזערע הייליגע זאַך און נעהם מיך דיא פרייהייט אייך צו פרעגען אויב עס איז אייך אויסגעקומען דיא טעג צו שפּרעכען מיט דיא סולטאַנשע וואַלידע?

— יאָ, איך האָב מיט איהר געשפּראָכען, אָבער פאָרלויפיג איז דאָס נאָך אָהן א נוטץ; איך האָב געוואָלט פון איהר דערגייען, וואו עס געפינט זיך יעצט דער פרינץסאלאדין, אָבער זיא האָט זיך זעהר קלוג ארויסגעמאַכט און האָט אויס־געמיידט אלע מיינע פראַגען. מיט דער צייט, האָף איך דאָך, וועט זיך דאָס מיר בעסער איינגעבען.

מיט אמאָל איז אריין אין קאבינעט א צושראָקענער דערוויש, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן וואך לעבען טויער און האָט געמעלדעט, דאָס דיא גאָלדענע מאסקע דרעהט זיך ארום דעם טורעם. דיא פרינצעסין האָט ניט געוואָלט גלויבען, אָבער דער דערוויש האָט געזאָגט, דאָס א חוץ איהם האָבען אפולע אנדערע דער־ווישען אויך געזעהן דיא גאָלדענע מאסקע.

— אוב אזוי, זאָל מען איהר גלייך ברייגען אהער. פערשפּארט אלע טויערן

זיא זאָל ניט קענען אנטלויפען, און איך אליין געה אויך העלפען איהר פאקען,—
האָט מיט פרייד געזאָגט שייך־אול־איסלאם,—עס פרייט מיר נאָך מעהר, דאָס
מיר ועלען פאקען אונזער פיינד פאר אייך אין דיא אויגען. אָ! ער איז צו ווייט
פערקראָכען!

— און איך פרייהע זיך ניט וויניגער וויא איהר—האָט דיא פרינצעסין גע־זאָגט,—איך ווינשע אייך גליק אויף אייער יאגד, געהט אין גאָטס נאמען, און איך וועל דאָ ווארטען ביז צום סוף.

4.

סאדי און דיא פרינצעסין.

וויא סאדי האָט זיך אויפגעהאפט פון שלאָף איז זיין ערשטער געדאנקען געוועזען רעציע. ער האָט געמאכט פערשיעדענע פלענער, וויא איהר צו העלפען און וויא איהר ארויסצופיהרען פון איהר עלענדע לאגע. ביי איהם איז קיין ספק ניט געוועזען, דאָס זיא ליעבט איהם אוך, אזוי וויא ער האָט איהר געליעבט. דאָס ערשטע האָט ער געוואָלט אויפזוכען איהר וואָהנונג, אָבער צום אונגליק, האָט זיא איהם נעכטען געפיהרט דורך ארומיגע געסלאך, כדי זיך ניט צו בעגעגנען איבער אנייס מיט לאצארוס; דערצו איז געוועזען פינסטער אויך, און ער האָט איהר בעגלייט פון וויטען. דעריבער האָט ער אויף קיין ארט ניט געקענט אויסרעכענען בעשטימט, וואו זיא וואָהנט. ער האָט זיך אָבער פעסט ענטשלאָסען, אנדערש ניט, אויפצוזוכען איהר וואָהנונג.

קלערענדיג איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנקען דיא פרינצעסין'ס דיוואן. „ניין" האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, „פריהער וויא אלץ דארף מען געהן אָבגעבען דעם דיוואן". ער האָט זיך גלייך אָנגעקליידעט און איז אוועק מיט דעם דיוואן אין פרינצעסין ראָשאנע'ס פאלאסט.

נאָך דיא טערקישע געזעצע איז ניט דעם סולטאן'ס עלטסטער זוהן דער נאסלעדניק פון טראָהן, נאָר דער עלטסטער פרינץ אין דיא גאנצע פאמיליע, ער מעג אפילו זיין דעם סולטאן'ס ווער ווייסט וויא א וויטער קרוב. דעריבער איז אימער צווישען דיא טערקישע פרינצען גרויסע אינטריגען, פון וועלכע דער סול־טאן אליין איז קיין מאָל ניט זיכער מט זיין לעבען. דער סולטאן מוז אימער שטריינג אכטונג געבען אויף זיי. און צוליעב דעם מוזען דיא פרינצען וואָהנען אין א בעשטימטען הויף, וואָס דער סולטאן גיט זיי אב, כדי מען זאָל קענען לייכטער זעהן וואָס זיי טהוען, מיט וועמען זיי האנדלען, וואו זיי געהען און דאָס גלייכען. דיא פרינצעסין ראָשאנע'ס דוואָרעץ איז געוועזען אין סקוטארי. פריהער האָבען דאָרטען געוואָהנט דעם סולטאן'ס ברידער. נאָר ניט לאנג האָט מען זיי אָבגעגעבען

איין אנדער פּאלאסט און פון זייער פּאלאסט האָט מען געמאכט א וואָהנונג פיר ראָשאנע.

וויא סאדי איז געקומען צו ראָשאנע'ס פּאלאסט האָבען איהם דיא בעדינטע ניט ארייננעלאָזען ביז דיא פּרינצעסין אליין האָט איהם בעמערקט דורך'ן פענס־טער און האָט געהייסען מען זאָל איהם אריינפיהרען צו איהר אין צימער. איהר צימער איז געוועזען זעהר רייך אויפגעפּוצט; זיא איז געזעסען אויף א נידעריגע טייערע סאָפע, און ארום איהר זיינען געוועזען איהרע האָפדאמען, וועלכע האָבען יעדען אויגענבליק געווארט אויף איהרע בעפעהלע. דיא פּרינצעסין און אלע איהרע דאמען זיינען געוועזען טיף פערשלייערט.

— עס פרייט מיך,—האָט זיא געזאָגט צו סאדי,—וואָס דוא ביזט געקומען. איך וועל דיר גלייך אָבגעבען, וואָס דיר קומט.

— ניין טייערע פּרינצעסין,—האָט איהר סאדי געענטפערט,—איך בין ניט געקומען צו אייך מאָהנען געצאָהלט; איך בין נאָר געקומען אייך אָבצוגעבען דעם דיוואן וואָס איהר האָט פערגעסען ביי מיר אין שיפעל.—מיט דיזע ווערטער האָט סאדי אנידערגעלייגט דעם דיוואן צו איהרע פיס אויף דיא דילען.

— און וואָס קומט דיר פאר דיא רייזע?—האָט זיא איהם געפרעגט.

— פינף פּיאסטער.

— גאנץ רעכט.—זיא האָט געהייסען איהר קאסירשע בעצאָהלען איהם דיזע סומע און גלייך נאָך דעם האָט זיא ווייטער געפרעגט ביי סאדי:

— דאָס איז רייזעגעצאָהלט, אָבער מיט וואָס זאָל איך דיך בעלאָהנען פיר דעם, וואָס דוא האָסט מיך גערעטעט פון טויט?

— פיר דעם נעהם איך ניט קיין בעלאָהנונג,—האָט סאדי געענטפערט,—איך האָב נאָר געטהאָן דאָס, וואָס יעדער מענש איז מחויב צו טהאָן פיר דעם אנדערן, און דאָס אליין, וואָס האָט זיך מיר איינגעגעבען צו רעטען א מענשען פון טויט, איז שוין פיר מיר א גוטע בעלאָהנונג.—מיר איז גענוג, וואָס איך האָב, טייערע פּרינצעסין, און קיין רייכקייט ברויכע איך ניט.

— איך הער צום ערשטען מאָל, דאָס א מענש זאָל ניט וועלען בענוצען דיא געלעגענהייט צו פערבעסערן זיין שטאנד,—האָט זיך ראָשאנע אָבגערופען מיט פערוואונדערונג, — ווילסט דוא דען בלייבען דיין גאנצען לעבען איין אָרימער שיפער? גליהט ניט אין דיין הארצען א פונק פון עהרענגעפיהל? פיללייכט ווילסט דוא ווערען א סאָלדאט? זאָג נאָר וואָס דוא פערלאנגסט, יעצט קענסט דוא אלץ בעקומען!

— אָ! עהרווירדיגע פּרינצעסין!—האָט סאדי געענטפערט,—איך האָב שוין

לאנג דיא לוסט אריינצוטרעטען אין מיליטער־דינסט; איך האָב זיך געווענדעט מיט א ביטע צום קאָמאנדיר אלי־בעי, אָבער ער האָט מיר ענטזאגט, און אזוי האָב איך געמוזט ווערען א שיפער.

— אלזאָ, זאָל דאָס יעצט געשעהן, וואָס דוא האָסט ניט אויסגעפיהרט ביי אלי־בעי דאָס קענסט דוא אויספיהרען ביי מיר... איך מאך דיך גלייך פיר אי־ן אגא פון מיין לייב־וואכע, מיט דער צייט ווערסט דוא זיין אגא אין סעראיל און ווערסט שטייגען ווייטער און ווייטער.

איך דאנק דיר זעהר פיר דיין גוטהערציגקייט, אָבער איך פערלאנג אָנצוקומען פיר א פּראָסטען סאָלדאט און איך וויל מיך אליין בעמיהען זיך אויסצודיענען און שטייגען.

—נו, ווען דוא ווילסט בשום אופן ניט קיין בעלאָהנונג פיר דעם, וואָס דוא האָסט מיר גערעטעט דעם לעבען, טאָ לאָז מיך אם וויינינגסטען ניט שיידען מיט דיר וויא איין אונדאנקבארע, וויינינגסטענס מוזט דוא נעהמען ביי מיר א געשענק.

דיא פּרינצעסין האָט אראָבגענומען פון איהר פינגער א רינג און האָט אָנגע־טהאָן סאדי'ן. זיא האָט דאָס בעגלייט מיט דיזע ווערטער:

— נעהם דאָס פון מיר צום אנדענקען,—האָט זיא געזאָגט,—דיזער רינג איז אזוי גוט וויא א שליסעל צו אלע טיהרען פון מיין פּאלאַץ, וואָס זיינען פיר אנדערע מאנסלייט אימער פערשלאָסען. ווען דו וועסט נאָר צייגען דיעזען רינג מיין וואך און מיינע יעווגוכען, וועלען זיי דיר גלייך אליין עפענען מיינע טיהרען. דוא קענסט קומען צו מיר אין אלע צייטען און דערעצהלען וויא עס געהט דיר און וואָס דיר פעהלט. איך פערלאנג דורכאויס, דוא זאָלסט קומען וואָס עפטער. איך בין בערייט צו טהאָן פיר דיר אלץ אין דער וועלט.

סאדי האָט גענומען פון איהר אָבשייד, פון גרויס פרייד איז איהם געשטאַ־נען טרעהרען אין דיא אויגען. ער האָט זיך טיעף פערנייגט און איז ארויס פון איהר פּיעל פּרייליכער וויא ער איז געקומען. אראָבגייענדיג פון דיא טרעפּ, האָט ער בעגעגענט דיא פּרינצעסין'ס האָפמייסטער לאצארוס. דיעזע בעגעגעניס האָט איהם פערדאָרבען זיין גאנצע פרייד, ווייל סאדי האָט פיינד געהאט דיעזען גרעק, און אזוי וויא מיר וויסען, איז דאָס גאָר ניט געוועזען אומזיסט. לאצאַרוס'ן איז דיא בעגעגעניס אויך ניט געווען צום הארצען; איהם איז ארײַן אין געדאנקען, דאָס סאדי האָט איהם פערמסר'ט ביי דיא פּרינצעסין.

5.

דיא שווארצע גנאָמידע.

אין דיא זעלבע צייט, וויא דיא גאָלדענע מאסקע האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען

אין דיא חורבה וואו עס האבען זיך אויפגעהאלטען דיא דערווישען, איז אין א הויז פון סקוטארי געשטאנען א מיידכען נעבן א פענסטער און געקוקט אין דרויסען. דאס איז געוועזען דיא שיינע רעציע. נאר ניט לאנג איז דיזעס מיידכען געוועזען דיא גליקליכסטע אין דער וועלט, אבער יעצט איז זיא געוועזען איינ עלענדע ארעמע יתומה. איהר פאטער איז געשטארבען, וואו ווען און וויא—האט זיא ניט געוואוסט. זיא האט זאגאר ניט געוואוסט, וואו ער איז בעגראבען און האט אפילו ניט געהאט דיא קלענסטע נחמה צו קענען אמאל איהם בעוויינען אויף זיין קבר. זיא איז געבליבען איינע אליין אויף דער וועלט, ווייל איהר איינציגער ברודער אבדוללאס איז נאך פריהער פאר איהר פאטער געשטארבען. איהר גאנצע האפנונג איז יעצט נאר געוועזען אויף סאדי. ער האט איהר פערשפראכען צו זיין איהר בעשיטצער זא לאנג ער וועט לעבען. זיא האט זיך אין איהם שוין פערליבט. זיא איז אבער געוועזען אין ספק, אויב ער ליעבט איהר אויך אזוי שטארק וויא זיא איהם. דאס האט בעטריבט איהרע געדאנקען. זיא האט געווארט ער זאל קומען צו איהר און זיא האט געקוקט אין פענסטער צו דערזעהן פיללייכט געהט ער. אבער צו איהר גרעסטען פערדרוס איז איהם ניט געוועזען צו זעהען. ארום און ארום איז געוועזען אזוי שטיל וויא אויף א בית־עולם. באלד אבער האט איהר אויג בעמערקט עטוואס פארבייליופענדיג, צו א מענש, צו א טהיר איז ניט געוועזען מעגליך צו דערקענען. רעציע האט געדיינקט, אז דאס איז סאדי. זיא האט זיך אבער באלד ארומגעזעהן, דאס זיא האט א טעות. דאס איז ניט געוועזען סאדי. דאס איז געוועזען אזא מין בעשעפעניס, וואס האט מעהר אויסגעוויזען א גנאמידע (שד'יכע) וויא א מענש. שטעלט אייך פאר א קליינעם געוואוקס, דאס געזיכט פערוואקסען וויא ביי איין אבעזיאנע, און דערצו לאנגע הענד און דינענקע פיסלאך! דיזע שרעקליכע פערזעהענים האט,וויא א קאץ, אריבערגעקלעטערט דעם פארקאן פון רעציעס הויף, און איז געשווינד צוגעשפרונגען צום טיר פון רעציעס וואהנונג. זיא האט אנגעפאנגען שטארק צו קלאפען אין טיהר. רעציע האט געפרעגט „ווער איז דאס?“—עפען רעציע, דאס בין איך, דיין פריינד סיררא“,—האט איהר דאס בעשעפעניס געענטפערט,—„עפען וואס גיכער, איך האב צו דיר א נייטיגע זאך“. רעציע האט גלייך אריינגעלאזען דיזע סיררא צו זיך אין שטוב.

סיררא איז געוועזען דיא ציגיינערין קארידזע'ס א טאכטער. זיא איז געוועזען א מיידכען פון א יאהר פערצעהן, זעהר העסליך פון געבורט כמעט א פערזעהענים, וואס האט מעהר אויסגעוויזען א טייפעל וויא א מענש. מען האט איהר דערפאר א נאמען געגעבען גנאמידע, ווייל מען האט געגליבט, דאס איהר מוטער, ביא

מכשפה, האָט צו טהאָן מיט שדים און האָט איהר געבאָרען פון א שד. סיררא האָט אָבער געהאַט א גוטע הארץ און א פיינעם כאראקטער. רעציען איז זיא נעד־וועזען ערגעבען מיט ליב און לעבען, און פלעגט איהר דינען מיט וואָס זיא האָט נאָר געקענט. זיא איז געוועזען רעציע'ס פערטרויטע און האָט געוואוסט פון אַלע איהרע סעקרעטען, פון איהרע צרות און פון אלע איהרע פיינדע. איינע פון רעצ־יע'ס גרעסטע פיינדע איז געוועזען סיררא'ס מוטער אליין, דיא ציגיינערין קא־דידזע.

— איך דאנקע דיר זעהר, מיין ליעבע פריינדין, פיר דיין טרייהייט און גינ־ציגקייט צו מיר,—האָט רעציע געזאָגט צו איהר גאסט,—טהוע מיר, ליעבע סיר־רא, דיא געפעליגקייט און קום מיט מיר מיטשפּייזען, דוא ביזט דאָך אזוי מיד פון אזא ווייטע וועג.

סיררא האָט זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען. וויא זיא האָט זיך עטוואָס ער־האָלט, האָט זיא געזאָגט צו רעציע מיט איין ערנסטע מינע:

— דוא ווייסט, נעכטען פארנאכט איז צו מיין מוטער געקומען איין פאָר־נעהמער הערר, וועלכער איז געוועזען פערקליידעט וויא א געמיינער קרעמער. ער האָט דערצעהלט, דאָס ער האָט געזעהן וויא איבער דעם וועג, וואו ער איז געגאנגען, איז געקראָכען א קליינער שלאנג, וואָס האָט דערזעהען א יאשצערקע, וויא דער שלאנג איז אויף איהר ארופגעפאלען און האָט איהר געטיידט. מיין מוטער, וואָס איז פון לאנג אָן בייז אויף דיין גאנצע פאמיליע, האָט דערקענט אין דיזען העררן א פּאָליטישע פּערזאָן און זיא האָט איהם ערקלערט, דאָס דער שלאנג איז דיין פאָ־מעה, דיא יאשצערקע—דער סולטאן, און אויב מען וויל זיין זיכער מיט דעם סול־טאן'ס טראָהן, מוז מען אומברייינגען דיין פאָטער!

— דאָס איז אפילו פיר מיך אין אמת'ן א וויכטיגע נייעס,—האָט רעציע געענטפערט,—אָבער איך האָב שוין מעהר ניט וואָס מורא צו האָבען פיר מיין פאָטערס לעבען, ווייל עס איז שוין מעהר וויא צוויי מאָנאטען וויא ער איז שוין טויט. מען זאָגט, דאָס ער איז אומגעקומען פאָהרענדיג איבער'ן מעער.

— וועה מיר!—האָט סיררא א געשריי געגעבען און פערבראָכען דיא הענד, —ער איז געוויס ניט געשטאָרבען מיט זיין אייגענעם טויט, געוויס האָבען איהם זיינע פיינד אומגעבראכט. דוא דארפסט ויסען, דאָס מיין מוטער איז אייך אלע־מען א בלוט־שונא און זיא וועט זיך מיט דיין פאָטערס טויט נאָך ניט בענוגענען. זיא וויל אייך אלעמען אויסראָטען, דיך אויך, און ווען דיין לעבען איז דיר ליעב, איז מיין ראטה, דוא זאָלסט דיך וואָס צום גיכסטען רעטען, ווארום דיא געפאהר איז שוין ניט ווייט.

— זיי רוהיג, מיי ליעבע סיררא, איך בין ניט אזוי עלענד, וויא דוא גלייבסט; איך האָב א פריינד, וואָס וועט מיך שיטצען און היטען, ער איז א גרויסער העלד און מיט דעם פיינסטען האראקטער. מיר ליעבען אונז ביידע און ער איז מיין שוטץ ענ־געל.

— עס פרעהט מיך זעהער, — האָט סיררא געענטפערט, — אָבער דאָך זאָלסט דוּ זיין פאָרזיכטיג. — סיררא האָט גענומען פון רעציען אבשייד. רעציע האָט איהר ניט געוואָלט לאָזען געהן אהיים אזוי שפּעט און האָט איהר געבעטען, זיא זאָל אי־בערנעכטיגען ביי איהר, אָבער סיררא האָט איהר אויף דעם געענטפערט, אויפדעקענ־דיג איהר לייב, וואָס איז געוועזן שרעקליך צובייזלט און פערוואונדעט:

— זעהסט דוא, וויא מיין מוטער, דיא מכשפה, האָט מיך צושלאָגען, בשעת זיא האָט זיך דערוואוסט, דאָס איך בין בעקאנט מיט דיר, האלט מיך דעריבער ניט אויף, ווארום זיא וועט מיך שלאָגען צו טוידט אויב זיא וועט זיך דערוויסען דאָס איך בין געוועזן ביי דיר.

— שרעקליך! שרעקליך! האָט רעציע אויסגעשריען און האָט איהר מעהר ניט אויפגעהאלטען.

6.

דער בלוטיגער בעפעהל.

מיר האָבען פערלאָזען דעם נעסט פון דיא דערווישען, וויא זיי האָבען זיך אַלע, אפילו דער שייך־אול־איסלאם אליין אויך, גענומען יאָגען נאָך דיא גאָלדענע מאס־קע, אָבער זייער מיה איז געווען ארויסגעוואָרפען, זיי האָבען איהר בשום אופן ניט געקענט אויפזוכען. אונטער דעסען האָבען אלע געשוואָרען, דאָס זיי האָבען איהר דייטליך געזעהן דאָרטען ארומגעהענדיג, זאָגאר דער סאָלדאט וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן וואך און דער אלטער שייך האָבען איהר אויך געזעהן אזוי וויא זיי זעהן זיך, נאָר זיא איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען פון זייערע אויגען. ביז העלען טאָג האָ־בען זיי אנגעוואָרען דיא כוחות איהר זוכענדיג, אָבער זיי האָבען קיין סליאד און שפּור פון איהר ניט געפונען.

אין דיא אנדערע נאכט, גאנץ שפּעט, איז צו דיא רואינע (הורבה) פון דיא דער־ווישען צוגעריטען א רייטער וואָס האָט אויסגעזעהען צו זיין איינער פון דיא פאָר־נעהמסטע טירקישע אָפיצירען. זיין אוניפאָרם איז בעשטאַנען פון א דונקעל־בלאָען מונדיר, געפוצט מיט זילבערנע שניר, און שווארצע הויזען; ביים זייט איז איהם גע־האנגען א קרומער שווערד און אונטערן גארטעל האָבען ביי איהם געשטעקט א קינ־זשאל און צוויי פּיסטאָלעטען. דיא וואכען, וואָס שטעהען נעבען רואינע, האָבען פאָר

איהם געמאכט פּאראַד, ער איז גלייך ארונטער פון פערד און האָט איהם איבערגעגעבען דעם אלטען דערווישׁ, וואָס איז געשטאנען ביים טויער.

דיזער אָפיציער האָט געהייסען מאחמעד־בעי. ער איז געווען א טאָטער, און האָט אויסגעזעהן א גרויסער העלד און א קלוגער מאן. דער שווייצאַר, וואָס שטעהט ביים ראַטהס־קאבינעט האָט איהם געמעלדעט און שייך־אול־איסלאם האָט איהם גלייך געהייסען אריינלאָזען צו איהם. ער איז אריין:

— איהר האָט בעפעהלען, איך זאָל זיך מעלדען צו אייך, — האָט דער אָפיציער געזאָגט צו איהם טיעף פערנייגענדיג זיך, — נון בין איך געקומען און ווארט אויף אייער בעפעהל.

— און ניט אומזיסט האָב איך אייך געהייסען קומען, — האָט איהם דער שייך־אול־איסלאם געענטפערט, — איך האָב אייך צו געבען א וויכטיגען בעפעהל.

— איך בין בערייט אייך צו הערען און וואָס איהר וועט מיר הייסען איז דאָס פיר מיר הייליג.

— אין קורצען וועט זיין אונזער הייליגער יום־טוב „ראַמאַדאַן" אין וועלכען איך בעגלייט דעם סולטאַן, בשעת ער געהט אין דיא מאָשעע (מעצעט), וואו עס איז בעהאַלטען דער מאנטעל פון אונזער הייליגען פּראָפעט. אין דיזען טאָג האָב איך אייך געמאכט פיר איין קאפּידזי־פּאשא, און נאַטירליך איז עס פאר אייך גאנץ וויכטיג. יעצט האָט איהר דיא מעגליכקייט אין דעם זעלבען טאָג מיר אָבצודיענען און צייגען אייערע דאנקבארקייט פיר דאָס גוטס, וואָס איך האָב מיט אייך געטאָהן.

אין דיזען טאָג, — האָט שייך־אול־איסלאם ווייטער געזאָגט, וועט געוויס קומען רעשיד־פּאשא אין פּאלאַסט צו גראַטולירען דעם סולטאַן. איך פערלאַנג, דאָס ער זאָל זיך שוין פון דאָרטען אהיים ניט אומקעהרען, מען זאָל איהם אויף דיין בעפעהל ערמאָרדען. דאָס מוז געשעהן, ווייל ער איז א פיינד פון אונזער גלויבען און איז העכסט געפעהרליך פיר אונזער הייליגע זאַך, וואָס מיר האָבען אונטערגענומען פיר אונזער הייליגען פּראָפעט. ער איז א גרויסער פערברעכער און מוז בעצאָהלט ווערען נאָך זיינע מעשים. דיר וועט דאָס זיין גאנץ לייכט צו מאכען, ווייל דוא ביזט דאָך דער בעפעהל־געבער איבער דער וואַך פון פּאלאַסט.

— אייער בעפעהל, מיין הערר, וועט זיין פּינקטליך ערפילט; עס איז שוין אזוי גוט וויא נאָך איהם. — האָט מאכמעד־בעי געענטפערט מיט א טיעפע פערנייגונג.

אין דיזע מינוט האָט דער שווייצאַר געמעלדעט אין ראַטהס־קאבינעט א יונגען מאַן, וואָס איז געקומען מיט א בריעף פון פּרינצעסין ראָשאנע און האָט פערלאַנגט מען זאָל איהם צולאָזען צום שייך־אול־איסלאם.

— אָ, יא! — האָט דער שייך־אול־איסלאם געזאָגט צו מאחמעד־בעי, — איך ווייס

וואָס ער דאַרף. עס איז זעהר גוט וואָס ער איז געקומען גראַד יעצט, וויא איהר זייט נאָך דאָ ביי מיר. איך האָב דיא פּרינצעסין פערשפּראָכען דיעזען יונגען מאַן צו צונעהמען אין איירער רעגימענט. געוויס מוז ער פּאַסען צו דעם, ווען ניט, וואָלט דיא פּרינצעסין איהם ניט רעקאָמענדירט.

באַלד איז סאַרי אריינגעגאַנגען אין קאַבינעט און האָט זיך פאָרגעשטעלט. זיין אויסזעהען און זיין האַלטונג האָבען געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. ער איז זיי געפעלען און זיי האָבען איהם אויפגענומען אין קאַפּידזי־פּאַשאַ'ס רעגימענט, וואָס איז דער העכסטער אין טירקיי און וואָס ניט אַלע קענען אין איהם אַנקומען.

וויא סאַדי איז צוריק אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט, האָט דער שייך־אול־איסלאַם איבער אַ נייעס אָנגעפאַנגען צו שפּרעכען וועגען רעשיד־פּאַשאַ :

— גאַנץ גוט, — האָט ער זיך אָבגערופען צו מאַהמעד־בעי — גאַנץ גוט, וואָס איהר האָט אויפגענומען אין איירער דיענסט דיעזען יונגען מאַן, וואָס דיא פּרינצעסין האָט מיר רעקאָמענדירט ; ער איז אַ דרייסטיגער יונגער מענש און דערצו פערשטעהט ער צו זיין געהאָרכזאַם. איהר וועט זיך קענען בענוצען מיט איהם אין דעם וואָס איהר האָט צו מאַכען געגען רעשיד־פּאַשאַ...

— גאָט אַליין האָט איהם אונז צוגעשיקט ! — האָט מסכים געווען מאַהמעד־בעי — עס האָט מיר נעמליך געפעהלט נאָך אַ דריטער סאָלדאַט פון דיעזען סאָרט... צוויי האָב איך שוין אַזעלכע און יעצט בין איך פערזאָרגט מיט אַלץ.

— אַלזאָ, — האָט דער שייך־אול־איסלאַם זיך אָבגערופען, — איז שוין וועגען דעם ניט דאָ מעהר וואָס צו ריידען : העלף אייך גאָט און זיין פּראָפעט !

7.

דער הייליגער פייערטאָג ראַמאַדאַן.

דען 15טען טאָג פון מאָנאַט ראַמאַדאַן איז ביי אַלע מאַהמעדאַנער אַ גרויסער הייליגער יום טוב. דער סולטאַן אַבדול־אַזיס איז געזעסען אין זיין אודיענץ־זאַאַל (וואו ער נעהמט אויף גרויסע לייט וואָס קומען צו איהם). ער איז געווען געקליידעט גאַנץ אייראָפּעאיש, אויסער וואָס אויף'ן קאָפּ איז ביי איהם געווען אַ פעסע (טירקישע רויטע מיטץ). ער איז געווען אַלט אַ יאָהר פערציג און האָט אויסגעוויזען געזונד און פריש. נעבען איהם איז געשטאַנען דער גרויס־וויזיר רעשיד־פּאַשאַ, וואָס האָט זיך זעהר גיך דערדיענט צו דיעזען גרויסען אַמט, אַזוי וויא מיר זעהען דאָס גאַנץ אָפט אין דיא אַזיאַטישע לענדער, וואו מען שטייגט זעהר גיך און מען פאַלט אויך זעהר גיך. רעשיד איז נאָך געווען זעהר יונג און דער סולטאַן האָט איהם זעהר געליעבט. ער האָט כמעט אַ טריט ניט געטהאָן אָהן איהם. רעשיד איז געווען איינער פון דיא נייערע, ד. ה. פון דיא וואָס ווילען אין טירקיי מבטל זיין אַלע אַלטע נאַרישע און שעדליכע מנהגים און איינפיהרען אַנשטאָט דעם נייע אָרב־

נונגען, נייע מנהגים און תקנות אָדער רעפאָרמען. ער איז נאטירליך געוועזן א גרויסער פריינד פון בילדונג. דערצו איז ער געוועזן גענוג קלוג און האָט געוואוסט וויא אָבצוראמען און פטור צו ווערען פון פיעלע שטערונגען וואָס זיינען איהם געשטאנען אין וועג. מען דארף זיך דעריבער ניט וואונדערן דאָס אזא מענש וויא רעשיד האָט געהאט צווישען דיא פאנאטיקער זעהר פיעל פיינד. דער גרעסטער פון זיינע פיינד איז געוועזן מוסטאף־פאשא, וועלכער איז אויך געוועזן א וויזיר.

אין זאאל איז מעהר ניט געוועזן, וויא דער סולטאן און רעשיד־פאשא. זיי האָבען געשפּראָכען וועגען פּאָליטישע אינטערעסען, דער סולטאן האָט איהם געמאכט דיעזע פראגע:

— דו האָסט מיר ניט לאנג געזאָגט, דאָס מוסטאף־פאשא האָט אין דער שטיל געשעפטען מיט אלע פּרינצען און פרינצעסין׳ס, זאָל דאָס עטוואָס האָבען א בעדייטונג? געוויס טהוט ער דאָס ניט אומזיסט? געוויס ווילען זיי וואָס עס איז אויספיהרען? און דאָס מאכט מיר אָהן א צייט אלט און גראָ...

— געוויס איז זייער צוזאמענקומען ניט אומזיסט, — האָט איהם געענטפערט רעשיד־פאשא, — אָבער וויא דיא מעשה איז, קען אייער מייסטעט זיין רוהיג. ערשטענס, ווייל דער מוסטאף־פאשא איז אייך גאנץ טריי; צווייטענס, אין ערגסטען פאל קענט איהר זיך פערלאָזען אויף מיר, זאָ לאנג איך לעב, וועט אייער מייסטעט קיין בייז ניט געשעהען!

דיעזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען, אזוי וויא מיר האָבען געזאָגט, צווישען סולטאן און רעשיד־פאשא אין אודיענץ־זאאל. אין א צימער דערביי איז גראד געוועזן אין דיא זעלבע צייט דער מוסטאף־פאשא, וואָס איז געקומען גראטולירען דעם סולטאן מיט דעם הייליגען יום טוב און האָט געווארט אויף אנדערע בעאמטע וואָס האָבען געדיענט אונטער איהם אריינצוגיין צום סולטאן מיט זיי צוגלייך, אזוי וויא דאָרטען איז דיא מאָדע. דערוויילע האָט ער זיך איינגעהערט אלצדינג, וואָס דער סולטאן האָט גערעדט מיט רעשיד׳ן. וויא מוסטאף האָט דערהערט דערמאָנענדיג זיין נאָמען, איז ער געוואָרען שרעקליך אויפגעבראכט אויף רעשיד׳ן, וואָס האָט דערציילט דעם סולטאן פון זיינע סעקרעטנע אומגיינגע מיט דיא פּרינצען. ער האָט פערשטאנען אָן דעם סולטאן׳ס רייד, דאָס עס האָט איהם שוין דערעסען דיא אינטריגען און דיא מחלוקות, וואָס הערען זיך קיין מאָל ניט אויף צווישען זיינע וויזירען. נו, — האָט זיך מוסטאף געטראכט, — באלד וועט שוין זיין א סוף מיט איהם און מיט זיינע מסירות...

באלד האָבען זיך צונויפגעקליבען אלע בעאמטע, וואָס מוסטאף האָט אויף

זיי געוואָרט, און ער איז מיט זיי אריינגעגאנגען גראַטולירען דעם סולטאַן מיט דעם היילִיגען ראַמאַדאַן. ביי דעם האָט איהם מוסטאַף געמעלדעט דאָס דער גאַנצער שטאַאַט איז שוין אין טראַהנזאַל. דער סולטאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ און איז אין בעגלייטונג פון זיינעביידע וויזירען אריינגעגאנגען אין דעם טראַהנזאַאַל. דאָרטען האָט ער דערוויסט דעם שייך־אול־איסלאַם און אלי־פּאַשאַ, וואָס איז געווען פון קליינעם געוואוקס, אָבער פון גרויסעם פערשטאַנד. דאָ האָבען זיי זיך אַלע איבערגעטהאָן צוליעב דעם היילִיגען יום טוב אין עכט טירקישע קליידער, וואָס זיינען געווען בעדעקט מיט בריליאַנטען און פליטער, און האָבען אין זיי אויסגעוויזען וויא קאָמעריאַנטען. אין טראַהנזאַאַל האָבען זיך צונויפגעקליבען עטליכע הונדערט מאַן בעאַמטע און זיי האָבען אַלע בעגלייט דעם סולטאַן אין מאָשעע. ער איז געגאַנגען אונטער א טייערען באַלדאַכין. נאַטירליך האָבען אין דיעזען פּאַראַד דוהאָוונע לייט אויך ניט געפעהלט. ביין טיר פון מעטשעט, וואוהין זיי זיינען געגאַנגען, זיינען געשטאַנען אויף׳ן וואַך צוויי סאָלדאַטען פון דעם סולטאַן׳ס האָף־גוואַרדיע. איינער פון זיי איז געווען אונזער בעקאַנטער סאַדי, דער אנדערער א געוויסער האַסאַן. דיעזער מעטשעט איז העכסט געהייליגט, קיין יוד, קיין קריסט איז קיין מאָל ניט אריבער אויף זיין שוועל, און אפילו פון מאַחמעדאַנער אליין זיינען ניט אַלע זוכה מען זאָל זיי אהין אריינלאָזען. דער וואָס האָט ניט קיין גוטען שם, טאָר אהין ניט אריינגיין, ווייל דאָרטען געפינען זיך אַזעלכע הייליגע זאַכען וויא דעם מאַחמעד׳ס מאַנטעל, זיין באָרד, וואָס מען האָט איהם ארונטערגענומען נאָך זיין טוידט, א צאָהן וואָס מען האָט איהם אויסגעשלאָגען אויף א שטרייט, און א שטיין, אויף וועלכען עס איז געבליבען קענטיג דעם מאַחמעד׳ס טריט. אַלע דיעזע הייליגקייטען ליגען אין טהייערע קעסטעלאך, וואָס זיינען בעשאָטען מיט דימענטען און בריליאַנטען. צוליעב דעם היילִיגען יום טוב זיינען דיא אַלע זאַכען געווען אויסגעלייגט, וויא עס ליגען וואונדערבאַרע זאַכען אין א מוזעאום. דער עולם האָט זיי בעטראַכט, האָט זיי בעוואונדערט און געבעטען צו זיי. דער שייך־אול־איסלאַם האָט געהאַלטען א רעדע; אַלע האָבען זיך גראַטולירט מיט א גוטען יום טוב און זיינען געווען העכסט לוסטיג, נאָר איינער איז געבליבען דיא גאַנצע צייט אונמוטהיג און פערזאָרגט. דאָס איז געווען דער סולטאַן אליין, ער איז געווען שטאַרק פערקלעמט איבער דיא איינטריגען פון זיינע מיניסטאָרען און הויף־לייטע; ער איז זאָגאַר ניט געווען זיכער מיט זיין אייגענעם לעבען און ער האָט מורא געהאַט מען זאָל איהם אין דער פינסטער ניט בעפאַלען, בשעת ער וועט גיין פון מעטשעט צוריק אהיים, ווייל עס איז שוין געוואָרען פאַרנאַכט איידער זיי האָבען זיך פון דאָרטען ארויסגעקליעבען צו־

ריק אהיים, ער האָט דעריבער געבעטען רעשיד'ן ער זאָל פון איהם ניט אָבטרעטען אויף איין טריט, ביז זיי וועלען קומען אין דוואָרעץ. וויא זיי זיינען ביידע אריבער דעם שוועל האָט דער סולטאַן א ווינק געגעבען צו סאדי ער זאָל גיין פאָראויס מיט א הוילען שווערט און זאָל מאכען פאר איהם און רעשיד'ן א וועג, און ווער עס וועט אזוי גיך ניט אָבטרעטען דיא וועג, זאָל ער איהם גלייך אויף'ן אָרט טוידטען מיט זיין שווערט, עס מעג זיין, ווער עס איז. סאדי האָט פינקטליך ער־פילט דעם סולטאַן'ס בעפעהל, ער איז געגאנגען וויא א העלד פאָראויס און האָט געבראכט דעם סולטאַן און זיין בעגלייטער בשלום אין קייזערליכען הויף. נעבען דיא טרעפ פון סולטאַן'ס פּאלאסט האָט זיך סאדי אָבגעשטעלט און האָט געוואָלט אוועקגעהן. אָבער דערסולטאַן האָט איהם געהייסען ווארטען א ווייל. אין א פיערטעל שטונדע ארום האָט מען איהם אריינגערופען צום דעזשורנע, וועלכע האָט ביי איהם געפרעגט, ווער ער איז, וויא ער הייסט, וויא לאנג ער דינט, וויא אלט ער איז, און האָט איהם צום סוף אָנגעזאָגט, דאָס דער סולטאַן האָט איהם געמאכט פיר איין ליטענאַנט אין דעם זעלבען רעגימענט פון קאַפּידזי־פּאַשא. אַט אזוי איז פון דעם סולטאַן'ס שרעק ארויסגעקומען פיר סאדי צוויי טובות. ער־שטענס, איז ער געפעלען דעם סולטאַן און האָט בעקומען א טשין. צווייטענס, איז איהם ניט אויסגעקומען אריינצומישען זיך אין דעם מאָרד פון רעשיד, אזוי וויא זיין גענעראל האָט איהם בעפאָהלען, ווייל גראָד אין דער מינוט, וואָס דיעזער מאָרד האָט בעדארפט געשעהן, האָט איהם דער סולטאַן אָבגערופען פון זיין פּאָסט ער זאָל מאכען פאר איהם און רעשיד־פּאַשא א ווארע.

מיינט אָבער ניט, דאָס רעשיד־פּאַשא איז געבליעבען לעבען; איהם האָבען זיינע פיינד אָבגעהיט, וויא ער איז געגאנגען שפּעט אין דער נאכט צו זיך אהיים פון פּאלאסט, און זיי האָבען אריינגעשטאָכען א מעסער איהם אין הארצען — צו בעוואונדערען איז געוועןֻ דאָס דעם סולטאַן אליין האָט דאָס ווייניג געקימערט, זוען ער האָט זיך דערוואוסט פון דיעזען מאָרד. עס האָט זאָגאר אויסגעוויזען, דאָס ער איז צופריעדען פון דיא גאנצע מעשה, חאָטש ער האָט רעשיד'ן זעהר ליעב געהאט.

8

דיא סולטאַנא וואַלידע.

וואַלידע איז געוועזען דעם סולטאַן אבדול־אזיס'ס מוטער. איהר זון האָט איהר זעהר געשעצט און האָט אָהן איהר ניט געטאָהן וואָס א האָר איז ווערטה. זיא איז געוועזען גאנץ קלוג און האָט איהם געהאלטען, וויא מען זאָגט, אין צוויק: זיא האָט מעהר געוועלטיגט איבער טירקיי וויא ער אליין. כדי צו פערבלענדען איהם דיא אויגען, ער זאָל זיך ניט ארומזעהן דאָס ער האָט אין זיין לאנד כמעט קיין שום

רעה ניט, האָט זיא זיך ניט געשעהמט איהם צו פערדרייען דיא קאָפּ מיט שעהנע פרויען; זיא האָט איהם צוגעשטעלט אלע וואָך אנדערע שעהנע פרויען אין זיין הארעם, און עס האָט איהם ווענינ געקימערט, דאָס מיט דעם פיהרט זיא איבער זיין געזונד און מאכט איהם אָהן א צייט אלט.

וואלידע האָט נאָר פערלאנגט צוויי זאכען. ערשטענס, האָט זיא געוואָלט איהר גאנצען לעבען געוועלטיגען. צווייטענס, איז געוועזן איהר וואונש פּטור צו ווערען פון אלע פּרינצען, כדי דער טראָהן פון טירקיי זאָל אָנקומען צו איהר אייניקעל, אבדול־אזיס'ס א זוהן. צו עררייכען דיעזע צוויי ציעלען איז איהר קיין זאך ניט שווער געוועזן צו טאָהן.

זיא אליין איז א מאָהל געוועזן א שקלאפין. מיידעלוויין האָט מען איהר גע־קויפט, וויא מען קויפט א בהמה, אויפ'ן שקלאפען מארק פיר דעם הארעם פון אבדול־אזיס'ס פּאָטער.זיא איז אָבער געוועזן אזוי שעהן, אזוי קלוג און דרייסטינ, דאָס זיא האָט זיך ארייננע'חנפ'עט צום סולטאן אין בוזים און ער האָט מיט איהר חתונה געהאט. ער האָט דערלעבט מיט איהר א זוהן, אבדול־אזיס, וואָס איז נאָך זיין טוידט געוואָרען דער סולטאן פון טירקיי. נאָך דיא טירקישע געזעטצע האָט ער אפילו ניט געהאט אויף דעם קיין רעכט, נאָר וואלידע האָט דאָס אויסגעפיהרט מיט איהרע אינטריגען. אבדול אזיס איז נאָך אָבער דאמאָלס געוועזן נאָר אקינד ווען ער איז ארויף אויפ'ן טראָהן. דעריבער האָט אין אמת'ן אָנגעפאנגען צו רעגיע־רען זיין מוטער, וועלכע האָט זיך נאָך פאר איהר מאנס לעבען שטארק ארייננע־מישט אין דיא געשעפטען פון דער רעגיערונג. דיא מיניסטאָרען האָבען איהר זעהר געאכט פיר איהרע קלוגהייט און יעדער פון זיי האָט זיך בעמיהט איהר צו גע־פעהלען.פיעלע האָבען זאָגאר געמורמעלט אויף איהר, דאָס זיא איז מיט איהרע מיניסטאָרען געוועזן צו גוט... וויא דיא מעשה איז, עס איז געוועזן זעהר שווער צו דערקענען, דאָס דיעזע פּאָרנעהמע דאמע איז א מאָהל געוועזן א שקלאפין. זיא איז שוין אפילו געוועזן בעיאָהרענט, נאָר זיא האָט נאָך אויסגעזעהן יונג.

אין עטליכע טעג ארום, ווען מען האָט ערמאָרדעט רעשיד־פאשא האָט מען וואלידע'ן געמעלדעט, דאָס דיא מכשפה קאדידזע פערלאנגט צו איהר ארייננצוגעהן, ווייל זיא דארף איהר עטוואָס וויכטיגעס דערצעהלען.

עס איז שוין געוועזן גאנץ שפּעט אין דער נאכט. אָבער וואלידע האָט פון דיעזע ציגיינערין זעהר פיעל געהאלטען, ווייל ווען זיא איז נאָך געוועזן א שקלאפין אין הארעם האָט איהר קאדידזע פּאָרגעזאָגט, דאָס זיא וועט א מאָהל זיין א גרויסע דא־מע און וועט האָבען זעהר פיעל עהרע. דערצו האָט מען זיך פון דיעזע ציגיינערין געקענט דערוויסען אלץ, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט, זיא האָט געוואוסט אלעס

סודות פון שטאָדט, ווייל זיא איז אומעטום געווען איין איינגעהעריין, אין דיא אזיאטישע לענדער, גלויבט מען נאָך שטארק אין צויבעריי, אין חלומות און דאָס־גלייכען. וואלידע פלעגט זיך אָפט ווענדען צו איהר און פלעגט זיך דורך איהר דערוויסען אפולע זאכען, וואָס איז איהר געווען נייטיג צו וויסען. גראָד אין דיא צייט האָט זיך גערודערט אין פּאָליטיק און וואלידע איז געווען זעהר צופריעדען וואָס זיא איז געקומען, און האָט איהר גלייך געהייסען אריינבעטען צו זיך אין קאַבינעט.

קאדידזע איז שוין ניט געווען יונג און האָט אויסגעוויזען, וויא א מענש וואָס האלט שוין גאָר ניט פון ד י א וועלט. זיא איז געווען זעהר ארעם געקליידעט, איז געגאנגען איינגעבויגען אין דרייען, און מיט א שטעקעלע אין האנד, אזוי וויא זיא וואָלט שוין קיין כח ניט האָבען צו געהן. דאָס איז אָבער אלץ געווען געמאכט, ווייל זיא האָט דאָס בעדארפט צו איהר פּראָפעסיאָן. זיא איז אריין אין קאבינעט מיט א פעראומערטע און העכסט ערנסטע מינע. וואלידע האָט איהר אויפגענומען זעהר פריינדליך.

— א גוטער אָבענד אייך, גרויסע פּרינצעסין! — האָט זיך אָבגערופען דיא ציגיינערין אין א הויכע שטימע, ווייל זיא האָט זיך פיר טויב אויך געמאכט, אזוי האָט איהר געפּאסט. — זייט וויסען, דאָס מען האָט שוין דערגאנגען, וואו ער געפינט זיך, באלד וועל איך איהם אריינשלעפּען צו אייך אין דיא הענד און איהר וועט קענען טאָהן מיט איהם וואָס איהר וועט וועלען!

— פון וועמען רעדט איהר? — האָט וואלידע געפרעגט.

—א ברכה אויף אייער קאָפּ! — האָט די ציגיינערין געענטפערט — איך מיין דעם קליינעם פּרינצעל סאלאדין, וואָס פריטעניזיעס אויפ'ן טירקישען טראָהן נאָך אייער זון'ס טוידט. איך וויים דאָך אָבער, דאָס אייער וואונש איז, דער טירקישער טראָהן זאָל צו קיין אנדערען ניט אָנקומען נור צו אייער אייניקעל, אייער זוהן'ס זוהן, וואָס קען אָבער ניט געשעהן כל זמן אין קייזערליכע פאמיליע געפינט זיך אנדערע עלטערע פּרינצען. יעצט איז שוין פון זיי קיינער ניט געבליבען, אחוץ דער יונגער סאלאדין, אייער זונ'ס פּלימעניק, וואָס מען האָט ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, ווייל זיין מוטער און דיא, וואָס האלטען פיר איהם, האָבען איהם אין דער שטיל ערגעץ וואו בעהאלטען. זייט וויסען, אָבער, דאָס פיר מיר איז קיין סודות ניט דאָ... איך האָב א וויכטיגע נייעס פיר אייך...

דיעזע פרעהליכע נייעס האָט געמאכט אויף וואלידע'ן א גרויסען איינדרוק. דיא הארץ האָט ביי איהר אָנגעפאנגען צו טאנצען פון שמחה. זיא האָט אָבער דאָס ניט געוואָלט ארויסווייזען פיר דער ציגיינערין, און זי האָט איהר גאנץ קאלט

געפרעגט, אזוי וויא עס וואָלט איהר ווענינ הארען דיא גאנצע מעשה:

— און וואו געפינט ער זיך דיעזער סאלאדין?

— ער געפינט זיך, — האָט דיא ציגיינערין געענטפערט,— ביי איין אלטען מאן, וואָס איז געוועזען א דיענער ביי דעם פערשטאָרבענעם סולטאן, אבדול־מעדזיד, דעם יעצטיגען סולטאן'ס פאָטער. ער הייסט קאראסאגדי און וואָהנט אין א קליין שטיבעלע, צווישען געדיכטע בוימער פון א פארצייטיגען שפּאציער גאָרטען, וואָס האָט געהערט צו זיין פּרינציפּאל, ד. ה. צו אבדול־מעדזיד. ער היט דעם קליינעם פּרינצעל מיט הונדערט אויגען, פיעל מעהר נאָך וויא מען היט אן אוצר. נאָר פיר מיר איז ניט דאָ קיין פערבאָרגענע זאך... מיין גייסט ענטדעקט מיר אלץ דינג. פריהער איז דער פּרינצעל געוועזען ביי איינעם, וואָס מען רופט אלמאנזאר. דיע־זער אלמאנזאר וואָס וואָהנט אין סקוטארי, האָט איהם ערצויגען וויא א פּרינץ וואָס דאַרף ירשן דעם טראָהן.

מיין טאָכטער סירא, א קלוגע און א כיטרע מעדכען, וואָס האָט בכח אויס־צושפּירען וואָס זיא וויל ניט ערגער וויא א שפּיר־הונד, איז מיט דער רעציע שטארק בעקאנט און האָט זיך פון איהר אלץ דינג דערוואוסט. זיי געהען זעהר אָפט ביידע צום פּרינצעל און בעזוכען איהם אין דעם אָרט, וואו ער איז יעצט בע־האלטען. קורץ גערעדט, אויב איהר ווילט האָבען דעם פּרינצעל ביי אייך אין דיא הענד, קענט איהר דאָס יעצט לייכט מאכען.

— גענוג! — האָט זיך אָבגערופען וואלידע, — מעהר וויא דאָס האָב איך ניט געוואָלט וויסען. — זיא האָט ארויסגענומען א ביימעל גאָלד און האָט דערמיט בע־לאָהנט דיא צעגיינערין, וועלכע זיא האָט געבעטען, דאָס קיינער זאָל ניט וויסען, דאָס זיא איז ביי איהר יעצט געוועזען. נאָכדעם וויא וואלידע האָט איהר פריינדליך אוועקגעלאָזען פון זיך, האָט זיא געהייסען ארייננבעטען צו זיך אין קאבינעט דעם דעזשורנעם אָפיציער פון איהר וואך, צו וועלכען זיא האָט געהאט א גרויסען צוטרויען. מען האָט איהם גערופען צארא־בעי. וויא ער איז אריין צו דער סולטאנא, האָט זיא ביי איהם געפרעגט אויב ער וויים, וואו עס געפינט זיך דעם פערשטאָר־בענעם סולטאן'ס לוסט־גאָרטען?

— אין דיעזען גאָרטען — האָט זיא זיך צו איהם געווענדעט, — צווישען געדיכטע אקאציען בוימער שטעהט א קליינע שטיבעל, וואו עס וואָהנט דעם פער־שטאָרבענעם סולטאן'ס איין אלטער בעדינטער. ער הייסט קאראסאנדי. געהע צו איהם אריבער, און אויב דוא וועסט איהם געפינען צו הויז, זאָלסט דוא איהם זאָגען אין מיין נאָמען, ער זאָל גלייך קומען צו מיר. אויב דוא געפינסט איהם ניט צו הויז, זאָלסט דוא דאָרטען אויסזוכען א אינגעל פון א יאָהר אכט, וואָס איז

ביי איהם בעהאלטען. בעגעה זיך מיט דעם אינגעל מיט גוטע רייד, לאסצשע איהם צו און ברענג איהם צו מיר. אבער למען השם מיט גוטען און אהן לארם, דאס אלץ מוז געשעהן היינט ביי נאכט נאך. אויב ניט וועל איך זיין אונרוהיג און וועל קלעהרען, דאס עס האט זיך געטראפען איין אונגליק. וואס זאל זיין מיט דיעזען אינגעל, דאס איז שוין מיין זאך און איך אליין וועל וועגען דעם זארגען.

דער אפיציער האט זיך טיעף פערנייגט און האט איהר פערשפראכען אלצדינג צו טאהן אזוי וויא זיא פערלאנגט.

— גוט, — האט וואלידע געזאגט — אבער דערצו פערלאנג איך נאך, דאס די גאנצע געשיכטע זאל בלייבען בסוד, דערפאר וועסט דוא בעקומען א דאפעלטע בעלאהנוונג פון מיר און פון גאט, ווארום דאס, וואס דוא וועסט טאהן, איז א העכסט היילינע זאך!....

דער אפיציער האט זיך וויעדער פערנייגט און וויא ער איז ארויס פון דער סולטאנשע, האט ער זיך גלייך גענומען צו ערפילען איהר פערלאנג. אין א שטונדע ארום איז ער שוין געוועו אין אלטען שפאציער גארטען. עס איז שוין געוועו גוט פינסטער. דער גארטען איז געוועו דורכאויס פערוואקסען, פערלאזען אהן וועגען, און עס האט דעם יונגען אפיציער געקאסט זעהר פיעל מיה איידער ער האט בעמערקט, טיעף צווישען דיא געדיכטע בוימער, א שיין פון א ליכט. גייענדיג נאך דעם בליאסק, איז ער באלד צוגעגאנגען צו א קליינע וואהנונג. דיא טיהר איז געוועו אפען און ער האט געקענט אריינגעהן אהן שום מיה. אין ערשטען צי־מער איז געלעגען אויף א בעט קאראסאנדי אליין. ער האט אבער געשלאפען וויא א טוידטער, און מען האט געקענט טאהן איבער איהם וואס מען האט געוואלט וואלט ער זיך ניט אויפגעחאפט, ער האט זיך איינגעשכורט פון אפיום און מען האט געקענט רעכנען אזוי גוט, וויא ער וואלט גאר אין דער היים ניט געוועו. דע־ריבער האט דער אפיציער גלייך גענומען זוכען דעם קליינעם אינגעל; ער האט אויסגעזוכט אלע ווינקעלאך, ביז וואנען ער האט דערזעהן א פאטעיעמנע טירעל; הינטער דיעזער טירעל איז געשטאנען א קליינע בעטעל און אויף איהר איז גע־שלאפען דער פרינצעל. צארא־בעי האט איהם אהן קונצען ארויסגענומען א שלא־פענדיגען פון בעטעל צו זיך אויף דיא הענד און האט איהם צוגעדעקט מיט זיין פלאשץ. דער אינגעל האט זיך אבער אויפגעחאפט און האט אנגעפאנגען צו שרייען אבער דער אפיציער האט איהם גלייך איינגענומען:

— שוויג, קליינער נאר! — האט ער צו איהם געזאגט, — אדער אז ניט וועט באלד זיין מיט דיר א סוף....

— ווער זייט איהר? וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט זיך דער אינגעל געבעטען מיט געוויין.

— איך וועל דיר אין קאשע ניט אויפעסען... אָט מאך קיין לארם ניט, זיי רוהיג און שטיל, וואָרום אויב ניט, ביזט דוא פערלאָרען!.....

דער אינגעל איז נעבאך געבליעבען שטיל, און דער אָפיציער האָט איהם אוועק געטראָגען אונטערן פלאשץ און עס האָט אפילו א האָהן ניט געקרייהט.

9.

דער סעקרעטנער בעשיטצער.

צום ברעג פון סקוטארי האָט זיך צוגעשיפט א שיפעל אין וועלכער א חוץ דעם שיפער איז געווען א שלאָפענדיגעס קינד. דער שיפער איז ניט געווען קיין אנדערער, וויא אונזער בעקאנטער לייב־גוואַרדייעץ סאדי, און דאָס קינד — דער קליינער סאלאדין. ביז אהער האָט ער שטארק געשלאָפען, אָבער וויא סאדי איז צוגעפאָהרען צום ברעג און האָט איהם גענומען אויף דיא הענד, האָט ער זיך אויפגעכאפט און האָט אָנגעפאנגען צו וויינען און שרייען: „קאראסאנדי! קאראסאנדי!"

— זיי דאך רוהיג, מיין קינד, — האָט איהם סאדי איינגענומען, — איך וועל דיר ברייגנען אין איין אָרט, וואו עס וועט דיר זיין פיעל בעסער וויא ביי קאראסאנדי...

דער יונגער סאלאדין האָט זיך געלאָזט איינרייידען און איז געוואָרען א ביסעל שטילער, אָבער סאדי אליין איז נאך ניט געווען גאָר רוהיג, ווייל ער האָט אליין ניט געוואוסט, וואו ער זאָל אהינטאָן דאָס קינד, וואָס צארא־ביי האָט איהם ניט לאנג איבערגעגעבען. באלד איז ביי איהם געבליעבען ער זאָל איהם אוועק־טראָגען צו אלמאנזאר'ס טאָכטער, צו דיא שיינע רעציע. עס איז שוין געווען געגען שפעט און ער האָט ביי איהר געפונען דיא טיר פערשלאָסען. נאָר וויא רעציע האָט דערהערט, דאָס צו איהר איז געקומען סאדי, האָט זיא איהם גלייך געעפענט. רעציע איז אָבער געווען צושראָקען פון אזא שפעטיגען בעזוך. „געוויס איז דאָס ניט אומזיסט, האָט זיא זיך געטראכט, ווען ער קומט צו מיר אין אזא צייט". זיא האָט זיך נאך מעהר דערשראָקען, וויא זיא האָט בעמערקט, דאָס ער האַלט אונטער'ן שינעל א קינד... „גאָט ווייס וואָס דאָס בעדייט", האָט זיא מיט זיך אליין געטראכט. סאדי אָבער, האָט פערשטאנען איהרע געדאנקען און האָט איהר לאנג ניט געלאָזען זיין אין שרעק.

— האָב ניט קיין פורכט, מיין ליעבע רעציע, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — געהם ביא לאַמפּע און זעה, וועמען איך האָב ביר געבראכט. דאָס

איז איין אוצר, וואָס איך האָב קיינעם ניט געוואָלט טרויען א חוץ דיר, אָט, נעהם דיא לאמפּע און בעטראכט איהם אליין.

וויא רעציע האָט א בליק געטהאָן אויף דעם אינגעל און האָט איהם דער־קענט, איז זיא געוואָרען אויסער זיך פון פרייד. זיא האָט זיך אראָבגעלאָזען פאר איהם אויף דיא קניע, האָט איהם ארומגענומען און געהארצט און געקוסט אלע גליעדער. דער קליינער סאלאדין האָט זיך אויך שטארק דערפרייט און איז געוועזן העכסט גליקליך, וואָס ער זעהט ווידער זיין גוטע רעציע, וואָס איז פיר איהם געוועזן בעסער וויא א מוטער. ער האָט זיך איינגעשצעמעט אין איהר מיט זיינע הענטלאך און האָט זיך פארנאנדערגעוויינט פון שמחה און האָט ניט געקענט אויסריידען א וואָרט. סאדי, וואָס האָט ניט געוואוסט, דאָס דער פרינצעל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אלמאנזאר אין הויז, האָט זיך ניט געקענט אָבוואונ־דערן פון דעם. רעציע האָט איהם באלד ערקלערט דיעזעס וואונדער.

— דיעזער סאלאדין איז אָנגעקומען צו אונז אין הויז גאָר א קליינינקער. מיין פאָטער האָט איהם ערצויגען, האָט איהם געהאַלטען וויא דיא אויגען אין קאָפּ, און געהיט פון זיינע פיינד, וואָס האָבען איהם געוואָלט טהאָן בייז, ווייל ער האָט זיי פערשטעלט דיא וועג צום טירקישען טראָהן, אויף וועלכען קיינער האָט ניט קיין זכות זיך צו זעצען כל זמן ער לעבט. מיט א מאָל איז ער אָבער ביי אונז פערפאלען געוואָרען; עס איז שוין דיא מעשה מעהר וויא דריי יאָהר; מיר האָבען איהם בעוויינט, וויא א טוידטען, ווייל מיר האָבען גערעכענט, דאָס מען האָט איהם פון אונז גע'גנב'עט און ערמאָרדעט. ווער דאָס האָט געטאָהן, האָבען מיר ניט גע־קענט וויסען און מיר האָבען נאָר חושד געוועזן א ציגיינערין. יעצט, גאָט צו דאנקען, האָב איך איהם שוין ווידער און איך קאָן דיר ניט ארויסגעבען, וויא גרויס מיין שמחה איז דעריבער, ווייל דוא ווייסט ניט, וויא טהייער ער איז מיר! עס איז פּראָסט א גאָט זאך, וואָס דוא האָסט איהם געבראכט צו מ⸗ ⸗ און ניט אנדערס וואו.

— איך האָף דאָס דוא וועסט איהם שוין יעצט בעסער היטען, וויא דיין פאָטער האָט איהם געהיט, — האָט צו איהר געזאָגט סאדי, — דערווייל טהוע איהם אויס, גיב איהם וואָס עסען, ווייל ער איז מיד און הונגעריג, און לייג איהם שלאָפען.

— דאָס איז שוין מיין זאך, — האָט איהם רעציע געענטפערט, — איך וועל איהם היטען מעהר, וויא מיין לעבען, איך דאנק דיר. וואָס דוא האָסט צו מיר אזא צוטרוי־ען, דאָס, ניט וויסענדיג פון מיין בעקאנטשאפט מיט דעם אומגליקליכען סאלאדין, האָסט דוא נאָר אויסגעקליעבען מיר, איך זאָל איהם ערציהען און אכטונג געבען אויף איהם, ביז וואנען עס וועט זיין נויטיג. פיר דעם דאנק איך דיר טויזענד מאָהל, אָבער

איך פערלאנג נאָך צו וויסען, וואָס איז דאָס נוגע צו דיר דיא גאנצע געשיכטע, וויא אזוי ביזט דוא דאָ ארייננעמישט ?

— דערצו האָט מיך געבראכט מיין יעצטיגע לאגע, — האָט איהר סאדי געענטפערט, — דוא ווייסט דאָך דאָס איך בין שוין ניט קיין שיפער. איך בין אָנגעקומען פיר א סאָלדאט אן לייב־גוואַרדיע און האָב מיך שון דערדיענט דעם טשין פון לטנאנט ; דער סולטאן אליין האָט מיר געשאָנקען דיעזען טשין, יעצט בין איך בעקאנט מיט א פולע אָפיציערען פון הויכען שטאנד. צווישען אנדערע קען איך זיך אויך מיט צארא־בעי. איהם האָט דיא סולטאנשע וואלידע בעפאָהלען אויפצוזוכען סאלאדינען אין אלטען שפאציער גאָרטען און ברענגען צו איהר. צארא־בעי האָט פערשטאנען, וואָס דיא סולטאנשע וויל מאכען מיט דעם איגנעל, און האָט אויף איהם רחמנות געהאט. דעריבער האָט ער איהם איבערגעגעבען צו מיר אין דיא הענד, איך זאָל איהם וואו עס איז בעהאלטען, און דיא סולטאנשע האָט ער געזאָגט, דאָס ער האָט סאלאדינען אין שפאציער־גאָרטען ניט געפונען. יעצט, ליעבע רעציע, פערשטעהסט דוא שוין וואָס פאר א מחותן איך בין מיט דיעזען אינגעל, און איך דאנק גאָט, וואָס האָט מיר איינגעגעבען א געדאנק, איך זאָל איהם ברענגען צו דיר.

סאדי מיט רעציע האָבען זיך דערנאָך לאנג אונטערהאלטען, זיי האָבען געשפראָכען פון זייער ליעבע, איינער צום אנדערן, פון זייערע פלענער, וויא צו לעבען נאָך דער חתונה, און האָבען אָפגעמאכט א צייט ווען חתונה צו האָבען.

גלייך נאָך סאדי'ס אוועקגעהן, האָט זיך רעציע אָנגעפאנגען צו בעשעפטיגען ארום דעם קליינעם סאלאדין. זיא האָט אָנגעגרייט פיר איהם קליידערלאך און אנדערע זאכען,וואָס א קינד פון זיינע יאָהרען בעדארף, שלאָפען האָט זיא ניט געקענט, ווייל זי איז געוועזן זעהר אויפגערעגט און צוטראָגען פון שמחה. אויף מאָרגען פערנאכט וויא זיא האָט איינגעשלעפערט סאלאדינ'ען, איז זיא ארויסגעגאנגען פון שטוב מיט א קרוג נאָך וואסער. זיא האָט גוט פערשלאָסען דיא טיהר און איז געגאנגען צום ברונען. דאָרטען איז איהר אויסגעקומען פיעל צו ווארטען ביז זיא האָט געקענט אָנפומפען וואסער. צוריקגעהענדיג האָט זיא בעגעגענט א מאנספערזאָן, וואָס איז געוועזן א שרעק צו קוקען : א הויכער, אויסגעבויגען דיא פלייצע, אָנגעטאָהן אין טראנטעס, דיא קאָפ ארומגעבונדען מיט א גרינע ארא‌בישע פאציילע און אויפ'ן געזיכט א האלב גאָלדענע מאסקע.

רעציע איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן אָרט, וויא א צוגעשלאָגענע. באלד האָט ער א געשריי געטאָהן : „רעציע !" און זיא האָט זיך געקניעט פאר איהם און צוזאמען געלייגט דיא הענד אויפ'ן הארצען, וואָס האָט ביי איהר געקלאפט וויא פון דיא גרעסטע שרעק. זיא האָט איהם דערקענט, דאָס ער איז דיא „גאָלדענע מאסקע", פון וועלכער

מיר האָבען שוין געהאט דיא געלעגענהייט פריהר צו ריידען. צווישען דיא איינוואָהנער פון קאָנסטאנטינאָפּעל איז געווען איין איינבילדונג, דאָס צו וועמען די גאָלדענע מאס־קע בעווייזט זיך, צו דעם ברענגט זיא א גרויסע צרה, אָדער, פערקעהרט, א גרויסע ישועה, עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס רעציע האָט זיך דערשראָקען, בפרט דאָס דיעזער פירכטערליכער מענש האָט איהר גערופען מיט'ן נאָמען, אזוי וויא ער וואָלט איהר פון לאנג אָן געקענט. איידער רעציע האָט אוספּייעט אויפצושטעהן, האָט איהר דיא גאָלדענע מאסקע נאָך א מאָהל גערופען מיט'ן נאָמען און האָט זיך ביי דעם געווענדעט צו איהר מיט דיעזע ווערטער:

— איך בין געקומען דיך צו שיטצען. דו ליבסט דעם יונגען אָפּיציער פאדי און ער ליעבט דיך; ער איז, אָבער, ניט אין שטאנד דיך צו שיטצען געגען דיינע פיינדע, וואָס זיינען אָנגעשטאנען אויף ד י י ן לעבען און אויף דעם לעבען פון דעם יונגען סאָ־לאדין. דו האָסט דיעזען יונגען פרינץ דיא פאָריגע נאכט אויפגענומען צו זיך אין הויז. דו ביזט אפילו גענוג פאָרזיכטיג געווען און דו האָסט דיך איבערגעקליעבען פון דיין אלטען וואָהנונג אין א נייע; אָבער איינער פון דיינע גרעסטע פיינדע, ד. ה. דיא ציגיינערין קאדידזע, האָט שוין אויסגעפאָרשט דיין נייע וואָהנונג, און זיא געהט דאָס אָנזאָגען אין ראטהס־קאבינעט פון דער רואינע, כדי איבערצופיהרען דיך צוזאמען מיט דעם יונגען פרינץ. יעצט איז שוין גאנץ שפּעט, און זיא וועט דאָרט קיינעם ניט געפינען; אָבער זיא קען אויספיהרען איהר פלאן מאָרגען. דעריבער מוזט דו דיעזע נאכט מיט דעם פרינץ פון דאנען אנטלויפען אויב ניט, זייט איהר ביידע פערלאָרען.

— און וואוהין זאָל איך לויפען ? — האָט רעציע געפרעגט מיט א ציטערענדע שטי־מע.

— דערוויילע זאָלסט דו זיך אויפהאלטען ביי דיא אלטע האניפע. פערבלייב דאָרטען ביז וואנען דו וועסט האָבען א גוטע געלעגענהייט אוועקצופאָהרען מיט דעם פרינץ פון סטאמבול. דאמאָלס זאָלסט דו פון דאנען אָברייזען, און ביי דעם זאָלסט דו ניט פערליערען דיא האָפנונג זיך ווידער צו זעהען מיט דיין געליעבטען.

דיא לעצטע ווערטער האָבען געטראָפען אין פינטעל. און רעציע האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערן, וויא אזוי דיעזער זעלטענער מאן ווייס איהרע געדאנקען.

— זאָרג ניט וועגען דעם, — האָט צו איהר דיא גאָלדענע מאסקע ווייטער געזאָגט, — איך אליין וועל איהם זאָגען, וואו דו געפינסט דיך. פאָלג נאָר וואָס איך זאָג דיר און אנטליוף פון דאנען מיט דעם פרינץ ביז מאָרגען פריה.

רעציע האָט זיך כמעט פארנאנדערגעוויינט. זיא האָט געוואָלט בעדאנקען דיא גאָלדענע מאסקע, פיר דיא פריינדשאפט און גוטהערציגקייט, אָבער אין דיא זעלבע מינוט איז זיא פערשוואונדען געוואָרען און רעציע האָט איהר שוין מעהר

ניט געזעהען. זיא איז געשטאַנען עטליכע מינוט אין גרויס פערוואונדערונג, און נאָך דעם אין דער שטיל אוועקגעגאַנגען אהיים.

10.

דיא רייזע נאָך מעקקא.

אין א קורצע צייט ארום, איז געקומען דער פייער טאָג, ווען דיא רעכט־גלויביגע און אמת פרומע מאַחמעדאַנער געהען צוזאַמען נאָך מעקקא, אין געבורטס־אָרט פון זייער פּראָפעט מאַחמעד, וואו יעדער רעכטגלויביגער מאַחמעדאַנער מוז זיין אם ווייניגסטענס איין מאָל אין לעבען. שוין עטליכע טעג פאַר דיעזען יום־טוב וואָס מען מאַכט צו דער הייליגער רייזע. פאַרצייטען האָט מען נאָך פון דיעזער איז אלע יאָהר אין סטאַמבול א גרויסע בעוועגונג, א סומאַטאָכע, פון דיא הכנות, רייזע געמאַכט א סך א גרעסערען וועזען. אין היינטיגע צייטען זיינען דיא סולטאַ־נען געוואָרען קליגער, און זיי אליין ווילען שוין ניט שטעלען זייער געזונד אין סכנה און מיטרייזען מיט אלעמען אין מעקקא. זיי זיינען יוצא דערמיט, וואָס זיי שיקען אהין רייכע נדבות, און זיינען דאָ דערביי אויף דיא צערעמאָניע בשעת דער קאַראַוואַן, זיינען שוין פון בעגינען אָן געוועזען פון און געפּאַקט מיט מענשען. מענער, וואָס מיר דערצעהלען. דיא גאַסען, וואו עס האָט בעדאַרפט דורכגיין דער הייליגער קאַראַוואַן, זיינען שוין פון בעגינען אָן געוועזען פול און פּאַק מיט מענשען. מענער, פרויען, קינדער, אָרעמע, רייכע האָבען בעדעקט דיא גאַסען, דיא דעכער פון דיא הייזער און אלע ערטער, וואו מען האָט נאָר געקענט שטעהן. עס איז געוועזען אזאַ ענגשאַפט, דאָס דיא קאַוואַסען (פּאָליציייסקי) האָבען פערלאָרען דיא כחות מאַכענ־דיג איין אָרדנונג. מיט עטליכע טעג פריהער האָט מען שוין ניט געקענט דורכגיין דורך דיא גאַסען, ווייל זיי זיינען פול געוועזען מיט דיא פּילגרימס, וואָס זיינען גע־קומען פון ארבע פנות עולם, און זיינען געלעגען אין דיא גאַסען מיט זייערע פּעק, קלומקעס, קעמלען, און האָבען אויסגעזעהן וויא סטאַדעס בהמות.

צווישען דיא מענשען, וואָס זיינען געקומען זעהען, וויא דיא פּילגרימען וועלען אָברייזען פון שטאָדט, איז אויך געוועזען איין אלטע פרוי, איינגעהילט אין איין שמוציגען מאַנטעל. נעבען איהר איז געשטאַנען לאַצאַרוס, דיא פּרינצעסין ראָשאַנעס האָפמייסטער, מיט וועלכען מיר זיינען שוין עטוואָס בעקאַנט. מיינט ניט, אָבער, דאָס זייביידע זיינען געקומען אהין מעהר ניט, וויא צו זעהן דעם פּאַראַד, אזוי וויא אלע ליידיג געהער. ניין, זיי זיינען געקומען צוליעב א וויכטיגען אינטערעס.

לאַצאַרוס איז געוועזען א יונגער מאַן פון א יאָהר צוואַנציג. זיין געזיכט איז נאָך ניט געוועזען שיין; דערצו איז ער געוועזען אָנגעבלאָזען, און מען האָט דערקענט,

דאָס ער האָט גאָר ניט פיינט געהאט א גלעזעל אָפיום. זיינע אויגען האָבען שטענדיג אין איהם געקאָכט און האָבען געוואָרפען א שרעק אויף דעם, אויף וועמען ער האָט נאָר געגעבען א בליק.

ער איז געשטאַנען מיט דער פרוי אויף א הויכען אָרט, און זיי האָבען געקענט מיט זייערע קעטצעשע אויגען בעטראכטען און בעקוקען דעם גאַנצען פובליקום, וואָס איז געשטאַנען ארום און ארום.

— אזוי זאָגסט דו, — האָט זיך אָבגערופען דער גרעק לאצארוס צו דיא אלטע פרוי, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם און וואָס איז געוועזן אונזער בעקאַנטע ציגיינערין קאדידזע, — אזוי זאָגסט דו, דאָס רעציע האָט זיך בעהאלטען ביי איהר אלטע דיענערין האניפע?

— גאַנץ ריכטיג, — האָט דיא ציגיינערין געענטפערט, — אָבער יעצט איז זיא שוין דאָרטען אויך ניט דאָ, זיא איז נעכטען פערשוואונדען געוואָרען.

— אָבער וויא דו מיינסט, געפינט זיך דער קליינער סאלאדין ניט ביי קיין אנדערען וויא ביי אלמאנזאר'ס טאָכטער?

— איך אליין מיט מיינע אויגען האָב איהם געזעהען ביי איהר, — האָט קאדידזע געענטפערט, — פריהער האָט ער זיך אויפגעהאלטען ביי קאראסאנדי אין אלטען שפאציר גאָרטען; וואלידע האָט געשיקט איין אָפיציר איהם אָבצונעהמען פון דאָרטען און ברענגען צו איהר; אָבער דער אָפיציער איז געקומען צוריק מיט ליידיגען און האָט געזאָגט, דאָס ער האָט געפונען קאראסאנדי טויט־שכור פון אָפיום און קיין זכר ניט פון סאלאדין'ען. מען האָט גלייך געשיקט נאָך דיעזען קאראסאנדי און מען האָט איהם שטרענג בעפאָהלען ער זאָל זיך מודה זיין, וואו ער האָט אהינגעטהאָן דעם יונגען פרינצעל. אָבער וואָס מען האָט איהם ניט גע־סטראשעט, האָט מען פון איהם גאָר ניט געקענט דערגיין; ער האָט זיך געהאלטען איינס: „איך בין געוועזן שכור און אין דער צייט איז ער פערפאלען געוואָרען, ווייטער ווייס איך ניט“. איך האָב זיי אָבער ביידען, רעציע'ן מיט סאלאדין'ען, געזעהען ביי דיא אלטע האניפע. איך האָב דאָס גלייך געוואָלט מעלדען דעם שייך־אול־איסלאם, אָבער בשעת איך בין געקומען אין דיא רואינע פון דיא דערווישען, איז שוין דער שייך־אול־איסלאם דאָרטען ניט געוועזן. אָט אזוי האָב איך אויסען געלאָזען א גוטע געלעגענהייט זיי צו פאקען, ווארום יעצט זיינען זיי שוין פון דאָרטען אנטלאָפען, ווייל רעציע איז זעהר פאָרזיכטיג, היט זיך זעהר פאר מיר און זיא האָט געזעהען וויא איך בין פערבייגעגאנגען פאר איהר פענסטער און האָב זיך איינגעקוקט...

איך רעכען אָבער, — האָט קאדידזע ווייטער געזאָגט, — דאָס זיא געפינט זיך ערגעץ דאָ, צווישען דעם פובליקום. מיר דאכט זיך זאָגאר, דאָס איך האָב איהר

דאָ געזעהען, וויא זיא איז געגאנגען און געפיהרט סאלאדין'ען פאר'ן האנד. איך בין בכיון געקומען אהער, אפשר וועל איך זיי דאָ פאקען, אָבער ניט פראָסט צו זעהען דעם געזעמעל...

— און צו וואָס, מיינסט דו, בין איך געקומען אהער? — איך מיין אויך קיין אנדער זאך ניט, וויא צו זעהן רעציע, האָט לאצארוס געענטפערט.

— וויא איך זעה ביזט דו שטארק פערליבט אין דיעזעם מעדכען; איך מוז דיר אָבער זאָגען, דאָס דוא האָסט א גרויסען טעות, האָף ניט אויף איהר ליעבע און נאָך מעהר רייד זיך ניט איין, דאָס זיא וועט מיט דיר הייראטען. זיא איז ביי זיך זעהר שטאָלץ, ווייל זיא שטאמט פון קאליפען, און וויל נאָר הייראטהען מיט א פאָרנעהמען הערר'ן, מיט א פאשא און דערגלייכען.

גאָט ווייס ביז וואנען זיי וואָלטען זיך אזוי ביידע גערעדט, ווען מען וואָלט פלוצלינג ניט אָנגעפאנגען צו שרייען:

— מען גייט! מען גייט שוין!

פאָראויס איז געריטען א רעגימענט גווארדייסקע קאוואלעריע, דערנאָך איז געגאנגען דער עמיר, נאָך איהם אלע גרויסע בעאמטע, מיט מוזיק, און גאָר צום סוף צוויי זעהר געפוצטע קעמלען זיינען געגאנגען אויף דיא הינטערשטע פיס און ביי יעדערען פון זיי איז געלעגען אויף'ן קאָפּ איין אלקאָראן. נאָך דיא קעמלען האָט מען געטראָגען דיא מתנות, וואָס דער סולטאן האָט געשיקט אין מעקקא, אזוי וויא דער מנהג איז אלע יאָהר, גאָר צום לעצטען איז געריטען דער הויפטמאן פון קאַראוואן מיט אלע בעאמטע, וואָס דיענען אונטער איהם. הינטער זיי האָבען זיך אָנגעפאנגען צו שיטען אָהן א ברעג פילגרימס, וואָס מען האָט געקאָנט פערטויבט ווערען פון זייערע ווילדע געשרייען: „אללאה! אללאה!"

צווישען דיא פילגרימען איז געוועזען איין יונגע פערשלייערטע טירקין, וואָס האָט געפיהרט פאר'ן האנד א איינגעל פון א יאָהר אכט. דיא טירקין האָט זיך אלע ווייל ארומגעקוקט, אזוי וויא זיא האָט מורא געהאט, אפשר יאָגט מען זיך נאָך איהר נאָך. אונזערע לעזער פערשטעהן שוין געוויס, אז דאָס זיינען געווען רעציע

רעציע האָט זיך געוואָלט בענוצען מיט דיעזע געלעגענהייט אָבצורייזען צו־גלייך מיט דעם גאנצען קאראוואן פון סטאמבול. זיא האָט זיך אָבער געשראָקען, איהרע פיינדע זאָלען איהר דאָ ניט בעמערקען.

מיט דעם קליינעם סאלאדין.

און זיא האָט זיך ניט געשראָקען אומזיסט. איהרע פיינדע, ד. ה. לאצארוס און קאדידזע האָבען איהר אין אמת'ן בעמערקט. רעציע האָט זיי אויך דערזעהען. עס איז איהר איינגעפאלען דיא דמים פון שרעק; זיא האָט גלייך גענומען סאלאדין'ען אויפ'ן

האנד און האָט זיך געוואָלט מיט איהם אריינשפּארען טיף אין דיא ענגענים, מיט דיא האָפנונג אויף אזא אופן צו אנטלויפען פון איהרע פיינדע. זיי האָבען אָבער פערשטאַנען איהר כונה און האָבען געשוואָרען, דאָס זיא וועט זיך שוין דאָ פון זייערע הענד ניט אַרויסמאכען. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען און האָבען זיך דורכגעשפּארט דורכ'ן גאנצען געזעמעל, ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען הארט צו רעציע און זיינען געגאנגען נעבען איהר טריט ביי טריט, כדי זיא זאָל זיך ניט קענען פערבאָרגען פון זייערע אויגען. וויא דער קאראוואן האָט זיך אבגעשטעלט ביי'ן ברעג פון באספאָר, כדי זיך אריבער צושיפען אין סקוטארי, וואָס האָט בעדארפט געדויערן א רעכטע צייט, האָט דערווייליע קאדידזע אויספּייעט אויפצוזוכען דעם שייך־אול־איסלאם, וואָס האָט אויף דיעזען פאראד געשפּילט א גרויסע ראָלע, און האָט איהם דערצעהלט, דאָס רעציע מיט דעם יונגען פּרינצעל, וועלכע ער זוכט פון לאנג אָן און קען ניט געפינען, זיינען דאָ יעצט צווישען דיא פּיליגרימס און האָבען בדעה צוגלייך מיט אלעמען אָבצוּרייזען פון קאָנסטאנטינאָפּעל.

— און ווער ביזט דוא ?—האָט ביי איהר מיט א בייזע שטימע געפרעגט דער שייך־אול־איסלאם, ווייל איהם איז שטארק ניט געפעלען, וואָס א פרעמדע אָבגעריסענע פרוי ווייס פון אזא פּאָליטישע זאך, וואָס מען האָט בעדארפט האלטען פיר דעם גרעסטען סוד.

— איך בין קאדידזע, דיא וואהזאגערין,—האָט דיא ציגיינערין געענטפערט.

וויא דער שייך־אוג־איסלאם האָט דערהערט ווער זיא איז, איז ער געוואָרען ווייכער און האָט איהר פיעלע געדאנקט פיר דיא נאכריכט וואָס זיא האָט איהם געבראכט, וואָרום אין טערקיי האָבען אזעלכע פרויען דעם גרעסטען כבוד, אזוי וויא מיר האָבען שוין דאָס פריהער דערמאָנט, ער האָט איהר געגעבען א צעטעל צו דיא פּאָליציי־מעַנער, זיי זאָלען ארעסטירען דיא פּערזאָן, אויף וועמען זיא וועט זיי אָנווייזען.

11.

דער שרעקליכער אויפטראג.

סאדי האָט זיך זעהר אָבגעגעסען דיא הארץ, וואָס רעציע מיט סאלאדין זיינען מיט אמל פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איבער צו טראכטען, און איז געוואָרען איינגעפינסטערט פון דעם. ער האָט פערלאָרען זיין מוטה און האָט אויפגעהערט צו ווייזען א פרייע מינע. זיינע פריינד, צארא־בעי און האסאן, האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערן וואָס פון איהם איז געוואָרען. איין מאָל זיינען זיי צוגעשטאנען צו איהם, ער זאָל זיי זאָגען, פון וואָס ער קלעמט זיך אזוי פיעל. סאדי, וואָס האָט געהאט איין אָפענע נאטור, האָט זיי ענטדעקט דיא אורזאך, וואָס עס קריינקט איהם אזוי. זיינע פריינדע האָבען איהם געטרייסט, דאָס ער וועט זיך נאָך מיט רעד־

ציען בענגענען, און האָבען איהם פערשפּראָכען בעהילפיג צו זיין, איהר אויפצוזוכען.

אין א טאָג ארום, וויא דער קאַראַוואַן איז ארויס פון שטאָדט, האָט מען סאַדי׳ן גערופען צו זיין פאַלקאָווניק מאַחמעד־בעי, וואָס איז געוועזען דער נאַטשיילניק פון דיא האָפ־גוואַרדיע. ער האָט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך געבעטען זיטצען און גראַטולירט דערמיט, וואָס ער האָט אזא וויכטיגע שיטצערין (ד. ה. דיא פּרינצע־סין). ער האָט דערצו נאָך געזאָגט, דאָס ביי איהם אליין האָט סאַדי אויך פיעל חן געפונען.

— איך בין מיט דיר זעהר צופריעדען,—האָט זיך מאַחמעד־בעי צו איהם געווענ־דעט,—דוא ווייסט דיא דינסט און דוא האָסט כשר פערדינט דעם טשין, וואָס דוא האָסט אזוי שנעל בעקומען. איך האָב צו דיר א גרויסען צוטרויען. און דעריבער האָב איך דיר איינעם אויסגעקליבען פון אלע מיינע אָפיצירען פיר איין אויפטראַג וואָס מען דאַרף דערצו האָבען גרויסע פלינקהייט, גרויסע פאָרזיכטיגקייט און מען דאַרף קענען האַלטען א סוד, איהם אויסצופיהרען; מעהר וויא דיר קען מען אזא זאַך ניט אַנטרויען. איך האָף, דאָס דו וועסט די זאַך גוט אויספיהרען, און פיר דעם וועסט דו רייך בע־לוינט ווערען מיט געלד און מיט א טשין, ווייל אונזער רעגירונג ווייס וויא צו בע־לוינען איהרע טרייע און געשיידטע דינער.

— איך בין פערטיג צו דינען מיין גנעדיגען העררן אָהן אלע דיעזע פערשפּרעכונ־גען,—האָט סאַדי געענטפערט מיט א טיפע פערנייגונג,—אייער בעפעהל איז פאַר מיר הייליג וויא א געטליכער געזעטץ. געוויס וועט איהר פון מיר ניט פערלאַנגען א זאַך, וואָס איז איבער דיא מענשליכע קרעפטען. גענוג, איהר ברויכט מיר נאָר צו זאָגען וואָס דיא זאַך איז, און איהר קענט זיין זיכער דאָס איך וועל איהר שוין אויספיהרען.

— דאָס קען איך דיר יעצט אליין ניט זאָגען,—האָט איהם מאַחמעד־בעי געענט־פערט,—דאָס וועסט דו הערען ביי נאַכט פון דעם גרויסען מאַן מאַנזור־עפענדי, וואָס איז צוגלייך דער שעף פון אונזער רעגימענט. דוא וועסט איהם געפינען אין ראַטהס־קאַבינעט אין דיא רואינע, וואו דיא דערווישען האַלטען זיך אויף. מעהר וויא ער קען דאָס דיר ניט זאָגען, דעריבער געה וואָס צום גיכסטען צו איהם, וואָרום עס איז גאַנץ ווייט און עס ווערט שוין פינסטער.

סאַדי איז גלייך אריין אין שטאַל, האָט אויסגעקליבען דעם בעסטען פערד און איז אוועקגעריטען אין דיא רואינע. ער איז געקומען אהין פונקט צום צייט. דער שייך־אול־איסלאַם איז שוין געזעסען אין ראַטהס־קאַבינעט מיט אנדערע גרויסע לייט און ווייהאָבען זיך צוזאמען מישב געוועזען וועגען ענינים פון דער מלוכה. מעהר פון אלע

האָבען זיי געשפּראָכען פון רעציען מיט סאַלאדין, וואָס זיינען ביי זיי פון דיא הענה פערשוואונדען געוואָרען.

— איך פערשטעה ניט, וויא אזוי דאָס האָט געקענט געשעהען,—האָט געזאָגט האמיד־קאדי צו מאנזור־עפענדי,—איהר אליין האָט דאָך איהר געגעבען א פּאַפּיר צו דיא זשאנדארמען, זיי זאָלען ארעסטירען דעם מענשען, אויף וועמען זיא וועט זיי אָנווייזען און זיא האָט דאָך געוואוסט וואו דיעזע רעציע איז געשטאנען מיט'ן יונגען סאַלאדין.

— איך אליין וואונדער זיך אויף דעם. וואָס דארף מען, דאכט זיך, א בעסערען וועכטער וויא לאַצארוס, דיא פּרינצעסין ראָשאנע'ס האָפמייסטער, און ער האָט זיי אויך ניט געקענט איינהיטען, בשעת דיא ציגיינערין האָט איהם געלאָזען אכטונג צו געבען אויף זיי און זיא אליין איז געגאנגען בעטען ביי מיר הילפע. זאָגט איך, וואָס איהר ווילט, נאָר דאָס איז ניט אנדערש וויא שדים האָבען זיך דאָ אריינגעמישט...

ווי זיי האָבען דאָ אזוי גערעדט האָט מען געמעלדעט, דאָס דער קאפידזי־באשא סאדי דיא הענד!... מעהר פון אלץ פערדריסט מיר אויף דעם קליינעם סאַלאדין... ער וואָלט אונז זעהר צו ניטץ געקומען!...

וויא זיי האָבען דאָ אזוי גערעדט האָט מען געמעלדעט, דאָס דער קאפידזי־באשא איז געקומען און דער מאנזור־עפענדי האָט געהייסען מען זאָל איהם ארייגפיהרען. ווי סאדי איז אריין אין קאבינעט, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווער ער איז, און געזאָגט, דאָס איהם האָט געשיקט אהער מאחמעד־בעי איבערצונעהמען אויף זיך איין אויפטראג, וואָס ער איז פערטיג יעצט צו ערפילען.

— גוט, איך האָב אויף דיר געווארט,—האָט דער מאנזור־עפענדי געענטפערט,— מאחמעד־בעי, דיין פּאַלקאָווניק, האָט דיר פערלויבט פיר איין קלוגען אָפיציר, וועלכען מען קען אָנטרויען סעקרעטנע זאכען. איך ברויכע צו האָבען אזא'ן אָפיציר, דעריבער וועל איך דיר דערוויילע אויף א פּראָבע איבערגעבען וואָס עס איז. אויב דוא וועסט דאָס דורכמאכען, וויא געהעריג איז, וועל איך דיר מיט דער צייט איבערגעבען פיעלע אנדערע ענינים, וועלכע מען דארף האלטען בסוד, און דורך דעם וועסט דוא שטייגען פון טאָג העכער און העכער אן דיין דינסט.

דיא זאך איז אזוי,—האָט זיך דער מאנזור־עפענדי וויימער זיך אָבגערופען צו איהם,—אין א שמאָלע געסעל, דורך וועלכע מען געהט צום מארק, געפינט זיך איין אלטע האלב איינגעפאלענע הייזעל, וואו עס וואָהנט איין אלטע פרוי, איין אראבערין פון געבורט, מיט דעם נאמען האניפע. ביי דיעזער האניפע האלטען זיך יעצט אויף איין מיידכען מיט איין איינגעל פון [illegible]. דיא מיידכען הייסט רעציע, דער

אינגעל סאלאדין. איך ברויכע זייביידע צו האָבען, געה אהין אוועק און ברינג מיר זיי אהער.

מען קען זיך פאָרשטעלען וויא עס איז סאדי׳ן געוואָרען אויפ׳ן הארצען וויא ער האָט דערהערט דיא זאך וואָס מען פערלאנגט פון איהם. אָבער וויא עס האָט אין איהם געקאָכט דיא הארץ, האָט ער דאָס ניט ארויסגעוויזען פאר דעם מאנזור־עפענדי און האָט געזאָגט, דאָס ער איז גאנץ צופרידען פון אזא לייכטען אויפטראג, ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס מען וועט איהם הייסען טהאָן פיעל א שווערערע זאך. דער מאנזור־עפענדי האָט איהם אָבער גזעאָגט, דאָס דיעזער אויפטראג איז פיר איהם העכסט וויכ־טיג, און האָט איהם פערשפּראָכען א גוטע בעלאָהנונג, אויב ער וועט איהם אויס־פיהרען, וואָס ער פערלאנגט.

סאדי איז ארויס פון רואינע א צוטומעלטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן, וואו ער זאָל זיך ווענדען. אין עטליכע מינוט ארום האָט ער זיך אָבער בע־רוהיגט; ער האָט זיך איבערלייגט אין גדאנקען, אז דאָס איז גאָר א חסד פון גאָט, וואָס מען האָט גראָד איהם געהייסען אויפזוכען רעציע׳ן מיט סאלאדין׳ען און ניט קיין אנדערן. אין פאל אז מען וואָלט דאָס געהייסען א׳ן אנדערן טהאָן, וואָלט שוין געווען א סוף פון זיי ביידען, ווארום פון רואינע האָט זיך נאָך קיין ארעסטאנט ניט אומגעקעהרט א לעבעדיגער. ער האָט זיך בעשלאָסען זיי צו פערבאָרגען אין א זיכערען אָרט און צו זאָגען דעם מאנזור־עפענדי, דאָס ער האָט דיא ביידע פערזאָנען ביי דיא אלטע פרוי ניט געפונען.

ער איז גלייך אוועקגעריטען צו דעם הייזעל פון דיא אלטע האניפע און האָט אָנגעקלאפּט אין טיר. אויף זיין פראגע, וואו איז רעציע און דער קליינער סאלאדין, האָט איהם האניפע געענטפערט, דאָס עס איז שוין פון זיי א זכר ניט דאָ:

— זיא איז אוועק צוזאמען מיט דעם קאראוואן פילגרימען.

— דו זאָגסט ליגען, דו פירכטעסט פיר מיר, איך בין אָבער איהר בעסטער פריינד אין דער וועלט. איך שווער דיר ביי מאחמעד׳ס באָרד, האָב ניט קיין מורא און זאָג מיר דעם אמת וואו זיי זיינען פערבאָרגען. זיי האָבען גרויסע פיינדע, וואָס זיינען אויסען אויף זייערע ביידענס לעבען, און מעהר וויא איך אליין איז קיינער ניט אין שטאנד זיי צו העלפען און צו שיטצען. אלזאָ, אויב זייער לעבען איז ביי דיר טהייער זאָג מיר וואו זיי זיינען.

— און ווער זייט איהר, מיין העדר? —

— איך הייס סאדי; פיליכט האָסט דו פון איהר וואָס געהערט וועגען מיר? איך בין איהר איינציגער פריינד אויף דער ערד...

— זייט איהר דאָס דער סאדי? — האָט זיא זיך אָבגערופען מיט א וויי־

בערע שטימע, — מיר פערדריסט זעהר וואָס איהר זייט נעקומען צו שפּעט און האָט איהר פערזאמט. אָ! זיא האָט וועגען אייך זעהר פיעל גערעדט; זיא איז אויסגע־גאנגען זיך צו זעהען מיט אייך, ווייל זיא האָט אייך געהאט צו דערצעהלען פיעלע זאכען. א גרויסער פערדרוס, וואָס איהר האָט איהר פערזאמט. זיא איז אוועקגעגאנגען מיט'ן קאראוואן, ניט פון פרומקייט וועגען, נאָר כדי צו אנטלויפען מיט דעם קליינעם כאלאדין פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, וואו זיי זיינען ביידע ניט זיכער מיט'ן לעבען.

— און מיר פערדריסט דאָס נאָך מעהר וויא דיר, — האָט איהר סאדי גע־זאָגט — ווארום זיי זיינען אין קאראוואן ניט מעהר זיכער מיט'ן לעבען, וויא ביי דיר אין וואָהנונג. דער בעסטער און זיכערסטער אָרט וואָלט פיר זיי געווען ביי מיר אין הויז, וואו קיין לעבעדיגער נפש שמעקט קיין מאָל ניט אריין; צום אומגליק אָבער האָב איך איהר פערזאמט!

סאדי האָט נאָך געהאָפּט אָנצויאָגען דעם קאראוואן און דאָרטען אויפזוכען זיין געליבטע. ער האָט זיך איבער־א־נייס געזעצט אויף'ן פערד און האָט איהם פער־קעהרעוועט צום ברעג פון באָספּאָר. אָבער קוים וואָס ער איז אָבגעריטען עטליכע קלאַפטער פון האניפע'ס וואָהנונג, האָט זיך פיר איהם פּלוצלינג בעוויזען א ווילדע פיגור, אזוי וויא זיא וואָלט מיט א מאָל ארוים פון אונטער דר'ערד, און האָט איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען:

— סאדי! — האָט דיא פיגור געזאָגט צו איהם מיט א מורא'דיגע שטימע, — דו ווילסט אין קאראוואן אויפזוכען רעציע'ן מיט דעם קליינעם סאלאדין? ניין, ה, ווערסט זיי דאָרטען ניט געפינען. געה צום האפען פון סערייל; דאָרטען זיינען זיי ביידע פערבאָרגען אין דעם סולטאן'ס א קליינעם שיפעל. זיי אָבער העכסט פאָר־זיכטיג, ווארום א שרעקליכער פיינד איז אָנגעשטאנען אויף זייער לעבען.

— סאדי האָט זיך באלד ארומגעזעהן, דאָס מיט איהם רעדט ניט קיין אנ־דערער וויא דיא „גאָלדענע מאסקע". ער איז ארונטער פון פערד, האָט צונויפגע־לייגט דיא הענד אויף'ן הארצען און איז אזוי געבליבען שטעהן ביז וואנען דיא וואונ־דערבארע פיגור איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע אויגען. סאדי האָט אויפגע־הויבען דיא הענד געגען הימעל און האָט געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם דורך איינעם פון זיינע פערבאָרגענע שלוחים געגעבען צו וויסען, וואו עס געפינט זיך זיין געליעבטע און דער קליינער סאלאדין. ער איז גלייך אוועקגעטריבען צום האפען פון סערייל, וואו עס זיינען געשטאנען צעהנדליגע קייזערליכע שיפלאך. אפולע פון זיי זיינען געווען אלטע, וואָס מען האָט שוין לאנג ניט געניצט. סאדי האָט פערשטאַ־נען, דאָס אויב דיא גאָלדענע מאסקע האָט אמת געזאָגט, האָט זיך רעציע, וואָס איז געווען זעהר א קלוגע, געוויס בעהאלטען אין איין אלטע שיפעלע און ניט אין א נייע,

וואו מען קען איהר ניכער בעמערקען. אזוי איז אין אמת'ן געווען, און עס האָט קיין פולע ניט געדויערט ביז ער האָט אויפגעזוכט דעם שיפעל וואו רעציע און סאלאדין האָבעןביידע געשלאָפען אויף א ווייכע זאָפע אין א קאיוטע. דיא פריידע פון זיי אלע־מען וויא זיי האָבען זיך פלוצלונג דערזעהן, איז ניט צו בעשרייבען. אָבער אין עט־ליכע מינוט האָט רעציע אנגעפאנגען צו וויינען און צו ברעכען דיא הענד. וואו טוט מען מען זיך יעצט אהין ? וואו אנטלויפט מען פון דיא פיינדע וואָס היטען איהרע טריט? סאדי האָט איהר בערוהיגט.

— וועגען דעם דארפסט דוא ניט זאָרגען, — האָט ער צו איהר געזאָגט — איך פיהר אייך גלייך ביידען אוועק צו מיר אהיים. מיין וואָהנונג איז אין זעהר א שטילען אָרט, צווישען געדיכטע בוימער, וואו קיינער קומט קיין מאָל ניט אריין. מען קען אפילו ניט זאָגען דאָס מיין וואָהנונג איז זעהר א גרויסע, אָבער זיא איז גענוג פיר צוויי ליעבענדע און פיר איין אומגליקליכען עלענדען קינד, וואָס פיינדע ווילען אומברייג־גען פון דער וועלט. און פיר מיר, לא די וואָס איהר וועט מיר ניט מאכען ענג, וועט מיין וואָהנונג ווערען א גן עדן דורך דעם, וואָס איהר וועט ביי מיר וואָהנען. ווילסט דוא זיך פערלאָזען אויף מיינע רייד, נעהם איך אייך ביידען אָן פיר מיינע בעסטע געסט.

רעציע איז געווען פון דיעזען פלאן אזוי צופריעדען, דאָס זיא האָט איהם ניט גע־וואוסט וויא צו דאנקען פיר זיין גוטהערציגקייט. זיא איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האָט נאָר געקענט אויסריידען דיעזע ווערטער:

— בעסער מיט דיר אין גיהנום איידער מיט אן אנדערן אין גן עדן!....

סאדי האָט זיי באלד אריבערגעשיפט אויף דעם אנדערן ברעג פון באָספאָר און שטילערהייד געבראכט צו זיך אהיים. זיי האָבען זיך עטוואָס אבגערוהט און האָבען איי־נער דעם אנדערן דערצעהלט אלץ, וואָס מיט זיי האָט פאסירט פון דער צייט אָן ווי זיי האָבען זיך דעם לעצטען מאָל געזעהן. בשעת זיי האָבען שוין גוט אויסגערעדט זייערע הערצער, האָבען זיך דערמאָהנט דאָס זיי זיינען זעהר הונגעריג, און זיינען געגאנגען צום טיש, וואָס איז געווען בעדעקט מיט אלעם גוטען.

12.

גיפט פון אייפערזוכט.

מען האָט געמעלדעט דער פרינצעסין ראָשאנע, דאָס ביי איהר אין פאָרצימער שטעהט מאחמעד־בעי וועלכער פערלאנגט איהר צו זעהען. זיא האָט געהייסען, מען זאָל איהם ארייגפיהרען צו איהר, ווייל זיא האָט מיט איהם וואָס צו שפרעכען:

— איך גלויב, —האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, — דאָס איהר זייט דער קאָמאנדיער פון דעם קאפידזי־רעגימענט?

— גאנץ ריכטיג, — האָט ער געענטפערט מיט א טיעפע פערנייגונג.

—אלזאָ, דיענט אונטער אייך א געוויסער יונגער מאַן מיר׳ דעם נאָמען סאדי. עס וואונדערט מיר זעהר, וואָס איהר פערשטעהט ניט צו שעטצען דיא טאלענטען פון דיא לייט וואָס דיענען אונטער אייך. דיעזער סאדי איז נאָך מעהר וויא פּאָדפּאָרוציק, און ער האָט דיעזען טשין נאָר צו פערדאנקען דעם סולטאן אליין; איהר אָבער האָט נאָך ביז יעצט פיר איהם גאָר ניט געטאָהן !....

מאכמעד־בעי האָט פון לאנג אָן שוין געוואוסט, דאָס דיא פּרינצעסין איז זעהר גינסטיג און וואָהלגעניינגט צו סאדי, און דאָס זיא פערלאנגט ער זאָל בעקומען נייע טשינען און שטייגען פון טאָג; אָבער ער האָט איהר ניט געקענט צופריעדען שטעלען, ווייל ער האָט נאָך אויף זיך געהאט העכערע נאטשיילסטוואָ, וועלכע ער האָט אויך גע־מוזט צופריעדען שטעלען.

— עס איז גאַנץ ריכטיג, דאָס סאדי איז איין אויסגעצייכענטער יונגער מאַן. ער איז מיר זעהר ליעב און טהייער, און איך גיב איהם אימער דיא בעסטע רעקאָמאָנדאַ־ציעס. נאָך דיא טעג האָב איך איהם צוגעשאַרט איין אויפטראג פון דעם שייך־אול־איסלאם. ווען ער פיהרט אויס, וויא געהעריג איז, דיעזען אויפטראג וואָלט ער געשטי־גען און געשטיגען.

— און וואָס איז עס פיר אַן אויפטראג ? —האָט דיא פּרינצעסין געפרעגט.

— מען האָט איהם געמאכט אַן אויפטראג צו ארעסטירען א מיידכען, מיט דעם נאָמען רעציע, און א קליינעם אינגעל, וואָס באהאלט זיך ביי איהר. דיעזע רעציע איז דעם בעריהמטען אלמאנזאר׳ס א טאָכטער.

—א קליינער יונגע ? און דיעזען אויפטראג האָט איהם געמאכט דער שייך־אול־איסלאָם אליין ? און דיעזער קליינער יונגע געפינט זיך ווירקליך ביי רעציע ? — האָט דיא פּרינצעסין געפרעגט.

— דאָס איז מעהר וויא געוויס, — האָט מאחמעד־בעי געענטפערט, — עס איז אָבער צו בעדויערן, דאָס ער האָט זיי ביידען ניט געפונען און האָט דורך דעם פערלאָרען א גוטע געלעגענהייט צו בעקומען א העכערען טשין.

— וויא דיא מעשה איז, בעט איך אייך, איהר זאָלט טאָהן פיר דיעזען יונגען מאַן אלץ וואָס עס וועט נאָר זיין מעגליך. ערשטענס, איז ער דאָס ווערטה, ווייל עס איז זעל־טען צו געפינען נאָך אזא יונגען מאַן, און צווייטענס, האָט ער מיר געראטעט מיין לע־בען, ווארום ווען ניט ער וואָלט איך דערטרונקען געוואָרען אין דיא וועלען פון ים. איך האָב נאָך פיר איהם גאַנץ ווייניג געטאָהן און איך בין נאָך איהם א גרויסער בעל־חוב...

מאכמעד־בעי האָט איהר הייליג פערשפּראָכען, דאָס ער וועט טאָהן פיר סאדי אלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען, אזוי וויא דיא גינערינע פּרינצעסין פערלאנגט, און האָט פון איהר גענומען אבשיעד.

מען דארף אָבער ניט מיינען, דאָס דיא פּרינצעסין האָט זיך אזוי שטארק אינטערעסירט און אָנגענומען זיך פיר סאדי הויל צוליעב דעם, ווייל ער האָט איהר גערעטעט דעם לעבען און זיא האָט איהם געוואָלט דאפיר אָבדאנקען. ניין! דיא אמתע אורזאך איז געוועזן דאָס, וואָס זיא האָט זיך אין איהם פון ערשטען אויגענבליק אָן פערליעבט. דאָס איז אויך געוועזן דיא איינציגע אורזאכע, וואָס זיא איז דיא לעצטע צייט געוואָרען אזוי קאפּריזנע, דאָס קיינער פון איהרע דינערינען און שקלאפינען האָבען איהר ניט געקענט צוטרעפען. זי איז געוועזן שטערבליך פערליבט, האָט אָבער ניט געקענט ארויסווייזען דיא ליעבע און שטילען איהר ליידענשאפט און האָט זיך נאָר געקרענקט אין זיך,דעראיבער איז זיא אימער געוועזן אויף אלעמען אין כעס און איהרע דיענסטען האָבען שרעקליך געליטען פון דעם, ווייל איהר כעס האָט זיא אויסגעלאָזען צו זיי. ד י א דיענסט איז א פּוילערקע, די אנדערע שלאָפט צו פיעל; דאָס איז איהר שפּייז אָהן זאלץ, דאָס, —צו פיעל געזאלצען. און פיר אלץ האָט זיא בעשטראָפט איהרע דיענסטען, וואָס האָבען גאָר ניט געוואוסט, וואו עס ברענט. און עס איז איהר אויך ניט געוועזן צו פערדענקען, ווייל מען דארף קיין גרעסערע יסורים ניט, וויא צו ליעבען און ניט קענען צופריעדען שטעלען דיא ליעבע.

מעהר פון אלץ האָט איהר געקרענקט, וואָס סאדי האָט נאָך ביז אהער קיין מאָל זיך ניט בענוצט מיט דעם טהייערען פּרעזענט, וואָס זיא האָט איהם געגעבען, ד. ה. מיט דעם רינג, וואָס האָט געקענט עפענען פיר איהם אין אלע צייטען דיא טיהרען פון איהר פּאלאסט. יעדען מאָל, וואָס עס האָט זיך געעפענט דיא טיהר פון איהר קאַבינעט, פלעגט זיא אויפציטערן פון פרייד, דאָס סאדי איז געקומען, נאָר אין א מינוט ארום פלעגט זיא זיך ארומזעהען, דאָס זיא האָט א טעות, און עס פלעגט איהר נאָך ווערען שווערער דיא הארץ וויא פריהער.

באלד נאָך דעם, וויא מאחמעד־בעי איז פון איהר אוועקגעגאנגען, האָט זיא געהייסען ארייגרופען צו זיך איהר האָפמייסטער דעם גרעק לאצארוס. אין דיא גאנצע צייט וואָס זיא האָט געשפּראָכען מיט מאחמעד־בעי איז לאצארוס געשטאנען אין א צימער דערביי און האָט זיך איינגעהערט אלצדינג וואָס זיי האָבען גערעדט וועגען סאדי. דער מוח איז איהם ניט געוועזן אויסגעדארט ער זאָל ניט פערשטעהן וואָס דאָ איז פיר א מעשה צווישען ראָשאנע און סאדי, און דאָס האָט איהם נאטירליך גוט פערדראָסען. ער האָט זיך אָבער בעשלאָסען איהם צו בעגראָבען און האָט געוואַרט אָהן גדולה, מאחמעד־בעי זאָל נאָר אוועקגעהן. ער איז פּראָסט געשטאנען וויא אויף הייסע קוילען. צו זיין גרעסטע פרייד, האָט איהם יעצט דיא פּרינצעסין ארייגערופען.

— זאָג מיר, —האָט איהם ראָשאנע געפרעגט, — דוא האָסט אפשר דיא צייטען

געזעהען סאבי 3

— יא, איך האב איהם בעגעגנט, — האט ער איהר געענטפערט.

— וואס קען דאס זיין, וואס ער ווייזט זיך גאר ניט צו מיר? איך האב איהם ער־לויבט צו קומען צו מיר אהן זיך צו מעלדען, און דאך איז ער נאך ביי מיר קיין מאל ניט געוועזען פון דעם טאג אן, וואס ער האט מיר אבגעבראכט דעם פערגעסענעם דיוואן?

— וויא ביי מיר קומט אויס, — האט איהר לאצארוס געענטפערט — האט שוין דיא גנעדיגע פרינצעסין ניט צו האפען אויף דיזע עהרע פון איהם.... ניין, איהר דארפט זיך אויף דעם גאר ניט ריכטען, ווארום ער וועט אייך אימער אויסמיידען, אזוי וויא א פערברעכער מיידט אויס אן ארעסטאנטען הויז.....

— פון וואנען ווייסט דוא דאס? — האט זיא ביי איהם געפרעגט צושראקענער־הייד.

—איך זאג ניט, וואס איך האב געהערט פון אנדערע, וואס עס דוכט זיך מיר אב, ניין, איך האב דאס געהערט מיט מיינע אויערן פון איהם אליין; איך האב דאס געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען!.... ער האט א געליעבטע, וועלכע הייסט דיא שעהנע רעציע. א בליהענדעס מעדכען, וואס האט נאר אין שפיגעל איהר גלייכען. זיא איז א טאכטער פון דעם בעריהמטען אלמאנזאר, דעם ערקלעהרער פון אלקאראן. ער האט איהר שוין אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים און האט מיט איהר אין דער שטיל געהייראטעט, איך האב איהר אליין געזעהן ביי איהם אין שטוב. ער האט איהר פערשפראכען דאס א חוץ איהר וועט ער קיין אנדערע אין דער וועלט ניט ליעבען. „עס מעג אפילו זיין א פרינצעסין מיט מיליאנען", אזוי האט דיעזער דומער סאדי געזאגט צו זיין רעציע, און געוויס האט ער דאס געמיינט אויף אייך, גנעדיגע פרינצעסין. פיר אזעלכע רייד איז ער ווערטה בעשטראפט צו ווערען.... ווייטער האט ער זיך אנגענומען איהר צו שיצען מיט לייב און לעבען, איהר זאל קיין בייז ניט געשעהן. דאס אלץ האט ער איהר פער־שפראכען מיט זיינע הייליגע נאמנות פאר דעם אימאן אין דיא אויגען. דיעזער אי־מאן איז גראד איינער פון מיינע בעסטע פריינד. בקיצור, איהר דארפט זיך ניט ריכטען, דאס ער וועט ווען עס איז קומען צו אייך. דאס איז א גוטע לעהרע, דאס מען דארף זיך ניט איילען צו טאהן צו פיעל גוטס א מענשען, וואס מען קען ניט און מען ווייס ניט.....

דיא פרינצעסין איז געבליעבען שטעהן, וויא איינער, וואס מען האט פערמשפט אוף טוידט. עס האט זיך געביטען דיא קאלירען ביי איהר אויפ'ן געזיכט. יעדער נערוו האט אין איהר זיך געצוקט אזוי ווי נאך א שווערע אפעראציע. אזוי שלעכט האבען אויף איהר געווירקט דיא עטליכע טראפענס גיפט פון אייפערזוכט וואס לאצארוס האט אריינגעגאסען ביי איהר אין הארצען. מעהר וויא צעהן מינוט איז זיא געשטאנען וויא

א טוידטע. וויא זיא האָט וויעדער בעקומען קרעפטען צו שפּרעכען, האָט זיא געפרעגט ביי לאַצארוס:

— וואָס בעדייט, וואָס ער האָט איהר פערשפּראָכען צו שיצען מיט לייב און לעבען? האָט זיא דען אזוי פיעל פיינדע און געפינט זיך אין אזא גרויסען געפאהר, דאָס זיא ברויכט מען זאָל איהר שיטצען?

— וויא איך זעה נאָך אייערע רייד, ווייסט איהר גאָר ניט דיא גאנצע מעשה, וואָס האָט פּאסירט מיט סאדי, ניט לאנג האָט איהם מאנזור־עפענדי געשיקט ארעסטירען די־זע רעציע און דעם קליינעם סאלאדין, וואָס האלט זיך אויף ביי איהר, און ברענגען ביידען אין דיא רואינע פון דיא דערווישען. סאדי אָבער האָט זיי אנשטאָט אין די רוי־אינע געבראכט צו זיך אויפ'ן קוואטיר, ווייל רעציע איז איהם זעהר שטארק געפעהלען, און האָט רעפּאָרטירט דעם מאנזור־עפענדי, דאָס ער האָט זיי ביידען ניט געפונען, יעצט זעהט איהר שוין, דאָס ניט אומזיסט האָט ער איהר פערשפּראָכען צו שיטצען מיט לייב און לעבען. בעהיטע גאָט, ווען מען דערוויסט זיך דערפון, וועט מען איהם געוויס מאַ־כען מיט א קאָפּ קירצער....

— וואָס פיר א שרעקליכע געשיכטע! —האָט זיך אָבגערופען דיא פּרינצעסין— אזוי וויט זיך מפקיר צו זיין פיר א שיינעם מעדכען! איך וויל דאָס אנדערס ניט גלויבען, וואו איך וועל דאָס ניט זעהען מיט מיינע אויגען. וויא דוא זאָגסט, ווייסט דוא דאָך וואו סאדי וואָהנט, דעראיבער פערלאנג איך דוא זאָלסט מיך פיהרען צו איהם אין וואָהנונג, אום איך זאָל אליין זעהען זיי ביידען צוזאמען.

— אָ, יא! פון מיין זייט וועט קיין מניעה ניט זיין. אָבער פיר אייך איז דאָס א ביסעל א שווערע מעשה.דאָס מוז געשעהן זעהר פּאָרזיכטיג, ביי נאכט, און איהר דארפט אייך זעהר גוט פערקליידען, קיינער זאָל אייך ניט ערקענען. ווען ניט, וועט איהר גאָר ניט אויספיהרען, ווייל וויא איהר וועט זיך בעוויזען אין דיא שמאָלע געסעל, וואו סאדי וואָהנט, וועט דאָרט ווערען א ליארם, און איידער מיר וועלען קומען אויפ'ן אָרט, וועט שוין פון זיי ביידען דאָרט קיין זכר ניט זיין.

— איך בין בערייט צו טאָהן אלץ, וואָס דוא זאָגסט. — האָט זיא געענטפערט, — עס איז קיין זאַך פיר מיר ניט צו שווער אום נאָר זיך איבערצייגען אין דעם אמת!

אין אבענד האָבען זיי זיך ביידע פערקליידעט פיר דאָרפס־לייט און האָבען זיך אין א קליינע שיפעל אריבערגעשיפט אויפ'ן אנדערן ברעג. ווען זיי זיינען געקומען אין דעם עק שטאָדט, וואו זיי האָבען בעדארפט, איז שוין געווען גוט פינסטער. קיינער האָט זיי ניט בעמרקט, וויא זיי זיינען דורכגעגאנגען דיא שמאָלע געסעל, וואָס האָט געפיהרט צו סאדי'ס הייזעל. באלד זיינען זיי אריין אין אהויף, וואָס אין מיטען איז געשטאנען א שטאַרק געמויערטע הייזעל, געמאכט אין דעם אלטען פאסאָן, דיא ווענד זיינען געווען

נאָר אָהן פענסטער ; עס איז נור געווען איין איינציגער גרויסער פענסטער אין פלאַ־ כען דאך מיט א גאַלעריע ארום און ארום. אויפ'ן דאך האָט מען געקענט ארויפגעהן דורך שמאָלע טרעפּ. זיי זיינען פאַרזיכטיג ארויף אויפ'ן דאך און זיינען אין דער שטיל צוגע־ גאנגען צום פענסטער, וואָס איז דאמאָלס געווען אָפען עס זאָל אריינגעהן פרישע לופט. אין שטוב האָט געברענט א ליכטיגע לאמפּע און ראָשאנע'ס אויגען האָבען דערזעהן א סצענע, וואָס זיא האָט קיין מאָל ניט געגלויבט צו זעהען. רעציע איז געזעסען אויף איין אָטאָמאנקע נעבען סאדי, וואָס האָט איהר געהאלטען ארומגענומען און האָבען זיךביידע אָנגעקוקט מיט ליעבענדע אויגען. יעדע מינוט האָבען זיי זיך מיט זייערע ליפּען צוגעליינט איינער צום אנדערן, וויא טויבען. רעציע איז געווען בליהענד שעהן, וויא דיא געטין פון שעהנהייט. ער איז געווען מונטער און גליהענד וויא דער ליכטיגער טאָג. ראָ־ שאנע האָט נאָך אין איהר לעבען ניט געזעהן נאָך אזעלכע גליקזעליגע און ליבענדע גע־ זיכטער. איהר אייפערזוכט, וואָס איז שוין פריהער געווען גענוג גרויס, איז יעצט גע־ וואָרען שרעקליך. זיא איז געוואָרען פראָסט א צוקאָכטע און האָט זיך בעשלאָסען נוקם צו זיין פון זייביידען, און מעהר פון אלץ פון רעציען, וואָס האָט ביי איהר צוגענומען דיא הארץ פון איהר געליעבטען. ראָשאנע איז געווען אזוי אויפגעבראכט, דאָס זיא האָט דיא גאנצע נאכט איין אויג ניט צוגעטהאָן און עס האָט זיך איהר אימער פאָרגעשטעלט דיא סצענע וואָס זיא האָט געזעהן דורך דעם דאך פענסטער.

13.

דיא וואהרזאָגערין פון גאלאט.

דיא הויפּט שטראסע פון גאלאט, ניט ווייט פון באָספּאָרישען ברעג, איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קליינע נידריגע האלב איינגעפאלענע הייזלעך, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאלטען אלע שמוציגסטע און אומגליקליכסטע מענשען פון שטאָט, גנבים, צי־ גיינער, פאָקוסניקעס, בעטלער, פריילינכע מיידכען'ס און דערגלייכען. ווער עס פאלט אריין אין דיעזע גאס, דער איז ניט זיכער דאָס מען וועט איהם ניט ארומרייסען, און דאנקט גאָט דאָס ער קעהרט זיך אום א לעבעדיגער. איין מאָל פון אבענד איז צווישען דיא איינוואָהנער פון דיעזע גאס מיט א מאָל געוואָרען א גרויסער לארם. עס האָט זיך געהערט קולות : „א שרפה ! א שרפה !" מען האָט דערזעהן דאָס עס ברענט אין סקוטאַ־ רי, ניט ווייט פון דאָרטען, און מען האָט אָנגעפאנגען צו פויקען, טראָמייטערן, שיסען מיט הארמאטען. דאָס זיינען די סיגנאלען מיט וועלכע עס איז דאָרטען איינגעפיהרט אָנצוזאָגען דיא איינוואָהנער זיי זאָלען זיך צוגרייטען מיט אלע לעש אינסטרומענטען, אום אייצוהאלטען דיא שרפה. באלד איז דער הימעל געוואָרען רויטה וויא בלוט, א סמן דאָס דער פייער האָט זיך געשטארקט.

קיין שטאָדט ליידט ניט אזוי פון שרפות וויא קאָנסטאנטינאָפּעל, וואו דאָס רוב

הייזער זיינען הילצערנע. דעריבער איז דאָרטען איינגעפיהרט בשעת א שרפה, ניט צו לעשען דאָס הויז וואָס ברענט, נאָר אָבצוהאַלטען דאָס פייער, ער זאָל זיך ניט אָנחאַפּען אין דיא ארומיגע הייזער. דערצו האָט מען דאָרט א פּראָסטען מיטעל, נעהמליך, מען וואַרפט איין דיא הייזער, וואָס שטעהען דערביי, דער פייער זאָל ניט האָבען ווייטער וואו צו געהן. אויף דעם מאָל וואָס מיר בעשרייבען, האָט זיך דיא שרפה בעגנוגענט מיט איין הייזעל און האָט זיך פון זיך אליין איינגעלאָשען. דער עולם, וואָס איז צונויפגעלאָפען אויף דיא שרפה, איז כמעט פאנאנדער געגאנגען; נאָר דער לארם איז נאָך געווען גענוג גרויס, אנדערע זיינען געלאָפען אהין, אנדערע אהער, דיא האָבען געפרעגט, יענע האָבען געענטפערט, אזוי וויא עס געהט אלע מאָל צו אין אזעלכע פעלע. מיטען דעראינען האָט מען דערהערט שרייענדיג א ביטערן קול:

„רעטעט! רעטעט! ער וויל מיך טעדטען!“

הא? וואו? וואָס? — איז געווען שווער צו דערגעהען, ווארום עס איז שוין געווען גוט פינסטער. באלד האָט מען דערזעהן א מענש, א געזונדטען קערל, וואָס איז געלאָפען מיט א מעסער אין האנד און האָט געסטראשעט יעדערן צו דערשטעכען אויפ׳ן אָרט, ווער עס וועט נאָר סמייען צו געהן צו איהם. בשעת מען איז צוזאמען געלאָפען מיט לאנטערנעס, האָט מען דערזעהן, דאָס דיעזער קערל איז געשטאנען נעבען א בעשעפיניס, וואָס האָט כמעט ניט געהאט קיין צורה פון א מענש און איז געווען צובלוטיגט און שרעקליך צושלאָגען. זיא האָט זיך איינגעשצעמעט אין דעם קערל מיט דעם מעסער און האָט געשריען:

„רעטעט מיך! ער האָט אונטערגעצונדען און יעצט וויל ער מיך ערמאָרדען!“ —

ער אָבער האָט געשריען פערקעהרט, דאָס זיא האָט אונטערגעצונדען און האָט איהם פערבייגעהענדיג אָהן רחמנות געשלאָגען.

אויפ׳ן לארם זיינען געקומען קאוואסען (פּאָליציי־סאָלדאטען) און האָבען דעם ווילדען קערל געוואָלט ארעסטירען, ער אָבער האָט אויסגעשטעלט דעם מעסער און האָט א געשריי געגעבען:

— ווער עס איז ליעב זיין לעבען, דער זאָל ניט סמייען א האנד ארויפלייגען אויף מיר, ווארום איך וועל איהם געוויס שטעכען! זעהט איהר דען ניט, דאָס איך בין ניט דער אונטערצינדער, נאָר דיעזע פערזעהענים, דיא מכשפה, דיא גנאָמידע?....

— אָ! מיר קענען איין בײדען, — האָבען זיך זייטיגע מענשען ארייגעמישט, — דוא ביזט לאצארוס, דיא פרינצעסין׳ס האָפמייסטער, און זיא איז סירא, דיא וואהרזאָגערין קאדירזע׳ס טאָכטער, זיא טהוט קיינעם קיין בייז ניט..

אין דעם גניא זיי האָבען דאָ אזוי צווישען זיך געצאנקט, איז אָנגעפאָהרען א פּאראד־

נע קארעטע מיט צוויי פערשלייערטע דאמען. איינע איז געוועזן דיא סולטאנשע וואלידע, דיא אנדערע איהר עקאָנאָמקע.

וויא לאצארוס האָט דערזעהן דיעזע קארעטע, האָט ער זיך געווענדעט צום נאראָד, וואָס איז געשטאנען ארום איהם, און האָט א געשריי געטאָהן :

— טרעט אָב! אָן א זייט! דיא סולטאן'שע פאָהרט! רעספעקט פאר איהר מייס־טעט.

דיעזע ווערטער האָבען געווירקט אזוי וויא א כשוף אויף דעם נאראָד און א פשיטא אויף די קאוואסען, ווארום א חוץ דעם וואָס וואלידע איז געוועזן דעם סולטאן'ס מוטער האָט מען איהר גלאט ליעב געהאט, ווייל זיא איז געוועזן א גרויסע בעל צדקה. דער נאראָד האָט גלייך געמאכט פיר איהר א וואַ־ע, האָט אָבגעטראָטען אָן א זייט און געפא־לען אויף דיא קניע.

— וואָס איז דאָס פיר אלארם ?— האָט זיא געפרעגט מיט א בייזע מינע ביי דעם אָבער קאוואס, וואָס איז צוגעלאָפען צו איהר.

זיא איז געוועזן אין כעס ווייל איהרע פערד האָבען זיך דערשראָקען פון סירא, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד, און האָבען איהר נאָך א האָר ניט ארויסגעוואָרפען פון קא־רעטע. בשעס דער קאוואס האָט איהר דערצעהלט, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען, האָט זיא געהייסען איהר נעגער סעלים'ן, וואָס איז געזעסען ביי איהר פון הינטען, ער זאָל נעהמען סירראן אויף דיא הענד און נאָכטראָגען הינטער איהר קארעטע, וואָס איז פון דאָרטען אועקגעפאָהרען צו סירראַ'ס מוטער, צו דיא וואהרזאָגערין קאדידזע. דער גרעק לאצארוס איז דערווייל אין דער שטיל אנטלאָפען געוואָרען. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער אונגליקליכער שטרייט צווישען די שוואכע סירא און דער גבר לאצארוס.

וויא וואלידע איז שוין געוועזן אין העלפט וועג, האָט זיא דערהערט א ביטערן גע־וויין מיט טרויעריגע ווערטער, אזוי וויא פון א מוטער, וואָס בעדויערט איהר קינד. וואלידע האָט זיך גוט איינגעהערט און האָט דערקענט אָן שטימע, אז דאָס וויינט קא־דידזע. זיא האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט איהר געהייסען צו רופען צום קארעטע, וויא זיא איז צוגעגאנגען האָט איהר דיא סולטאנשע אָנגעפאנגען צו טרייסטען :

— וויין ניט און קלעם זיך ניט, — האָט זיא צו איהר געזאָגט, — דוא האָסט געוויס געהערט, דאָס מען האָט ערמאָרדעט דיין טאָכטער ?... זיא לעבט אָבער, מיין לאקיי סעלים טראָגט איהר הינטער מיין קארעטע. אזוי וויא איך פאָהר יעצט סיי וויא סיי צו דיר, האָב איך איהם געהייסען ער זאָל איהר פאר איינס מיטנעהמען.

— אויף אזא גרויסע געפעלינקייט, האָב איך זיך קיין מאָל ניט געריכט פון דיר, האָט זיך אָבגערופען דיא שיינערין מיט א טיעפע פערנייגונג — דאָס וואלט אפילו א פראָסטע פרוי ניט געטאָהן... און דערצו נאָך צו געהען בעזוכען איין ארימע [illegible]

פרוי, וויא איך... ניט אומזיסט זאָגען דיא חכמים, דאָס וואָס דער מענש איז גרעסער, האלט ער זיך אלץ ביי זיך קלענער....

— הלואי וואָלט איך דיין דאנק אין אמת'ן פערדיענען, — האָט דיא סולטאנשע געזאָגט, — ווארום איך בין נאָך ניט זיכער, צו זיא לעבט, זיא איז געוועזן אזוי צובלוטיגט און צו שלאָגען.... פול מיט וואונדען.....

— דאָס איז פיעל גלייך, צו זיא לעבט, צו זיא איז טויט.... און אין אמת'ן זאָגענדיג, איז פיר איהר דער טויט פיעל גלייכער וויא דער לעבען, ווארום זיא איז דאָך ניט א קינד וויא אלע; זיא ווייזט מעהר אוים וויא אן אבעזיאַנע איידער א מענש. ווער עס דערזעהט איהר, דער קען זיך ניט איינהאלטען פון געלעכטער, דערצו איז זי נאָך א גרויסער עקשן און פאָלגט ניט. איך האָב פון איהר געהאט מעהר יסורים וויא נחמה... נאָר פון דעסטוועגען בין איך דאָך פאָרט א מוטער, און מיין הארץ איז מיר געוואָרען צובראָכען, וויא איך האָב דערהערט, דאָס מען האָט איהר אזוי בעליידיגט. וויא דיא מעשה איז, דאָס וואָס דוא האָסט געטאָהן איז א גרויסער חסד, וואָס איז נאָר מיגליך פון אזא גנעדיגע הארץ וויא דיינע.

אין איניגע מינוטען ארום איז אונטער געגאנגען סעלים און האָט איבערגעגעבען קאדידזען איהר טאָכטער.

— גרויסער גאָט! — האָט דיא ציגיינערין א געשריי געטאָהן, — זיא איז דאָך טוידט! וואָס איז דאָ מיט איהר געשעהן? נאָר מסתמה איז דאָך אזוי בעשערט פון גאָט! יא, איהר טוידט איז פיעל גלייכער פיר אונז ביידען. איך בין אויף גאָט ניט בייז: איך בין גאָר רוהיג.... האָט זיא עט ליכע מאָל געזאָגט.

—אז איך האָב דיר שוין יא בעגעגנט, — האָט זיך דיא סולטאנשע אָבגערופען צו דיא ציגיינערין. — זעטץ זיך אריין צו מיר און פאָהר גלייך מיט מיר צו דיר אהיים, ווארום דוא האָסט א טעות, ווען דוא גלויבסט, דאָס איך האָב דיך גלאט געוואָלט בעזוכען. ניין, איך האָב מיט דיר צו שפּרעכען וועגען א וויכטיגע זאך אונטער פיער אויגען.

קאדידזע האָט זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען און האָט זיך גלייך אריינגעזעצט אין קארעטע אין א ווינקעלע לעבען דער עקאָנאָמקע. סעלים מיט סיררא, וואָס מען האָט פערעכענט פיר טוידט, האָט גענומען פּלאטץ פון הינטען, וואו דיא לאקייען זיצען געוועהנליך, און דיא קארעטע איז געפאָהרען ווייטער. וויא זיי זיינען געקומען צו קאדידזען אהיים, האָט מען סיררא'ן אוועקגעלייגט ווי א געשטאָרבענע אויף שטרוי אין א קליין בעטעל וואָס איז געשטאנען אין א ווינקעל, און וואלידע מיט דיא ציגיינערין זיינען אריינגעגאנגען צו איהר אין קאבינעט. דאָס איז געוועזן א שמוציגער צימער, וואו עס איז אויף יעדער זאך געלעגען אָרעמקייט און קבצנות, ווארום קאדידזע איז געוועזן שרעק־

ליך קארג, און חאָטש זיא האָט אפולע פערדיענט פון איהרע קונדען, פלעגט זיא כמעט קיין מאָל א גראָשען ניט אויסגעבען אויף זיך. דיא סולטאנשע מיט דער ווירטהין האָבען זיך געזעצט אויף שמוציגע מאטראצען. דיא סולטאנשע׳ס עקאָנאָמקע און דיא איבריגע דינער זיינען געבליעבען אין פאָרצימער.

— יעצט זיינען מיר דאָ גאנץ אליין, — האָט זיך קאדידזע אָבגערופען צו דער סולטאנשע, — און איהר קענט שפרעכען, וואָס איהר פערלאנגט.

—איך פערלאנג פון דיר, — האָט איהר וואלידע געענטפערט, — דו זאָלסט מיט אלע מעגליכקייט אין דער וועלט בעקומען אין דיינע הענד דעם קליינעם סאלאדין. ער איז געבאָרען פון אזא פרינץ, וואָס נאָכ׳ן זאקאָן טאָר ער גאָר ניט האָבען קיין קינדער. (נאָך דיא טערקישע געזעצע, מעגען דעם סולטאן׳ס ברידער נעהמען דוקא אזעלכע ווייבער, וואָס קענען ניט האָבען קיין קינדער, כדי עס זאָלען ניט זיין אפולע פרינצען, וואָס האָבען זכות אויף׳ן טראָהן). דו האָסט מיר שוין אפילו געזאָגט, וואו דיזער קליינער יונגע געפינט זיך, אָבער צום אונגליק איז ער שוין דאָרטען ניט דאָ.

— און איהר זייט אליין שולדיג, וואָס איהר האָט איהם פערזאמט, — האָט קאדידזע געענטפערט — ער איז אָבער געוויס ערגעץ דאָ, און איך וועל טאָהן, וואָס איך וועל נאָר קענען, איהם אויפצוזוכען. איך וויים, דאָס ער דארף ניט לעבען ; דאָך קענען מיר אלע מיט איהם גאָר ניט מאכען, ווייל איהם שיטצט אזא מאכט, וואָס איז שטארקער פיר אונז אלעמען צוזאמען; א מאכט, וואָס ווירקט אין דער שטיל, און מען וויים ניט, ווער זיא איז און וואו זיא איז, און איז דעריבער העכסט געפעהרליך פיר דיא גאנצע מלוכה און פיר דיין פאמיליע. דיעזע מאכט איז דיא גאָלדענע מאסקע, וואָס האָט זיך איבער א נייעס בעוויזען און האָט אָנגעפאנגען זיך ארייננמישען אין פאָליטישע ענינים.

— צום בעדויערן האָב איך שוין אויך געהערט דערפון. מיין נעגער סעלים זאָגט, דאָס ער האָט איהם אליין געזעהן ; איך ווער דערפון גראה און אלט . . . . אָבער ווער איז זיא דיעזע ג אָ ל דע נ ע מ א ס ק ע ? וואָס וויל זיא ?

— ווער זיא איז וויים איך ניט,—האָט קאדידזע געענטפערט,—אָבער דאָס וויים איך גאנץ גוט, דאָס וואו זיא בעוויזט זיך מאכט זיא א גרויסען רושם . . . און דאָס זיא געהערט צו אייערע גרעסטע פיינד. מיר האָבען שוין דאָס וויפיעל מאָהל איינגעזעהן.

—טוה זאָל מען איהר פאקען און מאכען א סוף מיט איהר ! . . . .

— ניין, מיין גנעדיגע סולטאנשע ! דערמיט וואָלט איהר זיך נאָך אָנמאכען גרעסערע צרות . . . . גוט, איהר וועט איהר היינט ערמאָרדען, אָבער מאָרגען וועט זיא קומען איבער א נייעס און וועט זיך נוקם זיין, און אָנשטאָט איין גאָלדענע מאסקע, קענען קומען צוויי . . . מיט א יאָהר צעהן צוריק האָט זיא זיך בעוויזען אין קאאירא, און עס

האָט ניט געדויערט קיין פיעלע טעג, וויא דאָרטען האָט זיך אָנגעפאנגען דיא גרעסטע פעסט (מגפה)! איך האָב איהר דאמאָלס אליין געזעהן. מיט א יאָהר זיבען צוריק האָט זיא זיך בעוויעזען אין פערא (א פאָרשטאָט פון קאָנסטאנטינאָפעל), וואו עס וואָהנען נאָר קריסטען און דיא געזאנדטע פון פרעמדע קעניגע, און גלייך נאָך דעם איז דאָרטען געוואָרען א גרויסע שרפה. אוןביידע מאָהל איז דאָס געשעהן, ווייל מען האָט איהר ארייננעבראכט אין כעס; אזוי האָבען אלע געזאָגט. דער מיאטעזש, וואָס איז געווען אין קאָנסטאנטינאָפעל פאר א יאָהר צוואנציג, איז אויך געווען איהר ארבייט. מיט עטליכע טעג פאר דיעזען מאטעזש האָט מען איהר בעגעגענט אין פיעלע ערטער פון שטאָדט, און דער שייך־אול־איסלאם האָט איהר געהייסען פאנגען און אראָבנעהמען דעם קאָפּ. מען האָט איהר ווירקליך געפאקט און געטוידט און מען האָט זיך שוין געפרעהט, דאָס מען איז פון איהר פטור געוואָרען: אָבער דיא שמחה איז ניט געווען אויף לאנג, ווארום איידער מען האָט איהר אוספייעט צו בעגראָבען, איז זיא פערשוואונדען געוואָרן, און אין א קורצע צייט ארום האָט זיא זיך ווידער בעוויזען, אזוי וויא גאָר ניט איהר האָט מען עס געמיינט.

קאדידזע'ס ווערטער האָבען געמאכט אויף וואלידע א גרויסען איינדרוק. עס איז איהר אריבער א קעלט איבערן לייב, ווייל זיא האָט געגלויבט אין אלע נארישקייטען אין דער וועלט און האָט אָנגענומען קאדידזע'ס פלוידעריי פיר גוט געלד.

— פון דעסטוועגען אָבער, — האָט זיך אָנגערופען דיא סולטאנשע נאָך דעם וויא זיא האָט עטליכע מינוט געשוויעגען, — וויא דיא מעשה איז, מיר דארפען טאָהן וואָס מיר פערשטעהען, דוא דערגעה מיר נאָר וואו עס געפינט זיך דער קליינער סאלאדין, און ווייטער איז שוין מיין זאך, געוועהנליך וועסט דוא בעקומען א מתנה כיד המלך און וועסט צופריעדען זיין, דער ווילע, זיי געזונד! —

וואלידע איז אוועק פון דיא ציגיינערין מיט מעהר הארצקלעמענים וויא זיא איז צו איהר געקומען.

14.

דריי לייבגוואַרדייצעס.

אין איינינע טעג ארום נאָך דעם, וויא דיא סולטאנשע האָט בעזוכט דיא ציגיינע־רין, זיינען אויפ'ן הויפּט־וואך פון סעראיל געזעסען דריי יונגע אָפיצירען, וואָס האָבען געדיענט אין רעגימענט קאפּידזי־פּאשא. איינער פון זיי האָט געהייסען צארא־בעי; ער איז ארויסגעקומען פון גאנץ רייכע עלטערן, וואָס מען האָט געקענט זעהן אָן זיינע טהייערע רייכע קליידער. דערצו איז ער געווען זעהר א שעהנער און האָט געהאט א הויכען, א פיינעם וואוקס. לעבען איהם איז געזעסען אנאנדער אָפיציר, מיט דעם נאָמען האַ־סאן־פּאשא, ער איז געווען פון געבורט א טשערקעס, נאָר ער האָט זיך שוין פון לאנג

אָן בעזועצט אין קאָנסטאנטינאָפעל, וואו ער האָט שטודירט אין א מיליטער שוהל. ער איז געוועזן פיעל אינגער פון צארא־בעי; אז פיעל איז ער אלט געוועזן פיער און צוואנציג יאָהר. זיין בליק איז געוועזן אונפריינדליך און אויף זיין געזיכט איז געלעגען, אז דאָס איז א מענש וואָס איז בערייט אויף אלץ. דער דריטער פון דיעזע אָפיצירען, דער אינגסטער און שענסטער פון אלעמען, איז געוועזן אונזער אלט בעקאנטער לייטענאנט סאדי. אָבער פון דער צייט אָן, וויא מיר האָבען זיך דערקענט מיט איהם צום ערשטען מאָל, ביז יעצט, האָט ער זיך זעהר שטארק געענדערט. אויף זיין געזיכט איז שוין געוועזן קענמיג, דאָס דיעזער יונגער מענש האָט שוין געהאט אויף זיין לעבען אפולע דאגות און צרות.

— אזוי האָט אין איין שטונדע אָבגעברענט דיין גאנצע הויז? — האָט האסאן געפרעגט ביי סאדי. — אין איין שטונדע?

— יא, און מעהר איז צו בעוואונדערן, דאָס מעהר וויא מיין הויז האָט ניט אָבגעברענט, — האָט סאדי געענטפערט.

— דאָס טהוט מיר זעהר לייד, — האָט זיך ארייננגעמישט צארא־בעי, — בפרט אין יעצטיגע צייט, וואָס מען צאָהלט אונז ניט וויא געהעריג אונזער געהאלט.... נאָר קלעם זיך ניט. ווען דוא וועסט נאָר האָבען נייטיג, איז פיר דיר אָפען מיין פּאָרט־מאָנע, צו וועלכען דוא קענסט געהן אזוי וויא צו דיין אייגענעם.....

— איך דאנק דיר פון גאנצען הארצען פיר דיין פריינדשאפט, — האָט איהם סאדי געענטפערט, — אָבער דוא מעגסט זיין זיכער, דאָס איך וועל דיר ניט שטארק דערעסען. ערשטענס, פערשטעה איך אויסצוקומען מיט וויניגען; צווייטענס קימערט מיך גאָר ניט אזוי שטארק דער שאָדען פון די הויז אזוי ווי איהר מיינט; איך וואָלט גאָר ניט גערעדט וועגען דעם, ווען דיא שרפה וואָלט מיר ניט געבראכט אן אנדער שאָדען, וואָס איז פיר מיר א סך גרעסער וויא הונדערט הייזער. ביי מיר אין וואָהנונג איז געוועזן פערבאָרגען רעציע מיט דעם קליינעם סאלאדין, וועלכע מאנזור־עפענדי און דיא וואָס האלטען מיט איהם ווילען אומבריינגען פון דער וועלט, נאָך דער שרפה זיינען זיי ביידע ניט געוואָרען, און איך ווייס ניט, וואו זיי זיינען אהין געקומען. איינס פון דיא ביידע, אָדער זיי זיינען פערברענט געוואָרען, אָדער מען האָט זיי בעמערקט און מיט גוואלד אוועקגעפיהרט פון מיר, אזוי צו אזוי זיינען זיי ביידע פערלאָרען, און איך ווייס ניט וויא איך וועל דאָס איבערלעבען......

— איך געה מיט דיר אין געוועט, — האָט צארא־בעי געזאָגט, — דאָס דיא שרפה איז ניט געוועזן פון זיך אליין; דאָס מאנזור עפענדי אָדער האמיד־קאדי האָבען בכיון אונטערגעשיקט ועמען ער זאָל דיר אונטערצינדען....

— שא! — האָט זיך ארייננגעמישט האסאן, — פערגעסט ניט, דאָס דערוויילע זיי־

נען זיי אונזערע נאטשאלניקעס.... נאָר אויב דיא מעשה איז אזוי וויא סאדי זאָגט, זיינען געווים זיינע געסט שוין פערלאָרען. פערגעסט ניט ווער דיזער קליינער סאלאדין איז. ער איז דאָך דעם פרינץ מוראד'ס געליעבטער זוהן, ד. ה. ער איז דער נאסלעדניק פון טראָהן: דערצו איז ער דעם יעצטיגען סולטאן'ס א פלימעניק, און עס גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיי ווילען פון איהם פטור ווערען....

—מיין מיינונג איז אויך אזוי, — האָט סאדי געזאָגט, — דאָס דיא שרפה איז זייער ארבייט, און דעריבער האָב איך מיך בעשלאָסען ארויסצוטרעטען פון דיעזען רעגימענט, וואָס האָט אויף זיך אזעלכע נאטשיילניקעס, און וויל בעסער אין אן אנדער רעגימענט דיענען פיר א פראָסטען סאָלדאט איידער דאָ צו זיין אן אָפיציער.

— דוא ביסט גאנץ גערעכט — האָט זיך אָבגערופען צו איהם האסאן, — איך וויל אויך ניט בלייבען דיענען אין דיעזען רעגימענט, וואָס איז אין דער שטיל דער גרעסטער פיינד פון אונזער סולטאן.

איך בין אויך מסכים מיט אייך, — האָט געזאָגט צארא־בעי — איך בין אויך מסכים, דאָס דער וואָס האָט א געוויסען דארף ניט דינען אין א רעגימענט, וואָס ווינשט בייז אונזער קייזער, וועלכען מיר האָבען געשוואָרען צו דיענען טריי מיט לייב און לעבען נאָר גענוג וועגען דעם צו ריידען. אָט, זאָג מיר בעסער סאדי, צו דוא האָסט נאָך דער שרפה גוט געזוכט אין אלע ווינקעלאך ?

— יא, איך האָב אומעטום געזוכט,עס איז אָבער אין ערגעץ ניט געוועזן פון זיי א זכר צו געפינען, צום אונגליק, בין איך ניט געוועזן צו הויז, וויא עס האָט אָנגעפאנגען דיא שרפה, און איך ווייס גאָר ניט וויא דאָס האָט געשעהן.

— ווען אזוי קומט ביי מיר אויס דאָס זיי זיינען ניט פערברענט געוואָרען, ווארום ווען יא, וואָלט דאָך עטוואָס פון זיי געבליעבען! ניין, מען האָט זיי זיכער אוועקגעפיהרט, און דיא שרפה האָט מען נאָר געמאכט צו ליעב דעם, עס זאָל ווערען א טומעל, כדי מען זאָל זיי קענען אוועקפיהרען אָהן גערויש, און כדי זיי זאָלען מיינען, דאָס מען נעהמט זיי ניט אין געפענגנים, נאָר מען רעטעט זיי פון פייער.... דיעזער פלאן האָט זיך איינגעגעבען, און יעצט האָט מען זיי ביידען ערגעץ וואו ארעסטירט, אָבער זיי לעבעןביידע, זיי רוהיג, אלזאָ דארפסט ניט פערליערען קיין האָפנונג, ווארום זיי מעגען אפילו זיין אונטער דער ערד וועלען מיר זיי בעפרייען, עס קען מיר קאָסטען מיין לעבען !....

— און איך שטעה אויך צו, — האָט זיך אָנגערופען צארא־בעי — זיי האָבען געגעבען איינער דעם אנדערן דיא הענד און האָבען געשוואָרען זייערע נאמנות, דאָס זיי וועלען בעפרייען סאדי'ס געליעבטע, עס מעג זיי אפילו קאָסטען דער לעבען.

וויא סאדי האָט נאָר אויסגעפיעט צו ענטפערן אויף זייער שבועה אמן, האָט זיך

[illegible]

זיי אלעמען איינגעפאלען דיא דמים פון דעם געדאנק, אפשר האָט ער זיך איינגעהערט אין זייער געשפּרעך.

— איז דאָ ניט דאָ אייער פּאָלקאָווניק מאחמעד־בעי? — האָט דיזער אונגעריכטער גאסט ביי זיי געפרעגט, — דער סולטאן דארף איהם זעהר נויטיג האָבען, ער האָט פיר איהם א וויכטיגען אויפטראג.

— ער איז גראָד יעצט ניטאָ, — האָט איהם צארא־בעי געענטפערט, — אָבער מען קען איהם שיקען רופען אויב איהר פערלאנגט.

— ניין, דאָס וועט פיעל דויערן; אין א נויטה, וואָלט אויך גוט געווען דער דע־זשורני.

— דער דזשורני בין איך — האָט צארא בעי געענטפערט.

—טו געהט מיט מיר, ווארום דער סולטאן האָט אזוי בעפאָהלען, ווייל עס איז ניט אזא זאך, וואָס מען קען אָבלייגען אויף שפּעטער.

זיי זיינען ביידע גלייך אוועקגעגאנגען צום סולטאן, וואָס איז דאמאָלס געווען ביי זיין מוטער וואלידע. איהרע עצות זיינען ביי איהם אימער געווען טהייערער און וויכטי־גער וויא די עצות פון זיינע וויזירען, און אין אלע וויכטיגע זאכען פלעגט ער זיך מיישב זיין מיט איהר און טאָהן, וואָס זיא האָט געוואָלט. בשעת צארא־בעי איז אריין צו איהם אין קאבינעט, איז ער געזעסען לעבען א קליין טישעל, וואָס איז געווען בעדעקט מיט פערשיעדענע פּאפּירן. ער האָט אויסגעזעהן גאנץ בלייך און פערזאָרגט. —

— דו ביזט היינט דער דעזשורני? — האָט איהם דער סולטאן געפרעגט,— צארא־בעי האָט זיך טיעף פערנייגט און געענטפערט:

— יא, — אייערע מאיעסטעט!

— איך וויל דיר אָנטרויען איין אויפטראג, אָבער דו מוזט האָבען צו זיך נאָך צוויי קאמעראדען, אזעלכע וויא דו, ד. ה. וואָס האָבען ניט קיין לאנגע צינגער און קענען האלטען סוד, וויא דו. דו ביזט דאָך, מיר שיינט, עסאדי־אגי'ס א זוהן? דיין פאָטער, וואָס איז יעצט דער גובערנאטאָר פון סמירנא, איז א מאָל געווען מיין סעקרעטאר.

— גאנץ ריכטיג, אייערע מאיעסטעט! — האָט צארא־בעי געענטפערט.

— זעהר גוט, — האָט זיך דער סולטאן צו איהם ווידער געווענדעט, — עס פרעהט מיך, וואָס איך האָב גראָד אָנגעטראָפען אויף דיר און ניט אויף איין אנדערען. הער זשע, וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך האָב זיך דערוואוסט, דאָס איינער פון מיינע וויזירען האָט עפּעס אין דער שטיל געשעפטען מיט דיא פרינצען, מיט זיינע פלימעניקעס, און ער קומט אָפט צו זיי ביי נאכט. נאטירליך וויל איך וויסען וואָס [illegible] שטיל מיישב, וואָס

פיר געשעפטען האָבען זיי איינער מיט דיא אנדערע און וויא וויט זיי זיינען מיר פאלש. היינט ביי נאכט שיקט דער וויזיר, דורך זיין פערטרויטען אדיוטאנט האליל־בעי, א דעפעשע צו איינעם פון דיא פרינצען. עס וואָלט געווען זעהר וויכטיג איבער־צונעהמען דעם אדיוטאנט מיט דיא דעפעשע צוזאמען. אָבער דאָס מוז געשעהען זעהר פלינק אָהן א שום ליארם...

— איך וועל דאָס מיט פערגניגען דורכמאכען,—האָט געענטפערט צארא־בעי.

— קענסט דו דיעזען אדיוטאנט האליל־בעי?

— אָ יא! איך קען מוסטאף־פאשא'ס אדיוטאנט גאנץ גוט, — האָט איהם פערזיכערט צארא־בעי.

— דו מוזט אָבער האָבען צו זיך נאָך צוויי, אזוי וויא איך האָב דיר שוין געזאָגט, וויל צו דיא פרינצען קען מען געהן דורך דריי וועגען: פון פערא איבער דאלמא־באכטשע, פון סקוטארי מיט'ן אנדערן ברעג פון באָספאָר, און מיט'ן וואסער. דעריבער מוזט איהר זיין דריי, כדי יעדער זאָל קענען אָבהיטען דעם אדיוטאנט אויף איינע פון דיעזע דריי וועגען.

— עס פערשטייט זיך, דאָס איך איינער בין ניט אין שטאנד צו לויערן אויף איהם אויף אלע וועגען. איך דארף אָבער פיעל ניט זוכען צוויי צו מיר, וויל מען דארף דערצו ניט האָבען קיין בעסערע אָפיצירען, וויא מיינע צוויי קאמעראדען, וואָס זיינען יעצט אויף דער הויפט־וואך, איינער הייסט האסאן־באשי, דער אנ־דערער — סאדי־באשי.

— איז דאָס אָפט ניט דער זעלבער סאדי, וואָס האָט מיר ניט לאנג בע־גלייט פון מאָשעע אין דוואָרעץ? — האָט דער סולטאן געפרעגט.

— יא, יא, דער זעלבער, אייערע מייכטעט! —

— נו, ווען דו האָסט ניט קיין טעות און זיי זיינען אין אמת'ן אזעלכע קערלען, וואָס מען קען זיך אין זיי איינטרויען, בין איך מרוצה איהר זאָלט אלע דריי איבערנעהמען אויף זיך דיעזען אויפטראג. אויב איהר וועט איהם דורכמאכען וויא געהעריג, וועט איהר קיין חרטה ניט האָבען, אייער מיהע וועט ניט זיין אומזיסט.

— איך קען פיר זיי ערב זיין מיט מיין לעבען! — האָט צארא־בעי אויף דעם געענטפערט.

— אלזאָ, געה אין גאָט'ס נאָמען! —

— צארא־בעי איז גלייך אוועקגעגאנגען צו זיינע קאמעראדען, וואָס האָבען געווארט אויף איהם מיט דעם גרעסטען אונגעדולד. ער האָט זיי איבערדערצעהלט דעם גאנצען געשפרעך, וואָס ער האָט געהאט מיט'ן סולטאן, און דעם פּאָליטישען אויפטראג, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען דורכצומאכען בשותפות מיט זיי, זיי זיינען

געווען פון דעם העכסט צופריעדען. ווען זיי האָבען גערעדט צווישען זיך, האָט זיך איינגעקוקט דורך'ן טיר א קאָפּ פון א מאנספערזאָן. באלד האָבען זיי צווישען זיך אָבגעמאַכט, וועלכע וועג זאָל יעדער פון זיי נעהמען אויף זיך אויפצופּאַסען. האסאן'ען איז אויסגעפאלען דיא וועג פון סקוטארי, סאדי'ן דיא וועג איבער'ן מעער, ווייל ער איז דאָך א מאָל געווען א שיפער און האָט געקענט בעסער וויא אלע פאָהרען אויף'ן וואסער; צארא־בעי אליין האָט גענומען אויף זיך דיא וועג, וואָס געהט דורך דאלמאַ־באכטשע, ווייטער האָבען זיי אָבגעמאכט, דאָס דער וואָס וועט פאקען דעם אדיר־טאנט, זאָל דריי מאָל אויסשיסען מיט א פּיסטאָלעט, כדי דיא איבעריגע זאָלען דערהערען (ווייל אלע דריי וועגען זיינען געווען ניט ווייט איינע פון דיא אנדערע) און זאָלען גלייך אלע צוזאמענקומען. ערשטענס איז דאָס געווען נעטהיג, כדי דער קוריער זאָל ניט קענען אנטלויפען פון דעם וואָס וועט איהם צום ערשטען אָבשטעלען. צווייטענס האָבען זיי ניט געוואָלט דאָס איינער זאָל האָבען א גרעסערען פערדיענסט וויא דיא אנדערע צוויי. בשעת זיי האָבען אזוי געהאלטען אין ריידען, האָט זיך ווידער בעוויזען אין טיר א קאָפּ אזוי וויא פריהער, אָבער זיי האָבען עס ניט בעמערקט. וויא זיי האָבען אלץ אָבגעמאכט, איז סאדי אוועק אויף'ן ברעג און האָט זיך אריינגעזעצט אין א קליין שיפעל, און זיינע קאמעראדען זיינען אוועקגעריטען אויף צוויי גוטע פערד. זיי זיינען געווען העכסט צופריעדען און עס איז ביי זיי קיין שום ספק ניט געווען, דאָס זיי וועלען מיט ליידיגען ניט קומען צוריק.

15.

מלאכים און שדים.

לאצארוס, ראָשאנע'ס האָפמייסטער, וואָס מיר האָבען געזעהן אין דיא נאכט וואָס האָט אָבגעברענט סאדי'ס הויז זיך ראנגלענדיג מיט סיררא, איז געקומען אין דיא זעלבע נאכט צוריק אין דיא פּרינצעסינ'ס פּאלאסט אין צעריסענע קליידער, א צוקיילטער, א צוביילטער; עס האָט איהם גאָר ניט געקימערט, דאָס עס איז געווען לייכט צו דערקענען אָן איהם, דאָס ער האָט געמאכט אין דיעזען אבענד מיט וועמען עס איז א שרעקליכע דראקע.

קוים וואָס ער איז אריין אין פּאלאסט, איז איהם געקומען ענטקעגען דיא דיענע־רין עסמא און האָט איהם געזאָגט, דאָס ער זאָל גלייך אריינגעהן צו דיא פרינצעסין, וואָס וואַרט שוין אויף איהם מעהר וויא א שעה מיט'ן גרעסטען אונגעדולד. לאצארוס איז דיא מינוט אריין צו ראָשאנען אין קאבינעט, זיא איז האלב געלעגען, האלב גע־זעסען, אויף א טהייערען דיוואן לעבען גאָר א נידעריגען טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א בוטילקע שאמפּאניער. דיא בוטילקע איז שוין געווען האלב ליידיג, וואָרום אין דער שטיל, בשעת קיינער זעהט ניט, זיינען זיך דיא הייַנטיגע פרויען אין

טירקיי מתיר צו טרינקען וויין, האָטש דיא מאחמאַדאנישע רעליגיאָן האָט דאָס זעהר שטרענג פערבאָטען. עס איז געווען צו מערקען דאָס זיא איז העכסט אונרוהיג, צורייצט און פערקלעהמט. און עס איז זיך ניט צו וואונדערן, ווארום דיא ברענענדיגע יסורים, וואָס זיא האָט געליטען אין הארצען פון איהר בעליידיגטע ליעבע צו סאַדי, נאָך דעם, וויא זיא האָט איהם געזעהן זיצענדג מיט רעציען, זיינען גאָר ניט געווען צו בעשרייבען. איהר האָפמייסטער איז, פערקעהרט, געווען זעהר פרעהליך, מונטער און צופריעדען, אזוי וויא איינער, וואָס האָט ערשט גליקליך דורכגעמאכט א שווערען אינטערעס, און האָט פערדיענט א גרויסע בעלאָהנונג.

— אין קאָראלער גאס איז געווען א שרפה, — האָט זיך דיא פּרינצעסין אָבגעררופען צו איהר האָפמייסטער גלייך וויא ער איז אריין צו איהר אין צימער, — עס האָט אָבגעברענט, וויא איך האָב געהערט, סאדי'ס הויז, און גאָט וויים, וואָס מיט איהם איז יעצט, צו האָט ער זיך אוספייעט ארויסצוראטעווען מיט'ן לעבען ?

— אָה! איהר מעגט זיין רוהיג, — האָט איהר לאַצארוס געענטפערט, — ער איז פריש און געזונד, ווייל ער איז גאָר בשעת מעשה ניט געווען צו הויז; ווען ער וואָלט יע געווען אין דער היים, וואָלט געוויס דיא שרפה גאָר ניט געווען...

— צווישען אונז ריידענדיג, איז דאָך דאָס דיין ארבייט? — האָט זיך צו איהם געווענדעט דיא פּרינצעסין, — ווארום, ווער דען, אז ניט דוא, וועט איהם אונטערצינדען? טו דערצעהל מיר וועניגסטענס וואָס מיט איהם איז געוואָרען; ווער קען דאָס נאָך וויסען אזוי וויא דוא?

—אָ! גרויסע פּרינצעסין! זייט רוהיג, איהם האָט א האָאר ניט געשאדט. ער איז אין דער היים ניט געווען, און דאָס איז מיין גאנצער גליק, ווען ניט דאָס, וואָלט זיין הויז ניט אָבגעברענט און עס וואָלט ניט אריינגעפאלען צו מיר אין דיא הענד ניט רעציע, ניט דער קליינער סאלאדין.

— נוא, און יעצט האָט זיך דיר דאָס איינגעגעבען? — האָט זיא זיך מיט פרייד צו איהם אָבגערופען — אָבער, וואָס וואָלט געווען, אז מען וואָלט דיך געחאפּט אונטערצינדרענדיג? —

—וואָס וואָלט געווען? — געוויס וואָלט מען מיך פערברענט, וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט?....

— נוא, גאָט צו דאנקען, וואָס סאדי לעבט! — האָט דיא פּרינצעסין געזאָגט, — ווען דוא וואָלסט מיר געבראכט אן אנדער נאכריכט פון איהם, וואָלט איך דיך הייסען פערנייען אין א זאק און אריינוווארפען אין וואסער... זיי זיכער... אָבער אין אמת'ן האָסט דוא דאָך איהם יע געוואָלט פערברענען, ווארום אז ניט, צו וואָס דען האָסט דוא איהם נייטיג געהאט אונטע[illegible]רען?

— ניין, גרויסע פּרינצעסין, איהר האָט א טעות. ווען איך וואָלט געקענט רעכענען אויפ'ן טויזענדסטען פאל, דאָס ער איז צו הויז, וואָלט איך בשום אופן זיך ניט אונטערגעשטעלט צו געהן אונטערצינדען זיין הויז. ערשטענס, ווייל איך וויים, דאָס ער האָט ביי דיר גרוים חן און ער איז דיר טהייער. צווייטענס, ווייל דאמאָלס וואָלט איך פון זיינע הענד ניט ארוים א לעבעדיגער... ער איז א זעלטענער העלד... מיין כונה איז נאָר געווען אָנצומאכען א לארם און אין טומעל ביידען (רעציען און סאלאַדי'נען) אוועקפיהרען אָהן א שום מניעה, אז א האָהן זאָל ניט קרייהען. וויא איך האָב אויסגערעכענט, האָט זיך דאָס אנדערש ניט געקענט איינגעבען וויא דורך א שרפה. ערשטענס, ווייל דאמאָלס האָבען זיי געקענט מיינען, דאָס איך מיין זיי ניט צו טאָהן קיין בייז, נאָר איך וויל זיי אדרבא, רעטען פון שרפה און אוועקפיהרען אין א זיכערן אָרט. צווייטענס, אין טומעל, אין רויך, בשעת אלע לויפען און איינער וויים ניט פון דעם אנדערן, וואָלט קיינער ניט אכטונג געגעבען, ווען אז זיי וואָלטען אפילו יע נעמען מאכען קולות און ראנגלען זיך מיט מיר. און עס האָט זיך אין אמת'ן אזוי געטראָפען, וויא איך האָב אויסגערעכענט. דעריבער האָב איך אונטערגעצונדען סאָדי'ם הייזעל. זאָל זיין, דאָס ער האָט דערפון א שאָדען, אָבער וואָס זנאצעט דאָס געגען דעם, וואָס איך האָב געפּאקט דיא פּערזאָנען, וואָס שטייען אין וועג אונזערן סולטאן? ווידער, אויב איהר ווילט קענט איהר איהם אָבבויען פיעל א שעהנערע הויז, וויא עס איז געווען דיא אָבגעברענטע.

— יעצט פערלאנג איך צו וויסען, וויא האָסט דוא זיי געפאנגען? וואָס איז בשעת מעשה פאָרגעקומען?

— דאָס איז געשעהן גאנץ פּראָסט און גלאַטען, — האָט געענטפערט דער גרעק, — וויא עס האָט אָנגעפאנגען צו ברענען, האָב איך זיי ביידען דערזעהן ניט ווייט פון דיא שרפה. זיי זיינען געשטאנען מיט פערבראָכענע הענד אין רויך און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן און וואָס דאָ איז מיט זיי. עס זיינען שוין אפילו אָנגעלאָפען אפולע מענשען, אָבער זיי האָבען זיך נאָר גענומען לעשען דעם פייער, און עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו רעטען רעציע'ן און סאלאדין. מען האָט גערעכענט, דאָס זיי האָבען קיין שייכות ניט צו דיא הויז וואָס ברענט. דער פייער האָט זיך אָבער שנעל געשטארקט, און נאָך א פּאָר מינוט וואָלטען זיי ביידע געווים פערברענט געוואָרען. דאמאָלס האָב איך זיך פלוצלונג בעוויזען צו זיי, אזוי וויא א מלאך פון הימעל, און האָב זיי ביידען געשווינד ארייגעזעצט אין א פאיעטאָן. דיא מענשען, וואָס האָבען דאָס געזעהן, איז לא די, וואָס זיי האָבען מיר א וואָרט ניט גערעדט, האָבען זיי דאָס נאָך מיר פערעכענט פיר א גרויסע מצוה... זיי ביידע ווידער זיינען געווען אזוי צושראָקען, דאָס זיי האָבען א וואָרט ניט געקענט אויסריידען, אזוי ווי עס וואָלט

זיי אָבגענומען דער לשון, און איך האָב זיי גאַנץ רוהיג אוועקגעפיהרט צו דיא וואהר־זאָגערין קאַדידזע.

— און דאָס אלץ האָט קיינער גאָר ניט בעמערקט ?

— קיינער ניט, א חוץ דיא שווארצע גנאָמידע, איך מיין, קאַדידזע'ס טאָכטער. זיא האָט גראָד געזעהן, וויא איך האָב אונטערגעלייגט פייער. איך האָב אָבער פיר איהר ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל זיא איז שוין אויף יענער וועלט. זי איז ארויפּ־געשפּרונגען אויף מיר, דיא שווארצע קאַץ, האָט זיך איינגעשצעמעט אין מיר וויא אַן אָבעזיאַנע, האָט מיר צוגראבעלט דיא צורה, צוביסען דיא הענד, און איך ווייס ניט פון וואנען עס האָט זיך ביי איהר גענומען קרעפטען מיר אזוי שטארק צו האלטען, בקיצור, איך האָב זיך פון איהר ניט געקענט ארויסרייסען, ביז איך האָב איהר ניט געטיידט...... איהר מוטער וועט זיין דערפון זעהר צופריעדען, ווארום מעהר וויא צרות האָט זיא פון איהר ניט געהאט... יעצט איז שוין קיינער ניט דאָ אויף דער וועלט, וואָס ווייס אויף א האָאר פון דיא גאנצע געשיכטע, א חוץ דוא, גרויסע פּרינ־צעסין.

— איך האָב אָבער מורא, — האָט זיך ראָשאַנע אָבגערופען צו איהם, — דאָס קאַדידזע וועט זיך דאָס דערוויסען פון רעציען, וואָס געפינט זיך יעצט ביי איהר אין שטוב רעציע מוז דאָך וויסען, דאָס דוא ביזט דער אונטערצינדער ?

— זיא ווייס דאָס אפילו יע, זיא האָט דאָס געזעהן מיט איהרע אויגען, און ווען אפילו זיא וואָלט ניט געזעהן, וואָלט זיא לייכט געקענט פערשטעהן, דאָס דיא שרפה איז מיין ארבייט. אָבער איהר דארפט זיך ניט קימערן וועגען דעם. קאַדידזע וועט גאָר קיין צייט ניט האָבען, ווען זיך מיט איהר צו זעהען און צו שפּרעכען, ווארום איך האָב זיי ביידען פערשלאָסען אין א בעזונדערן צימער און האָב מיטגענומען דעם שלי־סעל. אָט איז ער, דער שליסעל, איך גיב אייך איהם אָב. יעצט קענט איהר טהאָן מיט זיי וואָס איהר ווילט, איהר קענט זיי מאָרגען פריה אוועקפיהרען וואוהין איהר ווילט. קורץ גערעדט, איך בין ווערטה ביי אייך א גוטע בעלאָהנונג, ווארום איך האָב זיך מפקיר געווען פון אייערטוועגען; איך האָב מפקיר געווען עהרע, געוויסען, עולם הבא, נאָר אויסצופיהרען אייער וואונש. —

ראָשאַנע האָט זיך פערנאַנדער געלאכט אויף זיינע לעצטע ווערטער.

—דיין געוויסען און עולם הבא איז אפילו א גראָשען ניט ווערטה, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, — אָבער צו מיר האָט עס ניט... דוא ביזט א מענש. וואָס מען קען זיך מיט דיר פערשאפען. און מאָרגען וועסט דוא בעקומען פון מיין באַנ־קיער צעהן טויזענד פּיאסטער!

לאַצאַרוס האָט איהר בעדאנקט און האָט שוין געוואָלט נעהמען פון איהר אבשייד, אָבער זיא האָט איהם אָבגעהאלטען.

— איך וויל זיך מיט דיר נאָך וואָס עס איז פערשאפען, — האָט זיא צו איהם געזאָגט.

— איך בין אייך בערייט צו דיענען, — האָט לאַצאַרוס געענטפערט.

— דיא זאַך איז נאָך האלב געמאכט—האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם,—וואָרום כל זמן רעציע און סאלאדין זיינען נאָך ביי דער ציגיינערין, בין איך נאָך מיט זיי ניט זיכער. אויף א ציגיינערין קען מען זיך שטארק ניט פערלאָזען. דעראיבער פערלאנג איך, דוא זאָלסט זיי ביידען מאָרגען פאר נאכט אָבפיהרען אין א פערמאכטע קארעטע אין דיא רואינע פון דיא דערווישען, און דאָרטען זאָלסט דוא זיי איבערגעבען מאנזור־עפענדי אין דיא הענד, ער זאָל זיך מיט זיי בעגעהן ווי ער פערשטעהט.

— איך וועל דאָס גערן טאָהן, — האָט ער איהר געענטפערט, — און ווייל איהר זייט ניט איינגעטרויט אין קאדידזע, געה איך גלייך אוועק צו איהר, און וועל אכטונג געבען, זיא זאָל ניט טאָהן וואָס געגען אונזער וואונש.

לאַצאַרוס איז ארויס פון ראָשאנע'ס צימער און זיא איז געבליעבען ליעגען אויף איהר דיוואן. זיא איז יעצט געווען העכסט אויפגערעגט פון גרויס פרייד פון די גוטע בשורות, וואָס איהר האָפמייסטער האָט איהר געבראכט. זיא האָט פון שמחה גערעדט מיט זיך אליין, און מען האָט געקענט הערען, וויא זיא האָט איינינע מאָל אויסגערופען:

— ער לעבט!.... מיין געליעבטער לעבט! ביי מיר אין דיא הענד! וויא גוט! ווי גליקליך!....

נאָר לאָמיר אוועקווארפען מיט דיא פרינצעסין, זאָל זיא זיך פרייען דערווייל געזונטערהייד, און זיך ארומזעהן וואָס איז געוואָרען מ:נזער סיררא. אויב איהר געדענקט, האָבען מיר איהר געלאָזען ליגען אין איהר מוטערס וואָהנונג אין א פינסטערן ווינקעל, וואו עס האָט איהר אוועקגעלייגט וואלידע'ס דיענער סעלים, אזוי וויא מען לייגט אוועק א טוידטען. דיא מוטער האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען איהר; געשטאָרבען — געשטאָרבען. האָט זיא זיך געטראכט, און האָט אפילו א טרעהר ניט ארויסגעלאָזען, זיא האָט זיך נאָר מיישב געווען, וויא איהר ערגעץ צו בעגראָבען אין דער שטיל, עס זאָל איהר ניט קאָסטען קיין געלד. אזעלכע שטילע בעגרעבענים, אָהן דעם וויסען פון פאָליציי, טרעפט דאָרטען אין טירקיי גאנץ אָפט און בפרט אין אזא ראיעלען ווינקעל וויא גאלאט, איין אָרט וואו עס וואָהנען אלע גנבים און גזלנים בון קאָנסטאנטינאָפעל, און וואו עס טרעפט זיך נאָך פיעל שרעקליכערע רציחות און מערדערייען וויא אין דיא פערוואָרפענע גנבים־זאוואולקעס פון פאריז און לאָנדאָן.

וויא דיא סולטאנשע וואלידע איז אוועקגעגאנגען פון קאדידזע'ס וואָהנונג, איז די ציגיינערין אריין אין א וויין געשעפט און האָט געקויפט א פלאש ציפער, א סאָרט וויין וואָס איז זיס און שטארק. גייהענדיג פון קראָם אהיים האָט זיא ליידיג געמאכט דיא פלאש ביז'ן גרונד. זיא איז אריין צו זיך אין הויז שיכור וויא לוט, און איז ניט געוועזן אין שטאנד צו הערען, ווא סיררא האָט אויף איהר געלעגער געזיפצט און געקרעכצעט. דאָס איז געוועזן סיררא'ס גליק. קאדידזע איז גלייך אריין צו זיך אין שלאף־צימער און אין עטליכע מינוט ארום איז זיא שוין געשלאָפען וויא א גע'הרג'עטע. וויא סיררא האָט דערהערט, דאָס איהר מוטער האָט אָנגעפאנגען שטארק צו חר'אפען, האָט זיא זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער, ווארום זיא האָט אָן דיעזען גוטען סימן גלייך פערשטאנען, דאָס איהר מוטער איז געוועזן טוידט שכור און דאָס זי קען יעצט טאָהן וואָס זיא וויל, ווענט זיא זיך ניט אויפחאפען. זיא איז אפילו געוועזן שרעקליך צוקיילט און צובייזט און זעהר שוואך, אָבער זא האָט נאָך געהאט קרעפטען זיך צו האלטען אויף דיא פיס און אריינצוגעהן אין דעם צימער, וואו עס איז געשטאַנען וואסער צו טרינקען. זי האָט מיט א ביסעל וואסער אָבגעלאָשען איהר דורשט און עטוואָס געקיהלט איהרע ברענעדיגע וואונדען. אין מיט'ן דערזיגען, וויא זיא איז דאָ אזוי געשטאנען האָט זיא דערהערט א וויינענדיגע שטימע פון מענשען, וואָס בעט מען זאָל איהם העלפען. דיעזע שטימע איז איהר געוועזן גענוג בעקאנט, און זיא האָט פיעל ניט בעדארפט קלערען, איידער זיא האָט געטראָפען ווער עס האָט דאָרטען אזוי געוויינט.

וועה מיר! — האָט זיא אויסגעשריען, — דאָרטען איז פערשפארט רעציע! געוויס איז דאָרטען נעבען איהר אויך דער קליינער סאלאדין!... אָ! דאָס איז לאצארוס'עס ארבייט, ניט קיין אנדערענס!..

סיררא האָט ביז אהער ניט געוואוסט, וואָס לאצארוס האָט געטאָהן מיט רעציען און סאלאדי'נען. זיא האָט נאָר געזעהן, וויא ער האָט אונטערגעצונדען סאדי'ס הויז, אָבער וויא ער האָט געפאנגען איהר פריינדין און דעם קליינעם פרינץ האָט זיא ניט בעמערקט, ווען זיא האָט איהם דערזעהן אין גאס און איז אָנגעפאלען אויף איהם, איז שוין געוועזן נאָך אלעם, ד. ה. נאָך דעם, וויא ער האָט שוין ביידע פערשלאָסען ביי איהר מוטער און איז געגאנגען צוריק אין פאלאסט.

וויא זיא האָט נאָר פערשטאנען, ווער עס איז דאָ פערשלאָסען ביי איהר מוטער, האָט זיא פערגעסען אָהן איהרע שמערצען און וואונדען און האָט זיך בעשלאָסען ביידען צו בעפרייען, עס מאָג איהר אפילו קאָסטען דער לעבען. מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, דאָס וויא סיררא איז געוועזן העסליך און מיאוס אויפ'ן קוק, האָט זיא אָבער געהאט א זעלטענע גוטע הארץ א זעלטען גוטען כאראקטער, פונקט פערקעהרט וויא

זיהר שרעקליך פערדאָרבענע מוטער. לפנים האָט זיא איהר קליימערסט געהאָלפען אין איהרע נידעריגע, שמוטציגע און גרויזאמע געשעפטען; אָבער אין אמת'ן פלעגט זיא איהר אלע מאָל שטערען און מאַכען צו נישט אלע איהרע בייזע געדאנקען, ווארום זיא פלעגט אימער פאָראויס אָנזאָגען דיא מענשען, וואָס קאדידזע האָט זיי געוואָלט טאָהן בייז, זיי זאָלען זיך היטען.

פריהער פון אלץ איז סיררא צוגעגאנגען צום טיהר, פון וואנען עס האָט זיך געהערט רעציע'ס שטימע און האָט געפרעגט, צו איז דאָס אין אמת'ן רעציע, צו איז דאָרטען אויך דאָ דער קליינער סאלאדין און וויא אזוי זיי קומען אהין. רעציע האָט איהר בקיצור געענטפערט אויף אלע פראגען, און דאמאָלס האָט איהר סיררא אָנגעפאַגגען צו טרייסטען, דאָס זיא וועט אָנווענדען אלע כוחות איהר צו בעפרייען.

— איך זוך נאָר אויף דעם שליסעל, — האָט צו איהר סיררא געזאָגט.

— מאַך דאָס וואָס גיכער, ליבע סיררא, מיר ווע‍לען דאָס דיר קיין מאָל ניט פערגעסען... גאָט וועט דיך בעלוינען.....

מיטען דעראינען האָט מען אָנגעפאנגען צו קלאַפּען אין הויף טיהר. סיררא איז געבליעבען שטעהן פון שרעק אזוי וויא א טוידטע.

— אָ, דאָס איז ניט קיין אנדערער, וויא דער פערפלוכטער גרעק! — האָט זיא נאָר געקענט אויסריידען און איז וואָס צום גיכסטען צוריק אוועקגעקראָכען אויף איהר פריהערדיגען געלעגער. זיא האָט איינגעהאלטען דעם אָטהעם און זיך געמאכט וויא טוידט, און מיט שרעק האָט זיא געווארט צו זעהען וואָס דיא ענדע וועט דאָ זיין.

דיא קלעפּ אין טיהר זיינען פון מינוט געוואָרען שטארקער, ביז וואנען דיא אלטע ציגיינערין האָט זיך אויפגעהאפּט פון איהר הארטען שלאָף. זיא איז גלייך צוגעלאָפען צום טיהר און האָט געפרעגט, ווער עס קלאַפּט אזוי שפּעט אין דער נאכט.

— עפענט, — האָט לאצארוס געענטפערט, — ווען איך קום אזוי שפּעט, מסתמא איז דאָס ניט אומזיסט.

די אלטע מכשפה האָט באלד געעפענט דיא טיהר און האָט אָנגעצונדען א ליכט. לאצארוס איז אריין אין שטוב און האָט פארבייגעהענדיג בעמערקט סיררא'ס געלעגער. ער האָט זיך געוואָלט אָבשטעלען א בליק טאָהן, וואָס מיט איהר איז. אפשר האָט איהם געקלאַפּט דיא הארץ, ווייל ער האָט דאָך געוואוסט, וויא ער האָט איהר אָהן רחמנות געשלאָגען. אָבער קאדידזע האָט איהם ניט געלאָזען שטעהן.

— וואָס האָט איהר אייך דאָ אָבגעשטעלט? — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם — זיא איז טוידט, עס איז שוין ניט דאָ מיט איהר וואָס צו מאַכען... אונזער לעצטע דאגה זאָל דאָס זיין... איך האָב זיך פון איהר געגוג אָנגעליטען... איך וואָלט שוין וועלען זיא זאָל שוין זיין א בעגראָבענע... נאָר לאָמיר בעסער שפּרעכען פון נייטיגע־

רע זאכען. איך וואָלט שוין וועלען הערען פון אייך, דיא זאך, וואָס האָט אייך געבראכט צו מיר אזוי שפּעט אין דער נאכט. האָט איהר דאָס ניט געקענט אָבלייגען אויף מאָרגען?

— איך בין געקומען נאָר צו זעהן, צו איך בין דאָ ביי אייך גאָר זיכער מיט מיינע פּאָליטישע געפאנגענע, — האָט ער געענטפערט, — מאָרגען פאר נאכט פיהר איך זיי פון דאנען אוועק אנדערסוואו....

— הלואי זאָלסט דוא אזוי זיכער זיין מיט אלץ וואָס דיר איז ליעב, וויא דוא ביזט זיכער מיט זיי ביידען ביי מיר ביז מאָרגען ביי נאכט. זיי זייגען פערשלאָסען מיט א גוטען שלאָס... און פאר סירדרא איז שוין אויך ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען. אָ, ווען זיא וואָלט געלעבט, וואָלט זיא זיי שוין לאנג בעפרייט, ווייל זיא איז געוועזן זייער בעסטע פריינדין. איך וואָלט דיר בעטען דיא געפעליגקייט, נעהם איהר צו פון מיר און בעגראָב איהר ערגעץ וואו הינטער דעם פארקען פון בית־עולם, און וואָס גיבער, וואָלט אלץ געוועזן בעסער... דערווייל פאָלג מיר געה אהיים, רוהע זיך אויס און וועגען דיינע געפאנגענע דארפסט דו זיך ניט קימערן. ווען דו ווילסט נאָר זיין זיכער, קום אהער צו פאָהרען מאָרגען פאר טאָג און דוא וועסט מיט דיא אייגענע אויגען זעהען, דאָס דיינע ארעסטאנטען זייגען אויפ׳ן אָרט. צוריקפאָהרענדיג וועסט דוא שוין פאראיינס מיט נעהמען מיין שטיקעל סחורה, וואָס וועט שוין זיין איינגעפּאקט אין א קעסטעל. דוא וועסט שוין געפינען איין אָרט וואו איהר אהין צו טאָהן....

— אייער פלאן געפעלט מיר גאנץ גוט, — האָט ער איהר געענטפערט, — רעכט, און איך וועל איהר ערגעץ פארשארען פאר בעגינען, קיינער זאָל ניט בעמערקען און זאָל דערפון ניט ריידען. דערווייל, אדיע!

— שטעה, אייל זיך ניט אזוי, דוא ווייסט דאָך, דאָס איך האָב דאָ אין דיא זאך אזא חלק, וויא דו, און דו דארפסט פאר מיר קיין סודות ניט האָבען. פאר וואָס זשע זאָגסט דוא מיר ניט, וואו דוא ווילסט זיי אוועקפיהרען? אפשר איז דאָס גאָר ניט אזא גוטער אָרט, וויא דוא מיינסט?

— איך וויים, דאָס דיא סולטאנשע איז אין דיר איינגעטרויט, — האָט ער געענטפערט, — און איך האָב ניט בדעה געהאט פון דיר צו פערבאָרגען דעם אָרט, וואוהין איך דענק זיי אוועקצופיהרען. דיעזער אָרט איז דיא רואינע „קאדריש“; איך וועל זיי דאָרטען איבערגעבען מאנזור־עפענדי אין דיא הענד.

— אָ, דאָס איז דער זיכערסטער אָרט אין דער וועלט, האָט קאדידזע געזאָגט, — זעהר קלוג!

זיי האָבען גענומען פון איינאנדערן אָבשייד און לאצארום איז גלייך ארוים צוריק פון דיא ציגיינערין.

דער געשפרעך צווישען די פאָאר פיינע לייט איז פאָרגעקומען ניט ווייט פון סירראַ'ס געלעגער, און זיא האָט געהערט אלץ דינג, וואָס זיי האָבען גערעדט וועגען איהר און וועגען איהרע אומגליקליכע פריינד. זיא האָט זיך בעשלאָסען, זיי צו בעפרייען פון לאַצאַרוס'עס לאַפּעס. די פראגע איז אָבער געווען, וואָס האָט דאָ געקענט מאַכען א מענש, ווי סירראַ, וואָס דער טויט איז איהר שוין געלעגען אויף'ן נאָז און מען האָט שוין אָבגערעדט איהר מקבר צו זיין ? נאָר דאָס וועלען מיר שוין זעהן שפעטער.

16.

די אָבלאַווע אויפ'ן קוריער.

לאָמיר זיך אומקעהרן צו דעם אויפטראַג, וואָס דער סולטאַן אבדול־אזיס האָט ארויפגעלייגט אויף דעם אָפיציער צאַרא־בעי. אזוי וויא מיר האָבען שוין דערצעהלט, האָט דיעזער אָפיציער גענומען צו זיך נאָך צוויי פון זיינע קאַמעראַדען, נעמליך, האַסאַן־פּאַשאַ און סאַדי, וועלכע האָבען איהם בעדאַרפט זיין בעהילפיג צו חאַפּען דעם קוריער האַליל־ביי מיט די דעפּעשע, וואָס ער האָט געפיהרט פון דעם גרויס וויזיר מוסטאַפאַ־פּאַשאַ צו די פּרינצען, וואָס האָבען געוואָהנט אין פּאַלאַץ טעראַפּיא. יעדער פון דיעזע אָפיצירען האָט אויסגעקליעבען איינע פון די דריי וועגען, וואָס האָבען געפיהרט פון מוסטאַפאַ פּאַשאַ צו די פּרינצען, סאַדי — די וועג מיט'ן וואַסער, ווייל ער איז פון קינדווייז אָן געווען געוואָהנט זיך צו שיפען, און זיינע קאַמעראַדען — די וועגען, וואָס זיינען געגאַנגען פון ביידע זייטען פון באָספּאָר.

מוסטאַפאַס פעלד יעגער, האַליל ביי, האָט זיך דאָס אלצדינג דערוואוסט פּאָראויס, ער האָט פערשטאַנען, דאָס דעם סולטאַן'ס שפּיאָנען האָבען אויסגעפּאָרשט, דאָס ער האָט צו פיהרען פון זיין הערן א דעפּעשע און דאָס מען וועט זיך געוויס סטאַרען איהם אָבצוהיטען אויפ'ן וועג און אוועקצונעהמען דיעזע דעפּעשע. דעראיבער האָט ער אָנגעזאָגט זיינע אייגענע פיסקאַלען, זיי זאָלען זיך ערקונדיגען, וועלכע אָפיצירען וועלען זיך נאָך איהם נאָכיאָגען, און וויא און וואָס זיי רעכענען צו טאָהן געגען איהם. זיינע פיסקאַלען, וועלכע ער פלעגט שטענדיג האַלטען ביי זיך פיר גוטע לויהן־געלד, האָבען זיך גלייך דערוואוסט פון צאַרא־בעים גאַנצען פּלאַן, און האַליל־בעי האָט זיך בעשלאָסען אלעמען אָנצופייפען. ער איז געווען גאָר זיכער, דאָס ער וועט זיי אלעמען אָבנאַרען מיט א פאַלשען סיגנאַל, וואָס וועט זיי אלע דריי צונויפברייגען אין איין אָרט, און איידער זיי וועלען זיך ארומזעהן, וועט ער שוין זיין ביי די פּרינצען אין פּאַלאַץ. ער איז געוועזען אזוי זיכער אין דעם, דאָס ער האָט שוין פּאָראויס געלאַכט פון די נאַרישע אָפיצירען וואָס האָבען זיך אָנגענומען איהם צו פּאַקען. מעהר פון אלעמען, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון סאַדי, וועלכען ער האָט

געהאלטען פיר א יונגען שנעק, וואָס איז אָט־ערשט אָנגעקומען אין דינסט און האָט נאָך קיין זאך ניט געוואוסט. דעריבער, האָט האליל־בעי פון אלע דריי וועגען אויסגעקליבען דיא וועג מיט'ן וואסער, ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס מיט סאדי'ן, אין פאל אויב ער וועט איהם בעפאלען, וועט ער גיכער פערטיג ווערען וויא מיט דיא איבעריגע, וועלכע זיינען שוין געוועזען אלטע און געניטע אָפּיצירען.

האליל־בעי האָט זיך אריינגעזעצט אין א גוטע שיפעל וואָס עס האָבען געפיהרט א פּאָר געזונדע מאטראָסען. ער האָט זיי געהייסען זיי זאָלען פאָהרען אין מיטען, כדי ער זאָל קענען בעטראכטען וואָס עס קומט פאָר פון ביידע זייטען. זיי זיינען שוין אָבגעפאָהרען א האלבע וועג און עס האָט א האהן ניט געקרויהט. עס איז שוין געוועזען ארום האלבע נאכט און אויפ'ן באָספאָר איז געוועזען שטיל וויא אויף א בית־עולם. האליל־בעי האָט געדאכט, דאָס עס איז דיא בעסטע צייט אויסצופיהרען זיין היטרען פּלאן. ער האָט געהייסען דיא מאטראָסען צו פאָהרען צום ברעג, וויא זיין שיפעל האָט זיך אָבגעשטעלט הארט לעבען ברעג, האָט ער ארויסגענומען א רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסען: א פריהער איין מאָל און אין א פּאָר מינוט ארום נאָך צוויי מאָל, וואָרום אזוי האָבען דיא אָפּיצירען אָבגעמאכט צווישען זיך.

צארא־בעי איז דאמאָלס געוועזען אויפ'ן פערד, אויף דעם וועג פון רעכטען האנד פון באספאָר, אָבער א שטיק ווייטער פון דעם אָרט וואו האליל־בעי האָט אויסגעשאָסען. וויא ער האָט דערהערט דיא שיסעריי, איז ביי איהם קיין ספק ניט געוועזען, דאָס דער שיסער איז איינער פון זיינע קאמעראדען, וואָס האָט שוין געפּאקט דעם קוריער מיט דיא דעפּעשע. עס האָט איהם אפילו שטארק פערדראָסען, וואָס ניט ער איז געוועזען דיזער גליקליכער מאן, אָבער ער האָט פיעל ניט געטראכט און האָט זיך וואָס צום גיכסטען פערשאפט א שיפעל און איז דאריבער געפאָהרען אויפ'ן אנדערען ברעג, כדי אויפצוזוכען זיין גליקליכען קאמאראד און קומען אם וויינינגסטען גלייך מיט איהם אין סולטאן'ס פּאלאץ. באלד האָט ער דערזעהען פון ווייטען רייטענדיג האסאן־באשי, וועלכער האָט געהאט דעמזעלבען טעות און האָט געמיינט, דאָס דיא שיסעריי איז דער סיגנאל, וואָס זיי האָבען אָבגעמאכט צווישען זיך. וויא זיי האָבען זיך ביידע צונויפגעטראָפען און האָבען זיך איינער פון דעם אנדערען דערוואוסט, דאָס ניט ער האָט געשאָסען, איז ביי זיי נאטירליך געבליבען, דאָס דיא דעפּעשע איז ניט אנדערש וויא ביי סאדי'ן אין דיא הענד, און זיי האָבען בעשלאָסען צו ווארטען אויף דעם אָרט אויף איהם. כדי ער זאָל אָבער וויסען וואו זיי ווארטען, האָבען זיי אויך דריי מאָל אויסגעשאָסען.

מיט סאדי'ן ווידער איז אזוי געוועזען. ער איז זיך אין דער שטיל ארומגעפאָהרען אין א קליינעם שיפעל הין און הער, ביז וואנען ער האָט דערהערט דיא שיסעריי.

זיין אויג האָט אָבער גלייך בעמערקט, דאָס דער פּולווער־רויך געהט ניט פון אויבען, איבער דיא ברעגעס, נאָר פון אונטען. און ער האָט אויסגערעכענט, אז דאָס האָט מען געשאָסען אויפ'ן וואסער נעבען ברעג. ער האָט גענומען שפּירען און האָט דורכגע־מאכט עטליכע מייל, ביז וואנען ער האָט פּלוצלינג אָנגעטראָפען האליל־בעיס שיפעל. ער איז אויגענבליקליך צוגעפאָהרען צו איהם און האָט אָנגעפאנגען צו שיסען מיט פּיסטאָלעטען. איין מאטראָס האָט בעקומען א וואונד אין פוס, דער אנדערער איז אריינגעשפּרונגען אין וואסער און אין שיפעל איז געבליבען האליל־בעי איינער אליין. דאמאָלס האָט זיך סאדי מיט איהם אָנגעפאנגען צו ראנגלען און זיי האָבען זיך אזוי לאנג געראנגעלט, ביז וואנען האליל איז געוואָרען עטוואָס פערוואונדעט און האָט זיך אונטערגעגעבען. וויא זיי האָבען אויפגעהערט צו שטרייטען מעט געוועהר, האָט זיך ביי זיי אָנגעפאנגען א שטרייט פון ווערטער.

— וואָס ווילסט דו פון מיר?—האָט זיך אָבגערופען האליל־בעי צו סאדי,— וואָס האָסט דוא צו מיר? וואָרום ווילסט דוא מיר טיידטען? איך האָב דיר קיין מאָל קיין בייז ניט געטהאָן, וויל איך ווייס אפילו ניט ווער דוא ביזט... וויא עס שיינט, ביזט דוא פון דיא נידעריגע מענשען, וואָס פיר געלד זיינען זיי בערייט צו ערמאָרדען ועמען נאָר מען הייסט זיי...

— ניין, דוא האָסט א גרויסען טעות,—האָט איהם סאדי געענטפערט,—איך בין ניט קיין געדונגענער מערדער; איך בין אפשר אזא'ן עהרליכער מאן וויא דוא. ווען איך וואָלט אויסען געוועזען אויף דיין לעבען, וואָלסט דוא שוין מיט מיר יעצט ניט גערעדט, וואָרום מיר טרעפט קיין מאָל ניט איך זאָל שיסען און ניט טרעפען. ניין, איך בין נאָר מיין סולטאן'ס א טרייער דינער, און ער האָט מיר בעפאָהלען דיך צו ארעסטירען און אָבנעהמען פון דיר א געוויסע דעפּעשע וואָס דוא פיהרסט פון מוסטאפא־פּאשא צו דיא פּרינצען פון טעראפּיא. איך האָב נאָר בדעה צו ערפילען דיזען בעפעהל, דעריבער, בעט איך דיר, ווארט ניט קיין איבריגע צייט און גיב מיר אָב דיא דעפּעשע.

— אויב דוא מיינסט מעהר ניט וויא צו בעקומען פון מיר דיזע דעפּעשע,—האָט איהם געענטפערט האליל־בעי,—איז איין עברה דיין מיהע... איך לייקען ניט, איך האָב אין אמת'ן געהאט א דעפּעשע, אָבער יעצט איז זיא שוין ביי מיר ניט דאָ. וויא דו ביזט פּלוצלינג מיר בעפאלען, האָב איך איהר אָבגעגעבען איינעם פון מיינע מאטראסען, וואָס איז אריינגעשפּרונגען אין וואסער און וואָס איז שוין יעצט אין אלע רוחות, וואָרום דאָס איז איינער פון דיא גרעסטע שווימער. אלזאָ, איז שוין פון דיא דעפּעשע ניט דאָ וואָס צו ריידען.

— צו מיר האָט דאָס ניט,—האָט סאדי געענטפערט,—צו מיט דיא דעפּעשע,

צו אָהן דיא דעפּעשע, איך מוז בלייבען טריי דעם סולטאַן'ס בעפעהל און דיר צו־שטעלען אין פּאַלאַסט.

און סאדי האָט דעם געפאַנגענעם האליל־בעי מיט דעם פערוואונדעטען מאטראָס אָבגעפיהרט אין סולטאַן'ס פּאַלאַסט.

17

דיא טוידט־שטראַפע.

צאַרא־בעי און האַסאַן־באשי האָבען געווארט אויף סאדי פיעל מעהר וויא זיי האָבען אויסגערעכענט. זיי זיינען געוואָרען זעהר אונגעדולדיג, און עס איז זיי צום סוף מיאוס געוואָרען ווארטענדיג, און ביי זיי איז געבליבען, דאָס סאדי האָט זיי אויסגעמיידט און ער מוז שוין זיין מיט האלי־בעי און דיא דעפּעשע ניט ווייט פון פּאַלאַסט. ביידע אָפיצירען האָבען זיך אוועקגעלאָזען אויף'ן וועג צום פּאַלאַסט. צאַרא האָט געריטען אויף א בעסערען פערד וויא האַסאַן און דעריבער האָט ער איהם איבערגעיאָגט אויף א גרויסע שטרעקע און האָט געהאט דעם גליק אָנצוטרעפען האליל־בעי'ס מאטראָס, וואָס איז אריינגעשפּרונגען מיט דיא דעפּעשע אין וואסער, עס האָט זיך פון איהם געגאָנסען און ער איז געלעגען אָהן קרעפטען ניט ווייט פון ברעג. וויא ער האָט דערזעהן באַרא־בעי, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט גענומען לויפען, ווייל ער האָט אָן איהם דערקענט, דאָס ער איז פון האלי'ס מאטראָסען, און האָט זיך נאָכגעיאָגט. דער מאטראָס האָט זיך באלד ארומגעזעהן, דאָס איהם וועט זיין אונמעגליך צו אנטלויפען, ווייל ער איז שוואך, צופוס, אָהן געוועהר, און צאַרא איז געוועזען אויף א גוטען פערד און בעוואפענט. דעריבער האָט ער אָבגעבונדען פון זיך זיין גארטעל און דיא לעדערנע בייטעל, וואו עס איז געלעגען דיא דעפּעשע, און האָט עס אראָבגעוואָרפען אויף דר'ערד און האָט א געשריי געטהאָן צום אָפיציר: „הייב אויף, דאָ ליגט, וואָס דוא זוכסט". מעהר וויא דאָס האָט צאַרא־בעי ניט בעדארפט. גוט, האָט ער זיך געטראַכט, זאָל ער לויפען אין אלע דיא רוחות, אבי איך האָב דיא בייטעל. דער מאטראָס איז אנטלאָפען און צאַרא־בעי האָט גלייך אויפגעהויבען דיא בייטעל, אין וועלכע ער האָט געפונען דעם פּאַפּיר, וואָס האָט אָנגעמאכט דיזען גאַנ־צען לארם. זיין פריידע איז געוועזען אָהן א סוף. ער האָט זיך אומגעקעהרט צו האַ־סאַן'ען, וועלכער איז געבליבען פון הינטען, אויסשטרעקענדיג דיא האנד אין דער הויך און טרייסלענדיג אין לופטען מיט דיא דעפּעשע, וואָס איז אין דיא לעדערנע בייטעל געבליבען גאָר טרוקען. באלד איז צו איהם צוגעריטען האַסאַן און זיי זיינען ביידע העכסט צופריעדען אוועקגעפאָהרען צום סולטאַן'ס פּאַלאַסט. וויא זיי זיינען שוין געוועזען ניט ווייט פון דיזען פּאַלאַסט האָבען זיי אָנגעיאָגט סאדי'ן, וואָס האָט געפיהרט געפאַנגען מוסטאַף־פּאַשא'ס קוריער און דעם פערוואונדעטען מאטראָס.

איהר קענט אייך פאָרשטעלען, וויא זיי האָבען זיך דערפרייט ביי דיזע בעגעגעניס. איידער זיי זיינען געקומען אין פאַלאַס האָבען זיי זיך איינער דעם אנדערן דער־ציהלט אלץ וואָס האָט זיך מיט זיי פּאסירט דיא גאנצע וועג.

וויא דיא דריי פריינדע זיינען געקומען אין סעריל, האָט מען זיי גלייך פאָר־געשטעלט דעם סולטאן אבדול־אזים. יעדער קען אליין פערשטעהן וויא עס איז דאַ־מאָלס געוועזען האליל־בעי אויף'ן הארצען. צום אָנפאנג האָט ער זיך גאָר געלייקענט, עס וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען. אָבער וויא מען האָט איהם געוויזען דיא דע־פּעשע און מען האָט איהם געזאָגט אין אויג, דאָס דיזע דעפּעשע האָט מען געפונען ביי איינעם פון זיינע מאטראָסען, האָט ער זיך געמוזט מודה זיין.

— דוא האָסט געמאַכט איין האנד מיט מיינע פיינד—האָט דער סולטאן זיך אָבגערופען צום אונגליקליכען האליל־בעי—און דוא מוזט בעשטראָפט ווערען, וויא דוא האָסט פערדינט!... וועג פון מיינע אויגען!

ער האָט זיך געוואָלט פערענטפערען, אָבער דער סולטאן האָט איין וואָרט ניט געוואָלט הערען, ער האָט א ווינק געגעבען מיט'ן האנד, און מען האָט דעם אונגליק־ליכען האליל געשמידט אין קייטען און אוועקגעפיהרט אין געפיינגניס. וואָס דיא דריי אָפיציערען בעטרעפט, האָט זיי דער סולטאן מינדליך געדאנקט פיר זייער טרייהייט און פלינקהייט, בעשיינקט מיט גרויסע מתנות און זיי געהעכערט אין ראנג.

געוועהנליך האָט מען מוסטאפא־פאשא פיר זיין דעפּעשע ניט געטהאָן קיין קום אין שטערען. מען האָט ביי איהם צוגענומען אלע זיינע טשינען און מעדאלען און פעראורטהיילט ער זאָל אין דריי טעג צייט פערלאָזען קאָנסטאנטינאָפּעל. אויף זיין שטעלע האָט מען בעשטימט מוצזי־פאשא, און דיא דריי טעג, וואָס מען האָט מוס־טאפא'ן ערלויבט צו פערבלייבען אין סטאמבול, איז נאָר געוועזען צו ליעב דעם, ער זאָל איהם אין דיא צייט איבערגעבען אלע ביכער און פּאפּירען, וואָס האָבען זיך ביי איהם געפונען. דאָס איז אפילו געוועזען פיר איהם א לייכטע שטראָפע, אין פערגלייך מיט זיין פערברעכען, אָבער ערשטענס איז ער געוועזען דעם סולטאן'ס א נאָהענטער קרוב און צווייטענס, האָט ער געהאט פיעלע פריינד אין סולטאן'ס פּאלאסט. מיט זיין אדיוטאנט, אָבער, וואָס איז אין אמת'ן געוועזען פיעל וויניגער שולדיג, וויל ער האָט דאָך נאָר געטהאָן דאָס, וואָס זיין פאָרגעזעצטער האָט איהם געהייסען, איז מען זיך בעגאנגען גאָר אָהן רחמנות. מען האָט איהם פעראורטהיילט צום טוידט. מען האָט איהם א לאנגע צייט געהאלטען אין געפענגניס און מען האָט איהם געפּיי־ניגט, אום ער זאָל ארויסגעבען אלע וואָס האָבען געהאט א חלק אין דעם בונט געגען סולטאן.

18

דער וויזיט אין פאלאסט.

דער פאלאסט, וואו דער סולטאן אבדול־אזיס האָט ליעב געהאט צו וואָהנען אין זומערצייט, שטעהט אויפ'ן רעכטען ברעג פון באספאר. דיזער אָרט איז אונבעשרייבליך שעהן. ווייט פון שטאָדט לארם, ארומגערינגעלט מיט וועלדער און פרוכטגערטנער, רוהיג, שטיל, געזונדע לופט און נאָהענט פון וואסער. אלע פערגעניגען, וואָס נאָר א מויל קען ריידען, האָבען זיך געפונען אין דיזען פאלאסט. מען האָט אויף פוצען דעם פאלאסט פערבראכט מיליאָנען, און וויא מען זאָגט, איז דיזע פערבריינגעריי איינע פון דיא אורזאכען, וואָס טירקיי האָט געמוזט באנקראטירען.

צוויי מייל ווייט ארום און ארום דיזען שלאָס איז אימער געשטאנען א שטריינגע וואך פון פערשידענע מיליטער, וואָס האָבען קיין מענש ניט דורכגעלאָזען אָהן א פאס פון סולטאן אליין.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דיא געשיכטע, וואָס איז בעשריבען אין דעם פאָריגען קאפיטעל, איז צוגעפאָהרען צו דיזען זומער־פאלאסט א קארעטע מיט דעם סולטאן'ם גערב. דיא סאָלדאטען האָבען אויפגעצויגען דיא וואך, דיא דינערשאפט, שווייצארען, זיינען וויא פייל פון בויגען צוגעפלויגען צו דיא קארעטע און וויא זיי האָבען דערזעהען, ווער עס זיטצט אינעווייניג, זיינען זיי געפאלען אויף דיא קניע. אין קארעטע איז געוועזען אונזער בעקאנטע סולטאן'ם פלימעניצע, דיא פרינצעסין ראָשאנע. עס איז געוועזען דיא צייט, וואָס איז געוועזען בעשטימט אין פאלאסט אָנצונעמען וויזיטען, ראפאָרטען און צו געבען אאודיענצען. ראשאנע האָט געזאָגט, דאָס זיא איז נאָר געקומען מאכען איהר פעטער דעם סולטאן א וויזיט.

דער האָפמארשאל האָט איהר אויפגענומען מיט'ן גרעסטען כבוד און אריינגעפיהר אין אוריענס־זאאל. דאָ האָט זיא געטראָפען ווארטענדיג נאָך א גאסט, דעם שייך־אול־איסלאם מאנזור עפענדי.

מאנזור עפענדי איז געוועזען געקליידעט אין אייראָפעאישע שווארצע קליידער און האָט אויסגעוויזען אין דיזען זאאל, וואו אלץ האָט געפינקעלט און געבלישצעט, אזוי וויא א פינסטערער נאכט־גייסט. דיזער מאן איז אומעטום נאָכגעגאנגען דעם סולטאן וויא א שאטען; ער האָט איהם געהיט דיא טריט, ער זאָל קיין זאך ניט טהאָן אָהן זיין וויסען, ער זאָל ניט ריידען מיט אזעלכע מענשען וואָס האָבען פיינט איהם ניט געלוינט. ער האָט געהאט רעכט צו קומען און אוועקצוגעהן פון דוואָרעץ אָהן א דאָקלאד. דיא רעכט־גלויביגע מאחמעדאנער האלטען דעם שייך־אול־איסלאם פיר מאחמעד'ס פערטרעטער און רעכענען איהם כמעט וויא א מלאך פון הימעל. דעריבער האָט זיין ווילען אין טירקיי פיעל מעהר צו זאָגען וויא דעם סולטאן'ם

אליין. מאַנזור־עפענדי איז דערצו געוועזען זעהר קלוג און חיטרע, ער האָט פערשטאַנען וויא אַלעמען צו האַלטען ביי זיך אין האַנד. ער האָט געהאַט א נאַטור מעהר צו טהאָן וויא צו ריידען. פאַר'ן סולטאַן פלעגט ער אפילו שטעהן מיט גרויס דרך־ארץ, אַזוי וויא א דינער פאַר זיין העררן; דאָס איז אָבער נאָר געוועזען לפנים, און אין האַרצען האָבען זיי ביידע גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס זיי זיינען איינער פאַר דעם אַנדערען. דער סולטאַן האָט פראָסט מורא געהאַט פיר מאַנזור־עפענדי, ער האָט גע־מוזט שרייבען דאָס, וואָס ער האָט איהם דיקטירט.

איידער מען האָט דיא פרינצעסין ערלויבט אריינצוגעהן צום סולטאַן אין קאַ־בינעט, איז איהר אויסגעקומען צו וואַרטען אין אוידיענס־זאַאל. צו פערטרייבען דיא צייט, האָט זיא פערבונדען א געשפרעך מיט מאַנזור־עפענדי, מיט וועלכען זיא איז געוועזען גוט בעקאַנט.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו בעגעגענען היער,—האָט זיא זיך צו איהם אָבגערופען,—איך בין נייגיריג צו וויסען, מיט וואָס האָט זיך געענדיגט אייער מיהע אין דיא בעוואוסטע זאַך?...

— צום אונגליק, איז נאָך פון דעם גאָר ניט ארויסגעקומען,—האָט ער איהם געענטפערט,—און איך פערשטעה גאַנץ גוט דיא אורזאַכע דערפון... איהר געעהרטע פרינצעסין, זייט אפילו איינס מיט אונז אין אונזער היילינגע זאַך, אָבער וואָס העלפט דאָס, ווען אונזער סולטאַן אליין איז גאַנץ קאַלט אין דעם ענין און איהם קימערט דיא גאַנצע זאַך ניט...

— זאָגט דאָס ניט, האָכגעהערטער הערר מאַנזור־עפענדי,—האָט ראַשאַנע איהם געענטפערט,—דאָס מוז עס אייך נאָר דאַכטען. עס קען ניט זיין דאָס מיין אָנקעל, דער אַלמעכטיגער הערשער פון אַלע גלויביגע, וואָס טהוט ניט אָהן אייך וואָס א האָר איז ווערט, וואָס פערלאָזט זיך אין אַלצדינג אויף אייך און אייער קלוגהייט, זאָל גראָד אין דעם ניט מסכים זיין מיט אייך...

—אָ! טייערע פרינצעסין! אַמאָל איז ווירקליך אַזוי געוועזען, וויא איהר זאָגט, אָבער יעצט איז שוין דאָס גאַנץ אַנדערס געוואָרען! מיינע מייגונגען זיינען שוין ביי איהם גאָר ניט ווערטה, מיין דעה הערט אויף ביי איהם צו גילטען... אַנשטאַט מיר איז געוואָרען ביי איהם א גרויסער תקיף איין אַנדערער...

— און דאָס איז געוויס ניט אַנדערס, וויא דיא סולטאַנשע וואַלידע?

— גאַנץ ריכטיג, טייערע פרינצעסין! מיין קומען אהער יעצט איז אויך נאָר צו ליעב אונזער היילינגע זאַך, ווייל איך ווייס אין וואָס פיר א געפאַהר מיר געפינען זיך. האָב איך זיך געאיילט צו קומען אהער און איבערצורעדען מיט זיין מייסטעט. איך האָף, דאָס איך וועל מיט מיין יעצטיגען וויזיט פיעלעס אויפטהאָן... ווען איך וועל

אייך געפינען היער, בשעת איך וועל ארויסגעהן צוריק פון סולטאן'ס קאבינעט, וועל איך אייך שוין אלץ דערצעהלען, וואס איך האָב דאָרטען געפועלט.

אין עטליכע מינוט ארום האָט מען דיא פרינצעסין אריינגעבעטען צום סולטאן. זיא האָט איהם געפונען זיטצענדיג אויף איין אָטאמאנקע, אין א שווארצען אָנצוג, ד. ה. געקליידעט אייראָפייאיש, און רויכערענדיג א לולקע. וויא ער האָט איהר דערזעהן, האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט איהר זעהר פריינדליך בעגריסט און געבעטען זיטצען נעבען זיך. וויא זיא האָט זיך אנידערגעזעטצט, האָט ער איהר גלייך געפרעגט דיא אורזאך פון איהר קומען.

— קיין בעזונדערע אורזאך ברויכט ניט אייער מייסטעט צו זוכען,—האָט זיא געענטפערט,—דיא זאך איז גאָר איינפאך, איך האָב אייך שוין א לאנגע צייט ניט געזעהען און איך וויים ניט וואָס איהר מאכט, וויא עס געהט אייך... דיא גרויסע לייט האָבען אָפט אין לעבען מעהר ליידען וויא פריידען, מעהר יסורים וויא נחת... וויא פיהלט איהר זיך, טייערער אָנקעל, אין געזונד?

— איך דאנק דיר ליעבע ראָשאנע, פיר דיין פריינדשאפט און נאָך מעהר פיר דיינע קלוגע ווערטער. דיא גרויסע לייט טראָגען אין אמת'ן אויף זיך פיעל מעהר זאָרג וויא געוועהנליכע בירגער. פון דער צייט אָן וויא איך בין ארוף אויפ'ן טראָהן, האָב איך ניט קיין פרייע מינוט זיך אויסצורוהען... עס איז ניט דאָ וואָס מקנא צו זיין א סולטאן... א געמיינער האנדווערקער קען פערברייננגען זיין לעבען מיט מעהר פערגעניגען וויא איין אנדער פירסט... ווען גאָט האָט מיר שוין, אָבער, יע ארויפגעזעצט אויפ'ן טראָהן פון טערקיי, ווילט זיך שוין ניט ארונטערגעהן פון איהם פאר דער צייט. צום אונגליק אָבער פערגינט מען מיר דאָס ניט. איך בין ארומגערינגעלט פון פיינד... מען וויל שוין, דאָס איך זאָל אָבטרעטען דעם פלאַטץ איין אנדערען סולטאן... ניט לאנג האָב איז זיך דערוואוסט, דאָס סאלאדין, דעם פרינץ מוראד'ס זוהן, לעבט נאָך... איך פערלאנג דאָס מען זאָל איהם ניט בעליידיגען אויף דאָס מינדעסטע, ניט פאר מיין לעבען ניט נאָך מיין טוידט. זאָל ער זיך לעבען און געזונד זיין אזוי וויא מיין אייגענער זוהן יוסוף... נאָר פון דעסטוועגען האָב איך פאָרט מורא, זיין לעבען זאָל ניט אָנמאכען אין לאנד נייע צרות, נייע סקאנדאלען... אָבער דאָך זאָל איהם קיין בייז ניט געשעהען, זאָל ער זיך לעבען און בלייבען אויף אימער פריי!...

— דאָס איז פון אייער זייט, טייערער אָנקעל זעהר גרויסמוטהיג און גוטהערציג,—האָט ראשאנע געזאָגט,—דאָס ווייזט, וואָס פיר א גוטער קעניג און א הייסער קרוב איהר זייט. איך האָב אייך שוין לאנג געוואָלט ווייזען, וויא ווייט איך בין אייך דאנקבאר פיר דעם, וואָס איהר זייט אזוי גוט און גענעדיג געגען אונז, אייערע קרובים, איך האָב אָבער ניט געוואוסט, וויא איך זאָל דאָס מאַכען, מיט וואָס איך

זאָל איך צייגען מיין דאנקבארקייט... יעצט בין איך געפאלען אויף א גוטען פּלאַן.

— נו, נו, לאָמיר הערען דיין פּלאַן,—האָט זיך אָבגערופען צו איהר דער סול־טאַן און האָט דערביי אונטערגעשמייכעלט.

— לאכט ניט פון מיר, גוטער אָנקעל, קוקט ניט וואָס איך בין א פרוי. פּיעלע פרויען, וואָס זיינען נידעריגער וויא איך, זיינען אויך אים שטאנד צו פערזיסען זייער ליעבען פירסט דיא פינסטערע אונפריינדליכע שטונדען פון לעבען: דיא מיט טאשענ־שפּיל, יענע מיט שיינע לידער און דאָסגלייכען. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך, וואָס איך נעהם זיך אונטער צו טהאָן דאָס זעלבע געגען אייך.

— נו, נו, זאָג שוין אויס דיין פּלאַן,—האָט דער סולטאַן נאָך אמאָל געזאָגט.

— אין קורצען איז ביי אונז דער הייליגער יום־טוב בייראם, דער פרעהליכסטער פון אלע אונזערע יום־טובים. אין דיעזען פייערטאג ווערט אלע מאָל צוגעשטעלט אין אייער הארעם א נייע שענהייט, וועלכע מען קלייבט אויס פון טויזענדער מיידכען, וואָס ווערען צוגעשיקט פון גאנץ טירקיי אין סטאמבול. אלזאָ, בעט איך אייך, ער־לויבט אייער דאנקבארע קוזינע דאָס אויף היינטיגען מאָל זאָל זיא ברייגגען אין אייער הארעם אין אָדאליסקע א קאמער־מעדכען וואָס האָט נאָר אין גלייכען אין שפּיגעל אין וועלכען זיא קוקט זיך איין. עס האָט מיר געגוג געקאָסט געלד און מיהע, איידער איך האָב איהר זיך פערשאפט; אָבער קיינע קאָסטען און מיהע איז פיר מיר ניט צו שווער, נאָר אייך צו טהאָן א געפעליגקייט, נאָר אייך עטוואָס צו פערגרינגערן אייערע ליידען און אויפמונטערן אייער מוטה...

דער סולטאַן האָט אויף דעם געענטפערט מיט א גאנץ קאלטען שמייכעל. ראַ־שאנע האָט זיך אָבער דאָס ניט געמאכט זעהענדיג און האָט איהם געוויזען דיא פאָ־טאָגראפי פון דער אָדאליסקע, וואָס זיא האָט איהם פאָרגעלייגט. דער סולטאַן האָט בעטראכט דעם בילד און האָט געפרעגט:

— און ווער איז זיא, דיזע מעדכען?

— זיא איז א יתומה און איהר נאָמען איז רעציע,— האָט ראשאנע געענטפערט.

דער סולטאַן האָט איבער־א־ניים גענומען דיא פאָטאָגראפי, האָט זיך גענוג אָנגעקוקט און צוריק אָבגעגעבען ראָשאנען מיט דיזע ווערטער:

— איך דאנק דיר פיר דיין גוט הארץ; דיא מיידכען איז מיר זעהר געפעלען, נאָר איך קען איהר אָבער פון דיר ניט אָננעמען. ווי עס פיהרט זיך ביי אונז פון אייביג אָן, מוז דעם סולטאַן'ס מוטער, און ניט קיין אנדערער, אויסקלייבען דיא ביירא־מיידכען. ווען איך בעגעה זיך היי־יאָהר אָהן איהר, וועט דאָס זיין פיר מיין מוטער א גרויסע בעליידיגונג און נאָך א גרויסער פערברעכען געגען אונזער הייליגע רע־ליגיאָן...

נאָך אזא מין ענטפער האָט שוין דיא פּרינצעסין מעהר קיין לוסט געהאט צו שפּרעכען מיט דעם סולטאן און איהם צו דערצעהלען דיא הויפּט זאַך פון איהר וויזיט. דערצו נאָך האָט מען גראָד דאמאָלס געמעלדעט, דאָס דיא סולטאנשע וואלידע איז געקומען און פערלאנגט זיך צו זעהן מיט איהר קייזערליכען זוהן. וואלידע און ראָשאנע האָבען זיך אין הארץ פיינד געהאט איינע דיא אנדערע און דיזע בעגעגעניס פּלוצלינג אין סולטאן׳ס קאבינעט איז פיר זיי ביידען ניט געוועזען אנגענעהם. נאָך פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך געגריסט איינע דיא אנדערע, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזען דיא בעסטע פריינד. וואלידע האָט מיט איהר זוהן גאָר ניט גערעדט, און ראָשאנע האָט פערשטאנען אָן זייער שווייגען, דאָס זיי ווארטען זיא זאָל אוועקגעהן, דאָס זיי ווילען וואָס גיכער פון איהר פּטור צו ווערען ווייל זיי קענען פאר איהר אין דיא אויגען ניט שפּרעכען וואָס זיי האָבען בעדארפט. דיא פּרינצעסין האָט נאטירליך לאנג ניט געקענט זיין אין א לאגע פון איין אונגעבעטענעם גאסט. אין עטליכע מינוט ארום האָט זיא גענומען פון ביידען אָבשייד. דער סולטאן האָט זיך מיט איהר געשיידט פיעל קעלטער וויא ער האָט איהר אויפגענומען. עס האָט איהר פערדראָסען וואָס זיא האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט. פערקלעמט און פעראומערט איז זיא צוריק אריין אין אוידיענס־זאאל, וואו זיא האָט נאָך געפונען מאנזור־עפענדי.

— ארויגעוואָרפען דיא גאנצע מיהע!—האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם,— וואלידע׳ס קומען האָט מיר גאָר איבערגעפיהרט... זיא האָט מיר ניט ליעב, און אָהן איהר איז אונמעגליך וואָס עס איז צו מאכען. איהר מוזט געפינען א מיטעל צו מאַכען א שלום צווישען אונז ביידען, צו מאכען אונז פיר פריינד... אָהן דעם וועט פון אונזער מיהע גאָר ניט ארויסקומען!...

— מיינט ניט, דאָס איך שלאָף, איך וויים וואָס צו טהאָן... האָט ער איהר געענטפערט קורץ און שארף.

ראָשאנע האָט געקענט דיזען מאן פון גרונד. זיא האָט געוואוסט, דאָס ער וואַרפט מיט קיין ווערטער אויפ׳ן ווינד, און זיין קורצער אנטוואָרט האָט איהר אין גאנצען בערוהיגט. דיא פּרינצעסין איז גלייך אוועק און ער איז געבליבען ווארטען, ביז וואלידע וועט אוועקגעהן און ער וועט קענען אריין צום סולטאן, מיט וועמען ער האָט זיך בעדארפט מישב זיין וועגען וויכטיגע פּאָליטישע ענינים. עס איז איהם אויסגעקומען פיעל צו ווארטען, ווייל וואלידע איז אלע מאָל געוועזען ביי איהר זוהן, ביי דעם סולטאן אבדול־אזיס, א גאנץ גוטער גאסט. וואָס זיא האָט געזאָגט, איז ביי איהם געוועזען קדש קדשים, און זיא האָט דאָס אין אמת׳ן פון איהם פערדינט. זיא איז אפילו ניט געוועזען קיין יחסנ׳טע, אָבער זיא איז געוועזען זעהר קלוג און געבאָרען צו הערשען און ניט צו פאָלגען. דער סולטאן האָט אימער ליעב געהאט מיט איהר צו

שפּרעכען פון פערשידענע זאכען, וואָס האָבען אינטערעסירט דיא רעגירונג אין יענער צייט, און עס איז איהם קיין מאָל ניט מיאוס געוואָרען צו ריידען מיט איהר גאנצע טעג. עס איז זיך דעריבער ניט דאָ וואָס צו וואונדערן, ווען עס האָט זיך איהר יעצטיגער וויזיט ביי איהם אויך פיעל פערצויגען. דערר שייך־אול־איסלאם האָט אָבער ניט פערלאָרען דיא געדולד צו ווארטען, ווייל דאָס איז ניט געוועזען אזא מענש, וואָס פערלירט גלייך דיא געדולד...

וואלידע האָט געשפּראָכען מיט איהר זוהן אבדול־אזיס וועגען דעם פּרינץ יוססוף:

— מעהר פון אלץ דרעהט מיר דיא קאָפּ וועגען דיין עלטערן זוהן... וואָס וועט מיט איהם זיין ווען דו וועסט אויסלעבען דיינע יאָהרען? איך וויל דורכאויס, דער נאכפאָלגער פון דיין טראָהן זאָל קיין אנדערער ניט זיין, וויא ער. איך בין אָבער אין דעם ווייט ניט זיכער, ווייל דיא געזעטצע פון טירקיי זייגען געגען דעם... דעריבער, מוזען מיר ניט שלאָפען און מוזען ווירקען מיט מעהר פלייס, וויא ביז אהער!...

— גאנץ געוויס, ליעבע מוטער, — האָט איהר דער סולטאן געענטפערט,— דאָס איז אויך מיין אייגענער וואונש, אָבער צום אונגליק, קען איך דערצו גאָר ניט העלפען, ווארום נאָך אונזערע געזעטצע דארף דעם טראָהן ניט ירשענען דעם סולטאן'ס עלטסטער זוהן, נאָר דער עלטסטער פּרינץ אין דיא גאנצע פאמיליע. היינט הייב זיך אָן מיט אונזער הייליגעס, ריהר אָן אויף א האָר אונזער רעליגיאָן... גלייך ווערט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל א רעוואָלוציאָן, און דאמאָלס איז שוין קיינער פון אונז ניט זיכער מיט'ן לעבען... דיא ערשטע כפּרה וועט נאטירליך זיין מיין אָרימער יוססוף... מיר האָבען שוין געזעהען אזעלכע ביישפּיעלען גענוג... צווישען אונז גערעדט, ווייסט דו פיר ועמען איך האָב מעהר מורא וויא פיר אלעמען? דוקא פיר דעם, וואָס איז צו מיר נעהנטער וויא אלע, וואָס געהט נאָך מיר נאָך, וויא א שאָטען נאָך א שטעקען... אָט יעצט זיצט ער שוין און ווארט אריינצוגעהען צו מיר... יא, דער געפעהרליכסטער פון מיינע געגנער איז דער שייך־אול־איסלאם. ער איז דער אויפזעהער פון אונזערע געזעצע, און דאָס פאָלק האלט פון איהם מעהר וויא פון מיר... מיט אנדערע וואָלט איך שוין וויא עס איז דורכגעקומען, אָבער מיט איהם... דאָס איז א מענש מיט איין אייזערנעם קאָפּ און איין אייזערנע הארץ... ניט עס איז מעגליך איהם איבערצוריידען, ניט עס איז פון איהם פּטור צו ווערען... און ווען אפילו איך וואָלט איהם יא געקענט ארונטערווארפען און מאכען איין אנדערען אויף זיין אָרט, וואָלט זיך קיין אנדערער אויך ניט דערוועגט איבערצוטרעטען דיעזען אלטען, פערשימעלטען מנהג.

מען האָט מיר שוין זאגאר דערציילט, — האָט דער סולטאן ווייטער געזאָגט, נאָך דעם וויא ער האָט א ווייל געשוויגען, — מען האָט מיר דערצעהלט דאָס מאנזור־עפענדי האָט שוין ביי זיך אין דיא הענד דעם קליינעם סאלאדין, און מאכט שוין מיט איהם סעקרעטנע פּלענער. . .

— ניין, מיין קינד, — האָט זיך אָבגערופען צו איהם וואלידע, — ניין, אונזער פּלאן מוז ווערען אויסגעפיהרט, עס מעג אפילו קאָסטען בלוט און גוט... מען דארף ניט זיין אזוי שרעקעדיג... איך ברויך נאָר ניט אָנצוריהרען אונזער רעליגיאָן, וויל דאָס איז נאָר א ווילדער מנהג, וואָס האָט צו ערשטען איינגעפיהרט דער סולטאן אָסמאן. אין יענע צייטען קען זיין האָט דיעזער מנהג געהאט א זינען, אָבער יעצט ברייגנט ער מעהר ניט וויא גרויס שאדען פיר דיא גאנצע לאנד. דיא סולטאנען זיינען קיין מאָל ניט זיכער מיט זייער לעבען, און אנשטאָט צו זאָרגען פיר דיא מדינה, דארפען זיי זאָרגען פיר זיך אליין... אין לאנד איז אימער רעוואָלוציאָנען... ניין, מען מוז איין מאָל פיר אָלע מאָל מאכען א סוף מיט אזא ווילדען מנהג. דו מוזט עס מיט געוואלד דורכמאכען... מיר האָבען נאָך גענוג פריינדע, וואָס וועלען אונז בעהילפיג זיין... דו ביזט, מיין קינד, צו ווייך און צו גוט געגען דיא פּרינצען. דו דיינקסט נאָר צו לאָזען פריי אויפוואקסען סאלאדין'ען... זעה, מיין קינד, דו זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען... עס וועט אָבער זיין צו שפּעט. . .

— וואָס זאָל איך טהאָן, איך האָב פערשפּראָכען מיין ברודער פאר'ן טויט, דאָס איך וועל זיך ערענטליך בעגעהען מיט זיינע קינדער און איך מוז האלטען וואָרט. . .

— אָ, מיין קינד, זעה זיך ארום, ווען מען קען נאָך העלפען. . . איך בין דיא איינציגע, וואָס זאָרג וועגען דיין גליק. איך גיב מעהר אכטונג וויא דו אויף דיינע פיינדע. . . איך זעה בעסער איין אין דיא צייט וואָס וועט קומען, און איך זאָג דיר, דאָס דיין שוואכהייט וועט דיר צו גוטס ניט ברייגגען!...

— און דאָך, ליעבע מוטער, קען איך זיך נאָך ניט בעשליסען צו טהאָן אזא זאך, פון וואָס קיינער איז ניט אימשטאנד אויסצורעכענען, וואָס עס קען ארויסקומען. מען מוז זיך פריהער גאנץ גוט מישב זיין וועגען דעם. דיא סולטאנען וואָס זיינען געוועזן פאַר מיר האָבען זעהר פיעל געליטען פיר דיא קלענסטע נייעס וואָס זיי האָט זיך פערוואָלט איינפיהרען אין אונזער לאנד. סולייםאן און מוראד האָבען בעצאָהלט מיט זייער לעבען נאָר פיר דעם וואָס זיי האָבען געוואָלט איינפיהרען אין אונזער מיליטער אייראָפּעאישע קליידער!

— דאָך בעט איך דיר, מיין זוהן, נאָך א מאָל, — האָט זיא זיך אָבגערופען

צו איהם, — זעה זיך ארום און פערשטעה דיין לאגע, פערשלאָף ניט דיא צייט... דיינע פיינדע רינגלען דיר ארום פון אלע זייטען... דאָס פארקירצט מיר דעם לע־בען. . . נאָר געגוג שוין צו ריידען פון דיזע פערדריסליכע זאכען. . . איך וויל דיר מעהר ניט אויפהאלטען, דיזע צייט ביזט דו געוואָהנט צו פערברייננגען אין דיין הארעם. געה אהין און האָב א ביסעל פערגעניגען, פערברייננג דאָרטען א פּאָר שטונדען, פערגעס אויף א ווײלע אָן דיינע זאָרג, רוהע זיך אוים... דערווײלע א גוטע נאכט!

דער סולטאן איז געבליבען זיצען אויף זיין אָטאָמאנקע. ער האָט גע־גומען איבערלייגען אין זיין געדאנקען זיין מוטער'ס רייד, און וואָס מעהר ער האָט וועגען דעם געקלערט, האָט ער אלץ מעהר געפונען דאָס זיא איז העכסט גערעכט.

— איהרע ווערטער, — האָט ער מיט זיך אליין געשפּראָכען, — האָבען מיר דערמאָהנט דיא נביאות, וואָס א דערוויש האָט אויף מיר געזאָגט ביי מיין געבורט. איך וועל האָבען פיעל צו ליידען אין מיין לעבען, האָט דיזער דערוויש געזאָגט, צום ענדע וועל איך ארונטערגעשטויסען ווערען פון מיין טראָהן, און דורך אזעלכע מענשען וואָס איך האָב מיט זיי פיעל גוטעס געטהאָן. דערנאָך וועט מען מיך ערמאָרדען. דעריבער, האָט ער געזאָגט, דאַרף איך זיך מעהר היטען פון מיינע פריינדע וויא פון פיינדע. דיא זעלבע ווערטער האָט ער אויף מיר נאָך א מאָל געזאָגט, שפּעטער, ווען איך בין שוין געוועזן א רעכטער יונגע. יעצט איז ער שוין אפילו טוידט, אָבער זיינע רייד לעבען נאָך עד היום..

אין א צעהן מינוט ארום האָט זיך אבדול־אזים דערמאָהנט, דאָס עס איז קיין פלאן ניט אזוי פיעל זיך צו קריינקען מיט אזעלכע פיינליכע געדאנקען און עס האָט זיך איהם פערוואָלט ארייננגעהן אין הארעם. ער האָט אָנגעקלונגען, און עס האָבען זיך כהרף־עין בעוויזען עטליכע פּאזשען מיט לייכטער אין דיא הענד צו בעלייכטען דעם פינסטערן קאָרידאָר, דורך וועלכען ער פלעגט אימער געהן פון זיינע צימערן אין הארעם. פארבייגעהענדיג האָט ער אין אודיענס־זאאל בעמערקט דעם שייך־אול־איסלאם, וואָס האָט אויף איהם דאָרטען געווארט. מאנזור־עפענדי האָט זיך פאר איהם טיעף פערנייגט, און דער סולטאן האָט איהם זעהר פריינדליך געפרעגט:

— אזוי שפּעט זייט איהר דאָ? ווארום שוינט איהר ניט אייער געזונד? עס איז שוין צייט צו רוהען?...

— איך האָב עטוואָס גייטהיג מיט אייך צו שפּרעכען, דעריבער האָב אין

מיר בעשלאָסען אייך צו ערוואַרטען היער אין זאאל און איך האָב אייך, גאָט צו דאַנקען, אין אמת'ן ערוואַרט, אזוי וויא איך האָב פאַראויסגערעכענט.

— איך האָב אָבער דאָ אין זאאל שוין קיין צייט ניט מיט אייך צו שפּרעכען, — האָט איהם דער סולטאַן געענטפערט, — אויב איהר האָט ווירקליך גאַנץ נייטהיג מיט מיר צו שפּרעכען, בעגלייט מיר אין קאָרידאָר און דערצעהלט מיר וואָס איהר דאַרפט.

— ווען איהר אײלט זיך אזוי צו אייער נאכט־רוהע, — האָט געזאָגט מאַנזור־עפענדי, — וויל איך אייער מייסטעט ניט שטערען... איך וועל בעסער אָבלייגען דיא זאַך אויף מאָרגען פריה.

—דאָס איז בעסער וויא אלץ. — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאַן, — ווארום איך האָב אויך אייך פאַרצולייגען א וויכטיגען ענין; אלזאָ, ווארט איך אויף אייך מאָרגען פריה אין מיין קאַבינעט.

ריידענדיג זיינען זיי אריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר. וויא דער סולטאַן האָט זיך אָבגעשטעלט און געוואָלט נעהמען אָבשייד פון זיין בעגלייטער, מאַנזור־עפענדי, האָבען זיך דיא פּאָזשען פּלוצלינג פון וואָס עס איז אזוי דערשראָקען, דאָס זיי האָבען מיט א מאָל ארויסגעוואָרפען פון זייערע הענד דיא לייכטער און זיינען צולאָפען יעדער אין איין אנדער זייט. דער זעלבער שרעק איז ארויפגעפאַלען אויף דיא צוויי לייב־דיענער, וואָס האָבען דעם סולטאַן בעגלייט פון ווייטען. עס האָט זיי אָבגענומען דער לשון. אבדול־אזים, וואָס האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס דאָס איז פאַר א מעשה, איז געוואָרען שטאַרק אין כעס. זיין צאָרן האָט אָבער פיעל ניט געדויערט, ווייל באַלד איז ער אליין אויך צושראָקען געוואָרען. דיא אורזאַכע פון אלעמענס שרעק איז געווען, וואָס זיי האָבען מיט א מאָל דערזעהען א ווילדע געשטאַלט: א מענש אין אָבגעריסענע קליידער, בלאַס וויא א טויטער, דער קאָפּ ארומגעבונדען מיט א בלאָהע אראבישע טיכעל און אויפ'ן געזיכט א גאָלדענע לענטע. אבדול־אזים האָט פערשטאַנען, אז דאָס איז דיא „גאָלדענע מאסקע“. עס איז זיי אלעמען כמעט ארויס דיא נשמה פון שרעק, א חוץ דעם שייך־אול־איסלאַם וואָס איז געבליבען קאַלט־בלוטיג און רוהיג. ער האָט זיך אָבגערופען צום סולטאַן:

— דאָס איז דיא „גאָלדענע מאסקע“... אָבער עס וועט אויף איהר אויך קומען א צייט! ניט אייביג וועט זיא פון אונזערע הענד אנטלויפען, ניט אייביג וועלען מיר ניט וויסען ווער זיא איז!...

דער סולטאַן האָט אויף דעם נאָר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

דער שייך־אול־איסלאַם, דער איינציגער פון אלעמען, וואָס איז ניט געווען צומישעלט און האָט ניט פערלאָרען קיין מוטה, — האָט געגעבען א בעפעהל, מען

זאָל גלייך פערמאכען טיר און טויער און מען זאָל קיינעם ניט ארייגלאָזען און ניט ארויסלאָזען לעבעדיגערהייד, ביז וואנען מען וועט ארעסטירען דיא „גאָלדענע מאסקע" וואָס האָט געוואגט אריינצוגעהן אין סולטאן'ס פאַלאַץ. דיעזער בעפעהל איז פונקט דיא זעלבע מינוט געוואָרען ערפילט; אָבער וואָס מען האָט ניט געזוכט אין גאַנצען שלאָס, איז פון דיא וואונדערליכע מאסקע ניט געווען צו זעהען, ניט צו הערען! זיא איז פערשוואונדען געוואָרען אזוי וויא דורך דר'ערד! אלע זיינען געבליבען אויסער זיך פון שרעק און פון וואונדער... דער גאַנצער שלאָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט א הויכען וואל, אלע טויערן זיינען געווען פערשפארט און שטריינג בעוואכט און זיא איז פאַרט נעלם געוואָרען!

דער שייך־אול־איסלאָם אליין האָט געשמייכעלט און האָט געגעבען גוטע האָפנונג, דאָס מען וועט שוין דיא גאָלדענע מאסקע דאָ פאַקען.

19.

דיא טוידטע האַנד.

יעצט איז שוין צייט, מיר זאָלען זיך ארומזעהען וואָס עס איז געוואָרען מיט רעציע און סאלאדין וואָס מיר האָבען געלאָזען פערשפארט אין קאדידזע'ס וואָהנונג, און מיט דער ציגיינערין'ס טאָכטער סירדא, וואָס איהר מוטער און לאצארוס האָבען געהאַלטען פיר געשטאָרבען.

וויא לאצארוס איז ארויס פון איהר מוטער'ס וואָהנונג און דיא ציגיינערין האָט צוריק איינגעשלאָפען, האָט סירדא אָנגעווענדט איהרע לעצטע כחות און איז צוגעקראָכען אויף אלע פיער צום טיר פון צימער וואו עס זיינען געווען פערשלאָסען רעציע און סאלאדין. וויא זיא האָט דערהערט דיא טיעפע זיפצען פון איהר פריינדין, האָט זיא איהר אָנגעפאַנגען צו טרייסטען:

— זיי רוהיג, מיין טהייערע רעציע, — האָט זיא צו איהר געזאָגט, — איך בין מיט דיר, איך וועל דיר רעטען, האָב נאָך א וויילע געדולד, איך וועל נאָר אויפזוכען דעם שליסעל, ביזט דו גלייך פריי!

— טייערע סירדא! האָט זיך רעציע אָבגערופען פון יענער זייט טיר, — ווען דו ביזט נאָט ווייט פון מיר, זאָרג איך שוין ניט; איך בין זיכער, דאָס דו וועסט געפינען א מיטעל מיך צו בעפרייען פון מיין געפענגניס.

— זיי רוהיג, איך וועל טהאָן אלץ וואָס איך וועל קענען.

סירדא איז שטילינקערהייד אריין אין צימער, וואו איהר מוטער האָט געשלאָפען און האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען דעם שליסעל. צום אומגליק איז איהר מיהע געווען אומזיסט, ווארום, אזוי וויא מיר ווייסען שוין, האָט דיעזען שליסעל מיטגענומען לאצארוס. סירא האָט זיך אזוי אָבגעמאטערט, דאָס זי האָט קוים געקענט צו

קריכען צוריק צו איהר הארטען געלעגער, אויף וועלכען זיא איז געבליבען ליגען אזוי וויא אין הינ־הער פלעט. זיא האָט זיך ניט גערירט מיט קיין גליעד, אָבער זיא האָט געהערט און געזעהען אלצדינג וואס האָט זך געטהאָן ארום איהר.

פאר נאכט האָט סירדא געהערט, וויא עס איז צוגעפאָהרען א פוהר צו איהר מוטער׳ס וואָהנונג און איינער האָט באלד אָנגעקלאפּט אין טיר. דיא ציגיינערין האָט גלייך געעפענט און אין שטוב איז אריין לאצארוס. קאדידזע איז געוועזן אָנגעטהאָן און האָט זיך געקליבען צו געהן אין גאס. ווארום מען האָט איהר ניט לאנג גערופען צו א רייכע דאמע.

דיא ערשטע פראגע וואָס לאצארוס האָט איהר געמאכט, איז געווען, צו סירדא איזווירקליך טוידט?

— און וויא נאָך טוידט, — האָט איהם קאדידזע געענטפערט, — מען מוז איהר פון דאנען צונעהמען, און דאָס מוזט דו מיר אליין פערזאָרגען, איך האָב יעצט גאָר קיין צייט ניט, איך מוז שוין געהן צו א פאָרנעהמע דאמע, וואָס האָט מיר ניט לאנג גערופען צו זיך אין הויז.

— רעכט, איך וועל שוין דאָס פערזאָרגען, איך וועל איהר ערגעץ וואו פער־שארען אין א ווינקעל פון א בית עולם... אין אמת זאָגענדיג, האָב איך אפילו אויך גאָר קיין צייט ניט, ווארום איך בין געקומען מיט א פוהר אָבנעהמען מיינע גע־פאנגענע און דאָס מוז געשעהען וואָס צום גיכסטען.

— נו גוט, טו נעהם מיט דיא טוידטע אויך פאר איינס...

— אזוי רעכען איך אויך צו טהאָן, — האָט לאצארוס געענטפערט.

— ווייטער פערלאנג איך פון דיר, — האָט קאדידזע זיך ווידער אָבגערופען צו איהם, — דו זאָלסט מיר ברייגנען צוריק וואָס עס איז פיר א סמן, דאָס דו האָסט איהר ווירקליך בעגראָבען.

— איך וועל דיר שוין ברייגנען א גוטען סמן... געפינט זיך אָפּט ניט ביי דיר איין אלטער קאסטען, אין וואָס איינצופאקען דיא שטיקעל סחורה? — האָט איהר לאצארוס געענטפערט.

— א קאסטען וועל איך דיר באלד געבען, אָט, זאָל זיין רער וואָס שטעהט דאָ אין ווינקעל. עס איז אפילו נאָך גאָר א נייער קאסטען, וואָס קען צונוטץ קומען אויף א בעסערע זאך; אָבער פון איהר פטור צו ווערען איז ביי מיר אלץ ווערטה...

סירדא האָט געהערט דעם גאנצען געשפּרעך צווישען לאצארוס און איהר מוטער. זיא איז אָבער געווען אזוי שוואך, דאָס זיא האָט ניט געקענט ריהרען מיט א גליעד, ויא איז כמעט געווען אָהן א׳ן אָטהעם. אָבער זיא האָט אלצדינג געהערט,

זויא מען האָט אָבגערעדט איהר צו בעגראָבען לעבעדיגערהייד, און איהר קענט אייך פאָרשטעלען, וויא עס איז איהר דאמאָלס געווען אויף'ן הארצען...

באלד האָט זיך דער גרעק צו איהר גענומען. ער האָט איהר איינגעפאקט אין קאסטען און צוזאמען מיט'ן קוטשער ארייננעלייגט אין וואָגען. קאדידזע איז באלד אוועקגעגאנגען צו די פאָרנעהמע דאמע, וואָס האָט אויף איהר געווארט און לאצארוס האָט זיך גענומען צו זיינע געפאנגענע. רעציע האָט זיך דערפרעהט, וויא זיא האָט דערהערט, דאָס מען שליסט אָב דיא טיר, ווייל זיא האָט געמיינט, אז דאָס איז סירדא געקומען איהר בעפרייען. אָבער וויא גרויס איז געווען איהר שרעק, וויא זיא האָט אנשטאָט סירדא'ן דערזעהן דעם אויסוואורף, דעם גרעק! עס האָט זיי ביידען, רעציע'ן מיט סאלאדין'ען, אָנגעהויבען צו ציטערן הענד און פיס. לאצארוס איז צוגע־גאנגען צו זיי און האָט זיי געזאָגט, דאָס זיי זאָלען זיך מיט איהם ארייינזעצען אין פוהר וואָס ער האָט געבראכט, און ווען זיי ווילען ניט מיט גוטען, וועלען זיי דאָס טהאָן מיט בייזען. רעציע האָט זיך נאטירליך ניט אזוי געאיילט, וויא ער האָט גע־רעכענט. זיא האָט זיך שטארק געוועהרט געגען איהם, און ווען זיא האָט גאָר ניט געקענט מאכען מיט דיא הענד, ווייל זיא האָט קיין כח ניט געהאט און איז געווען א פערשמאכטע פון הונגער און דורשט, האָט זיא געפרופט ווייך צו מאכען איהר פיינד'ס הארץ מיט געוויין און געבעט.

איהרע ביטערע טרעהרען האָבען אין זיין פערגרעבטען הארצען ניט גע־קענט דערוועקען א געפיהל פון רחמנות און מענשליכקייט, אָבער האָבען אָנגעצונ־דען זיין אלטע שענדליכע ליידענשאפט צו איהר און ער האָט זיך שוין געפרעהט, דאָס יעצט וועט זיא געווים מרוצה ווערען אויף אלץ. ער האָט איהר פערשפראָכען צו שיטצען פון איהרע פיעלע פיינד, וואָס ווינשען איהר און סאלאדין'ען בייז, אויב זיא וועט איינוויליגען איהם צו ליעבען. ער האָט איהר ביי דעם נאָך דערצעהלט, דאָס סאדי ליעבט זיך מיט דער פרינצעסין, וואָס האָט איהם געשיינקט א רינג ער זאָל קענען אלע מאָל צו איהר ארייינגעהן אָהן זיך צו מעלדען.

— דיעזען רינג טראָגט ער אימער אויף זיין פינגער, — האָט לאצארוס צו איהר געזאָגט, אין האָפנונג צו דערוועקען ביי איהר א געפיהל פון אייפערזוכט, — געווים האָסט דו דאָס אליין אויך בעמערקט?

ער האָט אָבער געהאט א גרויסען טעות. רעציע איז געבליבען טריי צו איהר געליעבטען סאדי און האָט זיך בעסער בעשלאָסען ארייינצוגעהן מיט סאלאדין'ען אין דיא פערמאכטע קארעטע איידער צו בעקומען איהרע פרייהייט פון דעם שענדליכען און נידערטרעכטיגען לאצארוס, בעסער זיך איבערגעבען אין דיא הענד פון דער רעגיערונג, איידער אָנצוקומען צו א טובה פון אזא אויסוואורף.

מיט א צובראכענע הארץ איז זיא אריין אין קארעטע, אזוי וויא א פער־משפט'ער געהט אריין אין שאנד־וואגען וואס פיהרט איהם צום עשאפאט. דער קליינער סאלאדין האט זיך צו איהר צוגעטוליעט און האט איהר פעסט ארומגענומען מיט ביידע הענטלאך. דער גרעק האט זיך געזעצט געגען זיי מיט דיא פלייצעס צום קאסטען. וויא דיא קארעטע האט זיך געריהרט פון ארט, איז לאצארוס פון דאס־נייע צוגעשטאנען צו רעציע'ן מיט חניפה־רייד, דאס זיא זאל פערגעסען אן סאדי, וועלכער איז איהר פון לאנג אן געווארען אונטריי, און זאל בעסער איינווילינגען איהם צו ליעבען, און ער וועט איהר דיא זעלבע מינוט בעפרייען און מאכען אויף אימער גליקליך.

— ניין, — האט זיא איהם געענטפערט, — דו זאגסט ליגען, סאדי איז מיר געוועזען טריי און געבליבען טריי. ער איז ריין, וויא איין ענגעל, אבער דו ביזט פאלש וויא דער טייפעל... יעצט ווייס ער ניט פון מיינע צרות, ניט וואו איך בין; ער וועט זיך אבער באלד דערוויסען, און ער וועט מיר רעטען. דו מעגסט מיר פער־שליסען אונטער דר'ערד, וועט ער מיר אויך געפינען...

ארום האלבע נאכט האט זיך דיא קארעטע אבגעשטעלט. לאצארוס האט ארויסגענומען רעציע'ן מיט סאלאדין'ען און איז אריין מיט זיי אין א לאנגען פינס־טערען קארידאר, רעציע האט געוואלט א געשריי טהאן, מען זאל איהר רעטען פון איהר טיראן'ס הענד, ווייל זיא האט געמיינט אפשר געפינט זיך דא מענשען וואס וועלען אויף איהר רחמנות האבען; אבער אין דיא זעלבע מינוט, האט לאצארוס א ציה געטהאן א גלעקעל און עס האט זיך גלייך בעוויזען איין אלטער דערוויש מיט א לאנטערנע.

רעציע האט געמיינט, דאס דיעזער אלטער גייסטליכער איז איינער פון דיא הייליגע מענשען, וואס ענטזאגען זיך פון דיא פערגעניגען'ס פון עולם הזה און לייגען זיך נאר אב צו טהאן גוטעס מיט'ן צווייטען. זיא האט אנגעפאנגען פאר איהם צו וויינען, ער זאל איהר שיצען געגען דעם שלעכטען מאן, וואס וויל בייז טהאן איהר און סאלאדין, און זיא ווייס ניט פיר וואס און פיר וועם. דער דערוויש אבער האט אויסגעשטעלט אויף איהר א פאר גרויסע אויגען און איז געבליבען שטום אזוי וויא דיא וואנד. לאצארוס האט זיך פערנאנדערגעלאכט... „געטראפען דעם ארט וועמען צו בעטען", האט ער זיך געטראכט, „דעם אבער־וועכטער פון דיעזע טורמע, וואו עס מוזען פערשטומט ווערען אלע מענשליכע געפיהלע, וואו מען ווייס פון געגאד און רחמנות אזוי וויא אין העללע"...

לאצארוס האט דערלאנגט דעם דערוויש א פאפיער, וואס יענער האט דורכ־געלעזען און דריי מאל געגעבען א קוק און צוגעדריקט צום שטערען, וויא דיא מאדע

איז אין טירקיי ווען מען בעקומט א פאפיער פון א וויכטיגען בעאמטען. דערנאך האט ער זיך גוט איינגעקוקט אין רעציע'ן, דאס גלייבען, אין סאלאדין'ען און האט זיי געגעבען א ווינק, זיי זאלען געהן מיט איהם.

דיעזער פאפיער איז געווען א געשריבענע אינסטרוקציאן פון שייך־אול־איס־לאם, וויא צו בענעהן זיך מיט דיא צוויי ארעסטאנטען.

רעציע און סאלאדין האבען זיך געפונען אין אונזער בעקאנטער רואינע „קאדריש". מען האט זיי באלד פערשלאסען אין א קליינעם קעמערל, אין איינעם פון דיא קעמערלאך, וואס זיינען געווען אבגעזונדערט פון דיא גאנצע וועלט און וואס קיינער, וואס נוערט א מאל אין זיי ארעסטירט געהט שוין נים ארויס אויף דער ווייסער וועלט ביז'ן טויט.

לאצארוס איז פון רואינע אוועקגעפאהרען אויף איינעם פון דיא בית־עולם'ס, וואס געפינען זיך אין סטאמבול אין אלע עקען שטאדט. דיא בית־עולם'ס זיינען אין טירקיי פערפלאנצט מיט אלערליי בוימער און דיא קברים זיינען ביי זיי איינ־געטהיילט אין דריי קלאסען: גאר פיר ארימע און ניעדריגע מענשען, פיר מיטעל־מעסיגע מענשען און גאר פון געהויבענע לייט. דיא קברים פון היילינע זיינען ארום־געצוימט מיט אייזערנע גראטעס, וואס זיינען אלע מאל פערהאנגען מיט אלטע בגדים און טראנטעס, ווייל דיא טערקען האלטען דאס פיר א גרויסע סגולה צו אלע קראנקהייטען אין דער וועלט, ווען מען הענגט אויס אויף א היילינען קבר דעם קראנ־קען'ס א בגד אדער א טיכעל. אויף אנדערע קברים ליגען פיינע מארמארנע מצבות מיט שיינע אויפשריפטען. אויף דיא מצבות זיינען ערטערווייז געמאכט גריבלאך, כדי עס זאל זיך אויפהאלטען אין זיי רעגען־וואסער, דיא פייגעלעך זאלען האבען וואס צו טרינקען און זיי זאלען דערפאר שעהן זינגען אלע אין דער פריה אויף דיא קברים...

דער גרעק האט לאנג נים בעדארפט פאהרען; ער האט זיך באלד אבגע־שטעלט נעבען א בית־עולם, וואס דערביי איז געשטאנען א קליינע מאשעע און א מינארעט (מאהמעדאנישע געבעט־הייזער), ארומגערינגעלט מיט געדיכטע בוימער. נים וויים איז געווען דיא וואהנונג פון קברות־מאן, ביי וועמען עס האט נאך גע־ברענט פייער.

לאצארוס האט אנגעקלאפט אין טיר און דער קברות־מאן איז דיא מינוט ארויסגעגאנגען און האט געפרעגט, וואס ער דארף.

— איך האב געבראכט א טוידטען, — האט לאצארוס געענטפערט, — מאך וואס צום גיכסטען פערטיג א קבר.

— מיר שיינט דאס איהר זיים דער האפמייסטער פון דיא פרינצעסין

ראַשאנע וואָס וואָהנט אין סקוטארי? — האָט זיך דער גרעבער אָבגערופען צו איהם.

– גאנץ ריכטיג, — האָט איהם לאַצארוס געענטפערט, — און דו וועסט בעקומען א גוטע בעלוינונג! ביי דיעזע ווערטער האָט ער איהם דערלאנגט א ביימעל מיט געלד.

לאַצארוס מיט זיין קוטשער האָבען אוועקגעשטעלט אויף דר'ערד דעם שוואַרצען קאסטען, און דער גרעבער האָט באלד אויסגעזוכט זיינע געצייג און האָט גענומען אין א ווינקעלע גראָבען א קבר. אין טירקיי איז קיין מאָדע ניט צו מאַכען טיעפע קברים, דעריבער האָט גאָר ניט געדויערט וויא עס איז געוואָרען פערטיג פיר סיררא'ן א קבר. מען האָט אראָבגעלאָזען אין קבר דעם שוואַרצען קאסטען, פערשאָטען מיט עטליכע שופלען ערד אזוי וויא דער מנהג איז און געמאכט אויף'ן קבר א סמן. דיא גאנצע מעשה האָט ניט געדויערט מעהר וויא א שטונדע און נאָך פאר בעגינען איז שוין לאַצארוס געוועזן ביי דיא ציגיינערין מיט דיא גוטע בשורה, דאָס איהר טאָכטער ליגט שוין אין דר'ערד.

20.

דער פאלאַץ פון טוידט.

באלד וויא לאַצארוס איז אוועקגעפאָהרען פון בית־הקברות, איז דער גרעבער צוריק אריין צו זיך אין וואָהנונג און האָט פערלאָשען דיא ליכט. עס איז נאָך געוועזן גוט פינסטער. ארום און ארום אין גאנצען געגענד איז געוועזן אונגעוועהנליך שטיל און רוהיג, קיין סמן פון א ווינטעל אין לופט, קיין צווייגעל האָט זיך ניט בעוועגט, קיין בלעטעל ניט גערוישט... מיט א מאָל האָט מען דערהערט א סקריפ פון שווערען טויער אויף'ן בית־הקברות. דער טויער האָט זיך אויפגעעפענט. אויף'ן פעלד זיינען ארויסגעגאנגען אין צייל, ליינגאוים, זיעבען מענשליכע געשטאַלטען, אלע אָנגעטהאָן אין טראַנטעס, ארומגעבונדען דיא קעפ מיט בלאָהע אראַבישע טיכלאַך. שטילערהייד און גלאַסען זיינען זיי געגאנגען צווישען דיא קברים, ביז זיי זיינען געקומען צום פרישען קבר, וואו מען האָט אָט־ערשט בעגראָבען סיררא'ן. דאָרטען זיינען זיי געשטאַנען א האלבע שטונדע און זיינען צוריק ארוים פון בית־הקברות אויף דעם זעלבען ארט, וויא זיי זיינען געקומען. דער, וואָס איז ארוים צום לעצטען, האָט צוריק פערמאַכט דעם טויער.

יעצט, טייערע לעזער און לעזערינען, לאָמיר א בליק טהאָן, וואָס איז געוואָרען מיט רעציע'ן און דעם קליינעם סאלאדין, וועלכע מיר האָבען געלאָזען פערשלאָסען אין איינעם פון דיא קעמערלאַך אין דיא רוהיגע „קאדריש". אָבער איידער מיר וועלען זעהען, וואָס זיי מאַכען דאָרטען, ווילען מיר אייך נעהנטער בעקאַנט מאַכען מיט דיעזע רואינע אין גאנצען.

מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק, ווען שטאמבול האָט נאָך געהערט צו
גריכענלאנד, איז דיא יעצטיגע רואינע „קאדריש“ געווען א פּאלאסט פון איין גריי־
בישען קייזער. ווען דיא טירקען האָבען בעלאגערט סטאמבול, האָבען זיי מיט זייערע
קוילען געמאכט דיעזען פּאלאסט פיר א חורבה. דאָס, וואָס זייערע קאנאָנען האָבען
ניט אויספּייעט צו־צובּרעכען, האָט חרב געמאכט דיא צייט, און נאָך מעהר דיא
גראָבהייט און אונוויסענהייט פון דיא פאנאטישע טירקען, וואָס האָבען ניט גע־
לאָזען א שריד ופליט פון אלע קונסטווערקע, שניטצעריי, מאהלעריי, פון דיא טייער־
סטע בילדער און שעהנסטע זיילען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען. דיעזער
אמאָליגער פּאלאסט איז אזוי געשטאנען פערוויסטעט און פערווילדעט און קיינער
פלעגט אהין ניט אריינשמעקען, ביז וואנען דער סולטאן סולימאן דער צווייטער
האָט אוועקגעשיינקט דיא קאדריש צו דערווישען, וואָס שפּיעלען אין טירקיי אזא
ראָלע וויא יעזואיטען אין אייראָפּא. דיא דערווישען האָבען א טהייל פון דיא צו־
בראָכענע זאאלען אויסגערעפּארירט און געמאכט פיר זיך גוטע וואָהנונגען מיט אלע
וויגאָדעס, און פון דיא זאאלען, וואָס עס איז שוין געווען שווער צו רעפּארירען,
האָבען זיי געמאכט מאנעזשען, טאנץ־הייזער, וואו זיי לערנען זיך טאנצען און
שפּרינגען, דרייען זיך אויף א י י ן פוס.

א חוץ דעם, האָבען דיא דערווישען א קליינעם ווינקעל פון דיעזע רואינע
אָבגעצאמט מיט א הויכען מויער ארום און האָבען פון דעם געמאכט א
מין קליינעם פעסטונג. קיינער פון דיא דערווישען טאָר קיין מאָל אהין ניט אריינ־
געהען און כמעט קיינער פון זיי האָט דיא זכיה ניט צו וויסען, וואָס עס קומט דאָרטען
פאָר אינעוויינינג. צייטענווייז קלייבען זיך דאָרטען צונויף גרויסע אסיפות פון מי־
ניסטאָרען און אנדערע גרויסע לייט, וואָס האלטען זיך עצות וועגען אזעלכע פּאָ־
ליטישע זאכען, וואָס קיינער טאָר דערפון ניט וויסען. אָפט ווערען דאָ אין דער שטיל
אָבגעמשפּט אויף לעבען און טוידט אזעלכע מענשען, וואָס דיא רעגיערונג האָט
נייטיג פון זיי פּטור צו ווערען. קורץ געזאָגט, דאָס איז געווען איינער פון דיא
ערטער, וואָס אז מען דערמאָהנט זיי געהט אריבער א קעלט איבער'ן לייב. דיא
דערווישען האָבען א נאָמען געגעבען דיעזען אָרט: „דער פּאלאסט פון טויט“.

אין דעם הויכען מויער איז געווען שמאָלע פענסטערלאך מיט אייזערנע
גראטעס. פון דיעזע פענסטערלאך פלעגט זיך אָפט הערען זיפצען, יאָמערן און
וויינען. דאָס האָבען געוויינט פון יסורים דיא אומגליקליכע פערזאָנען, וואָס זיינען
דאָרטען געווען פערשפּארט. דיא, וואָס זיינען נאָר א מאָל אריינגעפאלען אהין, האָ־
בען זיך שוין אויף אימער אָבגעזעגענט מיט דיא ווייסע וועלט.

דער סולטאן אבדול־אזיס האָט אפילו ניט ליעב געהאט דיעזען שרעקליכען

„פאלאץ", אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט מאכען געגען איהם, ווייל ער האָט מורא געהאט זיך אָנצוהייבען מיט דעם שייך־אול־איסלאם, וואָס האָט אין טירקיי א פיעל גרעסערע בעדייטונג וויא ער אליין.

פון דיא רואינע איז געגאנגען א טעלעגראַף אין דעם שייך־אול־איסלאם'ס וואָהנונג. וויא מען האָט געבראכט אהין רעציע'ן מיט דעם קליינעם סאלאדין האָט מען איהם גלייך טעלעגראפירט. דאָס איז פיר איהם געווען א גרויסע שמחה.

דער קעמעריל, וואו מען האָט פערשפארט רעציע'ן מיט סאלאדין, איז געווען אין דריטען שטאָק פון דעם הויכען טורעם. איהר קעמעריל איז געווען גרויס וויא א שטייגעל פון פייגעלאָך, וואו אפילו אין מיטען טאָג, איז ניט אריין קיין ליכטיג־קייט, נאס, מיט פערשטיקטע לופט... דיא גאנצע מעבעל איז געווען א נארע ביי דר'ערד, מיט א פערפוילטען שטרוי־זאק און א ניעדריגער טישעל, וואָס איז געווען צונעסען פון מאָיל און פון ווערים... עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען, וויא עס איז דאמאָלס רעציע'ן געווען אויף'ן הארצען. זיא האָט קלאָר ניט געוואוסט וואו זיא געפינט זיך, נאָר דאָס אליין האָט זיא גוט געוואוסט, דאָס אויף גוטעס דאַרף מען זיך דאָ ניט ריכטען. זייער שפייז איז געווען ברויט מיט וואסער, וואָס עס פלעגט זיי איין מאָל אין טאָג אריינטראָגען דיעזער פערווילדעטער דערוויש. נאָך איין פערגניגען האָט רעציע געהאט אין איהר שרעקליכען געפענגניס. דיעזער פער־גניגען איז געווען, דאָס אלע נאכט פלעגט אין איהר פינסטערן קעמערעל דורך דיא גראטעס פריינדליך אריינשיינען א קליינער שטערענדיל, וועלכען זיא פלעגט אלע מאָל בעגעגענען, אזוי וויא מען בעגעגענט דעם בעסטען און ליעבסטען פריינד!... זיא פלעגט זיך אָפט ווענדען צו איהם מיט דיעזע ווערטער:

— אָ! דו ביזט דער איינציגער, וואָס זעהט מיינע יסורים אין מיין גע־פענגניס און וואָס איז פריי צו לויפען איבער דיא גאנצע וועלט: געהים אין מיין נאָמען מיין טהייערען און געליעבטען סאדי, דערצעהל איהם פון מיינע ליידען און בעט איהם, ער זאָל מיר וואָס גיכער פון דאנען בעפרייען!

סאדי איז איהר ניט ארויס פון געדאנקען, ניט ביי טאָג, ניט ביי נאכט. מיט הייסע טרעהרען פלעגט זיא טראכטען וועגען איהם און האָפען, דאָס ער וועט איהר רעטען פון איהר טרויעריגע לאגע, וואָס איז געווען איבער איהרע קערפער־ליכע און גייסטליכע קרעפטען.

21.

דער באל.

דער דאָרף „בויוקדערי" איז איינער פון דיא שעהנסטע ערטער ביי'ם ברעג פון באָספאָר, דאָרטען וואָהנען געוועהנליך רייכע גריכען, ארמעניער, אידען און

ניט זעלטען אויך רייכע טירקען. זומער אין די היטצען פאָהרען אריבער אהין אלע איירָאָפּעאישע געזאנדטע, וועלכע האָבען דאָרטען פּרעכטיגע זומער־קוואַרטירען און שפּאציר־גערטנער. די שעהנסטע און גרעסטע ווילע, אָדער זומער וואָהנונג געהערט דעם געזאנדטען פון ענגלאנד. פון יאָהר צו יאָהר איז איינגעפיהרט ביי דיעזען געזאנדטען צו מאכען אויף זיין ווילע א באל, און איינצולאדען די גרעסטע לייט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. אין דיעזען יאָהר פון וועלכען מיר שפּרעכען, האָט דער באל בעדאַרפט זיין מיט מעהר גלאנץ און מעהר פּאראד נאָך ווי אלע מאָל. ווארום א חוץ אלע פערגניגען, וואָס די געסט זיינען געוועזען געוואָהנט צו געפינען ביי דעם ענגלישען מיניסטער אלע יאָהר, האָבען זיי נאָך דעם מאָל געהאָפּט צו בעגעגענען אויף'ן באל דעם סולטאן אליין מיט זיין גאנצען האָף־שטאאט.

צווישען די געסט, וואָס האָבען דעם מאָל געהאט די עהרע צו בעקומען איינלאדונגס־קארטען זיינען געוועזען אפולע אָפיציערען. גאנץ אונגעריכט האָט דער יונגער אָפּיצעריל סאדי אויך בעקומען א קארטע. מען האָט זיך אויף דעם ניט געקאָנט אָבוואונדערן, וואָס דאָס איז פיר א מעשה? ער אליין האָט אויך ניט פערשטאנען, וויא אזוי ער קומט מיט א מאָל צו אזא'ן עהרע. ער האָט דעם ענגלישען געזאנדטען גאָר ניט געקענט.

„אפשר איז דאָס ניט צו מיר? אפשר איז דאָ א טעות?“ — איז איהם אין אָנפאנג ארויף אויף'ן געדאנקען, אָבער ער האָט זיך גלייך ארומגעזעהען, דאָס דאָ איז קיין שום טעות ניט דאָ, ווארום עס איז אין אינוויינישען דייטליך געוועזען אויסגעשריבען זיין נאָמען, זיין ראנג און זיין קווארטיר. ערשט האָט זיך אָנגעהויבען ביי איהם א פראגע, וואָס ער זאָל דאָ טהאָן? וויא ער זאָל זיך פיהרען, ער זאָל ניט פערשעהמט ווערען?...

ער איז אוועקגעגאנגען צו זיינע קאמעראדען זיך מיישב זיין מיט זיי וועגען דעם. וויא ער האָט זיי נאָר דערצעהלט די אורזאכע וואָס ער איז צו זיי געקומען, האָבען זיי זיך פאַרנאנדערגעלאכט.

— אָט נאָר וואָס מיר האָבען געוואָלט געהן צו דיר, — האָבען זיך מיט א געלעכטער אָבגערופען צו איהם צארא־בעי און האסאן־באשי, — מיר האָבען אויך בעקומען איינלאדונגען און מיר האָבען גערעכענט צו פרעגען איין עצה ביי דיר, וואָס מיר זאָלען דאָ טהאָן.

— וויא עס וויזט אויס, — האָט צארא־בעי ווייטער געזאָגט, איז דאָ קיין שום טעות ניט דאָ, און מען מוז געהן...

— רעכט — מען מוז געהן. איך וואָלט אָבער געוועלען וויסען, פיר וואָס

האָט מען גראָד אונז דרייען איינגעלאַרען? עס איז דאָך דאָ פיעל העכערע אָפּיצירען פאַר אונז, פאַר וואָס זיי ניט און אונז יע?...

— וואָלט איך מעהר קיין צער ניט האָבען, — האָט זיך אָבגערופען צאַראַבעי, — וואָס הארט דאָס אונז. איין מאָל האָט מען אונז געלאַדען, דארפען מיר געהן. עס קען זיין, דאָס מיר האָבען דאָס צו פערדאנקען דיא שעהנע ענגלענדערין מיס סטראַדפאָרד. איך און האסאַן זיינען געפאָהרען צוזאמען מיט איהר אויף איין דאמפף־שיף איבער'ן באָספאָר, מיט א מאָל איז ביי איהר פערפאלען געוואָרען א האנד־בייטעל מיט איהרע טייערע צירונג, אהער, אהין — עס איז ניט דאָ קיין בייטעל און דיא שעהנע מיס האָט זיך זעהר נעקרענקט. איך האָב אָבער גענומען זוכען און עס באלד געפונען. זיא האָט מיר זעהר פיעל געדאנקט און פערצייכענט ביי זיך מיין נאָמען. זיא איז דעם ענגלישען געזאנדטען'ס א נאָהענטע קרובה, מען זאָגט דאָס זיא איז איינע פון דיא רייכסטע אין לאָנדאָן.

— איך פערשטעה אָבער פאָרט ניט, וואָס האָט דאָס צו מיר? — האָט געזאָגט סאדי אויף דעם, — זאָל זיין דיר מיט האסאַן האָט זיא געזעהען, מיר האָט זיא דאָך אָבער אין דיא אויגען ניט געזעהען? גיין, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דאָ מוז עטוואָס זיין אנאנדער זאך.

ענדליך איז געקומען דער טאָג פון באַל. אַרום פינף נאָכמיטאָג האָבען אָנגעפאנגען דיא געלאַדענע געסט צוזאמענצופאָהרען אויף דיא ווילע פון דעם ענגלישען געזאנדטען, וואָס איז געוועז אויפגעפוצט און צוגעקליבען פּשוט וויא א ני־ערן. פון אבענד איז דער גאנצער פּארק געווען בעלויכטען מיט בענגאלישע פייער, אין אלע ווינקעלאך האָט געשפּיעלט אונטער דיא בוימער מוזיק. אין אפולע ערטער זיינען געווען איינגעריכטעט פאָנטאנען, וואָס האָבען געשפּריצט מיט שמעקעדיגע וואסער. נעבען דיא פאָנטאנען זיינען געשטאנען בופעטען מיט דיא בעסטע און טייערסטע קאָנפּיטורען און נאשערייען אין דער וועלט. דורך דיא אלעען האָבען שפּאצירט הערען און דאמען פון פערשיעדענע נאציאָנען, אין פערשיעדענע קליידער, וואָס האָבען געגלענצט מיט בריליאנטען און צירונג.

צווישען אלע געסט, אזוי וויא דיא לבנה צווישען אלע שטערן, האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען דער סולטאן אליין מיט זיין גאנצען שטאאט. ער האָט שפּאצירט דורך אלע אלעען און איהם האָבען בעגלייט צוויי אייראָפּעאישע דאמען. איינע איז געווען דעם ענגלישען געזאנדטען'ס פרוי, דיא אנדערע דיא שעהנע ענגלענדערין, וואָס צאַראַבעי האָט איהר אויפגעזוכט דיא פערלאָרענע האנד־בייטעל. מיס סטראַדפאָרד איז געווען זעלטען שעהן, געקליידעט אפילו איינפאַך אָבער העכסט בייצענד און מיט געשמאַק. איהר גאנג איז געווען אזוי וויא פון א

קעניגין. עס האָט אין גאָרטען אויך ניט געפעהלט קיין טירקישע דאמען, וואָס זיינען געוועהנליך פערשפּארט אין הארעם, אָבער דאָ האָבען זיי פראנק און פריי שפּאַצירט מיט אייראָפּעאישע אָפיצירען, מעהר ניט זיי זיינען געווען פערשלייערט. בכלל הערען אויף אלע מאָל אויף דעם באָל צו גילטען אלע צערעמאָניעס, מען הערט זיך אויף דיא גאנצע צייט פון באָל צו קניען און בייגען זיך ביז דר'ערד פאר דעם סולטאן, פאר דיא פּרינצען און ווזירען, און אלע געסט זיינען צווישען זיך גלייך און פריי. גרויס און קליין, קריסטען און מאחמעדאנער פערגעסען אויף א ווײַלע דאָס עס איז עטוואָס דאָ צווישען זיי איין אונטערשיעד.

פון אלע איבריגע געסט וואָס האָבען דאָ געקליבען נחת אין גאָרטען, זיינען יעצט פיר אונז וויכטיגער צוויי פּערזאָנען. דיעזע פּערזאָנען זיינען געווען דיא ברידער מוראד און האמיד, דעם פערשטאָרבענעם סולטאן'ס זיהן און דעם סולטאן אבדול־אזיס'עס פלימעניקעס. זיי זיינען געזעסען אין א ווינקעלע און האָבען גע־שפּראָכען צווישען זיך. מוראד, דער עלטערער, האָט זיך אלע ווײַלע ארומגעקוקט, צי הערט זיך אָפּט ווער ניט איין וואָס זיי ריידען. דעם אינגערען, ד. ה. האמיד'ן, איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט דאָס איהם אויסגערעדט.

— איך בין ניט קיין שרעקעדיגער, — האָט זיך פערענטפערט מוראד, — אָבער איך ווייס דאָס אפילו דאָ היט מען אונז דיא טריט און מען שפּיאָנעוועט אונז אוים יעדען וואָרט.

— איך ווייס דאָס אזוי וויא דו. — האָט געענטפערט האמיד,—און איך מאך זיך ניט ווימענדיג, ווארום איך זאָל אייביג מורא האָבען, איז דאָך שוין בעסער צו זיצען פערשפּארט אין געפענגנים, איידער אזוי צו לעבען פריי... זאָלען זיי טהאָן וואָס זיי ווילען... זאָג מיר בעסער, צו ווייסט דו ניט, ווער איז יענע אייראָפּעאישע דאמע, וואָס זיצט דאָרטען אין שאָטען און קוקט אזוי אויף אונז?

— דאָס איז דיא ענגלענדערין, — האָט זיך אָבגערופען מוראד, — זיא זאָגט דאָס זיא איז נאָר געקומען צום ענגלישען געזאנדטען אין געסט, ווארום זיא איז זיינע א נאָהענטע קרובה. אָבער וויא עס ווייזט מיר אוים, זאָגט זיא ליגען. דאָ ניט לאנג האָט זיא געשפּראָכען א רעכטע צייט מיט'ן פעטער, און וואָס האָט זיא מיט איהם צו ריידען? געוויס איז זיא א פּאָליטישע פּערזאָן. איך מיין אפילו אז דאָס וואָס זיא זיצט יעצט גראָד נעגען אונז און לאָזט פון מיר דיא אויגען ניט אראָב, איז אויך ניט גלאַט אזוי... זיא האָט מיר געוויס וואָס עס איז צו זאָגען, און זיא ווארט נאָר דיא מינוט, וואָס זיא וועט קענען צוגעהן צו מיר קיינער זאָל איהר ניט זעהן... און פיל ביין גוט הארץ זאָגענדיג, האָב איך דערצו גאָר קיין חשק

ניט, ווארום דו ווייסט דאָך פון לאנג אָן, דאָס איך האָב ניט ליעב צו האָבען געשעפטען מיט אייראָפּעער און נאָך מעהר מיט אייראָפּעאישע פרויען...

קיינער האָט נאָך ניט אזוי גוט געטראָפען דעם אנדערן'ס געדאנקען אזוי וויא מוראד האָט געטראָפען דיא געדאנקען פון דיא ענגלענדערין. אין עטליכע מינוט ארום, וויא זיא האָט נאָר בעמערקט, דאָס ארום דיא פרינצען איז קיינער ניט דאָ, איז זיא ווירקליך צוגעגאנגען צו מוראד'ן און האָט איהם איינגערוימט אין אויער א סוד.

„אייער קליינער פרינץ סאלאדין לעבט, — האָט זיא איהם געזאָגט, — ער איז אָבער אין גרויס געפאהר, בעמיהט אייך איהם אויפצוזוכען און צו רעטען“.

דיעזע נאכריכט האָט איהם זעהר דערפרעהט. פון גרויס שמחה האָט ער אפילו ניט אוספּייעט צו בעדאנקען דיא ענגלענדערין, וואָס איז געשווינד אוועק פון איהם, קיינער זאָל ניט בעמערקען דאָס זיא האָט מיט איהם עטוואָס גערעדט. צוויי מענשען האָבען דאָס אָבער פאָרט בעמערקט, און ווייסט איהר ווער דאָס זיינען געווען דיעזע צוויי מענשען? — סאדי און זיין קאמאראד האסאן! זיי זיינען ביידע געזעסען צווישען געדיכטע בוימער אויף א הויכען אָרט פון וואנען עס איז זיי געווען לייכט צו זעהען, וויא מיס סטראדפאָרט איז צוגעגאנגען אין דער שטיל צו מוראד'ן און האָט איהם עטוואָס געזאָגט. מיינט אָבער ניט, דאָס דיא צוויי אָפיצירען האָבען געמיינט צו שפּיאָנעווען. ניין! דיא מעשה איז אזוי געווען. זיי האָבען אין גאָרטען שפּאצירט צוזאמען מיט צארא־בעי, וואָס האָט געהאט גליק מיט א מאָל צו בעגעגענען דיא שעהנע ענגלענדערין, און זיי האָבען איהר אלע בעגלייטעט. וויא זיי זיינען צוזאמען אָבגעגאנגען א רעכטע שטיק, האָט זיי צארא־בעי א ווינק געגעבען, זיי זאָלען זיך אָבשטעלען אויף דעם בערגעל און אויפוואַרטען אויף איהם, ווייל ער האָט געוואָלט בלייבען מיט דער ענגלענדערין אונטער פיער אויגען. אזוי זיינען זיי ביידע געבליבען צווישען דיא בוימער אויף'ן בערגעל און צארא־בעי האָט ווייטער אליין בעגלייטעט זיין שיינע פריינדין. צארא־בעי איז מיט איהר געגאנגען צוזאמען און דערנאָך האָבען זיי זיך געשיידט: זיא איז אוועקגעגאנגען און האָט זיך געזעצט געגען דיא פרינצען און ער האָט אָן א זייט, פון ווייטען, געווארט ביז זיא וועט צוריקגעהן.

סאדי און האסאן האָבען ווארטענדיג גערעדט צווישען זיך.

— ערשטענס וואונדערט מיך, — האָט זיך אָבגערופען סאדי צו זיין קאמעראד, — וואָס מוראד האָט ניט מורא געהאט צו שפּרעכען מיט דיעזער ענגלענדערין. ווייסט ער דען ניט, דאָס פיסקאלען און פערשטעלטע שפּיאָנעס היטען זיינע שריט? איך גלויב גאָר, דאָס זיין אייגענער אדיוטאנט איז איהם אויך ניט

טריי. ער איז אפילו ניט געווען דערביי; אָבער ותער ווייס צו ער האָט זיך בכיון ניט אָבגעקעהרט, כדי זיי זאָלען מיינען אז ער זעהט נים?... צווייטענס, פערשטעה איך ניט, פיר וואָס דער פּרינץ יוססוף, דעם סולטאַן'ס זוהן, איז ניט געקומען אויף'ן באַל? דו ביזט דאָך זיין אדיוטאַנט, געווים ווייסט דו דיא אורזאַכע דערפון?

— וויא ביי מיר קומט אויס, — האָט געענטפערט האַסאַן, — האָט מוראַד אנדערש ניט געקענט טאָהן. ער איז דאָך צו איהם ניט געגאַנגען. אָבער זיא צו איהם, האָט דאָך ניט געפּאַסט ער זאָל איהר אויסקטרייבען און ניט אויסהערען, וואָס זיא וויל איהם דערצעהלען. ווען ער וואָלט זיך מיט איהר בעגאַנגען אזוי גראָב, וואָלט ער זיך דערמיט אָנגעמאַכט פיעל מעהר צרות, ווי יעצט אז ער האָט איהר יע אויסגעהערט. און וואָס דוא וואונדערסט זיך, וואָס יוססוף איז ניט געקומען אויפ'ן באַלל, איז דאָס נאָר דעריבער, ווייל ער איז זעהר קראַנק.

—וויא עס ווייזט אויס, — האָט סאַדי געזאָגט צו האַסאַן, — האָסט דוא יוססוף'ן זעהער ליעב, ווארום דוא ריהמסט איהם אימער און בעדויערסט זיין שיקזאַל.

— געוויס האָט איך איהם ליעב, — האָט געענטפערט האַסאַן, — אָבער מיין ניט פון דעסטוועגען, דאָס איך האָב פערגעסען, וואָס איך האָב דיר פערשפּראָכען צו טאָהן פיר רעציע און דעם קליינעם סאַלאַדין.... איך זאָג דיר נאָך א מאָהל דאָס איך בין בערייט דיר בעהילפיג צו זיין מיט לייב און לעבען.

באַלד האָבען זיי געמוזט אויפהערען צו שפּרעכען, ווארום עס איז צוגעגאַנגען צו זיי א יונגער אָפיציער, האַסאַן'ס א פריינד, און איז מיט איהם אוועקגעגאַנגען. סאַדי איז געבליעבען זיצען אליין. ער איז אָבער לאַנג אליין ניט געזעסן, ווארום אין עטליכע מינוט איז צוגעגאַנגען צו איהם א גאַלאַנטע דאַמע, בעדעקט מיט א שלייער, וויא דיא מאָדע איז ביי דיא טירקישע פרויען. זא האָט איהם פריינדליך בעגריסט און האָט איהם אויסגערעדט, וואָס ער בעזוכט איהר קיין מאָל ניט.

סאַדי האָט גלייך דערקענט, אז דיעזע דאַמע איז דיא פּרינצעסין ראַשאַנע. ער האָט זיך טיעף פערניינט און האָט געבעטען זיא זאָל איהם ענטשולדיגען, וואָס ער האָט איהר ביז אהער ניט בעזוכט.

— איך האָב אייך ניט געוואָלט בעלעסטיגען מיט מיינע וויזיטען, — האָט ער זיך פערענטפערט, — דעריבער האָב איך ביז אהער אויסגעמיידט אייער פּאַלאַסט, אָבער ניט ווייל איך בין אייך, גאָט בעהיט, אונדאַנקבאַר.

— דאָך האָסט דו בעדאַרפט קומען מיך דערפרעהען מיט דער בשורה דאָס מען האָט דיך געמאַכט פיך איין אָפיציער... איך וואָלט דיך מיט פערגניגען גראַטו־

לירט... מיין ניט אָבער דאָס איך בין אויף דיר ביין... לאָמיר ביידע אריינגעהן אין אין דיזע אלעע.

זיא איז מיט איהם אריין אין א שטילע אלעע.

ראָשאנע האָט בכיון אויסגעקליבען א שטילע אלעע, וואָס איז אפילו געוועזען זעהר שעהן בעלויכטען, נאָר וואו עס איז כמעט גאָר ניט געוועזען קיין שפּאצירער א חוץ זיא מיט סאדי, און זיי האָבען זיך געקענט אונטערהאלטען און שפּרעכען און האָבען ניט בעדארפט מורא האָבען, ווער עס איז זאָל ניט הערען, וואָס זיי ריידען. עס האָט ניט פיעל געדויערט וויא דיא פּרינצעסין האָט אָבגעדעקט איהר געזיכט און האָט זיך געוויזען פיר סאדי אין איהר גאנצע נאטירליכע שעהנהייט. סאדי איז ערשטוינט געוואָרען; ער האָט איהר פריהער אויך געהאלטען פיר א שיינע, אָבער דאָס וואָס ער האָט ערשט דערזעהן, האָט ער זיך אפילו אין זיינע געדאנקען ניט געקענט פאָרשטעלען! אזא שיינענדעס געזיכט, אזעלכע פייערדיגע אויגען, האָט ער אויף זיין לעבען ניט געזעהען. ער איז געבליבען אזוי וויא בעצויבערט. נאָך מעהר האָט זיא איהם בעצויבערט מיט איהרע קלוגע רייד. זיא האָט איהם פערזיכערט, דאָס ער וועט דורך איהר ווערען א פּאשא, און ווער רעדט שוין פון רייכקייט, פון מיליאָנען, וועלכע זיא האָט ביי זיך אין דיא הענד און וואָס זיא קען איהם אליין געבען וויא פיעל ער וויל, ער דארף נאָר זאָגען איין וואָרט! סאדי איז קיין מלאך ניט געוועזען, און עס פערשטעהט זיך, דאָס ער האָט ניט געקענט ביישטעהען ביי אזא נסיון. דיא פּרינצעסין האָט אויסגעפיהרט: סאדי האָט זיך איבערגעגעבען צו איהר מיט לייב און לעבען. ער האָט זיך פערגעסען אָן רעציע און אין זיין הארצען האָט זיך אָנגעצונד'ען ליעבע צו דער פּרינצעסין.

— איך ברויך ניט קיין רייכקייט, קיין עהרע, וואָס דו זאָגסט מיר צו, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — איך פערלאנג נאָר פון דיר איין בעוויז, דאָס דו ליעבסט מיר: גיב מיר דעם רויז וואָס שטעקט ביי דיר אין בוזעם, און איך וועל זיך האלטען פיר דעם גליקליכסטען מענשען אוף דער וועלט!

— דאָס בעקומסט דו אויף דער שטעלע, — האָט זיא געענטפערט און האָט איהם דערלאנגט דעם בלום.

סאדי האָט בעדעקט דעם בלום מיט הייסע קושען, דיא נייע ליעבע האָט פערטריבען פון זיין געדאנקען רעציע'ס נאָמען. ער איז געוועזען העכסט גליקליך און אזוי אויפגערעגט, דאָס ער האָט אויסגעשטרעקט דיא הענד און האָט געוואָלט ארומ־נעהמען דיא פּרינצעסין. אָבער גראָד אין דיא מינוט האָבען זיי דערהערט טריט און שטימען פון מענשען וואָס זיינען געוועזען ניט ווייט און האָבען דאָס געקענט בעמערקען. ראָשאנע האָט געפונען פיר נייטיג צו נעהמען פון איהם אבשיעד און זיי

זיינעןביידע פערנאנדערגעגאנגען אין אנדערע וועגען, ביידע העכסט צופריעדען און פיעל פרייד פון דיעזער בעגעגעניס.

22.

פרינץ מוראד:

פרינץ מוראד און זיין ברודער אבדול־האמיד האָבען געוואָהנט אין פּאלאץ טעראפּיע. זייער וואָהנונג איז אפילו געוועזען פערזאָרגט מיט אלע בעקוועמליכקייטען אין דער וועלט, זעהר רייך אויפגעפּוצט, עס האָט זיי דאָרטען קיין זאך ניט געפעהלט. דאָך זיינען זיי ניט געוועזען צופריעדען און האָבען ניט געקענט זיין צופריעדען, ווייל דיעזער פּאלאץ איז געשטאנען אין אזא'ן אָרט און איז געוועזען אזוי איינגעריכטעט, דאָס קיין מענש האָט צו זיי ניט געקענט אריינגעהן אָדער פון זיי ארויסגעהן מען זאָל דאָס גלייך ניט בעמערקען. זיי זיינען געוועזען פון אלע זייטען ארומגערינגעלט מיט שפּיאָנען און פיסקאלען, וואָס וואלידע האָט געדונגען, זיי זאָלען היטען זייערע טריט און אויסלויערען אלץ, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי פון דאָס קלענסטע ביז דאָס גרעסטע. זיי זיינען אפילו ביי זיך אין דיא קאבינעטען אויך ניט געוועזען זיכער פון שפּיאָנען און האָבען א פרייען וואָרט ניט געקענט שפּרעכען. וואלידע אליין האָט זיך אויך ניט געשעמט מיט דיא ראָלע פון א שפּיאָן. איהר זומער קווארטיר איז געוועזען ניט ווייט פון טעראפּיע און זא פלעגט גאנץ אָפט שטעהן ביי זיך אין פענסטער מיט א לארנעט צו זעהען וואָס טהוען דיא פּרינצען, ווער איז צו זיי געקומען, וויא לאנג ער איז ביי זיי געוועזען און דאָס גלייכען. מוראד און זיין ברודער האָבען דאָס געוואוסט און זיינען געוועזען ביי זיך פיעל אומגליקליכער וויא דאָס זיצען אין געפענגניס. זיי איז אפילו ניט געוועזען פערבאָטען צו געהן און צו פאָהרען וואו זיי האָבען געוואָלט; אָבער זיי זיינען כמעט אין ערגעץ ניט געגאנגען, ווייל זיי האָבען געהאט פּורכט, מען זאָל זיי ניט חושד זיין דאָס זיי מאכען אינטריגעס און בונטעוועו זיך נעגען זייער פעטער דעם סולטאן אבדול־אזיס. דעריבער זיינען זיי כמעט אימער געזעסען אין טעראפּיע אזוי וויא ארעסטאנטען.

מוראד האָט זיך ערקונדיגט פון דער ענגלענדערין, אזוי וויא מיר האָבען דערצעהלט, דאָס זיין זוהן סאלאדין לעבט נאָך, אָבער דאָס ער איז אין גרויס געפאהר. צו וואָס האָט דאָס איהם מיס סטראטפאָרד געזאָגט? האָט זיא דאָס געטהאָן בלויז פון רחמנות און מיטלייד מיט דעם קליינעם סאלאדין, אָדער זיא האָט דאָ געהאט איין אנדער מיין? מוראד אָבער האָט וועגען דעם גאָר ניט געדיינקט. פיר זיין פאָטער הארץ איז גענוג געוועזען צו וויסען, דאָס זיין געליעבטער זוהן לעבט און דאָס מען מוז איהם וואָס גיכער רעטען. וויא אָבער זאָל ער איהם אויפזוכען? וויא קען ער איהם רעטען? וואו טהוט מען זיך אהין פון דיא פיסקאלען, וואָס היטען

איהם דיא טריט? דיזע געדאנקען זיינען אהם פון זינען ניט ארויס. ער האָט א גאנצע נאכט איין אויג ניט צוגעטהאָן, ווען אין דער פריה איז צו איהם אין שלאָפצימער אריינגעגאנגען זיין קאמערדיענער העשאם, האָט ער גלייך דערקענט, דאָס זיין הערשער האָט אין הארצען א גרויסע קלעמענים און ער האָט ביי איהם געפרעגט דיא אורזאכע, וואָס ער זעהט אזוי שלעכט אויס. העשאם איז געוועזן זעהר א טרייער דיענער, און מוראד האָט פון איהם קיין סודות ניט געהאט. דער פרינץ האָט איהם דערצעהלט דיא נאכריכט וואָס ער האָט בעקומען פון דיא ענגלענדערין.

— דאָס איז דאָך, פערקעהרט, פיר אייך א גרויסע שמחה און ניט קיין צער, — האָט זיך אָבגערופען דער קאמערדיענער, — גאָט זיי דאנק, דאָס ער לעבט נאָך! וויא באלד ער לעבט, ווע̄לען מיר איהם שוין מיט גאָט'ס הילף אויפזוכען...

— דאָס איז אָבער זעהר א שווערע זאָך, — האָט געזאָגט מוראד, — וויא איך טהו נאָר א טריט איהם אויפצוזוכען, שמעקט דאָס מיט'ן טויט פיר אונזביידען. דו ווייסט דאָך, דאָס ביי אונז איז ניט געאכטעט דאָס לעבען פון טויזענדע פערזאָגען, דאָרטען, וואו עס איז נאָר עטוואָס נוגע אין פּאָליטיק, און אפשיטא שוין, וואו עס ריהרט אָן דעם טראָהן אליין!

— און דאָך מעגט איהר גאנץ רוהיג זיין, — האָט געענטפערט דער קאמערדיענער, — איך נעהם איבער אויף זיך איהם אויפצוזוכען און ברייגגען צו אייך א פרישען א געזונטען. שיקט מיר אין פייער און אין וואסער, וועל איך געהן, זאָגט מיר נאָר וואו איך זאָל זיך ווענדען, ווייטער איז שוין מיין זאָך...

איינינע מינוטען איז דער פרינץ געשטאנען שטיל, פערטיעפט אין געדאנקען און האָט זיך בעראטהען מיט זיך אליין וואָס מען זאָל דאָ טהאָן? צום סוף האָט ער זיך אָבגערופען:

— דאָס ערשטע, קומט ביי מיר אויס, דו זאָלסט געהן צו דיא ענגלענדערין און אויספרעגען ביי איהר אין מיין נאָמען אלץ וואָס זיא ווייס פון סאלאדין. זיא ווייס געוויס פעל מעהר וועגען איהם, נאָר זיא האָט מיר אלץ ניט געהאט קיין צייט צו דערצעהלען, ווייל זיא האָט מורא געהאט מען זאָל אונז ניט־דערזעהען ריידענדיג. זיא הייסט מיס סארא סטראדפאָרט און וואָהנט אין האָטעל פון דעם ענגלישען געזאנדטען. זיא וועט דיר אלצדינג זאָגען וואָס זיא ווייס, ווייל זיא ווייס ווער דו ביזט; אָבער דו מוזט זיין העכסט פּאָרזיכטיג, קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, קיינער זאָל ניט וויסען וואוהין דו געהסט און פון וואנען דו קומסט...

העשאם האָט איהם פערשפּראָכען, דאָס ער וועט טהאָן אלץ וואָס צום בעסטען און האָט דיא זעלבע מינוט פערלאָזען מוראד'ס וואָהנונג און איז געגאנגען אין דעם אָרט, וואו זיין הערר האָט איהם געשיקט. ער איז זיך געגאנגען גאנץ רוהיג

אָהן שום פורכט פאר דיא שפּיאָנען און פיסקאלען וואָס פלעגען גוט אכטונג געבען אויף איהם, ווייל ער פלעגט געהן זעהר אָפט און אלע האָבען געוואוסט דאָס זיין הערר שאפט זיך נאָר מיט איהם אין קליינינקייטען, שיקט איהם וואָס איינקויפען, אוועקטראָגען און דאָס גלייכען. דערצו האָט מען איהם געהאלטען פאר א גרויסען שוטה, און עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען אין גערדאנקען, דאָס מען זאָל זיך שאפען מיט אזא סחורה אין וויכטיגע ענינים...

אין גרונד אָבער איז העשאם געווען העכסט קלוג און געשיידט און האָט געהאט זעהר א פיינעם כאראקטער דערצו. מוראד איז געווען אין איהם אזוי איינגעטרויט, דאָס ער איז מעהר געווען ביי איהם א בעל יועץ איידער א קאמערדיענער. מוראד פלעגט זיך אָפט ווענדען צו איהם און פרעגען וואָס צו טאָהן, וויא זיך צו בעגעהן, און פלעגט אימער בלייבען מיט זיינע עצות גאנץ צופריעדען. א חוץ אנדערע מעלות וואָס העשאם האָט געהאט, איז ער געווען א מענש וואָס האָט קיין מאָל ניט גערעדט קיין איבריגעס און האָט געקענט האלטען א סוד.

העשאם האָט אוועקגעהענדיג געזאָגט, דאָס ער קומט גלייך צוריק מיט א תשובה. צום אומגליק אָבער איז איהם אויסגעקומען זיך צו פערזאמען פיעל מעהר וויא ער האָט אויסגערעכענט, און מוראד האָט זיך זעהר דערשראָקען.

„עס האָט זיך געווים מיט איהם גטראָפען איין אומגליק", האָט ער גע־דיינקט, ווארום ווען ניט, וואָלט ער שוין לאנג געקומען, ער איז דאָך אימער אזוי פינקטליך וויא א גוטער זייגער"... ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איבערצוטראכטען און עס האָט זיך איהם שוין גערדאכט דאָס שפּיאָנען האָבען איבערגענומען העשאם'ען און האָבען ביי איהם אויסגעפאָרשט וואוהין ער איז געגאנגען. בקיצור, מוראד האָט זיך קוים דערווארט העשאם זאָל קומען צוריק. דער קאמערדיענער האָט פערשטאנגען דאָס זיין הערר איז געווים אין שרעק וואָס ער האָט זיך צו לאנג פערזאמט. דעריבער איז זיינע ערשטע ווערטער געווען גלייך וויא ער איז געקומען, דאָס ער האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען:

— איך האָב צו איהר באלד ניט געקענט אריינגעהן. ביי איהר זיינען געווען אזעלכע לייט מיט וועלכע איך האָב זיך ניט געוואָלט בעגעגנען, עס וואָלט ניט לאָהנען פיר אונזער אינטערעס... איך האָב געמוזט איבערוואַרטען ביז זיי זיינען אוועקגעגאנגען און דאָס האָט פיעל געדויערט.

— וואָס האָט זיא דיר אָבער געזאָגט וועגען מיין זוהן? — האָט אונגעדולדיג ביי איהם געפרעגט מוראד.

— זיא האָט מיר געענטפערט קורץ און שארף: סאלאדין געפינט זיך ביי א געוויסען שקלאף, וואָס הייסט קאראסאנדי און איז א מאָל געווען א דיענער

אין סעראייל. סאלאדין איז ביי איהם ניט זיכער מיט'ן לעבען און מען מוז איהם, וואָס צום גיכסטען בעפרייען פון זיינע הענד. מעהר וויא דאָס האָט זיא מיר ניט געזאָגט, ווייל מעהר ווייס זיא אליין ניט.

—און וואו איז דיעזער קאראסאנדי? — האָט מוראד אונרוהיג געפרעגט.

— קאראסאנדי איז א מאָל געווען מיינער א בעקאנטער; ער וואָהנט אונטערן שטאָדט אין א לאנד הויז. איך בין שוין ביי איהם געוועזן און האָב מיט איהם גערעדט. ער איז א גאנץ גוטער מענש פון נאטור און אָהן קונצען: וואָס געזאָגט, דאָס געמיינט. ער האָט מיר דערצעהלט, דאָס איין מאָל ביי נאכט האָט מען צו איהם געבראכט סאלאדין'ען און מען האָט איהם פערזאָגט, ער זאָל איהם האלטען ביי זיך אין דער שטיל. סאלאדין איז ביי איהם געווען א לאנגע צייט; קאראסאנדי האָט איהם געהאלטען וויא איין אייגען קינד. ער איז צו איהם געוואָרען אזוי צוגעבונדען, דאָס ער האָט געוויינט מיט הייסע טרעהרען נאָך'ן קינד.

ביי דיא לעצטע ווערטער איז מוראד געוואָרען בלאס וויא א טוך און ער האָט קוים געקענט אויסשפּרעכען.

— אזוי, איז ער שוין מעהר אויף דער וועלט ניט דאָ? — מוראד האָט פערבראָכען דיא הענד און האָט געזיפצט.

— ניין, מיין הערר, — האָט געענטפערט העשאם, — דיא זאך איז נאָך ניט אזוי שלעכט, וויא איהר דיינקט... עס איז נאָך דאָ א גרויסע האָפנונג, דאָס ער לעבט... קאראסאנדי זאָגט נאָר דאָס ער איז פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען פון זיין וואָהנונג... ער איז א מאָל געקומען ביי נאכט אהיים און האָט איהם ניט געפונען אויף זיין בעטיל, וואו ער האָט איהם אוועקגעהענדיג געלייגט שלאָפען, אין א צייט ארום האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס איין אָפיציר פון סעראייל האָט איהם געגנב'עט, און דאָס דיעזער אָפיציר האָט דאָס ניט געטהאָן מיט זיין אייגענעם ווילען, נאָר מיט דעם ווילען פון זיינע בעאמטע.

— אָ, וועה! אָ, וועה! — האָט מוראד אויסגעשריען, — מיין אונשולדיגע קינד איז שוין אומגעבראכט פון דער וועלט! איך פערשטעה גאנץ גוט ווער עס האָט בעפלעקט זיינע הענד מיט דיעזע אונשולדיגע בלוט! — דאָך וויל איך וויסען דעם נאָמען פון דעם מערדער, וואָס האָט ערפילט דיעזען שענדליכען בעפעהל...

— וויא מען זאָגט, איז דאָס דער יונגער אָפיציר צארא־בעי.

— איך מוז זיך מיט איהם אָברעכענען נאָך היינט ביי נאכט... איך געה גלייך אין קאָנסטאנטינאָפּאָל און זוך איהם אויף. דיעזער בלוט־הונד וועט זיך באָדען אין זיין אייגענע בלוט...

— איהר זאָלט עס ניט טהאָן, — האָט זיך דער קאמערדיענער אָבגערופען,

— איהר פערגעסט ניט, דאָס מען היט אייך יעדען טריט און דאָס אייער פלאַן קען אייך קאָסטען אייער פרייהייט און אפשר גאָר אייער לעבען. זייט אייך גוט מישב איהר זאָלט דערנאָך קיין חרטה ניט האָבען.

— דו האָסט רעכט, — האָט מיט איהם איינגעשטימט מוראד, — איך לייג אָב מיין נקמה אויף שפּעטער. אָבער יעצט מוז איך מיר ערקונדיגען אויף גע־וויס, ווער דיעזער אויסוואורף איז, דאָס קען איך אויף שפּעטער ניט אָבלייגען.

— דאָס איז גאנץ לייכט צו מאכען, — האָט העשאם געענטפערט, — איהר דארפט אייך נאָר פערקליידען קיינער זאָל אייך ניט בעמערקען, וויא איהר וועט פערלאָזען טעראפּיע. פערקליידעט אייך פיר א לייב־גוואַרדייעץ, איך וועל מיך אויך אזוי פערקליידען און מיר וועלען ביידע ביי נאכט אריין אין סערייל, אזוי וויא געוועהנליכע לייב־גוואַרדייצעס, וואָס האָבען רעכט אין אלע צייטען אהין אריינצוגעהן אָדער ארויסצוגעהן. דאָרטען וועלען מיר זיך שוין אלץ ערקונדיגען.

העשאם'ס פלאַן איז מוראד'ן געפעלען. זיי האָבען זיך פערקליידעט און זיינען ביידע גליקליך ארויס פון שלאָס און קיינער האָט זיי ניט דערקענט. זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין א שיפעל און האָבען זיך צוגעשיפט צום סערייל. אין פאָרהויף פון סערייל האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט: העשאם איז געגאנגען אויפזוכען צארא־בעי און מוראד איז געבליבען ווארטען. אין עטליכע מינוט ארום האָט מוראד דערזעהען זיין קאמערדיענער און הינטער איהם א יונגען אָפיציר: דאָס איז געוועזען צארא־בעי. העשאם האָט איהם געפונען אין אָרדענאנץ הויז, וואו עס זיינען געוועזען אלע דעזשורני אָפיצירען. ער האָט איהם געזאָגט, דאָס א גרויסער מאן פערלאנגט מיט איהם צו שפּרעכען. און צארא־בעי איז גלייך מיט איהם ארויסגעגאנגען. וויא מוראד האָט איהם נאָר דערזעהען, איז ער געוואָרען א פערבּרענטער. ער האָט זיך געכאפּט פיר זיין שווערד, ער האָט זיך אָבער דאָך איינגעהאלטען און האָט איהם רויהיג ערווארטעט. וויא ער איז צוגעגאנגען הארט צו איהם, האָט ביי איהם מוראד געפרעגט, אזוי וויא א בעל־הבית פרעגט ביי זיין דיענער:

— דו ביזט עס צארא־בעי?

— איך בין עס, — האָט דער יונגער אָפיציר געענטפערט און האָט זיך טיעף פערנייגט, — איך בין אייך פערטיג צו דיענען, נאָר איך וויל וויסען מיט וועמען איך האָב דיא עהרע צו שפּרעכען. עס שיינט מיר, דאָס איהר זייט פיעל א העכערע פערזאָן, וויא מען קען מיינען נאָך אייערע סאָלדאטסקי קליידער...

— עס קען זיין, — האָט איהם דער פּרינץ העסט שטרענג געענטפערט. — אלזאָ, ביזט דו דאָס דער אָפיציר, וואָס האָט פון קאראסאנדי'ס הויז געגנב'עט דעם קליינעם סאלאדין און דערנאָך אומגעבראכט פון דער וועלט?

ביי צארא־בעי האָט זיך געביטען דיא פארב אין געזיכט. א חוץ וואָס דיעזע פראגע אליין איז שוין גענוג געווען, עס זאָל איהם איינפאלען פון שרעק דיא בלוט, האָט ער נאָך דערקענט אָן דיא שטימע, דאָס מיט איהם שפּרעכט דער פּרינץ מוראד. ער איז קוים געבליבען שטעהען אויף דיא פיס, און עס האָט געדויערט א לאנגע צייט איידער ער האָט געקענט אויסריידען א וואָרט און בעטען דעם פּרינץ ער זאָל אזוי גוט זיין און איהם אויסהערען.

— רעכט, — האָט מוראד צו איהם געזאָגט, — דו קענסט שפּרעכען, אָבער נאָר דיא ריינע וואהרהייט.

— קיין ליגען ברויך איך ניט צו זאָגען, מעהר וויא דיא וואהרהייט וועט איהר פון מיין מונד ניט הערען. עס איז אמת, איך לייקען ניט, דאָס איך האָב אייער זוהן א שלאָפּעדיגען ארויסגעגנב'עט פון קאראסאנדי'ס הויז. אָבער, בעהיטע גאָט, איך זאָל איהם א האָר אָנריהרען, ווער רעדט שוין ערמאָרדען! גאָט בעוואהר! פערקעהרט, איך האָב איהם גענומען אויף דיא הענד גאנץ ליעבליך, וויא א פאָטער א קינד, און האָב איהם אוועקגעטראָגען צו מיין קאמעראד סאדי, איין העכסט גוטהערציגער מאן, ביי ועמען איך האָב גערעכענט אייער זוהן וועט זיין פיעל זיכערער וויא ביי קאראסאנדי אין הויז, וואו זיין לעבען איז געווען אין גרויס סכנה. און עס איז ווירקליך אזו געווען: סאדי האָט זיך זעהר צוגעבונדען צו דעם קליינעם סאלאדין און האָט איהם געהאלטען וויא דיא אויגען אין קאָפּ. ער האָט איה סאיבערגעגעבען אין דאי הענד פון זיין געליעבטע, דיא שיינע רעציע, און זיא איז זיך מיט איהם בעגאנגען פיעל צערטליכער און בעסער וויא א מוטער. צום אומגליק אָבער זיינען זיי ביידע פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען. דאָס האָט זיך געטראָפען אין דיא צייט, וויא עס האָט זיך אָנגעצונדען סאדי'ס הויז און ער אליין איז אין דער היים ניט געווען. פון יענער צייט אָן קענען מיר ניט פיר קיין אופן דערגעהן, וואו זיי זיינען אהינגעקומען. אָבער וויא דיא מעשה איז, האָב איך מעהר וויא גוטעס ניט געטהאָן מיט אייער זוהן און איך האָב גאָר ניט פערדינט, איהר זאָלט אייך אויף מיר אזוי בייזערן און צירנען...

— וויא עס ווייזט אויס,—האָט זיך מוראד אָבגערופען מיט א זיפץ,—איז מיין זוהן גיכער וויא אלץ פערברענט געוואָרען?

— ניין, גנעדיגער פּרינץ...

מיר ווייסען ניט, וויא לאנג זיי וואָלטען נאָך ביידע אזוי גערעדט, אָבער פּלוצלינג זיינען אויף זיי ארויפגעפאלען סאָלדאטען פון קאראול מיט'ן דעזשורני אָפיציר און מען האָט זיי אלע דרייען, ד. ה. דעם פּרינץ מוראד מיט זיין קאמערדינער און צארא־בעי, ארעסטירט. דיא פּיסקאלען האָבען זיך פאָרט דערוואוסט, ווער די גוואר־

דייצעס זיינען געוועזען און האָבען גלייך געמאכט א מסירה און דאָס איז געוועזען גענוג מען זאָל דיא פערקליידעטע גוואַרדייצעס צוזאמען מיט צארא־בעי אריינזעט־צען אין געפענגנים.

.23

דעם פרינץ׳ס אדיוטאנט.

דעם סולטאן׳ס עלטסטער זוהן פרינץ יוססוף, איז אויפגעשטאנען פון א גע־פעהרליכע קראנקהייט, ער האָט דאמאָלס געוואָהנט ביי זיין קייזערליכען פאָטער אין שלאָס בעגלעבעג. ער איז דאמאָלס געוועזען צעהן יאָהר אלט, בלייך און שוואך פון קערפער, אָבער אימער מונטער אין גייסט און פלייסיג אין לערנען. ער האָט געהאט אזוי פיעל חשק צום לערנען און לעזען, דאָס זיין לעהרער האָט מורא געהאט עס זאָל איהם ניט שאדען אין געזונד און האָט אימער געמוזט אָבהאלטען ער זאָל זיך ניט בעשעפטיגען איבער דיא כחות. דערצו איז ער פון נאטור געוועזען זעהר א גוטער און א וויכהערציגער. דעריבער האָבען איהם אלע זעהר געליעבט און מעהר וויא אלע נאָך האָט איהם געליעבט זיין אדיוטאנט, אונזער בעקאנטער האסאן־באשי. דער פרינץ איז געוועזען צו איהם אזוי צוגעבונדען, דאָס ער פלעגט אָהן איהם ניט טהאָן א טריט. ער האָט איהם געמוזט בעגלייטען אומעטום וואו ער איז נאָר געגאנגען אין אלע זיינע שפאצירונגען, אין אלע לוסט־רייזען אין שטאָדט און אויסען שטאָדט, אין קארעטע און אין שיף. האסאן איז אפילו געוועזען פון נאטור עהרגייציג, האָט זעהר ליעב געהאט כבוד, און איז געוועזען היט־ציג; אָבער ער האָט זיך אימער געוואוסט איינצוהאלטען און צו בלייבען קאלטבליטיג און געלאסען. דאָס איז זעהר געפעלען דעם פרינץ וואָס האָט זיך געלערענט פון איהם, וויא צו וועלטיגען איבער זיך אליין און איבער זיינע אייגענע ליידענשאפטען און תאוות. אבדול־אזים איז געוועזען זעהר צופרידען וואָס ער האָט איהם אויסגעקליבען פיר זיין זוהנס אדיוטאנט.

דער פרינץ און האסאן האָבען אמאָל ביידע שפאצירט אין לוסט־גארטען פון בעגלעבעג. וויא זיי זיינען פארבייגעגאנגען דיא אייזערנע רעשאָטקע, מיט וועלכע דער גאָרטען איז געוועזען ארומגעצאמט האָבען זיי בעמערקט פון יענעם זייט רעשאָטקע איין אלטע אָרעמע פרוי, וואָס איז געוועזען איינגעבויגען אין דרייען און אָנגעשפארט אויף א שטעקען. זיא האָט דורכגעשטעקט איהר דארע ביינערדיגע האנד דורך דיא אייזערנע שטאכעטען און האָט מיט א וויינענדיגע שטימע געבעטען א נדבה. דיעזע טרויעריגע סצענע האָט זעהר אויפגערעגט דעם וויכהערציגען פרינצען, און ער האָט געהייסען זיין אדיוטאנט, ער זאָל איהר וואָס עס איז שיינקען. האסאן האָט אויף דעם געזאָגט, דאָס אין דעם פרינץ׳ס צוקונפטע איז מעהר ניט געבליבען, וויא איין

דוקאַט, און דאָס מיט דיעזען איינציגען דוקאַט האָבען זיי נאָך אויסצוקומען א האַלבען מאָנאַט, ווייל זיי האָבען אין דעם פאָריגען האַלבען מאָנאַט צוטיילט גאָר דיא געלד וואָס דער פּרינץ בעקומט אויף צדקה־זאַכען.

— אַלזאָ גיט שוין אוועק דעם דוקאַט אויך,—האָט זיך אָבגערופען צו איהם דער פּרינץ,—וואָס מאָרגען וועט זיין קימערט מיר ניט...

אין דיא מינוט, וויא האַסאַן האָט איהר געוואָלט דערלאַנגען דעם דוקאַט, איז מיט כעס צוגעלאָפען צו דיא אַלטע בעטלערין א באַשטאַנדשי, ד. ה. א קאַראַוּלנע סאָל־דאַט, און האָט איהר געסטראַשעט, דאָס ער וועט איהר אויפ׳ן שטעל דערשטעכען מיט׳ן שטיק, אויב זיא וועט גלייך ניט אָבטרעטען פון דאָרטען.

— פּאָרט פון היער, פערפלוכטע מכשפה !—האָט ער צו איהר א געשריי געגע־בען,—איז פיר דיר ווענינ צו שנאָרען אין גאַנץ סטאַמבול, וואָס דוא ביזט געקומען אהער נאָך צו שטערען דעם פּרינץ אויף זיין שפּאַציר גאַנג ? פּאָרט פון היער !

— וואָס ווילסט דוא ?—האָט זיא אָנגעפאַנגען צו שרייען מיט ווילדע קולות,—פיר וואָס ווילסט דוא מיך שטעכען ? מיך, דיא אַלטע קאַדידזע ?

דער פּרינץ האָט געגעבען א וואונק צום באַשטאַנדשי ער זאָל איהר לאָזען צו רוהע. קוים וואָס דער באַשטאַנדשי האָט פון איהר אָבגעטרעטען, האָט זיא איבער־א־נייעם אויסגעשטעלט דיא האַנד און וויא זיא האָט בעקומען פון האַסאַן דעם דוקאַט, האָט זיא זיך פערנאַנדערגעגאָסען אין לויב און אין דאַנק־ווערטער:

— אַללאה ! אַללאה !—האָט זיא אויסגעשריען,—א דאַנק דיר און א לויב צו דיר פיר דיא גרויסע גנאָד וואָס דוא האָסט מיר בעוויזען און האָסט מיר מזכה גע־וועזען צו זעהען, איידער איך געה אוועק פון דיעזע וועלט, דעם ליכטיגען פּרינץ און זיין אַדיוטאַנט וואָס וועלען ביידע שפּעטער זיין דיא גרעסטע לייט אין לאַנד !

— אָ ! ליכטיגער פּרינץ !—האָט זיא זיך מיט אמאָל געווענדט צום פּרינץ,—זיי פיר מיר ניט ווענינער גנאַדיג ווא אונזער בעשעפער און ערלויב מיר צו לעזען אין דיא ליניען און שטריכען פון דיין לינקע האַנד אַלץ וואָס עס וועט מיט דיר אמאָל פּאַ־סירען... איך בין קאַדידזע, דיא וואהר־זאָגערין פון גאַלאַטאַ, וואָס איז בעקאַנט און טראָגט זיך אויף מיט דיא גייסטער פון הימעל... איך מיין חס ושלום ניט דוא זאָלסט מיר דערפאַר בעלאָהנען ; ניין, איך וויל דאָס טאָהן נור פיר ליעבע און דאַנקבאַרקייט צו דיר, ווייטער ניט.

דעם יונגען פּרינץ איז געוואָרען ענג אין מוח. ענטזאַגען איהר האָט ער ניט געהאַט קיין מוטה און נאָך מעהר איז איהם ניט געווען צום האַרצען צו הערען פון איהר מונד, וואָס עס וועט מיט איהם א מאָל פּאַסירען אין לעבען. ער האָט איהר דעריבער ניט געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין, און האָט א בליק געגעבען אויף האַסאַן מיט אזא

מינע, אזוי וויא ער וואָלט וועלן הערען זיין מיינונג וועגען דעם. דער קלוגער האסאן האָט גלייך פערשטאנען וויא צו העלפען דעם פרינץ ארויסצומאכען זיך פון דער צווי־בערין און זיא זאָל דערביי ניט מיינען, דאס דער יונגער פּרינץ איז א שרעקעדיגער שוועכלינג וואָס האָט קיין מוטה ניט אויסצוהערען וואָס עס וועט זיך מיט איהם טרעפען שפּעטער אין לעבען.

— הער, דוא אלטע, — האָט ער זיך אָבגערופען צו קאדידזע, — מיר זיינען נאָך ביידע גאָר יונגע לייט, כמעט קינדער, און מיר ווייסען נאָך גאָר ניט פון דיינע ניסים, מיר האָבען נאָך פון דיר קיין וואונדער ניט געזעהען. אלזא, ווייסען מיר ניט צו מען דאַרף טרויען דיינע ווערטער און צו עס פּאסט פיר אונזער סולטאן'ס עלטסטער זוהן, ער זאָל דיר צייגען זיין האנד. ניין, מיר מוזען פריהער זעהען א פּראָבע פון דיינע נביאות; דעראיבער, וועל איך דיר פריהער ווייזען מיין האנד, און אויב דוא וועסט מיר זאָגען אָהן פּלוידעריי, וואָס מיט מיר איז יעצט און וואָס וועט זיין מיט מיר אין דיא צייט וואָס וועט קומען, דאמאָלס וועסט דוא האָבען דיא עהרע דאָס דער פּרינץ זאָל דיר אויך צייגען זיין האנד...

דעם פּרינץ זיינען האסאן'ס ווערטער זעהר געפעלען און ער האָט געשמייכעלט קור־קענדיג אויף דיא אלטע פרוי, אזוי וויא ער וואָלט זאָגען צו איהר׳: נוא, וואָס זאָגסט דוא יעצט? וויא שמעקט דאָס דיר׳? קאדידזע האָט דאָס בעמערקט און האָט זיך אָב־גערופען צו איהם:

—זאָל דער פּרינץ זיך ניט מאכען אזוי לוסטיג איבער מיר, מיינע נביאות קומט אָן ריכטיג אויף א האאר. דער גרויסער רעשיד־פּאשא פון באגדאד, האָט זיך אויך פון מיר א מאָל אויסגעלאכט, בשעת איך האָב איהם נביאות געזאָגט, דאָס ער וועט שטאר־בען דורך זיין זוהן. „דוא ביזט א ליגנערין“, האָט ער דאמאָלס צו מיר געזאָגט, „איך האָב קיין זוהן ניט, וויא אזוי וועל איך שטארבען דורך איהם?“ ער האָט זיך גוט אויס־געלאכט און איז פון מיר אוועקגעאנגען. וואָס האָט זיך אָבער פון איהם אויסגעלאָזען? אין א צייט ארום האָט ער געבאָרען א זוהן, וועלכען ער האָט גלייך אוועק געשיקט צו איין אמם אין א גאנץ ווייטע שטאָדט כדי אויסצומיידען אלע מעגליכקייט מיינע ווערטער זאָלען מקוים ווערען. אָבער לא די וואָס דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָט נאָך איהם דאָס גיכער געבראכט דעם טוידט. אין א פּאאר יאָהר ארום האָט זיך דעם פּאשא פערוואָלט פּאָהרען זעהען זיין זוהן, פיעלע מענשען פון יענער שטאָדט, אויך די אמם מיט זיין קינד, זיינען איהם ארויס ענטגעגען און האָבען געוואַרט אויף איהם אויפ'ן בריק, דורך וועלכען ער האָט בעדאַרפט דורכפאָהרען. עס האָבען זיך אָבער דאָר־טען אויפגעקליעבען אזוי פיעל מענשען, דאָס דער בריק האָט ניט אויסגעהאַלטען און האָט זיך איינגעבראָכען גלייך וויא רעשיד איז אויף איהם ארויף; ער איז דערטרונ־

קען געוואָרען און מיט איהם נאָך פיעלע מענשען און צווישען זיי אויך דיא אמם מיט זיין זוהן. אָט, זעהט איהר שוין, ליכטיגער פּרינץ וואָס פיר א סוף עס לאָזט זיך אויס מיט דיא וואָס לאכען פון מיר ?

קורץ געזאָגט, האסאן האָט איהר דערלאנגט זיין האנד. וויא זיא האָט א קוק גע־געבען אויף איהר, איז קאדידזע געוואָרען א צוקאָכטע. זיא האָט אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און האָט א געשריי געטאָהן :

— אללאה ! אללאה ! בלוט, מעהר ניט וויא בלוט ! עס נעהמט מיר אָב פון שרעק דער צונג צו זאָגען דעם שיקזאל, וואָס איז דיר בעשערט געוואָרען פון גאָט, איך האָב מורא דוא זאָלסט אויף מיר ניט אין כעס ווערען.....

—דוא מעגסט ריידען, וואָס דוא ווילסט, איך וועל דאָס ניט נעהמען פיר איבעל, ווארום איך וועל זיך פון דיינע פּלוירעריי ווענינ דיא הארץ אָבעסען....

—צו מיר האָט דאָס ניט, —האָט איהם קאדידזע געענטפערט, — מיין ניט, מיין הערר, דאָס איך רייד וואָס איך וויל ; ניין, איך רייד נאָר דאָס וואָס גאָט לייגט מיר אריין אין מונד.... מאך דאָס דעריבער ניט צו קליין און היט זיך וויא וויט דוא קענסט.... דער געפיהל פון נקמה וועט דיך מאכען פאר א שרעקליכען מערדער און מיט דיין מערדעריי וועט פול זיין דיא וועלט... עס איז נאָך אזא רציחה ניט געהערט געוואָרען . . . אָבער דיין שטראפע, דיין פסק, וועט אויך ניט זיין קיין געוועהנליכער, עס וועט גרוילען צו הערען... אָבער גענוג, איך בין מעהר ניט אים שטאנד צו ריידען.

קאדידזע'ס ווערטער האָבען אפילו געמאכט אויפ'ן פּרינץ זעהר א שלעכטען איינ־דרוק און נאָך מעהר אויף זיין אדיוטאנט ; אָבער זיי האָבען דאָס ניט געוואָלט ארויס־ווייזען פאר דער מכשפה אין דיא אויגען. וויא זיא איז אוועקגעגאנגען און זיי זיינען געבליעבען אליין, זיינען זיי ארויפגעפאהען איינער דעם אנדערן אויפ'ן האלז:

—דוא וועסט ווערען א מערדער ? — האָט זיך אָבגערופען דער פּרינץ, — איז דאָס מעגליך ? איינער פון דיינע פיינד האָט געוויס געדונגען דיעזע שענדליכע ליגנע־רין און איהר בכיון אונטערגעשיקט. עס פערדריסט איהם וואָס איך לעב מיט דיר אזוי גוט, האָט ער געוואָלט ארויפוואַרפען אויף דיר א חשד . . .

— אנדערס קען דאָס ניט זיין, — האָט איינגעשטימט האסאן, — איהר קומען אהער איז געוויס ניט צוליעב א נדבה ; דיא נדבה איז מעהר ניט געווען וויא איין אויסרייד..... אָבער מיינע פיינדע האָבען א גרויסען טעות, זיי וועלען ניט אויספיהרען נאָך וואָס דער האָאר איז ווערטה . . . מיר זיינען ביידע געווען פריינדע און וועלען בלייבען פריינדע אויף אייביג "

24

פון יענער וועלט.

אמת'ע ליעבע קען נור אויף א צייט איינשלאָפען, אָבער ניעמאלס אין גאַנצען פערגיכטעט ווערען. דאָס זעלבע איז אויך געוועזען מיט סאדי, מיט זיין ליעבע צו זיין רעציע. זיין ליידענשאַפט צו דיא פרינצעסין ראָשאַנע איז ניט געוועזען וואהרע און נאַטיריכע ליבע. דאָס איז נאָר געוועזען א געמאַכטע ליבע און איהר פלאַם האָט לאַנג ניט געקענט ברענען אין סאדי'ס הארצען. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט אָן רעציע, אָן זיין ריינע אונשולדיגע און טרייע יוגענד פריינדין.

גאָט וויים, וואו זיא ווערט יעצט געפּייניגט, — האָט ער מיט זיך אליין גערעדט, — זיא וויינט געוויס און קלאָגט וועגען מיר, זיא פרעגט ביי דיא ווינדען פון אלע פיער זייטען וואו איך בין, וויא איך לעב, און איך האָב איהר געקענט אויף א ווייל פערגעסען! אָ, פערצייהע מיך, מיינע האָלדע און גאָלדנע רעציע! וואו פייניגען דיך יעצט דיינע פיינד, וואָס זיינען אָנגעשטאנען אויף דיין לעבען און ווילען דיך אָהן צייט אומברייגען פון דער וועלט, אזוי ווי זיי האָבען געטאָהן מיט דיין פאָטער, דעם הייליגען אלמאנזאר, און מיט דיין אונשולדיגען ברודער. אין מיין פאטערלאַנד איז געפעהרליך ארויסצוקומען פון דיא בעריהמטע קאליפען פאמיליע און צו האָבען א זכות אויף דעם טירקישען טראָהן.

אום צו פערשטעהן סאדי'ס לעצטע ווערטער, מוזען מיר אייך דערצעהלען, דאָס רעציע'ס פאָטער אלמאנזאר איז ארויסגעקומען פון קאליפען און האָט געהאט רעכט צו זיצען אויפן טראָהן פון טירקיי. ער האָט אפילו וועגען דעם קיין מאָל א וואָרט ניט גרעדט, נאָר דער סולטאן האָט זיך אָבער דערוואוסט, דאָס ער האָט ביי זיך זיין יחוס בריעף, פון וועלכען עס איז קלאָהר ארויסצוזעהען, דאָס דער אמת'ר סולטאן האָט בעדארפט זיין אלמאנזאר און ניט ער, אבדול־אזים. נאטירליך האָט דאָס דעם סולטאן ניט געשמעקט און ער האָט געזעהן וויא עס איז פּטור צו ווערען פון אלמאנזאר'ן מיט זיין זוהן, וועלכע זיינען מיט א מאָהל פערשוואונדען געוואָרען. יעצט איז רעציע אויך פערשוואונדען געוואָרען.

ווי סאדי האָט זיך ארומגעזעהן, וויא שלעכט ער האָט זיך בעגאנגען געגען איהר האָט ער דערפון זעהר פיעל געליטען. ערשטענס, האָט ער זיך דורכאוים געמאכט שולדיג, וואָס ער האָט רעציע'ן מיט דעם קליינעם סאלאדין ניט בעסער געהיט. דאַמאָלס וואָלטען זיי ניט פערפאלען געוואָרען און עס וואָלט צו קיין צרה ניט געקומען. צווייטענס, האָט ער זיך ניט געקענט מוחל זיין וואָס ער האָט איהר אזוי פערגעסען און האָט זיך געלאָזט אויף א לאנגע צייט פערבלענדען פון ראָשאנע'ס ליעבע. ווען ער וואָלט אָבער אונטער [illegible] לאנג געוויס געפּר־

נען. יעצט אָבער איז שוין פערגאנגען א לאנגע צייט און גאָט ווייס, צו ער וועט איהר שוין געפינען, גאָט ווייס צו זיא לעבט נאָך גאָר !

נאָר וואָס געווען, איז געווען : יעצט האָט זיך סאדי גענומען זעהר שטארק נאָכבּרעגעזאון פאָרשען אין אלע ערטער, וואו מען האָט נאָר געקענט רעכנען צו געפינען א זכר פון רעציע'ן. ער איז געווען ביי דיא אלטע האניפע, האָט געפרעגט דיא דינער פון כעריל און האָט אָבער קיין זאך ניט געקענט דערגעהן. דאמאָלס איז איהם ארויף אויפן געדאנקען : אפשר זיינען זיי פאָרט פערברענט געוואָרען אין דער שרפה ? ער איז אוועקגעגאנגען אין זיין אָבגעברענטע וואָהנונג און האָט דורכגעזיפּט די אש אין האָפנונג עטוואָס צו געפינען פון זיי אליין אָדער פון זייערע קליידער, אָבער זיין מיהע איז געווען אומזיסט, און ער איז פון דאָרטען אוועקגעגאנגען צוריק מיט גאָר ניט.

ער האָט פערלאָזען זיין אָבגעברענטע וואָהנונג מיט א צובראָכענע הארץ, אזוי וויא א קינד פערלאָזט דעם פרישען קבר פון זיין מוטער. קוים אָבער וויא ער איז פון דאָרטען אוועק, האָט זיך דאָרטען בעוויזען אונזער בעקאנטע סיררא ! זיא איז געווען געזונד און פריש. זיא האָט אויך געוואָלט זעהן רעציען און איז געקומען אהין, ווייל זיא האָט גערעכענט, דאָס מען האָט געוויס דאמאָלס איינגעלאָשען די שרפה און סאדי האָט רעציען מיט סאלאדי'נען געוויס בעפרייט פון איהר מוטערס הענד און פון לאַצארוס'ן און האָט זיי צוריק געבראכט צו זיך אין וואָהנונג. אויפ'ן לעצטען פאל האָט זיא האָפט צו געפינען סאדי'ן און ביי איהם זיך דערוויסען, וואָס מאכט רעציע. זיא האָט, אָבער, אזוי וויא מיר ווייסען, א גרויסען טעות געהאט. פון דאָרטען איז סיררא געגאנגען צו איהר מוטער'ס וואָהנונג, ניט ווייל זיא האָט געוואָלט זעהען דער מכשפה, וואָס האָט זיך מיט איהר בעגאנגען שלעכטער און גרויזאמער וויא א ווילדעם טהיער ; נאָר ווייל זיא האָט געהאָפט, אפשר איז נאָך רעציע פערשפּארט דאָרטען ביי איהר אין צימער, וואו זיא האָט איהר געלאָזען. זיא האָט אויפגעמאכט דיא טיהר און איז גלייך צוגעגאנגען צום צימער, וואו זיא האָט געהאָפט נאָך צו דערוויסען איהר געליעבטע פריינדין. זיא האָט זיך אָבער באלד איבערצייגט, דאָס זיא האָט אומזיסט געהאָפט און האָט שוין געוואָלט דיא פערפלוכטע וואָהנונג פערלאָזען אויף אימער. מיט א מאָהל האָט זיא דערזעהן איהר מוטער, וואָס איז אָט ערשט געקומען שיכור'לעך פון גאס.

וויא קאדידזע האָט איהר דערזעהן איז איהר איינגעפאהלען דיא דמים פון שרעק. זיא איז זגעוואָרען בלייך וויא קאלך און עס האָט איהר אָנגעפאנגען צו קלאפּען א צאָהן אָן א צאָהן. ביי אהר איז קיין שום ספק ניט געווען, דאָס סיררא איז געקומען פון יענער וועלט איהר צו פאָדערן צום בית־דין של מעלה, דאָס הייסט פאָר גאָט'ס געריכט, וואו זיא האָט איהר אָנגעקלאָגט, דאָס זיא האָט איהר איזענע טאָכטער בע־

גראָבען א לעבעדיגע. קאדידזע האָט געוואוסט, וואס פיר א גרויסע זינדערין זיא איז געווען, און עס האָט זיך איהר גאָר ניט געוואָלט אזוי מיט א מאָל ארייננפאלען אין גיהנום. עס איז איהר אריבער א קעלט איבער'ן לייב און זיא איז געפאלען סירראַ'ן צו דיא פיס און האָט זיך אָנגעהויבען צו בעטען זי זאָל איהר מוחל זיין:

— ערבארם דיך איבער מיר, מיין קינד, — האָט זיא זיך געבעטען ביי איהר— מאָדער מיך ניט אזוי פלוצלונג פאר גאָט'ס געריכט. אך בין א גרויסע זינדערין; אחוץ דעם וואָס איך האָב פערבראָכען געגען דיך, וואָס איך האָב זיך מיט דיר אזוי שלעכט בעגאנגען, האָב איך נאָך מעהר געזינדיגט געגען גאָט און לייטען. לאָז מיר דעריבער נאָך לעבען עטליכע יאָהר, איך זאָל קענען פעררעכטען וואָס איך האָב פערגרייזט... מהו דאָס מיר, קיין קינד!

סירראַ איז קיין נאר ניט געווען און זיא האָט גלייך פערשטאנען, דאָס יעצט וועט זיא אלץ קענען דערגעהן פון איהר מוטער, וואָס זיא וועט נאָר אליין ווען. ווייל זיא האָט געקענט איהר מוטער און האָט געוואוסט, וויא ווייט זיא האָט מורא פאר מתים און פאר יענער וועלט. זיא האָט זיך דעריבער געמאכט פיר געשטאָרבען און האָט צו איהר געזאָגט:

— יא, מוטער, איך האָב אויף דיר רחמנות און איך בין דיר מוחל אלץ וואָס דוא האָסט געטאָהן געגען מיר; אָבער מיט דעם תנאי דוא זאָלסט מיר זאָגען וואו עס גע־פינט זיך יעצט רעציע מיט דעם קליינעם סאלאדין. איהר פאָטער אלמאנזאר האָט מיר געשיקט צו איהר און איך מוז איהר בריינגען א תשובה; אנדערש קען איך ניט קומען אויף מיין רוהע אָרט און וועל שוין פשיטא ניט קענען בעטען דאָרטען פיר דיך...

קאדידזע, וואָס איז געווען איבערצייגט דאָס מיט איהר רעדט א טוידטע פון יע־נער וועלט, איז געווען העכסט צופריעדען צו טאָהן אלץ וואָס סירראַ האָט פון איהר פערלאנגט נאָר זיא זאָל אוועקגעהן פון איהר. זיא האָט איהר ענטדעקט דעם אָרט וואו עס געפינען זיך רעציע און סאלאדין.

סירראַ האָט מעהר א וואָרט ניט גערעדט און איז גלייך אוועקגעגאנגען אין רואי־נע „קאדריש”. זיא איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזע רואינע, ווייל זיא פלעגט גאנץ אָפט געהן אהין און איז דאָרטען אויסגעווען אין אלע ווינקעלאך. דאָס איז איהר יעצט זעהר צוניץ געקומען. זיא האָט ביי קיינעם ניט בעדארפט פרעגען וואו צו געהן, און איז גלייך געקומען אין „פאלאץ פון טויט”. עס איז נאָך דאמאָלס געווען פינסטערליך און אלע וועכטער האָבען נאָך געשלאָפען ווי גע־הרג'עטע. אין דיא געפענגניסע פון „קאדריש” איז ניט געווען איינגעפיהרט דיא וועכטער זאָלען זיין אויף ביי נאכט, ווייל דאָרטען איז מען זיכער געווען דאָס דיא ארעסטאנטען, וואָס זיינען געווען אזוי גע־שמידט אין קייטען, דאָס זיי האָבען זיך כמעט ניט געקענט א ריהר טאָהן ווען זא

וויא זאָ ניט ענטלויפען. און דיא וועכטער האָבען געקענט רוהיג שלאָפען וויא פיעל זיי האָבען געוואָלט. סיררא איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן ערשטען שטאָק, צווייטען דריטען און עס האָט א האָהן ניט געקרעהט, ביז וואנען זיא איז געקומען אין דעם קאָרידאָר, וואו עס איז געוועזן רעציע'ס קעמערל. זיא האָט גלייך אויפגעזוכט דעם קעמעריל, וואָס אויף זיין טיהר איז געוועזן אויפגעשריעבען: „רעציע", און איז שטילערהייד צוגעגאנגען און האָט אָנגעקלאפּט.

— איך בין דאָס, סירא, דיין טרייעסטע פריינדין; וואָס מאכסט דוא, רעציע? — האָט זיא צו איהר געזאָגט דורכ'ן טיהר, — איז דער קליינער סאלאדין אויך דאָ מיט דיר? זאָג, וואָס איך זאָל טאָהן פיר דיר און איך וועל דאָס טאָהן, עס זאָל מיר אפילו קאָסטען דער לעבען.

— אָ, טייערע גאָלדענע סיררא! מיין איינציגע טרייע פריינדין אין גליק און אין אונגליק! פון וואנען ווייסט דוא, דאָס איך בין דאָ? וועלכער גוטער ענגעל האָט דיר געבראכט אהער? אָ, לייז מיך אויס פון דיזע העללע! אָ, רעטע מיך! מיינע ליידען און שמערצען איז ניט צו בעשרייבען! דער קליינער סאלאדין ליגט דאָ לעבען מיר אין א ווינקעל און איך דארף נאָך זעהען דיא יסורים פון דיזען אונשולדיגען קינד! וואָס איז יעצט מיט סאדי'ן? וואו איז ער? וואָס מאכט ער?

— מיך האָט געבראכט אהער מיין ליבע צו דיר און דיזעלבע ליבע וועט מיר אויך זיין בעהילפיג דיך צו רעטען פון דיזען שרעקליכען אָרט. גענוג דאָס איך ווייס שוין וואו דוא ביזט. פון סאדי'ן קען איך דיר דערווייל גאָר ניט דערצעהלען. מאָרגען ביי נאכט קום איך ווידער צו דיר און וועל דיר ברייננגען פון איהם נאכריכט. יעצט מוז איך שוין אָבער פון דיר וואָס צום גיכסטען נעהמען אבשייד: עס ווערט שוין ליכטיג און וועכטער הייבען אָן אויפצושטעהן... אדיע, ביז מאָרגען!

סיררא איז גלייך ארויס פון דיא רואינע און קיינער האָט איהר ניט געהערט.

25

סעסיאָן פון מאסקעס.

מיר וועלען זיך יעצט אומקעהרען צו דער נאכט וויזיט וואָס דער שייך־אול־איסלאם האָט געמאכט דעם סולטאן אין זיין שלאָס, און צו דיא גאָלדענע מאסקע וואָס האָט זיך דאמאָלס מיט אמאָל בעוויזען און האָט ארויפגעוואָרפען אויף אלעמען א טויט־שרעק. מען האָט גלייך פערשפּארט טיהר און טויער קיינער זאָל ניט קענען ארויס און אריין, און מען האָט איבערגעזוכט אין אלע ווינקעלאך, איבערגעטרייסעלט אלע לעבער פון גאנצען שלאָס. דיא מיהע איז אָבער געוועזן דורכאויס אומזיסט, דיא גאָלדענע מאסקע איז פערשוואונדען געוואָרען, אזוי וויא אין דר'ערד אריין! דער סולטאן האָט זיך דאָס שטארק גענומען צום הארצען. ער האָט פון לאנג אָן געוואוסט

דאָס ווען דיא גאָלדענע מאסקע בעווייזט זיך וואו עס איז, איז דאָס ניט קיין גוטער סמן און עס ווייזט אימער אויף גרויסע צרות און אונגליקען. ביי דעם האָט דער עולם אין קאָנסטאנטינאָפעל געגלויבט, דאָס זיא ווינשט קיינעם ניט קיין בייז, פערקעהרט, זיא בעווייזט זיך כדי דיא מענשען זאָלען פאָראויס וויסען וואָס עס איז אויף זיי נגזר געוואָרען און זאלען זיך היטען און טהאָן וואָס זיי קענען אום זיך צו רעטען. דעריבער פלעגען איהר אלע אָבגעבען גרויס עהרע און לאָ די וואָס קיינער האָט ניט געוואגט איהר צו ארעסטירען, פלעגט זיך נאָך יעדער, וואָס זיא האָט בעגעגענט, פיר איהר קניען און ביי וועמען עס איז עטוואָס ניט געוועזען ריין אויפ'ן הארצען, פלעגט זיך גלייך שלאָגען חטאתי און וואָס גיכער תשובה טהאָן.

עס איז שוין פארגאנגען א צייט יאָהרען, וואָס זיא האָט זיך ניט בעוויזען, ווייל זיא קומט נאָר אין אונגליקס צייטען, צום ביישפיעל, בשעת א הונגער, א מגפה, א מלחמה און דער גלייכען. ווער איז זיא געוועזען ?—דאָס האָט קיינער קלאָר ניט געוואוסט, נאָר פיעלע פון דיא אונוויסענדע און אבערגלויביגע מאחמעדאנער האָבען געגלויבט, דאָס עס איז דעם מאחמעד'ס שוויגער־פאָטער אבובעקער וואָס איז נאָך געשטאָרבען אין יאָהר 634, אָבער וואָס קומט צייטען וויים אראָב צו אונז אויף דר'ערד צו מוסר'ן דיא מענשען זיי זאָלען אויפהערען צו זינדיגען.

אין א צייט ארום איז דעם סולטאן ווידער אויסגעקומען צו זיטצען ביי זיך אין קאבינעט אין בעגלעבעג מיט דעם שייך־אול־איסלאם און שפּרעכען איבער פערשיעדענע זאכען מיט אמאָל האָט מען געמעלדעט דאָס דער קאמענדאנט פון איין אלטען פעסטונג פערלאנגט ארנצוגעהן צו איהם אין קאבינעט. דער סולטאן האָט איהם געהייסען אריינגעהן. וויא ער איז אריין האָט ביי איהם דער סולטאן געפרעגט, וואָס איז דאָס איהם אזוי נייטיג געווען איהם צו ראפּאָרטירען דאָס ער האָט דאָס ניט געקענט אָבלייגען אויף שפּעטער ?

— אייער מייסטעט האָבען בעפאָהלען, דאָס דער וואָס וויים עטוואָס בעשטימטעס און ריכטיגעס פון דיא גאָלדענע מאסקע, זאָל זיך גלייך מעלדען פערזענליך צו אייך. דעריבער בין איך געקומען מיט דיא נאכריכט, דאָס איך האָב אָט־ערשט געזעהן דיזע גאָלדענע מאסקע מיט מיינע אייגענע אויגען. וויא איך האָב איהר דערזעהען האָב איך מיך העכסט דערשראָקען, נאָר איך האָב מיך גלייך דערמאָהנט אָן אייער בעפעהל און בין צוגעגאנגען צו איהר נעהנטער אום צו זעהען צו האָב איך קיין טעות ניט. צום אונגליק האָב איך גלייך דערזעהען אלע סמנים, וואָס מען דערצעהלט פון איהר : א גאָלדענע לענטע, א בלאָע אראבישע טוך אויפ'ן קאָפּ און אלצדינג ווייטער. איך האָב פיעל מאָל געהערט וועגען איהר, אָבער איך האָב זיא ביז אהער קיין מאָל ניט געזעהן. וויא זיא האָט פארבייגעשוועבט נאָהענט פון מיר, איז מיר אריבער א

קעלט איבער'ן לייב... איך האָב זיך טיעף פערנייגט און אזוי געבליבען שטעהן ביז זיא איז פערשוואונדען געוואָרען פון מיינע אויגען. וויא מען זאָגט, קומט זיא דאָ גאנץ אָפט אריין, איך האָב איהר אָבער יעצט געזעהען צום ערשטען מאָל, און בעהיטע גאָט איך זאָל זיך מיט איהר נאָך אמאָל בעגעגענען...

— זאָג מיר אָבער,—האָט זיך דער סולטאַן אָבגערופען צו איהם,—ווען דוא ווייסט שוין יא אלץ וואָס מען רעדט וועגען איהר, פיללייכט ווייסט דוא אויך צו עס איז נאָר דאָ איין איינציגע גאָלדענע מאסקע, אָדער עס זיינען דאָ מעהרערע אזעלכע?

— געוויס זיינען דאָ פיעלע, וויל מען האָט מיר דערצעהלט, דאָס מען האָט געזעהן עטליכע גאָלדענע מאסקעס צוזאמען אויף איין מאָל. זיי זיינען אָבער אלע גלייך איינע צו די אנדערע אזוי וויא צווילינג-ברידער.

— אָבער וואָרום האָסט דוא ניט געמאכט קיין לארם, האָסט ניט צוזאמען גע־רופען אלע דיינע סאָלדאטען, זיי זאָלען איהר גלייך בעפאלען און אָננעמען?—האָט דער סולטאַן געפרעגט מיט א בייזע מינע.

— דאָס האָב איך ניט געוואגט צו טהאָן, וואָרום איך בין נאָר א זינדיגער מענש און זיא איז א גייסט פון יענער וועלט... וויא אזוי האָב איך זיך געקענט אונטערשטע־לען צו טהאָן וואָס עס איז געגען איהר?...

— וועג פון מיינע אויגען, שענדליכער פייגלינג!—האָט דער סולטאַן מיט כעס א געשריי געגעבען אויף איהם,—א גוטער אָפיציר פערלירט קיין מאָל ניט קיין מוטה און שרעקט זיך ניט אפילו מיט'ן טייפעל אין העלע צו שטרייטען! וועג פון מיר! אין געפענגניס!

אין דער מינוט האָט מען דעם קאָמענדאנט אָבגעפיהרט אין געפענגניס. וויא דער סולטאַן איז געוואָרען עטוואָס רוהיגער, האָט ער זיך אָבגערופען צום שייך-אול-אים־לאם:

— קיין סולטאַן האָט מען נאָך ניט אזוי שלעכט געדינט, אזוי ווייניג געפאָלגט וויא מיר. דער אונגליק איז וואָס אלע שטעלען זיינען פערנומען ביי אונז מיט אונפע־היגע מענשען, מיט טויגעניכטס'ן... דערמאָהנט אייך וואָס דאָ טהוט זיך אָב מיט די גאָלדענע מאסקע. די גאנצע לאנד איז מיט איהר פול און גיכער וויא אלץ איז דאָס א בעטריגערייא און קיינער איז ניט אין שטאנד פערטיג צו ווערען מיט איהר!... איך וויל אליין געהן אהין אין יענעם שלאָס און זעהען וואָס דאָרטען אז פיר א מעשה. איך פערלאנג אָבער איהר זאָלט מיך בעגלייטען אהין.

— איך דאנק אייער מייסטעט פיר די עהרע,— האָט דער שייך-אול-איסלאם געענטפערט און האָט זיך טיעף פערנייגט.

אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען זיי שוין ביידע געזעסען אין א גאָנדאלע,

וואָס האָט זיי געבראכט אין שלאָס, וואו די גאָלדענע מאסקע האָט זיך יעצט בע־וויזען. דאָס איז געוועזען א פארצייטיגער פעסטונג וואָס איז שוין פון אלטקייט כמעט דורכאויס איינגעפאלען. אין דיעזען שלאָס איז געוועזען א פלאטץ וואו מען פלעגט א מאָל קעפּען די זינדיגע, וואָס זיינען געווען פערמשפּט אויף טוידט.

אין די קורצע צייט, וואָס האָט געדויערט פון דעם קאָמענדאנט'ס אוועקגעהן ביז דער סולטאן איז אהין געקומען צופאָהרען צוזאמען מיט דעם שייך־אול־איסלאם, זיינען אויף דיעזען פלאטץ פאָרגעקומען וואונדערליכע זאכען. אַנשטאדט איין גאָל־דענע מאסקע, זיינען געקומען אהין אייניגע, יעדע דורך א בעזונדערן אריינגאנג, יעדע האָט זיך געזעצט אויף א בעזונדרע קלאָטץ, אין אָנפאנג זיינען אזוי צונויף געקומען זעקס מאסקעס; צו זיי איז אָבער באלד געקומען א זיבעטע. אין אן ערך פון צעהן מינוט האָבען זיי א וואָרט ניט אויסגערעדט, ביז וואנען די וואָס איז געקומען צום לעצטען, וואָס האָט אויסגעוויזען פון זיי צו זיין די עלטסטע, האָט זיך אָבגערופען:

א לאנגע צייט האָבען מיר גערוהט; יעצט אָבער דארפען מיר ווידער אָנפאנגען צו ווירקען.

די זעקס איבריגע מאסקעס האָבען צוגעהערט מיט איין ערנסטע מינע און האָבען זיך ביי די לעצטע ווערטער טיעף פערנייגט.

— די זאך, וואָס מיר דארפען אלע אויספיהרען, איז א הייליגע זאך, — האָט זיך ווידער די זעלבע מאסקע אָבגערופען צו די איבריגע, — יעצט, אָמאר, עפען דיין מונד און דערצעהל וואָס דוא ווייסט.

מיט די לעצטע ווערטער האָט זיך דער רעדנער געווענדעט צו די מאסקע, וואָס איז געזעסען געגען איהם.

— איך שלאָף ניט און טהוע מיר מיין זאך, — האָט אָמאר געענטפערט מיט א טיפע פערנייגונג, — אלזאָ, האָב איך מיר דערקונדיגט, דאָס מאנזור־עפענדי און זיין פריינד האמיד־קאדי קומען טאָג טעגליך צוזאמען אין רואינע „קאדריש" און האלטען זיך עצות וועגען אזעלכע זאכען, וואָס זיינען געגען דעם אלגעמיינעם גליק און געגען אונזער הייליגע רעליגיאָן. זיי זוכען עצות וויא אליין צו ווערען רייך אויף דעם רעכנונג פון דאָס גאנצע לאנד, וויא אלעמען צו בעראבעווען און וויא אריינצונעהמען די גרענדע, די גאנצע הערשאפט ביי זיך אין די הענד. איבערהויפּט פערלאנגט דאָס מאנזור־עפענדי, וואָס וואָלט פיר א שטיקעל כבוד א כפרה געוואָרען... ער דיינקט אין קורצען איבערצוקעהרען אלע איינריכטונגען פון אונזער לאנד מיט'ן קאָפּ אראָב און די פיס ארויף...

— זעהר גוט, — האָט די צום לעצטען געקומענע מאסקע געענטפערט, — גיב ווייטער אויף אכטונג אויף דיעזען מאנזור־עפענדי, זאמעל צונויף אלע זיינע שריפטען,

וואָס קענען בעווייזען זיינע שולדיגקייט שריפטליך און ברייגג זיי אהער. מען מוז אָבוואַרטען ביז דיא מאָס פון זיינע זינדען וועט ווערען פול.

— און דוא, באהירא, וואָס ווערסט דוא אונז דערצעהלען ?—האָט זיך דער רעדנער געווענדעט צו איין אנדערע פון דיא זעקס מאסקעס.

— איך שלאָף אויך ניט,—האָט באהירא געענטפערט מיט א טיעפע פערנייגונג, —און איך קען מיינע ברידער דערצעהלען, דאָס אין אונזער סולטאן'ס פאלאץ איז דאָ א וויכטיגע פערזאָן, וואָס איז אפילו מאנזור־עפענדי'ס א פיינד, וואָס שטרייטעט געגען איהם אום צו מאכען צו ניסט אלע זיינע פלענער ; אָבער דיעזע וויכטיגע פערזאָן איז ניט וויינינער שעדליך פיר אונזער רעליגיאָן. איך מיין דיא סולטאנין וואלידע. אום אליין צו רעגיערען אין טירקיי, אום אויסצופיהרען אלץ, וואָס זיא וויל און קיינער זאָל איהר קיין דעה ניט זאָגען, האָט זיא זיך בעשלאָסען צו פערבלענדען דעם סולטאן דיא אויגען, צו בערוישען און איינצושלעפערן זיין פערשטאנד... זיא פערנעהמט איהם שטענדיג מיט שענדליכע פערגעניגען, ער זאָל קיין צייט ניט האָבען צו דיינקען וועגען אונזער לאנד. קיין מיניסטער, קיין וויזיר האָט ביי איהר קיין ווערטה ניט...

— גוט, בעהירא, פערבלייב אויף ווייטער אויף אין דעם פאלאץ בעגלעבעג און בעמערק אלץ, וואָס דאָרטען פאסירט זיך און מעלד דאָס אונז.

נאָך דעם האָט זיך דיא זיבעטע מאסקע געווענדעט צו דיא דריטע פון דיא זעקס.

— וואָס האָסט דוא מוטלעב צו דערצעהלען פון דיא פיינד וואָס רודף'ן דיא שעהנע רעציע און דעם קליינעם סאלאדין ?

— איך שלאָף אויך ניט,—האָט מוטלעב געענטפערט,—וויא ווייט איך וויים, האָבען איהרע פיינד איהר פערשפארט מיט דעם קליינעם סאלאדין אין געפיינגניס אין „פאלאץ פון טוידט".

נאָך די דריטע מאסקע האָט דיא זיבעטע זיך געווענדעט מיט דיזעלבע פראגע כסדר צו אלע איבריגע. דיאָ פירטע האָט געענטפערט :

— איך שלאָף אויך ניט ; מיט דיא הילפע פון אונזערע פינף איבריגע ברידער, האָב איך בעפרייט סירדא, דער אלטער מכשפה קאדידזע'ס טאָכטער פון קבר, וואו מען האָט איהר בעגראָבען לעבעדיגערהייד. דיזע סירדא איז א גרויסע פריינדין פון רעציע און דעם קליינעם סאלאדין און זיא וועט אָן אלע איהרע קרעפטען ביידען צו בעפרייען ; וואָרום וויא איהר קערפער איז שוואך און קליין, אזוי אין איהר הארץ גרויס און ריין.

דיא פינפטע האָט געענטפערט :

— איך שלאָף אויך ניט ; איך קען מיינע ברידער בעקאנט מאכען מיט דעם גרעס לאצארוס, ער אין דיא שעהנע רעציע'ס א [illegible] ער האָט איהר מיט

כּאַלאַדין׳ען ארעסטירט און איינגעשפּארט אין געפיינגניס; ער האָט כּמעט ביז טויט געשלאָגען סירראַ, קאדידזע׳ס טאָכטער און האָט איהר לעבעדיגערהייד בעגראָבען. קורץ, דאָס איז איין אויסוואורף, וואָס האָט זינד איבער זינד. איך גיב אָבער אויף איהם גוט אָכטונג און היט איהם דיא טריט אזוי וויא זיין אייגענער שאָטען.

— גוט ברודער, — האָט איהם דיא עלטסטע מאסקע געזאָגט, — פערשרייב ריכטיג אַלע זיינע זינד, מיר זאָלען וויסען ווען עס וועט קומען דיא צייט, וויא איהם צו בע־שטראפען.

— איך שלאָף אויך ניט, — האָט זיך דיא לעצטע מאסקע אָבגערופען, — איך קען מיינע ברידער מעלדען, דאָס צו אונז איז געקומען פון לאָנדאָן א פרוי מיט דעם נאמען מיס שרה סטראדטפאָרדט. פריהער איז זיא געוועזען געשיקט מיט פּאָליטישע אויפ־טראגע אין פאריז און אין אנדערע שטעדט און זיא האָט אומעטום אָנגעמאכט גרויסע אינטריגען. זיא איז געדונגען פון דיא ענגלישע דיפּלאָמאטען. א העכסט פערדאָרבענע פרוי. איין אָפיציר האָט זיא שוין ביי אונז אריינגענארט אין נעטץ...

— גוט, גוט, ברודער, לאָז פון איהר דיינע אויגען ניט אראָב, געה איהר נאָך דיא טריט און פערשרייב אַלע איהרע מעשים... איך וויים, זיא וואָהנט ביי דעם ענג־לישען געזאנדטען און איז ניט לאנג געוועזען אויף דעם גאָרטען באַל, וואו זיא האָט געשפּראָכען מיט דעם פרינץ מוראד...

ער האָט נאָך ניט געענדיגט רעדען זיינען געקומען זעקס אנדערע גאָלדענע מאס־קעס, געקליידעט אַלע פונקט וויא יענע און האָבען א געשריי געטהאָן:

— קומט וואָס צום גיכסטען! דער סולטאַן מיט דעם שייך־אול־איסלאַם קומען גלייך אָן!

דיזע נייע זעקס מאסקעס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן וואך דיא גאנצע צייט, וואָס יענע זיינען געזעסען און האָבען צווישען זיך גערעדט. יעדע פון זיי האָט געהיט א בעזונדערן אריינגאנג, קיינער זאָל פּלוצלונג ניט אנקומען און געפינען דיא פערזאמלונג פון זייערע פריינד. וויא זיי האָבען בעמערקט דעם סולטאַן׳ס גאנדאלע, זיינען זיי דיא מינוט אריין צו זייערע פריינד און האָבען זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען אַלע צוזאמען באַצייטען ענטלויפען. עס האָט ניט געדויערט קיין אויגענבליק, וויא אַלע דרייצעהן מאסקעס זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין פערשיעדענע וועגען אזוי וויא רוחות, און ווען דער סולטאַן מיט דעם שייך־אול־איסלאַם און מיט זיין פלינעל־אדיוטאַנט זיינען אָנגעקומען, איז שוין פון זיי קיין זכר ניט געוועזען מיט א מינוט פריהער איז דער סולטאַן געוועזען זיכער, דאָס דאָ וועט ער שוין געוויס פאַקען דיא מאסקעס, ווייל מען האָט זיי נאָר געזעהן אהיינגעהענדיג, און קיינער האָט ניט געזעהן, וויא זיי זייך

נען ארויסגעגאנגען, און דאָך איז זיין האָפנונג ניט מקוים געוואָרען און ער איז וויי־טער געבליבען א נאַר...

26

דער שווארצער טייפעל.

פון דער צייט אָן וויא סיררא האָט גערעדט מיט רעציע'ן הינטער'ן טיהר פון איהר געפיינגנים קעמערל, האָט רעציע געהאָפט, דאָס זיא וועט אין קורצען בעפרייעט ווע־רען. ביי איהר איז קיין שום ספק ניט געוועזען, דאָס סיררא וועט ענטדעקען סאדי'ן, איהר היים געליעבטען סאדי'ן, דעם אָרט פון איהר געפיינגנים, און ער וועט שוין ניט רוהען, ער וועט טהאָן אלץ אין דער וועלט אום נאָר צו מאכען א סוף פון איהרע ליידען און יסורים. ביי איהר איז קיין ספק ניט געוועזען, דאָס זיא וועט אין קורצען מיט טרעהרען פון פרייד ארומארמען איהר געליעבטען, וועלכען עס טהוט געוויס וועהע דיא הארץ וועגען איהר פון דיא מינוט אָן וואָס זיא איז פערשוואונדען געוואָרען. אין אזעלכע געדאנקען האָט זיא פערבראכט דעם גאנצען טאָג נאָך סיררא'ס בעזוך. זיא האָט דאָס אויך גלייך דערצעהלט דעם קליינעם סאלאדין, וועלכער האָט זיך געפרעהט צוזאמען מיט איהר. רעציע האָט מיט אונגעדולד געווארט, עס זאָל ווערען נאכט, ווייל זיא האָט געהאָפט, דאָס ביי נאכט וועט זיא מיט סאלידין'ען אויסגעלייזט ווערען פון דיעזען שרעקליכען אָרט און דאָס אים ערגסטען פאל, וועט ווידער קומען צו איהר סיררא און אפשר אויך סאדי. דער קליינער סאלאדין איז געוועזען אזוי אויפגערעגט און צוטראָגען פון פרייד און שרעק, דאָס ווען רעציע האט איהם געוואָלט איינשלעפערן, האָט ער זיך פערנאנדערגעוויינט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט געהן צו זיך אין צווייטען קעמערל:

— ניין, טייערע רעציע,—האָט ער צו איהר געזאָגט,—ניין, איך וויל וויל מעהר אהין ניט געהען, איך האָב מורא דאָרטען איינצושלאָפען, עס זאָל זיך מיר ווידער ניט טרוימען אזא שרעקליכער חלום, וויא דיא פאָריגע נאכט. עס האָט זיך מיר גע־טרוימט, דאָס דוא האָסט מיך געבראכט אויף א בית־עולם, וואו עס זיינע בעגראָבען דיין פאָטער און דיין ברודער. וויא איך בין צוגעגאנגען צו דיין פאָטער'ס קבר, האָט ער זיך אויפגעעפענט און איך האָב געזעהען, דאָס קיינער איז אין איהם ניט דאָ... ווייטער, האָט זיך מיר געדוכט: מיר שטעהעןביידע לעבען א גרויסען זאמדיגען בארג און ווילען ארויפגעהן. אויבען וואקסען בלומען און נעדיכטע בוימער און גאָנץ אויפ'ן שפיץ בארג שטעהט סאדי. פאר אונז אין דיא אויגען פאנגט ער אָן צו וואקסען און ווערט פון מינוט גרעסער און גרעסער. הינטער איהם איז געשטאנען א פרויענצימער, אזא הויכע, וויא ער, מיט א שרעקליכע גרויסע קאָפּ... ער ווינקט צו אונז, מיר זאָלען ארויף צו איהם, אבער ווי מיר האָבען גענומען קלעטערן אויפ'ן בארג, האָט זיך

סאַדי פון אונז אָבגעקעהרט, און וואָס מעהר מיר האָבען געקלעטערט, זיינען מיר אַלץ טיפער געזונקען צוריק. סאַדי אָבער האָט שוין אויף אונז אַפילו אַ בליק ניט געוואָלט טהאָן... ער האָט געהאַלטען די אויגען נאָר אויף די גרויסע פרוי הינטער איהם...

רעציע האָט בערוהיגט דעם קליינעם סאַלאַדין און האָט איהם איינגעשלעפערט מיט די זיסע האָפנונג, דאָס זיי וועלען זיך שוין דאָ לאַנג ניט פּייניגען

רעציע אַליין האָט זיך דיעזע נאַכט שלאָפען ניט געלייגט זיא איז געוועזען זיכער, דאָס דיעזע נאַכט וועט געוויס קומען צו איהר אַ הילף און האָט מורא געהאַט איינצושלאָפען. זיא האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען טיהר אום צו האָרכען אַלץ, וואָס עס וועט פּאָרקומען אין קאָרידאָר. מעהר ווי צוויי שטונדען איז פערבייגעגאַנגען און זיא האָט אַפילו די קלענסטע בעוועגונג ניט געהערט אין קאָרידאָר מיט אַמאָל האָט זיא דערהערט שטילע פּאָרזיכטיגע טריט,.. מיט אַזעלכע טריט געהט נאָר אַ מענש וואָס האָט מורא צו מאַכען אַ לאַרם... געוויס איז דאָס סיררא, אָדער גאָר סאַדי אַליין... עס האָט איהר אָנגעפאַנגען קלאַפּען די האַרץ פון שמחה און שרעק... „אפשר דוכט זיך דאָס מיר“, איז איהר אַרויף אין געדאַנקען, „אָבער ניין“... די טריט זיינען געוואָרען שווערער און שווערער... אָט זיינען זיי שוין גאָר נאָהענט, אָט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט לעבען איהר טיהר... מעהר האָט שוין קיין ספק ניט געקענט זיין: באַלד ווערט זיא אַ געהאָלפענע... אָט שטעלט מען שוין אַריין אַ שליסעל אין שלאָס און עס עפענט זיך די טיהר. רעציע האָט שוין אויסגעשטעלט די הענד און האָט געוואָלט אַרויפפאַלען סאַדי'ן אויפ'ן האַלז... צום אונגליק אָבער איז דאָס ניט געווען, ניט סאַדי און ניט סיררא; אָנשטאָט זיי האָט זיא דערזעהען איהר ערגסטען פיינד: דער גאַסט איז געוועזען קיין אַנדערער ווי דער אונמענש לאַצאַרוס! ווי עס איז יעצט געוואָרען רעציע'ן אויפ'ן האַרצען, דאָס איז קיין פעדער אים שטאַנד צו בעשרייבען! נאָך אַזעלכע זיסע ליבע האָפנונגען, אַזאַ בייזע בעגעגעניס—גרויזאַמער און שרעקליכער ווי דאָס, איז אונמעגליך אויסצודיינקען!

רעציע האָט ניט מיט איהרע כוחות אַ געשריי געטהאָן און אַ שפּרונג געגעבען אַ הינטער. זיא האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק צו וויינען און רופען מען זאָל איהר רעטען, קיינער אָבער האָט זיך ניט אָבגערופען אויף איהרע טרעהרען, אויסער דער קליינער סאַלאַדין, וואָס האָט זיך פון איהרע קולות אויפגעחאַפּט פון שלאָף.

לאַצאַרוס'ן האָט דאָס אָבער ווייניג געקימערט, ער איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט אָפענע הענד און האָט איהר געוואָלט אומאַרמען.

— וועג פון מיר, דו בלוט שמוטציגער קערל, האָט זיא אַ געשריי געגעבען און אַ קוואַל טרעהרען האָבען זיך פון איהרע אויגען געגאָסען.

לאַצאַרוס איז אָבער גיט ניט געוועזען פון דעם סאָרט מענשען, וואָס קענען ניט

ביישטעהן ביי טרעהרען. לאַצאַרוס האָט איהר מיט געוואלט געהאלטען ביי זיך אין דיא ארמע, וויא פלוצלונג איז אריינגעשפרונגען אין קעמערל א שווארץ געקליידעטע בעשעפעניס און איז ארויפגעשפרונגען צו איהם אויף דיא שולטערן און האָט איהם צוגויפגעצויגען דיא האלז אזוי שטייף וויא מיט אייזערנע קלאמערן. עס האָט איהם אָבגענומען דער לשון און עס איז איהם שוין ניט געלעגען אין זינען זיין שמוטציגע ליידענשאפט. ער איז געבליבען אָהן אן אָטהעם און איז באלד אנידערגעפאלען אויף דר'ערד; דיא שווארצע בעשעפעניס איז אָבער געבליבען אויף איהם אזוי וויא צוגעשמידט און ער וואָלט געוויס דערשטיקט געוואָרען, ווען עס וואָלט איהם ניט געגליקט אָביסעל לויז צומאכען זיין גאָרגעל און איינצואטהמען אין זיך אביסעל לופט. וויא ער האָט אָבגעחאפט דעם אטהעם, האָט ער זיך אנידערגעשטעלט אויף דיא פיס, אָבער דער שווארצער טייפעל האָט זיך אויך מיט איהם אויפגעהייבען און איז איהם געהאנגען אויפ'ן האלדז און איהם געשטיקט. וואָס דער גרעק האָט זיך ניט געמאטערט אראָבצו־ווארפען פון זיך דיעזע שווערע לאסט, וויא ער האָט זיך ניט געטרייסעלט און געדרייט, האָט ער גאָר ניט געקענט מאכען און זיא איז געבליבען אויף איהם אזוי וויא צוגעוואקסען. פול שרעק, איז ער מיט איהר אזוי ארויסגעלאָפען אין קארידאָר און וויא א פייל פון בויגען אראָבגעלאָפען פון דיא טרעפ, אונטען איז שוין געוועזען אביסעל ליכטיגלאך, וואָרום עס האָט שוין אָנגעפאנגען צו טאָגען, און דאָס, וואָס ער האָט אויבען, ביי דיא שוואכע לבנה־בעלייכטונג, ניט געקענט בעמערקען, האָט ער בעמערקט יעצט; נעמליך, ער האָט דערזעהען, דאָס דער שווארצער טייפעל וואָס שטיקט איהם איז קיין אנדערער ניט, וויא קאדידזע'ס טאָכטער, דיא טוידטע סיררא, וועלכע ער האָט אליין בעגראָבען! וויא ער האָט דאָס בעמערקט, איז ער פון שרעק כמעט משוגע געוואָרען, ער האָט קיין אנדער זאך ניט גערעכענט וויא דאָס סיררא איז געקומען פון יענער וועלט אום זיך אבצורעכענען מיט איהם און איהם אוועקשלעפען לעבעדיגערהייד אין גיהנם... ער האָט גענומען לויפען וויא פון פייער און איז אריינגעלאָפען אין דעם זאאל, וואו עס געפינען זיך אימער דיא ברענעדיגע „קאדריש" דערווישען, וואָס בעטען גאָט מיט משונהדיגע קולות און ווילדע טענץ און שפרינגעריי. ווייטער האָט לאַצאַרוס קיין כח ניט געהאט צו לויפען און דיא דערווישען זיינען געוועזען העכסט ערשטוינט צו זעהען וויא ער איז אנידערגעפאלען צווישען זיי און איז געבליבען ליגען מאכטלאָז.

27.

פערקליידעטער פרינץ.

אין דיא צייט וואָס מוראד האָט געשפראָכען מיט צארא־בעין וועגען זיין זוהן סאלאדין, האָט זיך ביי דיא סולטאנין וואלידע געמעלדעט דער אדיוטאנט מושיר־

עצעט. ווי ער איז אריין צו איהר אין קאבינעט האָט ער זיך טיעף פערנייגט און האָט איהר רעפּאָרטירט דאָס דער פּרינץ מוראד איז אין די לעצטע צייט זעהר אונ־רוהיג און בעזאָרגט וועגען די לאגע פון זיין זוהן סאלאדין.

— און וואָס איז דאָ צו זאָרגען ?—האָט בעמערקט די סולטאנין,—זיין זוהן לעבט...

— דאָס איז אָבער פיר מוראדען ווייניג, — האָט געענטפערט מושיר־עצעט,— ער וויל וויסען וואָס מעהר פון איהם, ער וויל וויסען, וואו ער געפינט זיך און אלץ וואָס מיט איהם איז. דעריבער האָט ער זיך פערקליידט פיר איין אונטעראָפיציר און איז צוזאמען מיט זיין בעדיענטען העשאם אין דער שטיל אוועקגעגאנגען פון שלאָס טעראַ־פּיע און זיינען געקומען אהער. יעצט שטעהט ער דאָ אונטען און איז פערטיעפט אין א געשפּרעך מיט דעם יונגען אָפיציער צארא־בעי.

— איז דען דיעזער אָפיציער איין האנד מיט איהם ? — האָט זיך די סולטאנין געוואונדערט.

—עס ווייזט אזוי אויס, — האָט געענטפערט מושיר־עצעט, — ווארום זיין געשפּרעך מיט דעם פּרינצען איז ניט גלאט אזוי ; דער פּרינץ האָט זיך נאָכגעפרעגט דוקא נאָך איהם און איז בכיון געקומען צו איהם און ניט צו קיין אנדערן.

— ווידער—האָט וואלידע זיך געוואונדערט,—פערשטעה איך ניט, צו וואָס האָט ער זיך נאָך בעדארפט פערקליידען ? ווער וואָלט איהם געשטערט צו קומען אהער אין זיינע געוועהנליכע קליידער? צו וואָסזשע איז נאָך דער פערשטעלען זיך, מען זאָל מיינען גאָט ווייס וואָס ?

— ווי די מעשה איז, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — בעפעהל איך מען זאָל אלע דריי ארעסטירען אין ראָזען קיאָסק (א געפענגנים הויז פיר בעריהמטע ארעסטאנטען), ביז וואנען דער סולטאן וועט זיי ארויסגעבען א פּסק.

עצעט האָט זיך טיעף פערנייגט און פערשפּראָכען, דאָס איהר בעפעהל וועט באלד ערפילט ווערען.

— און דו זאָלסט מיר גלייך מעלדען וועגען דעם.

אין א שטונדע ארום איז שוין ביי איהר דער זעלבער אדיוטאנט געווען מיט א ראַפּאָרט, דאָס איהר בעפעהל איז פּינקטליך און ריכטיג ערפילט געוואָרען.

גראָד אין די זעלבע צייט איז אין סערייל געווען דער שייך־אול־איסלאם און האָט דורך׳ן פענסטער געזעהן, ווי מען האָט די דריי ארעסטאנטען אָבגעפיהרט אין ראָזען קיאָסק. ער האָט גערופען צו זיך דעם הויפּטמאן פון די קאפּידזים (טיר־קישע לייב־גוואַרדיע), מאחמעד־בעי, און האָט ביי איהם געפרעגט, ווער זיינען דיזע דריי געפאנגענע.

— איינער פון זיי איז דער פרינץ מוראד, דער אנדערער — בעדיענט גר־העשאם און דער דריטער — צאררא־בעי, וואָס איז ניט לאנג מיט דעם סולטאַן׳ס ערלויבניס ארויסגעטראָטען פון אייער פאָלק, — האָט איהם געענטפערט מאחמעד־בעי.

— איז אָפט ניט צאררא־בעי, דער זעלבער וואָס דיא פרינצעסין ראָשאנע האָט מיר א מאָל געבעטען פיר איהם ? — האָט געפרעגט דער שייך־אול־איסלאם.

— גאנץ ריכטיג, מיין הערר.

— צו איהם איז געווען אין מיין רעגימענט נאָך צוויי, איינער האָט געהייסען סאדי, דער אנדערער — האסאן, — האָט דער שייך־אול־איסלאם ווייטער געפרעגט, — וואָס זשע איז פון זיי ביידען געוואָרען ?

— זיי זיינען אויף דעם סולטאַן׳ס בעפעהל אריבערגעגאנגען פון אייער רעגימענט אין דעם באשי־בוזוק רעגימענט און זיינען ביידע געוואָרען אָפיציערען. האסאן איז נאָך דערצו געוואָרען דעם פרינץ יוססוף׳ס אדיוטאנט. אָבער איהר דאַרפט וויסען, דאָס זיי זיינען ארויסגעטראָטען פון אייער רעגימענט ניט ווייל דער סולטאן אליין האָט דאָס געהאלטען פיר נייטיג, נאָר ווייל זיי האָבען דאָס שטארק געבעטען און עס האָט זיי ניט געקימערט, וואָס דאָס קען זיין פיר אייך א בעליידיגונג און א גרויסע בעליידיגונג...

— עס איז ווירקליך פיר מיר א בעליידיגונג, — האָט מסכים געווען מיט איהם דער שייך־אול־איסלאם, — ביז אהער איז אימער געווען א גרויסע עהרע צו דיענען אין אונזער קאפּיקולי־רעגימענט און דיעזע דריי הינד, וואָס האָבען זיך ניט לאנג קוים איינגעבעטען, מען זאָל זיי צונעהמען, האָבען יעצט אונזער רעגימענט געוואָרפען איבער׳ן באנק... זיי פערדיענען אפילו גוט בעשטראָפט צו ווערען, דאָך וויל איך אָבער איבער זיי זיך מיט דעם סולטאַן ניט קריגען. אפשר איז געווען דערביי א וויכטיגע אורזאכע, וואָס האָט איהם געצוואונגען זיי אויסצושליסען פון מיין רעגימענט און אויפנעהמען אין איין אנדערן. געוויס האָבען זיי ביי איהם פערדיענט וואָס ער האָט זיי אזוי גיך בעלאָהנט מיט זיין ליעבע און גונסט...

— עס איז צום לאכען, — האָט געענטפערט מאחמעד־בעי, — סאדי׳ס גאנצער פערדיענסט איז נאָר וואָס דיא פרינצעסין ראָשאנע איז צו איהם גוט, אזוי ווי איהר ווייסט דאָס פון לאנג אָן אליין, זיא האָט געבעטען פיר איהם און דער סולטאַן האָט דאָס איהר געטאָהן דיא געפעליגקייט. אזוי איז ער פון אייער רעגימענט איבערגעגעבען צו דיא באשא־בוזוק׳ס און איהם איז דאָס געוויס געווען זעהר נעטהיג, זאָנסט וואָלט ער דאָס ניט פערלאנגט, ווארום צו דיענען אין קאפּידזי רעגימענט איז פיל מעהר עהרע ווי אין דיא באשא־בוזוק׳ס.

— צו וואָס האָט דאָס איהם געקאָנט לאָהנען ? — האָט ער דען ביי דעם מעהר ניט פערלאָרען וויא געוואונען ? —

— אָה, ניין !—האָט מאחמעד בעי געענטפערט—די זאַך איז גראָד פערקעהרט, ער האָט דאביי פיעל מעהר געוואונען וויא פערלאָרען. איהר דארפט וויסען דאָס דיעזער סאדי איז דערזעלבער, וואָס איהר האָט איהם א מאָל געמאכט אן אויפטראג אויפצוזוכען אלמאנזאר'ס טאָכטער מיט דעם קליינעם סאלאדין און צושטעלעןביידען אין דיא רואינע „קאדריש". אזוי וויא איהר געדענקט, איז ער דאמאָלס געקומען מיט א תשובה, דאָס ער האָט זיי ניט געפונען. דאָס איז אָבער געווען אן אונפערשעהמטער ליגען: ער האָט איהר יא געפונען, נאָר וויל זיא איז געווען זיין געליעבטע, האָט ער זיך ניט געוואָלט שיידען מיט איהר און איידער צו פיהרען אין דיא רואינע, אזוי וויא איהר האָט בעפאָהלען, האָט ער איהר בעסער אָבגעפיהרט צו זיך א היים און האָט דאָרטען מיט איהר געהייראט אין דער שטיל. זיי האָבען דאָרטען געלעבט וויא גאָט אין פראנקרייך.... זיין גליק איז אָבער ניט געווען אויף לאנג ; אין א קורצע צייט ארום האָט אָבגעברענט זיין הויז, ער איז אין דער צייט פון שרפה ניט געווען אין דער היים, און דאָמאָלס איז רעציע מיט סאלאדין'ען פערשוואונדען געוואָרען פון איהם... אפשר וויים ער שוין יעצט וואו זיי האלטען זיך אויף, דאָס איז שוין איהם צו וויסען.... גענוג דאָס מיט זיין ארויסטרעטען פון אייער רעגימענט האָט ער גע‏האט דעם איינציגען פערלאנג אויסצומיידען אייך, איהר זאָלט איהם נאָך א מאָל ניט אויפטראגען אויפצוזוכען זיין געליעבטע.... זיינעביידע קאמעראדען האָבען געמאכט מיט איהם איין האנד צו שיטצען רעציע'ן און סאלאדינ'ען פון זייערע פיינדע וואָס ווילען זיי בייז טאָהן, און צוליעב דעם האָבען זיי שוין אויסגעקלעהרט איין אורזאך וויא עס איז ארויסצומאכען זיך פון אייער רעגימענט... דר סולטאן האָט שוין לאנג פערגעסען אָן זיי און אָן זייערע פערדיענסטען, וועלכע זיינען איבערהויפט ווערטה א'ן אויסגעבלאָזענע איי... איין זאך איז גאָר געוויס, דאָס זיי האָבען אייך בעליידיגט און דארפען נאָך זייערע מעשים בעשטראָפט ווערען . . . . .

— דאָך וויל איך ניט איינרייסען מיט דער פרינצעסין ראָשאנע, — האָט זיך אָבגערופען דער שייך־אול־איסלאם, — בעשטראָפט דארפען זיי ווערען, אָבער בעסער וואָלט געווען דוא זאָלסט דאָס איבערנעהמען אויף זיך מיט זיי זיך אָבצורעכנען.... איך וועל דיר בעהילפיג זיין, אָבער בעהיטע גאָט, עס זאָל ווער עס איז וויסען, דאָס איך האָב אין דעם א טהייל . . . . דוא מוזט זיין פאָרזיכטיג . . .

— אָ ! איהר מעגט זיין רוהיג, — האָט געענטפערט מאחמעד־בעי, — איך וועל וויסען וואָס צו טהאָן, ביי מיר איז שוין פערטיג א פלאן וויא זיך אָבצורעכענען מיט דיא הינד...

מאנזור עפענדי האָט געגעבען צו פערשטעהן דעם קאָמאנדאנט פון דיא קאפידזי'ס דאָס מעהר האָט ער מיט איהם ניט וואָס צו ריידען און ער קען זיך געהן געזונטערהייד. נאָך דעם איז דער שייך־אול־איסלאם אריינגעגאנגען אין אינוועניגסטען הויף פון סערייל, פון דאָרטען אין שפאציער גאָרטען און פון שפאציער גאָרטען דורך א שטילע פערוואָרפענע ווענעלע איז ער ארויסגעקומען צום ראָזען קיאסק, וואו מען האָט ניט לאנג ארעסטירט דעם פרינץ מוראד מיט זיין בעדיענטען און צארא־בעי. וויא דיא סאָלדאטען האָבען דערזעהן פון וויטען א מענש, האָבען זיי גענומען שרייען, וויא געוועהנליך: ווער דאָ! וויא ער איז אָבער צוגעגאנגען הארט צו זיי און האָט זיך געלאָזט דערקענען ווער ער איז, האָט מען פאר איהם אויפגעצויגען דיא וואך און איהם געלאָזען געהן וואו ער וויל. דער פענסטער פון איין קעמערל איז געוועזען אָפען און דאָרטען האָט געברענט פייער. דער שייך־אול־איסלאם האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען דיעזען פענסטער און וויא ער האָט דאָרטען דערזעהן דעם פרינץ מוראד, האָט ער איהם פריינדליך געגריסט. מוראד האָט זיך זעהר געוואונדערט. ער האָט זיך אויף דיעזע פריינדשאפט גאָר ניט געריכט.

וויא אזוי שטעלט איהר זיך אונטער מיר מאכען אבעזוך, דאָס איז געפעהרליך פיר אונז ביידען? — האָט ביי איהם געפרעגט מוראד.

— אין דעם קען איך אייך אויך זיין בעהילפיג, — האָט זיך אָבגערופען דער שייך־אול־איסלאם, — אין אָנפאנג האָט מען אָבגעגעבען אייער זוהן דעם בעריהמטען אלמאנזאר און נאָך דעם וויא דיזער איז פערשוואונדען געוואָרען, איז אייער סאלאדין געוועזען ביי קאראסאנדי, וואָס האָט אמאָל געדינט אין דיזען סערייל.

— דאָס אלץ וויים איך שוין פון לאנג אָן; איך פערלאנג אָבער צו וויסען, וואו מיין זוהן געפינט זיך יעצט.

— און דאָס וועט איהר אויך וויסען, האָט נאָר גערולד, — האָט איהם דער שייך־אול־איסלאם געטרייסט, — איך פערשפרעך אייך, דאָס איך וועל איהם אין קורצען צושטעלען צו אייך אהיים. זייט נאָר רוהיג, איך וועל מיט גאַנצעם הילפע ערפילען מיין פערשפרעכען.

מוראד האָט געוואוסט, דאָס דער שייך איז א וואָרטס־מאן, און האָט איהם דעריבער שטארק געדאנקט פיר דיא גוטע האָפנונג, וואָס ער האָט איהם געגעבען.

אין דיזעלבע צייט, וואָס איז פאָרגעקומען דיזער געשפרעך, איז צארראַ־בעי אומגעגאנגען הין און הער אין א לאנגען און קאלטען צימער, וואו מען האָט איהם פערשפארט ביז עס וועט ארויס זיין פסק פון סולטאן. זיינע געדאנקען זיינען נאַטירליך געוועזען פערנומען מיט דעם וואָס דאָ וועט ארויסקומען פון זיין ארעסט, וואָס פיר א סוף ער וועט דאָ האָבען. ער האָט זיך דערמאָהנט, דאָס ער האָט נאָך ניט בעוויזען צו

ענטדעקען דעם פּרינץ דעם אָרט, וואו סאלאדין האלט זיך אויף, וויא מען האָט איהם שוין ארעסטירט. דאָס האָט איהם זעהר פערדראָסען. פערטיפט אין אזעלכע געדאנקען איז ער א לאנגע צייט אומגעגאנגען פון איין ווינקעל צום אנדערען, וויא מיט אמאָל האָט ער דערהערט ביי זיך אונטערן פענסטער א שטימע, וואָס האָט זיך צו איהם גע־ווענדעט מיט דיעזע ווערטער:

— איך וויים, דאָס דוא ביזט איינער פון סאדי'ס בעסטע פריינד, וואָס בעמיהען זיך איהם צו העלפען אויפזוכען זיין געליעבטע, וואָס איז פערשוואונדען געוואָרען. דעריבער, מעלדע איך דיר, דאָס ווען סאדי וויל זיך מיט איהר זעהן, זאָל ער וויא עס איז אריינגעהן אין פּאלאץ, וואו דיא סולטאנין ווּאלידע האָט געלאָזט פערזאמלען דיא שעהנע פרויען, פון וועלכע זיא וועט אויסקלייבען איין אָדאליסקע פיר דעם סולטאן אויף דעם יום־טוב ביירַאם. צווישען דיעזע פרויען געפינט זיך אויך דיא שיינע רעציע. דאָס איז אזוי ריכטיג, וויא דיא זון איז ליכטיג־...

מיט דיא לעצטע ווערטער איז דיא אונבעקאנטע פּערזאָן פערשוואונדען געוואָרען. צאררא־בעי איז געבליבען שטעהן ערשטוינט און האָט לאנג ניט געוואוסט, צו ער האָט דאָס ווירקליך געהערט, אָדער דאָס האָט זיך איהם נאָר אָבגעדראָכט. ער איז געוועזען זעהר צו היטצט און ערמידעט פון אלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעם פאָריגען טאָג. ער האָט פערמאכט דעם פענסטער און האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף איין אָטאמאנקע אין דער האָפנונג איינצושלאָפען.

28.

מאחמעד־בעים נקמה.

וואָס סאדי האָט זיך ניט געמאטערט אויפצוזוכען דעם בעהעלטנים־אָרט פון רעציען, האָט ער גאָר ניט געקענט מאכען. זיין מיהע איז געבליבען דוראוים אומזיסט, און ביי איהם איז שוין קיין אנדער האָפנונג ניט געבליבען איהר אויפצוזוכען וויא נאָר דורך דיא גאָלדענע מאסקע, וואָס איז אמאָל געוועזען צו איהם גוט און האָט איהם גאָר דאָס פערשפּראָכען, אָבער וויא זוכט מען אויף דיא גאָלדענע מאסקע? סאדי'ן איז דעריבער מעהר ניט געבליבען וויא צו האָפען אויף א נס: אפשר וועט ער בעגעגענען דיא גאָלדענע מאסקע, וועט ער ביי איהר פרעגען... סאדי האָט זיך מישב געוועזן און האָט גענומען אָפט רייטען ביי נאכט דורך דיא גאסען פון סטאמבול, אפשר וועט ער אָנטרעפען דיא גאָלדענע מאסקע. עטליכע נעכט האָט ער זיך דורכגעריטען דורך אלע גאסען און איז יעדען מאָל געקומען אהיים מיט גאָר ניט, איין מאָל האָט ער אָנגעטראָפען זיין קאמעראד האסאן־בעי, וויא ער האָט איהם דערצעהלט דעם ציעל פון זיין ארומרייטען, האָט זיך האסאן פון איהם אויסגעלאכט.

אומזיסט ביין מיהע — האָט ער איהם געזאָגט — דיא גאָלדענע מאסקע קען מען

ניט אויפזוכען און ווען מען וויל זיא זאָל קומען, קומט זיא דוקא ניט, זיא קומט אונ־געריכטערהייד, און דאָס, נאָר אָנצוזאָגען מען זאָל זיך היטען פון וואָס עס איז; אָבער זעלטען וואָס מען קען פון איהר דערגעהן א סוד אָדער א געהיימניס. אויב זיא איז צו דיר ווירקליך אזוי גוט וויא דוא מיינסט, וועט זיא שוין צו דיר אליין קומען און דוא דארפסט איהר גאָר ניט זוכען.

סאדי האָט געלאָדען זיין קאמעראד צו זיך אהיים. קוים וויא זיי זיינען ביידע אריין אין סאדי'ס וואָהנונג, נאָך איידער זיי האָבען זיך געזעצט, האָט זיך געעפענט דיא טיהר און זיי האָבען געהאט דיא גרעסטע פרייד צו דערזעהען זייער דריטען קאמעראד—צארא־בעי. זיי האָבען געוואוסט, דאָס ער איז געוועזען ארעסטירט. זיי האָבען זיך מיט איהם צוקוסט און האָבען ביי איהם געפרעגט: וויא לאנג ער איז פריי און וויא אזוי?

— נעכטען פון אָבענד האָט מען אונז אלע דרייען גענומען אויפ'ן דאָפּראָס און דאָ ניט לאנג האָט מען אונז לויז געלאָזען. פריהער פון אלעמען בין איך געגאנגען צו דיר, סאדי וועיל איך וויים, דאָס דוא האָסט זיך שטארק מצער געוועזען וועגען מיר; צווייטענס, וויל איך דיר מיטטהיילען א נייעס, וואָס איז דיר נוגע מעהר וויא אלעמען.

צארא־בעי האָט דערצעהלט, וויא עס האָט זיך בעוויזען ביי איהם אונטערן פענסטער איין אונבעקאנטער מענש, וועלכען ער האָט ניט געקענט זעהען וויא ער וויזט אויס, וועיל עס איז געוועזען זעהר פינסטער, און וויא דיעזער אונבעקאנטער מענש האָט איהם געגעבען צו וויסען וואו עס האלט זיך אויף יעצט רעציע.

— דיעזער אונבעקאנטער מענש איז געוויס געוועזען דיא גאָלדענע מאסקע!—האָט סאדי אויסגעשריען,—נו, נו, וואו איז זיא מיין טייערע געליבטע רעציע?

— צום אונגליק איז זיא אין אזא אָרט, וואו איך וויים ניט צו עס וועט דיר מעג־ליך זיין אריינצודרינגען.

וויא סאדי האָט דערהערט, דאָס זיין געליבטע געפינט זיך אין הארעם צווישען דיא שעהנע פרויען, פון וועלכע דיא סולטאנין וואלידע וועט, וויא געוועהנליך, אויס־קלייבען פיר איהר זוהן איין אָדאליסקע אויף דעם בייראם יום־טוב, איז ער געוואָרען אויסער זיך פון קלעמענים און פון כעס.

— מיין רעציע דאָרטין?... דאָרטין?—האָט ער געשריען ניט מיט זיין קול,—אָבער ניין, ניין, זיא וועט דאָרטען ניט בלייבען!...

— דאָס איז אָבער לייכט צו זאָגען און גאָר ניט לייכט אויסצופיהרען,—האָט בע־מערקט צארא־בעי.

— אָט וועלען מיר זעהען,—האָט סאדי געענטפערט,—עס מעג מיר קאָסטען דער לעבען!...

— עס מעג דיר קאָסטען צעהן לעבען'ס וועסט דוא אויך ניט אויספיהרען,—איז צארא־בעי געבליבען ביי דאָס זייניגע,—דוא פערגעסט, וואָס פיר א שטריינגע וואך עס שטעהט ארום דעם מארמער שלאָס, וואו עס האלטען זיך אויף דיעזע שעהנע פרויען.

— איך וויים גאנץ גוט, וויא שטריינג דיעזער שלאָס איז בעוואכט, דאָך קימערט דאָס מיר ניט, דאָך האָב איך קיין מורא ניט... איך גלויב גאָר דאָס רעציע וועט זיך אליין בעפרייען; וועט ניט עסען, ניט טרינקען, וועט אויסוויינען דיא אויגען, און וואלידע וועט מיט איהר גאָר ניט מאכען. נאָר עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל, איך קען ניט ווארטען, איך מוז שעהן געהן אהין צום מארמער פאלאץ.

— ווען דוא ווילסט ניט אנדערש געהן אהין,—האָבען זיך אָבגערופען זיינע קאַמעראדען,—וועלען מיר דיר אליין ניט לאָזען געהן, מיר וועלען דיר בעגלייטען, וואָרום מיר האָבען דיר שוין לאנג פערשפראָכען בעהילפיג צו זיין. טרייע פריינדע ווארפען ניט אוועק אין נויט; ווען דוא ווילסט זיך ניט אנדערס שטעלען אין געפאהר, שטעהען מיר פון דיר ניט אָב.

— אָבער איך קען דאָס פון אייך ניט פערלאנגען,—האָט סאדי געזאָגט,—וואָרום דאָס הייסט געהן אויף א געוויסען טויט!...

— עס מעג זיך זיין טויזענד מאָל א געוויסער טויט, מיר מוזען מיט געהן מיט דיר, ווען ניט וואָלט אונזער פריינדשאפט קיין פריינדשאפט ניט געוועזען...

זיי האָבען לאנג צווישען זיך געשטריטען, ביז וואנען עס איז פאָרט געבליבען, זיי זאָלען אלע דריי געהן אין מארמער שלאָס, אום וויא עס איז צו העלפען סאדי'ן זיך אריינגנבנען אין זאאל פון דיא צונויפגעקליבענע שעהנע פרויען, צווישען וועלכע עס איז אויך געוועזען זיין היים געליעבטע רעציע.

29.

ארייגעפאלען אין נעטץ.

דער פרויען הארעם, וואוהין דיא קאמעראדען זיינען אוועקגעריטען, איז געוועזען אין שלאָס „דאלמא־באגדטשע". פון סאדי'ס וואָהנונג איז דאָס געוועזען זעהר וויים זיי זיינען געפאָהרען אהין א לאנגע צייט און האָבען דיא גאנצע וועג כמעט א וואָרט ניט אויסגערעדט צווישען זיך: אזוי ווייט זיינען זיי געוועזען צוטראָגען און פערזאָרגט איבער דעם געפעהרליכען פלאן, וואָס זיי האָבען זיך אָנגענומען אויסצופיהרען. דער ערשטער, גאָר דער אויסוויינינגסטער אריינגאנג פון „דאלמא־באגדשע" איז געוועזען שוואך בעוואכט מיט עטליכע קאפידזים. דיא אָפיצירען האָבען אמאָל געדינט, אזוי ווי מיר ווייסען, אין קאפידזי־רעגימענט, דעריבער, האָבען די סאָלדאטען זיי געקענט און האָבען געוואוסט דאָס זיי זיינען תקיף ביי'ם סולטאן. וויא זיי האָבען זיך אָבגע־

שטעלט און זיינען אראָב פון דיא פערד, איז דיא סאָלדאטען גאָר ניט איינגעפאלען זיי ניט צולאָזען אריינגעהן אין שלאָס. זיי האָבען צוגענומען ביי זיי דיא פערד און האָבען זיי אָבגעגעבען כבוד וויא עס פאסט פיר אזעלכע גרויסע לייט. וויא נאָר זיי זיינען אריין אין ערשטען טויער, האָט שוין קיינער זיך ניט געוואגט זיי אָבצושטעלען, און זיי זיינען אָהן שום מניעה דורכגעגאנגען אלע איבעריגע הויפען. אום צו קומען אין דיא פרויען זאאלען האָט מען בעדארפט געהן דורך אפולע טרעפ מיט קאָרידאָרען. סאדי האָט נאָך אמאָל געפרופט אָבשלאָגען זיינע קאמעראדען פון מיטצוגעהן מיט איהם ווייל עס האָט געשמעקט מיט פיעל געפאהר, זיי האָבען אָבער גאָר ניט געוואָלט הערען וואָס ער זאָגט, און האָבען זיך אויסגעלאכט פון איהם וואָס ער שטראשעט זיי מיט געפאהר, אזוי וויא זיי וואָלטען געווען חדר־אינגלאך. זיי האָבען איהם ניט אָבגעלאָזען און צוזאמען געגאנגען פון איין קארידאָר אין אנדערן און קיינער האָט זיי א וואָרט ניט גערעדט. ביי דעם פאָרצימער, וואָס פיהרט אין הויז וואו עס האלטען זיך אויף דיא שעהנע בייראם־פרויען האָט סאדי א וואונק געגעבען צו זיינע קאמעראדען זיי זאָלען דאָרטען אויף איהם אויפציהען, און ער איז אליין אריין ווייטער. צו זיין גרעסטען וואונדער האָט ער אין פאָרצימער ניט דערוויסט דיא יעוונוכען (סריסים אָדער פערשניטענע פרויען־דינער) וואָס שטעהען דאָרטען געוועהנליך אויפ'ן וואך. אין א מינוט ארום אָבער איז פון אינעווייניג ארויס צו איהם ניט טויט ניט לעבעדיג א לאלא (גייסטליכער) און האָט איהם געוואָלט פערשטעלען דיא וועג, נאָר איידער ער איז צוגעגאנגען צו איהם נעהנטער, איז שוין סאדי געוועזען אין צימער.

דאָרטען זיינען געלעגען אויף זאמעטענע מאטראצען צוויי פרויען, דיא שעהנסטע פון אלע, וואָס דיא סולטאנין וואלידע האָט צו זאמען געקליבען פון גאנץ טירקיי צום פייער טאָג בייראם. אפולע שווארצע סקלאפינען האָבען זיי בעדינט. וויא עס האָט זיך דאָרטען בעוויזען א פרעמדער מאנספערזאָן, איז געוואָרען ביי זיי א לארם, וואָרום אויסער דער סולטאן אליין איז נאָך קיין מאנספערזאָן ניט אריבער דעם שוועל פון דיעזען צימער. דיא בעדינטע זיינען צולאָפען פון שרעק אין פערשיידענע ווינקלען און דיא צוויי אָדאליסקעס האָבען אָנגעקוקט סאדי'ן העכסט ערשטוינט. צום בעדויערן אָבער איז קיינע פון זיי ניט געוועזען רעציע, און סאדי איז שנעל ארויסגעלאָפען צוריק צו זיינע קאמעראדען און האָט זיי דערצעהלט פון זיין אונגליק. דער לארם איז דערווילע געוואָרען גרעסער און עס איז באלד געקומען צו לויפען דער מארשאל אָדער קאמענדאנט פון שלאָס און האָט בעפאָהלען צו פערשליסען טיהר און טויער. אונזערע אָפיצירען זיינען געשטאנען וויא אויף געברענטע קוילען, און האָבען געזוכט עצות וויא זיך ארויסצוהעלפען פון זייער ביטערע לאגע, נאָר זיי האָבען זיך אָבער באלד איבערציינגט, דאָס אויף דעם איז גאָר ניט דאָ צו האָפען. קוים איז אוועק דריי מינוט, וויא

זיי האָבען דערזעהען מאחמעד־בעי מיט א גרויסען וואך וואָס איז געקומען זיי ארעס־טירען און פאָרשטעלען דעם סולטאן אליין, ער זאָל ארויסגעבען א שטראָף וואָס זיי האָבען פערדינט פיר אזא שרעקליכען פערברעכען וואָס איז נאָך ביז אהער ניט געהערט געוואָרען.

דאָ האָבען זיך ערשט אונזערע אָפיצירען ארומגעזעהען, דאָס מען האָט זיי ארייג־געגארט אין זאק און אז דאָס האָט זיי אָבגעטהאָן ניט קיין אנדערער וויא זייער טויט פיינד מאחמעד־בעי, וועלכער האָט פריהער אָבגענארט צארא־בעי מיט א פאלשע נאכ־ריכט וועגען רעציען און דערנאָך האָט ער בכיון אוועקגעשטעלט אין הארעם א שוואכע וואך, אום זיי זאָלען זיכער ארייגפאלען אין נעטץ.

30.

סאדי ווערט פערשיקט.

גאנץ גוט וואָס איהר זייט געקומען,—האָט זיך דער סולטאן אָבגערופען צום שייך־אול־איסלאם, וויא ער איז געקומען צו איהם אמאָל אין בעגלעבעג מיט א בעזוך,—איך האָב אייך וואָס צו דערצעהלען א וויכטיגע זאך, און דערצו וויל איך ביי אייך וואָס בעטען. וואָס זאָלען מיר דאָ ריידען, איך וויים, דאָס אין אפולע זאכען האלט מען פון אייך אין לאנד א סך מעהר וויא פון מיר... איך האָב שוין אפילו אמאָל גערעדט מיט אייך וועגען דעם, אָבער פון אונזערע רייד איז נאָך דערווײלע קיין זאך ניט ארויסגע־קומען. ביז אהער האָב איך אלץ געוואַרט, וואָרום עס איז מיר ניט אנגענעהם צו ריידען וועגען דעם... נאָר מעהר ווארטען איז שוין אָבער ניט מעגליך. איך מוז ריידען און איך גלויב, דאָס איהר וועט מיר בעהילפיג זיין מיט וואָס איהר וועט נאָר קענען.

— אָ, יא !—האָט געענטפערט דער שייך־אול־איסלאם.

— אלזאָ, הערט מיר אויס, — האָט זיך דער סולטאן ווידער געווענדט צו זיין גאסט,—איך ברויך אייך ניט צו דערצעהלען דאָס דיא געזעטצע פון אונזער לאנד פאָרדערן, דאָס נאָך מיר זאָל ארויפגעהן אויפ'ן טראָהן מיין ברודערס זוהן, דער פרינץ מוראד, דער עלטסטער פרינץ אין אונזער פאמיליע. מיר ווילט זיך אָבער מבטל זיין דיעזע געזעטצע... דערמאָהנט אייך וויפיעל אונגליקען עס קומען דערפון ארויס; קיין סולטאן איז ניט זיכער, דאָס מען וועט נאָך איהם זיינע קינדער ניט אויסשלאכטען, דאָס מען וועט זיי ניט פערשפארען אויפ'ן גאנצען לעבען אין א געפיינגנים־הויז... דיא לאנד איז דערפון אימער אונרוהיג; אימער אינטריגען צווישען דיא פרינצען... און אָהן אלע־מען זיינען דיזע געזעטצע געגען אלע גערעכטיגקייט: אלע קינדער ירשענען זייערע עלטערן, פאר וואָס זיינען דאָס דעם סולטאן'ס קינדער ערגער וויא אנדערע? פאר וואָס זאָלען זיי אויך ניט ערבען דעם טראָהן פון זייערע עלטערען?

— איהר זייט אפילו [illegible] — האָט זיך [illegible] דער שייך־אול־איסלאם,

—פערגעסט אָבער ניט, וויא שווער עס איז איבערצומאַכען איין אַלטען געזעץ; עס וואָלט אויפגעקאָכט דיא גאַנצע לאַנד, עס וואָלט געוואָרען א לאַרם און אַלע מוללאַ׳ס, אימאַמ׳ס, סאָפטאַ׳ס (נעמען פון מאַהמעדאַנישע גייסטליכע) וואָלטען אויפגעשטאַנען און געמאַכט א מרידה!... איהר ווייסט דען ניט, ווער זיי זיינען? איהר ווייסט דען ניט וויפיעל בלוט עס איז איבער זיי פערגאָסען געוואָרען?...

— איך וויים דאָס אַליץ,—האָט דער סולטאַן געענטפערט,—אָבער, דעריבער פער־לאַנג איך דאָך, איהר זאָלט מיר זיין אין דעם בעהילפיג. איך מיין ניט מיט געוואַלט איבערצומאַכען דיעזען געזעץ, אָהן א שום טעם, פר וואָס און פיר ווען. איך מיין צו ערקלערען פאָראויס און אויפצו־ווייזען פון אונזער הייליגען אַלקאָראַן, זאָס דיזעס געזעץ איז געגען אונזער רעליגיאָן, וואָרום אונזער רעליגיאָן פאָדערט, דאָס קינדער זאָלען ערבען זייערע עלטערן, און ווען אפילו פאַרצייטען איז נייטיג געווען, דאָס דעם סול־טאַנ׳ס קינדער זאָלען זיין ערגער וויא אַנדערע, איז שוין דאָס יצט אין אונזערע צייטען גאָר ניט נייטיג... ביי מיר איז קיין ספק ניט, דאָס איהר וועט דאָס קענען לייכט אויפ־ווייזען פון אַלקאָראַן, וואָרום ווער פערשטעהט נאָך איהם אַזוי צו ערקלערען וויא איהר? דיא הויפט זאַך איז נאָר איהר זאָלט וועלען...

— איך דאַנק אייערע מייסטעט פער דעם וואָס איהד האָט פון מיר אַזא גוטען מיינונג, —האָט זיך געווענדעט צום סולטאַן מיט א טיעפע פערנייגונג דער שייך־אול־איסלאַם, —איך בין אייך בערייט צו דינען, אָבער איך וואָלט אייך דאָך ניט ראַטהען צו טאָהן דאָס וואָס איהר פערלאַנגט. איך בין זיכער דאָס איהר וועט דערפון האָבען מעהר שאַדען וויא נוטצען, מעהר צער וויא נחמה. אייערע פלימעניקעס, מור־ראַד און האַמיד וועלען געוויס ניט שווייגען, ערשטענס, ווייל זיי פערליערען דאָך דער־ביי זייער זכות אויפ׳ן טראָהן; אָבער נאָך מעהר ווייל זיי זיינען שוין יעצט אין כעס אויף אייך, פיר וואָס מען האַלט זיי פערשפאַרט וויא געפאַנגענע אין טעראַפיע און אייערע פיסקאַלען היטען זיי די טריט און אפילו זייער אייגענער אדיוטאַנט שפּיאָנע־וועט זיי און האָט ניט לאַנג געבראַכט דערצו מען זאָל מוראַד׳ן אַרעסטירען אין ראָזען קיאָסק.

— אָבער איך וויים נאָך גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען, —האָט דער סולטאַן אויף דעם געענטפערט מיט גרויס פערדרוס. — איך האָב דאָס קיין מאָל ניט געהייסען טאָהן אין דעם איז געוויס שולדיג מיין מוטער. אָבער פון דיא מינוט אָן זאָלען דיא פרינצען וואָהנען וואו זיי ווילען, זאָלען זיי זיך נעהמען אַזעלכע דינער וואָס זיי געפעלט, מיט איין וואָרט זאָלען זיי זיך לעבען גאָר פריי, וויא זיי ווילען אַליין. אַלזאָ, איז פיר זיי שוין ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען וואָרום זיי וועלען געוויס צופרידענער זיין זיך צו ענטזאָגען פון זייער זכות און צו לעבען א פרייען לעבען, אָהן א שום געפאַהר פיר זיך

אַליין און פיר זיירע קינדער, איידער צו לעבען אימער אין שרעק פיר זיך און זייערע קינדער, אָדער זיך קוועלען אין א געפענגנים גלייך מיט אלע ארעסטאנטען.... ווארום זיי פערשטעהען דאָך גאנץ גוט, דאָס אויב זיי וועלען ניט מרוצה ווערען אויף דעם נייען רעפאָרם, וועל איך זיי ניט לאָזען ארומגעהן אזוי פראנק און פריי... און דאָס גלייכען וועלען זיי זייערע קינדער אויך דערמיט קיין טובה ניט טהאָן...

— אייערע מייסטעט איז גאנץ גערעכט, פיר דיא פרינצען לאָהנט ווירקליך ניט צו געהן געגען אייער ווילען... אָבער דאָך מוז איך מיר פריהער גוט מישב זיין צו איך זאָל נעהמען אויף זיך צו טהאָן וואָס איהר פערלאַנגט; איך מוז מיך פריהער גוט בעדיינקען אויב דאָס איז ניט געגען אונזער הייליגע אלקאָראן... אז איך וועל מיך איבערציינגען דאָס דיעזע ענדערונג וואָס איהר ווילט איינפיהרען, איז ניט פערבאָטען נאָכ'ן אלקאָראן, בין איך פערטיג אייך צו דינען יעצט און אלע מאָל... נאָר מיינע געגנער זאָלען מיר ניט שטעהן אין וועג...

— אין דעם קענט איהר זיך שוין פערלאָזען אויף מיר,—האָט איהם פערזיכערט דער סולטאן,—קיינער וועט ניט וואגען אייך צו שטערען אין וואָס עס איז; איהר מעגט טהאָן וואָס איהר ווילט.

— דאָס איז נאָך אָבער פיר מיר וועניג,—האָט געענטפערט דער שייך—איידער איך פאנג אָן צו ווירקען גוטעס פיר אייך מוז איך זיין זיכער, דאָס איהר זייט אין מיר איינגעטרויעט.

— און ביז אהער זייט איהר דען אין דעם ניט געוועזן זיכער?—האָט געפרעגט דער סולטאן. מיט דיעזע ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום שרייב טיש און האָט אויפגעשריבען אויפ'ן קאנצלערס נאָמען א בעפעהל דאָס מען זאָל צו רוהע לאָזען דיא פרינצען מוראט און האמיד, מען זאָל ניט וואגען צו האלטען ארום זיי שפּיאָנען און פיסקאלען, מען זאָל זיי קיין דעה ניט זאָגען וואו צו וואָהנען, וויא צו לעבען, וואָרום זיי זיינען דורכאויס פרייע מענשען, וואָס מעגען טהאָן וואָס זיי ווילען און קיינער טאָר זיי ניט שטערן וואָס א האָר איז ווערטה... דיעזען שריפטליכען בעפעהל האָט דער סולטאן איבערגעגעבען דעם שייך אין דיא הענד, אום ער זאָל עס איבערגעבען דעם קאנצלער. דער שייך־אול־איסלאם איז געוועזען זעהר צופרידען און ער האָט שוין געוואָלט נעהמען ריידען מיט'ן סולטאן וועגען אנדערע זאכען, נאָר פלוצלינג האָט מען געמעלדעט אין קאבינעט, דאָס דער מארשאל פון שלאָס „דאָלמא־באגדשע" פערלאנגט, מען זאָל איהם ערלויבען אריינצוגעהן, וויל ער האָט מיטצוטהיילען א וויכטיגע נאכריכט. דער סולטאן האָט געהייסען דעם מארשאל אריינגעהן און האָט געבעטען דעם שייך־אול־איסלאם ער זאָל א ווײַלע אויפציהען אין קאבינעט.

דער מארשאל איז אריין און האָט דערצעהלט דעם סקאנדאל, וואָס איז געשעהען

אין „דאָלמא־באגדשע“ מיט אונזערע בעקאנטע דריי אָפיצירען. דער סולטאן איז גע־וואָרען שרעקליך אויפגעבראכט און נאָך מעהר האָט איהם געקריינקט, וויא ער האָט דערהערט דיא נעמען פון דיא דריי פערברעכער. ער האָט זיך ניט געקענט גלויבען דאָס דיעזע גוטע אָפיצירען וואָס ער האָט אימער געהאלטען פיר זיינע טרייעסטע און עהרליכסטע דינער האָבען זיך געוואגט אָבצוטהאָן אזא׳ן אקט, אריינדרינגען אין לעצ־טען צימער פון זיין הארעם!

— עס פערדריסט מיך זעהר, — האָט ער געטענהט, — דאָס איך האָב זיך אזוי וויט אין זיי גענארט! זיי זאָלען מיך אזוי בעליידיגען!... עס איז אונמעגליך זיי צו פערצייהען, זיי מוזען שטדיינג בעשטראפט ווערען, זיי זאָלען זיין א ביישפיעל פיר אנדערע!...

דער סולטאן איז געוועזען אויסער זיך פון כעס. ער האָט גענומען געהן מיט שווערע טריט איבער׳ן קאבינעט, האָט געדונצעלט דעם שטערען געדעדט מיט זיך אליין און אלע ווײלע זיך געחאפט פיר׳ן קאָפּ. דעם ערשטען כעס האָט ער אויסגעלאָזען צום מארשאל, וואָס האָט אזוי שלעכט אויפגעפאסט דיא וואך פון שלאָס, דאָס דריי אָפיצירען האָבען געקענט אין מיטען טאָג אהין אריינגעהן און קיינער האָט זיי ביז צום לעצטען א וואָרט ניט געדעדט. ער האָט איהם גלייך ארונטערגעזעצט פון זיין דינסט און האָט איהם איבערגעגעבען צום קריעגסגעריכט. צו גלייך האָט ער אויך גע־הייסען אָבגעבען צום געריכט אלע איבריגע אויפזעהער פון שלאָס, אלע יעוונוכען און סאָלדאטען וואָס זיינען אין יענעם טאָג דאָרטען געשטאנען אויפ׳ן וואך.

דער שייך־אול־איסלאם האָט אפילו גאנץ גוט געוואוסט, דאָס קיין אנדערער איז דאָ ניט שולדיג וויא מאחמעד־בעי, דער הויפּטמאן פון דיא קאפּידזי׳ס, וואָס האָט בכיון געשטעלט א שוואכע וואך אום אריינצונארען דיא אָפיצירען אין זאק; יא, ער האָט דאָס אלץ אפילו גאנץ גוט געוואוסט, אָבער עס האָט איהם וויניג געקימערט. ער האָט זיך נאָך שטארק געפרייט, אויף דיא מפלה פון דיא דריי אָפיצירען, וואָס ער האָט זיי ניט געקענט פערצייהען, דאָס זיי זיינען ארויסגעטרעטען פון זיין רעגימענט און איבערגעגאנגען צום באשי־בוזוק׳ס רעגימענט.

וויא דער סולטאן איז געוואָרען אביסעל רוהיגער, האָט ער זיך געווענדעט צום שייך־אול־איסלאם מיט דיעזע ווערטער:

— גיט ארויס א בעפעהל אין מיין נאָמען, מען זאָל דיא דריי אָפיצירען ארונ־טערנעהמען דיא קעפּ און איבער דיא איבריגע, וואָס זיינען פערמישט אין דיעזען סקאנדאל, זאָל מען איינאָרדענען א קריג־געריכט!... דאָס דארף געשעהען וואָס צום גיכסטען!...

מאנזור־עפענדי איז דעם מאָל אוועקגעגאנגען פון סולטאן העכסט צופריעדען.

ער האָט אויסגעפיהרט נאָך מעהר וויפיעל ער האָט פערלאנגט. ערשטענס, איז שוין דער סולטאן מיט לייב און לעבען ביי איהם אין האנד. צווייטענס, האָט ער געקענט זיין זיכער דאָס דיא פּרינצען מוראד און האמיד, וואָס וועלען איהם האָבען פיעל צו פערדאנקען, וועלען בלייבען אויף אימער זיינע גוטע פריינד. דריטענס, האָט ער אויף אלע מאָל אָבגעווענדט פון סולטאן'ס הארץ דיא סולטאנין וואלידע, וועלכע וועט איהם שוין מעהר ניט שטעהן אין וועג.

אין דעם זעלבען טאָג, פאר נאכט, איז צום סולטאן געקומען זיין מוטער. זיא איז געוועזען זעהר אויפגערעגט און צוהיטצט.

— וואָס האָסט דוא, מיין קינד, געטהאָן ?—האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם און האָט א מאך געגעבען מיט דיא הענד,—וועמעס עצה איז דאָס געוועזען ? ווער האָט דאָס דיך איינגערעדט ארויסצוגעבען אזא בעפעהל וועגען דיאביידע פּרינצען ? דאָס איז געווים דעם שייך־אול־איסלאם'ס קאָפּ... ער איז ליסטיג און פאלש וויא א פוקס !...

— דוא ביזט יעצט, מוטער, זעהר אויפגערעגט,—האָט ער איהר געענטפערט,— בערוהיג דיך אביסעל, וועלען מיר דאמאָלס ריידען...

— ניין, ניין, מיין קינד ! איך האָב דיר אלע מאָל געזאָגט, דאָס אויב דוא ווילסט ניט אנדערש נור האָבען דיעזען נידריגען מענש פיר דיין בעל עצה, מוז איך פון דאנען אָבטרעטען... מיר ביידע קענען צוזאמען ניט הויזען ביי דיר אין הויף... אָדער ער, אָדער איך ! איך וויים, דאָס איז נאָר זיין פּלאן צו ערלויבען דיא פּרינצען וואָהנען וואו זיי ווילען, אָבשאפען דיא יעצטיגע דינער און נעהמען צוריק דיא אלטע, אָבצו־שאפען זייער אדיוטאנט מושיר־עצצעט, דעם בעסטען און דעם טרייעסטען פון אונזערע דינער. נו, האָסט דוא דאָס געטהאָן מיט א בערעכענונג ? ווייסט דוא וואָס עס קען דערפון ארויסקומען ?

— זיי נאָר רוהיג, מוטער, און הער מיר אויס. דאָס איז ווירקליך דעם שייך־אול־איסלאמ'ס עצה, אָבער איך האָב דאָס איהם געמוזט נאָכגעבען, ווייל ער האָט מיר דאפיר פערשפּראָכען בעהילפיג צו זיין אומצומאכען דיא געזעטצע, כדי נאָך מיר זאָל דער זכות אויף מיין טראהן געהערען צו מיין זוהן און ניט צו קיין אנדערען. דאָס איז מיר נאטירליך אליץ ווערטה...

— און דוא גלויבסט איהם דאָס ער וועט דאָס דיר ווירקליך טהאָן ? ער איז א פאלשער מענש, ער האָט דיך אימער גענארט און וועט דיך ווייטער נארען... און ווען אפילו ער וועט דאָס יא טהאָן, איז אויך מעהר ניט דעריבער ווייל ער וויים, דאָס מיר וועלען האָבען פון דעם מעהר שאדען וויא נוטצען. ערשטענס, ועסט דוא זיך מאכען פיר בלוט־שונאים דיעזע פּרינצען אליין, וואָס וועלען זיך פיר קיין ארט ניט ענטזאגען

פון זייער זכות אויף'ן טראָהן. זיי וועלען ניט קוקען אויף די טובות וואָס דו טהוסט זיי, און וועלען אָנווענדען אלע קרעפטען אויפצולארמען געגען דעם נייען געזעץ דיא גאנצע לאנד, איברהויפט אָבער אלע גייסטליכע און פאנאטיקער. און אנשטאדט דעם וואָס דוא האָפסט צו פערזיכערן דעם טראהן פיר דיין זוהן, וועט מען דיך אליין פון איהם ארטאָבשטויסען. אזעלכע ביישפּילען זיינען שוין געוועזען גענוג, היטע דיך, מיין זוהן פון אונזערע גייסטליכע און מעהר וויא אלץ היטע דיך פון זייערע טובות... אזעלכע פאלשע מענשען וויא זיי, איז שווער צו געפינען אין דער גאנצער וועלט!... פאָלג מיר, מיין זוהן, האָב חרטה אויף דעם בעפעהל צו בעפרייען דיא פרינצען, און הייס, פערקעהרט, מען זאָל זיי נאָך שטרייגגער היטען דיא טריט, אז ניט זיינען מיר פערלאָרען.

— דאָס קען, מיין ליעבע מוטער, ניט געשעהען. מען וואָלט לאכען פון מיר אין דיא הויפענס... און דיא פרינצען וואָלטען נאָך ווערען אויף מיר מעהר אויפגעבראכט, ניין, וועגען דעם איז ניט דאָ וואָס צו ריידען.

— וויא איך זעה,—האָט זיך אָבגערופען וואלידע,—האָב איך שוין מיט דיר ניט וואָס צו מאכען. אלזאָ, מוז איך פון דיר געהמען אבשיעד אויף אימער... נאָר מיין לעצטער ראטה איז: ווער פטור אם ווייניגסטען פון דיעזען שייך־אול־איסלם... ענטזאג איהם פון דינסט... איך פערלאנג דאָס ניט ווייל איך האָב דיעזען פאלשען מענשען־פיינד, ניין, איך פערלאנג דאָס פון דיינטוועגען. ווארום איך געדיינק נאָך גוט, וואָס דער דערוויש האָט אויף דיך נביאות געזאָגט אין דעם טאָג פון דיין געבורט... גענוג, איך געה פון דאנען אוועק און איך וועל זיך שוין מיט דיר מעהר ניט זעהען... אנשטאדט מיר זאָל דיך שוין יעצט היטען גאָט!...

דער סולטאן האָט איהר גאָר ניט געפרופט אָבהאלטען, זיא זאָל זיך נאָך פון איהם ניט שיידען. זיא איז איהם אפילו געוועזען גאנץ טייער און עס האָט איהם וועה געטהאָן דיא הארץ צו זעהען וויא זיא געהט פון איהם אוועק אויף אימער. דאָך האָט דאָס אנדערש ניט געקענט זיין, ווייל זיא האָט שוין צו פיעל איבער איהם געוועלטיגט און האָט איהם געהאלטען פיר א קליינעם איינגעל אויף וועמען מען דארף אימער גוט השגחה געבען. ווידער האָט ער זעהר פיעל געליטען פון דעם, וואָס זיא האָט אימער געפיהרט א קריעג מיט דעם שייך־אול־איסלאם: האָט ער דיא מוטער צופרידן געשטעלט, איז אויף איהם געווען דער שייך אין כעס, האָט ער צוליעב געטהאָן דעם שייך, איז געוועזען ברוגז דיא מוטער. דעריבער איז ער בשעת מעשה געוועזען צופרידען, וואָס זיא וועט שוין מעהר ניט צושטעהן צו איהם מיט איהרע פלענער; אָבער וויא זיא איז אוועק, האָט איהם אָנגעפאנגען צו פערדריסען וואָס ער האָט איהר אזוי ליכט געלאָזען זיך שיידען מיט איהם, אזוי וויא זיא וואָלט געוועזען א ווילד פרעמדע

פרוי... זיא אליין האָט זיך אויף אָבגעגעסען דיא הארץ, וואָס זיא האָט פון איהם פער־לאַנגט אזא זאַך, ער זאָל חרטה האָבען און נעהמען צוריק א בעפעהל, וואָס ער האָט אָט־ערשט ארויסגעגעבען: דאָס וואָלט ווירקליך געוועזען צום לאכען. קורץ גערעדט, זיי האָבען זיךביידע געשיידט מיט פערבימערטע הערצער.

קוים וואָס דער סולטאַן האָט זיך אביסעל בערוהיגט און האָט זיך געוואָלט אויף א ווײַלע צולייגען, האָט מען איהם געמעלדעט, דאָס זיין זוהן יוסוף־עצצענדי פער־לאַנגט מיט איהם צו שפּרעכען.

— וואָס איז דיר, מיין קינד?—האָט דער סולטאַן געפרעגט ביי'ם פרינץ, גלייך ווי ער האָט איהם דערזעהען,—דו זעהסט אויס אזוי שלעכט, געוויס איז דאָס ניט אומזיסט, וואָס פערלאַנגסט דו?

— עס איז ווירקליך ניט אומזיסט, וואָס איך זעה אויס שלעכט,—האָט געענט־פערט דער פרינץ,—מיין הארץ ווערט צעריסען פון צער, וואָס עסט מיך און ברענט אין מיר אזוי ווי א שטאַרקער גיפט... איך ווייס ניט, אויב איך וועל דאָס איבערלע־בען... דאָך איז דאָ איין דאָקטאָר וואָס איז אין שטאַנד מיך אויסצוהיילען פון דיזען גיפט, דיזער דאָקטאָר איז ניט קיין אנדערער ווי אייערע מייסטעט וואָס איך האָב דעם גליק און פערגעניגען צו רופען פאטער. דיא רפואה מיט וואָס איהר קענט מיך אויסהיילען איז: איהר זאָלט ערפיעלען דאָס וואָס איך פערלאַנג. דאָס איז דיא אור־זאַך, וואָס איך בין געקומען צו אייך אזוי שפּעט, וואָרום דאָס וואָס איך פערלאַנג איז אונמעגליך אָבצולייגען אויף שפּעטער, דאָס מוז ווערען ערפילט וואָס צום גיכסטען...

— ווען נאָר עס איז מעגליך, וועט דיין פערלאַנג גלייך ערפילט ווערען,—האָט זיך אָבגערופען דער סולטאַן,—וואָרום וואָס איז מיר נאָך אזוי טייער ווי דיין געזונד. דו פערלאַנגסט דאָך געוויס ניט אזא זאַך וואָס איז ניט אין מיין מאכט צו ערפילען, דעריבער זאָג אָהן פורכט וואָס דו ווילסט, איך בין בערייט דיר צו הערען.

— פיר מיך זעלבסט, ליעבער פאָטער האָב איך גאָר ניט וואָס צו בעטען, וואָרום איך האָב אלצדינג נאָך מעהר וויפיעל איך בעדאַרף. איך האָב נאָר צו בעטען פיר אנדערע, נעמליך, פיר דיא דריי אָפיצירען, פיר מיין אדיוטאַנט און זיינע צוויי קאַ־מאראַדען, וועלכע דו האָסט ביז אהער נאָר געקענט פון גוטען זייט און וועלכע דו האָסט יעצט פערמשפּט אויף טויט! פיר זיי אלע דריי בעט איך אום גענאַדע.

דער סולטאַן האָט געמאַכט אזא מינע, אזוי ווי מען וואָלט איהם בשעת מעשה געמאַכט א שווערע אָפּעראַציאָן.

— עס איז מיר דאָפּעלט לייד,—האָט ער זיך אָבגערופען,—ערשטענס, וואָס דו בעטסט גענאַדע פיר אזעלכע פערברעכער, וואָרום פערצייהען אזעלכע לייט, וואָס זיי־נען אין מיטען העלען טאָג אריינגעפאַלען אין מיין הארעם אום צו בעצווינגען מיינע

פּרויען,—פערצייהען אזעלכע לייט איז א גרויסע זינד! צווייטענס, איז מיר לייד וואָס איך מוז דיר ענטזאגען. איבערהויפּט פערשטעהע איך ניט, וואָס בעלאַנגט דאָס דיך אזוי ווייט אָן, דאָס דוא האָסט זיך בעשלאָסען צו געהן בעטען פיר זיי?

— איך האָב מיך בעשלאָסען פיר זיי צו בעטען,—האָט געענטפערט דער פּרינץ,—ווייל איך וויים, דאָס זיי זיינען בראווע און קלוגע לייט. אלזאָ, איז ביי מיר קיין ספק ניט דאָס זייער כונה איז גאָר ניט געוועזען צו בעצווינגען דיינע פרויען; אין אזא געפאהר וואָלט זיך דאָך א משוגענער אויך ניט געשטעלט. געוויס האָבען זיי דאָ גע־האט פאר זיך גאָר איין אנדער ציעל, זיי זיינען אויס'ן געוועזען גאָר איין אנדער זאך. און אפשר האָט מען זיי דאָס אָבגעטהאָן, וואָרום זיי האָבען פיינדע, וואָס האָבען זיי געקענט אריינגנארען אין נעטץ... ווידער קען זיין, דאָס דיינע פיינדע האָבען דאָס זיי אָבגעטהאָן, ווייל עס האָט זיי פערדראָסען, וואָס דוא האָסט אזעלכע גוטע טרייע דינער, וואָס שטעהען זיי אין וועג... צום אונגליק וויים איך, דאָס דוא ביזט ארומגע־רינגעלט פון ליסטיגע, פאַלשע און נידריגע מענשען, וואָס ביי זיי איז דיא קלענסטע קליינינקייט פערגיסען אונשולדיגע בלוט אום נאָר אויסצופיהרען וואָס זיי ווילען. ווידער האָט מען דאָך ביי דיזע אָפיצירען נאָך קיין זאך ניט געפרעגט, ווער וויים נאָך וואָס זיי וועלען זאָגען? אָבער וויא דיא מעשה איז, ווען איינער פון זיי שטארבט אויפ'ן עשאפאָט, וועל איך דאָס ניט איבערלעבען. אלזאָ, אויב מיין לעבען איז ביי דיר טייער, בעט איך דיר דוא זאָלסט ניט טיידטען דיזע בראווע אָפיצירען!

יוססופ'ס קלוגע ווערטער האָבען אויף דעם סולטאן שטארק געווירקט. ער האָט זיך ארומגעזעהען דאָס עס קען ווירקליך אזוי זיין וויא זיין זוהן זאָגט, דאָס דיא דריי אָפיצירען זיינען גאָר ניט אזוי שולדיג. דעריבער, האָט ער האסאַן'ען גאָר געשאָנקען און האָט אפילו איהם אויפגענומען צוריק אויף דיא שטעלע פון איין אדיוטאנט ביים פּרינץ סאדי אָבער און צארא־בעי האָט ער ארויסגעגעבען א לייכטע שטראפע; ער האָט זיי געהייסען פערשיקען אין א ווייטע לאנד, וואו עס איז דאמאָלס געווען א רעוואָלוציאָן. זיי זיינען געבליבען אָפיצירען וויא פריהער, נאָר זיי האָבען געמוזט פאָהרען אהין איינשטילען דיא רעוואָלוציאָן און מיט זייערע העלדענשאפט צו בע־וויזען דעם סולטאן, וויא טריי זיי זיינען איהם. דער פּרינץ איז אוועק פון סולטאן, זעהר צופרידען.

31.

דיא שרעקליכע נאכט.

דיא דערווישען, וואָס צווישען זיי איז אנידערגעפאלען לאצארוס מיט סירראַ'ן אויף דיא אקסעלען, זיינען ערשטוינט געוואָרען פון שרעק. דער גרעק האָט געכאָרכעלט אזוי וויא א געקייקעלטער אָקס און קיינער האָט ניט געקענט קלוג ווערען, וואָס פיה

א בעשעפעניס דאָס איז, וואָס היינגט אויף איהם. צווישען דיא דערווישען איז דאָמאָלס געוועזען דער שייך־אול־איסלאַם, און אפילו ער איז אויך געוועזען אויסער זיך פון שרעק. אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך סיררא אָבגעטיילט פון לאַצאַרוס קערפער און איז וויא א ווינד ארויסגעלאָפען און איז פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא חורבות. ער איז נאָך געבליבען א היבשע צייט ליגען אויסגעצויגען וויא א לאָקס ביז וואנען ער האָט זיך אויפגעמונטערט און האָט זיך געקענט שטעלען אויף דיא פיס. ער האָט געבעטען א טרונק וואסער און האָט זיך גענומען ארומזעהען, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט. דער ערשטער האָט איהם דערקענט דער שייך־אול־איסלאַם, וויל דיא פרינצעסין ראָשאַנע פלעגט איהם אָפט שיקען צו איהם מיט אויפטרעגע.

— וואָס איז דאָ מיט דיר ?—האָט ער ביי איהם געפרעגט.

— א רוח האָט זיך אָן מיר אָנגעטהאָן,—האָט ער געענטפערט,—דאָס איז דיא זעעלע פון קאַדידזע'ס טאָכטער סיררא, וואָס איז ניט לאנג געשטאָרבען און איך אליין האָב איהר בעגראָבען... דיעזע פערפלוכטע האָט, וויא עס שיינט, אויף יענער וועלט קיין רוהע ניט. דיא ערד האָט איהר ניט צו גענומען און זיא דרעהט זיך דאָ ארום אין דיא ערטער. נעכטען בין איך געגאַנגען ניט ווייט פון דאַנען, איז זיא פלוצלונג ארויפגעשפרונגען אויף מיך און האָט מיך געבראַכט צו שלעפען צו אייך אהער, אום מיך צו מאכען צום געלעכטער... זיא האָט זיך איינגעשעמעט אָן מיך אזוי וויא מיט אייזען'ס און האָט מיך מיט איהר קליינעם קערפער געדריקט, אזוי וויא מיט צעהן פוד בליי. איך דאנק אייך וואָס איהר האָט מיך בעפרייט פון איהר, ביז אהער האָב איך קיין מאָל אין רוחות ניט געגלויבט, יעצט איז דאָס מיר אליין צו דער האנד געקומען.

— און דאָס איז גאנץ רעכט,—האָט זיך אָבגערופען דער שייך־אול־איסלאַם,— זיי ווייטער קיין אפיקורוס און גלויב אין אלץ וואָס שטעהט אין אונזער הייליגען אלקאָראַן.

פון דעם שייך'ס ווערטער האָט ביי דיא דערווישען נעציטערט דיא מארך אין דיא ביינער, זיי האָבען אלע געגלויבט, דאָס עס איז געוועזען א רוח, ד. ה. נאָר סיררא'ס נשמה, אָבער ניט זיא אליין, וואָס מען האָט שוין לאנג בעגראָבען. עס איז גלייך ארויס אין שטאָדט א קלאנג, דאָס סיררא'ס בייזער גייסט דרעהט זיך ארום דיא רואינע פון דיא דערווישען, און מען האָט אָנגעפאנגען אויסצוטראַכטען דיעזען שרעקליכען אָרט. וואָס א טאָג ווייטער, האָט זיך דיעזער קלאנג אלץ מעהר פערברייטעט צווישען דיא איינוואָהנער פון שטאָדט אויסגעפיינט מיט נייע צוגאבען, מיט נייע שרעקען, ביז וואנען עס איז געקומען דערצו, דאָס קיינער האָט אין גאנץ סטאַמבול ניט געוואגט ביי נאכט א נאָז ארויסצושטעלען. נאָר איין איינציגער מענש איז גע־

בליבען רוהיג, האָט קיין מורא ניט געהאט ארויסצוגעהן איינער אליין צוועלף ביי נאכט, און איז נאָר געווען בערייט צו מאכען מיט דעם רוח א געשלעג! און דאָס איז גראָד געווען לאַצארוס! אין עטליכע טעג ארום, וויא דער ערשטער שרעק איז פון איהם אראָב און ער איז ווידער געווען אין שטאנד צו בעטראכטען א זאך מיט'ן גאנצען פערשטאנד, האָט ער זיך פון זיך אליין אויסגעלאכט, וויא אזוי ער האָט גאָר געקאָנט מיינען דאָס ער האָט געהאט א געשעפט מיט א טויטען, וויא אזוי ער האָט גלייך ניט פערשטאנען, דאָס דיא גאנצע געשיכטע האָט מיט איהם אויפגעשפיעלט סידרא, וואָס האָט זיך נאָר פערשטעלט פיר טוידט און וואָס האָט אין אמת'ן ניט אָנגעהויבען צו שטארבען און איז וויעדער געוואָרען געזונד און שטארק וויא פריהער? האָט ער דען ניט געוואוסט פון לאנג אָן, וואָס פיר א שעלמע זיא איז? בקיצור, ער האָט זיך געשעמט פיר זיך אליין, וואָס פיר א נאר ער איז געווען. נו, האָט ער זיך געטראכט, יעצט וועל איך שוין זיין קליגער... זאָל זיא יעצט קומען צו מיר"...

אין דעם זעלבען אבענד וואָס מען האָט בעדארפט פערשיקען סאדי'ן מיט זיין קאמעראד, האָט זיך לאַצארוס בעשלאָסען וויעדער צו מאכען רעציע'ן א בעזוך, אין דער האָפנונג, דאָס יעצט וועט ער שוין זיין גליקליכער.

„רעציע וועט זיך ארומזעהען, דאָס אויף סאדי'ס ליעבע קאָן זיא שוין ניט האָפען, ווארום זיא וועט זיך שוין מיט איהם קיין מאָל ניט זעהען", האָט לאַצארוס גערעכענט. ער האָט גענומען מיט זיך א בלענד לאנטערנע, עס זאָל איהם אליין זיין ליכטיג צו געהן און אנדערע זאָלען איהם אָבער ניט זעהן, און איז אוועקגעפאָהרען אין א פערמאכטע קארעטע אין אונזער בעקאנטע רואינע. ער האָט געהייסען דעם קוטשער ווארטען אויף איהם לעבען טויער און איז אליין ארויפגעגאנגען אויף דיא שווינדעל טרעפ, וואָס האָבען געפיהרט צו רעציע'ס קעמער'ל. אין האנד האָט ער געהאלטען דיא לאנטערנע און האָט זיך ארומגעקוקט, צו איז דארטען אָפט ניט דאָ אין א ווינקעלע דער „שווארצער טייפעל". אויף דיא טרעפ האָט ער בעגעגענט דעם אָבער־וועכטער, וועלכען ער האָט דריי מאָל א קוש געטהאָן און דריי מאָל געדריקט צום הארצען דיעזען פאפיער און האָט געגעבען לאַצארוס'ן דעם שליסעל פון רעציע'ס צימער.

רעציע איז שוין פון א צייט געזעסען איינע אליין, סאלאדין'ען האָט מען פון איהר צוגענומען. ער איז געוואָרען קראנק פון שרעק אין יענע נאכט וואָס לאַצארוס האָט געמאכט זיין שענדליכען בעזוך צו רעציע'ן. מאנזור־עפענדי האָט געהייסען מען זאָל סאלאדין'ען אריבערפיהרען אין א בעסערען צימער און מען זאָל איהם בעסער צוזעהען מיט עסען און טרינקען. רעציע'ס לאגע איז דערפון געוואָרען נאָך פיעל שלימער און פינסטערער.

קוים וואָס זיא האָט איינגעשלאָפען, איז זיא פּלוצלינג אויפגעוועקט געוואָרען פון קלעפּ אין טהיר. אין א מינוט ארום זיינען איהרע אויגען פערבלענדעט געוואָרען פון לאַצארוס'עס לאַנטערנע. וויא זיא האָט ווידער דערזעהען דיעזען פירכטערליכען מאַן, איז זיא אין איין אויגענבליק אויפגעשפּרונגען פון איהר געלעגער און האָט געוואָלט ארויסלויפען דורך'ן טהיר.

— לויף ניט,—האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר,—בלייב אויף איין אָרט, איך מיין דיר ניט צו טהאָן קיין בייז אויף וואָס א האָר איז ווערטה.

— לאָז מיך לויפען צו מיין סאדי,—האָט זיא געענטפערט.

— גוט,—האָט ער צו איהר געזאָגט,—איך וויל דיך דאָס צו איהם פיהרען, צוליעב דעם בין איך דאָך געקומען.

— דו זאָגסט ליגען, דו ביזט ניט דער מענש צו טהאָן אזא וואָהלטהאַט.

— אָ, ליעבע רעציע!—האָט ער זיך ווידער צו איהר געווענדט,—איך מוז דיר זאָגען דיא וואהרהייט. עס איז מיר העכסט לייד, וואָס דיין ליעבע צו סאדי'ן מאכט דיך אָהן צייט אלט און קראַנק. דו וועסט זיין אומגליקליך אויף דיין גאנצען לעבען, ווארום ער האָט שוין לאַנג אָן דיר פערגעסען. ער ליעבט זיך שוין מיט איין אנדערער, וואָס איז פיעל שעהנער, פיעל רייכער, וויא דו, און דערצו נאָך א פּאָר־נעהמע דאמע. איך קען איהר נאָך בעסער וויא איך קען דיך, נאָר איך קאָן דיר ניט זאָגען איהר נאָמען. מיין קומען אהער איז נאָר צוליעב דעם וואָס איך וויל דיר עפּע־נען די אויגען דו זאָלסט דיך ארומזעהן ווער סאדי איז, צו ער איז ווערט דו זאָלסט איהם ליעבען און ליידען פון דיין ליעבע צו איהם א גאנצען לעבען. ווען דו גלויבסט מיר ניט, קום מיט מיר און דו וועסט דיך מיט דיינע אייגענע אויגען איבערצייגען דאָס ער ליעבט איין אנדערע. איך שווער דיר ביי אלץ, וואָס איז מיר הייליג און ליעב, דאָס איך מיין נאָר דיין טובה, דו זאָלסט דיך אויפהערען צו קוועלען איבער סאדי, וואָס הייבט גאָר ניט אָן פון דיר צו דיינקען און האָט זיך פערגניגען מיט איין אנ־דערע... אָט, קום מיט מיר און דו וועסט אליין זעהען צו איך זאָג אמת צו ניט.

לאַצארוס'עס ווערטער האָבען אויף רעציע'ן געווירקט, ווארום מיט וואָס קאָן מען נאָך אזוי ווירקען אויף א פרוי וויא מיט לשון הרע אויף איהר געליעבטען דאָס ער איז צו איהר ניט טריי און ליעבט איין אנדערע? עס האָט זיך איהר שטארק געוואָלט זעהען דיא דאמע, וואָס האָט צוגענומען ביי איהר סאדי'ס הארץ, דעריבער איז זיא מרוצה געוואָרען צו געהן מיט לאַצארוס'ען דאָרטען וואו ער וויל איהר פיהרען. אָט אזוי האָט ער איהר ארויסגעפיהרט פון דיא רואינע און איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען אין דיא פערמאכטע קארעטע אין וועלכער ער איז געקומען. אין א האלבע שטונדע ארום האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט לעבען פּאַלאַץ. דורך א שמאָלע

זייטען טירעלע האָט איהר לאַצארוס ארייגעפיהרט אינעוויניג אין הויף און אוועקגעשטעלט אויף אזא'ן אָרט פון וואנען מען האָט געקאָנט גוט ארייגקוקען אין דיא פענסטער פון צווייטען שטאָק און זעהען אלץ וואָס קומט דאָרט פאָר אין דיא צימערען. דאָס איז געווען דאמאָלס זעהר לייכט, ווייל דיא צימערען זיינען געווען בעלויכטען מיט פיעלע פלאמען גאז מעהר וויא געוועהנליך. דיא נאכט איז געווען זעהר א פינסטערע און צוליעב דעם האָט זיי קיינער ניט בעמערקט און זיי האָבען דאָרטען געקאָנט שטעהען און קוקען וויא לאַנג זיי האָבען געוואָלט. אין דיעזען פאלאַץ האָט געוואָהנט דיא פרינצעסין ראָשאנע. רעציע האָט זיך ניט געקאָנט אָבּוואונדערן איבער דיא רייכקייט, דעם אויפפוץ און פראכט, וואָס זיינען געווען אין דיא צימערען. אויסגעפוצטע דיענערינען האָבען געטראָגען פון קיך אין עס־צימער אין גאָלדענע געשיר זעלטענע געריכטען, שפייזע, וואָס רעציע האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען. אין איין ווינקעל האָט געשפיעלט מוזיק פרעהליכע און שענע מעלאָדיען. עס איז געווען א באַל, א קליינער פאמיליען באַל, וואָס ראָשאנע האָט געמאכט לכבוד סאדי פאר זיין אָבּפאָהרען. סאדי האָט געפונען פיר נייטיג צו קומען צו איהר נעהמען אבשיעד. ערשטענס האָט זיא דאָך פיר איהם גענוג געטהאָן און האָט פערדיענט ער זאָל איהר בעדאנקען. צווייטענס, האָט ער געוואָלט ביי איהר בעקומען בריעף מיט רעקאָמענדאציעס צו דיא גובערנאטאָרען פון אראביען, וואוהין ער האָט בעדארפט אָבּרייזען פון קאָנסטאנטינאָפאָל. קורץ געזאָגט, ער האָט געהאט גענוג אורזאכען צו קומען צו איהר נעהמען אבשיעד. אָבער ראָשאנע האָט געמיינט דאָס ער איז נאָר געקומען ווייל ער ליעבט איהר. דאָס איז איהר נאטירליך זעהר געפעלען און דעריבער האָט זיא געמאכט פיר איהם איין אבשיעד מאָהלצייט, האָט מיט איהר זעהר ליעבליך גערעדט און האָט ערפילט אלץ וואָס ער האָט פון איהר פערלאנגט. זיא האָט איהם געגעבען רעקאָמענדאציאָנס בריעף צו וועמען ער האָט נאָר געוואָלט און האָט איהם בעקאנט געמאכט מיט דיא אומשטענדען פון דער רעוואָלוציאָן.

— אין דיא גאנצע זאך איז שולדיג,—האָט זיא איהם דערצעהלט, — א זעכצעהן־יעהריגע אראבישע מעדכען, דעם פירשט'ס פון באני־קוואס א טאָכטער. זיא האָט געהאט א חתן, א היציגען יונגען אראבער. אום זיך אויסצופיינען פאר זיין כלה, צו ווייזען וואָס פיר א העלד ער איז, האָט ער צוזאמענגעקליבען א קליינע צאָהל פון זיינע קאמעראדען און איז בעפאלען אויף דיא טירקישע סאָלדאטען וואָס געפינען זיך אין יענעם געגענד: אזוי איין מאָל, נאָך א מאָל, ביז וואנען דער חתן איז ארייגעפאלען געפאנגען צו דיא טירקען אין דיא הענד, און דער פאשא פון מעדינע האָט איהם פערמשפט צום טויט. עס האָט ניט געהאָלפען קיין בעטען און

קיין ביטען און מען האָט דעם חתן ארונטערגענומען דעם קאָפּ. וויא דיא כלה האָט דאָס דערהערט, האָט זיא געשוואָרען, דאָס זיא וועט צייט איהר גאנץ לעבען נעהמען נקמה פון דיא טירקען, און ביז אהער האלט זיא, ליידער, דיא שבועה וויא ווייט זיא קאָן. זיא האָט אויפגעהעצט דעם גאנצען שטאם „בעני־קוואס", האָט אנגעטהאָן רייט־קליידער און איז געוואָרען איין אנפיהרערין פון א גרויסע צאָהל אראבער, מיט וועלכע זיא בעפאלט אָפט אונזערע טירקען און מאכט אונז אָן פיעל שאדען. איהר נאָמען איז זאָליהא און איהר צונאָמען—דיא בלוטיגע כלה, ווייל זיא האָט שוין פערגאָסען פיעל בלוט פון אונזערע טירקען. דאָס איז א וואהרע העלדין... היט דיך פון איהר, טהייערער כאדי, האָט ראָשאנע געענדיגט צו דערצעהלען.

רעציע האָט געזעהן דורך'ן פענסטער נאָך מעהר וויא מען האָט בעדארפט, זיא האָט געזעהען ראָשאנע'ן וואָס האָט געשטראהלט וויא דיא ליכטיגע זון, געקליידעט וויא א קייזערין, און אויסזעהענד וויא דיא ליעבע אליין. עס האָט כמעט ביי רעציע געפלאצט דיא הארץ, בשעת איהרע אויגען האָבען אין עטליכע מינוט אריינגעדרונגען אין ראָשאנע'ס קאבינעט. דיא פרינצעסין איז געלעגען אויף איין נידעריגע אָטאָמאנקע, צו קאָפּ'ן איז געזעסען סאדי און האָט איהר געגלעט און געשפּיעלט מיט איהרע וואונדער שענע לאָקען. דערביי זיינען זייביידע געווען, וויא עס האָט געשיינט, פערטיעפט אין א זיסען געשפּרעך, וואָס זיי האָבען נאָר אויפגעהערט אום זיך צוקוסען און אומארמען...

דאָס איז געווען איבער רעציע'ס קרעפטען צו ערטראגען, זיא האָט זיך פארנאנדערגעוויינט אויף'ן קול און איז אין א מינוט ארום געפאלען אין אונמאכט... איהר געוויין אָבער איז ניט געווען גאָר אומזיסט. סאדי האָט גלייך ערקענט איהר שטימע און עס איז איהם געוואָרען אזוי וויא מען וואָלט איהם פלוצלינג אריינגיסען א שארפען גיפט אין הארצען. זיינע אלטע ליעבע האָט זיך אין איהם אויפגעכאפּט, און עס איז איהם געוואָרען זעהר פיינליך, וואָס ער איז זיך דאָ אזוי רוהיג און האָט פערגעניגען מיט איין אנדערער אין דער צייט וויא רעציע איז געצוואונגען נאָט ווייס וואָס פיר יסורים אויסצולײדען. ער האָט גענומען זוכען מיט דיא אויגען ארום און ארום, אום צו זעהן וואו זיא געפינט זיך דאָ, אום איהר צו ענטדעקען. ער האָט זיך אָבער אומזיסט בעמיהט. ניט מעהר גליק האָט ער געהאט, וויא ער האָט זיך מיט א תירוץ ארויסגעמאכט פון ראָשאנע'ן און איז ארויסגעלאָפען אין גאס: ער האָט איהר דאָ אין גאס אויך ניט געפונען... און דאָך האָט ער מיט זיינע אייגענע אויערן געהערט וויא זיא האָט געוויינט און געיאָמערט!... פון שמערצען איז ער כמעט ניט אראָב פון זינען. לאַצאַרוס האָט זיך געקאָנט פרעהען: מיט איין קלאפּ האָט ער פערוואונדעט דיא הערצער פון ביידען, פון סאדי'ן אזוי גוט וויא פון רעציע'ן.

פיר ביידען איז דאָס געווען איינע פון דיא שרעקליכסטע נעכט אין זייער לעבען. דערפאר איז אָבער לאַצארוס געווען אויף'ן פערד; יעצט איז שוין ביי איהם קיין ספק ניט געווען, דאָס רעציע איז שוין זיינע. איז דען מעגליך, דאָס איהר זאָל נאָך אָבהאַלטען דיא ליעבע צו סאַדי'ן נאָך דעם וויא זיא האָט איהם געזעהען אין דיא ארמען פון ראָשאַנע'ן? און בפרט אז סאַדי האָט אין דיא זעלבע נאַכט בעדאַרפט אָפּרייזען אין א לאַנד, פון וואַנען ער וועט זיך געוויס קיין מאָל ניט צוריקקעהרען?

32.

ניט ווייט פון מעדינאַ איז דאָ א טיעפער טהאָל צווישען הויכע און שטיילע בערג. אין דיעזען טהאָל זיינען געווען פיעלע גרויסע און קליינע געצעלטען אָדער ביידלעך, און ארום דיעזע ביידלעך זיינען ארומגעגאַנגען פערד און קעמלען, זוכענדיג אויף דעם שטייניגען גרוינד וואו עס איז א ביסעל דארע, מאָגערע גראָז.

עס איז לייכט געווען צו פערשטעהען, אז דאָס איז א לאַנד פון ווילדע אראַבער, וואָס בערייטען זיך צו צו א בלוטיגען שטרייט. אויף דיא געצעלטען זיינען געווען אויסגעשטעלט פאָהנען; אין פיעלע ערטער האָט זיך געזעהען געוועהר; אויף דיא בערג זיינען געשטאַנען פיקעטען. דיא סאָלדאַטען זיינען געווען געקליידעט אין פרעם ווייסע בורנוסען און לעבען יעדען סאָלדאַט איז זיך געשטאַנען זיין פערד, גאַנץ פריי אָהן א שום צוים, ווארום דיא אראַבישע פערד זיינען צוגעוואָהנט צו דיא מענשען, זעהר רוהיגע, פאָלגען און פערשטעהן זיך אויף'ן ווינק.

עס איז געווען פאַרנאַכט. דיא לעצטע שטראַהלען פון דיא זון האָבען בעלויכטען דיא שפּיצען פון דיא בערג און דיא הויכע טייטעל בוימער, וואָס ערגרייכען כמעט דעם וואָלקען: דיא זון האָט גענומען אָבשיעד פון דיעזע וויסטעניש און איהרע איינוואָהנער, באַלד, באַלד, געהט זיא אונטער אין גאַנצען.

דיא געצעלטען זיינען געווען בעדעקט מיט א גראָבען צייג געוועבט פון ציגען האָאר, וואָס איז אפילו ניט געווען אזוי שען, אָבער וואָס האָט זעהר גוט געשיצט פון דיא זון און פון שטויב. איינע פון דיא געצעלטען האָט זיך אויסגעצייכענט פון אלע איבעריגע, נעמליך, זיא איז געווען לייגגער און ברייטער און שענער אויפגעפּוצט. עס איז לייכט געווען צו ערקענען, דאָס אין דיעזע געצעלט האָט געוואָהנט דער אנפיהרער אָדער דער פירשט פון דיעזען אראַבער שטאַם. לעבען דיעזען געצעלט איז געזעסען אויף א דיוואַן איין אלטער מאַן מיט א לאַנגע ווייסע באָרד. ער איז געווען געקליידעט אין א זיידענעם ראָק און א מאַנטעל דורכגעוועבט מיט גאָלד, אויף'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א טהייערען דאַמסקען שאַהל. זיין בליק איז געווען ערנסט און פערקימערט. וויא ער איז דאָ אזוי געזעסען פערטיעפט אין געדאַנקען, האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען פון א בארג א בעדואינער אויף א פערד.

וואָס איז גלייך אראָבגעריטען אין טהאָל, און וויא ער איז געקומען צו דעם אָרט, וואו עס איז געזעסען דיעזער אלטער מאן, איז ער אראָבגעשפרונגען פון פערד און האָט איהם געלאָזען ארומגעהן פריי אין לאגער. דער בעדואין, בעוואָפענט מיט א ביקס, איז צוגעגאנגען צום עמיר און האָט זיך טיעף פערנייגט:

— איך ברייננ דיר, קלוגער הארון, א וויכטיגע נאכריכט,—האָט ער צו איהם געזאָגט,—אָבער וואו איז דיין העלדען־טאָכטער, דיא טאפפערע זאָליהא?

דיא לעזער פערשטעהען שוין, דאָס דער וויסבערדיגער מאן איז געוועזען דער פירשט פון דעם אראבער שטאם, וואָס האָט געשטריטען מיט דעם סולטאָן'ס סאָלדאטען. ער האָט געפיהרט געגען זיי אין שטרייט ביז צוויי טויזענד מאן, פון וועלכע ביז אהער זיינען שוין מעהר וויא פינף הונדערט אויסגעפאלען.

דער עמיר האָט אויפגעהויבען דעם פאָרהאנג פון זיין געצעלט און האָט גערופען צו זיך אין דרויסען זיינע קינדער. ער האָט געהאט צוויי זיהן, אבו־פערעזי און אבו־וואַרדי, און איין טאָכטער, דיא העלדין זאָליהא. אין איין העלפט פון געצעלט האָט ער געוואָהנט מיט דיא זיהן, אין דיא אנדערע האָט געוואָהנט דיא טאָכטער. פון געצעלט איז נאָר ארויסגעגאנגען אבו־וואַרדי, וועלכער האָט געזאָגט, דאָס דער אנדערער ברודער מיט דיא שוועסטער זיינען אירגענדס אוועקגעריטען, נאָר זיי קומען גלייך צוריק.

— אלזאָ,—האָט זיך דער פירשט אָבגערופען צום בעדואין,—ווארט א ווילע אויף, זיא קומט באלד צוריק.

אין א פאָר מינוט ארום האָבען זיך ווירקליך בעוויזען פון וויטען צוויי רייטער, וואָס זיינען געפלויגען וויא א ווינד אין פעלד. איינער פון דיא רייטער איז געוועזען א יונגע מעדכען, זיא איז געוועזען געקליידעט וויא א מאנספערזאָן און בעוואָפענט וויא איין העלד. דיא רייטער זיינען ניט געקומען מיט ליידיגען; זיי זיינען געוועזען ביי דיא טירקען און האָבען טוידט געשלאָגען צוויי פון זייערע סאָלדאטען; זייערע קעפּ האָבען זיי מיטגענומען, וויא איין זיעגעס־צייכען. קומענדיג האָבען זיי אנידערגעלייגט דיעזע בלוטיגע קעפּ לעבען פאָטער'ס פיס. וויא דער בעדואין האָט איהר דערזעהען, האָט ער זיך פאר איהר טיעף פערנייגט, אָבער זיא האָט זיך גאָר געמאכט ניט זעהענדיג.

— בעפעהל, ליעבער פאָטער,— האָט זיך אָבגערופען זאָליהא צום עמיר, ווייזענדיג אויף דעם קאָפּ, וואָס זיא האָט אנידערגעלייגט צו זיינע פיס,—בעפעהל מען זאָל דאָס ארויפשטעכען אויף'ן שפּיץ פון געצעלט. דאָס איז דער קאָפּ פון סר־לימאן, דער אנפיהרער, וואָס האָט גענומען געפאנגען מיין ברוטיגאם. איך האָב איהם דערזעהען דעם ערשטען און האָב איהם פון הינטען מיט איין האָק פון שווערד

אַרונטערגענומען דעם קאָפּ... דער פערד מיט'ן קערפּער איז אוועק ווייטער, צום טירקישען לאגער...

— אָ, מיינע טאָכטער, —האָט זיך אָבגערופען דער עמיר צו איהר, — דוא האָסט זעהר גוט פערדיענט דען נאָמען „דיא בלוטיגע כלה"... הער אָבער דיא נאַכריכט וואָס על־אָמאר (אזוי האָט געהייסען דער בעדואין) האָט אונז געבראַכט.

— איך גלויבע, — האָט זיא זיך געווענדעט צו על־אָמאר, — דאָס מיין ברודער אבו־ווארדי האָט דיך היינט אין דער פריה ארויסגעשיקט מיט הונדערט רייטער אויפ־צופּאסען דיא גרויסע קאראוואנען וועג ?

—גאַנץ ריכטיג, — האָט דער בעדואין געענטפערט, — און איך בין עס דער גליקליכער, וואָס קאָן אייך יעצט ערפרייען מיט א פרעהליכע נאַכריכט. אין דער פריה בין איך ארויס מיט אונזערע הונדערט רייטער, ארום מיטאג־צייט זיינען מיר שוין געוועזן ביי דיא בערג קארא. וויא מיר זיינען געקומען אויף דיא קאראוואנען וועג, בין איך אוועקגעריטען פאָראויס און האָב באלד בעמערקט א גרויסען צוג פון טירקישע מיליטער, פון באשי־בוזוק'ס, וועלכע עס זיינען געוועזן, וויא עס האָט מיר אויסגעדוכט, אין א'ן ערך פון פינף הונדערט מאן. זיי האָבען מיטגעפיהרט צוויי קאנאָנען. וויא איך האָב דאָס בעמערקט, בין איך צוריק געקומען צו מיינע רייטער און האָב זיי בעהאלטען אין א שטילען אָרט, דיא טירקען זאָלען זיי ניט בעמערקען, און איך בין גלייך געקומען צו פליהען מיט דיעזע נאַכריכט אהער. ווען דו ווילסט, דאַרפסט דו מיר נאָר זאָגען איין וואָרט און איך וועל אלע דיעזע באשי־בוזוק'ס מיט זייערע קאנאָנען ארייננארען צו דיר אין לאגער און דו וועסט קאָנען מאכען מיט זיי וואָס דו וועסט ווילען, איידער זיי וועלען זיך נאָך קאָנען פאַרבערייטען צום שטרייט. זייערע קאנאָנען וואָלטען דיר צונוץ געקומען. וויא מען האָט מיר ערצעהלט, קלייבען זיך צו אונז נאָך אנדערע באשי־בוזוקי'ס, עטליכע הונדערט מאן. זייערע אנפיהרער זיינען צוויי יונגע בעים. זיי זיינען ביידע געוועזן פערמשפּט צום טוידט, נאָר דער סולטאן האָט זיי געשאָנקען און אנשטאָדט טוידט האָט ער זיי ארויסגעגעבען א פּסק, זיי זאָלען געהן אויף'ן שטרייט מיט דיין טאָכטער. דיא יונגע אנפיהרער האָבען געשוואָרען ענטוועדער צו זיעגען אָדער פערלאָרען צו געהן. מעהר וויא אלץ ווילט זיך זיי טוידטען דיין טאָכטער, דיא בלוט־כלה, וואָס איז דער שרעק פון דיא טיר־קישע ארמעען. וויא מען זאָגט, האָט דער סולטאן פערשפּראָכען צוואנציג טויזענד פיאסטער פיר איהר קאָפּ...

— צופיעל געלד פיר מיין קליינעם קאָפּ, — האָט זיך אָבגערופען זאַליהא מיט א קאלטען שמייכעל, אזוי וויא ניט איהר מיינט מען דאָס, — נו, און וויפיעל,

פאָטער, ווילסט דו מיר געבען פיר זייערעביידען'ס קעפּ, וואָס איך וועל אנידערלייגען פאר דיינע פיס?

אָ! איך ברען מיט אונגעדולד וואָס גיכער צו שטרייטען מיט דיעזע צוויי העלדען, — האָט זיא ווייטער געזאָגט, — איך ברויך נאָר צו האָבען ביי מיר הונדערט מאן, אום איינצונעהמען דיא צוויי שנעקעס.

— צוויי הונדערט וואָלט זיכערער געוועזען, — האָט דער עמיר געענטפערט, — נאָר ווען דו ווילסט האָבען דיא עהרע צו בעזיעגען דיא צוויי העלדען מיט ווייניג מענשען, פערגין איך דיר דאָס מיט'ן גאנצען הארצען.

על־אָמאר איז געוועזען אין זאליהא פערליעבט, אָבוואָהל זיא איהם האָט ניט געליעבט. וויא ער האָט דערהערט דאָס זיא וויל זיך שטעלען אין אזא געפאהר ארויסצוגעהן געגען דיא צוויי העלדען מיט אזוי ווייניג מענשען, האָט ער איהר פאָרגעלייגט צו בעגלייטען און אין איינעם איהר צו שיצען. זיא האָט דאָס איהם אָבער אָבגעשלאָגען, און ניט ווייל עס איז איהר דאָס ניט אָנגעשטאנען, נאָר ווייל איהר הארץ איז שוין אויף אימער געוועזען פערשלאָסען פיר ליעבע. איין מאָל האָט זיא געליעבט, און פון א צווייטע ליעבע האָט זיא ניט געוואָלט הערען. יעצט איז זיא נאָר געוועזען דורכגענומען מיט איין געפיהל, יעצט איז איהר נאָר איין זאך געלעגען אין זינען, נעמליך, זיך נוקם צו זיין אָן דיא טירקען פיר איהר חתן'ס טוידט. א חוץ דעם האָט איהר קיין זאך אין דער וועלט ניט געקימערט. אום פּטור צו ווערען פון אָמאר'ן, אָבער אויך איהם ניט צו בעליידיגען, האָט זיא איהם דערמאָנט אָן זיינע הונדערט מאן, וואָס ער האָט געלאָזען אין א באהעלטעניס, אום ארייצונארען דיא טירקישע סאָלדאטען אין לאגער פון דיא בעדואינען. על־אָמאר איז ניט ווילענדיג אוועקגעגאנגען צו זיינע מענשען, אזוי וויא זאליהא האָט איהם בעפאָהלען. באלד נאָך דעם האָבען איהרע ברידער צוזאמענגערופען הונדערט רייטער, בעוואָפענט מיט פלינטען און פּיקעס. וויא עס איז שוין אלצדינג געוועזען פערטיג אין אָרדנונג, האָט זאליהא מיט דיא ברידער גענומען אָבשיעד פון זייער אלטען פאָטער און זיינען אוועקגעפלויגען אויף דיא הערד אזוי שנעל וויא א פלוג פון ווילדע גענז.

על־אָמאר האָט געפונען זיינע מענשען אין גרויס שרעק. איהם אליין איז אויך ניט פרעהליך געוואָרען וויא זיי האָבען איהם ערצעהלט דאָס זיי האָבען זיך [illegible] דער טירקישער אָפיציער סאדי־בעי געהט מיט זיינע באשי־בוזוקי'ס זיך צו פעראייניגען מיט צאררא־בעי; אין אלעמען האָבען זיי א מאכט פון אכט הונדערט מאן און פיער קאנאָנען; סאדי אליין האָט נאָר ביי זיך 250 מאן מיט צוויי קאנאָנען.

„ווען דיעזע צוויי אנפיהרער וועלען זיך ווירקליך פעראייניגען, וועט זיין

גאנץ ביטער"... האָבען דיא אראבער ריכטיג געדיינקט. אלזאָ, איז ביי דיא אראבער געבליבען, זיי זאָלען סאדי'ן ארייננארען אין דעם אָרט וואו עס געפינט זיך זאָליהא'ס לאַגער, און דאָ וועלען זיי אונטערקומען און וועלען צוזאמען מיט איהרע הונדערט רייטער פלוצלינג בעפאלען אויף דיא באשי־בוזוקי'ס, וואָס וועלען זיך גאָר אויף דעם ניט ריכטען, ווארום דיעזער אָרט ווייזט גאָר ניט אוים וויא א קריעגס לאַגער, עס האָט דעם אויסזעהען פון א געוועהנליכען לאַגער פון אראבישע הירטען. סאדי דארף בעשטימט געהן פארביי דיעזען אָרט און וועט זיך דאָ געווים אָבשטעלען, און זאָל שוין זיין, דאָס ער האָט מעהר מענשען, דאָס זיינע מענשען זיינען אלטע געניטע כאַלדאטען, און דאָס ער האָט נאָך דערצו קאנאָנען אויך, אָבער, אפילו אים ערגסטען פאל, דאָס ער וועט בעזיעגען האָבען דאָך דיא אראבער ארום דיעזען לאַגער א פולע זיכערע ערטער, וואו צו אנטלויפען און זיך צו בעהאלטען, א פולע טיעפע גריבער, הייהלען, הויכע פעלזן, וואו מעהר וויא דיא אראבער מיט זייערע געוואָהנטע פערד קאָנען ניט צוקומען.

על־אָמאר'ן איז דיעזער פּלאן זעהר געפעלען און ער איז ביי זיך געווען גאָר זיכער, דאָס עס וועט זיך אלץ פּאסירען פונקט וויא זיי האָבען אויסגערעכענט. ער האָט נאָר געראטהען א ביסעל ווארטען, אום צו וויסען אויף געווים דאָס זאליהא מיט איהרע רייטער זיינען שוין אָנגעקומען אין זייער פערשטעלטען לאַגער.

דיא אראבער האָבען זיך אָבער פיעל פעררעכענט וועגען דיא טירקישע מאכט. זיי האָבען געמיינט, דאָס דיא באשי־בוזוקי'ס זיינען געווים ערמידעט געוואָרען געהענדיג א לאנגע צייט דורך זאמדיגע ערטער, דאָס זיי זיינען פערשוואכט פון הונגער און דורסט פון דיא שרעקליכע היצען, וואָס זיינען ניט צו ערטראגען אין יענע וויסטע ערטער, וואו אנשטאָדט וואסער טרינקט מען זיך גענוג אָן מיט שטויב... זיי האָבען אָבער פערגעסען, דאָס קיין פיינד דארף אונז ניט פאָרקומען צו קליין, און א פּשיטא שוין אזא פיינד, וויא דיא באשי־בוזוקי'ס, און נאָך מיט אזעלכע אנפיהרער, וויא סאדי־בעי און צאררא־בעי, דיעזע העלדען, וואָס קיין זאך איז זיי ניט צו שווער געווען, בפרט נאָך יעצט אין דיעזען קריעג, וואו זיי האָבען געהאט טאָן'ס גונסט און חן. דערצו זיינען זיי ביידע געווען ניט וועניגער קלוג און ליסטיג א גוטע געלעגענהייט זך אויסצופיינען און איבער א גייעס צו געווינען דעם סול־ וויא דיא אראבישע אנפיהרער. דעריבער, וויא זיי זיינען אריין אין דיא פיינדליכע לאנד, זיינען זיי געוואָרען זעהר פאָרזיכטיג, האָבען א טריט ניט געטהאָן וואו זיי האָבען פריהער זיך ניט ערקונדיגט, דאָס אין יענעם אָרט איז אירגענדם ניט דאָ קיין בעהאלטענע בעדואינער. דיעזע פאָרזיכטיגקייט האָט זיי אימער געבראכט גוטצען. אזוי האָט זיך סאדי דערוואוסט פון זיינע שפּיאָנען, דאָס ניט וויים פון זיין

לאגער בעגעגנען זיך פיינדליכע רייטער און א ביסעל ווייטער, אין טהאָל, ליגען אויך בעהאלטען פיינדליכע געצעלטען. דיעזע נאכריכט איז פיר איהם געוועזען גענוג ער זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג. ער האָט גלייך אויסגעשטעלט זיינע דריטהאלבען הונדערט מאן אין פראָנט און האָט זיי פערטיג געמאכט צום שטרייט. און וויא ער האָט בעקומען א צווייטע נאכריכט פון א פיקעט, דאָס דער פיינד איז שוין גאָר ניט ווייט, האָט ער געשיקט א פעלד־יעגער צו צאררא־בעי, מיט דיא מעלדונג, דאָס ער איז בעפאלען פון פיינדליכע רייטער, און אויב ער אליין איז נאָך פריי, זאָל ער איהם גלייך קומען צו הילף.

ארום האלבע נאכט האָט מען ביי סאדי'ן אין לאגער מיט א מאָל דערהערט א שיסעריי. דאָס האָבען געשאָסען דיא בעדואינער פון טהאָל, אום ארייננצונארען אהין דיא טירקישע מיליטער. צוויי באשי־בוזוקי'ס זיינען געפאלען אויף'ן אָרט. מעהר ווארטען איז שוין קיין צייט ניט געוועזען; און סאדי האָט גלייך געהייסען דיא מוזיקאנטען געבען א סיגנאל צו בעפאלען דעם פיינד. וויא סאדי איז ארויפגעגאנגען מיט זיינע לייט אויף א בארג, האָט ער דיא מינוט פערשטאנען דעם פלאַן פון דיא אראבער. ביי דעם שיין פון דער לבנה האָט ער לייכט דערזעהן אין טהאָל דעם פיינדליכען לאגער און פון אנדערן זייט דיא בעדואינער וואָס האָבען געשאָסען אום איהם צו פערפיהרען אָדער ארייננצונארען צו זיך, און דיא אראבער זאָלען דערווייל קענען ארויף אויף'ן בארג און שיסען אויף דיא טירקען פון אויבען אראָב.

— גוט, — האָט זיך סאדי אָבגערופען צו זיינע לייט, — וואָס מיר האָבען בעצייטען בעמערקט זייער פלאַן. יעצט וועלען מיר שוין זעהען ווער וועמען עס וועט מאכען צום נארען...

סאדי האָט געהייסען עפענען פייער אויף דיא בעדואינען, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיא שיסעריי. דיא בעדואינער האָבען זיך גאָר ניט גערעכט, דאָס דיא באשי־בוזוקי'ס זאָלען פאָראויס ארויפגעהן אויף'ן בארג, זיי זיינען ערשטוינט געוואָרען און האָבען זיך איבערצייגט, דאָס פון זייער פלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט א גאָר ניט, און דאָס סאדי, דער אנפיהרער פון דיא באשי־בוזוקי'ס פערשטעהט איין אינטערעס און איז ניט דער מענש וואָס לאָזט זיך לייכט ארייננארען אין זאק.

דעננאָך האָבען דיא בעדואינען דעם מוטה ניט פערלאָרען. אזוי וויא א קאַץ קריכט אויף א בוים האָבען זיי גענומען קלעטערן אויף'ן בארג און האָבען געשטריטען וויא דיא לייבען. פיעלע פון זיי זיינען געוועהנליך געבליבען ליגען אויף'ן בארג אָדער האָבען זיך טויטערהייד וויא סנאָפּעס אראָבגעגליטשט צוריק אין טהאָל, ווארום דיא קאַנאָנען האָבען זיי געשניטען, וויא מען שניידט היי, אָבער דיא איב־

ריגע וואָס האָט זיך זיי איינגעגעבען ארויפצוגעהן אויף דעם אָרט וואו דיא טירקען זיינען געשטאנען האָבען געפאָכטען וויא העלדען מיט שווערט און שפּיז. דערנאָך האָבען זיי גאָר ניט געקאָנט מאכען; דער גרעסטער טהייל פון זיי איז שוין געלעגען אויף דר'ערד, און עס האָט שוין גאָר ניט געפעהלט, סאדי זאָל בלייבען דער זיעגער און עס וואָלט געווים אזוי געווען, ווען עס וואָלט מיט אַ מאָל ניט אונטערגעקומען דיא בלוט־ברויט מיט איהרע ברידער. יעצט איז שוין דיא צאָהל פון דיא שטרייטער בייביידע פיינדע, ביי דיא טירקען און דיא אראבער, געוואָרען גלייך, און דער שטרייט האָט זיך אָנגעפאנגען פון דאָס־נייע מיט מעהר פרישקייט. וויא סאדי האָט בעמערקט, דאָס דער גרעסטער טהייל פון זיינע מענשען זיינען שרעקליך מיעד, איז ער אליין ארייננעשפרונגען צווישען זיי אזוי וויא אַ גרימיגער טיגער, און דאָס האָט אויפגעמונטערט דעם גייסט פון זיינע סאָלדאטען. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו שלאָגען און צו פעכטען מיט אזא קראפט, דאָס אין עטליכע מינוט ארום זיינען פון דיא אראבער אויסגעפאלען מעהר וויא אַ העלפט. צום אומגליק אָבער, איז דאמאָלס אונטערגעקומען מיט נייע מיליטער דער אלטער עמיר אליין, וואָס האָט זיך שטארק בעקימערט וועגען זיין טאָכטער און זיינע ביידע זיהן. יעצט זיינען שוין דיא אראבער געוואָרען פיעל שטארקער וויא דיא באשי־בוזוקי'ס, און דיא בלוט־ברויט האָט זיך איבער־אַ־נייעס געקאָנט בעריהמען, דאָס זיא האָט בעזיעגט און איינגענומען דיא טירקען. אַ טהייל פון דיא באשי־בוזוקי'ס זיינען געבליבען טוידט אויף'ן אָרט, אַ טהייל זיינען צולאָפען און פיעלע זיינען געוואָרען פערוואונדעט. סאדי זעלבסט איז אויך געווען געפעהרליך פערוואונדעט. דיא אראבער זיינען ארויפגעפאלען אויף דיא פערוואונדעטע טירקען אזוי וויא ווילדע טהירע און האָבען זיי צוהאקט אויף שטיקלעך... נאָר סאדי'ן האָבען זיי פערשאָהנט; ער האָט אויסגעזעהען וויא טוידט און זאָליהא האָט איהם געהייסען ברייגגען צו איהר אין לאגער.

— נעהמט איהם מיט אויף אַ פערד, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו על־אָמאר, וואָס איז געריטען לעבען איהר, — און בריינג איהם צו אונז אין לאגער. דאָרטען וועל איך שוין מיט מיין אייגענע האנד ארונטערנעהמען דעם קאָפּ און אָנשטעקען אויף'ן שפּיז פון מיין געצעלט.

על־אָמאר האָט ארויפגעלייגט סאדי'ן אויף אַ פערד און האָט איהם שטארק צוגעבונדען וויא אַ טויטען קערפּער. דערנאָך האָט ער זיך אליין געזעצט אויף איין אנדער פערד און איז מיט זאָליהא אוועקגעריטען, לאָזענדיג דעם פערד מיט סאדי'ס קערפּער לויפען נאָך זיי אליין. אין אַ פּאָר שטונדען ארום זיינען זיי אָנגעקומען אין לאגער. אלע פאָרנעהמע אראבער זיינען זיי ארויס ענטקעגען און האָבען אויפגענומען זאָליהא'ן מיט גרויס פּאראד, האָבען געקושט דעם ברעג פון איהר קלייד און האָבען

איהר אָנגעקוקט אזוי וויא א גאָט... דעם פערד מיט סאדי'ן האָט מען דורכגעפיהרט דורך אלע ציילען פון דיא אראבישע מיליטער, אלע זאָלען זעהן וואָס פיר א העכט זיא האָט געפאנגען און מיטגעבראכט פון שטרייט. וויא מען האָט איהם אָבגעבונדען פון פערד און אנידערגעלייגט אויף דר'ערד מיט דעם געזיכט ארויף, איז זיא צוגעגאנגען צו איהם מיט א הוילען שווערט, אום איהם אָבצוהאקען דעם קאָפּ. קוים אָבער וויא זיא האָט אויף איהם א בליק געגעבען, איז זיא געבליבען שטעהן וויא א צומישטע. זיא האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהען אזא'ן עדעלע, אזא שיינע און ליעבע געזיכט! און אנשטאָדט פיינדשאפט און גליהענדע ראכע, האָט זיך אין איהר הארצען דערוועקט צו איהם א געפיהל פון מיטלייד. אזוי וויא פון זיך אליין איז ביי איהר דער שווערט ארויסגעפאלען פון דיא הענד, און אנשטאָדט איהם ארונטערצונעהמען דעם קאָפּ, וויא זיא האָט גערעכענט צו טהאָן, האָט זיא בעפאָהלען מען זאָל איהם ארייַנטראָגען אין א לײדיגען געצעלט...

„איך וויל, האָט זיא געזאָגט, מיין פאָטער און מיינע ברידער זאָלען איהם פאָראוים בעטראכטען".

על־אָמאר'ן איז ניט געפעלען געוואָרען דיא גאנצע געשיכטע.

„ניין, האָט ער זיך געטראכט, דאָס איז נאָר איין אויסרייד, דער פאָטער און דיא ברידער זאָלען איהם בעטראכטען. מיט א מאָל פאלט ביי איהר ארויס דער שווערט פון דיא הענד, פון איהרע שטארקע הענד... ניין, דאָ מוז געוויס זיין איין אנדער אורזאכע. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזעהען פון איהר זיא זאָל מיט א מאָל אומגעביטען ווערען פון כעס און פיינדשאפט אין וויכהערציגקייט. ניין, עס האָט זיך געוויס אָנגעצונדען אין איהר הארצען ליעבע צו דיעזען סאדי וואָס קאָן נאָך אָבלעבען"...

על־אָמאר איז אין אמת'ן גאָר ניט משוגע געווען. וויא ער איז נאָר אוועק פון זאליהא, איז זיא געשווינד אריינגעגאנגען אין געצעלט, וואו מען האָט אוועקגעלייגט סאדי'ן, אום נאָך א מאָל א בליק צו טהאָן אויף זיין געזיכט. יעצט איז זיא נאָך געוואָרען מעהר בעצויבערט, מעהר איינגענומען פון איהם וויא פריהער. דער שרעקליך פערוואונדעטער סאדי האָט זיך אונטער דער צייט עטוואָס ערהאָלט, זיין טוידט בלאסעס געזיכט האָט בעקומען עטוואָס פארב און ער האָט יעצט אויסגעזעהען, וויא איין איינגעשלומערטער ענגעל פון הימעל. איבער זאליהא'ס גייסט האָט זיך געשטארקט א געפיהל וואָס זיא האָט נאָך ביז אהער גאָר ניט געקענט, נעמליך, א געפיהל פון עהרפורכט, פון רעספּעקט און פון הייליגע ריינע ליעבע. זיא האָט זיך אראָבגעלאָזען פאר איהם אויף דיא קניע און האָט איהם אָנגעקוקט מיט אזעלכע ערנסטע בעטענדע אויגען, אזוי וויא א הייליגען. אזא געפיהל האָט

ניט ערוועקט אין איהר הארצען אפילו דיא ליעבע צו איהר ברויטיגאם, וועלכער איז איהר נאָך ביז אהער ניט ארויס פון זינען און פיר וועלכען זיא פלעגט זיך נאָך ביז אהער שטעלען אין דיא גרעסטע געפאהר, אום נאָר זיך נוקם צו זיין פיר זיין בלוט. זיא האָט זיך פערטיעפט אין א זיסען טרוים און איז אזוי געבליבען שטעהן אויף דיא קניע לעבען סאדי'ן ביז זיא איז אויפגעוואכט געוואָרען פון א הויך שרייענדע מוזיק און פון טראָמפעטען קלאנג. דאָס איז געווען א סמן דאָס איהר פאָטער מיט דיא ברידער זיינען געקומען צורייטען. ערשט נאָר איז זאליהא ארויס פון געצעלט.

אין גאנצען לאגער איז געווען שמחה וששון וועגען דעם גרויסען זיעג וואָס דיא אראבער האָבען געהאט איבער דיא באשי־בוזוקי'ס. מען האָט זיי כמעט אלעמען אויסגעלייגט מיט שווערט און שפיזן; עטליכע נאָר האָבען געקאָנט ענטלויפען, און אויב זיי זיינען אין וועג ניט אומגעקומען האָבען זיי געוויס געבראכט צאראַ־בעי'ן דיא טרויעריגע בשורה, דיא נאכריכט פון זייער מפלה.

אין א פּאָר שטונדען ארום, ווייא אין לאגער איז געוואָרען גאנץ רוהיג און איהר פאָטער מיט דיא ברידער האָבען זיך שוין געלייגט שלאָפען, איז זאליהא אריינ־געגאנגען אין א קליינעם גרינעם געצעלט וואָס איז געשטאנען נאָר אָן א זייט. זיא האָט זיך שוין בעפרייט פון דיא בעצויבערונג, וואָס האָט אויף איהר ארויפגעוואָרפען דער אנבליק פון סאדי, און זיא איז צוריקגעקומען צו זיך, צוריק געוואָרען דיא זעלבע זאליהא ווייא פריהער. אין דעם קליינעם געצעלט איז געלעגען איהר חתן'ס בלוטענדער קאָפּ, וואָס זיא האָט ארויסגעקראָגען פון דיא פיינד'ס הענד. איהרע אויגען האָבען געשפריצט מיט פייער און צאָרן; איהר געזיכט איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אזוי ביין אזוי גרויזאם, ווייא יעצט. זיא האָט זיך געקניעט פאר דעם קאָפּ און האָט אויסגעשאָסען מיט א שרעקליכען געוויין.

— פערצייהע מיך, מיין געליעבטער,—האָט זיא זיך וויינענדיג מתודה געווען פאר איהר חתן,—פערצייהע מיך, וואָס איך וואר א פּאָר שטונדען אונטריי געגען דיר, געגען דיין ליעבע, און האָב געטרוימט וועגען איין אנדערען... פערצייהע מיך, וואָס איך האָב אויף א קורצע צייט פערגעסען אָן מיין שבועה זיך אימער נוקם צו זיין אָן דיינע פיינד. איך האָב פערשאָהנט איינעם פון זיי וואָס איז אריינגעפאלען צו מיר אין דיא הענד, און האָב געזינדיגט אין צווייען... פערצייהע מיך, דאָס איז דיא ערשטע און דיא לעצטע זינד געגען דיר... איבריגענס, האָב איך נאָך צייט צו פערריכטען מיין זינד און איך וועל דאָס אומגעזאמט טהאָן...

באלד איז זיא ארויס פון גרינעם געצעלט, פעסט בעשלאָסען מיט אייגענע הענד צו טוידטען סאדי־בעי. מיט א הוילען שווערט אין האנד, מיט דיא העכסטע

פרייד און צופריעדענהייט אויף'ן געזיכט, אזוי וויא זיא וואָלט געגאַנגען טהאָן דיא גרעסטע מצוה און וואָהלטהאט אין דער וועלט איז זיא אריין אין געצעלט וואו עס האָט גערוהט דער אומגליקליכער סאדי.

33.

דאָס גרויסע וואונדער.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דעם, וויא לאַצארוס איז אריינגעלאָפען, ניט טויט ניט לעבעדיג מיט סיררא'ן אויף'ן רוקען צווישען דיא דערווישען אין רואינע „קאדריש", האָט איינער פון דיזע דערווישען אַנגעטראָפען ניט וויט פון רואינע סיררא'ן ליגענדיג אָהן קרעפטען, פערשמאכט פון הונגער און דורשט. איהר טרויעריגער אַנבליק האָט איהם יעצט ערשראָקען ניט וויניגער וויא דאָס ערשטע מאָל און פיעלייכט נאָך מעהר ווארום דאמאָלס איז ער ניט געווען אליין און יעצט איז ער געווען גאנץ אליין. ער האָט שוין בדעה געהאט צו אנטלויפען פון יענעם אָרט, וויא מיט א מאָל איז צוגע־פאָהרען דער שייך־אול־איסלאם.

— ווארום ביזט דו אזוי צושראָקען און ווארום ווילסט דו פון דאנען אנט־לויפען ? — האָט ער ביים דערוויש געפרעגט.

— איך האָב דאָ יעצט געזעהן דעם שווארצען טייפעל און איך פירכטע עה זאָל מיר אזוי ניט ארויפשפרינגען אויף דיא שולטער, וויא ער איז דאמאָלס ארויפ־געשפרונגען דעם גריכע לאַצארוס,—האָט דער דערוויש געענטפערט.

— און וואָס איז דאָס פאר א שווארצער טייפעל ? פון וואנען האָט ער זיך דאָ גענומען ? — האָט דער שייך־אול־איסלאם ווייטער געפרעגט.

— דאָס איז ניט קיין אנדערער וויא דער שד פון סיררא'ס זעעלע, דיא אלטע קאדידזע'ס טאָכטער... זיא האָט לעבעדיגערהייד אויך אזוי אויסגעזעהען, וויא זיא זעהט יעצט אויס.

— אלזאָ, איז דיזע סיררא ווירקליך געשטאָרבען און דיזער טייפעל איז נאָר איהר גייסט ? פון וואנען ווייסט דו דאָס אזוי גענוי ?

— דער גריכע לאַצארוס זעלבסט האָט אונז געשוואָרען, דאָס זיא איז גע־שטאָרבען און דאָס ער האָט איהר מיט זיינע אייגענע הענד בעגראָבען, — האָט דעה דערוויש געענטפערט, — אלזאָ, איז דאָס געוויס נאָר איהר גייסט, ווארום בעגראָבענע שפאציערען שוין ניט ארום אויף גאָטעס וועלט.

— נו, גוט, פיהר מיך צו איהם, איך וויל איהם זעהען, — האָט זיך אָבגע־רופען דער שייך־אול־איסלאם.

— עס געהט מיר א קעלט איבער'ן לייב פון אייערע ווערטער, — האָט זיך אָבגערופען דער דערוויש, — איך בעט אייך, האָט רחמנות אויף אייערע הייליגקייט

און האָט ניט צו טהאָן מיט איין אומריינגע, שמוציגען טייפעל; האָט אויך רחמנות אויף אייער לעבען, וואָרום אָנהייבען מיט אַ שוואַרצען טייפעל איז ניט קיין געלעכטער!...

— און איך האלט גאָר דערפון ניט, — האָט איהם געענטפערט דער שייך,— איך פירכטע נאָר פיר גאָט אליין און מעהר פיר קיינעם ניט. אין נאַרישקייטען גלויב איך ניט... עס איז אויף דער וועלט ניט דאָ קיין שוואַרצע טייפעל!... פיהר מיך צו איהם אהין, איך וויל מיט איהם שפּרעכען.

וויא עס האָט זיך דעם דערוויש ניט געוואָלט געהן אהין, האָט ער אָבער זיך מעהר ניט געקאָנט ספּאָרען. אזוי וויא איינער וואָס געהט צום עשאפאָט איז ער גע־גאנגען פאָראויס און נאָך איהם דער שייך. עס האָט איהם געטרייסעלט הענד און פיס און ער איז בּלאַסען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שווייס פון שרעק וואָס האָט זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר אין איהם געשטאַרקט. בשעת זיי זיינען שוין אָנגעקומען אויף דעם אָרט, וואו סירראַ איז געלעגען, האָט שוין געגומען ווערען פינסטער. זיא איז געווען, וויא מיר האָבען שוין געזאָגט, פערהונגערט און פערשמאכט, דאָס זיא האָט קיין קרעפטען ניט געהאַט זיך צו ריהרען. איהר אָנבליק איז געווען שוידערהאפט און ווילד, דאָס דער שייך־אול־איסלאם אליין האָט זיך אויך אין אָנפאנג דערשראָקען. אויסער וואָס זיא איז געווען פון נאַטור אַ מיאוסע פערזעהענים און אזוי אָבגעצעהרט, איז זיא נאָך געווען אין שוואַרצע קליידער וועלכע אין דער פינסטער האָבען נאָך אויסגעזעהען פיעל שוואַרצער. „ניט אומזיסט האלט מען איהר פיר אַ שוואַרצען טייפעל, פיר אַ שד“, האָט בּיי זיך געדאַכט דער שייך. דענגאָך איז ער פון איהר ניט אנטלאָפען וויא דער אלטער דערוויש; ער איז צוגעגאנגען צו איהר און האָט איהר אָנגעטאַפּט מיט דיא הענד...

— ניין, האָט ער זיך אָבגערופען צו זיין בעגלייטער, ניין, עס איז ניט קיין טייפעל, קיין שד, עס איז אַ מענשליכע בעשעפענים, אַ מיאוסקייט, אמת, אַ פּער־זעהענים, אָבער דאָך אַ מענש, איין אָבגעשוואַכטער מענש פון פליישׁ און בלוט. נעהם עס אויף דיא הענד און טראָג אוועק צו מיר אין רואינע.

דיעזער בעפעהל האָט דעם דערוויש אַ שטאָך געגעבען וויא מיט אַ מעסער אין הארצען. ער האָט אָבער געמוזט פאָלגען וואָס דער שייך האָט איהם געהייסען, און ער האָט דעם שוואַרצען טייפעל אויף דיא הענד אוועקגעטראָגען אין דיא רואינע. דאָרטען האָט מען סירראַ'ן אוועקגעלייגט אויף אַ ווייכען מאַטראַץ און מען האָט איהר דערלאַנגט וואַסער, ברויט, פרוכט, זיא זאָל זיך ערקוויקען. זיא האָט זיך גאָר ניט געלאָזט בעטען און האָט גוט צופריעדען געשטעלט איהר אפּעטיט. וויא זיא האָט זיך אַ ביסעל ערקוויקט און איז געווען אימשטאַנד צו שפּרעכען, האָט זיך דעה

שייך מיט איהר פערנאנדערגערעדט. וואָס ער האָט ביי איהר געפרעגט, האָט זיא איהם אויף אלץ געענטפערט, און זעהר קלוג געענטפערט.

— דו ביזט עס, — האָט ער ביי איהר געפרעגט, — דיא יעניגע, וואָס אלע רופען קאַבאָלד אָדער שווארצער טייפעל? —

— איך בין עס,—האָט זיא געענטפערט,—און מען רופט מיך אזוי פיר מיין העסליכע געשטאלט.

— יעצט זאָג מיר, וויא קומט עס וואָס מען זאָגט, דאָס דו ביזט געשטאָרבען, מען האָט דיך בעגראָבען, און דו ביזט פון יענער וועלט צוריק געקומען?

— געשטאָרבען בין איך ניט, אזוי וויא איהר זעהט, נאָר מען האָט מיך בעגראָבען א לעבעדיגע, און דאָס האָט געטהאָן דער גריכע לאצארוס, יעצט לעב איך, אָבער איך האָב קיין קרעפטען ניט זיך צו בעוועגען...

— און וויא איז דאָס צוגעגאנגען דיא גאנצע געשיכטע?

— איך וויים נאָר, דאָס דער גריכע לאצארוס האָט מיך איינגעפאקט אין א קאסטען און אָבגעפיהרט פון מיין מוטער'ס וואָהנונג אויף'ן פעלד, וואו ער האָט מיך געלאָזט בעגראָבען. איך בין דאמאָלס געוועזען קראנק און האָב ניט געקאָנט שרייען... אין דר'ערד האָב איך אין גאנצען פערלאָרען מיין געפיהל... וואָס מיט מיר איז געוועזען דערנאָך, וויים איך ניט; ווער עס האָט מיך ארויסגענומען פון קבר, וויים איך ניט. בשעת איך האָב מיך אויפגעכאפט בין איך געלעגען דאָ ניט ווייט אוןטער דיא בוימער... איך האָב לעבען זיך געפונען וואסער און שפייז, און ווער עס האָט אויף מיר רחמנות געהאט קאָן איך ניט קלוג ווערען צו וויסען.

— א וואונדערבארע געשיכטע, — האָט דער שייך־אול־איסלאם געזאָגט צו זיך אליין, — עס איז אָבער גוט; דורך איהר וועל איך אויספיהרען אזעלכע זאכען וואָס איך האָב מיט קיינעם ניט געקאָנט דורכמאכען; עס איז גוט, וואָס אלע האלטען איהר פיר א געשטאָרבענע, וואָס איז געקומען פון יענער וועלט.

— אלזאָ, גרויסער עפענדי, העלף מיר אויס און שטיץ מיך, — האָט זיך סיררא ווידער אָבגערופען צו איהם, — איך וועל דיר זיין דאנקבאר און וועל דיר אָבדיענען וויא ווייט איך וועל קאָנען.

— קענסט דו מיך? — האָט ער ביי איהר געפרעגט.

— ניין, — האָט זיא קלוג געענטפערט, — איך פערשטעה נאָר, דאָס דו ביזט איין פאָרנעהמער הערר.

— נו, און וואו דו ביזט יעצט ווייסט דו? האָט מאנזור־עפענדי ווייטער געפרעגט.

— ניין, מיין הערר, איך ווייס ניט, — האָט זיא בכיון געענטפערט.

— און ווער איז דיין מוטער? — האָט ער ווייטער געפרעגט, — דאָס ווייסט דו דאָך געוויס?

— מיין מוטער איז סאבירזע, דיא וואהרזאגערין פון גאלאטע, — האָט זיא געענטפערט.

— ווייסט זיא, דאָס דו לעבסט?

— ניין, זיא איז זיכער, דאָס איך בין טויט, זיא האָט געבעטען דעם גריכע לאצארוס, ער זאָל זיך בעמיהען מיך בעגראָבען. איך האָב זיי שוין אפילו ביידע געזעהען, אָבער זיי האלטען מיך ניט פיר א לעבעדיגען מענש, נאָר פיר א קאָבאָלד, פיר א טויטען, וואָס האָט פיר זיינע זינד אויף יענער וועלט ניט קיין רוהע...

— ווילסט דו נעהן צוריק צו דיין מוטער? וואהנען ביי איהר וויא פריהער?

— אָ, ניין, מיין העררו — האָט זיא מיט היטץ געענטפערט, — בעסער דאָ אין וואלד צו שטארבען פון הונגער, וויא צוריקגעהן צו איהר. זאָל זיא און דער גריכע מיינען דאָס איך בין גווירקליך טויט. אָ, איך בעט דיך, זאָג זיי ניט אויס דאָס איך לעב... נעהרע מיך, מיין העררו, מיט קארגען ברויט און וואסער, און איך וועל דיר דיענען מיט וואָס איך וועל נאָר קענען! דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען...

סיררא'ס אלע אנטוואָרטען זיינען דעם שייך־אול־איסלאם זעהר געפעלען. ער האָט פון איהרע אנטוואָרטען פערשטאנען דאָס זיא איז א קלוגע שטיקעל סחורה, וואָס קאָן איהם זעהר צוניץ קומען. מעהר פון אלץ איז איהם געפעלען געוואָרען וואָס זיא האָט איהם עטליכע מאָל פאָרגעלייגט מיט אלע איהרע מעגליכקייט איהם צו דיענען. זיא, דיא קראנקע, דיא שוואכע, וואָס האָט קיין כוח נט זיך צו ריהרען, פערשפּרעכט איהם צו דיענען? וואָס קאָן זיא טהאָן פיר איהם? געוויס מיינט זיא ניט צו ארבייטען פיר איהם מיט'ן קערפּער, נאָר מיט'ן שכל, מיט „שמאד־שטיק“... און גראָד דאָס איז איהם יעצט נייטיגער געוועזן וויא אלץ. וואָס פאָרט קען מען ניט אויספיהרען דורך אזא מענשען, וואָס אלע האלטען פיר א טויטען פון יענער וועלט? — האָט געטראכט דער שייך־אול־איסלאם און ביי איהם איז פארטיג געוואָרען א גאנצער פּלאן, וויא ער וועט דורך סיררא'ן נאָך גרעסער מאכען זיין הערשאפט איבער אלעמען, בעזאָנדערס איבער זיין פיינדין, ד. ה. איבער דיא סולטאנין וואלידע, וואָס איז געוועזן לייכטגלויביג און האָט געגלויבט אין אלע בבא מעשות.

— זיי רוהיג, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — איך וועל דיך שוין שיטיצען, דו וועסט קיין הונגער פון היינט אָן ניט ליידען; אָבער דאָ איז פיר דיר קיין אָרט ניט, איך וועל דיך פון דאנען אָבפיהרען אין א בעסערען אָרט. פון דיר אָבער פערלאנג איך נאָר איין זאַך, נעמליך, דו זאָלסט זיין שווייגעדיג, האלטען סוד און טהאָן וואָס איך וועל דיר זאָגען.

— זעהר גוט, — האָט זיא געענטפערט, — אין דעם קאָנסט דו זיין זיכער, איך בין בערייט צו טהאָן, וואָס דו וועסט מיר נאָר הייסען, און שווייגען וויא א שטיין. . .

— און דו זאָלסט קיין מאָל ניט פרעגען ווארום און צו וואָס איך הייס דיך טהאָן דיעזעס אָדער יענעס, אויך ניט וויא מען רופט דיא ערטער, וואו איך וועל דיך האַלטען; דו זאָלסט ניט געהן צו דיין מוטער. ווען דו נעהמסט זיך דאָס אלץ אָן, בין איך גענוג רייך, גענוג שטארק און גענעדיג צו טהאָן פיעל גוטעס פיר דיר.

— איך בין מרוצה אויף אלץ, וואָס דו פערלאנגסט, — האָט סיררא געענטפערט, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט. איך גיב מיך אָב צו דיר מיט לייב און זעעלע, איך וועל זיין ביי דיר אין דיא הענד וויא א געצייג וואָס איז שטום און בלינד און טהוט נאָר וואָס דער מייסטער וויל...

— אלזאָ, אויב דו האָסט דיך שוין אזוי פיעל ערהאַלט, דאָס דו ביזט אימ־שטאנד צו שטעהן אויף דיא פיס, שטעל זיך און געה וואוהין איך וועל דיך פיהרען. נאָר פריהער מוז איך דיר פערבינדען דיא אויגען, דו זאָלסט ניט זעהן וואו דו געהסט, — האָט צו איהר געזאָגט דער שייך.

— איך פיהל מיך שוין גענוג קרעפטיג צו געהן וואוהין דיר געפעלט, — האָט סיררא געענטפערט, — און ווען דו האָסט נייטיג מיר צו פערבינדען דיא אויגען דארפסט דו דאָס ביי מיר גאָר ניט פרעגען.

דער שייך האָט ארויסגענומען פון טאשע א ברוינע טיכעל און האָט איהר פערבונדען דיא אויגען. דערנאָך האָט ער איהר דורך ארומיגע וועגען ארויסגעפיהרט פון רואינע און צוגעפיהרט צו א פערמאכטע קארעטע וואָס האָט אויף איהם געווארט, ער האָט זיך מיט איהר אריינגעזעצט אין קארעטע, גוט צוגעמאכט דיא טירעל און האָט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין ראשיד־עפענדי'ס פאלאסט. דיעזער ראשיד איז געוועזן א בעאמטער אין מיניסטעריום דעם אינערען, וואָס האָט בעדארפט באלד ווערען א פאשא און בעקומען דיא שטעלע פון א וויזיר. דיעזע שטעלע איז איהם געוועזן זעהר נייטיג צו פערבעסערען זיינע געלד אנגעלעגענהייטען, ווייל ער איז געוועזן א גרויסער פערשווענדער און האָט געמאכט אפולע חובות. דער שייך אליין האָט איהם נאָר געקאָנט בעהילפיג זיין דיעזע שטעלע צו בעקומען, און דעריבער האָט ער איהם געחנפ'עט מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, און איהם געוועזן זעהר געהאָרכ־זאם. וויא דיא קארעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, איז דער שייך ארויסגעגאנגען און האָט פערזאָגט סיררא'ן זיא זאָל רוהיג ווארטען ביז ער וועט זיך צוריקקעהרען. ראשיד איז זיך גאנץ געמיטהליך געזעסען לעבען א טאס קאפע מיט א ציגאר אין מויל. פלוצ־לינג האָט מען איהם געמעלדעט, דאָס דער שייך איז צו איהם געקומען. אין איין

אויגענבליק איז ער געוואָרען איין אנדער מענש; ער האָט אוועקגעוואָרפען אַן א זייט דעם ציגאַר, איז געוואָרען גאנץ ערנסט און איז ארויס צום טיהר בעגעגענען דעם אומגעריכטען גאסט. וויא ער האָט איהם דערזעהען איז ער געבליבען שטעהן פאר איהם וויא א דיענער פאר זיין הערין, האָט אליין אראָבגענומען פון איהם זיין מאנטעל און האָט איהם מיט'ן גרעסטען דרך ארץ אנידערגעזעצט אויף א טהייערען מאטראץ. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָבוואונדערן, וואָס דיעזער גרויסער מאן זאָל קומען צו איהם מיט א וויזיט.

— מיין ניט, מיין פריינד, — האָט זיך דער שייך אָבגערופען צו ראשיד'ן,— דאָס איך בין געקומען צו דיר אין הויז נאָר צו פערברייננגען דיא צייט; ניין, איך קאָן מיר אזא פערגניגען ניט ערלויבען. אזוי וויא דו ווייסט אליין, האָב איך אויף'ן קאָפּ זעהר פיעל וויכטיגע פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען, וואָס לאָזען מיר א מינוט ניט רוהען. איך בין געקומען צו דיר, אום געגויער זיך נאָכצופרעגען אויף דעם סאָפטי, וואָס דו האָסט מיר רעקאָמענדירט און געבעטען איך זאָל זיין גנעדיג צו איהם. וויא איז זיין נאָמען? וואו וואָהנט ער?

— דיעזער יונגער מאן הייסט איבאם, — האָט געענטפערט ראשיד, — און ער וואָהנט אין זיין מוטער'ס הויז, אין גאָרטען שטראָסע, לעבען גרויסען מינארעט. זאָ לאנג וויא זיין מוטער האָט געלעבט, איז ער געוועזן גוט אימשטאנד, נאָר נאָך זיין מוטער'ס טויט איז ער פעראָרעמט געוואָרען, ווייל ער ווייס זיך ניט וויא צו בעגעהן מיט געלד און איז אין וועלט זאכען זעהר פרעמד. איך בין זעהר בעזאָרגט וועגען איהם, איך ווייס ניט וואָס וועט זיין פון איהם, ער איז יעצט מעהר ניט אלט וויא דרייסיג יאָהר און ווייזט שוין אויס פופציג....

— און ווארום האָט ער זיך נאָך ביז אהער צו קיין זאך ניט צוגעשלאָגען? — האָט געפרעגט דער שייך.

— ווייל ער איז זעהר נאכלעסיג און עס קימערט איהם קיין זאך ניט. ער איז אימער פערטיעפט אין לערנען און וויל זיך גאָר ניט בעמיהען בעקאנט צו ווערען אין דער וועלט.

— וואָהנט ער אליין אָדער צוזאמען מיט איין אנדערען? האָט ער א גערוי־מיגע וואָהנונג? האָט ער מיט וועמען עס איז אויפטראג? — איך מוז דאָס אלץ וויסען.

— ער וואָהנט גאנץ אליין, — האָט געענטפערט ראשיד, — זיין וואָהנונג איז אין א צוויי גאָרנדיגע הויז. אונטען האָט געוואָהנט זיין מוטער, אויבען וואָהנט ער גאנץ אליין. מיט קיינעם פיהרט ער ניט קיין בעקאנטשאפט און ווייכט אפילו פון זיינע קאָלעגען.

— אויב עס איז אַלץ אזוי וויא דו זאָגסט, איז ער פיר מיר וויא אָנגעמאָסטען, איך ברויך צו האָבען פונקט אזא מאַן, — האָט געענטפערט דער שייך און האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, נאָר ראשיד האָט איהם אָבגעהאַלטען.

— מיין גרויסער הערר! — האָט ער זיך אָבגערופען, — ווען איך בין שוין יא אזוי גליקליך, דאָס איהר האָט אָנגענומען מיין רעקאָמענדאציאָן און איהר זייט געניינט צו ערפילען מיין ביטע, וויל איך וויסען וואָס איהר דענקט צו מאכען מיט דיעזען יונגען מענשען?

—איך וויים שוין פון לאַנג אָן פון דיעזען יונגען מאַן, — האָט דער שייך געענטפערט, — איך וויים, דאָס ער איז ניט קיין געוועהנליכער מענש וויא אלע; דאָס וויים איך גאנץ גוט, איך האָב נאָר געוואָלט זיך עטוואָס ערקונדיגען פון זיין הייזליכען לעבען. יעצט בין איך שוין מיט דעם אויך בעקאנט געוואָרען פון דיינע רייד. און אזוי וויא אַלץ וואָס דוא האָסט מיר פון איהם ערצעהלט שטימט ריכטיג איין מיט זיין כאראקטער, קען מען האָפען דאָס פון דיעזען סאָפטי וועט אין פערלויף פון איינינע טעג ווערען איין בעריהמטער מאַן, דאָס צו איהם וועלען זיך אָנפאנגען צו ווענדען אַלער האַנד מענשען, ווארום ביי איהם אין הויז געפינט זיך וואונדער!

— א וואונדער? — האָט אויסגעשריען ראשיד, — וואָס איז דאָס פיר א וואונדער?!

— יא, א גרויסער וואונדער! — האָט דער שייך געזאָגט מיט א העכסט ערנסטע מינע, — ביי איהם געפינט זיך א מיידכען, וואָס איז געקומען פון יענער וועלט... זיא האָט אין זיך א כח פון א וואהרע פראָפעטין..... עס איז פיר איהר קיין סוד, קיין געהיימניס ניט דאָ אויף דער וועלט.... וויים אלצדינג, זעהט אלצדינג, וויא אין א שפיעגעל און זאָגט פאָראויס וואָס עס וועט זיין אין וויא פיעל יאָהר ארום!....

— ער האָט ביי זיך אזא'ן אוצר און מאכט זיך גאָר ניט וויסענדיג? — האָט ראשיד מיט פערוואונדערונג געפרעגט, — מיינט ער דען קיינעם פון דעם ניט צו דאכטען, קיינער זאָל פון דעם ניט וויסען, אויסער ער אליין? און וואָס וועט איהם דער פון ארויסקומען? איין אנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געוואָרען א מיליאָנער און פיר דיא וועלט וואָלט אויך געווען א גרויסער נוטץ, אפולע וואָלטען דורך איהר געהאָלפען געוואָרען...

— ניין, מיין ליעבער ראשיד, — האָט זיך דער שייך צו איהם אָבגערופען, — ניין, ער מיינט גאָר ניט צו מאכען פון דעם א סוד, נאָר ער איז זעהר נאכלעסיג און וויים ניט וויא זיך צו בעגעהן, ווייל ער איז גאנץ ווייט פון וועלט זאכען. אלזא, ווען דוא ביזט איהם ווירקליך א גוטער פריינד און ווילסט איהם א טובה טאָהן,

זיי איהם בעהילפיג אין דעם, טהו דוא וואָס ער אליין פערשטעהט ניט צו טאָהן. מאך אום־עט־אום בעקאנט פון דיעזען וואונדער מערכען. מעלד עס אין סעריי'ל, מעלדע עס צו מושיר־עצעט, דיא סולטאנין וואלידע'ס אדיוטאנט. נאר מיין נאָמען זאָל דערביי ניט גערעכט ווערען.... דוא וועסט גליקליך מאכען דיעזען ארעמען סאָפטי און צוגלייך א גרויסע טובה טאָן דער וועלט... דאָס איז דאָס איינציגע און דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקענט טהאָן פיר דיעזען סאָפטי, וואָס האָט ביי זיך אזא'ן אוצר און ווייס זיך ניט וויא מיט איהם צובענוצען. אלזאָ, דוא טהוע וואָס איך זאָג, און מענטשעל אוים דיעזען סאָפטי, זאָג איהם וויא ער זאָל זיך פיהרען, און איך בין דער ערשטער, וואָס וועט נעהן דיא וואונדער מיידכען און שפּרעכען מיט איהר. אין א שטונדע ארום וועל איך זיין ביי איהם אין הויז.

דער שייך האָט גענומען פון ראשיד'ן אבשיעד. ראשיד האָט איהם געוואָלט בעגלייטען ביז'ן קארעטע און איהם העלפען זיך ארייגזועצען; אָבער דער שייך האָט איהם ניט געלאָזען אראָבגעהן פון דיא טרעפ, אום ער זאָל ניט בעמערקען ווער עס זיצט ביי איהם אין קארעטע.

דער שייך האָט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין גאָרטען שטראסע. לעבען גרויסען מינארעט האָט זיך דיא קארעטע אָבגעשטעלט; דער קוטשער איז געבליעבען ווארטען, דער שייך איז ארוים פון קארעטע, האָט ארויסגענומען סירדא'ן און איז מיט איהר פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא געדיכטע בוימער, וואָס האָבען געוואקסען ארום דעם מינארעט. ער איז מיט איהר אוועקגעגאנגען אין דעם סאָפטי'ס וואהנונג. עס איז שוין געווען טיעף אין דער נאכט, אָבער דער סאָפטי איז נאך געווען וואך. ער איז געזעסען אין זיין שטודיר צימער, לעבען א טיש, אויף וועלכען עס האָט געברענט א גאנץ ליכטיגע לאמפּע און עס זיינען געלעגען א פולע מאטעמאטישע ביכער, אקטראָנאָמישע אינסטרומענטען און כעמישע פּרעפּאראטען. ער איז געזעסען אזוי פערטיעפט אין לעזען, דאָס ער האָט ניט געזעהן ניט געהערט וואָס עס טהוט זיך ארום איהם. דיא טיהר פון וואָהנונג און אויך פון זיין קאבינעט איז געווען גאנץ אָפען. דער שייך האָט איהם געקאָנט א לאנגע צייט בעטראכטען און ער זאָל איהם ניט בעמערקען. דער שייך האָט זיך גלייך איבערצייגט, דאָס ראשיד האָט איהם גאנץ ריכטיג געשילדערט דיעזען סאָפטי; ער האָט ווירקליך אויסגעזעהן וויא א מענש וואָס איז אויסגעטאָהן פון דיא וועלט, וואָס לעבט נאָר מיט'ן גייסט און איז אימער פערגומען מיט גאָט און יענער וועלט. „גאנץ גוט, האָט ביי זיך געטראכט דער שייך, אָט אזא סחורה דאַרף איך האָבען; איך וועל מאכען פון איהם וואָס איך וועל נאָר ווילען. אויב אזא מענש פערקאָכט זיך אין א זאך, האָט ביי איהם קיין בעטרעף ניט דעם לעבען פיר איהר אוועקצוגעבען“....

דער שייך האָט גענומען סיררא'ן אויף דיא הענד און האָט איהר ארויפגעטראָגען אויפ'ן צווייטען שטאָק, אין א גרויסען צימער, וואָס איז געווען מעבליערט וויא איין הארעם, מיט שפיעגלען, ווייכע מאטראצען, שעהנע דיוואנען און דערגלייכען. וויא עס האָט געשיינט, איז דאָס געווען דיא וואָהנונג פון דעם סאָפּטי'ס געשטאָרבענע מוטער. דאָרטען האָט דער שייך אַבגעבונדען סיררא'ן דיא אויגען, האָט איהר אָנגעזאָגט, וויא זיא זאָל זיך דאָ אויפיהרען, און איז צוריק ארויסגעגאנגען אין דער שטיל. דאָס קיינער האָט ניט געזעהן וויא ער איז אריין, ניט וויא ער איז ארויס. ער האָט זיך אומגעקעהרט אין קארעטע און האָט געהייסען דעם קוטשער ער זאָל איהם צופיהרען צום סאָפּטי'ס הויז, פון וואנען ער איז מיט א מינוט פריהער ארויס. יעצט אָבער איז שוין דיא הויז געווען פערמאכט און ער האָט בעדאַרפט אָנקלאַפּען. וויא מען האָט איהם געעפענט און אריינגעלאָזען אין שטוב, האָט דער סאָפּטי אויף איהם א בליק געגעבען מיט אזעלכע אויגען, אזוי וויא ער וואָלט זיך אליין ניט טרויען, צו ער זעהט דאָ ווירקליך דעם שייך, אָדער עס דאכט זיך איהם נאָר.

— קענסט דוא מיך ניט ? — האָט ביי איהם שטרענג געפרעגט דער שייך, —

— דוא ביזט דער שייך־אול־איסלאם, — האָט דער סאָפּטי געענטפערט העכסט צושראָקען און שטאמלענד, — דער ווייזע באבא־מאנזור..... צופיעל עהרע פיר איין אָרימען סאָפּטי וויא איך בין.

— איך בין ניט געקומען צו דיר אליין, פון מיין אייגענעם ווילען, — האָט איהם דער שייך געענטפערט, — איך בין נאָר געקומען, ווייל דוא האָסט מיך גערופען....

— איך..... אייך גערופען ? איז דאָס מעגליך, איך זאָל מיך אונטערשטעלען אייך צו רופען ? — האָט זיך דער סאָפּטי געוואונדערט און נאָך מעהר דערשראָקען.

יא, יא, — האָט זיך דער שייך גאנץ רוהיג ווייטער געזאָגט, — מיט א שטונדע צוריק האָט מיך איינער גערופען צו דיר.... ער האָט מיר דער צו געגעבען צו וויסען דאָס ביי דיר אין הויז איז געשעהן איין וואונדער....

— ביי מיר וואונדער ?.... איך ווייס גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען !....

— עס איז אָבער פּאָרט אזוי, — איז דער שייך געשטאנען ביי דאָס זייניגע, — ביי דיר אין הויז איז געשעהן א וואונדער, אזוי האָט ער מיר געזאָגט דער וואָס האָט מיך צו דיר גערופען.

— איך פערשטעה שוין וואָס דאָ איז, — האָט דער סאָפּטי פרעהליך געענטפערט, — איך האָב בעשוואָרען דעם גייסט ער זאָל קומען צו מיר, און ער האָט מיר געפאָלגט, אָבער ער האָט א טעות געהאַט און איז געקומען צו ביר אָנשטאָט מיך...

איך בין אָבער ניט שולדיג און איך בעט אומפערצייהונג.... אזוי ?.... איז דאָס דער וואונדער וואָס דוא שפּריכסט ?...

— איך לייגען ניט אָב, דאָס דוא ביזט א הייליגער מאַן און קאָנסט בעשווערען רוחות אָדער גייסטער, וועלכע קאָנען דיר ניט אנדערש טאָהן און מוזען דיר פאָלגען, — האָט דער שייך געזאָגט — איך גלויב, דאָס דוא קאָנסט מיט זיי טאָהן וואָס דוא ווילסט, קאָנסט זיך מיט זיי פערשאפען וויא מיט קנעכט; אָבער דיין מענש וואָס דוא האָסט געשיקט צו מיר זאָגען וועגען דעם וואונדער, איז געווען א געוועהנליכער פּשוטער מענש וויא אלע און ניט קיין גייסט, און ער האָט מיר דייטליך געזאָגט, דאָס דער וואונדער געפינט זיך ביי דיר אין הויז, אויבען, אויף'ן צווייטען שטאָק...

— וואָס איך הער ? —האָט זיך אָבגערופען דער סאָפטי, — ביי מיר אים הויז, אויבען?... ווען איהר פערלאנגט, וועלען מיר שוין געהן זעהן, און אויב עס איז ווירקליך אזוי וויא ער האָט אייך מיטגעטהיילט, ביז איך גליקליך ביז'ן הימעל, וואָרום דאָס איז דאָך א בעוויז, דאָס מיין מיהע אין קבלה ביכער און סתרי תורה איז ניט אומזיסט.

דער סאָפטי האָט אָנגעצונדען א ליכט און איז מיט דעם שייך ארויפגעגאנגען אויבען. צו זייער גרעסטען שרעקען האָבען זיי דערזעהן אין א ווינקעלע פון דיזען גרויסען צימער א ווילדע בעשעפעניס צונויפגעדרעהט אין דרייען, מיט א פּאָר אויס־געגלאָצטע אויגען וואָס האָט גאָר ניט אויסגעזעהן וויא א מענש. ביים סאָפטי איז גלייך געבליעבען דאָס דיעזע בעשעפעניס איז א גייסט, און זיין פריידע איז געווען אונבעשרייבליך... ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט דאָס ער וועט זוכה זיין צו אזא גליק א גייסט זאָל קומען צו איהם צו גאסט, און איין אנדערער זאָל ברענגען דיא נאכריכט צו דעם הייליגסטען שייך־אול־איסלאם אליין !...

ער האָט זיך געשטעלט פאר סיררא'ן אויף דיא קניע און האָט שטילערהייד גע־מאכט א געבעט (תפלה). מאנזור־עפענדי האָט איהר געפרעגט ווער זיא איז ? — און זיא האָט זעהר גוט געשפּיעלט דיא ראָלע, וואָס ער האָט איהר פריהער אויסגע־לעהרענט.

— איך הייס סיררא, — האָט זיא געענטפערט מיט א געמאכטע אוננאטירליכע שטימע, — איך בין דיא טוידטע, ניט לאנג געשטאָרבענע סיררא, דיא טאָכטער פון דער וואהרזאָגערין קאדידזע פון גאלאטא. לאצארוס, דער גריכע, האָט מיר בעגראָ־בען, אָבער דיא ערד האָט מיך באלד אויסגעשפּיעגען.... יעצט ווייס איך ניט וואָס איך בין. . . דאָך זעה איך פאר מיר אפולע מענשען, זיי שפּארען זיך אלע צו מיר, אום מיך צו פרעגען וועגען זייער שיקזאל, וואָס עס וועט מיט זיי א מאָהל פּאסירען, אויך ווילען זיי וויסען וואָס עס טהוט זיך אין ווייטע פרעמדע לענ־

דער.... איך זעהע ארום מיך פאַרנעהמע הערן און דאַמען. ליידער, זעה איך אויך צווישען זיי מיין מוטער קאַדידזע.... אָ, שיטצע מיך פון איהר און פון דעם גריכע לאַצארוס! איך וויל פון היער ניט אוועקגעהן.... איך וויל דאָ פערבלייבען....

— פערבלייבע היער זאָ לאנג דוא ווילסט, — האָט צו איהר געזאָגט דער סאָפּטי, — איך שעטץ מיך גענוג גליקליך פיר דיא עהרע!....

— יעצט מוז איך פון היער אוועקגעהן. — האָט זיך אָבגערופען דער שייך צום סאָפּטי, — איך מוז זיך זעהן מיט איהר מוטער און מיט דעם גריכע; איך וויל הערן וואָס זיי וועלען אויף דעם זאָגען.... אזא וואונדער איז נאָך ניט געשעהן ציים דיא וועלט שטעהט! זעקס טויזענד יאָהר שטארבען מענשען און נאָך איז קיין געשטאָרבענער ביז אהער צוריק ניט געקומען.... דערווייל זאָל זיא דאָ ביי דיר פערבלייבען...

דער שייך־אול־איסלאם איז אוועקגעפאָהרען פון סאָפּטי העכסט צופרידען. זיין פלאן האָט זיך איהם זעהר גוט איינגעגעבען; דער סאָפּטי איז בעזונדער געווען צופריעדען, דאָס זיינע קמיעות האָבען איהם געבראכט צו אזא גליק, דאָס איהם האָט בעזוכט דער הייליגער שייך, דער גרעסטער מאן אין גאנץ טירקיי, און דאָס צו איהם זיינען געקומען גייסטער פון יענער וועלט....

34

דיא נייע בלומע אין הארעם.

עס איז געקומען דיא צייט פון גרויסען הייליגען פעסט ביירא

ם. עס האָבען זיך פערמאכט אלע געשעפטען און אין דיא שטראסען פון קאָנסטאנטינאָפּעל איז געווען א הייליגע פייערליכע רוהיגקייט. מען האָט נאָר געזעהן אלטע און יונגעלייט, מיט געבעט ביכער אין דיא הענד, וועלכע עס זיינן געגאנגען אין דיא מאָשעען, און אָפּט געהענדיג געזונגען הייליגער ליעדער און געבעטע. דיעזער יום טוב געדויערט פיר־ציג טעג און אין דיא גאנצע צייט איז פון בעגינען ביז נאכט פערבאָטען צו ארבייטען, עסען טרינקען, רויכען — גאָט זאָל היטען — וועמען עס איז צו בעריידען. געגען אָבענד שטעלען אלע אָן דיא אויערן אום צו דערהערען דעם שאָס פון דיא הויפּט מאָשעע, וואָס עס איז א סיגנאל דאָס מען קאָן שוין אָנבייסען און פערדרויכערן א ציגארע. דאמאָלס ווערט אין דיא גאסען א לעבען, פון פיעלע גאלעריען פאנגט זיך אָן צו הערען מוזיק, שפּיעלען און זינגען, מען עסט און טרינקט און מען האָט פערגעניגען א גאנצע נאכט, ביז בעגינען, ד.ה. ביז וואנען עס ווערט איבער א נייעס געשאָסען, מען זאָל וויסען, דאָס עס איז שוין טאָג און מען דארף שוין ווידער פאסטען.

אזוי פיהערן זיך דיא מאחמעדאנער דיא גאנצע צייט פון דיעזען ביירא

ם־פעסט. נאָר איין נאכט פון דיא פערציג נעכט, וואָס געדויערט דער בייראם, איז הייליגער ווי אלע און אין איהר ליעגט דיא גאנצע בעדייטונג פון פעסט, נעמליך, דיא מאח־

ביעדאָנער גלויבען דאָס אין דיעזע נאכט פעראייניגען זיך צוזאמען דיא ביידע וועלטען, דיא גייסטליכע וועלט וואָס מיר זעהן ניט, מיט דיא קערפּערליכע וועלט וואָס מיר זעהן. די גייסטליכע וועלט פליסט אריין אין אונזער קערפּערליכע וועלט נייע קרעפּטען, וועלכע בעלעבען איהר און ערפרישען איהר מיט אלע איהרע בעשעפּעניש. פון דאַנען וואקסט אין טירקיי דער מנהג, דאָס אין דיא זעלבע נאכט דארף זיך דער סולטאן פעראייניגען מיט א שעהנע אונשולדיגע יונגפרוי: דער סולטאן איז כלומרשט דיא גייסטליכע וועלט, און דיא יונגפרוי — דיא קערפּערליכע. דיעזע יונגפרוי קלייבט געוועהנליך אויס, מיט א צייט פריהער, דעם סולטאן'ס מוטער. אין דיא בעשטימטע נאכט, צוועלף אוהר, פיהרט איהר דיא מוטער אליין אריין צו איהם מיט גרויס פּאראד, אזוי וויא מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט. אזוי איז אויך געוועזן אין דעם יאָהר, וואָס מיר דערצעהלען. דער סולטאן אבדול־אזיס איז געוועזן ענטציקט פון דיא יונגפרוי וואָס זיין מוטער האָט פאר איהם דאמאָלס אויסגעקליבען. דאָס איז געוועזן א שעהנהייט וואָס האָט איהר גלייכען ניט געהאט. ער האָט איהר מיט אייניגע טעג פריהער געזעהן ביי זיין מוטער אין שטוב און זיא איז איהם אזוי געפעהלען, דאָס ער האָט ניט געוואוסט וויא אָבצודאנקען זיין מוטער, מיט וועלכע ער איז צוליעב דעם ווידער געוואָרען גוט פריינד. יעצט האָט שוין וואלידע ניט געטראכט זיך צו שיידען מיט איהר זוהן, אזוי וויא זיא האָט פריהער בעשלאָסען, בשעת דער סולטאן האָט געפאָלגט דעם שייך'ס עצה און האָט פריינעלאָזען דיא פרינצען. זיא איז צוריק געוואָרען ביי איהם א גרויסער בעל דעה און דער סולטאן אליין איז דערפון געוועזן זעהר צופריעדען און פון דער צייט אָן איז ער איבער א נייעס געוואָרען פרעהליך, לעבעדיג און האָט אויפגעהערט צו זיין שטענדיג פרזאָרגט, פערקימערט, וויא פריהער. אלע האָפלייטע האָבען זיך מיט דעם זעהר געפרעהט; נאָר איינעם האָט דאָס ניט געשמעקט און דיעזער איינער איז קיין אנדערער ניט געוועזן, וויא דער שייך־אול־איסלאָם. ער האָט געוועהנליך ניט געקענט צוזעהן אָהן פערדרוס, דאָס וואלידע, זיין פיינדין, איז ווידער געוואָרען א „תקיף" אין הויף, דיא סולטאנין האָט געזעהן מיט אלע מעגליכקייט וואָס מעהר זיך צו בעפריינדען מיט דיא נייע אָדאליסקע, ווייל זיא האָט געוואוסט, דאָס דורך איהר וועט זיא אויספיהרען ביי איהר זוהן אלץ וואָס זיא וועט וועלען.

אין דיא לעצטע טעג פון דעם בייראם־פעסט האָבען דיא פרינצען, מוראד און זיין ברודער, בעקומען איין ערלויבניס צו מאכען זייער פעטער א וויזיט. דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָהל וואָס זיי האָבען זוכה געוועזן צו אזא'ן עהרע, און זיי האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, וואָס דער סולטאן איז מיט א מאָל געוואָרען צו זיי אזוי גוט, אזוי פריינדליך, זיי האָבען אָבער באלד פערשטאנען דיא אורזאכע. ווען זיי

זיינען געקומען צו איהם, איז ער געווען געקליידעט אין זיין גאנצע פּאראדנע פאָרמע מיט זיין אָרדען אויפ'ן ברוסט. דיא פּרינצען האָבען געמוזט דיא גאנצע צייט פון וויזיט שטעהן אויף דיא פיס. וויא זיי האָבען איהם גראטולירט און צוגעוואונשען א גוטען יום טוב, און פערשפּראָכען צו זיין טריי און אונטערטהעניג, האָט ער זיי מיט וויינינגע ווערטער געגעבען צו פערשטעהן, וויא וויים זיי דארפען איהם זיין דאנקבאר פיר וואָס ער האָט זיי געלאָזט לעבען און האָט ביי זיי ניט צוגענומען זייער פערמעגען. אום זיי זאָלען זיין וואָלטהאט און גענאָד בעסער פיהלען, האָט ער געהייכען מען זאָל פאר זיי פאָרלעזען דיא אלטע געשיכטליכע ביכער אָדער כראָניקעס. מען האָט געלעזען וואָרט ביי וואָרט דיזע צייליען: „נאָך דעם סולטאן מוסטאפא, איז אויפ'ן טראָהן פון טירקיי ארויף דער סולטאן אָסמאן. קוים וואָס ער איז געוואָרען א סולטאן, האָט ער, דיא ערשטע זאך, געשיקט רופען צו זיך זיין ברודער, דען פּרינץ מאחמעד. דער פּרינץ האָט גלייך פערשטאנען, דאָס אָסמאן רופט איהם ניט אויף א „לעקאך און בראנפען", דאָך איז ער צו איהם געקומען. אָסמאן איז געזעסען אויף א זאָפע און האָט זיך גאנץ רוהיג און געמיטהליך געלעזען. — „איך בעשווער דיך ביי גאָט דוא זאָלסט ניט פערגיסען קיין בלוט, און מאך ניט איך זאָל דיך דארפען אָנקלאָגען אין דעם טאָג פון תחית המתים!—" אָסמאן האָט איהם א וואָרט ניט געענטפערט און האָט בעפאָהלען מען זאָל איהם ערווערגען. אָסמאן'ס בעפעהל איז גלייך ערפיהלט געוואָרען און מען האָט מאחמד'ן ערוואָרגען פאר דעם סולטאן אין די אויגען מיט א רויטען שנור. דיא בלוטיגע אָפּעראציאָן האָט מען געמאכט אזוי בארבאריש און ווילד, דאָס ביי דעם ערמאָרדעטען האָט ארויסגעשפּריצט פון מויל א פאָנטאן בלוט און האָט פערגאָסען דעם סולטאן דיא גאנצע געזיכט און דיא קליידער"....

„אין א יאָהר ארום איז אָסמאן געשטאָרבען מיט דעם זעלבען טוידט וויא זיין ברודער.

דיא פּרינצען האָבען פערשטאנען דעם סולטאן'ס כונה מיט דיעזעם פאָרלעזען און האָבען געדאנקט גאָט, דאָס זיי זיינען אוועק פון זייער פעטער לעבעדיגערהייד. זיי זיינען געווען אזוי צושראָקען, דאָס קומענדיג אהיים האָבען זיי לאנג געקוקט אין שפּיגעל, אום זיך צו פערזיכערן, דאָס זיי האָבען נאָך דיא קעפּ אויף דיא שולטערן. פון דיא מינוט האָבען זיי שוין מעהר ניט געוואגט ארויסצושטעקען א נאָז פון זייער פּאלאץ אום אויף זיך ניט ארויפציהען וואָס עס איז פאר א חשד.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דעם, האָט מען דעם סולטאן געמעלדעט, דאָס זיין מוטער וואלידע איז צו איהם געקומען. ער האָט דיא מינוט געגעבען צו פערשטעהן דאָס ער וויל בלייבען אליין, און אלע וואָס זיינען געווען ביי איהם אין קאבינעט זיינען גלייך ארויסגעגאנגען. וויא וואלידע איז אריין האָט דער סולטאן ערקאָנט אָן

איהר געזיכט דאָס זיא איז העכסט אויפגערעגט. ער האָט איהר געפרעגט דיא אורזאכע דערפון.

— איך בין העכסט אונצופריעדען, — האָט זיא געענטפערט, — וואָס דוא האָסט ערלויבט דיא פּרינצען זיי זאָלען דיר מאכען א וויזיט, און דוא האָסט זיי נאָך אזוי פריינדליך אויפגענומען..... זיי האָבען אין דער שטיל געשעפּטען מיט דעם שייך־אול־איסלאַם. ווייסט דוא דערפון ?

—פון וואנען ווייסט דוא דאָס ? — האָט ער איהר געפרעגט.

— איך פערשטעה דאָס דערפון, — האָט זיא געענטפערט, — וואָס ער האָט נאָך ביז אהער ניט געטאָהן וואָס א האָאר איז ווערטה אום איבערצומאכען אָדער מבטל צו זיין דיא געזעטצע וועגען דעם, וועל עס דארף ירש'ן דעם טראָהן. כמעט דיא גאנצע לאנד פערלאנגט מען זאָל מאכען נייע געזעטצע וועגען דעם, און עס וואָלט זעהר לייכט געוועזן דאָס דורכצופיהרען אָבר ער טהוט גאָר ניט וועגען דעם. און געוויס דעראיבער, ווייל ער איז צו דיא פּרינצען בעסער וויא צו דיר.

— אלזאָ, געוויס און בעשטימט ווייסט דוא דאָס ניט ; נאָר דוא רעכענסט עס איז אזוי. קומט ביי דיר אויס, דאָס איך זאָל ווידער איינרייסען מיט דיזעם געפעהרליכען מאנן, הויל צוליעב דעם וואָס דיר דאכט זיך ?

— ניין, מיין זוהן, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, — עס דאכט זיך מיר ניט, נאָר איך ווייס דאָס פון א ריכטיגע און ריינע קוועלע. ווייסט דוא פון דעם וואונדער, וואָס געפינט זיך ביי דיר אין הויפּט שטאָדט?

— דאָס אלטע ליעד, — האָט ער זיך אָבגערופען מיט א שמייכעל, — ווידער א וואונדער, אָבער א וואונדער.....

— ניין, מיין זוהן, עס איז ניט דאָ וואָס צו לאכען, ווארום אין דער וועלט איז נאָך דאָ א פולע זאכען, וואָס קיין פילאזאָף פערשטעהט ניט.... דער וואונדער וואָס איך רייד פון איהם, האָט זיך גאָר ניט לאנג בעוויזען, און דעראיבער ווייסט דוא נאָך פון איהם ניט.

—און ווער האָט דאָס דיר ערצעהלט ? — האָט דער סולטאן האלב נייגעריג, האלב לאכענד געפרעגט.

— מיר האָט דאָס מיטגעטהיילט מיין טרייער אדיוטאנט מושיר־עצעט. ער האָט מיר ערצעהלט, דאָס אין הויז פון א'ן אָרימען סאָפטי, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט קבלה, האָט זיך מיט א מאָל בעוויזען א וואונדער, און קיינער ווייס ניט וויא אזוי און פון וואנען. דיעזער סאָפטי הייסט איבאם, זיין וואָהנונג איז לעבען גרויסען מינא־רעט אין גאָרטען שטראסע. דער וואונדער בעשטעהט אין דעם וואָס מען האָט פּלוצ־

לינג ביי איהם אויף'ן צווייטען שטאָק דערזעהען א מערכען וואָס איז שוין לאַנג גע־שטאָרבען און איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען !...

— גו, — האָט דער סולטאַן א מאַך געגעבען מיט'ן האַנד, — דאָס איז מעהר ניט וויא א באָבע־מעשה.

— איך האָב פריהער געוואוסט דאָס דו וועסט אזוי זאָגען, — האָט וואלידע בעמערקט, — און עס קאָן זיין, דאָס איך אליין וואָלט דאָס אויך ניט געגלויבט ; אָבער איך האָב אליין דיעזע מערכען געזעהען א טוידטע. איך האָב בעפאָהלען מיין דיענער ער זאָל איהר אויפהייבען און אוועקטראָגען צו איהר מוטער, איין אלטע וואהרזאגערין פון גאלאטא. און דיא מוטער האָט איהר געלאָזט בעגראָבען, אָבער זיא איז פון קבר צוריק ארויס, פיעלע מענשען זיינען בכיון געגאַנגען אויף'ן בית־עולם און זיי האָבען געזעהען, דאָס איהר קבר איז אָפען און קיינער איז אין איהם ניט דאָ. דיא גאַנצע שטאָדט איז מיט דעם אויף, אלע לויפען צום סאָפטי זעהען, ווארום עס איז נאָך אזא וואונדער קיין מאָל ניט געשעהן. איהר אייגענע מוטער איז אויך אהין געקומען צו־לויפען און וויא זיא האָט איהר דערזעהן, איז זיא געפאלען פאר איהר אויף דיא קניע און האָט גלייך געזאָגט, דאָס זיא איז איהר פערשטאָרבענע טאָכטער... אלע האָבען דאָס געהערט...

— איך וואָלט גאָר וועלען וויסען, — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאַן, — וואָס זאָגט דער שייך־אול־איסלאם, צו וויים ער דערפון ?

— דאָס איז פיעל גלייך וואָס ער זאָגט, — האָט וואלידע געענטפערט, — ער מעג זיך זאָגען וואָס ער וויל, אמת בלייבט אמת... דאָס זעהען מיר פון אונזער רעליגיאָן : מיליאָנען אידען און קריסטען מעגען זיך פון איהר ניט האַלטען, אָבער זיא בלייבט דאָך דיא אמת'ע רעליגיאָן. און וואָס קאָן מען דאָ זאָגען ? זעהט מען ניט דאָס זיא איז א הייליגער גייסט ? זיא ענטדעקט געהיימניסע, קיין סוד איז פיר איהר ניט דאָ ; זיא וויים וואָס עס וועט זיין, אזוי וויא א פראָפעטין און פיעלע ווערען דורך איהר געהאָלפען. אין סאָפטי'ס הויז איז אימער איין ענגשאפט און עס איז שווער צו איהר צו־צוקומען. דער סאָפטי האָט אפילו דערפון קיין צער ניט... אלע גיבען איהם געלד, ער זאָל פריהער אריינלאָזען, און ער ליגט צו דעם גאָר ניט זזו... וואָס ווילסט דו מעהר וויסען ? איז דען דאָס פיר דיר וועניג ?

— יאָ, מיין מוטער, דאָס אלץ וואָס מען זאָגט איז פיר מיר וועניג, — האָט זיך דער סולטאַן געעקשנט, — ווארום דער עולם האָט ליעב צו גלויבען אין אזעלכע זאכען און נאָך מעהר האָט ער ליעב צו ריידען וועגען דע. איינער ערצעהלט אזוי און אזוי, און דער אנדערער ערצהלט איבער און ליגט עטוואָס צו ; דער דריטער טהוט

דאָס זעלבע און אזוי ווערט פון א וואָרט א קוואָרט, פון א מילב א העלפאנט. אָט, אויב דוא ביסט אליין דאָרטען געווען, איז שוין וואָס אנדערס.

— איך רעכען באלד אהין צו געהן, — האָט זיא געענטפערט, — און איך וועל טאקי פרעגען ביי איהר, זיא זאָל מיר זאָגען דיא געדאנקען פון שייך, צו דיינקט ער צו ערפילען דאָס וואָס ער האָט דיר פערשפּראָכען, אָדער איך בין גערעכט, דאָס ער איז דיא פּרינצען מעהר גוטער פריינד וויא דיר. אָט וועלען מיר זעהן, וואָס זיא וועט מיר זאָגען.

— אויב דו ביזט אזוי איינגעטרויעט אין איהר, — האָט דער סולטאן געזאָגט, — וועל איך דיך ניט אָבהאלטען פון צו געהן אהין. נאָר איין זאך בעט איך דיר — דו זאָלסט זיין זעהר פּאָרזיכטיג, דו זאָלסט שפּרעכען מיט איהר אין דער שטיל, אין געהיים, אום דער שייך זאָל זיך דערפון ניט ערוויסען; ווארום, בעהיטע גאָט, ווען יער וועט דערפון וויסען, וועסט דו מיט דיין גאנג מעהר שאדען ברייננגען וויא נוצען. וויעדער, זאָלסט דו זיין געננג אויפמערקזאם, מען זאָל דיך ניט אָבנארען און בעטריגען... גלייך פון דאָרטען, פערלאנג איך, דו זאָלסט קומען צו מיר ערצעהלען וואָס פיר איין אנטוואָרט דו האָסט בעקומען, און אלץ וואָס עס איז דאָרטען צוגעגאנגען. געה און גאָט זאָל דיר זיין צו הילף! —

35.

דיא שטימע אין וויסטעניי.

דיא וועג פון זועץ נאָך קאהירא געהט דורך א וויסטעניי, א מדבר, וואָס מעהר וויא טיעפער זאמד און הימעל איז דאָרטען ניט דאָ. קיין וואסער, קיין גראָז, קיין מענשליכע וואהנונג איז ניט צו זעהען. אויף דיעזען וועג איז זיך געגאנגען צו פוס איין איינזאמער מענש, אָרעם געקליידעט, אָהן א שירעם צו פערשטעלען דיא ברעגענדע זון. אָהן א טראָפּען וואסער מיט זיך, אָהן א שטיקעל ברויט און אָהן א שום געוועהר. ער האָט געהאלטען אין האנד א וואנדער שטאָק און זיין קאָפּ איז געווען ארומגעוויקעלט מיט א גרינע אראבישע טוך און דיא צוויי עקען פון טוך זיינען געהאנגען פון ביידע זייטען פון זיין געזיכט. פון אונטער'ן טוך האָט זיך ארויסגעזעהען ביי איהם אויף'ן שטערען א גאָלדענער באנד.

קיין טריט פון קעמלען אָדער פערד איז ניט געווען צו בעמערקען אויף'ן וועג, אָבוואָהל דורך דאנען פאָהרען דיא קאראוואנען נאָך מעקקא, ווייל דאָ זיינען אימער גרויסע ווינדען וואָס פערקעהרען אלע טריט און מאכען דעם זאמד גלאט וויא מיט א בעזים. ווער רעדט שוין וועגען א שפּור, א סימן פון א ראָד: אין וויסטעניי ווייס מען גאָר ניט וואָס עס איז א וואָגען מיט רעדער. דער איינציגער סימן צו ערקענען אין דיעזע וויסטעניי, אין דיעזען זאמד מעער, דיא וועג, איז געפאלענע פערד, קעמלען

און אנדערע געפגר'טע בהמות, וואָס דיא רייזענדע לאָזען ליגען, אָדער ליידיגע לאָגלען פון וואסער און אנדערע זאכען, וואָס זיי ווארפען אוועק. אָפט אָבער העלפען דיזע סמנים אויך ניט, ווארום דער ווינד טראָגט זיי איבער פון איין אָרט אויף'ן אנדערן און עס איז גאָר לייכט מען זאָל דאָרטען פערלירען דיא וועג און פערקריכען ווער וויים וואו און אומקומען פון דורשט און הונגער, פערשאָטען ווערען לעבעדיגערהייד מיט א בארג זאמד, אָדער געפאנגען צו ווערען פון דיא ווילדע בעדואינער. אויף אזעלכע געפאהרען דארפען זיך ריכטען מענשען, וואָס רייזען אויף קעמלען און האָבען מיט זיך גענוג שפייז און וואסער, אָבער וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען פון אזעלכע רייזענדע וואָס געהען צופוס און האָבען קיין זאך ניט מיט זיך, אזוי וויא דער איינזאמער וואנ־דערער פון וועמען מיר ריידען?

דאָך איז זיך דיעזער וואנדערער געגאנגען פאָרווערטס גאנץ רוהיג, אזוי וויא איינער וואָס איז שוין מיט דיא אלע זאכען גאנץ געוואָהנט, אָדער וואָס איז אין דיעזער וויסטעניי געבוירען און אויפגעוואקסען. ער האָט שוין ניט אויסגעזעהען יונג, דעננאָך איז ער געגאנגן איבער'ן זאמד מונטער און שטייף, ביז עס איז שוין געוואָרען גוט פינסטער. דאמאָלס האָט ער זיך געשטעלט אויף דיא קניע, האָט זיך אומגעווענדט מיט'ן געזיכט צו מעקקא און אָבגעזאָגט א קורצע תפלה. נאָך דעם איז ער ווייטער געגאנגען, אָבער ניט מיט דיא זעלבע וועג, וויא פריהער, נאָר א ביסעל אָן א זייט. זיין ציעל איז געווען דיא פיראמידע, וואָס האָט אויסגעזעהען פון ווייטען ניט מעהר וויא א פינטעלע, און וואָס איז אָבער פון מינוט צו מינוט געוואָרען גרעסער און גרעסער.

וויא ער איז צוגעגאנגען הארט לעבען דיא פיראמידע, האָט ער אויסגעשריען מיט א העלע שטימע: „ביילער בייגי!“ (הערר איבער אלע הערען).

— ווער רופט מיך? — האָט איהם געענטפערט א פערשטיקטע שטימע.

— איך, דיין באָטע (שליח), וואָס קומט פון סטאמבול.

— און וואָס פיר א נאכריכט ברייגנסט דו מיר פון דאָרטען?

— דיא זיעבען בעג'ס (פירשטען) פון סטאמבול שיקען דיר דורך מיר א גרוס און מיטטהיילען דיר, דורך מיין מונד, דאָס ביז אהער האָט נאָך דער שייך־אול־איסלאם גאָר ניט אויסגעפיהרט, און דאָס ער בעמיהט זיך נאָך וויא פריהער ארייגצוחאפען ביי זיך אין האנד דיא הערשאפט פון דיא רעגיערונג.

— דאָס איז פיעל גלייך ווער פון זיי עס וועט האָבען דיא הערשאפט, ער אָדער וואלידע, — האָט געענטפערט דיא שטימע — צו אזוי צו אזוי, איז אלץ ניט גוט, און דער טאָג וואָס עס וועט אויף אלץ קומען א מפלה, איז שוין גאָר ניט ווייט.

— דער פרינץ סאלאדין און רעציע זיינען ביי דעם גריכע לאצארוס אין דיא

הענד; ער האַלט זיי ביידען פערשפּאַרט אין דיא רואינע „קאַדריש“,— האָט דער וואַנדרער ווידער מיטגעטהיילט.

— עס טהוט מיר גרויס לייד וועגען קליינעם סאַלאַדין, — האָט זיך אָבגערופען דיא שטימע — ער וועט דיא געפּענגניס דאָרטען ניט אויסהאַלטען.

— וועגען דעם דאַרפט איהר זיך ניט קימערן, מען האַלט איהם זעהר גוט, וויל, דער שייך־אול־איסלאַם האָפט דורך דעם צו געווינען דיא פריינדשאַפט און דאַנקבאַר־קייט פון סאַלאַדין'ס פאָטער, פון דעם פּרינץ מוראַד. דער שייך וויל ניט אַנדערש האָבען מוראַד'ן און האַמיד'ן אויף זיין זייט און דעריבער האָט ער זיך זעהר פיעל בעמיהט וועגען זיי ביים סולטאַן און האָט פיעלעס פיר זיי געפּועלט.

— און איך בלייב דאָך ביי דאָס מיינינגע, — האָט אויף דעם בעמערקט דיא גע־היימע שטימע, — וואָס איז איין מאָל בעשערט געוואָרען פון הימעל דאָס מוז ווערען אויסגעפיהרט, און עס העלפט ניט קיין מאַכט און קיין טראַכט... יעדע שולד מוז האָבען איהר בעצאָהלונג אויף דער וועלט!...

— ווידער האָב איך אייך צו מעלדען, דאָס מען האָט דער וואַהרזאָגערין'ס טאָכטער ערהאַלטען דעם לעבען. זיא האָט זיך נאָר אָבגעלייגט אויף גוטע פרומע זאַכען און יעצט ווענדט זיא אָן אַלע קרעפטען אויסצופאָרשען דיא פּלענער און געדאַנקען פון שייך־אול־איסלאַם און פון דעם גריכע לאַצאַרוס.

— איז לאַצאַרוס דער זעלבער גריכע, וואָס האָט ערשטאָכען רעציע'ס ברודער?

— יא, יא, דערזעלבער, — האָט געענטפערט דער איינזאַמער וואַנדרער, — און דאָס האָט איהם בעפאָהלען צו טאָהן דער שייך־אול איסלאַם, דאָס איז געווען זיין ווילען.

— וועהע צו דעם גלויבען וואָס זיינע פאָרשטעהער בענוטצען זיך מיט אַזעלכע בלוטיגע און טיראַנישע מיטלען! — האָט אויסגעשריען די שטימע פון אונטער דער ערד, — דער גאָט פון ליעבע הייסט ליעבען אַלע מענשען גלייך. אַלע מענשען זיינען ברידער און קיינעם דאַרף ניט קימערן, וויא און אין וואָס דער אַנדערער גלויבט!

— מאַנזור־עפענדי האָט געמאַכט פון סיררא'ן א וואונדער, א פּראָפעטין, — האָט דער וואַנדרער וויטער רעפּאָרטירט.

—אַלזאָ, בעפעהלע איך, דאָס אונזערע ברידער זאָלען איהר בעהילפיג זיין און דאָס עס זאָל איהר נאָך ניט אויף א האָאר געקרימט ווערען אָהן א שטראָפע. — און וואָס נאָך? — האָט דיא שטימע געפרעגט.

— דיא בעג'ס פון שטאַמבול פרעגען צו איז שוין ניט געקומען קאַדידזע'ס און לאַ־צאַרוס לעצטער טאָג.

— זיי וועלען שוין אַליין וויסען ווען ער וועט קומען. נוא, און וואָס ווייטער?

— סאַדי־בעי און צאַרא־בעי זיינען ניט געמיידט, נאָר מען האָט זיי פערשיקט אום צו בעשטראַפען דיא בלוט־ברויט מיט איהר פאָטער. זיי זיינען דאָ ניט וויט.

— איך וויים דאָס און איך וויים נאָך, דאָס סאַדי־בעי געפינט זיך אין א גרויסע געפאַהר. צאַראַ־בעי וויים ניט פון דעם, ווייל אַלע שלוחים, וואָס זיין קאַמעראַד האָט צו איהם געשיקט, זיינען אין וועג געטוידט געוואָרען פון דיא אַראַבער. סאַדי דאַרף אָבער ניט אומקומען. אַלזאָ, זאָלסט דוא דעם ערשטען בעג וואָס דוא וועסט אָנטרע־פען בעפעהלען אין מיין נאָמען, ער זאָל וואָס צום גיכסטען געבען צו וויסען צאַרא־בעי ער זאָל קומען מיט הילפע צו סאַדי'ן, ווען ניט זיינען זיי ביידע פערלאָרען !....

— דיין בעפעהל וועט פינקטליך ערפיהלט ווערען, — האָט געענטפערט דער וואַנ־דערער, — מעהר האָב איך דיר ניט צו רעפּאָרטירען. וואָס פערלאַנגסט דו ווייטער איך זאָל טאָהן ? זאָג — און איך בין דיין קנעכט דיר צו פאָלגען און געהאָרכען.

— מעהר איז דערווייל ניט דאָ וואָס צו טאָהן. דוא זאָלסט נאָר מעלדען אונזערע ברידער, דיא וויטיגע און דיא נאָהענטע, דאָס איך שלאָף ניט און וויים פון אַלץ. מעל־דע אונזערע בעגען, דאָס איך בין העכסט צופריעדען מיט זייער טריייהייט און גינציג־קייט. דיא גרויסע שטונדע וואָס מיר דאַרפען אַלע צוזאַמען קומען אין סטאַמבול איז נאָך ניט געקומען, אָבער עס איז שוין ניט פיעל צו וואַרטען. דיא סמנים וואָס וויזען אויפ'ן גרויסען שטורם בעוויזען זיך שוין. אין עטליכע מאָנאַטען ארום, ניט שפּע־טער, וועט פערגאָסען ווערען דיא ערשטע בלוט.... זייט נאָר אַלע אויפריכטיג.... גרויסע פלאַמען וועלען אויפפלאַקערן און מיר וועלען זיי איינלעשען..... גאָט איז דער גאָט פון ליבע און גנאָדע. אַלע מענשען זיינען ברידער. קיין שטרייט זאָל מעהר ניט שאַפען קיין אומגליקען אויף דער וועלט. פריידען און זעגען איז אונזער ציעל. יעצט געה אין פריי־דען, — האָט דיא שטימע זיך אָבגערופען צום וואַנדערער — דוא ווייסט שוין אַלץ וואָס דוא דאַרפסט וויסען.

דער וואַנדערער האָט זיך טיעף פערנייגט, אָבוואָהל קיינער איז פאַר איהם ניט געשטאַנען, האָט צוזאַמען געלייגט דיא הענד אויפ'ן ברוסט און איז אוועק צוריק פון פּיראַמידע אויף דעם קאַראַוואַן וועג אַזוי איינזאַם וויא ער איז געקומען. קיינער האָט איהם ניט געזעהן, ניט געהערט ; קיין שפּור פון זיינע פיס, קיין טריט איז אויפ'ן זאַמד ניט געבליעבען, דער ווינד האָט דאָס גלייך פערוועהט און פערקעהרט.

36.

צאַרא־בעי מיט זיינע סאָלדאַטען.

דיא בלוט־ברויט, מיט א קינזשאַל אין האַנד, איז אַריינגעגאַנגען אין געצעלט, וואו עס איז געלעגען דער פערוואונדעטער סאַדי, אום איהם אַרונטער צונעהמען דעם קאָפּ. זיא האָט זיך פעסט בעשלאָסען אויף איהם אפילו א בליק ניט צו טאָהן, כדי עס

זאָל זיך ביי איהר אין הארצען ווידער ניט ערוועקען א געפיהל פון ליעבע, אזוי וויא צום ערשטען מאהל. זאָליהא וואָלטווירקליך אזוי געטאָהן און עס וואָלט שוין פון אונזער סאדין געוועזן א סוף; אָבער, שטעלט אייך פאָר איהר וואונדער, איהר ערשטוינען, דאָס זיא האָט סאדי'ן ניט געפונען אין געצעהלט וואו זיא האָט איהם געלאָזען. וויא אזוי איז ער פון דאָרטען פערשוואונדע געוואָרען? ער האָט דאָך קיין כח ניט געהאט צו ריהרען מיט א גליד? געוויס האָט איהם ווער עס איז אין דער שטיל ארויסגעטראָגען? ווער? זאָליהא האָט איבערלייגט ביי זיך דיא זאַך, איז ביי איהר געפאלען א חשד אויף על־אָמאר. „געוויס איז דאָס זיין ארבייט, איז ביי איהר געבליעבען; ער ליעבט איהר און איז פון דער ערשטער מינוט אָן אייפערזיכטיג צו דיעזען סאדין. וואָס האָט נאָך געקענט אָבלעבען און געזונד ווערען. אום פון איהם פטור צו ווערען, ער זאָל איהם ניט שטעהן אין וועג צו זאָליהא'ס ליבע, האָט ער איהם געוויס אין דער שטיל געטוידט און וואו עס איז בעהאלטען".

דאָס האָט איהר שרעקליך פערדראָסען; עס האָט איהר געקריינקט אין צווייען. ער־שטענס, האָט איהר פערדראָסען, וואָס סאדי איז שוין אויף אימער טוידט. אָבוואָהל מיט א מינוט פריהער האָט זיא געברענט צו זעהען זיין בלוט, אָבער יעצט האָט זיך שוין ביי איהר געביטען דער געמיטה. צווייטענס, איז איהר גאָר ניט געפעהלען וואָס על־אָמאר וועט זיך פירן גאנצען לאגער בעריהמען דאָס ער האָט געטוידט סאדי'ן, און ווען ניט ער, וואָלט נאָך דיעזער טערק געלעבט ביז אהער און פיליכט גאָר אויף אימער געבליעבען לעבען, ווארום זיא, ד. ה. זאָליהא איז געוועזן צו איהם צו גוט געניינט, גע־ווים האָט זיא זיך אין איהם פערליעבט.... אזוי וועט זיך על־אָמאר פיר אלעמען בערי־מען, און דאָס האָט זיא געהאלטען פיר א בעליידיגונג פיר זיך, דאָס איז איהר ניט אָנגעשטאנען. ביישטעהן אזעלכע צוויי געפיהלע וויא בעליידיגטע ליעבע (ווארום זיא האָט דאָך ווירקליך געליעבט סאדי'ן) און בעליידיגטע עהרע איז זאָליהא'ס פרויען הארץ ניט געוועזן אים שטאנד. איהר צאָרן האָט געברענט וויא א פייער; מיט דעם הוילען קינ־זשאל אין האנד, איז זיא ארויסגעלאָפען פון געצעלט און וויא א משוגענע דורכגעלאָפען דעם גאנצען לאגער. זיא האָט געוואָלט אָנטרעפען וועם עס איז פון איהרע מענשען, אום איהם צו בעפעהלען טאָהן דאָס, וואָס זיא האָט געפונען פיר נייטיג. זי האָט אָבער קיינעם ניט אָנגעטראָפען, ווייל עס איז שוין געוועזן גאנץ שפעט אין דער נאכט און דיא בעדואינער זיינען שרעקליך ערמידעט געוועזן פון שטרייט, האָבען אלע געשלאָפען וויא געשטאָרבענע. דאמאָלס האָט זיא זיך דערמאָנט אָן דיא טרומפעט, וואָס איז ביי איהר געוועזן צוגעבונדען צום גארטעל. וויא א פייל פון בויגען האָט זיא געחאפט דיעזען טרומפעט און האָט אָנגעפאנגען צו געבען סיגנאלען פון אלארם, אזעלכע שטארקע, געוואלדיגע און פערטויבענדע סיגנאלען, אזוי וויא דער פיינד מיט א גרויסע ארמעע

וואָלט פלוצלונג געמאכט אויפ'ן לאגער א בעפאל. איהר פלאן האָט זיך איינגעגעבען, ווארום עס האָט ניט געדויערט קיין פיערטעל שטונדע וויא דער גאנצער לאגער איז גע־וועזען אויף דיא פיס, בעוואפענט וויא שוין צו געהן צום שטרייט. דיא ערשטע וואָס זיי־נען געקומען צולויפען צו איהר, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, ווארען איהרע ברידער. זיי האָבען איהר געפרעגט דיא אורזאך פון דעם לארם, וואָס זיא האָט אויפגעמאכט, און זיא האָט געענטפערט:

אין אונזער לאגער האָט זיך פאסירט א סקאנדאל, א שענדליכער סקאנדאל, וואָס האָט זיין גלייכען ניט. איך האָב זיך געוואָלט נוקם זיין אָן אונזער פיינד און טוידטען דעם פערוואונדעטען טערקישען אָפיציער, וואָס איך האָב געהייסען אריינטראָגען אין א געצעלט, אָבער וויא איך בין אהין אריינגעגאנגען האָב איך איהם שוין דאָרטען ניט געפונען. ווער האָט איהם געקענט פון דאָרטען ארויס גנב'נען? א פרעמדער וואָלט אהין ניט געקענט צוקומען, ווארום אונזער לאגער איז שטרענג בעוואכט, און ווידער, פון וואנען וואָלט א פרעמדער וויסען, דאָס ער ליגט אין דיעזען געצעלט? וויא אזוי האָט ער געטראָפען פונקט אהין? געוויס האָט דאָס געטאָהן איינער פון אונזערע אייגע־נע מענשען, און וויא איך פערשטעה, איז דאָס ניט קיין אנדערענ'ס ארבייט וויא על־אָמאר'ס. איך האָב בעמערקט, דאָס ער האָט זיך מיד אלץ געדרעהט ארום דיעזען גע־צעהלט. אלזאָ, פערלאנג איך, מען זאָל זיך שטרענג נעהמען צו איהם, ער זאָל זאָגען דעם אמת.

על־אָמאר איז גראָד געוועזען דערביי וויא זיא האָט געזאָגט דיא לעצטע ווערטער.

—און צו וואָס זאָל איך דאָס טאָהן? — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר. — איך האָב קיין אורזאך ניט געהאט דאָס צו טאָהן און איך וויים ניט פון וואָס צו זאָגען. דער גאנצער אונגליק איז מיינער, וואָס איך האָב בעמערקט דיין שוואכהייט, דאָס אָנשטאָדט גלייך צו שטעכען אונזער פיינד, האָסט דוא איהם פערשוינט, ווייל דוא האָסט דיך אין איהם פערליעבט. איך האָב דאָס צום אונגליק בעמערקט און דיר שטייט דאָס ניט אָן, דעראיבער ווילסט דוא פון מיר פטור ווערען און מאכסט אויף מיך א בלבול!.....

דיעזע זידלעריי, דיזע פאָרווירפע, וואָס על־אָמאר האָט איהר געמאכט פיר אלעמען אָני דיא אויגען, האָבען איהר אזוי אויפגעבראכט, דאָס זיא האָט איהם געוואָלט שטעכען אויפ'ן שטעל. זיא האָט געחאפט איהר ווארף שפיז און האָט א שליידער געטאָהן געגען איהם. זיא האָט איהם געטראָפען, אָבער ניט געפעהרליך; ער איז נאָר געוועזען פער־וואונדעט. ער איז געבליעבען שטעהן וויא העלד, און עס האָט איהם ניט געארט, וואָס פון דיא אָפענע וואונד פלייצט בלוט.

זאַליהאַ האָט זיך מיט דעם נאָך ניט בעגנינעגט; זיא האָט נאָך דערצו גוט איהם אויסגעזידעלט.

— דוא וואנסט מיר צו זאָגען אזעלכע ווערטער?—האָט זיא אנגעשריי געטהאָן אויף איהם,—דוא וואנסט מיך צו בעליידיגען? מיין ניט, דאָס איך האָב ניט קיין גלייכע האנד צו ווארפען, מיין ניט, דאָס איך האָב דיך ניט געטראָפען; ניין, איך האָב בכיון אזוי געוואָרפען, ווייל איך וויל נאָך דיך ניט טיידטען, איך וויל פריהער דיך צווינגען, דוא זאָלסט זיך מודה זיין אין דיין שולד, דוא זאָלסט זאָגען דעם אמת. און מיין ניט, דאָס דוא ווערסט ביי מיר אָבקומען מיט ליגען. קיין אנדערער וויא דוא האָט דאָס ניט געטהאָן. דוא האָסט מיך געוואָלט בעליידיגען און ווייזען מיין גאנצע ארמעט, דאָס איך בין ניט בעסער וויא אנדערע פרויען, וואָס פערליבען זיך אין א צווייטען אין דיא צייט וואָס זיי בעדויערן נאָך דעם ערשטען.

— דוא האָסט אין מיר א גרויסען טעות, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר,— איך וועל אויף מיך אומזיסט קיין שולד ניט נעהמען. איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען איך בלייב ביי דאָס מיינינע: דוא ביזט אין כעס אויף מיר הויל צוליעב דעם, וואָס איך האָב בעמערקט דאָס דוא האָסט דיך פערליעבט אין דעם טירקישען אָפיציער,וואָס האָט דיך בעצויבערט מיט זיין שיינעם געזיכט. יא, איך האָב ווירקליך בעמערקט וויא דוא ביזט פלוצלינג א פערענדערטע געוואָרען... דאָ האָסט דוא געברענט וויא א פייער צו נעהמען נקמה, און מיט אמאָל איז ביי דיר צוגאנגען דיא הארץ פון ליעבע... וואָס רייד איך, ליעבע. דוא האָסט איהם אָנגעקוקט וויא אן ענגעל פון הימעל, וויא א גאָט, האָסט דיך אראָבגעלאָזען פאר איהם אויף דיא קניע און מיט דיא גרעסטע פריידע בעטראכט זיין געטליכע געשטאלט!....

וואָס מען האָט איהם ניט געפרעגט, מיט גוטען און מיט בייזען, איז ער געבליבען ביי דאָס זייניגע, דאָס ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען, ניין און ניין. דער סוף איז גע־וועזען, דאָס דיא בלוט־ברויט איז ארויס פון געדולד און האָט על־אָמארן מיט איהר אייגענע הענד אריינגערוקט א קינזאל אין הארצען. איהר פאָטער מיט דיא ברידער האָבען דער נאָך דיעזען אונגליקליכען יונגען מאן צוהאקט אויף שטיקער מיט זייערע דעגענס.

אין דיזעלבע צייט, וויא דאָ איז געשעהען דיעזע מערדערישע בלוט־פערגיסונג, איז אויפ׳ן אנדערן עק לאגער מיט א מאָהל געוואָרן א לארם און א געוואלטיגער טומעל, וואָס איז באלד דערגאנגען צו דיא אויערן פון דיא בלוט־ברויט און פון איהר פאָטער און איהרע ברידער. וויא עס האָט זיך דער נאָך אויסגעלאָזען, איז דאָס געוועזען א בעפאָל פון צארא־בעי. דיא געשיכטע איז געוועזען אזוי. צארא־בעי מיט זיינע סאָלדא־טען איז געשטאנען אָן א זייט, א מייל פיער פון די גרויסע קאראוואנען וועג, איהם איז

בעסער געפעלען צו שטעהן אין יענעם פונקט, וואו עס זיינען געוועזען שטילע פריד־ליכע ארבייטער און ער האָט לייכט געקענט פון דאָרטען אויסשפּיאָנירען דעם גאנצען געגענד און דערביי ניט פערלירען קיינעם פון זיינע רייטער. ער האָט געוואוסט אלץ וואָס עס קומט פאָר אין גאנצען געגענד און איז געוועזען זיכער, דאָס איהם וועט מען פלוצלינג ניט בעפאלען. וואָס מיט סאדי'ן איז האָט ער ניט געוואוסט. איין מאָל איז ער געזעסען ניט ווייט פון זיין לאגער אויף א הויכען אָרט און האָט געקוקט אין א שפּאקטיווע צו זעהן צו געהט אָפּט ווער פון דיא פיינדליכע בעדואינער. לעבען איהם איז געשטאנען א מוזיקאנט מיט א טרומפּייט, פיללייכט וועט מען דארפען געבען א סיגנאל. אין עטליכע מינוט ארום האָט ער דערזעהען פון ווייטען איין אָבגעריסענעם מאן, וואָס געהט מיט האסטיגע טריט גלייך צו איהם אין לאגער. ער איז באלד צו גע־גאנגען צו דיא פּיקעטען, און צארא־בעי האָט זיך זעהר געוואונדערט, דאָס דיא סאָל־דאטען שטעלען איהם ניט אָב און לאָזען איהם פריי דורכגעהן. באלד אָבער האָט צארא־בעי בעמערקט, ביים שיין פון דער לבנה, דאָס דער אָבגעריסענער מאן האָט געהאט אויפ'ן שטערען אונטערן קאָפּ־טוך א גלענצענדע לענטע און ער האָט פערשטאנען דיא אורזאך, וואָס דיא סאָלדאטען האָטען איהם ניט אָב. „דיא גאָלדענע מאסקע", האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, „געוויס איז דאָס ניט אומזיסט"... געוויס האָט זיא פיר מיך א וויכטיגע נאכריכט און וויל מיך פערהיטען פון א געפאהר, ווארום אומזיסט בעווייזט זיא זיך ניט"...

וויא ער האָט אזוי מיט זיך גערעדט, האָט דיא גאָלדענע מאסקע איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען.

— צו וואָס רופסט דוא מיך ?—האָט צארא־בעי געפרעגט.

— איך קום, אום דיך צו פיהרען צו דיין פריינד סאדי־בעי,—האָט דיא גאָלדענע מאסקע געענטפערט,—אלזאָ, נעהם דיינע סאָלדאטען און קום מיט מיר. איך וועל אייך פיהרען צום פיינד וואָס איז בעפאלען אויף סאדי און האָט איהם בעזיעגט. סאדי איז אין געפאהר, מיר מוזען זיך איילען.

— אזוי דער פיינד האָט איהם איינגענומען ? ער איז אין געפאהר ?—האָט צארא־בעי מיט גרויס אונרוהע געפרעגט.

דיא גאָלדענע מאסקע האָט מעהר ניט גערעדט. זיא האָט איהם נאָר געוואונקען מיט'ן האנד, ער זאָל וואָס גיכער צונויפרופען זיינע סאָלדאטען און געהן מיט איהר.

צארא־בעי האָט מעהר ניט געפרעגט. ער האָט געוואוסט, דאָס ווען דיא גאָלדענע מאסקע זאָגט עטוואָס, איז דאָס הייליג, און ווען זיא הייסט עטוואָס טהאָן, דארף מען ניט מאכען קיין איבריגע שאלות און טהאָן וואָס זיא הייסט. צארא־בעי האָט געהייסען פאהר ! ער ברויכט אונזער הילף און מען קען מעהר א מינוט ניט פערזאמען ! פאָר־בען זיך גלייך אויפגעהאפּט און זיך צובערייט צום שטרייט.

— שנעל ! שנעל !—האָט צאַרא־בעי געשריען,—סאדי־בעי איז אין גרויס גע־דעם טראָמפּעטער געבען א לארם־סיגנאל. דיא סאָלדאטען מיט זייערע אָפיצירען האָ־ווערטס !

אייניגע אָפיצירען האָבען איהם געפרעגט, ווער האָט איהם דיעזע טרויעריגע נאַכריכט געבראַכט, ווייל זיי האָבען קיין פעלד־יעגער ניט געזעהען קומענדיג און אָהן זייער וויסען איז דאָך ניט מעגליך געוועזען אריינצוגעהן אין לאגער.

— דיעזע נאַכריכט האָב איך אָט־ערשט בעקומען פון איינעם, וואָס קען דורכגעהן דורך דיא גרעסטע וואַך און מען וועט איהם ניט זעהען. און ווען איהר ווילט וויסען, ווער דאָס איז, אָט איז ער פאר אייערע אויגען,—האָט זיי צאַרא־בעי אָנגעוויזען אויף דיא „גאָלדענע מאַסקע", וואָס איז געשטאַנען פאָראויס.

ווי דיא אָפיצירען האָבען איהם דערזעהען, האָבען זיך אלע טיעף פערנייגט פאר איהר. צאַרא־בעי האָט גלייך געהייסען אלע זיינע סאָלאטען ארויסגעהן פון לאגער און מאַרשירען פאָראויס מיט א שנעלל־מאַרש.

— צום זיעג ! צום זיעג !—האָט ער אויסגעשריען,—זעהט, ווער עס איז אייער אָנפיהרער ! אייער וועגווייזער איז דיא „גאָלדענע מאַסקע" ! שנעלל ! ניט געזאַמט ! סאדי־בעי איז אין געפאהר.

קוים וואָס זיי זיינען אַבגעגאַנגען א פּאָר ווי־אָרסט, האָבען זיי אָנגעטראָפען ענט־לאָפענע סאָלדאטען פון סאדי'ס ארמעע. דיעזע סאָלדאטען האָבען ערצעהלט דיא מפּלה וואָס סאדי האָט געהאַט אין שטרייט מיט דיא בעדואינער, ווי אלע זייערע קאַמאראדען זיינען אומגעקומען און זיי זיינען דיא איינציגע וואָס זיינען געבליבען לעבען.

— און וואָס איז מיט סאדי'ן אליין ? — האָט צאַרא־בעי געפרעגט מיט גרויס האַסט,—איז ער טוידט אָדער געפאַנגען ? ערצעהלט אלץ וואָס איהר ווייסט פון איהם !...

— אונזער קאָמאַנדיר איז שטאַרק פערוואונדעט און דער צו נאָך געפאַנגען !—האָבען דיא סאָלדאטען געענטפערט,—דיא בלוט־ברויט זעלבסט האָט איהם מיט זיך אין דעם פיינד'ס לאגער אַבגעפיהרט.

— גענוג !—האָט צאַרא־בעי אויסגעשריען,—מעהר ברויך איך ניט צו וויסען ! עס איז קיין מינוט צו פערלירען ! מיר מוזען זיך אָברעכענען מיט דיעזער בלוט־ברויט ! דיא ווילדע אראבער מוזען ביז איינער פון אונז פערניכטעט ווערען !

צאַרא'ס ווערטער האָבען זעהר געווירקט. זיינע סאָלדאטען זיינען געוואָרען צו־היצט און האָבען אָנגעפאַנגען צו מאַרשירען מיט דאָפּעלטער קראַפט, דיא גאָלדענע

מאסקע פאראויס און זיי נאך איהר. עס האט ווענינ געדויערט און זיי האבען עררייכט דעם ציעל פון זייער שנעל־מארש, זיי זיינען געקומען אין פיינד'ס לאגער. דיא אראבער זיינען זיך געוועזען גאנץ רוהינ נאך דעם וויא זיי האבען ביי טאג געשטריטען און צושלאגען סאדי'ס גאנצע ארמעע, זיי האבען זיך גערעכנט, דאס יעצט זיינען זיי שוין גאר תקיף און האבען ניט וואס מורא צו האבען פיר דיא טירקען, וואס קענען צו זיי נאך אזוי גיך ניט קומען. זיי האבען אבער א גרויסען טעות געהאט, וויא דיא טירקען זיינען שוין געוועזען לעבען דיא אראבער, האט דיא גאלדענע מאסקע א ווינק געגעבען, זיי זאלען שוין מאכען א בעפאל און זיא אליין איז פערשוואונדען געווארען.

פלוצלינג, וויא א שטורם אין א שעהנעם וועטער, זיינען דיא טירקען ארויפגעפאלען אויף דיא אראבער און האבען אנגעפאנגען צווישען זיי צו שניידען און צו רייסען אזוי וויא בייזע טיגער'ן צווישען א סטאדע שעפסען. אין צוויי דריי מינוט איז אין שטילען לאגער געווארען א שרעקליכער טומולט, וואס האט עררייכט דיא אויערן פון דיא בלוט־ברויט, אזוי וויא מיר האבען שוין געזאגט, אין דיא זעלבע מינוט, וואס זיא האט אריינגעשטויסען איהר קינזשאל אין דעם אונגליקליכען על־אמאר'ס הארץ.

באלד האט דער עמיר אליין מיט זיינע זיהן אויך דערהערט דעם לארם און אין א מינוט זיינען אלע אראבישע סאלדאטען געוועזען אויף דיא פיס. אין אלעם זיינען זיי געוועזען ביז טויזענד מאן און טירקען זיינען נאר געוועזען נאהנט פון זעקס הונדערט. עס איז קיין וואונדער ניט, דאס דיא טירקען האבען פיעל געליטען אין דיעזען שטרייט פון דיא אראבער, וועלכע זיינען געוועזען צוויי מאל אזוי פיעל וויא זיי.דיא טירקען האבען אבער געהאט קאנען, הארמאטען, וואס האבען אנגעמאכט גרויסע לעכער אין דיא אראבישע פראנטען, און צוליעב דעם האבען דיא טירקען זיי איינגענומען. דיא אראבער האבען אפילו געשטריטען מיט אונגעוועהנליכע דרייסט, בפרט נאך דיא העלדען־מיידכען, דיא בלוט־ברויט; אבער וואס פיר א בעטרעף האבען זיי געקענט האבען געגען קאנאנען, וואס יעדע פון זיי לייגט אוים מיט איין שאס מעהר מענשען, וויא הונדערט ביקסען מיט הונדערט מאל שיסען צוזאמען.

דיא אראבער האבען פערלארען מעהר וויא א העלפט פון זייערע מענשען. דיא איבריגע זיינען צולאפען געווארען און זייער גאנצער לאגער מיט אלץ וואס איז דארטען געוועזען איז געבליעבען ביי דיא טירקען אין דיא הענד.

וויא דער שטרייט האט זיך נאר געענדיגט, האבען דיא טירקען נאטירליך פריהער וויא אלץ געזוכט זוכען סאדי'ן. ליידער, איז זייער מיהע געוועזען אומזיסט. זיי האבען איבערגעטרייסעלט דעם גאנצען לאגער אין דער לייננ און אין דער ברייט און האבען פון איהם קיין זכר ניט געפונען. ניט גליקליכער זיינען זיי געוועזען מיט דיא געפאנגענע אראבער, ביי וועלכע זיי האבען געפרעגט מיט גוטען און מיט בייזען, וואו איז

סאדי? צו לעבט ער צו ניט? אויף אלע זייערע פראגען, האָבען דיא אראבער געהאט איין ענטפער: „מיר ווייסען ניט" און ביי דעם זיינען זיי געבליבען.

דער משוגענער סאָפטי.

אין אונזער בעקאנטען ראטהס־קאבינעט אין דער רואינע זיינען געזעסען מאנזור־עפענדי און זיין געהילפע האמיד־קאדי און האָבען זיך געהאלטען עצות וועגען אנגעלע־גענהייטען פון דער רעגירונג.

— אורזאכען וועלען זיין גענוג, האָט געזאָגט דער שייך־אול־איסלאם, — דיא ג׳אורען („גיאור" הייסט אויף טירקיש א מענש אָהן א גלויבען; אזוי רופען דיא טיר־קען אלע מענשען וואָס זיינען ניט קיין מאחמעדאנער און גלויבען ניט אין זייער רע־ליגיאָן.) אליין וועלען אונז שאפען איין אורזאך, מיר זאָלען זיך נעהמען צו זיי מיט שווערד און ביקס. איך האָב בעקומען א זיכערע ידיעה, דאָס אין קורצען קלייבען זיך דיא קריסטען ארויסצעגעהן געגען אונז מיט איין אָפענע רעוואָלוציאָן און דאמאָלס וועלען מיר שוין קענען טהאָן מיט זיי וואָס עס וועט זיך אונז געלוסטען. אין שטאָדט סאלאָניק וואָהנט א בולגארישע מיידכען וואָס וויל הייראטהען מיט א יונגען טירקע. דיעזער טירקע אָבער פערלאנגט ניט אנדערס, דאָס מעדכען זאָל זיך פריהער ענטזאגען פון קריסטליכען גלויבען און אָנגעהמען אונזער גלויבען. איהרע עלטערען ווידער און דיא קריסטען פון יענער שטאָדט ווילען דאָס ניט דערלאָזען. דיא קריסטען און דיא מאחמעדאנער פון דאָרטען זיינען פון אייביג אָן אנגעשטויסען איינע אויף דיא אנדערע. דיא מעשה מיט דאָס מעדכען האָט נאָך דיא פיינדשאפט צווישען זיי א סך פערגרע־סערט. ביי אזעלכע אומשטענדען דארפען מיר ניט שטעהן פון ווייטען; מיר דארפען געברויכען אלע מיטעל דאָס דער רעליגיאָנס־האס צווישען קריסטען און מאחמעדאנער זאָל אויפפלאקערן וואָס שטארקער, כדי דיא קריסטען זאָלען פערלירען דיא געדולד... דאמאָלס וועט שוין דאָרטען געוויס קומען צו א רעוואָלוציאָן און מיט בונטאָוושציקעס וועלען מיר האָבען רעכט זיך צובעגעהן וויא מיר פערשטעהען... יעצט זיינען ביי אונז געבונדען דיא הענד, אָבער דאמאָלס וועלען מיר שוין זיין פריי... און מיר זיינען דאָס מחויב צו טהאָן פיר אונזער היילינגע רעליגיאָן וואָס ליידט פון דיא הינד צופיעל. זיי האָבען פערדאָרבען מיט זייערע אפיקורסות און אראָבגעפיהרט פון וועג אונזערע אלע יונגע לייט. גענוג שוין פיר אונז צו שווייגען! מיר מוזען זיך אָננעהמען פיר אונזער גלויבען, וואָס קען נאָר גערייניגט ווערען פון דיזעם קריסטען שמוטץ דורך דיא בלוט פון אונזערע פיינד!...

— דאָס וואָלט אפילו געווען זעהר גוט,—האָט אויף דעם בעמערקט האמיד־קאדי,—איך פירכטע אָבער פיר איין זאך. איך פירכטע, געמליך, דאָס דיא רעוואָלו־

ציאָן פון דיא קריסטען וועט זיך צופיעל פערברייטען און וועט ווערען פיר אונז זעהר געפעהרליך... פערגעסט ניט, דאָס עס זיינען דאָ אונטער זיי גאנצע פעלקער וואָס קענען ארויס געגען אונז מיט גרויסע ארמעען, פיעל מעכטיגערע וויא אונזערע. אלזאָ, מיין הערר, איז אייער פלאן צו פיעל ריזיקאליש, דאָס איז דאָס זעלבע וויא אונטער־צינדען איין אייגענע הויז...

— דאָס איז אפילו גאנץ ריכטיג, — האָט געענטפערט מאנזור־עפענדי,—איך וויים אליין אויך דאָס דיא גיאורען זיינען גענוג שטארק און עס איז א ריזיקע מיט זיי זיך אָנצוהייבען. דאָך אָבער איז נעטהיג צו ריזיקירען צוליעב אונזער הייליגע רעליגיאָן. יעצט איז נאָך דאָ צייט איהר צו רעטען זיא זאָל אין גאנצען ניט אונטערגעהן. עס זיינען נאָך דאָ אונטער אונז גענוג ברענעדיגע מאחמעדאנער, וואָס וועלען גערן אָפפערן פיר איהר גוט און בלוט, לייב און זעלע. איך ברויך מעהר ניט צו טהאָן וויא א ווינק און דיעזע פרומע לייטע וועלען קומען צו אונז הונדערטע טויזענד וויז... יא, מיין איין ווינק קען פיעל מעהרווירקען וויא דעם סולטאן'ס שטרענגסטע בעפעהלע. יא, מיר דארפען נאָר דיעזע בלוט־פערגיסונג א נאָמען געבען „רעליגיאָנס קריעג" און אלע סאָפטים, דערווישען, אימאנען וועלען אָנפאנגען צו פרעדיגען אין דיא מעטשעטען, דאָס יעדער וואָס איז טריי אונזער רעליגיאָן זאָל זיך אומגעזאמט בעוואפנען און זיך שטע־לען אין פראָנט פון דיא הייליגע קריעגער. דאמאָלס וועלען מיר שוין זיין צעהן מאָל שטארקער און רייכער וויא אונזערע פיינדע!

— זעהר גוט אויסגערעכענט,—האָט זיך אָבגערופען האמיד־קאדי,—דאמאָלס וועלען אלע זעהען וואָס פיר א בעדייטונג עס האָבען דיא מאחמעדאנישע גייסטליכע. דיא רעגירונג אליין, וואָס וועט זיך זעהר נעטהיגען אין געלד, ווייל דיעזער שטרייט, אין וועלכען מיר וועלען איהר אריינשלעפען, וועט געוויס אָבקאָסטען מיליאָנען; דיא רעגירונג אליין וועט זיך דאמאָלס איבערצייגען, וויא ווייט מיר קענען איהר אין א נויטה בעהילפיג זיין מיט אונזערע אוצרות, וואָס זיא וויים גאָר פון זיי ניט.

— גאנץ ריכטיג,—האָט געזאָגט דער שייך־אול־איסלאם,—און דיינע ווערטער האָבען מיר דערמאָהנט א וויכטיגע זאך, וואָס איז מיר גאָר פון זינען ארויס. מיט איי־ניגע יאָהרען צוריק האָב איך געלעזען דיא שריפטען פון דעם בעריהמטען אלמאנזאר, וואָס קומט ארויס פון איין אלטע כאליפען פאמיליע. צווישען זיינע שריפטען האָב איך געפונען איין אלטען דאָקומענט, פון וועלכען עס איז ארויסצוזעהען, דאָס דער לעצטער כאליף פון דיא אבבאסידען האָט פאר זיין ענטלויפען בעהאלטען גאָר דיא אוצרות, וואָס זיינע עלטערן און עלטער־עלטערען האָבען פון וויפיעל יאָהר אָנגעקליבען, אין א זיכערען און געהיימען אָרט. דאָרטען אין פאפיר איז אפילו דאָ סמנים וויא דיעזען אָרט צו ערקענען, לײדער, אָבער האָב איך דיעזע שטעלע פיר קיין ארט ניט געקענט

דורכלעזען. וואָס איך האָב זיך ניט געמאַטערט האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען צו פערשטעהן וואָס דאָרטען איז געשריבען. צום סוף האָט דאָס מיר דערעסען און איך האָב שוין קיין חשק ניט זיך ווייטער צו גריבעלען. אלזאָ, וואָלט יעצט ניט שאַדען, ווען דוא צו זאַמען מיט אלי־שייך וואָלסט דיך גענומען צו אלמאַנזאָר׳ס שריפטען און אָנווענדען אלע כוחות דורכצולעזען יענע וויכטיגע שטעלע... ביי יעצטיגע אנגעלעגענהייטען וואָלט זעהר גוט געווען צו געפינען דיא בעהאַלטענע אוצרות...

— גאַנץ רעכט,—האָט געענטפערט האַמיד־קאַדי,—מיר וועלען פּרופען, פיללייכט וועט זיך אונז איינגעבען דורכצולעזען יענעם אלטען דאָקומענט.

אין דיעזען אויגענבליק האָט מען געמעלדעט דעם שייך, דאָס איינער פערלאַנגט צו איהם אריינגעהן. דער שייך האָט געהייסען אריינלאָזען און ביי איהם אין קאַבינעט האָט זיך בעוויזען דעם סאַפּטי איבאַמ׳ס א דינער. אויף דעם שייך׳ס פראַגע, וואָס ער בעדאַרף, האָט ער געענטפערט:

— איך קום אייך מעלדען, דאָס איך וויל מעהר ביי דעם סאַפּטי איבאַם ניט דיענען, ווייל ער איז רעכט משוגע.

— וויא לאַנג איז שוין דאָס? האָט געפרעגט דער שייך.

— פון דיא פאָריגע נאַכט אָן,—האָט דער דיענער געענטפערט.

— אין וואָס בעשטעהט זיינע משוגעת? —

— ער לאַכט, שרייט מיט קולות, דאָס עס איז אלץ פאַלש, ליגען און בעטריגעריי, דאָס דיא געשיכטע מיט׳ן וואונדער איז דורכאויס אויסגעטראַכט צו נאַרען דעם עולם...

— און וואו איז ער יעצט, דער סאַפּטי,—האָט דער שייך געפרעגט דעם דיענער.

— ער איז פערמאַכט אויבען אין א צימער, לעבען דעם צימער וואו עס געפינט זיך דער וואונדער.

— האָבען אנדערע מענשען א חוץ דיר אויך געהערט וואָס ער זאָגט?

— געוויס האָבען זיי געהערט, ער שרייט מיט קולות, דאָס א טויבער וואָלט אויך הערען. פיעלע מענשען זאָגען גלייך, ער איז גאָר ניט משוגע, און ער איז גאַנץ גערעכט... דאָס האָט איהם נאָך מעהר משוגע געמאַכט... ער פרעהט זיך און דאַנקט גאָט, דאָס עס געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט פערשטענדיגע מענשען, וואָס ליעבען דיא וואהרהייט. פערקעהרט, אָבער, פון דיא מענשען, וואָס גלויבען און קומען פרעגען זייער שיקזאַל ביי דעם וואונדער, לאַכט ער אָב, וויא פון בהמות, שוטים, אָדער פאַלשע באַנדיטען. בקצור, דער סאַפּטי איז א געפעהרליכער משוגענער, א מענש וואָס גלויבט ניט אין גאָט און ניט אין קיין היילינקייט; אויב איהר וועט איהם ניט

וואו עס איז פערשפּארען, וועט ער מיט זיין טרפה'נעם צונג וויא פיעל מענשען אראָבפיהרען פון וועג!...

דעם שייך האָט דיא מעשה גאָר ניט געשמעקט. ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט אויסגעזעהן שטארק פערזאָרגט. איידער וואָס עס וועט זיין, האָט ער בע־פאָהלען האדשא'ן (אזוי האָט געהייסען דעם סאָפטי'ס דיענער), ער זאָל צום סאָפטי קיינעם ניט צולאָזען דאָס ער זאָל מיט קיינעם א וואָרט ניט קענען אויסריידען. אין פאַל אויב האדשא וועט דיעזען בעפעהל ניט פּינקטליך ערפילען, האָט איהם דער שייך געסטראשעט מיט טויט־שטראָף.

— באלד וועל איך אליין אויך אהין קומען,—האָט דער שייך געזאָגט—איך וויל זעהען מיט מיינע אייגענע אויגען, וואָס איז דאָרטען מיט דעם סאָפטי געוואָרען.

האדשא'ן איז אפילו דיעזער בעפעהל גאָר ניט געוועזען צום הארצען, נאָר דאָך האָט ער פערשפּראָכען פּינקטליך צו טהאָן אלץ וואָס דער שייך הייסט איהם, און איז העכסט אונצופריעדען אוועקגעגאנגען צוריק אויף זיין שטעלע.

— קיינעם אין דער וועלט האָב איך ניט אזוי פיינד,—האָט זיך אָבגערופען דער שייך צו האמיד־קאדי,—וויא דעם וואָס האלט זיך קליגער פאר אלעמען און וויל אלע־מען מאכען פיר פילאָזאָפען... אויב דיעזער סאָפטי איז ווירקליך ניט משוגע, נאָר ער איז פון היינטיגע חכמים, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף דיא וועלט, וועל איך איהם שוין זעהען צו פערמאכען דעם מויל, ער זאָל מיט זיינע קלוגע רייד קיינעם ניט טהאָן קיין בייז... מען ליידט זיך גענוג אָהן איהם אויך אָן...

אין דיעזעלבע מינוט האָט דער שייך גערופען דעם עלטסטען פון דיא דערווישען און האָט איהם געהייסען אויסקלייבען דריי געזונטע קערל פון זיינע מענשען, זיי פערזאָרגען מיט שטריק און טיכער און הייסען וואַרטען לעבען זיין קאַרעטע.

— יעצט,—האָט זיך דער שייך ווידער געווענדעט צו האמיד'ן,—וויל איך דיר איבערגעבען דעם דאָקומענט, וואָס איך האָב געפונען צווישען דיא פּאַפּירען פון אלמאנזאר. איך בעט דיך דו זאָלסט איהם גוט דורכזעהען.

דער נאָך איז דער שייך ארויס מיט איהם אין קאָרידאָר און האָט איהם אריינ־געפיהרט אין ארכיוו, וואו עס ליגען אלערליי אלטע שריפטען און פּאַפּירען. דער ארכיוו איז אימער שטריינג בעוואכט און דער שליסעל פון איהם געפינט זיך שטענדיג ביים שייך אין דיא הענד. זיי זיינען אריין אהין נאָר ביינאנד, האמיד האָט געלויכ־טען מיט א ליכט אין האנד און דער שייך האָט אויפגעעפענט א שטיינערנעם אלמער מיט פערשטעלטע אָדער סעקרעטנע שופלאָדציקעס. אין איינעם פון דיא שופלאָדצי־קעס האָט דער שייך אליין אריינגעלייגט דעם דאָקומענט, וועלכען ער האָט יעצט געוואָלט איבערגעבען האמיד'ן. צום אונגליק אָבער האָט ער יעצט דיעזען דאָקומענט

אויפ'ן אָרט ניט געפונען. דאָס איז געוועזען אזא וואונדערליכע זאך, דאָס דער שייך האָט פון שרעק אויסגעשריען:

— וועה! וועה! דער דאָקומענט איז ניט דאָ!

זיי האָבען איבערגעטרייסעלט אלע שופלאָדציקעס, אלע ווינקעלאך; עס איז אָבער געוועזען אומזיסט: אלע פאפירען זיינען געוועזען אויף זייערע ערטער און דער איינציגער האָט געפעהלט. דער שייך איז משוגע געוואָרן קלערענדיג, ווי אזוי האָט מען געקענט ארויסגנבענען דיעזען פאפיר, וויא אזוי האָט מען געקענט צוקומען אהין, דורך אזא וואך און עפענען דעם אלמער, וואָס דער שליסעל פון איהם איז נאָר געוועזען ביים שייך אין דיא הענד? עס איז ביי זיי ביידען געבליבען, דאָס אין דיעזע אוננאטירליכע גנבה איז קיין אנדערער ניט שולדיג וויא דיא „גאָלדענע מאסקע" וואָס האָט זיך מיט איניגע מאָנאטען צוריק בעוויזען דאָ אין רואינע. דיעזער געדאנקען האָט דעם שייך בערוהיגט.

— מיר האָט נאָר פערדראָסען, — האָט ער געזאָגט, — דאָס אונזערע דיענער קענען זיין צו אונז אזוי פאלש, דאָס מען קען זיי אונטערקויפען און ארויסגנבענען ביי אונז וואָס מען וויל. מעהר וויא דאָס האָט מיך ניט געקרענקט, ווארום דאָס, וואָס דער דאָקומענט איז ניט דאָ, קימערט מיך ניט, ווייל איך האָב פון איהם אראָבגענומען א קאָפּיע וואָס איז פונקט ריכטיג וויא דער אָריגינאל אליין, מאָרגען וועל איך דיר דיעזע קאָפּיע איבערגעבען און דו מיט אלי-שייך זאָלסט זיך פלייסיג נעהמען צו איהר, אום גרינדליך צו פערשטעהען דעם אינהאלט פון דיעזען וויכטיגען פאפיער.

פון ארכיוו זיינען זיי ביידע צוריק ארייגעגאנגען אין ראטה'ס-קאבינעט. זיי האָבען נאָך א ביסעל געשפּראָכען און האָבען גענומען איינער פון דעם אנדערן אבשיעד. האמיד איז נאָך פערבליבען אויף א קורצע צייט אין רואינע, און דער שייך איז אוועק צו זיין קארעטע, וואו עס האָבען דערביי אויף איהם געוואַרט דריי קרעפטיגע דערווישען מיט שטריק און טיכער, אזוי וויא ער האָט בעפאָהלען. ער האָט זיך אליין ארייגעזעצט אין קארעטע און האָט דיא דערווישען אויך ארייגענומען און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען צום גרויסען מינארעט. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט הארט לעבען סאָפטי איבא'ס הויז. עס איז שוין געוועזען א שטיק אין דער נאכט, און דעריבער איז שוין ביים סאָפטי אין וואָהנונג קיינער ניט געוועזען פון דעם עולם וואָס פלעגט זיך דאָרטען שפּארען פון דער פריה ביז שפּעט ביי נאכט צו זעהן דעם וואונדער. אויפ'ן גאס זיינען נאָר געבליבען א באנדע בעטלער, וואָס האָבען גלייך דערשמעקט דאָס מען קאָן דאָ מאָכען א מטבעה און האָבען פון אלע זייטען בעלאַגערט דעם סאָפטי'ס הויז.

דער שייך האָט אָנגעקלאפּט און עס האָט קיין סעקונדע ניט געדויערט, וויא האדשא האָט געעפענט דיא טהיר און אריינגעלאָזען איהם מיט זיינע דריי דערווי־שען. דער שייך האָט געפרעגט, וואו איז דער סאָפּטי און האָט בעפאָהלען האדשא'ן, ער זאָל איהם מיט דיא דערווישען ארויפפיהרען צו איהם אין צימער. וויא זיי זיינען נאָר ארויף אויף דיא טרעפּ, האָבען זיי דערהערט וויא דער סאָפּטי האָט מיט זיך אליין געשפּראָכען.

— נייע געסט קומען אָן, מען לאָזט מיך ניט רוהען !... אלע איינוואָהנער פון שטאָדט וועלען נאָך קומען אהער, אלע לאָזען זיך איינריידען !... אָט דאָס איז בהמות! פערד ! ניט איינער בעסער וויא דער אנדערער !...

דעם שייך האָבען דיעזע ווערטער גאָר ניט געשמעקט. אָבער דאָס איז נאָך געווען גאָלד געגען דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט און אָנגעזעהען פון סאָפּטי וויא ער איז שוין אריין צו איהם אין צימער. דיא דערווישען זיינען געבליבען ווארטען אין א פאָרצימער. דער שייך האָט דערזעהען, וויא דער סאָפּטי האָט מיט גרויס כעס געשליידערט אויף דר'ערד אלעס דינג וואָס איז געלעגען ביי איהם אויף'ן טיש: געלד, זאכען, פערשיעדענע געשנקע, וואָס דיא בעזוכער האָבען איהם געבראכט, געצאָהלט פיר דיא ערלויבניס צו ריידען מיט דעם וואונדער. ער האָט דאָס אלעס געשליידערט און געטראָטען מיט דיא פיס.

— פאָרט מיט דיעזע געשענקע ! — האָט ער געשריען, — איך וויל דאָס ניט קענען, איך וויל זיך ניט אָנריהרען צו אזעלכע געלד !... איך וויל ניט בעשמוצען מיינע ריינע הענד ! גאָט זעהט דאָס איז בין אין דיעזער בעטריגעריי, אין דיעזען פאלש ניט שולדיג. דו, דו אליין ביזט שולדיג אין דיא גאנצע פערטומלעניש ! — האָט ער זיך אָבגערופען אָנווייזענדיג אויף'ן שייך, אין דער מינוט וויא ער איז אריינגעקומען. מאָרגען רוף איך צוזאמען אלע סאָפּטי'ס און וועל זיי ערצעהלען דיא גאנצע געשיכטע...

— אלזאָ, ביזט דוא ביים זינען, ווארום דוא האָסט מיר ערקענט — האָט זיך דער שייך צו איהם געווענדעט.

— און ווארום זאָל איך דיך ניט ערקענען ? — האָט דער סאָפּטי געענט־פערט, — הלואי וואָלט איך דיך ניט געקענט !... אַ, נעהם פון מיר צו דעם וואונ־דער ! — איך וויל אין אזא פאלש קיין חלק ניט האָבען, איך טויג ניט צו דעם. נעהם בעסער איין אנדערען אויף מיין אָרט...

— אזוי, מיין זון, וויא איך זעה ביזט דו ניט משוגע, וויא איך האָב אין אָנ־פאנג געדאכט, נאָר דו ביזט פריידיגניג, צולאָזען... דאָס איז פיעל שלימער וויא משוגע... ווען דו וואָלסט געווען משוגע, וואָלט איך פון רחמנות דיך אויסגעקורירט,

דו וואָלסט צוריק געזונד געוואָרען. אָבער פריידענקערייט איז אזא קראנקהייט וואָס עס איז ניט מעגליך צו קורירען, זעהר א געפעהרליכע קראנקהייט, דערצו זעהר א קלעפּיגע און פון דיר קאָנען זיך נאָך אנדערע אויך אָננעהמען... דעריבער, דאַרף מען דיך פריהער פון אלעם אָבזונדערן פון דער גאנצער וועלט, מען זאָל זיך פון דיר ניט אָננעהמען. דיא בעסטע זאַך איז, דיך צו פערשפּארען אין א געפענגניס־הויז. נאָך דעם וועלען מיר שוין זעהען וואָס פיר א פּסק דיר צו געבען פיר דיינע פריידענקערייט און אפּיקורסות... געוויס וועסט דו שוין בעקומען אזא פּסק, דאָס אנדערע וועלען שוין מורא האָבען...

— דער סאָפּטי האָט געוואָלט עטוואָס ענטפערן, אָבער איידער ער האָט גאָר צייט געהאט צו עפענען דעם מונד, האָט דער שייך אריינגערופען דיא דריי דערווישען, וועלכע האָבען איהם געבונדן אהינטער דיא הענד, ארומגעוויקעלט דיא קאָפּ מיט טיכער און אריינגעשלעפּט אין דער פערמאכטער קארעטע. וויא דער שייך האָט בעפאָהלען האָבען דיא דערווישען אָבגעפיהרט דעם אונגליקליכען סאָפּטי אין רואינע „קאדריש", אין טהורעם וואָס איז אונז שוין בעקאנט פון פריהער. זיי האָבען איהם איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דעם שטומען הערצלאָזען וועכטער, וועלכען מיר קאָנען שוין אויך פון פריהער.

— אויב דיעזער ארעסטאנט וועט נעהמען לארמען און מאכען שטיק, — האָבען זיי געזאָגט דעם וועכטער אין שייך'ס נאָמען — זאָל מען איהם אָנטהאָן א צוואנג־יאקע, א משוגעים העמדעל. —

38.

דיא מאכט פון „קאדריש".

פאר דעם וויא סיררא איז געוואָרען אויפגענומען, אזוי וויא מיר ווייסען שוין, פון דעם שייך־אול־איסלאם, האָט זיא בעקומען צו וויסען פון דער אלטער האניפע, דאָס סאדי־בעי איז שוין אין קאָנסטאנטינאָפּאָל ניט דאָ, און דאָס ער האָט אָבער דאָ געלאָזען צוויי גוטע פריינד. איינער פון זיי איז האסאן־בעי, וואָס קווארטירט אין בענלעבענ. וויא האניפע האָט דאָס איהר מיטגעטהיילט, האָט זיא גלייך געוואָלט געהן צו איהם בעטען, ער זאָל עטוואָס טהאָן צו בעפרייען סאדי'ס געליעבטע פון געפענגניס. האניפע האָט איהר אָבער אָבגעהאלטען, זיא זאָל אליין ניט געהן צו איהם, ווארום דאָס קאָן ערוועקען א חשד, נאָר זיא זאָל בעסער אויפשרייבען צו איהם א צעטעלע און זיא, האניפע, וועט דאָס איהם איבערגעבען דורך איינעם פון זיינע בעדיענטע. דיעזער פּלאן איז סיררא'ן אויך געפעלען. האסאן־בעי האָט בעקומען פון זיין בעדיענטען סיררא'ס שרייבען פאר דעם פּרינץ יוססוף'ס אדיוטאנט. אין דיעזען בריעף איז געשטאנען: „עדעלער האסאן־בעי, פריינד פון דעם גרויסען העלד סאדי־בעי!

זיי וויסען דאָס דיין פריינד'ס געליעבטע, רעציע, איז אין א גרויסען אונגליק. זיא איז געפאנגען אין רואינע „קאדריש" און מען בענעהט זיך דאָרטען מיט איהר אזוי וויא מיט דיא גרעסטע פערברעכערין אין דער וועלט. דו ביזט דער איינציגער, וואָס איז אימשטאנד איהר צו בעפרייען, דו איינער אָדער קיינער. טהו וואָס דו קאָנסט און גאָט וועט דיך בעלאָהנען".

האסאן'ען האָבען דיעזע ווערטער העכסט געריהרט. עס איז איהם ארויף טרעהרען אין דיא אויגען. דער פרינץ האָט דאָס בעמערקט און האָט ביי איהם געפרעגט דעם אינהאלט פון דעם בריעף, וואָס האָט אויף איהם אזוי שטארק געווירקט.

— דאָס איז א טרויעריגע נאכריכט פון דער שיינער רעציע, וואָס איז ניט לאנג פערשוואונדען געוואָרען, — האָט איהם געענטפערט האסאן, — איך האָב אייך שוין זעהר פיעל וועגען איהר מיטגעטהיילט. אויב איהר ווילט, קאָנט איהר דאָס זעלבע לעזען.

דער פרינץ האָט דורכגעלעזען סירראַ'ס צעטעל, וואָס האָט איהם געריהרט דאָס הארץ ניט ווענינער וויא האסאן.

— עס טהוט מיר זעהר לייד אום דיעזע שיינע רעציע, — האָט ער זיך אָבגערופען צו זיין אדיוטאנט, — זיא איז דאָך סאדיבעי'ס, אונזער פריינד'ס, מעהר נאָך וויא א געליעבטע, זיא איז דאָך, וויא דו האָסט מיר מיטגעטהיילט, זיין פרוי, און זיא ליידט אזוי פיעל אָהן א שום שולד. מיר מוזען טהאָן פון איהרעטוועגען וואָס עס איז נאָר מעגליך. זאָג מיר, ווער זיינען דיא הערשער, וואָס געוועלטיגען איבער דיא רואינע „קאדריש" ?

— דיא פאָרשטעהער פון „קאדריש", — האָט געענטפערט האסאן, — זיינען צוויי, דער שייך־אול־איסלאם און האמיד־קאדי.

— האמיד־קאדי איז יעצט גראָד ביי מיין פאָטער, — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ, — אלזאָ, וועל איך איהם הייסען אריינבעטען אהער און איך וועל שוין מיט איהם איבעררייידען וועגען דעם.

— דאָס וואָלט געוועזן זעהר גוט, — האָט מיט פרייד געזאָגט האסאן, — זעהר גוט, וואָס ער איז גראָד יעצט געקומען, און מיר דארפען זיך בענוצען מיט דיעזער געלעגענהייט.

דער פרינץ האָט גלייך געשיקט זאָגען האמיד'ן, דאָס ער פערלאנגט, דאָס ער זאָל איהם בעזוכען גלייך וויא ער וועט נעהמען אבשיעד פון סולטאן.

וויא האסאן האָט זיך בעדענקט, האָט ער שוין חרטה געהאט וואָס ער האָט צוגערעדט דעם פרינץ זיך צו ווענדען צו דיעזען האמיד'ן און ארייננמישען זיך אין דיא סעקרעטנע פאָליטישע אינטריגען, וואָס דער שייך און זיין געהילפע האָבען צו־

זאַמען געפיהרט. זיי בײדען וועט דאָס געוויס ניט שמעקען, וואָס דער פּרינץ שטעלט זיך זיי איין, וועג און לאָזט זיי ניט אויספיהרען וואָס זיי ווילען. און אַזוי וויא זיי וועלען דאָך פערשטעהען דאָס ער, האסאַן, האָט דאָס געראַטהען דעם פּרינץ צו פאַרדערן רעציע'ס בעפרייאונג, וועלען זיי דעם כעס אויסלאָזען צו איהם, און וואָס פיר אַ בעטרעף האָט אַזאַ קליינע פּערזאָן וויא ער, געקאָנט האָבען ביי זיי? דעריבער האָט האסאַן חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דערלאָזען דער פּרינץ זאָל בעטען צו זיך האַמיד'ן און אַז ער האָט איהם שוין יא געבעטען, האָט האסאַן ניט געוואָלט זיין דערביי וויא דער פּרינץ וועט מיט איהם שפּרעכען וועגען רעציע'ן, אום עס זאָל אויף איהם זיין וועניגער חשד... איידער, אָבער, האסאַן האָט צייט געהאַט אויסצורײדען מיט'ן פּרינץ אַ וואָרט אָדער אַוועקצוגעהן, איז שוין האַמיד געוועזן ביי יוססוף'ן אין קאַבינעט.

האַמיד איז אריין צום פּרינץ מיט אַ העכסט שטאָלצע מינע.

— דו האָסט געלאַדען צו זיך דעם האַמיד־קאַדי, — האָט ער זיך שטאָלץ אָבגערופען צום פּרינץ, — און האַמיד־קאַדי איז געקומען אויף דיין איינלאַדונג!

דיעזער שטאָלצער טאָן איז דעם פּרינץ זעהר ניט געפעלען; עס האָט איהם פּערדראָסען, וואָס דער קאַדי ערלויבט זיך מיט איהם אַזוי צו שפּרעכען. דער פּרינץ האָט איהם דאַפיר ניט געענטפערט אויף זיין גערוס און האָט איהם אפילו ניט געוואָלט ווייזען דיא עהרע מיט איהם צו שפּרעכען פּערזענליך. ער האָט זיך געווענדט צו זיין אַדיוטאַנט און האָט געזאָגט:

— מיין ליעבער האסאַן! איהר ווייסט דאָך, וואָס איך האָב געוואָלט פרעגען ביי דיעזען הערן; פּיעלייכט וועט איהר איהם דאָס פרעגען אין מיין נאָמען?

האַמיד איז געוואָרען בלייך פון כעס. איהם זאָל מען אַזוי בעליידיגען, אַזוי קאַלט אויפנעהמען און, נאָך מעהר, אָבשיקען צו דיעזען יונגען אָפיצירעל וואָס איז אָט־ערשט פון איי ארוים?... האסאַן'ען איז דאָס אויך ניט געפעלען וואָס דער פּרינץ איז געוועזן אַזוי ניט פאָרזיכטיג. ער האָט געוואוסט דאָס אין טירקיי איז זעהר געפעהרליך צו בעליידיגען אַ מיניסטער וואָס קאָן פון זיין מאָנאַרך אויף יעדען טריט נקמה נעהמען. האַמיד האָט זיך אפילו באַלד בערוהיגט, אָבער ניט אויף לאַנג. וויא נאָר ער האָט דערהערט דיא פראַגע פון האסאַן וועגען אַ יונגע פרוי, האָט ער זיך אָנגעצונדען וויא אַ פייער, ווארום ביי איהם איז קיין ספק ניט געוועזן, דאָס דיעזע יונגע פרוי איז האסאַן'ס אַ געליעבטע, וואָס איז מעהר ניט נוגע וויא האסאַן'ען, און צוליעב איהם אליין האָט מען איהם בעאונרוהיגט; דאָס האָט ער שוין ניט געקאָנט פערטראָגען.

— צו וואָס איך האָב דערלעבט! האָט ער נבזיג אויסגעשריען, — איך

דאַרף שוין אָבגעבען ראַפּאָרט א יונגען אָפיציר'ל! אָ, פּרינץ, אויף אזא בעליידיגונג האָב איך זיך ניט גערעכנט! דאָס איז שוין צופיעל צו ערטראַגען!

— ניין, הערר קאַדי! — האָט זיך ווייך אָבגערופען צו איהם האסאַן, — דיא פראגע וואָס איך האָב זיי געמאַכט, איז ניט קיין פּריוואַט פראַגע, וואָס איז נוגע צו מיר אָדער צו מיינע א געליעבטע; ניין, איך האָב ביי זיי געפרעגט אין נאָמען פון אונזער פּרינץ, וואָס האָט רעכט זיך צו קימערן וועגען זיין גאַנצע נאַציאָן און וועגען יעדען איינציגען בעזונדער. נון, האָט דער פּרינץ בעקומען צו וויסען, דאָס איין אונשולדיגע פרוי, מיט דעם נאָמען רעציע, ווערט פערשמאַכט אין געפענגניס, אין דער רואינע „קאַדריש", וואָס שטעהט אונטער זייער הערשאַפט. דעריבער פערלאַנגט דער פּרינץ, זיי זאָלען איהם מיטטהיילען דיא געשיכטע פון דיעזער אומגליקליכער פרוי. אלזאָ, האָבען זיי קיין אורזאַך ניט זיך צו בעליידיגען, ווארום דיא זאַך איז נוגע דעם פּרינץ, אָבער ניט מיך.

— ווען אייך אינטערעסירט נאָר צו וויסען דיא אורזאַכע, פיר וואָס מען האַלט אַלמאַנזאָר'ס טאָכטער אין געפענגניס, דאַרפט איהר דאָך וויסען, דאָס דער אָרדען „קאַדריש" שטעהט העכער פון אלע וועלטליכע געריכטען און איז קיינעם ניט מחויב צו ערקלערען, וואָס ער געפינט פיר נעטהיג צו טהאָן און אַלעס וואָס עס קומט פאָר אין דער רואינע. אלזאָ, בלייבט אייער פראגע אָהן איין אנטוואָרט, — האָט האַמיד געענטפערט.

— און איך בעפעהל דיר, — האָט זיך שטרענג דער פּרינץ אָבגערופען צום אדיוטאַנט, — דו זאָלסט זאָגען דעם האַמיד־קאַדי אין מיין נאָמען, דאָס ער מוז געבען איין אנטוואָרט אויף דיא פראַגע וואָס דו האָסט איהם געמאַכט, און ער וועט געבען. געה גלייך צו מיין דורכלויכטיגען פאָטער'ס פליגעל אדיוטאַנט און מעלד איהם, אין מיין נאָמען, דאָס עס איז דיר העכסט נעטהיג צו האָבען איין אודיענץ ביי מיין פאָטער.

דער פּרינץ האָט זיך אומגעקעהרט צו האַמיד'ן מיט'ן רוקען און איז, העכסט אויפגעבראַכט ארויס פון קאַבינעט. דאָס זעלבע האָט אין אמינוט ארום געטהאָן האַמיד, וועלכען דיעזע געשיכטע האָט נאָך מעהר פערדראָסען וויא דעם פּרינץ.

אלזאָ איז האסאַן געוועזן גערעכט וואָס ער האָט זיך געשראָקען, דער פּרינץ זאָל צונויפקומען מיט האַמיד'ן. יעצט האָט דער פּרינץ אָפען איינגעריסען מיט האַמיד'ן און מיט דער גאַנצער פּאַרטיע, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם קאַדי און דעם שייך־אול־איסלאַם.

האַמיד איז ארויסגעגאַנגען פון פּרינץ'ס קאַבינעט און אריין צוריק אין סול־טאַן'ס זאַאל, וואו ער האָט נאָך געהאַט עטוואָס צו מאַכען. קוים וואָס ער האָט זיך

אנידערגעזעצט און זיך גענומען צו זיין ארבייט, איז זעהר האסטיג אריין א קאמער־הער און האָט איהם בעפאָהלען אין סולטאַן'ס נאָמען, ער זאָל זיך גלייך זעהן מיט דעם גרויסוויזר, וועלכער האָט מיט איהם זעהר געמהיג ועגען וואָס צו שפּרעכען, דיזע נייע איינלאַדונג האָט איהם גאָר ניט געשמעקט, ווארום דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, דאָס מען רופט איהם ניט אויף גוטעס. ער איז אריין אין טראָהן־זאאַל אזוי וויא איין אָבגעמשפּט'ער. דער סולטאַן איז געזעסען אויף א דיוואַן און לעבע איהם איז געשטאַנען דער גרויס־וויזיר.

— אונזער גרויס־הערר האָט בעקומען איין אנקלאַגע — האָט דער וויזיר געזאָגט צו האמיד'ן, — דאָס אין דער רואינע „קאדריש" ווערט געפּייניגט אין גע־פענגנים איין אונשולדיגעס מעדכען. דעריבער, וויל אונזער גרויס־הערר וויסען צו דיעזעס מעדכען איז ווירקליך אונשולדיג, וויא ער האָט געהערט, אָדער ניין.

— דיעזעס מעדכען, — האָט געענטפערט האמיד, — ליידעט ניט אומזיסט, זיא האָט דאָס פערדיענט אריבער און אריבער. זיא איז אלמאנזאר'ס א טאָכטער און קומט ארויס פון דיא אבאסידישע כאליפען. דיא אבסידישע פאמיליע האָט א גרויסען זכות אויף'ן טירקישען טראָהן און איז זעהר א גרויסע פאמיליע... אלע מיטגליעדער און קרובים פון דיעזער פאמיליע האָבען זיך צוזאמענגערעדט מיט אפולע מענשען, וואָס זיינען אונצופריעדען מיט דער יעצטיגער רעגיערונג, און האָבען גע־מאכט אויף אונזער גרויס־הערן א בונט... צום גליק האָבן דיא פאַרשטעהער פון רואינע „קאדריש" בעצייטען ענטדעקט דיעזען געפעהרליכען בונט און האָבען פיעלע פון דיא רעדעלפיהרער איינגעשפּארט אין געפענגניס־הויז. יענעס מעדכען וואָס איהר נעהמט אייך פיר איהר אָן, שפּיעלט אין דיעזען בונט א גרויסע ראָלע און איז דיא געפעהרליכסטע פון איהר גאנצע פאמיליע!...

דיעזע ערצעהלונג האָט אויף'ן סולטאַן געמאכט א גרויסען איינדרוק, ער איז אויפגעציטערט געוואָרען הערענדיג אזעלכע זאכען וואָס ער האָט ביז אהער ניט אנגעפאנגען צו וויסען. ער האָט העכסט אונצופרידען א בליק געגעבען אויף'ן וויזיר, וואָס ווייס ניט וואָס דער האר איז ווערטה פון אזא וויכטיגע זאך... האמיד האָט פערשטאַנען דיעזען בליק און איז נאָך געוואָרען ביי זיך מוטהיגער און דרייסטיגער.

— דיעזער אלמאנזאר, דער פאָטער פון דעם מעדכען, האָט געוואָהנט אין סקוטארי, — האָט האמיד ווייטער געזאָגט, און ביי איהם פלעגען זיך צוזאמענקלייבען אלע פיינדע פון דער יעצטיגער רעגיערונג... מעהר וויא מיר, דיא פאָרשטעהער פון „קאדריש" האָבען דערפון ניט געוואוסט. מיט א מאָל איז אלמאנזאר פער־שוואונדען געוואָרען... וואו און וואָס, ווייס קיינער ניט. אנדערע זאָגען, ער איז אירגענדס וואו געשטאָרבען, אנדערע, דאָס ער איז אין אויסלאַנד. זיין איין איינציגער זוהן איז אויך

מיט א מאָל פערפאלען געוואָרען. אָבער זיין טאָכטער האָט אונז געגליקט צו בעקומען אין אונזערע הענד. מיט איהר פיר איינס האָבען מיר שוין איהר פאָטער'ס אלע שריפטען אויך ביי אונז. אלמאנזאר'ס שריפטען קאָנען אונז געוועהנליך זעהר צונוטץ קומען. מעהר וויא דאָס קאָן איך אויף זייער פראגע ניט ענטפערן...

האמיד'ס ווערטער האָבען געמאכט אויף'ן סולטאן א גרויסע ווירקונג. ער האָט איינגעזעהען וויא וויים דיא פיהרער פון „קאדריש" זיינען איהם טריי, וויא וויים זיי בעמיהען זיך צו שיטצען זיין טראָהן פון פיינד און געגנער, וואָס מעהרען זיך פון טאָג צו טאָג. ער האָט דעריבער בעשלאָסען קיינע נייעס צו מאכען אין דיא אָרדנונגען און פיהרונג פון דער רואינע און אלסדינג איבערצולאָזען וויא פריהער אין דיא הענד פון שייך־אול־איסלאם און האמיד־קאדי. קיינער דארף ביי זיי קיין רעכנונג ניט פאָרדערן אין דעם וואָס זיי טהוען; קיין אנקלאָגען אויף זיי וועט מען פון היינט אָן ניט אָננעהמען, עס מעג זיך זיין פון ועמען עס איז. דער סולטאן האָט געהייסען דעם גרויס וויזיר ער זאָל איבערגעבען דיעזען בעשלוס האמיד'ן, וועלכער האָט זיך טיעף פערניינט און איז גלייך פון טראָהן־זאאל אוועקגעלאָפען מיט דיא שמחה צום שייך־אול־איסלאם, וואָס איז דאמאָלס געוועזן אין רואינע „קאדריש".

יעצט ברויכען מיר צו זעהען, וואָס מאכט רעציע. וויא זיא האָט דערזעהען דורכ'ן פענסטער, דאָס סאדי ליגט ביי דיא פיס פון איין אנדער פרוי און קוסט דעם זוים פון איהר קלייד, האָט זיא זיך כמעט איבערציינט, דאָס לאצארוס זאָגט אמת, דאָס סאדי האָט אָן איהר לאנג פערגעסען און ליעבט שוין איין אנדערע. דאָס האָט איהר אויפגעקאָכט דיא בלוט און צוטומעלט איהרע געדאנקען. זיא האָט דיעזע אנדערע פרוי ניט געקענט, האָט ניט געוואוסט ווער זיא איז, וויל זיא איז געוועזן בעדעקט מיט א שלייער, נאָר דאָס האָט זיא געזעהען, דאָס זיא איז העכסט רייך, העכסט פאָרנעהם, וויל נאָר אין דיא רייכסטע און פאָרנעהמסטע הייזער פון טירקיי טרעפט אזא אויפפוטץ וויא זיא האָט בעמערקט אין ראָשאנע'ס וואָהנונג. מעהר וויא א שטונדע איז זיא געשטאנען און האָט זיך געקריינקט פון דיא סצענע, וואָס זיא האָט מיט איהרע אויגען געזעהען דורך ראָשאנע'ס פענסטער. דאָס האָט איהר אזוי צורבראָכען, דאָס נאָך עטליכע מינוט וואָלט זיא געבליבען אויף'ן אָרט... וויא לאצארוס האָט בעמערקט, דאָס זיא האָט שוין מעהר קיין קרעפטען ניט דאָס צו פערטראָגען, האָט ער איהר צוריק אָבגעפיהרט אין געפענגניס.

ערשט נאָר וויא זיא איז געקומען אביסעל צו זיך און איז געוועזן אים שטאנד צו בעדיינקען איהר לאגע, האָט זיא אויסגעשאָסען מיט א שרעקליכען יאמער. פון איהרע אויגען, האָבען זיך געגאָסען אזוי וויא פון קוועלען הייסע טרעהרען וואָס האָט געדונגען איבער איהרע שעהנע באקען, וואָס זיינען שוין אָבער געוועזן שרעקליך אָב־

נעצערט, פון גרויס שמערצען האָט זיא מיט איהר רייגעם מונד פערשאָלטען דיא מינוט וואָס זיא איז בעקאַנט געוואָרען מיט דיזעם פאַלשען סאדי און האָט זיך געוואונשען דעם טוידט.

צו איהר גליק איז זיא ביי דיזע טרויעריגע געדאנקען לאַנג ניט געבליבען. זיא האָט זיך איבערלייגט און האָט זיך ארומגעזעהן, דאָס ניא האָט זיך צו פיעל געאיילט צו בעשולדיגען סאדי, וועלכער, עס קען זיין, איז גאָר ניט אזוי שולדיג.

— ניין,—האָט זיא געזאָגט צו זיך אליין,—איך בין ניט גערעכט געגען איהם... ער האָט מיך געליעבט און ליעבט מיך נאָך יעצט אויך. דיא פאָרנעהעמע דאמע ליעבט ער ניט, נאָר דאָ מוז עטוואָס זיין אזא זאך, וואָס איך וויים ניט; פיללייכט וויל ער וואָס אויספיהרען דורך איהר און דעריבער מוז ער איהר חנפ'ן, ווארום אזא דאמע קען אפולע טובות טהאָן אָדער עס קען זיין, דאָס דיא גאנצע געשיכטע איז מעהר ניט וויא אן אָנשטעל, וואָס דיזער שענדליכער גריכע האָט בכיון געמאכט מיך צו נארען... איז ער דען ניט פעהיג אויף אזעלכע זאכען, דיזער אויסוואורף? ניין, סאדי איז מיר טריי און וועט מיך געוויס פון דאנען בעפרייען, ווארום סירדא וועט איהם, פריהער, שפעטער, אויפזוכען און מיטטהיילען וואו איך געפין זיך...

אזוי האָט זיא זיך אליין בערוהיגט. פון יענער צייט איז אוועק א פולע טעג און פון סאדי'ן און סירדא'ן האָט זיא ניט געהערט ניט געזעהען. וואָס ווייטער איז איהר לאַנגע געוואָרען שרעקליכער, אָבער וויא שלעכט עס איז איהר געוועזען אין איהר קעמערעל ביי טאָג, איז טויזענד מאָל שלימער געוועזען ביי נאכט. דיא קולות און געוויין פון דיא אונגליקליכע, וואָס זיינען געלעגען פערשפארט אין דיא קעמערלאך לעבען איהר, האָבען איהר ניט געלאָזען איינשלאָפען. מעהר פון אלע איז איהר געבליבען אין געדאנקען איין נאכט. זיא איז כמעט טויב געוואָרען פון דיא קולות, וואָס האָבען זיך געהערט פון א קעמערעל וואו מען האָט געשלאָגען איין ארעסטאנט און אָנגעטהאָן דיא גרעסטע יסורים, כדי ער זאָל זיך מודה זיין און זאָל זאָגען, וואָס מען האָט געוואָלט. ער האָט אזוי געשריען, דאָס עס האָט ביי איהר געציטערט דיא מארך אין דיא ביינער. מיט א מאָל האָט זיא דיא זעלבע קולות דערהערט דורך'ן פענסטער, וואָס איז ארויסגעקומען אויף'ן הויף. זיא איז גלייך צוגעלאָפען צום פענסטער, און האָט דערזעהען דעם מענשען וואָס האָט אזוי געשריען און גערופען אום הילפע. דאָס איז געוועזען איין ארעסטאנט, וואָס מען האָט אָט־ערשט געבראכט, דער אומגליקליכער סאָפטי איבאם. ער איז געשטאַנען אין מיטען און ארום איהם אכט דערווישען מיט וועקסענע ליכט אין דיא הענד, דריי דערווישען האָבען איהם ביז העלפט אויסגעטהאָן, צוגעבונדען מיט'ן געזיכט צו א סלופ און געשלאָגען מיט דריי גראָבע שטעקענס. מען האָט פון איהם געפאָדערט, ער זאָל תשובה טהאָן אויף דיא ווערטער, וואָס ער האָט

גערעדט געגען שייך־אול־איסלאם, און זאָל זיך מודה זיין, דאָס ער האָט דאָס גערעדט, ווייל ער איז געווען א פרייער גייסט, איין אפיקורס, אָבער ניט משוגע. ער האָט אָבער זיך איינגעהאלטען און האָט אויף דעם א וואָרט ניט געענטפערט; באלד האָט ער אפילו צו שרייען אויך אויפגעהערט, ווייל עס איז שוין ניט געווען, ווער עס זאָל שרייען, ביים דרייסיגסטען קלאפּ איז פון איהם דיא נשמה ארויס!...

ווען מען האָט דאָס געמעלדעט דעם שייך־אול־איסלאם, האָט ער דאָס אויסגע־הערט גאנץ קאלט־בלוטיג און געבליבען שטום וויא דיא וואנד.

א מינוט פינף נאָך דעם איז געקומען אין רואינע האמיד־קאדי מיט דיא גוטע נאכריכט פון סולטאן, דאָס דער שייך־אול־איסלאם מעג טהאָן, וואָס ער וויל, און קיינער האָט קיין רעכט ניט ביי איהם צו פרעגען פיר וואָס און פיר ווען?

39.

דיא פאלשע פּראָפעטין.

פּאר דעם סאָפּטי איבאמ'ס הויז פלעגען זיך טאג טעגליך צוזאמענקלייבען זעהר פיעל מענשען, וואָס האָבען געוואָלט זעהען מיט אייגענע אויגען דעם גרויסען וואונ־דער, וואָס מיט איהם איז פול געוועזען דיא שטאָדט. דער גרעסטער טהייל פון זיי זיינען געקומען פרעגען עצות אין זייערע געשעפטען אין פערשיידענע אנ־געלעגענהייטען. געוועהנליך, האָבען ניט אלע מיט אמאָל געקענט אריינגעהן אין הויז און אפולע האָבען געמוזט ווארטען אויפ'ן גאס. ווארטענדיג האָבען זיך איי־נער דעם אנדערען, ערצעהלט דיא נסים פון דעם וואונדער, ד. ה. פון סירראַ'ס גייסט.

„ער וויים אויסווייניג, וואָרט אין וואָרט, דעם גאנצען אלקאָראן", פלעגט מען ערצעהלען;

„וואָס מען זאָל ניט פרעגען, ווייזט ער גלייך אויף דעם איין אנטוואָרט אין אלקאָראן, וואו עס שטעהט אלעס געשריבען אזוי דייטליך, דאָס עס בלייבט זיך נאָר וואונדערן וויא אזוי מען האָט דאָס אליין ניט געוואוסט„...

„ער וויים וואָס עס וועט זיין שפּעטער אין וויפיעל יאָהר ארום"...

„עס טרעפט אפילו אמאָל, דאָס זיינע אנטוואָרטען זיינען ניט אזוי דייטליך און שווער צו פערשטעהן".

דער קלאנג פון דער פּראָפעטין וואָס איז פון טוידט לעבעדיג געוואָרען, איז גע־וועהנליך אויך אָנגעקומען צום גריכע לאצארוס. עס איז איהם גלייך ארויף אויפ'ן געדאנקען דיא געשיכטע מיט'ן שווארצען טייפעל, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט איהם אליין, און ער האָט זיך בעשלאָסען דיעזען טייפעל יעצט צו בעזוכען אין איבאמ'ס הויז. ער איז אהין אמאָל אוועקגעגאנגען אין אבענד צייט.

לאצארוס האָט זיך קוים דורכגעשפּארט דורך דיא ענגשאפט, וואָס איז געוועזען

אויף דיא טרעפּ. אויבען אין פּאָרצימער איז געוועזען פול און פּאַק, אַבוואָהל אין דעם צימער וואו סירראַ איז געוועזען האָבען זיך מעהר ניט געפונען וויא אַ מאן צעהן. קיינער האָט ניט געוואגט אַליין אריבער צו טרעטען דעם שוועל ביז וואנען מען האָט איהם ניט איינגערופען. פון ביידע זייטען זיינען ביי דער פּראָפּעטין געשטאנען צוויי גרויסע זילבערנע לייכטער מיט וועקסענע ליכט, וואָס האָבען אָבער געברענט ניט זעהר ליכטיג כדי עס זאָל זיין אין צימער האלב דונקעל און מען זאָל ניט קענען גוט בע־טראכטען סירראַ'ס אויסזעהן. איבער דיא זעלבע אורזאכע איז דער צימער געוועזען פול רויך פון צוויי פייערפאנען אין וועלכע עס האָט זיך גערויכערט ווייהרויך. דער צו איז דיא פּראָפּעטין אין גאנצען געוועזען איינגעהילעט אין אַ לאנגען, אַ ברייטען, גאָלד געשטיקטען מאנטעל און בעדעקט מיט אַ שלייער, דאָס מעהר וויא איהרע אויגען וואָס האָבען געברענט וויא ברילליאנטען האָבען זיך ניט ארויסגעזעהען.

ווען לאצארוס האָט ארייינגעבליקט אין צימער, האָט דיא פּראָפּעטין אָנגעפאנגען, מיט אַ העל קלינגענדע זילבער ריינע שטימע, צו זאָגען פּסוקים פון קאָראַן וועלכע האָבען זעהר געפּאסט צו איהר לאגע, „זאָל איך פערלאנגען איין אנדער ריכטער אַ חוץ גאָט" ?—האָט זיא אויסגעשריען,—„ער האָט אייך געגעבען דעם קאָראַן אונטערצו־שיידען צווישען גוטעס און בייזעס, דארום געהערט ניט צו דיא, וואָס טרויען איהם ניט, גאָט'ס וואָרט איז דורכאויס אמת און גערעכטיגקייט, זיין וואָרט קען קיינער ניט איבער מאכען".

דיעזע פּסוקים האָבען געקלונגען אין דיא אויערן פון איהרע פרומע צוהערער אַ לאנגע צייט נאָך דעם וויא זיא איז שוין געבליבען שטיל. לאצארוס האָט דיא שטימע גלייך דערקענט; דאָסגלייכען האָט סירראַ איהם אויך גלייך דערקענט, דאָך האָט מען דאָס ניט געקענט בעמערקען. לאצארוס האָט געזעהען מיט וואָס פיר אַ גרויסען רעספּעקט אלע האָבען געקוקט אויף סירראַ'ן, אויף דיא זעלבע סירראַ'ן, וואָס האָט געהאט געגנוג אורזאכען און רעכט זיך אָן איהם נוקם צו זיין, ער האָט דאָס איינגעזעהען און עס איז איהם געוואָרען זעהר ביטער אויפ'ן הארצען. ער האָט פער־שטאנען, דאָס ער איז יעצט ניט זיכר מיט'ן לעבען. איז דען יעצט סירראַ ניט אים שטאנד צו טהאָן מיט איהם אלעס וואָס זיא וויל ? אַ חוץ אלע וועגען, מיט וועלכע זיא האָט זיך געקענט מיט איהם אָברעכענען, דארף זיא נאָר זאָגען איין וואָרט פון זיינע פיעלע פערברעכען וואָס זיא וויים, און ווער וויים נאָך אַזוי פון זיינע רציחות, פון זיינע זינד וויא זיא ?

ער איז געשטאנען פערדאנהט און פערקלעמט, מיט אמאָל איז מיט האסט אריינ־געפלויגען אין צימער דער פּראָפּעטין'ס מוטער אליין, דיא אלטע קאדידזע.

— מיין טאָכטער !—האָט זיא אויסגעשריען,—יא ! דאָס איז מיין טאָכטער,

וואָס איך האָב בעגראָבען, און וואָס איז פון יענער וועלט געקומען צוריק! מיין קינד! וואָרום ביזט דוא ניט געקומען צו מיר אין הויז? וואָרום האָסט דוא אויסגעקליבען א פרעמדע וואָהנונג? מיין לעבען! מיינע פריידע! מיינע האָפנונג! קום צו מיר און טרייסט מיך, וויש אָב פון מיין געזיכט דיא טרעהרען וואָס איך האָב אויף דיך פערגאָסען. א דאנק און א לויב צו גאָט, וואָס איך האָב פריהער פון אַלעמען זוכה געוועזען צו דערלעבען דיא שמחה פון תחית המתים!

— גאָט איז גאָט און מאהמעד איז זיין פּראָפעט! ער איז וואהר און זיין אלקאָראן איז וואהר! אללאה! אללאה!

דיעזע סצענע האָט געמאכט פיעל פּערגניגען דעם שייך־אול־איסלאם, וועלכער איז דאָרטען אויך געוועזען דערביי, בעהאלטען אונטער א פּאָרהאנג.

מיט אמאָל האָט מען דערהערט אויף דיא טרעפּ א לאָרם. דיא סולטאנין וואלידע איז געקומען זעהען דעם וואונדער, און דיא טירקישע זשאנדארמען, אָדער קאוואסען האָבען געמאכט פּאר איהר א וואָרע, האָבען אַלעמען צוטריבען פון דיא טרעפּ, און אפילו פון אינעווייניג און האָבען מעהר ניט געלאָזען ביי סירראן, וויא דיא צוויי מעכטער. דער שייך איז געזעסען אונטער א שוואַרצען פּאָרהאנג און קיינער האָט דאָס ניט געקענט בעמערקען.

וויא וואלידע איז אריין אין סירראַ'ס צימער, האָט זיא א וואונק געגעבען צו דיא טעכטער, זיי זאָלען אויך אָבטרעטען. וויא זיא איז געבליבען גאנץ אליין (וואָרום זיא האָט דאָך געמיינט, דאָס קיינער איז שוין אין צימער נים דאָ א חוץ זיא און סירראַ), איז זיא צוגעגאנגען צו דער פּראָפעטין און אָהט צו איהר געזאָגט:

— איך קען דיך שוין פון לאנג אָן; אלזאָ, נעהם אראָפּ דעם שלייער און איך וועל זעהען צו דוא ביזט ווירקליך דיא געשטאָרבענע סירראַ צו ניין.

דיא פּראָפעטין האָט איהר צוליעב געטהאָן און אויפגעדעקט דאָס געזיכט. וואלידע איז געבליבען שטעהן וויא א דונער וואָלט איהר דערשלאָגען. פון גרויס שרעק האָט זיא אָבגעטראָטען אויף עטליכע טריט אהינטער און האָט פון וועיטען געפרעגט בירראַ'ן וויא אזוי איז זיא ארויס צוריק פון קבר.

— איך ווייס זעלבסט ניט וויא אזוי,—האָט זיא קורץ און שארף געענטפערט.

— ווייסט דוא אם וויניגסטען, דאָס דוא ביזט געוועזען בעגראָבען?

— דאָס ווייס איך,—האָט סירראַ געענטפערט.

— וואָס פיר איין וואונדער! האָט וואלידע ביי זיך געדיינקט, וואָס פיר א גרויסער נס! זיא האָט זיך ווידער געווענדט צו סירראַ'ן:

— אז איך ווייס שוין יע, דאָס דוא ביזט געקומען פון יענער וועלט, וויל איך ביי

דיר פרעגען איינינע זאכען. איך האָף, דאָס דוא וועסט מיר אויף אלעס געבען א ריכ־טיגען אנטוואָרט.

— קענסט פרעגען, איך בין בערייט אויף אלעס צו ענטפערן.

— איך וויל וויסען,—האָט וואלידע געפרעגט, צו וועט מיין אייניקעל, דער פרינץ יוססוף נאָך זיין פאָטער ווערען סולטאן?

— דאָס קען זיין,—האָט סיררא געענטפערט,— אָבער עס ווענדט זיך אָן דעם, אויב דוא אליין וועסט דעמאָלט האָבען דיא זעלבע דעה אין דער רעגירונג, דיא זעלבע בעדייטונג און מאכט וואָס יעצט!

— זאָג זשע מיר דוא צו וועל איך קענען דערהאלטען ביז יענער צייט דעם זעל־בען בעטרעף וואָס איך האָב יעצט!

— דוא וועסט דאָס לייכט קענען,—האָט דיא פראָפעטין געענטפערט,—אָבער מיט דעם תנאי, דוא זאָלסט זיך איינטרויען און זיך פערבינדען, מיט דעם מאן, וואָס דוא וועסט מאָרגען טרעפען דעם ערשטען אויף דיין ערשטען גאנג...

— און וואוהין וועט זיין מאָרגען מיין ערשטער גאנג?

— דיין ערשטער גאנג וועט זיין אין שלאָס בעגלעבעג צום סולטאן.

— דוא האָסט א טעות,—האָט וואלידע מיט א שמייכעל געזאָגט,—וואָרום איך האָב גאָר ניט אין זינען אהין צו געהן.

— איך האָב קיין טעות ניט,—האָט סיררא געענטפערט,—דוא וועסט מאָרגען פאָהרען צום סולטאן, אום איהם איבער צו ריידען ער זאָל אין דער שטיל קומען אהער...

וואלידע האָט געקוועטשט מיט דיא פלייצעס און האָט ווייטער געפרעגט, דורך וועלכע מיטעל קען זיא בלייבען א תקיף ביז יענער צייט וואָס איהר אייניקעל וועט דארפען ארופגעהן אויפ'ן טראָהן.

— דיעזע מיטעל זיינען נאָך ניט אין גאנצען פערטיג, איך וועל דיר זיי זאָגען, ווען דוא וועסט נאָך אמאָל קומען צו מיר. אָבער איידער דוא וועסט קומען נאָך אמאָל, וועט דאָ זיין דער סולטאן זעלבסט.

וואלידע האָט אנידערגעלייגט לעבען סיררא'ס פיס א ביימעל מיט גאָלד, האָט איהר פערשפראָכען נאָך אמאָל צו קומען און איז אוועק געגאנגען העכסט צו פרידען וואָס זיא האָט געפאָלגט איהר אדיוטאנט, וועלכער האָט איהר צוגערעדט צו מאכען דיעזען וויזיט. זיא האָט בעשלאָסען מיט אלע מעגליכקייט איבערצורייידען דעם סול־טאן ער זאָל דער פראָפעטין וואָס צום גיכסטען מאכען א וויזיט, וואָרום ביי אזעלכע שלעכטע און קריטישע צייטען איז דיא הילפע פון אזא פראָפעטין גאָר ניט אָבצו־שאטצען.

א גאנצע נאכט זיינען איהר סיררא'ס ווערטער פון געדאנקען ניט ארויס. א גאנצע נאכט האט זיא איין אויג ניט צו געטהאן און האט מיט אונגעדולד געווארט עס זאל שוין ווערען טאג און זיא זאל שוין בעגעגענען דעם מאן מיט וועלכען זיא דארף זיך פערבינדען אום צו ערררייכען איהר ציעל. וויא עס איז נאר געווארען ליכטיג, האט זיא זיך גענומען קלייבען צו פאהרען אין בעגלעבעג. זיא האט קוים דערלעבט דיא בעשטימטע שטונדע, אין וועלכע דער סולטאן פלעגט אויפנעהמען וויזיטען. און זיא האט זיך געזעצט אין גאנדאלע. (ווארום פון איהר פאלאץ אין בעגלעבעג האט מען בעדארפט פאהרען מיט'ן וואסער) און איז אוועקגעפאהרען אין בעגלעבעג. פאהרענדיג איז איהר איינגעפאלען אויפ'ן געדאנקען: וויא ועט זיין, ועו זיא וועט מיט אמאל בעגעגענען עטליכע מענשען צו זאמען? וויא וועט זיא דאמאלס וויסען, מיט וועמען פון זיי זיא דארף זיך פערבינדען, אום צו עררייכען איהר ציעל? צום גליק האט זיא דיא גאנצע צייט וואס זיא איז געפאהרען אויפ'ן באספאר קיין שיפעל, קיין גאנדאלע און קיין דאמפפשיף ניט אנגעטראפען. געוועהנליך איז דער באספאר אויף דיזעם ארט אימער בעדעקט מיט שיפען, וואס פאהרען אהין און אהער, און גראד דאמאלס איז איז ער געוועזען שטיל, אזוי וויא אלע פאהרער וואלטען מיט אמאל אויסגעשטארבען. דאס האט וואלידע'ן זעהר געוואונדערט און זיא האט פערשטאנען דאס איהר ערשטע בעגעגענים וועט היינט זיין אויף דער יבשה, אויף דעם קורצען וועג פון ברעג ביז דעם שלאס בעגלעבעג. שטעלט אייך אבער פאר, וויא גרויס עס איז געוועזען איהר וואונדער דאס זיא האט דארטען אויך קיינעם ניט בעגעגענט. זיא האט שוין אנגעפאנגען ביי זיך צו לאכען פון סיררא'ס ווערטער.

מיט דיעזע געדאנקען איז זיא ארויפגעגאנגען אויף דיא טרעפ פון סולטאן'ס וואהנונג און איידער זיא האט ארויפגעשטיגען אויפ'ן דריטען טרעפעל, האט זיא דערזעהן איינעם, וואס געהט איהר פון אויבען ענטגעגען. דיעזער איינער איז ניט געווען קיין אנדערער וויא דער שייך־אול־איסלאם! וואלידע האט זיך אויף דעם גאר ניט גערינבט און איז געבליעבען שטעהן אבהענדיג און שטום, אזוי וויא עס וואלט איהר דער לשון אבגענומען. זיי האבען זיךביידע אנגעקוקט וויא דיא העהנער, קוים געגריסט איינער דעם אנדערן, און זיינען פאנאנדער געגאנגען, ער אראב און זיא ארויף. „מיט דיעזען מאן מוז איך מיך פערבינדען? — האט וואלידע מיט שרעק געטראכט, מיט דיעזען מאן, וואס איז מיר אימער געווען א בלוט שונא? דורך איהם אליין וועל איך קענען ערפיעלען מיין וואונש? ! וואלט דאס ווער געגלויבט? אבער דיא וועגען פון גאט איז ניט צו ערפארשען!“

.40

דאָס ווידער זעהן.

נאָך דעם ווי צארא־בעי האָט איינגענומען די אראבער, איז ער מיט זיינע סאָלדאטען געבליעבען אין זייער לאגער, וואו זיי האָבען געמאכט פיר זיך גאנץ היימליכע קוואר־טירען. זיי האָבען אום־עט־אום אויסגעשטעלט פּיקעטען, וואכען, כדי דער פיינד זאָל אויף ניט קענען מאכען פּלוצלונג אן איבערפאל, און וויא עס איז שוין אלעס געווען ביי זיי פערטיג האָט צארא־בעי זיך איבער־א־גייעס גענומען זוכען זיין פריינד סאדי. צארא־בעי האָט אין אלע ארומיגע ערטער פאנאנדער געשיקט שפּיאָנען זיי זאָלען אויס־פאָרשען ביי דיא פיינדליכע אראבער, וואו זיי האָבען איהם אהין געטאָהן. זיי האָבען איבערגעזעהן אלע געטיידטע, אלע פערוואונדעטע, האָבען אויפגעזוכט דיא סאָלדאטען פון סאדי'ס מיליטער, וועלכע זיינען ענטלאָפען לעבעדיגע, אָבער עס איז געווען ארויסגעוואָרפען דיא ארבייט: קיינר האָט זיי קיין נאכריכט ניט געקענט געבען, וואָס עס איז מיט סאדין געוואָרען. דאמאָלס איז ביי צארא'ן געבליעבען דאָס דער פיינד האָט סאדי'ן קראנקערהייד מיטגענומען, בשעת דיא אראבער זיינען אנטלאָפען, און זיי האלטען איהם א פערוואונדעטען ביי זיך. דאָס ער איז געווען פערוואונדעט איז ביי צארא'ן קיין שום ספק ניט געווען, ווארום ווען ניט וואָלט ער שוין לאנג פון זיי צור'יק געקומען.

אין דעם וויא צארא איז אזוי געווען פערזאָרגט איבער זיין קאמעראד, איז האסטיג געקומען איינער פון זיינע רייטער און האָט אָהן איין אָטהעם ערצעהלט, דאָס דיא ענט־לאָפענע אראבער האָבען זיך ווידער צוזאמענגעקליעבען און האָבען פערלייגט א לאגער פיער מייל פון דאָרטען, ניט ווייט פון דיא גרויס קאראוואנען שטראסע. דערצו נאָך האָט ער געהערט דאָס דיא בלוט ברויט מיט איהרע ברידער האָבען זיך געווענ־דעט צו איין אנדער אראבער שטאם און געבעטען ביי איהם הילפע געגען דיא טירקען.

צארא־בעי האָט ניט געמאכט קיין שהיות, האָט זיך פערשטעלט פיר איין ארא־בער און איז אוועקגעריטען צום לאגער פון דיא אראבער. ער האָט געפונען אלעמען שלאָפענדיג, דיא עטליכע וועכטער, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפען, האָבען איהם אָנגע־נומען פיר איין אראבער און גאנץ פריינדליך דורכגלאָזען. זיי האָבען איהם געגריסט, ער האָט זיי געענטפערט און איז זיך גאנץ רוהיג אריינגעריטען אין מיטען לאגער. דאָ האָט ער אריינגעשטאָכען אין דר'ערד זיין פּיקע, צוגעבונדען צו איהר זיין פערד און איז אליין צופוס דורכגעגאנגען דעם גאנצען לאגער. ער האָט זיך באלד איבערצייגט דאָס אין אלעמען האָבען דיא אראבער ניט מעהר וויא פינף הונדערט מאן. געגען אזוי פיעל אראבער האָט ער נאָך געקענט בעשטעהן, און עס איז איהם שוין געוואָרען פרעהליכער אויפ'ן הארצען.

יעצט האָט ער נאָר געהאט איין צער, וואָס ער האָט ניט געוואוסט וואו סאדי איז. ביי איהם איז אָפּילו קיין ספק ניט געווען, דאָס זיין קאמעראד איז פערשפּארט ביי'ם אָמיר הארון אין געצעלט. צארא־בעי איז אריין אין זאליהא'ס קאמער און האָט דורכגעזעהן אלע ווינקעלאַך, האָט אָבער קיין סמן פון סאדי אויך ניט געפונען. אָנשטאָט דעם האָט ער דאָרטין בעמערקט א בלוט־רויטע פאָהן און א טוידטע באלזאמירטע קאָפּ, וואָס איז געווען בעשמירט מיט פרישע בלוט. ער האָט פערשטאנען אז דאָס איז זאליהא'ס חתן'ס קאָפּ. דורכ'ן פאָרהאנג האָט ער געזעהן אלעס, וואָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט. אָבער דאָרטען איז אויך פון סאדי'ן קיין זכר ניט געווען. בקיצור ער האָט זיך אומזיסט געשטעלט אין סכנה. דאָס האָט איהם אָפּילו שטארק פערדראָסען, אָבער דערפאר איז ביי איהם געווען רוהיג דער געוויסען; ער האָט געטאָהן, וואָס ער האָט געקענט, אויפצוזוכען זיין אומגליקליכען פריינד, און ווען עס איז דערפון גאָר ניט ארויסגעקומען, איז דאָס דאָך ניט זיין שולד. ער האָט מיטגענומען דיא רויטע פאָהן און דיא טוידטע קאָפּ און איז צוריק ארוים פון דעם פיינדליכען לאגער.

ער האָט אוועקגעלאָזען דעם פערד לויפען מיט אלע קרעפטען, ווייל ער האָט זיך געאיילט צו קומען וואָס פריהער אהיים, אָבער ווי ער איז געווען פערטיעפט אין געדאנקען האָט ער זיך ניט ארומגעזעהן, וויא דער פערד איז אראָפּ פון וועג און האָט איהם פערפיהרט ווייט אָן א זייט. א גאנצע נאכט האָט ער געבלאָנדזעט ביז עס האָט אָנגעפאנגען צו טאָגען. ווי עס האָט גענומען טאָגען, האָט ער דערזעהן פון ווייטען, איין ערך פון צוויי הונדערט טריט פון איהם, איינעם געקליידעט וויא א באשי־בוזוק, א קינזשאל און א רעוואָלווער אין גורט, וואָס האָט אָבער אויסגעזעהן וויא א מענש וואָס ווייס ניט וואו ער איז אין דער וועלט און האָט עטוואָס מורא.

צארא־בעי האָט זיך זעהר ערפרעהט, ווייל ער האָט גערעכענט, דאָס איז איינער פון סאדי'ס סאָלדאטען, וואָס זיינען אנטלאָפען פון דיא אראבער ער האָט דאריבער א פליה געטאָהן מיט'ן פערד גלייך צו דעם אונגליקליכען באשי־בוזוק, וואָס האָט איהם געקאָנט געבען נאכריכט פון סאדי'ן. וויא דיעזער אונבעקאנטער באשי־בוזוק האָט דאָס דערזעהן, האָט ער פלינק ארויסגעחאפּט דעם רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסען.

— ניט זוכה וועסט דוא זיין, — האָט ער ביי דעם אויסגעשריען, — דוא זאָלסט סאדי בעי פאנגען אָדער טוידטען!

ער האָט געמיינט דאָס דער רייטער, וואָס האָט זיך צו איהם געיאָגט, איז איין אראבער (ווייל צארא־בעי איז דאָך געווען וויא מיר ווייסען, פערשטעלט פיר איין אראבער) און דעריבער האָט ער אויף איהם געשאָסען. צום גליק, האָט ער אויף דעם מאָל ניט געטראָפען אין ציעל. און איידער ער האָט צייט געהאט נאָך א מאָל אָנצולאָדען דעם רעוואָלווער, איז שוין לעבען איהם געשטאנען צארא־בעי, און זיי האָבען זיך ביי־

דע ערקאַנט. דיא פריידע, וואָס זיי האָבען געפיהלט ביי דיעזען וויעדערזעהן איז ניט צו בעשרייבן. זיי זיינען איינער דעם אנדערן ארויפגעפאלען אויף'ן האלז און האָבען געוויינט מיט פריידע טרעהרען.

— יעצט זיינען מירביידע מיעד, — האָט סאדי געזאָגט צו זיין קאמעראד, — דעראיבער, איז גלייכער מיר זאָלען אונז ביידע אויסרוהען דערנאָך וועלען מיר שפּרעכען. דאָ ניט ווייט איז דאָ א הייל, איך האָב דאָרטען געלאָזען מיין פערד, מיינע פּראָוויאנט; קום מיט מיר אהין און מיר וועלען דאָרטען אביסעל זיך ערקוויקען מיט עסען און טרינקען, אביסעל אָברוהען זיך און דערנאָך וועלען מיר ביידע צוזאמען אוועקרייטען צו דיר אין לאגער. אין הייהל איז זעהר גוט, קיהל, ווייך און אנגענעהם צו זיטצען אויף דיא טרוקענע היי וואָס איך האָב אויסגעבעט, און עס איז ניט ווייט פון וועג.

צארא־בעי און סאדי זיינען אריין אין הייל. וויא זיי האָבען זיך ערפרישט מיט עסען־טרינקען, האָבען זיי זיך געוואָלט אביסעל אויסשלאָפען, אָבער זיי זיינען ביידע געוועזן אזוי אויפגערעגט דאָס זיי האָבן פיר קיין ארט ניט געקענט איינשלאָפען. עס איז ניט אוועקגעגאנגען קיין פינף מינוט פון זייער לייגען זיך, וויא זיי האָבען שוין צווישען זיך וויעדער גערעדט.

— איך קאָנן ניט קלוג ווערען, — האָט געזאָגט צארא־בעי, — וויא אזוי קומסט דו אין בעדער? דוא ביזט דאָך געוועזן געפאנגען פון דער בלוט־ברויט?

— דעם אמת זאָגענדיג, —האָט סאדי געענטפערט, — ווייס איך דאָס זעלבסט ניט. דיא וואונדען, וואָס איך האָב בעקומען אין שטרייט, האָבען מיך אזוי אָבגעשוואכט דאָס איך האָב פערלאָרען אלע מיינע געפיהלע און האָב ניט געוואוסט וואָס מיט מיר איז. ווען עס איז מיר שוין געוואָרען אביסעל לייכטער און איך האָב אָנגעפאנגען צו קומען צו זיך, בין איך ערשטוינט געוואָרען צו זעהן, דאָס איך ליעג אין א פרעמדע הויז צווישען פרעמדע מענשען אין שטאָדט בעדער. איך האָב געפרעגט דעם אלטען מאן, וואָס איז געגאנגען ארום מיר און האָט מיך אָבגעהיט אין מיין קראנקהייט, וויא אזוי איך קום אהין אין זיין הויז, האָט ער מיר געענטפערט, דאָס ארויסגעהענדיג א פריה־מאָרגען אין גאס, האָט ער מיך געפונען א צובלוטיגטען ליגענד לעבען זיין טיר. ער האָט מיך גלייך אריינגענומען צו זיך, האָט מיך ארומגעוואשען דיא בלוט, איינבאנדאזשירט דיא אָפענע וואונדען און אוועקגעלייגט אויף א מאטראַץ, דערנאָך האָט ער מיך אויפגעפאסט דיא גאנצע צייט, ביז איך האָב זיך געשטעלט אויף דיא פיס. ווער האָט צו איהם געבראכט? און ווארום צו איהם, ניט צו קיין אנדערן? — דאָס האָט ער ניט בעסער געוואוסט וויא איך.

צארא־בעי האָט איהם ווייטער ערצעהלט, וויא ער איז אריין פערשטעלטערהייט

אין לאַגער פון דיא בעדואינער און האָט פון דיא בלוט־ברויט'ס צימער ארויסגעטראָגען דיא רויטהע פאָהן און איהר חתן'ס קאָפּ, וויא ער האָט איהם געזוכט, און אלעם דינג וואָס האָט זיך פּאסירט נאָך דעם וויא סאדי איז אריינגעפאלען צו דיא אראבער אין די הענד.

סאדי האָט ניט געוואוסט וויא איהם צו בעדאנקען פיר זיין פריינדשאפט וואָס ער האָט געוויעזען צו איהם. אויף צארא'ס פראגע, וויא אזוי איז ער געקומען אין הייל? — האָט ער געענטפערט, דאָס בשעת עס איז געקומען דיא צייט, ער זאָל נעהמען פון דעם גוטען זאמאריטען אבשיד, האָט איהם יענער פערזאָרגט מיט שפּייז און מיט אלע זאכען וואָס זיינען נעטהיג אין וועג, דערצו נאָך מיט א גוטען פערד און האָט פיר קיין זאך קיין געלד ניט גענומען.

—איך בין געקומען צו רייטען אויף דיא קאראוואנען שטראסע און האָב גע־רעכענט צו פאָהרען צו דיר אין לאַגער; גוט וואָס איך האָב זיך אויף א פּאָאר שטונ־דען אָבגעשטעלט דאָ אין דיא הייהל און איך האָב זיך מיט דיר בעגעגענט.

זיי האָבען צווישען זיך אזוי גערעדט ביז עס איז געוואָרען טאָג און דיא זון האָט אָנגעפאנגען צו באקען. דער זאמד האָט געברענט וויא הייסע קויהלען. ווייטער פאָהרען אין אזא היטץ איז שוין ניט געוועזן צו דענקען. דערצו זיינען זיי נאָך ביידע געוועזן מיעד און האָבען דיא פאָריגע נאכט איין אויג ניט צוגעטהאָן. זיי זיינען דע־ריבער אריין מיט זייערע פערד אין א הייהל און האָבען זיך געלייגט אויסרוהען. עס איז ניט אוועק קיין דריי מינוט און זיי האָבען שוין געשלאָפען וויא דיא געהרג'עטע. מיט א מאָל זיינען אריין אין דעם זעלבען הייהל צוועלף רייטער, צוועלף אראבער וואָס זיינען געוועזן ניט קיין אנדערע וויא דיא בלוט־ברויט מיט איהרע ברידער און נאָך ניין בעדואינער פון זייער סוויטע! דיא טירקישע אָפיצירען האָבען אָבער אזוי שטארק געשלאָפען, דאָס זיי האָבען ניט געהערט וויא זייערע בלוט־פיינדע זיינען געקומען און וואָס פיר א געשפּרעך זיי האָבען צווישען זיך געפיהרט, אריינגעהענדיג אין הייהל.

דיא בלוט־ברויט מיט איהרע ברידער זיינען געפאָהרען צוריק פון דעם אראַ־בער־שטאם, מיט וועמען זיי האָבען געהאָפט צו מאכען איין האנד געגען דיא טירקען. אזוי וויא מיר ווייסען שוין, האָט זיך זיי דאָס ניט איינגעגעבען. ערשטענס, האָבען זיך שוין יענע אראבער דערוואוסט פון דיא גרויסע מפּלה, וואָס זיי האָבען געהאַט אין שטרייט מיט צארא־בעי. צווייטענס, האָט דער גובערנאטאָר, פון בעדער פּובלי־צירט, דאָס דער סולטאן וועט געבען א האלבען מיליאָן פּיאסטער און א פיינע שטעלע דעם וואָס וועט ברייגגען דער בלוט־ברויט'ס קאָפּ.

דאָס איז געוועזן גענוג אראָבצושלאָגען דיא העלדען מערכען פון מוטה. לא די

וואָס זיא האָט ניט אויסגעפיהרט דעם פּלאַן צו שליסען א בונד מיט איין אנדער פירשט, איז זיא נאָך יעצט ניט זיכער געווען מיט'ן אייגענעם לעבען און איז ניט זיכער געווען אפילו צווישען איהרע אייגענע מענשען. זיא האָט אויף יעדען טריט געפירכטעט, מען זאָל אויף איהר פּלוצלינג ניט אָנפאלען און טוידטען, אום צו בע־קומען איהר טהייערען קאָפּ. דעריבער האָט זיא זיך געשראָקען צו פאָהרען ביי נאכט, ווען אלע פאָהרען דאָרטען געוועהנליך, און איז בעסער געפאָהרען ביי טאָג אין רעכטען היטץ, ווען קיינער פאָהרט ניט. פאָהרען א גאנצען טאָג איז אָבער ניט מעגליך געווען ניט פיר איהר אליין און ניט פיר איהרע בעגלייטער. זיי זיינען אלע געבליבען אָהן קרעפטען אין א צייט פון דריי, פיער שטונדען. דעריבער, וויא זיי זיינען געקומען לעבען הייהל, וואו עס האָבען זיך גאנץ געמיטהליך גערוהט אונזערע צוויי אָפיצירען, האָט זאליהא פאָרגעלייגט מען זאָל זיך אָבשטעלען און אריינגעהן אויף א קורצע צייט אין קיהלען הייהל. געוועהנליך איז דאָס אלעמען זעהר געפעלען. אזוי זיינען אלע אראָב פון דיא פערד און אריין אין הייהל. אלע זיינען געבליבען פון פאָרנט, אום זיי זאָלען קאָנען אכטונג געבען אויף דיא פערד,, נאָר זאליהא אליין, ווייל זיא איז געווען מעהר מיעד וויא אלע, איז אריין טיעף אין הייהל (וואָס טיעפער, איז אלץ קיהלער) און אזוי האָט זיא דאָרטען דערזעהען סאדי'ס און צארא'ס פערד.

העכסט ערשראָקען, איז זיא גלייך צוגעלאָפען צו דיא ברידער און האָט זיי ערצעהלט, פון דיעזע בעגעגענים. וויא באלד עס איז דאָ פערד, זיינען געוויס מענ־שען אויך דאָ, האָבען זיי פערשטאנען, און ווער זיינען זיי דיעזע מענשען? עס איז געוואָרען צווישען דיא צוועלף רייטער א קאָך, א טומעל; זיי האָבען אָנגעצונדען פייער און גענומען פאָרזיכטיג געהן טיעפער אין הייהל, דיא בלוט־ברוט פאָראוים און אלע נאָך איהר. איהר פריידע איז געווען אָהן א ברעג, וויא זיא האָט זיך באלד איבער־צייגט, דאָס דאָרטען זיינען מעהר ניט דאָ וויא צוויי מענשען און דיעזע מענשען זיינען ניט קיין אנדערע וויא איהרע שלימסטע פיינדע, דיא אנפיהרער פון דיא באשי־בוזוקי'ס!

— יעצט, הינד, זייט איהר שוין מיינע געפאנגענע, — האָט זיא זיך געווענדעט צו דיא טירקישע אָפיצירען, — נאָך א מאָל ווערט איהר שוין, וויא עס ווייזט אויס, מיט מיר ניט שטרייטען... געגוג פיר אייך... מיינט אָבער ניט הינד, דאָס איך וועל אייך שוין טוידטען. ניין, איך מוז אייך געבונדענערהייד ברייגגען צו מיר אין לאגער, אלע מיינע סאָלדאטען זאָלען אייך זעהען. דאָס ווערט זיי א ביסעל שטארקען דעם מוטה. אלזאָ, גיט אהער אייערע וואפען און לאָזט אייך מיט גוטען בינדען... איהר זעהט דאָך, דאָס איהר האָט שוין ניט וואָס צו מאכען.

צוויי בעדואינער זיינען שוין צוגעגאנגען מיט שטריק, אום זיי צו בינדען.

אָבער צארא און סאדי האָבען זיי בעגעגענט מיט פיסטאָלעטען און האָבען זיי אוועקגעלייגט אויף'ן אָרט. דער הייהל איז פול געוואָרען מיט רויך און ביי דיא בעדואינער איז געוואָרען א טומעל, דערווייל האָבען דיא אָפיצירען געקאָנט געהן טיעפער און טיעפער אין הייהל, ביז וואנען זיי זיינען פערקראָכען אין אזא שמאָלען און קרומען דורכגאנג, וואָס מעהר וויא איין מענש האָט דאָרט ניט געקאָנט ארייננעהן. יעצט האָבען זיי שוין פאר דיא בעדואינער קיין מורא ניט געהאט, ווארום ווער פון זיי עס וועט זיך אונטערשטעלען אהין ארייננצוגעהן, דער וועט בעקומען אין הארצען א קויל.

— זאָלען דיא הינד ליגען אין לאָך, — האָט זיך אָבגערופען דיא בלוט-ברויט, — זיי זיינען ניט ווערטה מען זאָל אויף זיי אויסברייננגען א שאָס פולווער אָדער א שטונדע צייט. מיר וועלען זיי בעסער לאָזען דערשטיקט ווערען פון רויך... דער פלאַן איז אלעמען געפעלען. דיא בעדואינער זיינען ארויס פון הייהל און האָבען צונויפגעקליבען א בארג טרוקענע וואָרצלען און האָבען דאָס אָנגעצונדען אין ארייננגאנג פון הייהל. עס איז געוואָרען אזא געדיכטער רויך און אזא היטץ, דאָס ביי דיא בעדואינער איז קיין שום ספק ניט געוועזען דאָס דיא אָפיצירען האָבען זיך שוין מיט'ן לעבען אָבגעזועגענט.

41.

האסאן בעי'ס וואונש צו בעפרייען.

מיר ווייסען שוין, דאָס עס האָט זיך ניט איינגעגעבען צו בעפרייען רעציע'ן דורך האמיד-קאדי, וואָס האָט פערקעהרט איינגערעדט דעם סולטאן, דאָס זיא איז איינע פון זיינע געפעהרליכסטע פיינד.

— ארויסגעוואָרפען אונזער מיה! — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ יוססוף צו זיין אדיוטאנט, — אלעס אומזיסט, מיין עדעלער האסאן, צו בעפרייען דיא אונשולדיגע רעציע איז שוין מעהר ניט צו האָפען. מיר קאָנען נאָר איהר עטוואָס בעסער מאכען איהר לאגע, אָבער ניט פריי לאָזען.

— און דאָס איז פון דיר העכסט פיין, מיין גוטהערציגער פרינץ, — האָט איהם געענטפערט האסאן, — אָבער, וויא איך פערלאנג איהר צו טהאָן גוטעס, וואָלט איך דיר גאָר ניט געראטהען זיך צו מישען אין דיזער זאך. דו קאָנסט דערמיט אריינברייגגען דיין פאָטער אין כעס און קאָנסט דערפון פיעל ליידען. דעריבער, ווען עס איז נאָך עטוואָס דאָ צו טהאָן פיר רעציע'ן, וועל איך דאָס אליין טהאָן. פיר מיר איז דאָס ניט געפעהרליך, ווארום איך בין א קליינער מענשעלע און קיינער קוקט מיר ניט נאָך, וואָס איך טהו און וואו איך געה. אָבער מיט דיר איז דאָס גאנץ אנדערש. דיר היט מען דיא טריט און דו קאָנסט ניט טהאָן וואָס דער האָאָר איז

ווערטה אלע זאָלען דאָס גלייך ניט בעמערקען. פערגעס ניט, דאָס דו ביזט דאָך דער עלטעסטער פרינץ אין דער פאמיליע און טויזענדע אויגען און אויערען שפּיאָנעווען דיך אפילו בשעת דו שלאָפסט... אָבער איך מעג זיך טהאָן וואָס איך וויל און עס איז קיינעמ'ס דאגה ניט. וויעדער, בין איך מחויב צו טהאָן פיר איהר אלסדינג פון כאַדי'ס וועגען, וואָס איז מיין בעסטער פריינד אין דער וועלט!

איך דאנק דיר, ליעבער האסאן, וואָס דו זאָרגסט וועגען מיר וויא א פאָטער און בעמיהסט דיך מיר צו פערהיטען פון צרות און פערדרוס. אָבער איך קאָן דאָך ניט שטעהן פון וויטען און נאָר קוקען, וואָס דו אליין וועסט טהאָן פיר איהר. ניין, מיין פריינד, איך קאָן ניט יוצא זיין מיט'ן קוקען אליין; איך מוז אויך עטוואָס טהאָן, איך מוז דיר העלפען און נעהמען א חלק אין דעם וואָס דו רעכענסט צו טהאָן אום צו פערבעסערען איהר לאגע, ווען עס איז שוין ניט מעגליך איהר אין גאנצען צו בעפרייען. ערשטענס, איז דאָס גאָר ניט פיר מיך אזוי געפעהרליך, וויא דו מיינסט. וויל דו ליעבסט מיך צופיעל, שטעלסט דו דיר פאָר דיא זאך פיעל גרעסער וויא זיא איז. צווייטענס, ווייס איך אליין ניט, וואָס דאָ איז מיט מיר. עס ציהט מיך, איך זאָל טהאָן וואָס איך בין נאָר אימשטאנד איהר צו בעפרייען, עס ציהט מיך און איך קאָן זיך פיר קיין ארט ניט אָבהאלטען. וויא דיין ראטה איז ביי מיר אימער טהייער, קען איך אָבער גראָד יעצט דיר ניט געהאָרכען, דו פערשטעהסט: איך קאָן ניט! איך בלייב אלזאָ ביי דאָס מייניגע, איך וויל ניט אָבשטעהן פון דיר און איך וועל דיר העלפען אין אלע דיינע בעמיהונגען וועגען דיין פריינד'ס געליעבטע.

—רעכט האָט האסאן געענטפערט, — זאָל זיין וויא דו זאָגסט, מעהר וויל איך דיך ניט אָבריידען. אלזאָ דארף מען נעהמען טהאָן, און גאָט זאָל אונז ביידען בע־היל׳פיג זיין!

— פון וואָס רעכענסט דו אָנצופאנגען! — האָט דער פרינץ געפרעגט.

— פריהער פון אלעם מוזען מיר וויסען וואו רעציע געפינט זיך דאָרטען אין „קאדריש“. דאָס קאָנען מיר זיך לייכט דערקודיגען ביי דער פראָפעטין וואָס איז יעצט ביים סאָפטי איבאם אין הויז. זיא וועט דאָס אונז זאָגען ריכטיג אויף א האָר.

— דאָס קאָנסט דו דאָך דערגעהן ביי יענער פרוי, וואָס האָט דיר געבראכט וועגען רעציע'ן דעם בריעף?

— יענע פרוי איז וויא אין וואסער אריין, האָט געענטפערט האסאן, — איך קאָן איהר בשום אופן ניט אויפזוכען.

— און דו גלויבסט ווירקליך אין דיעזע פראָפעטין? — האָט דער פרינץ גע־פרעגט מיט א שמייכעל.

— און ווארום נים? זיא איז דאָך געקומען פון יענער וועלט... מען האָט גע־פרעגט ביי איהר פיעלע סעקרעטנע זאכען, און זיא וויים אלסדינג...

— ווען אזוי, — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ, — וויל איך אויך מיט דיר געהען אהין.

— גאנץ גוט, — האָט געענטפערט האסאן, — אין א שטונדע ארום געהען מיר ביידע אהין. אָבער ערשטענס, בעט איך דיך קיינער זאָל פון דעם ניט וויסען; צוויי־טענס, דו זאָלסט נאָר שטעהן און האָרכען, וויא איך וועל מיט איהר שפּרעכען, דו זעלבסט אָבער, זאָלסט ביי איהר קיין זאך ניט פרעגען, ווען ניט, וועסט דו דיא גאנצע זאך איבערפיהרען און זיך אליין אויך קיין טובה ניט טהאָן.

—זאָל זיין אזוי, — איז דער פּרינץ מרוצה געוואָרען.

אין א שטונדע ארום האָבען זיי זיך ביידע פערשטעלט פיר געמיינע קויפ־לייטע און זיינען געקומען אין סאַפטי איבאַמ'ס וואָהנונג. ביים אריינגאנג, איז געווען, וויא אימער, א שרעקליכע ענגשאפט, און אונזערע פערשטעלטע בעזוכער האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט אריינשפּארען, ביז וואנען האסאן האָט געמוזט צוגעהן צו א קאוואס (זשאנדארם) און זאָגען ווער ער איז. דער קאוואס האָט גלייך געמאכט פיר זיי א וועג, און וויא זיי זיינען אריין אין צימער, איז ער אליין גע־שווינד ארונטערגעלאָפען אונטער'ן שווארצען פאָרהאנג און אָנגעזאָגט ווער דער נייער בעזוכער איז, כדי מען זאָל וויסען, וואָס פיר אנטוואָרטען אונטערצוזאָגען סירראַ'ן.

וויא זיי זיינען אריין אין צימער, וואו דיא פּראָפעטין אליין איז געזעסען, זיינען זיי אזוי וויא בעצויבערט געוואָרען פון דעם אויפּפּוטץ און פון אלעס וואָס דאָרטען איז געווען. דיא דונקעלע בעלייכטונג פון צימער וואָס איז נאָך פול געווען מיט רויך פון ווייהרויך, סירראַ'ס פיגור איינגעהילט פון קאָפּ ביז דיא פיס אין שווארצען — דאָס אלעס צוזאמען האָט אויף זיי געמאכט א שרעקליכען איינדרוק.

מעהר פון אלעס זיינען זיי ערשטוינט געוואָרען פון דיא פסוקים פון אלקאָראן, וועלכע סירראַ האָט אויסוועניג פאָרגעלעזען מיט א ריינע זיסע שטימע, בשעת זיי זיינען צו איהר אריין. דיזע פסוקים אָדער פערזען האָבען זעהר געפּאסט פיר זיי און עס איז נאָך ביי זיי ביידען דערפון שטארקער געוואָרען דער גלויבען אין דיא פּראָ־פעטין און אין איהרע ווערטער. „זאָגט ניט, דאָס דיא, וואָס שטארבען פיר דעם גלויבען אין גאָט, זיינען ווירקליך טוידט: ניין, זיי לעבען“.

וויא סירראַ האָט געענדיגט לעזען דיא פסוקים, האָט זיא אויסגעשטרעקט צו זיי איהר איינציגע האנד און האָט געפרעגט, וואָס זיי פערלאנגען פון איהר.

— איך ברויך דיין ראטה און דיינע הילפע, — האָט זיך האסאן אָבגערופען צו איהר, — זאָג מיר פּינקטליך און גענוי דעם אָרט, וואו עס איז איינגעשפּארט איין

אונשולדיגעס מערכען ; זיא הייסט רעציע און איז דעם גרויס בעריהמטען אלמאנזאר'ס א טאָכטער.

אזוי וויא מיר וויסען, האָט סירדא גאנץ גוט געוואוסט, ווער רעציע איז און וואו זיא איז, און האָט אויך געקענט האסאן'ען, אָבער זיא האָט זיך געמאכט גאָר ניט וויסענדיג פון דיא גאנצע געשיכטע. עטליכע מינוט האָט זיא געשוויגען, און דאסאן האָט געמיינט, דאָס זיא ווארט, מען זאָל איהר פון הימעל געבען צו וויסען דיא זאך, וואָס ער פרעגט (אין אמת'ן, אָבער, האָט זיא זיך איינגעהאָרכט, וואָס מען וועט איהר אונטערזאָגען פון אונטער'ן פאָרהאנג).

— וויא עס שיינט, ווילט איהר דיעזעס מערכען בעפרייען, — האָט זיך אָבגערופען דיא פראָפעטין, — אלזאָ מוזט איהר אין א שטונדע ארום, ניט פריהער ניט שפעטער, אוועקגעהן אין דיא רואינע „קאדריש", דאָרטען געפינט זיך אָן א זייט א לאנגער און א פינסטערער קאָרידאָר. געהט אריין אין דיעזען קאָרידאָר און געהט אזוי לאנג ביז איהר וועט דערזעהען טרעפ. ארויפגעהענדיג אויף דיא טרעפ ביז אויבען, זאָלט איהר זיך נעהמען רעכטס און געהן, געהן, ביז וואנען איהר וועט אריינקומען אין א לאנגען און א ברייטען קאָרידאָר. אָבער, איך זאָג אייך פאָראויס, דאָס איז זעהר א געפעהרליכער וועג. אום עס זאָל אייך בעגליקען אויסצופיהרען וואָס איהר פערלאנגט, מוזט איהר זיין אָהן פורכט, מוטהיג און דרייסט... קומען אהין פונקט אין א שטונדע ארום, ניט איין מינוט פריהער, ניט איין מינוט שפעטער.

— מיר דאנקען דיר פיר דיין אנטוואָרט, — האָט זיך אָבגערופען האסאן, — דו האָסט אונז א גרויסע טובה געטהאָן מיט דעם ענטדעקען דעם געהיימען אָרט וואו דיא אונגליקליכע רעציע איז איינגעשפארט. —

זיי האָבען איהר גוט בעלאָהנט און זיינען גלייך אוועקגעגאנגען, אום זיי זאָלען זיך ניט פערזאמען מעהר וויא א שטונדע. אין דיא זעלבע מינוט איז פון אונטער'ן פאָרהאנג ארויסגעגאנגען מאנזור־עפענדי.

סירדא איז געבליבען אליין און האָט זיך אָנגעפאנגען שטארק צו קלערען וועגען דעם ראטה וואָס זיא האָט געגעבען האסאן'ען מיט'ן פרינץ. ווען זיי וועלען איהר פאָלגען צו טהאָן, וויא זיא האָט זיי געראטהען, וועלען זיי ביידע בעשטימט אריינפאלען אין מאנזור־עפענדי'ס הענד, וואָס איז געווען זייער שלימסטער פיינד. וואָס האָט זיא אָבער געקאָנט טהאָן ? זיא האָט זיי געמוזט מיטטהיילען נאָך דעם אָנטוואָרט וואָס מאָנזור־עפענדי האָט איהר דיקטירט אונטער'ן פאָרהאנג. ווען ניט דיא וועכטער, וואָלט זיא זיי געגעבען אין דער שטיל א וואונק, זיי זאָלען אהין ניט געהן, ווארום איהרע ווערטער זיינען פאלשע. אָבער דיא וועכטער האָבען פון איהר איין אויג ניט אראָבגעלאָזען און האָבען געהיט איהר יעדען מאך מיט'ן האנד. זיא

וואָלט װערן יעצט אונטערגעלאָפּען צו זיי אין גאס און אָבהאַלטען פון זייער פּלאַן. אָבער וויא װעהט מען ארויס, אז מען היט איהר דיא טריט? דורך'ן טיהר איז אונמעגליך, ווארום אונטען זיינען געווים דאָ דיא דיענער און וועכטער. דיא פענסטער זיינען אַלע געוועזן פערשלאָגען מיט געדיכטע גראטעס...

זיא האָט זיך דערמאָהנט, דאָס אין א קליינעם צימערל איז דאָ איין איינציגער פענסטערל אָהן א גראטע. זיא האָט זיך לאנג ניט מישב געוועזן, האָט אויפגעזוכט א זיידענעם שנור און אָנגעבונדען אָן יענעם פענסטערל און האָט זיך וויא א קאטץ אראָבגעלאָזען אין גאס. אזוי וויא דיעזער פענסטערל איז ארויסגעקומען אין א שטילע געסעל, האָט איהר קיינער ניט בעמערקט און זיא האָט זיך גלייך גענומען יאָגען נאָך האסאן'ען מיט'ן פּרינץ. צום אומגליק, אָבער, האָט זיא זיי ניט אָנגעיאָגט, ווארום זיי זיינען אוועק מיט א פיערטעל שטונדע פריהער וויא זיא, און האָבען זיך דערצו אונטערגעאיילט, כדי זיי זאָלען קומען אין רואינע אין רעכטער צייט. זיי זיינען געקומען אין רואינע מיט א פיערטעל שטונדע פריהער וויא זיא, און האָבען דאָרטען גענומען געהן פון איין קאָרידאָר אין דעם אנדערן אזוי וויא סירדא האָט זיי אָבגעמעלדעט. צום סוף זיינען זיי אריין אין א פינסטערן קאָרידאָר, אין וועלכען עס איז אריינגעקומען הונדערטע טיהרען פון קעמערלעך, וואו עס זיינען איינגעשפּארט ארעסטאנטען. זיי האָבען גענומען געהן פון טיהר צו טיהר און רופען: רעציע, אָבער זיי האָבען איהר ניט געפונען. דאָ איז זיי ארויף אויף'ן געדאנקען, דאָס דיא פּראָפעטין האָט זיי דורכאויס גענארט, דאָס דיא גאנצע מעשה איז מעהר ניט וויא איין אָנשטעל. זיי האָבען פערשאָלטען דיא מינוט, וואָס זיי זיינען געגאנגען צו איהר און האָבען זיך געלאָזט איינריידען. זיי האָבען זיך שוין בעשלאָסען ארויסצוגעהן צוריק פון רואינע, האָבען זיי אָבער פיר קיין ארט ניט געטראָפען דיא וועג, און וואָס ווייטער האָבען זיי זיך אַלץ מעהר פערפּלאָנטערט און האָבען ניט געוואוסט צו געהן ניט אהין, ניט אהער. יעדע מינוט האָבען זיי מורא געהאט דיא וועכטער זאָלען זיי בעגעגענען...

וויא זיי זיינען דאָ אזוי געשטאנען אין שרעק און אָהן א שום האָפנונג ארויסצורעטען זיך פון דיעזען פערפלוכטען אָרט, איז מיט א מאָל צוגעגאנגען צו זיי א פרויענצימער און האָט זיך אויסגערופען זיי צו העלפען ניט אזוי וויא ארויסצוגעהן, אָבער, אפילו צו בעפרייען דיא אונגליקליכע רעציע, צוליעב וואָס זיי זיינען אהין געקומען. דיא לעזער פערשטעהן זעלבסט ווער דיא פרויענצימער איז געוועזן. סירדא האָט געקענט אַלע וועגעלאך, אַלע טרעפּעלאך אין רואינע, האָט געוואוסט וואו עס ליגען דיא שליסעל פון אַלע קעמערלאך, און אזוי וויא דיא וועכטער האָבען געשלאָפען (אָדער האָבען זיך געמאכט שלאָפעדיג), איז איהר לייכט געוועזן אויפצוזוכען דיא שליסעל פון רעציעס צימערל און אָפען מאכען דיא טיהר. דערנאָך האָט זיא אײ־

בערגעגעבען רעציע'ן אין דיא הענד פון חאסאן מיט דעם פרינץ, האט זיי געוויעזען איין ארויסגאנג און פערזאגט, זיי זאלען א ווארט ניט אויסריידען צווישען זיך ביז וואנען זיי וועלען ניט זיין אויף יענער זייט מויער. זיי האבען ביי איהר געפרעגט ווער זיא איז, נאר זיא האט זיי געזאגט דאס יעצט איז ניט דיא צייט וועגען דעם צושפרעכען, און דאס זיי וועלען זיך דאס שפעטער דערוויסען פון רעציען. זי האט זיי געוואונשען א גליקליכע וועג און איז גלייך פון זיי פערשוואונדען געווארען.

זיי זיינען געבליבען שטעהן צו טומולטע און האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס עס איז דא מיט זיי געשעהן; אזוי וויא עס איז געוועזען זעהר פינסטער, האט אפילו רעציע אויך ניט ערקענט, דאס דיא איבערנאטירליכע פרוי איז געוועזען איהר אלטע פריינדין סיררא. וויא זיי האבען זיך אבער דערמאהנט, דאס זיי געהן דא ניט שפאצירען און דאס עס לוינט דארטען ניט צו פערברייגגען איבעריגע צייט, האבען זיי גענומען וויטער געהן מיט זייער וועג. שווייגענדיג, אהן א ווארט אויס צו שפרעכען, זיינען זיי געגאנגען דורך אן אלעע מיט געדיכטע בוימער. זיי זיינען אלע געוועזען זעהר אויפגרגט און פרהליך, וואס האט זיך אזוי גוט איינגעגעבען זייער פלאן.

דיא פרייד פון אונזער קאמפאניע האט אבער לאנג ניט געדויערט. קוים וואס זיי זיינען דורכגעגאנגען דיא אלעע, האט זיי אנגעטראפען א גרויסע צאהל פון דערווישען, וואס האבען שוין אויף זיי געווארט. דער אנפיהרער פון דיעזע דערווישען איז געוועזען מאנזור־עפענדי אליין. ער האט געהייסען אלע דריי אפפיהרען צוריק אין רואינע און אריינזעצען אין בעזונדערע נומערן אזוי וויא געוועהנליכע ארעסטאנטען. דער פרינץ האט דאס אפילו שטארק ניט געוואלט ליידען און האט פראטעסטירט.

— איך בין יוסוף, דעם סולטאן'ס זוהן! — האט ער זיך געבייזערט, — רעספעקט פאר דעם קייזערליכען פרינץ!

אבער דעם שייך־אול־איסלאם האט דאס זעהר וועניג געקימערט.

— אין רואינע „קאדריש“ איז קיין אונטערשיעד ניט דא צווישען א בעטלער און א פירשט! — האט ער איהם קאלט געענטפערט, — דא זיינען אלע גלייך. איך וועל זעלבסט רעפארטירען דעם סולטאן פון זיין זוהן'ס פערברעכען און ער וועט איהם זעלבסט ריכטען און ארויסגעבען א פסק!

מען האט זיי גלייך אלע דרייען אריינגעזעצט אין בעזונדערע צימערלאך, אזוי וויא דיא געמיינסטע פערברעכער. אבר ניט מיט אלע דרייען הא טדערנאך גלייך פאסירט. רעציע איז אין די זעלבע נאכט צוריק אנטלאפען און האט נאך געהאט גליק מיטצונעהמען דעם קליינעם סאלאדין, וועלכען מען האט שוין פון לאנג אן פון איהר

אָבגעריסען. וויא אזוי זיא האָט דאָס געקאָנט אויספיהרען און אזוי ניך, וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער ערצעהלען.

.42

דיא פּרינצען.

אזוי וויא מיר וויסען שוין פון פריהער, האָבען דיא פּרינצען מוראד און אבּ־דול אין דיא לעצטע צייט בעקומען גרויסע פרייהייטען, זיי זיינען שוין מעֶהר ניט געוועזן קיין פּאָליטישע ארעסטאנטען, וואָס מוזען דווקא וואָהנען אין א פּאלאץ וואו מען הייסט זיי און טאָהרען מיט קיינעם קיין געשעפטען ניט האָבען. זיי האָבען שוין געמאָגט וואָהנען וואו זיי ווילען, געהן אין געסט צו וועמען זיי ווילען, און אויפנעה־מען געסט וועלכע עס געפּהלט זיי.

מוראד'ס מוטר איז געוועזן א טשערקעסין פון געבורט און א ברענענדיגע קריסטין. איהר זון מוראד וואָלט אויך געבליעבען א קריסט, ווען ער וואָלט ניט געהאט קיין אויסקוק אויפ'ן טירקישען טראָהן. אזוי וויא ער איז געוועזן דעם פּאָרינגען סולטאן אבּ־דול־מעדשיד'ס עלטסטער זוהן, האָט ער אליין נאָר געהאט רעכט, נאָכ'ן טוידט פון דעם יעצטיגען סולטאן, ארויפצוגעהן אויפ'ן טירקישען טראָהן. מוראד האָט געהאט דריי פרויען. דיא ערשטע האָט קיין קינדער ניט געהאט, און זיא האָט איהם זעלבסט גע־ראטהען ער זאָל נעהמען נאָך צוויי פרויען, וואָס זיא האָט אליין פיר איהם אויסגעקלי־בען. איינע פון דיא צוויי פרויען האָט איהם געבאָרען סאלאדינ'ען.

אבדול האמיד אי זגעווען אינגער פאר מוראד'ן. זיי זיינען געווען ברידער נאָר פון איין פאָטער און ניט פון איין מוטער. אבדול חאמיד'ס מוטער איז געשטאָרבען זעהר יונג און איהם האָט אויפגענומען פיר א קינד אבדול־מעדשידי'ס ערשטע פרוי וואָס האָט אליין קיין קינדער ניט געהאט און איז געווען גאנץ רייך. נאָך מוראד'ס טוידט האָט בעדארפט דער זכות אויפ'ן טירקישען טראָהן איבערגעהן צו אבדול'ן.

דיא ביידע פּרינצען האָבען זעהר ווייניג געלעהרנט. כל זמן זייער פאָטער אבדול־מעדשיד האָט געלעבט פלעגען זיי פערברייננגען גאָר דיא צייט אין פערגניגען און שפּאַ־צירען. קוים וואָס זיי האָבען זיך אויסגעלערנט צו שרייבען און לעזען טירקיש. נאָך זיי־ער פאָטער'ס טוידט האָט זיי דער פעטער אבדול־אזים אין יאָהר 1867 מיטגענומען אין פּאריז אויף דיא אויסשטעלונג, ניט ווייל ער האָט זיי איבריגענס האָלד געהאט, נאָר ווייל ער האָט מורא געהאט זיי צו לאָזען אליין אין קאָנסטאנטינאָפּעל, זיי זאָלען ניט מאכען געגען איהם א בונד. זייענדיג אין פּאריז האָבען זיי זיך אויסגעלערנט עטוואָס פראנצויזיש.

וויא זיי האָבען זיך אומגעקעהרט פון פראנקרייך, האָט זיך אבדול גענומען מעהר בעשעפטיגען מיט בילדונג און אָנגעפאנגען צו פיהרען איין אייראָפּייאישעס לעבען,

האָט גענומען אייראָפּייאישע דיענער, האנדווערקער, האָט זיך געלאָזט נייען קליידער ביי אייראָפּייאישע שניידער און אפילו זיין הארעם דאָקטאָר איז אויך געוועזן אן אייראָפּייער. דערצו איז ער געוועזן העכסט שפּארזאם, האָט ניט אויסגעבראכט אן איבריגען גראָשען. אין אלגעמיין האָט ער געלעבט זעהר רוהיג און איז געוועזן גאנץ געזונד, אָבער ער האָט אויסגעזעהן מאָגער און אָבגעצעהרט.

דעם קליינעם פּאלאַץ, וואָס ער האָט געהאט א ירושה פון זיין פאָטער, האָט ער איבערגעמאכט נאָך זיין געשמאק, מיט לוסט גערטנער, פאָנטאנען, זומער קווארטירען, וואו ער פלעגט וואָהנען מיט זיין פרוי און קינדער. ער האָט געהאט צוויי קינדער, א זוהן מיט א טאָכטער, וועלכע ער האָט ערצויגען אויף דעם פראנצויזישען מאניער. אבדול איז געוועזען א הייסער מאחמעדאנער און זיין פרומקייט איז געוועזען אָהן א ברעג. ער האָט ניט אויסען געלאָזען איין זאך פון אלקאָראן, האָט ניט פערפעהלט קיין צערעמאָניע און אלע מנהגים, דער קלענסטער וויא דער גרעסטער זיינען ביי איהם געוועזען גלייך הייליג. אין גאס פלעגט איהם בעגלייטען א לאקיי מיט א דיוואן אין האנד. וויא עס פלעגט קומען דיא געבעט שטונדע, האָט דער לאקיי פערשפּרייט אויפ'ן גאָס דעם דיוואן און דער פּרינץ פלעגט זיך אויף איהם, פאר אלעם אין דיא אויגען שטעלען דאווגען מיט אזא פייער, מיט אזעלכע דבקות, וואָס איז געוועזען צו בעוואונדערן. אבדול האָט זיך געהאלטען מיט אלען פון וויטען, קיין נאָהענטער בעקאנטער, קיין פריינד מיט וועמען זיך אמאָל מישב צו זיין האָט ער ניט געהאט. אין דעם איז ער געוועזען דורכאויס פערקעהרט פון זיין ברודער מוראד, וואָס האָט ליעב געהאט צו שליסען פריינדשאפט און זיך איינצוטרויען אין וועמען עס איז. נאָך דעם וויא דער סולטאן אבדול אזיס האָט דיא פּרינצען ערלויבט צו לעבען פריי, וויא עס געפעלט זיי, האָט זיך מוראד בעפריינדעט מיט איינעם א געוויסען, „אמאבל“, אין וועלכען ער איז געוועזען איינגעטרויט אזוי וויא אין זיך אליין. פון זיינע דינער איז שוין פון לאנג אָן העשאם געוועזען ביי איהם דער טרייעסטער. אין איינינע צייט ארום האָט ער זיך זעהר איינגעטרויעט אין זיין שוואָגער נורא־פּאשא, זיין שוועסטער פאטימא'ס מאן. נורא־פּאשא איז געוואָרען מוראד'ס האָף־מארשאל.

אין א קורצע צייט ארום וויא דיא סולטאנין וואלידע האָט בעזוכט דיא פּראַפּעטין, איז צו מוראד'ס פּאלאַץ צוגעפאָהרען א קארעטע, אין וועלכע עס איז געזעסען דיא סולטאנין וואלידע. זיא איז געוועזען געקליידעט אין א דונקעלען סאמעטענעם און געזיכט, פון וועלכען עס האָט זיך קוים ארויסגעזעהען איהרע אויגען. דיא סולמאנטעל, זעהר שטארק אָנגעפּאלבט, און אין זעהר א געדיכטען שלייער אויפ'ן קאָפּ טאנין פלעגט זיך אימער קליידען גאנץ פרום. זיא האָט זיך אזוי געפיהרט פון לייטען'ס

וועגען, ווייל זיא פלעגט אויפזועהען אויף די פרומקייט פון דיא טירקישע פרויען, זיי זאָלען ניט טראָגען קיין נייע־מאָדישע קליידער.

מוראד האָט איהר אין הארצען זעהר פיינד געהאט, אזוי וויא מיר ווייסען, אָבער ער האט זיך פערשטעלט, איז איהר ארויס ענטגעגען אויף דיא טרעפּ און האָט איהר אויפגענומען מיט דיא גרעסטע פריינדשאפט. ער האָט געוואוסט דאָס מיט איהר איינצורייסען שמעקט פשוט מיט'ן טויט, און וואָס טהועט ניט דער מענש צו רעטען זיין לעבען?

— וואָס פיר איין עהרע! — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — מיט וואָס האָב איך פערדיענט, דאָס דוא זאָלסט בעטרעטען דיא שוועל פון מיין הויז?! אָ, ערהאַבענע פירשטין!

וואלידע איז געוועזען ניט וועניגער קלוג וויא ער, און האָט געוואוסט, דאָס זיינע ווערטער זיינען הוילע חניפה. דעריבער האָט זיא איהם אָהן קונטצען געענטפערט.

— מיין קומען צו דיר איז ניט גלאט א וויזיט... אָ ניין! איך דארף מיט דיך נייטהיג וואָס עס איז שפּרעכען.. קיינער דארף דאָס ניט הערען, דעריבער, לאָז מיך ארייגעהן צו דיר אין קאבינעט.

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! — האָט געענטפערט מוראד, — ער האָט איהר ארייגעפיהרט צו זיך אין קאבינעט און אנידערגעזעצט אויף א פּרעכטיגען דיוואן.

— עס פרעהט מיך זעהר, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, וואָס דוא לעבסט יעצט פיעל פרייער וויא פריהער. אָבער ווייסט דוא, דאָס דיעזע פרייהייט האָסט דוא נאָר צו פערדאנקען מיין זוהן'ס געגעדיגען בעפעהל?

— אָ, געוויס, — האָט געענטפערט מוראד און האָט זיך טיעף פערנייגט, — איך וויים און בין איהם זעהר דאנקבאר. שיטצע איהם גאָט אין אלע וועגען! ער איז א גוטער קייזער און א גוטער מאן!

— עס פרעהט מיך, — האָט זיא ווידער געזאָגט, — דאָס מיין זוהן טהועט גוטעס מיט דאנקבארע מענשען. ער האָט נאָך בדעה דיך און דיין ברודער גאָר אין גאנצען צו בעפרייען און אראָבנעהמען פון אייך דיא לעצטע בעדריקונג וואָס איז נאָך אויף אייך געבליבען, אָבער מיט דעם תנאי, איהר זאָלט פערשפּרעכען אויף הייליגע נאמנות, דאָס איהר וועט זיך מיט אייערע פרייהייט שלעכט ניט בענוטצען, ד. ה. איהר וועט ניט מאכען קיין בונד, קיין רעוואָלוציאָן געגען אייער פעטער...

— דיינע ווערטער מאכען מיר גרויס פערדרוס, — האָט אויף דעם געזאָגט מוראד, — וויפיעל מאָל האָב איך שוין פאר דיר און פאר איהם אויף דיא קניע געשוואָרען, דאָס צייט מיין פעטער לעבט וועל איך וועגען מיין זכות אויפ'ן טראָהן ניט אָנפאנגען צו דיינקען, און ווער רעדט שוין איך זאָל עטוואָס טהאָן, אום איהם פאר דער צייט

אראָבצוזעטצען פון טראָהן, איך אַליין זאָל פערנעהמען זיין שטעלע. זאָל ער זיך לאַנג לעבען און רעגיערען! ער קען זיין זיכער דאָס איך וועל איהם קיין אונרוהע ניט מאַכען. קיין בעסערע זיכערונג, וויא מיין שוואור און מיין כאראקטער, קען איך ניט געבען!...

— דיעזע זיכערונג, מיין קינד, איז מעהר ניט וויא פוסטע רייד. ביז אהער ביזט דוא ווירקליך געוועזען רוהיג, אָבער ניט צוליעב דיין כאראקטער אָדער דיין שבועה: ניין, דוא ביזט געוועזען רוהיג ווייל מען האָט דיר געהיט דיא טריט און דוא האָסט געהאט גרויס פורכט... דוא ביזט געוועזען רוהיג, ווייל דוא האָסט ניט געקענט זיין ניט רוהיג, אָבער יעצט, וויא דוא ביזט פריי און וויא מיין זוהן וועט דיר נאָך פיעל פרייער מאכען, איז דיא זאַך גאַנץ אנדערש. דיא לוסט צו רעגירען איז זעהר גרויס און קיין כאראקטער, קיין שוואור קענען קיינעם ניט אָבהאלטען פרופען נאָכגעבען אָדער צופריעדען שטעלען דיזען לוסט. דעריבער, איז נעטהיג, דוא זאָלסט אונז געבען גרעסערע בעוואָהרעניס, און דאמאָלס וועסט דוא מיט דיינע קינדער שוין זיין פער־זאָרגט אויף אייביג מיט אלעם גוטעס, מיט עהרע און רייכטהום.

— און וואָס פיר בעוואָהרעניס פערלאנגט איהר פון מיר? אין וואָס זאָל בע־שטעהן דיעזע בעוואָהרעניס?—האָט געפרעגט מוראד.

— מיר פערלאנגען נאָר,—האָט זיך אָבגערופען וואלידע,—דוא זאָלסט דיך ענט־זאגען פון דיין זכות צו ירשן דעם טירקישען טראָהן... דאמאָלס וועלען מיר שוין זיין גאָר זיכער דאָס דוא וועסט זיך האלטען רוהיג און וועסט ניט מאכען קיין אינטריגען, קיין העטצעס.

מיט מיין ענטזאגען זיך וועט איהר גאָר ניט אויספיהרען,—האָט געזאָגט מוראד, — זאָל זיין איך האָב מיך שוין ענטזאגט. גוט, ניט דאָ קיין מוראד; אָבער דאמאָלס וועט זיך דאָ געפינען אויף מיין אָרט איין אנדער יורש? מיט וואָס וועט איהר שוין זיין זיכערער, דאָס דיעזער נייער יורש וועט ניט מאכען קיין אינטריגען?

— פאר קיין אנדערע האָבען מיר קיין פורכט ניט. פיר וואָס?—קען איך דיר יעצט ניט ערקלערען,—האָט וואלידע געענטפערט,—און ווייטער דארפסט דוא זיך ענטזאגען ניט אזוי פון אונזערטוועגען וויא פון דיינטוועגען אליין. איך בין דיא א גוטער פריינד און איך זאָג דיר, דאָס פיר דיך איז גלייכער צו טהאָן וויא איך גיב דיר איין עצה. וואָרום אויב דוא וועסט מיר ניט פאָלגען, וועסט דוא מיט דיינע קינדער אייביג דארפען ציטערן פיר אייער לעבען, דער קלענסטער חשד אויף דיר קען אייך קאָסטען אייערע קעפּ... און צו וואָס לאָהנט דאָס דיר? איז ניט גלייכער דוא זאָלסט זיך ענטזאגען פון דיין זכות... דאפיר וועסט דוא און דיינע קינדער בעקומען צייט לעבען א פירשטליכען געהאלט און איהר וועט אייך לעבען רוהיג אין וואוילטאָג. א חוץ דעם וועל איך אָבשרייבען פיר דיך מיין גאנצען פערמעגען, און דוא דארפסט

וויסען, דאָס איך בין זעהר רייך. אלזאָ, וועסט דוא לעבען פיעל רוהיגער און גליקלי־כער וויא א סולטאן, וואָס איז אימער אומגערינגעלט מיט פיינד, וואָס איז קיין מאָל ניט זיכער מיט'ן לעבען און איז אימער בעלעסטיגט מיט זאָרג און פערדרוס. א גליק צו זיין א סולטאן! זעלטען וואָס א סולטאן לעבט אוים זיינע יאָהרען!...

— דוא שפּריכסט, גרויסע פירשטין, זעהר קלוג און פערשטענדיג. דיינע ווער־טער איז צו דרוקען, אָבער דאָך קען איך ניט מסכים זיין מיט דיר. און ווען אפילו איך וואָלט וועלען, האָב איך קיין רעכט ניט אזוי צו טהאָן. איך געהער ניט צו זיך אליין. גאָט האָט מיך איין מאָל בעשטימט איך זאָל ווערען דער סולטאן פון דעם טירקישען פאָלק, האָב איך שוין קיין רעכט ניט פון דעם זיך צו ענטזאגען. איך געהער ניט צו זיך אליין, נאָר צום גאנצען פאָלק. צו איך וויל, צו ניט, בין איך מחויב צו הערשען איבער מיין פאָלק און צו מאכען איהם גליקליך, און בפרט דאָס איך פיהל דאָס איך וועל זיין א גוטער הערשער פיר מיין לאנד און מיין פאָלק!

— וויא איך זעה, — האָט זיך מיט א שמייכעל אָבגערופען וואלידע, — האלסט דו פון זיך אליין צו פיעל. דו ביזט אין דיך זעהר גענארט... דאָס איז אלץ מעהר ניט וויא פערפלוכטע לוסט צו הערשען. דו וועסט חרטה האָבען, עס וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט. איך מיין ניט אזוי מיין טובה וויא דיין אייגענע. אנשטאָט צו לעבען רוהיג און גליקליך, ווילסט דו בעסער ריזיקירען מיט דיין בלוט און מיט דיא בלוט פון דיינע קינדער... גאָט איז א גוטער מאָהנער און ער וועט דיר דאָס געוויס ניט שענקען...

— עס קען זעהר זיין, דאָס איך וועל שפּעטער חרטה האָבען, — האָט זיך אָפּגערופען מוראד, — עס קען אפילו זיין, דאָס איך וועל בעצאָהלען דערפאר מיט מיין לעבען; דאָך קען איך ניט איינוויליגען ארויסצולאָזען פון דיא הענד דיא קרוין הויל פון שרעק פיליכט וועט דער סולטאן זיינע ריינע הענד בעפלעקען מיט אונשולדיגע בלוט.... איך האלט איהם ניט פיר אזא שלעכטען... איך ווידער פון מיין זייט וועל זעהן צו זיין ריין וויא גאָלד, עס זאָל אויף מיך דער קלענסטער חשד ניט פאלען, און וואָס קען איך נאָך מאכען?...

— וואלידע האָט זיך ניט געריכט, מוראד זאָל בלייבען אזוי הארט, זיא איז געוואָרען אויף איהם אזוי בייז, דאָס זיא איז פון איהם אוועקגעגאנגען און האָט אפילו ניט געזאָגט א גוטען טאָג. מוראד'ן האָט דאָס גאָר ניט געשמעקט; ער האָט פערשטאנען דאָס עס וועט איהם דערפון קיין גוטער סוף ניט ארויסקומען.

אויף מאָרגען האָט מוראד'ן בעזוכט זיין שוואָגער נורא־פּאשא. ער איז געווען עטוואָס עלטער פאר איהם, אָבער פיעל קליגער און געשיידטער. מוראד האָט איהם גאנץ פריינדליך אויפגענומען און געפרעגט, וואָס מאכט זיין פרוי.

— מיין פרוי גריסט דיר הערצליך און בעט דו זאָלסט זיין העכסט פאָרזיכטיג,
— האָט געענטפערט זיין שוואָגער...

— איך פערשטעה אָבער ניט, וואָס דאָס הייסט: צו איך דארף זיך היטען אין שפּרעכען, אָדער דארף אירגענדס ניט געהן, ווארום מען לויערט אויף מיין לעבען?

— יא, יא, אזוי איז דאָס, האָט געענטפערט נורא־פּאשא, — אונטען, ביי דיר אין קיך געפינט זיך דער סולטאנין'ס שפּיאָן, מושיר־עצצעט...

— ביי מיר אין קיך דיעזער מושיר? איך הער דאָס ערשט?! — האָט ער זיך געוואונדערט.

— אזעלכע וויא מושיר, — האָט נורא־פּאשא ווייטער געזאָגט, — איז פעהיג צו טהאָן אלסדינג אין דער וועלט, פער'סם'ען א מענשען אָדער דערשטעכען איז ביי אים אזוי לייכט וויא א ליכט צו פערלעשען. אָ, פאר איהם דארף מען זיך גוט היטען.

— אויב עס וואָלט אמת געוועזן וויא דו זאָגסט, וואָלט מיר מיין העשאם לאנג פון דעם געמעלדעט...

מוראד האָט געשיקט אריינרופען זיין טרייען העשאם. ער האָט געזאָגט, דאָס ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען, דאמאָלס האָט איהם מוראד פערבאָטען מיט קיינעם צו ריידען איין וואָרט וועגען דעם, און האָט איהם דערביי געהייסען דעקען א טיש פיר דרייען, ווארום א חוץ איהם אליין וועלען היינט זיין ביי איהם צו מיטאג צוויי געסט, זיין שוואָגער נארא־פּאשא און מושיר־עצצעט.

— מושיר־עצצעט איז יעצט אין קיך, געה אראָב, און זאָג איהם, דאָס איך לאדע איהם איין צו מיטטאג.

העשאם איז דיא מינוט אראָב און האָט ווירקליך דאָרטען דערוויסט מושיר'ן וועלכער האָט זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן. וויא ער האָט פון ווייטען דערזעהן העשאם'ען, איז איהם געוואָרען ענג אין מוח און ער האָט גענומען שטעלען ברייטע טריט וואָס גיכער זיך ארויסצו'פּנב'ענען, אָבער העשאם האָט איהם אָנגעיאָגט און איבערגעגעבען דיא איינלאדונג פון פרינץ צו מיטטאג. דיעזע איינלאדונג האָט מושיר'ן אזוי געשמעקט אזוי וויא מען וואָלט איהם לאדען צום געריכט אויף יענער וועלט. אָבער ניט אָנגעהמען און ענטזאגען זיך האָט ער אויך ניט געקאָנט. אזוי האָט ער ניט ווילענדיג אָנגענומען דיא איינלאדונג און מיט א פאלשען שמייכעל דערביי געזאָגט, דאָס ער האלט פיר א גרויסע עהרע צו עסען ביי איין טיש מיט'ן פרינץ. און האָט זיך געלאָזט פון העשאם'ן ארויפפיהרען אין עס־צימער.

נויא זאלץ אויף איין אָפענע וואונד אזוי איז געוועזן פיר איהם דער בליק

פון נארא־פאשא, וואָס האָט איהם דורכגענומען מיט זיינע פייעריגע אויגען דורך און דורך. מושיר האָט זיך אָבער פערשטעלט וויא וויט ער האָט געקאָנט, האָט געמאכט זעהר א פרעהליכע מינע, און גערדאנקט מיט א טיעפע פערנייגונג דעם פרינץ פיר דיא עהרע, וואָס ער צייגט איהם מיט דיא איינלאדונג צו זיין טיש.

דער פרינץ האָט זיך אויך געקאָנט פערשטעלען. ער האָט אויך בעגעגענט מושיר'ן מיט א שמייכעלדיגע מינע און האָט איהם געפרעגט, מיט וואָס האָט ער איבער־א־נייעם פערדיענט זיין פריינדשאפט און וויא לאנג האָט ער איהם ווידער אנגעפאנגען צו היטען עס זאָל איהם קיין בייז ניט געשעהען?...

— איך בין געקומען אהער ניט בכיון, נאָר עס האָט זיך אזוי געמאכט, — האָט ער זיך פערענטפערט, — איך ברויך צו אייער האָף־מארשאל, פון וועמען איך וויל בעקומען קוויטונגען אויף דיא געלד וואָס מען האָט איהם ארויסגעגעבען פון קאססע.

— וויא דיא מעשה איז, פרעהט מיך זעהר וואָס דו ביזט געקומען און מיר וועלען קאָנען צוזאמען מיטאג עסען. צייט עטליכע מאָנאטען, האָב איך א שלעכטען אפעטיט, און דער דאָקטאָר האָט מיר פעראָרדענט איך זאָל עסען צוזאמען אין געזעלשאפט. אלזא, פערבלייב היינט אויף מיטאג, מיין שוואָגער וועט אויך מיט אונז מיטשפייזען און עס וועט ניט זיין אונמוטהיג...

מושיר האָט געפרופט זיך ארויסמאכען.

— איך וואָלט דאָס מיט דעם גרעסטען פערגניגען געטהאָן, — האָט ער גע־ענטפערט, — אָבער איך בין זעהר פערנומען, ביי מיר אין קאנצעלליי איז יעצט דאָ זעהר פיעל וואָס צו טהאָן.

— עס מאכט גאָר ניט אויס, — איז דער פרינץ געשטאנען ביי דאָס זייניגע,— דו האָסט א גוטען סעקרעטאר וואָס טהוט פיר זיך און פיר דיך צוזאמען, פער־בלייב, פערבלייב, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען.

קורץ גערעדט, מושיר־עצצעט האָט זיך פיר קיין ארט ניט געקאָנט ארויס־מאכען און האָט געמוזט בלייבען אויף מיטאג.

וויא מען האָט דערלאנגט צום טיש דיא ערשטע געריכט, האָט דער פרינץ פאָרגעלייגט מושיר'ן ער זאָל פערזוכען צום ערשטען, ווייל ער איז דאָך א גאסט, און אין טירקיי איז דיא מאָדע דאָס דער גאסט מוז יעדע געריכט פערזוכען פריהער וויא אלע. מושיר איז געוואָרען בלאס וויא א לייווענט און האָט געזאָגט, דאָס ער קאָן יעצט קיין זאך ניט געניסען, ווייל עס האָט איהם אנגעהאפט א ספאזמע. מעהר וויא דאָס האָט דער פרינץ ניט געדארפט.

— ניין, ברודער, דו וועסט יא עסען, — האָט מוראד איהם געזאָגט, —

אָדער איך שיס דיך אויף'ן אָרט מיט דיעזען רעוואָלווער... איינס פון דיא ביידע, ענטוועדער דו וועסט געניסען דיעזע רייז אָדער דו וועסט דיך באקענען מיט מיין רעוואָלווער... וואָס דו ווילסט.

מושיר האָט בעסער אויסגעקליבען דאָס ערשטע. וויא ער האָט גענומען אין מויל דיא ערשטע לעפעל, האָט איהם אָנגעפאנגען צו איבלען. אין א פּאָר מינוט ארום האָבען זיך אויך בעוויזען דיא איבעריגע סמנים פון פערגיפטונג, עס האָט איהם גענומען ווארפען וויא אין קדחת און ער האָט אָנגעפאנגען צו ברעכען. מיט איין וואָרט, עס איז קיין צווייפעל מעהר ניט געווען, דאָס ער האָט אין דער שטיל, אין קיך זייענדיג, ארייגעלייגט גיפט, נאָר עס האָט איהם ניט געראָטהען אין דער שטיל אוועקצוגעהן און אזוי איז ער אליין אריינגעפאלען אין גרוב וואָס ער האָט געגראָבען פיר איין אנדערן. ער האָט זיך אָבער ניט מודה געווען, און איז געשטאנען ביי דאָס זייניגע, דאָס ביי איהם איז נאָר א ספּאזמע. מוראד האָט איהם געהייסען אריינטראָגען אין איין אנדער צימער, אום צו זעהען מיט וואָס זיין ספּאזמע וועט זיך ענדיגען. דער פּרינץ איז ארויפגעפאלען זיין שוואָגער אויף'ן האלז און האָט איהם געקושט און געדאנקט וואָס ער האָט איהם געראַטעט פון א זיכערען טויט.

43.

סירדא איז ארויסגעגאנגען צוריק פון „קאדריש“ רואינע ניט מיט דיא זעלבע וועג, וואָס עס זיינען געגאנגען דער פּרינץ יוססוף, האסאן און רעציע. אלע ווינקעלעך פון רואינע, אלע וועגעלאך האָט זיא געקענט אזוי וויא איהרע פינף פינגער. דאָס איז איהר יעצט זעהר צונוטץ געקומען. זיא איז ניט געגאנגען מיט א געוועהנליכע וועג, וואו מען האָט איהר געקאָנט בעגעגנען, נאָר דורך א שמאָלען און א לאנגען קאנאל, אונטער דר'ערד, וואָס קיין מוטער מענש א חוץ איהר וואָלט גאָר ניט רעכענען דאָס עס איז מעגליך דורך איהם צו געהן. דער אנדערער ברעג פון דיעזען קאנאל איז ארויסגעקומען אויף יענער זייט פון דיא רואינע, דעריבער האָט זיא געקאָנט ארויסגעהן קיינער פון דיא דערווישען זאָלען איהר ניט דערזעהען. וויא זיא איז ארויס, איז זיא וואָס צום גיכסטען אוועקגעלאָפען צום סאָפטי'ס הויז, אום צוריק דאָרטען צו פערנעהמען איהר פריהעריגע שטעלע פון א פּראָפעטין, איי־דער מאן וועט זיך חאפּען דאָס זיא איז ניט דאָ. ניט ווייט פון הויז האָט זיא דער־זעהען וויא אלע דריי וועכטער מיט לאנטערנעס אין דיא הענד געהען ארום און זוכען זיא. סירדא האָט ניט געוואָלט אריינגעהן זיי זאָלען איהר זעהען. זיא האָט אָבגעוואַרט ביז וואנען דיא וועכטער זיינען איהר אריין זוכען אין דעם ענטקעגענ־בינען וועלדעל. אין דער מינוט האָט זיא זיך ארויפגעכאפּט אויף דיא טרעפּ, איז

אריין צו זיך אין צימער, האָט זיך געלעגט אויף איהר געוועהנליכען געלעגער, האָט זיך צוגעדעקט און גענומען שנאָרכען, מען זאָל מיינען זיא שלאָפט.

וויא זיא האָט זיך אנידערגעלייגט האָט זיך מיט האסט געעפענט דיא טיר פון איהר צימער און עס איז אריין איין אונגעריכטער גאסט. דיעזער גאסט איז קיין אנדערער ניט געווען וויא דיא „גאָלדענע מאסקע“. וויא סיררא האָט דאָס בעמערקט, האָט זיא זיך זעהר ערשראָקען. איינינגע מינוט איז דער גאסט געשטאנען שטילערהייד. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו סיררא'ן און האָט איהר אָנגערופען מיט'ן נאָמען. דאָס האָט איהר געגעבען מוטה.

— שפּריך, מיין הערר! — האָט געענטפערט סיררא אראָבגעהענדיג פון מאטראץ און זיך שטעלענדיג אויף דיא קניע, — שפּריך, איך הער!

— דיר שטעהט פאָר א גרויסע געפאהר פון מאנזור־עפענדי, אָבער דו וועסט איהם בייקומען ווען דו וועסט נאָר טהאָן וואָס איך הייס דיר, — האָט זיך אָבגע־רופען דיא „גאָלדענע מאסקע“, — ווארום איך בין מיט דיר... זיי וויסען, סיררא, דאָס דער סולטאן זעלבסט וועט קומען צו דיר. ער וועט זיין פערקליידט, פערשטעלט אין א פאָרמע פון א מושיר. דו זאָלסט איהם אָבער ניט ענטפערן דאָס וואָס מען וועט דיר זאָגען אונטער'ן פאָרהאנג, נאָר דאָס וואָס דו וועסט גלייך הערען פון מיר, און זאָלסט דיך מאכען ניט וויסענדיג ווער ער איז. דו זאָלסט איהם ענטפערן אזוי:

„דיא אייגענע פיינדע אין פאלאץ זיינען פיעל שרעקליכער, וויא פרעמדע. פאר דעם דריטען ראמאדאן, וועט דער טראָהן פון טירקיי ווערען ליידיג, און ניט דורך דעם נאטירליכען טויט, נאָר בלויז דורך דעם ווילען פון מענשען. אויף'ן טראָהן וועט ארויף מאחמעד דער פינפטער, אין דריי מאָנאטען ארום וועט דער טראָהן ווידער לייידיג ווערען, און אלץ ניט דורך איין נאטירליכען טוידט, נאָר הויל צו־ליעב דעם ווילען פון א מענשען. אויף'ן טראָהן וועט ארויף אבדול־האמיד. ער וועט אויך ניט לאנג רעגיערען. נאָך איהם וועט ארויף אויף'ן טראָהן מעהעמעד רעשיד־עפענדי. דאמאָלס וועט ערפילט ווערען מיינע פראָפעציייהונג...“

— איך וועל דיין ווילען פינקטליך ערפילען, — האָט סיררא געענטפערט, — איך וועל זאָגען דעם סולטאן, וואָרט אין וואָרט דאָס וואָס דו הייסט מיר. דיינע ווערטער זיינען אזוי וויא אויסגעקריצט ביי מיר אויף'ן געדאנקען, און איך וועל זיי קיין מאָל ניט פערגעסען.

קוים וואָס סיררא האָט דאָס אויסגעשפּראָכען, איז שוין די גאָלדענע מאסקע נעווען אין דרויסען און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען. דיא וועכטער האָבען איהר אפילו בעמערקט אראָבגעהענדיג פון דיא טרעפּ, אָבער זיי האָבען מורא געהאט צו־צוגעהן צו איהר. זיי האָבען זיך פאר איהר געקניעט און געבעטען נאָט, ער זאָל

זיי בעהיטען און בעשירמען פון אלע אומגליקען וואָס וועלען קומען אויף טירקיי. איבעריגענס האָבען זיי זיך זעהר דערפרעהט וואָס דיא גאָלדענע מאסקע האָט זיך צו זיי מיט א מאָל בעוויזען, ווייל עס איז זיי ארויף אויף'ן געדאנקען, דאָס זיא איז פערמישט אין סירראַ'ס פערפאלען ווערען און האָבען איהר אויפגעהערט צו זוכען. וואָס איז דיא פּעולה, וואָס מיר וועלען איהר זוכען, האָבען זיי זיך בעקלערט, איין מאָל האָט אין דעם אנטהייל דיא „גאָלדענע מאסקע“, וועלען מיר איהר שוין ניט געפינען. וויעדער האָבען זיי געהאט א גוטען תירוץ פיר מאנזור־עפענדי: וואָס האָבען זיי געקאָנט מאכען געגען דיא „גאָלדענע מאסקע“? וויא האָבען זיי געזאָלט איינהיטען פון איהר דיא פּראָפּעטין? וועלכער מענש קאָן מיט איהר שטרייטען? אזוי זיינען זיי ביי זיך געוואָרען גאנץ רוהיג.

זיי זיינען נאָך געוואָרען שטייפער אין זייער גלויבען דאָס דאָ האָט זיך אריינגעמישט דיא „גאָלדענע מאסקע“, בשעת זיי האָבען ווידער געפונען סירראַ'ן אויף איהר אָרט. איהר צוריק קומען איז נאָך געווען א גרעסערער וואונדער וויא איהר פערפאלען ווערען, און זיי האָבען דאָס אנדערס ניט גערעכענט וויא דיא גאָלדענע מאסקע'ס ארבייט. זיי זיינען אין דעם געווען אזוי זיכער, דאָס ביי זיי איז געבליבען זיי זאָלען מאָרגען אליין דערצעהלען דיא גאנצע געשיכטע דעם מאנזור־עפענדי, וואָס וועט זיך דאָס געווים אָהן זיי אויך דערוויסען, און וואָס וועט זיין אויף זיי בייז ווען זיי וועלען איהם דאָס פערשווייגען.

אזוי האָבען זיי ווירקליך געטהאָן. וויא מאנזור־עפענדי איז אויף מאָרגען געקומען צום וואונדער אין סאָפּטי'ס הויז, האָבען איהם דיא וועכטער דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע וואָס האָט ביי זיי פּאסירט דיא פאָריגע נאכט.

אויף מאנזור־עפענדי'ן האָט דיעזע געשיכטע געמאכט א שרעקליכען איינ־דרוק. עס האָט איהם גאָר ניט געשמעקט. ער האָט גענומען שטרענג פרעגען יעדען וועכטער בעזונדער, ווייל ער האָט זיי חושד געווען,דאָס זיי האָבען דאָס אליין אויס־געדיינקט דיא גאנצע געשיכטע; זיי האָבען אָבער אלע געזאָגט דאָס זעלבע, און ער האָט פערשטאנען, דאָס זיי מיינען גאנץ ערנסט, דאָס דיא גאָלדענע מאסקע איז אימשטאנד צו טהאָן אזעלכע זאכען, וואָס זיינען איבער דער נאטור, און דאָס זיא האָט דאָס מיט זיי אויפגעשפּיעלט א שטוקע. ער איז געווען זעהר בייז און האָט זיי געזאָגט:

— דיעזעס מאָל פערצייהע איך אייך, וואָס איהר האָט צוליעב אייערע דומ־הייטען און איינבילדעניס אָבגעטראָטען פון אייערע ערטער און האָט געלאָזען אליין דיא שטוב. אָבער פון יעצט אָן זאָג איך אייך, איהר זאָלט אייך ניט לאָזען איינ־ביידען אין גאָלדענע מאסקעס און אין איבערנאטירליכע זאכען. אויב איהר וועט

נאָך א מאָל צוליעב אייערע נארעשקייט ניט היטען אָייער דיענסט, וועט איהר זעהר שטרענג בעשטראָפט ווערען פון מיר. איהר האָט קיין רעכט ניט אויף א מינוט אָבצוטרעטען פון טיר. עס מעג זיין וואָס עס איז, מוזט איהר בלייבען אויף'ן אָרט. וואָס דאָ וועט זיך פאסירען, זאָלט איהר מיר פון אלץ געבען צו וויסען.

אונטען, לעבען דיא טרעפ, האָט געווארט אויף מאנזור־עפענדי זיין געהילפע, האמיד־קאדי. וויא ער האָט זיך שוין צו זאט אויף זיי אָנגעבייזערט, איז ער אראָב צו האמיד'ן. ער האָט איהם זעהר פריינדליך בעגריסט און געבעטען אום ענטשול־דיגונג, וואָס ער האָט איהם אזוי פיעל געלאָזען ווארטען.

— וויסט דו, ברודער, וואָס איך האָב דיך געבעטען קומען? — האָט זיך דער שייך אָבגערופען צו זיין געהילפע, — איך האָב דיר געוואָלט מיטטהיילען וואָס פיר א גליק עס איז מיר אין דיעזע נאכט געשעהען. איך האָב נעמליך, געכאפט אין רואינע דעם פרינץ יוססוף מיט זיין אדיוטאנט האסאן, וועלכע האָבען מיט גע־וואלט געוואָלט בעפרייען רעציע'ן, אלמאנזאר'ס טאָכטער. אלזאָ, זיינען זיי יעצטביידע ביי מיר אין דיא הענד. עס פערדריסט מיר נאָר וואָס דיעזע רעציע האָט זיך פאָרט אויסגעדרעהט און איז ענטלאָפען געוואָרען. איך האָב דאָס באלד רעפאָרטירט דעם סולטאן און האָב איהם אויך געזאָגט דעם פסק וואָס ביי מיר קומט אוים מען דארף זיי ביידען געבען. אגב האָב איך איהם שוין אויפגעוויזען, וויא עס איז שוין יעצט געפעהרליך צו מאכען יוססוף'ן פיר א יורש פון טראָהן...

— גאנץ גוט! — האָט זיך אָבגערופען האמיד, מעהר וויא דאָס דארפען מיר ניט!...

— ווייטער האָב איך דיר געבראכט דיא קאָפּיע פון דעם אלטען דאָקומענט, פון וועלכען עס איז ארויסצוזעהען, וואו דיא כאליפען האָבען בעהאלטען א גרויסען אוצר געלד. נעהם דאָס און זעה דורך צוזאמען מיט דעם געלעהרטען אלי. עס וואָלט פיר אונז זעהר צונוטץ געקומען.

— זיי רוהיג, — האָט געענטפערט האמיד, — איך וועל דאָס שוין דורכלעזען מיט איהם. פון אבענד, זעהען מיר זיך וויעדער אין דער רואינע. דערווייל לעבע וואָהל!

האמיד האָט גענומען פון שייך אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען. גלייך נאָך דעם איז דער שייך ארויף צו סירראַ'ן אין צימער, וואו זיא איז געזעסען אויף איהר געוועהנליכען אָרט, אזוי וויא עס האָט זיך קיין זאך מיט איהר ניט פאסירט.

— זאָג מיר, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר מיט א בייזע שטימע, — וואָס איז מיט דיר געוועזען היינט ביי נאכט? דו האלסט ניט קיין וואָרט? דו האָסט דאָך מיר פערשפראָכען צו זיין העכסט געהאָרכזאם און ניט צו טהאָן קיין טריט

אָהן מיין וויסען, און היינט ביי נאכט ביזט דו ניט געווען צו הויזע. זאָג אויס דעם אמת, וואו ביזט דו געווען? הויל דעם אמת, ווארום דו ביזט ביי מיר אין דיא הענד!...

— איך בין געווען אין רואינע קאדריש, — האָט זיא איהם געענטפערט.

— און וואָס האָסט דו דאָרטען געטהאָן? — האָט ער געפרעגט נאָך שטרענגער און בייזער.

— איך האָב דאָרטען דיך געזוכט, האָט זיא איהם קאלט געזאָגט.

— מיך? דאָרטען? — האָט ער אין כעס געפרעגט.

— יא, דיך דאָרטען, וואו דו האָסט מיך, באבא־מאנזור, דאמאָלס געפיהרט.

ווי ער האָט דערהערט, דאָס סירדא רופט איהם מיט'ן נאָמען, איז ער געוואָרען א פערברענטער. ביז אהער האָט ער געגלויבט דאָס זיא ווייס ניט ווער ער איז און וועט קיין מאָל ניט פערלאנגען צו וויסען. אזוי האָט זיא איהם פערשפּראָכען דאמאָלס ווי ער האָט איהר גענומען צו זיך. ער, פון זיין זייט, האָט איהר פערבאָטען גאָר צו וועלען וויסען וואָס ער איז פיר א מענש, און ביז דעם טאָג איז ער געווען זיכער דאָס זיא האלט וואָרט. מיט א מאָל, אָבער, האָט ער זיך ארומגעזעהן דאָס ער האָט געהאט א גרויסען טעות. ער האָט איהר דערמאָהנט דעם אָבמאַך, זיא זאָל זיך קיין מאָל ניט נאָכפרעגען ווי מען רופט איהם.

— איך האָב מיך ווירקליך ניט נאָכגעפרעגט, — האָט זיא געענטפערט.

— פון וואנען דען ווייסט דו, ווי איך הייס?

— איך האָב דאָס נאָך געוואוסט א צייט פריהער איידער דו האָסט מיך געפונען אין וואלד און אריינגענומען צו זיך אין קארעטע און געבראכט אהער.

— אלזאָ, ביזט דוא דאָך א פאלשער מענש, א ליגנערין, א בעטריגערין, דוא האָסט געזאָגט, דוא קענסט מיך ניט און אין א פאלשען מענשען ווי דוא האָב איך מיך איינגעטרויט מיט אלע מיינע סודות מיט אלע מיינע וויכטיגע פּלענער! אַ וועהע! איין אונגליק האָט מיך בעגעגענט!

— און ווען איך ווייס שוין יא דיין נאָמען, וואָס האָסט דוא פאר מיר וואָס מורא צו האָבען? — האָט זיא איהם גאנץ געלאסען געפרעגט.

— דוא שעהמסט דיך נאָך ניט מיר צו מאכען פראגען? דוא, נידערטרעכטיגע בעשעפענים! וועניג האָב איך דיר גוטעס געטהאָן? אזוי דאנקסט דוא מיר אָב? שענדליכע ליגנערין!

— איך האָב דיר גאָר ניט וואָס צו דאנקען, — האָט סירדא געענטפערט, — מעהר ווי קארגע שפּייז בעקומע איך ניט פון דיר, און פיר דעם צאָהל איך דיר זעהר טהייער, ווארום איך צאָהל דיר מיט מיין פרייהייט. איך בין דאָך דאָ פערשפּארט ווי איין

ארעסטאנט, און מיט מיין געוויסען, וואָרום דוא האָסט פון מיר געמאכט א פאלשע פראָפעטין.

— געגוג, פערפלוכטע בעסטיע! האלט מויל! ווייסט ווער איך בין? דער סול־טאן אליין ציטערט פאר מיר! איך דארף נאָר איין וואונק טהאָן און עס איז א סוף פון דיין לעבען! איך בין דיר מוחל דיינע פאלשהייט, איך וויל שוין וועגען דעם ניט ריידען. זאָג מיר נאָר וואָס האָסט דוא געטהאָן ביי נאכט? וועֶר איז דאָ ביי דיר געווע־זען? אויב דוא וועסט ניט זאָגען מיט גוטען וועסט דוא זאָגען מיט בייזען!...

— אויב דוא רעכענסט מיר צו טהאָן בייזעס, וועסט דוא דערפון מעהר ליידען וויא איך,—האָט זיא איהם מוטהיג געענטפערט,—וואָרום דאמאָלס וועל איך פון דיך אראָבריייסען דיין מאסקע, און דיא גאנצע וועלט וועט זעהן, וואָס פיר א נידעריגער בעטריגער דוא ביזט. איך וועל אויסזאָגען אלע דיינע מעשים, אלעס וואָס דוא טהועסט אָב אין רואינע „קאדריש", אלע דיינע רציחות און מערדערייען... איך וועל ערצעהלען אלעס וואָס דוא האָסט אויפגעפיהרט מיט מיר, וויא דוא האָסט מיך געמאכט פיר א פאלשע פראָפעטין, וויא דוא זאָגסט מיר אונטער וואָס איך זאָל אנטוואָרטען אויף דיא פראגען, וועלכע דיא בעזוכער מאכען צו מיר. קורץ, איך וועל דיך פאָרשטעלען פאר דיא וועלט מיט אלע דיינע שענדליכע שטיק, און מען וועט זיך ארומזעהען, ווער דוא ביזט...

סירראַ'ס ווערטער זיינען געוועזען פיר דעם שייך־אול־איסלאם וויא גיפט, וויא שפיזען אין הארצען. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט פאָרשטעלען דאָס איהם אין געזיכט זאָל מען זיך אונטערשטעלען זאָגען אזעלכע זאכען, און ווער נאָך א צערטראָ־טענער וואָרם! זיין צאָרן האָט ניט געהאט קיין ברעג.

— האלט מויל!—האָט ער א געשריי געטהאָן,—געגוג וואָס דוא האָסט שוין געשפראָכען ביז אהער, דוא זאָלסט נאָך קענען בלייבען לעבען! דיין שיקזאל איז בעשטימט! דוא מוזט שטארבען!

— סירראַ איז איהם געוועהנליך ניט געבליבען שולדיג קיין אנטוואָרט, וואָרום זיא איז ניט געוועזען פון דיא, וואָס ווייסען ניט וואָס צו אנטוואָרטען און וואָס ער־שרעקען זיך באלד. אזוי האָבען זיי זיך לאנג איינער דעם אנדערען געשטאָכען מיט ווערטער. אָבער צום סוף איז דעם שייך אָבגעגאנגען דער כעס, און ער איז ווידער גוט פריינד געוואָרען מיט סירראַ'ן, וואָרום איהר הילפע איז איהם זעהר נייטהיג גע־וועזען אויסצופיהרען זיינע פלענער, און פיר איהם האָט ניט געלאָהנט צו פערלירען פאר דער צייט אזא גוטע העלפערין. ווען מען דארף־דעם גנב, נעהמט מען איהם אראָב פון תליה... דער שייך האָט נאָך בעדארפט האָבען סירראַ'ן, ער איז מיט איהם ביין, אָבער לפנים זיינען זיי געבליבען גוטע פריינד, וויא פריהער.

44.

הילפע אין א נויטה.

דיא לאגע פוןביידע יונגע אָפּיצירען צאַראַ־בעי און סאדי־בעי אין הייהל איז געוועזען שרעקליך. דער גאנצער הייהל איז שוין געוועזען פול מיט רויך, דאָס נאָך א ווײלע וואָלטען זיי ביידע געווים ערשטיקט געוואָרען. איידער ערשטיקט צו ווערען, איז ביי זיי בעסער געבליבען זיי זאָלען ארויסגעהן און שטארבען אם וועניגסטען וויא העלדען, אין שטרייט מיט וואפען אין האנד. זיי האָבען גענומען געהן, סאדי פאָר־אויס און צאַראַ־בעי נאָך איהם. פּלוצלונג האָבען זיי ערהערט א שיסעריי, א טירקישע טראָמפּעט און געשרייען: אלאה! אלאה!

— איך קען דיר שווערען, — האָט זיך אָבגערופען צאַראַ צו סאדי'ן, — דאָס אונזערע סאָלדאטען זיינען דאָס געקומען! יעצט, ברודער סאדי, איז דאָ א האָפנונג.

איידער סאדי האָט נאָך צייט געהאט צו אנטוואָרטען, האָבען זיי דערהערט שרייענדיג דעם קאָמאנדיר טויש:

— לאָזט דיא אראבער לויפען! איהר וועט זיי נאָך אָניאָגען. פריהער וויא אלץ לעשט איין דעם פייער ארום הייהל! אין הייהל איז דאָ אונזער צאַראַ־בעי!

אונזערע אָפּיצירען האָבען אָבגעלעבט און ווידער געוואָרען מוטהיג, זיי זיינען גלייך צו געגאנגען צום ארויסגאנג פון הייהל. דער פייער איז שוין ווירקליך געוועזען לינדער. זיי האָבען מיט אלע קרעפטען אָנגעפאנגען צו שרייען:

— אהער, ברידער, אהער! מיר זיינען ווירקליך דאָ! מיר ביידע, צאַראַ און סאדי!

דער פייער איז באלד געוואָרען אויסגעלאָשען, און אונזערע אָפּיצירען זיינען ארויס אויף דיא ווייסע וועלט. צו בעשרייבען דיא פריידע פון דיזע אָפּיצירען און פון קאָמאנדיר טויש און זיינע סאָלדאטען, איז קיינער ניט אים שטאנד. מען האָט זיך אָהן אסוף געקושט און געהאלזט, און וויא דיא האלב ערשטיקטע אָפּיצירען האָבען זיך עטוואָס ערהאָלט מיט פרישע לופט, האָבען זיי געדאנקט דעם קאָמאנדיר טויש פיר דיא הילפע וואָס ער האָט געבראכט אין אזא נויטה. נאָך דעם האָבען זיי געפרעגט וויא אזוי האָט ער פערשטאנען, דאָס זיי געפינען זיך אין הייהל?

— איך האָב בעמערקט פון וויטען אגרויסען פייער און האָב פערשטאנען, אז דאָס איז ניט אומזיסט; דעריבער, האָב איך געפרעגט איינעם פון דיא געפאנגענע אראבער, וואָס דאָס בעדייט, און ער האָט מיר מיטגעטהיילט דיא גאנצע געשיכטע.

— אָבער וואָס האָט אייך גאָר געבראכט אין דיזען אָרט? — האָט צאַראַ־בעי געפרעגט דעם קאָמאנדיר טויש.

— איך בין געוועזען זעהר אונרוהיג, — האָט ער געענטפערט, — וואָס צאַראַ־בעי

זאמט זיך צופיעל אין פיינדליכען לאגער און בין געגאנגען זיך ערקונדיגען דיא אורזאך דערפון, האָב איך בעמערקט א געדיכטען רויך און בין צו געגאנגען נעהנטער, וויל איך האָב גערעכענט, דאָס דאָרטען איז פיללייכט דער פיינדליכער לאגער, נו, ווייטער ווייסט איהר שוין, וויא עס האָט זיך פאסירט.

— מיר ערדריסט נאָר איין זאך,—האָט דער קאָמאנדיר טויש ווידער זיך אָבגערופען,— וואָס דיא בלוט־ברויט מיט איהרעביידע ברידער זיינען ענטלאָפען פון מיינע הענד. מיר האָבען זיי אפילו בעגלייט מיט א הונדערט קוילען, וואָס האָבען געטראָפען א פולע פון זייער סוויטע, אָבער זיי דריי זיינען ענטלאָפען. זיי מוזען נאָך יעצט דאָ ארומבלאָנדזשען אין דער וויסטיניי.

וויא סאדי האָט ערהערט, דאָס דיא בלוט־ברויט אליין איז דאָ אויך געוועזען, האָט דאָס איהם אזוי ווייט אויפגעריהרט, דאָס ער האָט אויסגעשריען:

— זיא איז דאָ! אויף דיא פערד, ברידער! נאָך איהר! פריש! לעבעדיג! מיר מוזען איהר פאנגען—און עס וועט זיין א סוף פון דעם קריעג!

צארא־בעי און דער קאָמאנדיר טויש האָבען מסכים געוועזען מיט סאדי'ס פלאַן נאָכצויאָגען דיא בלוט ברויט; דיא סאָלדאטען זיינען אויך געוועזען צופריעדען פון דעם און אין צעהן מינוט ארום זיינען שוין אלע געזעסען אויף דיא פערד און האָבען געריטען נאָכ'ן שפור וואָס דיא אראבער'ס פיס האָבען געלאָזען אין ווייכען זאמד. סאדי האָט געריטען פאָראויס, צארא־בעי און טויש הינטער איהם. צוויי שטונדען האָבען זיי אזוי אָבגעריטען נאָך דיא טריט פון דעם פיינד, אָבער מיט אמאָל איז געוואָרען א ווינט, וואָס האָט פערוועהט און אין גאנצען פערקעהרט דיעזע טריט. דאָ האָבען זיי זיך געמוזט אָבשטעלען, אום זיך ארומצוזעהען, וויא זיי זאָלען ווייטער רייטען. אין דיא מינוט האָבען זיי פון ווייטען בעמערקט א יונגען הירט אָדער א פאסטוך. זיי האָבען איהם צו גערופען און מיט א ביקס געגען זיין הארצען, האָבען זיי איהם אויסגעפרעגט אלעס, וואָס זיי האָבען געוואָלט וויסען.

— דיא בלוט־ברויט און איהרע בעגלייטער זיינען דאָ ניט לאנג געוועזען אין מיין פאָטערס געצעלט; זיי האָבען צוגענומען אלעס, וואָס זיי האָבען געפונען און זיינען אוועק. געוועהנליך געהער איך יעצט צו זייערע פיינדע און ניט צו זייערע פריינדע. ווען אייער לעבען איז אייך טייער, זאָלט איהר ניט געהן פאר ביי יענע פעלזען, וואָרום דאָרטען האָט זיך בעהאלטען דיא בלוט־ברויט מיט איהרע בעגלייטער און זיי וואַרטען, איהר זאָלט נאָר פארבייגעהן, וועלען זיי אויף אייך שיסען.

ווייטער האָט ער זיי מיטגעטהיילט, דאָס דריי שטונדען ווייט פון דאָרטען געפינט זיך, רעכטס פון וועג, א בארג, און פון דיזעם בארג וועלען זיי לייכט קענען זעהן זעהר פיינד'ס לאגער.

זיי האָבען דעם הירט בעדאנקט און רייכליך בעשאָנקען און האָבען זיך גענומען מיט דיא וועג, וואָס ער האָט זיי געצייגט. אין א האלבע שטונדע ארום, האָבען זיי פון וויטען בעמערקט צוויי אראבער אויף פערד. דאָס זיינען געוועזען דיאביידע בלוט־ברויט׳ס ברידער. דיא אראבער האָבען גלייך גענומען זייערע ביקסען און האָבען זיך געציעלט אויף סאדי׳ן מיט זיין קאמאראד, וואָס זיינען דאמאָלס געוועזען גאנץ ווייט פאָראויס פון זייערע סאָלדאטען. צום גליק, האָבען דאָס דיא אָפיצירען בעמערקט און יעדער פון זיי האָט וואָס צום גיכסטען א שפּרונג געגעבען אָן א זייט און צוליעב דעם האָבען זיי דיא אראבער׳ס קויהלען ניט געטראָפען. אָבער דאָס איז פיר אונזערע העלדען נאָך געוועזען ווענינ, זיי האָבען זיך נאָך בעדארפט אָברעכענען מיט דיא בלוט־ברויט׳ס ברידער. סאדי און צארא האָבען ארויסגעחאפּט זייערע שווערדען און זיינען וויא א פייל פון בויגען, צוגעלאָפען צו דיא אראבער. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו פעכטען איינער אויף איינעם, און דער שטרייט האָט זיך פערצויגען א היבשע צייט.

— געשווינד! לויפט וויא איהר קענט! — האָבען זיי מיט אמאָל ערהערט א שטימע שרייענדיג צו זיי.

דאָס האָט צו זיי געשריען דערזעלבער יונגער הירט. ער האָט זיי געוואָלט פערהיטען פון דיא בלוט־ברויט׳ס נקמה, וואָרום זיא האָט אונטער דער צייט צוזאמענגערופען איהר גאנצען שטאם, מעהר וויא פינף הונדערט מאן, און איז געגאנגען בעגעגענען דיא טירקען און איז שוין געוועזען נאָהענט פון דעם אָרט, וואו סאדי־בעי און צארא־בעי האָבען זיך געפונען אליין אָהן זייערע סאָלדאטען. דיא טירקישע אָפיצירען האָבען זיך געשווינד אומגעקעהרט צום קאָמאנדיר טויש מיט דיא באשי־בוזוק׳ס.

45.

רעציע׳ס ענטלויפען.

רעציע׳ן האָט זיך איינגעגעבען אין דיא זעלבע נאכט, וויא מאנזור־עפענדי האָט איהר געחאפּט מיט יוססוף׳ן און האסאנע׳ן, נאָך אמאָל צו אנטלויפען און פיעל גליקליכער, וויא דאָס ערשטע מאָל. איהר גליק איז געוועזען, וואָס אין רואינע איז אָנגעקומען א נייער אויפזעהער וואָס איז נאָך ניט געוועזען געניט אין זיין זאך. אזוי וויא עס האָט איהם אויסגעפעלט קאמער׳ן, האָט ער יוססוף׳ן מיט האסאן׳ען אריינגעזעצט אין קאמערן, וואו זיא איז פריהער געוועזען ארעסטירט, און איהר זעלבסט האָט ער אריינגעזעצט צוזאמען מיט סאלאדין׳ען. סאלאדין׳ס קעמערל איז געוועזען אונטען, דער פענסטער איז ארויסגעקומען אין גאָרטען און איז געוועזען בעשלאָגען מיט א גאנץ דינע גראטע, אזוי וויא נאָר פון יוצא וועגען, וואָרום א קינד וויא סאלאדין וואָלט דאָך גאָר אָהן א גראטע אויך ניט געלאָפען.

וויא רעציע האָט אונגעריבט דערזעהען דעם קליינעם פּרינץ, אין זיא פון שמחה

כמעט פון זינען ניט אראָפּ. זיי זיינען ארויפגעפאלען איינער דעם אנדערען אויפ'ן האלז, האָבען זיך לאנג געקוסט, האָבען געוויינט מיט הייסע טרעהרען, וואָס האָבען זיך געגאָסען פון זייערע אויגען, אזוי וויא טייכען. וויא זיי האָבען זיך אביסעל בערוהיגט, האָט זיך רעציע גענומען ארומזעהן אין דעם נייען קעמערל און האָט גלייך בעמערקט, דאָס עס איז גאנץ לייכט אָבצורייסען דיא שוואכע גראטע און צו אנטלויפען. אזוי האָט זיא ווירקליך געטהאָן: זיא האָט, נעמליך, אויפגעבראָכען דיא דינע גראטע און איז מיט סאלאדין'ען אריין אין גאָרטען; פון דאָרטען האָבען זיי זיך געשווינד ארויס־געהאפּט, דורך א לאָך אין מויער, אויף יענעם זייט רואינע און זיינען אריין אין גע־דיכטען וואלד, גענען דיא רואינע. זיי זיינען אריין טיעף אין וואלד און האָבען זיך אָבגעשטעלט, אום איבער צוווארטען, עס זאָל פארבייגעהן דער לארם, וואָס עס וועט ווערען אין רואינע, וויא מען וועט בעמרקען, דאָס זיי זיינען אנטלאָפען. רעציע האָט אויסגערעכענט, דאָס מען וועט זיא געווים יאָגען און דעריבער לויהנט נאָך פיר זיי ניט צו ווייזען זיך אויפ'ן וועג, וואו מען וועט זיי לייכט דערזעהען. און זיא איז געוועזען דורכאויס גערעכט. מען האָט זיך ווירקליך גלייך געהאפּט אין רואינע, דאָס זיי זיינען ביידע אנטלאָפען און עס איז דאָרטען געוואָרען א גרויסער טומולט. מען האָט אָנגעצונדען ליכט און מען האָט זיי געזוכט אין אלע ווינקעלאָך אין רואינע און אין אלע ארומיגע ערטער. עטליכע דערווישען מיט פאַנארען אין דיא הענד זיינען אריין אין וואלד. ביי רעציע'ן און סאלאדין'ען האָט געקלאפּט דיא הארץ... דיא וועכטער זיינען ארומגעגאנגען אהין און אהער... א פּאָר מאָל זיינען זיי צוגעגאנגען כמעט צו דעם אָרט, וואו דיא ביידע ענטלאָפענע ארעסטאנטען האָבען זיך פעררוקט, עס האָט נעפעהלט א האָר מען זאָל דערזעהן, נאָר צו ליעב דיא געדיכטע בוימער, זיינען זיי געבליבען פרייע. אין א שטונדע ארום איז געוואָרען אין רואינע ווידער רוהיג און מען האָט זיי אויפגעהערט צו זוכען. עס איז שוין געוואָרען דערווייליע טאָג, און יעצט איז פיר ביידען געוועזען א פראגע: וואו מען זאָל זיך ווענדען און קעהרען?

דאָס ענטלויפען פון רעציע'ן און דעם קליינעם פּרינץ האָט ערוועקט ביי מאנזור־עפענדי דעם גרעסטען פעררדרוס, אָבער דאָך האָט ער זיך זייער געפרעהט, וואָס צוליעב רעציע'ן האָט ער געפּאקט אזעלכע צוויי העכט וויא דער פּרינץ יוססוף און זיין אדיו־טאנט. פיר דיעזען שענדליכען נידערטרעכטיגען מענשען איז נאָך ווענינ געוועזען, וואָס ער האָט זיי ביידען ארעסטירט אזוי וויא דיא לעצטע בעטלער; איהם האָט זיך נאָך פערוואָלט צו לאכען פון זיי, צו רייצען זיך מיט זיי. ער איז אריינגעגאנגען צו זיי אין קעמערל:

— ביז מאָרגען, מיינע הערען, מוזט איהר שוין צופרידען זיין מיט דיזעם ענגען און דומפּפען צימער,— האָט ער זיך אָבגערופען צו זיי,— מאָרגען ניין אוהר, ניט שפּע־

טער, וועל איך רעפּאָרטירען דעם סולטאן, ער זאָל אייך זעלבסט משפּט'ן און ארויסגעבען א פּסק!

— מיין פאָטער, אונזער גראָס־הערר, — האָט זיך אָבגערופען יוססוף, — פערשטעהט צו ליבען און איז א גרויסער פריינד פון פרויען. דעריבער גלויב איך, דאָס מיין בעשלוס צו בעפרייען א שיינע אונשולדיגע פרוי וועט איהם זעהר געפעלען און ער וועט מיך נאָך מעהר אכטען דערפיר. ליידען אָבער וועסט דוא און ניט קיין אנדערער. דוא האָסט מיך גראָב בעליידיגט און אין מיר האָסט דוא בעליידיגט אונזערן גרויס־הערר. אזעלכע זאכען ווערען ניט פערשוויגען. דוא וועסט חרטה האָבען, עס וועט אָבער זיין צו שפּעט.... יעצט קענסט דוא נאָך דיין פעהלער פערריכטען; לאָז אונז דיא מינוט ארויס, און איך וועל דיך פערצייהען דיינע גראָבהייט.

דער מאנזור־עפענדי האָט זיך אָבער פון איהם אויסגעלאכט. ארויסגעהענדיג האָט ער פערזאָגט דיא וואכע, מען זאָל ביידע גייע ארעסטאנטען זעהר שטרענג היטען.

— קימער דיך ניט, ברודער, — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ צו זיין אדיר־טאנט, וויא זיי זיינען געבליבען אליין, — קימער דיך ניט וואָס מיר זיינען ארעסטירט, דוא וועסט נאָך זעהען, ווער עס וועט מעהר חרטה האָבען, מיר צו ער. איין זאך נאָר פערדריסט מיר, דאָס מיר האָבען זיך גאָר אומזיסט בעמיהעט, דאָס מיר האָבען ניט אויסגעפיהרט צו בעפרייען דיא הימעל שיינע רעציע. זיא איז שוין ווידער איינגעשפּארט, זיא ליידט שוין ווידער. איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט בעגעגענט אזא שיינע און ליעבענסווירדיגע פרוי! פיר אזעלכע פרויען צו ליידען, צו שטרייטען פיר איהרע פרייהייט איז א פערגעניגען! אז איך נעהם זיך בעטראכטען דאָס אזא דימענט דארף פערשווארצט ווערען דאָ אין לאָך, דאָס דיעזער ענגעל פון הימעל מוז פערשמאכטען אין געפענגניס, אז איך נעהם זיך דאָס בעטראכטען, קען איך פשוט ניט אויסהאלטען, און ווער מאטערט דיעזע ריינע אונשולדיגע פרוי? — דער שייך־אול־אילמאס! איז דאָס געהערט געוואָרען, מען זאָל טהאָן אזא מערדעריי אין דעם נאָמען פון גאָט, אין דעם נאָמען פון אונזער הייליגען רעליגיאָן!... איך האָב דען וועניג שיינע שקלאפינען און אָדאליסקעס, וועלכע עס פערזיסען מיר אָפט דעם לעבען, אָבער [illegible]יינע פון זיי האָט געקענט צו נעהמען ביי מיר דיא פרייהייט פון מיין הארץ. דיעזע רעציע האָט געבונדען מיין הארץ מיט דיא קייטען פון ליעבע. איך [illegible] בעפרייען, איך מוז, ברודער האסאן, עס מעג מיר אפילו קאָסטען דער [illegible] טירקיי, אויף וועלכען מיין פאָטער רעכענט מיך ארויפצוזעצען! —

[illegible] — ווען דוא ביזט אזוי שטארק פערליעבט אין דיעזע רעציע, — האָט זאָגט צום פרינץ, — האָב איך זעהר מורא דוא זאָלסט דורך דעם פיעל ניט ליי[illegible]

רום איהר הארץ געהערט שוין פון לאנג אָן צו איין אנדערען. וויא ווערסט דוא דאָס איבערטראָגען ?

— בעסטער האסאן ! דיא ליעבע האָט ניט קיין רעכנונג. איך ליעב, וויל זיא איז ליעבענסווירדיג, און ניט וויל איך האָב א האָפנונג א מאָל מיט איהר צו הייראטהען. און איין מאָל ליעב איך איהר, מוז איך איהר בעפרייען.

אזוי האָבען זיי צווישען זיך אָבגערעדט דיא גאנצע נאכט. קוים וויא עס איז געוואָרען גוט ליכטיג, איז צוגעפאָהרען צו דיא רואינע א פערמאכטע קייזערליכע קארעטע, וועלכע האָט זיי ביידען, דעם פרינץ און זיין אדיוטאנט, אָבגעפיהרט אין סולטאן'ס שלאָס בעגלייטעט. דער סולטאן איז געוועזען אין גרויסען קאבינעט. ער איז אומגעגאנגען הין און הער אונרוהיג און בייז, וויל דער מאנזור־עפענדי האָט איהם פאָרגעשטעלט זיין זוהן און האסאן'ען אלס גרעסטע פאָליטישע פערברעכער. יוססוף איז מוטהיג אריין אין קאבינעט און האָט דעם פאָטער געוואָלט א קוש טהאָן אין האנד, אזוי וויא אלע מאָל. ער האָט אָבער א גרויסען טעות געהאט : דער פאָטער האָט איהם ניט צוגעלאָזען צו זיין האנד און האָט זיך צו איהם אָבגערופען מיט א בייזע שטימע :

— וואָס האָסט דו געטהאָן אין דיעזער נאכט ? וואָס פיר א פערברעכען ! וואָס פיר א שאנדע ! איך האָב געהאָפט, דו זאָלסט נאָך מיר פערנעהמען מיין שטעלע אויף דעם טירקישען טראָהן, דו זאָלסט ווערען דער בעשיטצער פון טירקיי און פון איהרע געזעטצע, און אנשטאָדט דעם ביזט דו געוואָרען דער גרעסטער פערברעכער און האָסט דיך פעראייניגט מיט מיינע פיינד צו וועלען בעפרייען א פאָליטישען ארעסטאנט, בעפרייען מיט געוואלט, שטילערהייד ! וואָס פיר א שאנדע ! צו קומען צו אזא לאגע מען זאָל דיך ארעסטירען וויא א געמיינעם פערברעכער ! ניין, דו ביזט מעהר ניט מיין זוהן ! וועק פון מיינע אויגען !

יוססוף איז געפאלען צום פאָטער'ס פיס און האָט געבעטען, ער זאָל איהם פערצייהען :

— מיין פערברעכען איז מעהר ניט וויא א יוגענד זינד, — האָט ער גע־
די ליעבע האָט מיך דערצו געבראכט, וואָרום דאָס מעדכען וואָס איך האָב
זפרייען, איז הימליש שיין ; זיא האָט געפאנגען מיין הארץ און פער־
יין פערשטאנד ! זיי מיר ניט חושד אין פאָליטישע אויסזיכטען, וועלכע
מאָל ניט געהאט.

ניט אום גנאדע און פערציי‌הונג, — האָט איהם דער פאָטער איבער־
רייד, — דו האָסט עס אויף אימער פערלאָרען ! דער סעראסקיר

(פעלד־מארשאל), וועט דיר שוין ברייננען דיין פסק! דערוויילע ביזט דו אין דיין וואָהנונג ארעסטירט.

דער פרינץ איז ארויס פון פאָטער'ס קאבינעט וויא א פערמשפּט'ער. ביי איהם אין קווארטיר האָט געווארט זיין אדיוטאנט האסאן. וויא ער האָט דערהערט פון פרינץ דעם וואָרט „סעראשקיר“, איז איהם אריבער א קעלט איבער'ן לייב.

— גאָט וויים, וואָס מיט אונז וועט דאָ זיין! — האָט ער אויסגעשריען, — אויף גוטעס איז שוין ניט דאָ צו האָפען!...

האסאן'ס שרעק איז ניט געוועזן אומזיסט. דעם זעלבען טאָג פארנאכט האָט דער סעראשקיר געבראכט דעם פרינץ זיין דעקרעט: דער סולטאן האָט איהם פערמשפּט אויף טוידט! יוססוף איז געוואָרען בלייך וויא קאלך, ער האָט זיך ניט געקאָנט האלטען אויף דיא פיס און איז ארויפגעפאלען אויף האסאן'ען.

46.

דער סוף פון מושיר־עצעט.

מוראד האָט אנגעווענדעט אלע מיטעל צו רעטען זיין גאסט מושיר־עצעט פון טוידט; אָבער זיין מיהע איז געוועזן אומזיסט. דאָס גיפט, וואָס מושיר האָט ארייגעלייגט אין דיא שפייז, איז געוועזן אזוי שטארק, דאָס קיין רפואה האָט איהם שוין ניט געקאָנט העלפען, און ער איז אין דיא גרעסטע שמערצען און יסורים דעם זעלבען טאָג געשטאָרבען.

מושיר־עצעט האָט געשפּיעלט אין סולטאן'ס הויף זעהר א גרויסע ראָלע, ער איז געוועזן אזוי וויא אין אייראָפּא א האָף־מייסטער, און עס איז איהם געשטאנען מיט דער צייט צו ווערען א גרויס־וויזיר. דערצו איז ער נאָך געוועזן שעף פון דיא זשאנדארמען און האָט געוואוסט פון אלעס, וואָס קומט פאָר אין גאנצען לאנד. מעהר פון אלעס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דיאביידע פרינצען, מיט מוראד'ן און זיין ברודער אבדול־האמיד, און האָט געוואוסט ניט אזוי וואָס זיי טהוען, נאָר אפילו וואָס זיי ריידען צווישען זיך און דיינקען. קורץ גערעדט, ער האָט ביי דיא פרינצען דורכאויס פערדיענט דעם פיינעם נאָמען: שפּיאָן און פיסקאל.

מוראד איז ניט געוועזן צו הויזע, ווען ביי איהם אין א בעזונדערן צימער האָט זיך מושיר אויף אימער געזעגענט מיט דיעזער וועלט. וויא דער פערסם'טער האָט זיך גענומען מאטערן, איז מוראד אוועק צו זיין ברודער. ערשטענס איז איהם ניט געוועזן אנגענעהם צו הערען דיא זיפצען און אָכצען פון קראנקען; צווייטענס, האָט ער געוואָלט מיטטהיילען דיא גאנצע געשיכטע זיינעם ברודער, ער זאָל אויך זיין פאָרזיכטיג. קומענדיג צוריק אהיים, האָט ער ניט געפונען זיין טרייען

דיענער העשאם. ווען ער האָט אָנגעקלונגען איז אויף'ן קלונג געקומען א דיענער פון אונטען וואָס ער האָט אפילו ניט געוואוסט וויא מען רופט איהם. מוראד'ן איז דאָס גלייך אריין אין נאָז, און ער האָט געפרעגט וואו איז העשאם?

— העשאם איז שוין אין פּאלאץ ניט דאָ, — האָט איהם דער געקומענער דיע־נער געענטפערט, — מאהמעד־בעי האָט איהם ניט לאנג פון דאנען אָבגענומען.

— איך האלט שוין גוט, — האָט געדיינקט ביי זיך מוראד, — מען פערגינט מיר שוין ניט צו האָבען א טרייען דיענער לעבען זיך. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דעם נייעם דיענער:

— וויא הייסט דו?

— מיין נאָמען איז מעהמעד.

— וואָס מאכט דער מושיר־עצעט? ווייסט דו, מעהמעד?

— ער איז מיט א שטונדע צוריק געשטאָרבען.

— האָט ער וואָס געשפראָכען פאר'ן טוידט? איז דאָ ווער געוועזן? — האָט געפרעגט דער פּרינץ.

— א האלבע שטונדע פאר'ן טויט האָט ער געשיקט רופען איין אימאן, וועל־כער איז גלייך געקומען. וואָס זיי האָבען אָבער ביידע געשפראָכען ווייס איך ניט. אין עטליכע מינוט ארום וויא דער אימאן איז אוועקגעגאנגען, איז געקומען מאה־מעד־בעי. ער האָט צוגענומען העשאם'ען און מעהר וויא א העלפט פון אייערע דיענער, און האָט אנשטאָדט זיי געבראכט צופיהרען אנדערע, נייע.

דיעזער געשפּרעך, וואָלט נאָך דויערן ווער ווייס וויא לאנג, ווען עס וואָלטען ניט געקומען גייסטליכע, אימאנען, און פּריוואט מענשען אָבצונעהמען דעם טויטען און איהם אוועקפיהרען אויף'ן בית־עולם. צווישען דיא מענשען, וואָס זיינען גע־קומען צו דער לויה איז אויך געוועזן א געוויסער בעאמטער דעוולעטי, וואָס איז שוין בעשטימט געוועזן פון פריהער צו פערנעהמען דיא שטעלע פון מושיר־עצעט. ער איז שוין געוועזן געקליידט אין פאָרמע פון א מושיר. וויא מוראד האָט איהם בעמערקט, האָט ער מעהמעד'ן געהייסען ארויס געהן און אריינגעבעטען צו זיך דעם נייען מושיר. דעוולעטי, האָט זיך לאנג ניט געלאָזען בעטען, איז גאנץ רוהיג אריין צו מוראד'ן אין קאבינעט און האָט זיך טיעף פערנייגט. דעוולעטי איז שוין ניט גע־ווען קיין יונגער מאן; אויף'ן געזיכט איז ביי איהם געלעגען פאלשקייט און ליסט.

— אזוי וויא איך זעה, — האָט זיך דער פּרינץ אָבגערופען צו איהם, — ווילסט דו פערטרעטען דיא שטעלע פון דעם מושיר, וועלכער איז אָט־ערשט גע־שטאָרבען, און דו ווילסט, גלייך וויא ער, ווערען א'ן אויפזעהער איבער מיך, ד. ה. א פּיסקאל. אלזאָ, נעהם איך מיר דיא פרייהייט דיר צו זאָגען, דאָס דו נעהמסט

אויף זיך זעהר אַ שווערע און העכסט געפעהרליכע דיענסט. זיי וויסען, דאָס אויב דו וועסט ניט קאָנען מיטשפּייזען מיט מיר דיא געריכטען וואָס מען דערלאַנגט אויף מיין טיש, איז גלייכער פיר דיך דו זאָלסט דיך פון דיעזער שטעלע ענטזאגען. אַ ביישפּיעל קאָנסט דו האָבען אין דעם מושיר־עצצעט. ער איז געוועזען שטאַרק און געזונד, דאָך איז ער פּלוצלינג געשטאָרבען, הויל צוליעב דעם וואָס ער האָט מיט־געשפּייזט מיט מיר. . .

— איהר דענקט, האָט זיך אָבגערופען דעוולעטי, — דאָס מושיר־עצצעט האָט פערשאַדט זיין שוואכען מאָגען מיט אייערע שפּייזען וואָס זיינען צו פעט און צו פעפערדיג?

— יא, יא! — האָט געענטפערט מוראד, — און דעריבער ראטה איך דיר וויא אַ גוטער פריינד, אויב דו האָסט גאָר ניט קיין געזונדען מאָגען זאָלסט דו דיך בעסער ענטזאגען פון דער שטעלע, ווייל דו וועסט אימער מוזען מיט מיר מיטשפּייזען.

— איך דאַנק אייך פון האַרצען, וואָס איהר זאָרגט אַזוי וועגען מיין געזונד, אָבער איך קאָן אייך מיט פריידע זאָגען, דאָס איהר קימערט אייך גאָר אומזיסט, ווארום איך האָב זעהר אַ געזונדען מאָגען וואָס פערטראָגט אַלעס דינג אין דער וועלט, אַזוי וויא דער מאָגען פון אַ שטרויס. אַלזאָ, בין איך פערטיג מיט אייך אין אַלע צייטען מיטצושפּייזען וואָס פיר געריכטען איהר וועלט נאָר. . .

— געלעכטער אָן אַ זייט! — האָט זיך אָבגערופען מוראד, איך האָב מיט דיר צו ריידען וואָס וויכטיגערעס. זאָג מיר, פיר וואָס האָט מען מיר אומגעביטען אַלע מיינע דיענער? מען האָט מיר אַפילו ניט געלאָזען מיין ליעבדיענער העשאַם?

— איך גלויב האָט געענטפערט דעוולעטי, — דאָס איז צוליעב דעם פּלעטצלי־כען טוידט פון מושיר־עצצעט, קיין אנדער אורזאַך וויים איך ניט.

— אָבער קיינער פון זיי איז אין זיין טוידט ניט שולדיג. אם ווענינגסטען, זאָל מען מיר צוריקגעבען העשאַם'ען, דעם ליעבלינג פון אַלע מיינע דיענער.

— צום אומגליק קאָן עס ניט געשעהען, ווייל דיעזער העשאַם איז שוין אויף דער וועלט ניט דאָ. . .

— אזוי? האָט מוראד צאָרניג אויסגעשריען, — מען האָט ערמאָרדעט דיעזען אונשולדיגען מענשען? פיר וואָס? זיין גאַנצער פערברעכען איז, וואָס ער איז מיר געוועזען טריי און דאָס האָט מען מיר ניט געקאָנט פערגינען!... אָרמער העשאַם! אָ, עס בלוטעט מיין הארץ!

— וויא איך וויים, — האָט זיך אָבגערופען דעוולעטי, — איז מען גאָר ניט

אויף אייך אזוי בייז, וויא איהר מיינט, העשאם'ען האָט מען געטוידטעט וויל מען איז איהם חושד, דאָס ער האָט פערגיפטעט מושיר־עצעט.

— דערצעהל מיר קיין מעשה ניט... איך ווייס גאנץ גוט דאָס מען פערגינט מיר ניט איך זאָל האָבען טרייע דיענער וואָס קאָנען מיר היטען און שטיצען געגען מיינע פיינדע, וואָס זיינען אָנגעשטאנען אויף מיין לעבען. העשאם איז זיי געשטאנען אין וועג, האָט מען פערגאָסען זיינע ריינע אונשולדיגע בלוט און אויסגעטראכט אז ער האָט פערגיפטעט עצעט'ן. אָרעמער העשאם! וואָס פיר א בעלאָהנונג פיר דיינע טרייהייט און עהרליכקייט!

— נו, דעוולעטי, אדיע! איך בין זעהר מיעד און אויפגערעגט, איך מוז זיך צולייגען, פיליכט וועל איך איינשלאָפען... ארויסגעהענדיג, דעוולעטי, זיי אזוי גוט און הייס מיין דיענער, ער זאָל מיר דערלאנגען א גלאָז סאָרבעט וואָס איך בין געוואָהנט צו נעהמען וויא א שלאָף־טרונק. אדיע!

דעוולעטי האָט זיך טיעף פערנייגט, געוואונשען א לאנגען רוהיגען שלאָף און איז ארויס מיט א שמייכעל פון מוראד'ס קאבינעט.

קוים וואָס דעוולעטי איז ארויס, האָט דער נייער דיענער, מעחמער, ארייגעטראָגען א גלאָז סאָרבעט און האָט עס אנידערגעשטעלט אויף א מארמאָרנעם טישעל לעבען דער זאָפע אויף וועלכער עס איז געלעגען מוראד. דער פרינץ האָט צוגעטראָגען דאָס גלאָז צום מויל. וויא נאָר ער האָט, אָבער, בענעצט דיא ליפען האָט ער גלייך דערפיהלט אין דעם געטראנק א ווידער־טעם, אזא געשמאק וואָס איז ניט פון א געוועהנליכען סאָרבעט. ערשט נאָר איז איהם ארייגעפאלען אין געדאנקען, דאָס מעהר וויא צוליעב דעם האָט מען ניט אויסגעביטען זיינע דיענער. יעצט האָט ער שוין פערשטאנען דעוולעטי'ס שמייכעל און זיין צוואונש: „א לאנגען, רוהיגען שלאָף"... פריהער האָט ער דאָס גאָר ניט בעמערקט. עס האָט ניט געדויערט קיין דריי מינוט, וויא עס איז דעם פרינץ געוואָרען איבעל, עס האָט איהם אָנגעפאנגען צו שווינדלען דער קאָפּ און עס האָט איהם גענומען וואַרפען וויא אין קדחת (פיבער). עס איז קיין ספק מעהר ניט געווען, דאָס ער איז פערגיפטעט... פון גרוים כעס האָט מוראד א שליידער געגעבען דאָס גלאָז אָן א גרויסען שפיגעל, וואָס עס איז צופליגען געוואָרען אויף שטיקלאך. דיא דיענער האָבען געהערט דעם קלאַפּ, אָבער האָבען ניט געוואגט ארייגצוגעהן אין קאבינעט. נאָך אין עטליכע מינוט איז דעם פרינץ געוואָרען פינסטער אין דיא אויגען און ער איז אראָבגעפאלען אויף דר'ערד... איז ער איינגעשלאָפען אויף אימער אָדער ער וועט זיך אויפכאפען?

— דאָס איז קיינעם'ס דאגה ניט געווען.

47.

דער סולטאַן און דיא פּראָפּעטין.

אין עטליכע מינוט ארום נאָך דעם סעראַשקיר'ס אוועקגעהן, איז פּרינץ יוססוף געוואָרען רוהיג. אין אָנפאַנג האָט איהם דער שרעקליכער דעקרעט וואָס דער פאָטער האָט אויף איהם ארויסגעגעבען אין גאַנצען צובראָכען; אָבער וויא דער ערשטער איינדרוק איז פאָראיבער האָט זיך יוססוף איבערלייגט אין געדאַנקען און האָט איינגעזעהן דאָס פיר א טירקישען פּרינץ איז גאָר ניט אזוי שרעקליך צו שטאַרבען יונגערהייד. אין טירקיי זיינען דיא פּרינצען קיין מאָל ניט זיכער מיט זייער לעבען, און פון קינדוויז אָן ווייסען זיי שוין גאַניץ גוט דאָס ביי דיא קלענסטע אינטריגע אין הויף זיינען זיי דיא ערשטע כפּרה, פּרינץ יוססוף האָט אויך אימער וועניג געהאַלטען פון זיין לעבען וואָס איז אימער געהאַנגען אויף א האָר. שטאַרבען א ביסעל פריהער, א ביסעל שפּעטער, דורך דעם, אָדער דורך יענעם, דאָס איז שוין פיעל גלייך.

— שטערבען מוז דאָך יעדער מענש, — האָט ער זיך אָבגערופען צו זיין אדיו־טאַנט, וואָס איז געוועזן אויסער זיך פון קימער און הארצקלעמעניס, ווייל ער האָט דאָס אָנגעמאַכט דעם גאַנצען אונגליק, — פריהער שטאַרבען אָדער שפּעטער, איז פיעל גלייך. פיר'ן קבר איז קיינער ניט צו יונג... בפּרט נאָך אין דיעזען ווילדען לאַנד, וואו דער לעצטער בעטלער איז פיעל זיכערער מיט זיין לעבען וויא דער סולטאַן. איין מאָל האָב איך געהאַט דעם אומגליק געבאָרען צו ווערען א פּרינץ קאָן איך שוין קיין גוטעס זיך ניט ערוואַרטען. דעריבער האָב איך מיט מיין טויט זעהר וועניג וואָס צו פערלירען. נאָר איין זאַך פערלאַנג איך נאָך. מיר ווילט זיך נאָך א מאָל זעהען דיא שיינע און ליעבליכע רעציע, דיא ליעבע אונשולדיגע פרוי, וואָס קאָסט מיר מיין לעבען... זעה איך איהר פאַר מיין טויט, שטאַרב איך גאַנץ רוהיג, מיין טהייערער האַסאַן.

— ניין, מיין פריינד, — האָט זיך אָבגערופען האַסאַן, וואָס האָט קוים געקאָנט אויסהערען דיעזע ווערטער, — ניין, דו וועסט ניט שטאַרבען, דאָס קען אויף דער וועלט ניט זיין!

האַסאַן איז ארויסגעלאָפען פון פּרינץ און האָט זיך בעשלאָסען צו געהן צום סולטאַן. עס איז אונמעגליך יוססוף זאָל שטאַרבען, האָט ער ביי זיך געדיינקט, ער איז דאָך דער ליעבלינג־זוהן ביי זיין פאָטער, וועלכער האָט שוין געוויס אליין חרטה וואָס ער האָט פון כעס איהם ארויסגעגעבען אזא שטרענגען דעקרעט. אָבער וויא קומט מען צו צום סולטאַן? מעלדען זיך, וויא געוועהנליך, וועט מען איהם ניט צולאָזען. ער האָט זיך, דעריבער, בעשלאָסען זיך אריינצוגנב'ענען אין סולטאַן'ס

קאבינעט דורך א הינטער טיהר. אזוי איז ער אריין אָהן מעלדונג צום סולטאן און איז איהם געפאלען צו דיא פיס. דער סולטאן האָט איהם גלייך דערקענט. ער איז געווען העכסט ערשטוינט, וואָס האסאן האָט זיך ריזיקירט אריינצודרינגען צו איהם אין קאבינעט דורך א הינטער טיהר און אָהן א שום מעלדונג.

— וואָס פערלאנגסט דו פון מיר ? — האָט ער בייז ביי איהם געפרעגט, — וואָס האָט דיר געצוואונגען צו מאכען אזא ריזיקאלישען שריט, אריינצוגנב'ענען זיך צו מיר אָהן מעלדונג ? פיר אזא מעשה צאָהלט מען דאָך מיט'ן לעבען ?

— אין פערגלייך מיט דעם וואָס איך פערלאנג פון אייער מאיעסטעט, איז דאָס זעהר א וואָלוועלער פרייז, איך פערלאנג מיט אייך צו שפרעכען וועגען דעם שטרענגען דעקרעט וואָס איהר האָט ארויסגעגעבען אייער ליעבליכען זוהן, וועלכער איז מיר פיעל טהייערער וויא מיין אייגענעם לעבען. אויס ליעבע צו איהם האָב איך ניט געקוקט אויף דיא עטיקעט פון הויף און האָב זיך ניט געלאָזען מעלדען, כדי עס זאָל מיר ניט אויסקומען צו ווארטען, ווארום דיא צייט איז גאנץ טהייער. איך קום צו אייער מאיעסטעט ניט וויא צו א שטרענגען קייזער, נאָר וויא צו א ליעבליכען ווייכהערציגען פאָטער, און איין מאָל בין איך דאָ, האָף איך דאָס איהר וועט אָננעהמען מיין געבעט. שוינט און פערצייהעט אייער זוהן, וועלכען איהר האָט אימער געליעבט פון גאנצען הארצען. מאכט ניט אזא שריט וואָס איהר וועט שפעטער געוויס חרטה האָבען און איהר וועט שוין ניט זיין אימשטאנדע צוריק־צופיהרען. זיך אליין צו פיהלען שולדיג אין דעם טויט פון איין אונשולדיגען זוהן, דאָס איז אזעלכע שמערצען וואָס איז ניט דאָ קיין גלייכען צו זיי. בעדיינקט זיך דעריבער, און נעהמט צוריק דעם שרעקליכען דעקרעט, זאָ לאנג עס איז נאָך דאָ צייט. ווען, אָבער, עס איז דורכאויס נייטהיג, דאָס זיין אונפאָרזיכטיגער שריט זאָל בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט, נעהם איך גאנץ גערנע דיא שטראפע אויף מיר, ווייל איך בין מעהר שולדיג וויא ער אליין, ווייל איך האָב איהם דאָס אָנגערעדט, ער זאָל געהן בעפרייען דיא אומגליקליכע רעציע.

— יא, האסאן, — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאן, — דיר איז ניט צו פערדיינקען וואָס דו ביזט געקומען בעטען פיר איהם. ניט לאנג האָט ער געבעטען פיר דיך און פיר דיינע צוויי קאמעראדען, און איך האָב אייך פון זיינטוועגען געשוינט דעם לעבען. גאנץ נאטירליך וואָס דו ווילסט איהם יעצט אָבדיענען; אָבער מיר איז אויך ניט צו פערדיינקען, ווען איך וועל בלייבען ביי דאָס מייניגע. מיין דעקרעט דארף ווערען ערפילט. יוססוף מוז שטארבען. און דיא וועלט וועט גאָר צו מיר ניט האָבען דערפאר, ווארום איך בין ניט דער ערשטער קייזער וואָס פעראורטהיילט זיין אייגענעם זוהן צום טוידט. עס איז שוין געווען אזעלכע קייזער'ן

אויף דער וועלט. און וואָס דו זאָגסט, דו ביזט שולדיג, וויל איך גאָר דריגען ניט אריינגעהן; איהם האָט מען אָנגעקלאָגט, מוז ער שטארבען, דיך האָט מען ניט אָנגעקלאָגט, דארפסט דו ניט שטארבען, גענוג ווען איינער וועט ליידען פיר דעם שרעקליכען פערברעכען.

— ניין, גרויסער סולטאן, אייער זוהן מוז בלייבען לעבען. איהר מוזט עס טהאָן פון אייערטוועגען, פון אייער עהרע וועגען און פון אייער רוהע וועגען. נעהמט ניט קיין ביישפיעל פון טיראנישע עלטערן, וואָס האָבען דערנאָך פיעל געליטען פיר זייערע טיראנאי, האָבען זייערע טראָהנען פערלאָרען און זיך צו שאנדע גע־מאכט. פיעלע קעניגע האָבען געוואָלט טוידטען זייערע אייגענע קינדער, נאָר מען האָט זיי אָבגעהאלטען צו פערגיסען בלוט, און דיעזע פערשוינטע פרינצען זיינען נאכהער געווען דיא בעסטע קעניגע. דיא זעלבע זאך וועט זיין מיט יוססוף'ן. און וואָס האָט ער דאָ אזוינס פערבראָכען? ער האָט געוואָלט בעפרייען א שעהנע פרוי, וואָס מען האָט אומזיסט ארעסטירט און ווערט שרעקליך געפייניגט. דאָס איז נאָך ניט אזא גרויסער פערברעכען, ער זאָל בעשטראָפט ווערען מיט'ן טוידט דערפאר.

האסאן האָט גערעדט מיט היץ און פון דיא אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען. זיינע ווערטער האָבען ווייך געמאכט דעם סולטאן'ס הארץ.

— איך האָב קיין מוטה ניט דיר צו ענטזאגען, — האָט איהם געענטפערט דער סולטאן, — יוססוף זאָל בלייבען לעבען. איך טהו דאָס הויל צוליעב דיר. מיר געפעלט דיין טרייהייט צו מיין זוהן דו ביזט איין אמת'ער מאן, איין טרייער פריינד, און איך ווינש דיך אימער צו האָבען אין צאָהל פון מיינע נאָהענטע דיענער. ליידער בין איך ארומגערינגעלט מיט פאלשע לייט, וואָס מיט'ן צונג זיינען זיי מיר דיא בעסטע פריינד און אין הארצען ווינשען זיי מיר אלעם בייזעס. נו, שטעה אויף, געה צו מיין זוהן און מיטטהייל איהם, דאָס איך פערצייהע איהם דיעזעס מאָל. דיר פערצייהע איך אויך פיר דעם אנטהייל וואָס דו האָסט גענומען אין דעם סקאנ־דאָל אין רואינע „קאדריש" און וואָס דו האָסט זיך ערלויבט אריינצודרינגען אין מיין קאבינעט אָהן מעלדונג און דורך א הינטער טיהר. זעה אָבער מעהר זאָל אזעלכע זאכען ניט טרעפען. . .

דיא פריידע פון האסאן'ען איז געווען אָהן א ברעג. ער האָט ניט געוואוסט מיט וועלכע ווערטער צו דאנקען דעם סולטאן פיר זיין גנעדיגקייט, מיט וועלכע אויסדריקע איהם צו לויבען. אויסער וואָס ער האָט זיך געפרעהט וואָס ער האָט אויסגעפיהרט אראָבצונעהמען פון פרינץ יוססוף דעם שרעקליכען דעקרעט, איז ער געווען זעהר צופרידען פון דעם, וואָס דער סולטאן האָט פון איהם אזא גוטע מיינונג, וואָס ער האלט איהם פיר איין אמת'ן פריינד און ווינשט איהם צו האָבען ארום זיך.

ווייא דער שייך־אול־איסלאם האָט זיך דערוואוסט, דאָס האסאַן'ען האָט געגליקט איבערצורייידען דעם סולטאַן, ער זאָל חרטה האָבען אויף'ן דעקרעט צו טוידטען זיין זוהן, און דאָס דער סולטאַן איז געוואָרען צו זיין זוהן'ס אדיוטאנט אזוי גוט געגייגט און גינסטיג, האָט דאָס איהם געברענט ווייא א פייער. זיין פיינד־שאפט צו האסאַן'ען איז געוואָרען הונדערט מאָל שטארקער. ער האָט זיך בעמיהט און האָט קוים מיט זיין גיפטיגען צונג איינגערעדט דעם סולטאַן, דאָס יוססוף האָט געטהאָן א גרויסען פערברעכען וואָס ער מוז בעשטראָפט ווערען מיט'ן טוידט, און יעצט איז געקומען דיעזער אדיוטאנטיל און האָט פון זיינע גאָר דיא מיהע געמאכט א בארג אש!... ער האָט געברענט ווייא א פייער און האָט געווארט דיא מינוט וואָס ער וועט קאָנען פטור ווערען פון דיעזען האסאַן.

עס איז איבעריג צו זאָגען און עס איז אונמעגליך ריכטיג צו בעשרייבען דיא פרעהליכע סצענע וואָס איז פאָרגעקומען אין פרינץ'ס וואָהנונג, ווייא האסאַן איז געקומען צוריק מיט דער גוטער נאכריכט. יוססוף האָט איהם אָהן א צאָהל געקושט און געהאלזט. האסאַן האָט איהם ערצעהלט אלסדינג ווייא עס איז צוגע־גאנגען מיט איהם ביים סולטאַן, וואָס פיר געפאהרען עס זיינען איהם געלעגען אויף'ן וועג, און מיט וועלכע ווערטער ער האָט געווירקט אויף זיין פאָטער'ס הארץ. ווייא יוססוף האָט זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט איהם האסאַן מיטגעטהיילט נאָך א נייעס, דאָס ער מוז ביי נאכט אויף א קורצע צייט אָברייזען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— דאָס געפעלט מיר גאָר ניט, — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ, — איך פירכטע, צו ליגט דאָ ניט איין אינטריגע? דו האָסט פיעל פיינדע אין הויף, בפרט נאָך יעצט...

— זיי רוהיג, — האָט איהם געענטפערט האסאַן, — איך פעררייזע אויף א קורצע צייט, דער סולטאַן זעלבסט האָט עס מיר בעפאָהלען, און ער איז דאָך יעצט צו מיר אזוי גוט.

— גראָד דאָס איז ביי מיר עטוואָס ניט גלאַט...

האסאַן האָט זיך בעמיהעט איהם צו בערוהיגען, דאָס עס איז ניט דאָ וואָס צו פירכטען. אום צו פערטרייבען זיינע פינסטערע געדאנקען, האָט האסאַן אָנגעפאנגען צו שפּרעכען וועגען רעציע'ן, וועלכע דער פרינץ איז אויסגעגאנגען צו זעהען נאָך אמאָל. זיי האָבען זיך געמיטהליך געשפּראָכען און האָבען ניט בעמערקט ווייא עס איז פערלאָפען עטליכע שטונדען. ווייא האסאַן האָט גענומען פון יוססוף'ן אָבשיעד, האָט דער פרינץ נאָך אמאָל געזאָגט, דאָס ער האָט זעהר מורא דאָס ער וועט זיך שוין מעהר מיט זיין אדיוטאנט ניט זעהען.

— ווען דוא מוזט ניט אנדערש פאָהרען, נעהם מיר מיט, — האָט דער פרינץ זיך

געבעטען ביי האסאַן'ען,—דיא הארץ זאָגט מיר, דאָס דוא וועסט פון דיעזער רייזע ניט קומען צוריק.

— דאָס איז אונמעגליך, וואָרום מאָרגען פריה וויל זיך מיט דיר זעהען דער סול־טאַן, אום אין גאַנצען צו ווערען גוט פריינד מיט דיר.

דער פרינץ האָט איהם געמוזט לאָזען רייזען אליין.

ביי נאכט איז ארויס א קלאַנג, דאָס דער סולטאַן האָט בעשלאָסען צו טוידטען האסאַן'ען אנשטאָדט דעם פרינץ, און דאָס אין דיעזער נאכט וועט מען שוין דעם אונגליקליכען אדיוטאַנט טהאָן זיין רעכט. דער פרינץ איז פון דיעזער נאכריכט כמעט פון זינען ניט אראָב. ער האָט געוואָלט גלייך לויפען צום פאטער, זאָגען איהם, דאָס ער וויל פיר קיין ארט ניט, איין אנדערער זאָל ליידען פיר איהם, ווען פיר זייןפערברע־כען קומט ווירקליך טוידט שטראָף, איז ער זעלבסט בערייט צו שטארבען און ער וועט קיין מאָל ניט דערלאָזען איין אנדערער זאָל געהן פיר איהם א כפרה. עס איז שוין אָבער געוועזען א שטיק אין דער נאכט. אין דיעזער צייט איז שוין געוועהנליך דער סולטאַן ביי זיינע געליעבטע אין הארעם און דאמאָלס קען קיין מוטער־מענש צו איהם ניט צו קומען, עס מעג דונערן און בליצען, עס מעג דיא וועלט אונטערגעהן, לאָזט מען אין יענער צייט צו איהם קיינעם ניט צו. פערפאלען, האָט ביי זיך געטראכט יוססוף, עס איז ניט דאָ וואָס צו מאכען! עס איז איהם געוואָרען אזוי שלעכט, דאָס ער האָט פערשאָלטען דעם טאָג וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען א פרינץ.

מיט האסאַן'ען זעלבסט איז אזוי געוועזען. וויא ער האָט גענומען פון יוססוף'ן אָבשיעד, איז ער אוועקגעגאַנגען צום סולטאַן אויפ'ן קוואַרטיר: אזוי איז געוועזען דעם סולטאַן'ס בעפעהל. דאָ האָט מען איהם בעגעגענט זעהר קאַלט, אזוי זויא מען נעהמט אויף א גרויסען מאַן וואָס האָט פערלאָרען און פערזינדיגט ביים סולטאַן דיא חן... מען האָט איהם געזאָגט, דאָס דער סולטאַן האָט איהם געהייסען דיא מינוט אריינקומען צו איהם אין קאבינעט און ניט אנדערס וויא אין א גרויען אָפּיצירסקען מאַנטעל. האסאַן האָט פערלאָרען דעם קאָפּ קלערענדיג וואָס דאָס קען בעדייטען. זיין וואונדער איז נאָך געוואָרען פיעל גרעסער, ווען ער איז געקומען אין קאבינעט און האָט דם סולטאַן אויף געטראָפען אין א געמיינעם אָפּיצירסקען מאַנטעל...

דער סולטאַן האָט אויפגעעפענט א הינטער טיהר און א וואונק געגעבען האסאַן'ען ער זאָל מיט איהם מיטגעהן. זיי זיינען געגאַנגען דורך קאָרידאָרען, פינסטערע און ליכ־טיגע, דורך טרעפּ, ביז וואנען זיי זיינען אויסגעקומען לעבען א טויער פון יענעם זייט שלאָס. דאָ איז געשטאַנען א פערמאכטע קארעטע. זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין קארעטע און דער סולטאַן האָט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין סקוטארי און אָב־שטעלען זיך ניט ווייט פון גרויסען מינארעט. האסאַן, וואָס האָט קיין זאך ניט גע־

וואוסט, איז געזעסען וויא א טוידטער פון שרעק. דאָס ער פאָהרט ניט אויף גוטעס, האָט אויסגעוויזען פון דעם, וואָס דער סולטאַן האָט א גאנץ וועג מיט איהם א וואָרט ניט אויסגערעדט: געוויס איז ער אויף איהם בייז.

קוים וואָס האסאַן האָט דערלעבט דיא מינוט זיי זאָלען זיך שוין אָבשטעלען לעבען מינארעט. וויא זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון דיא קארעטע, האָט איהם דער סולטאַן געהייסען, ער זאָל איהם בעגלייטען אין סאָפטי איבאַם'ס הויז און ער זאָל פון איהם ניט אָבטרעטען נאָך ניט אויף א טריט, עס מעג זיין וואָס עס וויל.

מיט עטליכע שטונדען פריהער זיינען געזעסען אין סאָפטי איבאַם'ס הויז מאנזור־עפענדי און האמיד־קאדי. דיא אורזאכע וואָס האָט זיי ביידען צוזאמען געבראכט אין דיזעם הויז, איז געוועזען דעם סולטאַן'ס וויזיט צו דער פּראָפעטין. זיי האָבען פאָר־אויס דערשמעקט דאָס דער סולטאַן וועט אין דיעזער נאכט קומען צו דער פּראָפעטין, און דעריבער האָבען זיי זיך מישב געוועזען, וויא מען זאָל אָנשטעלען סירראַ'ן, וואָס מען זאָל איהר אונטערזאָגען צו אנטוואָרטען אויף דעם סולטאַן'ס פראגען.

— אונזער גלויבען פאלט וואָס פון טאָג,—האָט זיך אָבגערופען מאנזור־עפענדי,— און שולדיג זיינען אין דעם אונזערע סולטאַנען מיט זייערע נייע פיהרונגען, מיט דיא רעפאָרמערס, מיט וועלכע זיי ווילען נאָכטאנצען אייראָפּא. אלע נייע איינפיהרונגען, אלע רעפאָרמעס זיינען געבויט אויף אפּיקורסות. אָבער מיר האָבען קיין רעכט ניט צו דערלאָזען עס זאָל זיך ווייטער אויך אזוי פיהרען. מיר זיינען מחויב מיט אלע מי־טעל אין דער וועלט צו שטארקען אונזערע רעליגיאָן, מיט גוטען אָדער מיט בייזען, מיט ווארהייט אָדער מיט פאלשהייט, מיט גערעכטיגקייט אָדער מיט אונגערעכטיגקייט, דאָס מאכט ניט אויס. מיר האָבען קיין רעכט ניט אויסצוקלייבען, מיר זיינען מחויב צו טהאָן אלעס דינג וואָס קען אונז נאָר ברייגנען צו אונזער גוטען ציעל, צו שטארקען אונזערע הייליגע רעליגיאָן. ווען דער ציעל איז א גוטער, זיינען אלע מיטעל אין דער וועלט אויך גוטע; אזוי האָב איך אָנגעהעטצעט אויף אונזערע אפּיקורסישע רעגירונג אלע פעלקער פון באלקאַן, דיא סערבער, באסניער, בולגארען, רומינער, מאָנטענעגרען, און מיט גאָטעס הילף וועל איך מאכען א סוף פון דיא יעצטיגע רעגירונג און איך וועל אויסברייגגען אלע נייעסן... יעצט האָבען מיר נאָך א מיטעל צו שטראָפען דיא פער־פלוכטע רעגירונג, איך מיין דיעזע פּראָפעטין, און מיר זיינען מחויב איהר אריינצו־לייגען אין מויל אזעלכע אנטוואָרטען, וועלכע עס לוינען פיר אונזערע הייליגע רעלי־גיאָן און ניט פיר דיא אפּיקורסים...

— גאנץ ריכטיג,—האָט איינגעשטימט האמיד־קאדי, עס קען קיין פרומערע און בעסערע זאך וויא דאָס ניט זיין. אונזערע רעליגיאָן וועט דורך דעם ווידער אויפבליהען. אונזער האלבע לבנה וועט ווידער אויפגלענצען וויא אמאָל!

— דאָס איז דער איינציגער ציעל פון אלע מיינע זאָרג, — האָט געענטפערט מאנזור־עפענדי,—דער איינציגער ציעל פון מיין גאנצען לעבען; אָבער צו ערר̈ייכען דיזען הייליגען ציעל מוזען מיר האָבען זעהר פיעל געלד... גוט וואָס איך האָב זיך דערמאָהנט: וואָס איז מיט דעם אלטען דאָקומענט, וועלכען איך האָב דיר געבעטען איבערלעזען מיט דעם געלעהרטען שייך־אלי? ווייסט דוא שוין זיין אינהאלט? וואָס שרייבט זיך דאָרטען וועגען דעם בעהאלטענעם אוצר?

— שאדען וואָס מיר האָבען נאָר א קאָפּיע,—האָט געענטפערט האמיד־קאדי,— דער אָריגינאל אָדער דער ערשטער דאָקומענט, וואָלט אונז פיעל מעהר נוטצליך געוועזען; ער איז אָבער, וויא עס שיינט, געבליבען ביי אלמאנזאר, וואָס קומט ארויס פון דיא אביסידישע כאליפען. דיעזער אלמאנזאר איז שוין געשטאָרבען, און ווען מען געפינט יעצט דעם אוצר, וואָלט מען איהם דארפען אָבגעבען זיין טאָכטער רעציע, וואָס איז געבליבען דיא איינציגע יורש'טע פון דיא אבסידען און פון דיזעם אוצר.

— קינדערייו! — האָט זיך אָבגערופען דער שייך אול־איסלאם,—וואָלטען מיר איהם נאָר אויסגעזוכט דיעזען אוצר, וואָלט איך שוין אויף קיין זאך ניט קוקען... געגען אונזערען הייליגען ציעל איז א יורש, קיין יורש ניט, א רעכט, קיין רעכט ניט. ווען סולטאנען ערלויבען זיך אויסצורויבען דיא אוצרות פון אונזערע מעטשעט'ן אויף נארישע זאכען, אויף מלחמות, מעגען מיר געוויס זיך ניט שעמען צו צונעהמען א פּריוואט קאפּיטאל, וואָס מיר וועלען פּערברייננגען אויף א הייליגען ציעל, בפרט נאָך אז דיא אבאסידען האָבען צוזאמען געקליבען דיעזען קאפּיטאל מיט פאלשהייט, מיט טיראנייע און געוואלט איבער אונזער פאָלק... וואָלטען מיר איהם נאָר בעקומען!...

— מיר וועלען איהם שוין בעקומען,—האָט האמיד־קאדי געגעבען האָפנונג,— וויא אלי־שייך האָט ערקלערט, געפינט זיך דער אוצר בעהאלטען אין א הייהל אונטער דער גרויסען פּיראמידע אין וויסטענייע עלטהע, אין דערזעלבען פּיראמידע, וואו עס ליגען דיא מומיען פון דיא געשטאָרבענע קעניגע. דיא טוידטע בעוואהרען דעם אוצר פון גנבים... יעצט איז נאָר א פראגע, צו האָט שוין ווער פריהער ניט דערגאנגען דעם אָרט און האָט שוין צוגענומען דיא בעהאלטענע געלד פיר זיך?...

— בראוואָ! בראוואָ!—האָט דער שייך אויסגעשריען מיט פריידע,—יעצט דערמאָהנע איך מיך, דאָס איך האָב אמאָל געהערט, אין יוגענד, פון דיעזער פּיראמידע און פון דעם אוצר... דאמאָלס האָב איך פון דעם געלאכט און איך האָב דאָס געהאלטען פיר א קינדער־מעשה; יעצט זעהע איך עס דאָס איז אמת... און איך וועל איהם שוין פון דאָרטען בעקומען, וואָרום ווען איין אנדערער וואָלט שוין איהם ארויסגענומען וואָלט איך דאָס געוואוסט... איך דאנקע דיר פון הארצען פיר דיעזע פרעהליכע נאכריכט,— האָט דער שייך וויטער געזאָגט צו האמיד־קאד,—און איך קען דיר פיר איהר בעצאָה־

לען מיט איין אנדערע נאכריכט, דאַס דער סולטאן זעלבסט קומט היינט אהער מיט א וויזיט.

— איך זעה שוין איין, וויא גרויס דיין פערשטאנד איז,—האָט אויף דעם גע־זאָגט האמיד־קאדי,—איך פערשטעה שוין דיין פּלאן: דוא ווילסט אריינליינען דער פּראָפעטין אין מונד אזעלכע אנטוואָרטען אויף דעם סולטאן'ס פראגען, וואָס לוינען פיר אונזערע הייליגע זאך!...

— גאנץ ריכטיג! און איך וויל זיך שוין מיט דיר מישב זיין וועגען דעם,—האָט איינגעשטימט דער שייך.

זיי זיינען געזעסען און האָבען גערעדט צווישען זיך, וויא מיט אמאָל איז מען געקומען מעלדען דעם שייך, דאָס צוויי אָפיצירען פערלאַנגען אריינגעהן צו דער פּראָ־פעטין אין צימער.

— דער סולטאן און זיין בעגלייטער,—האָט זיך דער שייך געווענדט צו האמיד'ן, —ווער דער בעגלייטער איז ווייס איך נאך ניט. וויא דיא מעשה איז, דארפסט דוא וואָס גיכער פון דאנען אוועקגעהן און מייד אויס מיט זיי זיך צו בעגעגענען.

האמיד איז געשווינד ארויסגעגאנגען דורך א הינטער טיהר, און מאנזור־עפענדי איז ארונטערגעלאָפען אונטער'ן פאַרהאנג, וואו ער פלעגט אלע מאָל דיקטירען דיא אנטוואָרטען וואָס דיא פּראָפעטין האָט בעדארפט געבען אויף דיא פראגען, וואָס דיא בעזוכער האָבען איהר געמאכט.

האסאן איז נאך אלץ געווען צו שראָקען, ער האָט נאך אלץ ניט געוואוסט, צו וואָס געהט דער סולטאן אין דיא הויז פון סאַפּטי און צוליעב וואָס האָט ער געוואָלט ניט אנדערש ער זאָל מיט איהם אהין געהן?

וויא דיאביידע אָפיצירען האָבען זיך בעוויזען אין צימער, האָט סירא אויסגע־שפּראָכען מיט איהר העלער קלינגענדער שטימע דיעזען פּסוק פון אלקאָראן: „ווען דוא זעהסט, דאָס א פולע מענשען טרעטען אריין אין רעליגיאָן פון גאָט, דאמאָלס לויב דעם הערר'ן און בעט אום פערגעבונג, ער וועט דיר פערגעבען און פערצייהען".

— מען זאָגט,—האָט זיך אָבגערופען צו איהר דער סולטאן, וויא זיא האָט אויס־געשפּראָכען דאָס לעצטע וואָרט,—דאָס דוא קענסט יעדען מענשען זאָגען פאָראויס, וואָס עס וועט זיך מיט איהם אמאָל פּאסירען אין לעבען: זאָג מיר, וואָס ווייסט דוא פון מיר?

— „פאַר דעם דריטען ראמאדאן וועט דער טראָהן פון דיא פּראָפעטען בלייבען אָהן א סולטאן", זאָגט מיר א שטימע פון הימעל, „און ניט דער טוידט וועט ארונטער־ווארפען דעם הערשער פון אלע גלויבענדע, נאָר א האנד פון א מענשען... דיא אייגענע פיינדע, וואָס זיינען אינעווענינג אין פאלאַץ, זיינען פיעל געפעהרליכער און שרעקליכער

זויא דיא קריסטען... אויפ'ן טראָהן וועט ארויף מוהאמעד, ער וועט הייסען מוראד דער פינפטער. דריי מאָנאטען וועט ער זיין סולטאן, און דאמאָלס וועט דער טירקישער טראָהן ווידער ליידיג ווערען: ניט דער טוידט וועט איהם ליידיג מאכען, נאָר דער ווילען פון א מענשען... נאָך מוראד דעם פינפטען וועט אבדול־האמיד זיטצען אויפ'ן טראָהן, אָבער זיין צייט איז נאָך קירצער... דער טראָהן וועט ווידער זיין אָהן א סולטאן און דאמאָלס וועט מען זיך ווענדען צו מעהמעד־רעשיד־עפענדי...

— האלט איין! מעהר ניט איין וואָרט.—האָט א געשריי געגעבען צו איהר דער סולטאן. ער האָט מעהר ניט געקענט הערען. עס איז אויף איהם ארויף א שרעק, עס האָט איהם געקלאפט דיא הארץ און געטרייסעלט הענד און פיס. האסאַן'ען איז אויך ארייבער א קעלט איבער'ן לייב, און ער איז זעהר צופריעדען געוועזען, וואָס דער סולטאן האָט איהם א וואונק געגעבען, און זיי זיינען מיט האסט ארויסגעגאנגען פון צימער.

מאנזור־עפענדי האָט געמיינט ער וועט משוגע ווערען פון כעס. וואָס איז איהר געשעהן? האָט ער זיך אָבגערופען צו זיך אליין, וויא ער האָט דערהערט דאָס סיררא ענטפערט דעם סולטאן גאָר ניט דאָס, וואָס ער האָט אונטערגעזאָגט,—וואָס איז דאָ מיט איהר געוואָרען? פון וואנען האָט זיך ביי איהר גענומען אזעלכע ווערטער?—ער איז געזעסען אונטער'ן פאָרהאנג און עס האָט איהם געוואָרפען עלענטוויים. ווען ער וואָלט קענען וואָלט ער איהר געטיידט אויפ'ן אָרט.

ער האָט ניט געוואוסט דאָס סיררא האָט ניט גערעדט פון זיך אליין, און דאָס זיא האָט נאָר געזאָגט דעם סולטאן דאָס, וואָס דיא „גאָלדענע מאַסקע“ האָט איהר געהייסען אין יענער נאכט נאָך, וואָס זיא איז געגאנגען בעפרייען רעציע'ן.

וויא דער סולטאן איז ארויס פון סאָפטי'ס הויז, האָט ער זיך געווענדט צו האסאַן'ען מיט פריינדליכע ווערטער. ער האָט איהם געבעטען ער זאָל בלייבען אויף אימער ביי איהם, ווייל ער נייטהינט זיך זעהר אין אזעלכע טרייע דינער וויא ער איז.

— זיי רוהיג,—האָט ער איהם געזאָגט,—עס וועט דיר קיין בייזעס ניט געשעהען אויף דאָס מינדעסטע... איך האָב נאָר דיך געוואָלט אויספרופען צו דוא ביזט ווירקליך מיין זוהן'ס אזא גוטער פריינד און דוא ביזט בערייט צו געבען פיר איהם דיין אייגענעם לעבען, אָדער דוא האָסט דאָס נאָר גערעדט מיט'ן צונג און אין הארצען געדיינקט אנדערש... איך האָב געמאכט א פּראָבע און ארויסגעלאָזען א קלאנג, דאָס מען וועט דיך בעשטראָפען אנשטאט דעם פּרינץ... דוא האָסט אויסגעהאלטען דיא פּראָבע. איך האָב מיך איבערצייגט דאָס דו ביזט איין אמת'ער מאַן און א זעלטען טרייער פריינד. עס פרעהט מיך זעהר, און איך בעט דיר אימער מיר אזוי צו דינען וויא דוא האָסט מיר געדינט ביז אהער.

לאַצאַרוס און דער פּרינץ.

עס איז לייכט צו פערשטיין, וויא ווייט עס האָט פערדראָסען דעם שייך־אול־איסלאם און זיין פריינד האמיד־קאַדי וואָס רעציע און סאלאדין זיינען ענטלאָפען געוואָרען פון געפענגניס. רעציע איז געוועזען דער לעצטער צווייג פון דיא בעריהמטע אביסידישע פאמיליע, וואָס האָט אימער געשפּיעלט אין טירקיי א גרויסע ראָלע. דיאביידע אָנפיהרער פון „קאַדריש" האָבען זעהר מורא געהאט פיר דיעזע פאמיליע, וועלכע איז זיי געשטאנען וויא א ביין אין האלדז. וויא רעציע איז אריינגעפאלען צו זיי אין דיא הענד האָבען זיי זיך געפרייט דאָס זיי זיינען שוין פון איהר פּטור געוואָרען, און יעצט איז זיא מיט אמאָל איבער־א־נייעס פון זיי ענטלאָפען און האָט נאָך מיטגענומען דעם קליינעם סאלאדין אויך! דורך דיזען סאלאדין האָבען זיי געהאָפט צו האלטען אין דער מורא זיין פאָטער, ד. ה. דעם פּרינץ מוראד, וואָס האָט דעם גרעסטען זכות אויף דעם טירקישען טראָהן. היינט האָבען זיי איהם אויך פערלאָרען!

ניט וועניגער, און פיליילכט נאָך מעהר האָט זיי געקריינקט וואָס יוססוף איז געבליבען לעבען און דער סולטאן איז מיט איהם ווידער גוט פריינד געוואָרען.

אין עטליכע טעג ארום נאָך רעציע'ס ענטלויפען, האָט לאַצאַרוס געבראַכט צום שייך־אול־איסלאם א בריף פון פּרינצעסין ראָשאנע. ער איז געקומען מיט דיזען בריף אין ראטה'ס קאבינעט פון דער רואינע, אָבער ער האָט גאָר דאָרטען געפונען האמיד־קאדין אליין. האמיד האָט ביי איהם צוגענומען ראָשאנעס בריף און האָט איהם געהייסען ווארטען. לאַצאַרוס איז אוועק אָן א זייט, און האמיד האָט זיך גאנץ רוהיג דורכגעלעזען דעם בריף און בעהאלטען. אין בריף זיינען געוועזען נאכריכטען וועגען רעציע'ן. האמיד האָט לאַצאַרוס'ן געקענט פון לאנג אָן; ער האָט געוואוסט וואָס פיר א באנדיט ער איז, ער האָט געוואוסט, דאָס ער האָט ערמאָרדעט אלמאנזאר'ס זון און דאָס ער האָט מיט געוואלד דאָס ערשטע מאָל אָבגעפיהרט אלמאנזאר'ס טאָכטער אין רואינע. דעראיבער וויא האמיד האָט דורכגעלעזען ראָשאנע'ס בריף, האָט ער זיך געווענדעט צום באנדיט מיט דער פראגע:

— ווייסט דוא, דאָס אלמאנזאר'ס טאָכטער, דיא שיינע רעציע איז צוזאמען מיט דעם קליינעם פּרינצען ענטלאָפען?

— איך הער דאָס ערשטע פון אייער ריינעם מונד, — האָט לאַצאַרוס געענטפערט, — און ווען „אייערע הייליגקייט" פערלאנגט, נעהם איך זיך אָן איהר אויפצוזוכען און ווידער ברייגנען אהער אין געפענגניס.

— זעהר גוט, — האָט איהם געזאָגט האמיד־קאדי, — און אום דיר צו מאכען לייכטער דיא זאך, וועל איך דיר אויסזאָגען א סוד, דאָס ניט מיר אליין ווילען איהר

שטארק געפינגען: דער פּרינץ יוסעף זוכט איהר אויך, ווארום ער איז אין איהר שטערבליך פערליעבט.

אזוי וויא מיר וויסען, האָט לאצארוס אליין גאָר ניט פיינד געהאט רעציע'ן, דעריבער, איז איהם האמיד'ס סוד גאָר ניט געוועזען צום הארצען. ער האָט זיך אָבער געמאכט ניט וויסענדיג און האָט געזאָגט:

— און עס איז דעם פּרינץ ניט צו פערדיינקען, וויל זיא איז הימליש שעהן און איז ווערטה אַליין ארויסצוקומען פון פירסטען און פון פּרינצען.

— אלזאָ, לאצארוס, איז מיין עצה, דוא זאָלסט געהן צום פּרינצען און אָנבאָטען איהם אויפצוזוכען זיין געליעבטע. ער וועט דיר שוין געוויס זאָגען, וויא און וואָס דוא דארפסט טהאָן. ווארום דיא ליעבע האָט בעסערע אויגען וויא דיא קאלטע פּאָליטיק, און געלד, ווידער, איז דאָ ביי יוסעף'ן געניג, בּפרט אויף אזא זאך.... דעריבער, ראטהע איך דיר צו געהן צו איהם, און דיין גאנג וועט ניט זיין ארויסגעוואָרפען....

— אייער ראטה געפעהלט מיר זעהר, — האָט געענטפערט דער גריכע, — און איך וועל אזוי טהאָן.

— ווייטער, האָב איך געהערט, דאָס אין דיזער נאכט האָט דער פּרינץ בדעה איהר צו געהן זוכען אין רואינע „העבדאמען": ביזט דוא בעקאנט מיט דיזער רואינע?

— אָ, יא! — האָט געענטפערט לאצארוס, — דאָס איז ניט ווייט פון דעם גרויסען פעלד?

— נוא גוט, אין איינינע שטונדען ארום וועסט דוא דאָרטען טרעפען דעם פּרינץ: לייג איהם דאָרטען פאָר דיין הילף אין דיזער זאַכע און ער וועט מיט דיר געוויס דורכקומען. זאָג מיר, אָבער, צו קען דיך דער פּרינץ?

— ער מוז מיך קענען, — האָט לאצארוס געענטפערט, — און וויא איך רעכען, דארף ער מיך קענען ניט פון גוטען זייט.... אָבער, דאָס איז נאָך בעסער.... ער וועט זיך נאָך בעסער אויף מיך פערלאָזען אין דיזער זאכע....

— נוא, און דוא וועסט איהם ערקענען דאָרטען? ער וועט געוויס קומען אהין פערשטעלטערהייד, אין אנדערע קליידער.

— און וויא נאָך! — האָט לאצארוס געענטפערט, — ער מעג זיך פערקליידען פיר א ציגיינער וועל איך איהם גלייך ערקענען.

האמיד־קאדי האָט איהם צוגעוואונשען גליק און האָט איהם געהייסען געהן.

דיא רואינע העבדאמען איז געוועזען פון פארצייטען אָן איינע פון די שלעכטסטע ערטער אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. דאָס איז געוועזען א נעסט פון גנבים און גזלנים,

פון ציגיינער, בעטלער, ענטלאָפענע ארעסטאנטען און דעסגלייכען. עס איז דאָ אין דיזער רואינע הונדערטע צימערן און אבטהיילונגען, אונטערשטע גאָרן, אויבערסטע, קעלערען, וואו עס איז גאָר לייכט זיך צו פערבלאָנדזען, און פון אויבען ביז אראָפּ זיינען אלע דיזע לעכער אָנגעשטאָפּט מיט דעם סאָרט איינוואָהנער, וואָס מיר האָבען שוין דאָ בעשריבען. פון דער פריה ביז נאכט הערט מען דאָרטען ניט אויף צו זינגען און צו שפּיעלען, טאנצען, שפּרינגען, שרייען, לארמען, יאָמערען און וויינען. עס פעהלט דאָרטען ניט קיין קריעג און צאנקעריי, קיין קולות, זידלעריי און געשלעג. וויא עס ווערט גוט פינסטער פאנגען אָן דיא איינוואָהנער פון דיזער רואינע ביסלאכווייס ארויסצוגעהן אין שטאָדט זוכען וואָס צו פערדינען, דאָס הייסט גנבענען, ראבעווען, אונטערצינדען הייזער, שטעכען מענשען, אָבטהאָן אלע רציחות אין דער וועלט. דעריבער איז ביי נאכט געוועהנליך אין דיזען רויבער נעסט רוהיגער און שטילער וויא ביי טאָג. דיא רואינע געפינט זיך עטליכע וויאָרסט פון שטאָדט אמאָל, ביינאכט, איז איינער געגאנגען אויף דעם וועג פון קאָנסטאנטינאָפּאָל צו העבדראמען מיט גרויסע טריט. עס האָט אויסגעזעהן דאָס ער איילט זיך צו קומען אין רואינע וואָס גיכער אויף נאכטלאגער. ער איז געוועזען געקליידט אין א דונקעלען קאפטאן און האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ איין אלטען רויטהען שאל. א שטיק וועיט פון רואינע האָט ער זיך אָבער געמוזט אָבשטעלען. ער האָט דערזעהן אונטער א געדיכטען בוים א שלאָפעדיגען גריכע. דער רייזנדער האָט איהם פערדעכטיגט אז ער איז א רויבער. דער רייזענדער מיט'ן רויטהען שאל האָט זיך אָבגעשטעלט, ניט וויל ער האָט זיך דערשראָקען, נאָר וויל ער האָט געוואָלט בעקאנט ווערען מיט דעם שלאָפעדיגען באנדיט, וועלכען ער האָט גענומען וועקען. יענער איז אָבער געוועזען טויט שכור און האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. ער האָט גענומען נאָכדיינקען צו ער זאָל איהם ווייטער וועקען; אָבער מיט אמאָל האָט זיך געלאָזט הערען א שטימע: האלט איין! לאָז איהם בעסער שלאָפען, ווארום וויא דוא וועקסט איהם אויף, וועט ער דיך טויטען דאָס איז א מערדער! דער רייזענדער איז אויפגעציטערט געוואָרען. ער האָט זיך גענומען ארומקוקען, און האָט דערזעהן אונטער דעמזעלבען בוים א מענשען מיט נאקעטעפיס, נאקעטע ארעמס און מיט א לאנגען שנייא ווייסען באָרד. אויפ'ן האלז זיינען געהאנגען א פולע קליינע קמעות און א פייפעל צום שפּיעלען, לעבען איהם אויפ'ן גראָז זיינען געלעגען אכט גרויסע שלאנגען, וואָס האָבען געהאלטען דיא קעפּ בייאיהם אין שויס.

— ביזט דוא א שלאנגען בעשווערער? — האָט דער רייזענדער איהם געפרעגט.

— וויא דוא זעהסט, — האָט איהם דער אלטער פריינדליך געענטפערט, —

איך בין אבוניעצא, דער עגיפּטישער שלאַנגען בעשווערער. געסטערן האָב איך גע־
האַט דיא עהרע צו לאָזען מיינע שלאַנגען טאַנצען אין סולטאַן'ס הארעם.

— האָט מען דיך דאָרטען גוט בעלאָהנט?

— עס פערשטעהט זיך, — האָט געענטפערט דער אַלטער, — דער גרויס
הערר האָט מיך רייכליך בעשאָנקען, עס איז נאָר צו בעדויערן דאָס דיא בעשענקונג
איז דורכגעגאַנגען דורך צעהן הענד איידער זיא איז דערגאַנגען צו מיר, גייהענדיג
פון איין האַנד אין דיא אַנדערע, איז זיא אַלץ געוואָרען אָבגעשמאָלצען און קלענער,
אַזוי וויא א שטיקעל אייז וואָס געהט דורך עטליכע הענד.

— איז דאָ ניט פאַרביי געריטען א יונגער הערר? — איז וויטער געוועזען
דיא פראַגע פון דעם רייזענדען.

— איך האָב ניט בעמערקט אין דיא צייט וואָס איך בין דאָ אונטער'ן בוים.

— נוא, וועט ער נאָך קומען, ווען ער איז נאָך ביז אהער ניט געקומען.

— און צו וואָס ברויכסט דוא איהם, דיזען יונגען העררן?

— איך וויל איהם אָנבאָטען בעהילפיג צו זיין אויף זיין וועג.

— וואָס קען דאַרפען א רייכער עפענדי דאָ אין רואינע, וואו עס לויפען צוזאַ־
מען דיא נידריגסטע אויסוואורפען פון דער וועלט?

— ער וויל דאָ אויפזוכען זיין געליעבטע, וועלכע איז פערשוואונדען געוואָרען.
פיליכט האָסט דוא איהר אָנגעטראָפען, א שעהנעס מעדכען מיט אייגעם יונגען
קנאבען?

— היער ניט, — האָט געענטפערט דער שלאַנגען בעשווערער, — אָבער אין
סקוטארי האָב איך יא בעגעגענט א מעדכען מיט א קנאבע פון א יאָהר צוועלף....
זיא איז זעהר שעהן און האָט דאַמאָלס אויסגעזעהן וויא צו שראָקען.

— דאָס איז זיא! — האָט פרעהליך אויסגעשריען דער רייזענדער, — איהר
זוכט דאָס דער יונגער עפענדי. ווען איך וועל איהם אליין יעצט ניט ערוואַרטען
זאָלסט דוא עס איהם מעלדען. ער איז זעהר רייך און וועט דיך גוט בעפרידיגען. איך
מוז אוועק געהן אין רואינע: וויא פיעל איז נאָך פון דאַנען אהין?

— עס וועט ניט זיין קיין צוויי טויזענד טריט.

— אַלזאָ, צום ווידערזעהען, גוטער אַלטער, ערפילע מיין פערלאַנג און דוא
וועסט קיין חרטה ניט האָבען....

דיא לעזער פערשטעהן שוין געוויס אַליין, דאָס דיזער רייזענדער מיט'ן רויט־
הען שאַל ארום קאָפּ איז ניט געוועזען קיין אַנדערער וויא דער גריכע לאַצארוס. ער
האָט זיך אונטערגעאיילט צו קומען אין רואינע „העבדאמען", ניט אַזוי צו געפינען
דעם פּרינץ יוססוף, וויא אָנצוטרעפען רעציען. ער איז געוועזען זיכער דאָס זיא גע־

פינט זיך דאָ ווייל דאָס איז געוועזען איין אָרט, וואו עס פלעגען זיך בעהאלטען אלער האנד ענטלאָפענע. איהם האָט זיך געוואָלט איהר אויפזוכען אליין, אָהן דעם פרינץ, גאָר אָהן זיין וויסען, כדי דער פרינץ זאָל איהם ניט שטיין אויפ'ן וועג צווישען זיין ליעבע צו רעציע'ן, אין וועלכע ער איז פון לאנג אָן געוועזען פערליעבט.

ווען לאצארוס איז געקומען אין רואינע „העבדאָמען", איז שוין געווען גוט פינסטער און די איינוואָהנער פון דאָרטען האָבען שוין אָנגעפאנגען צו ריהרען זיך פון די ערטער, די זיינען ארויסגעגאנגען, יענע זיינען אריינגעגאנגען, ווארום צווישען די איינוואָהנער פון דיעזען גאסט הויז זיינען דאָ אזעלכע, וואָס האָבען מורא ביי טאָג פאר איין עין־הרע און טרייבען זייערע פינסטערע געשעפטען אין די גאסען פון קאָנסטאנטינאָפאָל ביי נאכט, און פערקעהרט וויעדער, אזעלכע וואָס א גאנצען טאָג שנאָרען זיי ארום און ביי נאכט קומען זיי אויף נאכטלעגער אהיים, ד. ה. אין רואינע „העבדאמען". דעריבער איז דאָרטען אימער אין אָנפאנג נאכט לעבען די טויערען א גרויסע ענגשאפט פון אריינגעהער און ארויסגעהער. לאצארוס האָט געווארט א רעכטע צייט, ביז עס איז געוואָרען א ביסעל פרייער און ער האָט שוין געוואָלט אריינגעהען אין טיהר, אָבער אין די מינוט האָט ער פון ווייטען בעמערקט דעם פרינץ יוססוף, וועלכער איז געווען אין אייראָפעאישע קליידער און עס איז איהם געווען אונמעגליך צו דערקענען. וויא דער פרינץ האָט איהם דערזעהען האָט ער ביי איהם געפרעגט, צו ער האלט זיך דאָ אימער אויף?

— יא, מיין הערר! — האָט איהם לאצארוס געענטפערט גאנץ קאלט, אזוי וויא ער וואָלט איהם גאָר ניט קענען. דער פרינץ האָט איהםווירקליך ניט דערקענט צוליעב דעם שאל, וואָס ער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ און נאָך מעהר ווייל עס איז געווען פינסטער.

— אזוי, ווען דו ביזט דאָ פון די שטענדיגע געסט, וויל איך דיך וואָס פרעגען.

— פרעגען זיי, מיין הערר, איך בין אייך פערטיג צו דיענען.

— געפינט זיך דאָ ניט א שעהנעס מעדכען פון סקוטארי?

— יא, מיין הערר, איך האָב פיעלע יאָהרען פערלעבט אין סקוטארי. איך קען אלע איינוואָהנער פון דאָרטען און ווער רעדט שוין פון די שעהנע מעדכען. איך קען אפילו די שעהנסטע פון זיי, אלמאנזאר'ס טאָכטער רעציע, ווארום איך בין א צייט יאָהרען געוועזען איהר פאָטער'ס דיענער. אָ, אויב דו מיינסט נאָר איהר, פערשטעה איך שוין, וואָס דו האָסט דיך בעשלאָסען צו קומען אין דיעזע בלאָטע...

דעם פרינץ איז דיעזער אנטוואָרט ניט אזוי געפעלען געוואָרען. „וויא אזוי

וויים ער ווענזען איך זוך?" האָט ער זיך איבערלייגט. נאָר איין מאָל האָט ער אָנ־געפאנגען, האָט ער שוין געמוזט אויספיהרען.

— מען האָט מיר געזאָגט, דאָס זיא געפינט זיך היער מיט א קנאבע? — האָט זיך דער פּרינץ ווידער אָבגערופען צו איהם, — איז דאָס ווירקליך זיא? אָדער דאָס איז איין אנדערע?

— ניין, מייז הערר, מען האָט אייך געגעבען פאלשע נאכריכטען, זיא געפינט זיך ניט היער.

— און דו ביזט ווירקליך געוועזן א דיענער ביי איהר פאָטער?

— זאָ וואהר איך לעב! — האָט לאצארוס געענטפערט, — און עס קריינקט מיר גענוג, וואָס איך בין נאָך יעצט ניט זיין דיענער. צום אומגליק, אָבער, איז אלמאנזאר אליין צייט א פּאָר יאָהר פערשוואונדען געוואָרען. זיין זוהן האָט מען ערמאָרדעט, און פון זיין גאנצע הויז איז געוואָרען א בארג אש... זיין טאָכטער, פערשטעה איך, האָלט זיך אויף אין סקוטארי ביי זייער אלטער דיענערין האניפע.

— קענסט דו דיעזע דיענערין אויך?

— יא, איך קען איהר, און ווען זיי ווילען, קאָן איך אייך אהין בעגלייטען.

— גוט, איך פערלאנג דו זאָלסט מיך אהין בעגלייטען. דו וועסט בעקומען א גוטע בעלאָהנונג.

— דער פּרינץ איז מיט דעם גריכע אוועק פון דאָרטען אין סקוטארי. געהענדיג האָט לאצארוס דערצעהלט דעם פּרינץ, וויא גוט ער האָט געלעבט אין דער צייט וואָס ער איז געוועזן אין דיענסט ביי אלמאנזאר'ן.

— וואָס פיר א גאָלדענע צייט דאָס איז פיר מיר געוועזן, — האָט דער ניעדער־טרעכטיגער ליגנער געזאָגט, — אין הויז איז געוועזן פון אלעם גוטען. ער אליין, ד. ה. אלמאנזאר, האָט גאָר ניט אויסגעזעהען וויא א געוועהנליכער מענש, נאָר וויא איין ענגעל פון הימעל. מיך האָט ער געהאלטען וויא א קינד, איז זיך אימער בעגאנגען מיט מיר וויא א פאָטער!... יא, איך האָב אין איהם פערלאָרען ניט אזוי א גוטען הערר, נאָר א גוטען פאָטער. יא, איך האָב איהם וואָס צו בעדויערן! יעצט געה איך ארום וויא א גאס־הונד... לייד הונגער און האָב קיין אָרט ניט, וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגען...

לאצארוס'עס ליגענס, און זיין בעקאנטשאפט מיט רעציע'ן האָבען אזוי גע־ריהרט דעם פּרינץ און אונטערגעקויפט זיין הארץ, דאָס ער האָט בעשלאָסען ביי זיך איהם אויפצונעהמען אין צאָהל פון זיינע דיענער.

זייער געשפּרעך איז אָבער מיט א מאָל איבערגעהאקט געוואָרען: א פּאָר געזונדע הענד האָבען זיך פּלוצלינג אראָבגעלאָזען פון הינטען, אויף דעם גריכע'ס

שולטערן, און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט א וואָרט אויסצורייַדען, האָבען זיי איהם אוועקגעשלעפּט אין געדיכטען וואלד, וואָס איז געווען האַרט דערביי.

— בלייבען זיי רוהיג, הערר פּרינץ, — האָט צו איהם געזאָגט יענער וואָס איז בעפאלען אויף זיין בעגלייטער, — צו זיי האָט דאָס גאָר ניט, איך מיין נאָר אייער פאלשען און ניעדריגען בעגלייטער.

דער פּרינץ האָט זיך נאַטירליך זעהר דערשראָקען, ער האָט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען, עס איז שוין אָבער ניט געווען צו הערען און צו זעהען פון דעם גריכע און פון דעם וואָס האָט איהם אוועקגעשלעפּט.

אין גרעסטען שרעק, איינער אליין, האָט זיך דער פּרינץ אומגעקעהרט אהיים.

וויא אָבער עס האָט נאָר אָנגעפאנגען צו בעגינען, האָט דיא בלוט־ברויט מיט איהרע בעדואינען ארומגערינגעלט דיא טירקען פון אלע זייטען. דער אנפיהרער פון דיעזער אבטהיילונג איז געווען סאדי. ער האָט ארויסגעלאָזען אויף דיא אראבער אזא פייער, דאָס זייערע רייהען האָבען זיך גענומען איינפאלען און ווערען שיטער. אָבער אזוי וויא זיי זיינען געווען ניט אין ערך מעהר וויא דיא טירקען, זיינען זיי דער פון דאָך ביי זיך ניט אראָבגעפאלען און דעם מוטה ניט פערלאָרען. זיי זיינען ניט צולאָפען פון ערשטען קלאפּ, זיי האָבען זיך מיט לאנגע פּיקעס אריינגעשפּארט און האָבען געשטריטען וויא דיא לייבען. דער שטרייט איז געוואָרען היטציגער און שטארקער פון מינוט צו מינוט. דיא אראבער זיינען געוועזען פיעל מעהר וויא דיא טירקען, און צוליעב דעם האָט אויסגעוויזען דאָס זיי האָבען דיא אויבער האנד איבער דיא טירקען. דיא אראבער זיינען שוין געוועזען אזוי זיכער, דאָס דעם מאָל וועלען זיי איינגעהמען און זיעגען, דאָס דיא בלוט־ברויט האָט קיין פורכט ניט געהאַט זיך צו ריזיקירען און אליין צו שטעלען זיך שטרייטען אין פאָדערסטען צייל פון איהרע סאָלדאטען.

אָבער דער יום־טוב פון דיא אראבער האָט ניט לאנג געדויערט. סאדי האָט געגעבען צו וויסען זיין קאמעראד, דאָס ער נעטהיגט זיך אין הילפע, און צארא איז גלייך אָנגעקומען צו איהם מיט זיינע פרישע סאָלדאטען. פון דער מינוט אָן האָט דער שטרייט בעקומען גאָר איין אנדער כאראקטער. וויא דיא אראבער האָבען דערהערט פון ענטגעגענדיגען זייט א נייע טירקישע טראָמפּעט און קלעפּ פון פרישע הארמאטען, איז אויף זיי ארויף אזא שרעק,דאָס א טהייל פון זיי האָבען זיך געלאָזען טויטען ווי לעמער, א טהייל האָבען אוועקגעוואָרפען דיא געוועהר און זיינען צו לאָפען, און א טהייל וויעדער, האָבען זיך אונטערגעגעבען און דיא טירקען האָבען זיי גענומען געפאנגען. אין דעם צאָהל פון דיא געפאנגענע איז אויך געוועזען דיא בלוט־ברויט אליין, דיא העלדין זאליהא. זיא האָט זיך א צייט געוועהרט מיט סאדי'ן, ווייל זיא האָט בעסער געוואָלט שטארבען אויפ'ן אָרט איידער אריינצופאלען צו דיא טירקען אין דיא הענד א לעבעדיגע.

מען זאָל איהר פיהרען מיט שאנדע אין סטאמבול און טוידטען אויפ'ן עשאפאָט וויא א פערברעכערין; סאדי האָט איהר אָבער ניט פערגונען דיא עהרע צו שטארבען וויא א העלדין אויפ'ן שטרייט, און האָט ניט אנדערש געוואָלט איהר נעהמען א לעבעדיגע. דאָס איז ניט געוועזען אזוי לייכט אויסצופיהרען, אָבער צום סוף האָט זיך איהם דאָך איינגעגעבען איהר צו מאכען א לייכטען וואונד אין האנד, און אראָבצושטויסען פון פערד. מעהר האָט זיא זיך שוין ניט געקענט וועהרען און האָט זיך געמוזט לאָזען פאנגען.

וויא מען האָט געפאנגען דיא בלוט־ברויט, איז שוין געוועזען א סוף פון דיזעם בלוטיגען שטרייט.

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא פריידע, וואָס דיזע נאכריכט האָט געבראכט צווישען דיא טירקישע סאָלדאטען, וועלכע האָבען זיך שוין לאנג געוואָלט אומקערען צו זיך אהיים. אָבער מעהר וויא אלע האָבען זיך געפרייעט דיא אָנפיהרער סאדי־בעי און צארא־בעי.

באלד נאָך דעם שטרייט האָבען דיא טירקען בעגראָבען דיא טוידטע, איינגעבאנדאזשירט דיא פערוואונדעטע און צוטהיילט צווישען זיך דיא גוט'ס וואָס זיי האָבען גערויבט ביי דעם פיינד. זיי האָבען זיך עטוואָס ערקוויקט מיט עסען און טרינקען און זיינען אלע אוועק אין אראבישען לאגער. דאָרטען איז געוועזען שטיל וויא אויף א בית־עולם, קיין לעבעדיגער מענש איז ניט געוועזען צו זעהען און צוהערען. אין איין געצעלט האָבען זיי געפונען א טויטען זאליהא'ס פאָטער, דעם אלטען עמיר, וואָס האָט זיך אליין דערשטאָכען, וויא ער האָט זיך דערוואוסט פון זיין טאָכטער'ס מפלה. סאדי און צארא האָבען איהם געהייסען בעגראָבען מיט עהרע וויא עס פאסט פיר א פירשט. אין א פאָר טעג ארום איז דיא טירקישע ארמעע מיט אלע געפאנגענע, מיט זעהר פיעל רויב, צוריק ארויס אין וועג.

50.

דער נייער ליבלינג.

די סולטאנין וואלידע איז ווידער גוט געוואָרען מיט מאנזור־עפענדי, וויא סיררא האָט איהר געראטהען. דער שייך האָט גלייך בעמערקט, דאָס פון יענער מינוט אָן איז זיא צו איהם פריינדליכער, און ער האָט אָנגעווענדעט אלע מיטעל נאָך מעהר צו שטארקען דיזע פריינדשאפט. אין עטליכע טעג ארום האָט זיא איהם געשיקט זאָגען, דאָס זיא פערלאנגט אין דיא און אין דיא שטונדע צו זעהען זיך מיט איהם אין מאָשעע „איא זאָפיא". אין דיא בעשטימטע שטונדע איז שוין דער שייך געוועזען אין דער בעריהמטען מאָשעע און האָט געווארט אויף דיא סולטאנין, וועלכע האָט זיך גלייך בעוויזען אויף דעם זיילען וועג, וואָס איז געגאנגען פון דער פרויען גאלעריע צום ארויסגאנג. וויא זיא האָט איהם דערזעהען, האָט זיא איהם פריינדליך בעגריסט און געדאנקט

וואָס ער האָט פינקטליך ערפילט איהר וואונש. זיא האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהר טהאָן דיא געפעללינקייט און בעגלייטען איהר א קורצע שטרעקע, ווייל זיא האָט געוואָלט מיט איהם צו שפּרעכען. ער האָט דיעזע איינלאַדונג אָנגענומען מיט דאַנק. וויא זיי זיינען ארויסגעגאַנגען, האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם מיט א ווייכע ליבליכע שטימע:

געוויסע אומשטענדע האָבען אונז אויך א רעכטע צייט געשיידט איינער פון דעם אנדערען. יעצט האָבען זיך דיעזע אומשטענדע געביטען און מיר קענען וויעדער זיין נאָהנטע גוטע פריינד, מיר קענען וויעדער פריי זיך איינטרויען איינער אין דעם אַנ־דערען און בעראַטהען זיך וועגען פילע געגענשטענדע.

עס פרעהט מיך זעהר,—האָט געענטפערט דער שייך־אול־איסלאַם,—דאָס איהר האָט צו מיר צוטרויען. איך פון מיינער זייטע, פערשפּרעכע אייך צו דינען מיט לייב און לעבען!...

, מעהר וויא דאָס פערלאַנג איך ניט,—האָט וואלידע געזאָגט,—איך ברויכע דיין הילף אין דער זאַך פון וואָס איך וויל זיך מיט דיר דורכריידען, ד. ה. דיא ירושה פון טראָהן... מיין איינציגער וואונש, איז מען זאָל ארויסגעבען אנדערע בעסערע געזעטצע איבער דעם,וועער עס האָט רעכט צו ירשן דעם טירקישען טראָהן, בשעת עס שטאַרבט א סולטאַן. דוא ווייסט אזוי גוט וויא איך, און פיללייכט נאָך בעסער וויא איך, דאָס אונזערע יעצטיגע געזעטצע איבער דיעזען געגענשטאַנד האָבען פיעלע חסרונות... איך פערלאַנג דיעזע געזעצע אזוי איברצומאכען, מיין זוהן זאָל קענען פיעל רוהיגער און זיכערער זיטצען אויף זיינעם טראָהן. קורץ גערעדט, איך וויל, דאָס דער יורש פון טיר־קישען טראָהן זאָל אלע מאָל זיין דעם סולטאַן'ס א זוהן, אזוי וויא עס פיהרט זיך אין אלע לענדער פון אייראָפּא. אָבער דאָס איז נאָר מעגליך אויסצופיהרען מיט דיין הילף, וואָרום דוא אליין האָסט רעכט צו ערקלערען דעם געדאַנקען פון אונזערע אלטע געזעטצע...

— אָבער וואָס דוא פערלאַנגסט, מיינע גרויסע סולטאַנין, איז ניט ערקלערען, נאָר אין גאַנצע אָבשאַפען, מבטל זיין אונזערע געזעטצע. אויף דעם האָב איך אויך קיין רעכט ניט. אזוי וויא דוא ווייסט זעלבסט.

— אויב אזוי, אויב עס איז ניט מעגליך אויף אימער מבטל צו זיין דיא אלטע געזעטצע, פערלאַנג איך, מען זאָל זיך אם וועניגסטען איין עצה געבען, דער פּרינץ זאָל קענען נאָך זיין פאָטער'ס טויט ירשן דעם טראָהן.

— גוט — האָט געענטפערט דער שייך,—אָבוואָהל דאָס איז אויך ניט אזוי לייכט צו מאכען. מען מוז זיך גוט בעדיינקען... איך מוז פריהער דורכזעהען אלע געזעטצע, אום צו וויסען, צו דאָס איז מעגליך אָדער ניט...

— דאָס האָב איך שוין פון דיר וויפיעל מאָל געהערט,—האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם,—אלזאָ וואָס פערלאַנגסט דוא פיר דיעזע געפעליגקייט ?

— איך ברויכע קיינע בעלאָהנונג,—האָט דער שייך געענטפערט,—בעהיטע גאָט־פערקעהרט, איך פערלאַנג איך זאָל קענען מעהר זאָרגען און טאָהן פיר אונזער פאָטער לאַנד, וועלכעס איך ליעב אָהן א גרענעץ... איך פערלאַנג צו נעהמען א טהייל אין דער רעגירונג, איך פערלאַנג, איך זאָל זיין יוססוף'ס אָפּעקון, אויב איך וועל אויספיהרען ער זאָל ארויף אויפ'ן טראָהן.

— איך פערשטעה ניט,—האָט זיך אָבגערופען וואַלידע,— דאָס קען דאָך נאָר געשעהען נאָך דעם סולטאַן'ס טויט, און דאַמאָלס וועט דאָך שוין יוססוף קיין אָפּעקון ניט דאַרפען.

— נו, אויב ניט קיין אָפּעקון, וועל איך ביי איהם זיין דער ערשטע געהיימע־ראַטה.

— אלזאָ, פערלאַנגסט דוא צו האָבען גלייכע רעכטע מיט מיר ? האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם מיט גרויס פערדרוס.

— און דאָס איז נאָך אויך פיר מיך וועניג,—האָט דער שייך געזאָגט.

— דאָס הייסט דוא פערלאַנגסט נאָך צו פערנעהמען אין דער רעגירונג א גרעסערע שטעלע וויא מיינע ?

— גאַנץ געוויס־ איך לייד ניט דאָס לעבען מיר זאָל זיין א פערזאָן א גלייכע מיט מיר

— דוא פערלאַנגסט צופיעל, און איך מוז מיך וועגען דעם גענוג בעדיינקען.

וואַלידע האָט פון איהם גענומען אבשיעד און האָט איהם פערשפּראָכען אין קורצען וויעדער זיך מיט איהם צו זעהען. דערווייל איז זיא געוועזען זעהר אונצופריעדען.

— אָ ! פערשטעהע גאַנץ גוט,—האָט זיא געטראַכט גייהענדיג אהיים,—ער וויל אליין הערשען, ער וויל מיט זיין איינציגע האַנד פיהרען דעם רודער פון דער גאַנצען רעגירונג. און וואו בין איך אין דער וועלט ?... איבעריגענס, פון וואַנען וויים ער, דאָס איך וועל איבערלעבען מיין זוהן ?... וויא ווייט עס איז מעגליך, מוז מען מיט איהם דורכקומען, מען מוז איהם נאָכגעבען... אָבער ער זאָל זיין גרעסער וויא איך ?—דאָס ניין, דאָס איז אונמעגליך !...

אין עטליכע טעג ארום נאָך דיזעם געשפּרעך צווישען וואַלידע'ן און דעם שייך, איז ביי דעם פּרינץ מוראַד געשעהען דיא געשיכטע מיט מושיר־עצעט, וועלכער האָט גע־וואָל פערגיפטען מוראַד'ן און איז אָבער אליין געוועזען דיא כפּרה. מוראַד'ן האָט אין דעמזעלבען טאָג צוגעדינט דעוולעטי, וואָס האָט, אזוי וויא מיר ווייסען, פערגיפטעט

זיין גלאָז סאָרבעט. אין אבענד פון יענעם טאָג האָט דער סולטאן מיט האסאן'ען בע־זוכט דיא פראָמענטין אין סאָפטי איבאם'ס הויז.

49.

א סוף פון שטרייט.

וויא סאדי און צארא־בעי האָבען אוועקגעלייגט דיאביידע בלוט־ברויט'ס ברי־דער, האָבען זיי גלייך אָבגעצויגען פון שטרייט־פּלאַטץ, ווייל זיי האָבען מורא געהאט דיא בלוט־ברויט זאָל זיי ניט אָניאָגען מיט גאָר דיא אראבער וואָס זיא האָט צוזאמען גערופען, אזוי וויא דער הירט האָט זיי מיטגעטהיילט.

— פאָר דער האנד איז אפילו גוט, וואָס מיר האָבען אונזער לעבען גערעטעט,— האָט זיך אָבגערופען צארא — איך בין אָבער העכסט אונרוהיג וועגען אונזער גוטען קאָמאנדיר טויש און זיין בעגלייטער נעפאָר. זיי זאמען מיר זיך עטוואָס צו פיעל.... עס איז געוויס ניט אומזיסט..... צו זיי זיינען אָפט ביידע ניט אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא אראבער, וואָס מארשירען אהער ?

— עס איז מעגליך, —האָט סאדי אויף דעם געענטפערט, — אָבער וואָס קאָ־נען מיר דערווייל מאכען געגען אזוי פיל פרישע קרעפטען ? מיר מוזען וואָס צום גיכסטען קומען אין אונזער לאגער. דאָרטען נעהמען אונזערע מענשען און געהן געגען פיינד אזוי וויא אויף א זיכערען בריק, ווארום מיר וועלען איהם געוויס שלאָגען און איינגעהמען.

— אין דעם האָסט דוא רעכט, סאדי, וואָס זאָל מען דאָ ריידען, אין דעם האָסט דוא רעכט.

— אין דעם האָב איך רעכט, — האָט סאדי מיט איין אונצופרידענע מינע ווידער־האָלט, — אין דעם... דוא גיבסט מיר אָנצוהערען, דאָס מעהר ניט וויא אין דעם און ניט אין. איין אנדער זאַך.

— דוא האָסט ריכטיג געטראָפען וואָס איך מיין.

— אין וואָס זשע ברודער צארא, האָב איך ניט רעכט ? איך בין דאָס נייגעריג צו וויסען.

— איך מיין אין דיינער אונגליקליכע ליעבע צו רעציען, — האָט צארא געענטפערט — דערמאָן דיך וואָס דוא האָסט שוין אויסגעליטען פיר איהר, און צוליעב דיר נאָך אנדערע אויך....

— און ווארום איז דיר גראָד איינגעפאלען יעצט מיט מיר צו שפּרעכען וועגען דעם?

— ערשטענס, ווייל אלע דיעזע געפאהרען וואָס מיר פירכטען יעצט, האָבען מיר צו פערדאנקען דיין ליבע צו רעציען. צווייטענס, ווייל איך זעה דאָס דוא בייגנסט אזוי

נאָך איהר, לאָזסט איהר נאָמען ניט ארויס פון מונד און אייל֗סט דיך וואָס גיכער אום־צוקעהרען אין קאָנסטאנטינאָפּעל.

— און וואָס איז פיר איין אונגליק דאָס איך אייל֗ע מיך?

דער אונגליק איז מיין פריינד, דאָס דיעזע ליעבע וועט דיך צו קיין גוטעס ניט ברענגען. און דאָס איז מעהר נאָך צו בעדויערן, וו֗ייל דוא האָסט לייכט געקענט פיעל בעסערעס האָבען. איך האָב מיך ניט לאנג ערקונדיגט, דאָס דיא פּרינצעסין ראָשאנע, דעם סולטאן'ס שוועסטער, איז אין דיך פערליעבט איבער דיא אויערן.... זיא וו֗יל דיך מאכען פאר א פּאשא, זיא זאָל קאָנען מיט דיר הייראטהען.... און דוא, אָנשטאָדט זיך אָנצוחאפּען, צוטרעטסט דו דיין גליק מיט די אייגענע פיס... מיט דער צייט וועסט דו דיך אויסניכטערן פון דיין ליעבע צו רעציען, עס וועט שוין אָבער זיין שפּעט... ווארום דאָס גליק איז וויא א פויגעל: מען מוז עס חאפּען מיט ביידע הענד, ווען ניט פליהט עס גלייך אוועק און קעהרט זיך שוין מעהר ניט אום.

—איך וויים, דאָס זיא ליעבט מיך,—האָט סאדי געענטפערט,—איך וויים אָבער נאָך דער צו, דאָס דיעזע ליעבע איהרע איז הויל פון פערגניגען וועגען, דיא צייט צו פערברייננגען, דאָס זיא איז ניט קיין ערנסטע אויפריכטיגע ליעבע. ראָשאנע וועט מיט מיר קיין מאָל ניט הייראטהען ווארום ווער איז זיא און ווער בין איך? אלזאָ, קען פון אזא ליעבע קיין זאך ניט ארויסקומען.

— פיר וואָס ניט?—האָט זיך אָבגערופען צארא,—איז דען דאָ וועניג ביישפּיעלען פון פאָרנעהמען אריסטאָקראטישע פרויען, וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט יונגע לייט פון דעם נידעריגען אָרימען קלאס? ווער זיינען געוועזן נארא־פּאשא? הא?

— עס איז נאָך אָבער א גרויסע פראגע, צו איך וואָלט זיך מיט זיי געביטען, מיט דיא ביידע פּאשא'ס, ווארום אין דער לעצטען שורה זיינען זיי פאָרט מעהר ניט וויא שקלאפען, נאָר אין גאָלדענע קייטען...

זיי וואָלטען נאָך וועגען דעם גערעדט ווער וויים וויא לאנג, ווען זיי וואָלטען מיט אמאָל ניט דערזעהען פון וו֗ייטען א וואָלקען פון שטויב. זיי האָבען נאטירליך פערשטאַ־נען, דאָס דיא פיינדליכע אראבער רייטען דאָס דאָרטען, און עס איז זיי געוואָרען ענג אין מוח, וואָס זיי זאָלען דאָ טהאָן.

— מיר מוזען זיי מיט אלער מעגליכקייט אויסמיידען,—האָט זיך אָבגערופען צארא,—מיר מוזען אונז נעהמען רעכטס און אפילו אָנלייגען וועג, ווען ניט זיינען מיר פערלאָרען, ווארום וואָס קענען מיר ביידע מאכען מיט א גאנצע ארמעע?

— לײדער אָבער, וועט דאָס אונז וועניג העלפען,—האָט בעמערקט סאדי,—ווארום איך זעהע מיט מיינע שארפע וו֗ייטזיכטיגע אויגען שטויב פון אלע זייטען, ארום־און־ארום. און דאָס איז א בעוויז, דאָס דער פיינד רעכענט אונז צו פערשטעלען דיא וועג

פון אלע זייטען. איז שוין וועגען אויסמיידען ניט דאָ וואָס צו דענקען. דעריבער, קומט ביי מיר אויס, דאָס פיר אונז איז קיין אנדער פּלאן ניט זיך צו רעטען, וויא מיר זאָלען הערונטערגעהן פון דיא פערד, און אוועקלייגען זיך מיט זיי אויף דר'ערד, כדי דער פיינד זאָל אונז ניט בעמערקען ביז ער וועט זיין הארט לעבען אונז, און דאמאָלס, אייַדער דיא אראבער וועלען זיך צונויפציהען ענגער, וועלען מיר געשווינד ארויף אויף דיא פערד און וועלען זיך מיט מאכט און קראפט האסטיג דורכברעכען דורך זייערע שיטערע ראנדען אָדער צייַלען, אזוי וויא א קויל ברעכט דורך א דינעם וועגטל.

צארא האָט איינגעשטימט אויף סאדי'ס פּלאן. זיי זיינען גלייך הערונטער פון דיא פערד, האָבען זיך אויסגעצויגען אויפ'ן זאמד, אונטער א בערגל, פון וואנען זיי האָבען געקענט אויסזעהען דורך וועלכען צייל פון דיא אראבער איז לייכטער פיר זיי זיך דורך צו ברעכען, אָבער זיי אליין, פערדעקט און געשטיצט מיט'ן בערגל, זיינען געבליבען פיר אנדערע אונגעזעהען.

עס איז זיי ניט אויסגעקומען לאנג צוווארטען אויפ'ן פיינד. קוים וואָס זיי האָבען זיך בניידע אנידערגעלייגט, האָבען זיי בעמערקט, וויא דיא אראבער, דיא בלוט־ברויטמיט'ן רויטהען פּאָהן פאָראויס און איהרע סאָלדאָטען נאָך איהר, רייטען פונקט צו דעם אָרט וואו זיי ליגען. דיא אראבער זיינען געוועזען איינגעטהיילט אין קליינע אבטהיילונגען. איין אבטהיילונג איז געוועזען ווייט פון דעם אנדערען אן ערך פון א האלב מייל, וואָס פיר דיא שארפע אראבישע אויגען איז פיעל גלייך וויא פיר אונזערע מענשען א קלאפטער. זיי זיינען געוועזען אויסגעשפּרייט אין א האלב־קרייז, וועלכער איז פון מינוט געוואָרען ענגער און ענגער לויפען איז יעצט פיר אונזערע אָפיצירען געוועזען אונמעגליך, ווייל זיי זיינען געוועזען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. דיא גאנצע זאַך וואָס זיי האָבען געקענט טהאָן, איז געוועזען זיך צו בעהאלטען טיף אין ווייכען זאמד, דער פיינד זאָל זיי ניט בעמערקען. אזוי האָבען זיי ווירקליך געטהאָן. זיי האָבען זיך אליין און זייערע פערד אזוי טיף פערשארט אין ווייכען זאמד, דאָס עס איז אונמעגליך געוועזען צו ערקענען, דאָס דאָרטען לעבען בערגל געפינט זיך ווער עס איז. יעצט האָבען אונזערע אָפיצירען נאָר מורא געהאט, דיא אראבער זאָלען ניט אומגערן ארויפרייטען אויף זיי און צערטרעטען מיט זייערע פערד, צום גליק, האָבען דיא אראבער פארביי געריטען. און דער בערגל איז געבליבען אין מיטען צווישען איין אבטהיילונג און דער אנדערען; קיין רייטער האָט איהם ניט אָנגעריהרט מיט דיא פיס פון זיין פערד, און ווייל עס איז שוין געוועזען פינסטערליך, און דער צו נאָך א גרויסער שטויב, האָט קיינער ניט בעמערקט, דאָס אין זאמד ליגט דאָרטען ווער עס איז.

וויא דער לעצטער אראבישער רייטער איז אריבער, זיינען דיא אָפיצירען מיט די פערד ארויסגעקראָכען פון אונטערן זאמד, האָבען זיך געזעצט רייטען און זיינען

אוועקגעפלויגען אין דיא טויט־שטילע ווישטענייע אזוי וויא אויף פליגעל פון איין אָדלער. אין וועג האָבען זיי אפילו אָנגעטראָפען קליינע אבטהיילונגען פון דיא פיינד־ליכע אראבער, נאָר עס איז זיי ניט שווער געוועזען געגען אזעלכע אבטהיילונגען ביי צו שטעהען. סאדי און צארא זיינען געקומען צוריק אין לאגער מיט'ן טאָג גלייך, וואָרום זיי האָבען פערבלאָנדזעט און זיינען א גאנצע נאכט ארומגעריטען זוכענדיג דיא וועג, זיי זיינען געקומען אין לאגער אָהן קרעפטען און שרעקליך הונגעריג. זיי האָבען געוואָלט נעהמען עטוואָס געניסען, אָבער דאָ האָבען זיי זיך דערוואוסט, דאָס דער קאָמאנדיר כויש מיט זיין בעגלייטער נעפאָר זיינען אריינגעפאלען צו דיא בעדואינער אין דיא הענד, און דאָס האָט זיי שוין פערשלאָגען דעם אפעטיט.

קוים וואָס זיי האָבען, וויא מען זאָגט, אָבגעצויגען דעם אטהעם, האָבען זיי זיך שוין ווידער אָנגעפאנגען צו קלייבען אין וועג צום שטרייט מיט דיא אראבער. אין פערלויף פון איינער שטונדע, איז שוין דיא גאנצע טירקישע ארמעע געוועזען פיקס און פערטיג ארויסצוציהען אין וועג. צארא און סאדי האָבען מיטגעטהיילט זייערע סאָלדאַ־טען, דאָס יעצט וועט דער שטרייט מיט'ן פיינד זיין העכסט א בלוטיגער און פילייכט אויף דער לעצטער. דיא סאָלדאטען זיינען געוועזען העכסט צופרידען און האָבען אלע מיט איין קול פרעהליך אויסגעשריען: אללאה! אללאה! סאדי און צארא זיינען אוועק מיט זייערע סאָלדאטען, יעדער אין א בעזונדערען זייט, אום צו בעפאלען דעם פיינד פון פאָרנט און פון הינטען, אָבער ניט גאנץ ווייט איינער פון דעם אנדערען, אום זיי זאָלען אין א נויטה קענען זיין בעהילפיג איינער דעם אנדערען.

דיא בלוט־ברויט האָט זיך באלד ארומגעזעהען דאָס איהר מיהע צו פאנגען דיאביידע טירקישע אָפיצירען איז אומזיסט. דאָס האָט איהר זעהר געקריינקט; אָבער מעהר פון אלעס איז זיא א פערברענטע געוואָרען, וויא זיא האָט זיך דערוואוסט דעם סוף פון איהרע ברידער. זי האָט געהייסען ברייגען זייערע טויטע קערפּער צו זיך אין לאגער, און זיא מיט אלע איהרע סאָלדאטען האָבען זיי בעוויינט. זיא האָט געשוואָרען ביי דיא טוידטע קערפּער פון איהרע ברידער, דאָס זיא וועט ניט רוהען, ביז וואנען זיא וועט זיך ניט אָברעכענען מיט דיא טירקען אָדער ביז וואנען איהר אייגענער טוידט וועט איהר רוהיג מאכען.

דיא בלוט־ברויט איז באלד מיט אלע איהרע קרעפטען ארויס פון לאגער מיט דעם בעשלוס צו בעפאלען אויף דעם פיינד און ניט איינעם פון דיא טירקען צו לאָזען לעבען. וויא זיא וועט נאָר מאכען א סוף מיט דיא טירקען, וועט זיא זיך נעהמען צו יענע אראבישע פעלקער, וועלכע האָבען זיך ענטזאגט צו מאכען מיט איהר איין האנד געגען דעם סולטאן.וועך עס איז ניט מיט אונז,דער איז געגען אונז.יענע פעלקער ווילען

ניט זיין מיט אונז, זיינען זיי דאָך געגען אונז, און איך וועל מיט זיי האנדלען אזוי וויא מיט געגנער און פיינדע...

דיא טירקישע און דיא אראבישע ארמעע האָבען זיך באלד אָנגעטראָפען, און האָבען זיך אויסגעשטעלט ניט ווייט איינע פון דער אנדערען. דיא טירקישע און דיא אראבישע סאָלדאטען האָבען געברענט מיט אונגעדולד ארויפצופאלען איינע אויף דיא אנדערע און קוים וואָס דיא אָנפיהרער האָבען זיי געקענט אָבהאלטען ביז עס איז געוואָרען טאָג.

אויף מאָרגען האָט זיך האסאן בעוויזען אין דעם סולטאן'ס פאָרצימער. וויא דיא אדיוטאנטען און הויף־לייטע האָבען איהם דערזעהען, זיינען זיי ערשטוינט געוואָרען, זיי האָבען ניט געגלויבט דיא אייגענע אויגען. אלע האָבען איהם שוין געהאלטען פיר געשטאָרבען, וואָרום עס האָט נאָך אין טירקיי ניט געטראָפען, דאָס איין פערמשפּטער פּאָליטישער פערברעכער זאָל בלייבען לעבען אפילו א שטונדע נאָך דעם וויא מען האָט איהם פערמשפּט, און מיט אמאָל איז האסאן דאָ א לעבעדיגער! צו איז ער געקומען צוריק פון יענער וועלט? עס איז געוואָרען צווישען זיי א שושקעריי... קיינער פון זיי האָט ביי זיך קיין מוטה ניט געפונען צו צוגעהן צו איהם, ניט אזוי צו געריסען זיך און שפּרעכען מיט איהם. עס האָט פיר זיי ניט געפּאסט צו האָבען געשעפטען מיט איינעם, אויף וועלכען דער סולטאן האָט געוואָרפען איין אום־חן... זייער וואונדער איז געוואָרען נאָך גרעסער, וויא האסאן איז צוגעגאנגען צום קאמער־הערר און האָט זיך געלאָזט מעלדען צום סולטאן, וועלכער האָט איהם ערלויבט אריינצוגעהן אין קאבינעט פריהער נאָך וויא אלע גרויסע לייט וואָס האָבען שוין לאנג געווארט אין פאָרצימער. וואָס איז דאָס פיר א מעשה? האָבען זיי געפרעגט איינער ביי דעם אנדערען, געשאָקעלט מיט דיא קעפּ, געקוועטשט מיט דיא פּלייצעס. זיי האָבען געבראָכען דיא קעפּ צו טרעפען וואָס דאָס בעדייט, אָבער דעם אמת האָט קיינער ניט געטראָפען.

קוים וואָס האסאן איז אריין אין קאבינעט, האָט דער סולטאן איהם געפרעגט, צו ער האָט געטהאָן וואָס ער האָט איהם בעפאָהלען.

— איך האָב אייער בעפעהל ריכטיג ערפיעלט, — האָט געענטפערט האסאן, — איך קום יעצט פון מוראד'ס פּאלאץ.

— נו, איז דאָס וואהר וואָס דעוולעטי האָט מיר געמעלדעט, דאָס דער פּרינץ מוראד איז אין דיעזער נאכט געשטאָרבען?

— ניין, דעוולעטי האָט זיך ניט ערווארט ביז זיין טויט און האָט זיך מיט זיין מעלדונג צו פיעל געאיילט...

— איך פערשטעה דיך ניט, — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאן, — וואָס הייסט ער האָט זיך ניט ערווארט ביז זיין טויט?

— דאָס הייסט, דעוולעטי האָט געהאט א טעות אין רעכענונג. ער האָט געזעהען, דאָס מוראד איז קראַנק מיט דיא זעלבע קראַנקהייט וואָס מושיר־עצצעט, דיא זעלבע קאָנוואולסיא, דאָס זעלבע ברעכען און איבלען, דעריבער האָט ער אויסגערעכענט דאָס מוראד איז געוויס גלייך נאָך זיין אוועקגעהן געשטאָרבען, אזוי וויא עס איז ביי איהם אין הויז דעמזעלבען טאָג געשטאָרבען מושיר־עצצעט. עס האָט זיך אָבער אזוי ניט אויסגעלאָזען, מוראד איז געזונד געוואָרען. אלזאָ איז דוולעטי'ס בעריכט דוראוים פאַלש.

— וואָס איך הער! האָט זיך אָבגערופען דער סולטאַן,—מושיר־עצצעט איז פלוצ־לונג געשטאָרבען ביי מוראד'ן אין הויז? אין דיא זעלבע נאכט איז דער פרינץ אליין אויך קראַנק געוואָרען? מען האָט דאָס מיר גאָר ניט געמעלדעט ביז אהער! וויא דיא מעשה איז, פרעהט מיך זעהר וואָס מוראד איז געזונד געוואָרען.

דאָס האָט ער נאָר צו פערדאנקען דעם גריכישען הויף־דאָקטאָר, וואָס מען האָט גלייך גערופען צו איהם.

— אלזאָ, זאָל מען דיעזען דאָקטאָר בעלאָהנען מיט טויזענד דוקאטען פון מיין אייגענע קאסע. איך וויל ניט מוראד'ס טוידט, אויך וויל איך ניט דעם טוידט פון זיין ברודער... איך האָב פערשפּראָכען זייער פאָטער פאר זיין טוידט, דאָס איך וועל זיינע קינדער לאָזען לעבען, און איך וויל האַלטען וואָרט.

— פיר א טירקישען סולטאַן, וועלכער איז ניט זיכער מיט'ן טראָהן, כל זמן זיין ברודערס קינדער לעבען, איז דאָס א גענאָדע, וואָס דיא וועלט האָט נאָך ניט געהערט!

—האָט זיך אָבגערופען האסאַן.

— ווען עצצעט איז געשטאָרבען, ווייסט דוא ניט, האסאַן ווען מען האָט בע־שטימט אויף זיין שטעלע?

— ניט קיין אנדערען וויא דענזעלבען דעוולעטי־חיאָס, וואָס האָט אייך גע־בראַכט דיא פאַלשע נאַכריכט פון מאראד'ס טוידט.

— וואָס איז ער פיר א מענש? קענסט דוא איהם?

— איך זעלבסט קען איהם גאַנץ ווייניג,—האָט געענטפערט האסאַן,—איך קען אייך מעהר ניט זאָגען, דאָס מען שפּריכט פון איהם מעהר גוטעס וויא בייזעס.

— גוט,—האָט געזאָגט דער סולטאַן,—דיין אנטוואָרט איז מיר זעהר געפעלען: דוא ווילסט אפילו אויף דיין פיינד קיין בייזעס ניט ריידען, איין מאָל ביזט דוא אין דעם ניט זיכער, דוא ווייסט דאָך געוויס, דאָס דיעזער דעוולעטי איז דיר ניט קיין גוטער פריינד, און דאָך ווילסט דוא אויף איהם קיין ליגען ניט זאָגען. איך נויטהיג מיך אין אזעלכע דינער וויא דוא, איך וויל דיך צו נעהמען פון מיין זוהן צו מיר פיר איין אביומאַנט און סעקרעטאַר!

— האסאן איז פאר דעם סולטאן געפאלען אויף דיא קניע און האָט זיך אָבּ־געדופען:

— אייערע גנאדע איז אָהן א ברעג! וויא א בוים וואָס גיבט זיינע שעהנע פריכטע דער האנד וואָס ווארפט אויף איהם שטיינער, אזוי טהועט איהר פיעל גוטעס מיט דעמזעלבען וואָס האָט געגען אייך פערזינדיגט, וואָס האָט פערפיהרט אייער זוהן צו אזא פערברעכען דאָס איהר האָט כמעט איהם געוואָלט שטראָפען מיט טויט שטראָף

דער סולטאן האָט איהם פריינדליך גערייכט דיא האנד און אויפגעהויבען פון דר'ערד מיט דיעזע ווערטער:

— אזוי בלייבט דאָס, און פון יעצט אָן איז דיר פריי אין אלע צייטען אריינצו־געהן צו מיר אין קאבינעט אָהן מעלדונג. געה אין פרידען.

האסאן איז געוואָרען דעם סולטאן'ס ליבלינג. קיין גרויס וויזיר, קיין בעאמטער האָט נאָך ניט זוכה געווען צו האָבען רעכט אריינצוגעהן צום סולטאן אין קאבינעט אָהן מעלדונג, קיינער האָט נאָך ניט זוכה געווען דער סולטאן זאָל האָבען צו איהם אזא גרויסען צו טרויען וויא ער האָט בעוויזען צו דיזען יונגען אָפיצירעל, מיט וועלכען א פירטעל שטונדע פריהער האָט קיינער ניט געוואָלט א וואָרט אויסריידען. וויא ער איז ארויס פון סולטאן'ס קאבינעט צוריק אין פאָרצימער, דיא זעלבע לייטע וואָס האָבען איהם פריהער אויסגעמיידט וויא א פעסט, וואָס האָבען אויף איהם ניט געוואָלט א בליק טהאָן, האָבען יעצט פריינדליך צו איהם געשמייכעלט, האָבען זיך געחנפה'ט צו איהם, געזאָגט קאָמפּלימענטען, אזוי וויא ער וואָלט געווען גאָר איין אנדערער און ניט דער זעלבער האסאן!

.51

דיא פאלשע בעשטעלונג.

דער וואָס איז ארויפגעפאלען פלוצלינג אויף לאצארוס'ן, וויא ער האָט בע־גלייט דעם פערקליידעטען פרינץ, איז קיין אנדערער ניט געווען וויא דער שלאנגען בעשווערער. דער בעפאל איז געווען אזוי שנעל, מיט אזא האסט און קראפט, דאָס דער גריכע וואָס האָט זיך פיר קיין זאַך ניט געשראָקען, איז געוואָרען צוטומעלט פון דיא קלעפּ וואָס דער אלטער האָט אין איהם אריינגעשאָטען, ווען ער האָט איהם גע־שלעפּט אין וואלד. דער שלאנגען־בעשווערער האָט איהם פערשלעפּט טיעף אין וואלד און האָט איהם דאָרטען אוועקגעוואָרפען צווישען געדיכטע בוימער. לאצארוס האָט ניט געהערט, ניט געזעהען, און האָט קיין כח ניט געהאט צו שרייען. ער איז אזוי אָבגעלעגען ביז בעגינען. וויא ער איז עטוואָס געקומען צו זיך האָט ער זיך גענומען דערמאָהנען וואָס דאָ איז מיט איהם געווען און האָט געטראָפען, דאָס דער מענש וואָס האָט אויף איהם ביי נאכט געמאכט א בעפאל, האָט קיין אנדערער ניט

געקאָנט זיין וויא דער שלאַנגען־בעשווערער, וועלכען ער האָט געטראָפען ניט ווייט פון דער רואינע „העבדאָמען”. ער האָט אָבער ניט פערשטאַנען, וויא אַזוי יענער אַלטער וויסבערדיגער מאַן, האָט איהם געקענט בייקומען? און פיר וואָס האָט ער זיך פריהער מיט איהם גאַנץ פריינדליך בעגאַנגען און האָט געוואַרט צו בעפאַלען אויף איהם ביז ער וועט געהן צוריק?

„געוויס מוז דאָ זיין אַ טעות”, האָט ער זיך געדעכענט, „ער האָט געוויס געמיינט דעם פרינץ וואָס האָט געטראָגען טהייערע גאָלדענע רינגע און האָט גע־האַט אין טאַש ניט ווייניג באַארעס געלד. ער האָט אָבער אין דער פינסטער ניט דער־זעהען און אַנשטאָדט דעם פרינץ איז ער בעפאַלען אויף מיר, און האָט דאַפיר אפילו אַ פעניג ניט בעקומען... רעכט אויף איהם, זאָל ער ווייטער קיין טעות ניט האָבען! אָבער וויא דיא מעשה איז, דאַרף מען זיך מיט איהם אָפרעכענען. ער האָט זיך פעסט בעשלאָסען אויפצוזוכען דעם אַלטען שלאַנגען־בעשווערער און גוט איהם אָנלערנען, ער זאָל ווייטער זיין פאָרזיכטיגער און קיין טעות ניט האָבען צו בעפאַלען אויף איינעם אַנשטאָדט דעם אַנדערן. דערווייליע האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דר'ערד און איז קוים צוגעקראָכען צו אַ ברונעם ניט ווייט פון וואַלד און האָט זיך ערקוויקט מיט פרישע קאַלטע וואַסער. דאָס האָט איהם גאָר מחיה געווען און ער איז געווען אים שטאַנד צו געהן ווייטער אין סקוטאַרי. אין דער היים האָט ער זיך גוט אויסגערוהט און דאַמאָלס איז ער ארויס אין גאַס און האָט גענומען שפּאַצירען אין אַלע ווינ־קעלאך, אין אַלע „געסלאך, אומעטום זוכענדיג רעציע'ן, וועלכע דער שלאַנגען־בע־שווערער האָט געטראָפען אין סקוטאַרי. עס איז אָבער פון איהר ניט געווען ניט צו זעהען, ניט צו הערען. דאַמאָלס איז איהם ארויף אויף'ן געדאַנקען, פיעלייכט האָט מען איהר שוין געפונען אָהן איהם און זיא איז שוין ווידער ארעסטירט? ער איז אוועק זיך ערקונדיגען וועגען דעם אין „קאַדריש”. אין ראַטה'ס קאַבינעט האָט ער געטראָפען מאַנזור־עפענדי, און האָט איהם רעפּאָרטירט פון אַלעם דינג וואָס ער האָט געטהאָן אום אויפצוזוכען דיא ענטלאָפענע ארעסטאַנטין, און וואָס עס האָט זיך מיט איהם פאַסירט און וואָס דער שלאַנגען־בעשווערער האָט איהם געזאָגט.

— איך דאַנקע דיר פון האַרצען, — האָט איהם געזאָגט מאַנזור־עפענדי, — וואָס דו האָסט דיך אַזוי היים גענומען צו דיעזער זאַך און בעמיהעסט דיך פון אונזערטוועגען. דיין טרייהייט צו אונז צווינגט מיך איך זאָל דיר אָנזאָגען דו זאָלסט זיך היטען פאַר קאַדידזע'ס טאָכטער, וועלכע איז פון לעבעדיג געוואָרן און געפינט זיך היטען פאַר קאַדידזע'ס טאָכטער, וועלכע איז לעבעדיג געוואָרען און געפינט זעהר שטאַרק אָנגעקלאָגט... אַזוי וויא דו ווייסט פון לאַנג אָן, האָט מען ביי אונז אַזוי אויך ניט ליעב קיין גריכען. עס איז דעריבער לייכט צו פערשטעהן, דאָס ביי דער

קלענסטער פערדרעהעניש וועסט דו זיין דיא ערשטע כפרה, און דיין ווירטהין, דיא פרינצעסין ראָשאַנע וועט דיר אויך ניט קאָנען העלפען. זיי דעריבער פאָרזיכטיג און היט דיך פאַר דיעזער פּראָפּעטין...

פון יענעם אבענד אָן וואָס סיררא האָט איהם ניט געפאָלגט און געענטפערט דעם סולטאן גאָר ניט דאָס וואָס ער האָט איהר אונטערגעזאָגט, איז מאנזור־עפענדי געווען אויף איהר מלא ־רציחה. ער האָט געוואָלט פון איהר וויא עס איז פּטור ווערען, ווייל זיא איז שוין פיר איהם געוואָרען געפעהרליך, עס האָט אָבער פיהל איהם ניט געלוינט ארויסצוטרעטען געגען איהר אָפען און ער האָט געוואָלט איין אנדערער זאָל מאכען מיט איהר א סוף און קיינער זאָל ניט מיינען דאָס ער האָט אין דעם א טהייל. דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען אויפצוהעטצען אויף איהר דעם אויסוואורף לאצארוס, וואָס קיין רציחה, קיין מערדעריי איז איהם ניט צו שוועה געווען.

— יא, — האָט מאנזור־עפענדי צו איהם ווייטער געזאָגט, — יא, זיא האָט דיך שטארק אָנגעקלאָגט, זיא האָט דיך פאָרגעשטעלט פאר דער רעגיערונג פיר א גרויסען פערברעכער, וואָס האָט אָבגעטהאָן אויף זיין לעבען אלעם בייזעס. זיא איז דאמאָלס געווען זעהר מיעד, דעריבער, האָט מען אָבגעלייגט אויף איין אנדערס מאָל, זיא זאָל אויסרעכענען אלע דיינע שרעקליכע פערברעכען. אלזאָ, איז נאָך דערווייליע דאָ צייט צו פערהיטען עס זאָל ניט קומען דערצו, ווארום זיא קאָן אויפ־געבען א פולע זאכען וועגען דיר...

— איך פערשטעה דאָס גאנץ גוט, — האָט געענטפערט לאצארוס, — ווארום זיא האָט פאר וואָס אויף מיר צו זיין שטארק אין כעס... אָבער, ווען עס איז נאָך ווירקליך מעגליך עס צו פערהיטען, ווארום טהוט דאָס ניט אייערע הייליגקייט זעלבסט ? פיר אייך וואָלט דאָס געווען לייכטער וויא פיר אלע, ווארום סיררא שטעהט דאָך אונטער אייער שוטץ. מיט איין וואָרט קאָנט איהר מאכען זיא זאָל שווייגען.

— איך קאָן זיך אין דעם ניט אריינמישען... פּיעלייכט נעהמט זיא פּלוידערן, קאָן מיין עהרע דערפון ליידען... אלזאָ, מוזט דו דיך זעלבסט פערהיטען...

— גוט, — האָט זיך אָבגערופען לאאצרוס, — אָבער וואָס זאָל איך מאכען מיט איהר ? איך בין ניט מעהר וויא א מענש, בלוט און פלייש, און זיא איז א גייסט, א הימלישע בעשעפעניס ?...

— דו האָסט אָבער א טעות, — האָט ער איהם געענטפערט, — זיא איז א מענש וויא אלע... יעצט ווייסט מען שוין, דאָס זיא איז פון דר'ערד אליין ניט ארויסגעגאנגען, נאָר מענשען האָבען איהר ארויסגענומען, ווייל זיי האָבען גע־

וואוסט, דאָס דו האָסט איהר ארייננעלייגט אין קבר א לעבעדיגע. וויא איך ווייס, האָט זיא בדעה אין א פּאָר טעג ארום צו געבען א גאנצען בעריכט פון אלע דיינע זינד. מען וועט שיקען צו איהר דעם קאדי, ער זאָל אויסהערען אלע פונקטען וואָס זיא האָט אויף דיר אויפצואווייזען. זיא זאָגט, דאָס דו האָסט אונטערגעצונדען סאדי־בעי׳ס הויז, דאָס איז איינס. ווידער זאָגט זיא, דאָס קיין אנדערער וויא דו, איז ניט שולדיג אין דעם טוידט פון אלמאנזאר׳ס זוהן, רעציע׳ס ברודער!...

וויא לאצארוס האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען שווארץ וויא דיא ערד.

— איך האָב נאָר געטהאָן דאָס וואָס איהר האָט מיר בעפאָהלען, דעריבער דארפט איהר ענטפערן פיר דאָס, אָבער ניט איך!

— וואָס שפּריכסט דו טרפה׳נע מויל? — האָט זיך אָנגעכאפּט דער שייך וויא א פייער, — איך האָב דיר עס בעפאָהלען? אויב דיין לעבען איז דיר ליעב זאָלסט דו האַלטען מויל!...

— איך ביטע אום פערצייהונג, — האָט זיך אָבגערופען דער גריכע מיט גרויס פורכט.

— ווידער וויל זיא דיך אָנקלאָגען, — האָט דער שייך ווייטער געזאָגט, — דאָס דו האָסט איהר אליין אויך געוואָלט טוידטען, כדי זיא זאָל ניט אויסזאָגען דיינע ערשטע צוויי פערברעכען.

— נו, אויב אזוי מוז איך שוין זעהען, זיא זאָל אליין אוועקגעהן פון סאָפּטי׳ס הויז, און דאמאָלס וועל איך איהר שוין אָהן א שום ליארם בריינגען אהער אין רואינע. איך פערלאַנג נאָר אייער ערלויבניס.

— כדי דו זאָלסט נאָך דעם קאָנען ארויפוואַרפען דעם בלבול אויף מיר? איך זאָג דיר ניט ניין, ניט יא... געה און האַלט מויל!...

לאצארוס איז ארויס פון ראטה׳ס קאבינעט זעהר בעזאָרגט איבער דעם געפאהר וואָס שטעהט איהם פאָר. דער אונגליק איז געווען וואָס ער האָט געהאט אזוי ווענינ צייט עטוואָס אויסצופיהרען. ער האָט זיך לאַנג איבערלייגט, וואָס ער זאָל טהאָן, און עס איז ביי איהם געבליעבען ער זאָל געהן אין סקוטארי און אויפזוכען האניפע׳ן, רעציע׳ס אמאָליגע דיענערין. ווען ער איז געקומען אין סקוטארי איז שוין געווען שפּעט אין דער נאכט. האניפע האָט שוין געשלאָפען, נאָר וויא ער האָט צו איהר אָנגעקלאפּט, האָט זיך געעפענט א פאָרטקע פון איין אויבערשטען פענסטער און א ווייבליכע שטימע האָט איהם געפרעגט, וואָס ער פערלאַנגט.

— ביזט דו דאָס האניפע?

דיא שטימע האָט געענטפערט: „יא, איך בין עס“.

— איך בין געשיקט פון דעם פּרינץ יוססוף און האסאן־בעי, דיא בעפרייער פון רעציע׳ן. זיי האָבען מיר בעפאָהלען איך זאָל דיר זאָגען, דאָס אויב רעציע מיט דעם קליינעם סאלאדין געפינען זיך ווירקליך ביי דיר אין הויז זאָל קיינער דערפון ניט וויסען און דו זאָלסט זיי ביידען גוט היטען, ווייל מען זוכט זיי ביידען זעהר שטרענג אין אלע ווינקעלאך.

— איך האָב זיי אפילו ביז אהער אויך גוט געהיט, — האָט האניפע געענט־פערט, — זיי זיינען ביי מיר גאנץ זיכער; זיי ווייזען זיך ניט ארויס אויף דיא ווייסע וועלט, און איך האָב אויפגעהערט צו האנדלען מיט דיא ארומיגע שכנים, כדי קיינער זאָל צו מיר ניט אריינקומען. אָבער, וויא דיא מעשה איז, בעט איך דיר דו זאָלסט דעם פּרינץ און האסאן׳ען דאנקען, אין מיין נאָמען און אין רעציע׳ס נאָמען, פיר דעם וואָס זיי זאָרגען וועגען איהר און האָבען זיך בעמיהט איהר צו פערהיטען פון געפאהר איבער־א־נייעם ארעסטירט צו ווערען.

— ווייטער, — האָט זיך אָבגערופען לאצארוס, — אזוי וויא דו ביזט רעציע׳ס א גוטער פריינד, זאָלסט דו גלייך אוועקגעהען ניט קוקענדיג וואָס עס איז שוין שפּעט צו סירראָ׳ן אין סאָפּטי איבאס׳ס הויז, און זאָגען איהר, זיא זאָל דיא זעלבע מינוט געהן הינטער דעם טויער פון פאָרשטאָדט סקוטארי, לעבען דיא בערגלאך, דאָרטען וואַרט אויף איהר דעם פּרינץ׳ס א פערמאכטער וואָגען, וואָס וועט איהר אָבפיהרען צום פּרינץ אין פּאלאץ. דאָרטען וועט זיא זיך שוין אלסדינג דערוויסען. זיא וועט דאָרטען טרעפען האסאן־בעי און מיט דער צייט וועלען אויך קומען אהין רעציע און דער קליינער סאלאדין. איך שטעל מיר פאָר דיא פרייד פון זיי אלעמען וויא זיי וועלען זיך דאָרטען מיט א מאָל דערזעהען... נו, וואָס זאָגסט דו? קאָנסט דו גלייך געהן צו סירראָ׳ן?

— עס איז שוין אפילו גאנץ שפּעט, אָבער צוליעב רעציע׳ן וועל איך דאָס טהאָן. צו סירראָ׳ן קאָן איך פריי צוקומען אין אלע צייטען, איך געה צו איהר טאָג טעגליך, איך קויף איהר איין וואָס זיא בעדארף, מאַך איהר צורעכט דיא בעט... יא, איך געה גלייך אהין.

— אלזאָ, קאָן זיך שוין דער פּרינץ אויף דיר פערלאָזען?

— גאנץ געוויס, ווען איך זאָג: יא, איז דאָס ביי מיר הייליג.

לאצארוס איז אוועק העכסט צופרידען. ער האָט אויסגעפיהרט נאָך מעהר וויא ער האָט זיך אליין געוואונשען. ער וועט גלייך ניט אזוי פּטור ווערען פון סירראָ׳ן נאָר ער וועט נאָך האָבען איבער־א־נייעס אין דיא הענט רעציע׳ן און דעם קליינעם פּרינץ. מיט איין קלאַפּ האָט ער געטוידטעט צוויי האָזען! אויף אזא גליק האָט ער זיך אליין ניט גערעכט.

לאַצארום איז ווייט ניט אוועק פון האניפע'ס וואָהנונג. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אונטער א טויער און האָט געווארט ביז האניפע וועט פארבייגעהן. וויא זיא איז פארבייגעגאנגען, האָט ער זיך גלייך אומגעקעהרט צו איהר אין הויז אום אויפצוזוכען און מיט געוואלד אוועקפיהרען פון דאָרטען רעציע'ן צוזאמען מיט דעם קליינעם סאלאדין. עס איז איהם ניט שווער געווען צו עפענען דיא אלטע טיהר וואָס האָט זיך קוים געהאלטען און אריינצוגעהן אין וואָהנונג. עס האָט קיין צוויי מינוט ניט גדויערט וויא ער האָט אויפגעזוכט דעם צימערל וואו עס האָבען געשלאָפען דיא פערזאָנען, וועלכע ער האָט בעדארפט. צום אומגליק אָבער, איז דיעזער צימערל געווען פערשלאָסען מיט א נייע שטארקע טיהר, און עס האָט גדויערט א צייט איידער ער האָט איהר געקענט אויפמאכען. פון דיא קלעפ און ליארם האָבען זיך רעציע און סאלאדין אויפגעכאפט. וויא רעציע האָט דערזעהען, דאָס זיא איז אין געפאהר, האָט זיא געעפענט א פענסטער פון איהר צימערל, וואָס איז ארויסגעקומען אין גאס, האָט אָנגעבונדען א שטריק־לייטער, וואָס עס איז ביי איהר אימער געווען אָנגעגרייט צו קאָפען (ווייל זיא האָט זיך ניט געהאלטען גאָר זיכער ביי האניפע'ן) און האָט זיך מיט סאלאדינען אראָבגעלאָזען אין גאס און ענטלאָפען. איהר שרעק איז געווען נאָך מעהר, וויא זיא האָט דערקענט לאַצארוס'עס שטימע. דאמאָלס האָט זיא נאָך שטארקער גענומען לויפען. לאַצארוס, וואָס האָט איהר ניט אנדערש נור געוואָלט האפען, האָט זיך אויך גענומען אראָבלאָזען דורך'ן פענסטער, אָבער ער איז געווען צו שווער און וויא ער האָט זיך געשטעלט אויף'ן שטריק־לייטער, האָט ער גלייך אונטער איהם געפלאצט און ער איז אראָבגעפאלען אויף דר'ערד און האָט זיך גוט צושלאָגען. אין דער צייט וואָס ער איז געלעגען א צושלאָגענער אויף דר'ערד, האָט רעציע געקאָנט ווייט איינלויפען.

52.

סאדי־פאשא!

— און דו זאָגסט, דאָס דיאביידע אָפיצירען זיינען שוין דאָ צוריק פון דער ווישטעניי? — האָט געפרעגט דער סולטאן ביי זיין נייעם אדיוטאנט האסאן.

— היינט פריה זיינען אָנגעקומען אין האפען דיא שיפען מיט דיא מיליטער, האָט געענטפערט האסאן, — זיי האָבען מיטגעבראכט פיעל רויב, פיעלע געפאנגענע און דיא בלוט־ברויט זעלבסט איז אויך דאָ צווישען דיא געפאנגענע!

— איך דענק מיינע קריעגער קייזערליך צו בעלאָהנען, — האָט געזאָגט דער סולטאן, זיי האָבען דאָס פערדיענט. איך האָב ניט געהאָפט דאָס דיעזער שטרייט וועט אזוי געשווינד נעהמען א סוף.

— מעהר וויא אלע האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דיעזען שטרייט סאדי און

צארא, — האט זיך אבגערופען האסאן, — זייביידע האבען געוויזען וואונדער.

— מיר שיינט, דאס זיי ביידע זיינען דיינע פריינדע, — האט דער סולטאן בעמערקט.

— דאס איז פיעל גלייך, צו זיינען זיי מיינע פריינדע צו נייו, — האט גע־ענטפערט האסאן, — ווען זיי וואלטען ניט פערדיענט געריהמט צו ווערען, וואלט איך וועגען זיי א ווארט ניט גערעדט. צום גליק אבער האבען מיינע פריינדע עהרליך פערדיענט אייערע מאיעסטעט זאל זייער וואונש ערפילען.

— אין וואס בעשטעהט זייער וואונש? וואס פערלאנגען זיי?

— זיי פערלאנגען איהר זאלט זיי ערלויבען אריינצוציהען מיט פאראד דורך דיא טויערן פון קאנסטאנטינאפאל.

— דאס האבען זיי געוויס פערדיענט, — האט געענטפערט דער סולטאן, — איך וועל אליין קוקען אויף דיעזען פאראד דורך מיין פענסטער.

— אין דיעזען אויגענבליק האט מען געמעלדעט דעם סולטאן, דאס דיא פרינצעסין ראשאנע פערלאנגט אריינצוגעהן צו איהם אין קאבינעט. דער סולטאן האט איהר געהייסען אריינבעטען. האסאן איז פערבליבען.

— עס פרעהט מיך דיך צו זעהן, — האט זיך אבגערופען דער סולטאן צו זיין פלימעניצע, — נאר איין זאך פערדריסט מיר ווען איך זעה דיך: איך דער־מאהן מיך, דאס דו האסט נאך ביז אהער ניט געפונען דיין בעשערטען; דו קלייבסט צו פיעל, מיין שוועסטער, דאס טויג ניט, ווארום מען קאן אזוי לייכט פערזעסען ווערען ביז גרויע האאר.

— איך דאנק אייך פון הארצען, — האט געענטפערט ראשאנע — וואס אייערע מאיעסטעט קימערט אייך וועגען מיר. אבער, וואס קאן איך מאכען, ביז אהער האב איך נאך ניט בעגעגענט קיין מאנספערזאן, וואס זאל זיין ווירדיג, איך זאל מיט איהם הייראטהען.

— דאס וויזט נאר דאס דו פערלאנגסט צופיעל, און דאס דארף קיין פרויענ־צימער זיך ניט ערלויבען, זיא מעג זיך זיין דיא גרעסטע יחסנ'טע אין דער וועלט, ווארום באלד וויא זיא הערט אויף צו בליהען, פערגעסט מען זיך אן איהר.

— אונז, פרויענצימער, איז ווירקליך ניט דא וואס מקנא צו זיין, — האט גע־ענטפערט ראשאנע, — אפילו אין אייראפא, וואו דיא פרויענצימער זיינען זעהר געאכטעט, ווערען זיי גערעכענט פיר גאר ניט כל זמן זיי זיינען ניט פערהייראטהעט. דאך קענען זיי דארטען אויך ניט הייראטהען מיט אזעלכען וואס זיי זיינען ניט זיכער צו ער ליעבט זיי מיט'ן גאנצען הארצען, אבוואהל זיי ווייסען גאנץ גוט, דאס נאך דער חתונה וועלען שוין זייערע מענער זא וויא זא ק'ין אנדערע פרויען ניט נעהמען.

ווען עס איז אזוי אין אייראָפּא, וואָס זאָלען מיר שוין ריידען, וואָס ביי אונז קאָנען דיא מענער האָבען פרויען, אָדאליסקען וויפיעל זיי ווילען. קאָן איך הייראטהען זאָ לאנג איך בין ניט זיכער דאָס מיין מאן וועט מיך אויפריכטיג ליעבען? איך זאָל וויסען דאָס מיין מאן ליעבט אויסער מיר נאָך א פרוי, איין אָדאליסקע אָדער מיינע א דיענערין, (וויא עס טרעפט ביי אונז אין טירקיי גאנץ אָפט). דאָס וואָלט איך ניט געקאָנט איבערטראָגען!... צום אומגליק אָבער, האָב איך נאָך ביז אהער ניט באגעגענט אזא מאנספּערזאָן, וואָס איך זאָל זיין איבערציייגט אין זיין ליעבע, וויא איך פערשטעה ליעבע, און דעריבער וויל איך בעסער בלייבען אונפערהייראטהעט.

— וויא דו זאָגסט, טהייערע ראָשאנע, האָסט דו בעדארפט געבאָרען ווערען אין וויען, אין פּאריז און דאָרטען זיך פערהייראטהען. אם וועניגסטען, האָסט דו בע־דארפט זיין א כריסטין און הייראטהען מיט וועמען עס געפעלט דיר... דאמאָלס וואָלסט דו שוין געווען זיכער, דאָס דיין מאַן'ס הארץ געהערט נאָר צו דיר אליין.

— ניין, טהייערער אָנקעל, אין אייראָפּא וויל איך ניט לעבען, קיין כריסטין וויל איך אויך ניט זיין. מיט וועמען צו הייראטהען, האָב איך נאָך דערווייל ניט. איך האָב א בעקאנטען יונגען מענשען, וואָס האָט ביי מיר חן שוין פון א צייט, און איך בין דאָס יעצט געקומען עטוואָס בעטען פיר איהם...

— נו, נו, לאָז מיך הערען, ווער איז יענער גליקליכער, איך וויל וויסען דיין געשמאק, דו ביזט דאָך אזא'ן אויסטראכטערין, אזא קלייבערין.

— איך ברויך ניט צו מאכען פון דעם א געהיימניס, טהייערער פעטער, איך האָב זיך ניט וואָס צו שעהמען. דיעזער יונגער מאן איז סאדי, דער זעלבער וואָס האָט איינגענומען דיא שטרייט און האָט געבראכט געפאנגען דיא בלוט־ברויט זעלבסט. ער וועט איהר פאר דיינע פיס לייגען. ער איז ווערטה דיא גנאדע וואָס דו וועסט איהם ציינגען צוליעב מיר. ער איז בראוו און עהרליך, זיין הארץ איז אזוי עדעל וויא זיין מוטה איז גרויס. . .

— גוט, טהייערע ראָשאנע, דו בעטסט פיר איינעם, וואָס איך האָב אליין אויך ברעה צו בעלאָהנען, ער געפעלט מיר שוין פון לאנג אָן. נו, מיט וואָס פערלאנגסט דו איך זאָל איהם בעלאָהנען? בעט נאָר ניט א זאַך וואָס איז געגען אונזערע געזעצע, און איך וועל דיר אלעס טהאָן.

— ביי מיר קומט אויס, — האָט ראָשאנע געזאָגט, — דאָס ער איז ווערטה צו זיין א פּאשא!

— זעהר גוט, — האָט דער סולטאן געענטפערט, — ער וועט זיין א פּאשא. עס איז ניט טהייער דערמיט צוויי הערצער גליקליך צו מאכען.

— איך פערלאנג נאָך דערצו איין אָרדען אויך.

— אויך גוט, — האָט געשמייכעלט דער סולטאן, — און ער וועט דאָס בעקומען פון דיין האנד, נאָר דיא ביידע הערצער זאָלען גליקליך זיין! מעהר וועט ער געוויס בעלאָהנט ווערען פון דיר אליין, פון מיר אָבער איז שוין גענוג...

— יעצט קאָן איך זיין צופריעדען, האָט געענטפערט דיא פערליעבטע פרינצעסין, — דאָס איז דיא שעהנסטע שטונדע אין מיין לעבען. דיעזער מענש געפעהלט מיר זעהר, און דערצו בין איך מחויב איהם צו טהאָן א טובה, ווארום ער האָט מיר גערעטעט מיין לעבען.

— איך ווייס עס, — האָט דער סולטאן געזאָגט, — איך וועל איהם בעלאָהנען אויף'ן גרויסען באל, וואָס וועט אין קורצען זיין ביי מיר אין פאלאַץ, פאר אלעם אין דיא אויגען, אלע זאָלען זעהען דאָס איך פערשטעה מעהר צו בעלאָהנען וויא צו בעשטראָפען. דערוויל אדיע!

מיט א טאָג פריהער פאר דעם גרויסען באל, וואָס דער סולטאן האָט געמאכט ביי זיך אין פאלאַץ פון שמחה, וואָס ער האָט איינגענומען זיינע פיינדע, איז פאָרגעקומען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל דער טריאומף־צוג פון דיא טירקישע מיליטער אין שטאָדט אריין.

— אלע שיפען וואָס האָבען זיך דאמאָלס געפונען אין האפען, סיי מיליטערישע, סיי קויפמאנישע, זיינען געווען אויפגעפוצט מיט פאָהנען, דיא גאסען זיינען געווען ריינער וויא געוועהנליך. אלע הייזער זיינען געווען בעהאנגען מיט בלומען־קראנצען. אויף דיא פלאכע דעכער אין דיא גאלרייען האָבען זיך געפונען טויזענדע פערשלייערטע פרויען. אין דיא גאסען זיינען פון ביידע זייטען געווען אויסגעשטעלט געדיכטע ציילען פון מענשען, וועלכע האָבען זיך דערצעהלט איינער דעם אנדערן דיא גבורות און דיא וואונדער וואָס סאדי און צארא האָבען ארויסגעוויזען אין דעם שטרייט מיט דיא בעדואינער. אומעטום זיינען געשטאנען אויפגעפוצטע זשאנדארמען וועלכע האָבען זיך בעמיהט איינצוהאלטען אָרדנונג, וויא ווייט דאָס איז מעגליך געווען צווישען אזא'ן ענגשאפט, אזא'ן איינגעלויף פון אלערהאנד מענשען. אום צוועלף אוהר האָבען זיך געלאָזט הערען הונדערטע הארמאטען קלעפ פון א הויכע באטאריע. דאָס איז געווען א סיגנאל, דאָס דער פאראד פאנגט זיך אָן.

פאָראויס זיינען געגאנגען זעהר פיעל מיליטער: אינפאנטעריע, קאוואלעריע, ארטילעריע, אלע מיט מוזיק. דערנאָך האָט מען געפיהרט דיא געפאנגענע בעדואינער, מיט אלעם וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען: פאָהנען, וואפען, טייערע געצעלטען און דאָס גלייכען. צום לעצטען האָט מען געפיהרט רייטענדיג אויף א פערד דיא בלוט־ברויט געשמידט אין קייטען; פון ביידע זייטען האָבען איהר בעגלייט צוויי רייטער, וועלכע זיינען קיין אנדערע ניט געווען וויא דיא העלדען סאדי און צארא. עס איז

געוועזן פערטויבט צו ווערען פון דיא קולות: אלאה! אלאה! עס לעבע סאדי! עס לעבע צארא! דאמען האָבען זיי געפּאַכט מיט ווייסע טאשען טיכער און האָבען זיי פערוואָרפען מיט בלומען. נאָך דעם זיינען וויעדער נעגאנגען מיליטער, מיט מוזיק, טראָמפּעטען און פויקען. דאָס זיינען געווען דיא טירקישע רעגימענטען, וואָס זיינען געקומען צוריק פון דער אראבישער וויסטעניי, וואו זיי האָבען וויא העלדען געשטריטען און איינגענומען דעם פיינד. דער גאנצער צוג איז אזוי ארויף אויף דעם פלאץ־פאראד לעבען סעראיל. דאָ האָט מען זיי בעגעגענט מיט נייע הונדערטע הארמאטען־קלעפּ. דער סולטאן אליין האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס דאנק פיר זייער העלדענמוטה און טרייהייט; דער שייך־אול־איסלאם האָט זיי געבענשט און דערנאָך האָט מען פיר זיי אויף'ן פרייען פלאץ געגרייט א טיש.

אויף מאָרגען איז געווען א באל אין סולטאן'ס פאלאץ, אין טראָהן זאאל. אויף דיעזען באל זיינען געווען דיא גרעסטע לייט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, אלע מיניסטאָרען, גרויס וויזירען, אלע פרינצען פון דער קייזערליכער פאמיליע, צווישען זיי איז אויך געווען ראָשאנע און פאָרנעהמע פריוואט מענשען. נאָר אויבען אָן, פונקט נעגען דעם סולטאן, זיינען געזעסען דיא „רעכטע מחותנים פון דער חתונה“, ד. ה. סאדי און צארא. פאר אלעמען אין דיא אויגען האָט דער סולטאן בעלאָהנט כאדי'ן מיט דעם ראנג פון א פאשא, מיט איין אָרדען, און דאָס גלייכען. האָט ער בעלאָהנט מיט איין הויכען אָרדען צארא־בעי, האָט זיי א חוץ דעם בעשאָנקען מיט טהייערע פּרעזענטען, האָט זיי זעהר פיעל געדאנקט און פערשפּראָכען זיין געגאָרע אויף שפּעטער. מיט איינעם וואָרט אונזערעביידע אָפיצירען האָבען זיך ניט געהאט צו בעקלאגען.

דיא בלוט־ברויט האָט מעהר וויא צוויי טעג ניט איבערגעלעבט איהר שאנדע און איהר אומגליק, אויף'ן דריטען טאָג האָט מען איהר געפונען טויט: זיא האָט זיך אליין דערוואָרגען מיט איהר איינענעם שלייער! אָט אזא סוף האָט געהאט דיא גרויסע העלדין פון דער אראבישער וויסטעניי!

53.

וויא פערדיענט, אזוי בעצאָהלט.

דער גרויס וויזיר מאהמוד־פאשא, דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנ־געלעגענהייטען, איז געזעסען ביי זיך אין קאבינעט און געשפּראָכען מיט זיין סעק־רעטאר, מושיר־ראשיד.

— היינט איז אָנגעקומען אין קאנצעליי א קאָנווערט מיט דער מעלדונג, דאָס צארא־בעי איז געוואָרען א „מיליטער יוריסט“ אין דיפּלאָמאטישען קאָרפּוס, — האָט געמעלדעט דער סעקרעטאר.

— א וויכטיגע שטעלע, — האָט זיך אָבגערופען דער גרויס וויזיר, — ער פּאסט אזוי צו איהר, אזוי וויא עס פּאסט פיר א קאלליגראפיסט צו זיין א טראָמפּעטער. ער האָט דאָס צו פערדאנקען דער ענגלענדערין, מיס זארא סטראדפאָרט. זיא שפּיעלט א גרויסע ראָלע צווישען דיא דיפּלאָמאטען. איך האָב מיך גענוג אָנגעהערט פון איהרע אינטריגען אין דער פּאָליטיק. און דאָך איז זיא אין גאנצען פיר מיר א רעטהעניס, א סוד, ווארום איך ווייס ניט נאָך אויף א האָר פון איהרע פערגאנגענע יאָהרען, פון דעם וואָס מיט איהר איז געוועזען פריהער.

— און וואָס קימערט אייך דאָס? — האָט איהם געפרעגט מושיר־ראשיד, — מיר ברויכען נאָר צו וויסען איהר יעצטיגעס לעבען, און וואָס עס איז מיט איהר געוועזען א מאָל, דאָס איז ניט אונזער דאגה.

— איהר יעצטיגעס לעבען געפעלט מיר געוויס ניט... זיא איז, וויא מען זאָגט, — דעם ענגלישען ערשטען מיניסטער'ס א געליעבטע. אָבער ער אליין איז פיר איהר ווייניג... ביי איהר אין הארצען איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ פיר א האלב דוצענד אנדערע ליעבהאָבער, פיר דעם פראנצויזישען געזאנדטען, צום ביישפּיעל...

— און איך רעכען, מיין העררר, — האָט זיך אָבגערופען דער סעקרעטער, — דאָס זיא ליעבט ניט דעם, ניט יענעם. זיא בעשעפטיגט זיך נאָר מיט פּאָליטיק און ניט מיט ליעבע, און וויא מען זאָגט נארט זיא ביידען אָב און בעמיהט זיך גאָר פיר א דריטען. איך קאָן גאָר ניט קלוג ווערען צו וויסען ווער דיעזער דריטער איז, אזוי וויא דער פראנצויזישער געזאנדטער ווייס ניט פון דעם ענגלישען מיניסטער, און דיעזער ווייס ניט פון יענעם.

— וויא עס שיינט, — האָט געזאָגט דער גרויס־וויזירי, — איז זיא א גרויסע און געשיידטע אינטריגאנטקע מיט א גוטען קאָפּ אויף דיא שולטער. אזא שטיקעל וואָלט אונז קאָנען זיין זעהר נוציג, ווען מיר האָבען איהר אויף אונזער זייט, און דאָס איז גאָר לייכט צו מאכען דורך דעם קאָנוועט, וואָס איז היינט צו אונז אָנגעקומען... ווארום זיא איז זעהר גוט מיט דיעזען צארא־בעי, אזוי וויא מיר וויסען ביידע.

— עס קען זיין, — האָט אויף דעם געזאָגט מושיר־ראשיד, — דאָס ער איז שוין ביי אונז אין פּאָרצימער, אום צו בעקומען פון אייער האנד זיין דיפּלאָמאטישען פּאס.

— מען דארף אָבער וויסען, — האָט בעמערקט דער גרויס וויזיר, — צו איז ער גענוג קלוג אויפצונעהמען אלע פעדים פון דער ענגלישען פּאָליטיק און ניט צו זיין וויא א בלינדעס געצייג אין דיא הענד פון דער ענגלישער לידי.

— רוף איהם אריין, אויב ער איז דאָ אין פּאָרצימער, — האָט דער גרויס וויזיר געזאָגט צו זיין סעקרעטאר.

מושיר־ראשיד האָט ווירקליך געטראָפען אין פּאָרצימער צארא־בעי'ן. ער האָט

איהם אריינגעבעטען אין קאבינעט. דער גרויס וויזיר האָט איהם גאנץ העפליך אויפגע־ נומען.

— מען קאָן אויף דיר זאָגען דאָס אלטע שפּריכוואָרט, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהם, — אויף וואָס דוא האסט געהארט, האָסט דוא ערווארט", ווארום צייט איך קען דיך, האָסט דוא אימער געוואָלט אויסבייטען דיין העלדען־שווערד אויף דיא שרייב פעדער.

— יא, דיא וואהרהייט צו זאָגען, — האָט געענטפערט דער נייער דיפּלאָמאט,— בין איך זעהר צופריעדען. איך האָב אימער פערלאנגט צו פערטרעטען א דיפּלאָמא־ טישע שטעלע.

—נוא יעצט איז דיין פערלאנגען ערפילט געוואָרען. עס איז נאָר צו בעדויערן, דאָס אונזער פאָטערלאנד פערליערט א גוטען אָפיציער, א גוטען אנפיהרער, דורך דעם וואָס דואווארפסט אוועק דיא מיליטער־דיענסט און געהסט איבער אויף א דיפּ־ לאָמאטישע דיענסט.

— איך דאנק אייך וואָס איהר אינטערעסירט אייך מיט מיר, — האָט זיך אָבגע־ רופען צארא־בעי, — איך ווינש אויך אימער זיך צו פרייען מיט אייער פריינדשאפט.

— מיר געפעלט זעהר וואָס דו פערשטעהסט צו שעטצען מיין פריינדשאפט,— האָט איהם געענטפערט דער גרויס־וויזיר, — אום דיר צו ווייזען וויא ווייט איך האָב דיך ליעב, וועל איך דיר געבען א ראטה וואָס עס קאָן דיר ברייננען זעהר פיעל נוטצען. זיי וויסען דאָס דיא ענגלענדערין, מיס זארא סטראטפאָרדט, מיט וועלכער דו ביזט שוין פון לאנג אָן בעקאנט, שפּיעלט צווישען דיא אויסלענדישע דיפּלאָמאטען זעהר א גרויסע ראָלע און האָט פיעל צו זאָגען אין דער ענגלישער פּאָליטיק. אלזאָ, קאָנסט דו פון איהר אויספאָרשען אלע איהרע סודות, געהיימניסע, און קאָנסט דורך איהר בעקאנט ווערען מיט דיא איבריגע ענגלישע דיפּלאָמאטען און ווערען איין איינגעהער ביי זיי אין דיא הייזער. דאָס קאָן פיר אונזער פאטערלאנד זיין זעהר נוטצליך... אָבער מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג. וויא איך ווייס, ביזט דו אימער געוועזען פון דיא פאָרזיכטיגסטע.

— איך דאנק אייך זעהר פיר דען גוטען ראטה, — האָט געענטפערט צארא־בעי, — איך וועל איהם געוויס זעהן פאָלגען וויא ווייט עס וועט פיר מיר זיין מעגליך.

— און ווייטער, וועט דיר שוין זאָגען אונזער געזאנדטער אין לאָנדאָן, וויא דו זאָלסט דיך פיהרען, וואָס דו האָסט צו טהאָן, — האָט געזאָגט דער גרויס וויזיר, — זאָג מיר נאָר, ווען רעכענסט דו צו פאָהרען נאָך לאָנדאָן. איך דארף דאָס וויסען אום בעצייטענס פערטיג צו מאכען אלע נעטהיגע פאפּירען.

— פון מיינעטוועגען וואָלט איך שוין געקאָנט פאָהרען, — האָט געענטפערט

צאַראַ־בעי, — נאָר איך מוז איידער איך פאָהר אוועק געהן אויף אַ דועל מיט אַ פּאַלשען יונג וואָס האָט מיך פערראַטהען. איך האָב דאָס נאָך בעדאַרפט טהאָן פריהער איידער איך בין אוועק אויף'ן שטרייט מיט די בעדואינער, נאָר איך האָב דאַמאָלס קיין צייט ניט געהאַט, ווייל איך בין געווען בעפאָהלען וואָס צום גיכסטען צו פאָהרען אין די אַראַבישע וויסטעניי, דעריבער האָבען מיר דאַמאָלס אָבגעלייגט דעם דועל ביז מיין צוריקקעהרען. יעצט בין איך דאָ צוריק, און מיר מוזען מאַכען דערמיט אַ סוף, דאָס קאָן דויערן צוויי, דריי טעג.

— דאָס טהוט מיר לייד, — האָט זיך אָבגערופען דער גרויס וויזיר, — איך ווייס אפילו דאָס דו ביזט אַ גוטער פעכטער און שיסט זעהר גוט, דאָך אָבער קאָן קיינער ניט ערוב זיין דאָס דו וועסט ניט בעקומען אַ וואונד און קאָנסט דורך דעם פערלירען דיין שטעלע. אַלזאָ, איז מיין ראַטה, דו זאָלסט בעסער אויסמיידען דיעזען דועל, וואָס איז אין אַלגעמיין מעהר ניט וויא אַ קינדעריי.

— ניין, מיין הערר, עס איז ניט קיין קינדעריי. איך מוז זיך אָברעכענען מיט אַזאַ שלעכטען מענשען, וואָס דורך זיין פאַלשקייט האָט ער אונז געבראַכט דערצו, דער סולטאַן זאָל אונז דרייען, מיר, סאַדין און האַסאַן'ען פערמשפּט'ן אויף טויט, אַזוי וויא עס איז אייך געוויס בעקאַנט.

— יאָ, ער האָט אייך געוואָלט אַ רעה טהאָן, — האָט בעמערקט דער גרויס־וויזיר, — עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַ טובה. וויא די מעשה איז, פערדיענט דער טויגעניכטס אַ שטרענגע שטראָפע. איך ווינש דיר גליק אין דיעזען דועל און דער־ווייל אַדיע!

צאַראַ־בעי איז געבליבען מיט זיין וויזיט זעהר צופריעדען. פון דאָרטען איז ער אוועק אין בענגלעבעג צו זיין פריינד האַסאַן. ער האָט אויך געטראָפען ביי איהם זייער דריטען פריינד סאַדי. ער האָט זיי ביידען מיטגעטהיילט, דאָס ער פאָהרט אין קורצען אָב אין לאָנדאָן און דאָס ער מוז וואָס גיכער זיך אָברעכענען מיט מאַחמעד־בעי, וואָס האָט זיי אַלע דרייען אריינגענאַרט אין סעררייל און האָט זיי געבראַכט אין לעבענסגעפאַהר. עס איז ביי זיי געבליעבען, האַסאַן זאָל געהן צו מאַחמעד'ן און אָבמאַכען מיט איהם ווען און וואו און מיט וועלכער געוועהר, מיט שווערדען אָדער פּיסטאָלעטן, ער וויל זיך שלאָגען מיט צאַראַ'ן. האַסאַן איז אוועקגעגאַנגען און זיינע קאַמעראַדען זיינען געבליבען וואַרטען איין אַנטוואָרט. האַסאַן האָט זיך געזאַמט מעהר וויא צוויי שטונדען.

סאַדי און צאַראַ זיינען געוואָרען זעהר אין כעס, וויא זיי האָבען דערהערט פון האַסאַן'ס מונד, דאָס מאַחמעד ענטזאַגט זיך אין גאַנצען פון אַ דועל. אין אָנפאַנג האָט ער זיך נאָר געלייקענט און געזאָגט, דאָס ער ווייס נאָר ניט פון וואָס צו זאָגען,

און וויא האסאן האָט איהם אָבער בעוויזען, דאָס קיין אַנדערער וויא ער האָט דאָס זיי ניט געקאָנט אָבטהאָן, האָט ער גלאט געזאָגט, דאָס עס פּאַסט איהם ניט זיך צו שלאָגען אויף א דועל מיט איינעם וואָס איז ניט זיין גלייכען. ווידער האָט ער געזאָגט, דאָס ער וויים געוויס, דאָס ער וועט זיין געגנער ד. ה. צאַראַ'ן טוידטען אויף'ן אָרט, און ער וועט מוזען אנטוואָרטען פיר איהם פאר דעם געריכט, וויל ער דאָס ניט. אזוי האָט זיך מוחאמעד געוואָלט ארויסמאכען מיט תירוצים, ווארום אין אמת'ן האָט ער פשוט מורא געהאט ער זאָל אליין אויף'ן דועל ניט אַנלייגען מיט'ן קאָפּ.

אלע דריי האָבען זיך זעהר בעליידיגט מיט דיעזען אנטוואָרט. מעהר פון אלע איז געוואָרען אויפגעבראכט צאַראַ־בעי און ער האָט זיך בעשלאָסען אָבצוהיטען מוחא־מעד'ן אין א שטילען אָרט און מיט געוואָלט נייטהען איהם ער זאָל זיך מיט איהם שלאָגען אויף א דועל. צאַראַ האָט זיינע קאמעראַדען א וואָרט ניט געזאָגט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיי זאָלען איהם אָבהאלטען פון דיעזען געפעהרליכען פּלאַן, און האָט דעם זעלבען טאָג פון אבענד אָבגעהיט מוחאמעד'ן געהענדיג פון סערייל אהיים, און האָט איהם געצוואונגען ער זאָל זיך מיט איהם שלאָגען. מוחאמעד האָט זיך ניט געקאָנט ארויסדרייהען און האָט ניט ווילענדיג געמוזט אָננעהמען דעם דועל־שטרייט. אזוי וויא דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, ער איז אויף'ן דועל געפעהרליך פערוואונדעט געוואָרען. צאַראַ איז פון דעסטוועגען ניט אנטלאָפען, ער האָט אָבגעפיהרט דעם פערוואונדעטען א היים און געשיקט נאָך דאָקטוירים, פיעלייכט איז נאָך מעגליך איהם צו רעטען. עס איז אָבער אומזיסט געווען דיא מיהע, מוחאמעד־בעי איז אין גיכען געשטאָרבען. אויף'ן ליארם זיינען געקומען צולויפען פיעלע בעאַמטע, אויך מושיר־ראשיד, קיינער פון זיי האָט זיך אָבער ניט אונטערגעשטעלט צאַראַ'ן צו ארעסטירען.

„איך וועל מיך אליין אָנקלאָגען אין פּאָליציי, האָט ער געזאָגט, איך בין ניט שענדליך בעליידיגט און בעטראָגען, אויב איך פערדיען א שטראָפע, וועל איך איהר קיין מערדער, איך האָב זיך געשלאָגען מיט איהם אויף א דועל, ווייל ער האָט אונז גאנץ רוהיג איבערטראָגען און מיין דורכאויס ניט צו ענטלויפען".

54.

געציעלט אויף דעם, געטראָפען יענעם.

איידער לאַצארוס חאָט זיך געקאָנט אויפהייבען פון דר'ערד און אָבציהען דעם אָטהעם, איז שוין רעציע געווען גאנץ ווייט און עס איז שוין אונמעגליך געווען ער זאָל איהר אָניאָגען. עס האָט איהם זעהר פערדראָסען, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, דאָס ער וועט באַלד האָבען אין דיא הענד סירראַ'ן, וואָס איז פיר איהם פיעל וויכטיגער געווען, ווארום זיא איז געווען זיין שלימסטער און געפעהרליכסטער פיינד, וויא דער שיין, און די [illegible] אליין וואָס איהם געזאָגט, דאָס ער וועט אריינארע

סירראַ'ן אין פערמאכטען וואָגען, איז ביי איהם קיין שום ספק ניט געווען, און ער האָט שוין אויסגערעכענט, דאָס וויא ער וועט איהר נאָר האָבען ביי זיך אין דיא הענד, וועט איהר טוידטען און ניט בעגראָבען איהר קערפער. מיט דיעזע געדאנקען איז ער אוועק אויף יענעם זייט טויער פון סקוטארי און האָט זיך בעהאלטען אונטער א געדיכטען בוים און געווארט אויף סירראַ'ן אזוי וויא א הונגעריגער טיגער ווארט אויף א פערבלאָנדזעטע שעפעלע.

דיא אלטע האניפע, וואָס האָט גאָר קיין פאלש ניט געשפירט, איז דערווייל געקומען אין סאָפטי איבאם'ס הויז. עס איז שוין געווען גאנץ שפעט און מען האָט שוין אזוי אויך צו דער פראָפעטין דיא לעצטע צוויי טעג קיינעם ניט צוגעלאָזען. דאניפע'ן האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אוועקגעהן מיט ליידיגען און זיא האָט אָנגעקלאפט אין א פענסטער אין וועלכעם עס האָט זיך געזעהען פייער. וויא דער וועכטער האדשא האָט זיך דערוואוסט, ווער עס קלאפט, האָט ער איהר גלייך אריינגעלאָזען, ווארום דער שייך־אול־איסלאם האָט פערזאָגט, מען זאָל קיינעם ניט אריינלאָזען א חוץ האניפע'ן. דער וועכטער האָט געוואוסט פון פריהער, דאָס האניפע זאמט זיך אָב ביי סירראַ'ן מעהר וויא א שטונדע, ווען זיא קומט צו איהר, דעריבער האָט ער זיך צוגעלייגט שלאָפען און געבעטען האניפע'ן, זיא זאָל איהם ארויסגעהענדיג אויפוועקען, ער זאָל צושליסען דיא טיהר. ער האָט זיך גלייך געלייגט און האָט איינגעשלאָפען און זיא איז אריין צו דער פראָפעטין. סירראַ איז געלעגען איינגעהילט אויף איהר מאטראץ און לעבען איהר האָט געברענט א לאמפ. זיא האָט נאָך ניט געשלאָפען, און האָט זיך זעהר געוואונדערט, וואָס האניפע איז געקומען אזוי שפעט.

— געוויס איז דאָס ניט אומזיסט, — האָט דיא פראָפעטין צו איהר געזאָגט,— ווען דו קומסט אזוי שפעט, און איך בין שוין נייגיעריג צו הערען דיא נאכריכט וואָס דו ברייגסט מיר.

— דו האָסט רעכט, — האָט געענטפערט האניפע, — איך ברייגג דיר א נאכריכט פון צוויי רעציע'ס בעסטע פריינד, פון דעם יונגען פרינץ יוססוף און פון האסאן־בעי. זיי ביידע האָבען מיר אָנגעזאָגט, דאָס איך זאָל דיר מיטטהיילען פון זייערטוועגען, דו זאָלסט גלייך פון דאנען אוועקגעהן צו דיא בערגלאך פון יענער זייט טויער: דאָרטען וועט שוין אויף דיר ווארטען א פערמאכטע קארעטע, וואָס וועט דיך אָבפיהרען אין א בעשטימטען אָרט, וואו דו וועסט דיך שוין דערוויסען פון אלסדינג. וויא עס שיינט ווילען זיי דורך דיר פערזאָרגען רעציע'ן און דעם קליינעם סאלארין, וואָס געפינען זיך יעצט ביי מיר.

וויא סיררא האָט דערהערט רעציע'ס נאָמען, איז זיא גאָר איין אנדערער מענש געוואָרען.

— אזוי ? — האָט זיא זיך אָבגערופען מיט א פרייליכער שטימע, — רעציע און סאלאדין זיינען ביי ד׳יר ? אָ ! פון זייערטוועגען וואָלט איך גערנע ענטלאָפען אפילו פון גן עדן און ניט אזוי פון דיעזען פערפלוכטען אָרט, וואו מען האלט מיך נאָר צוליעב דעם כדי צו בעטריגען גאָט און לייטען. אָ ! איך קען שוין דאָ מעהר ניט זיין אין דיעזען פערהאסטען אָרט. איך האָב שוין דאָ ניט וואָס צו מאכען. איך האָב נאָר בעדארפט ענטדעקען דעם סולטאן זיין טרויעריגע לאגע, און דיעזעס האָב איך שוין געטהאָן ווען ער איז דאָ געוועזן מיט א וויזיט. יעצט איז מיין איינציגער וואונש, פון דאַנען צו ענטלויפען. יעצט זיינען שוין רעציע'ס פיינד ביי מיר אין דיא הענד ; אויב זיי וועלען איהר דאָס מינדעסטע בייז טהאָן, וועל איך שוין וויסען וויא איהר צו שיטצען. איך דארף נאָר פון דאנען אנטלויפען.

— קום, קום, — האָט סיררא צו האניפע'ן ווייטער געזאָגט, — דו הערסט וויא דער וועכטער שנאָרכעט, מיר דארפען קיין מינוט מעהר פערליערען. — גלייך נאָך דעם זיינען זיי ביידע אין דער שטיל ארויסגעגאנגען. וויא זיי זיינען שוין געוועזן אין גאַס, האָט סיררא ווידער אָנגעפאנגען צו שפרעכען :

— וויא באלד רעציע איז ביי דיר, וויל איך אויך מיט אייך וואָהנען, פיעל אָרט ברויך איך ניט ; צוזאמען וועלען מיר אָבער זיין פיעל זיכערער פון אונזערע פיינד.

— און מיר געפעלט דאָס דוקא ניט, — האָט האניפע געענטפערט, — גאָט בעהיט, ווען מען חאפט אונז אלעמען צוזאמען... שפּיאָנען זיינען דאָ גענוג, וואָס שנאָרען ארום וויא הינד און שמעקען אומעטום. וואָס לאָהנט דאָס פיר אונז צו וואָהנען אין איין אָרט, זיי זאָלען אונז לייכטער קאָנען אויסזוכען ?

— האָב קיין זאָרג ניט, — האָט איהר בערוהיגט סיררא, — ווען איך וועל נאָר זיין מיט אייך, וועט איהר שוין זיין געזיכערט פון אלע געפאהרען און פון שפּיאָנען !

— איבעריגענס, וועלען מיר נאָך האָבען צו ריידען וועגען דעם, — האָט האניפע געזאָגט, — דערווייל אָבער, מוזט דו געהן אהין, וואו עס ווארט אויף דיר דיא פערמאכטע קארעטע.

— ניין, האניפע, איידער איך געה אהין, וויל איך אויף א קורצע ווייל ארונטער לויפען אין גאלאטא. מיין וועכטער האָט מיר דערצעהלט, דאָס מיין מוטער איז געשטאָרבען, און וואָס פיר א שלעכטע מוטער זיא איז געווען, בלייבט זיא דאָך אלץ מיין מוטער, וואָס פערדיענט איך זאָל איהר בעוויינען און א ביסעל בעדויערן. פיעל וועל איך מיך ביי איהר אין וואָהנונג ניט זאמען. דערווייל געה דו, האניפע, אוועק אהין און זאָג אָן דעם קוטשער, דאָס איך קום גלייך צוגעהן.

זיי האָבען גענומען איינע פון דער אנדערער אָבשיעד; סיררא איז אוועק־געגאנגען רעכטס, אין גאלאטא, האניפע צום הילצערנעם טויער פון סקוטארי. האניפע איז שוין געווען זעהר אלט, איינגעבויגען, איינגעהילט אין א דיקען שלייער. אין גאס איז געווען פינסטער, דאָס וועטער איז געווען קאלט און רעגענדיג. וויא האניפע איז געקומען נאָהענט פון דעם בעשטימטען אָרט, האָט זיא זיך גענומען ארומקוקען, וואו דער וואָגען וואַרט, מיט א מאָל איז איינער צוגעלאָפען, האָט איהר אנידער־געוואָרפען און דערשטיקט, איידער זיא האָט נאָך צייט געהאט א געשריי צו טהאָן. דער אויסוואורף לאצארוס האָט אין דער פינסטער א טעות געהאט, ער האָט געמיינט, דאָס איז געקומען סיררא, און וויא ער האָט זיך ארומגעזעהען, איז שוין געווען נאָך אלעם: האניפע איז שוין געווען טויד...

סיררא האָט אויך א טעות געהאט, איהר מוטער איז ניט געשטאָרבען, נאָר זיא איז געלעגען טויט־שיכור פון אָפּיום, וואָס האָט זיך מיט איהר געטראָפען גאנץ אָפט. וויא סיררא האָט זיך איבערצייגט, דאָס איהר מוטער לעבט, איז זיא ביי איהר מעהר א מינוט ניט פערבליבען, און איז גלייך ארויס אין גאס מיט דעם געדאנקען צו געהן צום בעשטימטען אָרט אין סקוטארי. וויא זיא איז פארבייגעגאנגען האניפע'ס וואָהנונג, האָט זיך איהר פערוואָלט אריינגעהן א בליק טהאָן וואָס מאכט רעציע. זיא האָט געפונען האניפע'ס וואָהנונג גאָר אָפען, און דאָס איז איהר גלייך ניט געפעלען. עס האָט איהר אָבער אנגענומען א שרעק, וויא זיא איז אריין אין שטוב און האָט אין ערגעץ ניט געפונען ניט רעציע'ן, ניט סאלאדין'ען, ניט האניפע'ן אליין. זיא האָט גלייך פערשטאנען, דאָס די גאנצע מעשה מיט דעם פרינץ און האסאן איז א פאלשע, וואָס לאצארוס האָט אויסגעטראכט, כדי האניפע זאָל אוועקגעהן פון שטוב, און ער וועט קאָנען צוקומען צו רעציע'ן.

— וואוהין זאָל איך מיך יעצט ווענדען? — האָט סיררא געפרעגט ביי זיך אליין. עס איז ביי איהר געבליבען צו געהן אהין וואו זיי האָבען אָבגעמאכט, פיעלייכט וועט זיא נאָך דאָרטען טרעפען האניפע'ן, און וועט זיך פון איהר עטוואָס דערוויסען.

— ווען איך טרעף איהר דאָרטען ווירקליך, — האָט סיררא געטראכט, — וועל איך מיט איהר געהן צו איהר אין וואָהנונג, און וועל אָנפאנגען נאָכצופאָרשען, וואָס דאָ איז געווען פיר א מעשה. אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דאָס האָט ווירקליך אָבגעטהאָן לאצארוס, דאָס ער האָט מיט דיעזען שענדליכען בעטרוג ווידער געפאנגען רעציע'ן אום צופריעדענצושטעלען דעם שייך־אול־איסלאם, וועל איך זיך מיט זיי ביידען אָבּרעכענען.

וויא סיררא איז געקומען ניט ווייט פון דעם בעשטימטען אָרט, וואו זיא האָט גערעכענט צו געפינען דעם פערמאכטען וואָגען און פיעלייכט אויך האניפע'ן,

האָט זיא אָנגעפאנגען מיט אלע קרעפטען איהר צו רופן מיט'ן נאָמען. אָבער קיינער האָט זיך אויף איהר געשריי ניט אָבגערופען. אויך איז אין ערגעץ ניט געווען צו זעהן א פערמאכטע קארעטע. זיא איז אזוי לאנג געגאנגען און געזוכט, ביז וואנן זיא האָט ארויפגעטראָטען מיט דיא פיס אויף א טוידטען קערפער. סירהא איז אויפגעצייטערט געוואָרען, אָבער שטעלט אייך פאָר איהר שרעק, ווען זיא האָט דערקענט אין טוידטען קערפּער דיא אומגליקליכע האניפע!

סירהא האָט אָנגעפאנגען שרעקליך צו וויינען און צו שרייען. פון איהרע קולות האָבען זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף דיא ארומיגע איינוואָהנער און זיינען צוזאמענגעלאָפען ארום איהר; עס זיינען אויך געקומען צולויפען זעבס טירקישע זשאנדארמען, אָבער אנשטאָדט אויסצופרעגען אויף קלאָר וואָס דאָרטען איז געשעהען, האָבען זיי גלייך חושד געווען סירהא'ן, דאָס זיא אליין איז דיא מערדערין, וואָס האָט געטויטעט דיא אלטע פרוי. דיא זשאנדארמען האָבען איהר צוזאמען מיט'ן טויטען קערפער אוועקגעשלעפּט אין א געפענגניס־הויז.

55.

צארא־בעי ווערט ארעסטירט.

צארא־בעי האָט גערעכענט אליין צו געהן צום סולטאן און דערצעהלען דיא געשיכטע פון זיין דועל מיט מוחאמעד־בעי, כדי ער זאָל זיך בשעת מעשה קאָנען פערענטפערן, דאָס ער האָט איהם ניט געטויטעט וויא א געמיינער מערדער, נאָר אויף'ן דועל. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאט דיעזעס צו טהאָן, איז שוין ביים סולטאן געווען מאנזור־עפענדי און האָט איהם מיטגעטהיילט דיא געשיכטע גאנץ אנדערש. ער האָט פאָרגעשטעלט דעם סולטאן, דאָס צארא איז פלוצלינג, אָהן א שום אורזאכע, בעפאלען אויף מוחאמעד'ן און האָט איהם ערמאָרדעט, און וואו נאָך? — הארט לעבען סולטאן'ס פאלאץ!

דער סולטאן איז געוואָרען העכסט אין כעס. ער האָט גלייך גערופען זיין אדיוטאנט, ד. ה. האסאן'ען, און האָט איהם בעפאָהלען, ער זאָל נעהמען צוויי אָפיצירען און וואָס צום שנעלסטען אויפזוכען צארא־בעי און ארעסטירען. דער סולטאן האָט אפילו געוואוסט, דאָס האסאן איז צארא'ס א גוטער פריינד, דאָך איז ער זיכער געווען, דאָס האסאן איז געווען צו זיין דיענסט טרייער וויא צו זיינע פריינדע. האסאן איז ארויס פון סולטאן'ס קאבינעט מיט א שריפטליכען בעפעהל צו ארעסטירען דעם נייעם מיליטער־יוריסט.

האסאן איז געווען זעהר פערקימערט און פערקלעמט פון זיין פריינד'ס אומגליק. אָבער, דערפאר, איז געווען העכסט צופריעדען מאנזור־עפענדי. ער איז געווען צופריעדען אין צווייען, ערשטענס פון צארא'ס מפּלה; צווייטענס, פון דעם, וואָס

דער סולטאַן האָט אָבגעגעבען דעם בעפעהל פון צאַראַ'ס ארעסט ניט קיין אנדערן, וויא חאסאַן'ען. „האסאַן, האָט זיך גערעכענט דער שייך, ווערט דאָך געוויס רחמנות האָבען אויף זיין פריינד און וועט איהם ניט ארעסטירען“. „געוויס וועט ער דערמיט דעם סולטאַן אריינברייגגען אין כעס און וועט פיר דעם שטרענג בעשטראָפט ווערען: אזוי וועל איך מיט איין מאָל פטור ווערען פוןביידען, פון צאַראַ'ן און פון האסאַן'ען; מעהר וויא דאָס דאַרף איך ניט“!...

האסאַן איז געוועזן זיכער, דאָס צאַראַ וועט פון איהם אליין אויך ניט וועלען אנטלויפען און וועט זיך פריוויליג לאָזען ארעסטירען. דעריבער, האָט ער געהאַלטען פיר איבעריג מיטצונעהמען נאָך צוויי אָפיציערען, און איז אליין אוועקגעגאַנגען צו איהם מיט דעם סולטאַן'ס בעפעהל. צאַראַ האָט געוואָהנט צוזאַמען מיט סאַדי, וואָס איז אין יענער צייט ניט געוועזן צו הויזע. עס איז שוין געוועזן זעהר שפעט, דעריבער האָט זיך צאַראַ זעהר געוואונדערט אויף זיין פריינד'ס וויזיט.

— געוויס קומסט דו ניט אומזיסט אין האַלבע נאַכט? — האָט ער זיך אָבגעד רופען צו האסאַן'ען, — און דו זעהסט מיר עטוואָס אויס פערזאָרגט? וואָס איז דיא אורזאַכע?

— איך קום ווירקליך צו דיר ניט אומזיסט, — האָט געענטפערט האסאַן, — איך קום מיט זעהר א טרויעריגע נאַכריכט. מיט דיעזע ווערטער האָט איהם האסאַן איבערגעגעבען דעם סולטאַן'ס שריפטליכען בעפעהל.

צאַראַ האָט דורכגעלעזען דאָס פּאַפּיער און איז געבליבען שטום אזוי וויא פּאַראַליזירט. אין אייניגע מינוטען ארום האָט ער זיך אָבגערופען צו האסאַן'ען:

— פון אזא בעפעהל איז לייכט דעם פערשטאַנד צו פערלירען... נאָך מעהר קריינקט מיר אָבער, וואָס דער ברייננגער פון איהם איז מיין פריינד; ווען א פרעמ־ דער וואָלט מיר געבראַכט דיעזען בעפעהל, וואָלט איך נאָך געקאָנט זוכען א מיטעל זיך צו רעטען, אָבער יעצט קאָן איך דאָס ניט טהאָן, עס זאָל אויף דיר ניט פאַלען קיין חשד דאָס דו האָסט מיך בכיון געלאָזען לויפען, און דו זאָלסט ניט דאַרפען ענטפערן מיט'ן לעבען פיר מיר. אונזער סולטאַן איז גענוג קלוג וואָס ער האָט גע־ שיקט זיין בעפעהל דורך דיר און ניט דורך איין אנדערען: יעצט איז ער שוין זיכער, דאָס זיין בעפעהל וועט פּינקטליך ערפילט ווערען. אלזאָ, מיין פריינד, איז דאָ ניט דאָ פיעל צו ריידען און איך בין פערטיג צו געהן מיט דיר אין דאָס געפענגניס־ הויז, וואו דו ביזט בעפאָהלען מיך אָבצופיהרען. איין זאַך נאָר פערלאַנג איך פון דיר; גיב מיר עטליכע מינוט צייט אויפצושרייבען א בריעף צו אונזער פריינד סאַדי; איך וועל איהם בעטען וועגען פערשיעדענע זאַכען, ער זאָל מיר טהאָן דיא

געפעליגקייט און ברייננגען זיי אין אָרדנונג, ווייל מיר אליין איז שוין ניט מעגליך דאָס צו טהאָן.

האסאן האָט אין אָנפאנג ברעה געהאט איהם צו זאָגען, דאָס ער קען פער־שפּאָרען שרייבען, ער, האסאן, וועט שוין איבערגעבען סאדי'ן אלעס וואָס ער פער־לאנגט; דערנאָך אָבער, איז איהם ארויף אויף'ן געדאנקען: אפשר טרויעט איהם מעהר ניט צארא־בעי?

וויא זיי האָבען דאָ אזוי גערעדט, איז געקומען אהיים סאדי. דיא קאמעראדען האָבען איהם מיטגעטהיילט דיא טרויעריגע נאכריכט פון דעם סולטאן'ס בעפעהל צו ארעסטירען צארא־בעי.

— מאנזור־עפענדי, — האָט סאדי אויסגעשריען, — איז אונזער פיינד וואָס איז אָנגעשטאנען אויף אונזער לעבען... איך גיב אייך מיין וואָרט, דאָס ער וועט ניט רוהען, ביז ער וועט פועל'ן ביים סולטאן, ער זאָל דיך פערמשפּט'ן אויף טויט! ניין, מיר האָבען קיין רעכט ניט דאָס צו דערלאָזען, מיר מוזען זעהען מיט אלע קרעפ־טען צו מאכען א סוף מיט דיעזען אויסוואורף!

— וואָס העלפט דיא רייד, — האָט זיך אָבגערופען צארא־בעי, — דערווייל האָט ער אויסגעפיהרט מעהר וויא מיר אלע צוזאמען. דערווייל בין איך ארעסטירט, ניט ער, און דיא הארץ זאָגט מיר, דאָס דיעזען ארעסט וועל איך ענדיגען צוגלייך מיט מיין לעבען. . .

— דאָס קאָן אויף דער וועלט ניט זיין! — האָט ווידער אויסגעשריען סאדי,— עס מעג זיין וואָס עס איז, מיר מוזען דיך רעטען!

— מיר מוזען אָבער זיין געדולדיג, — האָט האסאן בעמערקט, — ווארום יעצט קאָן דיא קלענסטע קלייניגקייט אלעס פערדארבען.

— ניין, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — עס לאָהנט ניט צו ווארטען, הער נאָר אויס מיין פּלאַן. מאָרגען גיט דיא פּרינצעסין ראָשאנע א באל, לכבוד דעם זיעג וואָס דיא טירקישע ארמעע האָט געהאט איבער דיא בלוט־ברויט. מיך און דיך וועט זיא געוויס אויך איינלאדען. אלזאָ, מוזען מיר דאָרטען זייןביידע. געוועהנליך וועט דאָרטען דיא סולטאנין ואלידע אויך זיין. זיא איז פון אייביג אָן דעם שייך'ס א געגנערין, און דעריבער, וועלען מיר דורך איהר לייכט קאָנען אויסווירקען צארא'ס בעפרייאונג.

— וויא איך זעה איין, ברודער סאדי,—האָט אויף דעם געזאָגט האסאן,—ווייסט דוא גאָר ניט, דאָס דיא סולטאנין איז שוין מיט'ן שייך גוט פריינד? ער האָט איהר פערשפּראָכען בעהילפיג צו זיין אומצומאכען דעם געזעטץ וועגען דעם, ווער עס דארף ירשן דעם טראָהן נאָכ'ן סולטאן'ס טויט.

— אויב אזוי, דארפען מיר איהר געבען צו פערשטעהן, דאָס דער שייך נארט איהר, דאָס ער וועט קיין מאָל זיין פערשפּרעכען ניט ערפילען און דאָס ער מיינט נאָר איהר אזוי לאנג צופיהרען פיר'ן נאָז, ביז וואנען עס וועט איהם לאָהנען, און שפּעטער וועט ער זיך פון איהר אויסלאכען... קורץ גערעדט, מיר מוזען פריהער וויא אלעס ארונטערוואָרפען דעם שייך...

— און גראדע דאָס איז שווערער וויא אלעס,—האָט בעמערקט האסאן,—ער איז נאָך צו שטארק אויף דעם...

— אָבער ער האָט אפולע פיינדע, צווישען זיי געפינען זיך ניט ווענינ גרויסע לייט. דיא פּרינצעסין ראָשאנע ליבט איהם אויך ניט,—האָט זיך סאדי געהאלטען ביי דאָס זייניגע.

— אויף פּרויען איז שווער צו בויען: היינט ליבען זיי ניט, מאָרגען יא.

— דאָך האָפע איך, דאָס מאָרגען אויפ'ן באל וועל איך א פולע אויספיהרען. דאָר־טען וועט דער שייך אויך זיין, און איך וועל שוין געוויס האָבען א געלעגענהייט אראָב־צורייסען פון איהם זיין מאסקע. און אלע וועלען זעהען וואָס פיר איין פאלשער און נידריגער מענש דאָס איז.

,—אגב האָט זיך אָבגערופען האסאן,—ראטהע איך דיר, דוא זאָלסט זעהר פאָר־זיכטיג זיין מיט דיעזען מאן... דערווייל איז ער דער ערשטער אין טירקיי און זיין וואָרט איז ביים סולטאן הייליג. דוא האָסט א ביישפּיעל אין מיר מיט דעם פּרינץ יוססוף: וויא פיעל האָבען מיר זיך ביידע אנגעליטען דורך איהם? וויא פיעל האָט גע־פעהלט צום פּרינץ'ס טויט? מיט אזא מענשען איז געפעהרליך איינצורייסען!

— איך שרעק מיך ניט,—האָט סאדי געענטפערט,—איך בין פון דיא מענשען, וואָס דער מוטה וואקסט ביי זיי צו גלייך מיט דער געפאהר; וואָס גרעסער דיא גע־פאהר איז ווערט אלץ גרעסער זיין מוטה! אזוי צו אזוי, צארא מוז בעפרייט ווערען!

— איך דאנקע אייך, מיינע פריינדע,—האָט זיך צום סוף אָבגערופען צארא,—איהר מיינט ביידע מיין טובה, און איך גיב גאנץ רוהיג איבער מיין שיקזאל אייך אין דיא הענד. אלזאָ, האסאן, וואוהין וועסט דוא מיך פיהרען?

— אין „שטיינערנעם קאמער", אין סערייל... אזוי שטעהט אין בעפעהל.

— א צו שטריינגע געפענגנים... נאָר עס איז ניט דאָ וואָס צו מאכען... מען מוז געהן! מיין איינציגער טרייסט איז, דאָס איך וועל ליידען אונשולדיג.—

דיא קאמעראדען האָבען פריינדליך גענומען פון סאדין אבשיעד און זיינען אוועק אין סערייל. האסאן האָט איבערגעגעבען זיין ארעסטאנט דעם קאָמענדאנט פון „שטיי־נערנעם קאמער" און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך בעגעהן מיט צארא'ן פריינד־ליכער וויא מיט דיא געוועהנליכע ארעסטאנטען.

— איהר האט מיר גאר ניט וואס צו בעטען,—האט דיעזער געענטפערט,—איך קען דיעזען יונגען העררן אזוי גוט וויא איהר. איהר קענט זיין גאנץ רוהיג מען וועט זיך מיט איהם בענעהן בעסער וויא מיט אנדערע.

מען האט צארא'ן איינגעזועטצט אין א גאנץ נוטען צימער, וואס איז געוועזען וויא געהעריג מעבלירט און פערזארגט מיט אלע נעטהיגע זאכען. אויף עסען און טרינקען האט זיך דארטען צארא אויך ניט בעדארפט בעקלאגען, ווארום מען האט איהם נעשפייזט פון הויף־קיך צו גלייך מיט אלע אפיצירען וואס האבען דארטען גע־וואהנט. בקיצור, מען האט געזעהען וויא מעגליך איהם צו פערגרינגערן דיא געפיינגנים און לייכטער צו מאכען זיין לאגע.

האסאן איז גלייך אוועקגעגאנגען צוריק צום סולטאן מיט א ראפארט, דאס צארא־בעי איז שוין ארעסטירט אין „שטיינערנעם קאמער“, אזוי וויא ער האט איהם בעפאה־לען. צו גלייך האט האסאן אבגעגעבען דעם סולטאן צארא־בעי'ס דעגען (שווערט). דיע־זען דעגען האט דער סולטאן ניט לאנג געשאנקען צארא'ן, נאר ער האט יעצט שוין קיין רעכט ניט געהאט איהם צו טראגען. דער סולטאן איז געוועזען אויפגעבראכט.

— איך האב איהם געשאנקען דיעזען דעגען, ער זאל מיט איהם שלאגען מיינע פיינדע,—האט ער געזאגט אין צארן,—אבער ער האט איהם געברויכט וויא א מערדער געגען איינעם פון מיינע דינער! עס טהוט מיר זעהר לייד.

דער סולטאן האט בעשטימט א קאמיססיאן צו ערפארשען דיא גאנצע געשיכטע וויא עס איז צו געגאנגען מיט דער ערמארדונג פון מוחאמעד־בעי.

56.

דער באל ביי ראשאנע.

דיא פרינצעסין ראשאנע האט אויך געמאכט א גרויסען באל צוליעב דעם גליקליכען סוף פון שטרייט. דער עיקר האט זיא געוואלט אויף דיעזען באל אויסווירקען פיר סאדי'ן נאך א גרעסערע בעלאהנונג וויא ער האט שוין בעקומען. זיא האט דע־ריבער געלאדען אויף'ן באל אלע פארנעהמסטע לייט פון קאנסטאנטינאפאל. צווישען דיא געלאדענע דאמען איז דיא ערשטע געוועזען דיא סולטאנין וואלידע. דיא מאדע צו געבען בעלער און צו לאדען אויף זיי דאמען איז אין טירקיי איינגעפיהרט געווארען ערשט א יאהר פופציג און יעדעס מאל האט מען געמוזט האבען דיא סולטאנין וואלידע'ס ערלויבניס צו לאדען דאמען גלייך מיט העררען. אזוי וויא מיר האבען שוין א מאל געזאגט, איז וואלידע געוועזען דיא אויפזעהערין איבער דיא אויפפיהרונג פון פרויען אין טירקיי. זיא פלעגט ארויסגעבען בעפעהלע ווא דיא פרויען אין טירקיי זאלען זיך קליידען, וואס פיר שוה זיי מעגען טראגען, וויא עס זאל זיין געמאכט

דער שלייער און דאָס גלייכען. ראָשאנע האָט איהר בכיון איינגעלאַדען צו זיך אויף'ן באל, כדי זיא זאָל איהר ערלויבען אנדערע דאמען אויך צו לאַדען.

וואלידע איז געקומען אויסגעפּוצט וויא איין אייראָפּעאישע פּרינצעסין אין א רויט סאמעטען קלייד, געשטיקט מיט גאָלדענע זאנגען און מיט זילבערנע קאָרן־בלומען. איהר געזיכט איז געווען פערדעקט מיט א שלייער און אויף'ן קאָפּ האָט זיא געטראָגען א בריליאנטענע קרוין. דיא ווירטהין אליין, פּרינצעסין ראָשאנע, איז אויך געווען אויסגעפּוצט זעהר רייך און גאָר אייראָפּעאיש, א חוץ וואָס איהר געזיכט איז געווען פערהילט מיט א שלייער. דאָס גלייכען זיינען דיא מאנספּערזאָנען געווען אין אייראָפּעאישע קליידער, אויסער וואָס אויף'ן קאָפּ האָבען זיי געטראָגען פעסען (טירקישע מיטצען).

קוים וויא עס איז פאַרלאָפען א האלבע שטונדע פון דער בעשטימטער צייט, זיינען שוין געווען אלע געלאַדענע געסט: וויזירען, פּרינצען און פּרינצעסינען, עס האָט אפילו דער שייך־אול־איסלאם אויך ניט געפעהלט. מען האָט נאָר געוואַרט אויף דעם סולטאן אליין, וועלכער האָט אויך פערשפּראָכען ראָשאנע'ן צו קומען. עס איז פיר איהם געשטאנען אויבען־אָן א טראָהן, וועלכער איז דערווייל געווען פער־האנגען מיט א בלאָען סאמעטען פאָרהאנג. פון ביידע זייטען זיינען געשטאנען צוויי בעאמטע, דיא פאָרנעהמסטע לייט אין טירקיי: מאנזור־עפענדי און זיין פריינד האמיד־קאדי. זיי זיינען געווען פערטיעפט אין א געשפּרעך.

— זיי וויסען, — האָט דער שייך געזאָגט צו האמיד־קאדי, — דאָס מיר וועלען קירצליך האָבען וויכטיגע נייעס, מאָרגען מוז אלעס בעשטימט ווערען.

— אזוי רעכענסט דו, — האָט זיך אָבגערופען האמיד־קאדי, — דאָס דער ארעסט פון דער פּראָפעטין איז זעהר א וויכטיגע זאך און עס קען דערפון ארויס־קומען א שלעכטער סוף?

— יא, גאנץ מעגליך, — האָט געענטפערט דער שייך, — און מיר מוזען בע־צייטען דאָס פערהיטען. אויסער דעם האָבען מיר נאָך איין אנדערע זאך צו ערווארטען, נאָך א פיעל וויכטיגערע. דיא פּרינצעסין ראָשאנע וועט זיך אין קורצען פערלאָבען מיט דעם נייעם פּאשא, איך מיין מיט סאדי'ן.

— אונמעגליך, — האָט זיך אָבגערופען האמיד, — א פּרינצעסין, א מיליאָנערשע זאָל זיך פערגלוסטען הייראטהען מיט איינעם וואָס איז ניט לאנג געווען איין אָרעמער שיפער־יונג! ניין, דאָס קאָן אויף דער וועלט ניט זיין! מען האָט דאָס אויסגע־טראכט!

— ניין, ברודער, זאָג דאָס ניט, דאָס איז דיא ריינע וואהרהייט. מיר האָט דאָס פערטרויעט איהר דיענער לאצארוס, וואָס וויים פון אלע איהרע סעקרעטען.

— דאָך קען דאָס ניט געשעהען אָהן דעם סולטאן׳ס ערלויבניס, — האָט בע־מערקט האמיד־קאדי...

— גאנץ ריכטיג, — האָט געענטפערט מאנזור־עפענדי, — און באלד וועט אויך דיעזע ערלויבניס זיין...

דיעזער געשפרעך האָט געמוזט אויפהערען אין דער מינוט, וויא עס איז אין זאאל געוואָרען א ליארם, דאָס דער סולטאן קומט אָן. דיא טראָמפעטען האָבען אויפ־געשפיעלט און צוויי צערעמאָניע־מייסטער האָבען אויסגעשריען: דער גרויס־הערר געהט! באלד האָט זיך דער סולטאן ווירקליך בעוויזען אין זאאל. הארט לעבען איהם פון הינטען, איז געגאנגען זיין אדיוטאנט האסאן און נאָך זיי דיא גאנצע קייזערליכע סוויטע. דער סולטאן איז געווען געקליידעט, וויא אלע געסט, גאנץ אייראָפּעאיש. דיא פרינצעסין ראָשאנע איז איהם ארויס ענטקעגען, האָט איהם בעדאנקט פיר דעם גרויסען כבוד וואָס ער האָט איהר צוגעטהיילט, וואָס ער האָט אָנגענומען איהר איינ־לאדונג, און זיא האָט איהם צוגעפיהרט צו דעם עהרען פלאַץ וואָס איז געווען אויבען־אָן בעשטימט פיר איהם. דער סולטאן האָט זיך געזעצט און האָט געבעטען זיין מוטער וואלידע זיא זאָל זיך אויך לעבען איהם זעטצען. אין א מינוט ארום האָט ער צוגערופען צו זיך דעם שייך־אול־איסלאם און פערפיהרט מיט איהם א געשפרעך. דיא סולטאנין וואלידע האָט זיך דערווייל גענומען דעם פערגניגען צו בעטראכטען דיא געסט, הערען און דאמען. מעהר פון אלץ האָבען איהר אינטערעסירט זייערע אייראָפּעאישע אנציגע, וועלכע זיא איז אימער נייגיעריג געווען צו זעהען. פיעלע פון דיא געלאדענע זיינען איהר ניט געווען בעקאנט, און זיא האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיי ביי האסאן׳ען, וועלכער איז געשטאנען דערביי. איהר האָט זיך פון לאנג אָן געוואָלט מעהר בעפריינדען מיט דיעזען נייען ליעבלינג פון סולטאן און איז דעריבער יעצט זעהר צופריעדען געווען וואָס עס האָט זיך איהר געמאכט א געלעגענהייט מיט איהם צו שפרעכען. זיא האָט איהם געפרעגט אזעלכע זאכען, וואָס זיינען גאָר ניט ווערטה געווען מען זאָל אויף זיי זיין אויפמערקזאם, נאָר צו האָבען איין אויסרייד מיט איהם וואָס צו שפרעכען. פיעלע פראגען, וויעדער וואָס זיא האָט איהם געמאכט, זיינען ווירקליך געווען וויכטיגע.

— ווארום איז ניט דאָ אויף׳ן באל דער פרינץ יוססוף? — האָט זיא געפרעגט מיט גרויס וואונדער.

— ער איז ניט אין גאנצען געזונד, — האָט קורץ און שארף געענטפערט האסאן.

— נעריסט איהם פון מיינעטוועגען און זאָגט איהם, דאָס איך בעדויער זעהר

וואָס ער האָט ניט געקאָנט קומען אהער. איך האָב דורך דעם פערלאָרען א גוטע גע־לעגענהייט איהם צוזאמענצופיהרען מיט דעם שייך־אול־איסלאם.

— ערלויבט מיר, דורלויכטיגע פירשטין, — האָט זיך אָבגערופען האסאן, ער־לויבט מיר אייך צו זאָגען, דאָס דער פרינץ יוססוף האָט דערביי וועניג פערלאָרען, ווייל ער וויים גאנץ גוט דיא געדאנקען פון שייך; ער וויים, דאָס ער האָט פון איהם קיין גוטעס ניט צו ערווארטען, און נאָך מעהר: ער וויים דאָס דער שייך וועט זיך לאנג ניט האלטען... זיינע טעג זיינען געצעהלט!...

וואלידע האָט זיך זעהר געוואונדערט אויף האסאן'ס אנטוואָרט און האָט מיט האסט געפרעגט, פון וואנען נעהמט ער זיך דאָס, אָבער איידער האסאן האָט איהר געענטפערט, האָט איהר שוין פערדראָסען וואָס זיא האָט גאָר מיט איהם פערצויגען אזא מין געשפרעך. אום „צו פערריידען איהם דיא צייהנער“, וויא מען זאָגט, האָט זיא איהם גלייך געפרעגט איין אנדער זאך, נעמליך, צו יענער, וואָס שטעהט דאָרטען אין ווינקעלע, איז סאדי, דער ניי־געבאקענער פאשא?

— יא, דאָס איז ער, — האָט געענטפערט האסאן, — דאָס איז איינער פון דיא צוויי אָפיציערען, וואָס האָבען איינגענומען דיא שטריים און געפאנגען דיא בלוט־ברויט.

— איך פערלאנג, דו זאָלסט מיר זיי ביידען פאָרשטעלען, איך וויל דיאביידע העלדען קענען פערזענליך.

— ליידער, — האָט געענטפערט האסאן, — קאָן איך אייך נאָר אין העלפט צופריעדענשטעלען, ד. ה. איך קאָן אייך מעהר ניט פאָרשטעלען וויא איינעם פון זיי, ווארום דער אנדערער, צארא־בעי, איז ביי נאכט געוואָרען ארעסטירט.

— איבער וועלכע אורזאכע? — האָט זיא האסטיג געפרעגט.

— דיא אורזאכע איז א דועל מיט מוחאמעד־בעי, דעם שייך'ס טרייעסטער פריינד, ער איז געטוידטעט...

— ווען ניט מיט ביידען, וויל איך מיט סאדי'ן אליין שפרעכען. רוף איהם צו.

שנעל וויא א פייל פון בויגען איז האסאן צוגעלאָפען צו סאדי'ן און האָט איהם מיטגעטהיילט וואלידע'ס וואונש מיט איהם צו שפרעכען. געהענדיג האָט האסאן צייט געהאט צו דערצעהלען זיין קאמעראד, דאָס סיררא געפינט זיך שוין מעהר ניט ביים שייך אין דיא הענד, און דאָס ער האָפט דורך איהר אויסצופיהרען דיא מפּלה פון דיעזען שעדליכען מענשען. סאדי האָט זיך דערפרעהט. וויא זיי זיינען צוגעגאנגען צו וואלידע'ן, האָט זיא סאדי'ן אויפגענומען גאנץ העפליך און האָט איהם געזאָגט:

— מען האָט מיר זעהר פיעל דערצעהלט פון דיין טאפּפערען טוּטה, פון דיין

העלדענשאפט, עס פרעהט מיך זעהר וואָס דער גרויס הערר האָט דיך בעלאָהנט נאָך דיין פערדיענסט.

— איך דאנק אייך פון הערצען, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — אָבער מיין גאנצע גרויסקייט, מיין גאנצער גליק, וואָס דער גרויס הערר האָט מיר געפעליגסט געגעבען, געהט מיר ניט איין, וויא איך דערמאָהן מיך, דאָס מיין קאמעראד צארא־בעי וועלכער האָט פערדיענט ניט וועניגער וויא איך בעלאָהנט צו ווערען, האָט ניט אזוי ניט אוואנסירט אין ראנג, נאָר ער איז נאָך ארעסטירט אין „שטיין קאמער“ הויל צו־ליעב דעם, וואָס ער איז געווען אונפאָרזיכטיג צו געהן אויף א דועל מיט דעם שייך־אול־איסלאם'ס א פריינד.

סאדי איז אזוי געפעלען געוואָרען דער סולטאנין, דאָס זיא האָט זיך ניט געקאָנט צו זאט אויף איהם אָנקוקען. זיא האָט איהם געבעטען ער זאָל איהר דער־צעהלען דיא גאנצע געשיכטע פון דעם דועל. וויא ער האָט איהר דערצעהלט פון אלף ביז תו, און זיא האָט זיך פון זיינע ווערטער איבערצייגט, דאָס צארא־בעי האָט זיך געפיהרט וויא איין עהרליכער מאן און ניט וויא א מערדער, האָט זיא איהם געטרייסט:

— זיי רוהיג, דיא וואהרהייט וועט זיך געוויס ארויסווייזען און מען וועט איהם געוויס בעפרייען.

— לײדער איז דאָס א שוואכע האָפנונג, — האָט אויף דעם געענטפערט סאדי,— ווארום דער שייך־אול־איסלאם וויל ניט עס זאָל זיך ארוסווייזען דיא וואהרהייט, און ער וועט שוין זעהען דיא אונטערזוכונג זאָל איהם דערקענען פיר שולדיג און דאַ־מאָלס וועט מען איהם ריכטען וויא א געוועהנליכען מערדער. וואָס דער שייך איז פעהיג צו טהאָן האָבען מיר א ביישפיעל אין דער געשיכטע מיט דער פראָפעטין, וואָס אלע זאָגען און איך זעלבסט וויים דאָס אויך גאנץ גוט, — דאָס דער גאנצער וואונדער איז א פאלש פון אָנפאנג ביז'ן סוף, דאָס דער שייך האָט דאָס אליין אויסגעטראכט, ווייל עס האָט איהם געלאָהנט צו נארען דיא וועלט, וואָס גלויבט לייכט אין אלסדינג, און דורך דעם צו פערגרעסערען זיין מאכט.

— אזוי? אזוי? רעכענסט דו, דאָס קאדידזע'ס טאָכטער איז גאָר ניט געקומען פון יענער וועלט?

— ניט איך רעכען, נאָר עס איז אזוי געוויס, — האָט סאדי איהר געענטפערט,— דער סולטאן האָט שוין בעפאָהלען מען זאָל דיא פאלשע פראָפעטין ארעסטירען.

— וואָס־איך־הער! — האָט זיך אָבגערופען דיא סולטאנין העכסט פערוואונ־דערט, — און וויא אזוי האָט זיך דאָס ארויסגעוויזען?

— דיא גאנצע זאך האָט זיך אָנגעפאנגען פון א געוויסע פראָטעציחונג, וואָס

אלע האָבען פערשטאַנען, דאָס זיא איז געמאכט... פור ליגען... דאָ האָט מען זיך ארומגעזעהען דאָס דיעזע פּראָפּעטין איז אין גאַנצען א פאַלשע... דיא וואהרהייט זאָגענדיג, האָט זיך האַסאַן פון דעסטוועגען ניט געפרעהט מיט דעם אויפטראַג איהר צו ארעסטירען אַזוי וויא א געמיינע פערברעכערין... ער האָט א לאַנגע צייט מורא געהאט גראָב אַנצוקומען אַזא הייליגע פּערזאָן, און ער האָט זיך דעריבער ניט געאיילט צו ערפילען דעם סולטאַן׳ס בעפעהל, ביז וואַנען דיא פּאָליציי האָט איהר אַליין ארעסטירט גאָר איבער איין אנדער זאַך. מען האָט איהר נעמליך א פריה־מאָרגען געפונען ליגענדיג אויף א קערפּער פון א געטוידטעטען מענשען, איין אלטע ארעמע פרוי. . .

— וואָס־איך־הער! — האָט זיך דיא סולטאַנין נאָך מעהר געוואונדערט, — איך שווער ביי אונזער הייליגען פּראָפעט, דאָס מיין קאָפּ פערנעהמט דאָס ניט! איז דען דאָס ווירקליך אַלעס וואהר?

— זאָ וואהר איך לעב! — האָט געענטפערט סאַדי, — אַלזאָ, אויב דיעזע סיררא, וואָס איז אונשולדיג ארעסטירט וויא א מערדערין, — אויב זיא וועט ניט שטאַרבען פּלוצלינג, (ווייל מען בעגעהט זיך מיט איהר זעהר שלעכט), וועט זיא געוויס אויסזאָגען דיא גאַנצע געשיכטע וואָס דער שייך האָט מיט איהר אויפגעשפּיעלט, וויא ער האָט איהר געמאכט פיר א פּראָפעטין, פיר איינע וואָס איז פון טוידט לעבעדיג געוואָרען, כדי נאָר אויסצופיהרען זיינע שעדליכע און שענדליכע פּאָליטישע פּלענער...

— אָ, ניין! — האָט וואַלידע אויסגעשריען, — זיא זאָל ניט שטאַרבען! איך וויל נאָך מאכען, מען זאָל איהר צוריק אומקעהרען אין סאַפּטי איבאַט׳ס הויז.

— דאַמאָלס איז זיא געוויס פערלאָרען! — האָט סאַדי געזאָגט.

— וויא אַזוי? —

— איך קאָן אייך דאָס יעצט היער ניט ערקלערען, — האָט סאַדי געענטפערט, — ווארום פיעלע האָרכען זיך איין, וואָס מיר שפּרעכען... אָט, זעהט איהר מיט וואָס פיר אויגען עס בליקען אויף אונז דאָרטען דער שייך און זיין געהילפע האַמיד? איך קאָן אייך מעהר ניט זאָגען, דאָס ווען איהר ווילט ווירקליך רעטען דיא אונשולדיגע סיררא פון טוידט, איז דאָס גלייכסטע, איהר זאָלט איהר אריינגעהמען צו זיך אין פּאַלאַץ... ביי אייך וועט זיא זיין זיכערער וויא אומעטום...

— גאַנץ גוט! — האָט זיא געזאָגט, — איך וועל איהר ווירקליך אריינגעהמען צו זיך.

סאַדי האָט איהר פיעל געדאַנקט וואָס זיא נעהמט אָן זיין ראַטה און איז מיט א טיעפע פערנייגונג פון איהר אַוועקגעגאַנגען. באַלד איז דער סולטאַן אַוועק פון באַל, און נאָך זיין אַוועקגעהען האָבען דיא געסט נאָר אָבגעלעבט. דיא גאַנצע צייט

וואָס דער סולטאן איז געווען אין זאאל, איז דאָרטען געווען אזוי שטיל, אזוי וויא עס וואָלט דאָרט קיינער ניט געווען, אלע זיינען געזעסען אויף דיא ערטער, וויא צוגעשמידטע, האָבען א וואָרט ניט אויסגערעדט. ווער רעדט שוין פון זיך פרעהליך מאכען, ווארום דיא עטיקעט פון טירקישען הויף איז אזוי שטרענג, דאָס פאר דעם סולטאן אין דיא אויגען ערלויבט זיך קיינער ניט צו מאכען א פרייע בעוועגונג, צו ווייזען א פרייליכע מינע.

אלזאָ, וויא דער סולטאן האָט פערלאָזען דעם זאאל, איז דאָרט געוואָרען א לעבעדיגע וועלט. א טהייל פון דיא געסט האָבען זיך צוגעלאָזען צו דיא בופעטען, וואָס זיינען געווען בעדעקט מיט דיא געשמאקסטע שפייזען און נאשערייען; אנדערע, האָבען זיך אריינגעלאָזען אין הייסע געשפרעכע, און האָבען אזוי לאנג געפלוידערט ביז וואנען עס איז זיי טרוקען געוואָרען אין האלז, דאמאָלס האָבען זיי זיך גענומען צו דיא גוטע געריכטען; יעדער האָט זיך גענומען דאָס פערגניגען וואָס איהם איז געפעהלען. נאָר סאדי איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט ניט גענומען קיין טהייל אין דיא פערגניגען און האָט זיך בעשעפטיגט מיט איין אנדער זאך. ער האָט נעמליך איבערגעגעבען קערים־פאשא אין סולטאנין וואלידע'ס נאָמען איין אויפטראג צו בע־פרייען אונגעזאמט סירדאַ'ן און אָבפיהרען איהר אין דער סולטאנין'ס פאלאץ. קוים וואָס דיעזער קערים־פאשא איז אוועקגעגאנגען ערפילען דיעזען אויפטראג, איז צו סאדי'ן צוגעגאנגען פרינצעסין ראָשאנע'ס פערטרויעטע דיענערין עסמא און האָט איהם געבעטען אין נאָמען פון איהר הערשערין, ער זאָל אריינגעהן אין דעם צימער וואָס זיא וועט איהם ווייזען. ער האָט דיעזע עסמא געקענט פון לאנג אָן און געוואוסט דאָס מען קאָן איהר טרויען, דעריבער איז ער גלייך מיט איהר געגאנגען און איז אריין אין א צימער אָן א זייט וואָס זיא האָט איהם אָנגעוויזען. אין צימער איז קיינער ניט געווען. אויף'ן טיש איז אין א שיינע בלומען־וואזע געלעגען דריי לאנגע פערד עקען, דער צייכען פון דעם אָרדען וואָס ראָשאנע האָט פיר איהם אויסגעבעטען ביים סולטאן; פון דיא זייטען האָבען געברענט פיעלע ליכט פון פערשיעדענע פארבען און דאָס אלעס איז געווען בעפוצט מיט א קראנץ פון לאָרבער בלעטער אויף וועלכען עס איז געווען דיעזער אויפשריפט : „הייגטיגער באל איז פון דיינעטוועגען, סאדי, וואָהל דיר"!

— סאדי איז געבליבען שטעהען לעבען דיעזען סיורפּריז העכסט ענטציקט. עס האָט איהם אזוי געפרעהט און געריהרט, דאָס ער האָט אויף א ווײלע פערגעסען אָן דיא גאנצע וועלט און האָט ניט געהערט וויא עס האָט זיך אויפגעמאכט דיא טיהר און עס איז אריין ראָשאנע. זיא איז געקומען זעהן וואָס פיר איין איינדרוק וועט מאכען אויף איהר געליעבטען דיעזער סיורפּריז וואָס זיא האָט איהם פערשאפט.

איינינע מינוט האָט זיא איהם בעטראכט שטילערהייד, דערנאָך איז זיא צוגעגאנגען צו איהם און האָט זיך אָבגערופען מיט א ווייכע ליעבליכע שטימע:

— נעהם דאָס אָן, סאדי, אלס א בעוויז פון מיין גונסט צו דיר.

— קוים וואָס סאדי האָט איהר דערזעהען, האָט ער זיך אראָבגעלאָזען פאר איהר אויף דיא קניע און מיט פייעריגע ווערטער, מיט טרעהרען אין דיא אויגען געראנקט.

— דו ברויכסט מיר ניט צו דאנקען, — האָט זיא צו איהם געזאָגט, — ווארום די האָסט דאָס פערדיענט, דו האָסט געשלאָגען און איינגענומען אונזערע פיינדע.

— ווען דאָס איז נאָר דיא איינציגע אורזאכע פון דיינע גונסט צו מיר, — האָט זיך סאדי אָבגערופען, — האָט דאָך מיין קאמעראד צארא־בעי אויך בעדארפט פערדיענען דיין גענאדע ניט ווייניגער וויא איך?

— און איך בין צו איהם ווירקליך גוט גענייגט, — האָט ראָשאנע געענטפערט,— און איך וואונדער מיך וואָס ער איז ניט געקומען אהער צוגלייך מיט דיר?

— אין דעם וואָס ער איז ניט געקומען, — האָט סאדי געענטפערט, — איז ניט שולדיג, ניט ער אליין און אויך ניט איך; דיא אורזאכע איז, וואָס מען האָט איהם ארעסטירט, און ער ליידעט אומזיסט...

— אזוי גאָר? — האָט זיך ראָשאנע אָבגערופען העכסט פערוואונדערט, — איך בין דאָס נייגיעריג צו וויסען, קום מיט מיר אין קאבינעט און דערצעהל מיר דיא אונגליקליכע געשיכטע וואָס האָט זיך מיט איהם געטראָפען.

סאדי האָט זיך צוויי מאָל ניט געלאָזען בעטען. ער האָט איהר בעגלייט אין קאבינעט, וועלכער איז געווען פראכטיג אויפגעפוצט און בעלויכטען מיט איין אנגענעהמע מאטע בעלייכטונג. ראָשאנע האָט זיך צוגעשפארט אויף א ווייכען דיוואַן, סאדי האָט זיך געזעצט לעבען איהר און האָט איהר גענומען דערצעהלען פון זיין קאמעראד'ס דועל מיט מוחאמעד־בעי. ראָשאנע האָט זיך פון יוצא וועגען איינגעהערט אין זיינע רייד, נאָר מעהר איז איהר געווען אנגענעהם, וואָס איהר געליעבטער זיצט לעבען איהר. זיא האָט מעהר געהאט פערגניגען צו קוקען אויף איהם וויא צו האָרכען זיין ערצעהלונג; נאָר זיא האָט דאָס ניט געוואָלט שטארק ארויסווייזען, כדי סאדי זאָל ניט בעמערקען וויא שטארק זיא איז אין איהם פערליעבט, און דעריבער האָט זיא זיך ניט ווילענדיג איינגעהאָרכט.

— דו האָסט רעכט, סאדי, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, וויא ער האָט געענדיגט ערצעהלען, — מוחאמעד איז ווירקליך געווען מאנזור־עפענדי'ס ליעבלינג און ער וועט זיך אָן צארא'ן נוקם זיין...

— אָבער איך שווייג אויך ניט, — האָט איהר סאדי געענטפערט, — איך בעמיהע מיך צו ברייגגען אויף דעם שייך א מפלה און צו רעטען מיין פריינד.

— דאָס איז צופיעל געוואנט, — האָט זיא בעמערקט, — דו קאָנסט דורך דעם דיך זעלבסט מעהר שאַדען וויא דיינעם קאמעראד נוטצען.

— אָ, וויא אונשאנדהאפט זיינען דיא פרויען! — האָט סאדי אויסגעשריען, — וויא לאנג האָסט דו פון איהם געהאט גאָר איין אנדער מיינונג, און יעצט שלאָגסט דו מיך אָב. פיעל בעסער וואָלט געווען, דו זאָלסט מיט מיר איינשטימען אין דיעזער זאכע און מיר בעהילפיג זיין. גלויב מיר, עס איז גאָר ניט אזוי געפעהרליך... מאנזור־עפענדי האלט זיך אויף א האָר, זיינע טעג זיינען געצעהלטע!...

— ווען דו פערלאנגסט דאָס, און ווען דיא לאגע פון שייך איז ווירקליך אזוי שלעכט, וויא דו זאָגסט, וועל איך דיר וויא מעגליך בעהילפיג זיין.

— און איך בין דיר דאנקבאר פיר דאָס אזוי גוט וויא פיר דאָס וואָס דו האָסט אויסגעווירקט פיר מיר דען ראנג פון א פאשא, — האָט סאדי איהר געענטפערט. ביי דעם האָט ער בעוויזען זיינע דאנקבארקייט מיט א הייסען קוס אין איהר האנד. ראַ־שאנע האָט איהם געענטפערט מיט א ברענענדיגען קוס אין באַק, פון וועלכען עס האָט זיך סאדי'ן פערדרעהט דער קאָפּ. עס האָט מעהר ניט געקאָנט זיין דער מינדעסטער ספק, דאָס זיא ליעבט איהם אָהן א ברעג. און סאדי האָט ניט געוואוסט וויא זיך צו פרעהען מיט דעם געדאנקען, דאָס ער וועט הייראטהען דיעזע ראַשאנע, דיא שעהנסטע פרינצעסין, דיא רייכסטע אין גאנץ טירקיי. ווער האָט זיך געקאָנט גלייכען צו איהם? ביי דיא צוויי קוסען האָבען זיך דיא פערליעבטע ניט אָבגעשטעלט... עס איז נאָר שווער געווען דער אָנפאנג, און וויא דער שטראָם פון ליעבע, וואָס איז לאנג געווען איינגעהאלטען, האָט זיך נאָר דורכגעריסען, איז איהם שוין מעהר ניט מעגליך געווען איינצוהאלטען. מיר ברויכען ניט צו בעשרייבען דיא זיסע ליעבע מינוטען וואָס סאדי און ראַשאנע האָבען פערבראכט, דיא געשפרעכע וואָס זיי האָבען געפיהרט צווישען זיך. מיר קאָנען מעהר ניט זאָגען, דאָס זיי האָבען בשעת מעשה פערגעסען אָן דיא גאנצע וועלט און האָבען ביידע געטרונקען מיט'ן פולען מויל פון גליק'סבעכער. נור איין זאך מוזען מיר דערצעהלען. וויא סאדי האָט זיך צוהיצט, האָט זיך איהם פער־וואָלט אויפהייבען דעם געדיכטען שלייער פון ראַשאנע'ס געזיכט, אום בעסער צו בעטראכטען איהרע שענהייט, זיא האָט דאָס איהם אָבער שטרענג פערבאָטען צו טהאָן:

— טהו דאָס ניט, בעהיטע גאָט! — האָט זיא אנגעשריען אויף איהם, — וויסט דו דען ניט, דאָס עס איז ניט ערלויבט פיר'ן ברויטיגאם צו זעהען דאָס געזיכט פון זיין ברויט ביז נאָך דער חאַבצייט?

וואָס סאדי האָט זיך ניט בעמיהט איהר צו איבערצייגען, דאָס צווישען פער־ליעבטע איז דיא זאך גאנץ אנדערש, וויא צווישען געוועהנליכע חתן־כלה, זיא איז

פאָרט געבליעבען ביי דאָס איהריגע און האָט איהם פיר קיין ארט ניט ערלויבט, ער זאָל איהר אויפדעקען דאָס געזיכט. „ניין — ניין“, האָט זיך סאדי מישב געווען און האָט זיך בעפרידיגט מיט דעם, וואָס איז איהם געווען ערלויבט.

אזוי האָבען זיי פערבראכט איינינע שטונדען וויא אין א גן־עדן... צום סוף האָבען זיי איינגעשלומערט און עס האָט זיך זיי געחלומט זיסע חלומות. מיטען הדינען האָט סאדי דערהערט, וויא מען זאָגט אין דער שטיל:

— סאדי, פערגעס ניט אָן רעציע'ן!

ער האָט זיך אויפגעכאפט פון שרעק ניט טויט, ניט לעבעדיג, און האָט זיך איינגעקוקט, ווער עס רעדט דאָס, אָדער צו דוכט זיך דאָס איהם נאָר? ער האָט אָבער גלייך דערזעהען די וואונדערבארע פיגור פון דער „גאָלדענע מאסקע“... אויפשטע־הענדיג האָט ער אומגערן ראָשאנע'ן אויך אויפגעוועקט, און זיא האָט איהם געפרעגט, וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען. ער האָט איהר דערצעהלט וויא ער האָט דאָ געזעהען די גאָלדענע מאסקע; אָבער זיא האָט זיך אויסגעלאכט: עס האָט זיך דיר דאָס געוויס אָבגעדוכט.

— סאדי, פערגעס ניט אָן רעציע'ן!—האָט זיך ווידער געלאָזט הערען די זעלבע שטימע.—יעצט האָט שוין ראָשאנע אויך געזעהען, דאָס ביי איהר אין קאבינעט שטעהט די „גאָלדענע מאסקע“... אָבער איידער ראָשאנע האָט נאָך צייט געהאט זיך א קעהר צו טהאָן, איז שוין די „גאָלדענע מאסקע“ געווען פערשוואונדען.

57.

וויא איינער, אזוי דער אנדערער.

דער שייך־אול־איסלאָם האָט פון ווייטען בעמערקט, וויא וואלידע האָט שטילער־הייד געשפראָכען, פילייכט עצות געהאלטען, פריהער מיט האסאן'ען און דער נאָך מיט סאדי'ן. דאָס האָט איהם שטארק בעקימערט:

וואָס פיר סעקרעטען האָבען זיי, דיביידע אָפיצירען מיט דער סולטאנין? עס האָט איהם נאָך מעהר בעקימערט, ווייל ער איז נאָך ניט געוועזען זיכער אין וואלידע'ס פריינדשאפט, ווייל זיי האָבען נאָך אין גאנצען צווישען זיך ניט אָבגעמאכט, און ער האָט מורא געהאט פאר דיזע אָפיצירען, וועלכע זיינען וואָס פון טאָג געוואָרען גרע־סערע תקיפים ביים'ם סולטאן אליין און ביי זיין מוטער.

א חוץ דעם איז ער געוועזען זעהר אונרוהיג פון סירראַ'ס ארעסט: וואָס וועט זיין, אויב זיא וועט אויסזאָגען די גאנצע קאָמעדיע, וואָס ער האָט מיט איהר אויפגע־שפיעלט אין סאָפטי'ס הויז? זיין גאנצע האָפנונג איז נאָר געוועזען, דאָס מען האָט איחר שוין געוויס געטהאָן איהר רעכט אזוי וויא א מערדערין, וואָס האָט ערמאָרדעט האניפע'ן; וויא איז אָבער ווען זיא לעבט נאָך? וויא נאָר דער סולטאן אין וועקגע־

גאַנגען פון באַל איז דער שייך צוגעגאַנגען צו זיין פריינד האמיד און האָט איהם מיט־געטהיילט זיינע פינסטערע געדאַנקען.

באַלד האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס ער האָט קיין טעות ניט געהאַט, דאָס זיין הארץ האָט איהם ניט גענארט. ראַשאַנע׳ס עקאָנאָם לאַצארוס איז געלעגען בעהאַלטען אין א ווינקעלע און האָט זיך איינגעהאָרכט דעם גאַנצען געשפּרעך פון וואַלידע׳ן מיט דיא ביידע אָפיצירען. וויא נאָר לאַצארוס האָט געזעהען, דאָס עס איז שוין מעהר ניט דאָ וואָס צו האָרכען, האָט ער אויפגעזוכט דעם שייך און האָט איהם, וואָרט אין וואָרט, איבערדערצעהלט דעם גאַנצען געשפּרעך. דיזע מיטטהיילונג האָט געמאַכט אויפ׳ן שייך א שרעקליכען איינדרוק; ער איז געוואָרען א פערברענטער, וויא ער האָט דער־הערט, דאָס האסאַן האָט ענטדעקט דער סולטאַנין דיא גאַנצע געשיכטע מיט דער פאַלשע פּראָפּעטין.

— אָט זעהסט דוא, ברודער,—האָט ער זיך אָבגערופען צו האמיד׳ן,—אָט זעהסט דוא דאָס איך האָב מיך ניט גענארט, דאָס זיי האָבען זיך נאָר געסודעט וועגען מיך?

— נו, וואָס האָבען זיי ווייטער גזאָגט?—האָט ער געפרעגט לאַצארוס׳ן.

— ווייטער האָבען זיי איהר דערצעהלט, דאָס מען האָט ארעסטירט סירראַ׳ן, און האָבען געבעטען דיא סולטאַנין זאָל איהר ארויסנעהמען פון דיא הענד פון פּאָליציי און צו נעהמען צו זיך...

— אזוי לעבט זיא נאָך דיזע סירראַ?—האָט דער שייך געפרעגט.

— געוויס לעבט זיא,—האָט לאַצארוס געענטפערט,—און דיא סולטאַנין האָט בעפאָהלען איהר קאַמער־הערר קערים־פּאַשא, ער זאָל אָבפיהרען סירראַ׳ן פון פּאָליציי־הויז צו איהר אין פּאַלאַץ.

פון דיא לעצטע נייעס איז דער שייך געוואָרען בלייך וויא קאַלך, אויף דעם האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. ער איז געוואָרען שרעקליך בייז אויף לאַצארוס׳ן וואָס האָט געטייט האַניפע׳ן אָנשטאָט סירראַ׳ן, און צוליעב דעם איז ער יעצט אין אזא געפאַהר. לאַצארוס האָט זיך אפילו בעמיהעט צו פערריכטען זיין טעות דורך דעם וואָס ער האָט אונטערגעזאָגט דיא קאַוואַסען זיי זאָלען פאַנגען דיא מערדערין, וואָס האָט געשלאָגען צו טויט איין אלטע פרוי און ליגט אויף איהר טויטען קערפּער און שרייט... ער האָט אָבער דערמיט איהם מעהר א רעה געטהאָן וויא א טובה. יעצט איז סירראַ אין אזא לאַגע, דאָס זיא וועט אַלעס אויספּלוידערן אויף איהם, בפרט דאָס זיינע פיינדע וועלען איהר אָנהעטצען. דער סולטאַן וועט זיך דערוויסען, דאָס דיא טרויעריגע פּראָפּעצייהונג וועגען איהם האָט זיא איהם מיטגעטהיילט ניט פון זיך אליין. אָבער זיא האָט נאָר נאָכגעזאָגט דיא ווערטער וואָס ער, מאַנזור־עפענדי, האָט איהר אריינגעלייגט אין מונד. געוויס וועט דער סולטאַן אויף איהם ווערען אין כעס. אָט אזוי איז נאָר לייכט זיינע

פיינדע זאָלען איהם גאָר ארונטערוואַרפען. וואָס טהוט מען אָבער יעצט? מען מוז זעהן מיט אַלע מעגליכקייט ניט דערלאָזען סיררא זאָל ארייגפאלען צו זיינע פיינדע אין די הענד; אָבער, קערים־פּאשא איז אוועקגעגאנגען, וויא פערחאפּט מען איהם די וועג? עס איז קיין אנדער פּלאַץ ניט געוועזען וויא איבער א נייעס אָנצוקומען צו לאצארוס'ן וואָס איז געוועזען, וויא מיר ווייסען, געגנוג געשיידט אין אַזעלכע זאכען.

— געשווינד,—האָט ער זיך אָבגעהופּען צום גריכע,—לויף געשווינד נאָך קערים־פּאשא און וויא דו וועסט איהם אָנטרעפען, זאָלסט דו דיר מאכען אזוי וויא דו האָסט איהם קוים אָנגעיאָגט, און זאָג איהם אין וואלידע'ס נאָמען, דאָס ער זאָל זיך גלייך אומקעהרען צו איהר, וויל זיא האָט איהם וואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען. איידער ער קומט אהער צוריק וועט שוין די סולטאנין זיין פון דאנען אוועקגעגאנגען. אַלזאָ, וועט איהר שוין קערים־פּאשא ניט קענען זעהען ביז מאָרגען צעהן אוהר ווען זיא שטעהט אויף פון שלאָף, און איבער נאכט וועלען מיר שוין זיך איין עצה געבען, וויא פּטור צו ווערען פון סיררא'ן. איין מאָל געוויגען מיר צייט האָבען מיר אלעס געוואונען.

וויא א פייל פון בויגען, איז לאצארוס די זעלבע מינוט ארויסגעלאָפען אָניאָגען קערים־פּאשא. דער שייך האָט זיך דאמאָלס געווענדט צו האמיד־קאדי.

— דוא, ברודער, מוזט גלייך געהן אין פּאָליציי און אין נאָמען פון געזעטץ פער־באָטען, מען זאָל סיררא'ן, וואָס איז ארעסטירט וויא א מערדערין, אָבפיהרען אנדערסוואו. אנדערס, ברודער, זיינען מיר ניט זיכער, דאָס זיא וועט ניט ארייגפאלען צו אונזערע פיינדע אין די הענד, איידער מיר וועלען איהר ווידער האָבען ביי אונז.

— גאנץ רעכט,—האָט געענטפערט האמיד,—איך בין יוסטיץ־מיניסטער און איך האָב דורכאויס רעכט דאָס צו פאָרדערן... איך געה גלייך.

האָמיד־קאדי איז ווירקליך גלייך אוועקגעגאנגען ערפילען דעם שייך'ס וואונש. דער שייך האָט פיעלעס געהאָפט אויף דיזען פּלאַן און ער איז געוועזען זעהר צופרי־דען פון זיך וואָס איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנקען אזא קלוגער איינפאל. ער האָט ניט אנדערס גערעכענט, דאָס ער האָט שוין סיררא'ן צוריק ביי זיך אין די הענד און איז געוואָרען ביי זיך ווייטער תקיף.

„איך וועל מיך שוין אָברעכענען מיט מיינע פיינדע, האָט ער זיך געטראכט, איך וועל ווייזען די אַפּיצירלאָך ווער עלטער איז, אזוי וויא איך האָב געוויזען זייער קאַ־מאראד, צארא־בעי... איך וועל ניט קוקען, וואָס ראשאנע ליבט דיזען סאדי... איך וועל זיי שוין בעגראָבען"...

באלד נאָך דעם איז דער שייך אוועקגעפאָהרען צום סולטאן. ער האָט געגלויבט, דאָס דער סולטאן איז נאָך דערוויילע צו איהם גוט געניינט וויא פריהער, און ער וועט

קענען פועלן ביי איהם אלעס וואָס ער וויל. איהם איז אפילו געשטאַנען אין וועג האסאן; אָבער פאר איהם האָט ער זיך וועניג געשראָקען.

„דאָס איז פון דיא פליגען, האָט ער זיך גערעכענט, וואָס היינט ווערען זיי געבאָרען מאָרגען פערלאָרען... צו ליעב דעם סולטאַן'ס א קאפריז איז ער געוואָרען גרויס, איין אנדער קאפריז קען איהם מאכען צוריק קליין".

דער שייך האָט ווירקליך געפונען ביי'ם סולטאן אין קאבינעט האסאן'ען, וועלכער פלעגט אימער נאָכגעהן נאָך זיין הערן, אזוי וויא א שאָטען און פלעגט א טריט פון איהם ניט אָבטרעטען. דער שייך האָט אָבער געגעבען אָנצוהערען דעם סולטאן, דאָס ער פערלאַנגט מיט איהם צו שפרעכען אונטער פיער אויגען, און דער סולטאן האָט איהם צוליעב געטהאָן און א וואונק געגעבען זיין אדיוטאנט ער זאָל אויף א ווייל‌ע ארויסגעהן. וויא האסאן איז ארויס פון קאבינעט, האָט דער שייך ערקלערט דעם סולטאן דאָס ער איז דעריבער געקומען צו איהם אזוי שפעט אין דער נאכט, ווייל ער האָט צו שפרעכען מיט איהם פון אזא אינטערעס וואָס עס איז אונמעגליך אָבצולייגען.

— איך בין געקומען אייך מעלדען,—האָט ער זיך אָבגערופען צו איהם,—דאָס דיא בעריהמטע פראָפעטין, דיא וואונדערבארע פערזאָן האלט זיך אויף אין א געוויסען אָרט, און מיין עצה איז מען זאָל איהר איינשליסען אין א זיכערען אָרט.

— וואו איז זיא יעצט ?—האָט געפרעגט דער סולטאן.

דער שייך האָט איהם דערצעהלט, וויא קאוואסען האָבען איהר געפונען ליעבען א טויטען קערפער און האָבען איהר ארעסטירט אין פאָליציי־הויז אין סקוטארי.

— אזוי, איז מען איהר חושד אז זיא האָט ערמאָרדעט א מענשען ?

— עס ווייזט אזוי אויס,—האָט דער שייך געענטפערט,—קיינע אונטערזוכונג האָט מען נאָך אפילו ניט געמאכט, און ווען מען וועט שוין יא מאכען איין אונטערזוכונג איז מיין עצה מען זאָל זיך שוין פיר איינם ערקונדיגען וואָס מיט איהר איז געוועזען פריהער אויך, וואָרום איהר גאנצען לעבען איז עטוואָס ניט גלאַט... געווים האָט זיא נאָך פיעל אנדערע פערברעכען אויף איהר זעעלע...

— און איך זעלבסט זאָג דאָס אויך,—האָט געענטפערט דער סולטאן, וואָס האָט נאָך ניט פערגעסען דיא טרויעריגע ניט היימליכע פראָפעצייהונג וואָס זיא האָט איהם געזאָגט אויף זיינע פראגען אין סאָפיט'ס הויז,—און איך בעפעהלע דיר דוא זאָלסט איהר שטריינג פערהערען און ארויסגעבען איהר א פסק וויא זיא פערדיענט...

— דיין בעפעהל וועט פינקטליך ערפילט ווערען,—האָט געענטפערט דער שייך, וואָס מעהר וויא דאָס האָט ער ניט בעדאַרפט.

—מען זאָל איהר איינזעטצען אין שטיינקאמער אין סעריל,—האָט דער סולטאן ווייטער געזאָגט.

— דאָס איז גראָד ניט אזוי גוט, וואָרום דאַרטען געפינט זיך יעצט אַרעסטירט איין אָפיציער, יענער וואָס איז צוריק געקומען פון שטרייט, דיעזער אָפיציער האָט מיט איהר אימער געהאט געשעפטען.

— נו, זעטץ איהר אריין אין איין אנדער געפיינגנים הויז, וואו דו פערשטעהסט, און בעראטה זיך מיט דעם גרויס וויזיר וואָס צו טהאָן מיט איהר.

— עס איז שוין ניט דאָ וואָס צו בעראטהען, איהר פּראָצעס איז שוין ביי דעם קאדי פון קאָנסטאנטינאָפּאָל.

— זאָל ער איהר פערמשפּטן אויף טויט! — האָט געזאָגט דער סולטאן, — אזא בעטריגערין, אזא שענדערין פון אונזער הייליגען רעליגיאָן דאַרף ניט לעבען אויף דער וועלט.

מאנזור־עפענדי איז אוועק פון סולטאן מלא שמחה, זיין האָפנונג אָן קורצען זיך אָבצורעכענען וויא געהעריג מיט זיינע פיינדע, איז נאָך געוואָרען ביי איהם פיעל שטארקער און זיכערער.

פון סולטאן איז דער שייך אוועקגעפאָהרען אין פּאָליציי פון סקוטארי, וואו עס איז געזעסען ארעסטירט די פּראָפעטין סירא. אויפ'ן וועג האָט ער בעגעגענט האמיד־קאדי'ן, וועלכער האָט איהם דערצעהלט, דאָס ער האָט איבערגעגעבען דעם דאָרטיגען פּאָליציי־מייסטער, ער זאָל סירא'ן די מערדערין, קיינעם ניט אוועקגעבען, עס מעגען איהר אפילו פאָרדערען דיא גרעסטע לייט פון טירקיי ביז וואנען עס וועט זיך ענדיגען איהר פּראָצעס.

— ביז אהער האָט איהר נאָך קיינער ניט געפאָדערט, — האָט דערצו נאָך מיט־געטהיילט האמיד־קאדי.

דער שייך־אול־איסלאם איז געבליבען זעהר צופרידען פון דיזען רעפּאָרט, און ער האָט ווידער מיטגעטהיילט דעם קאדי אלעס וואָס ער האָט אויסגעפיהרט ביים סול־טאן, וואָס וויל ניט אנדערס מען זאָל סירא'ן בעשטראָפען מיט טוידט שטראפע. דער־נאָך האָבען זיי זיך ביידע מישב געווען, וויא זיי זאָלען זיך יעצט בעגעהען מיט אָהר, וואָס פיר א מיטעל זיי ברויכען נאָך יעצט צו בעגראָבען זייערע פיינדע וואָס זיינען געבליבען אויסגעשעטעלט מיט זייער מסירה, וואָס זיי וועלען שוין קיין מאָל ניט קאָנען דערוויייזען, ווייל זיי האָבען דאָך נאָר געהאָפט, דאָס זיי וועלען ארויסקריגען סירא'ן און זיא וועט דערצעהלען דיא וואהרהייט, אָבער יעצט איז שוין דערמיט „א גוטען טאָג“.....

— דוא ווייסט וואָס, האמיד, איך וועל דיר זאָגען? — האָט זיך אָבגערופען דער שייך צו זיין געטרייען מיטהעלפער, — עס וואָלט ניט שאדען מיר זאָלען א קוק געבען מיט אונזערע אויגען אויף איהר און פיללייכט גאָר אָבנעהמען פון דאנען?

— און פאר וואָס ניט ? — האָט איינגעשטימט האמיד.

זיי זיינעןביידע אריינגעגאנגען אין וואכט־הויז און האָבען געהייסען דעם דעזשורני ער זאָל ארויספיהירען צו זיי דיא ארעסטאנטין וואָס האָט ערמאָרדעט א פרוי אין סקוטארי. אין א מינוט ארום איז שוין סיררא געשטאנען לעבען זיי. וויא זיא האָט זיי נאָר דערזעהען, האָט איהר אָנגעפאנגען צו ציטערען הענד און פיס, ווארום זיא האָט גאנץ גוט געוואוסט, דאָס איין מאָל איז זיא אריינגעפאלען צו זיי אין דיא הענד וועט זיא שוין קיין לעבעדיגע ניט ארויס....

מען זאָל איהר בינדען און אריינוואַרפען צו מיר אין וואָגען, — האָט בעפאָהלען דער שייך.

וויא דיזער בעפעהל איז געוואָרען ערפילט, האָבען זיך ביידע גוטע פריינד אריינגעזעצט אין קארעטע און האָבען געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אין פעסטונג. דערנאָך האָבען זיי זיך פערטיעפט אין געשפּרעך וועגען זייערע געשעפטען. סיררא איז דיא גאנצע צייט געלעגן ניט טוידט ניט לעבעדיג, צונויפגעדרעהט וויא א קנויל, און האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ טהוט זיך מיט איהר. אָבער דאָך האָט זיא בעמערקט דיא קלענסטע בעוועגונג, דיא קלענסטע מינע פון זייערע געזיכטער און איינגעהערט וואָרט אין וואָרט אלעס וואָס זיי האָבען געשפּראָכען, וויא שטיל זיי האָבען צווישען זיך ניט גערעדט. דער שייך האָט געהייסען איינזעצען סיררא'ן אין טהורעם פון תליון בודימיר און פערזאָגט מען זאָל איהר האלטען זעהר שטרענג, קיינער זאָל גאָר ניט וויסען דאָס זיא געפינט זיך דאָרטען.

58.

נאָך דעם סולטאן'ס אוועקגעהן פון ראָשאנע'ס באָל האָבען זיך דיא איבריגע געסט אויך ניט פיעל פערזאמט. זיי האָבען נאָר ריין געמאכט דיא בופעטען מיט דיא נאשערייען און גוטע זאכען און האָבען איינציגווייז, ווער פריהער, ווער שפּעטער, גענומען געהען אהיים. האסאן איז אוועק גלייך מיט'ן סולטאן און האָט זיך ניט דערוואַרט אויף קערים־פּאשא'ס תשובה. ער איז אָבער געוועזען זיכער דאָס קערים־פּאשא האָט פינקטליך ערפילט זיין מיסיאָן, סיררא איז שוין געווים ביי דער סולטאנין וואָלידע אין שלאָס. ווען קערים פּאשא איז געקומען צולויפען אָהן אָן אָטהעם צוריק, אום צו הערען וואָס דיא סולטאנין פערלאנגט פון אים נאָך, אזוי וויא לאצארוס האָט איהם אָבגענאַרט, איז שוין כמעט קיינער פון דיא געסט ניט געווען און ווער רעדט שוין וועגען וואלידע; זיא איז נאָך פריהער אוועקגעגאנגען. קערים־פּאשא האָט קיין אנדער זאַך ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן וויא גלייך לויפען פון דאָרטען צו וואלידע'ן אין פאלאַץ.

לאצארוס האָט אָבגעטאָהן זיין זאַך און איז אויך שנעל געקומען צוריק. איהם

האָט זיך געוואָלט וויסען וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען מיט סאדי'ן אויפ'ן באַל און וויא ער האָט זיך ערקונדיגט דאָס סאדי קלייבט נחת ביי ראָשאנע'ן אין בודואר איז ער געוואָרען אויסער זיך פון כעס.

„עס איז איהם נאָך ווענינ האָט ער זיך געטראַכט, וואָס ער האָט מיך פערטריעבען פון רעציע'ן. וויל ער נאָך ביי מיר צונעהמען מיין הערשערין.... ער וועט געוויס הייראטהען מיט ראָשאנען, און דאמאָלס ווערט ער א הערר איבער מיך און וועט געוועלטיגען איבער מיר!“...

דיעזער געדאנקען איז פיר איהם געווען ניט אויסצוהאַלטען; ער האָט געהאַט דערפון שרעקליכע שמערצען, דאָך האָט ער געמוזט שווייגען: וואָס האָט ער געקאָנט טאָהן?

שפעטער פון אלען איז אוועק פון באַלל סאדי. ראָשאנע האָט איהם אָבגעשיקט אהיים אין איהר אייגענע קארעטע. צו הויזע האָט ער זיך געליינט שלאָפען און איז ערשט אויפגעשטאַנען אויף מאָרגען האַלבען טאָג, ווען עס איז צו איהם געקומען האַסאַן און האָט איהם אויפגעוועקט.

— האָסט שוין געהערט פון אונזער קערים־פאַשא? — האָט האסאַן ביי איהם געפרעגט, — ער האָט זיך דאָך פערזאַמט און איז געקומען אין פאָליציי שוין נאָך אַלעם! ער האָט דאָס מיר זעלבסט מיטגעטהיילט...

— אָבער וויא אזוי? וואָס האָט איהם געשטערט צו קומען אין דער צייט?

— אונזערע פיינדע, איך מיין דער שייך־אול־איסלאַם און האמיד־קאדי, האָבען זיך, וויא עס ווייזט אויס, איינגעהאָרכט אין אונזער געשפרעך, און איידער קערים פאַשא איז געקומען אָבנעהמען סירראַן, האָבען זיי ביידע איהר שוין פריהער אָבגענומען... אזוי האָבען געזאָגט דיא קאוואַסען אין סקוטאַרי.

— אויב אזוי, איז גאַנץ שלעכט, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — דאָך פערשטעה איך ניט, וויא אזוי האָט זיך קערים־פאַשא אזוי פיעל פערשפעטיגט, דאָס אונזערע פיינדע האָבען צייט געהאַט איהר אָבצונעהמען פאַר זיין קומען? ער איז דאָך גלייך אוועק אין סקוטאַרי און איז אנדערס וואו ניט געגאַנגען?

האסאַן האָט דערצעהלט זיין פריינד וויא דער שייך האָט דורך לאַצאַרוס'ן אָבגענאַרט דער סולטאַנין'ס קאַמער־הער, און צוליב דעם האָבען זיי אויסגעשפיעלט צייט.

— אָט דאָס איז אַן אויסוואורף! — האָט אויסגעשריען סאדי העכסט אויפגעבראַכט, — אָבער, עס וועט איהר טהייער קאָסטען, היינט מוז איהם ראָשאנע ארויספּריבען!... איך פערשטעה ניט וואָס האַלט זיא אזא ניעדערטרעכטיגען מענשען....

— דאָס איז א געשפרעך אויף שפעטער, — האָט איהם האסאַן איבערגעהאַקט די

רייך, — יעצט איז קיין צייט ניט וועגען דעם צו שפּרעכען, מיר מוזען ארויסנעהמען פון זייערע הענד דיא ארמע סירא; איך ווייס אָבער ניט וואו זיי האָבען איהר איינגעזעצט און פיליכט האָבען זיי שוין געמאכט א סוף פון איהר לעבען, און מיר בעמיהען זיך גאָר אומזיסט,דעריבער מוזען מיר איהר אויסשפּירען איהר געפענגניס אָרט. הויל צוליעב דעם בין איך געקומען צו דיר. מיר איז ניט מעגליך אוועקצוגעהן אויף לאנג פון סולטאן, ווייל איך בין דאָך זיין אדיוטאנט. אָבער דוא ביזט פריי צו געהן ווען דוא ווילסט און וואוהין דוא ווילסט. שטעה דעריבער אויף און געה וואָס שנעלער ארויס אין גאס.

— און וויא האלט דאָס, ליעבער האסאן, מיט אונזער צארא־בעי?

— צארא קען נאָר פריי ווערען דורך דעם גרויס־וויזיר, וואָס איז דער פּרעזידענט פון דער קאָמיסיאָן וואָס איז בעשטימט געוואָרען צו משפּט'ן צארא'ן. ער איז דעם שייך'ס א געגנער, און אויב ער וועט זיין גוט צו אונז קען ער אונזער פריינד אין גאנצען בעפרייען, ווען ניט, וועט ער איהם פערמשפּט'ן צו זיטצען א לאנגע צייט אין א פעסטונג ווייט פון דאנען. אָבער דאָס האָט נאָך געדולד און מיר וועלען נאָך צייט האָבען צו שפּרעכען וועגען דעם. יעצט איז פיר אונז פיעל וויכטיגער צו בעקומען אין אונזערע הענד סירראַ'ן. ווען מיר האָבען איהר זיינען מיר שוין זיכער אין דעם שייך'ס מפּלה, און דאמאָלס וועט שוין צארא אויך פריי ווערען, אלזאָ, איז אונזער ערשטע זאך צו וויסען דעם אָרט פון סירראַ'ס געפענגניס. וויא איך פערשטעה, קאָנסט דוא דאָס דערגעהן ביי דער פּרינצעסין ראָשאנע, וואָס איז צו דיר זעהר גוט געניינט. זיא געהט אָפט אין רואינע, „קאדריש" און ווייס פון דעם שייך'ס אלע סעקעטען, געוויס ווייס זיא פון סירראַ'ס געפענגניס אָרט אויך.

— גאנץ רעכט, — האָט געענטפערט סאדי, — איך געה גלייך אריבער צו איהר.

—און איך וועל דיך בעגלייטען ביז איהר פּאלאַץ אין סקוטארי.

נערעדט און געטאָהן, סאדי האָט אָנגעצויגען זיינע קליידער און איז אוועק צוזאַמען מיט האסאן'ען אין סקוטארי. ניט ווייט פון ראָשאנע'ס פּאלאַץ האָבען זיי גענומען איינער פון דעם אנדערן אבשיעד, האסאן איז אוועקגעגאנגען צום סולטאן און סאדי איז אוועק צו ראָשאנען אין פּאלאַץ, וו עס איז איהם פון לאנג אָן געווען ערלויבט אין אלע צייטען ארייגצוגעהן אין וועלכעס צימער ער האָט געוואָלט. ער האָט נאָר געהאט צו ווייזען דעם גאָלדענעם רינג וואָס דיא פּרינצעסין האָט איהם געשאָנקען דאָס ערשטע מאָל וויא ער איז ביי איהר געווען, און מען האָט שוין ביי איהם ניט געפרעגט וואָס ער דארף און גלייך געעפענט דיא טיהר, וואוהין ער האָט געוואָלט ארייגנעהן.

ראָשאנע איז נאָך געווען אין שלאָף־צימער, זיא האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערן און אָבפרעהען וואָס סאדי איז געקומען אזוי פריה. זיא האָט איהם דורך איהר קאמער

מעדכען עסמא געבעטען ער זאָל א קליינע ווײלע אויפציהען אין פּאָרצימער, און וויא זיא האָט אָנגעטאָהן א מאָרגען ראָק און פערשלייערט דאָס געזיכט, האָט זיא איהם אריינגערופען און בעגעגענט אזוי ווארים, אזוי פריינדליך, וויא א געליעבטע בעגעגענט דאָס וואָס זיא ליעבט. זיא האָט זיך אָנגעשפּארט אויף א ווייכע נידריגע זאָפע און האָט איהם געבעטען ער זאָל זיך זעצען הארט לעבען איהר. סאדי האָט זיך ניט געלאָזט בעטען און עס האָט זיך ביי זיי גלייך אָנגעפאנגען א לאנגער ליעבעס-געשפּרעך. עט־ליכע מאָל האָט סאדי ריידענדיג געזיפצט, און ראָשאנע האָט געפּרעגט דיא אורזאכע פון זיין צער און פיליכט איז זיא אים שטאנד איהם צו העלפען. סאדי האָט איהר ער־צעהלט דיא געשיכטע מיט דער פּראָפעטין וואָס דער שייך האָט גואו עס איז אהינגע־טאָהן, ווייל זיא וויים פון אלע זיינע פערברעכען און מערדעריי און ער האָט מורא זיא זאָל ניט ענטדעקען זיינע געפעהרליכע טהאטען.

— ער איז אונזערער, מיינער און האסאן'ס, א בלוט פיינד וואָס האָט זיך בע־שלאָסען אונז אונגליקליך צו מאכען... אונזער האָפנונג איז נאָר געוועזן אויף דיא פּראָפעטין זיא זאָל זאָגען עדות און דערוויזען וואָס פיר א נידערטרעכטיגער מענש דאָס איז; אָבער יעצט איז זיא פערשוואונדען געוואָרען, און מיר זיינען אלע אין גרויס געפאהר, ווארום דער שייך איז פעהיג אויף אלעם... איין מאָל וויל ער אונז אונגליקליך מאכען, איז ביי איהם רעכט צו ברויכען אלע מיטעל, צו טאָהן דיא ני־דעריגסטע פערברעכען, און ער וועט זיין ציעל עררייכען, ער וועט שוין אונז פערקירצען דאָס לעבען...

— ניין, ניין !— האָט ראָשאנע אויסגעשריען, — דאָס וועט קיין מאָל ניט גע־שעהען. איך וועל מיך ערקונדיגען וואו דיעזע פּראָפעטין געפינט זיך.. איך געה גלייך צום שייך.

— דאָך דארפסט דוא זעהר פּאָרזיכטיג זיין, ווארום דוא האָסט ביי זיך אפולע שפּיאָנען, וואָס זאָגען אוים אלע דיינע סעקרעטען, אלעס וואָס זיי האָרכען און זעהן ביי דיר אין פּאלאץ. דער שלעכטעסטער און נידריגסטער פון דיינע דיענער איז גראָד יענער, אין וועלכען דוא ביזט מעהר פון אלעם איינגעטרויט.

— דוא מיינסט לאצארום ? — האָט ראָשאנע געפּרואווט טרעפען.

— דוא האָסט געטראָפען, — האָט סאדי געענטפערט, — ווירקליך ער. ער וויים פון אלע דיינע סעקרעטען פיעל וויא דוא זאָגסט איהם זעלבסט; ער זעהעט צו מיט הונדערטע אויגען, האָרכט מיט הונדערטע אויערן און גיבט אלעס איבער דיינע פיינד וואָס בעלאָהנען איהם פיר דאָס מיט געלד... איך בין ניט זיכער, דאָס ער האָרכט זיך יעצט ניט איין וואָס מיר שפּרעכען.

סאדי האָט געטראָפען, ווארום לאצארוס האָט זיך ווירקליך אין א ווינקעלע, הינ־טער א טיהר איינגעהאָרכט אין זייער געשפּרעך.

— איך קאָן מיט דיר אין דעם ניט איינשטימען, — האָט ראָשאנע געענטפערט, — איך האָב נאָך איהם ביז אהער ביי קיין זאך ניט געהאפּט וואָס איך זאָל איהם חושד זיין.

— דאָך ראטה איך דיר דוא זאָלסט מיינע ווערטער גוט אוועקמאכען אונטערן האנד. איך רייד ניט פון ווינד. איך וויים גאנץ גוט דאָס ער, און ניט קיין אנדערער האָט איבער געגעבען דעם שייך דאָס וואָס דיא סולטאנין וואלידע האָט גערעדט מיט האסאן'ען וועגען דיא פּראָפּעטין, און ער אליין האָט דערנאָך אונטערגענארט קערים־פּאשא אין וואלידע'ס נאָמען .... סאדי האָט איהר ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע, וויא דער שייך האָט דורך דען פאלשען ליגנערישען גריכע אָבגענארט קערים־פּאשא און האָט איהם אומגעקעהרט אין נאָמען פון וואלידע'ן, וועלכע האָט אין אמת'ן ניט גע־וואוסט פון וואָס צו זאָגען.

— אויב אזוי, — האָט זיך אָבגערופען ראָשאנע, — טרייב איך איהם שוין ארויס, זיין פוס זאָל זיך ביי מיר ניט געפינען! — ראָשאנע האָט אָנגעקלונגען. דיא מינוט איז ארייגעקומען איהר קאמער־מערכען עסמא. ראָשאנע האָט איהר געהייסען, זיא זאָל ארייגרופען דעם האָפמייסטער לאצארוס און זיא זאָל זאָגען דעם קוטשער, ער זאָל איינשפּאנען איהר קארעטע און צו פאָהרען צו דיא טרעפּ.

— איך פאָהר גלייך אין רואינע, — האָט זיא זיך געווענדעט צו סאדי'ן וויא די דיענערין איז ארויס פון צימער, — און איך וועל מיך בעמיהען אויסצופאָרשען פון שייך וואו עס געפינט זיך דיא פּראָפּעטין. קום ארויין שפּעטער נאָך איין אנטוואָרט.

עסמא איז געקומען צוריק מיט דער מעלדונג, דאָס לאצארוס איז ניט דאָ, ער איז מיט א מינוט פריהער אוועק פון פּאלאץ.

— אזוי אָהן מיין ערלויבנים? — האָט א געשריי געגעבען ראָשאנע, — זיין פוס זאָל זיך ביי מיר ניט געפינען! אונטרייע דיענער ברויכע איך ניט. זאָג דעם וועכטער ער זאָל איהם שוין מעהר ניט אריינלאָזן, איך וויל איהם מהר ניט קענען!

— און דוא, סאדי, בעגלייט מיך צו מיין קארעטע.

ראָשאנעס לעצטע ווערטער צו סאדין האָבען פיר אלעם קלאָהר געמאכט, דאָס זיא איז פערליעבט אין סאדי'ן, דאָס זיא וויל שוין מעהר דאָס ניט האלטען פיר א סעקרעט און דאָס זיא וועט קירצליך מיט איהם הייראטהען. אלע דיענער האָבען אויך פערשטאנען דאָס זיא האָט דעם גריכע לאצארוס אויך ארויסגעטריעבען נאָר צוליעב איהם. זיי זיינען אלע געווען סאדי'ן זעהר דאנקבאר, וואָס זיי זיינען דורך איהם פּטור געוואָרען פון דעם פערהאסטען ניעדערטרעכטיגען האָף־מייסטער. אין אלגעמיין זיי־

נען זיי שוין פאָראויס זעהר צופריעדען געווען וואָס סאדי ווערט זייער הערר. זיי האָבען איהם שוין אלע פון לאנג אָן געליעבט.

ראָשאנע איז באלד געווען אין רואינע „קאדריש". וויא זיא איז אריין אין פאָרצימער פון ראטהס־קאבינעט, האָט זיא דערזעהן לאצארוס'ן וואָס האָט געוואָלט ארויסגעהן. יעצט האָט זיא פערשטאנען דאָס סאדי האָט קיין ליעגען געזאָגט. לאצארוס האָט זיך געוואָלט פון איהר בעהאַלטען הינטער א טיהר, עס איז אָבער געווען צו שפּעט. ראָשאנע האָט זיך אָבער געמאכט איהם ניט קענענדיג און איז איהם פּערבייגעגאנגען אזוי וויא א פרעמדע און האָט מיט איהם א וואָרט ניט אויסגערעדט. זיא איז גלייך אריין אין ראטה'ס קאבינעט וואו זיא האָט געטראָפען דעם שייך מיט זיין פריינד, זיי האָבען איהר אויפגענומען גאנץ קאלט.

— וואָס טהוען היער מיינע דיענער? — האָט זיא געפרעגט מיט פערדרוס, — איהר האָט פון מיינע דיענער געמאכט שפּיאָנען, וואָס גיבען אייך איבער אלעס וואָס איך טהו און שפּרעך אין מיינע אינוועניגסטע געהיימע צימערן?...

— איך וויים אָבער ניט פון וואָס צו זאָגען, — האָט זיך אָבגערופען דער שייך־אול־איסלאם.

— ניין, מיין הערר, — האָט איהם געענטפערט ראָשאנע, — מיט ליגען און פאלשהייט וועט איהר גאָר ניט מאכען.

מאנזור־עפענדי איז אויפגעציטערט געוואָרען פון דיעזע ווערטער, אזוי וויא א שלאנג וואָלט איהם א ביס געגעבען.

— אויב אייערע דורכלויכט וועט זיך נאָך א מאָל ערלויבען אזעלכע ווערטער געגען אונז. וועלען מיר אייך פערבאָטען מעהר אהער צו קומען.

— עס איז גאנץ איבעריג מיר דיעזעס צו פערבאָטען, ווארום איך קום זאָ וויא זאָ אהער דאָס לעצטע מאָל, מעהר וויל איך צו אייך ניט געהן.

— אלזאָ זייט איהר נאָר געקומען אונז צו מעלדען, דאָס איהר זייט שוין מיט אונז, וויא מען זאָגט, אָב־חבר?

— איהר האָט דער ערשטער געבראָכען אונזערע פריינדשאפט, — האָט איהם ראָשאנע געענטפערט, — איהר האָט מיר בעצאָהלט מיט שלעכטעס פיר מיינע גוטעס. אָבער, דיא וואהרהייט צו זאָגען, בין איך גאָר געקומען אחער צוליעב איין אנדער זאך. איך פערלאנג, איהר זאָלט מיר זאָגען, וואוהין איהר האָט אהינגעטהאָן דיא פראָפעטין, איך ברויך דאָס צו וויסען.

— פערצייהען זיי מיר, מאדאם, — האָט זיך אָבגערופען צו איהר דער שייך, — איך מיין, ווען איהר וואָלט געווען ביים זינען וואָלט איהר אזא זאך ניט פערלאנגט. איבריגענס, האָט איהר געטטעו[?] נאָך א גרעסערע נארישקייט געטהאָן. איהר

האָט אייך בעשלאָסען צו הייראטהען מיט סאדי'ן, וואָס איהר זעלבסט האָט פון איין אָרעמען שיפער יונג געמאכט פיר א פאשא: איז דיעזעס ניט א משוגעת?

— צו איך וויל איהם הייראטהען צו ניט, — האָט זיך אָבגערופען דיא פרינצעסין, — דאָס איז גאָר ניט דיין זאַך. זאָל זיין אז יא, בין איך ניט דיא ערשטע, עס האָבען זיך פיעלע פרינצעסינען פערהייראטהעט מיט מענער, וואָס זיינען דערהעבט געוואָרען פון נידריגען שטאנד. איהר ווייסט דאָס אזוי גוט וויא איך. איהר זאָגט מיר בעסער וואו איהר האָט אהינגעטהאָן דיא פראָפעטין. ווען איהר זאָגט ניט, איז דאָס א בעוויז, דאָס איהר האָט פורכט, זיא זאָל ניט אויסזאָגען וואָס זיא וויים פון אייערע גוטע מעשים.

מאנזור־עפענדי, וואָס איז אין טירקיי דער ערשטער הייליגער מאן, האָט נאָך אין זיינעם לעבען אזעלכע זידעל ווערטער, אזעלכע זלזולים פון קיינעם ניט געהערט, אפילו פון סולטאן אליין אויך ניט. עס איז זיך דעריבער ליכט פאָרצושטעלען, וויא ער איז אין כעס געוואָרען אויף דיא פרינצעסין.

— א בעטריגערין, וויא סירא, וועלכע איז נאָך אין חשד צו זיין דיא מערדערין פון א'ן אלטער פרוי, — האָט דער שייך אויסגעשריען מיט א בייזע שטימע,— איז ניט ווערטה מען זאָל זיך מיט איהר אנדערש בעגעהן. א פערברעכערין וויא זיא מוז זיין ארעסטירט אין א סעקרעטנעם אָרט, און קיינער האָט קיין רעכט ניט צו פערלאנגען איהר בעפרייאונג און שטערען דיא גערעכטיגקייט וואָס וויל איהר בעשטראָפען וויא זיא האָט פערדיענט... איבריגענס, איז דאָס גאָר ניט מיין זאַך צו וויסען, וואו זיא געפינט זיך. דאָס געהערט צום יוסטיץ מיניסטער, און איהר דארפט זיך ווענדען צו איהם. דער שייך האָט געוויזען אויף האמיד'ן. פון מיינטוועגען מעג ער איהר אין גאנצען בעפרייען, נאָר אייך צוליעב צו טהאָן...

— איך ווענד מיך צו אייך ביידען, — האָט ראָשאנע געענטפערט, — איך ברויך נאָר צו וויסען וואו סירא ווערט יעצט געפיינינט, און ווער עס וועט מיר דאָס ענטדעקען איז פיר מיר פיעל גלייך.

— ליידער קאָן איך אייער פערלאנגען ניט ערפילען, — האָט זיך אָבגערופען צו איהר האמיד־קאדי, — איך בין א טרייער וועכטער, א טרייער אויפזעהער פון אונזערע געזעצע, און דיעזע געזעצע פערבאָטען צו ענטדעקען דיא סעקרעטנע ערטער, וואו עס זיינען ארעסטירט שווערע פערברעכער, וויא דיעזע זינדיגע סירא, כדי קיינער זאָל זיי ניט קאָנען מיט געוואלט בעפרייען.

— נו, ווען מיינע ווערטער האָבען ביי אייך קיין ווערטה ניט, — האָט זיך א בייזער געגעבען ראָשאנע, — ווען איהר ווילט מיר ניט פאָלגען, וועט איהר מוזען

פאָלגען איינעם, וואָס איז העכער פון מיר און פון דיא געזעצע אויך! און זייט וויסען, דאָס איך בין א געפעהרליכע געגנערין!

מאנזור־עפענדי און זיין פריינד האָבען זיך וועניג דערשראָקען פון איהרע ווערטער אויף וועלכע זיי האָבען זיך אונטערגעשמייכעלט. ראָשאנע איז געוואָרען רויטה וויא בלוט און איז פון זיי אוועקגעגאַנגען וויא א פערברענטע פון צאָרן און פון שאנדע.

עס איז שוין געוועזן רעכט פינסטער. ניט ווייט פון דער רואינע האָט זיא אָנגעטראָפען אונטער א געדיכטען בוים דעם האלב־נאקעטען שלאנגען־בעשווערער, וועלכער איז שוין אונז בעקאַנט פון פריהער. וויא ער האָט איהר נאָר דערזעהען, איז ער געפאַלען פאר איהר אויף דיא קניע. ראָשאנע האָט איהם צוגעוואָרפען א מטבעה.

— איך דאנק דיר הערצליך פיר דיין פרומע נדבה, — האָט ער זיך אין דער שטיל אָבגערופען צו איהר, — געה צום הענקער (תליון) בודימיר, ביי איהם ווערסט דו געפינען דיא אָרימע סיררא...

דער שלאנגען־בעשווערער האָט אויסגעשפראָכען דיעזע ווערטער אזוי שטיל, דאָס קוים וואָס ראָשאנע האָט געהערט. עס איז געוועזן צו זעהען, דאָס דער אלטער שלאנגען־בעשווערער האָט זיך געהיט, קיין אנדערער וויא זיא זאָל זיינע מיטטהיילונג ניט הערען. דיא פּרינצעסין האָט זיך אין אָנפאנג זעהר פיעל געוואונדערט איבער דעם און האָט איהם געוואָלט צורופען און אריין מיט איהם אין א געשפּרעך; זיא האָט אָבער באלד בעמערקט, דאָס לעבען איהר קארעטע ווארט לאַצארוס, און זיא האָט פערשטאנען, דאָס דער שלאנגען־בעשווערער האָט זיך געהיט פאר דיעזען ניעדערטרעכטיגען שפּיאָן. אזוי האָט זיא זיך ניט אָבגעשטעלט און איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר קארעטע. לאַצארוס האָט איהר געוואָלט, וויא געוועהנליך העלפען זיך אריינזעצען, זיא האָט איהם אָבער פון זיך אָבגעטריבען.

— איך ברויך ניט צו האָבען שפּיאָנען אין מיין וואָהנונג! — האָט זיא אויף איהם א געשריי געטהאָן, — פאָרט פון מיינע אויגען! דיין געביין זאָל מעהר צו מיר ניט אריינקומען!

ראָשאנע איז אוועקגעפאָהרען און ער איז געבליבען שטעהן, וויא א גנב וואָס מען כאַפּט פּלוצלינג פיר'ן האנד.

— נו, דאָס האָב איך צו פערדאנקען סאדי'ן, — האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט, — דאָס איז נאָר זיין ארבייט, ווייל איך בין איהם געשטאנען וויא א ביין אין האלז... אָבער דאָס וועט איהם ניט געשאָהנט ווערען. ער האָט מיך ארויסגעשטויסען פון ראָשאנע'ס פּאלאַץ. און איך וועל איהם ארויסשטויסען פון ראָשאנע'ס הערצען. . .

59.

מוטער און קינד.

מיר מוזען דאָ אָנפאנגען אונזער ערצעהלונג מיט א צייט צוריק איידעה רעציע מיט'ן קליינעם סאלאדין זיינען אנטלאָפען פון האניפע'ס וואָהנונג און דער גריכע לאצארוס האָט ערמאָרדעט דיא אלטע האניפע.

אזוי וויא מיר ווייסען, האָבען זיך רעציע מיט דעם קליינעם סאלאדין א לאנגע צייט אויפגעהאלטען ביי דער אלטער האניפע. זיא האָט זיך דאָרטען זעהר גוט גע־פיהלט. האניפע האָט געטהאָן פיר זייביידען אלעם אין דער וועלט, אום נאָר צו פערלייכטערן זייערע שמערצען. זיא האָט זיי פערשאפט פון אלעם גוטען צו עסען און צו טרינקען און געזאָרגט וועגען אלע זייערע בעדירפניסע. זיא האָט זיי געהאלטען וויא דיא אויגען אין קאָפּ. אויסער אלע זאכען האָט זיא רעציע'ן אָפט פערשאפט נאכ־ריכטען פון איהר געליעבטען סאדי. איהר צו פערדאנקען האָט רעציע געוואוסט דאָס סאדי איז פון קאָנסטאנטינאָפּאָל אוועקגעפאָהרען אויף'ן שטרייט מיט דיא בלוט־ברויט, און דאָס ער געפינט זיך אין דער אראבישער וויסטעניי.

וויא גוט און רוהיג עס איז איהר אָבער ניט געוועזען ביי האניפע'ן, האָט זיא אויף אימער ניט געקאָנט אין זיך ערשטיקען דעם הייסען וואונש זיך צו זעהען מיט סאדי'ן. זיא האָט זיך אזוי פערביינקט, דאָס ביי איהר איז געבליעבען ניט אנדערש צו שיידען זיך מיט האניפע'ס וואָהנונג און געהן אין וויסטעניי אויפזוכען סאדי'ן און בלייבען לעבען איהם. „וואוהין ער וועט געהן, וועל איך אויך געהן, האָט זיא זיך גערעכענט; דיא שוועריגקייטען און געפאהרען אין שטרייט, וועל איך אויך בעגע־גענען צוגלייך מיט איהם. איך וויל האָבען א טהייל אין זיינע ליידען אזוי וויא אין זיינע פערגניגען; אין זיין אומגליק, אזוי וויא אין זיין גליק"...

וואָס האניפע האָט איהר ניט אָבגעשלאָגען פון איהר פּלאן, איז רעציע גע־בליעבען ביי דאָס איהריגע. איידער אָבער אוועקצוגעהן פון האניפע'ן, איז נעטהיג געוועזען אויפצוזוכען איין אָרט פיר דעם קליינעם סאלאדין, וועלכע זיא האָט דורכאויס ניט געוואָלט לאָזען ביי האניפע'ן. ערשטענס, האָט זיא איהם ניט געוואָלט ארויפ־ווארפען אויף איין אלטע שוואכע פרוי, וואָס איז אליין קוים דורכגעקומען מיט'ן לעבען. צווייטענס, האָט זיא האניפע'ן מעהר ניט געוואָלט שטעלען אין געפאהר, ווארום מען האָט צו יענער צייט שטארק געזוכט דעם קליינעם פרינץ און דיא סול־טאנין וואלידע וואָלט האניפע'ן שטרענג בעשטראָפט, ווען זיא וואָלט זיך דערוויסען, דאָס סאלאדין האלט זיך אויף אין דער שטיל ביי איהר אין וואָהנונג. וואו טהוט מען איהם אָבער אהין? זיא האָט זיך לאנג מישב געוועזן און עס איז ביי איהר גע־בליעבען, זיא זאָל איהם אָבפיהרען צו זיין פאָטער, צום פרינץ מוראד. מיט פרייגד־

ליבע דאנק־ווערטער האָט רעציע גענומען פון האניפע׳ן אבשיעד, און האָט פערלאָזען איהר וואָהנונג, אין איין האנד א רייזע־זעקעל און מיט דער אנדערער פיהרענדיג דעם קליינעם סאלאדין. דאָס וועטער איז צו יענער צייט געווען אונהיימליך, רעגענדיג, עס איז געווען אין הערבסט; סאלאדין איז געווען דערצו שלעפעריג, ער האָט דיא פאָריגע נאכט ווייניג געשלאָפען, איינס מיט דאָס אנדערע האָט אויף איהם שלעכט געווירקט און ער האָט אין וועג אויסגעבראָכען אין א גרויסען געוויין.

רעציע האָט איהם גענומען בערוהיגען און טרייסטען:

— איך פיהר דיך צו דיין פאָטער!

— צו מיין פאָטער? — האָט ער זיך געוואונדערט, — איז דען מיין פאָטעה שוין לאנג ניט טוידט?

ביז אהער האָט סאלאדין אנדערש ניט גערעכענט, דאָס זיין פאָטער איז געווען אלמאנזאר, וואָס האָט איהם ערצויגען און וואָס איז שוין ווירקליך לאנג טוידט געוועזן, און יעצט וויל איהם רעציע פיהרען צו איהם?

רעציע האָט איהם געמוזט ערצעהלען זיין גאנצען יחוס און דיא אורזאכע וואָס זיין פאָטער, זיין ריכטיגער פאָטער, האָט איהם ביי זיך ניט געקאָנט האלטען.

— ליעבער סאלאדין, — האָט זיא צו איהם געזאָגט, — מיין פערשטאָרבענער פאָטער אלמאנזאר איז נאָר געווען דיין ערציהער. דיין ווירקליכער פאָטער איז דער פרינץ מוראד. איבער פאָליטישע אורזאכען האָט ניט געלאָהנט ער זאָל דיך האלטען ביי זיך, ווארום ביי איהם אין פאלאץ ביזט דו ניט זיכער געווען מיט דיין לעבען, ווארום עס זיינען דאָ אין סולטאן׳ס פאמיליע גרויסע לייט פיר וועלכע עס לאָהנט ניט דער פרינץ מוראד זאָל האָבען א זוהן; דעריבער האָט דיך דיין פאָטער אָבגעגעבען אין מיין פאָטער׳ס הויז, ער זאָל דיך ערציהען אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט וויסען וואו דו ביזט. יעצט אָבער האָבען זיך דיא פאָליטישע אומשטענדען אין גאנצען געענדערט, און דיין פאָטער קאָן דיך אָפען און פריי האלטען ביי זיך. געוויס וועסט דו ביי איהם פיעל בעסער לעבען, וויא דו האָסט ביז אהער געלעבט.

— דאָך, ליעבע רעציע, וויל איך בעסער בלייבען מיט דיר, וויא צו געהן צו א פאָטער וואָס מיר קענען זיך גאָר ביידע ניט, — האָט סאלאדין געענטפערט, — איך פערשפרעך דיר פון יעצט אָן מעהר ניט צו וויינען. נעהם מיך נאָר מיט אויף דיין רייזע, וואוהין דו געהסט, בין איך אויך פערטיג צו געהן.

— ניין, טהייערער סאלאדין, דו מוזט זיך אומקעהרען צו דיין פאָטער. ער בענקט שטארק נאָך דיר און דו וועסט זיין ביי איהם א גרויסער גאסט. מיר איז אויך שווער זיך צו שיידען מיט דיר, אָבער עס קאָן אנדערש ניט געשעהען, וואָס קאָן מען מאכען, א זוהן קאָן אימער ניט וואָהנען ביי פרעמדע.

סאלאדין האָט זיך געלאָזט איינריידען און רעציע איז מיט איהם אריבערגעפאָהרען אין א שיפעל איבער'ן באָספאָר. וויא זיי זיינען ארויס אויף'ן ברעג, זיינען זיי גלייך אוועק אין מוראד'ס פאלאץ, וואָס איז געוועזן ניט וויים פון דאָרטען. רעציע האָט זיך געלאָזט מעלדען און מען האָט איהר אריינגעפיהרט אין א פאָר־זאאל, וואוהין אין עטליכע מינוט ארום איז געקומען מוראד'ס האָפמאַן מיט דעם נאָמען ביאוס־מושיר און האָט פון איהר איבערגענומען דעם קליינעם סאלאדין. רעציע האָט פון קינד זעהר צערטליך גענומען אָבשיעד און איז ארויס פון פאלאץ צופריעדען, וואָס זיא האָט אָבגעטהאָן איהר זאַך און האָט געלאָזען סאלאדין'ען אין זיכערע גוטע הענד, ווארום וועלכע הענד קענען זיין בעסער וויא א פאָטער'ס? באלד איז איהר אָבער ארויף אויף'ן געדאנקען, דאָס זיא האָט ניט גוט געטהאָן, וואָס זיא האָט געטרויט דעם האָפמאַן: ווער ווייס וואָס דאָס איז פיר א מענש? פיליייכט איז ער ניט בעסער, וויא ראָשאַנע'ס לאצארוס, און ער וועט פיר געלד אָבגעבען סאלאדין'ען צו זיינע פיינד אין דיא הענד, און מוראד וועט דערפון גאָר ניט ווייסען?

זיא האָט זיך דיא זעלבע מינוט אומגעקעהרט אין פאלאץ, אום צו פעררייכטען דעם פעהלער, וואָס זיא האָט געמאַכט; מען האָט איהר שוין אָבער מעהר ניט אריינגעלאָזען. דאָס האָט נאָך פערגרעסערט איהרע פיינליכע געדאנקען, דאָס זיא האָט סאלאדין'ען אריינגעפיהרט אין איין אומגליק. זיא האָט אָבער ניט געקאָנט אוועקגעהן פון אָרט מיט אזעלכע טרויעריגע אונגעוויסע געדאנקען און זיא האָט זיך בעשלאָסען צו ווארטען לעבען פאלאץ אזוי לאנג, ביז וואנען זיא וועט זיך דערוויסען אויף קלאָר דעם סוף פון סאלאדין'ען. צום גליק איז איהר פיעל ניט אויסגעקומען צו ווארטען. אין א פאָר שטונדען ארום איז צוגעפאָהרען צו מוראד'ס טרעפ א קארעטע; אין וועלכע עס האָבען זיך אריינגעזעצט צוויי פערזאָנען. איינער איז געוועזן אלט א יאָהר פינף און דרייסיג, דיק, מיט שווארצע באקען־בארד, געקליידעט גאנץ אייראָפעאיש, אויסער דיא טירקישע פעסע אויף'ן קאָפּ. דער אנדערער איז געוועזן דער זעלבער ביאוס־מושיר, וואָס האָט ניט לאנג ביי איהר פון דיא הענד צוגענומען דעם קליינעם פרינץ. רעציע האָט פערשטאנען, דאָס דער ערשטער איז מוראד אליין און זיא איז וויא א פייל פון בויגען צוגעלאָפען צו דיא קארעטע. וויא דער מושיר האָט איהר בעמערקט, איז ער געוואָרען בלייך און האָט זיך ארומגעקוקט צו עס איז ווער ניט דאָ פון דיא דיענער זיי זאָלען איהר אוועקטרייבען.

— פרינץ מוראד! — האָט דערווייל[ע] זיך געווענדט צו איהם רעציע.

דער פרינץ האָט געמיינט, זיא פערלאנגט א נדבה, און האָט איהר א וואָרף געגעבען א זילבערנע מטבע. רעציע האָט אָבער דאָס געלד געלאָזען ליגען און האָט זיך ווידער אָבגערופען.

— פרינץ מוראד! איך, אלמאנזאר'ס טאָכטער, האָב דיר אָבגעבראכט דיין קליינעם זוהן, וואָס דו ביזט אונגעדולדיג געווען צו זעהען; איך האָב איהם איבער־געגעבען צו דיעזען מושיר אין דיא הענד.

מוראד איז געווען זעהר פערוואונדערט פון איהרע ווערטער און ער האָט גלייך געפרעגט ביי מושיר'ן, צו עס איז ריכטיג וואָס זיא זאָגט.

— יא, יא! — האָט געענטפערט דער מושיר, — דער קליינער פרינץ געפינט זיך יעצט אין פאלאץ.

— און ווארום האָסט דו מיר עס באלד ניט געמעלדעט? — האָט ער מיט כעס געפרעגט.

— איך האָב עס גאָר פערגעסען, — האָט זיך פערענטפערט דער מושיר.

— איך פערשטעה ניט, וויא מען פערגעסט אזא וויכטיגע זאך וויא דיא! — האָט זיך מוראד געבייזערט און איז גלייך אריין צוריק אין פאלאץ, און דער מושיר האָט איהם צוגעפיהרט דעם קליינעם סאלאדין. וויא מוראד האָט איהם דערזעהען, האָט ער פון פרייד ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן; ער האָט איהם גענומען אויף דיא הענד, אויסגעקושט אלע גליעדער און האָט איהם בעגאָסען מיט טרעהרען. זיין פרייד איז געווען ניט וועניגער וויא יעקב'ס פרייד בשעת ער האָט ווידער דערזעהען זיין פערפאלענעם זוהן יוסף. אָן רעציע'ן האָט מען פון גרויס שמחה גאָר פערגעסען. איהר האָט דאָס וועניג געקימערט; פיר איהר איז שוין געווען א גרויסער פערגניגען צו וויסען דאָס סאלאדין געפינט זיך שוין אין זיכערע הענד און דאָס פון יעצט אָן ברויכט־זיא שוין ניט צו זאָרגען וועגען איהם. אזוי איז זיא זיך מיט א רוהיגע הארץ אין דער שטיל ארויסגעגאנגען פון פאלאץ, איידער מען האָט איהר בעמערקט, און וויא מוראד האָט זיך אין א שטונדע ארום דערמאָהנט אָן דאָס מעדכען, וואָס האָט איהם געבראכט זיין זוהן, און ער האָט איהר געוואָלט בעלאָהנען פיר איהר מיהע, איז שוין אין פאלאץ איהר זכר ניט געווען. זיא האָט זיך שוין לאנג צוריק אריבערגע־שיפט אויף יענער זייט באָספאָר און איז ארויף אויף'ן וועג, וואָס פיהרט אין דיא אראבישע וויסטעניי.

באלד האָט זיך, אָבער, רעציע ארומגעזעהען, דאָס עס איז ניט פיר איהר גע־זונד צו מאכען צו פוס א וויטע רייזע וויא דיא, ווארום קוים וואָס זיא איז איינ־געגאנגען צוויי מייל, איז זיא געוואָרען שרעקליך מיעד און האָט קיין קרעפטען ניט געהאט ווייטער צו געהן. עס איז נאָך געווען גאָר ליכטיג, אָבער זיא האָט זיך געמוזט אָבשטעלען אין א קליין שטעדטיל וואָס איז געווען ניט וויט פון וועג. דיא איינ־וואָהנער פון דיעזער שטעדטיל האָבען געהאט זעהר א שלעכטען בערוף און דיא רייזענדע פלעגען דעריבער זיי אויסמיידען און פלעגען קיין מאָל זיך ניט אָבשטעלען

ביי זיי נעכטיגען. רעציע האָט דאָס געוואוסט און דאָך האָט זיא זיך דאָרטען אָבגעשטעלט, ווארום וואָס טהוט דער מענש ניט צוליעב גויטה?

צום גליק האָט זיא אָנגעטראָפען א קווארטיר ביי דיא עהרליכסטע מענשען פון יענעם אָרט. אויף יענער קוואטיר האָבען געוואָהנט איין אלטע „פּאָאר פאָלק“, דער מאן האָט געהייסען האפים און דיא פרוי — מאקוסע. אין אמאָליגע יאָהרען איז דיעזער האפים געוועזען רייך, יעצט אָבער האָט ער זיך געשפּייזט פון שוסטעריי. וויא ער, אזוי דיא ווייב זיינען געוועזען גוטע, פריינדליכע און אימער פרעהליכע מענשען. זיא האָט אפילו געהאט דערצו א חסרון, זיא איז נעמליך געוועזען געלד־גייציג, פיר געלד איז זיא פערטיג געוועזען צו טהאָן אלעס אין דער וועלט; אָבער נאָך אלע זאכען איז זיא פאָרט געוועזען אין יענער שטעדטיל דיא עהרליכסטע פרוי.

מאקוסע האָט רעציע'ן אויפגענומען גאנץ פריינדליך, האָט איהר אָבגעגעבען דעם בעסטען אָרט צו שלאָפען און האָט פיר איהר געגרייט א טיש פון אלעם גוטען. מאקוסע האָט דאָס געוועהנליך ניט געטהאָן נאָר פון מצוה וועגען, זיא האָט פראָסט געהאָפט אויף א גוטע בעצאָהלונג און זיא האָט זיך ווירקליך ניט גענארט, ווארום רעציע האָט איהר פיר אלעם גלייך בעצאָהלט נאָך מעהר וויא זיא האָט אליין גערעכענט. דאָס האָט מאקוסע'ן געמאכט נאָך פריינדליכער, און זיא האָט אָנגעפאנגען מיט רעציע'ן צו שפּרעכען פון איהר רייזע וואָס זיא רעכענט צו מאכען, וואוהין און ווארום, דיזעס און יענעס. רעציע איז אימער געוועזען אָפענהערציג און האָט ניט פיינט געהאט צו ריידען. אזוי האָט זיך מאקוסע באלד פון איהר דערקונדיגט ווער איהר געליעבטער איז, צו וועמען זיא רעכענט צו מאכען דיא רייזע, און דאָס זיא דאַרף באלד ווערען א מוטער פון א קינד, וועלכעס זיא האָט אונטער'ן הערצען. וויא מאקוסע האָט דאָס דערהערט האָט זיא איהר גענומען איינריידען זיא זאָל זיך דערוויילע אָבשטעלען ביי איהר און ניט שטעלען זיך אין געפאהר צו געבאָרען א קינד אויף'ן וועג אָדער אין אזא אָרט וואו זיא וועט ניט האָבען קיין הילפע, קיין הייב־אממע און קיין אויפוואַרטערין.

— לייג אָפּ דיא רייזע אויף שפּעטער, — האָט מאקוסע צו איהר געזאָגט, — זיי ביי מיר איבער קינד־בעט; ביי מיר וועט דיר קיין זאך ניט פעהלען, איך וועל אליין זיין דיין הייב־אממע און דיין אויפוואַרטערין.

רעציע האָט יע געוואָלט, ניט געוואָלט, האָט זיך אָבער געלאָזט איינריידען, בפרט נאָך וויא זיא האָט אויף מאָרגען אָנגעפאנגען צו שפּירען דיא געבורטס־וועהען. רעציע איז פערבליבען און אין א פּאָר טעג ארום האָט זיא ווירקליך געבאָרען א קינד. דיא ווירטהין האָט ערפילט אלעס, וואָס זיא האָט פערשפּראָכען און עס איז

אלעס צוגעגאנגען גליקליך און גוט. וויא דיא קינד־בעטאָרין אליין אזוי דאָס קינד זיינען געווען פאָלקאָמען געזונד.

רעציע איז פערבליבען נאָך דעם א גאנצען מאָנאט. דיא גאנצע צייט איז מאקוסע געגאנגען ארום איהר אזוי וויא א מוטער, האָט איהר פערשאפט אלעס וואָס איז געווען נעטהיג פיר איהר אליין און פיר דאָס נייגעבאָרענע קינד. דיא אלטע לייט זיינען געוואָרען אזוי צוגעבונדען צו זייער שכנה, דאָס זיי האָבען ניט געוואָלט, זיא זאָל גאָר א מאָל פון זיי אוועקגעהן. רעציע איז נאָך געוואָרען ביי זיי פיעל טהייערער וויא זיי האָבען זיך דערוואוסט וואָס פיר א בעריהמטער מאן איהר געליבטער איז און צוגלייך דער פאָטער פון איהר קינד. זיי זיינען געווען זיכער, דאָס פון א בעריהמטען מאן וויא דיעזער העלד סאדי וועלען זיי געוויס גוט בעפרידיגט ווערען. מיט דער צייט האָבען זיי דערקענט וואָס פיר איין גוטען און עדעלען כאראקטער האָט געהאט רעציע אליין און עס איז פראָסט פיר זיי געווען א פערגניגען צו האלטען ביי זיך אין שטוב אזא מענשען. דאָך האָבען זיי געוואוסט, דאָס זיא וועט אימער ביי זיי ניט בלייבען, און וויא זיי האָבען זיך דערמאָהנט אָן דיא מינוט וואס זיי וועלען זיך מוזען מיט איהר שיידען, האָט דאָס זיי געמאכט פיעל פערדרוס.

איין מאָל, — דאָס איז געווען אין א מאָנאט ארום, וויא רעציע איז ביי זיי געווען אין שטוב, — האָט האפיס בעקומען צו וויסען פון דעם טריאומף־צוג, וואָס האָט בעדארפט זיין אין קאָנסטאנטינאָפאָל פון סאדי'ן מיט דיא גאנצע מיליטער, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט פון שטרייט. האפיס האָט דיעזע נאכריכט גלייך מיטגעטהיילט רעציע'ן, וועלכע איז געוואָרען אויסער זיך פון פריידע. ניט ווענינער האָט זיך געפרעהט מאקוסע, וואָס האָט געהאָפט אויף א רייכע בעפריעדיגונג.

— נו מיין טאָכטער, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו רעציע'ן, — יעצט איז שוין ביי דיר אויך געוואָרען ליכטיג; עס פאנגט שוין אָן צו טאָגען אין דיין פינסטערן הערצען... דיין געליעבטער, דער פאָטער פון דיין קינד, קומט צוריק, געקרוינט מיט זיעג, מיט עהרע, מיט רייכטהום!... איך זעה שוין פאָראויס אייערע פריידען ביים וויעדערזעהען! וואָס פיר א פערגניגען פיר א פאָטער צום ערשטען מאָל זיין קינד צו קוסען! איך גראטוליר דיר, טהייערע רעציע, און דאָך איז מיר העכסט שמערצליך מיט דיר זיך צו שיידען!...

יעצ איז געוואָרען א גרויסער ישוב־הדעת, וואָס מען זאָל דאָ טאָהן, וויא זאָל קומען דיא קאץ איבער'ן וואסער, ד. ה. וויא זאָל זיך רעציע צוזאמענטרעפען מיט סאדי'ן? זיא זאָל איהם אליין געהן בעגעגענען מיט'ן קינד אויף דיא הענד, איז קיינעם ניט געפעלען געוואָרען איבער פיעלע אורזאכען. ערשטענס, האָט דאָך רעציע געהאט פיעל פיינדע, וואָס זיינען געווען אויסען אויף איהר פרייהייט און פיעלייכט

נאָך אויף איהר לעבען, און דעריבער איז דורכאויס קיין פּלאַן ניט געוועזן, זיא זאָל אליין געהן און זיך שטעלען אין געפאהר געפאנגען צו ווערען. צווייטענס, האָבען זיי מורא געהאט, זייער מיהע און קאָסטען זאָלען ניט פערפאלען געהן, אין פאל ווען זיא געהט אוועק פון זיי אליין און וועט זיך פיעלייכט מעהר ניט אומקעהרען צו זיי. זיי האָבען זיך לאַנג בעראטהען און עס איז געבליבען, רעציע זאָל נאָך אויפציהען ביי זיי און האפים וועט געהן מיטטהיילען סאדי'ן, דאָס ביי איהם אין הויז געפינט זיך זיין געליעבטע און זיין זוהן.

האפים האָט זיך אויסגעפּוצט אין יום־טוב'דיגע קליידער, וואָס ער האָט נאָך געהאט פון אמאָליגע יאָהרען, און איז דרייסטיג אוועקגעגאנגען אין קאָנסטאנ־טינאָפּאָל. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבען פּאראדנעם טויער, דורך וועלכען סאדי האָט באלד בעדארפט אריינציהען אין שטאָדט. סאדי איז ווירקליך באלד אנגעקומען מיט דיא גאנצע מיליטער, אָבער עס איז געווען אזא גרויסע ענגשאפט, דאָס עס איז אונמעגליך געווען זיך צו איהם צושלאָגען. עס האָבען איהם באלד ארומגערינגעלט גרוים וויזירען, געגעראלען, פּרינצען און אנדערע גרויסע לייט, און יעדעס מאָל, וואָס דער אלטער האפים האָט געפּרופט צושטויסען זיך צו איהם האָט ער בעקומען פון דיא קאוואסען דיא פייערינע קלעפּ און איז געבליבען מיט גאָר ניט. אזוי האָט ער זיך מיט ליידיגען, א צוקיילטער, א צובייזלטער, אומגעקעהרט אהיים.

ניט בעסער איז צוגעגאנגען מיט מאקוסע'ן, וועלכע האָט זיך אויך אָנגע־נומען אויפצוזוכען סאדי'ן און מעלדען איהם פון רעציע'ן און זיין ניי געבאָרענעם זוהן. זיא האָט ניט געהאט מעהר גליק וויא איהר מאן: דער אונטערשיעד צווישען זיי איז גאָר געווען, דאָס זיא האָט קיין קלעפּ ניט בעקומען, ווייל זיא איז קליגער געווען און איז ניט געקראָכען וואו מען האָט ניט בעדארפט. דאָך האָט מאקוסע גע־בראכט פון שטאָדט א נאכריכט, וואָס איז פיר רעציע'ן געווען זעהר וויכטיג. זיא האָט נעמליך געהערט, דאָס אין עטליכע טעג ארום גיבט דיא פּרינצעסין ראָשאנע ביי זיך א גרויסען באל צור עהרע פון סאדי'ן, וואָס האָט גליקליך אויסגעפיהרט דיא שטרייט.

רעציע האָט געוואוסט, דאָס ראָשאנע איז פערליעבט אין סאדי'ן, און עס איז גאנץ נאטירליך, דאָס דיעזע נאכריכט פון איהר באל איז איהר גאָר ניט געווען צום הארצען. זיא האָט זיך בעשלאָסען ניט אנדערש צו זעהען זיך מיט סאדי'ן, איידער ער וועט זיין אויף דיעזען באל. מאקוסע האָט איהר געוועהנליך גענומען אָבשלאָגען פון איהר געפעהרליכען פּלאַן, אָבער רעציע איז געבליבען ביי דאָס איהריגע. עס מעג זיין, וואָס עס וויל, מוז זיא גלייך צו איהם געהן. וואו עס מישט זיך אריין אייפער־

זוכט, דאָרטען קאָן שוין קיין זאַך ניט אָבהאַלטען... רעציע האָט בערוהיגט איהרע פריינדע מיט דעם פערשפּרעכען דאָס זיא קומט אין קורצען צו זיי צוריק מיט א גוטע בעלאָהנונג פיר אַלעס גוטעס וואָס זיי האָבען מיט איהר געטהאָן, האָט זיך געשווינד צוגעברייט און איז אוועק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דאָ האָט זיא אין סקו־טארי ווידער אויפגעזוכט האניפע׳ס וואָהנונג און האָט זיך אָבגעשטעלט ביי איהר ביז וואַנען זיא וועט זיך זעהען מיט סאַדי׳ן, און ער וועט איהר אָבנעהמען צו זיך. צום אומגליק אָבער איז דיעזע האָפנונג איהרע ניט ערפילט געוואָרען. אין דיא זעלבע נאכט וואָס זיא האָט זיך ווידער איינגעקוואַרטירט ביי דער אַלטער האניפע, איז אהין מיט פאַלשהייט און ליגען אריינגעדרונגען לאַצאַרוס, אזוי וויא מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, און זיא האָט געמוזט אנטלויפען דורכ׳ן פענסטער מיט איהר קינד אויף׳ן האַנד. (דער גריכע וואָס האָט איהר געזעהען מיט איהר אייגענע בייבי אויף דיא הענד פון גאַנץ וויים, האָט געמיינט, זיא האַלט דאָס דעם קליינעם פּרינץ).

נאָך דיעזען אונגליק איז רעציע מיט איהר קינד צוריק געקומען צו איהרע פריינד האַפיס און מאַקוסע, וועלכע האָבען איהר זעהר ווארם אויפגענומען און וויא מעגליך געטרייסט. זיי האָבען איהר בערוהיגט און געזאָגט, דאָס זיי זיינען צופריע־דען איהר צו האַלטען ביז סאַדי וועט איהר אָבנעהמען צו זיך. דערצו האָט איהר נאָך מאַקוסע פערשפּראָכען נאָך א מאָל צו פּרופען זיך זעהן מיט איהר געליעבטען און איבערגעבען א גערוס פון איהר.

מאַקוסע איז ווירקליך נאָך א מאָל געגאַנגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וויא עס איז זיך צו זעהען מיט איהר קוואַרטיראַנטקע׳ס געליעבטען. זיא איז געקומען אין שטאָדט דיא זעלבע נאכט וואָס איז געוועזן ביי דער פּרינצעסין ראַשאַנע דער באַל. זיא איז גלייך אוועקגעגאַנגען צו ראַשאַנע׳ס פּאַלאַץ און האָט זיך אוועקגע־שטעלט לעבען טויער ווארטען ביז וואַנען זיא וועט דערזעהען צופאַהרענדיג סאַדי׳ן. דאָרטען איז שוין אָבער געווען אזוי ענג, עס זיינען שוין געשטאַנען אזוי פיעל צו־נויפגעלאָפענע נייגיעריגע מענשען, דאָס מאַקוסע האָט גלייך איינגעזעהען, דאָס דאָרטען וועט איהר אונמעגליך זיין זיך צו־צושפּארען צו סאַדי׳ס קארעטע, ווען זיא וועט איהם שוין יא דערזעהען. דעריבער, האָט זיא אָנגעווענדט אַלע קרעפטען, האָט זיך אריינגעשפּארט אין הויף און איז ארויף אויף דיא טרעפּ, אום דאָרטען אָבצוהיטען סאַדי׳ן אין דער צייט ווען ער קומט אויף׳ן באַל. דער שווייצער האָט אויף איהר אָנגעשריען און האָט זיך שוין פערמאָסטען אויף איהר מיט׳ן האַנד, אָבער זיא איז קיין נאר ניט געווען, זיא האָט געוואוסט מיט וואָס מען קאָן א שוויי־צער נעהמען: זיא האָט איהם אריינגערוקט אין האַנד א מטבע, און ער איז גלייך

געוואָרען איין אנדער מענש. דערצו האָט זיא איהם ערקלערט, דאָס זיא האָט א וויכ־טיגען אינטערעס צו סאדי'ן וועלכער וועט איהם געוויס דאנקבאר זיין פיר וואָס ער האָט איהר צוגעלאָזען צו איהם.

— ווען דו פערלאנגסט דאָ אָנצוטרעפען סאדי'ן, — האָט איהר מיט א וויכערע שטימע געענטפערט דער שווייצער, — איז ארויסגעוואָרפען דיין מיהע וואָס דו וואַרטסט, ווארום ער איז שוין אויבען אין זאאל... ער איז געקומען אין האלבען טאָג אום צו פערברייננגען מיט זיין ברויט, ד. ה. מיט דער פרינצעסין, וואָס וועט מיט איהם אין קורצען הייראטהען. אלזאָ, איז ניט דאָ דער אָרט און דיא צייט איהם צו טומלען א קאָפּ מיט אנדערע געשעפטען... ווען דו האָסט צו איהם איין אינטערעס, איז דיא גלייכסטע זאַך דו זאָלסט געהן צו איהם אויף זיין אייגענע קווארטיר... דאָ האָסט דו גאָר ניט וואָס צו מאכען... געה און שטער ניט אומזיסט!

מאקוסע האָט איהם א וואָרט ניט געענטפערט, זיא האָט אפילו ניט געהערט וואָס ער האָט צו איהר געזאָגט. זיא איז געשטאנען א צוטומעלטע אזוי וויא א דונער וואָלט אין איהר אריין. . .

„אזוי? — האָט זיא מיט זיך אליין איבערלייגט, אזוי, — האָט גאָר סאדי איין אנדער כלה? האָט ער שוין רעציע'ן אוועקגעוואָרפען? וואָס־זשע בלייבט זיא יעצט? א פערפיהרטע בעטלערין?"...

זיא איז געשטאנען א מינוט צעהן שטום, וויא פאראליזירט, און דאָס איז געוועזען גאנץ נאטירליך פיר אזא געלדגייציגע פרוי וואָס האָט געהאָפט צו בעקומען גאָלדענע בערג און מיט א מאָל לאָזט זיך גאָר אויס דאָס איהרע זיסע האָפנונגען זיינען א גראָשען ניט ווערטה... זיא וואָלט נאָך פיעלייכט פון דאָרטען אזוי גיך ניט אוועקגעגאנגען, עס איז אָבער באלד צוגעלאָפען צו איהר א קאוואס און האָט איהר געגעבען אין האלז און נאקען. זיא האָט נאָך געדאנקט גאָט וואָס דער קאוואס האָט איהר געלאָזען אנטלויפען און האָט איהר ניט אָבגעפיהרט אין פּאָליציי.

ערשט ווען מאקוסע האָט זיך שוין געפיהלט זיכער פון דיא קאוואסען, האָט זיא קלאָר פערשטאנען וויא שלעכט זיא האלט מיט דער אָרימער רעציע. ניט אזוי וואָס עס וועט זיין פערפאלען איהר מיהע און איהר געלד וואָס זיא האָט איהר גע־קאָסט ביז אהער, האָט זי זיך נאָך קיין עצה ניט געקאָנט געבען וואָס זי זאָל מיט איהר יעצט טהאָן. האלטען איהר מיט איהר קינד ווייטער איז ניט פיר איהר פערמעגען געוועזען; ארויסטרייבען זיי אויף'ן גאס, האָט זיא קיין מוטה ניט געהאט, ווייל אין גרונד האָט זיא רעציע'ן זעהר ליעב בעקומען און וואָלט קיין מאָל זיך ניט געקאָנט בּעשליסען מיט איהר זיך צו בעגעהן אזוי שלעכט. זיא האָט זיך נאָר א ווײלע גע־טרייסט מיט דעם געדאנקען, דאָס דער שווייצער האָט איהר גענארט. ווארום וויא

קאָן דאָס זיין, דאָס א מיליאָנערין א פּרינצעסין זאָל הייראטהען מיט איין אָרעמען יונגען מאן פון ניעדריגען שטאנד וואָס איז ניט לאנג אויפגעקומען און האָט בעקומען א ראנג פון א פּאשא. געווים איז ליגען דיא גאנצע געשיכטע. זיא האָט זיך אָבער לאנג מיט דיעזען געדאנקען ניט געקאָנט קיהלען. געהענדיג אין גאס, האָט זיא דערהערט וויא צוויי פּאָרנעהמע דאמען האָבען צווישען זיך אויך גערעדט וועגען דיעזער פּארטיע. איינע האָט מקנא געווען סאדי'ן, וואָס נעהמט אזא רייכע פרוי וויא ראָשאנע, און נאָך א פּרינצעסין. דיא אנדערע האָט, פּערקעהרט, מקנא געווען דעם גליק פון ראָשאנע, וועלכע הייראטהעט מיט אזא שעהנעם יונגען פּאשא. יעצט איז שוין מאקוסע דורכאויס געווען איבערצייגט, דאָס דער שווייצער האָט איהר ניט גענארט אויף א האָר און זיא האָט פּערלאָרען איהר לעצטע האָפנונג.

פּערקלעמט און פּערקימערט איז זיא געקומען צוריק אהיים און האָט מיטגעטהיילט דיא טרויעריגע נאכריכט פון סאדי'ס הייראטה מיט דער פּרינצעסין ראָשאנע. וויא רעציע האָט דאָס דערהערט, איז זיא געוואָרען בלייך וויא קאלך און האָט אויסגעבראָכען אין א ביטערען געוויין. זיא האָט געוויינט מיט הייסע בלוטיגע טרעהרען און האָט זיך געריסען דיא האָר פון קאָפּ. סאדי, איהר סאדי, וואָס זיא האָט אזוי פיעל אויסגעליטען, נאָר צו בלייבען טריי צו איהם, זאָל איהר אזוי בעליידיגען, זאָל איהר זיין אזוי אונדאנקבאר און פּערגעסען אָן איהר יעצט, וויא ער איז געוואָרען גליקליך און גרוים?! דאָס האָט זיא ניט געקאָנט ערטראגען.

האפּים, פון זיין זייט, איז געבליבען רוהיג און האָט געוואָלט אלעמען איינבעררעדען, דאָס עס איז ניט דאָ וואָס זיך צו קימערן וועגען דעם, ווארום עס קאָן אויף דער וועלט ניט זיין דיא פּרינצעסין ראָשאנע, דיא רייכסטע אין טירקיי, זאָל זיך בעשליסען צו הייראטהען מיט איין אָרימען נייגעבאקענעם פּאשא.

„וועניג פלוידערט מען אין גאס נארישקייט? האָט ער געזאָגט, וועניג בייקעס טראכט מען אוים? אָבער מעהר וויא נארען גלויבען דאָס ניט“...

מאקוסע איז אָבער געבליבען ביי זיך פעסט.

— דו גלויבסט ניט, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהר מאן, — ווייל דו ווייסט ניט דיא מאכט פון ליעבע, וואָס פאָרט אָפט צוזאמען א וואנד מיט א וואנד... איך וויים אויך פיעלע ביישפּיעלע וויא סולטאנען האָבען זייערע אייגענע טעכטער פּערהייראטהעט מיט קינדער פון שקלאפען, וועלכע זיינען זיי געפעלען מיט זייערע העלדען מוטה, אָדער מיט זייערע שעהנהייט... ניין, איך בלייב ביי מיין מיינונג, דאָס עס איז אמת. . .

רעציע האָט איינגעשטימט מיט מאקוסע'ן. דאָך האָט זיך איהר שטארק געוואָלט געגוויער געזען דיא זאך און זעלבסט שפּרעכען דעריבער מיט סאדי'ן;

פיעלייכט איז נאָך מעגליך איהם אָבצוהאַלטען. זיא האָט מיטגעטהיילט איהר פּלאַן צו איהרע פריינדע, און זיי האָבען אויך איינגעווילינט, דאָס עס איז קיין נארישקייט ניט פון איהר. מאַקוסע האָט איהר געגעבען סאַדי'ס אדרעס, און רעציע מיט'ן קינד אויף דיא הענד איז גאַנץ פריה פון זיי וויעדער אוועק. אום צוועלף אוהר איז זיא שוין געשטאַנען לעבען סאַדי'ס טיהר. א דיענער איז גלייך ארויס און האָט איהר גע־פרעגט, וואָס זיא פערלאַנגט.

— איך ברויך צו שפּרעכען מיט דעם פּאשא, — האָט זיא געזאָגט.

— דער פּאשא איז יעצט ניט צו הויזע, — האָט איהר געענטפערט דער דיע־נער, — ער איז פון דער פריה אָן ביי דער פּרינצעסין ראָשאַנע. ביז דיא האָכצייט וועט איהם שווער זיין צו טרעפען צו הויזע. אָט, נאָך דער האָכצייט, וועט שוין דיא פּרינצעסין זיין ביי איהם, און ער וועט אימער זיין צו הויזע...

דיעזע אנטוואָרט איז געווען פיר רעציע'ן וויא א שפּיעז אין הערצען. דאָך האָט זיא זיך איינגעהאַלטען, האָט קיין זיפץ ניט געטהאָן, ניט געמאַכט קיין טרויע־ריגע מינע, דער דיענער זאָל ניט מערקען דאָס זיא שטעהט מיט סאַדי'ן אין א שום פערבאַנד. מיט א פערביטערטען הערצען, איינגעבויגען אין דרייען, איז זיא קוים געקומען צוריק צום שוסטער אין שטיבעלע. וויא זיא האָט נאָר געעפענט דיא טיהר, האָבען דיא אַלטע לייט ביי איהר געפרעגט:

— נו וואָס? איז דאָס אמת? האָסט דו איהם געזעהן?

— ליידער איז דאָס דיא ריינע וואהרהייט, — האָט רעציע געענטפערט מיט א טרויעריגע שטימע, — נו, מיינע פריינד, וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? וואוהין זאָל איך מיך ווענדען מיט מיין קינד? אָרעם, עלענד, און פערפאָלגט פון פיינד... דיא וועלט איז שוין צו ענג פיר מיר, מעהר וויא אין דר'ערד איז שוין פיר מיר קיין אָרט ניט דאָ!...

דיא גאַנצע נאַכט האָט זיא איין אויג ניט צוגעטהאָן; עס איז פון איהר אָבגעשטאַנען דער שלאָף. ניט ווייט פון איהר געלעגער האָבען געשלאָפען דיא אַלטע פּאָר פאָלק, און רעציע האָט זיך געקאָנט איינהאָרכען דעם געשפּרעך וואָס זיי האָבען געפיהרט צווישען זיך וועגען איהר. מאַקוסע האָט געוואָלט גלייך אויף מאָרגען ענט־זאגען רעציע'ן פון וואָהנונג. יעצט איז דאָך שוין קיין מינדעסטע האָפנונג ניט גע־ווען צו בעקומען וואָס עס איז פון איהר, וואָס־זשע זאָל זיא איהר האַלטען. נענוג! האַפּים, אָבער, האָט פערקעהרט געזאָגט, דאָס יעצט דאַרף מען האָבען מיט איהר מעהר מיטלייד נאָך וויא פריהער, ווייל איהרע יעצטיגע צרות זיינען אָהן א ברעג. „מען מוז איהר האַלטען, האָט ער געזאָגט, ביז זיא וועט האָבען איין אנדער אָרט וואו צו זיין". זיי האָבען לאַנג געשטריטען צווישען זיך, קיינער פון זיי האָט זיך

ניט געוואָלט אונטערגעבען און זאָגען דאָס דער אנדערער איז גערעכט. זיי האָבען אזוי לאנג געשטריטען ביז עס איז געקומען דערצו, דאָס מאקוסע האָט געזאָגט, דאָס רעציע פערדיענט גאָר ניט מען זאָל מיט איהר האָבען מיטלייד.

— זיא האָט כשר פערדיענט איהר אומגליק, — האָט מאקוסע געזאָגט, — ווארום האָט זיא זיך געלאָזען פערפיהרען פון א שווינדלער? איין עהרליכעס קינד וואָלט דאָס ניט געטהאָן... וואָס זיינען מיר דאָס שולדיג איהר אויפצוהאלטען? — האָט זיא ווייטער געזאָגט, — אונזער ברויט קומט אונז אָן מיט שוויים און בלוט... און ווער וויים נאָך צו זיא נארט אונז גאָר ניט אָב פון אָנפאנג אָן? ווער וויים דאָס, אז סאדי איז דער פאָטער פון איהר קינד? גיכער וויא אלץ, האָט זיא קיין מאָל דיעזען סאדי'ן ניט געקענט און האָט אויסגעדיינקט דיא גאנצע „חד גדיא“ מיר זאָלען אויף איהר רחמנות האָבען... זיא האָט אונז שוין גענוג געקאָסט, זאָל זיא זיך יעצט געהן אנדערס וואו... א שיינע איז זיא דאָך, וועט זיך לייכט געפינען אין שטאָדט א פאשא אָדער א פריוואט רייכער הערר, וואָס וועט איהר גערן צונעהמען צו זיך. . .

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וויא גוט עס איז געוועזען דער אָרימער רעציע צו הערען וועגען איהר אזעלכע רייד. איהרע שמערצען זיינען נאָך גרעסער געוועזען דערפון, וואָס אין גרונד האָט זיא אויף מאקוסע'ן גאָר קיין פרעטענזיע ניט געקאָנט האָבען. וואָס האָט זיא זיך ווירקליך ארויפגעוואָרפען אויף דיא צוויי אלטע לייט? וואָס פיר א מחותנת'טע איז זיא מיט זיי? קוים וואָס זיי לעבען דורך אליין, דארפען זיי נאָך אויסהאלטען א פרעמדע פרוי מיט א קינד... קיינער וואָלט ניט בעסער געוועזען. . . וואו זאָל זיא זיך אָבער אהינטהאָן מיט א זייגעדיג קינד? עס איז איהר געקומען וויא מען זאָגט „פון בריק אין וואסער אריין“... אזעלכע פינסטערע געדאנקען האָבען רעציע'ן געריסען דאָס הערץ א גאנצע נאכט, ערשט פאר טאָג האָט זיא איינגעשלאָפען און האָט פערשלאָפען א שטיק אויף'ן טאָג.

קוים וואָס רעציע האָט אָפען געמאכט דיא אויגען, איז צו איהר צוגעגאנגען מאקוסע מיט א פינסטערען געזיכט און מיט א קאלטען „גוט מאָרגען“.

— יונג איז דאָך ניט אלט, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהר, — דו האָסט דיך א גאנצע נאכט רוהיג געשלאָפען, אָבער איך האָב איין אויג ניט צוגעטהאָן. דיא זאָרגען וועגען דיר האָט מיר ניט געלאָזען איינשלאָפען; דיין טרויעריגע לאגע געהט מיר פון זינען ניט ארויס. אויף דיין רייכען סאדי'ן האָסט דו שוין ניט וואָס צו האָפען, וויא באלד ער איז דיר אונטריי געוואָרען. וויא איך האָב געהערט, איז ער אימער געוועזען א שווינדלער און איז געבליבען א שווינדלער... אויף אונז קאָנסט דו דיך אויך ווייניג פערלאָזען; וויא מיר האָבען דיך ליעב, בלייבען מיר דאָך אלטע

אָרימע לייט, וועלכע ברויכען צו ארבייטען איבער דיא קרעפטען אום קוים צו פער־דיענען ברויט מיט וואסער... איך האָב מיך לאנג איבערלייגט, וואָס פיר איין עצה דיר צו געבען, און עס איז ביי מיר געבליבען, דאָס דיא גלייכסטע זאך פיר דיר איז, דו זאָלסט אויפהערען וויינען און יאָמערן וועגען דיעזען סאדי'ן, און זעהען זיך צו פערשאפען איין אנדערען ליעבהאָבער. דו ביזט יונג און גענוג שעהן, און עס וועלען זיך אויף דיך געפינען פיעלע בעלנים. ניט לאנג איז דאָ געווען דער מעקלער פרושא, און ער האָט געזאָגט, דאָס דער רייכער פאַרמאַזע ברויכט צו קויפען א יונגע פרוי... ביי איהם וואָלסט דו גליקליך געווען... וואָלסט געוואוסט פון א לעבען און אָן אלע צרות פערגעסען. . .

— ניין, מאקוסע, דאָס קאָן אין דער וועלט ניט זיין, — האָט רעציע מיט א פערשטיקטען זיפץ געענטפערט, — מיין ניט, דאָס איך בין געווען סאדי'ס נאָר א געליעבטע; איך בין געווען זיינע איין אמת'ע, רעכטמעסיגע כשרע פרוי, ווארום איך האָב זיך מיט איהם אין דער שטיל פערהייראטהעט וויא געהעריג איז. אלזאָ, ניט איך וויל, ניט איך האָב רעכט יעצט מיך מיט איין אנדערן זיך צו פערהייראטען

— און דאָס איז פון דיר א גרויסע נארישקייט, — האָט איהר מאקוסע אויף דעם געזאָגט, — וויא באלד סאדי פערהייראטהעט זיך מיט איין אנדערער פרוי אָהן דיין וויסען און אָהן דיין ערלויבנים, געהערסט דו שוין מעהר ניט צו איהם, און דו האָסט אויך א רעכט דיך צו פערהייראטהען מיט איין אנדערן מאן. ווייטער, וואָס דו זאָגסט, דו ביזט אין איהם פערליעבט, איז ער דאָס ניט ווערטה... פאָלג בעסער מיר, און דו וועסט מיר צייט לעבען דאנקען...

מאקוסע האָט זיך געקאָנט ריידען וויא פיעל זיא האָט געוואָלט, אָבער זיא האָט דעם אָרט ניט געטראָפען. רעציע איז ניט געווען פון דעם סאָרט פרויען וואָס שעהמען זיך ניט צו פערקויפען זייער שעהנהייט, אָ, ניין! זיא וועט זיך בעסער אליין אָנטהאָן א טוידט איידער צו לעבען אין שאנדע. און אזוי האָט זיא ווירקליך געטהאָן. אין דיא זעלבע נאכט, וויא האפיס און מאקוסע האָבען איינגעשלאָפען איז זיא אין דער שטיל ארויסגעגאנגען פון שטיבעל מיט איהר קינד אויפ'ן האנד און איז אוועק צו דער אייזענבאהן, וואָס איז געווען נאָהענט פון שטעדטיל. דאָ האָט זיא אָנגע־קוסט דאָס אומגליקליכע קינד און האָט זיך מיט איהם אוועקגעלייגט אויף דיא רעלסען. אין א פאָר מינוט ארום איז איבער זיי ביידען אריבער דער צוג!...

60.

צארא אנטלויפט.

וואָס דער פרינץ יוססוף האָט זיך ניט בעמיהט צו ערקונדיגען זיך וואו עס האַלט זיך אויף רעציע, וועלכע מיטעל ער האָט ניט אָנגעווענדט, האָט זיך איהם

אלץ ניט איינגעגעבען איהר אויפצווזוכען און נאָך א מאָל מיט איהר צו שפּרעכען.

האסאן וויעדער, האָט מיט סאדי'ן ניט געוואָלט ריידען פון רעציע'ן, ער זאָל זיך צוליעב איהר וויעדער ניט ערוויטערן פון דער פּרינצעסין, וועלכע וועט געוויס ווערען אויף איהם בייז און וועט נאָך אָנהעטצען אויף איהם דעם סולטאן אליין, וועלכער האָט זעהר ליעב געהאט זיין פּלימעניצע ראָשאנע און וואָלט זיך פיר איהר געוויס אָנגענומען. אלזאָ, האָט מען ביסלעכווייז אויפגעהערט צו ריידען וועגען רעציען'

סאדי איז געזעסען ביי האסאן אין בעגלעבעג שפּעט אין דער נאכט און זיי האָבען זיך ביידע אונטערהאלטען. מיט א מאָל האָט מען סאדי'ן געבראכט א בריעף פון דער פּרינצעסין ראָשאנע. סאדי האָט פון זיין פריינד קיין סודות און געהיימניסע ניט געהאט. וויא ער האָט בעקומען דעם בריעף, האָט ער איהם געעפענט און דורכגעלעזען אין דער הויך: „איך, דיין געליעבטע ראָשאנע, מעלדע דיר פריהער וויא „אלעס, דאָס איך האָב ארויסגעטריבען דעם גריכע לאצארוס. צווייטענס, האָב איך „מיך ערקונדיגט דאָס סיררא געפינט זיך ביי דעם הענקער בודימיר. געה שנעל „אהין וועסט דו איהר בעקומען, און דאמאָלס וועט שוין אלעס רעכט ווערען".

א וויכטיגער בריעף! — האָט זיך אָבגערופען האסאן,—אלזאָ, מיין פריינד, מוז מען שוין געהן אהין צום... איידער האסאן האָט נאָך געענדיגט ריידען, איז אריין א קאמער־הערר מיט א בעפעהל, האסאן זאָל גלייך קומען צום סולטאן, וואָס וויל מאכען א קורצע רייזע און פערלאנגט זיין אדיוטאנט זאָל איהם בעגלייטען.

האסאן האָט געמוזט אוועקגעהן צום סולטאן און לאָזען סאדי'ן אליין אויספיהרען זיין פּלאן. אין גרויס פרייד פון ראָשאנע'ס בריף איז סאדי מיט האסט אריבערגעפאָהרען דעם באָספאָר און איז געקומען צו הענקער בודימיר'ס טהורעם, אום ארויסצונעהמען פון דאָרטען סיררא'ן.

צום גליק איז נאָך דיא פאָרטקע פון בודימיר'ס הויף'ן געוועזן אָפען און בודימיר אליין האָט נאָך ניט געשלאָפען. וויא סאדי האָט אָנגעקלאפּט ביי איהם אין טיהר, האָט ער איהם געעפענט. בודימיר האָט אָנגעשטעלט דיא אויגען און האָט געמאכט א קרומע מינע, וויא ער האָט דערזעהן א יונגען אָפיציער. סאדי האָט איהם אָבער גלייך געזאָגט, ווער ער איז, און דיא ווערטער „סאדי־פּאשא", האָבען אויף דעם הענקער געמאכט א גוטען איינדרוק.

— איך, סאדי־פּאשא, ברויך מיט דיר וואָס צו שפּרעכען, און עס פרעהט מיך וואָס דו ביזט נאָך אויף.

— דו מוזט זיין זעהר א מזל'דיגער, — האָט איהם געענטפערט בודימיר, — אלע מאָל שלאָף איך שוין אין דער צייט, און ווען דו וואָלסט אפילו געקלאפּט פון

היינט ביז מאָרגען וואָלט מען דיר ניט געעפענט. נאָר היינט האָט זיך געמאכט דאָס איך האָב זיך ביז אהער ניט געקאָנט לייגען, איך האָב בעדארפט אויפצייכנען א פלאן פון א תליה פיר דיא פאלשע פראָפעטין...

— איז זיא שוין דען פערמשפט אויף טויט? — האָט סאדי געפרעגט מיט פערדרוס, — און ווען וועט מען איהר היינגען?

— מאָרגען פאר נאכט, — האָט קאלט געענטפערט בודימיר, — אזוי שטעהט אין האמיד־קאדי'ס בעפעהל, וואָס איז היינט צו מיר אָנגעקומען.

— און יעצט זיצט זיא דאָ ביי דיר אין טהורעם?

— געוויס האָט געענטפערט דער הענקער, — זיא זיצט גאָר אין א בעזונ־דערן צימער.

— טהו מיר דיא געפעלינקייט און פיהר מיך אריין צו איהר... איך האָב איהר וואָס נעטהיג צו זאָגען פאר איהר טוידט...

— ענטשולדיגט מיר גרויסער פאשא, איך וואָלט דאָס גערן געטהאָן, אָבער דיא געזעצע ערלויבען מיר דאָס ניט, און איך מוז אייך אין דעם ענטזאגען...

— איך מיין גאָר ניט, גאָט בעהיט, דיך אָנצורייזען דו זאָלסט איבערטרעטען דיא געזעצע, — האָט זיך אָבגערופען סאדי צו איהם, — אָבער דאָס וואָס איך פערלאנג, איז גאָר ניט נעגען דיא געזעצע. עס איז ווירקליך ניט ערלויבט צו לאָזען ווען עס איז אריינגעהן איינעם אליין צו א סעקרעטנעם ארעסטאנט, אָבער נאָר איינעם אליין. איך אָבער וויל ניט ריידען מיט איהר איינער אליין, אונטער פיער אויגען, איך מיין עס זאָל דערביי זיין א וועכטער אָדער ווער עס איז. דאָס איז דאָך גאנץ אנדערש. קיינער וועט דערפון ניט וויסען, און דו וועסט אויך קיין חרטה ניט האָבען. . .

בודימיר איז וייכער געוואָרען און האָט זיך געלאָזט איינריידען. ער האָט אָנגעצונדען א ליכט, האָט גענומען סאדי'ן פיר דער האנד און איז מיט איהם אריין אין א קעלער, פון וועלכען מען האָט געקאָנט ארויסקומען צום טהורעם וואו סירדא איז געוועזען איינגעשלאָסען. ער איז ניט געגאנגען מיט דעם געוועהנליכען וועג, קיינער פון דיא וועכטער זאָלען זיי ניט בעמערקען. פון קעלער איז ער מיט סאדי'ן ארויף אויף סעקרעטנע שווינדעל טרעפ, וואָס האָבען געפיהרט ביז אויף'ן שפיץ טהורעם. דאָרטען איז געווען דער קעמעריל, וואו מען האָט איינגעשפארט סירדא'ן. זיי האָבען געפונען דיא טיהר פערשלאָסען, אָבער דער קליינער פענסטער'ל אין דער הויך אונטערן באלקען, איז געווען אויסגעשלאָגען. בודימיר האָט זיך זעהר פער־וואונדערט: וואָס קאָן דאָס בעדייטען? ווער זאָל דאָס האָבען געטהאָן? זיין וואונ־דער איז געוואָרען נאָך שטארקער, וויא ער האָט גענומען עפענען דיא טיהר און דיא

שליסעל איז ניט לייכט צוגעקומען, אימער פלעגט זיך דער שלאָס לייכט אָבשליסען, און יעצט... עס איז בודימיר'ן אריבער א קעלט איבער'ן לייב.

עס איז עטוואָס ניט גלאט, איז איהם גלייך ארויף אויף'ן געדאנקען; דאָ איז געוויס געוועזן ווער... באלד האָט זיך ארויסגעוויזען דאָס ער האָט קיין טעות ניט געהאט, דאָס זיין הערץ האָט איהם ניט גענארט. נאָך דעם וויא בודימיר האָט מיט דיא לעצטע קרעפטען קוים אָבגעשלאָסען און געעפענט דיא טיהר, האָט ער געפונען א לעדיגע קעמעריל, אזוי וויא סירדא וואָלט דאָרטען קיין מאָל ניט געוועזן!...

דעם הענקער האָט אָנגעפאנגען צו טרייסלען הענד און פיס.

— אָ, וועה מיר! — האָט ער אויסגעשריען און א פאטש געגעבען מיט דיא הענד, — זיא איז ענטלאָפען! וועה מיר! איך בין פערלאָרען!

— מיין עצה איז, — האָט זיך סאדי אָבגערופען צו איהם, — דו זאָלסט דער־ווילע גאָר קיין ליארם מאכען; פיעלייכט וועט מען נאָך איהר ביז מאָרגען געפינען. יעצט פיהר מיך צוריק ארויס פון דאנען. דיא זאַך פערדריסט מיר אין צווייען: ערשטענס, האָב איך מיטלייד מיט דיר וואָס עס האָט דיר געטראָפען דיעזער אונ־גליק. צווייטענס, האָב איך איהר נעטהיג בעדארפט זעהען. אָבער דו דארפסט דיך שטארק ניט קימערן, ווארום דו קאָנסט דיך פערענפערן דאָס זיא איז געוועזן, וויא אלע ווייבער, א צויבערין און אפשר גאָר א טייפעל: וועלכער מענש קאָן אזעלכער איינהיטען?

סאדי איז אוועק פון טהורעם זעהר פערקלעמט, וואָס האָט זיך וויעדער ניט איינגעגעבען וואָס צו טהאָן פיר צארא'ס בעפרייאונג. זיין זארג און צער האָט אָבער פיעל ניט געדויערט, ווארום האסאן האָט אויסגעווירקט צארא'ס בעפרייאונג גאָר דורך איין אנדער פערזאָן, נעמליך, דורך מאהאמוד־פאשא, מיניסטער דעם אויסערן. מיר האָבען שוין פריהער בעשריבען דיעזען מיניסטער, וואָס האָט געפיהרט דיא פאָליטיק פון טירקיי מיט אלע אויסלענדישע רעגיערונגען. דיעזער מיניסטער איז געוועזן אזא פאלשער מענש וויא דער שייך, און דער סולטאן האָט נאָך פאר איהם מעהר מורא געהאט וויא פאר מאנזור־עפענדי. דער סולטאן האָט איהם גוט געקאָנט, האָט געוואוסט וואָס פיר א פאלשער יונג ער איז געוועזן, און האָט איהם אָבער גע־מוזט האלטען, ווייל ער איז געוועזן א גוטער דיפּלאָמאט און עס איז ניט געוועזן מיט וועמען איהם צו פערבייטען. ער מיט דעם שייך זיינען געוועזן פייער און וואסער; זיי האָבען זיך ביידע זעהר פיינד געהאט, און אויף וואָס איינער האָט געזאָגט יא, האָט דער אנדערער געזאָגט ניין. האסאן האָט דאָס גוט געוואוסט און האָט זיך דערמיט בענוצט איהם צו איבערציינגען, דאָס דער שייך האָט געוואָלט אומגליקליך מאכען צארא־בעי נאָר איהם מאהאמוד־פאשא, אויף להכעיס, ווייל עס האָט איהם

פערדראָסען וואָס ער וועט האָבען אזא גוטען בעאמטען אויף זיין דיענסט. איין מאָל האָט מאהאמוד־פאשא געוואוסט, דאָס דער שייך איז בייז אויף צאַראַ'ן, איז שוין דאָס אליין גענוג געוועזען ער זאָל איהם וועלען וואָס שנעלער בעפרייען.

— וואָס־איך־הער! — האָט ער אויסגעשריען וויא האסאן האָט איהם מיטגעטהיילט, דאָס צוליעב דעם שייך'ס אינטריגען האלט מען צאַראַ'ן פערשפּאַרט אין „שטיין קאמער", — איך בין געוועזען זיכער דאָס ער איז שוין לאנג אין לאָנדאָן, און יעצט לאָזט זיך אויס דאָס ער פוילט נאָך דאָ צוליעב דעם שייך, וואָס האָט זיך אונטערגעשטעלט מיך אזוי צו בעליידיגען! דאָס איז אונמעגליך צו פערטראָגען! איך בעשטים, איך נעהם אויף א מענשען אויף א שטעלע, און ער וועט איהם מיט געוואלט, אָהן מיין וויסען און ערלויבניס ארעסטירען?! ניין! מען זאָל איהם שוין בעפרייען! און מיט דעם שייך וועל איך מיך שוין אָברעכנען...

מעהר וויא דאָס האָט איינענטליך האסאן ניט בעדאַרפט: זאָל זיך גאָר דער גרויס־וויזיר אָננעהמען, וועט שוין צאַראַ־בעי זיין פריי. אום נאָך זיכערער צו מאכען דיא זאַך, האָט ער זיך ווייטער געווענדט צו מאהאמוד־פאשא:

— עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איהר נעהמט זיך אָן פיר דעם אונשולדיגען צאַראַ; אָבער מיט אייער בעפעהל אליין קאָן ער נאָך ניט בעפרייט ווערען. דער סולטאן אליין האָט בעפאָהלען איהם צו ארעסטירען און מעהר וויא ער אליין קאָן איהם יעצט ניט בעפרייען. איידער איהר וועט אָבער אויסווירקען דעם סולטאן'ס א בעפעהל, וועט ער שוין זיין א פערמשפּט'ער, און אייער הילפע וועט קומען צו שפּעט.

— צו דעם איז אויך דאָ א'ן עצה, — האָט זיך אָבגערופען מוהאמוד־פאשא,— איך וועל זיך מאכען גאָר ניט וויסענדיג דאָס צאַראַ איז ארעסטירט, און איך וועל פערפערטיגען אויף זיין נאָמען א שריפטליכען בעפעהל דאָס ער זאָל דיא זעלבע מינוט אוועקפאָהרען נאָך לאָנדאָן אויף זיין שטעלע, און איך וועל איהם מאכען א שטרענגען אויסרייד וואָס ער האָט זיך אזוי לאנג פערזאמט ביז אהער. דיעזען בעפעהל וועסט דו איהם איבערגעבען, און דער קאסטעליאן (אויפזעהער פון געפענגניס) וועט איהם שוין פריי ארויסלאָזען, ווארום ער וועט מיינען דאָס איך האָב געוויס געשריבען דיעזען בעפעהל מיט דעם סולטאן'ס וויסען... וויא צאַראַ וועט שוין זיין אויף דער רייזע, וועט מיר שוין ניט זיין שווער דורכצומאכען דיא זאַך ביי דעם סולטאן. ביז אהער האָט ער מיר נאָך אין קיין זאַך ניט ענטזאגט, און בפרט געגען דעם מאַנזור־עפענדי. . .

האסאן האָט גענומען פון גרויס־וויזיר א פערזיגעלטען קאָנווערט מיט דעם בעפעהל אויף צאַראַ'ס נאָמען און האָט דאָס איהם אין א קורצע צייט ארום איבער־

גנגעבען. דער קאסטעליאן האָט א וואָרט ניט גערעדט און גלייך געעפענט פאַר צאַרא'ן דעם טויער פון געפענגניס. צאַרא איז אוועק צו זיך אויף'ן קווארטיר, האָט שנעל זיך פערפערטיגט צו דער רייזע, מיטגענומען זיינע פאפירען און אין א שטונדע ארום איז ער שוין געזעסען אויף איין ענגלישען דאמפפ־שיף, וועלכע איז אָבגעפאָהרען נאָך ענגלאנד.

אין דעם זעלבען טאָג האָט דער שייך בעדארפט אָנטרעפען דעם קאסטעליאן פון שטיין קאמער און ער האָט איהם מיטגעטהיילט, דאָס מאָרגען וועט זיין דיא ערשטע זיצונג איבער צארא'ס פּראָצעס. וויא דער קאסטעליאן האָט דאָס דערהערט איז ער אויפגעטרייסעלט געוואָרען.

— וואָס זאָגט אייער דורכלויכט? — האָט ער קוים געקאָנט אויסרוידען, — צארא־בעי איז דאָך ניט לאנג בעפרייט געוואָרען אויף דעם גרויס־וויזיר'ס בעפעהל, וועלכען איך האָב בעקומען פון האסאן'ס האנד?

— אזוי? האָבען זיי מיר פערכאפּט דיא וועג? — האָט דער שייך א געשריי גנגעבען העכסט אויפגעבראכט, — נו, נים אזוי לייכט וועט ער פון מיינע הענד ענטלויפען... דערווייל וועסט דו מיר ענטפערן פיר איהם. דו האָסט מיט זיי געוויס געמאכט איין האנד?...

דער קאסטעליאן איז געפאלען פאר איהם אויף דיא קניע און האָט איהם געבעטען אום פערצייהונג. דער מאנזור־עפענדי איז אָבער גלייך פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט זיך געאיילט אָנצואווענדען אלע קרעפטען צוריקצוקעהרען דעם ענטלאָפענעם ארעסטאנט.

61.

דיא מפלה פון דעם שייך.

בודימיר האָט פערלאָרען דעם קאָפּ קלערענדיג, וויא אזוי האָט סירא געקאָנט אנטלויפען פון זיין טהורעם? און עס איז ביי איהם געבליבען ניט אנדערש, דאָס זיא איז א צויבערין אָדער א טייפעל. אין אמת'ן אָבער, ווער עס האָט געקענט סירא'ן, האָט גלייך בעדארפט פערשטעהן, דאָס זיא וועט אנטלויפען. זיא איז געוועזען פלינק וויא א קאץ, פלעגט קלעטערן איבער הויכע מויערן וויא איין אָבעזיאנע, און קריכען דורך דיא קלענסטע שפּעלטלאָך וויא א מויז. פון טהורעם איז איהר לייכט געוועזען צו אנטלויפען. זיא האָט אריינגערוקט א שטיקעל האָלץ אין לאָך פון טיהר־שלאָס, האָט אויף דעם זיך אָנגעהאלטען מיט דיא פיס און אזוי ערְרייכט מיט'ן האנד דעם פענסטעריל אין דער הויך; דערנאָך האָט זיא שוין אויסגעשלאָגען דיא שויב און איז אראָבגעשפרונגען אין קאָרידאָר. איין מאָל איז זיא געוועזען אין קאָרידאָר,

אין איהר שוין לייכט געווען זיך אראָבצולאָזען נידעריגער און דורכצושפּרינגען דורך א פענסטער אין פרייען פעלד.

ווי זי איז שוין געוואָרען פריי, האָט זי זיך בעשלאָסען פריהער ווי אלעס זיך צו זעהען מיט האסאן און פרעגען ביי איהם, וואָס מאכט רעציע. זי האָט זיך איבערגעשיפט איבער'ן באָספאָר און איז שוין געווען לעבען שלאָס בענלעבעג, וואו האסאן האָט אין יענער צייט געוואָהנט. צום אומגליק, איז דאמאָלס געגאנגען פון שלאָס האמיד־קאדי, וואָס האָט איהר גלייך ערקענט. אין אָנפאנג איז ער ער־שטוינט געוואָרען; ווי אזוי איז זי אנטלאָפען פון דעם הענקער בודימיר'ס טהורעם, וואָס א פויגעל קאָן אהין ניט צוקומען? — פיעלייכט איז דאָס איין אנדערע, וואָס האָט נאָר א'ן אָנבליק צו סירא'ן? פון יוצא ווענען, האָט ער איהר דאָך געהייסען אָננעהמען און אָבפיהרען אין טהורעם. ווי בודימיר האָט איהר דערזעהען, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון פריידע; ער האָט זיך מעהר געפרעהט מיט סירא'ן, ווי עס פרעהט זיך א פאָטער מיט א קינד, וואָס ער האָט א צייט ניט געזעהען... געוועהנליך האָט ער איהר יעצט שוין אריינגעזעצט אין א זיכערען אָרט, פון וואנען זי וועט שוין ניט לויפען, זי מעג אפילו זיין צעהן טייפלען צוזאמען...

האמיד־קאדי האָט זיך אויך ארומגעזעהען דאָס עס לאָהנט ניט מעהר צו מאכען שהיות און האָט אין דעם זעלבען טאָג פערטיג געמאכט איהר דעקרעט, מען זאָל איהר הענגען, און האָט פאָרגעלייגט דיעזען דעקרעט דעם סולטאן ער זאָל איהם אונטערשרייבען. דער סולטאן האָט דאָס איהם גלייך געטהאָן, ווארום ער האָט גע־גלויבט דאָס באלד ווי סירא שטארבט ווערען שוין בטל איהרע טרויעריגע פראָ־פעציייהונגען, דאָס דער טירקישער טראָהן וועט אין קורצען פאלען.

דער דעקרעט איז געווען געשריבען קורץ און שארף: „סירא איז פערמשפּט צום הייגען אלס די מערדערין פון דער אלטער האניפע. די עקזעקוציאָן דאַרף זיין היינט פאר נאכט אויף דעם זעלבען אָרט וואו די מערדעריי האָט געטראָפען"!!

בודימיר האָט צורעכט געמאכט די תליה ניט ווייט פון הילצערנעם טויער אין סקוטארי. מאנזור־עפענדי האָט בכיון אויסגעקליבען דיעזען שטילען אָרט וואו עס זיינען געוועהנליך דאָ ווייניג מענשען, ווייל ער האָט פורכט געהאט, דאָס די איינ־וואָהנער פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, בפרט די פאנאטיקער, וואָס האָבען געהאלטען סירא'ן פיר א הייליגע, וועלען ווערען אויפגערעגט ווען זיי וועלען פלוצלינג דערזעהן דאָס מען הענגט דיעזע הייליגע, און זיי וועלען נעהמען פאָרשען און פרעגען וואָס דאָ איז געווען פיר א מעשה, און דאָס קאָן זיך פיר איהם שלעכט אויסלאָזען. אָט דאָרטען, אויסען שטאָדט וועט מען איהר פטר'ן אין דער שטיל און עס וועט א האָה ניט קרייהען. דעריבער האָט מען דאָס מאָל אויך קיינע פובליקאציאָן ניט געמאכט

זויא געוועהנליך, כדי עס זאָלען זיך ניט אויפקלייבען איבעריגע מענשען. אגב האָט מען ארום תליה אוועקגעשטעלט א גרויסע וואך פון קאוואסען, רייטער מיט הוילע דעגען וואָס האָבען בעדאַרפט איינהאַלטען אין אָרדנונג דעם קליינעם געזעמעל, וואָס איז דאָך געוואָרען, אין יענעם אָרט. דאָס זיינען געווען ארומיגע איינוואָהנער, וועלכע האָבען געבראָכען דיא קעפּ צו טרעפען, וועמען מען וועט הייגגען.

סיררא האָט שוין געוואוסט פון איהר דעקרעט נאָך פאַר האלבען טאָג, און זיא איז געבליבען גאַנץ רוהיג. עס האָט איהר נאָר פערדראָסען וואָס זיא וועט שוין מעהר רעציע'ן ניט קאָנען בעהילפיג זיין, און דאָס עס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען צו ענטדעקען דעם סולטאן דיא קאָמעדיע וואָס דער שייך האָט מיט איהר אויפגעשפּיעלט ביים סאָפּטי אין הויז.

נאָך האלבען טאָג, מיט א פּאָר שטונדען פאר דער צייט, וואָס איז בעשטימט געווען צו ערפילען דעם דעקרעט איבער סיררא'ן, האָט מען איהר, אין א פערמאכטען וואָגען, אוועקגעפיהרט צום פּלאַץ וואו עס איז שוין געשטאַנען דיא תליה. האסאן איז אין דיעזער צייט געזעסען אין סולטאן'ס קאבינעט; ער איז געזעסען וויא אויף הייסע קוילען, ווארום ער האָט געוואוסט דאָס מען וועט באלד הענגען סיררא'ן. עס האָט איהם שרעקליך פערדראָסען, וואָס ער קאָן איהר גאָר ניט העלפען, און וואָס מיט איהר טוידט וועט מען פערלירען דיא איינציגע זיכערע האָפנונג אראָבצורייסען דיא מאסקע פון דעם ניעדערטרעכטיגען שייך און פון איהם פּטור צו ווערען.

גראַד אין דיעזער צייט האָט מען געמעלדעט אין קאבינעט דאָס מאנזור־עפענדי פערלאנגט צו זעהען דעם סולטאן. דאָ האָט זיך שוין האסאן מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען. בעפאָר נאָך דער סולטאן האָט צייט געהאט צו געבען דעם שייך ערלויבניס אריינצוגעהן, האָט ער זיך געווענדט צו איהם.

— איך ביטטע אייער מייסטעט אום פערצייהונג, אָבער עס איז אונמעגליך מעהר צו ווארטען. דער שייך איז געקומען מיט א נייע מיטטהיילונג וועגען סיררא'ן, וועלכע דארף באלד געהאנגען ווערען; אָבער איידער איהר וועט איהם אויסהערען איז אייך נעטהיג צו וויסען, דאָס דיא פאלשע פּראָפּעטין איז אין קיין זאך ניט שולדיג, ווארום זיא האָט נאָר געטהאָן דאָס וואָס דער שייך האָט איהר געצוואונגען צו טהאָן. דער שייך האָט איהר געגייטהה מיט געוואלט זיא זאָל זיך מאכען פיר א פּראָפּעטין און האָט איהר דיא גאַנצע צייט געלערנט וויא צו שפּיעלען דיא קאָמעדיע אין סאָפּטי'ס הויז, וויא זיא זאָל אנטוואָרטען אויף דיא פּראגען, וואָס דיא בעזוכער האָבען איהר געמאכט. דורך דעם האָט ער פערגרעסערט זיין אייגענע מאכט און בעדייטונג ביי אייך, דורך דעם האָט ער אויסגעפיהרט דיא סולטאנין וואלידע זאָל

צו איהם פריינדליך ווערען. סיררא האָט געמוזט שפּיעלען דיא פאלשע ראָללע וואָס ער האָט איהר געצוואונגען.

— דערמאָהן דיך, האסאן, וואָס פיר א שרעקליכע בעשולדיגונג דו מאכסט אויף איהם! — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאן העכסט ערשטוינט.

— דיעזע בעשולדיגונג איז דיא ריינע וואהרהייט, — האָט געענטפערט האסאן, — מאנזור־עפענדי האָט געמאכט דיעזע אונגליקליכע פיר א פּראָפעטין, פיר א וואונדער פון יענער וועלט, וואָרום איהם איז דאָס צונוטץ געקומען... זיא האָט דאָס מיר אליין מיטגעטהיילט, און אויב זיא לעבט נאָך, קאָנט איהר דאָס זעלבסט פון איהר מונד הערען. דער שייך האָט מורא פאר דעם, דעריבער איילט ער זיך וואָס צום שנעלסטען איהר צו הענגען. . .

— אָבער זיא האָט דאָך פערדיענט געהאנגען צו ווערען, — האָט דער סולטאן בעמערקט, — זיא איז דאָך א מערדערין!...

— זיא איז ניט דיא מערדערין פון האניפע׳ן, — האָט האסאן קאלט געענטפערט, — דאָס איז נור א בלבול אום וואָס צום שנעלסטען פון איהר פּטור צו ווערען זיא זאָל ניט אויסזאָגען אלעס וואָס זיא ווייס פון שייך׳ס אויפפיהרונג... זיא איז געוועזען האניפע׳ס א פריינדין און זיא האָט איהר ניט געקאָנט ערמאָרדען.

האסאן האָט דאָ מיטגעטהיילט דעם סולטאן דיא גאנצע געשיכטע, וויא איין געדונגענער מערדער האָט בעדארפט טוידטען סיררא׳ן און ער האָט אנשטאָדט איהר געטוידט האניפע׳ן, און דערנאָך בכיון ארויפגעוואָרפען דעם בלבול אויף סיררא׳ן, וועלכע מען האָט פערמשפּט גאָר אָהן א שום אונטערזוכונג, כדי דער אמת זאָל ניט ארוים אויף׳ן טעלער.

— און ווער איז דער אמת׳ער מערדער פון דער אלטער פרוי? האָסט דו אויף וועמען א פערדאכט?

— דערווייל ווייס איך דאָס ניט בעשטימט, האָט האסאן געענטפערט, — אָבער איך קאָן נאָר שווערען ביי אלעם היילינען, דאָס סיררא איז ריין פון דיעזען שולד.

איבער דעם סולטאן׳ס געזיכט האָט זיך פערצויגען א שאָטען. יעצט איז איהם אריין אין געדאנקען פיעלע זאכען: דער שייך האָט איהם אימער בעטראָגען, גענארט. ער האָט איהם פערשפּראָכען אומצוארבייטען דיא געזעצע וועגען דער ירושה פון טראָהן און האָט נאָך ניט געטהאָן וועגען דעם וואָס א האָר איז ווערטה. דיא סולטאנין וואלידע איז אימער געוועזען זיין געגנערין, און יעצט איז זיא מיט א מאָל געוואָרען מיט איהם איינס... דער סולטאן האָט אין דעם געזעהען א בעוויז, דאָס האסאן איז געוועזען גערעכט.

— רוף איהם אריין ! — האָט ער געזאָגט מיט א טרויעריגע שטימע צו האסאן.

האסאן האָט איינגעלאדען דעם שייך צום סולטאן אין קאבינעט. ווי דיא מאָדע איז אין טירקיי, איז דער שייך גלייך ניט אריין אין קאבינעט, נאָר ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין פאָרצימער ווארטען ביז דער סולטאן אליין וועט צו איהם זאָגען מיט זיין אייגען מונד „הערייַן“ ! ער האָט געווארט היבשע עטליכע מינוט איידער ער האָט זוכה געווען צו ערהערען דיעזעס וואָרט. און זיין הערץ האָט איהם געזאָגט, דאָס דער אדיוטאנט האָט שוין געוויס אָנגערעדט אויף איהם פאר דעם סולטאן. ער איז דאָך ביי זיך ניט אראָבגעפאלען און איז אריין אין קאבינעט גאנץ דרייסט וויא געוועהנליך. ער האָט זיך פערניינט פאר דעם סולטאן און האָט איהם אין א פרעהליכען טאָן געפרעגט, ווארום ער האָט איהם אזוי לאנג געלאָזען ווארטען אין פאָרצימער, וואָס קיין מאָל פלעגט דאָס ניט טרעפען.

— ווייל, וויא איך רעכען, ביזט דו געקומען מיר מיטטהיילען, דאָס מען האָט שוין דיא פראָפעטין געהאנגען און דיעזע נאכריכט איז פיר מיך זעהר א טרויעריגע. איך האָב מיך ערקונדיגט, דאָס מען האָט גאָר קיינע אונטערזוכונג ניט געמאכט, צו זיא איז ווירקליך דיא מערדערין פון דער אלטער פרוי אָדער ניין, און מען האָט איהר צו האסטיג פערמשפט... עס טהוט מיר לייד, וואָס איך האָב אונטערגעשריבען איהר דעקרעט.

— פערצייהען זיי מיר, גנעדיגער סולטאן ! — האָט זיך אָבגערופען דער שייך, — זיי האָבען א טעות אין צווייען. ערשטענס, האָבען זיי ניט וואָס חרטה צו האָבען וואָס זיי האָבען אונטערשריבען סירראַ'ס דעקרעט. זיא האָט איהר פסק גאנץ כשר פערדיענט. איך ווייס געוויס, דאָס זיא איז דיא מערהדערין. און ווען איך וואָלט דאָס ניט וויסען אויף געוויס, וואָלט איך איהר ניט פעראורטהיילט צום טוידט, ווארום וואָס האָט זיא מיר געטהאָן און וואָס האָט זיא מיר געקאָנט טהאָן איך זאָל זיין אויף איהר בייז. צווייטענס האָט מען איהר נאָך ניט געהאנגען, און איך קום אייך מיטטהיילען א וויכטיגערע נאכריכט וויא דיעזע. צארא־בעי, דער מערדער וואָס איז אויף אייער בעפעהל געזעסען אין „שטיין קאמער“ איז פון דאָרטען אנטלאָפען !

— אנטלאָפען פון „שטיין קאמער“ ! — האָט דער סולטאן פערוואונדערט אויסגעשריען, — איך בעגרייף ניט וויא מען קאָן פון דאָרטען אנטלויפען ?...

— וואונדערן זיי זיך ניט, גנעדיגער סולטאן, — האָט זיך אָבגערופען דער שייך, — ער וואָלט געוויס ניט אנטלאָפען, ווען דיעזער יונגער אָפיציער וואָס שטעהט לעבען אייך וואָלט איהם ניט בעפרייט : ער האָט בעפאָהלען דעם קאסטעליאן איהם לויז צו לאָזען, ווייל ער האָט איהם איבערצוגעבען נעטהיגע פאפירען.

— וואָס בעדייט עס ? — האָט דער סולטאן מיט האסט געפרעגט ביי האסאן.

— גאַנץ ריכטיג, — האָט האסאַן רוהיג געענטפערט, — דאָס זיינען געווען פּאַפּיערען פון מיניסטער פון אויסווערטיגע אַנגעלעגענהייטען. ער האָט דיעזען צאַרא'ן געמאַכט פיר א מיליטער־אטאשע אין לאָנדאָן. ער גלויבט, דאָס ער איז וויא געבאָרען צו דיעזער שטעלע, און ער וועט אויף איהר בריינגען ניט ווייניגער נוצען וויא ער האָט געבראַכט אויף דער שטרייט אין אַראַביען. ער האָט איהם בעפאָהלען דיא זעלבע נאַכט צו רייזען נאָך לאָנדאָן, וואוהין ער האָט איהם וויכטיגע אויפטראַגע געמאַכט, וועלכע עס איז נעטהיג וואָס צום שנעלסטען אויסצופיהרען.

— עס פרעהט מיך, — האָט דער שייך ווייטער געזאָגט, — וואָס ער איז זיך אַליין מודה, דאָס ער האָט איהם איבערגעגעבען דיעזע פּאַפּיערען. דאָס איז א פערברעכען וואָס איז וויכטיג גענוג, אום אייך צו מעלדען פון איהם. איך גלויב, דאָס אייער מייסטעט וועט געפינען פיר נעטהיג צו בעפעהלען, מען זאָל דעם אַנטלאָפענעם צוריקבריינגען און מען זאָל צוגלייך מאַכען איינע אונטערזוכונג וועגען דיעזען האסאַן, וואָס האָט איהם געהאָלפען אַנטלויפען.

— איך פערשטעה ניט, — האָט זיך דער סולטאַן געווענדעט צו זיין אַדיוטאַנט, — וויא אַזוי האָסט דו זיך בעשלאָסען צו טהאָן אַזא זאַך? איין מאָל האָסט דו קלאָהר געוואוסט, דאָס איך זעלבסט האָב בעפאָהלען צו ארעסטירען דיעזען צאַרא'ן אין „שמיין קאמער“? איך פערשטעה דאָס ניט...

— איך האָב מיך בעשלאָסען דאָס צו טהאָן, ניט אייך צו קריינקען, אָבער אויס טרייהייט צו אייך, איך וויים דאָס דיעזער צאַרא איז איינער פון אייערע טרייעסטע און בעסטע דיענער, און דאָס מוחאמעד־בעי איז, פערקעהרט, געווען איינער פון אייערע פיינדע, וועלכע דיענען ניט אייך, נאָר דיעזען העררן (ער האָט געוויזען אויף דעם שייך), ער איז אייך אימער געוועזן פאלש און האָט נאָר געדינגט פיר א שפּיאָן, וואָס פלעגט איבערגעבען דעם שייך־אול־איסלאם אלע אייערע געהיימניסע און פלעגט איהם העלפען אין זיינע אינטריגען געגען אייער פּערזאָן. דערפאר האָט איהם אַזוי דער שייך ליעב געהאט, דערפאר וויל ער זיך אַזוי נוקם זיין אָן צאַרא'ן, וואָס האָט ביי איהם צוגענומען אַזא גוטען קאַמעראַד...

האסאַן האָט נאָך גערעדט זעהר פיעל, האָט ערקלערט דעם סולטאַן, דאָס צאַרא־בעי האָט ניט געשלאָגען מוחאמעד'ן וויא א מערדער, נאָר אויף א „דועל“, ווייל דיעזער מוחאמעד האָט איהם פריהער דורך בעטרוג און פאַלשהייט אַריינגענאַרט אין סעראַיל, וואָס האָט איהם נאָך איין האָר דאָס לעבען געקאָסט. דער סולטאַן האָט איינגעזעהען דאָס האסאַן רעדט פון הארצען, דאָס ער איז איהם ווירקליך טריי און דאָס דער שייך איז נאָר א פאַלשער אינטריגאַנט. צעהן מינוט האָט דער סולטאַן א

וואָרט ניט אויסגערעדט, צום סוף האָט ער א שטרענגען בליק געגעבען אויף דעם שייך און האָט געזאָגט:

— איך קאָן דערוויילע דיא זאַך ניט ענטשיידען, ניט גוט ניט שלעכט, איך ברויך פריהער צו זעהן דעם גרויס וויזיר... פיללייכט האָט ער ניט געקאָנט אויסקומען אָהן צאַרא־בעי און האָט איהם געמוזט שיקען נאָך לאָנדאָן... אלזאָ, וויל איך יעצט וועגען דעם ניט שפּרעכען; דאָך דאַנק איך דיר פיר דיעזע מעלדונג, וואָס איז ווירקליך זעהר א וויכטיגע... און ווען דו ביזט שוין יא דאָ, וויל איך דיר אויך מאכען א וויכטיגע מעלדונג: מען זאָגט, דאָס דיא פּראָפּעטין, וואָס איז פון טוידט לעבעדיג געוואָרען, איך מיין דיעזע סיררא, וואָס מען וועט באלד הייגגען, איז געשטאָנען אונטער דיין ווילען און דו האָסט איהר אָנגעלערענט זי זאָל זיך אזוי אויפפיהרען? איז דאָס וואהר?

דער שייך האָט זיך אויף דיעזע פראגע גאָר ניט געריכט און זיא האָט איהם א ביסעל צומישט דיא געדאַנקען. דער סולטאַן האָט דאָס גלייך בעמערקט.

— וואָס מענשען קאָנען אויסדיינקען? — האָט דער שייך זיך געמאכט וויא ער וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען, — פון א וואָרט מאכט מען א קוואָרט, פון א לאָך — א דאַך... מען האָט מיך א מאָל גערופען צום סאָפטי אין הויז, איך זאָל זאָגען מיין מיינונג איבער דיעזעם מעדכען, זאָגט מען שוין, איך האָב איהר אָנגעלערנט...

— און וואו איז יעצט דיעזער סאָפטי? — האָט דער סולטאַן וויימער געפרעגט.

— ער איז משוגע געוואָרען און אין א קורצע צייט געשטאָרבען... איך וויים ניט פון וואָס מען רעדט דאָ... און ווער האָט דאָס אייך אלע ליגענס מיטגעטהיילט? איך בין נייגיעריג צו וויסען...

— נו, האסאַן, דו מעגסט צוליעב טהאָן דיעזען הייליגען מאַן און מיטטהיילען איהם ווער עס האָט מיר דיעזע ליגענס, וויא ער זאָגט, דערצעהלט.

מעהר וויא דאָס האָט האסאַן ניט בעדאַרפט. ער האָט זיך דרייסטיג אוועקגעשטעלט און האָט פאַר דעם סולטאַן אין דיא אויגען אזוי צוליעב געטהאָן דעם שייך, דאָס ער האָט, וויא מען זאָגט, אלע זיבען הימלען דערזעהען.

— דער מענש וואָס האָט דיעזע ליגענס מיטגעטהיילט אונזערן גנעדיגען סולטאַן, איז ניט קיין אנדערער וויא איך זעלבסט, — האָט זיך האסאַן אָבגערופען צום שייך, און איך האָב אזעלכע בעוויזע און ראיות, וואָס אייערע דורכלויכט וועט ניט קאָנען לייקענען, דאָס איהר האָט ניט אזוי איהר געהאַלטען דיא גאנצע צייט אין אייערע הענד און עצות געגעבען וויא זיא זאָל שפּיעלען איהר פאַלשע ראָלע, נאָר איהר אליין האָט אפילו איהר דיקטירט דיא אנטוואָרטען, וואָס זיא האָט בעדאַרפט געבען אויף דיא פראגען, וואָס דיא בעזוכער האָבען איהר געמאכט; איהר אליין האָט איהר פון אונטער'ן פּאַרהאַנג, אזוי וויא סופלער דעם אַקטיאָר, אונטערגעזאָגט אלע איהרע

פּראָפּעציייהונגען. דאָס אלעס האָט אייערע דורכלויכט געטהאָן צו בעטריגען דיא וועלט, מען זאָל גלויבען דאָס איהר זייט ווירקליך א הייליגער מאן, דאָס אייערע ווערטער, אייערע מיינונגען שטימען איין מיט דיא מיינונגען פון דער פּראָפעטין... וויא אָבער איהר האָט אָנגעפאנגען צו פירכטען, דאָס דיעזע אונגליקליכע סירדא וועט ענטדעקען אייערע פאלשהייט, האָט איהר אויף איהר געמאכט א בלבול, דאָס זיא איז א מערדערין און האָט איהר פעראורטהיילט צו טוידט. אָבער זיא קאָן דאָס נאָך אייך אין אויג אלעס זאָגען... זאָל מען איהר נאָר ברייגגען אהער...

— ליידער קאָן מען איהר שוין אהער ניט ברייגגען, — האָט געזאָגט דער שייך מיט א געמאכטען שמייכעל, — ווארום זיא איז שוין אויף דער תליה.

— און דאָס איז אויך ליגען, — האָט האסאן האסטיג אויסגעשריען, — עס איז נאָך ניט שפּעט, זיא לעבט נאָך און מען קאָן איהר ברייגגען. איהר פירכטעט אָבער דאָס צו טהאָן, זיא זאָל אייך אין אויג ניט זאָגען, דאָס איהר אליין האָט איהר אונטערגעזאָגט דיא שרעקליכע טרויעריגע פּראָפּעציייהונג וועגען אונזער סולטאן'ס טראָהן. . .

האסאן'ס לעצטע ווערטער האָבען שרעקליך אויפגעבראכט דעם סולטאן געגען דעם שייך וואָס האָט א וואָרט ניט געקאָנט אויסריידען זיך צו פערענטפערן.

— אוי: מען דארף, אויב דיא פאלשע פּראָפעטין איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניט דאָ, — האָט א געשריי געטהאָן דער סולטאן, — קאָן מען ברייגגען דיא וועכטער, וואָס זיינען געוועזן אין סאָפּטי'ס הויז, און זיי וועלען מיר שוין אלעס זאָגען. אָבער עס איז איבעריג, ווארום דער אמת לאָזט זיך אליין ערקענען... איך וויים שוין פון לאנג אָן דאָס דו (ער האָט זיך געווענדט צום שייך) ביזט א פאלשער מענש, א בעטריגער... איך האָב דיר ביז אהער אלעס פערשוויגען, אָבער יעצט גענוג! אויף א ווייטען און א וויסטען אינזעל, וואוהין דו וועסט פערשיקט ווערען, וועסט דו צייט האָבען און רוהע חרטה צו האָבען אויף דיינע מעשים און איינצוזעהען דאָס דו אליין ביזט שולדיג אין דיין אייגענעם אומגליק און אין דעם אומגליק פון דיין פרוי און קינדער! . . .

דער סולטאן האָט זיך אומגעקעהרט צום שייך מיט'ן רוקען און דער שייך איז מיט שאנדע ארויסגעגאנגען פון קאבינעט, וואוהין עס איז איהם שוין מעהר ניט בעשערט געוועזן אריינצוגעהן.

נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט ער פון סולטאן בעקומען זיין פּאָרמאלע אָטסטאווקע. צוליעב דיא טירקישע געזעצע האָט מען איהם פערשוינט דאָס לעבען, — איין מאָל איז ער געוועזן א מופטי, — אין דער ערשטער צייט האָט מען איהם אפילו

ניט פערשיקט און געלאָזען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל וואָהנען וויא איין איינפאכער פּריוואט מאַן.

וויא דער שייך איז ארויס פון קאבינעט, האָט דער סולטאַן זעהר ווארם גע־דאנקט האסאַן, וואָס האָט קיין פורכט געהאט אראָבצורייסען דיא מאסקע פון דעם ניעדערטרעכטיגען מענשען און דערמיט מעגליך געמאכט מען זאָל פון איהם קאָנען פּטור ווערען. האסאַן האָט זיך בענוצט מיט דיעזער מינוט וואָס דער סולטאַן איז געוועזן אזוי גוט, און האָט אויסגעווירקט דער סולטאַן זאָל שיינקען סירראַ'ן דאָס לעבען, אויב עס איז נאָך ניט צו שפּעט; ערשטענס, ווייל ער האָט געקאָנט שווערען, דאָס זיא איז ניט דיא מערדערין פון דער אלטער האניפע; צווייטענס, אום דר סולטאַן זאָל פון איהר איינענעם מונד הערען אלעס און וואָס ער בעשולדיגט דעם שייך.

האסאַן איז אליין אין גרויס האסט אוועקגעריטען אין סקוטארי אויף דעם פּלאטץ וואו עס האָט בעדארפט זיין דיא עקזעקוציאָן, אום צו רעטען דיא אונשולדיגע סירראַ פון טויט.

62.

דיא נייע גרויסע לייט.

טירקיי איז אין דיעזער צייט געוועזן אין זעהר א שלעכטע לאגע. אין גאנצען לאנד און נאָך מעהר אין קאָנסטאנטינאָפּאָל זיינען דיא איינוואָהנער געוועזן שרעקליך אונצופריעדען פון דיא נייע אָרדנונגען, פון דיא נייע אייראָפּעאישע מאָדעס וואָס דער סולטאַן אבדול־אזיס האָט איינגעפיהרט אין דער רעגיערונג. דיא פרומע מאחמעדאנער האָבען דאָס געהאלטען פיר דיא גרעסטע אפּיקורסות און האָבען געקוקט אויף דעם סולטאַן מיט אזעלכע שלעכטע אויגען, האָבען איהם אזוי פיינד געהאט, דאָס ער איז ניט זיכער געוועזן מיט זיין לעבען. ער איז געוועזן ארומגערינגעלט פון בלוט־פיינד אפילו ביי זיך אין הויף, ווארום צווישען זיינע מיניסטאָרען און דיענער זיינען געוועזן א פולע וואָס האָבען איהם אין הארצען געוואונשען אלעס בייז. אויסער דיא פאנאטישע מאחמעדאנער האָבען זיך אויפגעהויבען געגען איהם כמעט אלע זיינע קריסטליכע פּראָווינצען, וועלכע ער האָט נאָך דאמאָלס געהאט אונטער זיין הערשאפט, פון רומע־ניען, בולגאריען, סערביען און ד. ג. דיא קריסטען האָבען גענומען אין האנד געוועהר, ביקס און שווערד, און זיינען אָפען ארויס נעגען דיא טירקישע רעגירונג מיט א שטרייט. אזוי איז דער סולטאַן אבדול־אזיס אין אירגענדס ניט געוועזען רוהיג, ניט צווישען מאכמעדאנער, ניט צווישען קריסטען. א גרויסען טהייל אין דעם סולטאַן'ס צרות האָט געהאט מאנזור־עפענדי און זיין פּארטיע. זיי האָבען געדונגען פיר גוט געלד שפּיאָנען און מערדער, וואָס פלעגען ארומגעהן איבער'ן לאנד, און אומעטום אָנהעצען דיא

איינוואָהנער געגען דיא רעגירונג, מאַהמעדאַנער געגען דיא אייראָפּעאישען אָרדנונגען, קריסטען געגען דיא בעדריקונג פון דער טערקישער רעגירונג.

דער ציעל פון מאַנזור־עפענדי איז געוועזען אזוי לאנג צו ארבייטען ביז דיא קריסטען וועלען ארויס מיט איין אָפּענעם בונט. דאַמאָלס וועלען אלע מאַהמעדאַנער ווערען אויפגערעגט געגען זיי און מען וועט זיי שטריינג בעשטראָפען. צוליעב דעם וועט שטאַרקער ווערען דער מאַהמעדאַנישער גלויבען אין לאנד, און דיא רעגירונג אליין וועט זיך אויך ארומזעהען, דאָס פיר איהר איז געפעהרליך נאָכצוגעבען דיא אייראָפּעער און דיא קריסטען, און דאַמאָלס וועט זיך שוין קיינער ניט קענען גלייכען אין גרויסקייט מיט איהם, מיט דעם שייך־אול־איסלאם, וואָס איז דיא העכסטע גייסטליכע פערזאָן ביי אלע מאַהמעדאַנער. אזוי האָט מאַנזור־עפענדי געארבייט דיא גאַנצע צייט, וואָס ער איז געוועזען אויף זיין שטעלע, און האָט דאָס אויך ניט אויפגעהערט שפּעטער, וויא ער האָט שוין בעקומען זיין אָפּשטאַווקע, וואָרום אין גרונד איז ער דערנאָך אויך געבליבען ביי דיא פאַנאַטיקער דערזעלבער הייליגער, דערזעלבער תקיף וואָס פריהער. דער נייער שייך, וועלכער האָט געהייסען פעהמי־עפענדי, איז געוועזען מאַנזור־עפענדי'ס א גוטער פריינד און האָט קיין זאך ניט געטהאָן וואו ער האָט זיך מיט איהם פריהער ניט בעראַטהען. אזוי איז דער נייער שייך ניט געוועזען בעסער וויא דער אלטער, און צווישען דיא מאַהמעדאַנישע גייסטליכע, צווישען דיא דערווישען האָבען זיך אויף א האָר נאָך ניט געענדערט דיא אָרדנונגען, וועלכע עס זיינען פריהער געוועזען, און מאַנזור־עפענדי איז געבליבען ביי זיי דערזעלבער בעל־דעה אין רואינע „קאַדריש", אזוי וויא פריהער. דער אונטערשיעד איז נאָר געוועזען, וואָס יעצט האָט מאַנזור־עפענדי געקענט פרייהער פיהרען זיינע אינטריגען, וואָרום ער האָט דאָך שוין ניט בעדאַרפט פון יעדער זאך מעלדען דעם סולטאַן.

אין א האלב יאָהר ארום, נאָך מאַנזור־עפענדי'ס מפּלה, האָט מען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט גרויס פּאַראַד געפייערט דעם טאָג וואָס דער סולטאַן אבדול־אזיס איז ארויף אויפ'ן טראָהן. דאָס איז געוועזען דער 21טער פון מאָנאַט אדשאַמאַד. אין דיעזען טאָג פלעגט מען מאַכען פּאַראַד אלע יאָהר, נאָר דיעזעס מאָל איז דער פּאַראַד געוועזען פיעל גרעסער, מיט מעהר אויפצוג און מעהר צערעמאָניע וויא געוועהנליך. מען האָט געוואָלט אביסעל אויפמונטערן, לעבעדיגער מאַכען דעם גייסט פון דער נאַציאָן, וועלכע איז אין דער לעצטער צייט זעהר אראָבגעפאַלען ביי זיך און איז געוועזען זעהר פערזאָרגט און פערפינסטערט, איבער דיא אונגליקען, וואָס האָבען זיך אויסגעגאָסען אויף טירקיי. דיא שטראַסען פון שטאָדט זיינען געוועזען געפּוצט מיט פאָהנען, איליומינירט מיט לאָמפּען פון אלערליי קאָלאָרען; קירכען, מעטשעטען זיינען געוועזען אָבגעטונקט פון אויבען ביז אראָב אין בענגאַלישע פייערן. דיא גאָנדאָלע, שיפלאך, וואָס לויפען

אַרום איבער'ן באַספאָר, זיינען אויך געווען אויסגעפוצט און איליומינירט... אין לופט האָט געקלונגען מיליטער־מוזיק פון פערשיעדענע רעגימענטען. אין פיעל פּלעט־צער זיינען געשטאַנען בופעטען, בעדעקט מיט דיא בעסטע שפּייזען און נאַשערייען. אויף דיא פּלעטצער, שפּאַצירגיינגע און מערק האָט מען געשפּיעלט טהעאַטער, וואָס זיינען פריי געווען פיר יעדען צו זעהען.

דיא מיהע פון דער רעגירונג איז ניט געווען אומזיסט. דיא טירקען זיינען גע־וואָרען אזוי אויפגערעגט און צוהיצט, דאָס מען האָט געשריען אין דיא גאַסען: "עס לעבע טירקיי!" „עס לעבע אבדול־אזיס!" „א טויט אויף דיא קריסטען!" מען האָט געשאַרפט מיט דיא צעהנער, געוויזען קולאַקעס, געפּאַכט מיט קינזשאַלען... קורץ גע־זאָגט, עס האָט אויסגעזעהען, דאָס דיא טירקען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען פיקס און פערטיג דיא זעלבע מינוט צוגעהן שטרייטען מיט זייערע פיינדע ד. ה. מיט דיא קריסטען.

אין דיא זעלבע נאַכט איז מאַנזור־עפענדי געקומען אין רואינע „קאַדריש", וואו ער האָט אין דער שטיל געשפּיעלט דיא זעלבע ראָללע וואָס פריהער. דאָ האָט אויף איהם שוין א לאַנגע צייט געוואַרט דער גריעכע לאַצאַרוס. וויא ראָשאַנע האָט איהם פון זיך אַרויסגעטריבען, האָט דיעזען באַנדיט צוגענומען צו זיך אין דיענסט מאַנזור־עפענדי. דער געוועזענער שייך האָט אָנגעטראָפען זיין דיענער אין זאַאל און האָט איהם א וואונק געטהאָן ער זאָל מיטגעהן מיט איהם אין א צימער אָן א זייט, וואו קיינער וועט זיי ניט שטערען. זיי זיינען ביידע אריין אין א שטילען צימער און דער שייך האָט פּאָרוים צו געשלאָסען דיא טיהר און נאָך דעם געפרעגט ביים גריעכע, צו ער איז געווען אין דער וואָהנונג פון קריעגס־מיניסטער הוסיין־אַפני־פּאשא, וואוהין ער האָט איהם געשיקט וואָס אויסשפּיאָנירען.

— אַרום זיין וואָהנונג שטעהען וואַכען,—האָט לאַצאַרוס געענטפערט,—אָבער עס האָט מיר געגליקט בעקאַנט צו ווערען מיט זיין פערטרויעטען קאַמער־דיענער איבראַהים און איך האָב מיך פון איהם ערקונדיגט, דאָס ביי זיי איז דאָרטען פאָרגעקומען א וויכ־טיגע זאַך, וואָס קען פיר אייך בעסער גאָר ניט זיין... דיעזער מיניסטער וועט געוויס אַריבערגעהן אויף אייער זייט...

— גוט,—האָט זיך אָבגערופען מאַנזור־עפענדי,—אָבער איך האָב דאָך דיר גע־הייסען, דו זאָלסט דיך דיא ערשטע זאַך ערקונדיגען, צו איז ער געניינט צונויפצו־קומען און זעהען זיך מיט מיר?

— ער איז ניט אזוי געניינט,—האָט פרעהליך געענטפערט לאַצאַרוס,—נאָר איך זאָג אייך, דאָס ער האַלט דאָס פיר א גרויסע עהרע און ער וועט נאָך אין דיעזער נאַכט קומען אהער!

דיעזע נאַכריכט האָט געמאַכט מאַנזור'ן פיעל פריידע. אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. וואָס פעהלט איהם שוין יעצט נאָך? פעהמי־עפענדי איז אויף זיין זייט, דער מיניסטער ראשיד־פּאשא איז זיינער מיט לייב און לעבען, און יעצט האַלט שוין דערביי דער קריעגס־מיניסטער, וואָס אונטער איהם שטעהט דיא גאַנצע מיליטער, זאָל אויך זיין פון זיין פּאַרטיי!... דאָס האָט איהם געמאַכט אַזוי פיעל פער־גניגען, דאָס עס האָט זיך איהם געוואָלט אויסהערען פון זיין דיענער יעדע קליי־ניגקייטבעזונדער, וואָס האָט איהם געבראַכט צו דיעזער נאַכריכט.

— פון וואַנען פערשטעהסט דו דאָס? — האָט ער געפרעגט דעם שפּיאָן, — פאַר וואָס רעכענסט דו דאָס ער איז גענייגט צו מיר?

— ווייל מען האָט איהם אין בעגלעבעג שטאַרק בעליידיגט און ער איז אויפ־געבראַכט געגען סולטאַן, — האָט געענטפערט לאַצאַרוס.

— ווער האָט איהם נעמליך בעליידיגט? —

— דער פּרינץ יוססוף, וועלכען ער האָט ביז אהער העכסט טריי געדיענט...

— ער זאָל איהם בעליידיגען? — דאָס איז גאָר ניט צו גלויבען, — האָט ווייטער געזאָגט מאַנזור־עפענדי, — נו, מיט וואָס האָט ער איהם בעליידיגט?

— אַזוי וויא איהר ווייסט, האָט הוסיין־פּאשא א שעהנע יונגע טאָכטער ליילא, וואָס דער פּרינץ פלעגט זיך אויף איהר שטאַרק פערקוקען. הוסיין האָט דאָס בעמערקט און ער האָט איהם אוועקגעגעבען זיין טאָכטער אין דער האָפנונג, דאָס ער וועט מיט איהר הייראַטהען. זיא איז אָבגעווען ביי איהם אייניגע מאָנאַטען און דער פּרינץ האָט איהר זעהר ליעב געהאַט, האָט איהר געמאַכט טהייערע פּרעזענטע און פערשפּראָ־כען ניט אנדערש צו הייראַטהען. אָבער מיט א מאָל האָט דער פּרינץ בעדאַרפט אָנ־טרעפען אַלמאַנזאָר'ס טאָכטער דיא שיינע רעציע און האָט זיך אין איהר אַזוי פער־ליעבט, דאָס ער האָט כמעט פיר איהר זיין לעבען געאָפּפערט, אַזוי וויא איהר ווייסט גאַנץ גוט, און האָט שוין אויף ליילא'ן מעהר ניט געוואָלט קוקען, און ער האָט איהר א בעפלעקטע אָבגעשיקט צוריק צום פאָטער אין הויז!...

— דאָס איז ווירקליך א בעליידיגונג וואָס איז ניט געהערט געוואָרען! — האָט מיט פריידע בעמערקט מאַנזור־עפענדי.

— צום אומגליק נאָך איז ליילא אין פּרינץ שרעקליך פערליעבט און האָט זיך פון יסורים כמעט אליין ניט געטוידטעט... עס איז גוט וואָס דער פאָטער האָט בע־מערקט און האָט איהר אָבגעהאַלטען. דער פאָטער האָט זיך בעשלאָסען אָבצוואַוואשען דיעזע בעליידיגונג מיט דעם פּרינץ'ס בלוט, אָבער ליילא האָט ביים פאָטער גענומען א וואָרט, דאָס ער וועט דאָס ניט טהאָן. הוסיין זאָגט, אָבער, דאָס ער וועט זיך מיט

איהם אָברעכבענען אויף איין אנדער ארט... דערווייל איז ער נאַטירליך געוואָרען דעם פּרינץ און דעם סולטאַן א בלוט־פיינד!...

קוים וויא לאַצארוס האָט אויסגעשפּראָכען דאָס לעצטע וואָרט, האָט מען געמעלדעט דעם מאַנזור־עפענדי, דאָס דער קריעגס־מיניסטער הוסיין־אַפּני־פּאשא, איז געקומען צופאָהרען און פרעגט זיך נאָך אויף איהם.

— אָט זעהט איהר שוין, — האָט זיך לאַצארוס אָבגערופען צו זיין הערן, — דאָס איך זאָג קיין ליגען ניט?...

דער ענטזאָגטער שייך איז געווען אויף'ן זיעבעטען הימעל. ער איז ארויס־געגאנגען בעגעגענען דעם קריעגס־מיניסטער, וועלכער איז שוין געשטאַנען לעבען טיהר פון זיין צימער.

— געבענשט איז דיעזע שטונדע, וואָס איך האָב זוכה געווען, דו זאָלסט מיך קומען בעזוכען אין דיעזער רואינע, — האָט זיך מאַנזור־עפענדי מיט א שמייכעל אָבגערופען צום מיניסטער, — איך האָב אויף דעם קיין מאָל ניט געהאָפט.

— איך בין ניט געקומען אהער צו מאַכען אייך א פּוסטען בעזוך, — האָט דער מיניסטער געענטפערט, — איך בין געקומען, ווייל איהר האָט מיך דורך ראשיד־פּאשא איינגעלאַדען צו קומען, ווייל איהר האָט וואָס וויכטיגעס מיט מיר צו שפּרעכען.

— אָבער היינט איז דאָך אזא גרויסער פייערטאָג, און איהר האָט נאָך געוויס צו מאַכען פיעלע וויזיטען און אויפצונעהמען ביי זיך וויזיטען פון אנדערע...

— איך האָב מיך געאיילט צו קומען אהער, ווייל איך האָב מיט אייך אויך וואָס וויכטיגעס צו שפּרעכען. אלזאָ דארפען מיר קיין צייט ניט פערלירען...

— איך וויל מיט אייך שפּרעכען איבער א וויכטיגע פּאָליטישע פראגע, נעמליך, וועגען דעם סולטאַן'ס פּראָעקט איבערצומאַכען דיא טירקישע געזעצע איבער דיא ירושה פון טראָהן... איהם ווילט זיך ניט אנדערש זיין יוססוף זאָל נאָך זיין טוידט ארויף אויף'ן טראָהן... וויא מען האָט מיר געזאָגט, זייט איהר א ברענענדיגער פריינד פון דיעזען פּראָעקט, דעריבער וויל איך אייך זאָגען מיין מיינונג וועגען דעם, בפרט דאָס מיין מיינונג האָט נאָך, וויא איך ווייס, א שטיקעל בעטרעף ביי אייך.

— איך וויל אייך ניט לייקענען, ליעבער מאַנזור, ביז יעצט האָב איך ווירקליך געוואָלט דאָס נאָר יוססוף זאָל זיין דער נאַסליעדניק פון טראָהן; אָבער יעצט האָב איך שוין אין גאַנצען געענדערט מיין מיינונג...

— דאָס איז א גרויסער וואונדער, — האָט בעמערקט מאַנזור־עפענדי, — איך וואָלט דאָס קיין מאָל אויף אייך ניט גלויבען... און וויא לאַנג איז שוין דאָס איהר האָט געענדערט אייער מיינונג?

— פון געסטערן אָן, — האָט געענטפערט הוסיין־פּאשא, — ווייל איך האָב

איינגעזעהען, דאָס עס איז זעהר שווער אויסצופיהרען דיעזען פּראָעקט... פיעלע זיינען געגען איהם, און עס איז געפעהרליך מיט זיי אָנצופאנגען א שטרייט, וואָס קאָן אָנמאכען אין לאנד זעהר פיעל אומגליקע און צרות... דעריבער האָב איך מיך בעשלאָסען צו שטעהן גאָר פון ווייטען און ניט אריינמישען זיך אין דעם אויף וואָס א האָר איז ווערטה. . .

— עס פרעהט מיך זעהר, — האָט געזאָגט מאנזור־עפענדי, — וואָס איהר האָט אייך אזוי בעשלאָסען. איך זעלבסט האָב פון אָנפאנג אָן פערשטאַנען וואָס פיר גרויסע אונגליקען דיעזער פּראָעקט קאָן אָנמאכען אין טירקיי... איהר זייט אלע מאָל געוועזען איינער פון דיא שטאַרקסטע פריינדע פון פּראָעקט, דעריבער האָב איך געוואָלט מיט אייך שפּרעכען וועגען דעם, ערקלערען אייך, וויא ווייט דיעזער פּלאַן איז געפעהרליך, און עס פרעהט מיך, דאָס איהר האָט אליין א מאָל נעעפענט דיא אויגען...

— און יעצט, וויא מיר ביידע האָבען איין האנד געמאכט, — האָט זיך אָבגערופען דער מיליטער־מיניסטער, — וועט זיך שוין קיינער ניט אונטערשטעלען צו טהאָן פערקעהרט, ווארום מיר ביידע האַלטען אין אונזערע הענד דיא גייסטליכע מאכט פון גאנץ טירקיי און דיא וועלטליכע... עס מאכט ניט אויס, וואָס דער סולטאן האָט אייך אָבגעדאנקט און ענטזאגט. ביי דער נאציאָן האָט איהר גאָר ניט פערלאָרען דורך דעם, און אלע האַלטען אייך נאָך יעצט פיר א הייליגען מאן און גיבען אייך אָב כבוד גאָר וויא פריהער... און איך האָב אונטער מיין הערשאפט דיא גאנצע מיליטער, וואָס ליעבט מיך און איז צו מיר זעהר טריי...

— גאָט זיי דאנק, — האָט זיך אָבגערופען דער געפאלענער שייך, — דאָס מיר האַלטען שוין אזוי ווייט! אָבער דאָך דארפען מיר נאָך ניט בלייבען רוהיג און ווארטען... מיר מוזען עטוואָס טהאָן, מיר מוזען זעהן איין מאָל פיר אלע מאָל פּטור צו ווערען פון סולטאן, פון זיין זוהן און פון זיין גאנצע פּארטיי... ווארום כל זמן מיר וועלען פון זיי זיך ניט בעפרייען, קאָן נאָך אלץ דיא זאך אין גאנצען אומגעביטען ווערען... דער סולטאן דארף נאָר בעקומען צו וויסען דאָס איהר זייט ניט אין גאנצען מסכים מיט זיין פּלאַן, און ער וועט אייך אזוי אראָבשטויסען פון אייער שטעלע וויא ער האָט מיך אראָבגעשטויסען... דאמאָלס איז שוין פערלאָרען אונזער האָפנונג אויף דיא ארמעע און מיר וועלען שוין פיר איינס ניט זיכער זיין מיט אונזערע קעפּ... ניין, מיר מוזען אונז אונטעראיילען און ניט ווארטען עס זאָל קומען דערצו.. מיין ראטה איז, איהר זאָלט אייך דערווייליע פערשטעלען פיר זייער בעסטען פריינד און איבערציינגען דעם סולטאן, דאָס ער דארף פאר קיינעם קיין מורא ניט האָבען און מעג מיט געוואַלט ארויסגעבען אזעלכע נייע געזעצע, וועלכע עס זיינען גלייכער פיר איהם און זיין זוהן, ווייל איהר מיט דער גאנצער ארמעע וועט איהם אימער בעהילפיג זיין... ער

וועט אייך געוויס פאָלגען און וועט מיט געוואלט, געגען דעם ווילען פון אלע פרומע מאכמעדאנער, ארויסגעבען א נייע געזעטץ. דאמאָלס וועט מיר גאנץ לייכט זיין אויפ־צוהעטצען געגען דיא יעצטיגע רעגיערונג מיט איהרע אייראָפּעאישע מאָדעס אלע סאָפטים, אימאנען, פאנאטיקער און עס וועט ווערען א קאָך אין גאנץ טירקיי... דאָס גאנצע לאנד וועט זיך אָנצינדען אזוי וויא א מאגאזין פון פולווער, און מען וועט אויפשטעהען געגען דיא אויסגעלאסענע רעגיערונג, וועלכע ערלויבט זיך צו בעליידיגען אונזערע אלטע רעליגיאָן, איז מבטל אלטע הייליגע געזעטצע און פיהרט איין כריסט־ליכע מאָדעס... דיא רעגיערונג וועט זיך נאטירליך ווענדען צו אייך, איהר זאָלט איהר בעהילפיג זיין, אזוי וויא איהר האָט איהר פערשפּראָכען, אָבער אין דיעזער קריטישער מינוט וועט איהר אויך ווערען מיט א מאָל א בּרענעדיגער מאחמעדאנער און וועט איבערגעהן מיט דער ארמעע אויף אונזער זייט... אָדער, אם ווענינגסטען, וועט איהר שטעהן פון ווייטען, ווייל עס וועט פיר אייך אונמעגליך זיין אויפצוהייבען א האנד געגען דיא בעשיטצער פון אונזער הייליגע רעליגיאָן און צו העלפען אפּיקורסים, וואָס ווילען מאכען אלע מאחמעדאנער פיר כריסטען... עס איז לייכט צו פערשטעהען, וואָס עס וועט שוין דאמאָלס ווערען פון סולטאן און פון זיין גאנצע פּארטיי... קורץ גערעדט, מיר דארפען זיי נאָר ארייננארען אין זאק, און דאמאָלס וועלען מיר שוין פון זיי אלעמען פּטור ווערען...

מאנזור־עפענדי'ס פלאן איז דעם קריעגס־מיניסטער זעהר געפעלען.

— ניט אומזיסט האלט מען אייך פיר א קלוגען, — האָט ער זיך אָבגערופען צו דעם אינטריגאנט, — איהר קאָנט אייך אויף מיר פערלאָזען, ווארום אייער פלאן געפעהלט מיר אויך.

זיי האָבען זיך זעהר ווארם געשיידט. מאנזור־עפענדי איז געבליבען אין רואינע און הוסיין־פאשא איז אוועק אין שטאָדט, וועלכע איז נאָך געוועזן אילומינירט און פול מיט פרעהליכע שפאצירענדע. וויא איינער אזוי דער אנדערער זיינען געוועזן העכסט צופריעדען פון דער נייער פריינדשאפט וואָס זיי האָבען געשלאָסען, ווייל יעדער פון זיי האָט געהאט גענוג אורזאכע בייז צו זיין אויף דער יעצטיגער רעגיערונג און זיך אָן איהר נוקם צו זיין.

63.

דער אונטרייער.

סאדי איז וואָס פון טאָג געוואָרען מעהר בעליעבט פון גרויס־וויזיר און פון סולטאן אליין. אלע האָבען איהם געהאלטען פיר א וויזיר, אָבוואָהל אין אמת'ן האָט ער נאָך דיעזען ראנג ניט געהאט. סאדי איז אָבער נאָך ניט געוועזן אין גאנצען צו־פריעדען. ער איז ניט געוועזן עהרגייציג, ד. ה. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך כבוד,

וויא אנדערע, אָבער איהם האָט זיך געוואָלט זיין אין אזא לאגע, ער זאָל קאָנען טהאָן וואָס מעהר גוטעס פיר דאָס געמיינע פאָלק, פיר דיא ניעדריגע קלאסען, וואָס האָבען אין יענער צייט זעהר פיעל געליטען. דער גרויס־וויזיר מאחמוד־פאשא האָט זיך זעהר וועניג געקימערט וועגען זיי. זיין זאך איז נאָר געוועזען צו פיהרען דיא פּאָליטיק; אָבער אינטערעסירען זיך מיט דעם לעבען פון פאָלק, דאָס איז זיין דאגה ניט געוועזען... סאדי האָט זיך אָבער דערמיט זעהר פיעל אינטערעסירט, און עס האָט איהם ניט געקימערט וואָס פיעלע איז דאָס ניט געפעלען. אייניגע האָבען פון איהם געלאכט און האָבען געזאָגט, דאָס ער וועט זיך באלד אליין ארומזעהען, דאָס זיין מיהע איז גאָר אומזיסט, ווייל עס איז ניט פיר איהם און זיינע קרעפטען צו פערבעסערען דיא לאגע פון פאָלק. אנדערע האָבען געזאָגט, דאָס ער מיינט מעהר ניט וויא זיין אייגענע טובה, ער וויל דאָס פאָלק זאָל איהם ליעב האָבען, און עס לוינט פיר איהם צו פערברייננגען אויף דעם געלד, ווארום ראָשאנע האָט ערשטענס געגוג און צווייטענס, וועט דאָס איהם א מאָל איינטראָגען... ער האָט זיך אָבער געטהאָן זיין זאך און עס האָט איהם ניט אויסגעמאכט, וואָס אנדערע ריידען.

דיעזע זאָרג פיר אנדערע האָט איהם א חוץ געלד געקאָסט זעהר פיעל צייט. זיין דיענסט אין סולטאן'ס סוויטע האָט איהם נאָך מעהר צייט אויסגעבראכט, צוליעב דעם איז ער אימער געוועזען אזוי בעשעפטיגט און פערנומען, דאָס ער האָט קיין צייט ניט געהאט צו דיינקען אָן זיינע אייגענע פריוואט געשעפטען, און עס איז קיין וואונ־דער ניט דאָס ער האָט זיך פערגעסען אָן רעציע'ן וואָס ער האָט א לאנגע צייט שוין ניט געוואוסט וואו זיא איז אהינגעקומען.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דעם פייערטאג פון ארויפגעהן אויף'ן טראָהן (וועל־כער איז געוועזען בעשריבען אין פאָריגען קאפּיטעל) האָט זיך סאדי אָנגעטראָפען מיט האסאן'ען אין סולטאן'ס הויף.

— גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפען, — האָט זיך אָבגערופען צו איהם האסאן, — איך האָב דיר מיטצוטהיילען א וויכטיגע זאך... איך וויל דיר זאָגען דו זאָלסט דיך היטען, זאָלסט זיין פאָרזיכטיג...

— פאַר וועמען דארף איך מיך היטען? — האָט סאדי געפרעגט.

— פאַר דיינע נייע פריינדע, — האָט געענטפערט האסאן, — איך מיין ראשיד און הוסיין, — זיי זיינען דיר ביידע פאלש־

— איז דאָס מעגליך? — האָט זיך סאדי שרעקליך געוואונדערט.

— דאָס איז ריכטיג וויא דער טאָג, ווארום זיי האָבען שוין לאנג געמאכט איין האנד מיט מאנזור־עפענדי, וועלכער איז אימער געוועזען אונזער פיינד.

— אָבער וואָס קאָן יעצט אויפטהאָן מאנזור־עפענדי? ער איז דאָך שוין ניט קיין שייך און האָט שוין קיין פּאָליטישע ראָלע ניט?

— דו האָסט א טעות, — האָט געענטפערט האסאן, — ער שפּיעלט נאָך א גרויסע ראָלע, ווארום ביי דיא פאנאטיקער איז ער נאָך ביז אהער געבליבען הייליג און זיי האלטען פון איהם מעהר וויא פון א מיניסטער. דערצו האָט איהם ראשיד צו פערדאנקען זיין שטעלע און ער איז איהם פיר דעם טריי מיט לייב און לעבען.

— און וואָס איז געשעהען מיט דעם קריעגס־מיניסטער? ער איז דאָך געוועזען צום סולטאן אזוי טריי און ערגעבען?

— ביז ניט לאנג איז ער ווירקליך געוועזען איינער פון דעם סולטאן'ס טרייעסטע דיענער; אָבער צייט עטליכע טעג איז ער איהם א בלוט־פיינד, ווייל דער פּרינץ יוססוף האָט איהם שרעקליך בעליידיגט, ער האָט אָבגעשיקט צוריק צו איהם אין הויז זיין טאָכטער, און ער קאָן דיא שאנדע ניט פערטראָגען... ער רעדט אפילו וועגען דעם א וואָרט ניט אויס, אָבער אין הערצען קאָכט ביי איהם וויא אין א קעסעל, און ער האָט זיך פערבונדען מיט דעם סולטאן'ס פיינד. אלזאָ, זיי פּאָרזיכטיג מיט זיי...

— איך דאנק דיר, ליעבער האסאן, וואָס דו האָסט דאָס מיר בעצייטענס מיט־געטהיילט, — האָט סאדי געענטפערט, — יעצט מוז איך וואָס שנעלער געהן צום סול־טאן, ווארום מען האָט מיך צו איהם געפאָדערט, איך וויים אליין ניט איבער וועלכע אורזאכע...

— מען פאָדערט דיך וועגען דיין אייגענע טובה, — האָט איהם בערוהיגט הא־סאן, — דו 'וועסט דיך באלד אליין אין דעם איבערצייגען. וויעדער קאָן איך דיר מיטטהיילען, דאָס איך האָב געסטערן בעקומען פון צארא'ן דעם ערשטען בריעף פון לאָנדאָן. ער בעקלאָגט זיך דאָס ער איז זעהר פערנומען און האָט ניט א מינוט צייט צו געניסען עטוואָס פון אלע פערגניגען און לוסטבארקייטען וואָס מען בעגעגענט אין לאָנדאָן אויף יעדען שריט. ער שרייבט אויך זעהר פיעל פון ליידי סטראדפאָרד. ער קאָן זיך איהר זאט ניט אָנלויבען: זיא איז אונגעוועהנליך שעהן, קלוג, ליבענסווירדיג און העכסט פריינדליך געניינגט צו איהם. וואָלט זיא נאָר אין אמת'ן געוועזען צו איהם אזוי גוט! איך פירכטע אָבער, דאָס זיא איז א פאלשער מענש און דאָס זיא מיינט נאָר פון איהם אויסצונארען פּאָליטישע סעקרעטען...

— ליעבער האסאן! — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — דו ביזט שוין אזוי גע־וואָהנט אימער צו דיינקען שלעכטעס פון דעם צווייטען. דאָס איז ניט גוט, מיין פריינד.

— איך וויים דאָס אליין, פריינד סאדי, און איך וואָלט אליין מעהר צופריעדען געוועזען אימער צו שפּרעכען גוטעס פון דעם צווייטען. צום אומגליק אָבער, קאָן איך

צו גוט דיא וועלט און איך ווייס, דאס אין אלע צייטען זיינען געוועזן אויף דער וועלט מעהר שלעכטע און פערדארבענע מענשען וויא גוטע, און ווער רעדט שוין וועגען אונזער צייט!...

וויא דיא קאמעראדען האבען אזוי צווישען זיך גערעדט האט אין צימער א קלונג געטהאן א גלעקעל, וואס איז אהין אריינגעקומען פון סולטאן'ס קאבינעט. האסאן איז אויף דער שטעלע ארויסגעגאנגען פון צימער און אריין צום סולטאן. עס האט אבער ניט געדויערט קיין פינף מינוט וויא ער איז שוין געוועזן צוריק מיט דער מעלדונג, דאס דער סולטאן פערלאנגט סאדי זאל זיך איהם פארשטעלען. סאדי איז דיא זעלבע מינוט אריין אין קאבינעט. דער סולטאן האט איהם בעגעגענט גאנץ פריינדליך און האט איהם בעטראכט פון קאפ ביז דיא פיס, אום זיך צו איבערצייגען מיט דיא אייגענע אויגען, דאס ער איז ווירקליך זעהר א שעהנער בליהענדער יונגער מאן.

— איך האב דיך געלאזט רופען צו מיר, — האט זיך דער סולטאן צו איהם געווענדעט, — וויל איך דיר מיטטהיילען א נייעס וואס עס בעלאנגט אן דיר. איך האב געהערט דאס מיין פלימעניצע, דיא פרינצעסין ראשאנע האט זיך בעשלאסען צו הייראטהען מיט דיר. יעצט קאן איך דיר זאגען, דאס איך האב גאר ניט וואס אויסצוזעצען געגען דיעזען בעשלוס. עס קימערט מיר ניט, וואס דו ביזט גאר ניט קיין יחסן, וואס דו קומסט ארויס פון ארימע עלטערן. איך שעטץ מעהר וואס דו ביזט אליין א בראווער יונגער מאן וואס האט דורך אייגענע טאפפערקייט און געשיקטליכקייט עהרליך פערדיענט פון מיר בעלאהנט צו ווערען מיט דעם ראנג פון א פאשא. מיין פלימעניצע פערלאנגט צו האבען א מאן, וואס פערשטעהט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען. איך גלויב, דאס דו וועסט אין איהר האבען א גוטע טרייע פרוי, דאס איהר וועט פיהרען א גליקליכען לעבען. בכלל זעה איך אין דעם מעהר א גאט־זאך... זיא איז א פרינצעסין, דיא רייכסטע אין טירקיי, און דו פון איין ארימע ניעדריגע פאמיליע... נו, איז דאס נאטירליך? נאר עס איז בעשערט פון גאט, און איך בין גאנץ צופריעדען!...

סאדי איז פון פרייד געווארען וויא צוטומעלט און ער האט קוים געקאנט אויסשטאמלען א דאנק און א קוש טהאן דעם סולטאן אין האנד.

ער האט זיך טיעף פערנייגט און געוואלט ארויסגעהן פון קאבינעט, דער סולטאן האט איהם אבער אבגעהאלטען:

— ניין, מיין ליעבער סאדי, — האט ער זיך ווידער אבגערופען צו איהם, — דו פערבלייב שוין ביי מיר אין האף... אויסער דיא פרינצעסין, האב איך זעלבסט פון דיר אויך א גוטען מיינונג. דער גרויס וועזיר האט מיר זעהר געריהמט דיינע קלוגע און גוטע איינזיכטען, דיינע טאפפערקייט און עהרענגעפיהל... אזעלכע לייט ברויך איך אימער צו האבען ביי מיינער זייטע.

נאָך דעם האָט דער סולטאן בעפאָהלען זיין אדיוטאנט ער זאָל ארייןרופען דעם קריעגס־מיניסטער הוסיין־אָפּני־פאשא. וויא יענער איז געקומען, האָט איהם דער סולטאן געבעטען זיצען און צו איהם געזאָגט:

— דו קאָנסט מיר מאכען דיין ראַפּאָרט פאר דיעזע ביידע יונגע לייט אין דיא אויגען; דו האָסט דיך ניט וואָס צו שטערען פאר זיי, ערצעהל אלעס אזוי וויא זיי וואָלטען דאָ ניט געווען.

— מאָרגען ציהען ארויס פון דאנען דיא נייע רעגימענטען, — האָט אָנגעפאנגען דער מיניסטער זיין ראַפּאָרט, — דיא שיפען מיט מענשען, פּראָוויאנט און אמוניציאָן זיינען שוין פאַרגעסטערן ארויס פון דיא האפענס און זיי וועלען קומען צור צייט אין דיא ערטער, וואו דיא רעוואָלוציאָן האָט זיך אָנגעצונדען... מען זאָגט אפילו דאָס אלע אונזערע כריסטען האָבען בדעה צו מאכען א בונד און אויפשטעהען געגען אייער רע־גיערונג; אָבער מיר האָבען ניט וואָס צו פירכטען, מיר האָבען געשיקט אהין, דאָס הייסט, אין באָסניען גענוג קרעפטען... און מיר וועלען זיי שוין רוהיג מאכען...

— דער פּלאן צו שלאָגען דיא באָסניער איז מיר גאָר ניט צום הערצען, — האָט אויף דעם געזאָגט דער סולטאן, — איך פירכטע, דאָס זאָל מיר ניט ארייןשלעפּען אין א שטרייט מיט דיא אייראָפּעאישע רעגיערונגען...

— מיר האָבען דאָס ווירקליך צו פירכטען, — האָט געענטפערט דער קריעגס־מיניסטער, — אָבער דאָס קאָן אונז אויך פיעל נוטצען ברייננגען. מען דארף קיין בעסערע צייט ניט וויא יעצט איינצופיהרען דיא נייע אָרדנונג פון דעם טראָהן איבער־גאנג וואָס איהר ווילט מאכען. יעצט, וויא דיעזער טראָהן צוזאמען מיט אונזער רעלי־גיאָן זיינען אין א גרויסען געפאהר פון דר'אויסען, דאָס הייסט, פון דיא אייראָפּעער, פערשטעהען אלע, דאָס מיר קאָנען זיך נאָר רעטען פון דיעזען געפאהר, אויב מיר וועלען אינוועניג, צווישען זיך לעבען אין פריעדען אָהן קריעג. דעריבער וועט זיך יעצט קיינער ניט אונטערשטעלען א וואָרט צו ריידען געגען דיא רעגיערונג, און איהר קאָנט זיכער דורכפיהרען אייער פּלאן!

— אזוי ראטהסט דו מיר, איך זאָל מיט געוואלט איינפיהרען א נייע אָרדנונג אין דעם טראָהן איבערגאנג?

— וואָס הייסט „מיט געוואלט", — האָט געענטפערט דער מיניסטער, — אזעלכע זאכען טרעפען זיך אין אנדערע לענדער גאנץ אָפט, און בפרט, דאָס איהר וועט דערמיט קיין אונרעכט ניט טהאָן. אומעטום ביי אלע נאציאָנען אין דער וועלט איז דיא אָרדנונג, דאָס דער טראָהן געהט איבער צום קעניג'ס אָדער קייזער'ס זוהן און ניט צו דיא קינדער פון דעם פאָריגען קעניג אָדער קייזער. פערקעהרט, איהר וועט דעם לאנד א גרויסע טובה טהאָן, ווארום ווייניג האָבען מיר אויסגעליטען דורך דעם וואָס

ביי אונז געהט דער טראָהן נאָך׳ן סולטאַן׳ס טוידט ניט איבער צו זיינע קינדער? וויא פיעל פרינצען זיינען דורך דעם אָהן צייט אומגעקומען פון דער וועלט, וויא פיעל זיינען פערפוילט געוואָרען אין געפענגנים? פערקעהרט, אייער פּלאַן איז זעהר א פרומער, און איהר קאָנט איהם דורכפיהרען מיט א ריינעם געוויסען... און יעצט איז דיא בעסטע צייט. . .

— דיין עצה געפעלט מיר אפילו, — האָט איהם דער סולטאַן מיט א צופריעדענע מינע געזאָגט, — אָבער דאָך מוז איך מיך פאָראויס גוט בעדיינקען וועגען דעם.

נאָך דעם האָבען זיי נאָך א קורצע צייט גערעדט פון אנדערע מיליטערישע אנגעלעגענהייטען און דער סולטאַן האָט דעם מיניסטער ענטלאסען זעהר פריינדליך, ווארום זיין ראטה איז איהם זעהר געפעלען. סאדי אָבער, וואָס האָט שוין געוואוסט, דאָס הוסיין האָט געמאכט איין האנד מיט מאנזור־עפענדי און דאָס ער מיינט נאָר זיך נוקם צו זיין אָן סולטאַן און אָן פרינץ פיר דיא בעליידיגונג פון זיין טאָכטער, — סאדי האָט זיך קוים דערווארט דער מיניסטער זאָל אוועקגעהן. אין דיא זעלבע מינוט איז ער געפאלען פאר דעם סולטאַן אויף דיא קניע וויא איינער וואָס האָט צו מאכען א גרויסע ביטטע.

— וואָס פערלאנגסט דו סאדי? — האָט איהם דער סולטאַן געפרעגט מיט גרוים וואונדער.

— איך פערלאנג נאָר אייער מייסטעט זאָל מיר אויסהערען, — האָט סאדי געענטפערט, — ווארום איך האָב אייך מיטצוטהיילען א וויכטיגע זאַך.

— דו קאָנסט שפּרעכען, סאדי, איך הער דיך.

— בעהיט אייך גאָט צו טרויען דיעזען מיניסטער, — האָט סאדי געזאָגט מיט א בעטענדע שטימע, — ער איז אייך פאלש און וויל אייך נאָר ארייגשלעפּען אין איין אומגליק... ער איז אייך א בלוט־פיינד און ווינשט אייך דעם טויט...

— דערמאָהן דיך וואָס דו זאָגסט, — האָט דער סולטאַן העכסט אונצופריעדען אויסגעשריען, — מיין טרייעסטער מיניסטער, דער וועכטער פון מיין טראָהן, וועלכען איך קאָן שוין ניט פון היינט, איז מיר מיט א מאָל פאלש געוואָרען! איך האָב מיך ניט געריכט, דו זאָלסט זיין אזא פערלוימדער! מען האלט דאָך דיך פיר איין עהרליכען מאַן, וואָס האָט פיינט ליגען?...

— איך ביטע אום פערציייהונג, גנעדיגער העררוּ! — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — איך בין ניט קיין פערלוימדער, און דאָס וואָס איך זאָג, איז דיא ריינע וואהרהייט; ווען איך וואָלט דאָס ניט וויסען אויף קלאָר, וואָלט איך עס ניט געזאָגט. אלזאָ, פאָלגען זיי ניט דיעזען מיניסטער, ווארום עס קאָן זיך זעהר שלעכט אויסלאָזען דערפון... עס וועט אויפרייצען אלע גייסטליבע, אלע פאַנאַטיקער, און עס וועט זיך אָנצינדען א

רעוואָלוציאָן וועלכע עס וועט אונמעגליך זיין צו שטילען, ווארום דיא מיליטער וועט זיין פערנומען אין דיא כריסטליכע פּראָווינצען, און דיא רעוואָלוציאָנערען וועלען קאָנען טהאָן וואָס זיי ווילען... ניין, אויב הוסיין וואָלט אייך געווען א גוטער פריינד, וואָלט ער אייך דאָס ניט געראטהען!...

— אָבער זאָל שוין זיין, דו ביזט גערעכט, — האָט זיך אָבגערופען דער סולטאַן, — איז דאָך דאָס אלץ קיין בעוויז ניט דאָס ער איז מיר פאַלש, דאָס ער גיבט מיר בכיון א שלעכטע עצה מיך אומגליקליך צו מאכען. עס גלויבט זיך מיר ניט; ביי איהם קומט אין אמת אויס דאָס זיין פּלאַן איז א קלוגער, ביי דיר קומט אויס ער איז אומ־גערעכט, אָבער פון דעם איז דאָך ניט געדרונגען דאָס ער איז א פאַלשער יונג וואָס וויל מיך פערראטהען. דו ביזט צופיעל חושד, סאדי. איבריגענס, קאָנסט דו נאָך רוהיג בלייבען... איך טהו נאָך ניט דאָס וואָס ער ראטהעט מיר... איך וועל מיך נאָך פּאַראוים גוט בעדריינקען. . .

סאדי איז אוועקגעגאנגען פון סולטאַן העכסט פערקלעמט. ער האָט איהם שטארק פערדראָסען וואָס ער האָט זיך גאָר אריינגעמישט אין הוסיין'ס פּלאַן. דער סולטאַן האָט איהם ניט געגלויבט, און ער האָט זיך אומזיסט געקויפט א פיינד אין דעם קריעגס־מיניסטער, דאָס הייסט, ער האָט קיינעם קיין טובה ניט געטהאָן און נאָר זיך א רעה.

64.

דיא פערניפטונג פון גרויס־וויזיר.

דער איינציגער מעכטיגער געגנער וואָס דער געפאַלענער שייך־אול־איסלאם האָט געהאַט אין סולטאַן'ס הויף, איז געווען דער גרויס־וויזיר מאחמוד־פּאשא. ער איז געוועזן א מענש מיט א שטארקען כאראקטער און האָט זיך גוט פערשטאַנען אויף אנדערע. מאַנזור־עפענדי האָט פאַר איהם אימער מורא געהאַט, ווייל ער האָט איהם גוט פערשטאַנען און פלעגט איהם אימער שטעהן אין וועג אין זיינע אינטריגען.

דער נייער שייך־פּעתמי־עפענדי איז געוועזן איין אלטער מאַן, וואָס האָט זיך ניט געמישט אין דיא הויף־אנגעלעגענהייטען און האָט אלזאָ קיין ראָלע ניט גע־שפּיעלט. ער האָט נאַטירליך פיעל מעהר געפּאַסט פיר מאחמוד־פּאשא וויא מאַנזור־עפענדי.

אזוי וויא מיר ווייסען, איז אימער מאַנזור־עפענדי'ס ציעל געוועזן ארויפצוזעצען אויף'ן טירקישען טראָהן דעם פרינץ מוראד, וועלכער וועט איהר דערפאַר געוועהנליך דאנקבאַר זיין, און אזוי וועט ער שפּיעלען דיא ערשטע ראָלע אין לאנד. פון דיעזען ציעל האָט ער זיך נאָך זיין פּאַלען אויך ניט ענטזאגט. פערקעהרט, יעצט האָט זיך איהם דאָס נאָך געוואָלט מעהר אויספיהרען וויא פריהער. מיט זיינע אינטריגען האָט איהם

געגאָלטען צו־צו־ציהען צו זיין פּלאַן פיעלע גרויסע לייט, מיניסטאָרען און פּאשאס. נאָר מאַחמוד־פּאשא איז געשטאנען אין וועג און ער האָט זיך בעשלאָסען וויא עס איז איהם ארונטערצואווארפען און אוועקזועטצען אויף זיין שטעלע איין אנדער גרויס־וויזיר, וואָס וועט זיין איינס מיט איהם און זיין פּארטיי.

דער געפאלענער שייך האָט שוין אויסגעקליבען פון זיינע פריינד איינעם וועלכען עס האָט זיך איהם געוואָלט ארויפזועטצען אויף מאחמוד־פּאשא׳ס שטעלע, נעמליך, מעחמעד־רושיד־פּאשא. וויא ווערט מען פּטור פון מאחמוד־פּאשא? וועגען דעם האָט זיך מאנזור־עפענדי וועניג געקימערט, ווארום עס האָט איהם גאָר ניט אויסגעמאכט וויא... ביי איהם איז אלעס רעכט געווען, אלע מיטעל: אינטריגען, מסירות, מאָרד, גיפט און דאָס גלייכען. מען האָט דאָס נאָר בעדארפט מאכען אין דער שטיל, רוהיג, און ניט געוואלטיג און שרייענדיג, קיינער זאָל גאָר ניט מערקען דאָס ער, מאנזור־עפענדי, איז אין דעם פערמישט. ווידער האָט מען ניט בעדארפט פערגעסען דאָס מאחמוד אליין איז געווען זעהר פאָרזיכטיג, פלעגט ניט ארויסגעהן פון שטוב אָהן א וואך, האָט געטראָגען אונטער׳ן ראָק א פּאנציר און איז געווען דערצו א העלד פון נאטור. אזא „חברה־מאן“ צו ערמאָרדען אויף׳ן געוועהנליכען ארט איז כמעט אונמעגליך געווען... דיא גלייכסטע און גרינגסטע זאך איז געווען איהם צו פערגיפטען. מאנזור־עפענדי האָט זיך ווירקליך בעשלאָסען צו פּרובען איהם פערגיפטען.

— לאצארוס! — האָט ער זיך א מאָל אָבגערופען צו זיין טרייען דיענער, — איך וויל מיך מיט דיר פערשאפען א סעקרעטנע זאך. ערשטענס, ווייל דו טויגסט צו אזעלכע זאכען מעהר וויא אנדערע; צווייטענס, ווייל דיר קאָן מען טרויען דאָס דו וועסט האלטען א סוד... דיא זאך איז אזוי: איך וויל פריי ווערען פון דעם גרויס־וויזיר מאחמוד־פּאשא, ווייל איך דארף האָבען זיין שטעלע פיר א׳ן אנדערן. ווידער, ווייסט דו דאָך פון לאַנג אָן וויא ווייט איך האָב איהם פיינד... איך קאָן מיט איהם ניט זיין אויף איין וועלט, און עס איז נעמהיג מען זאָל איהם אריבער טראנספּאָרטירען אויף יענער וועלט. איך וויים דאָס דו ביזט א גוטער טראנספּאָרטירער, און איך זאָג דיר דאָס איך בין פערטיג צו צאָהלען גוטע פוהר־געלד וויא פיעל דו ווילסט אליין... אָבער דאָ דארף מען זיין זעהר געשיידט... דאָס וואָס איז גוט פיר אלמאנזאר׳ס זוהן טויג דאָ ניט, קיין מעסער אָדער קינזשאל לאָהנט דאָ ניט צו ברויכען, דאָס איז צו ליארמדיג. דאָ פּאסט בעסער גיפט, אָבער גאָר אין דער שטיל, ניט ער אליין און ניט קיין אנדערער זאָל עפּעס מערקען... א האָהן זאָל ניט קרייהען... איך גלויב דאָס דו פערשטעהסט וויא מען בעגעהט זיך מיט גיפט ניט וועניגער וויא מיט א קינזשאל...

לאצארוס האָט אימער ליעב געהאט אזעלכע אויפטרעגע וואו מען האָט בע־

דארפט פערגיסען בלוט, שטעכען וועמען אָדער פערגיפטען און ער האָט זיך יעצט אויך אָנגעכאפט אָן זיין הערר'ס פאָרשלאג „אזוי וויא אָן א הייסען שטיין".

— רעכט! — האָט געענטפערט דער גריכע, — איך נעהם מיך אָן דאָס אויס־צופיהרען, און איהר קאָנט אייך אויף מיר רוהיג פערלאָזען. קאָדידזע קאָן צורעכט מאכען אלערליי גיפטען אין דער וועלט; זיא איז א גרויסע מייסטערין און שרעקליך געאיבט אין דעם... זיא האָט הונדערטע סאָרטען, אזעלכע וואָס מען לייגט אריין אין עסען, און אין טרינקען, אין רויך־טאבאק, שנופּ־טאבאק, אזעלכע מיט וואָס מען פערגיפטעט קליידער, וועש, טאשען־טיכער, און אזעלכע וויעדער וואָס טויגען צו פערגיפטען בריעף. אלע איהרע סאָרטען ווייזען אוים וויא ריינע וואסער, האָבען קיין גערוך ניט און זיינען אין געשמאק אויך וויא וואסער. דער וואָס נעהמט זיי איין שפירט גאָר ניט בשעת מעשה... וויעדער האָט זיא אזעלכע וואָס ווירקען אויף'ן שטעל, דיא זעלבע מינוט, און אזעלכע וואָס ווירקען אין א שטונדע, אין צוויי שטונדען ארום, אין א טאָג, צוויי טאָג, דריי טאָג, א יאָהר, און צעהן יאָהר ארום אויך, וויא עס פאָרדערט זיך... בעסער פון אלעם קומט ביי מיר אוים, צו ווירקען דורך א פערגיפ־טעטען בריעף. מען מוז אָבער זעהן, דיעזער בריעף זאָל גלייך אָנקומען צו איהם אליין אין האנד און ער אליין זאָל איהם עפענען, ווארום וויא עס געהט ארוים פון איהם דער ערשטער דאמפף, ווירקט ער שוין מעהר ניט... געוועהנליך אָבער נעהמען דיא גרויסע לייט אליין ניט צו זייערע בריעף, דעריבער, וועל איך אליין ברייגגען צום וויזיר דיעזען בריעף און ביי מיר וועט ער שוין אליין צונעהמען און וואָס גיכער. איך וועל מיך פערקליידען פיר דיא „גאָלדענע מאסקע"... דיא דיענער וועלען צולויפען אין דיא ווינקעלאך, וויא זיי וועלען מיך נאָר דערזעהן, און ער וועט אליין איבערנעהמען פון מיין האנד דעם בריעף און וועט איהם גלייך עפענען. ווארום ער האלט זעהר פון דער גאָלדענער מאסקע און ער וועט זיין נייגיעריג צו וויסען דעם אינהאלט פון בריעף... אין בריעף מעג זיין א פּלוידעריי, עס זאָל ניט פאסען איין וואָרט צום אנדערן, ווארום איידער ער וועט צוויי צייַלען דורכלעזען, וועט ער שוין זיין פערטיג...

דער דיענער האָט צוגעטראָפען דעם הערדן.

— אויסגעצייכענט! — האָט מאנזור־עפענדי אויסגעשריען, — בעסער האָב איך מיר גאָר ניט געוואונשען! גאָט זאָל דיר נאָר בעהילפיג זיין דיין פּלאן אזוי גוט אויסצופיהרען, וויא גוט דו האָסט איהם אויסגעדיינקט! נא דיר געלד וויא פיעל דו ווילסט, און נעהם זיך וואָס שנעלער צו דער זאך.

לאצארום איז געבליבען איין עהרליכער מאן; ער האָט אויסגעפיהרט זיין פּלאן פינקטליך וויא ער האָט געזאָגט. אויף מאָרגען פון אבענד האָט שוין געקלונגען אין גאנץ קאָנסטאנטינאָפּאָל, דאָס דער גרויס־וויזיר האָט געהאט א וויזיט פון דער

„גאָלדענער מאַסקע", וועלכע האָט איהם געבראַכט א בריעף. דעם אינהאַלט פון בריעף איז אונמעגליך צו פערשטעהען, — אַזוי האָט מען דערצעהלט, — און דער גרויסוויזיר איז פון שרעק פון זינען אראָב און האַלט ביים שטאַרבען... אַלע האָבען איהם זעהר בעדויערט און האָבען זיך זעהר געקלעמט, ווארום עס איז ניט געווען מיט וועמען צו פערנעהמען זיין שטעלע, און אין יענער שלעכטער צייט, וואָס טירקיי האָט געהאַט צרות פון דר'אויסען און פון אינווענינ, איז דאָס געווען פיר דיא רעגיערונג א גרויסער אומגליק.

65.

דער אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן.

דיא כריסליכע אונטערטהאַנען פון טירקיי האָבען פערלאָרען דיא געדולד מעהר צו טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון דער טירקישער רעגיערונג. איבערהויפּט זיינען זיי געוואָרען אויפגערייצט צו רעוואָלוציאָן פון דיא אגענטען (שפּיאָנען, אָנריידער) פון מאַנזור־עפענדי און זיין פּאַרטיי.

דיעזע שפּיאָנען און אָנריידער זיינען אימער געווען אייגענע טירקען. זיי פלעגען בעקומען גוטע געצאָהלט פון דעם פּאָריגען מופטי און פלעגען זיך פערשטעלען פיר כריכטען און ארומלויפען אין דיא כריסטליכע פּראָווינצען, און אומעטום אונטערהעטצען דיא איינוואָהנער, דאָס עס איז שוין גענוג פיר זיי צו ליידען און עס איז שוין צייט פּטור צו ווערען פון דער טירקישער מערדערישער רעגיערונג. זייערע ווערטער האָבען אומעטום געווירקט, ווארום דיא כריסטען זיינען שוין אַזוי אויך געווען צורייצט און עס האָט מעהר ניט געפעהלט וויא א פונק, עס זאָל ארויס א פייער. מאַנזורעפענדי און זיין פּאַרטיי האָבען אריינגעוואָרפען דיעזען פונק און צווישען דיא כריסטען איז ווירקליך ארויס א שרעקליכער פלאַם, וואָס עס איז שוין אונמעגליך געווען איינצולעשען. דיא כריסטען האָבען אומעטום גענומען אין האַנד וואַפען און האָבען אָנגעפאַנגען מיט דער רעגיערונג א ביטערען שטרייט.

דיא טירקען האָבען נאַטירליך אויך ניט געשוויגען. דיא רעגיערונג האָט ארויסגעשיקט איהרע רעגימענטען און געמאַכט פּאָרבערייטונגען. פאַנאַטיקער האָבען געברענט וויא פייער פיר דעם מאַחמעדאַנישען גלויבען און האָבען געהאַלטען דעם שטרייט מיט דיא כריסטען פיר איין רעליגיאָנ'ס־שטרייט. דערווישען מיט גרינע פאָהנען אין דיא הענד זיינען ארומגעלאָפען איבער דיא שטראַסען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבען געהאַלטען ברענענדיגע פּרעדיגטען (דרשות) מען זאָל זיך אָננעהמען פיר דעם הייליגען גלויבען און מען זאָל געהן אין גאָט'ס נאָמען צום שטרייט מיט דיא כריסטען. קורץ געזאָגט, גאַנץ טירקיי האָט געקאָכט וויא א קעסעל און קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אויסגעזעהען אין יענער צייט וויא א גרויסע קאַזאַרמע.

מאַנזור־עפענדי און זיינע פריינד האָבען געקליבען נחת.

אין דיזער ליאַרמדיגער צייט זיינען אין א דאָרף פון באָסניען, אין א שיינק געזעסען צוויי יונגע לייט, אַנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָן לעבען א פלאש וויין, און האָבען זיך אונטערהאַלטען. געגען זיי איז געזעסען א מאַן וואָס האָט אויסגעזעהען וויא א פרעמדער, אָבוואָהל ער האָט גערעדט גוט באָסניש, און האָט זעהר גוט געקענט אלע בעריהמטע לייט פון באָסניען און אלע שטעדטלאך פון דאָרטען.

דער פרעמדער האָט זעהר געלויבט די כריסטען, וואָס זיי האָבען זיך אויפגעהויבען געגען די אונמענשליכע טירקישע רעגיערונג און האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָבוואונדערן, וויא אזוי זיי האָבען ביז אהער געשוויגען. ער האָט זיי, ווייטער, געגעבען גוטע האָפנונגען, דאָס זיי וועלען געוויס אויספיהרען, ווארום זייער זאך איז א גערעכטע און גאָט וועט זיי העלפען. אגב האָט ער זיי געגעבען עצות וויא עס איז בעסער פיח זיי צו פיהרען דעם שטרייט, אין וועלכע ערטער זיי קאָנען זיך בעהאַלטען, אום אהין אריינצונארען די טירקען, וועלכע וועלען שוין פון דאָרטען ניט קאָנען ארויסגעהן...

— יעצט וואָלט איך אייך ראַטהען, — האָט ער זיי נאָך געזאָגט, — איהר זאָלט פלוצלונג מאַכען א בעפאַל אויף די טירקען, וואָס שטעהן צוויי מייל פון דאַנען און וואַרטען, עס זאָלען אונטערגעהן צו זיי נאָך מיליטער... דאָרטען זיינען יעצט דאָ פופצעהן הונדערט מאַן און איהר וועט זיי געוויס איינגעהמען... עס איז זעהר וויכטיג פיר אייך, אום צו ערמונטערן דעם גייסט פון אייערע שטרייטער...

ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין געשפרעך, דאָס ער האָט ניט בעמערקט וויא אין פאָר־צימער איז איינער געשטאַנען, וואָס האָט איהם בעטראַכט מיט א פאָח אויסגעשטעלטע גרויסע אויגען און האָט זיך איינגעהאָרכט, וואָס ער האָט גערעדט, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויס פון זיין מונד. מיטען דר'אינען, וויא ער האָט אזוי מיט היטץ גערעדט, האָט ער געמוזט מיט א מאָל אויפהערען, ווייל איינער פון די יונגע אַנפיהרער האָט א געשריי געגעבען:

— וואָס איז דאָרטען? ווער איז געקומען?

אין די זעלבע מינוט איז געוואָרען אין פאָרצימער א גרויסער ליאַרם, איין איינגעלאָף פון פערשיעדענע מענשען, מען האָט געשריען: „לאָזט אריין!“ „מאַכט פלאַטץ!“ „אָט איז ער!“ אלע האָבען זיך געשטויסען און אלע האָבען געשריען מען זאָל מאַכען פלאַטץ. וויא עס איז געוואָרען א ביסעל שטילער און די צונויפגעלאָפענע מענשען האָבען מיט גרויס מיה געמאַכט אין מיטען צימער א ליידיגען אָרט, האָט זיך דאָרטען אנידערגעשטעלט איין אלטער מאַן וואָס האָט זעהר ווילד אויסגעזעהען. ער איז געווען כמעט א נאַקעטער; די הויזלע הענד זיינען געווען ביי איהם ארומגעוויקעלט מיט שלאַנגען, אזוי וויא מיט בענדער; אויף'ן האַלז זיינען געהאַנגען א

קמיעה און א פייפעל. ער האָט פערשפרייט אויף דר'ערד א פעל און האָט ארויסגעלאָזען פון זאק זעקס גרויסע שלאנגען. אין אָנפאנג האָבען זיי זיך געדרעהט און געשלענגעלט, נאָך דעם זיינען זיי געבליבען ליגען רוהיג. יעצט האָט דער שלאנגען־בעשווערער גע־נומען שפּיעלען אויף'ן פייפעל, דיא שלאנגען האָבען גלייך אָנגעפאנגען זיך צו הייבען אין דער הויך, צו דרעהען מיט דיא קעפּלאך און צו טאנצען נאָך'ן טאקט וויא דער אַלטער האָט געשפּיעלט.

דיא צוקוקער האָבען געפּאטשט בראוואָ און האָבען געוואָרפען אויף'ן פעל קופּערנע און זילבערנע מטבעות.

— דיעזער שלאנגען־בעשווערער איז איין טירק! — האָבען אנדערע געזאָגט צווישען זיך, — איין טירק!...

אָבער אלע זיינען געווען אזוי ארייגעטהאָן אין דיא וואונדערבארע שלאנגען, דאָס קיינער האָט אויף דיעזע ווערטער גאָר ניט אכטונג געגעבען.

וויא דיא שלאנגען האָבען געענדיגט טאנצען, האָבען זיי זיך אלע זעכס אין צייל אויסגעשטעלט אין דער הויך וויא סאָלדאטען. דער שלאנגען־בעשווערער האָט מיט זיין צויבער־שטאָק יעדע שלאנג אָנגעריהרט פון הינטען און זיא האָט זיך גלייך אראָבגעלאָזען, אזוי וויא זיא וואָלט פּלוצלינג קרעפּירען. וויא אלע שלאנגען זיינען אזוי ווידער געבליבען ליגען רוהיג אויף'ן פעל, וויא געפּגר'טע, האָט ער זיי צוריק אריינ־געלייגט איינציגווייז אין א לעדערנעם זאק.

ביסלעכווייז איז אין עגק געוואָרען ווידער שטיל. דיא צונויפגעלאָפענע מענ־שען זיינען אוועקגעגאנגען, א חוץ דעם אלטען שלאנגען־בעשווערער, וועלכער איז געבליבען זיטצען אויף זיין פעל וויא פריהער. יעצט האָבען דיא יונגע אָנפיהרער מיט דעם אונבעקאנטען מאן אין צווייטען צימער געקאָנט ווידער פיהרען זייער גע־שפּרעך.

— אויב איהר וועט מיר פאָלגען און איהר וועט יעצט בעפאלען אויף זיי מיט אלע אייערע קרעפטען, — האָט זיך אָבגערופען דער אונבעקאנטער מאן, — וועט איהר זיי אלע צוזאמען מיט דעם פּאשא נעהמען לעבעדיג געפאנגען! — נאָר זאמט ניט, מאכט ניט קיין שהיות...

ער האָט געהערט גענוג הויך אז דער שלאנגען־בעשווערער האָט וואָרט אין וואָרט געקאָנט הערען אלעס וואָס ער האָט געשפּראָכען.

— פאָלגט איהם ניט, — האָט זיך אָבגערופען דער שלאנגען־בעשווערער פון זיין פעל, — ווארום אויב איהר טהוט אזוי, זייט איהר אלע ביז איינעם פערלאָרען!...

— ווער רעדט דאָרטען? — האָט מיט כעס א געשריי געגעבען דער אונבע־קאנטער מאן.

דאָס רעד איך, אבונעצע, דער שלאנגען־בעשווערער... פאָלגט איהם ניט, ער וויל אייך אלע פערפיהרען אין איין אומגליק, איהר זאָלט ביז איינעם פערלאָרען געהן!...

— האלט מויל! — האָט א געשריי געגעבען דער אונבעקאנטער ראטה־געבער,— אויב דו ווילסט ניט געהאנגען ווערען... דו ביזט געוויס א טירקישער שפּיאָן, וואָס פערשטעלט זיך נאָר פיר א שלאנגען־בעשווערער, כדי דו זאָלסט קאָנען פריי ארייננעהן אין אלע טראקטירען און שיינקען און שפּיאָנירען...

עס ווייזט אין אמת אויס, דאָס ער איז א טירק, — האָט זיך ארייגעמישט דער ווירטה פון שיינק, — ווארום איך האָב איהם געוואָלט טראקטירען מיט א גלאָז וויין, האָט ער ניט גענומען.

— געוויס איז ער א שפּיאָן, וואָס דער פּאשא האָט אונטערגעשיקט אויסצו־שפּיאָנירען, וויא שטארק איהר זייט, האָט דער פרעמדער נאָך א מאָל געזאָגט.

— ניט אנדערס וויא א שפּיאָן! — האָבען אנדערע הויז לייטע אויך מסכים געווען.

— נו, טהוט, וויא איהר פערשטעהט, — האָט זיך רוהיג אָבגערופען אבונעצע,— פאָלגט איהם און מאכט א בעפאָל אויף דיא טירקען, און נעהמט מיך געפאנגען, זאָל זיין איך בין א שפּיאָן... איך זאָג אייך אָבער איהר וועט חרטה האָבען... דיעזער מאן איז געדונגען פון מאנזור־עפענדי, ער זאָל אייך בכיון פּאָראויס אונטערהעטצען און דערנאָך מיט פאלשע עצות ארייגשלעפּען אין א מפּלה, אין א גרוב וואָס איהר וועט שוין קיין מאָל פון איהר ניט ארויסגעהן... דעריבער, שטעהט ער אזוי צו צו אייך, רעדט אייך אזוי איין!...

— שווייג, אלטער הונד, — האָט א געשריי געטאָהן דער פרעמדער, — ווען ניט שלאָג איך דיר אויס דיא צעהנער.

און ער האָט שוין אויפגעהויבען דיא הענד צו פּרובירען וויא שטארק זיינע צעהנער זיינען.

— ריהר מיך ניט אָן, דוא אונטער־האדשא פון פּערא, — האָט דער אלטער איהם געענטפערט, — ווען ניט ביזט דוא, אלא־באשא, א פערלאָרענער.

— אָה, האָ! — האָבען אויסגעשריען אלע וואָס זיינען געווען דערביי — אָה, האָ! ער ווייס זיין גאנצען יחוס.... ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי נאָהענטע בעקאנטע...

אויפ'ן לארם האָט זיך אין שענק ווידער אויפגעקליבען מענשען פון גאס. א טהייל פון זיי האָבען געגעבען גערעכט אבונעצע'ן, א טהייל האָבען געזאָגט, דאָס ער איז א טירקישער שפּיאָן. דיא צוויי יונגע אָנפיהרער זיינען אויך געווען פון דיע־זער מיינונג, דאָס אבונעצע איז אשפּיאָן, און דאָס איז געווען גאנץ נאטירליך וויל יע־נער, דער פרעמדער בעל עצה האָט דאָך זיי אויף זיין רעכנונג טראקטירט מיט וויין.

דיא לאגע פון דעם אלטען שלאנגען־בעשווערער איז געוואָרען פיעל שלימער וויא יענעמ'ס. ערשטענס, האָבען פיר יענעם געהאלטען דיא אָנפיהרער אליין. צווייטענס, איז ער דאָך ווירקליך געווען א טירקע. דאָס האָבען דאָך אלע געזעהן, און עס איז שווער געווען צו גלויבען, דאָס א טירקע זאָל זיין א גוטער פריינד פון כריסטען און זאָל זיי געבען גוטע ריכטיגע עצות אָהן א פאלש. דער אונבעקאנטער האָט דאָס גוט פערשטאנען און ער איז געוואָרען ביי זיך אזוי תקיף דאָס ער האָט זיך בעשלאָסען צו מאכען א סוף פון דעם געפעהרליכען וואָרט־קריעג מיט גוואלד. „ווער וועט זיך אָננעהמען פיר א טירקישען שפּיאָן, האָט ער זיך גערעכענט, מיט צוויי פּעטש לייג איך איהם אוועק אויפ'ן שטעלל, און ער וועט שוין שווייגען ביז תחית המתים.... פיעל דארף אזא אלטער און א שוואכער ?"....

גערעדט און געטאָהן : ער איז צוגעגאנגען צום אלטען און האָט איהם אראָפּגעלאָזען אזא פּאטש, דאָס עס האָט פערקלונגען איבער'ן גאנצען טראקטיר.

דער אלטער איז אָבער געבליעבען זיטצען רוהיג, וויא ניט איהם מיינט מען דאָס גאָר. זיין געגנער האָט שוין ברעה געהאט צו טראקטירען מיט נאָך איינעם, אָבער דאָ האָט איהם דער שוואכער שלאנגען־בעשווערער ארומגענומען מיט איין האנד אזוי וויא מיט אן אייזערנעם צוואנג, און האָט דערווייל מיט דער אנדערער האנד ארויסגעלאָזען פון זאק זיינע שלאנגען, וועלכע האָבען זיך וויא א וואָך געשטעלט ארום זייער ווירטה מיט בליצענדע אויגען, רויטה גליהענדע צונגען, האָבען געציישט מיט דיא אָפּענע מייזלער, גערעהט מיט דיא קעפּ.... יעצט האָט אבונעצע רוהיג ארויסגעלאָזען זיין געגנער, וועלכער האָט מיט שאנדע אָבגעטרעטען.....

אלא באשע האָט שוין קיין לוסט ניט געהאט זיך צו פּאטשען, ערשטענס האָט איהם שרעקליך וועה געטאָהן דיא האנד, אזוי וויא זיא וואָלט געווען איינגעשרויבט אין א שרויב. צווייטענס, איז איהם געגאנגען א קעלט איבער'ן לייב פון דיא גיפטיגע שלאנגען, וואָס האָבען געגען איהם אויסגעשטעלט זייערע צונגען.

— ווער עס וועט זיך אָן מיינע שלאנגען אָנריהרען, דער וועט זיין לעבען פערלירען ! — האָט געזאָגט אבונעצע.

— א בעריהמער איז גוט צו שלאָגען, — האָט ווייטער געזאָגט אלא־באשא, — דיין גליק איז דיא שלאנגען....

אבונעצע האָט איהם גאָר ניט געענטפערט און מיט א שמייכעל צוזאמען גענומען דיא שלאנגען, אריינגעלייגט אין לעדערנעם זאק און פערשלאָסען אין א קעסטעל. וויא ער האָט דאָס אָבגעטאָהן האָט ער זיך גאנץ רוהיג אנידערגעזעצט און מיט א שמייכעל גענומען קוקען אויף אלא־באשא, אזוי וויא ער וואָלט געזאָגט :

— נו, יעצט בין איך שוין אָהן שלאנגען, נו, קום נאָר אהער...

אין דיא זעלבע מינוט איז אלא־באשא אויף איהם אַרויפגעפאלען ווי א בייזער טיגער און עס איז געוואָרען צווישען זיי א געשלעג אויף לעבען און טוידט.

אין אָנפאנג האָט אויסגעוויעזען, דאָס אבונעצע איז פערלאָרען. אלא־באשא האָט איהם נעגעבען קלעפּ אָהן רחמנות. דיא צוועהער זיינען געשטאנען פון ווייטענס און האָבען זיך מיט פערגעניגען געקוקט, אזוי ווי עס וואָלטען זיך געריסען צווישען זיך צוויי חיות, ניט מענשען. אפולע האָבען אפלו געגעבען גערעכט דעם אלטען, אָבער עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען זיך אָנצונעהמען פיר איהם, און אלע האָבען זיך אזוי רוהיג גערויכערט זייערע פייפען און געוואַרט, וואָס פיר א סוף עס וועט זיין פון דיעזעם אונמענשליכען געשלעג.

ווי אלע האָבען שוין געמיינט עס איז שוין נאָך דעם אלטען און האָבען געוואָלט פאטשען בראוואַ צו אלא־באשא, האָט זיך דער שלאנגען בעשווערער אויפגעחאפּט אזוי ווי פון א שלאָף און דיא בלוטיגע סצענע האָט זיך פּלוצלונג אין גאנצען געענדערט.

אבונעצע האָט אָנגענומען זיין געגנער, האָט איהם אויפגעהויבען ווי א מוטער העבט אויף איהר זייגעדיגעס קינד, און א שליידער געטאָהן אויף דער ערד מיט אזא קראפט, דאָס מען האָט געמיינט דאָס ביי איהם איז קיין גאנצער ביין ניט געבליבען, און דאָס ער וועט שוין קיין תקומה ניט האָבען. אלא־באשא האָט זיך אָבער נאָך ניט אונטערגעגעבען. ער האָט זיך אין א פּאָר מינוט ארום אויפגעחאפּט פון דר'ערד, בלייך ווי א טוידטער, און ווידער ארויפגעפאלען אויף דעם אלטען אָבער יעצט האָט ער געהאלטען אין האנד א בלאנקען קינזשאל, וועלכען ער האָט צייט געהאט ארויסצוציהען פון טאשע......

— אזוי ?— האָט זיך אָבגערופען אבונעצע, — דוא מיינסט מיך ניט אנדערש צו ערמאָרדען ? עס איז גוט צו וויסען.... מיט א מערדער האָב איך שוין רעכט אנדערש צו בעגעהן..... איך האָב רעכט מיך צו רעטען..... דוא מוזט פון מיין האנד גלייך שטערבען !....

אבונעצע האָט דעם פערשטעלטען באָסניער א שטויס געגעבען פון זיך מיט אזא קראפט, דאָס ער איז געבליעבען ליעגען אויף דער ערד אָהן קרעפטען ווי א טוידטער אין א מינוט צעהן ארום האָט ער זיך אָבער אָבגעמונטערט און האָט געוואָלט אויפשטעהן.

— ניין, ברודער, דוא בלייב שוין בעסער ליעגען, — האָט זיך צו איהם ווידער געווענדעט אבונעצע און געגעבען אזא קלאַפּ מיט'ן פויסט אין שטערען, דאָס עס איז ביי איהם פון נאָז און פון מויל ארויס א שטראָם שווארצע בלוט, אזוי ווי פון איין אָקס וואָס דער קוילער האָט איהם געגעבען א זעטץ מיט דעם אָבוך פון האַק.... דערנאָך

האָט ביי איהם ארויסגענומען פון האנד דעם קינזשאל און האָט איהם מיט פעראכטונג א שליידער געגעבען אָן א זייט.

אויף דעם וואונדער, וויא דער אלטער שוואכער מאַן האָט בייגעקומען דעם יונגען און געזונדטען אלא־באשא, זיינען צונויפגעלאָפען נאָך מעהר מענשען, נייגיערי־גע. עס איז געוואָרען אין שענק א גרויסער טומעל, אפולע האָבען געשריען מיט כעס, דאָס עס איז א גרויסער סקאנדאל, מען זאָל צולאָזען דאָס א טירקע זאָל בעליידיגען און שלאָגען צו טוידט א באָסניער. (ווארום אלא־באשא האָט אויסגעזעהן ווי א געבאָ־רענער באָסניער).

— מען מוז דעם טירקישען שפּיאָן אָנלעהרנען! א סוף פון דיא טערקען! — האָט זיך געהערט פון אלע זייטען שרייענדיג מיט ווילדע קולות, — נעהמט איהם!

מען האָט אזוי לאנג געשריען ביז וואנען איינער פון דיא אָנפיהרער איז צו־געגאנגען צו אבונעצע און האָט איהם אָנגענומען:

— הערסט דוא, וואָס אלע זאָגען? — האָט ער זיך צום אלטען געווענדט, — דוא ביזט א שפּיאָן און דוא האָסט גאָך דערצו ערמאָרדעט אונזערן א באָסניער... איך מוז דיך ארעסטירען.....

— טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, — האָט אבונעצע רוהיג געענטפערט, — נאָר איך זאָג אייך, איך בין ניט קיין שפּיאָן, איך בין געקומען אהער נאָר צוליעב אייער טובה יענער פּיסקאל זאָל אייך ניט פערדאטהען און אריינשלעפּען אין א גרויסען אונ־גליק.... ער איז אייך א פיינד און איז אונטערגעשיקט פון אייערע פיינדע אייך בכיון אָנצוהעטצען.... איידער איהר ווילט מיר טאָהן בייזעס זעהט אייך גוט ארום איהר זאָלט דערנאָך קיין חרטה ניט האָבען.....

אבונעצעס ווערטער האָבען געווירקט; מען האָט געזעהן דאָס ער רעדט פון הערצען, דאָס ער רעדט דיא ריינע וואהרהייט... דר אָנפיהרער האָט איהם אָבגעלאָזען און געהייסען, מען זאָל א זוך טאָהן ביי דעם פרעמדען באָסניער אין דיא טאשען, פי־לייכט וועט מען געפינען ביי איהם פּאַפּיערען, פון וועלכע מען וועט ארויסזעהן ווער ער איז און וואָס מיט איהם איז. מען האָט גענומען רעווידירען און מען האָט ווירקליך געפונען ביי איהם פערנעהטע צווישען דעם אונטערשלאג פון זיין ראָק, פּאַפּיערען, פון וועלכען מען האָט איינגעזעהן דאָס ער איז אנגעבאָרענער באָסניער כריסט, וואָס האָט זיך געשמדט אין מאחמעדאנישען גלויבען און איז אָנגעקומען צו מאנזור־עפענדי אין דיענסט פיר א פּיסקאל... זיין נאָמען איז ווירקליך געווען אלא־באשא..... קורץ, עס האָט זיך אלעם ארויסגעוויזען, וויא אבונעצע האָט געזאָגט...

איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען וואָס פיר א לארם און א גערודער עס איז געוואָרען אין שענק, וויא מען האָט דאָס דערהערט. דער פאלשער יונג, וואָס האָט פיר געלד גע־

וואָלט פערראַטהען זיינע אייגענע ברידער איז נאָך ניט געוועזן טוידט, עס האָט נאָך אין איהם געשלאָגען דער דופק; אָבער דיא באָסניער, וואָס האָבען זיך מיט פינף מינוט פריהער פיר איהם אָנגענומען, זיינען יעצט ארויפגעפאלען אויף איהם וויא הונגעריגע וועלף און האָבען איהם צעררי‏סען אויף שטיקער!...

דיעזע בלוט־פערגיסונג האָט שרעקליך צוהיצט דאָס פאָלק...

— טוידט צו אונזערע פיינדע! אין שטרייט! פיהרט אונז אין שטרייט! — האָבען זיך געלאָזט הערען ווילדע קולות.

דיא אנפיהרער האָבען מעהר וויא דאָס אליין ניט געוואָלט... זיי האָבען נאָר געוואָרט דאָס פאָלק זאָל ווערען אזוי מוטהיג און בעגייסטערט, זיי זיינען יעצט געוועזן זעהר צופריעדען, וואָס האָט זיך אזוי געמאכט, מען האָט גלייך אָנגעפאנגען צו פויקען און צו שפיעלען איין ארויסגאנגס־מארש, און אין דער „נו" זיינען צוזאמענ־געלאָפען טויזענדע פרייוויליגע שטרייטער (וואָלאָנטירען) בעוואפענט מיט אלערליי געוועהר, און פערטיג צו בעפאלען דעם טירקישען פאשא.

אומזיסט האָט זיך אבונעצע בעמיהט זיי אָבצוהאלטען פון זייער געפעהר־ליכען פלאַן; קיינער האָט איהם ניט געוואָלט הערען, ער האָט זיך געמאָגט ריידען, וויא פיעל ער האָט געוואָלט, דאָס דער פאשא איז פיעל שטארקער און האָט פיעל מעהר סאָלדאטען וויא זיי. ער האָט אזוי לאנג גערעדט ביז וואנען דיא אנפיהרער האָבען איהם געלאָזט בינדען מיט שטריק און האָבען איהם מיט געוואלט אוועק־געשלעפט מיט זיך אין שטרייט געגען דיא טירקען.

66.

ער האָט איהר ווידער בעגעגענט!

רעציע האָ‏ט זיך מיט איהר קינד אוועקגעלייגט אויף'ן וועג אין דער צייט וואָס עס האָט באַלד בעדארפט דורכלויפען א שנעל־צוג. זיא האָט זיך בעשלאָסען אויף דאָס ניט ווייל זיא איז געוועזן אויפגעבראכט געגען דעם, וואָס האָט איהר בע־ליידיגט און האָט אָן איהר פערגעסען, נאָר דער נויטה האָט איהר דערצו געטריבען. אויף דער גאנצער וועלט איז פיר איהר און איהר עלענדעם קינד קיין אָרט ניט גע־וועזן. מעהר וויא שמערצען, מעהר וויא הונגער און שאנדע האָט זיא פאר זיך ניט געזעהען. איהר קינד, איהר טהייערעס קינד בלייבט אויף אימער מיט דעם שענד־ליכען שטעמפעל פון א ממזר... צו וואָס זאָל זיא זיך נאָך קוועלען און מאטערן? זאָ וויא זאָ וועט זיא שטארבען פון הונגער... און איהר קינד... איז ניט גלייכער עס זאָל שטארבען יעצט וויא צו בלייבען אויף'ן גאנצען לעבען אָהן א פאָטער? און אפילו, גאָר ניט צו וויסען ווער דער פאָטער איז געוועזן?

אזעלכע טרויעריגע געדאנקען האָבען געבראכט דיא שעהנע רעציע זיא זאָל

זיך און איהר קינד מאכען א טוידט אָהן צייט, מיט געוואַלט... „אָהן צייט איז אָבער קיין צייט“, זאָגט דאָס אלטע שפּריכוואָרט. דער לאָקאָמאָטיוו מיט די וואַגאָנען זיינען וויא געוועהנליך דורכגעלאָפען אונבעמערקט. עס האָט ניעמאנד אפילו געחלום’ט אז א פרוי מיט א קינד ליגען צווישען די רעלסען (ריילס).

באלד האָט אָבער דער נאָהענטסטער סוויטשמען פון יענעם אָרט דערהערט א וויינענדע שטימע פון א קליין קינד... ער האָט נאָך ניט אוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ, מיט וועלכען ער האָט בעגעגענט דעם פערביילויפענדען צוג און ער האָט צו זיין גרויסען שרעק דערהערט א געוויין פון א קינד. מיט גרויס וואונדער האָט ער דאָרטען דערזעהען אויף’ן וועג צווישען די רעלסען א קינד פון א פּאָר מאָנאטען און דערביי א יונגע פרוי... די פרוי האָט געלעבט, אָבער זיא איז געווען אין אונמאכט (חלשות) און מיט עטוואָס פערוואונדעטע הענד... ער האָט איהר גענומען מינטערן, אָבער ער האָט אליין גאָר ניט געקאָנט מאכען. ער האָט געמוזט אוועקגעהן צו זיך און ברייגנען זיין פרוי און זיין שוועסטער. אלע צוזאמען האָבען זיי די אונגליקליכע פרוי מיט איהר קינד אריינגענומען צו זיך אין שטיבעלע און געלאָזען ביז וואנען זיא וועט אין גאנצען געזונד ווערען. זיי האָבען איהר געהאלטען א פּאָר וואָכען און די גאנצע צייט בעהאנדעלט אזוי וויא א ליעבען גאסט, זיי האָבען געטהאָן פיר איהר וואָס עס איז נאָר מעגליך געווען, האָבען איהר אויפגעהאלטען מיט אלסדינג, האָבען איהר בעדיענט און קיין מאָל ניט געפרעגט ווער זי איז און וואָס מיט איהר איז. זיי האָבען אפילו קיינעם ניט דערצעהלט די אונגליקליכע געשיכטע, כדי מען זאָל די אונבעקאנטע פרוי ניט בעשטראָפען פיר זעלבסטמאָרד. ווייל זיי האָבען פערשטאנען, דאָס גרויסע צרות האָבען איהר דערצו געבראכט.

אין א פּאָר וואָכען ארום איז רעציע אין גאנצען געזונד געוואָרען. זיא האָט ווידער אָנגעפאנגען צו זאָרגען וויא צו ערהאלטען דאָס לעבען, וואו זיך אהינצוטהאָן מיט א ברוסט־קינד אויף’ן האנד.

יעצט אָבער האָט זיא שוין מעהר ניט געדיינקט זיך צו לייגען אויף די רעלסען ווארום זיא האָט איינגעזעהען אין דעם נס, אין דעם וואונדער וואָס האָט מיט איהר געטראָפען דאָס גאָט וויל ניט זיא זאָל שטארבען. גראָד מיט א מינוט פאר דעם, וויא דער טריין איז אָנגעלאָפען, האָט זיך דאָס קינד אראָבגעקייקעלט פון רעלסע אויף’ן מיטען וועג; די מוטער האָט איהם געוואָלט צוריק ארויפלייגען און האָט זיך אויך צוגעשארט צו איהם: אין דיעזען אויגענבליק איז אָנגעלאָפען און איז אריבער איבער זיי דער גאנצער טריין און האָט זיי פון אונטען גאָר ניט אָנגעריהרט, מעהר ניט וואָס דער הייסער דאמפּף האָט אָבגעבריהט רעציע’ן אין עטליכע ערטער די הענד, דאָס עס איז פון זיי די הויט אראָבגעקראָכען. יעצט האָבען זיך די

הענד ביי איהר פערהיילט און צו דאנקען דיא גוטע מענשען איז זיא געזונד געוואָרען. זאָל זיא זיך וויעדער ווארפען אויף דיא רעלסען? ניין! גאָט וויל דאָס ניט!

— עס מעג זיין וואָס עס וויל, — האָט רעציע יעצט בעשלאָסען, — מען מוז האָבען געדולד!... און איך וועל מיין הארטען שיקזאל ערטראגען מיט דעם גרעסטען געדולד!...

ווי רעציע האָט געפיהלט דאָס זיא איז שוין אין גאנצען געזונד, האָט זיא זיך גענומען רייסען אוועקגעהן פון דער אָרימער פאמיליע, אָבער איהרע רעטער האָבען איהר נאָך ניט געלאָזען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, דאָס זיא האָט זיך ניט וואוהין צו קעהרען און צו ווענדען.

— פערבלייב ביי אונז, — האָבען זיי צו איהר יעדעס מאָל געזאָגט, — מיט דער צייט וועלען מיר אויסזוכען פיר דיר א שטעלע אין א רייכען הויז פון א נעהטרין. דערווייל קאָנסט דו פערדיענען דיין ברויט ביי אונז מיט שפינען און וועבען... איין מאָל האָבען מיר דיר געראַטעט פון טוידט, ווילען מיר זאָרגען פיר דיין לעבען...

רעציע'ן איז זעהר ניט געווען אנגענעהם צו בעלעסטיגען אזעלכע אָרימע לייט, אָבער זיא האָט זיי געמוזט צוליעב טהאָן און בלייבען ביז א צייט ביי זיי. דערפאַר האָט זיא ווירקליך זיך זעהר בעמיהט זיי צו ברייגנען א נוטץ מיט וואָס זיא האָט נאָר געקאָנט, מיט שפינען און וועבען און מיט אלערליי היימישע ארבייט.

דעם סוויטשמען'ס הייזקעלע איז געווען ניט ווייט פון סולטאַן'ס א קליינעם זומער־פלאץ, וועלכער האָט געהייסען „בלומען־פאלאץ". מיט א קורצע צייט צוריק האָט אבדול־אזים דיעזען פאלאץ געשאָנקען זיין זוהן, דעם פרינץ יוססוף. דער פרינץ האָט דאמאָלס דאָרטען געוואָהנט מיט זיין גאנצער סוויטע. ער האָט גערעכענט דאָרטען צו פערברייגנען דעם גאנצען זומער און א גרויסען טהייל פון הערבסט, ווארום דער „בלומען פאלאץ" איז געווען א וואהרער גן־עדן אויף דער וועלט. אויסער וואָס ער איז געווען איינגעריכטעט מיט אלע פערגניגען און לוסטבארקייטען, וואָס קאָנען נאָר געבען אין דער ארומיגער געגענד, איז ער געווען העכסט שעהן פון דער נאַטור. דאָרטען האָבען זיך געפונען פיעלע וואָהלריכענדע פרוכט גערטנער, שעהנע געדיכטע וועלדער, וואסער־קוועלען, בערג, טהאָלען פול מיט בלומען. דער פרינץ איז געווען פערליעבט אין דיעזען בעצויבערטען ווינקעל, און ער פלעגט פון פריה מאָרגען ביז שפעט אין דער נאכט שפאצירען איבער אלע ארומיגע ערטער. ער פלעגט ליעב האָבען צו געהן איינער אליין, אָהן א שום בעגלייטער געקליידעט ציווילנע, און האָט דעריבער גיכער אויסגעזעהען וויא א רייכען קויפמאַן'ס א זוהן איידער א פרינץ.

אין יענער צייט האָט זיך יוססוף אין אלגעמיין געפיהרט זעהר ווילד און

וואונדערבאר. אימער פלעגט ער זיין פערטראכט, פערזאָרגט, און פלעגט א פרעהליכע מינע ניט ווייזען. עס האָבען איהם אויפגעהערט צו אינטערעסירען דיא פערגעניגען, וועלכע ער האָט פריהער זעהר געליעבט; ער האָט זיך אפילו מיט דיא שעהנכטע פרויען אויפגעהערט צו אינטערעסירען. הוסיין'ס טאָכטער, דיא שעהנע ליילא איז איהם אין אָנפאנג שטארק געפעלען, אָבער יעצט איז ער צו איהר אויף קאלט גע־וואָרען און האָט איהר אָבגעשיקט צוריק צום פאָטער, פיר וואָס יענער איז אויף איהם אזוי בייז. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזן רעציע. פון דער מינוט אָן וואָס ער האָט איהר דערזעהען האָט ער זיין רוהע פערלאָרען. איהר בילד איז איהם קיין מאָל ניט ארויס פון געדאנקען. ער האָט פיעל מיהע אָנגעווענדעט אום איהר ווידער צו בעגעגענען, אָבער דאָס האָט זיך איהם פיר קיין ארט ניט איינגעגעבען. נאָך א האָאר, וויא מיר ווייסען, האָט ער איבער איהר זיין לעבען פערשפּיעלט, אָבער דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט; דאָך איז זיא פיר איהם וויא אין וואסער אריין און ער האָט שוין פערלאָרען דיא האָפנונג ווען עס איז איהר ווידער צו זעהען.

אין לעבען טרעפט אָבער גאנץ אָפט, דאָס דיא זאך וואָס מיר קאָנען ניט געפינען, וויא פיעל מיר זאָלען זיך ניט בעמיהען, אזוי וויא א „ווינש־פינגעריל“, געפינ'ן מיר פּלוצלונג, גראָד אין דער צייט וואָס מיר דיינקען גאָר ניט, וואָס מיר האָבען שוין אָן איהר פערגעסען. אזוי האָט זיך יעצט געטראָפען מיט דעם פרינץ יוססוף און מיט רעציע'ן. א מאָל, וויא ער האָט זיך איינער אליין רייטענדיג געשפּאציערט לעבען אייזענבאהן, האָט זיין אויער פערנומען א זעלטען שעהנע מעלאָדיע פון א פרויען שטימע. דאָס זינגען איז געוועזן אזוי זיס, אזוי געשמאק, דאָס עס האָט איהם וויא בעצויבערט און ער האָט זיך ניט ווילענדיג פערקעהרט צו דעם אָרט פון וואנען עס האָט זך דיא זעלטענע געטליכע שטימע געלאָזט הערען.

וויא גרויס איז געוועזן זיין איבערראשונג און פרייד ווען ער האָט ערקענט פון וויטען אין דער זינגערין זיין געליעבטע רעציע, דיא זעלבע רעציע וואָס ער האָט שוין פערלאָרען דיא האָפנונג א מאָל צו בעגעגנען! זיא האָט דאָרטען פריהער גע־שפּונען און אנדערע ארבייט געמאכט און יעצט האָט זיא געמאכט איהר אָבענד־געבעט צו גאָט אזוי וויא אלע פרומע טירקישע פרויען. זיא איז געוועזן אָהן א שלייער, ווייל זיא איז ד[illegible]טען געוועזן גאנץ אליין, און צוליעב דעם האָט יוססוף פון וויטענס געקאָנט בעטראכטען איהר געטליך שעהנעס געזיכט, און ער איז ערשטוינט געוואָרען, ער האָט נאָך אין זיין לעבען אזא הימלישע געשטאלט ניט געזעהן. אין דיא ערשטע מינוטען איז איהם אריין א ספק, פיליכט איז דאָס גאָר ניט זיא, רעציע, פיליכט האָט ער א'ן אירטהום; אָבער ער איז אראָב פון פערד וואָס האָט זיך גלייך אליין אומגעקעהרט אין פאלאץ (ווייל ער איז שוין געוועזן א געוועהנטער פערד), און ער

זעלבסט, דאָס הייסט דער פּרינץ יוססוף איז צו פוס צוגעגאנגען אין וועלדעל הארט לעבען איהר, לעבען דיא געטליכע שעהנע פרוי, און דאָ האָט ער זיך שוין איבער־ציינט אויף קלאָהר, דאָס ער האָט זיך ניט געאיהרט, דאָס זי איז דאָס און ניט קיין אנדערע. רעציע איז געווען אָהן א שלייער; דעריבער האָט זיא זיך א ביסעל פער־שעהמט, וויא זיא האָט פּלוצלינג דערזעהען לעבען זיך איין אונבעקאנטען יונגען מאן, וואָס האָט איהר זעהר פריינדליך געגריסט. זיא האָט קוים צייט געהאט מיט האסט צו בעדעקען איהר געזיכט און זיא האָט איהם, וויא עס פיהרט זיך, אויף זיין גערוס געענטפערט מיט איין ווידער גערוס. יוססוף האָט זיך ניט געוואָלט לאָזען ערקענען, דאָס ער איז א פּרינץ, דעם סולטאן'ס זוהן, און רעציע האָט איהם אָנגע־נומען פיר א געוועהנליכען רייכען יונגען מאן.

עס האָט זיך ביי זיי גלייך פערבונדען א'ן אונשולדיגער געשפּרעך וועגען דעם וועטער דעם הייסען, דיא שעהנע ערטער, וואָס זיינען דאָרטען געווען ארום און ארום, ביז וואנען זיי האָבען איינער ביי דעם אנדערן געפּרעגט וואו זיי וואָהנען. יוססוף'ס פריידע איז ניט געווען צו בעשרייבען, וויא ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס רעציע לאָזשירט דערביי גאָר ניט ווייט פון זיין פּאלאץ. ער איז נאָך קיין מאָל אין זיין לעבען אזוי גליקליך ניט געווען וויא אין יענער מינוט... באלד האָט איהם רעציע מיטגעטהיילט, דאָס זיא האָט שוין נעטהיג צו געהן נאָך הויזע... יוססוף האָט פון איהר גענומען אבשיעד אין זעהר ווארעמע צערטליכע ווערטער, און איז העכסט גליקליך געקומען צוריק צו זיך אין בלומען־פּאלאץ: יעצט, האָט ער ביי זיך געדאכט, וועל איך איהר שוין מעהר ניט פערלירען.

אויף רעציע'ן האָט דיזע בעגעגענים אויך געמאכט א גוטען איינדרוק, זאָל זיין זיא האָט אפילו ניט געוואוסט ווער דער אונבעקאנטער יונגער מענש איז געווען. זיא האָט איינגעזעהען דאָס עס איז נאָך דאָ אויף דער וועלט גוטע רייכע מענשען, וואָס האלטען דעם אָרימען אויך פיר א מענשען... עס איז פיר איהר פערביטערטעס הערץ געווען געננג אנגענעהם, דאָס עס האָט זיך נאָך געפונען איין פאַרנעהמער מאן וואָס האָט מיט איהר פריינדליך גערעדט, נאָך דעם וויא איהרע פריהערדיגע פריינדע האָבען אָן איהר גאנץ פערגעסען. א חוץ דעם איז איהר פאָרגעקומען, דאָס זיא האָט איהם שוין א מאָל געזעהען, זיא האָט זיך נאָר ניט געקאָנט דערמאָהנען וואו און ווען. זיא האָט אין יענעם טאָג איינגעשלאָפען מיט נייע זיסע האָפנונגען און עס האָט זיך איהר א גאנצע נאכט געחלום'ט, דאָס זיא איז אין וועלדיל און פיהרט א געשפּרעך מיט דעם גוטען יונגען מאן.

אויף מאָרגען נאָכמיטאָג איז זיא ווידער מיט איהר שפּינדעל אוועקגעגאנגען שפּינען אונטער דיא געדיכטע בוימער אין דער האָפנונג דאָס זיא וועט דאָרטען וויע־

דער טרעפען דעם יונגען מאן, און זיא האָט זיך ווירקליך אין איהר האָפנונג ניט גענארט, ווארום ער איז שוין געקומען אהין נאָך פריהער און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד אויף איהר קומען.

ער האָט איהר בעגעגענט פיעל ווארמער און ליעבליכער, וויא זיא האָט איהם געסטערן בעגעגענט. אין א פאָר מינוט ארום האָט ער איהר אָנגעבאָטען דיא האנד, צו געהן מיט איהר שפּאצירען דורך דיא אלעען; אָבער וויא אויך עס איז איהר דאָס געווען זעהר אנגענעהם צו הערען פון איהם, וויא גערן זיא וואָלט דאָס געטהאָן, ווען זיא וואָלט געווען פריי, האָט זיא איהם געמוזט ענטזאגען, ווייל איהר הערץ האָט דאָך שוין געהערט צו איינעם אנדערען, דאָס הייסט צו סאדי'ן, און איין ריינער געוויסען וויל קיין פערבאָטענעם געניסען.

— דאָס איז מיר ניט ערלויבט, — האָט זיא איהם זעהר ווייך געענטפערט, — ווייל איך געהער שוין צו איין אנדערען. אלזאָ, קאָן איך דיר נאָר געבען מיין פריינדשאפט, אָבער דורכאויס ניט מיין ליעבע!...

דיעזער אנטוואָרט האָט איהם גאָר צוטומעלט דיא געדאנקען, און עטליכע אויגענבליק האָט ער פון שמערצען א וואָרט ניט געקאָנט אויסריידען. ער איז קוים געבליעבען שטעהן אויף דיא פיס.

— פערשטויס מיך ניט פון דיר, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר כמעט מיט א וויינענדיגע שטימע, — איך בין שטערבליך פערליעבט אין דיר. איך קאָן מעהר אָהן דיר ניט לעבען... די ליעבע איז מעכטיג וויא דער טויט, זיא פרעגט ניט קיין געזעצע, קיין יחוס, קיין פערמעגען.... דו מוזט פון היינט אָן נט אנדערם געהערען צו מיר... דו, דיא שעהנסטע און דיא הערליכסטע פרוי אויף דער וועלט!...

מיט דיעזע ווערטער האָט ער איהר געגעבען א ברענענדיגען קוש אין דיא ליפּען...

רעציע איז אָבער געבליבען פעסט ביי איהר בעשלוס, זיא האָט איהם א וואָרט מהר ניט געזאָגט און איז שנעל פון איהם אוועקגעגאנגען, האָט אפילו קיין אבשיעד פון איהם ניט גענומען.

יוססוף איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער, העכסט פערקלעמט און ביי דעם דאָך העכסט פערליעבט.

67.

סיררא און דער הענקער (תליון).

סיררא'ן האָט מען אויף'ן שאנדוואָגען געפיהרט צום פלאַץ וואו עס איז שוין געשטאנען א תליה און ארום איהר אגעזעמעל פון נייגיעריגע איידער נאָך דער שאנדוואָגען איז געקומען אויף'ן פלאַץ, האָט בודימיר בעקומען פון סאנזור־עפענדי (וואָס איז נאָך דאמאָלס געווען תקיף) א פאפיער, דאָס ער זאָל קיין

צערעמאָניען ניט מאכען און זאָל דיא פערברעכערין וואָס צום ניכסטען הענגען, ווארום אויב ער וועט מאכען שהיות און צערעמאָניען, וויא געוועהנליך, וועלען זיך דערווייל אויפקלייבען פאנאטיקער, וועלכע האלטען דיא מערדערין פיר א הייליגע, פיר א פראָפעטין, און זיי וועלען איהר געווים וועלען מיט געוואלט בעפרייען, און דורך דעם קאָן בלוט פערגאָסען ווערען.

בודימיר האָט נעמחט פאָלגען דיעזען בעפעהל און ער האָט זיך געאיילט, וויא עס איז נאָר געווען מעגליך, מען האָט ניט געפּויקט און געשפּיעלט וויא אלע מאָל, און מען האָט דיא פערמשפּט'ע סירראַ'ן געבראכט אויף'ן פּלאַץ גאָר אָהן א ברעקיל פּאראד. עס האָט אָבער דאָך ניט געהאָלפען; דער עולם האָט זיך דאָך וויא עס איז דערוואוסט און עס איז געוואָרען איין איינגעלאָף פון אלער האנד מענשען, מענער, פרויען, יונגע, אלטע, און צווישען זיי אויך פיעלע פאנאטיקער, וועלכע האָבען ווירקליך געוואָלט ארויסרייסען דיא פּראָפעטין פון בודימיר'ס הענד. עס איז באלד געוואָרען א גרויסער טומעל, א געשלעג מיט דיא קאוואסען און בודימיר'ס העלפער, און אזוי וויא סירראַ איז ניט געווען געבונדען, און זיא איז דאָך פון אימער אָן געווען א חעלדין צו קלעטערן און שפּרינגען, האָט זיא איין טומעל א שפּרונג געגעבען פון וואָגען, און האָט זיך צומישט צווישען דעם געזעמעל. ווען עס געפינען זיך דאמאָלס אויף'ן פּלאַץ קלוגע מענשען, וואָלט זיא שוין געווען גערעטעט ווארום מען האָט איהר געקאָנט אוועקפיהרען און עס וואָלט א האָהן ניט געקרעהט. צום אומגליק אָבער האָבען זיך דיא זעלבע פאנאטיקער דערשראָקען פאר איהר, אזוי וויא פאר א טייפעל, און זיינען צולאָפען געוואָרען מיט דיא קולות: אללא! אללא! גאָט היט אונז! — עס פערשטעהט זיך, דאָס זיא האָט זיך לאנג ניט געקאָנט בעהאלטען און מען האָט איהר ניט שפּעטער וויא אין א האלבע שטונדע ארום ווידער געפּאקט. יעצט האָט שוין בודימיר, אָהן איין אָטהעם, ארויפגעוואָרפען אויף איהר האלז דיא שטריק און האָט איהר איבערגעגעבען צו זיינע צוהעלפער אין דיא הענד, זיי זאָלען איהר ארויפציהען אויף דער תליה... נאָך איין מינוט, וואָלט שוין איין ענדע געווען מיט איהר לעבען; אָבער א מינוט האָט אָפט פיעל צו בעדייטען אין דעם שיקזאל פון מענשען. איידער דיעזע קריטישע מינוט איז פערגאנגען האָט זיך אויף'ן וועג בעוויזען א רייטער וואָס האָט פון ווייטענס געוואונקען צו בודימיר'ן מיט א ווייסע טיכעל, וואָס ער האָט געהאלטען מיט איין אויסגעשטרעקטע האנד אין דער הויך, און געשריען מיט אלע קרעפטען: האלט! האלט! גענאַדע! גענאַדע!

דאָס איז געווען דעם סולטאַן'ס אדיוטאנט האסאַן. וויא ער איז צוגעריטען צום פּלאַץ וואו עס האָט אין דיא זעלבע מינוט געזאָלט זיין דיא עקזעקוציאָן, האָט

ער מיטגעטהיילט דעם תליון, דאָס דער גנעדיגער סולטאן האָט סירראַ'ן געשאָנקען און פערלאנגט מען זאָל איהר גלייך בעפרייען.

בודימיר איז געבליבען וויא איין אָבגעשמיסענער... וואָס אָבער האָט ער געקענט מאכען? עס איז נאטירליך איבעריג צו זאָגען, דאָס סירראַ איז זעהר צו־פריעדען געוועזען מיט דיעזער גנאדע פון סולטאן, דאָס גאנצע פּובליקום האָט זיך אויך זעהר דערפרעהט דערמיט און פון דעם האָבען זיך פיעלע נאָך מעהר איבער־צייגט, דאָס סירראַ איז ניט קיין געוועהנליכער מענש, ווארום עס האָט נאָך ביז אהער ניט געטראָפען, מען זאָל א פערמשפּט'ען ארויסנעהמען צוריק פון שטריק... אגב האָבען זיי פערגניגען געהאט דערפון וואָס זיי האָבען זיך אריינגעמישט אין געמאכט א געשלעג, ווארום ווען ניט דאָס, וואָלט זיא שוין לאנג געוועזען א גע־האנגענע. . .

האסאן האָט מיטגענומען סירראַ'ן צו זיך אין בענלעבענ, און האָט געמעל־דעט דעם סולטאן, דאָס אויב ער פערלאנגט, קאָן ער זעלבסט הערען פון איהר מונד דיא וואהרע געשיכטע מיט איהרע פראָפעצייהונגען, אין וועלכען עס איז קיינער ניט שולדיג וויא מאנזור־עפענדי, וואָס האָט איהר געגייטה צו שפּיעלען א קאָמעדיע.

— איך וויל איהר מעהר ניט זעהן, — האָט דער סולטאן געענטפערט, — גענוג פיר איהר דאָס זיא איז לעבען געבליבען... וואָס פיר א פאלשער מענש מאנזור־עפענדי איז, ווייס איך גאנץ גוט און איך ברויך מעהר קיינע בעווייזע ניט אויף דעם... ער איז שוין ניט קיין מופטי; זיין שטעלע געהערט שוין צו פעחמי־עפענדי, מאנזור'ן, פערלאנג איך, מען זאָל זאָגען אין מיין נאָמען, דאָס ער דארף דאנקען גאָט וואָס ער האָט אזוי לייכט אָבגעשניטען, ווארום ער פערדיענט פיעל שטרענגער בעשטראָפט צו ווערען... דיר, האסאן, בין איך זעהר דאנקבאר וואָס דו האָסט פון איהם אראָבגע־ריסען דיא פרומע מאסקע... איך בעלאָהן דיך מיט דער שטעלע פון א האָף־מיניסטער.

האסאן האָט זיך טיעף פערנייגט און זעהר היים געדאנקט דעם סולטאן פיר דיא נייע געפעלינקייט און גונסט, וואָס ער ווייזט צו איהם. נאָך דעם איז ער ארויס צו סירראַ'ן, וואָס האָט געווארט ביי איהם אין קארעטע, האָט איהר איבערגעגעבען דיא ווערטער פון סולטאן, האָט איהר געשאָנקען א ביסעל געלד און פריינדליך אוועק־געלאָזען.

עס איז שוין געוועזען א שטיק אין דער נאכט, און עס איז צייט געוועזען צו רוהען, בפרט נאָך פיר סירראַ'ן, וועלכע האָט זיך אזוי פיעל אָנגעליטען אין יענעם טאָג און איז דערצו געוועזען הונגעריג. וואוהין געהט מען אָבער? פריהער וויא אלעס איז זיא אריינגעגאנגען אין איין ארעמען רעסטאָראנט און האָט עטוואס צוגעביסען. נאָך דעם איז זיא אוועק אין האניפע'ס וואָהנונג, ווייל זיא האָט געהאָפט דאָרטען

פּיעלייכט צו טרעפען רעציע'ן; אָבער, זיא האָט געפונען אין דיעזער וואָהנונג פערשלאָסען טיר און טויער, וויל עס איז דאָרט פון לאנג אָן שוין קיינער ניט געווען. דאמאָלס איז ביי איהר געבליבען א פּלאן צו געהן צו איהר מוטער אין גאלאטא. זאָל זיין דאָס איהר מוטער האָט איהר גענוג שלעכטעס געטהאָן אויף איהר לעבען, אָבער דאָך ווילט זיך יערערן געהן אהיים צו עלטערן. קאדידזע האָט שוין אָבער לאנג געשלאָפען. קלאפּען האָט סירדא ניט געוואָלט און דעריבער האָט זיא געמוזט ארויפקלעטערן וויא א קאטץ אויף'ן גאלערקע פון דאך און דאָרטען איבערנעכטיגען.

האסאן האָט זיך אזוי גוט אויסגעצייכענט אויף זיין נייער שטעלע פון האָףמיניסטער, דאָס דער סולטאן האָט איהם געמאכט פיר איין קאָנטראָלער, וואָס האָט בעדארפט איבערזעהען אלע פּאַפּיערען און אקטען, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דורך הוסיין־פּאשא'ס קאנצעלאריע.

דיעזער הוסיין וואָס איז געווען קריעגס־מיניסטער, וויא מיר וויסען, האָט דערוויילע אויך פערנומען דיא שטעלע פון דעם פערגיפטעטען גרויס־וויזיר, וועלכער איז געוואָרען געפעהרליך קראנק. מיר וויסען שוין, וואָס פיר א בלוט־פיינד דער קריעגס־מיניסטער איז געווען דעם סולטאן און וויא ער האָט זיך געוואָלט אָן איהם נוקם זיין צוזאמען מיט מאנזור־עפענדי. נאטירליך, האָט איהם זעהר געקריינקט, וואָס האסאן איז מיט א מאָל געוואָרען א בעל־דעה ביי איהם אין קאנצעלאריע און האָט איהם געקאָנט פיעל שטערען אין זיינע פיינדליכע פּלענער...

68.

ליידי שטראדפאָרט.

עס איז געווען א פינסטערע נאכט, איינע פון דיא טומאננע נעכט, וואָס זיינען אין לאָנדאָן גאנץ אָפט. דיא פלאמען פון דיא גאז בעלייכטונג זיינען געווען מאט, אזוי וויא בעצויגען מיט וואָס עס איז. אין א שמאָלער שטראסע איז אין דיעזער נאכט געגאנגען א יונגער טירקישער אָפיציר. ער איז געגאנגען לאנגזאם און געקוקט אין אלע זייטען, אזוי וויא ער וואָלט זוכען א נומער פון א הויז. עס איז איהם אָבער מיאוס געוואָרען צו זוכען און ער האָט זיך געווענדט צו א „פּאָליסמאן“, וואָס ער האָט בעגעגענט, מיט דער פראגע, צו קאָן ער איהם ניט זאָגען, וואו עס איז ליידי שטראדפאָרט'ס וואָהנונג. דער פּאָליסמאן האָט איהם אָבגעמאָלט ריכטיג, מיט אלע שטיקעלאך, וויא ער דארף געהן; דער אָפיציער האָט איהם בעדאנקט און איז אוועקגעגאנגען, וויא ער האָט איהם געוויזען. ניט ווייט שוין פון זיין ציעל, דאָס הייסט, פון ליידי שטראדפאָרט'ס פּאלאץ, איז מיט א מאָל אָנגעפאָהרען א קארעטע מיט א פּאָר פייערדיגע פערד, וועלכע האָבען אום איין האָאר ניט איבערגעפאָהרען א פּאָרנעהמע דאמע אין א רייכען שווארצען אָנצוג. זיא איז געגאנגען איבער דעם פייכטען

ברוק און האָט ניט בעמערקט וויא עס פאָהרען גלייך אויף איהר פערד... ווען ניט דער טירקישער אָפיציר, וואָלטען איהר דיא פערד געוויס צוטראָטען מיט דיא גע־שמידטע פיס, אָבער דיעזער אָפיציר איז האסטיג צוגעלאָפען און האָט איהר אָבגע־שלעפט אָן א זייט... אין ערשטען אויגענבליק איז דיא דאַמע געוואָרען בייז, וואָס ער האָט איהר אזוי האסטיג אָנגענומען און געמאכט אש פון איהר טואלעט; אָבער זיא האָט זיך גלייך בעדיינקט, דאָס ער האָט דאָס נאָר געטהאָן פון מענשען ליעבע, און האָט איהם זעהר ווארם געדאנקט פיר דיעזע געפעליגקייט. ריידענדיג האָט זיא געפרעגט זיין נאָמען, וועלכען זיא האָט פערצייכענט ביי זיך אין טאשען־ביכעל.

ביסלעכווייז זיינען זיי אריין אין א געשפרעך, און דער אונבעקאנטער אָפיציר האָט איהר מיטגעטהיילט, דאָס ער האָט וואָס נייטהיג צו דער ליידי שטראדפאָרט, וועלכע לאָזשירט אפילו ניט וויט פון איהם, נאָר ער האָט זיך פעראירט, ווייל ער איז דאָך איין אויסלענדער און איז נאָך ניט בעקאנט מיט דיא שטראסען.

— אזוי, צו דער ליידי שטראדפאָרט? קענען זיי איהר פערזענליך? — האָט זיך דיא דאַמע געוואונדערט.

— יא, איך קען איהר פערזענליך נאָך פון קאָנסטאנטינאָפאָל.

— איז זיא דען אויך׳ן באָספאָר אויך געווען? — האָט זיא מיט א שמייכעל געפרעגט.

— געוויס איז זיא געווען, — האָט געענטפערט דער אָפיציער, — דאָך פער־שטעה איך ניט, וואָס בעדייט דער „אויך“ און וואָס שמייכלען זיי? זיא איז געקומען מיט פאָליטישע אויפטראגען, זיא שפיעלט א ראָלע פון א דיפּלאָמאט...

דיא דאַמע האָט נאָך שטארקער אָנגעפאנגען צו שמייכלען.

— וויא קומט זיא צו א דיפּלאָמאטישע ראָלע? זיא איז נאָר א שווינדלערין... דרעהט זיך אומעטום, און מאכט נאָר אינטריגען...

— מאדאם, — האָט ער זיך אָבגערופען, — זיי ערלויבען זיך צופיעל און צו שלעכט צו שפּרעכען פון אזא וויכטיגע פערזאָן...

— פערצייהען זיי, — האָט דיא דאַמע א מאַך געגעבען מיט דער האנד, — איך שפּרעך ניט צופיעל, זיא האָט דאָס דורכאויס פערדיענט; מיר ווייסען, וואָס פיר פערדרעהענים זיא האָט אָנגעמאכט אין פאריז און אין פיעלע אנדערע ערטער... לעבט ניט צוזאמען מיט איהר מאַן און פיהרט זיך גאָר ניט וויא א צנועה...

דעם יונגען אָפיציער האָבען דיא ווערטער פון דער אונבעקאנטער דאַמע זעהר געקרענקט, און ביי איהם איז געבליעבען, דאָס ניט אנדערש זיי ליעבען ביידע איין פערזאָן און שטערען איינע דער אנדערער, דעריבער, איז דיא דאַמע אזוי אויפגע־בראכט אויף ליידי שטראדפאָרט און בערעדט איהר אזוי.

— איך וויל מיט זיי זיך איבער דעם ניט קריעגען, — האָט ער געזאָגט, — איך בין נאָר נייגיעריג צו וויסען, ווער איז איהר מאַן? איך הער דאָס ערשט, דאָס זיא איז פערהייראַטהעט...

— איהר מאַן איז דער אדמיראל, סער שטראָדפאָרט, וועלכער איז א לאַנגע צייט ניט געווען צו הויזע, און איז דאָ ניט לאנג ערשט געקומען פון דער רייזע. זיא נארט אָבער אלעמען אָפּ, אלע ליעבהאָבער וויא איהר מאַן, דעם מאַן וויא דיא ליעבהאָבער! . . .

— און ווער זיינען דאָס איהרע ליעבהאָבער? עס איז נייגיעריג צו וויסען?

— און ווער האָט דאָס א קאָפּ זיי צו געדיינקען און צו צעהלען? מען זאָגט, דאָס דער הערצאָג נאָרפאָלק איז אויך איינער וואָס לאָזען זיך נארען פון איהר...

— הערצאָג נאָרפאָלק? — האָט זיך דער אָפיציער געוואונדערט.

— וואָס וואונדערן זיי זיך אזוי? — האָט פאָהרט ער פון איהר אין דער פערמאכטער קארעטע, — זיא האָט איהם אָנגעוויזען אויף א קארעטע, וואָס איז געפאָהרען פון דער זייט וואו עס איז געווען לוידי שטראָדפאָרט'ס וואָהנונג.

דער אָפיציער האָט נאָך עטוואָס געוואָלט פרעגען ביי דער דאמע; זיא איז אָבער מיט א מאָל פערשוואונדען געוואָרען און האָט אפילו פון איהם ניט גענומען אָבשיעד. וויא עס האָט אויסגעזעהען, איז דיא אורזאכע פון איהר האסטיגען פערשווינדען געווען נעמליך דיא קארעטע, אויף וועלכע זיא האָט געווארט. אלזאָ, האָט זיך דער אָפיציער אויסגערעכענט, איז זיא אויך פון דעם הערצאָג'ס געליעבטע?

ער האָט זיך א ביסעל ארומגעקוקט און איז אוועקגעגאנגען צו דער לוידי שטראָדפאָרט.

לוידי שטראָדפאָרט איז אין יענער צייט געזעסען ביי זיך אין רוהע צימער. ביי איהר אין האנד איז געווען א פראכטפאָלער בוקעט, וואָס דער הערצאָג האָט איהר מיט א שטונדע צוריק געבראכט. וויא מען האָט איהר געמעלדעט דאָס א טירקישער אָפיציער מיט דעם נאָמען צארא איז געקומען, האָט זיא זיך זעהר דערפרעהט. זיא איז ארויס צו איהם ענטקעגען און האָט איהם בעגעגענט זעהר פריינדליך מיט דיעזע ווערטער:

— עס פרעהט מיך זעהר, וואָס עס האָט זיך אייך איינגעגעבען, אוי"בערצוגעהן פון מיליטער־דיענסט אין דיא דיפּלאָמאטישע. איך האָב דאָס אייך צוגערעדט, און דערפאר האָב איך יעצט דאָס פערגניגען אייך צו זעהען אין מיין צימער.

— און מיך פרעהט עס נאָך מעהר, וואָס איך האָב דאָס גליק צו זיין ביי דער קעניגין פון דיא דיפּלאָמאטען, — האָט זיך אָבגערופען צו איהר צארא־בעי און האָט איהר דערביי א הייסען קוס געגעבען אין האנד.

— איך זעה אייך ביי מיר מיט דעם גרעסטען פערגניגען, — האָט לײדי שטראַד־פאָרט ווידער געזאָגט, — איך האָב אייך געוואָלט זעהען, און מיין וואונש איז ערפילט געוואָרען. . .

זיא האָט איהם אוועקגעזעצט לעבען זיך און געבעטען, ער זאָל איהר מיט־טהיילען אלעס וואָס עס האָט זיך פּאסירט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל פון דער צייט אָן, ווי זיא איז פון דאָרטען אוועקגעפאָהרען.

ער האָט איהר דערצעהלט אלסדינג, אלע נייעס וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּאָליטישער וועלט און ביי איהם זעלבסט. זיא האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגעשפּראָכען פון מונד, ווארום זיא איז געווען זעהר נייגיעריג צו וויסען אלסדינג, וואָס עס טהוט זיך בכלל אין דער וועלט, און וועגען שוין צווישען בעקאנטע מענשען. זיא האָט איהם טראַקטירט מיט א גלאָז גראָג (אזא פּונש וואָס מען טרינקט אין ענגלאַנד) און וויא זיא האָט זיך מיט איהם אָנגערעדט צו זאַט, האָט זיא זיך ענטשולדיגט, דאָס זיא האָט מעהר קיין צייט ניט צו פערברייינגען, וויילזיא דאַרף נאָך אין דיעזער נאַכט בעזוכען א גרויסען דיפּלאָמאַט. זיא האָט איהם געבעטען, ער זאָל אָפט אריינקומען צו איהר און האָט פון איהם גענומען אָבשיעד. אין דער לעצטער מינוט, וויא ער איז שוין געווען פערטיג צו עפענען דיא טיהר, האָט זיא פון איהם גענומען א וואָרט, דאָס ער וועט איהר בעזוכען, אין דער זעלבער צייט, אין צוויי טאָג ארום.

דאָס צווייטע מאָל האָט זיא איהם אויפגענומען ניט ווייניגער פריינדליך און ווארם וויא דאָס ערשטע מאָל. זיא איז געווען אויסגעפּוצט; דאָס גאַסט־צימער איז אויך געווען צוגעפּוצט און עס איז געווען צו זעהען, דאָס זיא וויל דעם גאסט גע־פעלען. דאָס האָט צאַראַ'ן זעהר געקיצעלט און פערגניגען געמאַכט. זיא האָט איהם יעצט אויך אָנגעוויזען צו נעהמען פּלאַטץ הארט לעבען איהר, פון וואָס ער האָט נאַטירליך גאָר קיין צער ניט געהאַט, און זיא האָט איהם געפרעגט, צו האָט ער שוין בעזוכט דיא לאָנדאָנער דיפּלאָמאַטען.

— איך געה גלייך פון דעם הערצאָג נאָרפאָלק, — האָט ער געענטפערט און האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איהר געזיכט, אום צו זעהען וואָס פיר א מינע זיא וועט מאַכען הערענדיג דיעזען נאָמען. . .

זיא האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— אזוי, איהר זייט געווען ביי דעם הערצאָג נאָרפאָלק?

— נו, געוויס, ער איז דאָך דיא רעכטע האַנד ביי דעם ערשטען מיני־ייייע... ביי דעם פראנצויזישען געזאַנדטען, מאַרקיז דיפּליאָן, בין איך אויך געווען.

— זיי ביידע זיינען מיינע גוטע פריינד, — האָט זיא זיך אָבגערופען, — און איך קאָן אייך ביי זיי ביידען בעהילפיג זיין.

— דאָס איז פיר מיר זעהר וויכטיג, — האָט צארא־בעי געענטפערט און טיעף זיך פערנייגט.

— דאָס גלייכען בין איך בעפריינדעט מיט פיעלע אנדערע דיפּלאָמאטען און פאָרנעהמע לייט, — האָט ליידי שטראדפאָרט ווייטער געזאָגט, — דיעזע פריינדשאַפט קאָסט מיר אפילו זעהר טהייער, — מיין עהרע ליידעט זעהר דערפון. פיעלע ליידיגע צינגער בערריידען מיך... עס איז שוין אזוי פון אימער אָן, עס איז א זינד צו זיין שעהן און קלוג... אָבער דער וואָס האָט שוין אזא׳ן אומגליק, וויל דאָך אזוי פערבלייבען... גאָט פערלעשט ניט דיא זון און לבנה, ווייל עס זיינען דאָ געטצען דיענער וואָס דיענען צו זיי... דער שעהנער און קלוגער ווערט ניט אויף א האָר וועניגער שעהן און קלוג איבער דיא ליידיגע צינגער...

— איין מאָל האָט איהר צו מיר אזעלכען צוטרויען, — האָט זיך אָבגערופען דער אָפיציער, — נעהם איך מיר דיא פרייהייט צו זאָגען, דאָס איך האָב שוין לאנג געהערט דיעזע בייזע רעדען פון דיא ליידיגע מיילער; איך האָב נאָך מעהר געהערט, דאָס איהר זייט שוין פערהייראטהעט!...

צארא׳ס לעצטע ווערטער האָבען איהר א ביסעל צוטומעלט און געשטעלט אין א פערלעגענהייט. דאָס האָט אָנגעריהרט איהר ליעבע צו איהם, און עס האָט נאַטירליך פיר איהם ניט געלאָהנט, ער זאָל מיינען, זיא איז שוין פערהייראטהעט. עטליכע מינוט האָט זיא געשוויגען, און ענדליך האָט זיא זיך אָבגערופען!

— ניין, מיין ליעבער צארא, עס איז דורכאויס ליגען, לשון־הרע... איך בין ניט פערהייראטהעט און בין פריי, האָב רעכט צו ליעבען וועמען איך וויל, דאָך בין איך נייגיעריג צו וויסען, מיט וועמען, זאָגט מען, בין איך פערהייראטהעט?

— מען זאָגט, מיט דעם אדמיראל שטראדפאָרט.

— מיט׳ן אדמיראל? — האָט זיא מיט א שמייכעל געזאָגט, — איך האָב צו אייך א גרויסען צוטרויען... מיט דער צייט וועט איהר אַלעס וויסען... איין אנדערס מאָל וועלען מיר נאָך שפּרעכען וועגען דעם, פיר יעצט איז גענוג. איך קאָן אייך נאָר זאָגען, דאָס איהר זייט דער ערשטער וואָס איך ליעב אויפריכטיג... ערצעהלט מיר אָבער פון אייערע אייגענע געשעפטען. וויא געהט עס אייך אין לאָנדאָן?

זיי האָבען נאָך ביידע פערבראַכט עטליכע שטונדען, האָבען געשפּראָכען פון פיעל פּאָליטישע געגענשטענדע, און צארא איז אוועק פון איהר שוין א שטיק אין דער נאכט.

יעצט איז ער אָבער שוין ניט געוועזען אזוי צופריעדען וויא פריהער. ער האָט

אַנגעפאַנגען צו שפּירען דאָס מיט זיין בעקאַנטער ענגלענדערין איז ניט גאָר גלאַט. וואָס מיט איהר איז, האָט ער ניט געקאָנט פערשטעהען, און זיין הארץ איז געוואָרען בעטריבט. איהם האָט שוין פערדראָסען דיא גאַנצע בעקאַנטשאַפט, וואָס ער האָט מיט איהר געמאַכט. דאָך איז ער ניט געווען אימשטאַנדע אויפצוהערען מיט איהר צו האַנדלען. ערשטענס, איז ער געווען ביז דיא אויערן אין איהר פערליעבט. און עס איז קיין וואונדער ניט געווען, ווייל זיא איז ווירקליך געווען זעלטען שעהן, קלוג, און דערצו נאָך זעהר רייך. צווייטענס האָט ער געקאָנט האָבען פון איהר פיעל נוטצען אין זיין דיענסט, צוליעב איהרע בעקאַנטשאַפט מיט אַלע דיפּלאָמאַטען פון איירָאָפּא.

עטליכע מאָנאַטען זיינען פערלאָפען און צווישען זיי ביידע איז קיין ענדערונג ניט געוואָרען. צאַרא פלעגט דיא פאָרנעהמע ענגלענדערין גאַנץ אָפט בעזוכען, און זיא פלעגט איהם יעדעס מאָל אויפנעהמען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט, צאַרא האָט פון איהר פיעל טובות געהאַט אין זיינע דיפּלאָמאַטישע געשעפטען, מיט וועלכע זיא האָט זיך אינטערעסירט ניט וועניגער וויא ער אַליין.

איין מאָל האָט צאַרא'ס לאַקיי איהם געמעלדעט, דאָס איין העררר האָט אויף איהם געפרעגט. דיעזער העררר האָט ניט געוואָלט זאָגען זיין נאָמען און האָט געזאָגט, דאָס ער וועט מאָרגען אין דער זעלבער צייט ווידער קומען.

אויף מאָרגען איז צאַרא געבליעבען צו הויזע און האָט מיט אונגעדולד ער־וואַרטעט דיעזען העררן. איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען וויא גרויס עס איז געווען דיא פערוואונדערונג און צו גלייך דיא פרייד פון צאַרא'ן, וויא ער האָט דערזעהן, דאָס צו איהם איז געקומען ניט קיין אנדערער וויא זיין פריינד סאַדי, וואָס איז שוין יעצט געווען סאַדי־פּאַשא! ער איז געווען געקליידעט דורכאויס איירָאָפּעאיש און עס איז אונמעגליך געווען צו ערקענען, דאָס ער איז איין טירק. זיי האָבען זיך לאַנג געקוסט און געהאַלזט, וויא עס געהט אימער צו מיט צוויי הייסע פריינד, וועלכע בעגעגענען זיך אין א פרעמד לאַנד. וויא זיי האָבען זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט צאַרא־בעי גע־פרעגט סאַדי'ן צו וועלכען ציעל ער איז געקומען אין לאָנדאָן.

— דאָס איז אפילו א גרויסער סעקרעט, — האָט זיך אָבגערופען סאַדי, — אָבער דיר וויל איך דאָך ענטדעקען מיין ציעל. ערשטענס, פאַר א נאָהענטען פריינד וויא דו האַלט מען ניט קיין געהיימניסע און סודות... צווייטענס, מוז איך אָנקומען צו דיין הילפע... איך בין געשיקט אהער, ערשטענס, צו מאַכען א הלואה (אנלייהע) פיר אונזער רעגיערונג. ביי אונז אין לאַנד איז יעצט זעהר ניט רוהיג, עס זיינען אויפ־געשטאַנען דיא פעלקער פון אַלע כריסטליכע פּראָווינצען, רומעניען, סערביען, בול־גאַריען, באָסניען, און גאָט ווייס נאָך מיט וואָס דיעזעס וועט זיך ענדיגען. דערווייל מוז מען האָבען נעטהיג געלד; ווארום אָהן געלד קאָן מען קיין שטרייט ניט פיהרען.

צוויטענס, (און דאָס איז נאָך פיעל וויכטיגער וויא דיא אנליהע), האָט אונזער רעגיערונג בעקומען צו וויסען, דאָס צום ענגלישען ערשטען מיניסטער איז אָנגעקומען פון דעם פראנצויזישען געזאנדטען איין שריפט, אין וועלכער עס ווערט גערעדט אַלעס וואָס פראנקרייך האָט בעשלאָסען וועגען טירקיי; אויף דעם זעלבען פאפיער האָט דער מיניסטער שוין אויפגעשריבען דיא אנטוואָרט פון ענגלאנד. אלזאָ, איז פיר אונזער רעגיערונג זעהר וויכטיג צו וויסען דעם איינהאלט פון דיעזען פאפיער, און דער הויפט צוועק פון מיין קומען אהער איז צו בעקומען וויא עס איז דיעזעס פאפיער אָדער א קאָפיע פון איהם. איך גלויב, דאָס דער ענגלישער מיניסטער וועט דאָס אונז טהאָן דיא געפעליגקייט און וועט מיר ארויסגעבען איינס פון דיא ביידע?... וואָס דענקסט דו?

— מיט'ן גראדען וועג איז דאָס שווערלאך אויסצופיהרען, — האָט איהם צארא געענטפערט, — מען וועט דיר פריינדליך אַלעס פערשפרעכען און קיינעס ניט טהאָן.

— יא, דו האָסט רעכט, צארא, אין פאריז איז אויך אזוי צוגעגאנגען. מען האָט מיר פערשפראָכען צו ווייזען דאָס פאפיער און ארויסגעבען א קאָפיע, און ביי דעם זיינען זיי געבליעבען. איין זאך האָב איך זיך גאָר ערקונדיגט; דער נומער פון דיעזען פאפיער איז 713. דאָס קאָן מיר לייכטער מאכען איהם ארויסצובעקומען...

— און איך האלט מיך ביי דאָס מייניגע, — האָט צארא ווייטער געזאָגט, — מיט'ן נומער, וויא אָהן דעם נומער, דו וועסט אויף'ן גלייכען וועג גאָר ניט מאכען. מען מוז ווירקען און געהן ארום, מיט זייטיגע וועגען. דו האָסט דאָס אפילו פיינד. אָבער אין פאָליטישע געשעפטען קאָן מען מיט דער ריינער וואהרהייט וועניג אויפטהאָן. און ווער עס וויל וואָס דאָ אויספיהרען, דער מוז מרוצה ווערען צו געברויכען א ביסעל ליגען אויך... וויא איך זעה, אָבער, ביזט דו גאָר ניט געשאפען צו דעם... לאָז דאָס מיר איבער, און דו קאָנסט זיין רוהיג, מיר וועלען שוין האָבען א קאָפיע. איך האָב היער א בעקאנטע דאמע, דורך וועלכע עס וועט מיר דאָס זיין גאָר לייכט אויסצופיהרען. דערווייל קאָנסט דו וואָהנען ביי מיר גאנץ רוהיג, און איך פערשטעה ניט וואָס דו ביזט גלייך צו מיר ניט אריינגעפאָהרען. דו וועסט ביי מיר זיין, און קיינער וועט ניט וויסען, ווער דו ביזט און וואָס דו דארפסט אין לאָנדאָן. דערווייל וועלען מיר ביידע מיט פערגניגען פערברייננגען דיא צייט; איך גלויב, מיר וועלען האָבען איבער וואָס צו שפּרעכען, הא?

69.

קרייץ און האלבע לבנה.

דיא באָסניער רעוואָלוציאָנערען (פאָוסטאנצעס, מיאטעזשניקעס) מיט זייערע צוויי יונגע אנפיהרער, וואָס האָבען מיט געוואלט מיטגעשלעפּט אין שטרייט דעם

אלטען שלאנגען־בעשווערער, זיינען ארויס פון שטעדטיל אום פלוצלינג צו בעפאלען אויף דעם טירקישען לאגער, וועלכער איז געווען א מייל דריי פון דאָרטען. אין וועג זיינען אויף יעדען טריט צוגעשטאנגען צו זיי נייע רעוואָלוציאָנערען, פון אלע דערפער און שטעדטלאך דורך וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו געהן.

וויא זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דעם פיינדליכען לאגער, האָט דער שלאנגען־בעשווערער געבעטען זיינע וועכטער, וואָס האָבען איהם געפיהרט געבונדען, זיי זאָלען איהם צולאָזען צו דעם אנפיהרער, ווייל ער האָט זיי וואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען. מען האָט איהם געטהאָן דיא טובה און צוגעפיהרט צו דעם אנפיהרער.

— וואָס ווילסט דו מיטטהיילען? — האָט מען ביי איהם געפרעגט.

— אפילו איך בין א טירק, — האָט דער אלטער געזאָגט, — דאָך מיין איך נאָר אייער טובה, ווייל איך בין א מענשען־פריינד, און עס קרענקט מיך צו זעהען, וויא איהר לויפט אליין אין אייער אומגליק, אין טוידט... איך זאָג אייך אָן צום צווייטען מאָל, שאָהנט אייער בלוט און קעהרט אייך אום צוריק... דיא טירקען זיינען פיעל מעהר וויא איהר מיינט, און בעסער, וויא איהר, בעוואפענט, בעסער געלערנט, און געוואָהנט צום שטרייט. איהר וועט אלע געווים פערלאָרען געהן. נאָך א מאָל זאָג איך אייך: קעהרט אייך אום, זאָ לאנג עס איז נאָך ניט צו שפעט!

— דאָס איז שוין אונמעגליך, — האָט געענטפערט איינער פון דיא אנפיהרער, — מיר ווילען זיך צום נארען ניט מאכען; וואָס ווּעלען זאָגען אונזערע פיינדע, ווען זיי דערהערען דאָס? זיי ווּעלען לאכען פון אונז, וויא פון שרעקעדיגע קינדער, טרוסען... ניין, דאָס קאָן שוין ניט געשעהען. איין מאָל האָבען מיר אָנגעפאנגען, מוז מען ווייטער געהן... ווּעלען מיר אָבער, וויא איך האָף, איינגעהמען דיא טירקען, געהסט דו שוין א לעבעדיגער פון אונז ניט אוועק, ווארום דו ווילסט אונז פערראטהען מיט דיינע פאלשע עצות. . .

— איך בין שוין רוהיג, — האָט געזאָגט דער אלטער, — איך האָב געטהאָן אלעס, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט, אום אייך אָבצוהאלטען. יעצט איז מיין געוויסען ריין!

דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען ווייטער געגאנגען און אויף בעגינען האָבען זיי פלוצלינג געמאכט א בעפאל אויף דעם טירקישען לאגער. אזוי וויא דיא טירקען האָבען זיך אויף דיא געסט גאָר ניט געריכט, זיינען זיי אין אָנפאנג צוטומעלט געוואָרען און האָבען בעקומען גוטע קלעפ. דיא באָסניער, וואס זיינען געווען שרעקליך צוהיצט און בעגייסטערט, האָבען זיי געמאכט א גוטע בלוט־וואננע... עס האָט אָבער לאנג ניט געדויערט, און דער פאשא האָט וויא געהעריג געבראכט אין אָרדנונג זיינע קאוואלעריע, און עס האָט זיך אָנגעפאנגען א הייסער שטרייט אויף טוידט און אויף

לעבען... באַלד זיינען פון ביידע זייטען געלעגען פיעלע טוידטע און פערוואונדעטע... ווער עס איז שטארקער, האָט מען נאָך אַלץ ניט געקאָנט זאָגען בעשטימט. אזוי האָט דאָס געדויערט ביז וואנען דער פאשא האָט אויסגעשטעלט הינטער דיא קאוואלעריע און איינגעאָרדענט א גאנצע באטאריע פון הארמאטען אָדער קאנאָנען און האָט ארויסגעלאָזען אויף דיא כריסטען א שרעקליכען פייער. נאטירליך האָט דיעזער פייער מיט דיא קוילען אָנגעמאכט צווישען דיא כריסטען גרויסע צרות. וויא זיי האָבען געזעהען עס האלט מיט זיי שלעכט, האָבען זיי גענומען אָבציהען און זיינען אריינגעלאָפען דערביי אין א געדיכטען וואלד. דיא טירקען האָבען זיך נאָכגעיאָגט און זיינען אויך אריין טיעף אין וואלד. מעהר וויא דאָס האָבען דיא באָסניער ניט בעדארפט, ווארום דאָ אין וואלד האָבען שוין דיא טירקען זיך ניט געקאָנט בענוצען ניט מיט דיא קאוואלעריע ניט מיט דיא הארמאטען.

יעצט האָט זיך פון דאָס ניי פערבונדען א שלאכט מיט שווערדען, וואָס האָט זיך פערצויגען א גאנצען טאָג. דיא צאָהל פון דיא כריסטען איז פון מינוט געוואָרען גרעסער, ווארום עס פלעגען אימער אונטערקומען נייע קרעפטען פון דיא ארומיגע דערפער און קליינע שטעדטלאך; אָבער דאָך האָבען זיי פיעל געליטען, פערלאָרען זעהר פיעל מענשען. ביי אַלעם דעם האָבען זיי זיך געהאלטען פיר דיא זיעגער, דיא איינגעהמער, און האָבען שוין געוואָלט אויפהייבען דעם שלאנגען־בעשווערער, אזוי וויא מען האָט איהם פערשפראָכען. וויא אָבער מען איז צוגעגאנגען צום בוים, צו וועלכען ער איז געווען דיא צייט פון שטרייט צוגעבונדען, האָט מען מעהר וויא דיא שטריק ניט געפונען. קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגען, צו ער איז אליין ענטלאָפען אָדער דיא טירקען האָבען איהם דערקענט און בעפרייט...

פון באָסניען האָט זיך דיא רעוואָלוציאָן פערשפרייט אין אלע איבעריגע כריסטליכע פראָווינצען, און האָט זיך פערלייננערט אויף פיעלע טעג, וואָכען און מאָנאטען. עס איז גענוג בלוט פערגאָסען געוואָרען, גענוג גרויזאמע אונמענשליכע סצענען פאָרגעקומען פון וועלכע עס שטעלען זיך דיא האָר אויף'ן קאָפּ. אָבער פון דעם וועלען מיר שפּעטער דערצעהלען.

70.

רעציע און דער פרינץ.

אין איין אבענד איז סיררא געגאנגען ארום דיא רואינע „קאדריש“. זיא האָט געוואָלט אויסשפירען, געפינט זיך אָפּט ניט דאָרטען וויעדער רעציע. איהר מיהע איז אָבער געווען אין גאנצען אומזיסט. עס איז פון רעציע'ן דאָרטען א זכר ניט געווען. סיררא האָט שוין בדעה געהאט פון דאָרטען אוועקצוגעהן, מיט א מאָל האָט זיא דערזעהען פון וויטענס צוויי פערזאָנען, וועלכע געהן אין רואינע און פיהרען צווישען

זיך א הייסען געשפּרעך. איינער פון דיא ביידע איז געווען לאצארוס, דער אנדערער דער האדשא, וואָס איז א מאָל געווען א וועכטער אין סאָפּטי'ס הויז און איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען א גרויסער מחותן מיט איהר מוטער קאדידזע. סיררא האָט ניט געקאָנט הערען וואָס זיי האָבען געשפּראָכען, אָבער זיא האָט פערשטאנען דאָס זיי שפּרעכען פון א וויכטיגער זאך. זיא האָט זיך בעשלאָסען זיי נאָכצוגעהן פון ווייטענס. באלד זיינען זיי ביידע אריין אין ראטה'ס צימער פון דער רואינע. סיררא האָט זיך אין דער שטיל בעהאלטען הינטער א טיר און האָט דורך א שפּאלט אריינגעקוקט אינווענינ.

אין צימער איז געווען מאנזור־עפענדי. וויא מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז ער געבליבען צווישען דיא דערווישען פון רואינע דער זעלבער תקיף און בעל־דעה וויא א מאָל. סיררא האָט זיך איינגעהאָרכט און האָט זיך באלד דערוואוסט דעם ציעל פון זייער צוזאמענקומען מיט דעם גוטען מאנזור־עפענדי. זיי זיינען געקומען זיך אויסרעכנען מיט איהם פיר דיא געוואלטיגע רציחות וואָס זיי האָבען פיר איהם שוין געטהאָן, און וואָס זיי האָבען זיך נאָך אָנגענומען שפּעטער צו טהאָן. מאנזור־עפענדי האָט זיי אויפגעגעבען דיא נעמען פון יענע פּערזאָנען, וועלכע ער האָט בעשלאָסען צו ערמאָרדען, ווייל זיי זיינען איהם געשטאנען אין וועג. אונטער אנדערע נעמען האָט ער זיי אויך אָנגערופען סאדי'ס נאָמען און האָט זיי פּאָראוים פיר זיין קאָפּ בעצאָהלט א גרויסע סומע געלד... סיררא האָט געהערט וויא לאצארוס האָט געזאָגט, דאָס סאדי איז ניט לאנג פלוצלינג אוועקגעפאָהרען, און וויא מאנזור־עפענדי האָט איהם געענטפערט:

— עס מאכט ניט אויס... ער קומט באלד צוריק; איך וויים דאָס געוויס, און איך קאָן דיר רוהיג שוין בעפריעדיגען פיר זיין קאָפּ אויך!...

— און איך, — האָט זיך אָבגערופען דער האדשא, — האָב אויסגעפיהרט דאָס וואס איהר האָט מיר געהייסען. איך וויים שוין דיא אורזאכע וואס די טרוים־דייטערין קאדידזע האָט אזוי פיינד אלמאנזאר'ס גאנצע פאמיליע. זיא האָט עס מיר לאנג ניט געוואָלט ענטדעקען און וויא איך פלעג נעהמען ריידען וועגען דעם, פלעגט זיא זיך ארויסמאכען... אזוי האָב איך מיך געגנוג אָנגעמאטערט מיט איהר ביז וואנען איך בין געפאלען אויף'ן פלאן, צו טראקטירען איהר מיט א גוטע פּאָרציאָן אָפּיום... דאָ האָט זיך ביי איהר געעפענט דאָס מויל. דיא אורזאכע איז נאָר געלד. קאדידזע האָט זיך ערקונדיגט, דאָס דיא כאליפען פון דער אבאסידישער פאמיליע האָבען געלאָזען בעהאלטען אין א פּיראמידע, א גרויסען אוצר. אזוי וויא אלמאנזאר שטאמט פון דיעזער פאמיליע איז ער, אָדער זיינע קינדער, דער אמת'ער יורש פון דיעזען אוצר. קאדידזע אָבער וויל ניט אנדערש, דער אוצר זאָל בלייבען ביי איהר, ווייל זיא האָט שרעקליך

ליעב געלד; דעריבער, טהוט זיא וואָס זיא קאָן, אום אויסצוראָטען אלמאנזאר'ס פאמיליע פון דער וועלט.

— וואָס זאָגסט דו? זיא האָט זיך ערקונדיגט פון איין אוצר? — האָט געפרעגט מאנזור זעהר אונרוהיג און פערקימערט.

— יא, געוויס, — האָט געענטפערט דער הארשא, — און ער איז בעגראָבען אונטער דיא פיראמידען.

עס האָט וועניג געפעהלט מאנזור־עפענדי זאָל פון דיעזער נאכריכט בעקומען דיא אפּאָפּלעקסיע! ער האָט ביז אהער געגלויבט, דאס מעהר וויא ער איינער וויים ניט פון דיעזען אוצר, און יעצט לאָזט זיך אוים, דאָס קאדידזע וויים, דער הארשא וויים און לאצארוס וויים! . . .

ער האָט זיך קוים איינגעהאלטען און מיט א פאלשען געלעכטער געזאָגט צום הארשא:

— נארישקייט... פלוידעריי... איז דען מעהר וויא איין פיראמידע ניט דאָ? וויים זיא אין וועלכער דער אוצר איז בעגראָבען?

— געוויס וויים זיא, — האָט דער הארשא געענטפערט, — זיא וויים אפילו אין וועלכען אָרט ניט אזוי אין וועלכער פיראמידע. זיא רעכענט מיט דער צייט איהם אויסצוגראָבען... דעריבער איז זיא אזוי בייז אויף אלמאנזאר'ס פאמיליע; זיא האָט מורא, זיינע קינדער זאָלען ביי איהר דיעזען אוצר ניט צונעהמען, ווייל זיי זיינען דיא אמת'ע יורשים. וויא עס איז, איך האָב מיין זאך אָבגעטהאָן, עס האָט מיר אפילו גענוג מיהע געקאָסט, אָבער...

— גוט, מיין זוהן, — האָט זיך אָבגערופען מאנזור־עפענדי, — איך דאנק דיר, און דו וועסט גוט בעלאָהנט ווערען פיר דיין מיה. יעצט אָבער פערלאנג איך פון דיר נאָך א זאך. קאדידזע איז פיר אונז זעהר א געפעהרליכע פערזאָן, א פלוידער זאק, האָט ליעב דעם טרונק און קאָן אונז ניט ווילענדיג פיעל שאדען בריינגען. אלזאָ, איז נייטהיג מען זאָל איהר אויף א צייט האלטען אין א זיכערען אָרט, אם בעסטען, היער אין „קאדריש"... עס וועט איהר קיין בייז ניט געשעהן... וויא דיא פאָליטיק וועט געענדערט ווערען קאָן מען איהר ווידער בעפרייען. דערווייל אָבער לאָהנט ניט זיא זאָל פלוידערן... איך גלויב, הארשאַ, וויא דו ביזט מיט איהר שוין בעפריינדעט, וועט דיר ניט שווער זיין דאס אויסצופיהרען.....

דער הארשא און לאצארוס האָבען פערשפראָכען, דאָס זיי וועלען אלעס פינקט־ליך און אם שנעלסטען ערפילען.

וויא מאנזור־עפענדי האָט געענדיגט זיין געשפרעך מיט זיי און סיררא האָט שוין מעהר ניט געהאט וואָס זיך איינצוהאָרכען, איז זיא אין דער שטיל אוועק פון

דער רואינע אַזוי ווי זיא איז אַהין געקומען. זיא איז אַריין אין געדיכטען וועלדיל ניט ווייט פון דער רואינע און האָט זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ קוסט נאָהענט פון וועג. זיא האָט שוין ווי אַ פיעל מאָל געגעכטיגט אין דיעזען וועלדיל און האָט זיך בעשלאָסען דאָס מאָל אויך דאָרט איבערצושלאָפען, ווייל זיא האָט מורא געהאַט צו געהן שלאָפען אויף דער גאַלעריע פון איהר מוטער'ס וואָהנונג, וואוהין עס זיינען אַוועקגעגאַנגען, ווי זיא האָט גערעכענט, די ביידע באַנדיטען, אום אַוועקצופיהרען פון דאָרטען איהר מוטער. סיררא האָט אָבער אונטער'ן קוסט ניט געקאָנט איינשלאָפען, איהרע געדאַנקען זיינען געווען זעהר אונרוהיג וועגען סאַדי'ן, וועלכען דער באַנדיט לאַצאַרוס האָט זיך אָנגענומען צו טוידטען, און וועגען איהר מוטער.

עס איז שוין אַוועק אַ פּאָר שטונדען און סיררא האָט נאָך אַלץ ניט איינגעשלאָפען, ווארום אַ חוץ די אונרוהיגע געדאַנקען און גרויס זאָרג, איז נאָך יענע נאַכט געווען זעהר אַ קאַלטע און אַ פייכטע. מיט אַ מאָל זיינען דערגאַנגען צו איהרע אויערן דריי שטימען. סיררא האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהען אַ גרופּפּע פון דריי גוט בעקאַנטע מענשען: לאַצאַרוס, דער האַדשא און איהר אַלטע מוטער. קאַדידזע איז געגאַנגען גאָר פרעהליך און עס איז געווען צו זעהען, דאָס זיא ווייס ניט וואוהין מען פיהרט איהר.

— מיר וועלען איהר דאָרטען געוויס געפינען,—האָט זיא געזאָגט צו לאַצאַרוס'ן.

— און פון וואַנען ווייסט דו, דאָס אין יענער קאַסאַרקע געפינט זיך רעציע?

— פון וואַנען ווייס איך אַלעס, מיין זוהן? איז דען דאָ אַ זאַך וואָס איך ווייס ניט? אָבער ווארום געהען מיר מיט דיעזען וועג?

— ווייל מיט דיעזען וועג איז פיעל נעהנטער, — האָט לאַצאַרוס געענטפערט,— אַזוי, וועלען מיר זיך באַלד ווידער זעהען מיט דער שעהנער רעציע!...

קאַדידזע האָט פון קיין מעשה ניט געוואוסט און האָט זיך געלאָזט נאַרען און איז רוהיג געגאַנגען מיט איהרע פריינד אַזוי ווי איין אָכס געהט אין שלאַכטהויז. סיררא האָט רחמנות געהאַט אויף איהר מוטער, האָט אָבער מורא געהאַט אַ שטימע צו לאָזען הערען. זיא איז געבליבען ליגען אין דער שטיל ביז וואַנען די ביידע באַנדיטען האָבען זיך אומגעקעהרט פון „קאַדריש“, וואו זיי האָבען נאַטירליך געלאָזען קאַדידזע'ן ביי מאַנזור־עפענדי אין די הענד.

— יעצט געה איך ניט אַנדערש זעהען אַלמאַנזאָר'ס טאָכטער, — האָט לאַצאַרוס געזאָגט צו זיין קאַמעראַד.

ווי סיררא האָט דאָס דערהערט, איז זיא אויפגעשפּרונגען פון איהר געלעגער און האָט גענומען פון ווייטען זיי נאָכגעהן טריט ביי טריט. אין הונדערט קלאַפטער אַרום האָבען זיך די קאַמעראַדען געשיידט, דער איז אַוועק אין סקוטאַרי, און לאַצאַ־

רום צום באָספּאָר. סירראַ איז געגאַנגען נאָך דעם גריכע, וועלכער איז אין אַ שטונדע צייט געקומען צום בלומען־פּאַלאַץ און האָט זיך פֿון דאָרטען גענומען לינקס צו דער אייזענבאַהן, אום אויפצווזוכען די קאַסאַרקע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען רעציע, אויב די אַלטע קאַדידזע האָט נאָר קיין ליגען ניט געזאָגט.

לאַצאַרוס האָט אויסגעזוכט די קאַסאַרקע. ער איז צוגעגאַנגען צו איין פענס־טערל, האָט זיך איינגעקוקט, צום אנדערן, האָט אַ קוק געגעבען דורך'ן טיר, האָט אויסגעשמעקט אַלע ווינקלען און איז מיט אַ טרויעריגע מינע שנעל אוועק צוריק צום באָספּאָר: עס האָט איהם, וויא עס שיינט, פערדראָסען, וואָס ער האָט זיך אומזיסט בעמיהעט.

כמעט אין דער זעלבער מינוט איז ארויסגעגאַנגען דער קאַסאַרניק און האָט גענומען זוכען מיט די אויגען, ווער דאָ איז געווען. ער האָט קיינעם ניט בעמערקט און האָט שוין געוואָלט אריין צוריק, אָבער דאָ איז צוגעלאָפען סירראַ און האָט גע־בעטען, ער זאָל איהר ערלויבען ביי איהם איבערצונעכטיגען.

— איך פֿריער פֿון קעלט, — האָט זיא געזאָגט, — איך האָב מיך פּעראירט אויפ'ן וועג.

דיעזער וועכטער, אָדער סוויטשמען, איז געווען, וויא מיר ווייסען שוין, אַ גרויסער מענשען־פריינד, און סירראַ האָט איהם פיעל ניט בעדאַרפט בעטען. ער האָט איהר גלייך אריינגענומען צו זיך און אָנגעוויזען אויף איין אָבגעצאַמטען ווינקעל וואו זיא קאָן איבערנעכטיגען. סירראַ'ן איז ניט אזוי וויכטיג געווען די מעגליכקייט צו נעכטיגען אין אַ שטוב וויא די האָפנונג צו ערקונדיגען זיך וואָס עס איז איבער איהר פריינדין רעציע. זיא האָט זיך אין איהר האָפנונג ניט גענאַרט. וויא זיא איז אריין אין קעמערל האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען אַ קליין קינד. די מוטער פֿון דעם קינד האָט איהם גענומען איינשטילען און פּערוויגען, און מעהר וויא דאָס האָט סירראַ ניט בעדאַרפט. זיא האָט גלייך ערקענט רעציע'ס זילבער ריינע שטימע און האָט פֿון פריידע אויסגעשריען:

— אַ, גאָט! רעציע! מיין טהייערע רעציע! געלויבט איז גאָט, וואָס האָט מיך געפיהרט מיט דיעזען וועג!

רעציע האָט איהר אויך ערקענט און האָט זיך דערפרעהט ניט ווייניגער וויא זיא.

— מיין ליעבע סירראַ! מיין איינציגע פריינדין! — האָט זיא אַ געשריי געגע־בען, — וויא קומסט דו אהער?

וויא דער ווירטה האָט דערהערט דיעזע פריידען געשרייען, האָט ער אריינגע־טראָגען צו זיי פייער, אום זיי זאָלען ניט שפּרעכען אין דער פינסטער. די ביידע

פריינדינען זיינען געפאלען איינע דער אנדערער אויף'ן האלז, האָב'' געוויינט און געלאכט... עס פערשטעהט זיך, דאָס זיי האָבען שוין דיעזע נאכט גאָר ניט גערעכענט צו שלאָפען ; זיי זיינען אָבגעזעסען ביז טאָג, האָבען בעוואונדערט איינע דיא אנדערע, וואָס פיר צרות און שמערצען זיי זיינען איבערגעקומען פון דער מינוט אָן וויא זיי האָבען זיך געשיידט. סיררא האָט דערצעהלט אלעס וואָס מאנזור־עפענדי האָט מיט איהר אויפגעשפיעלט פריהער אין סאָפטי'ס הויז, און וויא ער האָט איהר נאָך דעם געוואָלט טוידטען דורך א בלבול, דאָס זיא האָט ערמאָרדעט האניפע'ן, וויא האסאן האָט איהר גערעטעט פון תליה. רעציע האָט נאטירליך אויך געהאט וואָס צו ער־צעהלען, און אזוי זיינען זיי ביידע אָבגעזעסען א גאנצע נאכט. רעציע האָט געוויזען סיררא'ן איהר קינד, וואָס האָט זיך אויפגעוואכט.

— עס זאָל נאָך פעהלען א האָר... סאדי ! — האָט זיך סיררא אָבגערופען, — יעצט האָסט דו א פריידע אין לעבען, און קימער דיך ניט, ער וועט צוריק קומען צו דיר... אלטע ליעבע ראָסטעט ניט. מעהר וויא מיט דיר וועט ער ניט זיין גליקליך... דיא פרינצעסין מעג זיך זיין וויא רייך, וועט זיא איהם קיין גליק ניט שאפען !...

— ער וויים אָבער ניט, וואו איך בין יעצט, — האָט רעציע מיט א זיפץ גע־זאָגט, — ער וויים נאָך גאָר פון דעם קינד ניט.

— יעצט וועט ער שוין אלעס וויסען, — האָט איהר סיררא בערוהיגט.

— דו מיינסט פיעלייכט צו געהן צו איהם, בעטען איהם אין מיין נאָמען, ער זאָל קומען צו מיר ? ניין, סיררא, איך פערלאנג דאָס ניט. איך וויל זיך ניט אָנשלאָגען צו איהם, און וויל בעסער לעבען איינזאם און ליידען... ניין, איך וויל זיך מיט געוואלט ניט אָנשלאָגען !...

— איך מיין דאָס גאָר ניט, — האָט סיררא געענטפערט, — ווארום ער איז גאָר ניט היער, ער האָט פעררייזט מיט איין אויפטראג פון דעם סולטאן אליין, וועל־כער האָט צו איהם א גרויסען צוטרויען.

— דאָס וויים איך אויך, — האָט רעציע געזאָגט, — בעסער וואָלט דאָס ניט געשעהען, וואָלט ער מיך ניט פערלאסען, דאָך ווינש איך איהם גליק... ער איז דאָך דער פאָטער פון מיין קינד. אָ, גאָט ! ערבארם דיך איבער מיר !

— זיי רוהיג, רעציע, איך זאָג דיר, ער וועט צוריק קומען צו דיר. זאָל ער זיך נאָר דערוויסען, דאָס דו לעבסט און ביזט איהם טריי געבליבען... דערווייל'ע זיי געזונד, מיר וועלען זיך נאָך זעהען. זיי נאָר פאָרזיכטיג, ווארום ביי נאכט האָט דאָ געטאנצט ארום דיא קאסארקע לאצארוס, אזוי וויא איך האָב דיר שוין פריהער דערצעהלט.

— אויף מאָרגען געגען אָבענד איז רעציע וויא געוועהנליך געקומען אונטער איהרע געליעבטע בוימער, וואו זיא פלעגט אָפט זיצען און עטוואָס ארבייטען. קוים

וואָס זיא האָט זיך דאָרטען אנידערגעזעצט, איז צו איהר צוגעלאָפען דער באנדיט לאצארוס, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף איהר עטליכע שטונדען. רעציע איז אויפגעציטערט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט, צו זיא זאָל לויפען אָדער זיא זאָל שרייען: געוואלט!

— ענדליך האָב איך דיך דאָך אויפגעזוכט, שיינע רעציע, — האָט זיך דער באנדיט מיט א שמייכעל אָבגערופען צו איהר, — אויף סאדי'ן האָסט דו שוין ניט וואָס צו ווארטען, ער איז אוועקגעפאָהרען און וועט שוין צוריק ניט קומען... אלזאָ, קלייב זיך אוים איינס פון דיא ביידע, אָדער גיעב דיך איבער צו מיר, און דו וועסט לעבען רוהיג אָדער דו ווילסט בעסער לעבען אין געפאהר און פורכט פאר דעם בעקאַנטען מאנזור־עפענדי.

רעציע האָט איהם א וואָרט ניט געענטפערט און געוואָלט ענטלויפען, אָבער ער האָט איהר אָנגעכאפט פיר דאָס קלייד. עס איז געוואָרען צווישען זיי א צאנקעריי, וועלכע האָט זיך געקאָנט שלעכט אויסלאָזען פיר רעציע'ן. צום גליק, איז אָנגעריטען פרינץ יוססוף. וויא ער האָט דערזעהען דיעזע סצענע, האָט ער אָנגעלאָדען זיין פיסטאָלעט און אויסגעשאָסען אין דעם גריכע. ער האָט איהם אָבער ניט גוט געטראָפען; דיא קויל האָט איהם נאָר אָבגעריסען א שטיק ארבעל. דער פרינץ האָט זיך ניט געפוילט א צווייטען מאָל אויסצושיסען, אָבער דאָס צווייטע מאָל האָט ער איהם שוין גאָר ניט געטראָפען. לאצארוס איז אנטלאָפען א לעבעדיגער.

— איך קען דיעזען מערדער, — האָט זיך אָבגערופען דער פרינץ צו רעציע'ן, נאָך דעם וויא זיא האָט איהם דערצעהלט, וואָס זיא האָט זיך אָנגעליטען פון איהם צייט זיא לעבט, — איך קען איהם, און זאָ לאנג ער לעבט, ביזט דו, ארמע רעציע, ניט זיכער, ער זאָל ווידער ניט קומען דיך בעליידיגען. אלזאָ, פערלאנג איך, דו זאָלסט מיטגעהן מיט מיר אין מיין פאלאץ. דאָרטען ביזט דו געזיכערט פון דיינע פיינדע... עס וועט דיר קיין זאך ניט פעהלען און דו וועסט זיין אויף אימער גליקליך!

— ניין, פרינץ, דאָס איז ניט מעגליך... איך מוז דיר ענטזאגען... איך דאנק דיר טויזענד מאָל וואָס דו האָסט מיך פון שאנדע געראַטעט; איך דאנק דיר פיר דיין גוט הערץ. אָבער איך קאָן ניט, איך האָב קיין רעכט ניט אָנצונעהמען דאָס, וואָס דו באָטסט מיר אָן. איך מוז געהן צוריק אין קאסארקע. וויא שלעכט עס איז מיר יעצט דאָרט צו בלייבען, מוז איך דאָס טהאָן און זיך פערלאָזען אויף גאָט. איך דאנק דיר נאָך א מאָל פיר דיין גוט הערץ. גאָט זאָל דיך בעלאָהנען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט! און איך... אדיע! מעהר זעהען מיר אונז ניט!

— ניין, האָט זיא געענטפערט, — און איז שנעל פון דאָרטען אוועקגעגאנגען.

— זאָג דאָס ניט, — האָט דער פּרינץ צו איהר א געשריי געגעבען, — איך וועל דיך נאָך בעגעגענען!

71.

אדמיראל שטראדפאָרט.

ליידי שטראדפאָרט, — געפּוצט וויא א פרוי אין האָכצייט־נאכט, אין א שנעע־ווייסעם זיידענעם קלייד מיט א לאנגע גאָלד געשטיקטע שלעפּפּע, מיט א פּרעכטיגע בלום אין בוזעם, — איז געזעסען אין איינעם פון איהרע שעהנסטע צימערן, וועלכער איז דיעזעם מאָל געווען נאָך פיעל שעהנער צוגעקליבען וויא געוועהנליך, און האָט געווארט אויף א גאסט, וואָס ער האָט פערשפּראָכען היינט אבענד צו קומען. דיעזער גאסט איז געווען דער פראנצויזישער געזאנדטער. עס איז איהר פּיעל ניט אויס־געקומען צו ווארטען, זיא האָט אויפגענומען דעם גאסט, וועלכער איז געווען כון געבורט א גראף, מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און דער גרעסטער עהרע. זיא האָט איהם הערצליך געדריקט דיא האנד, און ער האָט איהר האנד צוגעטראָגען צו דיא ליפּען און געגעבען א פייעריגען קוס.

— איך האָב אייך, ליידי שטראדפאָרט, געבראכט בילעטען אין צירק, — האָט ער מיט א שמייכעל צו איהר געזאָגט, — דיא בעסטע לאָזשע...

— איך דאנק, מיין הערר, איך וויים ניט מיט וואָס האָב איך פון אייך פערדיענט אזוי פּיעל אכטונג.

— איך דאנקע אייך ניט ווייניגער, וואס איהר זיינט אזוי אכטזאם צו מיר און בענוצט אין אייער טואלעטע גראד דיא בלומע וועלכע איך האָב אייך פּרעזענטירט... נו, מאדאם, וויא איז אייך געסטערן געפעלען דיא אָפּערא?

— איך וואר געסטערן ניט אין טהעאטער.....

— אזוי? זיי ווארען ניט אין טהעאטער? — שאדע! שאדע! — האָט דער גראף בעדויערט דיא ווירטהין, — וואס איז דיא אורזאכע דערפון? איך בעמערקע שוין פון עטליכע טעג, דאָס איהר זיינט עטוואס וויא פערקימערט, פערזאָרגט: איז ניט מעג־ליך, איהר זאָלט מיר פערטרויען אייער קומער? פיללייכט בין איך אימשטאנדע אייך צו העלפען? גלויבט מיר, מאדאם, איך בין פערטיג צו טהאָן פיר אייך אלעס אין דער וועלט!...... איך בין אייך פערטיג צו דיענען מיט אלע מיינע קרעפטען......

— געוויס זיינט איהר אים שטאנדע מיר צו העלפען, — האָט זיא מיט א פערדריסליכע מינע געאנטוואָרטעט, — דער אומגליק איז אבער, וואס איהר ווילט ניט.... איהר גיעבט מיר נאָר פערשפּרעכונגען און ביי דעם בלייבט איהר....

— איך פערשטעה ניט פון וואס איהר רעדט, — האָט בעמערקט פערוואונדערט דער פראנצויזישער געזאנדטער.

— און אייער ניט פערשטעהן מיך איז אויך מעהר ניט ווייל איהר ווילט מיך ניט פערשטעהען. איך האָב אייך שוין וויא פעל מאָל געזאָגט מיין וואונש צו בעקומען א קאָפּיע פון דעם פּאפּיער נומער 713, וואס איז פון פּאריזער מיניסטער אָנגעקומען צום ענגלישען. איהר האָט מיר שוין לאנג פערשפּראָכען צו טאָהן דיעזע געפעליגקייט, אָבער איהר ליגט מיר אלעס אָפּ פון איינער צייט אויף דיא אנדערע.... איך קען אייך ניט פאָרשטעלען וויא דאס קרענקט מיך.... מיין עהרע ליידעט דערפון זעהר שטארק... איך האָב דאָס נאָך אין קאָנסטאנטינאָפּאָל פערשפּראָכען דעם גרויס-וויזיר, און ניט אומזיסט; ער האָט מיר דערפאר געמאכט א וויכטיגע פּאָליטישע מיטטהיילונג, וועלכע בעלאנגט דיא רעגיערונגען פון פראנקרייך און פון ענגלאנד. איך האָב דיעזע מיטטהיילונג גלייך איבערגעגעבען וויא דעם ענגלישען אזוי דעם פראנצויזישען מיניסטער. אלזאָ, ווען מיין עהרע און מיינע רוהע איז אייך טהייער, מיין הערר, טהוט מיר דיא געפעליגקייט און גיעבט מיר ארויס דיא קאָפּיע פון יענעם פּאפּיער.

זיא האָט נאָך גערעדט און גערעט און איז אזוי לאנג צוגעשטאנען, ביז דער געזאנדטער האָט איהר געמוזט ענטדעקען דיא ריינע וואהרהייט און אויף אימער ענטזאגען.

— אלעס וואס איהר פערלאנגט, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — אָבער דאס ניט; איך מוז בלייבען טריי מיינעם דיענסטע און מיינער רעגיערונג...... ניין, ניט פיר קיין געלד.... אלע הארעמען פון טירקיי וועלען מיך ניט ברייננגען צו דעם!... איך בין ניט קיין טירקישער גרויס-וויזיר, וואס האָט זיך געלאָזט איבעררעדען ווער וויים פיר וואס, פיר וועלכען פּרייז.... ניין, איך טהו דאס ניט!

ליידי שטראדפאָרט האָט זיך געפיהלט זעהר בעליידיגט מיט דיעזעם ענטזאגען און נאָך מעהר מיט דעם „אָנצוהערען“, וואס דער געזאנדטער האָט איהר געגעבען מיט דיא ווערטער: „ווער וויים פיר וועלכען פּרייז“.— עס האָט איהר זעהר פערדראָסען און זיא האָט מעהר איהם ניט געוואָלט האָבען ביי זיך אין צימער. אום וואָס גיכער פון איהם פּטור צו ווערען, האָט זיא קיין אנדער מיטעל ניט געפונדען וויא מיט אמאָל צו מאכען זיך קראנק. זיא האָט פּלוצלונג א געשריי געטהאָן: „עס איז מיר שלעכט, עס דריקט מיר אונטער'ן הערצען“. אויף איהר געשריי איז ארייננגעלאָפען דיא קאמערמערכען און האָט איהר גענומען אויסטהאָן איהרע פּאראדנע קליידער און אָבשנורעווען. דעם פראנצויזישען געזאנדטען איז געוואָרען זעהר אונאנגענעהם.... ער איז דאָרטען מעהר א מינוט נאָך דעם ניט פערבליבען און האָט וואס צום גיכסטען גענומען פון דער וויר־טהין א קאלטען אָבשיעד און געוואונשען זיא זאָל באלד ווידער געזונד ווערען.

ליידי שטראדפאָרט האָט אָבער ניט געוואָלט געזונד ווערען גלייך נאָך זיין אוועקגייהן. עס האָט איהר ניט געפּאסט, איהרע דיענער און הויז-לייטע זאָלען מערקען דאס

איהר קראנקהייט איז מעהר ניט וויא איין אָנשטעל, דעראיבער האָט זיא זיך בעשלאָסען אויסצושפּיעלען איהר ראָלע ביז ענדע. זיא האָט זיך געלאָזען איבערטראָגען אין שלאָף־צימער, האָט געשיקט נאָך א דאָקטאָר, וואס האָט איהר נאַטירליך פערשריעבען א רעצעפּט. אזוי איז זיא געוועזען קראנק א גאנצע נאכט.

— עס וועט איהם טהייערער קאָסטען, — איז געוועזען אויף מאָרגען איהר ערשטער געדאנקען, — און זאָל ער ניט מיינען, דאס מיט איהם ענדעט זיך שוין דיא וועלט.... איך וועל אויסקומען אָהן איהם; איך האָב נאָך אנדערע וועגען, וויא דיא קאָפּיע צו בעקומען.

זיא האָט זיך אויסגעפּוצט אין דיא בריליאנטען, וואס דער הערצאָג נאָרפאָלק האָט איהר געגעבען א פּרעזענט און איז אוועקגעפאָהרען צום הערצאָג אין פּאלאַץ. וויא מען האָט דעם הערצאָג געמעלדעט פון איהר קומען, איז ער מיט א פריינדליכע מינע ארויס צו איהר ענטגעגען און האָט געזאָגט:

— עס פרייט מיך זעהר, וואס איך זעהע אייך אין א געזונדען צושטאנד. ווארום איך האָב געהערט פון דעם פראנצויזישען געזאנדטען, אז איהר זיינט געסטערן געוועזען אונוואָהל.

געסטערן וואר איך ווירקליך אונוואָהל, — האָט זיא געאנטוואָרטעט, — אָבער היינט בין איך, גאָט זיי דאנק, ווידער געזונד. אָבער דאָך וואלט איך ליעבער נאָך היינט פערבליעבען צו הויזע, ווען איך האָב ניט צו אייך א וויכטיגע ביטע, וואס איך בין זיכער דאס איהר וועט מיר ניט ענטזאגען, ווייל איהר זיינט מיר איין וואהרער פריינד!

—און איהר האָט קיין טעות ניט, ווארום איך בין אייך ווירקליך א וואהרער פריינד.... עס פרייט מיך, דאס איהר גיעבט מיר דיא מעגליכקייט אייך צו דיענען און נוטצליך צו זיין. אלזאָ, מאדאם, אין וואס בעשטעהט אייער ביטע, וואס פערלאנגט איהר?

— איהר ווייסט גאנץ גוט, ליעבער הערצאָג, דיא נוטצען וואס איך האָב געבראכט אונזערע רעגיערונג דורך מיינע בעקאנטשאפט מיט דעם גרויס וויזיר, אין דיער צייט וואס איך בין געוועזען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. איך האָב מיך פון איהם ערקונדיגט פיעל וויכטיגע פּאָליטישע געהיימניסע וועלכע איך האָב גלייך מיטגעטהיילט אונזער מיניסטער. עס פערשטעהט זיך, דאס איך מוז דעם גרויס־וויזיר אָבטהאָן א טובה פון דער זעלבען ארט. ער האָט דאס גאנץ עהרליך פערדיענט, און איך האָב איהם דאס פערשפּראָכען פאר מיין אבפאָהרען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. יעצט האָט זיך געמאכט א פאל, וואס איך קען מיך מיט איהם קוויטירען. ער האָט מיר נעמליך דיא טעג געשריעבען, איך זאָל איהם ארויסשיקען א קאָפּיע פון דעם פּאפּיער נומער

713, וואס דער פראנצויזישער מיניסטער האָט ניט לאנג צוגעשיקט אהער צום ענג־לישען. איך האָף אויף אייערע פריינדשאפט דאס איהר וועט מיר ניט ענטזאגען דיזע געפעליגקייט. אייך איז נאטירליך זעהר לייכט צו בעקומען דיא קאָפּיע, וועלכע עס איז מיר אזוי נייטהיג, דער גרויס־וויזיר זאָל מיך ניט האלטען פיר א ליגנערין, און איך זאָל ביי איהם אויף ווייטער ניט פערלירען דעם גאנצען קרעדיט....

— ניין, מיין פריינדין, איך קען דאָס אייך ניט טאָהן, — האָט ער געאנטוואָר־טעט, — דאס איז א גרויסער פּאָליטישער פערברעכען ארויס צו געבען א געהיימניס פון דער רעגיערונג..... ניין! פערלאנגט פון מיר, וואס איהר ווילט, בעט מיין שלאָס, גיעב איך אייך איהם אָב, אָבער ניט דאס. איך האָב אויף אייך זאָגאר פערדרוס וואס איהר פערלאנגט דאס גאָר.....

— וויא איך זעה, פערשטעהען שוין דיא טירקען פיעל בעסער וואס פריינדשאפט איז וויא דיא אייראָפּעער... וויא נאָר איך בין בעפריינדעט געוואָרען מיט'ן גרויס־וויזיר האָט ער שוין פאר מיר קיינע געהיימניסע ניט געהאט און פלעגט מיר געבען קאָפּיען פון דעם וויכטיגסטען פאפּיערען....

— פערגלייכט ניט, מיינע פריינדין, אונזערען א מיניסטער צו דעם טירקישען גרויס־וויזיר, — הא איהר געאנטוואָרטעט דער הערצאָג, — אונזער מיניסטער איז ערעל פון געבורט, ערצויגען, געבילדעט, און האָט בעקומען זיין ראנג דורך אייגענע פערדיענסט מיט עהרליכע מיטעל. ווער איז אבער כמעט אלע מאָל א גרויס וויזיר? א שווינדלער, א באנדיט, וואס האָט זיך דורך פאלשהייט און ליגען דער דיענט צו זיין הויכע שטעלע. נו, וואס פיר גוטעס קען מען פון אזעלכען ערווארטען?

— ווען אזוי, מיין פריינד, האָב איך מעהר ניט וואס מיט אייך צו שפּרעכען.... ערלויבט מיר צו נעהמען פון אייך אבשיעד. אדיע!

דער הערצאָג האָט איהר געבעטען זיא זאָל נאָך פערבלייבען, אָבער זיא האָט איהם פון כעס גאָר ניט געאנטוואָרטעט און איז גלייך פון איהם ארויסגעגאנגען.

עס האָט איהר שרעקליך געקרענקט וואס זיא קען ניט ערפילען צארא־בעי'ס פער־לאנגען. ער איז געוועזען דער ערשטער אין וועלכען זיא האָט זיך אין אמת פערליעבט— און איהם איז זיא ניט אים שטאנדע צו טהאָן דיזע קליינע געפעליגקייט! זיא האָט אָבער נאָך ניט פערלאָרען אין גאנצען דיא האָפנונג.

„איך האָב אויף מיינעם לעבען פיעל שווערערע זאכען אויסגעפיהרט, האָט זיא זיך געדאכט, געוויס וועל איך דאס אויך אויספיהרען, או;ן ווען ניט אויף דיעזעם וועג, אויף איינעם אנדערען, ווען ניט דורכ'ן הערצאָג, וועל איך דאס דורך איין אנדערען אויספיהרען".

מיט דיעזען געדאנקען האָט זיא זיך געטרייסט פאָהרענדיג צוריק אהיים. זיא האָט

ניט געוואוסט, דאס אין דער היים ווארטעט אויף איהר א נייע קרענקונג, וועלכע איז פיר איהר פיעל טרויעריגער און שלימער וויא דיא וואס זיא האָט אָט־ערשט געליטען; זיא האָט ניט געוואוסט דאס אין דער צייט וואס זיא איז געוועזען ביי דעם הערצאָג, איז צו איהר געקומען צו גאסט איהר ארויסגעטריבענער מאן, א־מיראל שטראדפאָרט.

דיעזער מאן, וואָס האָט נאָך געטראָגען דעם טיטעל אדמיראל, איז שוין אין אמת לאנג ארויסגעטריבען געוועזען פון דיענסט. ער איז געוואָרען א טרינקער, א קאָרטען־שפּיעלער; האָט אויסגעבראכט זיין גאנצען פערמעגען און נאָך זעהר פיעל פרעמדע געלד, איז געוואָרען אויסגעלאסען אן האָט זיך פעראייניגט מיט דיא גרעסטע און געפעהרליכסטע אויסוואורפען און באנדיטען אין דער וועלט. גנבים, מערדער זיינען געוואָרען זיינע פריינדע, מיט וועלכען ער פלעגט בעזוכען אלע שענדליכסטע ערטער, אלע עפענטליכע הייזער פון לאָנדאָן. אָפט פלעגט ער פערפאלען ווערן וואוהין עס איז, און אין אזעלכע צייטען האָט ליידי שטראדפאָרט געקענט רוהיג לעבען. ניט לאנג איז ער געקומען פון אָסט־אינדיען, וואוהין ער איז געפאָהרען מיט א באנדע רויבער און פּיראטען. ער האָט אויסגעזעהען ווילד און עס איז שרעקליך געוועזען א בליק צו טאָהן אויף זיין געשוואָלענעס, אָנגעבלאָזענעס, רויטהעס געזיכט. ער איז געקומען אין ליידי שטראדטפאָרד'ס פּאלאץ אזוי וויא צו זיך אהיים, האָט זיך ארייינגעקליבען אין דאָס בעסטע צימער און האָט זיך פערשאפט מיט אלע דיענער אזוי וויא ער וואָלט געוועזען אין אמת זייער הערר און פּרינציפּאל.

ליידי שטראדפאָרט האָט זיך פון איהר שמחה דערוואוסט נאָך בעפאָר זיא איז אריין אין הויז; דער גאסט איז געשטאנען לעבען פענסטער וואָס זיא איז פערבייגעפאָהרען און האָט איהר געגעבען א גרוס. עס איז איהר פון דיעזעם גערוס פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען און זיא האָט קוים געהאט קרעפטען ארויפצוגעהן אויף דיא טרעפּ. אין טיהר האָט ער איהר בעגעגענט מיט א פערשיכורטען געלעכטער.

— דאָ בין איך ווידער היער! — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — איך בין ניט קיין פערפאלענער מענש, וויא דוא פלעגסט מיך אימער רופען.... דאָס גראָדע שמעקט דיר גאָר ניט.... אָ! איך וויים, דוא נעטהיגסט דיך ניט אין מיר... עס זיינען דאָ גענוג אנדערע....

— אָבער וואָס ביזט דוא געקומען אהער? — האָט זיא מיט כעס ביי איהם געפרעגט, וויא זיא האָט זיך נור צוגעזעצט, — דוא האָסט גאר ביי מיר ניט וואָס צו מאכען.... האָסט דוא דען פערגעסען וואָס דוא האָסט אונטערשריבען ביים נאָטאַריוס,דאָס דיין געביין וועט קיין מאָהל אין מיין הויז ניט אריינקומען? האָסט דו דען ניט בעקומען פון מיר צעהן טויזענד פונט שטערלינג?

— פון דיא געלד איז שוין יעצט קיין פעניג ניט דאָ, — האָט ער געאַנטוואָר־

טעט,— און איך האָב יעצט חרטה.... איך פּראָטעסטיר.... איך בין דאַמאָלס געווען שיכור און האָב ניט געוואוסט, וואָס איך שרייב..... דערצו האָב איך מיך זעהר גענייטהיגט אין געלד....

— וויא איך זעהע, איז דיר ווענינ וואָס איך האָב דיר שוין געגעבען, דוא ברויכסט וויטער געלד,דוא בעקומסט אָבער מעהר פון מיר ניט א גראָשען! גענוג! און ארויס פון מיין הויז! אויב דוא ווילסט ניט מיט גוטען, וועסט דוא ארויס מיט בייזען.

— הער סארא, — האָט ער אויסגעשריען און א קלאַפּ געגעבען אין טיש, — דוא מיינסט איך וויים ניט וואָס דוא טרייבסט מיך פון דאנען? דוא ווילסט ניט איך זאָל דיר שטערען אין דיין ליעבע צו דעם טערקישען אָפיצירל.... זיי אָבער וויסען, דאָס איך וועל מיך מיט איהם אָברעכענען... ער וועט דאָס מיר בעצאָהלען מיט זיין לעבען!...

סארא האָט געוואוסט מיט וועמען זיא האָט א געשעפט; זיא האָט געוואוסט דאָס איהר ליעבער אדמיראל איז פעהיג און בערייט אויף אַלעס אין דער וועלט, און זיא האָט זיך שטארק דערשראָקען, ער זאָל איהר געליעבטען צארא־בעי ניט ערמאָרדען. אויסער דעם, האָט זיא ניט געוואָלט, ער זאָל מיט איהר נייער ליעבע ניט אויף מאַכען דיא שטאָדט. זיא איז שוין אזוי אויך גענוג בערעדט..... זיא האָט זיך דערריבער בעשלאָסען דערוויילע אים איינצונעהמען און האָט איהם צו דיעזעס ציעל געלאדען צו מיטאָג. ער האָט זיך נאטירליך פיעל ניט געלאָזט בעטען און איז צושפּארט געוואָרען עסענד און טרינקענד וויא א וואהרער זולל וסובא. נאָך מעהר, ער האָט זיך געפיהלט אזוי גוט, דאָס ער האָט גערעכענט זיין פּרוי איז מיט איהם ווידער גוט פריינד געוואָרען, און ער האָט איהר ערצעהלט אלעס, וואָס האָט זיך מיט איהם פּאסירט פון דער צייט אָן וואָס זיי האָבען זיך געשיידט, אלע זיינע שמערצען און צרות, איבערהויפּט פון דיא בעלי חובות וואָס לאָזען איהם ניט לעבען. דער באנקירבערינג מאָהנט פון איהם צוויי טויזענד פונט שטערלינג, און וויל איהם ניט אנדערש ארעסטירען, ווען ער צאָהלט איהם ניט איין. זיא האָט איהם געלאָזען רעדען און האָט איהם רוהיג אויסגעהערט, וויא א קלאָהרער הערט אָפּט אויס דיא פּלוידעריי פון א משוגענעם.... דאָס האָט איהם אונטערגעגעבען מוטה, און ער האָט איהר געבעטען אזוי וויא זיא איז בעפריינדעט מיט'ן הערצאָג נאָרפּאָלק, זיא זאָל אויסווירקען פיר איהם א גוטע שטעלע, אין באנק אָדער ירגענדס אין א קאסע.....

וויא ער האָט זיך אזוי געפּלוידערט, איז סארא'ן איינגעפאלען צו פּרופען אויספיהרען איהר וואונש צו בעקומען דיא קאָפּיע נומער 713 דורך איהם. א מענש ווי ער, וואָס האָט שוין פערלאָרען יעדעם עהרענגעפיהל, וואָס שעהמט זיך מיט קיין זאך ניט, קאָן אין אזעלכע אומשטענדען נוטציגער זיין, וויא איין עהרליכער מאן מיט א גע־

זונדטען פערשטאנד און א ריינען געוויסען. „יא! מען דארף זיך פרופען פערשאפען מיט דיעזעם באנדיט" האָט זיא בעשלאָסען און גלייך גענומען מאכען א פלאן, וויא זיא זאָל אָנפאנגען צו ווירקען.

.72

בעגראָבענער אוצר.

קאדידזע איז שוין עטליכע טעג פערשפארט אין טהורם פון „קאדריש". דער טויב־שטומער וועכטער, וועלכען מיר קענען שוין פון פריהער, גיעבט אויף איהר גוט אכטונג. אין אָנפאנג האָט זיא געליארמט, געשריען, געריסען דיא האָאר פון קאָפ און אלעם געפרעגט, פיר וואָס מען האָט איהר ארעסטירט. ביסלעכווייז איז זיא שטילער געוואָרען און האָט זיך צוגעוואָהנט צו איהר קעמעריל ווי א געפאנגענעם ווילדעם טיהר ווערט צוגעוואָהנט צום שטייג. דאמאָלס איז א מאָל אריין צו איהר אין קעמעריל מאנזור־עפענדי. וויא זיא האָט איהם דערזעהן, איז זיא געפאלען אויף דיא קניע און האָט איהם געבעטען ער זאָל זיך אויף איהר ערבארמען.

— איך זיטץ שוין דאָ עטליכע טעג און איך וויים ניט פיר וואָס און פיר ווען. בעפעהלט מען זאָל מיך פריי לאָזען.

— דו זיצסט דאָ ניט ארעסטירט פיר איין פערברעכען—האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — נאָר צוליעב דעם, וואָס איך דארף דיך נייטיג האָבען, אום אויסצופיהרען א וויכטיגע זאך.... איך מוז דיך האלטען פערטיג איבער דיא צייט וואָס איך וועל דיך ברויכען. דערנאָך וועסט דוא בעפרייט ווערען.

— אויב אזוי, קאָנט איהר מיך שוין בעפרייען, ווארום איהר ווייסט דאָך, דאָס איך בין אזוי אויך אייך אימער פערטיג און בערייט צו דיענען.

— זאָג מיר, — האָט ער איהר איבערגעהאקט דיא רייד, — דוא האָסט געקענט דעם אלטען אלמאנזאר?

— אָה, יא, מיין הערר! איך האָב איהם גוט געקענט.

— ווייסט דוא פון דעם בעגראָבענעם אוצר?

קאדידזע האָט אויסגעשטעלט א פאָאר גרויסע אויגען. זיא האָט אימער געגלויבט, דאָס מעהר וויא זיא אליין וויים ניט פון דעם אוצר, און יעצט לאָזט זיך אוים, דאָס מאנזור עפענדי וויים אויך פון דעם אוצר, און ער וויים נאָך דערצו דאָס זיא, קאדידזע, וויים פון איהם. זיא האָט זיך נאטירליך זעהר געוואונדערט, ווארום עס איז איהר דאמאָלס גאָר פון זינען ארוים, דאָס זיא האָט דאָס אליין אויסגעפלוידערט פאר דעם האדשא, וואָס האָט איהר איינגעשיכורט.

— איך האָב געהערט פון אלמאנזארס מונד אליין, דאָס די באליפען האָבען בעגראָבען אונטער די פיראמידען א גרויסען אוצר.

— און קיינער האָט נאָך ביז אהער דיעזען אוצר ניט גערוהרט? — האָט מאנ־זור־עפענדי ווייטער געפרעגט.

— ניין, — האָט זיא געאנטוואָרטעט, — און וויא ווייט איך וויים, וועט ער נאָך דאָרטען בלייבען א לאנגע צייט.

—האָסט דוא איהם ווען געזוכט? ווייסט דוא אונטער וועלכע פיראמידע ער ליעגט?

— איך וויים און איך בין אייך פערטיג צו דיענען אין דיעזער זאכע מיט לייב און לעבען.

— אלזאָ, וועלכע פיראמידע איז דאָס?

— דאָס איז דיא פיראמידע אין דער וויסטעניי על־טעה, — האָט זיא געאנט־וואָרטעט. — איך בין אהין געקומען מיט מיין מאן, וועלכער האָט מיר געהאָלפען אָפצוקייקלען דעם שטיין פון לאָך.

— און ווער איז דיין מאן?

— ער איז שוין געשטאָרבען.

— אלזאָ, מאָרגען ביי נאכט רייזען מירביידע אהין, — האָט ער געזאָגט צו איהר,

— ווארום אלע יורשים זיינען שוין אויסגעשטאָרבען און נאָך דעם געזעץ געהערט דער אוצר צו אונזער מאָשעע (מעטשעט.)

— דאָס איז אפילו ניט גאָר געוויס, — האָט אויף דעם בעמערקט קאדידזע, מען וויים נאָך ניט דעם סוף פון אלמאנזאר'ס טאָכטער רעציע, עס קען זיין דאָס זיא לעבט אירגענד וואו.

— איין מאָהל ווייסען מיר ניט וואו זיא איז, איז גלייך וויא זיא וואָלט גע־שטאָרבען

מאנזור־עפענדי איז אוועק זעהר פרעהליך און צופריעדען. קאדידזע איז געבליע־בען אין איהר לאָך שרעקליך פערטרויערט און פערקלעהמט. עס האָט נאָך א האָאר ביי איהר דאָס הארץ ניט געפלאצט. צייט לעבען כמעט האָט זיא זיך בעמיהט צוליעב דעם אוצר; זיא האָט צוליעב איהם פיעל בעזעס געטאָהן דעם אלטען אלמאנ־זאר און זיין גאנצע פאמיליע, האָט פיעל געזינדיגט צו גאָט און צו לייטען, און מיט א מאָהל איז אלץ דינג אומזיסט, דער אוצר וועט אָנקומען צו איין אנדערן און זי וועט אפילו א לעק ניט האָבען! זיא האָט געריסען אויף זיך דיא האָאר, וואָס דער טייפעל האָט איהר געצויגען פירן צונג אויסצופלוידערן דען סעקרעט פאר דעם האדשא. וואָס אָבער געטאָהן, איז אָבגעטאָהן; עס איז שוין יעצט אונמעגליך געוועזן צו פעררייכטען דעם פעהלער און זיא האָט זיך בעשלאָסען צו מאכען א גוטע מינע און מיט גוטע בייד, אם וועניגסטען אויסבעטען ביי מאנזור־עפענדי, וויא פיעל עס איז פיר איהר

מיהע. ער זאָל איהר גאָר ניט געבען, אזוי שלעכט וועט ער דאָך ניט זיין. אויב אין גאַנצען אין שוין אונמעגליך, מוז מען אם ווענינגסטען זעהן צו געניסען וויא פיעל עס איז.

אויף מאָרגען איז געקומען צו קאַדידזע'ן אין קעמעריל לאַצאַרוס און האָט איהר אין מאַנזורס נאָמען גערופען מיט זיך. זיא האָט אין אָנפאַנג ניט געוואָלט געהן, וויל זיא האָט מורא געהאט, צו נאַרט ער איהר ווידער ניט אָפּ; אָבער ער האָט איהר גע־שוואָרען ביי גאָט, דאָס אין סקוטארי וועט ער איהר אריינזעצען אין א דאַמפּף שיף, אויף וועלכער עס ווארטען שוין מאַנזור־עפענדי און עטליכע דערווישען, אום צוזאַמען מיט איהר צו פאָהרען נאָך עגיפּטען צו דיא פּיראַמידען.

גייהענדיג האָט קאדידזע געפרעגט ביי איהר בעגלייטער, צו וויס ער אָפּט ניט וואָס עס איז געוואָרען פון רעציע'ן, צו זיא לעבט, צו ניין?

— זיא לעבט נאָך, — האָט ער געאַנטוואָרטעט, — זיא האלט זיך אויף דאָ ניט ווייט אין א קאסארקע; איך האָב איהר ניט לאנג געזעהן. איהר לעבען אָבער איז פּיעל שלימער וויא דער טוידט, אזוי עלענד און אזוי ארם איז זיא. איך פערגינע איהר יעצט ניט דעם טוידט... זאָל זיא בעסער לעבען און ליידען... און וואָס קען זי אונז יעצט טאָהן מיט איהרעם לעבען? איך ווינשע נאָר דעם טוידט פון איהר געליעבטען, פון סאדי'ן, וואָס שטעהט מיר אימער אין וועג. איך שווערע דיר ביים באָרד פון אונ־זער פּראָפעט, דאָס וויא נור ער קומט צו פאָהרען פון זיינער רייזע, וועל איך מאַכען מיט איהם אן ענדע..... איך האָב שוין גענוג פון איהם געליטען!.....

אין א שטונדע ארום איז שוין קאדידזע געוועזען אויפ'ן שיף. וויא אלע פּאַסאַזשי־רען האָבען זיך געזעצט אויף דיא ערטער, האָט זיא זיך מיט א רחמנות־דיגע צורי צו־גערוקט צו מאַנזור עפענדי.

— דוא האָסט וואָס צו זאָגען? — האָט ער ביי איהר געפרעגט.

— איין וואָרט נאָר, — האָט זיא געאַנטוואָרטעט, — איהר צווינגט מיך, איך זאָל אייך צייגען־דען אָרט וואו עס איז בעגראָבען דער אוצר. רעכט! איך בין אָבער אלמאַנ־זאָר'ס א קרובה, זאָל זיין א ווייטע, אָבער דאָך א קרובה..... דערצו האָב איך מיך ער־קונדיגט, וויא מען קומט צו איהם צו, און יעצט פערלאַנגט איהר, איך זאָל מיך אין גאַנצען ענטזאגען פון מיין זכות, און איהר רעכענט מיך אוועקצולאָזען מיט ליידיגע טאַשען? איז דאָס ניט פּיעל פערלאַנגט, גנעדיגער הערר!?

— גענוג! — האָט ער איהר איבערגעהאקט דיא רייד, — איך פערשטעה שוין, וואָס דו ווילסט... דו האָסט אָבער א גרויסען טעות... דו וועסט א גראָשען ניט בעקומען. דאָס איז ניט קיין געוועהנליכער אוצר, וואָס דער וואָס געפינט איהם און מעלדעט דער רעגיערונג בעקומט פון איהם א טהייל. ניין! דיעזער אוצר איז

געבליעבען פון דיא אמאָליגע כאליפען און אזוי וויא פון זייערע יורשים איז קיינער ניט דאָ, געהערט ער נאָר צו אונזער הייליגע רעליגיאָן און קיינער האָט קיין רעכט א האָר פון איהם צו געניסען... דו זאָגסט, דו ביזט א קרובה. קאָנסט דו דאָס אויפוויזען? אלזאָ, איז דאָך דאָס מעהר ניט וויא גערעדט. און וואָס דו בעמיהסט דיך, ביזט דו דאָס מחויב צו טהאָן, אזוי גוט וויא אלע פרומע מאחמעדאנער זיינען מחויב אונז צו העלפען אין דיעזער הייליגער זאך...

מאנזור־עפענדי׳ס אנטוואָרט האָט אין גאנצען פערפינסטערט קאדידזע׳ס געמיטה. זיא איז געבליעבען זיטצען אזוי וויא פאראליזירט. עס איז איהר דיא גאנצע צייט פון דער רייזע אין זינען ניט געלעגען צו טרינקען און צו עסען. א טרויעריגע, א פערקימערטע איז זיא אָנגעקומען אין דאמיעטא. פון דאָרטען האָבען זיי שוין, וויא געוועהנליך, געמאכט דיא רייזע אויף קעמלען און אייזלען. מען האָט קאדידזע׳ן ארויפגעזעטצט אויף איין עזעל און איבערגעגעבען צו לאצארוס׳ן ער זאָל איהר שטרענג היטען וויא מען היט א געפעהרליכען ארעסטאנט. צעהן אראבער מיט גע־וועהר זיינען מיטגעגאנגען, אום צו שיטצען דיא רייזענדע פון רויבער און פון ווילדע טהירען.

דיא רייזע דורך דיא וויסטעניי איז פאָרגעקומען זעהר רוהיג, פריעדליך, אָהן דאָס מינדעסטע אונגליק, ביז וואנען דיא גאנצע פארטיע איז געקומען אויף׳ן וועג וואָס געהט צו דער פיראמידע פון על־טעה. וויא דיא אראבער האָבען דערהערט וואוהין זיי געהען, האָט זיי אָנגעפאנגען צו ציטערן הענד און פיס און האָבען בשום אופן ניט געוואָלט געהן ווייטער א טריט.

דיא אורזאכע איז געווען, ווייל יענע פיראמידע האָט געהאט צווישען דיא ארומיגע אראבער זעהר א שלעכטען בערוף. עס זיינען געגאנגען נעמליך אזעלכע הד־גדיא׳ס, דאָס פון דיעזער פיראמידע הערט מען אָפט ווילדע קולות, נעמען פון מענשען וואָס דארפען באלד שטארבען, דאָס א מאָל ווערט דאָרטען געקלונגען און געשפיעלט אזוי הויך און אזוי געוואלטיג, דאָס עס איז פערטויבט צו ווערען. קוים וואָס מאנזור־עפענדי האָט זיי געקאָנט איבעררייידען. ער האָט זיך אויסגעלאכט פון דיעזע פלוידעריי, און דאָס האָט זיי אונטערגעגעבען מוטה ווייטער צו געהן. עס האָט אָבער לאנג ניט געהאלטען. וואָס נעהנטער זיי זיינען געקומען צו דער שרעק־ליכער פיראמידע, האָבען זיי זיך אלץ מעהר געשראָקען, און וויא זיי זיינען שוין געווען ניט ווייטער פון איהר וויא א וואָרסט, האָבען זיי זיך אין דער שטיל אָבגע־גנב׳עט און האָבען אפילו קיין געצאָהלט ניט געבעטען פיר זייער מיהע.

מאנזור־עפענדי האָט א טהייל פון זיינע דערווישען מיט דיא קעמלען געלאָזען וואָרטען אין א טהאָל, און ער מיט קאדידזע׳ן, לאצארוס׳ן און עטליכע דערווישען,

אין וועלכע ער איז געוועזן מעהר איינגעטרויעט, האָבען געפיהרט דעם וועג ווייטער. אנדערע קעמלען זיינען געוועזן בעלאַדען מיט שפייז, אנדערע מיט קונציגע געצייג: העק, האמערן, צוואנגען, מיט וועלכע מען קען ברעכען מויערן, שפּאַלטען שטיינער, גריבער גראָבען און דאָס גלייכען. אויף יעדען פון דיא איבעריגע קעמלען איז נאָר געלעגען צו האַלבע דוצענד זעק, איינצופּאַקען אין זיי דאָס געלד וואָס מען וועט אויפזוכען.

געגען אבענד זיינען זיי געקומען צום ציעל פון זעייר רייזע, דאָס הייסט, צו דער פּיראמידע, זיי האָבען זיך אויסגערוהט, און גאָט געבעטען, און נאָך דעם האָט מאנזור־עפענדי געהייסען קאַדידזע׳ן, זיא זאָל ווייזען וואו מען קאָן עפענען דיא פּיראמידע אום אהין אריינצוגעהן. זיא האָט אָנגעפאנגען צו זוכען פון איין זייט, פון דער אנדערער זייט, האָט זיך אָבגעדרעהט דעם קאָפּ זוכענדיג און האָט דעם אָרט ניט געפונען. צו זיא האָט אין אמת פערגעסען, ווייל עס איז שוין אוועק א לאַנגע צייט וויא זיא איז דאָרטען געוועזן, אָדער זיא האָט זיך נאָר געמאכט אזוי וויא זיא ווייס ניט, איז שווער געוועזן צו פערשטעהען. מאנזור־עפענדי האָט איהר נאַטירליך חושד געוועזן דאָס זיא טהוט דאָס בכיון, און ער איז געוואָרען העכסט אויפגעבראכט און האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ יעצט מאכען. ענדליך האָט איהר בעגלייטער וואָס האָט אויף איהר אכטונג געגעבען אויך אָנגעפאנגען צו זוכען און אין א פּאָר שטונדען ארום האָט ער בעמערקט דאָס אין דרום זייט פון דער פּיראמידע איז איין שטיין עטוואָס ניט גלייך צו דיא איבעריגע. „געוויס איז דאָס דער אריינגאנג, איז ביי איהם געבליעבען, און מען דאַרף נאָר ארויסנעהמען דיעזען שטיין“. יעצט האָט זיך קאַדידזע אויך דערמאָהנט.

— יא, איהר האָט רעכט, — האָט זיא זיך אָבגערופען, — איך געדיינק, וויא היינט, דאָס מיין מאַן האָט מיט א ביגע דיעזען שטיין ארויסגעריסען.

מען האָט דאָס געמעלדעט מאנזור־עפענדי, און ער איז גלייך צוגעגאנגען צו דעם אָנגעוויזענעם שטיין און האָט געהייסען זיינע דערווישען זיי זאָלען איהם ארויסרייסען פון וואנט. עס האָט ניט פיעל געדויערט, וויא מען האָט דאָס געטהאָן. דערנאָך, וויא מען האָט אָבגערוימט דיא לאָך פון גרוז האָט מען דערזעהען א לאַנגען און א טיעפען הייהל אונטער דר׳ערד. מאנזור־עפענדי האָט געהייסען לאַצארוס׳ן און איינעם פון דיא דערווישען, זיי זאָלען אָנצינדען א ליכט און צוזאמען אהין אריינגעהן זעהען וואָס דאָרטען איז אינעווייניג.

וויא זיי זיינען אָבגעגאנגען עטליכע טריט, זיינען זיי אריין אין א געוועלבטען כּקלעפּ (ארטש). דיא לופט איז דאָרטען געוועזן דומפּיג, פערשטיקט און אָנגעצויגען מיט א גערוך פון טוידטע, ווארום דאָרטען זיינען טויזענדע יאָהר געשטאנען צוויי

שטיינערנע טרונעס מיט צוויי מומיען. ווייטער האָבען זיי ניט געקאָנט געהן. באלד איז אהין אויך אריין מאנזור־עפענדי אליין. אָבער זיי האָבען פערלאָרען דיא קרעפטען זוכענדיג און האָבען קיין זאך ניט געפונען. נאָך דער בעשרייבונג, וואָס מאנזור־עפענדי האָט געלעזען אין דיא אלטע פאפירען האָט בעדארפט אין סקלעפ זיין א גאנג אין איין אנדער צימער, וואו עס איז געווען בעגראָבען דער אוצר. אָבער וויא פיעל זיי האָבען זיך ניט בעמיהט, האָבען זיי אפילו קיין סמן פון א גאנג ניט בעמערקט.

ענדליך איז ביי זיי געבליעבען, דאָ דיא שטיק וואנד וואָס וויזט אויס איינגעמויערט שפעטער, איז גאָר א טיר. עס איז אָבער אונמעגליך געווען אויסצוברעכען אזא טיר, און מאנזור־עפענדי האָט דעריבער געוואָלט אונטערלייגען דינאמיט און אָנצינדען, פון וואָס דיא טיר וועט צושפרונגען ווערען. אָבער דיא דערוווישען האָבען מורא געהאט, עס זאָל ניט איינפאלען אויף זיי דער סקלעפ אין גאנצען, און זיי האָבען בעסער געראטהען, מען זאָל פאָראויס אויסהאקען עטליכע לעכער אום צו זעהען וואָס דאָרטען איז דאָ אינעווייניג, צו עס לאָהנט גאָר דיא גאנצע מיהע אָפען צו מאכען דיא טיהר. ווען מען וועט זעהען, דאָס עס לאָהנט, וועט מען דאמאָלס לייגען דינאמיט.

אזוי האָט מען געטהאָן. מען האָט זיך גענומען צו דיא געצייג, צו דיא עגבאָהער און מען האָט אָנגעפאנגען צו באָהערן אין וואנד א לאָך. אין א האלבע שטונדע ארום האָט מען מיט'ן עגבאָהער אָנגעטאפט איין אייזערנע טיהר וואָס איז געווען פערמויערט. עס האָט געדויערט נאָך א האלבע שטונדע ביז דער עגבאָהער איז דורכגעגאנגען אויף יענער זייט טיהר. מאנזור־עפענדי האָט זיך דערפרעהט; זיין מיה איז ניט געווען אומזיסט. יעצט האָט ער געהייסען אריינלייגען אין דיא אויסגעבאָהערטע לאָך א זעקעל דינאמיט, אונטערלייגען און אָנצינדען א לאנגען קנעטיל, אזא לאנגען, דער אָנצינדער זאָל צייט האָבען ארויסצוגעהן בעפאָר דאָס פייער וועט צוקומען צו דיא פולווער.

מען האָט געמאכט דיא מינע און אלע זיינען ארויס פון פיראמידע און האָבען זיך געשטעלט ווארטען פון ווייטען, ביז זיי וועלען דערהערען דעם עקספלאָזשען. זיי האָבען לאנג ניט בעדארפט ווארטען, ווענינער וויא אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען זיי אויפגעציטערט געוואָרען פון שאָס וואָס האָט דערלאנגט וויא פון צעהן קאנאָנען צוזאמען. וויא עס איז געוואָרען שטיל, זיינען זיי אלע ווידער אריין אין פיראמידע צו זעהען, וואָס דאָרטען איז יעצט געוואָרען. צום אומגליק, האָבען זיי יעצט אויך ניט געקאָנט זאָגען אויף געוויס, צו עס איז דאָ דאָרטען נאָך א צימער צו ניין, וויל דיא צערשפרונגענע וואנד האָט אין גאנצען פערוואָרפען דעם וועג מיט שטיינער און גרוז און עס האָט בעדארפט געדויערן ווער ווייס וויא לאנג דאָס

אָבצורוימען און אָבצוקעהרען. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן און האָבען שוין געוואָלט מיט גאָר ניט ארויסגעהן צוריק, אָבער אין דיעזער מינוט איז אראָב־געפאלען פון אויבען א שטיק מויער און האָט פארליינט דעם ארויסגאנג: מאנזור־עפענדי, לאצארוס, אלע דערווישען, קאדידזע זיינען געבליבען בעגראָבען לעבעדיגע אָהן דיא קלענסטע האָפנונג א מאָל ווידער ארויסצוגעהן אויף דיא ווייסע וועלט.

73.

אין פאסטקע (טראפ).

— נו, וואָס הערט זיך מיט דיא קאָפּיע נומער 713? — האָט סאדי א מאָל געפרעגט ביי צארא־בעי.

— אָ! עס געהט צופיעל שווערער וויא איך האָב געמיינט, — האָט צארא געענטפערט, — איך האָב מורא, דאָס אונזער מיה איז גאָר אומזיסט...

— אלזא, קאָן איך דערווייל נאָר מיטטהיילען דעם גרויס־וויזיר, דאָס ענגלאנד איז געניינט צו זיין אויף אונזער זייט? דאָס איז אפילו פיר אונז זעהר וויכטיג, אָבער דאָס וועט אונז געוויס זעהר טהייער קאָסטען, ווארום ענגלאנד האָט ליעב זיך צו לאָזען גוט בעצאָהלען, וויא א גייציגער קויפמאָן...

— גוט, — האָט געזאָגט צארא, — דאָס ווייס איך אויך דאָס ענגלאנד וועט האלטען מיט אונז, אָבער פיר אונז איז פיעל וויכטיגער צו וויסען וואָס דענקט פראנקרייך וועגען אונז. דאָס קאָנען מיר אָבער אנדערש ניט וויסען וויא פון יענער קאָפּיע. . .

— דו האָסט דאָך געהאָפט אויף דיין בעקאנטער דאמע, אויף ליידי שטראַד־פאָרט? — האָט סאדי געפרעגט.

— גאַנץ ריכטיג, — האָט געענטפערט צארא, — אָבער ניט אלע מאָל לאָזט זיך אויס וויא מען רעכענט. ליידער האָט זיך דאָ געמאכט איין אומשטאנד, וואָס פערפינסטערט דער ליידי דאָס לעבען; עס איז געקומען דער אדמיראל שטראַדפאָרט, וואָס האלט זיך פעסט דאָס ער איז איהר מאָן... ער איז א גרויסער טויגעניכטס, א שעדליכער מענש, איין אויסוואורף, חאָטש ער טראָגט דעם טיטול אדמיראל, און איך האָב מיט איהר פיעל מיטלייד, ווארום ער מאכט איהר דיא גרעסטע קרענקונגען...

— אזוי, זיא איז פערהייראטהעט? — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — פער־שטעה איך שוין ניט וואָס דו ראָמאנסירסט מיט איהר? דו קאָנסט דאָך האָבען פון דעם פיעל אומגליקען, בפרט נאָך דאָס איהר מאָן איז אזא סקאנדאליסט?

וויא דיא קאמעראדען האָבען צווישען זיך אזוי געשפּראָכען, איז אריינגע־גאנגען צארא'ס קאמער־דיענער מיט א בריעף, וועלכען עס האָט געבראכט שטראַד־

פּאָרט'ס א דיענער. צארא האָט שנעל געעפענט דעם בריעף, און איז גלייך ערשטוינט געוואָרען.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך אָבגערופען, — אָהן איין אונטערשריפט... דיא האנד איז וויא פון איין אלטע פרוי וואָס דיא פעדער ציטערט ביי איהר... וויא קומט עס צו ליידי שטראָדפּאָרט'ס האנדשריפט?... זיא שרייבט פּראכטפּאָל.

— פיעלייכט שרייבט זיא וועגען דער קאָפּיע, — האָט זיך סאדי אָבגערופען, — און דאָס איז ניט מעהר וויא פּאָרזיכטיגקייט? זיא וויל ניט מען זאָל וויסען, דאָס זיא איז אין דעם פערמישט...

— עס קאָן זיין, דו האָסט רעכט, סאדי, לאָז מיר נאָר זעהען, וואָס דאָרטען שטעהט. צארא האָט געלעזען:

„קומען זיי היינט אין אבענד אין דיא אָלד־ענד־טאווערנע. מען וועט אויף זיי דאָרטען ווארטען".

— א וואונדערבארע איינלאדונג, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — נו, איז דיר בעקאנט דיא טאווערנע?

— איך קען דיעזע טאווערנע, — האָט צארא געענטפערט, — א פּאָדלער אָרט און ליעגט אין א גאס וואו עס וואָהנען דיא שלעכטעסטע מענשען פון לאָנדאָן...

— איך געה אויך מיט דיר אהין. איך גלויב ניט אנדערס, דאָס איז וועגען דער קאָפּיע.

— קיין בעסערען בעגלייטער וויא דו ברויך איך ניט צו האָבען, — האָט גע־ענטפערט צארא.

געגען אבענד האָבען זיי געדונגען א קארעטע און האָבען געזאָגט דעם קוטשער, וואוהין ער זאָל זיי פיהרען. וויא ער האָט אָבער דערהערט דעם נאָמען פון דער טאווערנע, האָט ער אויסגעשטעלט אויף זיי דיא אויגען, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזען גנבים, וואָס האָבען זיך פערקליידעט פיר אדעל־לייט...

וויא דער קוטשער האָט זיי געבראכט צו דעם אָבגערעדטען אָרט, האָט ער זיי כמעט ארויסגעטריבען פון קארעטע, זיי האָבען זיך אפילו שטארק בעליידיגט, האָבען אָבער ניט געוואָלט אין א פרעמדער שטאָדט מאכען געשעפטען און זיינען פון איהם אין דער שטיל אוועק. עס איז זיי אויסגעקומען צו געהן דורך שמאָלע, שמוטציגע גאסען; ערטערווייז איז דאָרטען געוועזען דיא ענגשאפט אזוי גרויס, דאָס זיי האָבען זיך נאָר געקאָנט מאכען א וועג מיט דיא עלענבאָגען; אָן דיא קליידער און דאָס אויסזעהען פון דיא מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געשפּארט, איז לייכט געוועזען צו ערקענען, דאָס זיי זיינען דיא נידעריגסטע און שלימסטע מענשען פון גאנץ לאָנדאָן. דיא טאווערנע, וואוהין זיי זיינען געגאנגען, איז געוועזען א קלוב, וואו

עס פלעגען זיך צוזאמענקלייבען גנבים, ענטלאָפענע ארעסטאנטען, אויסלענדער, וואָס האָבען געמוזט וויכען פון זייער פאטערלאנד, בקיצור אלע אויסווירפע אין דער וועלט. דאָרטען פלעגען זיך גאנץ אָפט טרעפען דיא גרעסטע סקאנדאלען, גע־שלעג, און ניט זעלטען אויך בלוט־פערגיסונג.

דיא קאמעראדען האָבען זיך א לאנגע צייט מישב געווען, צו זיי זאָלען אריינ־געהן אין טאווערנע צו ניין, ווייל זיי האָבען פערשטאנען, דאָס דער שרייבער פון בריעף איז געוויס אויך ניט קיין אנשטענדיגער מענש, ווען ער בעזוכט אזעלכע ערטער. ענדליך זיינען זיי דאָך אריינגעגאנגען.

זיי האָבען דאָרטען געפונען אזא קאָך, אזא טומעל, וואָס זיי האָבען זיך דאָס גאָר ניט פאָרגעשטעלט. מען האָט דאָרטען געזעהען אלערליי מענשען, רייך גע־קליידעט, אָרעם געקליידעט, יונגע, אלטע, מענער, פרויען, מעדכען, קנאבען, עס האָט „געשווירבעלט און געגריבעלט“, מען איז געזעסען ארום טישען און געטרונקען פאָר־טער, גראָג, וויין.

סאדי מיט צארא'ן האָבען זיך אויך געזעצט לעבען א טיש, וואו קיינער איז ניט געזעסען, און האָבען געבעטען א פלאש וויין (דיא יעצטיגע טירקען האָבען שוין אנגעפאנגען צו טרינקען וויין, אָבוואָהל דאָס איז פערבאָטען פון זייער רעליגיאָן). זיי האָבען זיך לאנגזאם און רוהיג געטרונקען און געזוכט מיט דיא אויגען צווישען דיא געסט א בעקאנטעם געזיכט, וואָס האָט געקאָנט צארא'ן צושיקען דעם בריעף מיט דער איינלאדונג צו קומען אהין. זיי האָבען אָבער אויסגעקוקט דיא אויגען און האָבען קיין בעקאנטען ניט בעמערקט. אם ענדע איז זיי איבערדריסיג געוואָרען צו ווארטען; זיי האָבען שוין געמיינט דאָס מען האָט צארא'ן פראָסט אָבגענארט און האָבען שוין געוואָלט אוועקגעהן, אָבער אין דיעזער מינוט האָבען זיי דערזעהען א מענשען מיט א פערשיכורט'ען געזיכט, א ווילדען אויסזעהען וואָס איז געשטאנען לעבען איין אָפענע טיהר פון א צימער און האָט אָנגעשטעלט אויף זיי דיא אויגען. אָן זיינע קליידער איז קענטיג געווען, דאָס ער האָט א מאָל געדיענט אין פלאָט. לעבען איהם זיינען געשטאנען צוויי מאטראָזען מיט וועלכע ער האָט זיך געשושקעט און אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף צארא'ן מיט סאדי'ן.

סאדי האָט גלייך פערשטאנען, דאָס דער אָבגעדאנקטער (אָטסטאוונאָי) פלאָט־סקער אָפיציער איז דער אדמיראל שטראדפאָרט, און האָט דאָס מיטגעטהיילט זיין קאמעראד.

— אלזא, זאָל ער זיין לוידי שטראדפאָרט'ס מאן? — האָט זיך צארא אָבגע־רופען צו איהם.

— איך מיין אזוי, — האָט סאדי געענטפערט, — און גויא איך פערשטעה,

האָט ער דאָס דיר צוגעשיקט דעם איינלאַדונגס־בריעף, און יעצט וואַרט ער אויף דיר. . .

—און וואָס זאָל איך יעצט טהאָן ?

— דערווייל, קומט ביי מיר אויס, האָסט דו גאָר ניט וואָס צו טהאָן ; לאָז נאָר ניט אראָב איין אויג פון איהם... בעטראַכט וואָס פיר א ניעדריגער מענש דאָס איז, זעה וויא ער האָט זיך מיט דיא מאַטראָזען געזעצט טרינקען ראָם. און מיינסט דו, דאָס זיינען ווירקליך מאַטראָזען ? איך גיעב דיר מיין וואָרט, זיי זיינען פערקליידעטע באַנדיטען. . .

— און איך מיין דאָס אויך, — האָט סאַדי געזאָגט, — זעה וויא זיי נעהמען פון אונזביידע דיא אויגען ניט אראָב. דעריבער איז מיין עצה, מיר זאָלען וואָס צום שנעלסטען פון דאַנען אוועק. וואָרום זאָל שוין זיין, דאָס מיר ביידע וועלען נאָך געגען זיי בעשטעהען, לאָהנט דאָס פיר אונז ניט דער סקאַנדאַל. מיר זיינען דאָך אויס־לענדער און געהערען צו דער טירקישער געזאַנדשאַפט... עס וועט ווערען א ליאַרם אין שטאָדט... פאָלג מיר און קום פון דאַנען...

— גוט, וואָס דו האָסט מיך בעגלייט אהער, — האָט געענטפערט צאַרא ; און זיי זיינען ביידע אויפגעשטאַנען פון דיא ערטער.

אין דער זעלבער מינוט איז דער אַדמיראַל אויך אויפגעשטאַנען און האָט מיט'ן פוס א שטויס געגעבען זיין שטוהל, מיט אזא קראַפט, דאָס ער איז צערשפּרונ־גען געוואָרען אויף שפּענדלאַך... דאָס איז געווען, וויא עס האָט אויסגעזעהען, איין אָבגעמאַכטער סיגנאַל צום אָנפאַנגען, וואָרום אין דעם זעלבען אויגענבליק זיינען דיא מאַטראָזען צוגעלאָפען צו צאַרא'ן מיט ווילדע קולות, און האָבען זיך גענומען ביידע שלאָגען. אין טאַווערנע איז געוואָרען א ליאַרם, אלע געסט צוזאַמען מיט'ן ווירטה, זיינען צוגעלאָפען, ניט זיי אָבצוּרייסען איינעם פון דעם אַנדערן, נאָר מיט פערגניגען צו זעהען דיא געשלעג, אַזוי וויא מען זעהט צו א לוסטיגע סצענע... סאַדי איז געוועהנליך פון ווייטען ניט געשטאַנען ; ער האָט זיך גלייך אָנגענומען פיר זיין פריינד, און וויא דיא מאַטראָזען האָבען פערזוכט זיינע אייזערנע הענד, האָבען זיי געמוזט צאַרא'ן לויז לאָזען און זיך נעהמען צו איהם. ער האָט אָבער געכאַפּט זיין שווערען שטוהל, אויף וועלכען ער איז פריהער געזעסען, און האָט אָנגעפאַנגען צו פאָכען מיט איהם וויא מיט א לייכטען שטעקעל רעכטס און לינקס און וועמען ער האָט נאָר געטראָפען, דער האָט שוין אלע זיבען הימלען דערזעהען. וויא דיא צוויי באַנדיטען האָבען זיך אַזוי בעשעפטיגט מיט סאַדי'ן, איז דער אַדמיראַל אליין ארויפ־געפאַלען אויף צאַרא'ן, אין דער האָפנונג דאָס ער וועט גוט אָנלערנען דיזען יונגען שנעק, וואָס האָט זיך צוגעלאָזט צו זיין פרוי. ער האָט אָבער דעם אָרט ניט געטראָ־

פען. צארא איז געוועזן איין אמת'ער העלד מיט שטאָהלענע הענד, דערצו זעהר פלינק. ער האָט גיט אזוי אויסגעמיידט דיא הייבטען פון דעם אדמיראל, נאָר ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן ביי איהם פון הינטען און האָט איהם מיט א בריק אין פוס אנידערגעוואָרפען, וויא מען וואָרפט אין שלאכטהויז אנידער איין אָכס. דער אדמיראל איז געלעגען אויף דר'ערד און האָט נאָך געהאט אויף זיך צארא'ס געזונדען פוס, ער האָט שוין וועגען אויפשטעהן גיט געקאָנט דיינקען. ער איז געלעגען און צארא האָט איהם געקנאָטען מיט דיא הענד וויא מען קנעט ליים. דיא מאטראָזען זיינען דערווייל צובלוטיגט געוואָרען פון סאדי'ס שטוהל און דער אדמיראל האָט דאָס פון אונטען געמוזט צוזעהען און שווייגען.

קורץ געזאָגט, דיא טירקישע אָפיצירען האָבען זייערע פיינדע אזוי געשלאָגען, דאָס זיי האָבען שוין פערלאָרען דאָס אפעטיט ווייטער זיך צו שלאָגען. דער אדמיראל איז נאָך א האָר פון שאנדע געשטאָרבען, און עס וואָלט געוויס גענומען איין ענדע מיט דעם געשלעג, ווען עס וואָלטען זיך גיט מיט א מאָל אריינגעמישט פיעלע פון דיא געסט און דער ווירטה אליין אויך, וואָס עס איז זיי גיט אָנגעשטאנען, אויסלענדער, פריטצען זאָלען בעליידיגען זייערע אלטע קאמעראדען, מיט וועלכע זיי בעגעגענען זיך אין דיעזער טאוורנע אלע טאָג און שיכור'ן צוזאמען. מעהר וויא אלע איז אויפגעבראכט געוועזן דער ווירטה, וואָס איז גיט בעסער געוועזן וויא זיינע געסט, און איז שוין גיט איין מאָל געוועזן ארעסטירט. ער האָט זיך אָנגענומען פיר דעם אדמיראל, וועלכער איז געוועזן פון זיינע שטענדיגע קונדען און האָט איהם געגעבען פיעל צו לייזען. אין אָנפאנג האָט דער ווירטה אפילו זיך אויך גיט גענארט פון כאדי'ס שטוהל, אָבער ער האָט אָנגעהעצט אויף דיא טירקען אלע זיינע געסט, און מיט אלע איז פיר זיי געוועהנליך אונמעגליך געוועזן זיך צו שלאָגען.

וויא סאדי און צארא האָבען דערזעהען אז עס איז שמאָל, האָבען זיי געוואָלט אנטלויפען. אָבער עס איז שוין געוועזן צו שפעט, זייערע פיינדע האָבען שוין פערשלאָסען דיא גאס טיהר. דיא טירקישע אָפיצירען זיינען דורכגעשפרונגען דורך דיא הויף־טיהר; ליידער איז זיי דערפון בעסער גיט געוואָרען, ווארום דער טויער פון הויף איז שוין אויך געוועזן צוגעשלאָסען. דיא לאגע פון ביידע פריינד איז געוועזן זעהר קריטיש, זיי האָבען פאר זיך געזעהען מיט דיא אויגען דעם טוידט און עס איז קיין מיטעל גיט געוועזן זיך צו רעטען.

74.

הילפע אין דער נויטה.

דיא צייט האָט זיך געטהאָן איהרעס און איז געגאנגען פאָרווערטס. עס איז אוועק דער פריהלינג, דער זומער, דער הערבסט; ענדליך איז אויך ווידער אָנגע־

קומען אין סטאמבול דער קאלטער ווינטער, מיט דיא רעגענס און שטורעם־ווינטען, און דיא רעוואָלוציאָן אין דיא כריסטליכע פראָווינצען איז נאָך אלץ ניט איינגע־שטילט געוואָרען.

דיא רייכע טירקען, וועלכע וואָהנען אין זומער־קווארטירען, זיינען שוין לאנג צוריק אריין אין שטאָדט. אין דער ברייטער שטראסע, וואָס פיהרט פון באָספאָר אין דאָלמא־באכטשא איז געגאנגען, ניט זעהר לאנגזאם, ניט זעהר שנעל איין אָרעמער וואנדערער מיט א גרינעם אראבישען טוך אויף'ן קאָפּ. וויא ער איז צוגעגאנגען נאָהנט צו דיא לאנטערנע, האָט מען געקאָנט זעהען ביי איהם אונטער'ן טוך א גאָלדענע באנד ארום קאָפּ. צוויי אלטע טירקען האָבען איהם בעגעגענט, און וויא זיי האָבען נאָר בעמערקט דיעזע גאָלדענע באנד, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט, האָבען ארויפגע־לייגט דיא לינקע האנד אויף'ן הארצען, טיעף זיך פערנייגט און בעגריסט מיט דעם געוועהנליכען „שלום עליכם". ער האָט זיי געאנטוואָרטעט מיט א שטילען וויעדער־גרוס און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

דאָס איז געווען דיא „גאָלדענע מאסקע". דער וואנדערער איז אזוי לאנג געגאנגען, ביז ער איז געקומען צו דעם גאָרטען, אין וועלכען עס איז געווען דאָס שטיבכען, וואו עס איז א מאָל געווען דער קליינער פרינץ סאלאדין. ארום גאָרטען איז געווען א דיקער מויער. דער וואנדערער איז געגאנגען הארט לעבען וואנד און ער איז געקומען וואו עס איז געלעגען א שלאָפענדע פרוי מיט א קינד, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. ער האָט א בליק געטהאָן אויף דיא פרוי, נאָך דעם האָט ער ארויסגע־נומען פון א זעקעל א בייטעל פול מיט גאָלדענע מטבעות, פרוכט און אנדערע שפייז, האָט דאָס אלעס אוועקגעלייגט ביי דער פרוי צו קאָפּען, האָט אין דער שטיל איהר געבענשט און איז אוועקגעגאנגען אין פערא. פון דאָרטען איז ער געקומען אין גאלאטא צום הילצערנעם הויפל, וואו עס האָט געוואָהנט דיא אלטע קאדידזע. עס איז שוין געווען גאנץ שפּעט אין דער נאכט און אין יענער געסיל איז געווען טויט־שטיל. ער האָט אָנגעקלאפּט אין טיהר, אָבער קיינער האָט איהם ניט געענטפערט; ער האָט נאָך א מאָל געקלאפּט און מען האָט זיך ווייטער ניט אָבגערופען. דאמאָלס איז ער אָבגעגאנגען עטליכע טריט פון טיהר, האָט פעררוקט דעם קאָפּ אין דער הויך און האָט א געשריי געגעבען: סיררא! סיררא! האָט זיך גלייך אויפ־געכאפּט און האָט ארויסגעשטעלט דעם קאָפּ דורך א פענסטערל, וואָס איז געווען אין דעם דאך־צימערל וואו זיא האָט גענעכטיגט.

— איהר דארפט געוויס צו מיין מוטער? — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, — זיא איז אָבער יעצט ניט צו הויזע.

— איך ווייס אָהן דיר, דאָס זיא איז ניט צו הויזע, — האָט ער געאנטוואָרטעט, — איך דארף נאָר צו דיר.

סירא האָט ערקענט אָן דיא שטימע, ווער עס איז דער מאן וואָס פרעגט איהר.

— איך קום גלייך אראָב, — האָט זיא געאנטוואָרטעט, און איז דעם זעלבען אויגענבליק אראָב צו איהם אין גאס, האָט זיך טיעף פערנייגט און געפרעגט:

— ווארום האָסט דוא מיך גערופען? בעפעהלע נאָר און איך בין בערייט אלעס צו טאָהן!

— בערייט דיך גלייך צו צום וועג, — האָט ער איהר געזאָגט, — און געהע אין דער שטראסע וואָס פיהרט צו דאָלמא באכטשא, אין זומער־גאָרטען, רעכטס פון דער שטראסע, וועסט דוא געפינען רעציען מיט איהר קינד, וועק זיי אויף און ברייננ זיי אהער, זיא האָט זיך שוין גענוג אומגעוואלגערט. עס איז שוין צייט זיא זאָל האָבען א שטענדיגען און א זיכערען רוהע אָרט!....

— דיינע ווערטער זיינען ביי מיר אימער הייליג געווען, געטליכער מאן, — האָט געענטפערט סיררא, — און איך וועל דיין בעפעהל צום שנעלסטען ערפילען, אָבער דאָך פערשטעה איך ניט, וויא דו הייסט מיר דאָס טהאָן: ווייסט דו דען ניט, דאָס מיין מוטער איז רעציע׳ס טוידט־פיינדין? איז דען ניט פיר רעציע׳ן דער גרעסטער געפאהר אריינצוקומען צו איהר אין וואָהנונג?

— זיי רוהיג, — האָט ער געענטפערט, — דיין מוטער וועט זיך נאָך אזוי גיך צוריק ניט אומקעהרען... דערווייל וועט דאָ זיין פיר רעציע׳ן זעהר בעקוועם צו וואָהנען. געה וואוהין מען שיקט דיך און זאם ניט!...

מיט דעם לעצטען וואָרט איז דיא „גאָלדענע מאסקע“ פערשוואונדען געוואָרען.

סיררא איז אין דער זעלבער מינוט פערטיג געוואָרען צו געהן אין דעם אָנגעוויזענעם זומער־גאָרטען, וואוהין זיא איז אין א פאָר שטונדען ארום אָנגעקומען. רעציע איז שוין געוועזן אויף. זיא האָט זיך אויפגעכאפט פון א שלעכטען טרוים. עס האָט זיך איהר געחלום׳ט, דאָס זיא זיצט מיט סאדי׳ן אויף א טהייערען דיוואן; איהר קינד ליעגט ביי איהר אין שויס און שפיעלט זיך מיט בלומען; רעציע שטרעקט אויס דיא הענד און וויל ארומנעהמען איהר געליעבטען, אָבער אין דיעזען אויגענבליק שפארט זיך אריין צווישען ביידען א טוידטע קאָפּ: סאדי מיט׳ן קינד ווערען פערשוואונדען און זיא בלייבט אליין!... פון גרויס שרעק האָט רעציע אין שלאָף אָנגעפאנגען צו שרייען און האָט זיך אויפגעכאפּט, זיא האָט זיך ערפרעהט דאָס עס איז מעהר ניט וויא א חלום געווען; אָבער דאָך האָט דיעזער טרוים איהר פערביטערט דאָס הערץ און נאָך מעהר שווער געמאכט איהר שווערען געמיטה:

פיעלייכט וועט נאָך דיעזער טרוים ערפילט ווערען? — האָט רעציע מיט דער גרעכטער אונרוהע ביי זיך געדאכט. איין מאָל איז זיא געוועזן אויף, האָט זיא זיך וויעדער דערמאָהנט אָן איהר טרויעריגער לאגע. אָהן א פעניג אין טאשע, אָהן שפייז, מיט א קינד אויף'ן האנד, וואוהין געהט מען? וויא לעבט מען? מיט א מאָל האָט פון דיא וואָלקען ארויסגעשיינט דיא לבנה און האָט בעלויכטען דעם אָרט וואו רעציע איז געלעגען, און זיא האָט דערזעהען דיא זאכען וואָס דיא גאָלדענע מאסקע האָט איהר געבראכט אין דער צייט פון איהר שלאָפען. אין אָנפאנג האָט זיא מורא געהאט זיך אָנצוריהרען אָן דיא געלד און דיא עסען־ווארג, ווייל זיא האָט גערעכענט, פיעלייכט האָט דאָס איינער דאָרט בעהאלטען בעפאָר זיא איז אהין געקומען, און יענער רעכענט נאָך באלד דאָס וויעדער צו־צונעהמען; אָבער זיא האָט זיך דער־מאָהנט, דאָס בשעת זיא איז אהין געקומען איז נאָך גאָר ליכטיג געוועזן און זיא האָט דאָך קיין זאך ניט בעמערקט ליגענדיג, און דאָס איז א בעוויז, דאָס מען האָט דאָס געבראכט אהין שפעטער, וויא זיא איז שוין דאָרטען געלעגען, און געוויס האָט דאָס איהר געבראכט א גוטער פריינד, וואָס וויל ניט זיא זאָל וויסען ווער עס טהוט פאר איהר דיא גוטעס. זיא האָט געדאנקט גאָט, וואָס פערגעסט ניט אָן איהר, האָט גענאָמען פון דיא שפייז און ארייגעלייגט דאָס געלד צו זיך אין טאשע. אויף'ן הער־צען איז איהר נאטירליך געוואָרען עטוואָס פרייער און זיא האָט אָנגעפאנגען זי־איבערצולייגען וויא זיך צו פערשאפען א וואָהנונג. פלוצלינג האָט זיא דערהערט טריט פון א מענשען און עס איז איהר איינגעפאלען דיא בלוט. „געוויס געהט דאָס יענער מאן, וואָס האָט דאָ בעהאלטען דיא אלע זאכען, — איז איהר ארויף אויף'ן געדאנקען, — דאָס געלד גיעב איך צוריק אָב, אָבער מיט וואָס קאָן איך איהם בע־צאָהלען פיר דיא שפייז, וואָס איך האָב אויפגעגעסען?“ דיא טריט זיינען געוואָרען נעהנטער און נעהנטער און רעציע האָט ענדליך דערזעהען... סיררא'ן!

עס איז לייכט צו פערשטעהען דיא פריידע פון ביידע פריינדינען. זיי האָבען זיך איינע דיא אנדערע לאנג געקוסט, האָבען געלאכט און געוויינט. רעציע האָט זיך זעהר געוואונדערט, וויא אזוי האָט סיררא געוואוסט, דאָס זיא איז אין דעם זומער־גאָרטען, און סיררא האָט איהר מיטגעטהיילט דיא גאנצע געשיכטע וויא דיא „גאָל־דענע מאסקע“ האָט איהר בעזוכט און אלעס וואָס זיא האָט איהר געזאָגט. דיעזע מיטטהיילונג האָט געווירקט אויף רעציע'ס פערוואונדעטעס הערץ וויא א היילענ־דער באלזאם. מיט דער גרעסטער פרייד איז זיא מיט סיררא'ן געגאנגען אין גאלאטא.

וויא זיי זיינען שוין געוועזן לעבען טיהר פון קאדידזע'ס הייזעל, האָט זיך סיררא אָבגערופען צו רעציע'ן:

— יעצט, טהייערע רעציע, ברויך איך שוין ניט צו וואָהנען אין דאך־שטיבעל,

פאר מיין מוטער איז שוין ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען, זיא וועט שוין אהער קיין מאָל ניט קומען, און מיר וועלען זיך דאָ ביידע גאַנץ רוהיג לעבען.

— אָ! וואָס פיר א גאָט מיר האָבען, — האָט זיא ווייטער געזאָגט, — גדאָר דיא זעלבע וואָהנונג, וואָס מיר פלעגען וויכען פון איהר (דו נאָך מעהר וויא איך) וויא פון א פעסט, איז בעשערט צו זיין אונזער רוהע אָרט!

— גיעב גאָט, — האָט געענטפערט רעציע, — מיר זאָלען קיין חרטה ניט האָבען, עס זאָל אונז ניט אויסקומען צו טהייער צו בעצאָהלען פיר דיעזע וואָהנונג!...

— קימער דיך ניט, רעציע, — האָט איהר בערוהיגט סיררא, — איין מאָל איז מיט אונז דיא „גאָלדענע מאסקע“, האָבען מיר ניט וואָס צו פירכטען... מיין מוטער איז וועיט פון דאנען, זיא איז פערקראָכען אין אזא'ן אָרט, וואָס זיא וועט שוין פון איהם ניט ארויס: איך וויים. . .

פיעלע וואָכען, פיעלע מאָנאטען האָבען דיא פריינדינען צוזאמען געלעבט, רוהיג, אָהן זאָרג און קומער. געלד האָט רעציע געהאט גענוג און אזוי האָבען זיי זיך שוין אין קיין זאך ניט גענייטהיגט. קיין פיינד, קיין שלעכטער מענש האָט זיי ניט געשטערט. א מאָל, אין אָנפאנג פריהלינג, דאָס וועטער איז געווען שען, ווארם, אנגענעהם, און אונזערע פריינדינען זיינען ארויפגעגאנגען אויף דיא גאלעריע, אום פון דאָרטען צו בעטראכטען דיא שפאצירענדע, דעם באָספאָר, אויף וועלכען עס זיינען אומגעלאָפען הין און הער הונדערטע אויפגעפוצטע שיפלאך מיט אלערליי פאסאזשירען. באלד האָט זיך בעוויזען צווישען דיא שיפלאך א יאכטע וואָס איז געווען אזוי שען, אזוי רייך צוגעפוצט, וויא א שפיעל־צייג. דיא מענשען, וואָס זיינען געשטאנען אויפ'ן ברעג, האָבען זיך ניט געקאָנט צו זאט אויף איהר אָנקוקען. סיררא'ן האָט דיעזע יאכטע אויך זעהר פעראינטערעסירט, און זיא איז אראָבגעלאָפען צום ברעג, אום צו בעטראכטען איהר פון נאָהענט. רעציע איז פערבליעבען אויף דער גאלעריע. קוקענדיג פון דאָרטען מיט איהרע וויט־זיכטיגע אויגען אויף דער יאכטע איז רעציע מיט א מאָל אויפגעציטערט געוואָרען: זיא האָט דאָרט דערזעהען צוויי מאנסלייטע, וואָס האלטען פעררייסען דיא אויגען אויף איהר, און וויזען איינער דעם אנדערן מיט דיא פינגער אויף דיא גאלעריע. עס איז איהר איינגעפאלען אין געדאנקען, דאָס זיי זיינען אונטערגעשיקטע פיסקאלען פון מאנזור־עפענדי...

רעציע איז גלייך אראָב פון דאך־שטיבעל צו זיך אין צימער און וויא סיררא האָט נאָר געעפענט דיא טיהר, האָט זיא ביי איהר געפרעגט, צו וועמען געהערט דיא יאכטע און ווער זיינען דיא צוויי מענער וואָס פאָהרען אין איהר.

— דיא יאכטע געהערט דעם רייכען שקלאפען־הענדלער קרוססא...

רעציע האָט זיך דערמאָהנט, דאָס די אַלטע שוסטערקע האָט איהר אַ מאָל רעקאָמענדירט זיך צו ווענדען צו דיעזען רייכען קרוססא.

— נו, און ווער זיינען דיא צוויי מענער?

— איינער פון זיי קען זיין דער ווירטה זעלבסט, בעשטימט קאָן איך דאָס ניט זאָגען; דער אנדערער איז, וויא עס דאכט מיר, דער קאמערדיענער פון פרינץ יוססוף. ער איז געקומען, וויא עס שיינט, איינהאנדלען פיר זיין הערן יונגע שקלאַפֿינען, וואָס דיעזער קרוססא האָט מיט זיך געבראכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— צו מיר האָט דאָס אפילו ניט, — האָט זיך אָבגערופען רעציע, — אָבער דאָך בין איך העכסט אונרוהיג פון דיעזער יאכטע, איך פירכטע איך זאָל ניט אריינפאלען אין אַ נייע געפאהר... זיי האָבען געקוקט אהער... געוויזען מיט דיא פינגער אויף דיא גאלעריע... איך בין דאָך שוין געוואָהנט צו אלע אומגליקען... איך בין איינגעשראָקען... אָ! גאָט בעשיטץ מיך!...

וואָס סיררא האָט זיך ניט בעמיהט איהר צו בערוהיגען, האָט זיא גאָר ניט געקאָנט מאכען. וועגען זיך האָט רעציע ווייניג געזאָרגט, דיא הויפּט זאכע איז ביי איהר געוועזען דאָס קינד.

— איך בין שוין צו אלעם געוואָהנט, — האָט זיא געטענה'ט, — אָבער וואָס וועט ווערען פון איהם אליין אָהן מיר, ווען מען רייסט מיך מיט געוואלט אָב פון איהם?

סיררא האָט ניט געקאָנט פערשטעהען, ווארום רעכענט זיא, דאָס זיא איז אין געפאהר, און וואָס ארט איהר יענע יאכטע, פאָהרען דען ווייניג יאכטעס איבער'ן באָספאָר? און עס האָט אין אמת'ן אויסגעזעהען, דאָס זיא זאָרגט גאָר אומזיסט. עס האָט זיך אָבער באלד ארויסגעוויזען, דאָס איהר זאָרג איז גאָר ניט געוועזען אומזיסט, דאָס איהר הערץ האָט איהר ניט גענארט.

אין דער זעלבער נאכט (רעציע און סיררא האָבען שוין לאנג געשלאָפען) איז צום ברעג אין גאלאטא צוגעפאָהרען אַ שיפעל, פון וועלכער עס זיינען ארויס דריי פערזאָנען. איינער איז געוועזען קרוסא, אַ רייכער טירק, יעטמ אַ רונדע באָרד, פון שעהנעם אויסזעהען, וועלכען עס איז אָבער לייכט געוועזען צו דערקענען, דאָס ער איז נאָר איין אויפגעקומענער קויפמאן, אָבער ניט קיין אריסטאָקראט אָדער עדעלמאן פון געבורט. דער אנדערער איז געוועזען דעם פרינץ יוססוף'ס קאמער-דיענער; דער דריטער — דעם קויפמאן'ס אַ מענש, מיט דעם נאָמען אשעם. זיי זיינען אלע דריי אריינגעגאנגען אין געסיל, וואו עס איז געשטאנען קאדידזע'ס הייזעל, אשעם פאָראויס, קרוססא און דער קאמער-דיענער פון פרינץ נאָך איהם, און האָבען זיך אָבגעשטעלט לעבען דיעזען הייזעל.

— היער לאָזשירט זיא, דיא שעהנע שקלאפין, — האָט זיך אָבגערופען אשעם צו זיינע מיטנעהער, — איך האָב איהר היינט געזעהען שטעהענדיג אויף דער גאַלעריע, מיר דאכט מיט א קינד אויף'ן האנד. איך קען איהר פון לאנג אָן... שעהן וויא א בלום. . .

— עס איז וואהר, — האָט געזאָגט יוססוף'ס קאמער־דיענער, — מיין הערר האָט שוין לאנג אויף איהר געוואָרפען איין אויג... נאָך א שעהנע וויא זיא איז אויף דער וועלט נים דאָ!...

— און ווארום האָט ער איהר איינגעלאָזען? — האָט דער שקלאפענהענדלער געפרעגט.

— זיא האָט פיר קיין געלד ניט געוואָלט געהן צו איהם, ער האָט איהר פערשפראָכען אויף אימער גליקליך צו מאכען מיט רייכטהום און מיט אלעם גוטען, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען... ער איז שטערבליך אין איהר פערליעבט... יעצט איז ארוים א קלאנג, דאָס זיא איז געשטאָרבען, און ער בעוויינט איהר טאָג און נאכט... קורץ, דו וועסט בעקומען פון איהם א גוטע בעלאָהנונג, ווען דו ברייננסט איהר צו איהם, דער פרינץ איז ניט קארג און וויים וויא צו בעלאָהנען...

— עס איז ווירקליך ארוים א קלאנג, דאָס זיא איז שוין טוידט, — האָט אשעם געזאָגט, — אָבער איך האָב געוואוסט דאָס זיא לעבט און בעהאלט זיך אין דיעזער וואָהנונג, ווארום איך וויים פון אלע שעהנע פרויען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, דאָס איז דאָך מיין געשעפט... איך גלויב, דאָס איהר וועט מיין מיהע ניט פערגעסען?...

— דערווייל איז נאָך נים דאָ וואָס צו רעדען פון בעלאָהנונג, — האָט דער קאמער־דיענער געזאָגט; בעקומט איהר פריהער, ווארום דאָס איז גאָר ניט אזוי לייכט... ווען דער פרינץ האָט מיט איהר גאָר ניט געקאָנט מאכען, וועט שוין קיין אנדערער געווים ניט קאָנען... וויא עס שיינט, איז זיא פערליעבט אין איינעם און פיעלייכט נאָך פערהייראטהעט; דו האָסט דאָך אליין געזאָגט זיא האָט א קינד... און דערצו איז זיא עהרליך... געהמען איהר מיט געוואלט איז אונמעגליך, ווארום קאדידזע וועט מיט אונז אויפמאכען דיא שטאָדט, עס וועט ווערען איין איינגעלאָף, מען וועט אונז נאָך ארעסטירען וויא ים־רויבער, און איהר ווייסט דאָך, וואָס מען טהוט יעצט מיט ים־רויבער? . . .

— איהר קוקט נאָר און שווייגט, וועט איהר זעהן, דאָס איך וועל איהר אוועקפיהרען און עס וועט א האָהן ניט קרעהען, — האָט זיך אָבגערופען אשעם, — זיא איז ניט דיא ערשטע, ניט דיא לעצטע פרוי, וואָס איך גנב'ע ביי נאכט אין דיעזער געסיל... קאדידזע איז שוין א לאנגע צייט ניט דאָ צו הויזע, און מעהר וויא דיעזע רעציע אליין מיט'ן קינד און קאדידזע'ס טאָכטער, א קראנקע, א שוואכע מעדכען,

זיינען דאָרטען ניט דאָ. זיי ביידע וועלען זיך אזוי דערשרעקען, וויא זיי דערזעהען אונז, דאָס זיי וועלען א מויל ניט עפענען... אין געסיל ארום און ארום, דיא שכנים, שלאָפען שוין לאנג וויא טוידטע... איך קען דיא שכורים וואָס וואָהנען דאָרטען, פון זייערטוועגען מעג זיך דיא וועלט איבערקעהרען, וועלען זיי זיך אויך ניט אויפכאפען. מיר וועלען זיי ביידע בינדען, רעציע'ן מיט קאדידזע'ס טאָכטער... (דאָס קינד זאָל בלייבען דאָרטען, איהם דארפען מיר ניט), דיא מוטער וועלען מיר אריינטראָגען אין שיפעל און מארש אין מאגאזין צו דיא איבעריגע סחורה.

דיא דריי פיינע לייט האָבען זיך פערמאסקירט, אנגעצונדען א בלענד־לאנטערנע, אשעם האָט ארויסגענומען פון טאשע א נאָך־שליסעל, און זיי זיינען אין דער שטיל אריינגעגאנגען אין וואָהנונג. רעציע איז געלעגען אין אזא לאגע, דאָס מען האָט לייכט געקאָנט בעטראכטען איהר גאנצען שעהנעם אויסגעשניצטען קערפער. וויא קרוססא האָט איהר דערזעהען, איז ער געוואָרען א צוקאָכטער. דורך זיינע הענד זיינען שוין דורכגעגאנגען טויזענדע שעהנהייטען, אָבער נאָך א גלייכע צו דיעזער האָט ער ניט געזעהען.

— איך זעה, אשעם, דאָס דו האָסט א גוטען געשמאק, דו ביזט א מבין... ארום אזא שטיקעל סחורה איז זיך כדאי צו פערדרעהען... נעהם דיך געשווינד צו דער ארבייט!

אין איין אויגענבליק האָבען זיי זיך א וואָרף געגעבען, אשעם צו רעציע'ן, דער קאמער־דיענער צו סירראַ'ן, און בעפאָר זיי האָבען זיך נאָך אין גאנצען אויפגעכאפט פון שלאָף, זיינען זיי שוין ביידע געוועזען געבונדען הענד און פיס. פון שרעק האָט זיי אָבגענומען דער לשון און זיי האָבען נאָר געקאָנט אָכצען און זיפצען.

אלעס איז געשעהען וויא דיא באנדיטען האָבען אויסגערעכענט פאָראויס; דאָס קינד האָבען זיי צוגעוואָרפען צו סירראַ'ן און געלאָזען דאָרטען ליעגען; רעציע'ן האָבען זיי אוועקגעטראָגען צום ברעג, אריינגעלייגט אין שיפעל און אוועקגעפיהרט אין קרוססא'ס מאגאזין פון לעבעדיגע סחורה...

75.

דיא שרעקענס־נאכט אין דער פיראמידע.

דיא לאגע פון מאנזור־עפענדי מיט דער גאנצער קאָמפאניע, וואָס זיינען געבליבען פערשפאַרט אין דער פיראמידע, איז ניט צו בעשרייבען. זיי האָבען געשריען, געיאָמערט, געריסען דיא האָר פון קאָפ און האָבען זיך געוואונשען, אם וועניגסטענס צו שטארבען וואָס גיכער. דער איינציגער, וואָס האָט זיך געהאלטען א ביסעל רוהיגער, איז געוועזען מאנזור־עפענדי. ער האָט שטארק געהאָפט אויף דיא דערווישען, וואָס זיינען געבליבען אין דרויסען. „זיי האָבען געוויס געהערט דעם קלאָפ פון איינ־

פאַל און וועלען געווים קומען אַברוימען די ציגעל פון דעם ארויסגאַנג", אזוי האָט זיך געטרייסט מאַנזור־עפּענדי.

ווי עס איז אָבער אוועק עטליכע שטונדען און עס איז ניט געווען צו הערען די מינדעסטע בעוועגונג אין דרויסען וועגען זייער בעפרייאונג, האָט מאַנזור־עפּענדי געהייסען, די דערווישען און לאַצאַרוס זאָלען אַנווענדען אַלע קרעפטען אַליין זיך צו העלפען.

— אויף הילפע פון דרויסען האָבען מיר שוין ניט צו האָפען, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — ווי עס שיינט האָבען זיך די דערווישען אין לאַנגער דערשראָקען פון קלאַפּ און זיינען צולאָפען געוואָרען, מיר מוזען זיך דעריבער נעהמען אַליין אָפען מאַכען דעם ארויסגאַנג, נו, ברידער, לאָמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט, נו, לעבעדיג!

מאַנזור־עפּענדי'ס ווערטער האָבען גוט געווירקט, מען האָט אָנגעצונדען פאַקעלן אום צו זעהען וואָס עס איז הינטער דער איינגעפאַלענער וואַנד. דאָרטען האָט זיך געזעהן אַן אַנדער צימער, פיעל גרעסער, ווי די דאָס צימער, וואו זיי זיינען געווען, און עס איז געבליבען מען זאָל איבערטראָגען די איינגעפאַלענע שטיינער פון דעם ערשטען צימער אין דאָס צווייטע. אַלע האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט, די דערווישען האָבען געשלעפּט די שטיינער, קאַדידזע און דער גריכע האָבען צוגעלייגט אין דעם ערשטען צימער, מאַנזור־עפּענדי אין דעם צווייטען. שטעהענדיג אין דעם צווייטען צימער איז איינגעפאַלען מאַנזור־עפּענדי'ן צו בעטראַכטען די וואַנד, פיעלייכט וועט ער עטוואָס בעמערקען א סמן, א שפּור, וואָס וועט איהם ענט־דעקען דעם אָרט וואו עס ליעגט דער אוצר. אין עטליכע מינוט ארום האָט ער ווירק־ליך בעמערקט אין מזרח וואַנד א פּליטע וואָס איז ארייננעשטעלט שפּעטער ווי די איבעריגע, ער האָט זיך דערמיט אזוי דערפרעהט, דאָס ער האָט פערגעסען די געפאַהר אין וועלכער ער און זיינע מיטהעלפער געפינען זיך נאָך, ווארום עס איז נאָך גאַנץ ווייט געווען, זיי זאָלען זיך ארויסראַטעווען פון דאָרטען מיט אייגענע קרעפטען און עס איז געווען ניין־און־ניינציג פּראָצענט דאָס זיי וועלען אַלע אין קורצען אויסשטאַרבען פון הונגער און פון דורשט. אָבער די געלד־גייציגקייט איז ביי דיעזען מענשען געווען אזוי גרויס, דאָס זיא האָט איהם פערבלענדעט די אויגען, פערפינסטערט דעם זינען, ער האָט קיין זאַך ניט געזעהען און ניט געפיהלט. ער איז נאָר געווען אונרוהיג פון איין זאַך, נעמליך, דאָס קאַדידזע און דער גריכע זיינען דאָ דערביי און דאָס ער וועט ניט ווילענדיג מוזען זיי אויך עטוואָס איינטהיילען פון אוצר, זיי זאָלען שווייגען. דאָס האָט זיך איהם אָבער שטאַרק ניט געוואָלט און ער האָט גענומען זוכען פּלענער ווי אַזוי פון זיי פּטור צו ווערען. ער וואָלט זיך ניט שעהמען זיי ביידען צו ערמאָרדען ווען עס וואָלט קיינער מיט זיי דאָרט ניט געווען, אָבער צו

טהאָן אזא זאך פאר דיא דערווישען אין דיא אויגען האָט ער מורא געהאט, און איהם האָט זיך געוואָלט זיי צו טוידטען אויף איין ארט, וואָס מען זאָל ניט וויסען אז ער איז אין זייער טוידט שולדיג. ער האָט פיעל געבראָכען דעם קאָפּ און ענדליך איז ער געפאלען אויף א גוטען פּלאן. ער האָט זיך געמליך מישב געווען, מען דארף אויסזוכען אין דער איינגעפאלענער וואנד איין אָרט, וואָס דיא פּולווער־מינע האָט אזוי געשאדט און צערטרייסעלט, דאָס עס איז זיך גענוג דאָרטען אָנצוריהרען אָדער א קלאפּ צו טאָהן מיט וואָס עס איז, עס זאָל גאָר איינפאלען, און דאָרטען אוועקשטעלען זיי ביידען.

דיעזער פּלאן האָט איהם געגאָלטען, אָבוואָהל ניט אין גאנצען, נאָר אויף דיא העלפט. דיא דערווישען האָבען אָבגעארבייט א שטונדע פינף און האָבען זיך ארומגעזעהען, דאָס דערווייל האָבען זיי נאָך אפילו קיין אָנפאנג ניט געמאכט, זיי זיינען שוין אָבער געווען אָהן קרעפטען און האָבען געמוזט ארייננעהן אין דאָס צווייטע צימער זיך אָברוהען. מאנזור־עפענדי האָט געזאָגט, ער וויל א בליק טהאָן וואו זיי האַלטען שוין מיט דער ארבייט, און מיט דיעזען אויסרייד איז ער אליין אין דאָס ערשטע צימער אריין און האָט אויפגעזוכט איין אָרט אין וואנד וואָס האָט זיך קוים געהאַלטען. וויא דיא דערווישען האָבען ווידער גענומען ארבייטען מיט דיא ביגעס, האָט ער דאָרטען אוועקגעשטעלט קאדידזע'ן מיט לאצארוס'ן. עס איז ניט אוועק קיין דריי מינוטען, וויא עס איז ארויפגעפאלען אויף ביידען א שטיק מויער! קאדידזע איז געבליעבען טוידט אויף'ן אָרט, לאצארוס איז נאָר לייכט פערוואונדעט געוואָרען. מאנזור־עפענדי איז מיט דעם אויך גאנץ צופריעדען געבליעבען: מיט איינע וועניגער איז אויך גוט.

קאדידזע'ס טוידט האָט אָבער אָנגעמאכט א גרויסען ליארם; דיא דערווישען האָבען זיך זעהר דערשראָקען און אויפגעהערט צו ארבייטען. דיא ארבייט איז אזוי אויך געווען איבער זייערע כוחות, מען האָט בעדארפט אָברוימען הונדערטע וועגען ציגעל, דערצו זיינען דאָרטען געלעגען אזעלכע שטיינער, וואָס זיי האָבען אלע צוזאמען ניט געקאָנט ריהרען פון אָרט. יעצט האָבען זיי נאָך בעקומען פורכט, זיי זאָלען ניט האָבען א סוף וויא קאידזע און האָבען פיר קיין ארט ניט געוואָלט בלייבען אין דעם ערשטען צימער. זיי זיינען געוואָרען זעהר אויפגעבראכט געגען מאנזור־עפענדי, וואָס ער האָט זיי אהין פערפיהרט און וואָס ער האָט זיי געהייסען מינעווען דיא וואנד. דיא לאגע איז געוואָרען שלימער פון מינוט צו מינוט, און מאנזור־עפענדי'ן איז נאָך אלין געלעגען אין זינען דער אוצר!...

איהם האָט נאָך אלץ דאָס הערץ ניט געשטילט, ער האָט געשארט אין אלע ווינקלען, געזוכט אומעטום מיט דיא אויגען, און האָט ענדליך בעמערקט א גרויסען

זאַרג (טרונע) פון ווייסען אלאבאסטער, וואָס דער דעקעל פון איהם איז ניט געוועזן גוט צוגעמאַכט. עס איז קיין ספק ניט געווען, דאָס איינער איז שוין געווען פריהער אין דיעזער פּיראַמידע און האָט געעפענט דיעזען זאַרג. צו וואָס האָט ער דאָס געטהאָן? פיעליייכט האָט ער אויך געזוכט דעם אוצר; פיעלייכט האָט ער דאָ וואָס עס איז בעהאלטען. . .

עס איז לייכט צו פערשטעהען, דאָס אונזער מאַנזור־עפענדי'ן האָט זיך אויך פערגלוסט צו זעהען, וואָס דאָרטען טהוט זיך אינווענינ. ער האָט אָנגעשטרענגט דיא לעצטע קרעפטען און האָט אָבגערוקט דעם דעקעל אין גאַנצען. אין טרונע איז געלעגען א מומיע און ביי איהר אויף'ן הארצען איין אראבישע שריפט. מאַנזור־עפענדי האָט געכאַפּט דיעזע שריפט ניט וועניגער האסטיג, וויא א הונגעריגער וואָלף א שטיק פלייש. אָבער דער אינהאַלט פון דיעזער שריפט האָט איהם וועניג פערגניגען געמאַכט.

„עס איז אומזיסט, געלדגייציגער מענש, וואָס דו זוכסט, — אזוי איז געשטאַנען אין פּאַפּיער, — עס האָבען שוין פריהער פיעלע געגראָבען און געזוכט, אָבער אנשטאָדט דעם אוצר פון דיא אלטע כאַליפען, האָבען זיי נאָר דאָ געפונען זייער טוידט. אלזאָ, אויב דיין לעבען איז דיר ליעב, אנטלויף פון היער וויא פון פייער! — איך, אלמאַנזאָר דער לעצטער, פון דער אביסידישע פאַמיליע". אויף דער אנדערער זייט איז געשטאַנען: „איך, שרייבער פון דיעזער שריפט, לעב נאָך... אלמאַנזאָר".

מאַנזור־עפענדי איז געבליבען שטעהן, וויא מען וואָלט איהם געגעבען מיט א האַק איבער'ן קאָפּ!... אזוי פיעל מיה געלייגט, זיך און פיעלע פרעמדע מענשען אריינגעשלעפּט אין לעבענס־געפאַהר, און נאָך אלעמען לאָזט זיך אויס א האָהן!... וואָס זאָל ער דאָ יעצט טהאָן? נאַטירליך, האָט איהם שוין יעצט מעהר ניט אינטערעסירט, וויא זיך ארויסצוראַטעווען, אָבער וויא? — מיט אייגענע קרעפטען איז אונמעגליך געווען גאָר צו דענקען פון רעטונג. פון דרויסען קומט אויך קיינער ניט. דער צאָרן פון דיא דערווישען געגען איהם האָט געוואַקסען פון מינוט. ער האָט זיך בעמיהט זיי צו בערוהיגען, דאָס זייערע דערווישען פון דרויסען וועלען זיך ארומזעהען, דאָס זיי קעהרען זיך ניט אום פון דער פּיראַמידע, און וועלען געוויס קומען מיט נאָך מענשען, און מען וועט זיי ארויסראַטעווען.

מיט דיעזער האָפנונג האָבען זיי אָבגעלעבט נאָך צוויי טעג, און קיין הילפע פון דרויסען איז נאָך אלץ ניט געקומען. עסען און טרינקען איז שוין לאַנג ניט געווען; באַלד וועלען זיי קיין פייער צו בעלייכטען אויך ניט האָבען. וואָס וועט זיין מיט זיי? עס איז געוואָרען א געוויין, א יאָמער דאָס טוידטע האָבען בעדאַרפט אויפשטעהען! יעצט האָט זיי מאַנזור־עפענדי אָנגעוויזען אויף געטליכע הילפע, האָט זיי געהייסען זאָגען קאַפּיטלען פון אלקאָראַן, נעהמען אויף זיך צו מאַכען א רייזע אין מעקקא, און

גאָט וועט זיך אויף זיי ערבארמען און שיקען רעטונג. מאנזור־עפענדי אליין איז אין גרונד, וויא מיר ווייסען, גאָר ניט פרום געוועזן און האָט פון רעליגיאָן גאָר ניט געהאַל־טען; נאָר ער האָט זיי געוואָלט דערוויל בערוהיגען, ביז וואנען מען וועט זיך אָן זיי דאָך דערמאָהנען און מען וועט זיי קומען בעפרייען פון דאָרטען.

אזוי איז אוועק נאָך א פּאָר טעג, און דיא לעבעדיג בעגראָבענע זיינען שוין געקומען צו אזא לאגע, דאָס זיי האָבען אויפגעגעסען קאדידזע'ס קערפּער. זיי האָבען שוין קיין פּאקעלען אויך ניט געהאט אָנצוצינדען און זיי זיינען געזעסען אין דער פינסטערניס, וויא א מאָל דיא איינוואָהנער פון עגיפּטען. יעצט האָבען זיי שוין פער־לאָרען דיא צייט רעכנונג; פריהער האָבען זיי נאָך געקאָנט אויסרעכנען דיא צייט, (אָבוואָהל זיי האָבען ניט געוואוסט ווען עס איז טאָג, ווען נאכט) נאָך דיא אוהר וואָס מאנזור־עפענדי האָט מיט זיך געהאט, אָבער יעצט האָבען זיי שוין קיין פייער ניט געהאט און זיי האָבען איינער דעם אנדערן אויך ניט געזעהען, ניט אזוי דאָס ציפער־בלאט פון אוהר. עס איז זיי געוואָרען אזוי ביטער, דאָס זיי האָבען זיך געוואונשען דעם טוידט, האָבען אָבער זיך ניט געקאָנט איהם דעררופען... אז מען וויל, איז דוקא ניט!... דער הונגער האָט זיי אזוי פיעל געמארטערט, דאָס זיי האָבען דיא שמערצען מעהר ניט געקאָנט פערטראָגען און עס איז ביי זיי געבליעבען, זיי זאָלען ווארפען גורל און שלאכטען איינעם פון זייערע קאמאראדען, אום מיט זיינע פלייש זיך צו ערנעהרען.

זיי האָבען פּאָרגעלייגט דעם פּלאן מאנזור־עפענדי'ן, וועלכען זיי האָבען אויך אריינגענומען אין גורל. מאנזור־עפענדי האָט געמוזט איינשטימען, ווייל ער האָט זעהר מורא געהאט איינצורייסען מיט דיא דערווישען, וואָס זיינען געוועזען אויף איהם שרעקליך אויפגעבראכט און וואָלטען גערנע איהם דעם ערשטען געשלאכטעט, ווייל ער אליין איז געוועזן שולדיג אין דעם גאנצען אונגליק. ווי זאָ למען אָבער אין דער פינסטערניס ווארפען גורל? מאנזור־עפענדי האָט געגעבען איין עצה, מען זאָל אויס־קלייבען איינעם פון זיי און איהם הייסען זיך יאָגען נאָך זיי: ווערמען ער וועט אָנחאפּען, דיעזען וועט מען שלאכטען. בעסער פון אלע, האָט ער געזאָגט, טויג צו דעם לאצארוס, וואָס האָט שוין גענוג מענשען אויף זיינעם לעבען געחאפּט. מאנזור־עפענדי האָט בכיון רעקאָמענדירט לאצארוס'ן, ער האָט געהאט ביי דעם א דאָפּעלטען ציעל; ערשטענס, וועט זיין דיענער איהם אליין שוין ניט חאפּען; צווייטענס, האָט זיך איהם געוואָלט, לאצארוס זאָל בעקומען אביסעל קלעפּ, וואָרום דיא יענע, וועלכע ער וועט אָנגרייפען, וועלען זיך געווים וועהרען מיט אלע קרעפטען, און ער וועט זיך ביי דעם געווים ניט נארען...

מאנזור'ס עצה איז געפעלען און עס האָט זיך באלד צוגישען דיא בעגראָבענע

אין דער פּיראמידע אָנגעפּאנגען א שרעקליכער שפּיעל אין בלינדע קוה (אָדער חא־
בּענים). לאצארוס האט זיך ארמגעיאָגט און האט בעקומען דיא פייערדיגע פּעטש פון
יענעם וואָס ער האט אָנגענומען און וואָס האט זיך פון איהם געוואָלט ארויסרייסען.
מאנזור־עפעדי האט געהאט דערפון אזוי פיעל פערגניגען, דאָס ער האט אויף א ווײלע
פערגעסען וואו ער איז אליין אין דער וועלט.

76.

דאָס פּאפּיער נומער 713.

דער גראף בייסט, עסטרייכישער געזאנדטער אין לאָנדאָן, האט געמאכט א באל, אויף וועלכען עס זיינען געוועזען געלאדען דיא גרעסטע לייט פון שטאָדט, אלע ענגלי־שע מיניסטאָרען, דיפּלאָמאטען, אויסלענדישע געזאנדטע. דער גראף האט געטהאָן וואָס עס איז נאָר געוועזען מעגליך, דער באל זאָל זיין וואָס שעהנער און רייכער, דיא געסט זאָלען זיין וואָס מעהר צופריעדען. אום צו ערייכען דיעזען ציעל, האט ער ניט געשפּאָרט קיין געלד און קיין מיהע. דער דינער האט זיך פערצויגען עטליכע שטונדען, מען האט געטרונקען דיא טהייערסטען ווײנען און דיא געסט וואָס זיינען געוועזען מידע און צוטיטצט, האבען זיך קוים דערוואַרט מען זאָל דערלאנגען אויפ'ן טיש שאמ־פּאניער, זיי זאָלען קענען אויפשטעהען פון זייערע שטוהלען. ענדליך איז דיא מינוטע אויך געקומען. אלע געסט האבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער, אום צו שפּאצירען איבער דיא זאאלען און עטוואס צו ערהאָלען זיך פון דעם לאנגען זיטצען. ביים טיש איז נאָר געבליעבען א קליינע גרופּע פון דריי פּערזאָנען: דער הערצאָג נאָרפּאָלק, דער גראף וויליאם און דער מארשאל גראנד פון שפּאניען.

זיי האבען זיך פערטיעפט אין א געשפרעך. מען דארף נאָר ניט מיינען דאָס זיי האָבען געשפּראָכען „סתרי־תורה” אָדער פון וויכטיגע פּאָליטישע געגענשטענדען. ניין, אין יענער מינוט זיינען זיי אזעלכע זאכען מיט נעלעגען אין זינען, און זיי האבען זיך אונטערהאלטען מיט גאנץ איינפאכע געגענשטענדען.

וואָס מיך בעטרעפט,—האט זיך אָבגערופען דער מארשאל גראנד,—קען איך אייך זאָגען, דאָס מיר זיינען בעקאנט אלע שעהנע פרויען פון לאָנדאָן און איך האָב דאָס גליק צו ליעבען דיא שעהנסטע פון אלע.

— פערצייהען זיי מיר, מיין הערר, — האט איהם געענטפערט דער הערצאָג נאָרפאָלק, — איך האלט פון אייך זעהר פיעל אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען, אָבער איך האָב צו אייך גאָר ניט קיין צוטרויען אין אנגעלעגענהייטען פון פרויען ליעבע... דאָ איז זעהר לייכט א טעות צו האָבען, מען זאָל זיך זעלבסט נארען און מען זאָל אַנדערע נארען... איך קאָן אייך זאָגען, דאָס דיא שעהנסטע דאמע פון לאָנדאָן גע־הערט צו מיר און ניט צו אייך.

— און איך קאָן אייך פערזיכערן, — האָט דער מארקיז וויליאם געזאָגט, — דאָס איהר זייט ביידע אין טעות... ווארום, וויא איך וויים, געהערט דיא שעהנסטע דאמע פון לאָנדאָן צו מיר און ניט צו קיינעם!

— אזוי געהט עס אימער מיט דעם פערליעבטען, — האָט בעמערקט דער הערצאָג, — יעדען פערליעבטען דוכט זיך דאָס זיינע איז דיא שעהנסטע... דערצו נאָך זיינען דיא געשמאקען פערשיעדען, איינעם געפעהלט א ברונעטין, דעם אנדערן א בלאָנדין, און דאָס גלייכען.

— אָבער וואָס ברויכען מיר צו שטרייטען איבער א זאך, אין וואָס מיר קאָנען זיך איבערצייגען מיט דיא אייגענע אויגען? — האָט זיך אָבגערופען דער מארשאָל גראנד, — זאָל מען צוזאמענפיהרען אונזערע דאמען וואו עס איז, ביי איינעם פון אונז, און מיר וועלען זעהען, וועלכע פון זיי איז דיא שעהנסטע, און מיר וועלען זיך פערשפאָרען צו קריעגען.

— זעהר גוט, — האָט געזאָגט דער הערצאָג, — אָבער וויא פיהרט מען זיי צוזאמען? יעדע פון זיי וועט זיך פיהלען בעליידיגט, ווען זיא וועט געפינען ביי איהר געליעבטען אין הויז צוויי אנדערע דאמען.

— ווער הייסט אונז זיי צוזאמענפיהרען צו אונז? — האָט דער מארשאָל גע־ענטפערט, מיר קאָנען קומען מיט זיי אין דיפּלאָמאטען־קלוב, און ניט שפּעטער וויא היינט אבענד.

— דאָס איז וואָס אנדערש, דאָס לאָזט זיך שוין שיקען, — האָט איינגעשטימט דער הערצאָג.

אזוי איז ביי דיא פריינד געבליבען.

דער הערצאָג נאָרפאָלק איז אָבער, וויא מיר וויסען, מיט זיין דאמע אין דער לעצטער צייט געוואָרען עטוואָס קאלט ווייל ער האָט איהר ענטזאָגט ארויסצוגעבען א קאָפּיע פון דעם פּאפּיער נומער 713. ער האָט דעריבער איינגעזעהען, דאָס עס איז נעטהיג מיט איהר גוט פריינד צו ווערען, אנדערש וועט זיא ניט וועלען געהן מיט איהם אין קלוב. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו לאָזען בריינגען צו זיך אהיים יענעם פּא־פּיער און צו זעהען, פיעלייכט איז מעגליך איהר צו טהאָן דיא געפעלינקייט, איידער וואָס עס וועט זיין, האָט ער געשיקט צו ליידי שטראַדפאָרט א בריעף מיט איין איינ־לאַדונג זיא זאָל קומען צו איהם אין אבענד, ווייל ער האָט איהר וואָס מיטצוטהיילען וועגען דער קאָפּיע וואָס זיא פערלאנגט. ביי דעם האָט ער איהר געשריבען, דאָס ער רעכענט מיט איהר צו געהן אין דעם דיפּלאָמאטען־קלוב, וואו עס וועלען זיין פיעלע פּאָרנעהמע דאמען.

דער מארשאל און דער מארקיז האָבען אויך געשריעבען איינלאַדונגס־בריעף צו זייערע דאמען.

אין דער צייט, וואָס דיא דריי קאָלעגען האָבען זיך אזוי אונטערהאלטען ביים גראף בייסט אין הויז, איז דיא לידי שטראדפאָרט געזעסען אין דעם קאבינעט פון א לאָנדאָנער אדוואָקאט, צו וועלכען זיא האָט זיך געווענדט, ער זאָל איהר בעהילפיג זיין פריי צו ווערען פון איהר מאן וואָס פערפינסטערט איהר דאָס לעבען און מאכט זיא אומגליקליך. קומענדיג פון דעם אדוואָקאט אהיים, האָט זיא זיך ניט געקאָנט אבוואונדערן, איבער צוויי איינלאדונגס־בריעף, וואָס זיא האָט געפונען מיט א מאָל, פון מארקיז און פון מארשאל, וואָס האָבען איהר ביידע געלאדען צו קומען אין דער זעלבער שטונדע!... קוים וואָס זיא האָט געענדיגט לעזען דיעזע בריעף, האָט מען איהר געמעלדעט, דאָס הערצאָג נאָרפאָלק'ס קאמער־דיענער איז צו איהר געקומען. זיא האָט זיך זעהר ערפרעהט. „געוויס איז דאָס וועגען דער קאָפּיע, וועלכע ער האָט מיר דאמאָלס אזוי ענטזאגט, האָט זיא זיך געטראכט, ער האָט זיך ארומגעזעהען"... דער קאמער־דיענער האָט איהר געבראכט פון הערצאָג א בריעף. זיא האָט איהם גלייך געפּעגט און וויא זיא האָט דורכגעלעזען דיא ערשטע דריי, פיער צייל[ע]ן האָט זיא אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, ווארום דאָס איז געוועזען א דריטע איינלאדונג אין דער זעלבער שטונדע אין דעם זעלבען קלוב. אויסער דיא איינלאדונג האָט איהר דער הערצאָג ווירקליך געשריבען וועגען דעם פּאפּיער, דאָס עס ליעגט שוין פערטיג ביי איהם אויף'ן פולט. זארא שטראדפאָרט האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט געפרעגט דעם קאמער־דיענער, צו דער הערצאָג האָט איהם געגעבען דעם בריעף ביי זיך אין הויז, אָדער אין איין אנדערער שטעלע.

וויא דער קאמער־דיענער האָט איהר מיטגעטהיילט, דאָס זיין הערר האָט געשריבען דיעזען בריעף אויף'ן באל ביים עסטרייכישען געזאנדטען, האָט זיא זיך נאָכגעפרעגט וועלכע געסט זיינען דאָרטען געוועזען און האָט זיך דערוואוסט פון איהם, דאָס דאָרטען זיינען אויך געוועזען דער מארשאל גראנד און דער מארקיז וויליאם. יעצט האָט זיא שוין פערשטאנען וויא אזוי זיא האָט בעקומען דריי איינלאדונגען מיט א מאָל פון דריי פערשיעדענע פערזאָנען צו קומען אין דער זעלבער שטונדע אין דעם זעלבען אָרט. זיא האָט נעמליך פערשטאנען, דאָס דיא דריי דיפּלאָמאטען, וואָס זיינען געוועזען אויף'ן באל אביסעל בערוישט פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, האָבען זיך בעריהמט איינער פאר דעם אנדערן, דאָס זיין געליעבטע איז דיא שעהנסטע פון אלע, וויל יעדער האָט געגלויבט, דאָס זיא, לידי שטראדפאָרט, געהערט מעהר ניט וויא צו איהם אליין. אלזא, האָבען זיי זיך געוויס געוועט צווישען זיך און אָבגעמאכט, יעדער זאָל אין אבענד קומען מיט זיין געליעבטער אין דיפּלאָמאטען־קלוב, און מען וועט שוין

זעהן, ווער פון זיי עס האָט רעכט און ווער אונרעכט. דיעזער אומשטאַנד האָט איהר זעהר לוסטיג געמאַכט און זיא האָט דערביי אַזוי פיעל געלאַכט וויא פון איינער העכסט לעכערליכער קאָמעדיע.

— גוט, — האָט זיא געזאָגט צו זיך זעלבסט, — איך געה און איך וועל איךָ אַלע דרייען לאָזען מיט לאַנגע נעזער... יעצט וועט שוין דאָס שפּיעל נעהמען איין ענדע... און איך בין העכסט צופריעדען... איין מאָל בעקום איך דיא קאָפּיע נומער 713, געהער איך שוין אין גאַנצען מעהר ניט וויא צאַרא'ן, און איהר אַלע דריי — אַדיע, אויף אימער!

זיא האָט זיך אויסגעפּוצט „אין עסיג און אין האָניג" און איז אוועקגעפאָהרען צום הערצאָג נאַרפּאַלק אין הויז. דער הערצאָג איז ניט לאַנג אוועקגעגאַנגען וואוהין עס איז; אָבער לעדי שטראַדפאָרט האָט געזאָגט, דאָס זיא וויל איהם ערוואַרטען אין דעם קאַבינעט, ווייל, זיא וויים, ער וועט באַלד קומען און זיא האָט איהם זעהר נעטהיג צו זעהען. דיא הויזלייטע האָבען געוואוסט, דאָס דער פּרינציפּאַל איז מיט איהר זעהר נאָהענט אויפגעטראָגען און דעריבער האָבען זיי איהר גאַנץ פיין אויפגענומען און אריינגעפיהרט אין קאַבינעט. זיא איז זיך דאָרטען געבליבען אַליין, און מעהר וויא דאָס האָט זיא ניט באַדאַרפט. זיא האָט גלייך גענומען זוכען אויף'ן שרייב-טיש און האָט אין דער זעלבער מינוט געפונען אונטערן טישטוך דאָס פּאַפּיער נומער 713. אָהן דיא מינדעסטע פורכט, גאַנץ רוהיג, האָט זיא זיך געזעצט לעבען טיש און אַראָבגענומען פון יענעם פּאַפּיער אַ קאָפּיע. וויא דיא ארבייט איז געווען צו ענדע, האָט זיא דאָס פּאַפּיער צוריק אוועקגעלייגט אויף זיין אָרט און דיא קאָפּיע בעהאַלטען ביי זיך אין טאַשע.

איהר קאָנט פאַרשטעלען וויא זיא איז צו פריעדען געווען, וואָס זיא האָט דעם הערצאָג ניט געפונען צו הויזע. זיא איז אויפגעשטאַנען אום שוין אוועקצוגעהן, אָבער מיט אַ מאָל האָט זיא זיך דערמאָהנט, דאָס זיא האָט נאָך עטוואָס צו טהאָן.

זיא האָט אויסגעטהאָן פון זיך דיא ציערונג, וואָס איז אויף איהר געווען, האָט דאָס אַלעס צוזאַמען געפּאַקט און אוועקגעלייגט ביים הערצאָג אויפ'ן שרייב-טיש. דאָס איז געווען פּרעזענטע, וואָס זיא האָט בעקומען פון הערצאָג, ביז אַהער זיינען זיי איהר געווען זעהר ליעב און אַנגענעהם, אָבער וויא זיא האָט זיך בעפריינדעט מיט צאַרא-בעי, זיינען זיי איהר געוואָרען צו לאַסט און האָט זיי מעהר ניט געוואָלט טראָגען. זיא האָט אַלעס געלאָזען אויפ'ן טיש מיט אַ צעטעלע פון דריי ווערטער: „פיר איין אַנדערער"...

זיא האָט זיך דערביי אַ שמייכעל געגעבען און געזאָגט:

— ער איז א פוקס... ער האָט מיך געוואָלט בעטריגען, יעצט האָב איך איהם אריינגענארט אין זאק...

מעהר האָט זיא שוין דאָרטען ניט געהאט וואָס צו טהאָן, זיא האָט געבעטען דיא הויזלייטע מען זאָל מעלדען דעם הערצאָג, דאָס זיא האָט זיך אויף איהם ניט געקאָנט ערווארטען און איז אוועקגעגאנגען אין דיפּלאָמאטען־קלוב, וואו ער וועט איהר געפינען אין איהר לאָזשע.

אין דיעזען דיפּלאָמאטישען קלוב פלעגט מען אָפט שפּיעלען טהעאטער־שטיקע, און דיא פאָרנעהמסטע לייטע פון לאָנדאָן, העררן און דאמען, האָבען דאָרטען געהאט שטענדיגע געדונגענע לאָזשעס, וויא אין א געוועהנליכען טהעאטער.

לײדי שטראדפאָרט איז געקומען אין קלוב און גלייך אריין אין לאָזשע. אָפט פלעגען איהר אין דיעזער לאָזשע בעזוכען פאָרנעהמע לייטע, דיפּלאָמאטען, געזאנדטע. גראדע אין יענעם אבענד זיינען אין דער לאָזשע פון ענטקעגען געזעסען דער הערצאָג גארפאָלק,דער מארקיז וויליאם און דער מארשאל גראנד. זיי זיינען אלע געוועזען זעהר פרעהליך. יעדער פון זיי האָט געגלויבט, דאָס זיין געליעבטע איז געקומען אויף דיא איינלאדונג און דיא געליעבטע פון זיינע צוויי פריינדע זיינען ניט געקומען, ווייל זיי האָבען זיך ערקונדיגט צו וואָס מען האָט זיי געלאדען, און זיי ווייסען, דאָס זיי קאָנען זיך מיט דער לײדי שטראדפאָרט ניט פערגלייכען אין שעהנהייט. ווען ניט דיעזע אורזאכע, וואָלטען זיי געוויס אלע געקומען, ווארום וועלכע פרוי וויל דאָס ניט זיין אין טהעאטער און שטאָלצירען מיט איהר שעהנהייט און איהרע קליידער?

אזוי האָט זיך יעדער פון זיי געדאכט ביז מען האָט געענדיגט שפּיעלען אויף'ן סצענע און מען האָט אראָבגעלאָזען דעם פאָרהאנג. דאמאָלס האָט זיך דער הערצאָג געווענדט צום מארקיז:

— נו, העררר מארקיז, וואָס זאָגען זיי יעצט?

— וואָס זאָל איך זאָגען, — האָט געענטפערט דער מארקיז, — איך זאָג דאָס פון אונזער געוועט איז גאָר ניט געוואָרען. אייערע געליעבטע און דיא געליעבטע פון מארשאל זיינען ניט געקומען; אלזאָ, איז דאָס א בעוויז, דאָס זיי קומען ניט אין שעהנהייט צו מיינער דאמע... וואָס דען קאָן זיין דיא אורזאכע, וואָס זיי זיינען ניט געקומען? וועלכע דאמע ליעבט ניט צו גלאנצען פאר אנדערע מיט איהר שעהנהייט און טואַלעט?

— מיר פערשטעהען זיי ניט, — האָבען זיך מיט א מאָל אָבגערופען דער הערצאָג און דער מארשאל.

— און וואָס איז דאָ צו פערשטעהען? — האָט זיך געוואונדערט דער מארקיז,—

איך מיין אייך נאָר צו איבערצייגען, דאָס מיין דאמע איז דיא שעהנסטע, אלזאָ, האָב איך געוואונען דעם וועטט.

— פערצייהען זיי, הערר מאַרקיז, — האָט זיך אָבגערופען דער הערצאָג, — וואו זעהען זיי איהרע דאמע? דאָרטען זיצט דאָך ליידי שטראַדפאָרט?

— געוויס ליידי שטראַדפאָרט, — האָט געענטפערט דער מאַרקיז, — געוויס זיא און ניט קיין אנדערע... האָב איך ניט רעכט צו זאָגען, דאָס זיא איז דיא שעהנ־סטע פון אלע? . . .

— וואָס שפּרעכען זיידאָ? — האָט זיך מיט האסט אָבגערופען דער מאַרשאַל,— דיעזע דאמע געהערט פון לאנג אָן צו מיר מיט לייב און לעבען!...

— וויא איך זעה, הערר מאַרשאל, איז מיט זיי ניט בעסער וויא מיט דעם הערר מאַרקיז... זיי שפּרעכען ביידע וויא פון היטץ... דיעזע דאמע איז מיינע איין אייגענע... זיא קאָסט מיר א שטיק גאָלד... זיא האָט זיך מיר פערקויפט... און ווער קאָן זיך אונ־טערשטעלען אויף איהר צו ווארפען איין אויג?...

א וואָרט פיר א וואָרט, און דיא פריינדע זיינען שרעקליך געוואָרען צוהיצט, האָבען געשריען, געצאנקט, און עס וואָלט געוויס געקומען צו א געשלעג, ווען זיי וואָלטען מיט א מאָל ניט דערזעהען, דאָס דיא לידי שטראַדפאָרט הערט זיך צו אין לאָזשע זייער געשפּרעך און מאכט זיך איבער זיי אלע לוסטיג...

— גיעבט אכט, מיינע הערען, — האָט זיך ענדליך אָבגערופען דער מאַרקיז, — וויא זיא לאכט אונז אלע אויס... אלזאָ, האָט זיא אונז אלע געפיהרט פיר'ן נאָז... מיר האָבען אלע געליעבט איהר איינע און זיא האָט קיינעם פון אונז ניט געליעבט... זיא האָט אונז גענארט, געוויס האָט זיא געהאט דערביי א ציעל און האָט דאָס אומ־זיסט ניט געטהאָן... יעצט דאַרף זיא שוין אונז ניט, דעריבער, קימערט איהר ניט, מיר זאָלען זיך אלע ערקונדיגען דיא וואהרהייט...

— וואָס פיר א ציעל האָט זיא געקאָנט האָבען מיך צו נארען מיט פאלשער ליעבע? — האָט געפרעגט דער הערצאָג.

— וואָס מיך אנבעלאנגט, — האָט דער מאַרקיז געזאָגט, — האָט זיא געוואָלט פון מיר בעקומען דיא דעפּעשע פון דעם פראנצויזישען מיניסטער, אונטער דעם נומער 713. געוויס האָט זיא אזעלכע ציעלע געהאט ביי יעדען פון אונז... זיא איז א גוטע „קאָך לעפעל", וואָס מאכט אומעטום אינטריגען...

דעם הערצאָג'ס געזיכט האָט זיך מיט א מאָל געענדערט. ער איז געוואָרען בלייך און פערקימערט. ער האָט זיך דערמאָהנט, דאָס ער האָט געשריבען דער לידי פון דיעזער דעפּעשע, און עס איז איהם איינגעפאלען אויף'ן געדאנקען, צו איז זיא ניט געקומען צו איהם, אין דער צייט וואָס ער איז ניט געוועזען צו הויז, און האָט אין דער

שטיל ארויסגעגנב'עט דיעזע וויכטיגע דעפּעשע? ער איז געזעסען וויא אויף הייסע קויהלען. אין עטליכע מינוט ארום האָט ער גענומען אבשיעד פון זיינע קאָלעגען און איז אַהן איין אָטהעם אוועקגעפלויגען צו זיך.

עס איז איהם געוואָרען נאָך שלימער און פינסטערער אויף'ן הארצען, וויא זיינע דיענער האָבען איהם געמעלדעט פון ליידי שטראַדפאָרט'ס בעזוך ביי איהם אין קאבינעט. אריינגעהענדיג אין קאבינעט, האָט ער זיך גלייך געכאַפּט צו דער דעפּעשע אונטער'ן טישטוך און האָט דערקענט, דאָס זיא איז שוין געווען ביי לייַדי שטראַדפאָרט אין דיא הענד, ווארום זיא איז אין א פּאָר ערטער געווען פערשפּריצט מיט פרישע טינט. עס האָט שוין קיין שום ספק ניט געקאָנט זיין, דאָס זיין געוועזענע געליעבטע האָט פון דיעזער דעפּעשע אראָבגענומען א קאָפּיע, און יעצט לאַכט זיא איהם אויס. . .

באלד האָט דער הערצאָג בעמערקט ביי זיך אויף'ן טיש דיא ציערונג, וואָס לייַדי שטראַדפאָרט האָט איהם איבערגעלאָזען צוזאמען מיט דעם קורצען און שארפען צעטעלע. דאָס האָט איהם נאָך מעהר פערדראָסען, און געקרענקט, וויא דיא געשיכטע מיט דער דעפּעשע, ווארום ער האָט אין דעם מיט רעכט איינגעזעהען, דאָס זיין געליעבטע האָט זיך פון איהם אויף אימער ענטזאגט.

77.

ערמאָרדעט דיא קאָנסולען פון סאלאָניק.

אם 5טען מאי 1876, זיינען אין סאָלאָניק ני טווייט פון באהן האָף געגאנגען צוויי מענער. זיי זיינען געווען געקליידעט אנדערס וויא דיא איינוואָהנער פון דיעזער שטאָדט. דיא גאס, אין וועלכער זיי זיינען געגאנגען, איז געלעגען אָן א זייט און איז געווען פון ביידע זייטען פערפלאנצט מיט נעדיכטע בוימער. איינער פון זיי איז געווען אין א'ן אלטע טירקישע פעסע אויף'ן קאָפּ, אין א יאקע אָהן ארבעל און קורצע הויזען ביז דיא קניע. מיט נאקעטע הענד און באָרפוס. דאָס געזיכט איז איהם געווען שטארק פערברענט פון דער זוהן. ער איז געווען אלט, וויא עס האָט אויסגעוויזען פון זיין זיל־בער ווייסען באָרד. דער אנדערער איז געווען פיעל איינגער, אָבער געקליידעט איז ער געווען רייכער און בעסער וויא יענער. דער אונטערשיעד איז נאָר געווען, וואָס ביים איינגערען איז געווען דער קאָפּ ארומגעוויקלט מיט א גרינעם אראבישען טוך און אויף'ן שטערן האָט געגלאנצט א גאָלדענע באנד.

— זיי האָבען מיר ניט געפאָלגט, — האָט זיך אָבגערופען דער שלאנגען־בע־שווערער צו דער „גאָלדענער מאסקע“, — זיי האָבען מיר ניט געהאָרכט און זיינען אוועקגעגאנגען... אלא־באשא האָט בעצאָהלט מיט זיין אייגענעם לעבען... פון יענער צייט אָן געה איך פון שטאָדט צו שטאָדט און בעמיהע מיך איינצולעשען דיא רעווא־

לוציאָן, דאָס פֿייער וואָס מאנזור־עפענדי האָט מיט זיינע אגענטען אָנגעצונדען אין אלע כריסטליכע פּראָווינצען... מיין מיה איז אָבער אומזיסט...

— דאָס זעלבע טהוען אלע אונזערע ברידער, — האָט געזאָגט „דיא גאָלדענע מאסקע", — אָבער ביז אהער זיינען מיר ניט געווען גליקליכער, וויא דו. מאנזור־עפענדי איז שטארקער וויא מיר, ווארום אויף זיינער זייט איז דער פאנאטיזמוס וואָס וויל ניט זעהען און ניט הערען, און אויף אונזער זייט איז נאָר דער קאלטער פערשטאנד. . .

— איך בין יעצט געקומען אהער, — האָט ווידער געזאָגט דער שלאנגען־בעשווערער, — ווייל איך וויים, דאָס היער אין סאלאָניק וועט אין קורצען אויפפלאקערן א נייע רעוואָלוציאָן...

— דו מיינסט געוויס, — האָט דיא „גאָלדענע מאסקע" געאנטוואָרטעט, — דאָס היער וועט זיך באלד אָנפאנגען דיא בלוטיגע געשיכטע מיט דעם בולגארישען מעדכען, אזוי וויא עס האָט געטראָפען אין סערביען, באָסניען, וואו מאנזור־עפענדי'ס אגענטען האָבען בכיון צווישען דיא כריסטען געמאכט א קלאנג, דאָס דיא טירקען האָבען געפאנגען מיט געוואלט א כריסטליכעס מעדכען, האָבען איהר שרעקליך בעליידיגט, און זיינען זיך מיט איהר דערנאָך אונמענשליך בעגאנגען. — אזוי האָבען זיי אלע כריסטען אויפגערייצט נעגען אונזער רעגיערונג...

—צו דאָס איז דיא אורזאכע פון מיין קומען אהער, צו איין אנדער זאך, איז פיעל גלייך, ברודער הוניקאר, — האָט געזאָגט דער שלאנגען־בעשווערער, — גענוג דאָס איך ווירק און בעמיהע מיך פיר דיא זעלבע זאך, וואָס דו און אלע אונזערע ברידער. פון דער צייט אָן וויא איך בין אוועק פון דער פּיראמידע על־טעה, האָב איך מיך גענומען זעהר פעסט צו דיעזער הייליגער זאכע. איך האָב פון זיך אראָבגעוואָרפען דיא פריהערדיגע קליידער און אָנגעצויגען אנדערע, אום מען זאָל מיך ניט דערקענען. אין קאירא האָב איך ביי איין אלטען פערזער געקויפט זיינע שלאנגען און זיך אויסגעלערנט פון איהם זיין קונסט... אזוי געה איך ארום פון שטאָדט צו שטאָדט און ווירק וויא א טרייער דיענער פיר אונזער הייליגער זאכע.

— אלע אונזערע ווייסען דאָס שוין פון לאנג אָן און שעטצען דיך זעהר פיר דיין טרייהייט און מיהע.

— ווען דו, ברודער הוניקאר, ביזט אויך געקומען אהער איינצוהאלטען דיא רעוואָלוציאָן, וואָס קאָן זיך אָנצינדען איבער דיא געשיכטע מיט דעם בולגארישען מעדכען, וואָלט איך געזאָגט, דו זאָלסט בעסער געהן פון דאנען אין איין אנדער אָרט, וואו דו וועסט נעטהיגער זיין. היער בין איך אליין אויך גענוג, ווייל איך וויים גאנץ גוט דיא געשיכטע מיט דעם מעדכען און איך וועל אויך געפינען א מיטעל

אין דער צייט איינצוהאַלטען דיא היזיגע איינוואָהנער עס זאָל ניט קומען צו בלוט־פערגיסונג. דאָס בולגארישע מעדכען וואָהנט מיט איהרע עלטערן דאָ ניט ווייט אין א דאָרף. א יונגער טירק האָט זיך אין איהר פערליעבט, זיא ליעבט איהם אויך און וויל אָננעהמען דעם מאהמעדאַנישען גלויבען און הייראַטהען מיט איהם. דיא עלטערן זיינען ניט מסכים דערצו; זיי ווילען פיר קיין אַרט ניט, זייער טאָכטער זאָל וועקסלען דעם גלויבען, בפרט נאָך דאָס זיי זאָגען, אז דער טירק ליעבט איהר גאָר ניט און מיינט גאָר ניט מיט איהר צו הייראַטהען. היינט האָט מען דאָס מעדכען מיט געוואַלט צוגענומען פון דיא עלטערן און דיא דאָרפסלייטע האָבען זיך צוטהיילט אין צוויי פאַרטיעס: כריסטען און טירקען, וועלכע זיינען שרעקליך אויפגעבראַכט איינע געגען דיא אנדערע. מאַנזור׳ס אגענטען העצען זיי און ריידען איין דיא כריסטען, דאָס דיא גאַנצע געשיכטע איז נאָר א פאַלשע, מען מיינט נאָר אריינצונאַרען דאָס כריסטליכע מעדכען אין מאהמעדאַנישען גלויבען און דערנאָך וועט מען איהר אוועקשלעפען צום עמיר אין האַרעם... דיא עלטערן האָבען זיך געווענדט מיט א ביטט־שריפט צום גובערנאַטאָר, אָבער מאַנזור מיט זיינע אינטריגען האָט אויסגעווירקט, ער זאָל זיי קיין אַנטוואָרט געבען. דערפון זיינען דיא כריסטען נאָך מעהר אויפגעבראַכט, און וויא עס שיינט, וועט היינט אין אבענד ארויס איין אָפענער שטרייט צווישען דיא כריסטען און דיא טירקען פון דאָרף; היינט וועט דאָס מעדכען מיט גרויס פאַראַד אָבגעפיהרט ווערען אין דיא הויפט מאָשעע אום אָנצונעהמען דעם מאהמעדאַנישען גלויבען. מען וועט איהר בריינגען אהער מיט דער אייזענבאַהן און אלע טירקישע איינוואָהנער פון דאָרף וועלען איהר בעגלייטען.

— אלזאָ, ברודער הוניקאַר, ווייס איך, וויא דו זעהסט, דיא געשיכטע פון אלף ביז תו, און איך וועל פיעלייכט אָהן דיר קאָנען אויסקומען. איך וועל מיר שוין איין עצה געבען. . .

— זעה נאָר דאָרטען, ברודער אבונעצע, — האָט איך אָבגערופען צו איהם „דיא גאָלדענע מאסקע", — גיעב אכט אויף׳ן וועג לעבען באַהן־האָף, וויא פיעל מענשען האָבען זיך דאָרטען צוזאַמענגעקליבען, איך גלויב דאָס מען קלייבט זיך שוין אויף דיא חתונה. . .

— יאַ, יאַ, דאָס זיינען כריסטליכע איינוואָהנער פון סאַלאָניק: זיי האָבען ערהאַלטען א נאַכריכט, דאָס עס קומט באַלד אָן דער צוג מיט דעם מעדכען, און זיי זיינען געקומען מיט געוואַלט איהר אוועקנעהמען פון דעם טירק. אלזאָ, ווען דו ביזט שוין יאַ דאָ, לויף שנעל צום גובערנאַטאָר און ערקלער איהם, וואָס פיר א געפאַהר דאָ איז, וואָס פיר אונגליקען עס קען ארויס, אויב ער וועט עס ניט אָבהאַלטען... פון איהם געה דאָרטען, וואו מען ברויכט דיך נעטהיגער. איך וועל מיך

פערמישען צווישען דיא צוהיצטע קאָמפּאניע און וועל זעהן צו מאכען רוהע, איינ־צושטילען דיא אויפגעהעצטע פיינדע, זאָ כריסטען, וויא טירקען... געה, און גאָט זיי מיט דיר.

— יא, יא! — האָט זיך אָבגערופען הוניקאר, — עס איז נאָך דאָ פיעל צו טהאָן, ביז מיר וועלען אויסוואָרצלען פון דער וועלט דיא פיינדשאפט צווישען איין רע־ליגיאָן און דער אנדערער, ביז מיר וועלען פעראייניגען און בעפריינדען אלע פעלקער און אלע רעליגיאָנען!

„דיא גאָלדענע מאסקע" איז אוועק אין שטאָדט, אבונעצע צום באהן־האָף.

אויף'ן באהן־האָף זיינען הונדערטע בולגארען ארומגעגאנגען הין און הער, מיט דער גרעסטער אונגעדולד ווארטענדיג דאָס אָנקומען פון צוג. זיי זיינען געווען העכסט אויפגערעגט, בייז, וויא ווילדע טהירע פערשפּארט אין אייזערנע שטייגען. זיי האָבען אויסגעשטעלט דיא פויסטען געגען דיא טירקען, וואָס לאָזען זיי אזוי לאנג ווארטען. דיא ענגשאפט אויף'ן באהן־האָף און דערביי איז געוואָרען גרעסער פון מינוט צו מינוט. באלד איז אויך געקומען דער צוג מיט דעם בולגארישען מעדכען ווארדא... עס איז געוואָרען א שרעקליכער ליארם... ערטערווייז האָט זיך שוין געלאָזט הערען קלעפּ צווישען כריסטען און טירקען. אין דיעזער מינוט איז געפאָהרען לעבען באהן־האָף דער אמעריקאנישער קאָנסול, א בולגארער מיט דעם נאָמען האדיא. ער האָט געפרעגט דיא אורזאכע פון דעם ליארם, און וויא מען האָט איהם מיטגעטהיילט דיא געשיכטע מיט דעם בולגארישען מעדכען, וואָס מען שלעפּט יעצט מיט געוואלט אין דיא מאָשעע, איז ער אראָב פון וואָגען און איז אויך אריין אין באהן־האָף.

ער האָט גלייך בעמערקט, דאָס מען איז שוין דאָרטען גאנץ ווייט פערפאָה־רען: מען ליגט שוין אויף דר'ערד, מען רייסט זיך דיא בערד און עס לויפען אָהן ערבארעמען קלעפּ און פּעטש.

מיט א מאָל האָט זיך צווישען דיא טירקען בעוויזען דער גרייז גראָהער אבו־נעצע און האָט אויסגעשריען:

— הערט! הערט מיין ראטה, פאָלגט ניט דיא דערווישען! זיי העצען אייך אָן און ווילען מען זאָל אייך שלאָגען!

אבונעצע האָט זיך בעמיהט צו איבערצייגען דיא טירקען, זיי זאָלען זיך האלטען רוהיג און ניט מאכען סקאנדאלען, פון וועלכע זיי וועלען פיעל ליידען.

עס קאָן זעהר זיין, דאָס דעם שלאנגען־בעשווערער'ס קלוגע ווערטער וואָלטען געווירקט און דיא אויפגערעגטע טירקען וואָלטען געוואָרען רוהיג און פריעדליך, אָבער צום אומגליק האָבען זיך אריינגעמישט אין ליארם דער קאָנסול מיט נאָך איי־ניגע צוהיצטע בולגארען, וועלכע האָבען געוואָלט אוועקנעהמען דאָס מעדכען און

אַבפיהרען צום קאָנסול אויף'ן קווארטיר. דאָס האָט נאָך מעהר צורייצט און אויפגערעגט ביידע פיינדליכע פארטייען. אבונעצע האָט גלייך פערשטאנען, דאָס דיזעס וועט צו קיין גוטען ניט ברייגען, און ער האָט זיך געווענדט צום קאָנסול מיט א גוטען ראטה, מען זאָל בעסער דאָס מעדכען אָבפיהרען צום גובערנאטאָר, וואָס וועט שוין וויסען וויא בעסער דיא געשיכטע איינצואָרדנען. דיא בולגארען האָבען אָבער איהם ניט געפאָלגט; זיי האָבען מיט געוואלט ארויסגעריסען פון דיא טירקען דאָס מעדכען, וואָס זיי האָבען אריינגעזעצט צום קאָנסול אין וואָגען און אָבגעפיהרט צו איהם אהיים. דיא בולגארען האָבען זיך שוין געפרעהט דאָס זיי האָבען אויסגעפיהרט, וואָס זיי זיינען געבליעבען דיא זיעגער. דיא טירקען האָבען זיך אפילו געוואָלט נאָכיאָגען נאָך דעם קאָנסול, אָבער אבונעצע האָט זיי אָבגעהאלטען און זיי זיינען זיך רוהיג פערנאנדערגעגאנגען.

אבונעצע האָט זיך זעהר געפרעהט און גערדאנקט גאָט, דאָס עס האָט איהם געגליקט אָבצוהאלטען דיא איינוואָהנער פון סאלאָניק פון א געוויסע בלוט־פערגיסונג. זיין פרייד איז אָבער ניט געוועזען אויף לאנג.

ניט שפעטער וויא אויף מאָרגען האלבען טאָג האָט זיך אין סאלאָניק דער ליארם פון דאָס ניי אָנגעפאנגען, און יעצט שוין מיט אזא קראפט דאָס קיין אבונעצע האָט שוין ניט געקאָנט העלפען. מאנזור־עפענדי'ס אגענטען האָבען אויפגעקליבען א מענגע טירקען פון אייניגע טויזענד מאן, וועלכע זיינען געקומען צום גובערנאטאָר'ס וואָהנונג און געפאָדערט מען זאָל זיי צוריק אָבגעבען דיא בולגארין. דער גובערנאטאָר האָט זיי דאָס פערשפראָכען און זיי האָבען אָבגעצויגען פון זיין פלאץ. דער גובערנאטאָר איז אָבער געוועזען איין האנד מיט מאנזור־עפענדי און האָט געוואָלט עס זאָל ווערען אין שטאָדט גרעסער דער טומעל. דעריבער, האָט ער נאָר פון יוצא וועגען געשיקט עטליכע קאוואסען אָדער פאָליציי זיי זאָלען אויפזוכען דיא בולגארין און ניט ביי דעם קאָנזול, נאָר אנדערס וואו, ווארום ביים קאָנזול, האָט ער בכיון געזאָגט, איז זיא שוין געווים ניט דאָ.

אין עטליכע שטונדען ארום האָט דער גובערנאטאָר געגעבען צו וויסען, דאָס מען האָט דאָס מעדכען פיר קיין ארט ניט געקאָנט אויפזוכען. דיא אונטערהעצער האָבען שוין אויף דעם געווארט; זיי האָבען גלייך בעשולדיגט דעם גובערנאטאָר, דאָס ער האלט פיר דיא בולגארען, און עס איז אין שטאָדט פון דאָס ניי געוואָרען א קאָך. לעבען א מאָשעע האָבען זיך אויפגעקליבען א גרויסע מענגע פון טירקען און איין אימאן האָט געהאלטען פיר זיי א פייערדיגע רעדע.

— „אָ, מאחמעדאנער! — האָט ער געזאָגט, א מאָל זייט איהר געוועזען טרייע דיענער פון דעם וואהרען גאָט, געהאָרכזאמע שילער פון אונזער היילינען פראָפעט;

א מאָל האָבען פאר אייך געציטערט אלע אונגלויבער, אידען, כריסטען, הײדען, א מאָל האָט איהר פערשפּרייטעט אין אלע לענדער אונזער הייליגען גלויבען, זעהט און בעדויערט צו וואָס מיר זיינען יעצט געקומען! די א בולגארען, אונזערע ניעדריגסטע שקלאפען, קאָנען זיך אונטערשטעלען מיט געוואלט ארויסצורייסען פון אונזערע הענד א מערכען, וואָס האָט זיך בעקעהרט צו אונזער גלויבען, און דערצו נאָך איהר שלעכט בעהאנדלען! וואו איז אייער פרומקייט? אייער הייסע ליעבע און טרייהייט צו אונזער רעליגיאָן? אָ, בלייבט ניט שטעהען פון וויטען, קוקט ניט קאלטבלוטיג צו, וויא אונזער רעליגיאָן געהט אונטער און זינקט! ווער עס איז מיט גאָט, וועמען עס איז טהייער זיין רעליגיאָן, דער זאָל ניט איינלאָזען די א יעצטיגע געלעגענהייט וואָס עס איז פיר זיי צו טהאָן! רעכענט אייך אָב מיט דיעזע כריסטען! וויזט אונזערע פיינדע דאָס עס גליהט נאָך ביי אייך דער אלטער העלדען פונק! וויזט זיי, דאָס איהר זייט נאָך מענער וואָס זיינען אימשטאנדע מיט דעם שווערד אין האנד צו שיטצען זייערע רעכטע־ טהוט איהר דאָס ניט, זיינען מיר פערלאָרען־ ווען מיר וועלען זיי ניט בעשטראָפען פיר די א יעצטיגע בעליידיגונג, וועלען זיי זיך שפּעטער בענעהען מיט אונז וויא מיט אידען. האָרכט צו מיינע ווערטער, ווארום גאָט זעלבסט שפּרעכט דורך מיין מונד!"...

וויא א פונק וואָס פאלט אריין אין א קאסטען פולווער, אזוי האָט געווירקט די א פייערדיגע רעדע פון אימאן אויף די א טירקען. עס האָט זיך אָנגעצונדען אין זייעו"ע הערצער דער האס געגען כריסטען און זיי האָבען געשוואָרען צו מאכען א סוף מיט אלע כריסטליכע איינוואָהנער פון סאלאָניק. ערשט יעצט האָט זיך דער גובערנאטאָר בעשלאָסען ארויסצוטרעטען געגען די א פאנאטיקער מיט מיליטער קראפט; ליידער אָבער איז שוין געוועזן צו שפּעט. אין סאלאָניק איז דאמאָלס געוועזן זעהר א קליינע צאָהל סאָלדאטען, און אויך דיעזע זיינען געוועזן אזעלכע פאנאטיקער, וויא די א ניעדריגע פריוואט טירקען וואָס האָבען געמאכט א בונד געגען די א כריסטען. אויף אזעלכע סאָלדאטען איז ווייניג געוועזן צו האָפען; זיי האָבען אליין אויך שרעקליך פיינט געהאט די א כריסטען און זיינען געוועזן זעהר צופריעדען וואָס זייערע ברידער ווילען זיך אָן זיי נוקם זיין. אין א קריטישע מינוט האָט מען בעדארפט ערווארטען פון אזעלכע סאָלדאטען דאָס זיי וועלען גיכער העלפען די א טירקען איידער די א כריסטען, און וועלען ניט קוקען אויף דעם וואָס די א רעגיערונג אָדער דער גובערנאטאָר הייסט זיי.

וויא די א קאָנסולען, וואָס האָבען געוואָהנט אין סאלאָניק האָבען דערזעהען אין וואָס פיר א געפאהר עס געפינט זיך די א שטאָדט, האָבען זיי אויסגעקליבען צוויי פון זיך און האָבען זיי געשיקט איבערערדען מיט די א בונטאָווטשיקעס. איי־

נער איז געוועזען דער דייטשער קאָנסול אבבאָט, וואָס האָט פערטראָטען די קאָנסול שטעלע מעהר פון פופציג יאָהר, האָט דאָרטען אימער געוואָהנט מיט זיין גאנצער פאמיליע, און איז געוועזען בעליעבט פון אלע נאציאָנען, טירקען, כריסטען, און אידען, וויל מעהר ווי גוטעס האָט פון איהם קיינער ניט געזעהען.

דער אנדערער איז געוועזען דער פראנצויזישער קאָנסול, דעם ערשטען'ס א שוואָגער. ער איז אויך געוועזען איין אנשטענדיגער מאן, וועלכען מען האָט זעהר גע־שעצט און געליעבט פיר זיין גוטען כאראקטער.

מען האָט זיי געשיקט איינצושטילען מיט גוטע ווערטער די רעוואָלוציאָ־נערען וואָס האָבען זיך צונויפגעקליעבען לעבען מאָשעע. לײדער אָבער האָבען די גראָבע יונגען די טערקען גאָר ניט געלאָזען א וואָרט אויסריידען. מען האָט זיי גלייך ארומגערינגעלט און אריינגעשלעפט אין מאָשעע זיי צו טויטען. וואָס דער גובערנאטאָר האָט זיך ניט בעמיהט זיי צו בעפרייען האָט ער גאָר ניט געקאָנט מאַ־כען. ער האָט פערשפּראָכען די טירקען, דאָס ער וועט זיי באלד אָבגעבען צוריק דאָס בולגארישע מעדכען, עס האָט אָבער דאָס אויך ניט געהאָלפען, עס איז אלעס געוועזען אומזיסט. די אויפגערעגטע און אונטערגעהעצטע טירקען האָבען זיך בע־שלאָסען ניט אנדערש ווי צו ערמאָרדען ביידע קאָנסולען. עטליכע טירקען מיט מעסער אין די הענד זיינען אויף זיי ארויפגעפאלען ווי ווילדע טהירען און גע־מאכט איין ענדע מיט זייער לעבען! עס איז געוועזען צו בעוואונדערן, דאָס די בול־גארישע איינוואָהנער (וועלכע זיינען געוועזען פיעל מעהר, ווי די טירקען) האָבען זיך ניט אָנגענומען פיר דיעזע אונגליקליכע קאָנסולען און האָבען זיך ניט אריינגעמישט אין דיעזען בלוטיגען געשלעג.

נאטירליך איז דיעזע בלוטיגע געשיכטע אזוי גלאט ניט אוועק. די אייראָ־פעאישע רעגיערונגען האָבען זיך אריינגעמישט און געפאָדערט מען זאָל די מער־דער שטרענג בעשטראָפען און מען האָט זיי ווירקליך גוט בעשטראָפט. פיעלע וואָס האָבען געהאט א חלק אין דיעזען מאָרד זיינען געוואָרען געהאנגען, פיעלע — פער־שיקט און פיעלע, וועניגער שולדיגע, בעשטראָפט מיט גרויסע סומען געלד, בקיצור, זיי האָבען זיך ניט געגארט פיר די אונשולדיגע בלוט וואָס זיי האָבען פערגאָסען. אָבער וואָס פיר א נוטץ איז שוין פון דעם ארויסגעקומען? זיינען דורך דעם די צוויי עהרענפאָלע מענער צוריק לעבעדיג געוואָרען? פיר די פערוואונדעטע הערצער פון די אונגליקליכע קינדער און פרויען איז די שטראָפע פון די מערדער ניט געוועזען קיין גרויסער טרויסט.

78.

דער גראָס־וויזיר סאדי־פאשא.

סאדי און צארא האָבען עטליכע מינוט געשמעקט מיט'ן טוידט. זיי זיינען געווען, אויב איהר געדיינקט, פערשפארט אין הויף פון דער גוטער טאווערנע און האָבען קיין מיטעל ניט געזעהען וויא זיך ארויסצוראטעווען פון דער באנדע גנבים און גזלנים וואָס האָבען זיך אָנגענומען פיר דעם אדמיראל און געוואָלט מאכען מיט זיי א קורצען סוף. צום גליק האָט זיך זיי איינגעגעבען מיט פיעל מיה אויפצוברעכען א שמאָלע פאָרטקע דורך וועלכע זיי האָבען געקאָנט ענטלויפען אין דער זעלבער מינוט וויא אלע באנדיטען מיט דעם אדמיראל, מיט דיא מאטראָזען און מיט'ן ווירטה האָבען גענומען אין דיא הענד פייער און זיינען ארויס אין הויף אויפזוכען דיא פיינד־ליכע טירקישע אָפיציערען, אום זיך אָבצורעכנען מיט זיי. וויא סאדי און צארא האָבען זיך ארויסגעכאפט, זיינען זיי אוועק צום נעהנטסטען פאָליציי סטיישאָן און האָבען ערצעהלט אלעס וואָס עס האָט זיך מיט זיי פאסירט אין דער גוטער טאווערנע. מען האָט זיי אויסגעהערט און גלייך אהין געשיקט פאָליציי און זיי האָבען פערנומען אלע געסט, וואָס האָבען קיין צייט ניט געהאט צו ענטלויפען. צווישען דיא ארעס־טירטע זיינען אויך געווען דער אדמיראל מיט זיינע מאטראָזען. אין דער פאָליציי האָט מען זיי שוין געקענט וויא א „בייזען שילינגער“, ווארום זיי זיינען שוין ניט איין מאָל דאָרטען געזעסען און מיט עטליכע טעג פריהער זיינען דיא מאטראָזען ענטלאָפען פון אָסטראָג, וואו זיי זיינען געזעסען געשמיעדט אין קייטען, ווייל זיי האָבען געטוידטעט א מענשען. מען האָט זיי געזוכט אין דער גאנצער שטאָדט און ניט געפונען.

דיא טירקישע אָפיציערען ד. ה. סאדי און צארא, האָבען געדאנקט גאָט וואָס זיי זיינען געקומען געזונד צוריק אהיים און האָבען זיך בעשלאָסען מעהר א טריט ניט צו טהאָן און אויפהערען גאָר צו דענקען וועגען דעם פאפיער נומער 713, כדי זיי זאָלען איבער א נייעם ניט ארייַנפאלען אין איין אומגליק.

אויף מאָרגען האָט סאדי בעזוכט דעם הערצאָג נאָרפאָלק. דער הערצאָג האָט איהם גאנץ ליעבליך אויפגענומען און געפרעגט, וואָס ער פערלאנגט פון איהם, און האָט איהם דערביי פערשפראָכען, דאָס ער איז איהם פערטיג צו דיענען מיט וואָס עס איז נאָר מעגליך. דיעזער בעזוך איז געשעהען גלייך אין א טאָג ארום נאָך דער סצענע וואָס סארא שטראדפאָרט האָט אויפגעשפיעלט אין דיפלאָמאטען קלוב מיט איהרע דריי ליעבהאָבער. אויף דיא פראגע פון הערצאָג האָט סאדי געענפערט:

— איך בין געקומען צו אייך אום צו שפרעכען וועגען דער הויפט זאכע וואָס מיין רעגיערונג האָט מיך צוליעב איהר געשיקט פון סטאמבול אהער; איך בין גע־

קומען מיך צו ערקונדיגען, וועלכע גערעאנקען האָבען ענגלאַנד און פראַנקרייך געגען טירקיי, אין פאַל, אויב רוסלאַנד וועט מיט אונז פערפיהרען א שטרייט. דאָס איז זעהר וויכטיג פיר אונז צו וויסען בעציימען, ווארום טירקיי איז יעצט זעהר געדריקט און האָט פיעל וואָס צו טהאָן אין אלע איהרע כריסטליכע פראָווינצען, וואו עס האָבען זיך אויפגעהויבען גרויסע אונרוהען... ענגלאַנד און פראַנקרייך קענען פערהיטען עס זאָל קיין בלוט ניט פערגאָסען ווערען, און מיר האָפען אויף זייער הילפע. איך האָב אָבער געוואָלט וויסען עטוואָס בעשטימטעס וועגען דעם, און ווער איז נאָך אזוי וויא איהר אימשטאַנדע צו ערפילען מיין וואונש? ווער ווייס נאָך אזוי גוט די פּאָליטיק וויא איהר?

— איך גלויב, — האָט סאַדי געענדיגט, — דאָס איהר קאָנט מיר טהאָן דיעזע געפעליגקייט, פון וועלכער עס וועט קיין מינדעסטער שאדען ניט ארויסקומען ניט פיר אייך, ניט פיר פראַנקרייך...

דער הערצאָג האָט אויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויגען, סאַדי האָט פערלאַנגט די זעלבע נאַכריכטען, וועלכע ער האָט שוין געוויס געוואוסט פון דער קאָפּיע וואָס סאַרא שטראַדפאָרט האָט פיר איהם געמאכט, אָהן זיין וויסען, ביי איהם אין קאַבינעט.

— איך גלויב, מיין ליעבער פּאשא, — האָט מיט א שמייכעל געענטפערט דער הערצאָג, — דאָס איהר ווייסט שוין דאָס לאַנג פון דער דאַמע, מיט וועלכער איהר האָט זיך בענוצט וויא א קלוגער דיפּלאָמאַט, און איך פערשטעה ניט, וואָס איהר ברויכט דאָס נאָך צו הערען פון מיר פערזענליך?

— אָבער איהר האָט א טעות, מיין הערר, איהר אירט אייך... איך האָב דאָס נאָך פון קיין דאַמע ניט געהערט, ווארום איך האָב מיך נאָך אין מיין לעבען ניט בענוצט מיט אזעלכע מיטעל... ניין, איך פערלאַנג דאָס צו וויסען אָהן פאַלשהייט, אויף'ן גלייכען און גערעכטען וועג...

— אויב אזוי, פרעהט עס מיך, — האָט געזאָגט דער הערצאָג...

אין דיעזען אויגענבליק האָט דעם הערצאָג'ס סעקרעטאר אריינגעטראָגען א פערשמוצטעס און צוקנייטשטעס פּאַפּיער וואָס מען האָט אין דער פריה געפונען אין קלוב. וויא דער הערצאָג האָט א בליק געטהאָן אויף דאָס פּאַפּיער, האָט ער דערקענט סאַרא שטראַדפאָרט'ס האַנדשריפט און האָט עס גלייך אריינגעוואָרפען אין פייער וואָס האָט געברענט ביי איהם אין קאַמין. די לעזער פערשטעהען שוין זעלבסט, דאָס דיעזעס פּאַפּיער איז געווען די קאָפּיע וואָס ליידי שטראַדפאָרט האָט פער־לאָרען אין קלוב... וויא דאָס פּאַפּיער איז שוין געווען צו אש, האָט דער הערצאָג מיט־געטהיילט סאַדי'ן וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך פאָדערן פון טירקיי, אויב זיא וויל

זיי זאָלען זיין אויף איהר זייט אין איהר שטרייט מיט רוסלאנד. סאדי האָט איהם בעדאנקט און איז אוועק פון איהם זעהר צופריעדען.

ער איז אוועק צו זיך אהיים און האָט גלייך געשיקט רופען זיין פריינד צארא, און זיי האָבען זיך ביידע געפרעהט, וואָס ער האָט ענדליך בעקומען דיא נעטהיגע נאכריכטען, וואָס ער איז צוליעב זיי געשיקט געוואָרען פון דער טירקישער רעגיערונג. דיא אנלייהע (הלואה) האָט ער שוין לאנג אויסגעפיהרט, אלזאָ, האָט ער שוין מעהר ניט געהאט קיינע אורזאכע זיך צו פערזאמען אין לאָנדאָן. אויף מאָרגען האָט ער זעהר פריינדליך און הייס גענומען אבשיעד פון צאראַ'ן און איז אוועקגעפאָהרען צוריק אין קאָנסטאנטינאָפאָל, העכסט פרעהליך און צופריעדען, וואָס עס האָט זיך איהם איינגעגעבען אלעס וואָס ער האָט פערלאנגט, און הויל מיט'ן עהרליכען וועג.

אונטער דער צייט וואָס סאדי איז געוועזען אין אויסלאנד, זיינען דיא אונרוהען אין סטאמבול געוואָרען גרעסער פון טאָג צו טאָג, אפילו אין דעם סולטאַן'ס פאלאץ אליין. צווישען דיא וויזירען און מיניסטאָרען, איז אויך געוועזען גרויסע קריעג; וואָס איינער האָט געוואָלט, האָט דער אנדערער ניט געוואָלט, ביי איינעם איז אויסגעקומען מען דארף טהאָן אזוי, ביים אנדערן — גראָד פערקעהרט. נאטירליך, האָט יעדער געוואָלט אויספיהרען דאָס זייניגע, און דערפון זיינען ארויסגעקומען צווישען זיי גרויסע אינטריגען, וואָס האָבען געבראכט זעהר פיעל שאדען. דער סולטאַן אבדול אזים אליין האָט אויך ניט געוואוסט ווער פון זיי עס איז גערעכט, ווער אונגערעכט. הייגט איז ביי איהם אויסגעקומען צו טהאָן אזוי, אויף מאָרגען האָט ער זיך ארומגעזעהען, דאָס אזוי טויג ניט און מען דארף טהאָן נאָר אנדערש.

דיא נייסטליכע, דיא סאָפטי'ס זיינען ארומגעגאנגען איבער דיא שטראסען, (זיי אין מיטען און ארום זיי א געזעמעל פון פאנאטיקער) און האָבען געשריען: „צום טייפעל דער און דער וויזיר"! וויא נאָר איינער פון דיא וויזירען אָדער מיניסטאָרען איז זיי ניט געפעלען געוואָרען, האָבען זיי געפאָדערט מיט געוואלט פון דער רעגיערונג מען זאָל איהם ענטזאגען. מיט דעם נייעם שייך־אול־איסלאם זיינען זיי אויך ניט געוועזען צופריעדען. ער איז פיר זיי געוועזען צו קאלט, און האָט ווענין געטהאָן פיר דעם נוטץ פון זייער גלויבען, וואָס האָט אָנגעפאנגען צו זינקען.

פון דער אנדערער זייט, האָט מען שטענדיג געזעהען אויף דיא שטראסען סאָלדאטען, פוס־געהער, רייטער, ארטילעריע, וואָס זיינען אָהן אויפהער געגאנגען נאָך בולגאריען און אין אנדערע כריסטליכע פראָווינצען איינצושטילען דיא רעוואָלוציאָן, וואָס האָט פון טאָג צו טאָג מעהר אויפגעפלאקערט, ביז וואנען דער פייער האָט זיך ענדליך פערברייטעט אין אלע כריסטליכע פראָווינצען און שטעדט פון טירקיי.

אין אזא צושטאנד האָט זיך געפונען קאָנסטאנטינאָפּאָל, בשעת סאדי איז אהין צוריקגעקומען פון לאָנדאָן. עס איז גאנץ נאטירליך, דאָס דער סולטאַן איז געבליעבען העכסט צופריעדען מיט דעם וואָס סאדי האָט אויסגעווירקט אין פראנקרייך און אין ענגלאַנד. ער האָט איהם הערצליך געדאנקט פאר אלע האָפליטע אין דיא אויגען און געשאָנקען דעם אָסמאניען־אָרדען, וואָס זעלטען ווער עס דערדיענט זיך אין טירקיי צו אזא'ן עהרע. סאדי האָט פאָרגעלייגט דעם סולטאַן זיינע עצות און פּלענער, וואָס מען דארף טהאָן אין דיעזער קריטישער צייט, און דעם סולטאַן זיינען אלע זיינע ראטהען און פאָרשלעגע זעהר געפעלען און ער האָט איהם געבעטען ער זאָל דאָס אויפשרייבען און דערלאנגען אויף פּאפּיער, אום מען זאָל דאָס אלעס גלייך נעהמען אויספיהרען.

דיא נייע גרויסע עהרע, וואָס דער סולטאַן האָט בעוויזען דעם יונגען סאדי, האָט איהם נאטירליך אָנגעמאכט נייע פיינדע צווישען דיא גרעסטע און פאָרגעהמסטע לייטע פון סולטאַן'ס האָף וועלכע האָבען איהם מקנא געווען. סאדי אָבער האָט זיך געמאכט גאָר ניט וויסענדיג, האָט קיינע אכטונג געגעבען אויף זייערע רייד און האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט וואָס דער סולטאַן האָט אויף איהם ארויפגעלייגט, ד. ה. אויספערטיגען זיינע פּלענער און אויפשרייבען אויף איין פּאפּיער. עס האָט ניט פיעל געדויערט און סאדי האָט דיעזע ארבייט געענדיגט.

סאדי האָט אין דיעזען פּאפּיער פאָרגעלייגט אלעס וואָס מען דארף טהאָן, אום טירקיי זאָל האָבען רוהע פון אינווענינ און פון אויסוועניג, דאָס הייסט פון איהרע אייגענע נאציאָנען און פון אנדערע רעגיערונגען. ער האָט נעמליך געראטהען מען זאָל ענדערן און אויסבעסערן דיא טירקישע געזעצע, דאָס עס זאָל ניט זיין קיין אונטערשיעד פון איין נאציאָן צו דער אנדערער און פיר אלע נאציאָנען זאָלען גילטען דיא זעלבע געזעצע, צום ביישפּיעל, ביז יענער צייט, האָבען נאָר מאהמעדאנער אליין געהאט אין טירקיי אלע רעכטע, כריסטען אָבער זיינען געשטאנען פיעל גיעדריגער, און פיעלע זאכען זיינען געווען פיר זיי פערבאָטען; אידען האָבען נאָך געהאט וועניגער רעכטע וויא כריסטען. דיעזע אָרדנונג האָט אָנגעמאכט אין גאנצען לאנד גרויסע אונצופריעדענהייט און פיינדשאפט צווישען דיא פערשיעדענע נאציאָנען וואָס וואָהנען אין טירקיי. וויטער האָט סאדי געפונען פיר נעטהיג, מען זאָל איינהאלטען דיא פּאשאַ'ס, זיי זאָלען אָהן דעם סולטאַן'ס וויסען ניט אורטהיילען קיין קרימינאלע משפּטים, און זיי זאָלען אָהן דעם סולטאַן'ס ערלויבניס ניט קאָנען ארויפלייגען אויף דיא איינוואָהנער נייע צינזען און נאלאָגען.

געוועהנליך האָבען אזעלכע פּלענער פיעלע אלטע וויזירען און מיניסטאָרען

נאָר ניט געשמעקט. מעהר פון אַלע זיינען געוועזן אונצופריעדען מיט דיעזע נייע אָרדנונגען און געזעצע דיא פאַנאַטיקער.

דער סולטאַן האָט זיך אָבער ניט געלאָזט אָבשרעקען דורך דעם, ווייל ער האָט פערשטאַנען דאָס מעהר וויא אויף דיעזען וועג וואָס סאַדי האָט אָנגעוויזען איז ניט מעגליך צו פערזיכערען אויף ווייטער דאָס לאַנד פון אונרוהען און רעוואָלוציאָנען. קורץ גערעדט, דער סולטאַן האָט דורכאויס געטהאָן וויא סאַדי האָט איהם געראַטהען. מען האָט אַרויסגעגעבען נייע געזעצע, און סאַדי איז דערהויבט געוואָרען צו דער שטעלע פון אַ גרויס־וויזיר און ראַטה־געבער פון סולטאַן.

פיר איין אָרעמען שיפער יונג איז דאָס געוועזן איין אונגעוועהנליכע עהרע, עס איז אָבער סאַדי'ן געוועזן ווייניג וואָס מקנא צו זיין, ווארום וואָס העכער ער האָט געשטיגען, האָט ער אַלץ בעקומען מעהר פיינדע צווישען דיא האָפלייט. איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען וויא אַנדערע האָבען אויף איהם געקוקט, ווען אפילו זיין פריינד האַסאַן (וועלכער איז שוין אויך געוואָרען אַ גראָס־שייך), האָט איהם אויך ניט געקאָנט גראַטולירען מיט'ן גאַנצען הערצען. סאַדי האָט בעמערקט אָן האַסאַן'ס טאָן, דאָס איהם פערדריסט אויך וואָס ער איז אַזוי גרויס געוואָרען.

— ביזט דו, האַסאַן, ניט בעסער צו מיר וויא אַנדערע? — האָט ער איהם געפרעגט, דו מאַכסט מיר אַ זויערע מינע, וויא עס וואָלט דיר פערדריסען מיין שנעלער שטייגען?

— ניין, פריינד, — האָט זיך האַסאַן אַרויסגעמאַכט, — מיין זויערע מינע איז ניט ווייל איך בין דיר מקנא, וויא דו מיינסט, נאָר ווייל איך האָב פורכט, דו זאָלסט, בעהיטע גאָט שפּעטער אַזוי שנעל ניט אַרונטערפאַלען וויא שנעל דו ביזט געשטיגען. ווייסט דו דען ניט וואָס פיר איין ענד עס האָבען אָפט אין אונזערע הויפען אַזעלכע פּלוצלינג אויפגעקומענע גרויסע לייט? איך האָב פורכט דו זאָלסט דיין קאָפּ ניט פערלירען צוליעב דיין אונגעוועהנליכען שטייגען!...

— דאָס ווייס איך אפילו אויך, — האָט סאַדי געענטפערט, — אָבער דאָך ברויכסט דו ניט צו זאָרגען וועגען מיך. דעם קאָפּ פערלירען נאָר דיא יעניגע וואָס דערדיענען זיך מיט פאַלשהייט, מיט חניפה און ליגען, דיא יעניגע וואָס יאָגען זיך נאָך כבוד און עהרע און ווילען הערשען, געוועלטיגען איבער אַנדערע... ביי מיר אָבער איז דאָס אַלעס ניט דאָ; איך האָב מיך דערדיענט עהרליך, אָהן פאַלשהייט און ליגען. איך מיין ניט צו געוועלטיגען איבער אַנדערע מענשען; איך וויל נאָר בדיינגען נוטצען מיין פאַטערלאַנד, וואָס געפינט זיך יעצט אין אַזא שלעכטער לאַגע. איך האָב געשטעלט מיין לעבען אין געפאַהר און האָב אויסגעפיהרט מיין זאַך ניט וויא אַ טירקישער דיפּלאָמאַט, אָבער וויא איין עכטער אייראָפּעאישער... דאָס האָט פיעל

וואָס צו בעדייטען... גאָט האָט מיר ביז אהער געהאָלפען און ער וועט מיר ווייטער אויך העלפען, און דו האָסט גאָר ניט וואָס צו זאָרגען וועגען מיר...

— דאָך ראטה איך דיך, מיין פריינד, ווען עס איז דיר ליעב דאָס לעבען און טהייער דיין רוהע, זאָלסט דו דיך ענטזאגען פון דיעזער גרויס־וויזיר שטעלע... דאנק דעם סולטאן פיר זיין גוטען ווילען און בעט ער זאָל דעם אמט פון גרויס־וויזיר איין אנדערן אָבגעבען. דער סולטאן וועט דיך דערפאר נאָך מעהר ליעבען, און דו וועסט דערמיט אויסנעהמען ביי אלע מיניסטאָרען. אָבער יעצט ביזט דו פון קיין זאך ניט זיכער... איך בין שוין אייניגע יאָהר א האָפ־מאן, און וויים בעסער אלעס וואָס דאָ געשעהט וויא דו... איך וויים וויא דיא האָף־לייטע האָבען פיינד יעדען אויפ־געקומענעם פריין; וואָס פיר אינטריגען זיי מאכען געגען איהם, וויא זיי גראָבען אונטער איהם, און רוהען ניט ביז וואנען ער פאלט אריין און זיי האָבען איהם אויס! אלזאָ, מיין פריינד, פאָלג מיר, רעטע דיך זאָ לאנג עס איז נאָך דאָ צייט... בלייב ביי דיין אלטער שטעלע, בלייב גרויס, אָבער אָהן ליארם און גלאנץ; בלייב בעליעבט און מייד אויס צו זיין בעטריעבט; לעב אין שטילען און דו וועסט זיין בעליעבט פון פיעלע! . . .

—איך דאנק דיר, האסאן, וואָס דו האָסט מיך געמאכט אויפמערקזאם אויף דיא געפאהרען, וועלכע שוועבען איבער מיין קאָפּ. יעצט וועל איך זיין מיט יעדען זעהר פאָרזיכטיג און איך וועל מיך היטען וויא ווייט עס וועט נאָר מעגליך זיין. אָבער פיר דיין ראטה מיך צו ענטזאגען פון מיין נייער שטעלע קאָן איך דיר ניט דאנקען. איך האלט פיר א שאנדע אזוי ווייט זיך צו שרעקען, בפרט דאָס איך וויים דאָס פיעלע אויפגעקומענע גרויס־וויזירען האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען אין עהרע און רייכטהום. נאָר א קליינער טהייל פון זיי האָבען געהאט א שלעכטען סוף. אָבער מען זאָל אזוי פיעל מורא האָבען, האָט מען שוין ניט בעדארפט עסען אויך, ווייל עס טרעפט דאָך א מאָל, דאָס מען ווערט דערוואָרגען. . . און ווירקליך האָט זיך נאָך ביז אהער קיינער פון דיעזער שטעלע אליין ניט ענטזאגט, און ווארום זאָל איך איינער טהאָן דיא נארישקייט? ניין, ליעבער האסאן, איך וויל מיך ניט ענטזאגען און איך האָף, דאָס דו וועסט מיר אויך בעהילפיג זיין אויף מיין נייער שטעלע. דו וואָהנסט שוין לאנג אין האָף און קענסט אלע; געוויס וועסט דו וויסען וואָס איינער רעדט און דענקט וועגען מיר... מיט דיינער הילפע וועל איך לייכט אויסמיידען דיא געפאהרען, וואָס דו זאָגסט... דערצו וועלען מיר ביידע פיעל גוטעס טהאָן פיר אונזער ארעמעס פאטערלאנד.

— איך האָב געהאלטען פיר נעטהיג דיך אויפמערקזאם צו מאכען, האָט גע־אנטוואָרטעט האסאן,—נאָר אויב דוא בלייבסט דאָך ביי דיינער מיינונג, קענסט דוא

געווים האָפען אויף מיינע הילפע און מיינע פריינדשאפט. מיט וואָס עס וועט נאָר זיין מעגליך, וועל איך מיך בעמיהען צו פערלייכטערן דיין שווערע און געפעהרליכע דיענסט.

ביידע פריינדע האָבען זיך זעהר ווארם געשיעדט. אין א קורצע צייט ארום האָט זיך סאדי בעזעצט אין דעם פרעכטיגען פאלאס פון דעם פריגען גראָס־וויזיר און האָט גלייך גענומען פלייסיג ארבייטען אין דעם נייעם גייסט פון דיא נייע אָרדנונגען, וועלכע מען האָט גענומען איינפיהרען אין דער רעגיערונג. עס האָט ניט פיעל געדויערט ווי סאדי האָט בעגעגענט אויף זיינעם וועג פיעלע שטיינער, פיעלע שטערונגען, וואָס האָבען איהם געלעגט אונטער זיינע פיס דיא איבריגע מיניסטאָרען, ראשיד, הוסיין־אפני און אנדערע. סאדי'ן האָט דאָס אָבער ניט אָבגעהאַלטען צו געהן מיט זיין וועג, ווייל ער איז געוועזען איבערצייגט דאָס אויף דעם ארט וועט מען דוהיג מאכען דיא קריסטליכע פראָווינצען, וואָס שטעהען אונטער טירקיי, און צו־גלייך פערדיענען דיא פריינדשאפט פון דיא אייראָפּעאישע קעניגע. דאָס איז געווע־זען אין יענער צייט דאָס איינציגע ציעל, צו וועלכען דיא טירקישע רעגיערונג האָט בעדארפט געהן; דאָס איז געוועזען דער איינציגער וואונש פון סולטאן, און דעריבער האָט סאדי אויף קיין זאך ניט געקוקט און האָט זיך געמיהט דאָס ווייניגע.

אמאָל, ווי סאדי איז געזעסען ביי זיך אין ביורא און האָט געארבייטעט, האָט איהם דער שווייצער געמעלדעט דאָס איין אָרמעס מעדכען, א קאלעסע, איז געקומען אין שטעהט צו, מען זאָל איהר ניט אנדערש אריינלאָזען צום גרויס־וויזיר, זיא פער־לאנגט ניט, זאָגט זיא, קיין נדבה, אָבער זיא האָט עטוואָס וויכטיגעס צו שפּרעכען מיט דעם גראָס־וויזיר. סאדי'ן איז גלייך ארויף אין זינען, צו איז דאָס אָפט ניט סיר־רא, וואָס האָט געהאַט א גרויסען טהייל אין מאַנזור־עפענדי'ס מפּלה. ער האָט איהר געהייסען אריינלאָזען, און ווי זיא איז נאָר געוועזען אין טיהר, האָט ער איהר שוין ערקענט, דאָס זיא איז ווירקליך סירא. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי טריי זיא איז איהם געוועזען, ווי שטארק זיא האָט איהם געליעבט, וואָס פיר שמערצען און ליידען זיא האָט געהאַט, און ווי אונדאנקבאר ער האָט זיך מיט איהר בעגאַנגען, ווי אין זיין יעצטיגער גליקליכער לאגע איז איהם פון זינען ארויס דיעזעס שעהנע געזיכט, וואָס ער האָט אייגענטליך בעדארפט רעכענען פיר זיין ריכטיגע געזעטצליכע פרוי.

סיררא איז איהם געפאַלען צו דיא פיס און האָט איהם געבעטען מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

— רעטע, גרויסער פאשא, רעטע איינע אונגליקליכע, קיינער קען מיר ניט אזוי העלפען ווי דו אליין...

— אין וואָס בעשטעהט דיין אונגליק? — האָט איהר סאדי געפרעגט.

— איך ביטע ניט פיר מיך,—האָט סירדא געאַנטוואָרטעט,—ניין, מיין הערר, איך זעלבסט ברויכע ניט קיין הילפע, און מיינע בעדערפניסע זיינע אזוי קליין, דאָס מיר וואָלט ווער עס איז קענען העלפען און ניט דוקא א גרויסער מאן וויא דוא. איך ביטע פיר איינע אנדערע, וואָס מעהר וויא דוא אליין קענסט איהר ניט העלפען, און וואָס האָט רעכט צו פערלאנגען דיינע הילפע... איך ביטע פיר רעציע'ן, וועלכע ליעבט דיך היים און טריי וויא אמאָל. לאָז איהר ניט אומקומען פון נאָטה און שמערצען.

ביי סאדי'ן האָט אנגעפאנגען צו טריפען טרעהרען פון דיא אויגען.

— ווער איז דיעזע רעציע? אלמאנזאר'ס טאָכטער?—האָט ער זיך געפרופט איינהאלטען.

וואָס זיא הערץ און צערטעלט, און באָדט עס אין הייסע טרעהרען! . . . .

— א קינד?—האָט סאדי געפרעגט מיט איינער ציטערנדען שטימע,—וואו איז זיא יעצט?

— א לאנגע צייט האָט זיא געליטען פון מאנזור־עפענדי, וואָס האָט איהר ניט געלאָזט רוהען און לעבען. ענדליך האָט זיא זיך בעהאלטען אין מיינער מוטער'ס וואָה־נונג, וואו מיר האָבען ביידע א קורצע צייט רוהיג געלעבט ביז וואנען עס איז איהר געשעהען א נייער אונגליק. אין איינער נאכט זיינען אריינגעפאלען צו אונז צוויי מענער... מיר האָבען שוין דאמאָלס ביידע געשלאָפען... און איידער מיר האָבען צייט געהאט א געשריי צו טהאָן, האָבען זיי אונז ביידען געבונדען און פערשטיקט דיא מיילער... דאָס קינד האָבען זיי אריינגעוואָרפען צו מיר און רעציע'ן האָבען זיי אוועק־געשלעפט מיט זיך!

— און ווער זיינען דיעזע מענשען־רויבער געוועזען? האָט סאדי געפרעגט.

— עס איז געוועזען פינסטער און איך האָב זיי אפילו ניט געקענט זעהען, אָבער וויא איך פערשטעה, זיינען דאָס געווען דיא דיענער פון דעם רייכען שקלאווען־הענדלער קרוססא... אין עטלעכע טעג ארום האָבען זיי פון מיר דאָס קינד אויך ארויסגענבעט...

— וואָרום ביזט דוא שוין ניט געוועזען מעהר פאָרזיכטיג מיט דעם קינד?—האָט סאדי געפרעגט מיט פערדרוס.

— איך האָב געהיטעט דאָס קינד וויא דיא אויגען אין קאָפּ, אָבער איך האָב עס דאָך ניט געקענט איינהיטען. ער האָט שרעקליך געבענקט נאָך זיינער מוטער און ניט אויפגעהערט צו וויינען. ענדליך האָב איך מיך געמוזט בעשליסען צו געהן זיך נאָכפרעגען אויף איהר און פרווען איהר אויפזוכען, אזוי האָב איך געמוזט לאָזען

דאָס קינד אליין; איך האָב פערשלאָסען דיא טיהר און געגאנגען צום ברעג פרעגען ביי דיא שיפער, פיללייכט האָבען זיי וואָס געזעהען... איך האָב פון זיי קיין זאך ניט ערקונדיגט און אין דריי שטונדען ארום בין איך געקומען צוריק צו זיך... ליידער האָב איך שוין דאָס קינד ניט געפונען!

— און וואָרום דענקסט דוא, דאָס דיא זעלבע שקלאפען־הענדלער האָבען איהם גערויבט? צו לאָהנט עס פאר זיי צו לאָזען זיך קאָסטען און צו ערציעהען א קינד ביז זיי וועלען איהם אמאָל קענען פערקויפען?

— זיי דארפען דאָס קינד געווים נאָר צוליעב דער מוטער; זיא וואָלט אהן איהם געווים פון צער געשטאָרבען, דעריבער האָבען זיי איהר געמוזט ברייגנען דאָס קינד.

— דוא האָסט רעכט, סיררא, דאָס לאָזט זיך שיקען, האָט סאדי געזאָגט. —

ער האָט סיררא'ן געדאנקט פיר איהר מיהע און פריינדשאפט, וואָס זיא ה[illegible] ביז אהער געוויעזען צו רעציע'ן און צו זיין קינד; ער האָט איהר בעלאָהנט מי[illegible] געלד און געבעטען זיא זאָל זיך וייטער אויך נאָכפרעגען אויף דיא פערשוואונדענע רעציע און זאָל איהם קומען מיטטהיילען וואָס זיא וועט זיך ערקונדיגען. פון זיינער זייטע, האָט ער פערשפראָכען צו טהאָן אלעס וואָס איז נאָר מעגליך אום אויפצוזו־כען זיין געליעבטע רעציע און זיין קינד, און צו בעגעהן זיך מיט זיי וויא א טרייער מאן און א ליעבער פאָטער.

סיררא איז אוועקגעגאנגען העכסט צופריעדען און פרעהליך. ערשטענס, האָט זיא בעקומען פיעל געלד און אין איהר אָרמער לאגע האָט דאָס פיעל געהאט וואָס צו בעדייטען. צווייטענס, האָט זיא געהאָפט (זי איז געווען אין דעם גאָר זיכער), דאָס אין קורצען וועט זיך רעציע פעראייניגען מיט איהר מאן, דאָס איהר פריינדין וועט ענדליך בעצאָהלט ווערען מיט אונגעוועהנליכער עהרע, מיט רייכטהום און ליעבע פיר אלע ליידען און שמערצען, וואָס האָבען ביז אהער פערפינסטערט איהר לעבען. „איין מאָל וועט רעציע לעבען גליקליך, וועט שוין מיר אויך זיין גוט“, האָט זיא מיט רעכט געהאָפט און זיך געפרייעט פאָראויס.

סאדי איז מיט זיך וועניגער צופריעדען געוועזען וויא סיררא. ער האָט בע־טראכט דאָס ערלעה הערץ פון סיררא'ן, פון דיזער שוואכען און אָרעמען סיררא'ן, וואָס האָט איהר לעבען ניט געשאָהנט, איז געגאנגען אין וואסער און אין פייער, נאָר צו דיענען מיט וואָס עס איז איהר פריינדין; ער האָט בעטראכט און פערגלי־כען סיררא'ן מיט זיך זעלבסט, וועלכער האָט גאָר פערגעסען אָן רעציע'ן, וואָס האָט איהם אזוי געליעבט און וואָס ער האָט געשוואָרען קיין מאָל ניט צו פערלאָזען. ווען ער איז נאָך געוועזען איין אָרעמער אָפיציערל, איז ער צו איהר געוועזען טריי... און יעצט וויא ער איז שוין געקומען צו עהרע און רייכטהום, וויא זיין גליק האָט אנגע־

פאנגען צו שיינען און צו גלאנצען, האָט ער זיך שוין ניט געקימערט וועגען איהר און ניט וועגען זיין קינד. סאַדי האָט זיך געפונען זעהר שולדיג און האָט זיך בעשלאָסען צו פעררינכטען זיין פעהלער און ניט צו רוהען ביז וואנען ער וועט איהר אויסזוכען. איין מאָל וועט ער איהר האָבען, איז זיא זיין פרוי און וועט געניסען דאָס זעלבע גליק, דיזעלבע פערגניגען אין לעבען וויא ער. איין מאָל איז זיא מיט איהם, וועט ער איהר צעהן מאָל אזוי פיעל בעפריעדיגען פיר אלעס שלעכטעס וואָס זיא האָט ביז אהער געליטען.

גערעדט און געטהאָן: ער האָט גלייך אָבגעשיקט מיט זיין לייב־דיענער צום שקלאפען־הענדלער א בעפעהל, ער זאָל וואָס צום גיכסטען קומען צו איהם.

קרוססא האָט געוועהנליך גיט אנגעפאנגען צו וויסען וואָס פיר א שייכות רעציע האָט געהאט צום נייעם גראָס־וויזיר; ער האָט גערעכענט דאָס געוויס וויל סאַדי, ער זאָל איהם פעו־קאפען א שעהנע אָדאליסקע, און איז געוועזען גאנץ פרעהליך וואָס ער האָט א געלעגענהייט בעקאנט צו ווערען מיט איהם. ער האָט זיך דעריבער ניט געלאָזט בעטען און איז שנעל געקומען צו סאַדי־פּאשא אין פּאלאץ.

— איך בין פערטיג אייך צו דיענען, מיין הערר, — האָט קרוססא געזאָגט צום גראָס־וויזיר און האָט זיך ביז דר'ערד פאר איהם פערנייגט, — בעפעהלט נאָר און זאָגט וואָס איהר ברויכט. . .

— נו, קרוססא, — האָט איהם סאַדי געפרעגט, — וואָס פיר פרויען האָסט דו יעצט ביי דיר אין מאגאזין?

— אָ! איך האָב יעצט דיא שעהנסטע און בעסטע וואארע אין מאגאזין. . . עס איז ווערטה איהר זאָלט איהם זעלבסט בעזוכען. איהר וועט געפינען אלעס וואָס איהר פערלאנגט נאָר. מיין מאגאזין איז פון לאנג אָן בעריהמט אין דער וועלט. דיא גרעסטע לייט קומען צו מיר און בלייבען אימער צופרידען מיט דיא וואארע וואָס זיי האנדלען איין, ווייל ביי מיר זיינען אימער דאָ אלערליי זאָרטען און יעדער קאָן אויסקלייבען פיר זיין הארעם.וואָס איהם געפעלט... ניט לאנג האָט ביי מיר דער פלאָטס־מיניסטער איינגעהאנדעלט איין אָדאליסקע, א פרעזענט פיר אונזער סולטאן צום פייערטאג ביירַאם...קורץ גערעט,עס איז א פערגעניגען צו בעטראכט'ן מיין מאגאזין,וואָס איז פול מיט הורי'ס (די מאחמעדאנער גלויבען דאָס פיר פרומע לייט זיינען דאָ אין גן עדן שעהנע פרויען, וועלכע ווערען אָנגערופען הוריע'ס). טהוט מיר דיא עהרע און קומט אריין. איהר וועט געפינען גענוג פיר אייער הארעם, וואָס איהר ברויכט יעצט צו מאכען...

— קיין הארעם ברויך איך ניט צו האָבען, — האָט איהם סאַדי קאלט געענטפערט.

— אלזאָ, ברויכט איהר איין פרוי, איינע און א רעכטע? — עס פערדריסט מיר, וואָס איך האָב דאָס פריהער ניט געוואוסט. מיט א פּאָר טאָג פריהער האָב איך געהאט דריי פרויען... שווער איך אייך ביי אונזער פּראָפעט'ס באָרד, דאָס זיי האָבען נאָך זייער גלייכען אויף דער וועלט ניט געהאט... זיי האָבען זיך גערופען דיא דריי ראָזען. איינע, פריהלינגס-ראָזע, דיא שעהנסטע איז שוין פערקויפט... דיא איבעריגע צוויי, געאָרגינע און ראָזע פון בליהענדען טהאָל, קאָן מען בעקומען... אויב איהר ווילט, קומט אריין און בעטראכטעט זיי זעלבסט.

— און פון וואנען, זאָג מיר, קרוססא, בעקומסט דו דיא שעהנע פרויען?

— פון ווייטע לענדער — האָט קרוססא געענטפערט, — איך ריין זעלבסט אהין און קויף זיי איין ביי זייערע עלטערן.

— אזוי, דו קויפסט זיי? דו זאָגסט קיין ליגען ניט?

— געוויס אזוי, — האָט קרוססא געענטפערט, — אומזיסט גיעבט קיינער זיין קינד ניט אוועק.

— און איך האָב געהערט, דאָס דו שלעפּסט זיי אוועק מיט געוואלט?...

— אנדערע טהוען דאָס, אָבער ניט איך.

— דאָס איז אויך א רויב, — האָט איהם סאדי מיט א שטרענגער שטימע געזאָגט, — דאָס איז שטרענג פערבאָטען... ווייטער זאָלען אזעלכע זאכען ניט געשעהען, ווארום דו קאָנסט לייכט דערפאר מיט דיינעם לעבען בעצאָהלען... אָבער גענוג וועגען דעם צו שפּרעכען, איך האָב דיך ניט צוליעב דעם גערופען... דו זאָגסט, דו האָסט נאָך צוויי שעהנע פרויען: וויא זיינען זייערע ווירקליכע נעמען?

— איינע הייסט רעדינע, דיא צווייטע זימטא.

— און וואו איז דיא דריטע? וויא הייסט זיא?

— זיא הייסט רעציע, — האָט קרוססא געענטפערט.

— וויא אזוי האָסט דו איהר בעקומען?

— איך האָב איהר געפונען אין גאלאטא אין איין ארמען הייזעל.

— געפונען און גערויבט? האָט סאדי א געשריי געגעבען. קרוססא האָט אָנגעפאנגען צו ציטערן וויא א בלאט.

— ניט איך האָב דיעזע פרוי גערויבט, — האָט ער קוים געקאָנט אויסריידען, — איהר האָט גערויבט מיין שקלאף אַשעם און ער האָט איהר געבראכט אין מאגאזין. . .

— דיעזער הונד וועט דאָס מיר מיט זיינעם לעבען בעצאָהלען, און דו זאָג מיר אויפ'ן שטעל, ווען האָסט דו איהר פערקויפט, אויב ניט, וועסט דו ביי מיר האָבען

דאָס זעלבע וויא דיין אָשעם, פיר דעם טהייל וואָס דו האָסט גענומען אין דיעזען פערברעכען . . .

— עס איז גאָר ניט קיין סוד, — האָט דער פרויען־העגדלער געענטפערט,— איך האָב איהר פערקויפט דער פרינצעסין ראָשאנע.

סאדי׳ן איז אריבער א קעלט איבער׳ן לייב וויא ער האָט דערהערט דיעזען נאָמען.

„אלזאָ, — האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט, — האָט זיך דיעזע געשיכטע ניט געטראָפען „גלאט אזוי“, וויא עס טרעפען אנדערע זאכען; ראָשאנע האָט איהם אָנגערעדט ער זאָל איהר רויבען בכיון פיר איהר, אום זיא זאָל קענען איבער איהר געוועלטיגען, זיא זאָל איהר האָבען ביי זיך אין דיא הענד. . .

עס איז איהם געוואָרען ביטער אויף׳ן הערצען. אין זיין זעעלע האָט זיך אויפגעהויבען א שטרייט: אָן וועמען זאָל ער זיך יעצט האלטען? ווער האָט מעהר רעכט אויף זיין ליעבע, דיא רייכע פרינצעסין אָדער דיא אָרימע אונגליקליכע רעציע? עס האָט אָבער פיעל ניט געדויערט, וויא סאדי האָט דיעזע פראגע בע־אנטוואָרטעט וויא איין עהרליכער מאן; ער האָט זיך נעמליך בעשלאָסען פון יעצט אָן ניט צו דענקען פון אנדערע פרויען אויסער רעציע, און אָנוועגדען אלע קרעפטען צו פערגיטיגען אלע זינד וואָס ער האָט ביז אהער געגען איהר געטהאָן.

וויא נאָר דער פרויען־העגדלער איז פון איהם אוועק, האָט סאדי געלאָזט איינשפאנען זיין פאיעטאָן און איז אם שנעלסטען אוועקגעפאָהרען צו דער פרינ־צעסין ראָשאנע.

79.

דיא דריי ראָזען.

דיא פרויען־רויבער האָבען אין דער זעלבער נאכט געבראכט רעציע׳ן צו־פיהרען אין סטאמבול און אריינגעלאָזען אין דיא שמוציגע שטוב, וואו קרוססא האָט געהאלטען זיינע שקלאפינען. רעציע האָט געוואוסט צו וועלכען ציעל מען האָט איהר מיט געוואלט אהין געבראכט און זיא האָט קיין קרעפטען ניט געהאט דיעזע שאנדע צו פערטראָגען. זיא האָט דיא גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו וויי־נען. גאנץ אנדערס האָבען געקוקט אויף זייער לאגע דיא אנדערע צוויי פרויען, וואָס זיינען דאָרטען מיט איהר געוועז, דיא שעהניז זימטא און ראדינע. זיי זיינען געווען זעהר לוסטיג, האָבען געדויכט, געשטיפט, געלאכט און פרעהליך געווארט רייכע קויפלייט זאָלען זיי קומען בעזעהען און קויפען...

באלד איז געקומען צו קרוססא׳ן א קונד וואָס האָט געוואָלט קויפען איין אָדאליסקע פיר זיין הארעם. דאָס איז געווען א פאשא פון אדריאנאָפאָל; ער איז

אפילו געווען זעהר רייך אָבער דערצו אויך קארג. דער שקלאַפען־הענדלער האָט איהם געקאָנט און דעריבער האָט ער איהם פריהער אריינגעפיהרט אין דאָס צימער, וואו ער האָט געהאַלטען געמיינערע פרויען, פון ניעדריגערע סאָרטען. אין דעם, וויא דער פרויען־הענדלער האָט גערעדט מיט דעם פאשא, איז אריינגעגאנגען איין אנדער קונד און האָט געפרעגט א שעהנעם מעדכען פיר איין פרוי פיר זיין זוהן. דער נייער קונד איז אויך פריהער אריינגעגאנגען אין באַלאגאן פון דיא געמיינערע מעדכען. דער קויפער האָט איבערגעזעהען אַלע פרויען פון דאָרטען און איז געבליבען אונצופריעדען.

— האָסט דו עטוואָס בעסערעס ביי דיר? — האָט ער זיך געווענדעט צום פרויען־הענדלער.

— פיר בעסערע קונדען האָב איך בעסערע סאָרטען, — האָט קרוססא געענט־ווערט, — איך האָב אזעלכע וואארע וואָס ניט אַלע זיינען אימשטאנד זיי צו קויפען.

— ווען דו האָסט בעסערע וויא דיא, צייג מיר זיי; מיר וועלען שוין דורכקומען.

— איך האָב ניט לאַנג בעקומען דריי שטיק, וועלכע איך האָב נאָך קיינעם ניט געוויזען... טהייערע סחורה... נאָך אזעלכע שעהנע זיינען אויף דער וועלט ניט דאָ... קומט אין מיין בלומען גארטען, איך וועל אייך זיי צייגען.

ער איז מיט דיא ביידע קונדען אריין אין בלומען גארטען, האָט זיי געבעטען זיצען און טראקטירט, און אין דער ווייל האָט ער געשיקט ברייננגען דיא דריי שעהנע פרויען, דאָס הייסט רעציע'ן מיט דיא אנדערע צוויי וועלכע מיר האָבען פריהער דערמאָהנט.

וויא דיא קונדען האָבען זיי דערזעהען, זיינען זיי צוקאָכט געוואָרען: דיזע שעהנע פרויען זיינען ווירקליך געווען א זעלטענע זאך. דער פאשא האָט געפרעגט דעם פרויען־הענדלער דעם פרייז פון יעדער בעזונדער.

— דיא פריהלינגס־ראָזע קאָסט טויזענד דוקאטען, — האָט קרוססא געענטפערט, — זיטטא ניין הונדערט, רעדינע אכט הונדערט.

— דו ביזט פון זינען אראָב? — האָט זיך אָבגערופען דער פאשא.

— איך האָב פריהער פערשטאנען דאָס דיזע וואארע איז ניט פיר אייך, האָט געזאָגט דער פרויען־הענדלער, — דאָך פרעהט מיר וואָס איך האָב אייך זיי געוויזען, אזוי וואָלט איהר זיי קיין מאָל ניט בעקומען צו זעהען.

— עס איז מעגליך — האָט דער פאשא געענטפערט, — איבריגענס מוז איך דיר זאָגען, דאָס דיא געשמאקען זיינען פערשיעדען יעדער האָט זיך זיין געשמאק.

צווישען אונז זאָגענדיג, מיר געפעהלט גראדע אָט יענע יונגע שקלאפין וואָס האָט אונז דאָ בעדיענט.

— גאנץ רעכט, — פיר הונדערט דוקאטען איז זיא אייערע, זיא איז גוט בע־ לייבט און געזונד, און איהר קאָנט איהר האלטען פיר איין אָדאליסקע און אויך פיר א שקלאפין, אזוי וויא איך האָב מיך ביז אהער מיט איהר בענוצט...

דער פאשא האָט זיך פיעל געדונגען און ענדליך האָט ער געקויפט דיא שקלאפין פיר אכציג דוקאטען און האָט איהר אָבגעפיהרט מיט זיך אין אדריא־ נאָפאָל.

דער אנדערער קונד האָט גאָר ניט געקענט איינהאנדלען און איז אוועק מיט ליידיגען. אָבער אין דעם זעלבען טאָג אין אבענד צייט האָט זיך צו קרוססא'ן געמעלדעט איין אנדער קונד וועלכער איז געווען פיעל בעסער וויא יענע ביידע. דיעזער קונד איז געווען קיין אנדערער וויא דער פרינץ יוססוף אליין. זיין לייב־ דיענער באזיל האָט זיך ערקונדיגט, דאָס ביי קרוססא'ן אין מאגאזין געפינט זיך דיא זעלבע פרוי אין וועלכער זיין העררר איז געווען שטערבליך פערליעבט, נאטיר־ ליך האָט באזיל דאָס גלייך מיטגעטהיילט דעם פרינץ, וועלכער האָט זיך זעהר דערפרעהט. יוססוף האָט זיך מיט אונגעדולד דערוואַרט ביז עס האָט אָנגעפאנגען דונקעל צו ווערען און ער איז מיט זיין לייב־דיענער אוועקגעפאָהרען צום פרויען־ הענדלער. יוססוף האָט פאָראויס אריינגעשיקט צו קרוססא'ן זיין לייב־דיענער, ער זאָל איהם אָנזאָגען דאָס ער דער פרינץ יוססוף, פאָהרט צו איהם אין מאגאזין, אום עס זאָל דאָרטען אלעס זיין אין אָרדנונג בשעת ער וועט קומען. באזיל איז געווען מיט דעם זעהר צופריעדען צוליעב דעם האָט ער געהאט דיא געלעגענהייט מיטצוטהיילען דעם פרויען־הענדלער, דאָס דער פרינץ איז שוין לאַנג פערליעבט אין רעציע'ן פיר וועלכע ער וועט דעריבער געבען, וויא פיעל מען וועט ביי איהם בעטען, מען דארף זיך נאָר ניט נארען; און צוגלייך האָט באזיל צייט געהאט אויס־ צוריידען פיר זיך מעקלעריי געלד. קרוססא האָט באזיל'ן געדאנקט און וואָס צום גיכסטען צוגעפוצט זיין זאלאָן. און וויא דער פרינץ איז געקומען האָט ער שוין דאָרטען געפונען רעציע'ן אויסגעקליידט וויא א פרינצעסין.

רעציע איז געווען אויסער זיך פון פריידע, דאָס דער פרינץ האָט זיך פון איהר ערקונדיגט, איידער מען האָט איהר איין אנדערן פערקויפט...

— יעצט, ליעבע רעציע, — האָט זיך דער פרינץ צו איהר געווענדעט, — מיט איין צארטער שטימע און טרעהרען אין דיא אויגען, — האָב איך דיך ווידער, עס טהוט מיר לייד, וואָס איך טרעף דיך אין אזא אָרט. אָבער גענוג, טהייערע

רעציע, פון יעצט אָן וועלען מיר זיך שוין ניט שיידען, און עס וועט שוין זיין איין ענדע צו דיינע אומגליקען, צו דיינעם פינסטערן לעבען.

רעציע איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. פון שאנדע און הערצענס־וועהע האָט זיא א וואָרט ניט געקאָנט אויסשפּרעכען... נאָך אין א פּאָר מינוט איז איהר געוואָרען אזוי שלעכט, דאָס זיא האָט קיין קרעפטען ניט געהאט צו שטעהען אויף דיא פיס, און מען האָט איהר געמוזט אריינטראָגען אין איין אנדער צימער און אוועקלייגען אויף א זאָפע. וויא דער פּרינץ איז געבליבען מיט דעם פרויען־הענדלער אליין, האָט ער ביי איהם מיט פערדרוס געפרעגט וויא אזוי קומט צו איהם רעציע, דיא טאָכטער פון דעם בעריהמטען אלמאנזאר?

קרוססא האָט זיך טיעף פערנייגט און האָט געזאָגט:

— וועמעס טאָכטער זיא איז, ווייס איך ניט... איך ווייס מעהר ניט, דאָס זיא הייסט רעציע; איך האָב איהר בעקומען פון צוויי פרויען־הענדלער און האָב פיר איהר געגעבען טהייער בעצאָהלט:

— נו, וואָס פערלאנגסט דו פיר איהר?

— צוויי טויזענד דוקאטען, מעהר ניט.

— מאָרגען בעקומסט דו דיעזע סוממע פון מיין האָף־מייסטער, אבוואָהל איך בין דיר חושד, דאָס דו האָסט איהר אליין געראַובט און עס קומט דיר א גראָשען ניט. איבער מיין ליעבע צו רעציע, וויל איך ניט אויספיהרען מיט דיר קיין פּראָצעס. אלזאָ פיהר מיך גלייך אריין צו איהר, און איך וועל איהר זאָגען פאר דיר אין דיא אויגען, דאָס פון יעצט אָן איז זיא פריי און דאָס איך בין איהר בעפרייער, ניט דורך געוואָלט, נאָר פיר א גוטען פּרייז.

— אייער איינציגעס וואָרט איז אפילו פיר מיר גענוג, — האָט זיך אָבגערופען קרוססא, — אָבער דאָך זיינען מיר מעהר ניט וויא מענשען, דעריבער פערלאנג איך פון אייער האָהייט א צעטעל אויף דיעזע סומע.

— גוט, — האָט יוססוף געענטפערט, האָט ארויסגענומען פון טאשע א בליי־שטיפט און א שטיקעל פּאפּיער אויף וועלכען ער האָט אויפגעצייכענט עטליכע ווערטער צו זיין האָף־מייסטער, און איבערגעגעבען דעם פרויען־הענדלער.

קרוססא האָט אריינגעפיהרט דעם פּרינץ אין דאָס צימער וואו רעציע איז געזעסען. זיא איז שוין ווידער געקומען צו זיך. דער פּרינץ האָט איהר געגעבען דיא האנד און האָט געזאָגט:

— זיי מיר געגריסט, ליעבע און טהייערע רעציע, איך גראטוליר דיר מיט דיין פרייהייט; פון יעצט אָן ביזט דו פריי און געהערסט ניט צו קיינעם אויסער

וויא צו דיר אליין. ווען דיין גוטער ווילען איז אין מיין הויז צו וואָהנען, בין איך בערייט דיך מיט דער גרעסטער פריידע אויפצונעהמען...

רעציע האָט זיך געשטעלט פאַר דעם פּרינץ און מיט איין טיעפע פער־בייגונג געענטפערט:

— מיינע מוטער שפּראַכע האָט ניט אַזוי פיעל ווערטער, איך זאָל קענען וויא געהעריג אויסשפּרעכען מיין דאַנק פיר דיינע גענאַדע צו מיר!

— איך ברויך פון דיר קיין דאַנק,—האָט דער פּרינץ געאַנטוואָרטעט,—איך בין שוין גענוג בעלאָהנט מיט דעם, וואָס איך וויים דאָס איך, און ניט קיין אַנדערער, האָב דיך בעפריייעט. איך וועל נאָך זיין דאָפּעלט בעלאָהנט, ווען דוא ציעהסט אין מיין הויז אריין. ביז וואַנען דוא וועסט ניט שטעהען אונטער מיינעם שוטץ, בין איך אלעם וועגען דיר ניט רוהיג. בייזע אונגליקע יאָגען זיך נאָך דיר, און איך בין נאָך ניט זי־כער, דאָס אין א פּאָר טעג ארום וועסט דוא ווידער ניט אריינפאַלען אין א צרה. דער־איבער, טהייערע רעציע, איז מיין ראַטה, דוא זאָלסט גלייך מיט מיר פאָהרען פון דאַנען אין מיין הויז. איין מאָל ביזט דוא ביי מיר, וועסט דוא פאַר דער גאַנצען וועלט קיין מורא ניט האָבען!

— דאָס קען אָבער ניט געשעהען, מיין גנעדיגער העדר,—האָט איהם רעציע מיט א טיעפען זיפץ געאַנטוואָרטעט,—איך וואָלט דאָס מיט דעם גרעסטען פערגניגען געטהאָן, אָבער איך האָב קיין רעכט ניט, ווייל איך געהערע צו איינעם אַנדערען. פער־לאַנג ניט פון מיר, איך זאָל זיכערן מיינע פריייהייט דורך א פערברעכען, דורך א זינדע. איין מאָל וואָהנע איך ביי דיר אים הויזע, וועט דאָס מיך געוויס פערפיהרען צו זינדיגע ליעבע... אלזאָ, לעבע וואָהל, מיין העדר, מיין רעטער! איך וועל אימער בעטען פיר דיך גאָט, ער זאָל דיך בעלאָהנען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. אדיע!

דעם פּרינץ איז פון דיעזער ענטזאַגונג געוואָרען פינסטער אין דיא אויגען. ער איז געבליעבען שטעהען א צוטומעלטער און האָט א צייט ניט געוואוסט וואָס מיט איהם איז. וויא ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געקומען צו זיך, איז שוין רעציע ניט געוועזען אין צימער. זיא איז גלייך פון דאָרטען ארויסגעגאַנגען און האָט זיך בעהאַלטען אין א האַלץ קעמערל, וואו זיא איז פערבליעבען, ביז וואַנען דער פּרינץ איז פון מאַגאַזין ניט אוועקגעפאָהרען. דעם פּרינץ האָט דיא געשיכטע זעהר פערדראָסען, אָבער מיט געוואַלט האָט ער ניט געוואָלט ווירקען און איז אין צאָרן אוועק פון דאָרטען מיט ליי־דיגען. וויא רעציע האָט געוואוסט, דאָס ער איז שוין ניט דאָ, איז זיא ארויס פון איהר בעהעלטניס און האָט געפאָדערט ביי קרוסאַן איהרע קליידער, אין וועלכע מען האָט איהר אהין געבראַכט, און האָט זיך געוואָלט איבערטהאָן און געהען צו זיך, וויא א פּרייער מענש, וואָרום דער פּרינץ האָט דאָך איהר אויסגעקויפט, נאָר זיא האָט גע־

האלטען פיר א שאנדע צו טראָגען קרוסא'ס קליידער. אָבער דיא שקלאַפינען האָבען זיך ניט געאיילט איהר צופריערען צו שטעלען.

— וואוהין ווילסט דוא געהן שפעט אין דער נאכט?—האָבען זיי צו איהר גע־זאָגט,—נעכטיג שוין איבער ביי אונז, מאָרגען וועסט דוא דיך איבערטהאָן און וועסט געהן וואוהין דוא ווילסט.

רעציע האָט יא געוואָלט, ניט געוואָלט—האָט אָבער געמוזט בלייבען. א גאנצע נאכט האָט זיא איין אויג ניט צוגעטאָהן; עס איז איהר ניט ארויס פון גדאנקען דיא פיינליכע סצענע צווישען איהר און דעם פרינצען, וועלכע זיא האָט געמוזט ענטזאגען, האָט איהם געמוזט בעטריבען זיין גוטוויליגעס הערץ און פערביטערן זיין געמיטה פיר דיא גרויסע גנאדע וואָס ער האָט צו איהר בעוויעזען. עס האָט איהר גוט געקרענקט און ניט געלאָזען איינשלאָפען.

קוים וואָס זיא האָט דערלעבט עס זאָל שוין ווערען טאָג. אָבער וויא זיא האָט אויף מאָרגען ווידערהאָלט פאר דיא שקלאפינען איהר פערלאנגען, האָבען זיי זיך אין גאנצען ענטזאגט איהר אָבצוגעבען איהרע קליידער. רעציע האָט שוין מעהר ניט גע־וואָלט ווארטען און האָט געוואָלט אוועקגעהן אין קרוססאַ'ס קליידער, אָבער זיי האָבען איהר ניט ארויסגעלאָזען. זיא האָט זיך געווענדט צום פרויען־הענדלער אליין. קרוססא אָבער האָט איהר אויך ניט געוואָלט אזוי גיך ארויסלאָזען פון דיא לאפעס.

— איך קען דיך נאָך ניט אוועקלאָזען, ווייל איך האָב נאָך פון דעם פרינצען קיין געלד ניט בעקומען,—האָט דיעזער באנדיט צו איהר געאנטוואָרטעט.

אין אמת איז דאָס נאָר געוועזען איין אויסרייד. ער האָט איהר ניט אָבגעלאָזען וויא פיעל טאָג נאָך דעם וויא ער האָט שוין בעקומען דאָס געלד. ער האָט געוואוסט, דאָס דער פרינץ איז געגען איהר אויפגעבראכט און וועט זיך געוויס פיר איהר ניט אָננעהמען, אלזאָ, איז זיא יעצט ווידער אזוי עלענד וויא פריהער, און פיר וואָס זאָל ער איהר נאָך אמאָל ניט פערקויפען? ווער וועט דאָס איהם ניט לאָזען? דיא אונ־גליקליכע רעציע האָט דאָס ניט פערשטאנען; זיא האָט געמיינט, דאָס קרוססא זאָגט אמת, דאָס ער האלט איהר נאָר צוליעב דעם, וואָס ער האָט נאָך פון דעם פרינצען ניט בעקומען דעם אָבגעמאכטען פרייז. זיא איז אָבער יעצט ניט געוועזען זיכער, דאָס יוססוף וועט איינצאָהלען פיר איהר אזוי פיעל געלד, איין מאָל האָט ער זיך געפיהלט פון איהר בעליידיגט. דיעזער גדאנקען האָט איהר געמאכט גרויס שמערצען און איהרע שעהנע אויגען זיינען רויטה געוואָרען פון שטענדיג וויינען.

אזוי זיינען אוועק פיר רעציע'ן פינף ביטערע און פינסטערע טעג. אויפ'ן זעקס־טען טאָג האָט זיך יוססוף'ס דיענער באזיל בעדארפט בעגעגנען מיט דער פרינצעסין ראָשאנע'ס לייב־דיענער מאהאָפי. דיאביידע דיענער זיינען געוועזען צווישען זיך גוט

בעפריינדעט, און האָבען נאַטירליך ערצעהלט איינער דעם אַנדערען אַלעס, וואָס עס האָט זיך מיט זיי אין דער לעצטער צייט געטראָפען. אַזוי האָט באַזיל ערצעהלט ראַשאַנע'ס לייב־דיענער דיא גאַנצע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט צווישען זיין פּרינציפּאַל און דער שעהנער רעציע'ן. זיי האָבען זיך ביידע צו זאַט לוסטיג געמאַכט איבער דעם פּרינצען, וואָס האָט פערשווענדעט אַזאַ גרויסע סומע געלד און האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט. וואָס ראַשאַנע'ס דיענער אַליין אַנבעלאַנגט, האָט ער נאָך געהאַט אַנדערע אורזאַכען זיך צו פּרייען איבער דיעזע געשיכטע. דיא פּרינצעסין האָט איהם שוין פון לאַנג אָן אויפגעגעבען, ער זאָל זיך ערקונדיגען, צו סאַדי ליעבט ווירקליך דיא טאָכטער פון אַלמאַנזאָר און וואו זיא האַלט זיך אויף. ביז אַהער האָט ער דאָס אַלעס ניט געקענט אויספאָרשען און מיט אַמאָל ערצעהלט איהם באַזיל אַזאַ געשיכטע! ווער קען דאָס נאָך וויסען בעסער וויא באַזיל? מאַהאָפּי איז גלייך געקומען צו דער פּרינצעסין און האָט איהר מיטגעטהיילט אַלעס וואָס זיא האָט געווינשט צו וויסען, און נאָך מעהר, ווייל ער האָט איהר אויך ערצעהלט, דאָס רעציע האָט פון סאַדי'ן אַ קינד: דאָס איז פיר איהר גאָר געוועזען איינע אונגעריכטע נאַכריכט.

מאַהאָפּי'ס מיטטהיילונג האָט געמאַכט אויף דער פּרינצעסין זעהר אַ שלעכטען איינדרוק. זיא האָט איינגעזעהען אין דער גאַנצער געשיכטע אַ בעוויז, דאָס סאַדי איז נאָך אין רעציע'ן שטאַרק פערליעבט; וואָרום ווען ניט, וואָלט דיעזעס מעדכען איהם ניט געוועזען אַזוי טריי, וואָלט זיך ניט בעשלאָסען אַזוי פיעל צו ליידען איבער איהם און אָבשטויסען פון זיך דיא ליעבע פון דעם פּרינצען, וועלכער האָט איהר געוואָלט אויף אימער גליקליך מאַכען.

ראַשאַנע האָט אפילו פערשטאַנען, דאָס סאַדי האָט מיט רעציע'ן אין דער שטיל געהייראַטהעט וויא געהעריג איז און דאָס אַלמאַנזאָר'ס טאָכטער איז אַ פרוי, וואָרום ווען ניט, וואָלט זיא זיך געווים געשעמט מיט דעם קינד און וואָלט איהם ניט געהאַלטען אָפען פאַר אַלעמען אין דיא אויגען. נאַטירליך האָט דאָס איהר זעהר געקרענקט, וואָרום אויסער דעם, האָט זיא בעמערקט, דאָס סאַדי האָט איהר אָנגעפאַנגען אויסצו־ווייכען: פון דער צייט אָן וואָס ער איז געקומען צוריק פון לאָנדאָן איז ער מעהר וויא איין מאָל ביי איהר ניט געוועזען און דיעזעס מאָל אויך האָט ער ביי איהר פיעל ניט פערבראַכט.

ראַשאַנע האָט זיך בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע. ביי איהר איז געבליעבען צו מאַכען פון סאַדי'ס געליעבטע און פון זיין קינד פיר זיך שקלאַפען, איבער וועלכע זיא וועט קענען געוועלטיגען וויא עס וועט זיך איהר געלוסטען. זיא האָט געפרעגט איהר דיענער, צו ער וויים אויך, וואו עס געפינט זיך רעציע'ס קינד און האָט איהם

נעהייסען וויא עס איז בעקומען דאָס קינד און ברייננען צו איהר אין פאלאַץ און אָבגעבען איינער פון איהרע שקלאַפינען, זיא זאָל איהם ערציהען.

— דאָס קינד געפינט זיך אין גאלאטא, — האָט מאהאָפּי געענטפערט, — ביי דער אלטער קאדידזע אין וואָהנונג, דאָרטען איז יעצט מעהר וויא קאדידזע'ס טאָכטער קיינער ניט דאָ, אלזאָ, וועט מיר זיין זעהר לייכט אויסצופיהרען דאָס וואָס איהר פערלאַנגט; איך וועל שוין אָבהיטען דיא צייט, וואָס קאדידזע'ס טאָכטער וועט ניט זיין צו הויזע, און וועל צונעהמען פון דאָרטען דאָס קינד, וויא מען נעהמט ארויס איין איי פון א ליידיגען נעסט...

—נו, גוט, — האָט איהם ראָשאַנע געזאָגט, — געה אַהין און קום וואָס שנעלער צוריק און ניט מיט ליידיגע הענד... אָבער דיא זאַך מוז געשעהען אין דער שטיל אָהן דעם מינדעסטען ליאַרם...

דער דיענער איז אוועקגעגאַנגען אין גאלאטא, און ראָשאַנע צום שקלאַפען־הענדלער קרוססא.

— איז דאָס ריכטיג, — האָט זיא געפרעגט דעם שקלאַפען־הענדלער, — דאָס ביי דיר אין מאגאזין געפינט זיך איין מעדכען מיט דעם נאָמען רעציע?

קרוססא'ן איז אריין אין געדאנקען, צו איז אָפּט ניט דיא פרינצעסין אונטערגעשיקט פון דעם פרינץ יוססוף, אויספאָרשען צו ער האָט ניט ווידער פערהאַלטען דאָס מעדכען, וואָס ער האָט אויסגעקויפט און געהייסען פריילאַזען. דעריבער, האָט ער איהר אזוי געענטפערט:

— ליידער, האָט איהר דיא פרינצעסין שוין פערזאַמט... מיט עטליכע טעג צוריק האָט איהר אָבגעקויפט דער פרינץ יוססוף און געהייסען פריילאַזען... אין דעם זעלבען טאָג איז זיא פון מיר אוועק.

ראָשאַנע האָט אָבער געוואוסט אויף קלאָר, דאָס ער זאָגט ליגען. און ער האָט זיך בעשלאָסען פון איהר פלאַן ניט אָבצוטרעטען:

— הער נאָר קרוססא, פערשטעל דיך ניט פיר איין עהרליכען מאַן... דו ביזט ניט בעסער וויא אנדערע פרויען־הענדלער... פיעלייכט האָסט דו פורכט פאַר מיר, זאָג איך דיר, דאָס דער פרינץ האָט מיט מיר פון דעם א וואָרט ניט גערעדט. איך פערלאַנג זעלבסט צו קויפען דיעזע רעציע, וואָס איז נאָך ביי דיר, פיר א גוטען פרייז. נאָר איין זאַך רעד איך אויס מיט דיר: עס זאָל בלייבען צווישען אונז, קיינער זאָל ניט וויסען, דאָס איך האָב איהר אָבגעקויפט פון דיר...

וויא דער פרויען־הענדלער האָט געזעהען, דאָס ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, האָט ער געהייסען אריינפיהרען רעציע'ן, ראָשאַנע איז געבליבען וויא פערבלענדעט פון דער אונגעוועהנליכער שענהייט פון דיעזען מעדכען. דיא בלוט האָט

אין איהר אויפגעקאָכט פון איינפערזוכט און זיא האָט זיך בעשלאָסען איהר גליין אָבצוקויפען, עס קאָן איהר קאָסטען וויא טהייער, אום צו געוועלטיגען איבער איהר און צוגלייך זיך צו בעפרייען דעם וועג צום הערצען פון סאדי. „יעצט וועט זיא מיר שוין ניט שטעהען אין וועג", האָט ראַשאנע ביי זיך געטראכט. רעציע, וויעדער, האָט דיא פרינצעסין ניט דערקענט, זיא האָט געמיינט, דאָס זיא איז א פאָרנעהמע רייכע דאמע, וועלכע קען זיי ביידען ניט. דעריבער איז זיא צוגעגאנגען צו איהר, האָט זיך טיעף פערנייגט און האָט געזאָגט:

— מאדאם! ווער אויך איהר זייט, העלפט מיר, ערבארמט אייך איבער מיר, לייזט מיך אויס פון דיעזען געפענגניס! איהר זייט געוויס א מוטער פון קינדער... איך בין אויך א מוטער, און מיך האָט מען מיט געוואלט אָבגעריסען פון מיין קינד... ערבארמט אייך און נעהמט מיך פון דאנען!...

— דיין ביטטע וועט ערפילט ווערען, — האָט איהר ראַשאנע קורץ געענטפערט.

ראַשאנע איז שנעל דורכגעקומען מיט דעם פרויען־הענדלער איבער דעם פרייז און האָבען זיך איינער דעם אנדערן פערשפּראָכען קיינעם וועגען דעם ניט צו דאכטען. נאָך דעם האָט דיא פרינצעסין אריינגעזעצט רעציע'ן צו זיך אין קארעטע און איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען. דיא גאנצע צייט פון פאָהרען איז רעציע געווען אין טעות און האָט געמיינט, דאָס דיא גנעדיגע דאמע האָט זיך ווירקליך איבער איהר ערבארמט און האָט איהר אויסגעקויפט, אום צו בעפרייען זיא פון געפענגניס. נאטירליך איז זיא געווען פאָלער פריידע, און האָט דעם גאנצען וועג ניט אויפגעהערט צו קוסען דער גוטער דאמע דיא הענד.

איהר קאָנט אייך אָבער פאָרשטעלען, וויא עס איז איהר געוואָרען צו מוטה, ווען ראַשאנע'ס קוטש האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען איהר פאלאץ, וועלכען רעציע האָט גלייך ערקענט. דאָ האָט זיא שוין פערשטאנען, ווער דיעזע דאמע איז געווען. זיא האָט איהר א מאָל געזעהען אין דיא ארמען פון סאדי, נאָר זיא האָט איהר ניט דערקאָנט. עס איז רעציע'ן געוואָרען נאָך ביטערער אויף'ן הארצען, וויא אנשטאָדט בעפרייט צו ווערען, האָט מען איהר אָבגעפיהרט אין הינטער־הויף פון ראַשאנע'ס פאלאץ און פערשלאָסען אין א שמוציגען צימער, וואָס האָט מעהר אויסגעזעהען וויא א קעמעריל פיר ארעסטאנטען, איידער א וואָהנונג פון א פרייען מענשען. וויא רעציע איז געבליעבען אליין פערשלאָסען, האָט זיא גענומען בעריינקען איהר יעצטיגע לאַגע און פינסטערע געדאנקען זיינען איהר גקומען אויף'ן זינען.

— געוויס האָט זיא מיר געבראכט אהער, איך זאָל מיט מיינע אייגענע אויגען זעהען וויא סאדי קוסט איהר און האלזט איהר. פיעלייכט האָט זיא זיך מיט איהם שוין לאנג פערהייראטהעט, און זיא וויל איך זאָל דאָס זעהען און פערצעהרט ווערען

פון קלעמענים און הערצענסוועהע... פיעלייכט וויל זיא נאָך איך זאָל זיי בעדיענען וויא א שקלאַפין...

עטליכע טעג האָט רעציע פערבראכט אין אזעלכע געדאנקען. מיט א מאָל האָט מען דער פּרינצעסין געמעלדעט, דאָס סאַדי איז געקומען. ראַשאַנע'ן איז אין אָנ־פאנג אונהיימליך געוואָרען; ווער ווייס צו ווען ער איז געקומען, פיעלייכט מיינט ער גאָר צו בעגעגענען רעציע'ן און ניט מיר צו מאכען א בעזוך?... אזוי האָט זיא זיך גערעכענט, אָבער זיא האָט דאָך געהייסען איהם אריינבעטען און זיא האָט איהם אריינגעבעטען און זיא האָט איהם נאָך דערצו זעהר פריינדליך און ווארם אויפגענומען.

— ענדליך האָב איך ווידער דאָס פערגניגען דיך צו זעהען ביי מיר, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם מיט א העכסט פרעהליכער מינע, — וואָס איז דיא אורזאכע וואָס דו ביזט ביז אהער צו מיר ניט געקומען? זאָל דאָס זיין, דאָס דו האָסט קיין צייט ניט געהאט? יא, דו ביזט דאָך שוין גרויס־וויזיר און ביזט פיעל מעהר בעשעפטיגט וויא פריהער. אָדער פיעלייכט ביזט דו ניט געזונד געווען? דו זעהסט מיר ווירקליך אוים עטוואָס שלעכט!...

— דו האָסט געטראָפען, — האָט סאַדי געענטפערט, — איך בין ווירקליך זעהר בעשעפטיגט און ניט אין גאנצען געזונד אויך. איך וואָלט נאָך יעצט אויך ניט געקומען, ווען עס וואָלט מיך ניט געצוואונגען א זאך וואָס איז פיעל וויכטיגער וויא א געוועהנליכער בעזוך... מען האָט מיר מיטגעטהיילט (איך גלויב דאָס אפילו ניט), דאָס ביי דיר געפינט זיך געפאנגען רעציע, אלמאנזאר'ס טאָכטער?

— און וואָס האָט דאָס צו דיר? האָט זיא איהם געפרעגט מיט א געמאכטען שמייכעל, — ווידער פערשטעה איך ניט דיין אויפפיהרונג. זאָל זיין דו ביזט איהר פריינד; אָבער מיט מיר ביזט דו דאָך אויך א מאָל געווען בעפריינדעט? און וויא דו ווייסט, האָב איך א מאָל עטוואָס פיר דיר געטהאָן און עטוואָס ביי דיר פערדיענט... יעצט האָסט דו שוין פיר מיר גאָר קיין צייט ניט... זאָגסט פריי און אָפען, דאָס דו ביזט נאָר געקומען צוליעב יענער רעציען... זאָג אליין, סאַדי, צו עס קאָן געבען פיר מיר א גרעסערע בעליידיגונג?...

סאַדי'ן איז געוואָרען ענג אין מוח... ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענט־פערן, וויא זיך צו ענטשולדיגען... ער האָט זיך פערשעהמט און האָט א וואָרט ניט אויסגערעדט. ראַשאַנע האָט דערפון געהאט דעם גרעסטען פערגניגען. זיא האָט זיך בעשלאָסען איהם צו בעשטראָפען פיר זיין ליעבע צו יענעם מעדכען און זיך גוט אָנ־צורייצען מיט איהם... בעפאָר נאָך ער האָט צייט געהאט זיך צו בעדענקען וואָס צו זאָגען, און וויא צו בעטען, זיא זאָל איהם פערצייהען, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם:

— יא, סאדי, עס איז וואהר, זיא איז ווירקליך ביי מיר... איך האָב איהר געקויפט פיר א שקלאפין אין קרוססא'ס מאגאזין... אויב דו ווילסט קאָנסט דו איהר זעהען.

סאדי האָט א שאָקעל גענעבען מיט'ן קאָפּ, דאָס ער וויל איהר זעהען. ראַשאנע האָט איהם צוגעפיהרט צו א פענסטער וואָס איז אריינגעקומען אין א גאָרטען און האָט איהם געוויזען מיט'ן פינגער:

— דאָרטען איז זיא.

סאדי האָט זיך איינגעקוקט. אָבער אין א מינוט ארום האָט ער אָבגעקעהרט דעם קאָפּ: ער האָט קיין קרעפטען ניט געהאט מעהר צו קוקען... עס איז איהם אריבער א קעלט איבער'ן לייב.

— אָ, רעציע! צו וואָס דו האָסט דערלעבט! — האָט ער אויסגעשריען.

ער האָט דערזעהען פון ווייטען רעציע'ן, וועלכע איז געוועזן געקליידעט וויא א געמיינע שקלאפין און האָט געארבייט אין גאָרטען צוזאמען מיט נאָך שקלאפינען, אונטער דער אויפזיכט פון א קאסטראט... דיעזע סצענע האָט סאדי'ן געמאכט שרעקליכע שמערצען. זיין הערץ האָט זיך בעגאָסען מיט בלוט... ראָשאנע האָט געזעהען, וויא שטארק ער האָט געליטען, וויא עס האָט איהם געקרענקט זיין געליעבטעס לאגע, און זיא האָט זיך ניט געקאָנט צו זאט אָנפרעהן...

— נו, וויא געפעלט עס דיר, סאדי? — האָט זיא איהם געפרעגט מיט א שלעכטען געלעכטער.

סאדי האָט א וואָרט ניט געענטפערט און איז גלייך אוועק פון פאלאץ און האָט אפילו ביי דער פּרינצעסין קיין אבשיעד ניט גענומען. ער איז געוועזן שרעקליך אויפגעבראכט און האָט זיך בעשלאָסען, עס מעג איהם קאָסטען וואָס עס וויל, ניט אנדערש צו בעפרייען רעציע'ן און הונדערט מאָל איהר צו בעלאָהנען פיר אלעס, וואָס זיא האָט ביז אהער אויסגעשטאנען צוליעב איהם.

80.

א העהל אונטער דר'ערד.

לאצארוס האָט זיך לאנג ארומגעיאָגט מיט דיא דערווישען אין דער פּיראַמידע ביז וואנען ער האָט איינעם פון זיי געפּאקט. נאטירליך, האָט זיך יענער אזוי גיך ניט אונטערגעגעבען. עס איז געוואָרען א געשלעג, עס האָבען געקלונגען פּעטש און קלעפּ און זיי האָבען זיך ביידע ניט געגארט, ניט לאצארוס, ניט דער אומגליקליכער דערוויש. מאנזור־עפענדי איז געשטאנען פון ווייטען און איז זאט געוואָרען פון פרייד... ער איז געוועזן זיכער, דאָס ער וועט גלייך פּטור ווערען פון לאצארוס'ן אזוי וויא ער איז שוין פּטור געוואָרען פון קאדידזע'ן. פיר זיין לעבען האָט ער אויפ־

געהערט צו זאָרגען, ווייל עס איז איהם צוריק געקומען דיא האָפנונג, דאָס דיא איבערגעבליעבענע דערווישען וועלען געוויס געבען צו וויסען אין קאירא און מען וועט איהם קומען ארויסנעהמען פון דער פּיראמידע.

לאַצארוס איז אָבער דאָך שטארקער געוועזען און אין א פּאָר מינוט ארום איז דער דערוויש געפאלען טוידט.

— א סוף!... האָט אויסגעשריען דער גריך, — ער איז שוין טוידט, קומט און געניסט זיין פלייש און בלוט...

דיא פערהונגערטע און פערשמאכטע דערווישען האָבען זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען. זיי זיינען ארויפגעפאלען אויף דעם טוידטען אזוי וויא הונגעריגע וועלף און האָבען זיך געלאָבט מיט זיין פלייש און בלוט...

מאנזור־עפענדי און לאַצארוס זיינען געוועזען דיא איינציגע וואָס זיינען גע־בליבען פון ווייטענס און האָבען אין דיעזען בלוטיגען מאָהלצייט קיין חלק ניט געהאט, ווייל זיי האָבען נאָך געהאט עטליכע טייטלען אין דיא טאשען.

וויא דיא דערווישען האָבען געענדיגט זייער עקעלהאפטען בלוטיגען באל, איז זיי בעפאלען א שלאָף... איינער נאָר איז געבליעבען וואך. ער האָט זעהר געפירכ־טעט, ער זאָל אויך ניט האָבען אזא סוף, וויא יענער דערוויש וועלכען ער האָט ערשט געהאָלפען פערצעהרען. דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען צו פערקריכען אירגענדס אין א לאָך און בלייבען דאָרטען ליעגען ביז וואנען עס וועט איהם אויסגעהען דיא כוחות פון הונגער, אָדער ביז וואנען עס וועט קומען צו זיי הילפע פון דרויסען, וויא מאנזור־עפענדי האָט געהאָפט.

זוכענדיג אין דער פינסטער ארום דיא וואנד א ווינקעל אָדער א לאָך, וואוהין זיך צו בעהאלטען, האָט ער אָנגעטאפּט א שטיין, וואָס איז געוועזען גלאטער וויא דיא איבריגע שטיינער און איז געוועזען דערצו טיעפער אריינגעזעצט. דאָס איז איהם גלייך אריין אין נאָז...

„געוויס מוז מיט דיעזען שטיין עטוואָס זיין“, האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט, „פיעלייכט ליעגט דאָרטען דער אוצר“? ער האָט געפּרופט א קלאפּ טהאָן אויף'ן שטיין מיט זיין שטאָק, און עס האָט אָבגעהילכט וויא פון א פוסטען אָרט... ער האָט שטארקער גענומען קלאפּען און דער שטיין, וואָס איז געוועזען זעהר א דינער, איז מיט א מאָל צושפּרונגען געוואָרען אויף שטיקלאך. אין דער זעלבער מינוט, איז אריין אין פּיראמידע א שטראָם פרישע לופט און עס איז עטוואָס ליכטיגער געוואָרען. עס איז קיין שום ספק ניט געוועזען, דאָס דיא לאָך וואָס איז געוועזען פערמאכט מיט דעם שטיין געהט ארויס אין דרויסען, מען קאָן לייכט פערשטעהען וויא דער דערוויש האָט זיך דערפרעהט. ער האָט גלייך אויפגעזוכט מאנזור־עפענדי און לאַצארוס'ן און האָט

זיי מיטגעטהיילט דיא גומע און גליקליכע נייעס. זיי ביידע האָבען זיך נאָך מעהר דערפרעהט וויא ער, ווייל זיי איז גלייך אריין אין געדאנקען, דאָס דאָרטען אין לאָך וועלען זיי דעם אוצר אויף געפינען, און דאָס איז ביי דיעזע געלד־גייציגע מענשען געווען כמעט אזוי וויכטיג וויא דאָס לעבען. דער דערוויש האָט זיי צוגעפיהרט צו דער לאָך און זיי האָבען שוין פון וויטען דערפיהלט דיא פרישערע לופט וואָס איז דאָרטען אריינגעגאנגען פון דרוסען, און זייערע אויגען האָבען אָבגעלעבט פון דעם בלאסען ליכט שטראהל. זיי האָבען אלע דריי בעטראכט דיא לאָך און האָבען איינגעזעהען, דאָס זיא איז א שמאָלער און א לאנגער קאנאל וואָס קומט ארויס אויף יענער זייט פיראמידע אין דער פרייער וויסטעניי. וויא מאנזור־עפענדי האָט דאָס בעמערקט, האָט ער ארויסגענומען פון טאשע א קליינע טראָמפעטע, וואָס ער פלעגט שטענדיג טראָגען מיט זיך, און האָט אזוי לאנג געפייפט ביז אלע דערווישען האָבען זיך אויפגעכאפט פון זייער הארטען שלאָף. מאנזור־עפענדי האָט זיי מיטגעטהיילט דיא פרעהליכע נאכריכט, דאָס זיי וועלען באלד ווערען בעפרייט. זיי זיינען שוין אָבער אזוי צוגעוואָהנט געווען צום געדאנקען, דאָס זיי מוזען אלע דאָרטען אומקומען, דאָס זיי האָבען אין מאנזור'ס ווערטער ניט געגלויבט, ביז וואנען זיי זיינען אליין ניט צוגעגאנגען צו דער געפונענער לאָך.

יעצט איז דיא פריידע געווען אונבעשרייבליך: מען איז געפאלען איינער דעם אנדערן אויף'ן האלז, מען האָט זיך געקוסט, געארמט, מען האָט געוויינט און געזונגען, מען האָט זיך גראטולירט. נאָך דעם האָט מען אָנגעפאנגען איינציגווייז אריינצוקריכען אין דיא אָפענע לאָך. צום ערשטען איז געקראָכען מאנזור־עפענדי, נאָך איהם לאצארוס און דיא איבעריגע, וויא מאנזור־עפענדי איז שוין געווען ניט ווייט פון ארויסגאנג, האָט ער דערקאָנט, דאָס אין דרויסען שיינט נאָך דיא זון. דעריבער האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט געהייסען, אלע זאָלען צוריק אריין אין פיראמידע ווארום ווען זיי וועלען פלוצלינג פון דער פינסטערניס ארויסגעהן אין העלען זון־שיין, וועלען זיי ווערען בלינד. בלינד האָט קיינער ניט געוואָלט ווערען, דעריבער, האָבען אלע געמוזט צוריק אריינקריכען אין פיראמידע און איבערווארטען נאָך עטליכע שטונדען, ביז זיי האָבען שוין געקאָנט רעכענען, דאָס עס איז שוין געוואָרען נאכט.

מיט זאנג און קלאנג האָבען זיי אויפגעזוכט זייער לאגער, וואו זיי האָבען מעהר ניט געפונען וויא א פאָר קעמלען און איין דערוויש. פון דיא איבעריגע דערווישען זיינען א טהייל געגאנגען אין קאירא בעטען הילפע און זיינען צוריק ניט געקומען, און א טהייל זיינען צולאָפען געוואָרען, דיעזער איינער איז געבליעבען, ווייל ער איז געווען קראנק און האָט קיין קרעפטען ניט געהאט אוועקצוגעהן. זייערע געפעק

מיט שפייז זיינען אויך געבליעבען. דיא הונגעריגע קאָמפּאניע האָבען זיך צוגעכאפּט צו דיא עסענוואַרג און נאָך דעם האָבען זיך אלע געלייגט רוהען. צוויי פון זיי, מאנזור־עפענדי'ן און לאצארוס'ן האָט זיך אָבער ניט געשלאָפען, זיי האָט דאָס הערץ ניט גערוהט וועגען דעם אוצר. עס איז זיי ווענינ געווען, וואָס זיי זיינען לעבען געבליעבען, עס האָט זיך זיי נאָך געוואָלט ניט אנדערש בעקומען דאָס בעהאלטענע געלד, און יע־דער פון זיי ביידען האָט געווארט, דער אנדערער זאָל איינשלאָפען, אום ער זאָל אליין קאָנען אין דער שטיל צוריק אריינגעהען אין פּיראמידע און אויפזוכען דאָס געלד.

אין עטליכע מינוט ארום האָט לאצארוס בכיון אָנגעפאנגען צו שנאָרכען און מאנזור־עפענדי האָט געמיינט, דאָס ער האט איינגעשלאָפען. דער געלדגייציגער מאן האָט געשווינד אָנגעלאָדען זיין רעוואָלוער, אויפגעזוכט א ליכט און א קעסטעל שטרייך־העלצכען (מעטשעס) און איז מיט האסט אוועקגעלאָפען צוריק צו דער פּיראמידע, פון וועלכער ער האָט זיך קוים ארויסגערעטעט. ער איז שנעל אריינגעקראָכען דורכ'ן קאנאל האָט אָנגעצונדען א ליכט און גענומען זוכען אין אלע ווינקעלאַך. מיט א מאָל האָט ער דערהערט טריט... וויא ער האָט זיך אומגעקעהרט, איז ער ערשטוינט גע־וואָרען: פאר איהם איז געשטאנען לאצארוס. מאנזור־עפענדי האָט מיט איהם א וואָרט ניט גערעדט און האָט איהם גלייך דערלאנגט מיט'ן רעוואָלוער. דער קויל האָט איהם געטראָפען אין א גוטען אָרט און לאצארוס איז אין דעם זעלבען אויגענבליק אנידערגעפאלען און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען.

מאנזור־עפענדי האָט זיך רוהיג ווידער גענומען זוכען... זיין מיה איז אָבער געווען אומזיסט, ער האָט קיין זאך ניט געפונען און האָט זיך געמוזט מיט ליידיגעם אומקעהרען אין לאגער. דיא דערווישען האָבען געשלאָפען וויא פריהער און האָבען פון קיין מעשה ניט געוואוסט, אויף מאָרגען האָבען זיי זיך געזעהנליך געכאפּט, דאָס לאצארוס איז פערשוואונדען געוואָרען, אָבער מאנזור־עפענדי האָט זיי ערקלערט, דאָס ער האָט איהם נאָך ביי נאכט געשיקט מיט א וויכטיגען אויפטראג, און מעהר האָט מען שוין וועגען איהם א וואָרט ניט גערעדט.

אין א קורצע צייט ארום זיינען זיי צוריק געקומען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

81.

מערדער בעפאלען דיא פּרינצען.

אם דרייצעהנטען מאי, טויזענד אכט הונדערט זעכס און זיעבציג, געגען אבענד איז צוגעפאָהרען צום טויער פון רואינע „קאדריש“ א קארעטע. לעבען קוטשער איז געזעסען א מוהרין, געקליידעט וויא א דיענער. אין קארעטע איז געוועזן דיא סולטאנין וואלידע. זיא האָט געפרעגט ביי דעם וואך דערוויש, צו איז יעצט דאָ אין רואינע מאנזור־עפענדי.

— יאַ ! — האָט ער געענטפערט, ער איז יעצט אין טהורם דער ווייזען.

— פֿיהר מיך צו איהם, — האָט זיא געזאָגט.

דיא סולטאַנין איז נאָך אין דער רואינע קיין מאָל ניט געוועזען און איז נאַטירליך ניט געוועזען בעקאַנט מיט איהרע איינריכטונגען און מיט דער לאַגע פֿון איהרע פֿער־שיעדענע הייזער. איידער דער דערוויש האָט איהר געבראַכט צופֿיהרען אין „טהורם דער ווייזען", האָט מען שוין געמעלדעט מאַנזור'ן פֿון דער סולטאַנין'ס וויזיט צו איהם. ער איז גלייך ארויס איהר בעגעגענען און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס זיא איז געקומען צו איהם יעצט, דאָס ער איז שוין אויס שייך־אול־איסלאַם. וואָס קאָן זיא איהם יעצט דאַרפֿען ?

— איך וויל מיך בעראַטהען מיט דיר וועגען פֿיעלע וויכטיגע זאַכען, — האָט זיא איהם געענטפֿערט אויף זיין פֿראַגע, — און אזוי וויא עס איז נעטהיג דאָס קיי־נער זאָל פֿון דאָס מינדעסטע ניט וויסען, אפילו דאָס מיר האָבעןביידע אונז גע־זעהען, — האָב איך דיך ניט געלאַדען צו מיר און בין בעסער געקומען אהער, וואו מיר זיינען זיכערער פֿון איין „עין־הרע", וויא ביי מיר...

מאַנזור־עפֿענדי האָט זיך טיעף איינגעבויגען און האָט געזאָגט :

— איך בין אייך פֿערטיג צו דיענען מיט מיין ראַטה, און אייער מאַיעסטעט קאָן זיין זיכער, דאָס איך וועל אייך ניט פֿערראַטהען.

— איך ווייס דאָס פֿון לאַנג אָן, — האָט דיא סולטאַנין געענטפֿערט, — און דעריבער האָב איך צו דיר אזעלכען צוטרויען.

מאַנזור־עפֿענדי האָט זיך ווידער פֿאַר איהר טיעף פֿערנייגט און האָט איהר אריינגעפֿיהרט אין ראַטה'ס קאַבינעט. ער האָט פֿערשלאָסען דיא טיר און זיי האָבען זיך ביידע געזעצט.

— דו ווייסט דאָך געוויס גאַנץ גוט, — האָט זיך דיא סולטאַנין געווענדעט צו איהרען ראַטהגעבער, — פֿון דעם גרויסען שטורם וואָס דרינגט און שפּאַרט צו אונז אין לאַנד פֿון אייראָפּאַ... עס שמעקט מיט א גרויסע מלחמה. אין אַלע אונזערע פּראָווינצען איז שרעקליך אונרוהיג... עס איז ארויס א קלאַנג דאָס מען האָט גע־מאַכט א בונד אראָבצושטויסען פֿון טירקישען טראָהן מיין זוהן אבדול־אזיס און אנ־שטאַט איהם ארויפֿזועצען דעם פּרינץ מוראַד... נו, זאָל דאָס זיין אמת ?

וויא זיא האָט איהם געמאַכט דיעזע פֿראַגע, האָט זיא זיך שטאַרק איינגע־קוקט אין זיין געזיכט, אום צו זעהען, וואָס פֿיר איין איינדרוק עס האָט אויף איהם געמאַכט, ווייל זיא האָט געהערט, דאָס ער אַליין האָט אויך א טהייל אין דיעזען בונד געגען איהר זוהן.

— ניין, טהייערע סולטאַנין, איך גלויב עס ניט, — האָט ער געענטפֿערט מיט א

קאלטע מינע אזוי וויא ער וואָלט ווירקליך ניט געוואוסט וואָס א האָאר איז ווערטה,

— און איך פערשטעהע ניט צו וואָס זאָל מען דאָס גאר פֿ־לאנגען?

— איך האָב געהערט, — האָט דיא סולטאנין וויטער גערעדט, — דאָס דער פרינץ מוראד-אליין, איז שוין גאָר זיכער, דאָס עס איז געקומען דיא שטונדע, ער זאָל ארויף אויף'ן טראָהן... ער רעכענט גאָר ניט אנדערש...

— דאָס, זעהט איהר, איז גראדע צו גלויבען... דיא פרינצען ווינשען דאָס פון לאנג אָן און זיי זוכען אימער נאָר א גוטע געלעגענהייט. „אויב מען זוכט, געפינט מען", זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, און בפרט נאָך אין יעצטיגער צייט... לײדער אָבער, קאָן איך יעצט ווייניג טהאָן פיר אונזער גראָס־הערן... איך בין איהם אימער געווען טריי, אָבער פון דער צייט אָן וואָס מען האָט מיך אראָבגעשטויסען פון מיין שטעלע, בין איך שוין מעהר ניט אימשטאנדע איהם צו בעווייזען מיין טרייהייט... איך בין איהם יעצט דער זעלבער גוטער פריינד וויא פריהער, אָבער וואָס קאָן איך יעצט ווירקען פיר איהם? איך בין נאָר אימשטאנדע צו ראטהען... ווען איהר זייט שוין יא געקומען צו מיר, בין איך אייך פערטיג צו העלפען מיט א ראטה, נאטירליך, אויב איהר זייט פערטיג איהם צו הערען.

— שפּרעך עס, איך בעפעהל דיר צו שפּרעכען דיין ראטה!

— עס איז נאָר דאָ איין מיטעל פיר אייך, — האָט זיך אָבגערופען מאנזור־עפענדי, איהר מוזט ברויכען געוואלטען... מעהר וויא דורך איין געוואלטיגען אקט קאָנט איהר ניט רוהיג ווערען פון דיא אינטריגען און בונטען... ניט שפּעטער וויא מאָרגען דארפט איהר ארעסטירען דיא פרינצען אין דאָלמא־באכטשא און צושטע־לען צו זיי א שטרענגע וואך... קיינער פון זיי דארף ניט געשאָהנט ווערען, א חוץ דער פרינץ יוססוף... וויא נאָר דאָס געשעהט, וועט איהר קאָנען רוהיג שלאָפען.

— איך זעלבסט מיין אויך אזוי, האָט וואלידע געענטפערט, — איך פאָהר גלייך אין בעגלעבענג איבערצורעדען דעם סולטאן, ער זאָל דאָס איינוויליגען.

— עס פרעהט מיך זעהר, דאָס אייך געפעהלט מיין ראטה... פיר יעצט איז גענוג, און וויא דאָס וועט זיין ערפילט מיט דעם ווילען פון סולטאן, בין איך אייך פערטיג ווייטער צו דיענען, — האָט מאנזור־עפענדי געזאָגט.

— איך האָף אויסצואווירקען דיא איינוויליגונג פון סולטאן און אלעס צו טהאָן וויא דו ראטהסט... געוויס וועסט דו גוט בעלאָהנט ווערען פון מיר... דערווייל, אדיע!

וואלידע איז גלייך פון דער רואינע „קאדריש" אוועקגעפאָהרען צום סולטאן אבדול־אזיס.

מאנזור־עפענדי האָט זיך גוט אויסגעלאכט נאָך איהר אוועקגעהען. ער האָט געהאט פיעל פערגניגען, דאָס זיא (וואָס האָט זיך געהאלטען פיר א קלוגע), האָט זיך

אזוי ליִיכט געלאָזען אריינגנארען אין זאק... ער איז געוועזן זיכער, דאָס ווען זיא וועט אויספיהרען דאס וואָס ער האָט געראטהען, וועט דערפון דיא לאגע פון סולטאן אבדול אזיס ווערען נאָך פיעל שלימער, ווארום דאמאָלס וועלען שוין אלע אָבשטעהען פון איהם, אפילו דיא מיניסטאָרען וואָס זיינען נאָך איהם טריי... פון מעהר זיכערקייט וועגען, האָט נאָך מאנזור־עפענדי געוואָלט אלע זאָלען מיינען, דאָס דער סולטאן האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט, האָט זיך מיט קיינעם ניט בעראטהען, און דאָס ער האָט פון זיך אליין בעפאָהלען מען זאָל זיך אזוי בעגעהען מיט דיא פרינצען... אזוי וועט מען נאָר זיין אויפגעבראכט און בעז געגען דעם סולטאן אליין, און דורך דעם וועט ער נאָך פריהער האָבען דיא מפלה...

צו דיעזען צוועק האָט מאנזור־עפענדי געהייסען אריינרופען צו זיך דעם דער־וויש אלאי. דיעזער דערוויש איז געוועזן א גרויסער פאנאטיקער און א ברענעדיגער בעל־תשובה, ער פלעגט גאנצע טעג פערברייננגען אין געבעט און געוויין און פאסטען, און פלעגט זיך אליין שרעקליך פייניגען, שטעהען אויף ארבעס, ליעגען אין מוראשקעס און דאָס גלייכען. ער איז א מאָל געוועזן, וויא עס שיינט, א גרויסער זינדער און האָט געוואָלט אָבקומען פיר זיינע זינד אויף דער וועלט.

אלאי איז אריין אין ראטה'ס קאבינעט, האָט זיך ביז דר'ערד פערנייגט פאר מאנזור'ן און האָט זיך געשטעלט אָן א זייט. עס האָט איהם געטרייסעלט הענד און פיס.

— נו, אלאי, — האָט זיך אָבגערופען צו איהם מאנזור־עפענדי, — וואו האלסט דו שוין מיט דיין רעכנונג? האָסט דו דיך שוין אין גאנצען אויסקוויטירט מיט גאָט, צי עדער עס קומט נאָך עטוואָס פון דיר ארויס?

— אָ, הייליגער פאָטער! — האָט מיט א ציטערנדע שטימע געענטפערט אלאי, — עס איז א שאנדע צו זאָגען, עס קומט נאָך פון מיר מעהר וויא א העלפט... נאָך מיין רעכנונג... איך בין געוועזן א גרויסער זינדער.

— אויב אזוי, אלאי, הער וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך בין דאָך געוועזן שייך־אול־איסלאם און איך וויים וויא צו בעטראכטען יעדע זינד און מיט וואָס פיר א מיטעל מען קאָן פון איהר ריין ווערען אויף דער וועלט. ווען דו רעכענסט, אלאי, זיך צו רייניגען פון דיא איבעריגע זינד דורך דיא זעלבע מיטעל, וויא ביז אהער, וועט דיר וועניג זיין דיין גאנצעס לעבען און דיין געזונד, און דו וועסט דיך קיין מאָל ביי גאָט ניט אויסצאָהלען, וועסט בלייבען ביי איהם איין איבינער בעל חוב... גאָט שענקט אָבער ניט, און ער וועט איינמאָהנען פון דיר אויף יענער וועלט, און נאָך מיט גרויסע צינזען... אָבער דער גנעדיגער גאָט האָט זיינע געליעבטע גייסטליכע אנגע־טרויעט אזעלכע מיטעל, וואָס קאָנען אין איין איינציגער שטונדע, אָפּט אין עטליכע סעקונדען, רייניגען פון דיא שווערסטע זינד, אזעלכע גוטע טהאטען (מעשים), וואָס

דורך זיי קאָן מען זיך אין א מינוט קויפען עולם הבא... אזעלכע מיטעל בעגעגענען זיך גאנץ זעלטען, ווייל עס איז גאנץ וועניג דאָ אזעלכע, יעצט גראדע האָב איך אזא מיטעל, און ווייל איך ליעב דיך זעהר, ווארום דו ביזט איין אמת'ער בעל תשובה, בין איך פערטיג דיר צו זאָגען.

— איך דאנק אייך, הייליגער פאָטער, — האָט אלאי געזאָגט, — איך בין פערטיג צו טהאָן מיט לייב און זעעלע וואָס איהר וועט מיר בעפעהלען.

— אויב אזוי איז גוט. דער מיטעל וואָס דו קאָנסט דורך איהם אין א מינוט זוכה זיין צו עולם הבא, בעשטעהט אין דעם: דו נעהם דיין קינזשאל, גנב'ע זיך אריין אין דיא צימערן פון דאָלמא־באכטשא און וויא דו וועסט דערזעהען דיא פרינצען, זאָלסט דו אויסשטרעקען דעם קינזשאל געגען זיי...

— און איך זאָל זיי טיידטען? — האָט אלאי געפרעגט מיט גרויס פערוואונדערונג.

— ניין, גאָט בעוואהר! — האָט איהם בערוהיגט מאנזור־עפענדי, — דו מאך נאָר איין אָנשטעל אזוי וויא דו ווילסט זיי טיידטען און לאָז דיך אָננעהמען...

— און דאָס איז גאָר, וואָס דו פערלאנגסט פון מיר, אום מיר צו פערזיכערן א חלק אין עולם הבא?

— געה וואָס שנעלער און טהו וואָס איך בעפעהל, — האָט איהם געזאָגט מאנזור־עפענדי און איז ארויסגעגאנגען פון ראטה'ס־קאבינעט.

דיא סולטאנין וואלידע האָט אויסגעווירקט פון איהר זוהן ער זאָל איינשטימען אויף איהרע פלענער און אין דער זעלבער נאכט האָט מען דיא פרינצען מוראד, האמיד, ראשיד און נוראדין אָבגעפיהרט אין פאלאץ דאָלמא־באכטשא און אָבגעגעבען אונטער דיא אויפזיכט פון סולטאן'ס קאמער־הערר מושיר־פיאזיז. מען האָט זיי געגעבען צו וויסען, דאָס פון דער מינוט אָן האָבען זיי קיין רעכט ניט אָהן זיין ערלויבניס צו טהאָן א טריט וואוהין עס איז, צו האָבען אויפטראגע מיט וועמען עס איז, געסט אויפצונעהמען און וואָס עס איז צו שרייבען. פיר דיא קלענסטע זאך, וואָס זיי וועלען טהאָן אָהן דיעזען מושיר'ס ערלויבניס, וועלען זיי בעצאָהלען מיט דעם לעבען!

דער דערוויש אלאי האָט פינקטליך ערפילט מאנזור־עפענדי'ס בעפעהל. דיעזען דערוויש האָט מען געקאָנט אין גאנץ קאָנסטאנטינאָפאָל און מען האָט איהם געהאלטען פיר א גרויסען הייליגען מאן, עס איז פיר איהם אָפען געווען אלע טירען וואוהין ער האָט נאָר געוואָלט אריינגעהן, וויא צו אָרימע אזוי צו רייכע, אפילו צום גרויס־וויזיר אליין. אין דער זעלבער נאכט איז ער זיך אריין צום פרינץ מוראד אין פאָר־צימער מיט א בלאנק־ווייסען קינזשאל אין האנד, און וויא דער פרינץ איז צו איהם ארויס ענטקעגען, איז ער צוגעלאָפען צו איהם אזוי וויא איהם צו טיידטען...

עס איז געוואָרען א ליארם, דיא איבריגע פּרינצען זיינען צוזאמענגעלאָפען, פיעלע בעדיענטע, עס איז געקומען דער אָפיציער מיט סאָלדאטען, מען האָט אָנגענומען דעם מערדער, אָבער ניט ארעטירט, נאָר מען האָט איהם אָבגעפיהרט צוריק אין רואינע „קאדריש“ מיט דעם בעפעהל, מען זאָל איהם אויף א מאָנאט פערשפּארען און ניט ארויסלאָזען אויף דיא ווייסע וועלט. שטרענגער האָט מען איהם ניט געוואָלט בעשטראָפען, ווייל מען האָט איהם געהאלטען, וויא מיר האָבען שוין געזאָגט, פיר א הייליגען מאן וואָס איז בעגייסטערט מיט גאָט, וואָס טהוט קיין זאך ניט פון זיך אליין. . .

דיא פּרינצען וואָס זיינען שוין אזוי אויך געווען אין דער גרעסטער פּורכט, זיינען נאָך דיעזער געשיכטע אין גאנצען ביי זיך אראָבגעפאלען. עס איז ביי זיי קיין ספק ניט געווען, דאָס דיא טירקישע רעגיערונג האָט זיך בעשלאָסען פון זיי פּטור צו ווערען און צו מאכען מיט זיי א סוף. . .

82.

נאָך סאדי'ס האסטיגען ארויסלויפען פון דער פּרינצעסין ראָשאנע'ס צימער, איז דיא פּרינצעסין געבליעבען וויא א פערברענטע. איהר בלוט האָט אויפגעקאָכט פון דיעזער בעליידיגונג! רעציע, איהר שקלאפין, איז איהם ליעבער און טהייערער וויא זיא? זיא האָט קיין קרעפטען ניט געהאט איבערצוטראָגען דיעזע גרויסע שאנדע. איהר פריהעריגע פייערינע ליעבע צו סאדי'ן איז פערקעהרט געוואָרען אין שרעקליכ־סטען האס. זיא האָט זיך בעשלאָסען ביידען אויף דער שטעלע אומצובריינגען, און סאדי'ס גליק איז נאָר געווען, וואָס גראדע אין דער מינוט זיינען איהרע דיענער, דיא קאסטראטען, ניט געווען דערביי, ווען ניט דאָס וואָלטען זיי שוין איהם געמאכט מיט א קאָפּ קירצער און עס וואָלט א האָהן ניט געקרעהט, אזוי וויא עס געהט צו אין טירקיי גאנץ אָפט. צום גליק זיינען דיא קאסטראטען געווען אנדערסוואו, און סאדי האָט געהאט צייט ארייצולויפען אין גאָרטען וואו רעציע האָט געארבייט צוזאמען מיט דיא איבעריגע שקלאפינען.

ראָשאנע'ס גאָרטען איז געווען אויף'ן ברעג פון באָספאָר און דיא שקלאפינען האָבען זיך בעשעפטיגט אין דיא בלומען בעטען הארט לעבען וואסער. וויא זיי האָבען דערזעהען דעם גרויס־וויזיר, וואָס איז געווען אין פּאראדנעם מונדיר מיט אלע מע־דאלען, אָרדערס און גאָלדענע באנדען, האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אין צייל און געקניעטפאר איהם. רעציע אליין האָט דאָס ניט געטהאָן; זיא איז איהם ארויפגעפאלען אויף'ן הארצען און האָט מיט א ציטערנדע שטימע אויסגערופען:

— אָ, סאדי, איך האָב דיך וויעדער! אָ, בלייב שוין מיינער אויף אימער! איך האָב לאנג אויף דיר געווארט, ענדליך האָב איך מיך דאָך דערווארט... מיין האָפנונג

האָט מיך ניט גענאַרט! אָ, סאדי, פיעל, זעהר פיעל האָב איך פון דיינטוועגען געליטען, איך בין אָבער געבליעבען ריין... פיעל מאָל בין איך געווען געפאַנגען... יעצט בין איך אויך ניט פריי... אָ, סאדי, קויף אונז אויס, מיך און אונזער קינד, וואָרום מען האָט אונז ביידען געמאַכט פיר שקלאַפען... אָ, ערבארם דיך איבער אונז!

די לעצטע ווערטער האָט רעציע קוים געקאָנט אויסשפּרעכען, עס האָבען איהר געשטיקט טרעהרען און זיא האָט אויסגעבראָכען אין א גרויסען געוויין. סאדי איז געווען גערירט און אויפגערעגט ניט ווייניגער וויא זיא: ער האָט איהר געקוסט, געדריקט צום הארצען, געווישט איהרע טרעהרען, און געטרייסט וויא ער האָט נאָר געקאָנט.

— איך בין אויך ניט געווען אזוי גליקליך די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען געלעבט בעזונדער, — האָט ער צו איהר געזאָגט, אָבער דיזע טרויעריגע צייט, דיזע פינסטערע נאַכט איז שוין גאָט זיי דאַנק פאָראיבער. יעצט שיינט שוין פיר אונז דער העלער טאָג! . . .

— דערוויילע, טהייערע רעציע, — האָט צו איהר סאדי ווייטער געזאָגט, — דאַרפען מיר קיין מינוט ניט פערליערען און וואָס צום שנעלסטען פון היער אַנטלויפען. נעהם דאָס קינד און קום מיט מיר... איך האָב בעשטעלט א שיפעל וואָס ווארט אונטען אויף אונז, ווייל איך האָב געוואוסט, דאָס דו ביזט ניט פריי און איך וועל דיך מוזען אָבפיהרען אין דער שטיל, וויא קאָנטרא־באַנדא. . .

— ליידער איז דאָס קינד ניט ביי מיר, — האָט זיא געענטפערט מיט א טרויע־ריגע מינע, — און איך ווייס אפילו ניט וואו ער איז... מען האָט איהם גערויבט און פערקויפט. . .

דיזע נאַכריכט האָט סאדי'ן שרעקליך געקרענקט... צוויי גרויסע טראָפּען זיינען איהם ארויס פון די אויגען... ער האָט זיך אָבער באַלד איינגעהאַלטען, אום ניט צו פערליערען קיין איבעריגע צייט.

— איך האָף, ליעבע רעציע, — האָט ער איהר בערוהיגט, — דאָס דער זעלבער גאָט וואָס האָט דיך ווידער געבראַכט צו מיר, וועט אויך ווידער ברייגגען צו אונז אונזער קינד. דערווייל מוזען מיר אונז זעלבסט פון היער רעטען...

סאדי האָט רייכליך בעשאָנקען די שקלאַפינען און ער האָט אין דער זעלבער מינוט אוועקגעפיהרט מיט זיך רעציע'ן.

אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען זיי שוין ביידע געזעסען אין א שיפעל און זיינען געפאָהרען אין שטאָדט. סאדי האָט יעצט מעהר צייט געהאַט צו שפּרעכען מיט זיין געליעבטער. ער האָט איהר פערזיכערט, דאָס פון יעצט אָן וועט זיא שוין פון איהם קיין מאָל ניט געשיידט ווערען, דאָס זיא בלייבט אויף אימער די איינציגע,

צו וועמען עס געהערט זיין הערץ, דאס זיא וועט פערגעסען דיא ביזהעריגע לײדען און שמערצען, וויא מען פערגעסט א בייזען טרוים... דיעזע און נאך אזעלכע גוטע זיסע ווערטער זיינען געווען בעגלייטעט מיט הייסע קוסען, ברענעדיגע האנד דריקונגען און אומארמונגען. . .

— אונזער ליעבע, רעציע, וועט וויעדער ניי ווערען, וועט אויפבליהען וויא אין דעם ערשטען טאג פון אונזער בעקאנטשאפט, אזוי שעהן, אזוי טריי און ריין וויא דאמאלס! . . .

ארויסגעהענדיג פון דער שיפעל האבען זיך אונזערע גליקליכע פאסאזשירען ארייננעזעצט אין א פאיעטאן און זיינען אוועקגעפאהרען אין סאדי'ס זומער־וואהנונג. דארטען האבען זיי לאקייען געהאלפען ארויסגעהען פון פאיעטאן און ארייננעפיהרט אין קווארטיר. סאדי האט געפיהרט רעציע'ן דורך פיעלע זאלאנען און צימערן, וועלכע זיינען געווען פראכטיג מעבלירט און אויפגעפוצט, דא נאר האט זיך רעציע ערקונדיגט, דאס סאדי איז שוין געווארען א גרויס־וויזיר, ווייל זיא האט דארטען געטראפען פיעלע גרויסע לייט, פיעלע אפיציערען, וואס האבען אונטער איהם געדיענט... איהר געמיטה אין דיעזער מינוט איז אונמעגליך צו בעשרייבען. מיט איין שטונדע צוריק איז זיא געווען איין אומגליקליכע שקלאפין, און יעצט איז זיא שוין איינע פון דיא פארנעהמסטע דאמען אין טירקיי, דיא פרוי פון דעם גראס־וויזיר! דיעזער איבערגאנג, דיעזע ענדערונג איז געווען צו שנעל, צו פלוצלינג! רעציע איז געווארען זעהר אויפגערעגט און האט מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען:

— ווען אונזער קינד וואלט נאך ביי אונז געוועזן, וואלט שוין צו מיר קיין גלייכען אויף דער וועלט ניט געוועזן!

— מיר וועלען אונזער קינד אויך באלד האבען, — האט איהר סאדי בערוהיגט, — האב נאר עטוואס געדולד, מיין טהייערע, — הער אויף צו דענקען פון דער פערגאנגענער צייט און זארג ניט וועגען שפעטער... יעצט ביזט דו שוין געזיכערט פון נויטה און עלענד ביז'ן טוידט... קיינער וועט דיך שוין פון מיינע ארמען ניט ארויסרייסען, מעהר וויא דער טוידט וועט אונז ניט שיידען!...

סאדי האט אן סירא'ן אויך ניט פערגעסען. ער האט איהר געשיקט רופען און אויפגענומען פיר אימער צו זיך אין הויז, אום רעציע זאל טהיילען מיט איהר איהרע פריידען, אזוי וויא זיא האט פריהער געטהיילט איהרע ליידען. פיר רעציע'ן איז דאס געווען א גרויסער פערגניגען, נאך גרעסער וויא פיר סירא'ן זעלבסט, וועלכע איז שוין פון קינדהייט אן געוואהנט געווען צו נויטה און ארעמקייט. אין עטליכע טעג ארום האט סירא אנגעפאנגען צו זוכען דאס פערלארענע קינד.

רעציע איז געווארען דיא הויפט ווירטהין ביי זיך אין פאלאץ, און האט איהר

גאנצען פערשטאנד און גענױטקײט פערברױכט אױף דעם, דיא װירטהשאפט זאָל זײן אױף'ן בעסטען און שעהנסטען ארט, און סאדי האָט קײן אורזאכע ניט געהאט זיך צו בעקלאָגען. . .

סאדי האָט זיך מיט לײב און לעבען ארײנגעטהאָן אין זײנע פּאָליטישע גע־שעפטען. ער האָט געהאט זעהר פיעל װאָס צו טהאָן. דיא צײט איז געװען זעהר א שטורמדיגע. פיעלע פײנדע, פון אינעװעניג און פון אױסװעניג, האָבען זיך צוזאמענ־געצױגען ארום דעם טירקישען טראָהן, דיא לאגע פון דער טירקישער רעגיערונג איז װאָס פון טאָג געװאָרען שלימער און געפעהרליכער. דיא גרעסטע בעאמטע זײנען געװען פאלש דעם סולטאן אבדול־אזיס... ער האָט זיך אָבער װעניג געקימערט, ער האָט געהאלטען פערמאכט דיא אױגען און דיא אױערן און קײן זאך ניט געװאָלט זעהען און הערען...

„װאָס עס װעט זײן־װעט זײן, דערװײל דארף מען לעבען א גוטען טאָג“, האָט זיך אבדול־אזיס געטראכט און האָט פערבראכט זײנע טעג אין הארעם מיט זײנע אָדאליסקען... סאדי האָט זיך אָבער בעשלאָסען צו־שיטצען דעם טראָהן און צו פער־היטען, װיא װײט עס איז נאָר געװען מעגליך, זײן פאטערלאנד פון אומגליק און גע־פאהר, פון אלע מיניסטאָרען איז נאָר ער אײנער, ד. ה. דער גרױס־װיזיר, ביז צום ענדע געבליעבען טרײ דעם סולטאן. זײן געװעזענער קאמעראד האסאן איז געװען דער אײנציגער װאָס האָט איהם געהאָלפען אין זײן שװערער אױפגאבע. צארא־בעי איז נאָך אימער געבליבען אין לאָנדאָן.

סאדי האָט זיך ערקונדיגט, װיא פיעל ראָשאנע האָט בעצאָהלט דעם שקלאפען־הענדלער פיר רעציע'ן, און האָט איהר גלײך אָבגעשיקט דאָס געלד, אין עטליכע טעג נאָך דעם איז דיא פּרינצעסין ראָשאנע געקומען צו סאדי'ן אין װאָהנונג. סאדי האָט זיך זעהר געװאונדערט: נאָך דער גרױסער בעלײדיגונג, װאָס ער האָט איהר געמאכט מיט דעם געהײמען אװעקפיהרען פון איהר רעציע'ן, זאָל זיא איהם צײגען דיא עהרע און קומען צו איהם פּערזענליך מיט א װיזיט? ראָשאנע זעלבסט האָט גלײך פערשטאנען זײן ערשטױנען און האָט זיך אָבגערופען:

— פון מײן קומען צו דיר קאָנסט דו פערשטעהען, דאָס איך בין געגען דיר ניט אזױ בײז װיא דו מײנסט... װאָס קאָן מען מאכען? איך האָב דיך גליקליך געמאכט, איך האָב דיך געבראכט צו דעם הױכען ראנג, װאָס דו פערנעהמסט יעצט אין טירקײ, איך האָב דיך געמאכט פיר א גרױסען און בעריהמטען מאן, און דעריבער מוז איך שױן שװײגען און אראָבשלינגען דיא גרעסטע אונדאנקבארקײט פון דיר. אלזא, בין איך יעצט ניט געקומען צו דיר מיט דעם צװעק, דיר אױסצורעדען װאָס דו האָסט דיך אזױ שלעכט בענאנגען מיט מיר, אָדער צו פערלאנגען פון דיר בעפריעדיגונג און

בעלאָהנונג פיר אלעס וואָס איך האָב פיר דיר געטהאָן. דו ווייסט זעלבסט, דאָס איך האָב דיר געדיענט ניט צוליעב געצאָהלט און בעלאָהנונג.

— איך וויים עס, גנעדיגע פרינצעסין, — האָט סאדי געענטפערט, — און דעריבער פערלאנג איך צו וויסען דיא אורזאכע, וואָס האָט דיך יעצט געבראכט מיט א בעזוך אין מיין הויז?

— אין ד י י ן הויז, זאָגסט דו? — האָט דיא פרינצעסין זיך געוואונדערט,— דערוויל איז דאָס הויז פון דעם גראָס־וויזיר... דו ביזט אפילו יעצט דער גראָס־וויזיר, אָבער ניט אימער איז מען דאָך אין דיעזען ראנג... וויא נאָר מען געהט ארונ־טער, געהערט שוין דאָס הויז איין אנדערן, דעם נייעם גראָס־וויזיר!...

— דאָס איז אפילו אמת, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — דער גראָס־הערר האָט מיך געמאכט פיר א גראָס־וויזיר און ער קאָן פון מיר דיעזען ראנג צוריקנעה־מען. אָבער ער האָט מיך בעשטימט אויף דיעזע שטעלע, ווייל איך האָב איהר פער־דיענט, ווייל איך פאס און טויג צו איהר מעהר וויא זיינע אלע איבעריגע דיענער... איך בין אונזער גראָס־הערן טריי און ער אי זאיין עהרליכער און שטרענג גערעכטער מאן. אומזיסט לאָהנט ער ניט און שטראָפט ניט... אלזאָ האָף איך צו גאָט, דאָס וויא לאנג אונזער גראָס־הערר און איך לעבען, וועל איך אויף מיין שטעלע בלייבען. אלזאָ, האָב איך רעכט צו זאָגען: אין מ י י ן הויז.

— עס פרעהט מיך, — האָט ראָשאנע געזאָגט, — דאָס איך האָב מיין מיה און זאָרג פערשווענדעט אויף א בראַווען מאן וויא דו. און וויל דיר אויף ווייטער אויך בלייבען גוט. ווייל איך זאָרג דו זאָלסט ווייטער אויף זיין גליקליך, בין איך דיר געקומען זאָגען, דו זאָלסט דיך ניט איינטרויען אין דיעזע רעציע... זיא איז איינע אונווירדיגע פרוי!...

— ז י א איין אונווירדיגע פרוי? — האָט סאדי אויסגעשריען, עס איז אונ־מעגליך! איך וויים און קען יעדע פערזאָן אין וועלכע איך קאָן מיך איינטרויען...

— יעדער מענש קאָן א טעות האָבען, — איז ראָשאנע געבליעבען ביי דאָס איהריגע, — איך קאָן ניט גלייכגילטיג צוזעהען וויא מען בעטריגט דיך... זיי פאָר־זיכטיג, סאדי. . .

— איך דאנקע דיר, עהרווירדיגע פרינצעסין, פיר דיין גוטהערציגקייט, דאָך קאָן איך יעצט דיין ראטה ניט אָננעהמען... איך קען רעציע'ן מעהר פון דער גוטער זייט, וויא דו פון דער שלעכטער. דו ווייסט נאָר וואָס אנדערע האָבען דיר געזאָגט, איך אָבער האָב מיך זעלבסט מיט אייגענע אויגען איבערצייגט אין איהר אונשולדיג, ריינעם און בראַווען כאראקטער. וויא פיעל האָט זיא זיך אָנגעליטען אין איהר לעבען,

וויא פיעל שמערצען האָט זיא געהאט צוליעב מיר! איך זאָל איהר יעצט פערשטויסען וויעדער אין עלענד — ניין! איך בין קיין טיראַן ניט!...

— דו מעגסט, סאדי, זיין זיכער אין מיינע ווערטער... איך רעד ניט פון מיין אייגענעם קאָפּ... דיין רעציע איז איין אויסגעלאסענע, זיא האָט שוין געהאט מיט פיעלע יונגע לייט אומגעגנגע... זיא איז אפילו מיט'ן פרינץ יוססוף אויך נאָהענט בעקאנט... דו קאָנסט איהר זעלבסט פרעגען, ווען דו גלויבסט מיר ניט... זיא וועט זיך ניט לייקענען, ווארום דיא גאנצע וועלט ווייס שוין פון דעם...

— בעהיטע גאָט, איך זאָל בעליידיגען רעציע'ן מיט אזא פראגע, — האָט סאדי געענטפערט, — און בפרט דאָס איך בין איבערצייגט, דאָס זיא איז ריין וויא איין ענגעל!

— וויא איך זעה, — האָט ראָשאנע געענדיגט, — ווילסט דו מיין ראטה ניט פאָלגען; נאכהער וועסט דוא חרטה האָבען, עס וועט שוין אָבער זיין צו שפעט... אם וועניגסטען, גיעב גוט אכטונג אויף איהר, וועסט דו שוין אין קורצען אליין זעהען, דאָס איך האָב רעכט. . .

ראָשאנע איז אוועק פון סאדי'ן זעהר אונצופריעדען. זיא האָט געמאכט א גאנצען פלאן זיך נוקם צו זיין אָדער ראכע צו נעהמען פון ביידען מיט איין מאָל, זיא האָט געוואָלט מיט ליגען און ניעדריגע „לשון־הרע", צערברעכען זייער ביידען'ס גליק מיט איין מאָל, און זיא האָט ניט אויסגעפיהרט. דאָס האָט איהר שטארק פער־דראָסען.

83.

אלע מיניסטאָרען מאכען א בונד.

אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט מען א צייט ניט געוואוסט, דאָס מען האָט פלוצלינג ארעסטירט דיא פרינצען, אזוי וויא מיר האָבען פריהער ערצעהלט. זאָגאר אין דוואָרעץ האָט מען זיך ערשט דערוואוסט דערפון אין עטליכע טעג ארום. דיעזע נייעס האָט געמאכט אויף אלע הויף־לייטע א שרעקליכען איינדרוק. עס איז געוואָרען צווישען זיי א ליארם, מען האָט זיך אונגעוועהנליך געוואונדערט, און יעדער איז געוואָרען ביי זיך צושראָקען, אונרוהיג און פארזאָרגט. אום זיך ארומצוזעהען, וויא און וואָס מען בעדארף טהאָן, האָבען זיך אלע מיניסטאָרען פערזאמעלט ביי דעם קריעגס־מיניסטער, הוסיין־אָפּני־פאשא, אין הויז. אויף דיעזע פערזאמלונג זיינען געוועזן אלע וויזירען און פיעלע פריוואט פערזאָנען פון דעם רייכסטען און פאָר־נעהמסטע מענשען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. לפנים איז מען צוזאמענגעקומען אויף א באל, וויא געוועהנליכע געלאדענע געסט, אָבער אין אמת איז דאָס געוועזן א פער־זאמלונג, וואו מען האָט זיך איין עצה געהאלטען איבער דיא פּאָליטיק פון יענער

ציים. דער פרעזידענט פון דער פערזאמלונג איז געוועזן דער ווירטה פון הויז, דער קריעגס־מיניסטער הוסיין־אפני־פאשא.

דער פרעזידענט האָט מיטגעטהיילט דער פערזאמלונג דיא שלעכטע לאגע פון דעם קריעג אין דיא קהיסטליכע פראָווינצען, און האָט דערביי געגעבען אָנצוהערען, דאָס זאָ לאנג דער סולטאן אבדול־אזיס וועט בלייבען דער פיהרער פון דער רעגיערונג, קען מען אויף בעסערס גאָר ניט האָפען. דערנאָך האָט ער דערצעהלט דעם געוואלטיגען שריט, וואָס דער סולטאן האָט זיך ערלויבט צו טהאָן נעגען דיא פרינצען.

— עס איז נאָך וועניג, וואָס ער האָט זיי געהייסען שטרענג ארעסטירען, — האָט זיך אָבגערופען מאנזור־עפענדי, וועלכער איז דאָרטען אויך געוועזן, און ער האָט זיך בעשלאָסען, וויא איך וויים, אומצוברייננען מוראד'ן פון דער וועלט... ניט לאנג האָט מען איהם שיער ניט ערמאָרדעט ביי איהם אויף'ן קווארטיר...

— יא, יא, איך וויים אויך דערפון, — האָט געזאָגט מידכאד־פאשא, — דער מערדער האָט זיך אריינגעגנב'עט צו איהם אין וואָהנונג מיט א הויהלען קינזשאל אין האנד, און ווען עס וואָלטען ניט צוזאמענגעלאָפען מוראד'ס ברידער, אלע דיענער, וואָלט שוין, פיעלייכט, מוראד אויף דער וועלט ניט געוועזן!

— אין מיטען העלען טאָג... עס שטעלען זיך דיא האָר קאפויר, — האָט בעמערקט ראשיד־פאשא.

— און איך גיעב אייך מיינע הענד, — האָט זיך אָבגערופען הוסיין־פאשא, — דאָס דיעזער מערדער איז געדונגען פון אבדול־אזיס... מוראד שטעהט איהם אין וועג און לאָזט איהם ניט ענדערן אונזערע אלטע געזעצע איבער דיא ירושה פון טראָהן.

— און דאָס זאָל קיין מאָל ביי אונז ניט געדאכט ווערען! — האָט זיך אָבגערופען מידכאד־פאשא, — מיר וועלען ניט דערלאָזען קיינע נייעס ניט אין אונזער הייליגער רעליגיאָן, ניט אין אונזער פאָליטיק!

— גאנץ געוויס! — האָט צוגעשטימט דער טירקישער אדמיראל מאחמעד־פאשא, — מיר וועלען עס ניט צולאָזען מיט מאכט און קראפט... איך גלויב, דאָ[ס] יעדער וואָס איז טריי צו אונזער גלויבען און צו דעם פראָפעט, יעדער וואָס ליעב[ט] זיין פאָטערלאנד, וועט ניט בלייבען שטעהען פון וויטענס און גלייכגילטיג צוזעה[ן] וויא מען בעליידיגט אונזער הייליגע רעליגיאָן און אונזערע פארצייטיגע געזעצע!

— מיר האָבען מעהר ניט וואָס צו ווארטען, — האָט אויף דעם געזאָגט הוסיי[ן־]פאשא, — מיר מוזען זיך נעהמען צו דיא געוועהר!... מען פרעגט ביי אונז קיין זא

ניט, מען טהוט אלעס אָהן אונזער ווימען, אָהן אונזער ווילען... מיר האָבען שוין קיין בעטרעף ניט. . .

— יא, יא! — האָט זיך ווידער אָבגערופען דער אַדמיראַל, — יעצט האָט נאָך א ווערטהּ דאָס, וואָס דער נייער גראָס-וועזיר זאָגט... ער איז מיט לייב און לעבען איבערגעבען אלע נייע איינפיהרונגען, אלע אייראָפּעאישע אָרדנונגען, וועלכע דער סולטאַן וויל ביי אונז אויך איינפיהרען... בעהיטע גאָט, דיעזער אפּיקורס זאָל אויס־פיהרען וואָס ער וויל! ווייכער בעהאנדלען אונזערע קריסטליכע אונטערטהאנען, געבען אלע נאציאָנען דיא זעלבע גלייכע רעכטע, פערקלענערן דיא אָבצאָהלונגען, אָפענע שולען, אום שוואכער צו מאכען אונזער רעליגיאָן און מיט דער צייט גאָר צו מאכען אונז פיר כריסטען!... דארפען מיר עס צולאָזען, דארפען מיר זיך אלע לאָזען פיהרען פיר'ן נאָז? ניין! איין האָאָר פון אונזערע אלטע זיטען דארף ניט געענדערט ווערען! צום טייפעל דיא שולען! דיא כריסטליכע בונטאָוושטשיקעס ווילען מיר איינשטילען און בערוהיגען מיט שווערד און ביקס... דאָס זיינען דיא בעסטע מיטעל!... נאָכגעבען ניט אויף א האָר!. . .

— וואָס איז דאָ צו רעדען, — האָט זיך אריינגעמישט מאנזור-עפענדי, — מיר מוזען מיט אלע קרעפטען בעשיצען אונזער הייליגען גלויבען, אונזערע הייליגע ערבשאפט, וואָס מיר האָבען געירש'נט פון אונזערע עלטערן. אונזערע פרומע על־טערן האָבען פון עוויג אָן בעשיצט אונזער רעליגיאָן מיט זייער גוט און בלוט!... אזוי מוזען מיר אויך טהאָן, ווארום וויא נאָר עס פאלט אונזער רעליגיאָן, איז שוין אויך איין ענדע פון אונזער לאנד, פון אונזער מלוכה... א ביישפּיעל האָבען מיר דיא אידען: וויא זיי האָבען אויפגעהערט צו האלטען דיא געזעצע פון זייער רעליגיאָן, איז געוואָרען א סוף פון זיי און זייער לאנד. אלזאָ שטעהען אונז פאָר צוויי וועגען: ענטוועדער מיר מוזען אויסוואָרצלען אונזערע פיינדע, דאָס הייסט אלע אפּיקורסים, אָדער מיר ווילען אליין פערלאָרען געהען צוזאמען מיט אונזער אלטען גלויבען!...

— קורץ גערעדט, — האָט זיך אָבגערופען הוסיין-פּאשא, — ענטוועדער דער סולטאַן מוז פאלען, אָדער מיר אלע צוזאמען מיט אונזער פאטערלאנד!...

— אָט, דאָס איז קלוג און שארף געזאָגט! — האָט אויסגעשריען ראשיד, — מיר דענקען דאָך אלע דאָס זעלבע, נאָר ביי קיינעם פון אונז האָט זיך ניט געפונען אזוי פיעל דרייסטיגקייט און מוטה דאָס ארויסצושפּרעכען... איהר האָט אונז גע־עפענט דיא מיילער... יא! איינס פון דיא ביידע: אָדער ער, אָדער מיר! קיין מיטעל וועג איז ניט דאָ!

דיא פערזאמלונג האָט זיך געענדיגט מיט דעם, דאָס אלע מיניסטאָרען האָבען געמאכט צווישען זיך א בונד און האָבען זיך בעשוואָרען, צו טוידטען דעם סולטאַן,

אָדער אזוי ארונטערצוואַרפען איהם פון טראָהן, און אריינצונעהמען דיא רעגיע־רונג ביי זיך אין דיא הענד. דער הויפט אָנפיהרער פון דיעזער פערשווערונג איז געווען מידכאַד־פּאשא.

וויא מען האָט שוין אלסדינג צווישען זיך אָבגעמאכט, און מען האָט זיך געוואָלט זעצען לעבען טיש, זיך א ביסעל משמח זיין, עטוואָס צובייסען, האָט מען פּלוצלינג פון דרויסען אָנגעפאנגען האסטיג צו קלאַפּען אין טיר.

„ווער זאָל דאָס קלאַפּען"? — האָבען זיך דיא געסט אָבגערופען איינער צום אנדערן. זיי זיינען פון שרעק געוואָרען בלייך וויא קאלך... זיי האָבען שוין געמיינט, דאָס מען האָט זיי שוין פערמסר'ט ביים סולטאַן און מען איז זיי געקומען אלע ארעסטירען אויפ'ן אָרט, קיינער פון זיי זאָל קיין צייט ניט האָבען צו אנטלויפען... עס האָט זיך זיי שוין פאָרגעשטעלט, דאָס דיא וואָהנונג איז ארומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען וואָס זיינען געקומען זיי ארעסטירען... איינער נאָר פון זיי האָט ניט פערלאָרען קיין מוטה און איז גאנץ רוהיג און קאלטבלוטיג צוגעגאנגען צו דער טיר פרעגען ווער עס קלאַפּט? דאָ האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס זייער שרעק איז גאָר געווען אומזיסט: עס האָט געקלאַפּט דעם קריעגס־מיניסטער'ס אייגענער אדיוטאנט.

— פערצייהען זיי, מיין הערר, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהם, — דער גראָס־שייך האסאַן איז געקומען מיט איין אויפטראג פון סולטאַן און ער פערלאנגט מיט זיי פערזענליך צו שפּרעכען.

בעפאָר דער קריעגס־מיניסטער האָט נאָך צייט געהאט צו הייסען איהם אריינפיהרען אין אויפנאהמ'ס זאאַל, איז שוין האסאַן געקומען צו איהם אנטקעגען. ער האָט זיך פון וויטען פאר איהם פארנייגט און האָט איהם מיט א זויערע מינע געפרעגט דיא אורזאכע, וואָס זיין וואָהנונג איז אזוי פריה שוין פעסט געשלאָסען און פערריגעלט, דאָס ער האָט זיך קוים דערקלאַפּט.

דער קריעגס־מיניסטער איז געוואָרען בלייך וויא א טוך... עס איז איהם אריין אין געדאנקען, דאָס האסאַן ווייס פון דער גאנצער געשיכטע וואָס ביי איהם איז פאָרגעקומען, נאָר ער מאכט זיך ניט וויסענדיג און ער איז געקומען אויסשפּיאָ־נעווען נאָך וואָס עס איז, וואָס עס פעהלט איהם נאָך... הוסיין־אָפּני איז אָבער ניט געווען פון דיא מענשען, וואָס ווערען גלייך צוטומעלט, אין דריי סעקונדען ארום איז ער שוין געווען גאנץ רוהיג.

— היינט איז ביי מיר געווען א פערזאמלונג פון דיא מיניסטאָרען, מען האָט געהאלטען א ראטה וועגען פערשיעדענע געגענשטענדע, האָט דער קריעגס־מיניסטער קאלט געענטפערט, — און אין יעצטיגע אונרוהיגע צייטען, געפין איך פיר נעטהיג צו מאכען אונזערע פערזאמלונגען אין דער שטיל, אום ניט אויפצורעגען דאָס פאָלק.

— דו האָסט רעכט, מיין פריינד, — האָט האסאן איינגעשטימט מיט איהם,— מיר איבערלעבען יעצט זעהר א געפעהרליכע צייט און מען מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין... דער סולטאן ווייס פון לאנג אָן דאָס דו ביזט א העכסט פאָרזיכטיגער מאן און צוליעב דעם ביזט דו ביי איהם זעהר געאכטעט. איך ברייננ דיר יעצט א נייעם בעוויז פון זיין אכטונג און צוטרויען צו דיר.

האסאן'ס ליעבליכע זיסע ווערטער האָבען דעם קריעגס־מיניסטער אין גאנ־צען בערוהיגט. וועןביים סולטאן וואָלט מען געוואוסט דאָס מינדעסטע פון זייערע סודות, וואָלט שוין האסאן צו איהם אזוי ניט גערעדט. דער קריעגס־מיניסטער האָט גלייך איינגעלאדען האסאן'ען אין זיין אויפנאהם'ס זאאל, דאָס הייסט, אין דעם זעלבען זאאל, וואו עס איז געווען דיא מיניסטערליכע סעסיאָן. עס האָט זיך איהם דאָס אפילו ניט אזוי געוואָלט, ער האָט דאָס אָבער געמוזט טהאָן. ערשטענס האָט האסאן'ען געקומט דיעזע עהרע, ווייל ער איז דאָך געקומען ניט פון זיך זעלבסט, נאָר מיט איין אויפטראג פון סולטאן. צווייטענס, איז ער דאָך געווען דער גרויס־שייך, און איין מאָל האָט ער געוואוסט, דאָס ביים קריעגס־מיניסטער אין הויז איז יעצט א פערזאמלונג פון אלע מיניסטאָרען, וואָלט פיר איהם געווען דיא גרעסטע בעליידיגונג ווען הוסיין־אָפני וואָלט איהם אויך אהין ניט איינגעלאדען. איבריגענס, האָט דער קריעגס־מיניסטער שוין ניט געהאט וואָס מורא צו האָבען, ווייל דיא פערשווערונג, דער בונד צווישען דיא מיניסטאָרען איז שוין געווען אָבגעמאכט אין גאנצען און מען האָט שוין וועגען דעם א וואָרט ניט גערעדט.

האסאן, וויעדער, פון זיין זייט האָט גלייך בעמערקט, דאָס דאָ איז ניט גע־ווען א געוועהנליכע סעסיאָן פון מיניסטאָרען. ערשטענס, האָבען זיך איהם גלייך גע־וואָרפען אין דיא אויגען דער אמאָליגער שייך־אול־איסלאם, מאנזור־עפענדי, און דער קאָמענדאנט פון קאָנסטאנטינאָפאָל. זיי ביידע זיינען קיינע מיניסטאָרען ניט געווען און זיינען, פערקעהרט, געגנער און פיינדע פון סולטאן און זיין רעגיערונג. „וויא קומען זיי אהער"? — האָט האסאן זיך געוואונדערט; „וואָס טהוען זיי דאָ"? „געוויס האָט מען זיך בעראטהען וויא צו שטרייטען מיט דער רעגיערונג, וויא איהר אונטערצושטעלען א פוס, און ניט וויא איהר צו העלפען". צווייטענס האָט האסאן בעמערקט, דאָס וויא ער איז אריין אין זאאל, זיינען אלע געוואָרען בלייך וויא קאלך, יעדער האָט געוואָלט אויסמיידען זיין בליק און האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. האסאן האָט זיך שטארק געוואונדערט, אָבער ער האָט דאָס אין דער שטיל אראָבגע־שלונגען און האָט דערווייל דערפון קיין פירוש ניט געמאכט...

הוסיין־אָפני אליין איז געווען דער איינציגער, וואָס איז געבליעבען, אזוי וויא מיר האָבען שוין געוואוסט, גאָר רוהיג. ער האָט בעוויזען דעם גראָס־שייך דיא גרעסטע

עהרע און האָט איהם פאָרגעשטעלט יעדען גאסט בעזונדער. וויא דיא צערעמאָניע פון דיעזער פאָרשטעלונג איז שוין געווען צו ענדע, האָט זיך האסאן געשטעלט אין מיטען צימער און האָט אויסגעשפּראָכען:

— ערלעער און ווירדיגער הוסיין־פאשא! אונזער גראָס־הערר וואָס איז איבער־ציינגט אין דיין אויפריכטיגער טרייהייט, האָט מיט פערגניגען אויסגעהערט דיא גוטע פאָרשטעלונג, וועלכע עס האָט פון דיר געמאכט דער גראָס־וויזיר סאדי, און שיקט דיר דורך מיר איין אויסצייכנונג, דעם אָסמאניען אָרדען, געציערט מיט בריליאנטען און רובינען.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט א קאמער־הערר אריינגעטראָגען דיעזען אָרדען אויף א רויט־זאמטענעם קיסען און האָט דאָס איבערגעגעבען דעם קריעגס־מיניסטער פאר אלע געסט אין דיא אויגען.

מען קען ניט זאָגען, דאָס הוסיין־אַפּני איז אין דיעזער מינוט געווען צופריעדען פון דיעזער אויסצייכנונג. עס האָט איהם געקלאפּט דאָס הערץ וואָס ער איז געוואָרען אונטריי דעם סולטאן, וואָס איז צו איהם אזוי גוט, אזוי גנעדיג און פריינדליך. עס האָט איהם געקרענקט דיא גאנצע געשיכטע פון דער פערשווערונג... דער געוויסען האָט זיך אויפגעכאפּט ביי איהם און האָט איהם געביסען, געשטאָכען דאָס הערץ... יעצט האָט ער שוין ניט געוואוסט, וויא ער זאָל זיך ווייטער האלטען, צו פ י ר דעם סולטאן אָדער ג ע ג ע ן איהם?

אלע האָבען אָנגעשטעלט דיא אויגען אויף דעם קריעגס־מיניסטער, אום צו בעמערקען וואָס פיר א מינע ער וועט מאכען דערביי. ראשיד־פאשא, וואָס איז שוין פון לאנג אָן געווען דעם סולטאן'ס א פיינד, האָט איינגערוימט הוסיין'ען אין אויער איין וויטץ נאָך דעם אנדערן און האָט זיך צו זאט אָנגעלאכט איבער דיא דומהייט און פערבלענדעניס פון סולטאן. מידכאד־פאשא איז געשטאנען נעגען איהם מיט צונויפגעלייגטע הענד און האָט איהם אָנגעקוקט מיט האס און פעראכטונג, ווייל ער האָט בעמערקט, דאָס ער קוויינקעלט און איז שוין פערטיג צו געהען צוריק... האסאן האָט אלסדינג בעמערקט און האָט פערשטאנען, דאָס אלע וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבען געמאכט א בונד געגען דעם סולטאן. ער האָט זיך אָבער געמאכט ניט וויסענ־דיג, האָט פריינדליך און העפליך גערעדט מיט יעדען בעזונדער און מיט קיין זאך ניט ארויסגעוויזען, דאָס ער פערשטעהט וואָס עס איז. נאָר בשעת דער ווירטה האָט איהם איינגעלאדען צום טיש, מיטשפייזען מיט אלע, האָט ער זיך ענטזאגט. ער האָט זיך ענטשולדיגט, דאָס ער איז ניט אין גאנצען געזונד און עס איז איהם אונמעגליך לענגער צו פערבלייבען. דאָס איז מעהר ניט געווען וויא א תירוץ, דער אמת איז געווען, דאָס ער האָט געהאט מורא מען זאָל איהם ניט פערגיפטען. הוסיין־פאשא האָט איהם

לאַנג ניט אָבגעהאַלטען. ביים אָבשיעד נעהמען האָט ער איהם געבעטען דאַנקען אין זיין נאָמען דעם סולטאַן, וועלכען ער וועט אין קורצען האָבען דיא עהרע מינדליך צו דאַנקען.

וויא האַסאַן איז ארויסגעגאַנגען און עס איז ביי אַלע פרייער געוואָרען דיא צינגער, האָט זיך אָבגערופען מעהמעד־רושדי:

— צו האַסאַן איז געקומען אהער שפּיאָנירען, און דער אָרדען איז מעהר ניט וויא איין אויסרייד אָדער ער איז ווירקליך געקומען בלויז איבערצוגעבען דעם אָרדען און האָט קיין בייזעס ניט געמיינט, דאָס איז פיעל גלייך; איין מאָל איז ער דאָ געוועזען, האָט ער שוין געוויס אויסגעשמעקט, וועגען וואָס מיר האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט. דעריבער, מוזען מיר וואָס צום גיכסטען אויספיהרען אונזער פּלאַן וואָס מיר האָבען בעשלאָסען. דיא קלענסטע פערציהונג קאָן אונז אריינשלעפּען אין דיא גרעסטע געפאהר.

— און איך מיין אויך אזוי, — האָט איינגעשטימט ראַשיד־פּאַשא, — דיעזען האַסאַן, דעם ליעבלינג פון סולטאַן און פון דעם פּרינץ יוססוף, קאָן מען פיעל ניט טרויען. איך האָב בעמערקט, וויא ער האָט געזוכט מיט דיא אויגען און האָט אַלץ געוואָלט וואָס עס איז דערזעהען; וויא ער האָט זיך איינגעהאָרכט צו יעדעס וואָרט וואָס איינער האָט אויסגעשפּראָכען אין דער שטיל... ער האָט שוין געוויס מיטגעטהיילט פון אַלעם דעם סולטאַן.

— און צו וואָס נוצט מיר דיעזער אָרדען? — האָט אויסגעשריען דער קריעגס־מיניסטער און א וואָרף געטהאָן דעם אָרדען אויף דר'ערד, — איך קאָן איהם ניט אויפנעהמען, איין מאָל וויים איך, דאָס איך האָב איהם צו פערדאַנקען דעם ניי־געבאַקענעם גראָס־וויזיר, דיעזען סאַדי, וואָס האָט ארויסגעשטויסען מידכאַד־פּאַשא פון זיין שטעלע. ווען עס זאָל זיך אזוי פיהרען נאָך א וואָך צייט, וועט מען אונז אַלע אראָבזעצען פון אונזערע שטעלען, און דאַמאָלס זיינען מיר שוין מיט'ן לעבען אויך ניט זיכער.

— ניין! — האָט א געשריי געגעבען מידכאַד־פּאַשא, — ניין, אכט טאָג איז אויך פיר אונז געפעהרליך צו ווארטען! איין מאָל קאָנען מיר שוין צוריק ניט געהן,— ווארום דער סולטאַן וויים שוין פון אַלסדינג, — מוזען מיר נאָך היינט דורכפיהרען אונזער בעשלוס, דאָס הייסט, מיר מוזען ניט שפּעטער וויא היינט ארונטערשטויסען דעם סולטאַן פון טראָהן.

— און דאָס איז נאָך אויך וועניג, — האָט זיך אריינגעמישט מאַנזור־עפענדי,— ווארום זאָ לאַנג אבדול־אזים און דער פּרינץ יוססוף וועלען לעבען, וועט מוראַד אַלץ

ניט רוהיג זיין מיט'ן טראָהן... ווען מיר ווילען אין לאַנד זאָל זיין אמת רוהיג, מוזען זיי ביידע ערמאָרדעט ווערען.

— דו שפּרעכסט אפילו זעהר קלוג, — האָט געענטפערט הוסיין־אַפּני, — אָבער דיעזע ערמאָרדונג קאָן אויפרייצען דאָס גאַנצע פאָלק וואָס האלטען דעם סול־טאַן פיר א הייליגען מאַן, וואָס איז געזאַלבט פון גאָט... עס קאָן זיך אויפהייבען דערפון א גרויסע רעוואָלוציאָן.

— דאָס קאָן מען אויסמיידען, — האָט מאַנזור־עפענדי געזאָגט,— מען דאַרף איהם נאָר אזוי ערמאָרדען, עס זאָל אויסזעהען, דאָס ער האָט זיך זעלבסט ערמאָר־דעט וויא איינער וואס איז פון זינען אראָב... אלע וויסען, דאָס דער פערשטאַנד איז ביי איהם ניט אין אָרדנונג...

— אָבער צוגלייך מוזען מיר אויך פון סאַדי'ן פּטור ווערען, — האָט בעמערקט הוסיין־אַפּני, — ווארום ער וועט אונז אימער שטעהן וויא א דאָרן אין וועג...ער איז דעם סולטאַן'ס א געשוואָרענער פריינד.

— און פיר איינס מוז מען שוין דעם גראַס־שייך האסאַן אויך אָבראמען פון וועג, ווארום ער איז פיר אונז ניט ווייניגער געפעהרליך וויא סאַדי, — האָט געזאָגט מאַנזור־עפענדי.

— פון דיעזען סאַדי'ן קאָנען מיר זיך גאָר לייכט בעפרייען, — האָט זיך אריינ־געמישט ראשיד־פּאשא, — מען דאַרף עטוואָס צייט און געדולד האָבען; מיר קאָנען פאָרשטעלען דעם סולטאַן, דאָס ווען ער וועט איהם גלייך ניט אָבשאַפען, וועט זיך אין סטאמבול אָנצינדען א גרויסע רעוואָלוציאָן, ווייל דאָס פאָלק איז זעהר אויפ־געבראַכט געגען איהם... איך נעהם זיך אָן זעלבסט דאָס אויסצואווירקען ביים סולטאַן וועלכער איז זעהר איינגעשראָקען מיט דער אונצופריעדענהייט פון דעם געמיינעם פאָלק. . .

— געוויס איז בעסער פּטור צו ווערען פון איהם שטילערהייד, אָהן ליארם און געוואַלט, אויב עס איז נאָר מעגליך, — האָט אויף דעם געזאָגט הוסיין־פּאשא, — אָבער אויף אזא'ן ארט, מוזען מיר שוין אָבלייגען אויף איין אנדער טאָג אונזער בע־שלוס צו מאכען א סוף מיט דעם סולטאַן זעלבסט!...

דיא מיניסטאָרען האָבען זיך בעראטהען, וועלכען טאָג צו בעשטימען פיר דיא ערמאָרדונג פון סולטאַן און פון דעם פּרינץ יוססוף. עס איז ביי זיי געבליעבען זיי זאָלען טוידטען אבדול־אזיס'ן און זיין זוהן דעם לעצטען טאָג אין מאי.

דערמיט האָט זיך דיא בעראטהונג געענדיגט.

סאַדי'ס מזל געהט אונטער.

פון קריעגס־מיניסטער איז האסאַן גלייך אוועקגעגאַנגען צום גראַס־וויזיר.

כאדי איז איהם ארויס אנטקעגען און האָט איהם אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט.

— איך האָב מיט דיר צו שפּרעכען עטוואָס געהיימעס, — האָט זיך האסאן אָב־גערופען צו איהם מיט איין ערנסטער מינע,— א סוד זאך... מעהר וויא דוא דארפסט דאָס ניט הערען...

סאדי האָט האסאן'ען אריינגעפיהרט צו זיך אין פּריוואט קאבינעט און האָט פערשלאָסען דיא טיר.

— אין וואס בעשטעהט דיין געהיימניס? — האָט דער גראָס־וויזיר געפרעגט ביי זיין פריינד, — יעצט קאָנסט דו רוהיג שפּרעכען, קיינער הערט דאָ ניט.

— מיין געהיימניס איז זעהר וויכטיג, — האָט האסאן געענטפערט, — איך בין אָט ערשט געוועזען ביים קריעגס־מיניסטער, איך האָב איהם איבערגעגעבען דעם אָרדען, וואָס דער סולטאן האָט דיר געפאָלגט און האָט איהם געשאָנקען. קוים, קוים וואָס מען האָט מיך צו איהם צוגעלאָזען, און וויא איך בין צו איהם אריין, האָב איך ביי איהם געטראָפען אלע מיניסטאָרען... א פערזאמלונג... דאָרטען איז אויך געוועזען צווישען זיי מאנזור־עפענדי, דער פאָריגער שייך־אול־איסלאם... מען האָט זיך בע־ראטהען, וויא עס שיינט, וועגען געהיימע פּאָליטישע זאכען... וויא געפעלט דאָס דיר?

סאדי איז געוואָרען פון דיעזער נאכריכט זעהר אונרוהיג.

— וויא קומט אהין דיעזער מאנזור־עפענדי? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— און וויא קומט אהין דער קאָמענדאנט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, רעדיף־פאשא? — האָט האסאן געענטפערט.

— איז ער דען דאָרטען אויך געוועזען?

— גאנץ געוויס, און דאָס איז א בעווייז, דאָס דיעזע פערזאמלונג איז ניט קיין געוועהנליכע... דאָס איז א בונד, א פערשווערונג געגען דעם סולטאן און זיין רע־גיערונג... דעריבער איז מיין עצה, מען זאָל דיא מינוט בעוואכען הוסיין־אָפני'ס הויז און מען זאָל אלע גלייך מיט א מאָל ארעסטירען... ווען דו לאָזט איין דיעזע געלע־גענהייט, וועסט דו שפּעטער שוין ניט קאָנען פאפען צוריק...

— דאָס קאָן אָבער ניט געשעהען אזוי שנעל וויא דו מיינסט, — האָט סאדי געענטפערט, — איידער מען טהוט אזא זאך, דארף מען האָבען געוויסע בעווייזע, ריכטיגע ראיות; פערמוטהונגען אָדער השערות אליין זיינען ניט גענוג צו מאכען אזא שריט וויא צו ארעסטירען אונזערע גרעסטע מענער.

— אויב אזוי, איז אלעס פערלאָרען... איך זאָג דיר, טהו וויא איך ראטה דיר, אויב ניט וועסט דו חרטה האָבען... דו וועסט בעצאָהלען מיט דיין אייגענעם לעבען

און מיט דעם לעמען פון נאָך אנדערע — דיא ערשטע כפּרה וועט געוויס זיין דער סולטאַן אליין...

— וויא דיא זאַך איז, ליעבער האסאַן, קאָן איך מיך ניט אונטערשטעלען צו מאַכען אזא שריט אָהן א שריפטליכע ערלויבניס פון סולטאַן אליין. ווארום אויף'ן טויזענדסטען פאַל אויב דו האָסט א טעות, וועל איך מיר אומזיסט קויפען הונדערטע בלוט־פיינדע, וואָס וועלען זיך שוין בעמיהען מיר צו מאַכען א טוידט אָהן צייט... עס קאָן אויך זיין, דאָס דער סולטאַן אליין וועט געפינען פיר נעטהיג מיט מיין בלוט אָבצוואַשען פון זיך דעם פלעק וואָס וועט ווארפען אויף איהם דער געוואַלטיגער ארעסט פון דיא גרעסטע מענער פון דער רעגיערונג...געוויס וועט ער זיך וועלען אויספיינען, דאָס ער איז אין דעם ניט שולדיג, און וועט דאָס בעווייזען מיט מיין קאָפּ... יעצט איז שוין אָבער דער סולטאַן געוויס ביי זיינע אָדאַליסקען אין הארעם, און עס מעג זיך אפילו גאַנץ טירקיי אומקעהרען, איז פערבאָטען איהם צו שטערען... אלזאָ, מוזען מיר ווארטען ביז מאָרגען...

— ניין, סאדי, רעד מיר ניט איין, — האָט ווידער געזאָגט האסאַן, — דו נארסט דיך אליין... דו האָסט קיין מוטה ניט צו טהאָן אזא זאַך ; דעריבער זוכסט דו תרוצים און מאַכסט דיך ארויס... ווען אָבער דו וואָלסט געווען אזוי מוטהיג וויא דו ביזט טריי צום סולטאַן, וואָלסט דו א וואָרט ניט גערעדט און גלייך געטהאָן, וויא איך ראטה דיר. עס וואָלט דיר ניט געקימערט וואָס שפּעטער וועט זיין, איין מאָל ביזט דו איבערצייגט דאָס דו מוזט אזוי טהאָן אום צו בעשיצען פון געפאהר דיין מאָנארך !... איך זאָג דיר נאָך א מאָל : אלע מיניסטאָרען זיינען דיר בלוט־פיינדע ; ראָשאנע האלט מיט זיי ; ביי הוסיין־אפּני אין הויז האָבען זיי געמאכט א בונד געגען דעם סולטאַן און דיר, ווייל דו ביזט צו איהם טריי... יעצט האָסט דו נאָך צייט פון זיי אלע מיט א מאָל לויז צו ווערען. לאָז ניט איין דיא גוטע געלעגענהייט...

האסאַן האָט נאָך גערעדט זעהר פיעל, אָבער וויא קלוג ער האָט ניט גערעדט, האָט ער ניט געקאָנט איבעררעדען סאדי'ן, ער זאָל זיך בעשליסען אויף א געוואַל־טיגען שריט געגען זיינע פיינדע. פערקלעמט, פערביטערט דאָס הערץ, האָט האסאַן גענומען פון גראָס־וויזיר אָבשיעד.

— לעב וואָהל, מיין פריינד, — האָט ער איהם צוגעוואונשען, — גאָט זאָל דיך היטען פון דיינע פיינדע און נאָך מעהר פון דיינע פאלשע פריינדע'

סאדי איז געוואָרען נאָך האסאַן'ס אוועקגעהן זעהר אונרוהיג און פערזאָרגט. אויסער דעם, וואָס ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה און האָט ניט געוואוסט, וויא ער זאָל טהאָן, צו ער זאָל פאָלגען האסאַן'ען, צו ניין, האָט ער קלאָר איינגעזעהען, דאָס איבער זיין קאָפּ ציהט זיך ארויף א געדיכטער וואָלקען, דאָס זיין גליקס־שטערן,

וואָס איז קוים אויפגעגאַנגען, וועט באלד געוויס אָנפאַנגען אונטערגעהען און ווערען פינסטער. ער האָט איינגעזעהען, דאָס הייסט, מאָרגען וועלען אין דער רעגיערונג גרויסע און וויכטיגע ענדערונגען פאָרקומען, און עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, דאָס ער וועט ביי דיעזע ענדערונגען פאלען און פיעלייכט נאָך דעם קאָפּ פערליערען, וואָס אין טירקיי איז גאַנץ לייכט און גאַנץ נאַטירליך...

צום ערשטען איז פון דער מיניסטאָרען־פערזאמלונג, אין קריעגס־מיניסטער'ס הויז, אוועקגעגאַנגען ראשיד־פּאשא. ער האָט זיך געאיילט אוועקצוגעהען, ווייל ער האָט זיך געוואָלט בעצייטען פאָרשטעלען דעם סולטאַן, דאָס הייסט, בעפאָר ער וועט אריינגעהען צו זיינע אָדאַליסקען אין הארעם. עס האָט איהם ווירקליך געגליקט נאָך צו טרעפען דעם סולטאַן אין קאבינעט. ער האָט מיטגעטהיילט דעם סולטאַן, דאָס אין דיא שטראַסען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז זעהר ניט רוהיג... דאָס פאָלק מור־מעלט... איז שטאַרק אונצופריעדען און עס איז קענטיג אָן פיעלע זאכען, דאס דיא איינוואָהנער פון סטאמבול בערייטען זיך פאָר ארויסצוטרעטען מיט איין אָפענע רעוואָלוציאָן!

— אלזאָ, — האָט ראשיד געענדיגט, — איז נעטהיג, דער סולטאַן זאָל גלייך ארויסגעבען בעפעהלע, מען זאָל איינשטילען דיא אונצופריעדענע מיט מאכט און קראַפט.

ראשיד האָט פערשפּראָכען דעם סולטאַן, דאָס ער אליין וועט זיין אין אלע געפעהרליכע ערטער און וועט זיך בעמיהען צו בערוהיגען דאָס פאָלק מיט אלערהאנד מיטלען, וואָס דער סולטאַן וועט נאָר געפינען פיר גוט.

ראשיד האָט דאָס אלעס אויסגעשפּראָכען מיט אזאַ'ן ערנסטע מינע, אזוי וויא ער וואָלט געוועז דעם סולטאַן'ס טרייעסטער דיענער. זיינע ווערטער האָבען געמאכט אויף'ן סולטאַן'ס שווערעס געמיטה א שרעקליכען איינדרוק.

— וואָס פערלאַנגט דאָס פאָלק? — האָט ער געפרעגט.

— וויא ווייט איך וויס, — האָט געענטפערט דער פאלשער יונג, — פער־לאַנגט דאָס פאָלק נאָר צוויי זאכען. ערשטענס, מען זאָל דיא כריסטען גוט אָנלעהרנען, מען זאָל זיי בעשטראָפען מיט שווערד און פייער, אָהן שום רחמנות... צווייטענס, זיינען איהם ניט געפעלען דיא נייע אָרדנונגען, וואָס דער נייער גראָס־וויזיר האָט אָנגעפאַנגען איינצופיהרען אין אונזער רעגיערונג. דיעזע נייע אָרדנונגען זיינען זעהר שעדליך פיר אונזער רעליגיאָן. דיא איינוואָהנער פון סטאמבול וויסען, דאָס דיעזע נייערונגען וואקסען נאָר פון סאדי'ן, וועלבער איז דעריבער פערהאסט אין גאַנץ טירקיי.

— איך דאנק דיר פיר דעם בעריכט וואָס דו האָסט מיר געבראכט און פיר

אויפֿגעקלערט די אורזאכען פֿאר וואָס דאָס פֿאָלק איז אונצופֿריעדען, — האָט זיך אָבגערופֿען דער סולטאן, — דאָך קאָן איך דאָס מאָל איהם ניט צופֿריעדען שטעלען אין זיין פֿערלאנג... מען מוז זיך פֿיעל מישב זיין, נאָכדענקען... בעליידיגען די כריסטען איז זעהר געפֿעהרליך, דאָס קאָן אויפֿרייצען געגען אונז אלע אייראָפּעאישע רעגיערונגען, און דאמאָלס זיינען מיר אלע פֿערלאָרען... ניט לייכטער איז מיר יעצט ארונטערצואווארפֿען סאדי'ן. דערווייל איז ער דער איינציגער, וואָס איז מיר העכסט ערגעבען און וואָס פֿערשטעהט וויא לויז צו מאכען די טירקישע רעגיערונג פֿון דעם פֿלאָנטער, אין וועלכען עס האָבען איהר פֿערדרעהט די פֿאָריגע גראָס־וויזירען. דאָס פֿאָלק איז דאָס ניט אימשטאנדע צו פֿערשטעהען... גענוג, עס איז אונמעגליך איהם יעצט נאָכצוגעבען... דערווייל, קאָנסט דו איינהאלטען די אונצופֿריעדענע, וועלכע וויזען זיך ערטערווייז אויף די גאסען, מיט דער הילפֿע פֿון מיינע רעגימענטען... איך גלויב, עס איז דאָ אין סטאמבול גענוג סאָלדאטען, גיעב נאָר גוט אכטונג אומע־טום די צאָהל פֿון די אונצופֿריעדענע זאָל ניט גרעסער ווערען.

ראשיד איז אוועק פֿון סולטאן אין דער גרעסטער פֿריידע, וואָס עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו בעשווארצען סאדי'ן, און אָבוואָהל יעצט האָט נאָך דער סול־טאן איהם ניט געוואָלט אָבשאפֿען, אָבער ראשיד'ס ווערטער האָבען געווירקט אויף'ן סולטאן, און אין קורצען וועט ער געוויס וייכער ווערען און וועט טהאָן וואָס דאָס פֿאָלק פֿערלאנגט.

גלייך פֿון סולטאן'ס קאבינעט איז ראשיד אריין צום הארעם־מיניסטער, וואָס שפּיעלט אין טירקיי א ראָלע וויא אין אייראָפּא דער האָף־מיניסטער. ראשיד האָט איבערגעגעבען דעם הארעם־מיניסטער א קליינעם פּעקעל, וואָס מאנזור־עפֿענדי האָט דורך איהם געשיקט.

— מאנזור־עפֿענדי האָט געבעטען דיך הערצליך גריסען, און דיר איבערצו־געבען דיזעס פּעקכען... וואָס דאָ ליגט ווייס איך ניט... איך געדיינק, דאָס איך האָב דיר שוין א מאָל געבראכט פֿון איהם אזא פּעקעל... דאָס איז געוועזן מיט עטליכע יאָהר צוריק.

...יא, יא, גאנץ ריכטיג, — האָט זיך אָבגערופֿען דער הארעם־מיניסטער, — פֿיעלייכט האָט דיר מאנזור־עפֿענדי נאָך עטוואָס געזאָגט דערצו?

— אָ, יא, — האָט זיך דערמאָנט ראשיד, — אום איין האָאר האָב איך פֿער־געסען... ער האָט מיך געבעטען זאָגען דיזע ווערטער: „בעשטימט פֿיר דיזע נאכט“.

— גוט, — האָט געענטפֿערט דער הארעם־מיניסטער, — זאָג איהם, דאָס אלעס וועט געשעהען נאָך זיין פֿערלאנג.

ראשיד האָט גאנץ פריינדליך גענומען פון דעם הארעם־מיניסטער אבשיער. וואָס דאָס איז געווען פיר א פעקעל, האָט קיינער ניט געוואוסט.

אין דער זעלבער נאכט זיינען דיא שטראסען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל געווען מעהר בעלעבט וויא געוועהנליך. אין פיעלע ערטער האָבען זיך בעוויזען פרעדיגער, דערווישען, וועלכע האָבען צוזאמענגערופען ארום זיך פיעלע צוהערער און האָבען פיר זיי געהאלטען ברענענדיגע רעדען. דער געדאנקען פון דיעזע רעדען איז געווען, דאָס אלע גוטע, פרומע טירקען דארפען נעהמען געוועהר און אָפען אויפשטעהען געגען דער רעגיערונג. ערטערווייז האָט זיך געזעהן דיא גרינע פאָהן פון דעם פראָפעט, וואָס איז א סיגנאל פון רעליגיאָן'ס־קריעג. סאָפטי'ס זיינען ארומגעלאָפען, מיט בלויזע שווערדען אין דיא הענד, און האָבען געשריען: „ווער עס מיינט גוט מיט אונזער רעליגיאָן, דער זאָל קומען אהער“!...

דאָס אלעס איז פאָרגעקומען פריי און אָפען פאר אלע אין דיא אויגען, און קיינעם האָט דאָס ניט געקימערט. קיין קאוואס, קיין פאָליציי־מאן האָט ניט געטאָהן וואָס א האָאר איז ווערטה אום איינצוהאלטען דיא רוהע און אָרדנונג, אום צו שטערען דאָס פאָלק זיך צו בונטעווען, פערקעהרט, דיא מיניסטאָרען האָבען געטאָהן וואָס זיי האָבען געקענט, אום נאָך מעהר אויפצורייצען דיא פאנאטיקער, אום נאָך מעהר אויפצובלאָזען דאָס פייער!...

אין דיא כריסטליכע פראָווינצען סערביען, באָסניען, באָלגאריען איז דיא רעוואָלוציאָן געוואָרען גרעסער פון טאָג צו טאָג, דיא לאגע פון טירקיי איז געוואָרען העכסט שלים. דאָס אלעס האָט בעטריעבט דאָס הערץ פון דעם שוואכמוטהיגען סולטאן, וועלכער איז ניט געווען פעהיג און האָט ניט פערשטאנען, וויא זיך צו בעגעהן אין אזא צייט, ביי אזעלכע אומשטענדע. ער איז געוואָהנט געוועזען צו פערברענגען זיין לעבען אין פערגעניגען און צו פערלאָזען זיך אין אלעס דינג וואָס אָנבעלאנגט דער רעגיערונג, אויף זיינע מיניסטאָרען און וויזירען, זיי האָבען אָבער געטאָהן וואָס זיי האָבען געוואָלט, און האָבען זיך ניט געקימערט ניט פיר דאָס פאטערלאנד, ניט פיר דעם סולטאן און זיין טראָהן, מיר האָבען געזעהען, וויא וויים זיי זיינען איהם אלע געווען אונטריי. איין אנדערער וואָלט דאָס לאנג בעמערקט, וואָלט זיי אָבגעשאפט און בעשטימט אָנשטאָט זיי בעסערע און עהרליכערע לייט. ער איז אָבער געווען בלינד און האָט קיין זאך ניט געזעהן, ניט פערשטאנען.

וויא וויים ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, איז לייכט צו פערשטעהן, דאָס אין דער זעלבער נאכט וואָס דיא מיניסטאָרען האָבען ביים קריעגס־מיניסטער אים הויז געמאכט געגען איהם א בונד, האָט ער הוסיין־אָפּני מיט דער

גרעסטען פריינדליכקייט אויפגענומען ביי זיך אין קאבינעט! דאס איז געווען אין עט־ליכע מינוט ארום נאך דעם וויא ראשיד איז פון איהם ארויסגעגאנגען.

— איך קום צו אייך, — האט זיך אבגערופען הוסיין־אפני צום סולטאן, — ערשטענס, צו דאנקען אייך מינדליך פיר דעם ארדען מיט וועלכעם איהר האט מיך גנעדיגסט בעהערט. צווייטענס, (און דאס איז דיא הויפט זאכע צוליעב וואס איך קום אזוי שפעט), וויל איך אנזאגען, איהר זאלט זיין פארזיכטיג, ווארום דיא געפאהר איז שוין זעהר גרויס, און ווען ניט שוין, וועט שפעטער אונמעגליך זיין איהר אויסצו־מיידען! ....

— וואס מיינסט דוא? — האט געפרעגט דער סולטאן העכסט ערשראקען.

— איך מיין, — האט געענטפערט הוסיין־אפני, — דאס איהר מוזט שוין אין דערזעלבער מינוטע, זיך ענטזאגען פון דעם געפעהרליכען וועג וואס דער נייער גראס־וויזיר האט אייך רעקאמענדירט. איך וויים אפילו דאס אלעס וואס סאדי טהועט און וואס ער רעכענט צו טאהן איז אויס ריינער טרייהייט; איך וויים דאס ער מיינט גאנץ גוט, אבער, דער אומגליק איז, וואס ער איז גאר ניט געניט, וואס ער וויים ניט, דאס דיא נייע ארדנונגען, וועלכע ער האט שוין איינגעפיהרט און וועלכע ער רעכענט נאך שפעטער איינצופיהרען, זיינען געגען דעם ווילען פון דעם פאלק, געגען דעם ווילען פון דער גאנצער ארמעע, און ווער רעט שוין פון דיא דערווישען, סאפטים, אולעמען, וואס זיינען געברענטע פאנאטיקער, געשווארענע פיינדע פון דער קלענסטער נייאיג־קייט. פאר זיי האט זיך יעצט געעפענט א וועלט... זיי זאגען אום־עט־אום, דאס דוא ווילסט אלע מאכען פיר קריסטען, און העטצען דאס פאלק, בעזאנדערס דיא נידעריגע קלאסען געגען דיר און דיינער רעגיערונג... מיט איינעם ווארטע, ווען איהר ווילט פערהיטען אייער טראהן, מוזט איהר אויפ'ן שטעל אבשאפען סאדי'ן און מאכען איין ענדע פון אלע זיינע פלענער און און נייע ארדנונגען! דאס איז דער איינציגער מיטל מיט וועלכעם מען קאן נאך בערוהיגען דאס פאלק! ....

דער קריעגם מיניסטער האט געראטהען דאס זעלבע וואס מיט עטליכע מינוט צוריק האט געראטהען ראשיד. פיר דעם שוואכמוטהיגען און קורצזיכטיגען סולטאן איז דאס נאטירליך גענוג געווען, הוסיין־אפני'ס ווערטער זאלען האבען אויף איהם א ווירקונג. דערצו איז אבדול אזיס געוועזען אנגעשטויסען אויף סאדי'ן פיר דעם, וואס ער האט זיך ענטזאגט צו הייראטהען מיט זיינער פלעמעניצע, מיט דער פרינצעסין ראשאנע, וועלכע האט זיך געפיהלט פון דעם זעהר בעליידיגט.

— איך דאנק דיר, מיין טרייער הוסיין, פיר דיינע מיטהיילונג און פיר דיין קלוגען ראטה, — האט געאנטווארטעט דער סולטאן, — איך וועל דיר פאלגען.... איך וועל מיך שוין וואס צום גיכסטען לויז מאכען פון דיעזעם סאדי און זיינע פלענער, הלואי

זואָלט איך דאָס פריהער געוואוסט, וואָלטען מיר צו אזעלכע בעזאָרגניסע ניט גע־קומען! דערווײלע: אדיע! עס איז שוין לאנג פאָראיבער דיא צייט, וואָס איך דאַרף ארייננגעהן אין מיין הארעם!...

הוסיין־אָפּני איז אוועק פון סולטאן פּאָלער פרײדע, דאָס ער האָט שוין אין גאנצען אָבגעטהאָן סאדי'ן.

דער סולטאן איז גלייך אריין צו זיך אין הארעם, אָבער זיין געמיטה איז גע־ווען זעהר שטארק בעטריעבט, און ווי מיר וועלען זעהן אין דעם ווייטערדיגען קאפּי־טעל איז זיין אונרוהע גאָר ניט געווען אומזיסט.

דערווייל האלטען מיר נאָך פיר נעטהיג מיטצוטהיילען דעם לעזער, דאָס האסאן, וואָס האָט ניט געקענט איבעררײדען סאדי'ן, ער זאָל מאכען פלוצלונג א בעפאהל אויף דאָס הויז פון קריעגס מיניסטער, האָט זיך אין א קורצער צייט ארום מישב געווען צו טאָהן דאָס אליין, אויף אייגענע רעכנונג. האסאן איז געווען אמענש מיט א פעס־טען כאראקטער. איין מאָהל האָט ער זיך בעשלאָסען עטוואָס צו טאָהן, האָט ער זיך שוין ניט געלאָזען אָבשרעקען מיט קיין זאך אין דער וועלט און עס האָט איהם וועניג געקימערט, ווען ער האָט דערמיט זיין אייגענעם לעבען געשטעלט אין געפאהר. דאָס מאָהל איז נאָך דיא זאך געגאנגען וועגען דיא רעטונג פון סולטאן, זיין מאָנארך, צו וועלכעם ער איז געווען אונגעוועהנליך טריי, און עס האָט איהם שוין געוויס קיין זאך ניט געקימערט, נאָר אויסצופיהרען זיין פּלאן און איהם ווירקליך צו רעטען. זיין פּלאן איז געווען צו ארעסטירען אָהן סאדי'ס וויסען דיא מיניסטאָרען, וואָס האָבען זיך בעשוואָרען צו טוידטען דעם סולטאן מיט א טאָג פריהער פאר דעם טאָג, וואָס זיי האָ־בען בעשטימט פיר זייער בלוטיגען פּלאן, דאָס הייסט, דען דרייסיגסטען מאי.

85.

וויא ראשידפּאשא איז אוועקגעגאנגען, איז דער הארעם־מיניסטער אריין צו זיך אין א שטילעם געהיימעס צימער און האָט אויפגעעפענט דאָס פּעקעל וואָס מאנזור־עפענדי האָט איהם צוגעשיקט. עס איז אין איהם געלעגען איינגעוויקעלט, וויא מיט עטליכע יאָהר צוריק, פיער ראָזע וואקסענע ליכט. זיי האָבען אויסגעזעהן וויא געוועהנ־ליכע וואקס ליכט. וואָס האָבען אלע נאכט געברענט אין סולטאן'ס שלאָפצימער אין הארעם; אָבער עס איז געווען אין זיי איינגעקנאָטען אזא מאטעריאל, וואָס עס געהט ארויס פון איהם א שווערער גאז און אלע וואָס געפינען זיך אין דעם זעלבען צימער ווערען בערוישט און ווייסען ניט אין פערלויף פון פיער און צוואנציג שטונדען וואָס מיט זיי איז. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט דער זעלבער הארעם מיניסטער אויך בע־קומען פון מאנזור־עפענדי אזעלכע ליכט און האָט געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהן זייער ווירקונג. דער סולטאן אבדול אזיס איז דאמאָלס דורך זיי פון זינען אראָב און

האָט א לאנגע צייט נאָך דעם געהאט קאָפּ־שווינדעל. דיא אורזאכע דער פון איז דאמאָלט געבליעבען ניט בעוואוסט, און דער סולטאן האָט אויפ'ן הארעם־מיניסטער ניט געהאט קיין מינדעסטען פערדאכט אָדער חשד. אזוי איז דיעזעס מאָהל אויך געשעהן.

דער סולטאן האָט זיך קיין זאך ניט געמערקט און איז אריין, וויא אלע נאכט, אין הארעם. ער האָט זיך צוגעחאפּט צו דיא שעהנע פרויען, וועלכע מען קלייבט פיר איהם אין אלע עקען וועלט, און וועלכע עס האָבען שוין אויף איהם געווארט, אויסגעפּוצט אויסגעצירט, „אין עסיג און אין האָניג". ער האָט זיך אמוזירט מיט זיי צו זאט, האָט זיך ערלויבט אזעלכע שענדליכע אויסגעלאסענע פערגעניגען, וואָס עס פּאסט גאָר ניט צו בעשרייבען, ענדליך האָט ער אויסגעקליבען צוויי יונגע מעדכען, וואָס מען האָט ניט לאנג איינגעהאנדעלט פיר איהם, און איז מיט זיי אריין צו זיך אין שלאָף־צימער.

דאָס צימער איז געווען אויסגעפּוצט נאָך מעהר וויא געוועהנליך. אין גאָלדענעם לייכטער האָבען געברענט פיער גרויסע ראָזע ליכט, וואָס האָבען פערברייטעט אין דער לופט א געשמאקען וואָהלגערוך, אָדער איין אראָמאט.

באלד אָבער איז דעם סולטאן געוואָרען ניט גוט... ער האָט אָנגעפאנגען צו גלאָצען מיט דיא אויגען, צו אָכצען און עס האָט איהם אָבגענומען דער לשון. דיא אונגליקליכע צוויי מעדכען האָבען געפיהלט שרעקליכע קאָפּ־שמערצען, זיי האָבען זיך נאטירליך אָנגעפאנגען הויך צו בעקלאָגען, און דאָ האָבען זיי בעמערקט, דאָס דער סולטאן האָט קיין קרעפטען ניט געהאט צו שפּרעכען. ער האָט זיי נאָר געקענט ווייזען אויפ'ן וואונק, זיי זאָלען וואָס שנעלער אריינגעהן אין איין אנדער צימער, אָן א זייט, און גוט צושליסען דיא טיהר. דער סולטאן זעלבסט האָט אויך גערעכענט אזוי זיך צו רעטען, ער האָט נעמליך, געוואָלט ארויסלויפען פון דעם פערפּעסטעטען צימער אין קאָרידאָר. צום אונגליק אָבער איז דיא טיהר געווען פערשלאָסען און דיא שליסעל האָט ער אליין פריהער אריינגעלעגט אין שרייב טיש, וואָס איז געשטאנען אין דעם זייטען צימער, וואו דיא מעדכען האָבען זיך פערשלאָסען, וויא ער האָט זיי זעלבסט געהייסען. פון זיכערקייט וועגען, מען זאָל פּלוצלונג אויף איהם ניט בעפאלען, פלעגט ער קיין מאָל ניט לאָזען שטעקען דיא שליסעל פון שלאָף־צימער אין טיהר, נאָר ער פלעגט איהם ארויסנעהמען און בעהאלטען אין יענעם שרייב טיש. הייסענדיג אריינגעהן אין יענעם צימער דיאביידע מעדכען, האָט ער פערגעסען, דאָס דאָרטען ליעגט דיא שליסעל. ווי ער האָט זיך דאָס יעצט דערמאָנט, האָט ער געוואָלט אריינגעהן צו זיי אין צימער. ער האָט אָנגעקלאפּט אין טיהר, אָבער איין קול ואין עונה, זיי האָבען ניט אָפען געמאכט און גאָר ניט געאנטוואָרטעט, ער האָט גענומען קלאפּען שטארקער, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען; ער האָט געקלאפּט מיט דיא הענד און מיט דיא פיס, עס איז אָבער געווען אומזיסט דיא מיהע. וויא דיא מעדכען האָבען שפּעטער געזאָגט, זיינען

זיי געלעגען אין חלשות אָדער אָהנמאַכט און האָבען קיין זאַך ניט געהערט; פילייכט, זיינען זיי געוועזען צושראָקען און האָבען דעריבער ניט געעפענט.

די לאַגע פון סולטאַן איז געוועזען שרעקליך; ער איז געוועזען אין געפאהר צו שטערבען, אָדער אם וויינינגסטען צו פאַלען אין א שרעקליכען אָהנמאַכט. מיט א מאָהל איז איהם ארויף אין דיא געדאַנקען דיא ווירקליכע אורזאַכע, וואָס האָט פערפעסטעט די לופט. דאָס הייסט, ער האָט פערשטאַנען דאָס דער גאַנצער אומגליק קומט ארויס פון דיא ראָזע ליכט, וואָס האָבען געברענט אין דעם הענגלייכטער. ער האָט זיי געוואָלט אויסלעשען, אָבער ער האָט זיי ניט געקענט ערגרייכען, ווייל דיא לייכטער זיינען געהאַנגען זעהר הויך; דעריבער, האָט ער זיך בעשלאָסען איבער צו שניידען מיט זיין שאַרפען שווערד דיא שניר פון דעם הענגלייכטער און זיי זיינען מיט גרויס ליאַרם אַראָבגעפאַלען אויף דיא פּאָרצעלייענע דילען. דיא דילען זיינען געוועזען בעדעקט מיט זיידענע טעפּיכען, וועלכע האָבען זיך גלייך אָנגעצונדען. דיא קלעפּ אין טיר, דער גערויש פון דיא אַראָבגעפאַלענע לייכטער, דיא פלאַמען פייער פון דיא ברענענדע טעפּיכען — דאָס אלעס צוזאַמען האָט אויפגעשראָקען דיא קאַראַאולען. זיי זיינען גלייך געקומען מיט'ן דעזשורני אָפיציער צו דער טיר פון שלאָף־צימער. אָבער דיא טיר איז געוועזען פעסט געשלאָסען, און אויף זייערע קלעפּ און פראַגען און געשרייען, האָט מען זיי פון אינווענינ א וואָרט ניט געענטפערט. דאַן האָט דער אָפיציער געשיקט נאָך דעם הויף־שלאָסער, ער זאָל אָפען מאַכען דיא טיר. דער שלאָסער האָט אויך אזוי גיך ניט געקאָנט עפענען דיא טיר, ווייל עס איז געוועזען זעהר א קונציגער שלאָס און ער האָט זיך גענוג אָנגעמאַטערט איידער ער האָט איהם אויפגעשלאָסען. דער סולטאַן וואָס איז געוועזען פון לאַנג אָן איינגעשראָקען און וואָס איז יעצט געוועזען בערוישט פון דעם שרעקליכען גאַז, האָט געהערט דעם ליאַרם הינטער דער טיר, דעם איינגעלאַף, דעם געשריי און דיא קלעפּ, און ביי איהם איז געבליעבען, דאָס עס זיינען געקומען צו איהם מערדער איהם צו טוידטען. ער איז געוואָרען דערפון שרעקליך אויפגערעגט. וויא מען האָט אויפגעבראָכען דעם שלאָס, איז אריין אין צימער דער דעזשורני אָפיציער מיט צוויי סאָלדאַטען און האָבען גענומען לעשען דאָס פייער, וואָס האָט שוין געגרייכט צו דער זאָפע פון סולטאַן; אָבער אבדול־אזיס, וואָס איז געוועזען וויא צומישט, האָט זיי אָנגענומען פיר מערדער, וואָס זיינע פיינד האָבען צו איהם געשיקט, זיי זאָלען מאַכען איין ענדע צו זיין לעבען. דעריבער איז ער ארויפגעפאַלען אויף זיי מיט א שאַרפען בלויזען שווערד אין האַנד און האָט זיי גענומען האַקען אָהן ערבאַרמען. דיא צוויי אונגליקליכע סאָלדאַטען האָט ער אזוי צוהאַקט אויף שטיקער; דער אָפיציער איז קוים געבליעבען לעבען; פול מיט וואונדען, א צובלוטיגטער איז ער ארויסגעלאָפען אין קאָרידאָר; דער סולטאַן איז געלאָפען נאָך איהם, מיט דעם

שווערד, פון וועלכען עס האָט געטריפט בלוט, אין דער האנד... דאָ, אין קאָרידאָר, האָט ער ווידער גענומען ארבייטען מיט דעם שווערד און האָט אומגעבראכט פיעלע סאָלדאטען און דיענער, וועלכע זיינען ניט ענטלאָפען אין דער רעכטער צייט. באלד אָבער האָבען אלע פערשטאנען, דאָס דער סולטאַן איז אראָב פון זינען, און זיינען צולאָפען און האָבען זיך בעהאלטען אין דיא ווינקלען, וואו איינער האָט געקאָנט. דער קאָרידאָר איז מיט א מאָל געבליעבען אָהן איין מענש, וויסט, אויסער דיא טויטע קערפער, וואָס זיינען געפאלען פון סולטאַן'ס שווערד. דיא וואָס זיינען גליקליך אנטלאָפען לעבעדיג, זיינען געקומען אין האָף צו זייערע קאמעראדען, צושלאָגענע, צובלוטיגטע און האָבען דערצעהלט וואָס האָט זיך פאסירט מיט זיי אין הארעם. דיעזע שרעקליכע נאכריכט האָט אלעמען אויפגעטרייסעלט; עס האָט זיך ביי אלעמען געשטעלט דיא האָר אויף'ן קאָפּ, און קיינער האָט קיין מוטה ניט געהאט צו בלייבען אויף זיין אָרט. דיא פרויען פון הארעם זיינען אויך ניט געבליעבען אויף זייערע געוועהנליכע ערטער און האָבען זיך צוגלייך מיט דיא דיענער און וועכטער בעהאלטען אין פערשיעדענע לעכער, וואו איינע האָט געקאָנט.

וויא עס איז שוין ניט געוועזן קיין מענש וועמען צו טוידטען, איז אבדול־אזיס צוריק אריין אין צימער און האָט אָנגעפאנגען א שטרייט מיט דיא מעבעל, וואָס איז דאָרטען געוועזן. ער האָט גענומען ברעכען און שליידערן דיא אוהרען, טהייערע שפּיעגלען, לייכטער און אלעס וואָס זיין אויג האָט דערזעהען. אריינגעהן אָבהאלטען איהם, האָט קיינער קיין מוטה ניט געהאט, אפילו זיינע בעסטע פריינד, וואָס האָבען דאָס מיט הערצענס וועה צוגעזעהען דורך דעם פענסטער האָבען זיך אויך ניט אונטערגעשטעלט אריינצוגעהן. זיי האָבען געווארט ביז וואנען דער סולטאַן האָט פערלאָרען דיא קרעפטען און איז געבליעבען ליעגען אויף דר'ערד אָהן בעוועגונג און אָהן געפיהל, ערשט דאַן האָט מען געלאָדען דאָקטוירים און גע־שיקט נאָך זיין מוטער, סולטאַנין וואלידע. מען האָט דעם קראנקען איבערגעטראָגען אין איין אנדער צימער, וואו דיא לופט איז געוועזן ריין, און מען האָט איהם אוועק־געלייגט אויף א בעט. דאָ האָט ער גלייך שטארק איינגעשלאָפען און אָבגעשלאָפען ביז האלבען טאָג. ער איז אויפגעשטאנען געזונד און האָט דאָס מינדעסטע ניט גע־וואוסט וואָס עס האָט זיך מיט איהם פאסירט אין דער פאָריגער נאכט. צוגלייך האָט מען שטרענג פערבאָטען דיא דיענער און אלע איינוואָהנער פון האָף א וואָרט צו דערמאָהנען פון דיעזער אונגליקליכער נאכט.

86.

דער בונד.

דיא פרינצעסין ראָשאנע פלעגט יעדען פרייטאג (ביי מאהמעדאנער איז

פייערטאג פרייטאָג, וויא ביי אידען, שבת, ביי כריסטען זונטאג), בעזוכען דיא מאָשעע אין דער צייט פון געבעט. א מאָל געהענדיג צוריק פון דער מאָשעע, האָט זיא לעבען א מינארעט בעגעגענט איין אלטען דערוויש, וואָס איז געוועזען איינגעהילט אין אָרימע קליידער, צונויפגעבויגען אין דרייען, און האָט אויסגעזעהען וויא איינער פון דיא בעטלער וואָס זיצען לעבען קירכען און מאָשעען. זיא האָט ארויסגענומען פון טאשע א מטבע און האָט א וואָרף געטהאָן.

— איך דאנק דיר פיר דיין גוטעם הערץ, — האָט זיך געווענדעט צו איהר דער דערוויש, — אָבער נעהם עס צוריק, איך ברויך עס ניט, איך בין מיט שפייז פער־זאָרגט... איך פערלאנג פון דיר איין אנדער געפעליגקייט. ערלויב מיר דיר צו זאָגען א פּאָר ווערטער... איך האָב פיר דיר א וויכטיגע נאכריכט. איך ערווארטע דיך שוין א היבשע צייט, ווארום מיין ניט, דאָס אונזער בעגעגעניס איז געשעהען ניט ווילענ־דיג, דאָס עס האָט זיך גלאט אזוי געטראָפען...

— ווייסט דו דען ווער איך בין? — האָט ראָשאנע ביי איהם געפרעגט.

— אָ, יא! געוויס וויים איך עס: דו ביזט דיא פרינצעסין ראָשאנע.

— אלזאָ, זאָלסט דו מיר מאכען דיין מיטטהיילונג וואָס קירצער, ווארום דיא צייט איז מיר זעהר טהייער, איך האָב פיעל מעהר וואָס צו טהאָן וויא א געוועהנ־ליכע פרוי. . .

— גוט, — האָט דער דערוויש געענטפערט, — איך וועל דיך נאָר אָבהאַלטען איין אויגענבליק. סאדי־פאשא האָט דיך פערלאָזען צוליעב אלמאנזאר'ס טאָכטער, רעציע. דו האסט זיי ביידען: זיי וויסען, דאָס איך האס זיי ניט וועניגער וויא דו...

ראָשאנע איז געוואָרען אונרוהיג. זיא האָט אָנגעשטעלט אויף'ן דערוויש דיא אויגען: פיעלייכט איז ער ניט קיין געמיינער דערוויש, נור א וויכטיגע פערזאָן, ווארום ווען ניט, וואָלט ער ניט געוואוסט פון איהר ליעבע צו סאדי'ן און וואָלט ניט געוואָנט צו רעדען מיט איהר וועגען דעם. אָבער, וויא שטארק זיא האָט זיך ניט איינגעקוקט, האָט זיא אלץ מעהר וויא א געמיינעם דערוויש אין איהם ניט דערקענט.

— עס וואונדערט מיך זעהר, — האָט זיא איהם קאלט געזאָגט, — וויא אזוי קומסט דו צו וויסען און צו שפּרעכען פון אזעלכע זאכען. און וויעדער, וואָס קימערט עס מיך, וואָס איז שוין פיר מיר בעסער, דאָס דו האסט זיי אויך?

— אָ! איך וויים נאָך מעהר, איך וויים, דאָס רעציע'ס קינד איז ביי דיר אין דיא הענד, דאָס דו ביזט געגוג מעכטיג נקמה צו נעהמען פון דיעזען סאדי...

— און ווער ביזט דו?

— איך בין פון יענע, וואָס האסען סאדי'ן וויא איין פעסט, און דאָס איז שוין פיר דיר גענוג, — האָט דער אלטער געענטפערט.

— דיין שטימע איז מיר אפילו בעקאנט, — האָט ראָשאנע ווייטער געזאָגט, — דאָך קאָן איך מיך ניט דערמאָהנען, ווער דו ביזט?

— לאָמיר צוגעהען נעהנטער צו דער לאַנטערנע וואָס דאָרטען ברענט, — האָט פאָרגעלייגט דער פרינצעסין דער דערוויש, — וועסט דו שוין מיך ערקענען אָהן מיין זאָגען, ווער איך בין.

ראָשאנע האָט איהם געפאָלגט, און וויא זיי זיינען געוועזן לעבען ליכט, האָט דער דערוויש אראָבגענומען דיא וואָלענע טוך פון קאָפּ: אין דער זעלבער סעקונדע האָט ראָשאנע אין איהם ערקענט איהרען אמאָליגען דיענער, דעם גריך לאַצאַרוס. ער איז געוועזן שרעקליך אָבגעצעהרט, וויא פון א שווערער קרענק, בלייך און אלט.

— לאַצאַרוס! — האָט זיא זיך אָבגערופען העכסט פערוואונדערט און גאנץ אונפריינדליך, — לאַצאַרוס, וואָס איז מיט דיר געשעהען וואָס דו האָסט דיך פערשטעלט פיר איין דערוויש?

— אנדערש וויא פערשטעלט קאָן איך מיך ניט ווייזען אויף דער ווייסער וועלט, — האָט ער געענטפערט און האָט זיך אויף דער שטעלע ווידער פערהילט דעם קאָפּ מיט'ן וואָלענעם טוך; — קיינער וויים ניט דאָס איך בין ארוים מיט'ן לעבען פון דער פיראַמידע... מאַנזור־עפענדי דארף דערפון ניט וויסען... אָ! איך האָב דאָרטען זעהר לאַנג געפוילט אונטער דר'ערד! ענדליך האָט זיך געטראָפען א נס, און איך האָב מיך ארויסגעראַטעוועט.

— אזוי, דו האָסט געדיענט ביי מאַנזור־עפענדי?

— יא, צו מיין גרעסטען אונגליק בין איך געוועזן אין זיין דיענסט.

לאַצאַרוס האָט דערצעהלט דער פרינצעסין פון מאַנזור־עפענדי'ס רייזע צו דער פיראַמידע, וואו זיי זיינען אלע שיער ניט אומגעקומען.

— אייניגע פון אונז האָבען זיך דאָרטען געשיידט מיט'ן לעבען, — האָט ער געענדיגט ערצעהלען, — קאַדידזע, דיא טרוים־דייטערין פון גאַלאַטא, איז געבליבען אין פיראַמידע אונטער דיא שטיינער פון דער איינגעפאַלענער וואַנד.

— שאַדע וואָס איהר זייט אלע דאָרטען ניט פערבליעבען! עס איז ניט בעשערט, דיא וועלט זאָל פריי ווערען פון אזעלכע באַנדיטען, שעדליכע קערלען וויא איהר.

— וויא איך זעה, טהייערע דורכלויכטיגע פרינצעסין, ביזט דו דיא זעלבע לוסטיגע דאַמע, וויא א מאָל, וואָס האָט ליעב געהאַט צו שפּאַסען און צו שערצען, — האָט געזאָגט מיט א חניפה לאַצאַרוס, — אָבער הער, וואָס איז ווייטער פאָרגעקומען.

דער מענש האָט שוין פון אימער אזא נאַטור, דאָס וויא עס ווערט איהם גוט, פערגעסט ער וואָס מיט איהם איז פריהער געוועזן, און ער פאַנגט ווידער אָן צו פער־

לאַנגען נאָך און נאָך... אַזוי איז אונז ביידען אויך געווען, מיט מיר און מיט מאַנזור־עפענדי. קוים וואָס מיר זיינען מיט'ן לעבען אַרויס פון אונטער דר'ערד, האָט שוין ביי אונז דאָס הערץ ווידער ניט גערוהט און עס האָט זיך אונז ווידער געוואָלט ניט אַנדערש אויפזוכען דעם אוצר. מיר האָבען מורא געהאַט איינער פאַר דעם אַנדערען; יעדער פון אונז האָט געוואָלט דער אוצר זאָל אָנקומען צו איהם אַליין און דער אַנדערער זאָל דערפון גאָר ניט וויסען. דעריבער האָבען מיר זיך געהיט צו רעדען איינער פאַר דעם אַנדערן אַ וואָרט וועגען דעם. יעדער פון אונז האָט ביי זיך בעשלאָסען איבער־אַ־נייעס צו קריכען אין העללע זוכען דאָס געלד און האָט נאָך געוואַרט ביז אַלע וועלען איינשלאָפען. אום צוועלף אוהר ביי נאַכט איז מאַנזור־עפענדי איינער אַליין אַוועקגעגאַנגען פון לאַגער צוריק אין דער פּיראַמידע, פון וועלכער מיר האָבען זיך קוים אַרויסגערעטעט. ער האָט געמיינט, איך שלאָף; איך האָב אָבער ניט געשלאָפען און האָב פערשטאַנען וואוהין ער געהט. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום בין איך אויך געווען אין דער פּיראַמידע מיט אַ בלענד לאַנטערנע אין דער האַנד. וויא מאַנזור־עפענדי האָט מיך דערזעהען הינטער זיך, האָט ער אַ וואָרט ניט גערעדט און האָט גלייך אָנגעשטעלט אויף מיר זיין פּיסטאָלעט און האָט אויסגעשאָסען. איך בין געפאַלען און געבליעבען ליגען אויף'ן אָרט. איך בין געבליעבען ליגען וויא טוידט, האָב מיט קיין גליעד ניט גערירט... מאַנזור־עפענדי איז זיכער געווען דאָס ער האָט שוין מיט מיר געמאַכט איין ענדע. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. דיא קוגעל פון פּיסטאָלעט איז דורכגעגאַנגען דורך מיין בּרייטען מאַנטעל, פאַרביי מיר, און האָט מיך אפילו ניט אָנגעריהרט. פון קינזשאל בין איך אָבגעלאָפען מיט בלוט, דאָס איז אמת, אָבער דיא וואונדען זיינען ניט געווען זעהר געפעהרליכע... עס איז מיר בעשערט געווען צו בלייבען לעבען. איך האָב זיך געמאַכט פיר טוידט און האָב איהם געלאָזען רוהיג אַרויסגעהן פון דער פּיראַמידע, וואָרום שטרייטען מיט איהם בין איך געווים ניט געווען אימשטאַנדע. ער איז ווידער אַוועק מיט ליידיגען און איך בין פערבליעבען דאָרטען אין פּיראַמידע ביז מאָרגען צעהר אוהר. אין דיעזער צייט האָב איך געהערט טראָמייטערן אַ סיגנאַל פון אָברייזען. איך האָב אָן דיעזען סיגנאַל פערשטאַנען, דאָס מאַנזור־עפענדי מיט דיא דערווישען זיינען אָבגעפאָהרען, און דאַמאָלס האָב איך געוואַגט אַרויסצוקריכען אין דיא ווייסע וועלט. אָהן קרעפטען, קראַנק בין איך געלעגען עטליכע שטונדען אויף'ן הויהלען זאַמד. דערנאָך בין איך מיט פיעל שמערצען אויף אַלע פיער צוגעקראָכען צו דעם קאַראַוואַנען וועג. באַלד זיינען אָנגעפאָהרען עטליכע קויפלייטע מיט פיעל קעמלען בעלאָדען מיט סחורה. זיי האָבען זיך איבער מיר ערבאַרמט און מיטגענומען נאָך קאַירא. דאָרטען האָבען זיי מיר געלאָזען לעבען טויער פון שטאָדט. מיין לאַגע איז ווידער געוואָרען

שרעקליך, און איך וואָלט דאָרטען געוויס קראפירט פון הונגער און קעלט, — ביי נאכט איז דאָרטען גענוג קאלט, — אָבער עס האָט מיר ווייטער געטראָפען א נס... עס זיינען געקומען רויבער וואָס האָבען געוואָלט ויסען וואוהין עס זיינען געפאָהרען דיא רייכע קויפלייטע, וועלכע האָבען מיך אהין געבראכט, איך האָב זיי אָנגעוויזען און האָב דערפאר בעקומען פון זיי א פיינע בעלאָהנונג. יעצט האָב איך שוין געהאט געלד מיט וואָס צו קומען אהער אין סטאמבול. וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? איך זוך א שטעלע און דאָס בעסטע וואָלט געווען, דו זאָלסט מיך ווידער נעהמען אין דיין דיענסט. איך וועל דיר דיענען ערנסט און טריי וויא פריהער. דו ווייסט דאָך זעלבסט, וויא פיעל מאָל איך האָב מיין לעבען געשטעלט פיר דיר אין געפאהר... קיינער אָבער דאַרף ניט וויסען, דאָס איך בין ביי דיר אין דיענסט; איך האָב פורכט פאר מאנזור־עפענדי, ער זאָל זיך ניט דערוויסען, מיט דער צייט וועל איך פריי ווערען פוןביידען, פריהער פון סאדי'ן, דערנאָך פון איהם. איך וועל שוין ביידען מאכען א סוף... איך ווייס דאָס דו ליעבסט זיי ביידען ניט מעהר וויא איך... אלזאָ וועלען מיר ביידע פון זיי פריי ווערען!...

ראָשאנע האָט לאַצארוס'ן ניט געקאָנט אָנזעהען. זיא האָט זיך דערוואוסט וואָס פיר איין אויסוואורף ער איז געווען, וואָס פיר א ניעדריגען כאראקטער ער האָט געהאט. דעננאָך האָט ער ביי איהר געפועלט זיא זאָל איהם צוריקנעהמען צו זיך אין דיענסט. ביי איהרע אומשטענדען האָט זיא זיך זעהר גענעטהיגט אין א מענשען וויא דיעזער לאַצארוס, וואָס איז געווען פעהיג און האָט געטויגט אויף אלסדינג. איהר האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן סאדי'ן. עס האָט איהר פערדראָסען, וואָס ער האָט זיא פערגעסען, וואָס האָט איהם אזוי פיעל גוטעס געטהאָן. האָט ער איהר ניט געהאט צו פערדאנקען זיין גליק, זיין שטעלע און זיין פערמעגען? יעצט לעבט ער אין פערגניגען מיט זיין רעציע, און זיא, פרינצעסין ראָשאנע, איז איינזאם, פערוואָרפען, פערלאָזען. — ניין, מען מוז זיך אָן איהם נוקם זיין! און דורך וועמען איז דאָס נאָך געווען אזוי גוט צו טהאָן וויא דורך דיעזען באנדיט? דיעזען לאַצארוס?

— גוט, איך נעהם דיך ווידער אויף אין מיין דיענסט, — האָט ראָשאנע געזאָגט נאָך א קורצען ישוב דעת, — איך האָף, דו וועסט מיר ניצליך זיין...

— אָ, טהייערע פרינצעסין, דו קאָנסט זיכער זיין. איך וועל פינקטליך ערפילען אלעס וואָס דו וועסט מיר נאָר הייסען. אין א וואָך ארום, אויב דו פערלאנגסט, וועט שוין סאדי ניט וואָהנען צוזאמען אין איין וואָהנונג מיט רעציע'ן... זאָג מיר נאָר איין וואָרט!

ראָשאנע האָט איהם צוגעוואָרפען א ביישעל מיט געלד,

— דאָ האָסט דו דערוויילע האנד־געלד, — האָט זיא זיך צו איהם אָבגערופען, דיין בעלאָהנונג וועסט דו בעקומען יעדעס מאָל, וואָס איך וועל מיך מיט דיר שאפען. איך פערשטעה זויא צו בעלאָהנען; דו וועסט בעקומען פיעל מעהר וויא מיינע איבריגע דיענער, ווייל דו וועסט ניט טהאָן פיר מיר געמיינע הויזליכע ארבייט, וויא אנדערע. איך וועל מיך שאפען מיט דיר אין וויכטיגערע און דעליקאטנערע אנגעלעגענהייטען. אלזאָ, איז גאָר ניט נעטהיג דו זאָלסט וואָהנען ביי מיר אין פאלאץ, דו קאָנסט דיר וואָהנען וואו דו ווילסט.

לאצארוס האָט אויפגעהויבען דאָס געלד, האָט זיך טיעף פערנייגט פאר דער פרינצעסין, האָט איהר היים נעדאנקט און וויעדער פערשפּראָכען איהר צו דיענען מיט לייב און לעבען. ער האָט אזוי לאנג געטענה'ט און גערעדט ביז ראָשאנע האָט זיך געזעצט אין קארעטע און איז אוועקגעפאָהרען.

לאצארוס האָט זיך וויעדער פערהילט אום ער זאָל אויסזעהען וויא א בעטלער־דערוויש און איז אוועקגעגאנגען פון דאָרטען אין בעגלעבעג. אין א פּאָר שטונדען ארום איז ער שוין געשטאנען אין הינטער־הויף פון דיעזען פאלאץ. פון פאראדנעם טהויער האָט ער ניט געקאָנט ארייננעהן, ווייל דאָרטען איז אימער געשטאנען א וואך פון סאָלדאטען. אין הינטער־הויף האָט איהם קיינער ניט געשטערט צו שטעהען; מען האָט געמיינט, עס איז א בעטלער, וואָס איז געקומען אויסבעטלען ביי דיא דיענער פון קיך א ביסעל געקעכטץ, א שטיקעל ווייס־ברויט און דאָס גלייכען. זיין ציעל איז אָבער געווען ניט דאָס. ער איז געקומען אהין, אים זיך צו זעהען מיט דעם פרינץ יוססוף'ס לייב־דיענער, מיט באזיל'ן. ענדליך, האָט זיך דיעזער באזיל בעוויזען אויף'ן הויף. לאצארוס איז גלייך צו איהם צוגעגאנגען און האָט זיך געגעבען צו ערקענען ווער ער איז. באזיל איז געווען העכסט ערשטוינט. ער האָט שוין לאנג געהאלטען לאצארוס'ן פיר טוידט; ער איז געווען זיכער, דאָס ער איז לעבעדיג בעגראָבען געוואָרען דאָרטען אונטער דר'ערד, אין דער פיראמידע, און מיט א מאָל איז ער דאָ א פרישער א געזונדער! ער האָט פשוט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט.

— דו לעבסט נאָך דען? — האָט ער זיך שרעקליך געוואונדערט, — אדער פיעלייכט ביזט דו אויפגעשטאנען תחית־המתים?...

— איך לעב נאָך וויא דו זעהסט, — האָט לאצארוס געענטפערט, — איך וויים, מען האָט אויסגעטראכט, דאָס איך בין געשטאָרבען, ווייל איך האָב מיך ניט אומגעקעהרט צוגלייך מיט אלע פון יענער אונגליקליכער רייזע.

— עס פרעהט מיך, דאָס עס איז ליגען וואָס מען האָט געזאָגט, — האָט באזיל פריינדליך בעמערקט, — איך דאנק דיר פיר דיין קומען צו מיר; איך פערשטעה נאָר ניט, וואָרום דו האָסט דיך פערקליידעט פיר א בעטלער־דערוויש?

— וועגען דעם וועלען מיר נאך האבען צייט איין אנדערס מאל צו ריידען. יעצט האב איך מיט דיר פיעל וויכטיגערעס צו שפרעכען. האסט דו א ווײלע צייט? — האט לאצארוס צו איהם געזאגט.

— לײדער, בין איך גראדע יעצט פערנומען, — האט געענטפערט באזיל, — איך מוז באלד ארויפנעהמען פון אייז-קעלער אייז, און ווידער וויל איך מיך איינהארכען וואס מיינע הערן שפרעכען יעצט צווישען זיך... דארטען זיצט יעצט דער גראס-קאנצלער האסאן-בעי און איך בין נייגיעריג צו הערען זייער געשפרעך. ווארט דא אויף מיר איך וועל אונגעזאמט ווידער ארויסגעהען...

— גוט, — איז מרוצה געווארען לאצארוס, — איך וועל דא אויף דיר אויפווארטען.

באזיל איז אוועקגעגאנגען און לאצארוס איז געבליעבען אליין. ער האט זיך אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אין זיינע פלענער וויא צו מאכען א בעז לעבען צווישען סאדי'ן און רעציע'ן, דאס ער האט אנגעפאנגען צו שפרעכען מיט זיך אליין.

— איך בין געקומען צוריק אין דער רעכטער צייט, — האט ער געזאגט צו זיך אליין, — דער פרינץ יוססוף וועט מיר געוויס בעהילפיג זיין... און וויא סאדי וועט נאר געפינען א בריעף פון דעם פרינץ צו רעציע'ן, איז שוין איין ענדע צו זייער ליעבע און צו זייערע גוטע יאהרען... ער וועט אנדערס ניט רעכנען דאס דעם בריעף האט פערלארען דער וואס האט איהם געבראכט, אדער רעציע אליין... אזוי צו אזוי, איז פיעל גלייך... וועט ניט דער פרינץ, וועט מיר זיין דיענער באזיל בעהילפיג זיין. גוט, זעהר גוט, וואס איך האב איהם געטראפען. מען דארף נאר ניט פערגעסען פרעגען ביי איהם, וואס מען האט דארטען אויבען ביי זיי געשפראכען... יעצט איז אלעס וויכטיג צו וויסען. פיר אונזערע ברידער איז אזא צייט וויא געבארען... ראבעווע, גנב'ע, שלאג צו טוידט מענשען אין גאס, עס וועט דיר קיינער א ווארט ניט זאגען!...

לאצארוס האט אזוי מיט זיך זעלבסט געהאלטען א רעדע ביז באזיל איז ווידער צו איהם אראבגעגאנגען. באזיל האט איהם דערלאנגט א פלאש ווײן.

— טרינק, ברודער, טרינק, — האט ער צו איהם געזאגט, — עס איז פון בעסטען סארט.

— טאקייער ווײן? — האט זיך לאצארוס געוואונדערט, — מען טרינקט דען ביי אייך ווײן? עס איז דאך פערבאטען אין אלקאראן?

— א, דא אין פאלאץ טרינקען אלע פון קליין ביז גרויס, — האט באזיל געענטפערט, — יא, מיין פריינד, עס איז שוין געקומען איין ענדע צו אלעס, צו אונזער רעליגיאן און צו אונזער רעגיערונג... עס שטעהט זעהר שלעכט, מיט אונזער סולטאן...

איך האָב מיט אייגענע אויערן געהערט פון האסאן'ס מונד... איך בין געשטאנען הינטער דער טיר... איך מוז, ברודער, בעצייטען זוכען איין אנדער שטעלע... אלע מיניסטאָרען האָבען געמאכט א בונד, אום דעם סולטאן אראָפּצואווארפען פון טראָהן און ארויפזועצען ניט דעם פּרינץ יוססוף, ניין, גאָר איין אנדערן!...

— איז סאדי־פּאשא אויך איינס מיט דיעזע מיניסטאָרען? — האָט לאצארוס געפרעגט.

— ניין, — האָט געענטפערט באזיל, — און דעריבער וועט ער אויך האָבען א מפּלה אזוי וויא דער סולטאן... זאָלען זיי נאָר אויספיהרען...

— אויב אזוי, האָט זיך לאצארוס מישב געווען, — פערשפּאָר איך דאָך גאָר מיט סאדין צו האָבען א געשעפט; זאָ וויא זאָ, איז שוין זיין לעבען קיין לעבען ניט!

— דיעזער סאדי איז זעהר געגארט אין זיך, — האָט ווייטער באזיל גערעדט,— ער גלויבט ניט אין דיא גאנצע מעשה; האסאן־בעי האָט זיך ־ביי איהם געבעטען, ער זאָל ארומנעהמען מיט א וואך פון סאָלדאטען דיא וואָהנונג פון קריעגס־מיניס־טער, ארעסטירען אלע וואָס האָבען זיך פערשוואָרען געגען סולטאן... ער האָט אָבער דאָס פיר קיין ארט ניט געוואָלט טהאָן... עס קאָן ניט זיין, זאָגט ער, דיא מיניסטאָ־רען זאָלען זיין אזוי אונטריי און פאלש... אין אמת'ן איז דאָס אָבער ריכטיג וויא דער טאָג. אלזאָ, וועלען מיר ענדע מאי האָבען נייעס...

— מיך קימערט דאָס זעהר וועניג, — האָט לאצארוס געזאָגט, — און דיא בעסטע זאך איז, מיר זאָלען ניט ווארטען און גלייך אריבערגעהן אויף זייער זייט, צו דיא פערשווערונג... דו, באזיל, דארפסט זיך נאָך איילען מעהר וויא איך דאָס צו טהאָן. ווען דו בלייבסט דאָ ביז דער לעצטער מינוט, וועט מען דיין בלוט פערגיסען צוזאמען מיט דעם בלוט פון דיין הערן... אזוי איז שוין ביי אונז פון אימער אָן דיא מאָדע... אין א רעוואָלוציאָן געגען דער רעגיערונג ערמאָרדעט מען דעם סולטאן, דיא פּרינצען און פיר איינס אויך אלע זייערע דיענער!... וויעדער, איז פיר אונז אזוי אויך בעסער צו ווערען פערשווערער און אויפהערען צו פאָלגען דיא רעגיערונג. איין מאָל זיינען מיר פערשוואָרענע, איז אונז אלעס פריי ערלויבט... טויטע מענשען אין דיא גאסען, ראבעווע, יאָג זיך נאָך שעהנע פרויען, טהו וואָס דיין הערץ געלוסט... דו דארפסט פאר קיינעם ניט האָבען קיין פורכט!...

— דו האָסט אפילו רעכט, — האָט באזיל אויף דעם געזאָגט, — אָבער מען דארף זיך דאָך ניט איילען צו טהאָן אזא זאך, מען מוז זיך גוט בעדענקען... דער פּרינץ האָט פערשפּראָכען צו זאָרגען וועגען דעם און איהם בעהילפיג צו זיין. נו, דער פּרינץ איז דאָך א גרויסער העלד... וואָס וועט זיין מיט אונז ביידען, ווען דיא

אלטע וועלען בלייבען אויפ׳ן פערד ?... וויעדער איז א שאדען צו פערליערען אזא גאָלדענע שטעלע וויא מיינע...

— דומהייט איבער דומהייט ! — האָט זיך אויסגעלאכט לאצארוס, — וואָס בעדייטען זיי ביידע, דיין פרינץ און האסאן, געגען אזוי פיעל פאָרנעהמע און קלוגע מענער, דיא גרעסטע לייט, וואָס האלטען דיא גאנצע רעגיערונג ביי זיך אין דיא הענד ? ניט זיי זיינען אימשטאנדע צו דערשטיקען דיא רעוואָלוציאָן און רעטען דיא יעצטיגע רעגיערונג ! ניין, אונזער סולטאן וועט שוין לאנג אויפ׳ן טראָהן ניט זיצען... ווען ניט יעצט, וועט מען איהם אין א מאָנאט ארום אראָבזעצען, מיט איהם וועט שוין דער פרינץ אויך געהען, און דו וועסט זאָ וויא זאָ פערליערען דיא שטעלע... איז דאָך בעסער, דו זאָלסט דיך שוין ענטזאגען ? זאָרג ניט, דו וועסט פון הונגער ניט שטארבען... ביזט דו נאָר פריי, האָב איך פיר דיר איין ארבייט, וואָס דו וועסט אין א מאָנאט מעהר פערדיענען וויא פיעל דו בעקומסט יעצט אין א יאָהר... איך וואָלט מיך אליין גענומען צו דיעזער ארבייט, אָבער צום אומגליק מוז איך מיך נאָך א קורצע צייט בעהאלטען... פערשטעלען זיך פיר א בעטלער־דערוויש...

— אויב אזוי, אויב דו האָסט פיר מיר איין אנדער פערדיענסט, — האָט באזיל געענטפערט, — בין איך פערטיג דיעזע מינוט זיך צו ענטזאגען, איך פערלאנג נאָר צו וויסען, וואָס איז דאָס פיר איין ארבייט וואָס דו זאָגסט ?

— דיא ארבייט איז ניט קיין שווערע... געה מאָרגען פון אבענד, אום ניין אוהר, ניט שפעטער, צו מידכאר־פאשא, ער איז דאָך דער אנפיהרער פון דעם בונד, און זאָג איהם, דאָס סאדי האָט זיך דערוואוסט פון זייער בונד און ער האָט בדעה זיי אלע פלוצלינג ביי נאכט צו ארעסטירען און צו בעשטימען איבער זיי א קריעגס־גע־ריכט... קיינער אויסער ער דארף דאָס ניט הערען.... דאָס איז א סוד... זיי זיכער, ער איז איין עדעלמאן און ער וועט דיך זעהר גוט בעפריעדיגען. זאָג איהם נאָר, דאָס דו ביזט דעם פרינץ יוססופ׳ס לייב־דיענער, וועט ער דיר גלויבען, ווארום ווער קאָן נאָך וויסען אזעלכע געהיימע זאכען וויא דעם פרינץ׳ס לייב־דיענער. און געה וויא איך האָב דיר געזאגט, ניט שפעטער וויא ניין אוהר, כדי מידכאר־פאשא זאָל נאָך צייט האָבען וואָס צו טהאָן געגען סאדי׳ס פלאַן...

— גוט, איך וועל געהן, — האָט זיך אָבגערופען באזיל, — איך פערשטעה אָבער ניט, וואָס דו הייסט מיר אָנרופען סאדי׳ס נאָמען, און אין אמת וויל גאָר דאָס טהאָן האסאן אויף אייגענע רעכנונג, גאָר אָהן סאדי׳ס וויסען ?

— איך וויים עס, — האָט געענטפערט לאצארוס, — אָבער דו זאָג דאָך וויא איך הייס דיר ; סאדי׳ס נאָמען וועט אויף מידכאר׳ן מאכען א גרעסערען איינדרוק, וויא האסאן׳ס, ווארום סאדי שפיעלט דאָך א גרעסערע ראָלע... געה און טהו וויא

איך הייס דיר, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען; דו וועסט בעקומען א פיינע בעהאַנדלונג... איך קען איהם, דיעזען מידכאד. מאָרגען וועל איך ווידער קומען צו דיר, הערען וויא דו האָסט דאָרטען געמאכט... דערווייל, א גוטע נאכט, ליעבער באזיל.

אויף מאָרגען געגען אבענד איז לאַצארוס געקומען צו מידכאד'ן אין פּאלאַץ. ער איז יעצט אויך געווען פערהילט אין זיין וואָלענע דעקע און האָט אויסגעזעהען וויא א בעטלער־דערוויש. וויא ער האָט דערזעהען דעם ווירטה פון פּאלאַץ, דאָס הייסט, מידכאד־פּאשא, האָט זיך לאַצארוס פאר איהם טיעף פערנייגט. מידכאד האָט איהם געוואָלט עטוואָס שענקען און האָט איהם געהייסען אריינגעהען אין דיא קיכע עטוואָס צובייסען; אָבער לאַצארוס האָט איהם גאנץ העפליך בעדאנקט און האָט זיך דערפון ענטזאגט.

— ניין, עדעלער הערר! איך ברויך ניט קיין נדבות, איך האָב וואָס צו עסען. איך בין דיר נאָר געקומען זאָגען, דו זאָלסט זיין פאָרזיכטיג און זאָלסט דיך היטען פאר סאדי'ן. היינטיגע נאכט איז דיא וויכטיגסטע אין דיין גאנצען לעבען, פערשלאָף איהר ניט און פערשטעה וויא מיט איהר זיך צו בענוצען. היט דיך פאר סאדי, ער איז דיין שלימסטער פיינד!...

קוים וויא לאַצארוס האָט דאָס אויסגעשפּראָכען, האָט ער זיך ווידער פערנייגט און איז אזוי האסטיג אוועקגעגאנגען, דאָס מידכאד האָט קיין צייט ניט געהאט א וואָרט אויסצורעדען. ער איז געבליעבען שטעהען, ערשטוינט און ערשראָקען. דיא אויספיהרונג פון דער פערשווערונג אָדער פון דעם בונד האָט איהם שוין פריהער געמאכט זעהר אונרוהיג. ער האָט זיך נאטירליך געשראָקען, פיעלייכט וועט זיך דער פּלאן ניט איינגעבען און דאמאָלס איז ער מיט זיינע קאמעראדען פערלאָרען. יעצט ראטה מען איהם, ער זאָל זיך היטען פאר סאדי'ן; געוויס הייסט עס, דאָס סאדי וויים שוין פון אלסדינג... און איין מאָל וויים ער, איז שוין אלעס פערלאָרען! וואָס איז דאָ צו מאכען? וויא ענטלויפט מען פון לעבענס־געפאהר?

בעפאָר ער האָט זיך נאָך עטוואָס בערוהיגט פון דיעזער מיטטהיילונג, וואָס דער בעטלער־דערוויש האָט איהם געמאכט, איז אויף איהם געקומען א נייער שרעק, נעמליך, זיין קאמער־דיענער האָט איהם געמעלדעט, דאָס פּרינץ יוססוף'ס דיענער איז געקומען און פערלאנגט איהם צו זעהען, ווייל ער האָט איהם עטוואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען. מידכאד איז געשטאנען עטליכע מינוט ניט טוידט, ניט לעבעדיג, ענדליך, איז ער געקומען צו זיך און האָט געהייסען, יוססוף'ס דיענער זאָל אריינגעהן. וויא דיא לעזער פערשטעהען שוין זעלבסט, איז דאָס געווען אונזער בעקאנטער באזיל. ער איז געפאלען מידכאד'ן צו דיא פיס און האָט געזאָגט:

— איך בין פּרינץ יוססוף'ס לייב־דיענער, אזוי וויא מען האָט דיר געמעלדעט,

אָבער ניט ער האָט מיך געשיקט צו דיר, נאָר איך בין אליין געקומען אום דיר מיט־צוטהיילען א געהיימניס... איך האָב איינגעהאָרכט, עס איז געגען דיר און דיא איבע־ריגע מיניסטאָרען... מיין נאָמען איז באזיל.

— אלזאָ, ביזט דו א פאלשער דיענער, א שענדליכער פלאפלער? גיעבסט ארויס דיין הערר'ס געהיימניסע, — האָט זיך מידכאד אויף איהם געבייזערט.

— איך בין ביי דיר אין דיא הענד, — האָט באזיל רוהיג געענטפערט, קאָנסט מיך איבערגעבען דער פאָליציי, דאָך גלויב איך, דו וועסט דאָס ניט טהאָן. פער־קעהרט, איך בין זיכער דאָס דו וועסט מיך נאָך גוט בעלאָהנען... הער מיך נאָר אויס. סאדי האָט בעקומען צו וויסען פון דער פערשווערונג, וואָס דיא מיניסטאָרען האָבען געמאכט צווישען זיך געגען דעם סולטאן, און דער גראָס־וויזיר האָט בעשלאָסען מיט א נאכט פריהער פאר דעם טאָג וואָס זיי האָבען אָבגעמאכט אויסצופיהרען זייער פלאָן, פלוצלינג צו בעפאלען מיט פאָליציי און סאָלדאטען אויף דיא מיניס־טאָרען און אריינזעצען אין שטרענגע געפענגניס וויא דיא גרעסטע פערברעכער... אלזאָ, אויב אייער לעבען איז אייך טהייער, מוזט איהר אייך אונטעראיילען...

— פיר דיעזע מיטטהיילונג האָסט דוווירקליך פערדיענט גוט בעלאָהנט צו ווערען, — האָט זיך שוין פריינדליך אָבגערופען צו איהם מידכאד־פאשא, — און האָט איהם אריינגעשטופט אין האנד א ביימעל מיט געלד, — נעהם דאָס צו און לויף פון דאנען אוועק. ווען דו פערזאמסט זיך דאָ, שפיעלסט דו מיט דיין לעבען...

באזיל האָט געכאפט דאָס געלד און האָט גענומען שטעלען טריט אזוי וויא א באנדע שדים וואָלטען איהם געיאָגט.

נאָך באזיל'ס אוועקגעהען האָט זיך מידכאד גענומען בעדענקען און עס איז איהם ארויף אין געדאנקען, צו האָט איהם אָפט באזיל ניט אָבגענארט? צו האָט ער דיא גאנצע געשיכטע ניט אויסגעטראכט אום נאָר ארויסצוקריעגען פון איהם געלד? פון א נידערטרעכטיגען קערל וויא ער קאָן מען אלעס ערווארטען, און אזוי צו אזוי, זאָגט ער אמת אָדער ליגען, איז ער דאָך ניעדערטרעכטיג; וואָרום אין בעסטען פאל האָט ער דאָך פערראטהען זיין הערר, ארויסגעבענדיג זיין געהיימניס. „ווען עס איז מעגליך ער זאָל בעטריגען זיין הערר, האָט ביי זיך געטראכט מידכאד, קאָן דאָך זיין, ער זאָל מיך אויך בעטריגען"... ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָהנט אָן דעם דער־וויש, וועלכער האָט איהם מיטגעטהיילט דאָס זעלבע, און ניט צוליעב געלד, וואָרום ער האָט זיך דאָך ענטזאגט צו נעהמען פון איהם וואָס א האָר איז ווערטה... „ניין, עס איז דורכאויס אמת און עס איז ניט דאָ וואָס צו ווארטען... היינטיגע נאכט מוז זיין איין ענדע"!...

מידכאד האָט אָנגעקלונגען. וויא עס איז אריין צו איהם אין קאבינעט זיין

קאמער־דיענער, האָט ער איהם בעפאָהלען, ער זאָל הייסען דעם קוטשער איינשפאַ־
נען דיא קארעטע. אין עטליכע מינוט ארום איז שוין מידכאד געזעסען אין קארעטע.
נאָך איידער ער האָט זיך געזעצט, האָט ער אויסגערעכענט דעם קוטשער אלע ערטער
וואוהין ער זאָל איהם פיהרען, אום ער זאָל ניט דארפען רעדען מיט איהם וועגען דעם
אין גאס, וואו אנדערע האָבען אויך געקאָנט הערען. ער האָט איהם נעמליך געהייסען
צום ערשטען פאָהרען צו ראשיד־פאשא און מיט זייביידען פאָהרען צום קריעגס־
מיניסטער. דער נאָך האָט ער איהם געהייסען צוזאמענפיהרען אהין נאָך עטליכע
מיניסטאָרען און אויסער זיי נאָך דעם פאָריגען שייך־אול־איסלאם, מאנזור־עפענדי.

87.

סאדי האָט גענומען אבשיעד פון רעציע'ן און איז אוועקגעפאָהרען צום סול־
טאַן אין בעגלעבעג. ער איז שוין עטליכע טעג ביי איהם ניט געווען און ער האָט
זיך זעהר געוואונדערט, וואָס ער לאָזט איהם צו רופֿן אזא לאנגע צייט. דער קריעג
מיט דיא כריסטען אין סערביען און אנדערע פראָווינצען איז געוואָרען בלוטיגער
און שלימער פון טאָג צו טאָג; אין סטאמבול זעלבסט איז אויך העכסט אונרוהיג:
אין אזא צייט ברויכט מען אָפטער זיך צו בעראטהען, און דאָך פרעגט דער סולטאן
ביי איהם קיין זאך ניט, וויא ער וואָלט אָן איהם גאר פערגעסען. וואָס זאָל דאָס
בעדייטען? ער האָט איהם יעצט אויך ניט געלאָדען צו זיך, און סאדי וואָלט פיע־
לייכט יעצט אויך אליין ניט געגאנגען צו איהם, ווען ער וואָלט ניט בעקומען פון
אבדול־קערים־פאשא, דאָס הייסט, פון טירקישען פעלד־מארשאל, (וואָס האָט גע־
שטריטען אין סערביען און בולגאריען), אזעלכע פאָרדערונגען וואָס ער האָט אליין
אָהן דעם סולטאן'ס ערלויבניס ניט געקאָנט צופריעדענשטעלען. דער פעלד־מארשאל
האָט געבעטען א גרויסע סומע געלד, פרישע מיליטער און אמוניציאָן. נאטירליך,
האָט סאדי געמוזט פאָראויס הערען דיא מיינונג פון סולטאן וועגען דעם.

דער סולטאן האָט איהם אויפגענומען זעהר קאלט.

— איך גלויב, — האָט ער צו איהם מיט פערדרוס געזאָגט,—דאָס דער פינאנץ־
מיניסטער און דער קריעגס־מיניסטער האָבען איהם פריהער צוגעשיקט פיעל מעהר
געלד וויא פיעל ער האָט בעדארפט...

— פערצייהען זיי מיר, גראָס־הערר! — האָטסאדי איהם רוהיג געענטפערט,—
מיט אונזערע פינאנסען שטעהט גאנץ שלעכט פון דער צייט אָן וויא עס האָט זיך
אָנגעפאנגען דער קריעג. פיעלע פון אונזערע האָבען זיך געמוזט ענטזאגען פון זייער
געהאלט... איך זעלבסט בעקום שוין אויך א צייט ניט קיין געהאלט...

— וואָס־זשע טהוט דער פינאנס־מיניסטער? — האָט דער סולטאן זיך אָב־

גערופען מיט א בייזע מינע, — וואָס שאַפט ער ניט קיין געלד? צו וואָס דען דאַרף איך איהם האָבען? זאָל ער אויסדענקען נייע אָבגאַבען, נייע נאַלאָגען!...

— אָ! גנעדיגער סולטאַן, — האָט סאַדי טרויעריג געענטפערט, — דאָס לאַנד איז שוין גענוג בעלעסטיגט מיט אָבצאַהלונגען, וועלכע בלייבען אימער הינטערשטע־ליג, וויל עס איז זיי ניט מעגליך איינצוקאָלעקטען... און זאָל שוין זיין דאָס מען וועט אויסדענקען נייע אָבגאַבען, ווען קען מען האָבען דערפון געלד? אין בעסטען פאַל אין א מאָנאַטען צוויי ארום; אָבער דער שטרייט פאָרדערט שוין און מען קאָן איין מינוט ניט וואַרטען!

— אלזאָ, וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? וואָס פערלאַנגסט דו פון מיר? — האָט דער סולטאַן מיט איין אונפריינדליכער שטימע געפרעגט.

— ביי מיר, נאָך מיין פערשטאַנד, קומט אויס, אויב איהר ווילט רעטען אייערע לענדער און אייער עהרע, דאַרפט איהר אָפּפערן, מנדב זיין, א העלפט פון אייערע גרויסע אוצרות וואָס ליגען אין דיא קעללערן פון דיעזען פּאַלאַץ!...

— האַלט מויל! — האָט דער סולטאַן א געשריי געטהאָן, — דו ביזט דאָס אַלעס שולדיג ווא סאַיך וויים יעצט ניט וואָס צו טהאָן!... דיינע עצות!... איך האָב מיך אין דיר גענאַרט... דו האָסט מיך פערפיהרט...

— פערצייהט מיר, גראָס־הערר, — האָט סאַדי ווייטער געשפּראָכען, — איך האָב פאָראויס געוואוסט, דאָס מיין ראַטה וועט אייך אריינברייננגען אין צאָרן און דאָס איך קאָן דערביי פערליערען אייער גנאַדע... דאָך האָב איך מיך בעשלאָסען עס אייך צו זאָגען, אוים ריינער ליעבע און טריייהייט צו אייך און אייער לאַנד. דאָס איז דער איינציגער מיטעל מיט וועלכען איהר קאָנט אייך נאָך רעטען. איך וויים, דאָס קיינער וואָלט עס ניט געוואגט אייך צו ראַטהען; אָבער מיין טריייהייט צו אייך איז אזוי גרוים, דאָס איך בין פערטיג צו פערליערען מיין עהרע, מיין גליק, מיין לעבען, אום נאָר אייך צו רעטען!...

— איך קאָן אָבער דאָך ניט, — האָט דער סולטאַן אויסגעשריען, — איך קאָן ניט איין פיאַסטער פון מיין פערמעגען אָפּפערן... איך וויים ניט, וואָס מיט מיין טראָהן וועט ווערען... אם ווענינגסטען מוז איך ביי מיין פערמעגען בלייבען... ווען דאָס לאַנד נעטהיגט זיך אין געלד, זאָל דער מיניסטער שאַפען!...

סאַדי איז ביי זיך זעהר אראָבגעפאַלען. וויא ער איז ארוים פון סולטאַן׳ס קאַבינעט, איז איהם געווען אויף׳ן הערצען, וויא אַלע מיניסטאָרען, וואָס פערליערען פּלוצלינג דיא גונסט און ליעבע פון זייערע מאָנארכען. כמעט צוגלייך מיט איהם איז ארוים פון קאַבינעט א קוריער, דורך וועמען עס איז איהם צוגעשיקט געוואָרען פון סולטאַן א פערזינעלטער קאָנווערט. בעפאָר נאָך סאַדי איז געקומען צו זיך אהיים,

איז שוין דער קאָנוועׂרט געלעגען ביי איהם אויף'ן טיש. סאדי האָט גלייך פערשטאַנען דעם אינהאלט פון קאָנווערט נאָך בעפאָר ער האָט איהם געעפענט. דאָס איז געווען א בעפעהל ער זאָל רעזיגנירען פון זיין שטעלע! דיא אורזאכע דערפון איז ניט געווען דער לעצטער ראטה וואָס האָט אזוי אויפגעבראכט דעם סולטאן, נאָר זיינע רעפאָרמען, זיינע נייע איינפיהרונגען, וואָס האָבען געבראכט דאָס לאנד, וויא דער סולטאן האָט געגלויבט, צו אלע אומגליקען, פון וועלכע עס איז איהם יעצט אונמעגליך זיך ארויסצורעטען. צוליעב דיעזע רעפאָרמען, האָט זיך געשריבען אין דעם בריעף, איז דאָס גאנצע לאנד געוואָרען אונרוהיג; זיי האָבען אויפגערייצט דאָס פאָלק, אלע גייסטליכע און אלע בעאמטע.

נאטירליך האָט דאָס סאדי'ן זעהר פערדראָסען. עס האָט איהם ניט געקימערט וואָס ער פערליערט דיא שטעלע; ניין, דיא הויפטזאך איז ביי איהם געווען, דאָס ער ליידעט פיר'ן אמת, פיר זיינע אויפריכטיגע טריההייט און ערגעבענהייט. ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, דער סולטאן זאָל זיין צו איהם אזוי אונדאַנקבאר. סאדי האָט קאלטבלוטיג ניט געקאָנט פערטראָגען אזא בעליידיגונג, און אין עטליכע מינוט ארום האָט ער אויסגעשאָסען מיט א שטארקען געוויין.

רעציע האָט איהם געטרייסט וויא זיא האָט נאָר געקאָנט.

— דו וויינסט, סאדי, וואָס דו האָסט פערלאָרען דיין עהרען-שטעלע, — האָט זיא צו איהם געזאָגט, — און מיך פרעהט עס, פערקעהרט... פון היינט אָן וועסט דו געהערען צו מיר אין גאנצען; ביז אהער איז מיר אָנגעקומען זעהר א קליינער טהייל פון דיר... דו ביזט אימער געווען פערנומען. דאָס דארפסט דו שרייבען, דאָס א וויכטיגע סעסיאָן, דאָס איין אודיענץ, און פיר מיך האָסט דו קיין צייט ניט געהאט, יעצט... יעצט וועסט דו קאָנען עטוואָס מעהר פערברייינגען מיט מיר און לעבען עטוואָס רוהיגער... זאָל דיר ניט פערדריסען דיא אונדאנקבארקייט; אזוי בעגעהט מען זיך שוין אימער מיט אלע גרויסע מענער, וואָס לייגען אוועק זייער לעבען פיר זייער פאטערלאנד. מיר זיינען, לויב גאָט, גענוג רייך, מיר וועלען אונז קויפען א לאנדהויז לעבען באָספאָר און מיר וועלען זיך לעבען רוהיג, שטיל אָהן זאָרג און קאָפּדרעהענים. מיר וועלען אויפזוכען אונזער פערלאָרענעם קינד, און ווער וועט זיך דאמאָלס גלייכען צו אונז?...

— דו פערלאנגסט, רעציע, צו האָבען אונזער קינד, צו פערזוכען דאָס פערגניגען פון איין גליקליכע מוטער, — האָט סאדי זיך אָבגערופען צו איהר, — און איך וואָלט שוין צופריעדען געווען, ווען מען וואָלט אונז זעלבסט לאָזען צורוה, ווען מען וואָלט אונז וויעדער מיט געוואָלט ניט אָברייסען איינעם פון דעם אנדערן!... עס איז נאָך אלעם מעגליך, רעציע. עס איז נאָך אויך מעגליך דאָס מיר וועלען אונזער קינד גע-

פינען און לעבען גליקליכער... דערוויל, ליעבע רעציע, דאנק איך דיר פיר דיינע גוטע פרעסט־ווערטער. איך מוז שוין געהן אין מיין ביורא אום צו ברייננען אין אָרדנונג אלע ביכער און פאפירען, איך זאָל זיי קאָנען וויא געהעריג איבערגעבען דעם נייעם גראָס־וויזיר, וואָס מען וועט בעשטימען אויף מיין אָרט. איך גלויב, דאָס איך וועל איבערגעבען מיין אמט אין א בעסערען צושטאנד וויא איך האָב עס איבער־גענומען פון דעם פאָריגען גראָס־וויזיר. וויא איך וועט נאָר פערטיג מיט דיעזער אר־בייט, רעציע, נעהער איך שוין אויף אימער אין גאנצען צו דיר.

ער איז גלייך אוועק אין ביורא און האָט זיך דאָרטען מיט גרויס פלייס בע־שעפטיגט פון אין דער פריה ביז שפעט אין אבענד. וויא ער האָט זיך שוין געקליעבען צו געהן אהיים, האָט ער דערהערט דאָס מען קלאפט אין טיר. ווער קאָן דאָס זיין? וויא אזוי קומט יעמאנד צו יענער טיר, וואָס איז אריינגעקומען אין איין אנדער פער־שלאָסענעם צימער? וויא האָט מען איהם דורכגעלאָזען? ווארום האָט ער זיך ניט געלאָזט מעלדען? סאדי איז געבליעבען ערשטוינט און האָט זיך בעדענקט צו ער זאָל עפענען צו ניין. באלד אָבער האָט ער דערהערט א צווייטען קלאפ און א דריטען, סאדי האָט עגדליך אָפען געמאכט, און עס איז אריין איין אלטער אָבגעריסענער קערל, אויף'ן קאָפ א גרינעם אראבישעם טוך און פון אונטער'ן טוך האָט זיך ארויסגעזעהען א גאָלדענעם באנד... סאדי האָט גלייך ערקענט „די גאָלדענע מאסקע". ער האָט שוין ניט געפרעגט, וויא אזוי איז ער געקומען, ווארום ער האָט געוואוסט דאָס פיר „די גאָלדענע מאסקע" איז ניט געוועז קיין שלאָס און קיין ריגעל. ער האָט זיך גע־קניעט פאר איהר און האָט א וואָרט ניט אויסגעשפראָכען, וואַרטענדיג אין דער שטיל זיא זאָל איהם זאָגען דעם צוועק פון איהר בעזוך. סאדי האָט געוואוסט, דאָס ווען „די גאָלדענע מאסקע" קומט, איז נאָר צוליעב דעם וואָס זיא האָט עטוואָס מיטצוטהיילען, א סוד, א געהיימניס, וואָס קיין אנדערער דארף דאָס ניט הערען. און עס איז יעצט אויך אזוי געוועזן.

— סאדי, — האָט די גאָלדענע מאסקע זיך געווענדט צום אָבגעדאנקטען גראָס־וויזיר, — נעהם רעציען און ענטלויף מיט איהר, ווארום דוא ביזט אין א גרויסע געפאהר!...

— ווען זאָל איך לויפען? — האָט סאדי געפרעגט.

— שוין! — איז געווען די אנטוואָרט, — מאָרגען וועט שוין זיין צו שפעט!...

— עס איז אָבער נאָך פיר מיר אונמעגליך צו ענטלויפען, — האָט סאדי גע־זאָגט, — איך מוז פריהער איבערגעבען מיין אמט, מען זאָל ניט זאָגען, דאָס איך בין א שרעקעדיגער און דאָס איך האָב שלעכט געפיהרט מיין אמט און איך בין גע־ווען ניט עהרליך... „עהרע פערלאָרען, אלעס פערלאָרען", זאָגט איין אלטעס שפריכ־

וואָרט. אלזא, הייליגער מאן, דאנק איך דיר פיר דיין גוטען ראטה. איך קאָן אבער דיר ניט פאָלגען, איך מוז נאָך בלייבען!

— זיי וויסען, סאדי, דאָס דער סולטאנען־מערדער האָט שוין עררייכט זיין ציעל!...

— און וועמען רופסט דו מיט דיעזען שרעקליכען נאָמען?

— קיין אנדערן וויא מאנזור־עפענדי, — האָט „דיא גאָלדענע מאסקע" געענט־פערט, — היט דיך פאר איהם און פאר אלע דיא יעניגע וואָס האלטען מיט איהם. עס איז נאָך דאָ צייט זיך צו רעטען פיר דיך און רעציע'ן. אָבער זאם ניט!...

דיא לעצטע ווערטער פון „דער גאָלדענער מאסקע" האָבען געמאכט אויף סאדי'ס געמיטה א שרעקליכען איינדרוק. ער איז געבליעבען שטעהען וויא פאראַ־ליזירט... אין עטליכע מינוט ארום האָט ער זיך אויפגעמונטערט און האָט ווידער געוואָלט וואָס פרעגען ביי „דער גאָלדענער מאסקע", עס איז שוין אָבער פון איהר א זכר ניט געוועזן; זיא איז שוין לאנג פערשוואונדען געוואָרען. סאדי האָט זיך א לאנגע צייט מישב געווען, וויא ער זאָל טהאָן, און ענדליך איז ביי איהם געבליעבען, ער זאָל נאָך ניט לויפען, ערשטענס, אום ניט צו פערליערען דיא עהרע וואָס איז פיר איהם פיעל טהייערער געוועזן זיא זיין לעבען; צווייטענס, האָט ער גערעכענט, פיעל־לייכט וועט ער נאָך קאָנען רעטען דאָס לעבען פון סולטאן, צו וועלכען ער איז נאָך געוועזן אזוי טריי וויא פריהער. ער איז אוועק פון ביורא צו זיך אין וואָהנונג און האָט דאָס אלעס מיטגעטהיילט רעציע'ן. זיא האָט איינגעשטימט מיט איהם, און ער האָט שוין געוואָלט פאָהרען צום סולטאן אין בעגלעבעג אָנזאָגען איהם פון דער גרויסער געפאהר וואָס שטעהט איהם פאָר, און איהם בעהילפיג זיין, אויב עס איז מעגליך. מיט א מאָל אָבער, וויא ער האָט אזוי געשפראָכען וועגען דעם מיט רעציע'ן, זיינען צו איהם אין צימער האסטיג אריינגעלאָפען אלע זיינע דיענער, העכסט צו־שראָקען און בלייך וויא קאלך. סאדי האָט געפרעגט, וואָס דאָס בעדייטעט, אָבער בעפאָר נאָך זיי האָבען איהם געקאָנט אנטוואָרטען, האָט זיך בעוויזען אין זאאל רעדיף־פאשא, דער קאָמענדאנט פון סטאמבול, מיט עטליכע אָפיציערען. אין דער זעלבער צייט זיינען אויפגעבראָכען געוואָרען דיא אויסוועניגסטע טירען און אין קאָרידאָר זיינען אריין א ראָטע זאָלדאטען פון קאפידזי רעגימענט!... סאדי איז צוגעגאנגען צום קאָמענדאנט און האָט איהם געפרעגט, וואָס איז דאָס פיר א גע־שיכטע?

— איהר האָט געוויס אן אירטהום? צו וועמען האָט מען אייך געשיקט?

— ניין, מיין הערר, — האָט זיך אָבגערופען רעדיף־פאשא, — איך האָב קיין

טעות ניט, איך בין אייך געקומען ארעסטירען אין נאָמען פון אלע מיניסטאָרען... אייך נאָר און ניט קיין אנדערען ! . . .

— מיך ארעסטירען, רעדיף ? — ניין ! זאָ לאנג איך האָב ניט איבערגעגעבען מיין אמט איין אנדערען, בין איך נאָך גראָס-וויזיר, וואָס איז העכער איבער אלע מיניסטאָרען. אלזאָ האָבען זיי נאָך קיין רעכט ניט מיך צו ארעסטירען !

— דאָס איז ניט מיין זאך, — האָט זיך אָבגערופען דער קאָמענדאנט, — איך מוז פאָלגען וואָס דיא מיניסטאָרען בעפעהלען מיר. אָט האָט איהר זייער שריפט-ליכען בעפעהל און האלט מיך ניט אויף... אויב איהר ווילט ניט געהן מיט מיר מיט גוטען, וועל איך זיין געצוואונגען אייך צו נעהמען מיט בייזען !

סאדי האָט מיט הערצענס-וועה דורכגעלעזען דעם בעפעהל, וועלכער איז געוועזען אונטערשריבען פון אלע מיניסטאָרען.

— אלע ! אלע זיינען דאָ ! — האָט ער אויסגעשריען בעטראכטענדיג דיא אונטערשריפטען, — איך וואָלט דאָס קיין מאָל ניט גלויבען, ווען איך וואָלט דאָס ניט געזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען. זיי זיינען אָבער צו דום ווען זיי מיינען, איך וועל אויך צושטעהען צו זייער בונד געגען דעם סולטאן. ניין !... נו, רעדיף, פיהרט מיך אין סעראסקיר-טהורם... און דו, ליעבע רעציע, זיי רוהיג, און וויין ניט, איך פערלאָז דיך ניט אויף לאנג... איך האָב קיין פורכט ניט, ווארום איך בין ריין וויא איין ענגעל געגען דעם סולטאן און געגען דעם פאטערלאנד. נו לעב וואָהל מיין ליעבע ! שיטץ דיך גאָט ביז מיין צוריקקומען !

מען האָט אוועקגעפיהרט סאדי'ן אין סעראסקיר-טהורם און אריינגעזעצט אין דאָס צימער, וואָס איז פון אימער געוועזען בעשטימט פיר גרויסע פאָליטישע פער-ברעכער פון אריסטאָקראטישען שטאנד. (דיעזעס צימער איז געוועזען גוט מעבלירט און פערזאָרגט מיט אלע בעקוועמליכקייטען, וואָס עס קאָן פאָדערן איין רייכער אריסטאָקראט).

אין דער זעלבער צייט זיינען אין קאָנסטאנטינאָפאָל פאָרגעקומען נאָך פיע[ל]
[ו]ויכטיגערע זאכען. ביי דעם קריעגס-מיניסטער אין הויז האָבען זיך פערזאמעלט אל[ע]
פערשוואָרענע מיניסטאָרען, מידכאד-פאשא איז געוועזען דער אנפיהרער. דיא פער-
[ז]אמלונג האָט געשיקט צו דער סולטאנין וואלידע איין איינלאדונג, זיא זאָל קומע[ן]
[א]ום 12 אוהר ביי נאכט אין בעגלעבעג, וואו דיא מיניסטאָרען וועלען האלטען ראט[ה]
[ו]וועגען דעם קריטי'ישען צושטאנד פון דעם לאנד. דאָס גלייכען איז געוועזען געלאדען דע[ר]
פרינץ יוסוף און דער שייך קאנצלער האסאן אין סעראסקיר-טהורם, וואו מען ווע[ט]
זיך בעראטהען וועגען דעם קריעג אין דיא כריסטליכע פראָווינצען. אזוי האָט מ[ען]
זיי אריינגענארט אין זאק. וויא זיי זיינען געוועזען נאָהענט פון סעראסקיר-טהורם א[…]

האָבען קיין זאַך ניט חושד געווען, איז מען אויף זיי אַנגעפאלען און מען האָט זיי ביידען, יעדען אין א בעזונדערן צימער ארעסטירט. דערנאָך איז דער קאָמענדאנט רעדיף מיט דעם גאנצען קאפידזי־רעגימענט אוועקגעגאנגען צום סולטאן אין בעג־לעבעג.

אבדול־אזים איז זיך דיעזע נאכט געווען גאנץ רוהיג. פריהער האָט ער זיך געמאכט פערגניגען, וויא געוועהנליך, ביי זיך אין קאבינעט. האָט זיך געלאָבט מיט דעם בעסטען וויין, וויא ער פלעגט אימער טהאָן, בעפאָר ער איז אריינגעגאנגען אין הארעם צו זיינע אָדאליסקען. דיעזער אבדול־אזים איז געווען פון דיא מענשען וואָס האָבען צווייערליי נאטורען; ער איז געווען א גרויסער אויסברענגער, א פערשווענ־דער, און צוגלייך א זעלטענער קארגער און געלדגייציגער מאן. אין הארעם איז ביי איהם רעכט געווען צו פערשווענדען מיליאָנען, און אין זיינער ווירטהשאפט אין הויז־האלטונג איז ער געווען טוידט־קארג. זיינע דיענער פלעגען געהן כמעט באָרפוס, אָבגעריסען, און ותער רעדט שוין אָפּפערן פון זיין פערמעגען אויף דיא בעדירפניסע פון לאנד. א פערמעגען איז ביי איהם געווען זעהר א גרויסער, ווער וויים פון וויא פיעל מיליאָנען. ער האָט געהאלטען זיין פערמעגען, וואָס איז בעשטאנען פון גאָלד און בריליאנטען, אין א קעלער, וואו א חוץ איהם איז קיין מענש ניט אריינגעקומען. גראדע אין דיעזער נאכט האָט זיך איהם פערוואָלט א בליק געבען אויף דיא אוצרות וואָס זיינען דאָרטען געלעגען און האָבען, וויא צו זאָגען, געפוילט אָהן א נוץ פיר איהם און פיר דאָס לאנד. מיט א ליכט אין איין האנד, און מיט א שליסעל אין דער אנדע־רער האנד איז ער איינער אליין אראָב אין קעלער און איז ארומגעגאנגען איבער דיא קאסטענס און האָט אלסדינג בעטראכט און איבערגעלעגט. ער וואָלט פיעלייכט דיא גאנצע נאכט דאָרטען פערבראכט אין דיעזער אנגענעהמער ארבייט, ווען מען וואָלט איהם מיט א מאָל ניט אָבגעשטעלט. ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין בעטראכטען זיינע אוצרות, דאָס ער האָט ניט געהערט וויא ביי איהם אויף׳ן הויף זיינען אָנגעקו־מען פיעלע רייטער און אריינגעפאָהרען עטליכע קארעטען. נאָר יעצט האָט ער דער־הערט א קלאַפּ אין טיר. ער איז פון דיעזען קלאַפּ געוואָרען אויפגעטרייסעלט. ווער שטעלט זיך דאָס אונטער צו געהען אהער און קלאפען אין טיר? ער איז געוואָרען זעהר בעז און צוגלייך צערשראָקען.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער מיט כעס געפרעגט.

— איך, — האָט איהם געענטפערט א ווייבע דאמען־שטימע, — עפען מיר אויף, מיין גראָס־הערר.

ער האָט גלייך ערקענט זיין מוטער׳ס שטימע.

— דו? אזוי שפּעט? — האָט ער זיך געוואונדערט און האָט עטוואָס אָפען גע־מאכט דיא טיר.

— דו האָסט דאָך מיך געלאדען צו דיעזער שטונדע, איך זאָל נעהמען א טהייל אין דער בעראטהונג פון דיא מיניסטאָרען? אלע מיניסטאָרען און וויזירען זיצען שוין ביי דיר אין זאאל... איך ווארט שוין אויף דיר מעהר וויא א האלבע שטונדע...

— מיניסטאָרען און וויזירען? — האָט דער סולטאן אויסגעשריען מיט גרויס פערוואונדערונג, — איך ווייס אָבער גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען. דאָס איז געוויס סאדי'ס ארבייט... ער איז אויך דאָ?

— ניין, ער איז ניט דאָ, — האָט וואלידע געענטפערט, — אָבער דערפאר איז דאָרטען דאָ דער געוועזענער שייך־אול־איסלאם... דאָס פערשטעה איך שוין גאָר ניט...

וויא דער סולטאן האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען בלייך וויא קאלך און האָט שיער ניט ארויסגעלאָזען פון האנד דיא ליכט.

— וואָס איז מיט דיר, מיין זוהן? — האָט איהם געפרעגט דיא סולטאנין.

— אָ! מוטער פיהר מיך ארויס... עס איבעלט מיך... דאָס הערץ זאָגט מיר עטוואָס בייזעס... וויא קומט צו מיר דיעזער מאנזור־עפענדי? וואָס וויל ער פון מיר?

וואלידע האָט גענומען איהר זוהן פיר דיא הענד און מיט גרויס שרעק ארויפ־געפיהרט אין זאאל, וואו עס איז געווען דיא מיניסטאָרען־פערזאמלונג. אויבען אָן איז געזעסען מידכאד־פאשא, לעבען איהם מאנזור־עפענדי, דערנאָך אלע מיניסטאָרען און גאָר צום לעצטען רעדיף־פאשא.

וויא עס זיינען אריין אין זאאל וואלידע און דער סולטאן, האָט זיך צו איהם געווענדט מאנזור־עפענדי מיט דיעזער רעדע:

— מיר זיינען געקומען צו אייער מאיעסטעט מיט דער האָפנונג, דאָס עס וועט שוין ערפילט ווערען אונזער וואונש צו ערפרייען אונזער לאנד און אונזער אונגליק־ליכע נאציאָן מיט גוטע נאכריכטען...

— און ווער אָבער האָט אייך אהער גערופען? — האָט דער סולטאן געפרעגט מיט איין העכסט צאָרניגער שטימע.

— אונז האָט אהער גערופען דיא נויטווענדיגקייט! — האָט קאלט געענטפערט מאנזור־עפענדי.

דיעזע אנטוואָרט האָט נאָך מעהר אויפגערעגט דעם סולטאן.

— וואָס מיינסט דו דערמיט? — האָט דער סולטאן געפרעגט.

— איך מיין, דאָס אייער מאיעסטעט וועט ארויסגעבען דיא שעטצע, דיא אוצרות וואָס ליעגען ביי אייך אין דיא קעלערן, אום אויסצוהעלפען דעם פאָלק און דעם לאנד, וואָס בעפינדען זיך יעצט אין א גרויסע נויטה!...

— וואָס איז דאָס פיר ווערטער ? — האָט זיך מוטהיג ארייננעמישט דיא סול־טאַנין וואַלידע, — וויא איך זעה זייט איהר אַלע מעהר פערשוועהרער, בונטאָווששטשי־קעס, וויא פריינדע פון דעם פאָלק און דעם לאַנד !... טרייע מיניסטאָרען קומען ניט צום סולטאַן אליין, אונגערופען, און ערלויבען זיך ניט מיט איהם צו פיהרען אזעלכע פרעכע, אונפערשעהמטע געשפרעכען ! . . .

— איך האָב נאָר געשפּראָכען צו זיינער מאַיעסטעט און ניט צו דיר, — האָט מאַנזור־עפענדי מיט שטאָלץ געענטפערט, — איך פערלאַנג צו האָבען איין אנטוואָרט פון איהם אָבער ניט פון דיר ! . . .

— אומזיסט אייער שפרעכען, — האָט זיך געווענדט צו אַלע אבדול־אזים, — איך וועל פון מיינע א פּפעניג ניט געבען... זוכט הילפע פיר דאָס פאָלק אַנדערס וואו...

— ווען אזוי, — האָט זיך אָבגערופען מאַנזור־עפענדי, — מוז איך דיך ענטזאָגען פון דעם טירקישען טראָהן, אין דעם נאָמען פון אונזער גאַנצער נאַציאָן, וועלכע האָט מיר אויף דעם געגעבען מאַכט !...

אבדול־אזים האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר אָנגעפאַנגען שרייען : וואַכען ! אדיוטאַנטען ! אהער ! קיינער פון זיי זאָל פון היער ניט ארויס מיט זיין קאָפּ אויף דיא שולטערן ! אַלע מוזען שטאַרבען ! . . .

ער האָט אָבער אומזיסט געשריען ; עס איז ניט געקומען קיין וואַך און קיין אדיוטאַנט. דיא סולטאַנין וואַלידע האָט געוואָלט ארויס אין קאָרידאָר און מאַכען א ליאַרם, אָבער רעדיף־פּאַשא האָט איהר פערשטעלט דיא וועג.

— וואוהין ? — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהר, — דער פּאַלאַץ איז בעזעצט מיט אונזערע סאָלדאַטען, אלזאָ, צוריק, אויב דאָס לעבען איז אייך טהייער ! . . .

וואַלידע און אבדול־אזים זיינען געבליעבען שטעהען, וויא פּאַראַליזירט.

אין דיעזער מינוט האָט איינער פון דער פערזאַמלונג אויפגעשריעבען אין סולטאַן'ס נאָמען איין ענטזאָגונגס־אַקט און האָט איהם געגעבען, ער זאָל אונטער־שרייבען. אין דיעזען אַקט איז געשטאַנען : „נאָך דעם וואונש פון דער נאַציאָן, ענטזאָג איך מיך פון דעם טירקישען טראָהן און טרעט איהם אָב מיין ברודער'ס זוהן, דעם פּרינץ מוראַד“.

— ניין ! — האָט אבדול־אזים געזאָגט מיט א ביטערע שטימע, — איך וועל דאָס קיין מאָל ניט טהאָן !

— אויב אזוי, — האָט זיך צו איהם געווענדט מאַנזור־עפענדי, — וועלען מיר דאָס מוזען אויספיהרען מיט געוואַלט... איז ניט בעסער פיר דיר און פיר אונז דאָס אויסצומיידען ?

— און דו, הוסיין, דו, מיין קריעגס־מיניסטער, וואָס האָט מיר אַלעס צו פער־

דאנקען, אויך דו ביזט געגען מיר? — האָט דער סולטאן געפּרופט ווירקען אויף דעם קריעגס־מיניסטער.

הוסיין איז אָבער געשטאנען קאלט וויא אייז, און האָט רוהיג צוגעזעהן, וויא דער סעקרעטאר רוקט איהם דיא פעדער, ער זאָל אונטערשרייבען דיא ענטזאגונג פון טראָהן.

יעצט נאָר האָט זיך אבדול־אזיס ארומגעזעהן, דאָס זיינע מיניסטאָרען זיינען שוין פון לאנג אָן צו איהם געווען פאלש, און דאָס סאדי נאָר איז געוועזן זיין אייג־ציגער טרייער דיענער, וועלכען ער האָט פערשטויסען צוליעב דיא פערשווערער, וואָס האָבען סאדי'ן פיינד געהאט פיר זיין טרייהייט און עהרליכקייט. ער האָט יעצט שטארק חרטה געהאט, ליידער איז שוין געווען צו שפּעט.

— אָ, מיין סאדי! האָט ער אויסגעשריען, — וואו ביזט דו, מיין איינציגער טרייער דיענער? איך האָב דיך ניט פערשטאנען און איך בין פערלאָרען!

דיא ענדע איז געווען, דאָס ער האָט דאָך אונטערגעשריעבען זיין ענטזאגונג פון טראָהן. נאָך דעם, האָט מען דעם אראָבגעוואָרפענעם סולטאן און זיין מוטער מיט געוואלט אריינגעזעצט אין א גאָנדאָלע און אוועקגעפיהרט אין זומער הויז וואָס געפינט זיך אין ארזענאל־טאפאנע, וועלכע איז שוין געווען בעזעצט מיט א גרויסע וואך און מיט פיעל קאנאָנען. באלד האָט מען אהין אויך איבערגעפיהרט דעם סולטאן'ס גאנצען הארעם מיט אלע זיינע פרויען.

דיעזע גאנצע געשיכטע איז געשעהען אין עטליכע שטונדען, אָהן ליארם, און אָהן געררויש, אָהן א טראָפּען פערגאָסענע בלוט!...

אויף מאָרגען זיינען אויף אלע גאס־עקען געווען אָנגעקלעבט צעטלאך, אין וועלכע מען האָט מיטגעטהיילט דעם פּובליקום, דאָס מען האָט ביי נאכט אראָבגעזעצט פון טראָהן אבדול־אזיס'ן פיר זיין שלעכטע רעגיערונג און נארישע איינפיהרונגען, פון וועלכע דיא נאציאָן האָט פיעל געליטען און איז געוואָרען אומגליקליך, „מעהר האָט דיא נאציאָן שוין ניט געקאָנט ערטראָגען, — איז געשטאנען אם ענדע, — און דיא אראָבזעטצונג פון דיעזען סולטאן האָבען געפאָדערט וויא דיא מאחמעדאנישע רעליגיאָן אזוי דיא וועלטליכע געזעצע פון טירקיי".

88.

דיא דאמע מיט'ן טוידטען קאָפּ.

דיא איינוואָהנער פון קאָנסטאנטינאָפּאָל האָבען גאנץ רוהיג בעגעגענט דיא נאכריכט, דאָס מען האָט אראָבגעזעצט אבדול־אזיס פון טראָהן. מאנזור־עפענדי'ס בע־קאנטמאכונגען האָבען גוט געווירקט אויף דאָס פאָלק. דיא סאָפטי'ס האָבען גלייך צוזאמענגערופען דאָס פאָלק אין דיא מעטשעט'ן, וואו מען האָט געהאלטען פרעדיגטען

און רעדען געגען די נייע איינפיהרונגען, געגען די אפּיקורסים, וואָס היטען ניט די געבאָט פון אלקאָראן, און געגען די שלעכטע מאחמעדאנער, וואָס שאָהנען די קריסטען און צייגען זיי פריינדשאפט. רייכע פרומע טירקען האָבען געדאנקט גאָט, דאָס דיזע וויכטיגע געשיכטע האָט א טראָפּען בלוט ניט געקאָסט, און האָבען צוליעב דעם פיעל געלד צוטהיילט צווישען אָרימע לייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס מעהר וויא אלע האָבען זיך געפרעהט יענע, וועלכע האָבען פון אבדול־אזיס'ס רעגיערונג געליטען.

ראָשאנע איז געווען זעהר נייגיעריג צו וויסען אלסדינג וואָס איז געשעהען אין דער שרעקליכער נאכט. איהר איז ווענינ געווען צו וויסען דאָס זעלבע וואָס אלע האָבען געוואוסט, איהר האָט זיך געוואָלט די „רעכטע געדיכטע" האָבען אויפ'ן טעלער. דעריבער איז זיא זעהר צופריעדען געווען, וואָס דער בעטלער־דערוויש איז צו איהר געקומען. זיא האָט איהם אריינגענומען צו זיך אין קאבינעט און געפרעגט צו ער האָט עטוואָס אינטערעסאנטעס מיטצוטהיילען.

— אָ! געוויס, — האָט ער געענטפערט, — אומזיסט וואָלט איך ניט געקומען.

לאצארוס האָט איהר דערצעהלט אלסדינג וואָס מיר האָבען בעשריבען אין דעם פאָריגען קאפּיטעל. דערצו האָט ער זיך בעריהמט, דאָס ער האָט אויך גענומען א טהייל אין דיזער געשיכטע, נעמליך, דאָס ער האָט אויסגעפיהרט סאדי זאָל שוין מעהר ניט לעבען צוזאמען מיט דער שעהנער רעציע.

— אזוי? — האָט ראָשאנע זיך אָבגערופען מיט גרויס פערוואונדערונג, — איז דען סאדי אויך געווען אריינגעמישט אין דער פערשווערונג געגען דעם סולטאן?

— אָ! ניין, — האָט געענטפערט לאצארוס, — פערקעהרט, ער איז געווען דורכ־אויס געגען די פערשווערער און דעריבער האָט מען איהם יעצט אריינגעזעצט אין סעראסקירען־טהורם. איך האָב פיעל אין דעם געהאָלפען, אָדער ריכטיגער צו זאָגען, האָב איך דאָס אליין אין גאנצען דורכגעמאכט אום צו ערפילען דיין וואונש... יעצט זיינען זיי שוין אויף אימער בעזונדער. זיין פּאלאץ איז שטרענג בעוואכט מיט סאָל־דאטען. רעציע האָט שוין פערלאָרען פון וויינען איהרע שעהנע אויגען. זיא פערשטעהט זעהר גוט, דאָס עס איז שוין א סוף ניט אזוי מיט כאדי'ס פרייהייט, נאָר אפילו מיט זיין לעבען אויך... מאנזור־עפענדי וואָס איז יעצט ווידער דער גאנצער רעדעל־פיהרער איז איהם און האסאן'ען א בלוט־פיינד, ווייל זיי ביידען האָט ער צו פערדאנקען וואָס דער סולטאן האָט איהם ענטזאגט. נו, ער וועט זיך יעצט געוויס נוקם זיין... איך פער־שטעה דאָס דיר פערדריסט עס, ווארום סאדי איז דיר נאָך ליעב, אָבער דו ביזט זעלבסט שולדיג, וואָס דו האָסט מיט מאנזור'ן איינגעריסען... ווען ניט דאָס, וואָלסט דו עט־וואָס געקאָנט פיר איהם טהאָן, פיעלייכט, וואָלסט דו איהם געקאָנט רעטען דאָס לעבען.

ראָשאנע האָט א וואָרט ניט גערעדט. זיא איז געוועזן פערטיעפט אין געדאנקען; וויא עס שיינט, האָט זיא זיך בעדענקט, וואָס זיא זאָל דאָ טהאָן.

— דיא סולטאנין וואלידע, דער פרינץ יוססוף און האסאן זיינען אויך ארעסטירט, — האָט לאצארוס וויטער ערצעהלט, — זיי שמעקען שוין אויך מיט'ן טוידט... דער נייער סולטאן האָט געוואָלט מען זאָל מיט זיי גלייך מאכען א סוף, נאָר מידכאדפאשא האָט עס דערוויל ניט דערלאָזען... אלזאָ, הענגט זייער לעבען אויף א האָר... נו, טהייערע פרינצעסין, מיט וואָס קאָן איך דיר נוטצליך זיין? בעפעהל, איך שטעה צו דיינער דיענסטע.

ראָשאנע האָט איהם געזאָגט, דאָס זיא איז צופריעדען מיט איהם, אָבער, פאָרלויפיג האָט זיא קיין זאך ניט איהם צו בעפעהלען. זיא האָט איהם רייכליך בעשאָנקען און געהייסען דערוויל געהן אהיים. וויא ער איז אוועקגעגאנגען, האָט זיא זיך פראכטפאָל אויסגעפוצט, פערהילט דאָס געזיכט מיט א געדיכטען שלייער און אראָב מיט איהרען לייב־דיענער צום באָספאָר. דאָ האָט זיא זיך מיט דעם דיענער אריינגעזעצט אין א שיפעל און אוועקגעפאָהרען צום סעראסקיר־טהורם. אין דיעזער פעסטונג האָט געוואָהנט דער קריעגס־מיניסטער, און אָהן זיין ערלויבניס, האָט מען קיינעם אין פעסטונג ניט אריינגעלאָזען. דעריבער, האָט ראָשאנע פאָראויס אריינגעשיקט צו איהם איהר לייב־דיענער בעטען פון איהם איין ערלויבניס. דער דיענער איז באלד געקומען צוריק מיט איין אנטוואָרט, דאָס הוסיין־פאשא איז יעצט ניט צו הויזע, אָבער דער קאָמענדאנט רעדיף־פאשא וויל איהר אויפנעהמען מיט דער גרעסטער עהרע. אין דיעזער מינוט איז ארויס צו איהר ענטקעגען רעדיף אליין און האָט מיט איין טיעפער פערנייגונג ביי איהר נעפרעגט, צו וועמען זיא ברויכט אין דיעזער פעסטונג.

— איך ברויך צו סאדי־פאשא, — האָט זיא געענטפערט.

רעדיף'ס געזיכט איז געוואָרען פינסטער, אונפריינדליך.

— דיעזער סאדי, — האָט ער זיך אָבגערופען, — איז ארעסטירט... איין פאָליטישער פערברעכער. . .

— איך וויים עס, ליעבער רעדיף, אָבער איך נעהם פון אייביג אָן קיין אנטהייל אין פאָליטיק, אזוי וויא איהר ווייסט, און איך ברויך נאָר צו שפרעכען מיט איהם פון פריוואט אומשטענדען און ניט פון פאָליטיק. וויא קום איך צו פאָליטיק?... איהר קענט דאָך מיך ניט פון יעצט אָן?

רעדיף האָט געוואוסט פון איהר ליעבע צו סאדי'ן; דערצו איז ער געוועזן צו איהר גוט געניינט, אלזאָ, האָט ער זיך געלאָזען איבעררעדען. ער האָט געהייסען זיין אדיוטאנט, ער זאָל איהר בעגלייטען צו סאדי'ן אין צימער, און זאָל איהר דאָרטען לאָזען אליין מיט איהם וויא לאנג זיא ברויכט.

וויא סאדי האָט איהר דערזעהען, האָט ער זיא גלייך ערקענט, אָבוואָהל זיא איז געוועזן דורכאויס פערהילט און פערשלייערט. סאדי האָט געמיינט, דאָס זיא האָט געמאכט איין האנד מיט דיא פערשוואָרענע מיניסטאָרען, ווארום ווען ניט, וויא קומט זיא אהין אין פעסטונג? ער האָט זיך טיעף פערנייגט פאר איהר און האָט זיך זעהר געוואונדערט, דאָס זיא בעזוכט איהם אין דיעזער שטעלע.

— און איך וואונדער מיך אויך, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו איהם, — דאָס עס האלט שוין מיט דיר אזוי וויים, דאָס איך מוז דיך בעזוכען היער און ניט אין דיין הויז.

— געוויס וואָלט בעסער געווען, ווען דו וואָלסט מיך קאָנען בעזוכען אין מיין הויז, — האָט ער געענטפערט, — אָבער איך בין ניט שולדיג אין דעם... איך בין ריין געגען דעם סולטאן, געגען דעם לאנד און געגען גאָט! . . .

— איך וויים עס, — האָט זיא געזאָגט, — אנדערס וואָלט איך צו דיר ניט געקומען... דיינע אונפערדיענטע שמערצען מאכען מיר פיעל לייד, ווארום דו ביזט מיר נאָך יעצט אויך טהייער, אָבוואָהל דו האָסט מיך שטארק בעליידיגט, און פיעל געקרענקט... איך אינטערעסיר מיך מיט דיר וויא פריהער. מיין ליעבע איז ניט שוואַכער געוואָרען, אָבוואָהל דו ביזט שוין אויס גראָס-וויזיר, אָבוואָהל דו זיצסט געפאנגען וויא א געמיינער פערברעכער. דיין שיקזאל איז ביי מיר אין דיא הענד. איך קאָן דיך בעפרייען און אומקעהרען אויף דיא פאָריגע שטעלע. דו דארפסט נאָר זאָגען איין וואָרט, דאָס דו האָסט דיך אויסגעניכטערט פון דער נארישער ליעבע צו רעציע, דאָס פון יעצט אָן געהערסט דו וויעדער צו מיר. איך בין פערטיג אלעס צו פערגעסען און הייראטהען מיט דיר, וויא פריהער... אָבער ווען דו ענטזאגסט מיר, בין איך דיין בלוט-פיינדין אויף אימער און וועל מיט אלע קרעפטען נעהמען נקמה... איך רעכען, דו ווייסט וויא לייכט עס איז יעצט פיר איינעם וואָס האָט געדיענט דעם אראָבגעזעצטען סולטאן, צו פערליערען דעם קאָפּ!... יא אָדער ניין? איין בעשטימטע אנטוואָרט, סאדי!...

— איך וואָלט גערנע געזאָגט: יא, אָבער לײדער בין איך שוין פערהייראטהעט מיט רעציע'ן. איך זאָל איהר יעצט פערשטויסען פון מיר איז אונמעגליך. ערשטענס, איז זיא מיין ערשטע ליעבע. צווייטענס, האָט זיא צוליעב מיר זעהר פיעל און זעהר לאנג געליטען, און אין אלע איהרע אונגליקען, אין אלער נויטה איז זיא מיר געבליבען טריי. איך זאָל איהר יעצט פערשטויסען צוליעב איין אנדערער, וואָלט געווען א גרויסער פערברעכען פון מיר... איך קאָן אזוי אונמענשליך ניט זיין!...

— ווארום פערשטויסען? — האָט ראָשאנע געזאָגט, — זאָל זיא זיך בלייבען ביי דיר אין הארעם וויא איינע אָדאליסקע... דאָס קימערט מיך ניט...

— איינע אָדאליסקע?... ביי אונז טירקען איז אפילו דיא מאָדע צו האָבען עט-

ליכע ביי־פרויען, א חוץ דיא הויפּט־פרוי, דיא ווירטהין, וועלכע געוועלטיגט איבער זיי; אָבער מיר געפעלט דיעזע מאָדע ניט, ווארום פון איהר קומען ארויס אלע אונזערע אונ־גליקען און מיט דער צייט וועט פון איהר אונזער לאנד אין גאנצען אונטערגעהען !... אלזאָ, טהייערע פּרינצעסין, בין איך גענעטהיגט אייך צו ענטזאגען !...

קוים וויא ער האָט דאָס אויסגעשפּראָכען, האָט ראָשאנע'ן אָנגעפאנגען צו טרייסלען העגד און פיס פון צאָרן און פון קלעמענים... זיא איז שיער פון זינען ניט אראָב... זיא האָט גענומען אונרוהיג געהען איבער דעם צימער, מאכען מיט דיא הענד, ווארפען מיט דעם קאָפּ... אין דיעזע בעוועגונגען האָט זיא ניט בעמערקט וויא עס האָט זיך ביי איהר אראָבגערוקט דער שלייער פון געזיכט... דאָ האָט זיך סאדי ארומ־געזעהען וואָס פיר א גראָבען טעות ער האָט ביז אהער געהאט. ער האָט איהר פון דער ערשטער מינוט אָן געהאלטען פיר א זעלטענע שעהנהייט, ווייל מהר וויא איהר שלאנ־קען געוואוקס און דיא אויסגעשניצטע טאליע האָט ער ניט געזעהען; דער קאָפּ און דאָס געזיכט זיינען אימער געווען בעדעקט מיט א געדיכטען שלייער. יעצט אָבער איז איהר איין אומגליק געשעהען... און סאדי האָט דערזעהען וואָס פיר א מיאוסקייט, וואָס פיר א העסליכע פּרוי זיא איז געווען, עס האָט פּשוט געעקעלט אויף איהר צו קוקען: א הויהלער, פליכעוואטער קאָפּ, איין איינגעפאלענע נאָז, איינגעפאלענע דארע באקען, קליינע פערזשמורעטע אויגען, דינע ליפּען, אימער אָפענע, וועלכע האָבען געלאָזען זעהען געלבע פערפּוילטע צעהנער... עס האָט סאדי'ן אָבגעטרייסעלט אזוי וויא פון א טוידטען קאָפּ, ווארום אנדערס האָט דיעזעס שרעק־בילד ניט אויסגעזעהן.

וויא ראָשאנע האָט זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט זיא זיך געוועהנליך געחאפּט איהר אומגליק און האָט פערשטאנען דאָס יעצט האָט זיא שוין געוויס ניט וואָס צו האָפען. איין מאָל איז שוין דיא לעצטע האָפנונג פערלאָרען, איז זיא געוואָרען שרעק־ליך בייז, און האָט גענומען סטראשען סאדי'ן, דאָס זיא וועט זיך נוקם זיין אָן זיין לעבען און אָן דאָס לעבען פון רעציע'ן און פון זיין קינד. דאָ האָט זיא איהם ענטדעקט, דאָס זיין קינד איז ביי איהר אין דיא הענד און זיא קאָן טהאָן מיט איהם וואָס זיא וויל.

סאדי האָט געוואוסט, וואָס מען קאָן ערווארטען פון א פּרוי, וואָס פיהלט זיך בעליידיגט אין איהר ליעבעס געפיהל, און בפרט נאָך ווען דיעזע פּרוי איז א פּרינ־צעסין. ער האָט געוואוסט דאָס ראָשאנע קאָן גאנץ לייכט אויספיהרען ביי דער נייער רעגיערונג, מען זאָל איהם פערארורטהיילען צום טוידט, און דאָס זיא איז גענוג שטארק זיך אָן רעציע'ן אויך נוקם צו זיין.

עס איז לייכט צו פערשטיין, וויא עס איז סאדי'ן געווען צום מוטה, נאָך דעם וויא דיא פּרינצעסין איז אין צאָרן ארויסגעגאנגען פון זיין געפענגנים־צימער. ניט היימליכער איז געווען רעציע'ן. זיא איז געבליעבען אליין אין איהר מאן'ס פּאלאץ

און האָט אפילו ניט געוואוסט, וואוהין מען האָט איהם אָבגעפיהרט, וואָס מען האָט מיט איהם געטהאָן. מען האָט איהם מיט געוואלט געשיידט פון איהר אין דער צייט, וואָס זיא האָט זיך שוין געהאלטען פיר דיא גליקליכסטע אין דער וועלט. איבער־א־נייעס אליין! און וואָס וועט נאָך זיין מיט איהר? זיא איז שוין געבליעבען אָהן אויגען וויינענדיג. אלע דיענערינען זיינען צולאָפען פון פאלאץ, ווייל זיי האָבען געהאט פורכט, מען זאָל זיי אויך ניט ארעסטירען, וויא מען האָט ארעסטירט זייער הערר'ן. רעציע האָט אויך געוואָלט אנטלויפען, אום עטוואָס צו טהאָן פיר סאדי'ן: פיעלייכט איז נאָך מעגליך איהם צו רעטען. אָבער דער פאלאץ איז געווען שטרענג בעוואכט מיט פיינד־ליכע סאָלדאטען און עס איז געווען זעהר געפעהרליך פיר איהר צו פרופען לויפען...

פערטיעפט אין טרויעריגע געדאנקען, האָט זיא א מאָל איינגעשלומערט. פלוצ־לינג האָט זיא ערפיהלט דיא אָנריהרונג פון א ווייכע האנד. זיא האָט זיך אויפגע־כאפט — און ווער שטעהט לעבען איהר? — סיררא! דיא פריידע פון רעציע'ן איז ניט געווען צו בעשרייבען. סיררא האָט איהר שוין ניט איין מאָל געדיענט אין לעבען, ניט איין מאָל געהאָלפען אין איהרע ליידען און שמערצען. זיא איז פיר איהר געווען וויא איין ענגעל פון הימעל, וואָס קומט העלפען אין דער צייט פון נויטה און אונ־גליק.

—עס פרעהט מיך זעהר, — האָט רעציע זיך אָבגערופען צו סיררא'ן, — וואָס דו האָסט אָן מיר ניט פערגעסען. א! איך בין דאָ געווען עלענד. פערלאָזען פון אלע, אליין וויא א שטיין!... יעצט בין איך שוין ווידער ניט אליין! א! גיעב גאָט, דו זאָלסט אימער מיט מיר זיין, טהייערע פריינדין! איך פירכטע אָבער... דער פאלאץ איז אזוי בעוואכט... גאָט האָט דיך געבראכט צו מיר, טהייערע ליעבע סיררא.

— וויא איך האָב נאָר דערהערט פון דיין אומגליק, — האָט סיררא צו איהר גע־זאָגט, — בין איך גלייך געלאָפען אהער, אום דיר מיט וואָס עס איז בעהילפיג צו זיין און מיט דיר צוזאמען אוועקצוגעהען פון היער.

— און דיא וואך, סיררא, האָסט דו פערגעסען?

— און וויא בין איך אהער הערריין? דיא וואך האָט מיך פריי דורכגעלאָזען און זיא וועט דיר אויך ניט שטערען פון היער אוועקצוגעהען, ווארום זיא שטעהט אין פאלאץ נאָר ניט צוליעב דיר, נאָר צוליעב דיא פערזיגעלטע שראנקען, קאָמאָדען, שרייב־טישען, וואו מען רעכענט עס געפינען זיך פאָליטישע שריפטען, פערבאָטענע פאפיערען, זיי היטען נאָר, מען זאָל דיעזע פאפירען ניט ארויסטראָגען, אָבער דו קאָנסט פון היער פראנק און פריי אוועקגעהען.

— און וואוהין מיינסט דו מיט מיר צו געהען? — האָט רעציע געפרעגט.

— האָב קיין זאָרג ניט, — האָט סיררא געענטפערט, — פריהער וויא אלעס

מוזען מיר אַנווענדען אלע קרעפטען צו רעטען דיין סאדי. זיין לעבען שטעהט אין געפאהר. ער איז איינגעשפּארט אין סעראסקיר־טהורם... אהין קומען אריין פיעלע און פון דאָרטען געהען ארויס זעהר וועניג... מען בלייבט דאָרט לעבעדיג בעגראָבען אויף אימער, אָדער מען ווערט דערוואָרגען מיט דעם געלבען זיידענעם שנור... מיר מוזען אָבער וואָס צום שנעלסטען אָנפאנגען צו ווירקען; יעדע מינוט איז טהייער. עס איז אפילו זעהר א שווערע זאַך, אָבער דאָך מוזען מיר פּרופען טהאָן וואָס מיר קאָנען.

רעציע'ן איז אריבער א פראָסט איבער'ן לייב, וויא זיא האָט דערהערט וואז איהר מאן געפינט זיך. זיא האָט אויסגעבראָכען אין א שרעקליכען געוויין און האָט גענומען קוסען סיררא'ן דיא הענד און בעטען זיא זאָל קיין מיה ניט שאָהנען, אום איהם צו רעטען פון יענעם שרעקליכען אָרט.

— וויין ניט, ליעבע רעציע, — האָט איהר געטרייסט סיררא, — איך האָף, דאָס גאָט וועט אונז זיין צו הילפע, דו וועסט נאָך דערלעבען מיט איהם פיעלע גוטע און גליקליכע יאָהרען. יעצט, אָבער, מוזען מיר פון היער אוועקגעהען, דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס מיר מוזען טהאָן וואָס צום שנעלסטען, ליעבע און טהייערע רעציע.

רעציע האָט זיך איינגעהילט אין א שווארצען מאנטעל, האָט מיטגענומען איהרע קאָסטבארע ציערונג און וויא פיעל עס איז מעגליך געוועזן געלד און איז מיט סיררא'ן ארויסגעגאנגען פון פאלאץ און קיינער פון דער וואַך האָט זיי א וואָרט ניט גערעדט.

89.

דיא ענדע פון אבדול־אזים.

דעם אראָבגעשטויסענעם סולטאן האָט מען אין עטליכע טעג ארום איבער־געפיהרט פון דער פעסטונג אין איין אנדער וואָהנונג, וואו ער האָט בעדארפט בלייבען געפאנגען פיר אימער. דיא נייע וואָהנונג איז געוועזן אין שלאָס טשיראגאן, זעהר וויים פון אלע איבעריגע קייזערליכע שלעסער. זיא איז בעשטאנען פון פיעלע זעהר שען אויסגעפוצטע צימערן, וועלכע זיינען געוועזן איינגעריכטעט מיט אלע בעקוועמליכ־קייטען אין דער וועלט, און זיא איז געוועזן גענוג גרויס, אום עס זאָלען זיך אין איהר קאָנען בעזעצען דער סולטאן מיט זיין גאנצען הארעם און זיין מוטער וואלידע.

צוויי אָפיציערען האָבען זיך געזעצט מיט אבדול־אזים'ן אין א גאָנדאָלע און זיינען מיט איהם געקומען צום שלאָס טשיראגאן. דער סולטאן איז ארויס פון גאָנ־דאָלע, אָבער אנשטאָדט צו געהען אין דיא וואָהנונג, וואָס דיא אָפיציערען האָבען איהם אָנגעוויזען, האָט ער גענומען שפּאציערען אויף'ן ברעג. דיא אָפיצירען, וואָס האָבען איהם בעגלייטעט און וואָס האָבען אויף איהם געדארפט אכטונג געבען, האָ־בען דאָס איהם פערבאָטען אין נאָמען פון דער נייער רעגיערונג, און האָבען איהם

אונהעפליך גערופען, ער זאָל געהען מיט זיי וואוהין זיי פיהרען איהם. דער סולטאן, אָבער, איז געוואָרען פון דעם אזוי אויפגעבראכט, דאָס ער האָט זיך געהאפט צום פיסטאָלעט און עס האָט גאָר וועניג געפעהלט, ער זאָל אויף זיי שיסען. וויא מען האָט דאָס דערזעהען אין שלאָס, האָט מען ארויסגעשיקט צעהן סאָלדאטען, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט און מיט געוואלט אריינגעפיהרט אין זיין געפענגניס־אָרט. דערנאָך האָט מען איהם ענטוואפענט, מען האָט ביי איהם צוגענומען גאָר די גע־וועהר וואָס ער האָט אויף זיך געהאט, פיסטאָלעט, רעוואָלוער, און דעגען. וויא מען האָט געזאָגט, האָט מען זיך אזוי שטרענג מיט איהם בעגאנגען ניט ווייל מען האָט איהם געוואָלט בעליידיגען, נאָר ווייל מען האָט זיך געשראָקען דאָס ער איז ניט אין גאנצען ביים זינען.

אין עטליכע שטונדען ארום האט זיך ארויסגעוויזען, דאָס אבדול־אזים איז ווירקליך אראָב פון זינען: ער האָט אָנגעפאנגען צו פלוידערן, האָט געבראָכען די מעבעל און האָט אָנגעמאכט פיעל שאדען. פיר זיינע פיינדע און פיר די נייע רעגיע־רונג איז דאָס געווען וויא געוואונשען; זיי האָבען גלייך אומעטום ארויסגעלאָזען א קלאנג, דאָס אבדול־אזים איז משוגע געוואָרען. אין אמת'ן אָבער איז ער גאָר ניט געווען משוגע נאָר זיינע פיינדע האָבען איהם שטארק ארויסגעבראכט פון געדולד; ער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט, און האָט אליין ניט געוואוסט וואָס ער טהוט.

אויף מאָרגען נאָך דעם, וויא מען האָט אבדול־אזים'ן איינגעשפארט אין דעם נייעם געפענגניס, האָט מאנזור־עפענדי צוזאמענגערופען אין „קאדריש" א גרויסע סעסיאָן. אין דיעזער סעסיאָן האָבען גענומען א טהייל אלע מיניסטאָרען, וואָס האָבען אראָבגעזועצט אבדול־אזים פון טראָהן, אויסער מידכאד־פאשא: איהם האָט ניט גע־פאסט, מאנזור־עפענדי זאָל איהם „פיהרען פיר'ן נאָז"; ער איז געווען ביי זיך זעהר שטאָלץ.

— די אָפיציערען, וואָס גיעבען אכטונג אויף אבדול־אזים, — האָט מאנזור־עפענדי זיך געווענדעט צו דער פערזאמלונג, — האָבען מיר מיטגעטהיילט פון זיין אויפפיהרונג וואונדערבארע ווילדע זאכען, וועלכע מאכען מיך זעהר אונרוהיג. דיעזע מיטטהיילונג איז זעהר וויכטיג און מיר מוזען זיך גוט בעראטהען וואָס צו טהאָן, וויא זיך צו פערהיטען און אויסמיידען די גרויסע געפאהר וואָס מיר קאָנען ערוואר־טען. די אָפיציערען האָבען מיר נעמליך מיטגעטהיילט, דאָס יעדעס מאָל וואָס אבדול־אזים געהט ארויס אין גאָרטען שפאציערען, שרייט ער מיט קולות, מען זאָל איהם בעפרייען פון אונזערע הענד; ער שרייט אין דער הויך: „וואָס איז מיט אייך, מיינע גווארדיע? ווארום נעהמט איהר זיך ניט צו דאָס געוועהר אום צו בעפרייען אייערן גראָסס־הערך? וואו זיינען מיינע קריעגס־שיפען? ווארום באָמבארדירען זיי ניט

דיא פערשווערער וואָס האָבען ביי מיר גערויבט מיין טראָהן, מיין פרייהייט און מיינען מיך ענדליך אויך צו טוידטען? וואו זיינען דיא ציימונגס־שרייבער, וואָס האָבען מיך ביז אהער אימער געלויבט? ווארום שרייבען זיי ניט פון דער גרויסער מערדעריי וואָס מען האָט מיר געטהאָן? זאָל אייראָפּא דערפון וויסען; פיעלייכט וועלען זיך דיא מאָנארכען"!... וויא שמעקט דאָס אייך מיינע העררן? — האָט מאנזור־עפענדי ווייטער געזאָגט, — איך גלויב, דאָס אזעלכע קלאָג־רעדען בלייבען ניט אין דער לויפט... זיי וועלען אויפרייצען געגען אונז גאַנץ אייראָפּא, וואָס וועט אָנפאַלען אויף אונזער לאַנד אזוי וויא א מאָל אויף פראַנקרייך, בשעת דיא פראַנצויזען האָבען אראָבגעזעצט זייער קעניג, לודוויג דעם זעכצעהנטען, און אין סטאמבול וועט פערגאָסען ווערען אזוי פיעל בלוט, וויא דאמאָלס אין פאריז... מיט איינעם וואָרט, עס איז העכסט נעטהיג פיר אונז זיך צו בעראטהען.

— אויסער דעם, — האָט זיך אָבגערופען האמיד־קאדי, — דארפען מיר ניט פערגעסען דאָס אבדול־אזיס האָט נאָך היער א גרויסע פּארטיע וואָס ווילען איהם ווידער ארויפזעצען אויף'ן טראָהן. זיי שלאָפען געוועהנליך ניט, קלייבען זיך אלע נאכט צוזאמען, און מיר זיינען ניט זיכער דאָס זיי וועלען מיט אונז ניט אויפשפּילען אזא שטוקע וויא מיר האָבען מיט זיי אויפגעשפּיעלט.

— וואָס איז דאָ צו רעדען? — האָט געזאָגט ראשיד־פּאשא, — עס פערשטעהט זיך, דאָס וויא לאַנג דער אראָבגעזעצטער סולטאן וועט לעבען, וועט אין לאַנד קיין רוהע ניט זיין און מוראד וועט ניט זיכער זיין מיט זיין הערשאפט!

— ווער פערשטעהט עס ניט, — האָט מיטגעהאלטען הוסיין־פּאשא וואָס האָט געוואָלט זעהן דאָס בלוט פון אבדול־אזיס און פון דעם פרינץ יוססוף פיר דיא בעליידיגונג פון זיין טאָכטער, — ווער פערשטעהט עס ניט, דאָס אבדול־אזיס איז יעצט פיר אונז א געפעהרליכע פּערזאָן, דאָס ווען מיר ווילען זיין זיכער מיט אונזער לעבען און מיט אונזער זאכע וואָס מיר האָבען דורכגעפיהרט, מוזען מיר מאכען א סוף מיט איהם!...

— מיין מיינונג איז דיא זעלבע, — האָט מיטגעשטימט מאנזור־עפענדי.

— א סוף מוזען מיר מאכען מיט איהם, — האָט בעמערקט ראשיד־פּאשא, — דאָס איז נעטהיג, אָבער דערצו מוזען מיר דאָך זעהר פּאָרזיכטיג זיין... גאָט בעהיט, ווען עס פאַלט אויף אונז דער קלענסטער חשד דאָס מיר האָבען איהם ערמאָרדעט, וועט דיא גאַנצע טירקישע נאציאָן ווערען אויפגערעגט און בייז געגען אונז. מיר מוזען מאכען אזוי, מען זאָל מיינען, ער האָט זיך אליין ערמאָרדעט ווען עס איז אויף איהם ארויפגעפאלען זיין משוגעת...

— מען קאָן איהם מאכען אזוי ענג, ער זאָל זיך ווירקליך אליין אָנטהאָן א טוידט, — האָט בעמערק מאנזור־עפענדי.

— איי וואָס ? — האָט אויסגעשריען ראשיד־פאשא, — ער זעלבסט וועט קיין מאָל דערצו ניט האָבען קיין מוטה. . .

— נו, אויב ער זעלבסט האָט קיין מוטה ניט, — האָט געזאָגט הוסיין־פאשא, — דארפען אנדערע פיר איהם האָבען מוטה!... די פראגע איז נאָר דורך וועמען מיר זאָלען דאָס דורכפיהרען ? . . .

— איך האָב אזעלכען, וואָס איז דערצו וויא געבאָרען, האָט זיך אָבגערופען מאנזור־עפענדי, — איך מיין דער דאָקטאָר טימבא, דער בעסטער פון אלע דריי ערצטע וואָס זיינען געבליעבען ביי דעם פאָריגען סולטאן. אבדול־אזיס איז אין איהם זעהר איינגעטרויעט... וואלידע האלט פון איהם נאָך מעהר, ווייל ער איז אויך איין אויסגעצייכענטער פרויען־ארצט. ער איז שוין ביי זיי א לאנגע צייט און מען איז מיט איהם אימער צופריעדען געווען.

— איך וויים אָבער ניט, — האָט געזאָגט הוסיין, — אויב ער וועט וועלען נעהמען אויף זיך אזא זאך... צו וואָס זאָל ער עס טהאָן ? ער איז אָהן דעם אויך שרעקליך רייך. ערשטענס, איז ער זעהר א גוטער דאָקטאָר; צווייטענס איז ער א קאסטראט, וועלכען די מענער קאָנען פראנק און פריי צולאָזען אין זייערע הארעמען, און פאר וועלכען די פרויען שעהמען זיך ניט מעהר וויא פאר א פרויען־צימער.

— צו ער וועט זיך וועלען אָננעהמען ? — האָט מיט א געלעכטער געזאָגט מאנזור־עפענדי, — און וויא נאָך!... איך קען איהם בעסער וויא איהר אלע. דאָס איז א מענש אָהן א טראָפפען געוויסען... איך האָב מיך שוין פיעל מאָל מיט איהם געשאפט און ער האָט מיר אלע מאָל געדיענט נאָך בעסער וויא איך האָב אליין גע־דעם פראָפעט מיט'ן אלקאָראן צוזאמען! . . . און ווער האָט מיר פערשאפט די וואונשען. ער איז זעהר געלד־גייציג און פיר געלד איז ער פערטיג צו פערקויפען ליכט וואָס איך האָב מיט דיר צוגעשיקט צום הארעם־מיניסטער אין בעגלעבעג! אליין ער, דער זעלבער טימבא.

— און פון וואנען איז ער, דיעזער טימבא? וואו האָט ער דאָס אלעס ער־לערנט ? — האָט געפרעגט האמיד־קאדי.

— עס איז זעהר פיעל צו רעדען וועגען דעם, — האָט געענטפערט מאנזור־עפענדי, — ער איז געבאָרען אין פערזיען; זיין מוטער וואר א שעהנע שקלאַפין ביי דער סולטאנין. ווער זיין פאָטער איז געווען, וויים ער ניט... א שעהנעס קינד איז ער געווען, זעהר קלוג דערצו און מיט א גוטען קאָפּ. אין פערזישען האָט האָבען איהם

אלע זעהר געליעבט. דיא סולטאנין האט געבעטען פיר איהם דעם שאך, און דער שאך האט איהם געלאזען בילדען. אין א קורצע צייט האט ער געמאכט וואונדער גרויסע פארטשריטע. דער שאך האט איהם געהייסען קאסטרירען און שיקען אויף זיין רעכנונג אין פאריז שטודירען מעדיצין, אום ער זאל דערנאך זיין א דאקטאר ביי איהם אין הארעם. פון פאריז איז טימבא געקומען צוריק א גרויסער קענער אין פרויען־קראנקהייטען און א זעלטענער אקושער. וואס פיר קונציגע רעצעפטען ער האט צו פערגיפטען, דאס יענער זאל ביז דער לעצטער מינוט גאר ניט שפירען!... מיט איין ווארט, דאס איז א העלד וואס טויג אויף אלץ. ביים שאך אין הארעם האט ער געדיענט גאנצע צעהן יאהר און מען האט איהם דארטען זעהר געאכטעט. ענדליך האט זיך געמאכט, דאס דיא פערזישע סולטאנין האט בעדארפט פטור ווערען פון איין אדאליסקע, וועלכע איז געווען אזוי שעהן, דאס פון דער צייט אן וואס זיא איז געקומען אין הארעם, האט דער שאך כמעט פערגעסען אן דיא סולטאנין. פיר א גוטע בעלאהנונג האט טימבא געטהאן דער סולטאנין דיא געפעליגקייט און האט פערגיפטעט דיא שעהנע אדאליסקע. פערבלייבען ווייטער אויף זיין שטעלע האט טימבא נאך דעם שוין ניט געקאנט. דאס האט געשמעקט פיר איהם מיט'ן טוידט. דאמאלס האט ער זיך בעשלאסען צו ענטלויפען אין טירקיי. ער האט זיך פערזארגט א רעקאמענדאציע פון אונזער פריינד מוסטאפא בעי, וואס איז דאמאלס געווען אונזער געזאנדטער אין פערזיען און איז געקומען אין סטאמבול צו מיר. מוסטאפא־בעי האט מיר איהם פארגעשטעלט אלס איין אויסגעצייכענטען ארצט, איבערהויפט איין אקושער, וואס האט זיין גלייכען ניט און וואס פערשטעהט זעהר גוט צו קורירען אלער האנד פרויען־קראנקהייטען. אויסער דעם, האט מוסטאפא מיר געשריעבען, איז ער אונגעוועהנליך קלוג, געשיידט, און קאן מיר פיעל נוצען בריינגען אין פאליטישע אנגעלעגענהייטען. איך האב געטרויט מיין פריינד, האב אויפגענומען דיעזען טימבא צו זיך פיר איין ארצט און מיין קליינעם הארעם און האב קיין חרטה ניט געהאט. עס האט פיעל ניט געדויערט און איך האב מיך איבערצייגט, דאס ער איז ניט קיין פלוידער זאק און מען קאן איהם אנטרויען דיא וויכטיגסטע פאליטישע געהיימניסע... בעצאהלט איהם נאר וויא געהעריג, וועט ער אייך טהאן אלעס אין דער וועלט. וויא איך האב ערקענט וואס פיר א פויגעל דאס איז, האב איך איהם רעקאמענדירט אין פיעלע רייכע און פארנעהמע הייזער, אום איך זאל דורך איהם קאנען וויסען אלעס וואס מען רעדט און דענקט וועגען אונז אין שטאדט. ווארום וואו קען מען זיך נאך אזוי גוט ערקונדיגען פון אלע געהיימניסען וויא אין דיא הארעמען פון דיא גראסוויזירען, פרינצען און פון דעם סולטאן אליין אין הארעם, צווישען דיא שעהנע אדאליסקען, פלוידערט דער צונג אלעס וואס מען האט אויף'ן לונג... נו, פיר מיר איז דאס

זעהר ניצליך געווען. דורך איהם בין איך פּטור געוואָרען פון פיעלע געגנער וואָס זיינען מיר געשטאַנען אין וועג. איך האָב איהם מיטגעטהיילט מיין ווונש, און ער האָט שוין געפונען א מיטעל וויא צו געבען אזעלכע שלאָף־טרונקען פון וועלכען מען שלאָפט איין אויף אימער. נאַטירליך זיינען איהם אלע מאָל בעהילפיג געווען דיא דאַמען פון דיא הארעמען, וועלכע זיינען מיט איהם זעהר צופריעדען, ענדליך, האָב איך איהם אריינגעמאַכט אין הארעם פון אבדול־אזיס, וועלכער האָט איהם באלד בעגליקט מיט זיין ליעבע און אכטונג. דיא סולטאַנין וואלידע איז אויך פון איהם ענטציקט. ער איז נאָך יעצט אוך ביי זיי, און ווא איך קען איהם, בין איך זיכער, דאָס מיר וועלען דורך איהם אויספיהרען אונזער פּלאַן. עס קאָן אונז קאָסטען צעהן טויזענד, העכסטענס, פינפצעהן טויזענד פּיאַסטער...

— דאָס איז דאָך א געלעכטער, — האָט זיך אָבגערופען הוסיין, — ער איז ווערטה פיעל מעהר.

— איז אָבגעמאַכט! איך וועל איהם שוין בעשטעלען, — האָט געזאָגט מאַנזור־עפענדי.

— עס וואָלט גוט געווען, — האָבען זיך אָבגערופען דיא איבריגע מיטגליעדער פון דער סעסיאָן, — איהם אהער איינצולאַדען און גוט מיט איהם דורכריידען, וויא עס איז בעסער איהם צו מאַכען א טויט... פערגיפטען איהם לאָהנט ניט, ווארום מען וועט דאָך איהם אנאַטאָמירען און עס וועט זיך ארויסווייזען, וועט מען אונז אין דעם חושד זיין... דאָס לאָהנט פיר אונז ניט... מיר מוזען דאָס אויסמיידען...

— גאַנץ געוויס, — האָט איינגעשטימט מאַנזור־עפענדי, איך האָב גאָר אנדערס ניט גערעכענט וויא איהם צו רופען אהער און אָברעדען אלסדינג, וויא און וואָס. דערווייל בין איך נאָר זיכער, דאָס ער וועט זיך אָננעהמען דורכצופיהרען אונזער פּלאַן פיר א גוטע בעלאָהנונג. אָבער איך האָב נאָך מיט איהם וועגען דעם א וואָרט ניט גערעדט. איך האָב איהם געלאַדען צו קומען אהער אום צוועלף אוהר, יעצט איז האלב עלף.

— גוט! — האָט געזאָגט הוסיין, — מיר האָבען נאָך זעהר פיעל צו שפּרעכען און עס וועט אונז ניט זיין לאַנגווייליג צו ווארטען ביז צוועלף.

טימבא איז אין אָנדערטהאלבען שטונדען ארום ווירקליך געקומען אין ראַטה'ס לאַבינעט פון „קאַדריש". מאַנזור־עפענדי האָט איהם ערקלערט וואָס מען פערלאַנגט פון איהם, און ער האָט זיך זעהר גערנע אָנגענומען דאָס דורכצופיהרען, אזוי וויא מאַנזור־עפענדי האָט פאָראויס געזאָגט. נאָר אין פּרייז האָט מאַנזור א טעות געהאַט, ווארום ער האָט זיך ניט געלאָזט האַנדלען אזוי ביליג וויא ער האָט געמיינט, ער האָט געפאָדערט דרייסיג טויזענד פּיאַסטער און האָט וועניגער ניט גענומען.

— איך אליין קאָן דאָס ניט דורכפיהרען, איך מוז האָבען נאָך איינעם צו זיך, און יענער וועט זיך לאָזען גוט בעצאָהלען, — האָט טימבא געזאָגט.

— מיר וועלען אום געלד ניט שטעהען, — האָט איהם געענטפערט מאנזור־עפענדי, — מיר מוזען אָבער פריהער וויסען, וויא דו מיינסט עס צו מאכען. מיר ווייסען אפילו דאָס דו ביזט אין אזעלכע זאכען געניט, אָבער דאָך פערלאנגען מיר אויסצוהערען דיין פלאן, ווארום מיר ווילען דורכאויס אלע זאָלען מיינען דאָס קיינער איז אין זיין טוידט ניט שולדיג, דאָס ער האָט זיך אליין אָנגעטהאָן א טוידט ווען ער איז פון זינען אראָב... עס לאָהנט פיר אונז ניט מען זאָל אונז חושד זיין...

— צווישען אונז רעדענדיג, — האָט טימבא געענטפערט, — האָב איך מיך שוין לאנג פאָרבערייטעט צו דיעזער אָפעראציאָן. וויא מען האָט איהם אראָבגעשטויסען פון טראָהן האָב איך שוין געוואוסט דאָס ער וועט ערמאָרדעט ווערען און ניט אנדערש וויא דורך מיר, ווארום וואו האָט איהר אין סטאמבול נאָך אזא דאָקטאָר וויא איך?... געוואוסט וויעדער האָב איך דאָס, ווייל עס איז נאָך ניט געוועזען אין קאָנסטאנטינאָפאָל קיין אינטריגע, סיי אין פאָליטישע, סיי אין ליעבע אנגעלעגענהייטען, איך זאָל עס ניט וויסען דער ערשטער... אלזאָ, האָב איך מיך שוין לאנג פאָרבערייטעט צו דעם וואָס איהר פערלאנגט יעצט פון מיר, און איך האָב שוין א פערטיגען פלאן.

טימבא האָט א קורצע ווייל געשוויגען; ער האָט זיך בעדענקט, וויא צו ערקלערען פאר דער פערזאמלונג זיין פלאן. אין א פאָר מינוט ארום האָט ער וויעדער אָנגעפאנגען צו שפרעכען:

— דאָס ערשטע מוז איך האָבען, וויא איך האָב שוין געזאָגט, נאָך איינעם צו מיר ער זאָל מיר בעהילפיג זיין. דיעזער מוז זיך פערקליידען פיר א סאָלדאט פון דעם זעלבען רעגימענט, וואָס שטעהען אין טשיראגאן אויף'ן וואך. אין דער צייט וואָס איך וועל זיין פערנומען ביי אבדול־אזיס אין צימער, וועט ער שטעהען לעבען דיא טרעפ, און אכטונג געבען, אזוי וויא ער וואָלט געוועזען איינער פון דיא סאָלדאטען, וואָס האלטען דאָרטען דיא וואך. אין דער זעלבער צייט וועל איך דעם קראנקען אזוי שטארק פערשלעפערן מיט כלאָראָפאָרם דאָס ער וועט אין גאנצען אויפהערען צו פיהלען און וועט בלייבען ליגען וויא טוידט... דאָ רוף איך אריין מיין געהילפע, דעם פערקליידעטען סאָלדאט און גיעב איהם א לאנגע נאָדעל, וועלכע ער וועט דעם קראנקען אריינרוקען פון הינטען אין שפיץ פון מארך־ביין... דערפון וועט ער שוין דיא מינוט ווירקליך שטארבען... דערנאָך וועל איך גאנץ פאָרזיכטיג דיא נאָדעל ארויסציהען צוריק און דעם אָרט נאָך מיט עטוואָס בעשמירען, דער שטאָך זאָל ניט סענטיג זיין... ווייטער, וועט מיין געהילפע נעהמען דיא שער, וואָס ליעגט אימער דערביי אויף'ן טישל, און וועט איהם אין עטליכע ערטער עפנען איין אָדער פון דער לינקער

האנד, ער זאָל אבלויפען מיט בלוט; מיט דער זעלבער שער וועט ער איהם אָנמאכען וואונדען אויף'ן געזיכט; ענדליך, וועט ער איהם אָנטהאָן דיעזע שעער אויף דיא פינגער פון דער רעכטער האנד... וויא דאָס וועט שוין זיין אָבגעטהאָן, וועל איך מיך אוועקגעהען גאנץ רוהיג, דער סאָלדאט אויך און ווער וועט אנדערש זאָגען, דאָס אבדול־אזיס האָט זיך אליין אָנגעטהאָן א טוידט מיט דער שעער? קיין בעסערער פלאן קאָן אויף דער וועלט ניט זיין! ווען עס געפעלט אייך אזוי, קאָן איך עס אין קורצען אויספיהרען... עס איז מיר שוין ניט, ליב גאָט, דאָס ערשטע מאָל אזעלכע זאכען דורכצומאכען און עס האָט נאָך מיר ניט געטראָפען עס זאָל מיר ניט גע־ראָטהען! . . .

— דער פלאן איז גוט, — האָבען אלע איינגעשטימט, — וועגען דעם איז ניט דאָ וואָס צו רעדען, ער זאָל זיך נאָר אזוי איינגעבען, אָבער מיר מוזען פאָראויס קענען דיין געהילפע וואָס וועט דיר העלפען, וויא דו זאָגסט. ווער איז ער?

— ער איז אייך נאָך מעהר בעקאנט וויא איך, — האָט טימבא געענטפערט,— איהר קענט איהם אלע וויא א בעזען שילינגער... ער הייסט: לאצארוס.

— בראוואָ! האָבען אלע אויסגעשריען, — אָ! ער פאסט זעהר גוט פיר דעם... קיין בעסערען וויא ער דארפען מיר ניט!

אלע זיינען געוועזן העכסט צופריעדען מיט דיעזען געהילפע. איינעם נאָר איז זיין נאָמען געוועזן וויא מיט א מעסער אין הערצען; דיעזער איינער וואר מאנזור־עפענדי, וועלכער איז זיכער געוועזן דאָס ער האָט שוין לאנג דיעזען באנדיט מיט זיינע אייגענע הענד געטוידטעט דאָרטען אין דער פיראמידע. ער איז אָבער געוועזן גענוג קלוג, אום זיך איינצוהאלטען און ניט ארויסצואווייזען זיין וואונדער און זיין אונ־צופריעדענהייט. דערצו האָט זיך איהם געוואָלט וואָס גיכער פטור צו ווערען פון דעם אומגליקליכען סולטאן, דעריבער, האָט ער ניט געוואָלט מאכען קיין איבריגע שטע־רונגען. וויא טימבא האָט אין עטליכע מינוטען ארום אריינגעפיהרט לאצארוס'ן אין קאבינעט, האָט איהם מאנזור־עפענדי אויפגענומען גאנץ פריינדליך וויא אלע און דיעזער באנדיט האָט איהם אויך אזוי העפליך בעגריסט, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזן דיא בעסטע פריינד! . . .

גלייך נאָך דעם וויא מען האָט אבדול־אזיס אראָבגעזעצט פון טראָהן, זיינען פון איהם כמעט אלע דיענער ענטלאָפען; אנדערע האָט ער אליין ענטזאגט, און דיא וואָס זיינען ביי איהם נאָך פערבליעבען, האָבען איהם זעהר שלעכט אויפגעפאסט, ווייל ער איז שוין ניט געוועזן אימשטאנדע זיי צו בעלאָהנען אזוי גוט וויא פריהער, האָט ער געלעבט כמעט אָהן בעדיענונג... זיינע דאָקטאָרען וואָס זיינען ביי איהם פער־בליעבען, האָבען איהם זעהר שלעכט אויפגעפאסט, ווייל ער איז שוין ניט געוועזן אימ־

שטאנדע זיי צו בעלאָהנען אזוי גוט וויא פריהער, ווארום דיא נייע רעגיערונג האָט איהם בעשטימט זעהר א קליינעם געהאלט... אזוי האָט ער געלעבט כמעט אָהן בעדיענונג... פון זיינע דאָקטאָרען זיינען ביי איהם נאָר פערבליעבען צוויי: פאהיר און טימבא. צו טימבאַ'ן האָט ער געהאט מעהר צוטרויען. ער פלעגט קומען צו איהם אלע טאָג, ווייל אבדול־אזיס איז דיא לעצטע צייט קראנק געווען. געוועהנליך פלעגט ביי איהם אין צימער קיינער ניט זיין אין דער צייט ווען דער דאָקטאָר פלעגט צו איהם קומען. דיא דיענער האָבען זיך וועניג געקימערט וועגען איהם און פלעגען ניט אריינשמעקען צו איהם; דיא מוטער וואלידע פלעגט אפילו אליין אויף איהם אכטונג געבען, אָבער פריהער וויא צעהן, עלף אוהר פלעגט זיא צו איהם קיין מאָל ניט אריינקומען. אלזאָ, וויא דער דאָקטאָר טימבא איז צו איהם אויף מאָרגען געקומען, האָט ער ביי איהם אין צימער קיינעם ניט געפונען. טימבא האָט ניט געזאמט, האָט ארויסגענומען פון דער טאשע א טיכעל וואָס איז געווען דורכגעווייקט אין כלאָראָפאָרם, אום אָבצו־ווישען דעם קראנקען דאָס געזיכט. ער האָט איהם מיט דעם טיכעל אזוי לאנג געווישט ביז ער האָט איינגעשלאָפען און געבליעבען ליעגען וויא א שטיין. דערנאָך האָט טימבא צוגעשלאָסען דיא טיהר וואָס איז ארויסגעקומען אין קאָרידאָר, אום וואלידע זאָל ניט קענען אריינגעהן. וויא ער האָט שוין דאָס אויך פערזאָרגט, האָט ער אריינגערופען לאַצארוס'ן, וואָס איז געשטאנען אויף'ן וואך פון דרויסען לעבען דער אנדערער טיהר. דיעזער באנדיט האָט פלינק געמאכט דיא מערדערישע אָפעראציאָן, אזוי וויא מען האָט אָבגערעדט. דער אונגליקליכער אבדול־אזיס האָט אפילו קיין געשריי ניט געטהאָן!... טימבא איז גלייך אוועקגעגאנגען, וויא ער האָט נאָר ארויסגעצויגען דיא נאָדעל פון קערפער... לאַצארוס איז ארויס פון צימער און האָט זיך צוריק געשטעלט אויף זיין אָרט אויף'ן וואך... אין א מינוט ארום האָט זיך דיא וואך געביטען (מען האָט דאָס בכיון אזוי געמאכט) און לאַצארוס איז אוועקגעגאנגען צוזאַמען מיט דיא סאָלדאטען און עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו פרעגען ביי איהם, ווער ער איז, וואָס און ווען...

דיא ערשטע פערזאָן, וואָס האָט זיך דערוואוסט פון דיעזען שרעקליכען מאָרד, איז געווען דיא סולטאנין וואלידע. אום עלף אוהר האָט זיא געוואָלט, וויא געוועהנליך, אריינגעהען צו איהר זוהן זעהען וואָס ער מאכט, אָבער זיא האָט געפונען דיא הינטער טיהר, דורך וועלכע זיא פלעגט אימער צו איהם געהען, פון אינוועניג צוגעשלאָסען. ביז אהער האָט דאָס נאָך ניט געטראָפען, און זיא האָט דעריבער גלייך פערשטאַנען, דאָס ביי איהר זוהן אין צימער איז עטוואָס ניט גלאט. איהר שרעק איז נאָך געוואָרען גרעסער ווען זיא האָט אָנגעפאנגען שטארק צו קלאפען אין טיהר און קיינער האָט איהר ניט געענטפערט. דיא זעלבע סעקונדע איז זיא אָהן א'ן אָטהעם אריינגע־

לאָפען אין צימער פון דער אידערער זייט, דורך דיא פאראדנע טיהר, לעבען וועלכער עס איז געשטאנען א וואך. אהין איז זיא אליין אריין, אָבער צוריק איז זיא שוין ניט געוועזן אימשטאנדע צו געהען און מען האָט איהר געמוזט פון דאָרטען ארויסטראָגען!

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען איהר געמיטה, וויא זיא האָט דערזעהען דאָס איהר זוהן אבדול־אזים איז ערמאָרדעט און שווימט אין זיין בלוט, — איהר זוהן, וואָס איז נאָך דאָ ניט לאנג געוועזן דער סולטאן פון טירקיי, איהר שטאָלץ, איהר האָפנונג, איהר לעבען!... אויף איהר ליארם זיינען צוזאמענגעלאָפען דיא דיענער וועלכע זיינען נאָך ביי זיי געבליעבען, אנדערע הויז־לייטע, פרויען פון הארעם; מען האָט געבראכט פיעלע ערצטע, צווישען זיי איז אויך געוועזן דער דאָקטאָר טימבא מיט זיין קאָלעגע אָסטאף.

דיא רעגיערונג האָט בעשטימט א שטרענגע אונטערזוכונג, מען האָט אנאטאָמירט דעם קערפער פון טוידטען פאר אלע וויזירען און מיניסטאָרען אין דיא אויגען, און עס איז געבליעבען, דאָס אבדול־אזים האָט זיך זעלבסט ערמאָרדעט אין דער צייט וואָס עס איז אויף איהם ארויפגעפאלען א מעלאנכאָליע (מרה שחורה).

אין דעם זעלבען טאָג האָט מען אין דיא שטראסען פון קאָנסטאנטינאָפאָל אויפגעקלעבט, אין דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם סולטאן'ס קאמער־הערר, דיעזע בעקאנטמאכונג.

„איך פאהיר־בעי, קאמער־הערר און בעסטער פרייד פון דעם סולטאן אבדול־„אזים, בין מודיע דעם עולם, דאָס דיעזער געוועזענער גראָס־הערר פון גאנץ טירקיי „און פיעלע אנדערע לענדער איז היינט געשטאָרבען. ליידער איז זיין טויט געוועזן איין „אונגאטירליכער. מען האָט איהם נעמליך היינט פריה געפונען טוידט, שווימענד אין „בלוט. מעהר וויא צוואנציג דאָקטוירים האָבען איהם שטרענג אונטערזוכט, דערביי „זיינען געוועזן אלע וויזירען און מיניסטאָרען, און עס איז ביי אלע געבליעבען, דאָס „אבדול־אזים האָט זיך זעלבסט ערמאָרדעט. דאָס איז קלאָר געוועזן צו זעהען פון דער „שער מיט וועלכער ער האָט זיך אויפגעשניטען דיא אָדערן פון דער לינקער האנד „און פערוואונדעט דאָס געזיכט, און וועלכע מען האָט נאָך געפונען ביי איהם אויף „דיא פינגער... געוויס איז ער ניט געוועזן ביים זינען, ווען ער האָט דאָס געטהאָן, און „דעריבער דארף דאָס איהם ניט גערעכענט ווערען פיר א זינד און ער האָט ניט פער־„לאָרען דאָס רעכט בעערדיגט צו ווערען מיט עהרע וויא א געוועזענער סולטאן. דיא „רעגיערונג האָפט דאָס אלע רעכטגלויביגע און פרומע לייט פון קאָנסטאנטינאָפאָל „וועלען נעהמען אנטהייל אין דער טרויעריגער צערעמאָניע פון דער בעערדיגונג פון „דיעזען גאָטס־פאָרכטיגען און מענשענפריינדליכען מאן“.

אזוי האָט געענדיגט זיין לעבען דער אונגליקליכער אבדול־אזים. אין אויסלענ־

דישע צייטונגען האָט מען וועגען דיזער בעקאנטמאכונג געשריעבען דאָס זיא איז פון אלף ביז תו ליגען, דאָס פאהיר־בעי וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען און האָט קיין מאָל אזא בעקאנטמאכונג ניט אונטערשריעבען. אין טירקיי אָבער האָבען זעהר וועניג מענשען געוואוסט די וואהרהייט...

וואלידע איז אראָב פון זינען!... דער זעלבער אונגליק האָט געטראָפען מיט דעם ערמאָרדעטען סולטאַן׳ס אמם! אָבער זיינע פיינדע האָבען זיך אויך ניט לאנג מיט זייער גליק געפרעהט. עס האָט פיעל ניט געדויערט ביז עס איז אויף זיי אויך געקומען א מפלה... וועגען דעם וועלען מיר, אָבער, ערצעהלען אין די וויטערדיגע קאפיטלען.

90.

דער נייער סולטאַן, מוראד דער פינפטער.

אזוי וויא מיר האָבען פריהער ערצעהלט, איז דער פרינץ מוראד, אויף דעם בעפעהל פון דער סולטאנין וואלידע, געווען ארעסטירט אין פאלאץ דאָלמא־באכטשא. דער אויפזעהער אויף איהם איז געווען דער בעזער און שטרענגער מושיר־ניאָס מוראד׳ס וואָהנונג איז אימער געווען בעוואכט מיט פיעלע סאָלדא און אָפיציערען, וועלכע האָבען צו איהם, וויא מען זאָגט, קיין פויגעל ניט צוגעלאָזען.

אין דער זעלבער נאכט, אָבער, וויא די פערשוואָרענע האָבען ארעסטירט סאדי׳ן און האסאַן׳ען — די בעסטע פריינדע און טרייעסטע דיענער פון אבדול־אזיס, — האָבען זיי מיט גרויס געוואלט אָבגעפיהרט דעם פרינץ מוראד פון דאָלמא־באכטשא אין בעגלעבעג, אום זיי זאָלען איהם האָבען לעבען זיך, ביי דער האנד, אין פאל ווען דאָס וועט נעטהיג זיין. דאָס איז אָבער גאָר ניט לייכט אָנגעקומען, און עס איז דערביי זעהר פיעל בלוט פערגאָסען געוואָרען. מושיר־ניאָן, וועלכער איז ניט געווען אין דער צאָהל פון די פערשוואָרענע מיניסטאָרען, האָט מיט גוטען ניט געוואָלט אריינלאָזען צו מוראד׳ן די אָפיציערען וואָס זיינען געשיקט געווען אָבצונעהמען פון דאָלמא־באכטשע דעם פרינץ. דאָס זעלבע האָבען נאטירליך געטהאָן די אָפיציערען און סאָלדאטען וואָס זיינען דאָרטען געשטאנען אויף דער וואך און האָבען פון בונד קיין זאך ניט געוואוסט. דערפון האָט זיך אָנגעפאנגען א שטרייט אין וועלכען מען האָט ערמאָרדעט אויף טוידט מושיר׳ן און פיעלע אָפיציערען און סאָלדאטען פון דער וואך. מוראד האָט זיך זעהר דערשראָקען; וויא ער האָט דערהערט דעם ליארם האָט ער געמיינט, דאָס מערדער זיינען איהם געקומען טוידטען, און ער האָט אָנגעפאנגען זעהר צו וויינען. ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין גרויסער העלד; אָבער יעצט, נאך דעם וויא ער האָט א לאנגע צייט געלעבט אין געפענגנים, אָבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט, שטענדיג אין פורכט און אין לעבענס־געפאהר, איז ער געוואָרען שוואכמוטהיג וויא

אַ קינד. די קלענסטע אורזאכע איז גענוג געווען ער זאָל אויפגעטרייסעלט ווערען. אזוי ווייט איז ער געווען נערוועז, אויפגערעגט. ניט ווייניגער וויא זיין גייכט איז געווען קרענקליך, איז אויך געווען אָבגעשוואכט זיין קערפּער. אין דעם זיינען שולדיג געווען די אונגעזונדע פערבאָטענע פערגניגונגען וועלכע ער האָט גענאָסען פיעל מעהר איבער דער מאָס, זאָגאר אין געפענגניס. וויא מען זאָגט פלעגט איהם אין דער לעצטער צייט מאנזור־עפענדי שאפען אויף אייגענע רעכנונג די טהייערסטע ווייגען און אַדאליסקען, און ער האָט דאָס געטהאָן ניט פון זיין טובה וועגען, ניט פון גוטער פריינדשאפט, נאָר אום צו מאכען פון איהם א קרענקליכען שוואכען מאן, וואָס האָט ניט קיין הערץ, ניט קיין קאָפּ. מאנזור־עפענדי האָט אויסגערעכענט דאָס פיר איהם לאָהנט ניט דער נייער סולטאן זאָל זיין א מענש מיט א שטארקען כאראקטער און א געזונדען פערשטאנד, און אזוי וויא מוראד איז געווען דער נאָהענטסטער פּרינץ, וועלכען מען האָט געקענט ארויפזעצען אנשטאָדט אבדול־אזיס'ן אויף'ן טראָהן, דעריבער האָט ער געטהאָן וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, דיעזער מוראד זאָל ווערען, גייסטליך און קערפּערליך אָבגעשוואכט איידער ער וועט ווערען דער סולטאן פון טירקיי. אזא סולטאן וועט איהם לייכט זיין צו פיהרען פיר'ן נאָז... דאָס איז געווען מאנזור־עפענדי'ס רעכנונג און צוליעב דעם האָבען אויך אויסגעקליעבען די פערשוואָרענע מיניסטאָרען מוראד'ן פיר איין סולטאן, וויל זיי האָבען געוואוסט, דאָס מיט איהם וועלען זיי מאכען וואָס זיי וועלען וועלען. וויא די מעשה איז געווען, מוראד האָט זיך שטארק ערשראָקען פון ליאַרם און האָט אויסגעבראָכען אין א ביטערן געוויין. די אָפיציערען, וואָס זיינען באלד אריין צו איהם אין צימער און האָבען איהם בעפאָהלען מיט זיי צו געהן, האָבען איהם א וואָרט ניט געזאָגט, וואוהין זיי פיהרען איהם און צו וואָס מען פיהרט איהם. מאנזור־עפענדי האָט זיי אזוי פערזאָגט, אום מעהר אָבצושוואכען אין מוראד'ן זיין מוטה... זיי האָבען איהם געבראכט אין בעגלעבעג אזוי וויא מען ברייגגט איין ארעסטאנט און מען האָט איהם דאָרטען פערשלאָסען אין א צימער, ער זאָל ביז אָער לעצטער מינוט פון קיין זאך ניט וויסען. אזוי איז ווערקליך פאָרגעקומען. ער איז געזעסען פערשלאָסען ניט טוידט, ניט לעבעדיג, און דערווייל האָט מען דאָרט אין זאאל אראָבגעזעצט אבדול־אזיס'ן פון טראָהן!

ווען עס איז שוין אלעס געווען אָבגעטהאָן, ווען מען האָט שוין דעם אראָבגעזעצטען סולטאן מיט זיין מוטער וואלידע, מיט'ן גאנצען הארעם און אלע דיענער אוועקגעפיהרט פון בעגלעבעג, זיינען ערשט די מיניסטאָרען מיט מאנזור־עפענדי אריינגעגאנגען צום ערשראָקענעם מוראד און האָבען איהם מיטגעטהיילט אלעס וואָס איז געשעהען אין יענער נאכט און האָבען איהם צוגלייך גראטולירט מיט דעם טראָהן

פון טירקיי, אויף וועלכען ער איז ארויפגעגאנגען אונטער דעם נאָמען: מוראד דער פינפטער.

דיעזע נאכריכט, וואָס האָט איהם מיט א מאָל געמאכט פיר א סולטאן, אנ־שטאָט דעם, וואָס ער האָט שוין ערווארטעט דעם טוידט, דיעזע פּלוצלונגע פרעה־ליכע נאכריכט האָט איהם אזוי אויפגעריהרט דעם גייסט, דאָס ער איז עטליכע מינוט ניט געווען אימשטאנדע אויסצורעדען א וואָרט. ער האָט געוויינט און געלאכט, האָט געקוסט מידכאד'ן און מאנזור־עפענדי... דערנאָך, וויא ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, האָט ער דיא ערשטע זאך געהייסען מען זאָל בעפרייען פּרינץ יוססוף און האסאן־בעי. דאָס איז געווען זיין איינציגער פערלאנג; ווייטער האָט ער געטהאָן אלעס וואָס עס האָבען געוואָלט זיינע מיניסטאָרען, וועלכע ער האָט געהאט צו פערדאנקען זיין לעבען און זיין טראָהן.

פּרינץ יוססוף האָט מען ווירקליך בעפרייט. מען האָט איהם, זיינע ברידער און שוועסטער אָבגעגעבען פיר א שטענדיגע וואָהנונג דעם פּאלאץ דאָלמא־באכטשא. האסאן־בעי איז אָבער געווען א צו געפעהרליכע פּערזאָן, מען זאָל איהם שוין קאָנען בעפרייען; ער איז געבליבען ארעסטירט אין דעם „שטיין־קאמער“ פון דעם אלטען סעראיל.

דער אונגעריכטער גליק האָט דעם נייעם סולטאן פערדרעהט דעם קאָפּ. אָבער ווען ער האָט זיך שוין אפילו אויסגעניכטערט פון דיעזער פרייד, האָט ער זיך אויך ניט גענומען מיט ערנסט בעשעפטיגען מיט דיא אנגעלעגענהייטען פון דער רעגיערונג, וועלכע זיינען דאמאָלס געווען, וויא מיר ווייסען, אין זעהר א קריטישע לאגע. ניין, איהם איז בעסער געפעלען זיך ארייצולאָזען מיט לייב און לעבען אין דיא אונגעזונדע און אויסגעלאסענע פערגניגונגען פון הארעם. דיעזע פערגניגונגען האָבען שוין לאנג פערצעהרט זיין קערפּער און זיין גייסט, און יעצט וויא ער איז ארויף אויף'ן טראָהן האָט ער זיך געאיילט וואָס שנעלער צו פערצעהרען דאָס ביסעל געזונד און פערשטאנד וואָס איז נאָך אין איהם געבליעבען... צוגלייך מיט דעם האָט ער בעלעסטיגט דיא רעגיערונג מיט פיעלע נייע אויסגאבען. ער האָט נעמליך געמאכט פיעלע נייע שטעלען מיט גרויס געהאלט, וועלכע ער האָט צוטהיילט זיינע פריהערדיגע גוטע פריינד, וואָס האָבען איהם געשטיצט אלס ער איז נאָך געוועזען אין נאָטה און ארמוטה. צווישען זיי זיינען געוועזען פיעלע באנקירען, וויא אויך זיין איינענער שוואָגער. אויסער דעם האָט מוראד ערלויבט צוריק צו קומען פיעלע פערשיקטע וואָס זיינען געוועזען זיינע גוטע פריינד.

דיא מיניסטאָרען, וואָס האָבען גענומען א טהייל אין דער פערשווערונג געגען דער אלטען רעגיערונג און האָבען געהאָלפען אראָבזעצען אבדול־אזיס'ן, האָבען בעקומען

דיא בעסטע און העכסטע שטעלען. רדיף־פּאשא איז אויך בעלאָהנט געוואָרען מיט עהרע און געלד. דעם דאָקטאָר טימבא האָט מען זעהר רייך בעצאהלט פיר זיין ארבייט, נאָר מיט דעם תּנאי ער זאָל אָבפּאָהרען פון קאָנסטאנטינאָפּאל אין אראביען. עס פערשטעהט זיך, דאָס מען האָט אָן מאנזור־עפינדי'ן אויך ניט פערגעסען ער איז געוואָרען אָדער געבליעבען דער גאנצער בעל דעה אין דער רעגיערונג; אָהן איהם האָבען דיא מיניסטאָרען קיין זאך ניט געטהאָן. דאָס גלייכען איז ער געוואָרען דער אייניציגער ראטה־געבער, בעל יועץ, ביי מוראד'ן זעלבסט.

אין עטליכע טעג ארום נאָך אבדול־אזיס'עס טויט, איז טימבא געקומען אין „קאדריש“, צו מאנזור־עפענדי וועלכער איז דאמאָלס געוועזען דאָרטען אין ראטהס־קאבינעט. ער איז געקומען ערהאלטען דאָס בלוטיגע לאָהן־געלד פיר זיין דיענסט. זיין מיט־העלפער לאצארוס איז אויך מיט איהם געקומען, אום גלייך אויף דער שטעלע אָבצונעהמען פון טימבא'ן זיין טהייל. אליין געהען צו מאנזור־עפענדי האָט ער מורא געהאט, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס ער איז איהם א בלוט־פיינד און איז איהם פערטיג צו ערמאָרדען ביי דער ערשטער גוטער געלעגענהייט. זאָ לאנג ער האָט זיך אין אידם גענעטהיגט, איז לאצארוס געוועזען זיכער דאָס ער וועט איהם שעהנען; אָבער יעצט וויא אבדול־אזיס איז שוין געוועזען אויף יענער וועלט, האָט איהם שוין מאנזור־עפענדי מעהר ניט בעדארפט, און דעריבער האָט זיך לאצארוס ניט געוואָלט שטעלען אין געפאהר און אליין געהען צו איהם, טרויען אָבער טימבא'ן האָט ער אויך ניט געקענט, ווייל ער האָט זעהר גוט געוואוסט, דאָס ווען ניט אויף דער הייסער ווילע, וועט ער שוין שפּעטער פון איהם א גראָשען ניט בעקומען. אלזאָ, איז קיין אנדער פּלאן ניט געוועזען וויא מיט צו געהען מיט איהם און גלייך, וויא טימבא וועט בעקומען דאָס פערשפּראָכענע געלד, אָבנעהמען ביי איהם זיין טהייל.

אזוי וויא לאצארעס האָט זיך ניט געוואָלט ווייזען פאר דיא דערווישען פון „קאדריש“, איז ערגעבליעבען וואַרטען אין דרויסען צווישען געדיכטע ביימער. גראדע נאָהנט דער ביי איז ארויסגעקומען איין אָפענער פענסטער פון דעם ראטהס־קאבינעט.

מאנזור־עפענדי האָט זעהר ווארם אויפגענומען טימבא'ן; ער האָט איהם ניט געקענט אָבלויבען פיר זיינע געשיידהייט מיט וועלכער ער האָט דורכגעמאכט דיא זאכע נאָך בעסער וויא ער, מאנזור־עפענדי, האָט אליין געוואונשען. וויא טימבא האָט איהם געזאָגט וועגען וואָס ער איז געקומען, האָט איהם מאנזור־עפענדי געפרעגט, וואָרום איז מיט איהם אויך ניט געקומען זיין געהילפע צו ערהאלטען זיין טהייל?

— מיין געהילפע האָט מורא זיך צו ווייזען אויף דער וועיטער וועלט, צייט דעם וויא אבדול־אזיס איז געשטאָרבען... האָט געאנטוואָרטעט מיט א שמייכעל טימבא,

עס איז אַרויס אַ קלאַנג, דאָס מען האָט דעם סולטאַן ערמאָרדעט, און אַזוי וויא לאַ־צאַרוס האָט דאָך פון לאַנג אָן אַ שלעכטען בערות, האָט ער פורכט, מען זאָל יעצט אויך אויף איהם ניט אַרויפוואַרפען דיא שולד... דעריבער, ווייזט ער זיך ניט אויף דער וויטער וועלט, און ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל שוין פיר איינם זיין טהייל אויך אָבנעהמען, אַלזאָ, קענט איהר מיר געבען פיר איהם אויך, און איך וועל איהם שוין זיכער איבערגעבען, וואָרום עס לאָהנט מיר ניט און איך קען מיט איהם ניט איינרייסען!... איך דאַרף גאַנץ אָפּט אָנקומען צו זיינער הילפע...

— גוט,—האָט געזאָגט מאַנזור־עפענדי,—איך טרוי דיר זיין טהייל אויך,—דער צו נאָך וועל איך דיר געבען אַ גוטען ראַטה. איך מיין נאָר דיין טובה... ערשטענס, דאַרפט איהר ביידע, דוא און דיין געהילפע, וואָס צום שנעלסטען פערלאָזען קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, וויל דאָ זיינט איהר ביידע ניט זיכער מיט'ן לעבען. אונזערע פיינד האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו מורמלען, דאָס מען האָט אבדול־אזיס'ן ערמאָרדעט, און ניט ער האָט זיך אַליין אָנגעטהאָן אַ טויט... זיי פערלאַנגען דיא נייע רעגיערונג זאָל מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג... אַלזאָ, לאָהנט ניט פאַר אייך ביידען דאָ צו זיין... אַלזאָ, פערלאַנגט דיא רעגיערונג איהר זאָלט אָבפאָהרען אין גערשאַס, אין אַראַביען. דאָרטען וועט איהר זיין אַם זיכערסטען.

צווייטענס, וויל איך דיך מאַכען אויפמערקזאַם אויף דיין געהילפע... זיי פאָר־זיכטיג מיט איהם... דאָס איז אַ העכסט פערדאָרבענער יונג, ער איז אים שטאַנדע זיין בעסטען פריינד צו פערקויפען. פון איהם קען מען אַלעס ערוואַרטען... אונזערע געגנער האָבען געלאָזט אויסרופען, דאָס דער וואָס וועט אויפווייזען וואָס עס איז וועגען דער ערמאָרדונג פון אבדול־אזיס, וועט בעקומען הונדערט טויזענד פראַנק בעלאָהנונג, ער מעג אַפּילו זיין אַליין איינער פון דיא מערדער!... וויא איך קען דיעזען לאַצאַרוס, בין איך שטאַרק אין פורכט, עס זאָל זיך איהם ניט פערשמעקען דיא פערשפּראָכענע הונדערט טויזענד! אַלזאָ, ווען דוא ווילסט זיכער זיין מיט דיין לעבען, מוזט דוא דיך פּאָראויס בעפרייען פון איהם... און וואָס שנעלער איז בעסער...

אָבוואָהל טימבאַ האָט געוואוסט, דאָס מאַנזור־עפענדי האָט אַליין אויך גע־וואָלט פּטור ווערען פון לאַצאַרוס'ן, האָבען זיינע ווערטער דאָך געמאַכט אויף איהם אַ שרעקליכען איינדרוק. ווער האָט נאָך אַזוי געקענט זיין געהילפע וויא ער אַליין? אַלזאָ, האָט ער גלייך פערשטאַנען אין וואָס פיר אַ געפאַהר ער געפינט זיך. ער האָט טויזענד מאָל געדאַנקט מאַנזור־עפענדי פיר זיין ראַטה און האָט איהם פערשפּראָכען צו פאָלגען.

— גאַנץ רעכט, — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטע שטימע, — ביי דער ער־שטער גוטער געלעגענהייט מוז איך מאַכען מיט איהם אַן ענדע.... ער איז ווירקליך

געפעהרליך פיר מיך און נאָך מעהר פיר אייך... ווען ער בלייבט לעבען, וועט ער דאָך געוויס אייך און דיא איבריגע פערשווערער אויך ניט שאָהנען...

— פיר אונז זאָלסט דוא ניט זאָרגען, — האָט איהם געזאָגט מאנזור עפענדי, — דיא רעגיערונג איז דאָך ביי אונז אין דיא הענד... נאָר דוא... ווען ער וועט אָנוויי־זען אויף דיך און וועט עס דערווייזען, מעגסט דוא זיכער זיין, דאָס מיר וועלען דיך אליין פעראורטהיילען צו שרעקליכען טוידט!...

טימבא האָט בעקומען פון מאנזור־עפענדי'ס האנד דיא בלוטיגע בעלאָהנונג פיר זיך און פיר זיין געהילפע. דער נאָך האָט ער געשוואָרען ביי מאחמעד'ס באָרד, דאָס לאצארוס ווייסט ניט דערלעבצען דיא מאָרגעדיגע נאכט און איז ארויס פון רואינע. לאצארוס האָט אונטער דעם פענסטער געהערט דאָס גאנצע געשפרעך וואָס זיי האָבען געהאלטען וועגען איהם; אָבער ער האָט זיך געמאכט גאָר ניט וויסענדיג און האָט בעגעגענט טימבאן גאנץ פריינדליך. טימבא האָט איהם אויך גאָר ניט געלאָזט מערקען דאָס ער האָט פערלאָהרען זיין צוטרויען צו איהם. לאצארוס האָט איהם געקוסט דיא הענד פיר דאָס געלד, וואָס ער האָט פיר איהם אָבגענומען פון מאנזור'ן. וויא טימבבא האָט איהם מעטגעטהיילט, דאָס מאנזור עפענדי האָט זיי ביידען געראטהען ענטלויפען אין הערשאם, האָט לאצארוס אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

— איך האָב דאָס שוין פריהער געוואוסט, — האָט ער געזאָגט, — און האָב בע־ציימען פאָרבערייטעט אלעס דינג וואָס איז נעטהיג פיר אונז ביידען צו דיעזער רייזע... א פּאָאר גוטע רייט פערד, גוטע זאָטלען, רייזע זעק פול געפּאקט מיט אלעם גוטען, א האלבע דוצענד פלאשען גוטע וויין .... איך האָב דאָס אלעס בעקומען פיר א קליי־ניגקייט פון בענגלעבענער עקאָנאָם... ער איז פערבליעבען איינער אליין אין דיעזען שלאָס, וואו עס איז געוועזען אבדול־אזים זומער קוואַטיר. איז ליארם גיעבט קיינער ניט אכטונג אויף דעם, וואָס דאָרטען טהוט זיך, און ער מאכט פלייסיג ריין אלע ווינקעלאך בעפאָר מען וועט זיך חאפּען און מען וועט פאָדערן פון איהם רעכנונג, וועט ער שוין זיין „אין אלע רוחות“....

— איך מוז דיר זאָגען, לאצארוס, האָט זיך אָבגערופען צו איהם טימבא, — דאָס נאָך איינעם וויא דוא האָב איך נאָך ניט בעגעגענט! א מענש זאָל אלעס דינג אזוי פאָר־אויס זעהען, אויסרעכענען און פערזאָרגען!..... זאָג מיר, אָבער, וואו האלסט דוא דאָס אלעס?

— איך האָב אלעס דינג בעהאלטען אין דעם וויסטען שלאָס דראָמא. קיינער שמעקט אהין ניט אריין, מען זאָגט, דאָס דאָרטען זיינען דאָ שדים. און קיין זיכערער אָרט וויא דיעזער שלאָס קאָן שוין ניט זיין..... איך וואָלט זאָגען, מיר זאָלען גלייך

געהן אהין, זיך זעטצען אויף דיא פערד און מארש נאָך הערשאם! דאָס געלד האָבען מיר שוין, צו וואָס זאָלען מיר נאָך ווארטען.

— גאנץ גוט, — האָט געאנטוואָרטעט דער דאָקטאָר, — איך בין זעהר צופריעדען און איך דאנק דיר, וואָס דוא האָסט שוין אלעס דינג פאָרבערייטעט צו אונזער רייזע... מיר איז יעדע סעקונדע גרויס דאָ צו פערבלייבען...... אונזער לעבען איז דאָ אין געפאהר פוןביידע זייטען. פון אבדול־אזיס פארטיע און פון דער נייער רעגיערונג.... פריהער האָבען זיי אונז געבעטען, געדונגען, אָבער יעצט דארפען זיי שוין אונז ניט און ווינשען אונז דעם טוידט.

אזוי האָבען זיי זיך פריינדליך גערעדט און זיינען זיכער געוועז, דאָס זיי נארען איינער דעם אנדערן. בעזאָנדערס איז טימבא געוועז ביי זיך זיך זיכער, דאָס לאצארוס ווייס ניט זיינע געדאנקען וועגען איהם. ער איז דעריבער געוועז וועניגער פאָרזיכטיג וויא זיין גוטער געהילפע. ניט ווייט פון אנגארא האָבען זיך אונזערע רייזענדע אָבגעשטעלט אויף נאכט לעגער. פאר דעם שלאָף האָבען זיי נאטירליך געגעסען און געטרונקען. טימבא אָבער איז, פערקעהרט, וועניגער געוואָהנט געוועזן צו טרינקען און דערצו אויך וועניגער פאָרזיכטיג, מיט איינעם וואָרטע, אונזער דאָקטאָר איז געוואָרען גוט בערוישט פון דעם וויין און האָט שטארק איינגעשלאָפען. מעהר וויא דאָס האָט לאצארוס ניט בעדארפט: ער האָט איהם אריינגעשטאָכען אין הערצען א קינזשאל און אין דער זעלבער סעקונדע איז שוין טימבא געוועזן אויף יענער וועלט! דערנאָך האָט זיין געהילפע ביי איהם אויסגעטרייסעלט אלע טאשען און האָט זיך אומגעקעהרט מיט דעם זעלבען וועג אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, אום זיך אָבצורעכנען מיט מאנזור'ן און מיט סאדי'ן, אים פאל אויב דער לעצטער לעבט נאָך.

רעציע איז געבליבען ביי סירא'ן אין וואָהנונג. זיא האָט שוין קיין אויגען ניט געהאט צו וויינען איבער סאדי'ס שיקזאל. ער איז געוועזן איינגעשפארט אין סעראסקיר־טהורם וויא א גרויסער פאָליטישער פערברעכער און איז געוועזן אין געפאהר צו ווערן פעראורטהיילט צו דעם שענדליכען טוידט אויף דער תליה. רעציע איז יעצט געוועזן עלענד וויא א שטיין, קיינער האָט זיך מיט איהר ניט אינטערעסירט: עס איז קיין מענש ניט געוועזן וואָס זאָל זיך אָננעהמען פיר איהר ליעבען סאדי. סירא איז געוועזן איהר איינציגע פריינדין, איהר איינציגע טרויסטערין. זיא האָט איהר שוין ניט איין מאָהל אויסגעהאָלפען אים לעבען, זיא האָט שוין פיעלעס געטאָהן פיר איהר און פיר סאדי'ן, און האָט יעצט אויך ניט וועניגער פלייסיג געארבייט און געזוכט מיטלען, וויא איהם צו בעפרייען.

— דוא ווייסט, רעציע? — האָט זיך א מאָל אָבגערופען צו איהר סירא קומענדיג שפעט אהיים, — איך האָב א פּלאן וויא איהם צו בעפרייען, און דוא וועסט אויך טר־

זען נעהמען אנטהייל אין דיעזען פּלאַן. איך ריזיקיר דערביי זעהר ווענינ; אם העכס־טען, אויב עס זאָל זיך ניט איינגעבען, וועל איך פערלירען מיין פרייהייט, דאָס הייסט, מען וועט מיך ארעסטירען, אָבער וואָס פיר איין בעטרעף האָט דאָס אין פערגלייך מיט סאדי'ס טוידט ? !

— אזוי ווייט האלט עס מיט איהם ? — האָט אויסגעשריען רעציע און האָט פער־בראָכען דיא הענד.

— און דוא האָסט דען ניט געוואוסט וואו ער האלט ? — האָט זיך סיררא גע־וואונדערט, ווייסט דוא דען ניט, ווער עס זיינען זיינע אָנקלעגער ? דיא זעלבע בלוט פיינדע וועלען צו גלייך זיין זיינע ריכטער.... אזוי איז מיט אבדול אזים אויך גע־ווען, אזוי וועלען זיי זיך אויך בעגעהן מיט אלען זיינען פריינדע, און ווער איז נאָך איהם געוועזן א פריינד וויא סאדי ? ביי אלעם דעם איז נאָך דאָ א האָפנונג, און דוא ברויכסט ניט אזוי ביי זיך אראָבצופאהלען און פערליערען דען מוטה.

— און פון וואנען ווייסט דוא דאָס אלעס ? — האָט רעציע געפרעגט.

— איך בין פון לאנג אָן בעפריינדעט מיט רושדי־פּאשא'ס לייב־דיענער, — האָט סיררא געאנטוואָרטעט, — און ער האָט מיר אלעס מיטגעטהיילט. דיעזער רושדי־פּא־שא איז יעצט גראָס וויזיר, אויף דיין מאַן'ס שטעלע. ער איז גאָר ניט בעקאַנט מיט דיא רעגיערונגס אנגעלעגענהייטען און ער מוז זיך אָפט ווענדען צו דיין מאַן מיט פערשיע־דענע פראגען. ער שיקט צו איהם אין טהורם מיט זיינעם לייב־דיענער פּאפּיערען, ביי־כער, דאָקומענטען פון פּאָליטישען אינהאלט, וואָס ער אליין ווייס ניט זייער בעדייי־טונג.... אלזאָ, איז איהם דיין סאדי גאנץ נעטהיג, און דאָס איז דיא איינציגע אורזאַ־כע, וואָס מען האָט איהם געלאָזט לעבען ביז אהער.... וויא דאָס אלטע שפּריכוואָרט זאָגט : „אז מען דארף דען גנב, נעהמט מען איהם פון תליה אראָפּ“ !.... דאָס וועט שוין אָבער לאנג ניט דויערן. אין קורצען וועט רושדי־פּאשא האָבען אין זיינעם דיענסט א גוטען סעקרעטאר און ער וועט שוין מעהר צו דיין מאַן ניט דארפען אָנקו־מען. דאמאָלס וועט מען איהם א טאָג אויך ניט לאָזען לעבען.... דאָס האָט מיר מיט־געטהיילט רושדי'ס לייב־דיענער, וועלכער איז צו סאדין אויך אזוי גוט וויא צו מיר.

— אָ ! שרעקליך ! — האָט רעציע אויסגעשריען, — אזוי ווייט האָב איך ווירק־ליך ניט געוואוסט, איך האָב נאָך אלעס געהאָפט, דאָס מען קאָן איהם נאָך רעטען.... יעצט זעהע איך שוין, דאָס איך בין א פינסטערע וויטווע, איינע אונגליקליכע מוטער, פון וועלכער מען האָט גערויבט איהר קינד !

— פערליערע נאָך ניט דיא האָפנונג, — האָט סיררא צו איהר געזאָגט, — גאָט'ס גנאדע איז גרויס,.... האָב געדולד און הער אויס וואָס איך וועל דיר ווייטער זאָגען.

— זאָג שוין, ליבע סירא וואָס שנעלער, אין וואָס בעשטעהט דיין רעטונגס פּלאַן?

—האָב נאָר געדולד, רעציע, און שטארק דיין מוטה, האָט סיררא געאנטוואָרטעט, —אום צו פערשטעהן מיין פּלאַן, דארפסט דוא וויסען, דאָס דיא נייע רעגיערונג האָט אויסגעדענקט א נייעם מיטעל צו טוידטען פּאָליטישע פערברעכער, נעמליך, א זאָפּע, אויף וועלכען דער פעראורטהיילטער פערברעכער זעטצט זיך אנידער און שטעהט שוין פון איהר קיין לעבעדיגער ניט אויף.... אָבער בעפאָר איך וועל דיר ערקלעהרען וואָס פיר א מאשינע דאָס איז, מוזט דוא מיר הייליג פערשפּרעכען קיינעם וועגען דעם א וואָרט ניט צו דאכטען. מיין פריינד, רושדי'ס לייב־דיענער, האָט מיר דאָס אויך אנדערס ניט געוואָלט מיטטהיילען, איך האָב איהם געמוזט שווערען, דאָס איך וועל מיט קיינעם וועגען דעם ניט רעדען אויסער מיט דיר. אלזאָ, טהייערע רעציע, מוזט דוא מיר פערשפּרעכען צו האלטען מיינע מיטטהיילונג אין געהיים.

— רעכט, — האָט עציע געזאָגט, — איך בין אזוי אויך ניט קיין פּלאפּלערקע, און איך שווערע דיר ביים פּראָפעט'ס באָרד, דאָס אויסער וויא מיט דיר וועל איך אייבער דעם א וואָרט ניט ריידען. זאָג מיר, אָבער, ליעבע סיררא, ווארום געפעלט ניט דער נייע רעגיערונג די אלטע מאָדע צו טוידטען פּאָליטישע פערברעכער? ווארום האָט מען בעדארפט אויסדענקען א נייע מאשינע?

— איך וועל דיר דאָס אויך ערקלעהרען — האָט סיררא געאנטוואָרטעט, — אָבער פריהער מוז איך דיר געבען צו פערשטעהן, וואָס פיר א פערפלוכטע מאשינע דאָס איז. שטעלע דיך פאָר א טהייערע זאָפּע פון גוטע עבען־האָלץ, אָנגעשטאָפּט מיט אייערפּוך, און אויף שפּראָדזשינעס וואָס לאָזען זיך שנעל צוזאמען דריקען און שפּרינגען שנעל אָפּ צוריק וויא מען הערט אויף צו דריקען אויף זיי. דיא זאָפּע איז בעפּוצט מיט בראָנזע, בעצוויגען מיט זיידען צייג..... עס נעהמט אָן א לוסט זיך צו זעצען..... פון דער זאָפּע געהען ארויס פיער פיין געשניצטע זיילען, וואָס שטיצען אונטער א באלדאכין מיט גארדינען. דיעזער באלדאכין איז אויך אָנגעפילט מיט איידער פּוך און פערזעהן מיט שנעלקראפטיגע שפּראָנדזשינעס. אין אלעם איז דיא זאָפּע פּראכטפאָל שעהן, אָבער וועהע איז צו דעם, ווער עס זעצט זיך אויף איהר... וויא איינער זעצט זיך, דריקט ער אָן מיט דעם געוויכט פון זיינעם אייגענעם קערפּער אויף א שפּראָנדזשינע, וואָס ליעגט אינוועניג, און אין דער זעלבער סעקונדע פאנגט אָן לאנגזאם, רוהיג, וויא איין ווייזער פון איין אוהר, זיך אראָבלאָזען דער באלדאכין. ער לאָזט זיך אראָב אויף דעם מענשען און דריקט איהם מיט זיין ווייכען זייט אזוי לאנג ביז עס נעהט פון איהם דיא זעלע ארויס.... דערנאָך הייבט ער זיך צוריק אויף.... אויף דעם טוידטען בלייבט קיין מינדעסטער צייכען ניט פון ערמאָרדונג, און עס זעהט אויס וויא ער וואָלט פּלוצלונג געשטאָרבען פון אפּאָפּלעקסיע...... און מעהר וויא דאָס דארף דיא יעצטיגע רעגיערונג ניט.... זיא וויל פּטור ווערען פון פיעל פּערזאָנען, וועלכע זיא האָט

פורכט צו טוידטען וויא געוועהנליך, אום ניט אויפצורייצען דאָס פאָלק און דיא פאַמיליען פון דיעזע פערזאָנען. יעצט וועט זיא דאָס לייכט קענען דורכמאַכען מיט דיזער מאַשינע. זיא וועט, נעמליך, ארעסטירען דיא פערזאָנען, פון וועלכע זיא האלט פיר נעטהיג פטור צו ווערען. מיט דיעזע פערזאָנען וועט מען זיך בעגעהן גאנץ העפליך און זאָגאר פריינדליך, מען וועט זיי זאָגען, דאָס מען וועט זיי אין קורצען בעפרייען, זיי זאָלען גאָר ניט מערקען, און איז דער שטיל וועט מען זיי אויסשטיקען און מען וועט אַלען זאָגען, דאָס זיי זיינען פלוצלונג געשטאָרבען. דיא טוידטע קערפער וועט מען אָבגעבען זייערע פאַמיליען, מען זאָל זיי בעוויינען און בעערדיגען מיט עהרע, מיט אַלע צערעמאָניען, קיינעם זאָל ניט איינפאלען, דאָס דיא רעגיערונג האלט זיי פיר פאָליטישע פערברעכער, און דאָס זיא האָט א שולד אין זייער טוידט.

— דיעזע פערפלוכטע זאַכע, — האָט סיררא ווייטער ערצעהלט, — איז אָנגעקומען אהער דיא טעג, מען האלט איהר אין שעהנעם רייך אויפגעפוצטען זאאל. דיא פערזאָנען פון וועלכע דיא רעגיערונג וועט ווינשען פריי צו ווערען, וועט געבראכט ווערען ביי נאכט, צום צייט פון שלאָפען אין דיעזען זאאל. און אויף מאָרגען גאנץ פריה וועט מען דיא זעלבע פערזאָן א טוידטע אָבפיהרען צוריק אין דאָס געפענגניס הויז, וואו מען האָט איהר פריהער געהאלטען: דיא גאנצע טרויעריגע מערדערישע געשיכטע וועט פאָרקומען אין דער שטיל, שטרענגסט געהיים, קיינער וועט ניט וויסען פון אוועקפיהרען און ניט פון צוריק ברענגען דער אונגליקליכער פערזאָן, און צוליעב דעם וועט מען לייכטער גלויבען, דאָס זיא איז פלוצלונג געשטאָרבען.

אַ! האָט רעציע אויסגעשריען, — איך פערשטעה שוין גאנץ גוט דעם ציעל פון דער יעצטיגער רעגיערונג; אָבער, וויא האָפסט דוא, סיררא, איהם צו רעטען? אַ! פייניג מיך ניט מעהר, זאָג מיר שוין דיין פּלאַן, סיררא!

— יעצט וועסט דוא שוין פערשטעהן מיין פלאַן, — האָט סירא רוהיג געאנטוואָרטעט, — מען דארף סאדי'ן פאָראויס בעקאנט מאכען מיט דיעזער פערפלוכטער זאַכע, מיט איהר איינריכטונג און מיט איהר ציעל, אום ער זאָל וויסען וויא זיך צו זעצען עס זאָל איהם ניט שאדען. צווייטענס, מוזען מיר איהם שאפען אזא געטראנק, וואָס זאָל איהם אזוי פערשלעפערן, אויף פיער און צוואנציג שטונדען, ער זאָל אויסווייזען טוידט, אום דיא לייטע, וואָס וועלען דאָרטען אויף איהם אכטונג געבען, זאָלען מיינען, דאָס ער איז ווירקליך טוידט. ביי טאָג וועסט דוא קומען איהם בעזוכען. דאן וועט מען דיר אָבגעבען זיין טוידטעס קערפער צו בעגראָבען אויף דעם בעגרעבניס אָרט פון זיינער פאמיליע און פון דער מינוטע אָן, איז ער געראטעט! דוא וועפסט איהם ברענגען אהער, מיר וועלען איהם דאַ האלטען ביז מיר וועלען אַלע קאָנען ענטלויפען פון דאנען!

— אָ! ליעבע סיררא, — האָט רעציע איבערגעשלאָגען דיא רעד, — אָבער וויא מאכט מען דאָס אלעס ?

— דיא ערשטע זאך, דאָס הייסט, דיא אינסטרוקציאָן וויא זיך צו בעגעהן מיט דער מאשינע וועלען מיר איבערגעבען סאדי'ן דורך דעם נייעם גראָס־וויזיר'ס לייב־דיענער. ער האָט דאָס מיר פערשפּראָכען. ער האָט מיר געשאפט א לעדיגען באָגען פּאַפּיער מיט דעם גראָס־וויזירס שטעמפּעל. דוא וועסט אוישרייבען אויף דיעזעם פּאַפּיער דיא גאַנצע אינסטרוקציאָן, וויא סאדי זאָל זיך אויפפיהרען דאָרטען אין דעם פערפלוכטען זאאל און מיט דעם פלעשכען, וואָס מען וועט איהם צושיקען ... איך וועל דיר דיקטירען, דוא וועסט שרייבען, און דער לייב דיענער באיאצא וועט דאָס איהם אָבגעבען צוזאמען מיט דיא פּאַפּירען וואָס ער טראָגט צו איהם טעגליך פון זיינעם הערן. מיר וועלען דורך איהם אויך בעקומען פון סאדי'ן איין אנטוואָרט.

— וואָס דיא צווייטע זאך אָנבעלאַנגט, דאָס הייסט, דעם שלאָף־טרונק, האָב איך איך שוין דאָס פערטיג געמאכט..... מיין מוטער האָט דאָס מיך אויסגעלעהרנט צו פּערפּערטיגען...... אָבער דורך דעם לייב־דיענער איז דאָס אונמעגליך צו צושיקען צו סאַדי'ן, וויל מען רעווידערט איהם זעהר שטרענג יעדעס מאָהל וואָס ער קומט אין סעראסקיר־טהורם. אלזאָ, רעציע, איז קיין אנדער וועג נים דאָ, וויא מיר ביידע זאָלען דאָס איהם אריינ'גנב'נען.

— אָבער וויא קאָן מען שטעלען דאָס לעבען אין געפאהר ווען דער גאנצער פּלאַן איז געבויט אויף שפּינוועבס ? — האָט רעציע געפרעגט.

— דער פּלאַן וועט זיך געוויס איינגעבען, איך בין אין דעם זיכער, — האָט געאנטוואָרטעט סיררא, — און דוא, ווייטער, האָסט זיך גאָר ניט וואָס צו שרעקען; עס איז קיין געפאהר ניט פיר דיך און פיר מיך אויך ניט. דוא וועסט מיר נאָר דארפען אונטערטראָגען א קאָרב מיט קליינינקייטען, וועלכע דיא הויזירער טראָגען ארום. איך וואָלט גערנע אויסגעקומען אָהן דיך, אָבער איך בין שוואך און איך בין ניט אים שטאַנדע אליין צו טראָגען אזא קאָרב. אלזאָ, וועסט דוא אָנציהען ארימע קליידער און וועסט מיר אונטערטראָגען דעם קאָרב ביז דעם טהויער פון סעראסקיר־טהורם. דאָ וועלען די סאָלדאטען איבערקוקען דעם קאָרב און וועלען איהם טראָגען איבער דיא צימער וואו עס בעפינדען זיך ארעסטאנטען . . . . מיך וועט מען אין דיא צימער נאטירליך גיט אריינלאָזען ; אָבער סאדי וועט שוין וויסען פּאָראוים וועלכען נומער ער זאָל אויסקלייבען. דיעזעס פלעשכען וועט אויסזעהען וויא פּערפיומע און וועט זאָגאר אזוי ריכען וויא פּערפיומע..... וויא מען וועט מיר צוריק ארויסטראָגען דעם קאָרב, וועסט דוא איהם ווידער נעמען און מיר וועלען אין פרידען אוועקגעהן. איך זעה דאָ ניט די מינדעסטע געפאהר.

רעציע האָט רוהיג איבערלייגט דעם גאנצען פּלאַן און האָט איינגעשטימט מיט סירראן. באלד נאָך דעם האָט איהר סירראַ געגעבען א פּאַפּיער מיט דעם גראָס־וויזיר'ס שטעמפּעל און האָט איהר דיקטירט אַן אינסטרוקציאָן פיר סאדי'ן. וויא מען וועט איהם אריינפיהרן אין זאל, — אזוי איז געשטאנען אין דער אינסטרוקציאָן—זאָל ער זיך לעגען אויף דיא זאָפע און זאָל דאָרטען ליגען ביז דער באלדאכין וועט זיך אראָבלאָזען און וועט שוין זיין א פּאָאר צאָל ווייט פון איהם; דאן זאָל ער אראָבשפּרינגען און שנעל זיך ארויפלייגען אויפ'ן באלדאכין, ער זאָל ניט בלייבען א מינוטע אָהן דריקונג, און זאָל בלייבען ליגען ביז ער וועט זיך אראָפּלאָזען אין גאנצען און וועט צו דריקען דיא שפּראָנדזשינגעס פון דער זאָפע, ערשט זאָל ער פון באלדאכין אראָבגעהן און וויא ער וועט זיך ווידער אויפהויבען, זאָל זיך סאדי צוריק לעגען אויף דיא זאָפע און אויסטרינקען דעם רעצעפּט.... אזוי וועט ער איינשלאָפען און וועט אויסזעהן וויא טוידט, און דער באלדאכין וועט שוין מעהר קיין קראפט ניט האָבען זיך אראָבצולאָזען.

סירראַ האָט גענומען פון רעציען דאָס פּאַפּיער מיט דער אינסטרוקציאָן און איז אוועקגעגאנגען צו רושדי־פּאשא'ס לייב־דיענער באיאצא.

דאָס געהיימע געריכט.

פון רואינע „קאדריש" זיינען ארויסגעגאנגען צוויי דערווישען. זיי האָבען זיך ביידע געאיילט; וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיי ביידע געהאט וויכטיגע אויפטרעגע אויסצופיהרען.

— וואוהין געהסט דוא? — האָט איין דערוויש געפרעגט דען אנדערן.

— איך געה נאָך גאלאטא, און וואוהין געהסט דוא?

— איך געה אין סעראסקיר־טהורם מיט א סעקרעטנעם פּאַפּיער פון באבא־מאנזור צו הוסיין־פּאשא.

— און וואָס קען זיין דער אינהאלט פון דיעזען פּאַפּיער?

— וויא ווייט איך וויים, איז דאָס א איין בעפעהל פון דער נייער רעגיערונג צו הוסיין־פּאשא, דאָס הייסט צום פערוואלטער פון סעראסקיר־טהורם, ער זאָל מאכען איין ענדע מיט סאדי־פּאשא, וואָס זיצט דאָרטען ארעסטירט. נו, און וואָס האָסט דוא, האקום, צו טאָהן אין גאלאטא?

— מיך האָט מאנזור עפענדי בעפאָהלען צו ברענגען פון דאָרטען קאדידזע'ס טאָכטער סירראַ אין „פּאלאַץ פון טוידט".

— גוט אויב זיא וועט וועלען געהן, אָבער, פיליכט וויל זיא ניט געהען מיט דיר?

— ווען זיא וועט ניט געהן מיט גוטען, בין איך בעפאָהלען איהר צו ברענגען מיט בייזען און זאָגאר א טוידטע!....

באלד האָבען דיא דערווישען גענומען אָבשיעד איינער פון דעם אנדערען און

יעדער איז אוועקגעגאנגען מיט זיין וועג: האקום נאָך גאַלאטא, דער אנדערער אין סעראסקיר־טהורם.

מאנזור־עפענדי האָט, ערשטענס, נאָך געהאָפט אויסצופאָרשען פון סירראַ'ן וועגען דעם אוצר: פיעלייכט האָט איהר דיא מוטער עטוואָס מיטגעטהיילט וועגען דעם. צווייטענס, האָט זיך איהם אזוי אויך געוואָלט האָבען אין דיא לאַפּעס דיעזע סירראַ, וועלכע איז געווען, וויא ער האָט געוואוסט, סאדי'ס און רעציע'ס בעסטע פריינדין.

האקום איז געווען איין אויסוואורף וויא לאַצארוס. מאנזור־עפענדי'ן איז ער געווען ערגעבען מיט לייב און לעבען. ער איז געקומען אין גאַלאטא און איז אריינגעגאנגען אין קאדידזע'ס וואָהנונג, וואו עס האָט דיא לעצטע צייט געוואָהנט איהר מאַכטער סירראַ. עס האָט זיך אָבער מיט האקום געטראָפען איין אומגליק; ניט אזוי וואָס ער האָט ניט געפאקט סירראַ'ן, וועלכע איז דאן מיט רעציע'ן געווען אין סעראסקיר־טהורם, איז ער נאָך אליין אויך אריינגעפאלען וויא א פויגעל אין נעטץ. קוים וואָס ער איז אריין אין סירראַ'ס וואָהנונג, זיינען אויף איהם ארויפגעפאלען צוויי געזונדע יונגען וועלכע ער האָט אין דער פינסטערניס ניט געקאָנט זעהען, האָבען איהם געבונדען דיא הענד, פערבונדען דיא אויגען און פערשטאָפּט דיא מויל ער זאָל ניט קאָנען שרייען, האָבען אויף איהם נאָך ארויפגעוואָרפען א ברייטען און א לאנגען מאנטעל און מיט געוואלד אוועקגעפיהרט צום באָספאָר. דאָ האָבען איהם דיא אונבעקאנטע מענער אריינגעוואָרפען אין א קליין שיפעל און האָבען איהם מעהר וויא א שטונדע געפיהרט מיט'ן וואסער. אין א בעשטימטען אָרט האָט זיך דיא שיפעל אָבגעשטעלט און מען האָט האקום'ן ארויסגעשלעפּט אויף'ן ברעג. פון דאָרטען האָט מען איהם צופוס געבראכט אויף א גרויסען פלאטץ, וועלכער איז געווען ארומגעצוימט מיט א הויכען שווארצען מויער, וועלכער האָט זיך אָנגערופען: „זיעבען טהורמס". מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין דיא „זיעבען טהורמס" און אָבגעבונדען דיא אויגען. דאָ איז האקום שיער ניט געשטאָרבען פון שרעק: זיעבען „גאָלדענע מאסקעס" זיינען געזעסען אין קרייז אויף זיעבען אָבגעהאקטע בוימער! ער האָט געוואָלט א בליק טהאָן אויף דיא צוויי חברה לייט, וואָס האָבען איהם אהין געבראכט, אָבער זיי זיינען אין דער זעלבער מינוט פערשוואונדען געוואָרען, אזוי וויא אין דר'ערד אריין! דיעזער אומשטאנד האָט איהם נאָך מעהר שרעק געמאכט. עס האָט איהם געציטערט הענד און פיס, ער האָט זיך פערגיינגט ביז דר'ערד און האָט וויינענדיג געבעטען אום גענאדע.

— האקום! — האָט זיך איינער פון דיא זיעבען אָבגערופען צו איהם, — דו בעטסט פאָראויס אום גענאדע, אלזאָ ביזט דו אליין מודה, דאָס דו האָסט געזינדיגט?

זיי וויסען, דאָס דיא מאָס פון דיינע זינד איז שוין פול! דו ביזט אָנגעקלאָגט, דאָס דו פיינינגסט אין „פאלאץ פון טוידט" דיא אונגליקליכע אונשולדיגע וואָס פאלען דאָר־מען אריין? דו פייניגסט זיי מיט אלער האנד שמערצען, ביז דיא זעעלע געהט זיי ארויס? וואָס זאָגסט דו אויף דעם?

— איך לייקען דאָס ניט אָפּ, — האָט האקום געענטפערט, — עס איז אמת, איך האָב דאָס אָבער געטהאָן ניט פון מיין אייגענעם ווילען, נאָר וויל מיין הערר, מאנזור־עפענדי, האָט מיר דאָס בעפאָהלען צו טהאָן, אלזאָ, בין איך ניט שולדיג.

— ווידער האָט מען געזאָגט, דאָס דו ביזט געגאנגען נעהמען סירראַ'ן אום איהר אוועקצושלעפען אין „פאלאץ פון טוידט"?

— און דאָס האָב איך אויך ניט געטהאָן פון זיך זעלבסט, אָבער מיין הערר האָט דאָס מיר בעפאָהלען.

„דיא גאָלדענע מאסקע" האָט זיך אין דער שטיל מיט דיא איבעריגע זעכס איבערלייגט, וואָס פיר א פסק ער האָט פערדיענט, אין עטליכע מינוט זיינען זיי צורעכט געקומען, און דער פּאָרזיצענדער האָט זיך אָבגערופען:

— האקום! דו ווערסט פערשאָהנט, — אנשטאָדט טוידט שטראפע, ווערסט דו נאָר פערשיקט ווערען!

האקום איז געווען מלא שמחה, דאָס ער האָט אזוי לייכט „אָבגעשניטען"... מען האָט איהם ווידער פערבונדען דיא אויגען און פערשטאָפּט דיא מויל און אָב־געפיהרט אָן א זייט, הארט לעבען מויער.

דאן האָט מען געבראכט צום געריכט א צווייטען פערברעכער. דיעזער וואר אונזער אלטער בעקאנטער באנדיט לאַצארוס. ער איז אויך געווען מיט פערבונדענע אויגען, פערשטאָפּטען מונד, וויא האקום. וויא מען האָט איהם אָבגעדעקט דיא אויגען און ער האָט דערזעהען, וואו ער געפינט זיך, איז ער נאָך מעהר אויפגעציטערט גע־וואָרען וויא האקום, וועלכער איז געווען אין פערגלייך מיט איהם איין אונשולדיגער עהרליכער מאַן. לאַצארוס איז קוים געווען אימשטאנדע זיך צו האלטען אויף דיא פיס. ער האָט זאָגאר קיין מוטה ניט געהאט צו בעטען אום גנאדע.

דיא פּאָרזיצענדע מאסקע האָט אויסגערעכענט א פּאָאר צעהנדליג פון לאַ־צארוס'עס זינד, האָט איהם דערמאָנט דיא שמערצען, וואָס ער האָט אָנגעטהאָן רעציע'ן, סירראַ'ן און זיין טהייל אין דער ערמאָרדונג פון אבדול־אזים. לאַצארוס איז ערשטוינט געוואָרען: זיי, דיא מאסקען האָבען געוואוסט אזעלכע געהיימניסע, וואָס מעהר וויא ער איינער האָט פון דעם ניט געוואוסט. עס איז ביי איהם געבלי־בען, דאָס זיי זיינען ניט קיין מענשען, נאָר ענגעלן, מלאכים פון הימעל!...

— איך האָב גאָר ניט וואָס צו זאָגען נעגען דעם, — האָט לאַצארוס קוים

קרעפטען געהאט אויסצושפּרעכען, — איך ווייס, דאָס איך בין א גרויסער זינדער און האָב מיין טוידט צעהן מאָל פערדיענט... איך ווייס געוויס, דאָס איהר וועט מיך פעראורטהיילען צום טוידט, אָבער...

— פיר דיר איז שוין קיין „אָבער“ ניט דאָ, — האָט איהם דיא „גאָלדענע מאסקע“ איבערגעשלאָגען דיא רעד, — דו האָסט פערשפּיעלט דיין לעבען, דו מוזט שטארבען!

— ניין, מיינע הייליגע העררן, איך מיין גאָר ניט צו בעטען גענאדע, איך בין ניט ווערטה, — האָט געזאָגט לאצארוס, — אָבער איך האָב נאָר איין איינציגען וואונש... איך האָף, דאָס איך וועל דאָס אויסווירקען פון אייך. איך האָס מאנזור־עפּענדי וויא דיא פּעסט. ער איז טויזענד מאָל פערדאָרבענער און שעדליכער וויא איך... איך ווייס אַלע זיינע זינד און מערדערייען, איך וואָלט עס אייך גערנע אויסגערעכענט, אָבער איהר ווייסט דאָס געוויס אָהן מיר. ער האָט מיך אויך פערפיהרט, ער האָט מיך אָנגערעדט צו אַלעס בייזעס אָנן ער איז נאָך דערצו אזוי פערדאָרבען, דאָס ער האָט מיר וויא פיעל מאָל געוואָלט מאכען דעם טוידט אום איך זאָל זיינע זינד ניט ענטדעקען. אלזאָ, איז מיין איינציגער וואונש, דאָס בעפאָר איך וועל שטארבען דורך אייער גערעכטע האנד, זאָל איך זעהען, וויא איהר וועט איהם ריכטען און בעשטראָפען וויא ער פער־דיענט... לאָזט מיך נאָר א קורצע צייט פריי און איך וועל אייך איהם שוין זעלבסט אין אייערע הענד איבערגעבען... איך וועל איהם אין דיא אויגען אויסרעכנען אלע זיינע מעשים... טרויט מיר אויף א קורצע צייט מיין לעבען. איך וועל ניט אנטלויפען, ווארום מיין לעבען איז מיר שוין אליין געוואָרען צור לאסט, און וואוהין קאָן איך פון אייך אנטלויפען? . . .

— גוט! — האָט געזאָגט דיא גאָלדענע מאסקע נאָך א קורצען „ישוב הדעת“ מיט איהרע קאָלעגען, — גוט! מיר גיעבען דיר גאנצע זיעבען וואָכען צייט מיט דעם בעדינג, דאָס צום ענדע פון דיעזער צייט זאָלסט דו דיך פּאָרשטעלען צו אונז צוזא־מען מיט דער אָנגערופענער פּערזאָן.

מען האָט באלד לאצארוס׳ן וויעדער פערבונדען דיא אויגען און אָבגעפיהרט א ווייטע שטרעקע פון דיא „זיעבען טהורמס“. דאָרטען האָט מען איהם אָבגעדעקט דיא אויגען, און ער האָט זיך געפונען איינער אליין אויף׳ן פרייען פעלד.

האקום׳ן האָט מען אין דער זעלבער מינוט געבראכט צוריק צום באָספּאָר און מען האָט איהם ארייגעזעצט אין א שיף וואָס איז באלד אָבגעגאנגען נאָך אָסט־אינדיען.

93.

אין סעראסקיר־טהורם.

סירפא האָט אָבגעגעבען איהר פריינד באיאצא, רושדי־פּאשא׳ס לייב־דיענער, דיא אינסטרוקציאָן וואָס רעציע האָט אויפגעשריבען פיר סאדי׳ן, און באיאצא האָט עס

גליקליך מיט אנדערע פאַפּיערען אריינגעגנב'עט צו סאַדי'ן אין האנד. סאַדי האָט עס דורכגעלעזען און איז דורכאויס געבליעבען צופריעדען פון דיעזען פּלאַן. ער האָט דורך דעם זעלבען באָיאצא'ן צוגעשיקט רעציע'ן א שריפטליכע אנטוואָרט, און האָט איהר געבעטען זיא זאָל זעהען וואָס שנעלער איהם שאַפען דאָס פלעשכען מיט דער מיקסטורע, ווארום עס קאָן זיין דאָס מען וועט דאָס שוין מאָרגען דארפען איינגעהמען.

רעציע האָט זיך זעהר געפרעהט מיט דיעזער אנטוואָרט, וואָרום זיא האָט שטארק געפירכטעט, דאָס עס וועט איהם ניט אָנשטעהען גאָר אָנצוואווענדען אזעלכע מיטעל זיך צו רעטען דאָס לעבען, דאָס ער וועט בעסער צופריעדען זיין צו שטארבען איידער צו בלייבען לעבען דורך ליסט, פאַלשהייט און בעטרוג... נאָך מעהר האָט זיך געפרעהט סירראַ. זיא האָט אין דעם געזעהען א בעוויז, דאָס איהר פּלאַן איז ווירקליך קלוג און פערשטענדיג אויסגעדענקט, ווען עס איז סאַדי'ן אויך געפעלען.

זיי האָבען זיך מוטהיג, מיט פאָלער האָפנונג גענומען צו דער זאכע. זיי האָבען זיך פערשאפט א קאָרב פון א הויזירער, וועלכען זיי האָבען אָנגעפּאקט מיט פערשיעדענע קורצען וואארען, מיט אזעלכע, וואָס האָבען אגולט, אָדער וואָס זיינען גאנגבאר אין געפענגנים־הייזער צווישען ארעסטאנטען. העציע האָט זיך פערקליידעט פיר א'ן ארמען לאסט טרעגער, האָט אָנגעטהאָן אויף זיך דעם קאָרב און איז מיט סירראַ'ן אוועקגעגאנגען צום „סעראסקיר־טהורם“.

קומענדיג אהין האָט זיך סירראַ געלאָזט מעלדען דעם דעזשורני אָפיציער דאָס א'ן אָרימע הויזירערין בעט מען זאָל איהר ערלויבען לייזען פיר איהרע וואארע פון דיא פּאָרנעהמע ארעסטאנטען וואָס זיטצען אין „סעראסקיר־טהורם“. דער אָפיציער האָט אָנגעפרעגט ביי הוסיין־פּאשא, און ער האָט ערלויבט מיט דעם תנאי, דאָס דיא הויזי־רערין זאָל אריינגעהן אין „טהורם“ איינע אליין, אָהן דעם לאסט־טרעגער, און דאָס מען זאָל יעדען ארטיקעל רעווידירען, בעפאָר זיא וועט איהם פערקויפען, אום זיא זאָל קיינע פערבאָטענע זאכען ניט פערקויפען דיא ארעסטאנטען.

סירראַ האָט ניט געוואוסט וויא צו בעדאנקען דעם אָפיציער פיר דיעזע גנאדע. זיא האָט געלאָזען רעציע'ן ווארטען אין דרויסען און איז אריינגעגאנגען אין „טהורם“ אליין. דעם קאָרב האָט איהר אונטערגעטראָגען א סאָלדאט, וועלכען זיא האָט פער־שפּראָכען עטוואָס צו שענקען פיר זיין מיהע.

רעציע האָט געווארט איין שטונדע, צוויי, דריי, און סירראַ איז צוריק ניט ארויסגעגאנגען. באלד האָט מען שוין צוגעשלאָסען דעם טויער ווארום עס איז שוין נאכט געוואָרען, און סירראַ'ן מיט'ן קאָרב איז אלץ ניט צו זעהען ניט צו הערען. וואָס קאָן דאָס זיין? דאָ איז רעציע'ן געקומען אויף'ן געדאנקען, דאָס מען האָט געוויס געפּאקט דאָס פלעשיל מיט דער מיקסטורע און מען האָט סירראַ'ן ארעסטירט. „גוט,

וואָס איך בין געבליעבען פון דרויסען", האָט זיא ביי זיך געדענקט... און אפשר איז דיא אורזאכע, ווייל מען קען ביי נאכט דעם טויער ניט עפענען"? אזוי האָט רעציע אין שמערצליכע געדאנקען אָבגעוואַרט דיא גאנצע נאכט צווישען האָפנונג און שרעק. ענדליך איז טאָג געוואָרען און מען האָט אָפען געמאכט דעם „סעראסקיר־טהורם", סיררא איז אָבער אליין ניט דאָ. רעציע האָט געוואַרט נאָך א פּאָר שטונדען, און דאַן איז שוין ביי איהר געווען בעשטימט דאָס מען האָט סיררא'ן פערהאלטען.

— א סוף פון מיינע האָפנונגען! — האָט רעציע געטראכט — סאדי'ן פערלאָרען, מיין קינד פערלאָרען, און יעצט אויך סיררא'ן, מיין לעצטע טרעסט אויך פערלאָרען!

רעציע האָט שנעל, אין דער שטיל, אראָבגעוואָרפען פון זיך דיא שמוטציגע מענער קליידער, וואָס זיא האָט אָנגעצויגען זיא זאָל אויסזעהען וויא א לאסט־טרעגער, ווייל יעצט האָט זיא פורכט געהאט מען זאָל איהר ניט דערקענען דאָס זיא האָט געטראָגען דעם קאָרב, און מען זאָל איהר אויך ניט ארעסטירען אלס סיררא'ס א מיט־העלפערין. יעצט איז זיא שוין זיכער געווען דאָס עס וועט קיינעם ניט איינפאלען גאָר צו זאָגען, דאָס זיא איז דאָס געווען דער קאָרב־טרעגער. טרויעריג, פערקימערט האָט זיא זיך אומגעקעהרט פון „סעראסקיר־טהום" אין גאלאטא. עס איז לייכט צו פערשטעהען וויא עס איז איהר דאמאָלס געווען אויף'ן הערצען. דיא לעצטע האָפנונג פערלאָרען, און וואָס וועט ערשט זיין? וויא וועט זיא יעצט לעבען? וואָס פיר א לעבען וועט דאָס זיין? איז ניט פיעל גלייכער דער טויט איידער אזא לעבען?!.... אזעלכע פינסטערע געדאנקען האָבען געריסען אויף שטיקער רעציע'ס הערצען, בשעת זיא איז אליין געלאָפען צוריק אהיים.

אָבער גוטע זאכען, גוטע הילפע קומען אָפט פּלוצלינג, גראָדע דאַן וויא מען דענקט דאָס אלעס איז פערלאָרען און עס איז שוין ניט דאָ וואָס צו האָפען. אזוי האָט מיט רעציע'ן יעצט אויך געטראָפען. לויפענדיג מיט הערצענס וועה אהיים האָט זיא מיט א מאָל בעגעגענט א פּאָרנעהמע פערזאָן, וועלכע האָט איהר געטרייסט און פערשפּראָכען צו העלפען און געגעבען גרויסע האָפנונג אויף שפּעטער. איהר ווילט געוויס וויסען ווער עס וואר דיעזע פערזאָן? אָבער בעפאָר איך וועל צופריעדענשטעלען אייער נייגיערדע, מוז איך אייך מיטטהיילען דאָס וואָס האָט זיך געטראָפען מיט א טאָג אָדער מיט א נאכט פריהער וויא דיעזע גליקליכע בעגעגענים.

אין א פּאָר וואָכען ארום נאָך דער ערמאָרדונג פון אבדול־אַזיס, וויא דער נייער סולטאַן, מוראד דער פינפטער, האָט זיך שוין בעפעסטיגט אויף זיין טראָהן און איז געוואָרען געוונג מעכטיג צו שאלטען און וואלטען נאָך זיין ווילען, איז געווען זיין ערשטע זאך צו פערניכטיגען דיא פאמיליע פון דעם אראָבגעזעצטען סולטאַן. ערשטענס,

זיינען דאָך זיינע קינדער געווען מוראד'ס שוועסטער קינדער; צווייטענס, האָט ער געוואָלט ווייזען, דאָס ער האָט קיין טהייל ניט געהאַט אין דעם טוידט פון אבדול־אזים, וועלכער האָט זיך אימער בעגאַנגען מיט מוראד'ן און זיינע ברידער זעהר דעי־ליקאַט און מיט מענשען ליעבע; דריטענס, האָט מוראד פיעל לייד געהאַט מיט דעם פּרינץ יוססוּף, ביי וועלכען מען האָט מיט א מאָל גערויבט זיין פאָטער און זיין ירושה.

מוראד האָט געלאָזט ברייגנען צו זיך אין קאַבינעט פּרינץ יוססוּף. עס איז געווען א טרויעריגע סצענע. מיט א פּאָר וואָכען צוריק איז יוססוּף געווען דער קרוינ־פּרינץ און מוראד איין אומגליקליכער זוהן פון דעם פערשטאָרבענעם סולטאַן, וואָס האָט יעדע מינוט געפירכטעט פיר זיין לעבען, און יעצט האָט זיך זייער שיקזאַל איבערגע־דרעהט: מוראד איז אויפ'ן טראָהן און יוסוּף אָהן א פאָטער, אָהן ערבשאַפט און אָהן האָפנונג! עס איז זיי ביידען געשטאַנען טרעהרען אין דיא אויגען וויא זיי האָבען דערזעהען איינער דעם אנדערן. עטליכע מינוטען האָבען זיי ביידע א וואָרט ניט געקאָנט אויסשפּרעכען, ענדליך האָט זיך אָבגערופען מוראד צו זיין שוועסטער־קינד.

— יוססוּף! איך האָב דיך געלאַדען צו מיר, ערשטענס, אום דיר צו מעלדען מיט מיין אייגענעם מונד, דאָס דו ביזט פאָלקאָם, דורכאויס פריי, דו קאָנסט לעבען און וואָהנען וויא און וואו דו ווילסט. קלייב אויס וועלכען פּאַלאַץ דו ווילסט און מאַך איהם פיר דיין קווארטיר; צווייטענס, פערלאַנג איך ניט צו געניסען דאָס מינדעסטע פון דיין ערבשאַפט וואָס דיין פאָטער האָט איבערגעלאָזען; נעהם עס צו און טהייל דיך מיט דיינע ברידער וויא דיא געזעצע פון אונזער לאַנד פאָדערן. דריטענס, שווער איך דיר, דאָס איך האָב קיין שולד ניט אין דיין פאָטער'ס טוידט. פערפלוכט זאָלען זיין דיא וואָס האָבען דאָס געטהאָן!

— איך ווייס עס, — האָט געענטפערט יוססוּף, — איך ווייס דאָס דיא גאַנצע טרויעריגע געשיכטע איז געשעהען אָהן אייער וויסען און אָהן אייער ווילען, איך האָב אייך ניט אין מינדעסטען צו בעשולדיגען. איך קען אייך, איך ווייס, דאָס איהר זייט א מאַן מיט איין עדעלען כאַראַקטער. איך דאַנק אייך פון הערצען פיר מיין בעפרייאונג און פיר דיא ערבשאַפט פון אונזער פאָטער, וואָס איהר גיעבט איבער אין אונזערע הענד. אָבער דאָס אַלעס קאָן מיר ניט איינגעהען, קאָן מיר ניט גוט בעקומען, זאָ לאַנג מיין יונגער פריינד, מיין קינדהייט קאַמעראַד, איך מיין אדיוטאַנט האַסאַן, שמאַכטעט אין שווערען געפענגניס, אין „שטיין קאַמער". איך ווינש איהם צו האָבען לעבען מיר; ער איז מיר העכסט גוט און טריי, ער וועט פערנעהמען אין מיין הערצען דיא לעדיגע שטעלע וואָס מיין פאָטער'ס טוידט האָט אין איהם געלאָזען.

— דיין וואונ'ש וועט אויף דער שטעלע ערפילט ווערען! איך שרייב שוין אויף א בעפרייאונגס־פּאַפּיער און ווען דיר איז ליעב זעלבסט זיין בעפרייער צו זיין, קאָנסט

דו גלייך מיט דיעזען פּאַפּיער געהען צום קאָמענדאנט פון דער „שטיין קאמער". ער וועט דיך שוין אריינפיהרען צו האסאן אין קאמערל, און דו וועסט איהם זעלבסט פון דאָרטען ארויספיהרען.

מוראד האָט גלייך אויפגעשריעבען א בעפרייאונגס־פּאַפּיער און האָט איהם דערלאנגט יוססוף'ן מיט דיעזע ווערטער:

— דיין וואונש איז ערפילט. בעט נאָך וואָס דו האָסט נעטהיג, און איך וועל אלע סערפילען. איך פערשטעה דיין עלענד און דיין טרויעריגעס הערץ. מיט וואָס עס איז נאָר מעגליך בין איך פערטיג דיין שיקזאל צו פערלייכטערן. פערלאנג נאָך וואָס און איך וועל עס גערנע ערפילען.

— פיר יעצט האָב איך מעהר ניט וואָס צו בעטען, — האָט יוססוף גענטפערט מיט איין טיפער פערנייגונג, — איך דאנק אייך טויזענד מאָל פיר דיעזעס פּער־שפּרעכען, אזוי וויא פיר דיא גנאדע וואָס איהר האָט מיר שוין געציינט.

ביים אָבשיעד נעהמען האָט איהם מוראד הערצליך געדריקט דיא האנד און האָט איהם וויעדער פערשפּראָכען אלעס צו טהאָן פיר איהם. יוססוף איז אוועקגעפלויגען אהיים וויא אויף פליגעל פון איין אָדלער, אום וואָס שנעלער צו ערפרעהען זיינע ברידער און שוועסטער מיט דער גוטער נאכריכט פון זיין בעפרייאונג און פון דער גנעדיגער אויפנאהמע, וועלכע ער האָט געהאט ביים סולטאן.

צו הויזע האָט יוססוף אויסגעטהאָן דיא פּאראדנע קליידער, אין וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם סולטאן, און האָט אָנגעצויגען איינפאכע פּריוואט־קליידער, אום מען זאָל איהם ניט דערקענען וויא ער וועט געהען צו פוס אין „שטיין קאמער" בעפרייען האסאן'ען. ער איז ארויס פון דער היים אום איינס אוהר ביי נאכט, ווייל ער האָט געוואָלט האסאן'ס בעפרייאונג זאָל געשעהען אין דער שטיל, בעפאָר נאָך עס וועט טאָג ווערען, אום עס זאָלען זיך קיינע שטערונגען אין דיעזער זאכע ניט געפינען.

אום צוויי אוהר ביי נאכט איז שוין יוססוף געוועזן מיט דעם בעפרייאונגס־פּאַפּיער ביים קאָמענדאנט פון „שטיין קאמער". ער האָט איהם גלייך אריינגעפיהרט אין קעמערל, אין וועלכען עס איז געזעסען האסאן־פּאשא. עס איז אונמעגליך צו בע־שרייבען וואָס האסאן האָט געפיהלט, וויא ער האָט דערזעהען אזוי שפּעט אין דער נאכט ביי זיך אין קעמערל פּרינץ יוססוף און נאָך מעהר, וויא ער האָט זיך דערוואוסט צוליעב וואָס ער איז צו איהם געקומען. זיי האָבען זיך אָהן א סוף געקוסט, געהאלזט, האָבען געלאכט, און געוויינט. ענדליך האָט יוססוף גענומען האסאן'ען פיר דיא הענד און האָט איהם ארויסגעפיהרט פון „שטיין קאמער" אויף דיא שטראסע. דאָ האָבען זיי גענומען א קוטש און זיינען אוועקגעפאָהרען אין שטאָדט. פאָהרענדיג האָט יוססוף מיטגעטהיילט האסאן'ען אלסדינג וואָס מוראד האָט מיט איהם גערעדט און וואָס ער

האָט איהם פערשפּראָכען. ווייטער האָט איהם יוססוף געלאָדען צו זיך אין וואָהנונג. אָבער האסאן האָט אויף דעם ניט איינגעווילינט. וויא שטארק יוססוף האָט זיך ביי איהם ניט געבעטען, האָט ער איהם דאָס דאָך געמוזט ענטזאגען.

— ניין, מיין פריינד, — האָט איהם האסאן געענטפערט, — מיר דארפען צו־זאמען ניט וואָהנען, עס לאָהנט ניט פיר אונז ביידען. מיר האָבען ביידע גענוג פיינדע צווישען דיא מיטגליעדער פון דער נייער רעגיערונג; עס וועט זיך גלייך אָנפאנגען אינטריגען, מסירות, און מיר ווערען ביידע זיין אין געפאהר ווידער צו פערליערען אונזער פרייהייט און פיעלייכט נאָך אונזער לעבען אויך. אלזא, איז פיעל גלייכער און רוהיגער מיר זאָלען וואָהנען בעזונדער. איך רעכען צו נעהמען א וואָהנונג אין מוסטאפא שטראסע, אין גאסט־הויז, אין דיעזען גאסט־הויז לאָזשירען אימער פיעלע אויסלענדישע רייזענדע.

— עס איז מיר זאָגאר זעהר לייד מיט דיר זיך צו שיידען, אָבער איך מוז ניט ווילענדיג איינשטימען מיט דיר. דו אורטהיילסט זעהר קלוג. יא, מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג!

דיא פריינדע האָבען זיך ווארם געשיידט, האסאן איז אוועקגעפאהרען אין גאסט־הויז און יוססוף איז אוועקגעגאנגען צו פוס נאָך הויזע. עס איז נאָך געווען גאנץ פריה, און דיא קליינע געסלאך דורך וועלכע יוססוף איז געגאנגען זיינען נאָך געווען פערזונקען אין שלאָף. עס איז ניט געווען צו זעהען א לעבעדיגע זעעלע ארום און ארום, ביז וואנען ער האָט צו זיין וואונדער און גלייך צו זיין פרייד בעגעגענט רעציע'ן, וועלכע איז געלאָפען פון סעראסקיר־טהורם אהיים דורך דיא ארומיגע געסלאך, אום מען זאָל איהר ניט אָניאָגען, וויא מיר האָבען אויבען ערצעהלט.

ביי דיעזער בעגעגעניס, האָבען זיי זיך ביידע דערפרעהט, יוססוף האָט זיך דערפרעהט צו זעהען דיא פרוי וואָס איז פון לאנג אָן געלעגען אין זיין הערצען; רעציע, ווידער, האָט זיך דערפרעהט אין דער האָפנונג, דאָס זיא וועט פון יוססוף'ן בעקומען הילפע צו רעטען איהר מאן.

וויא זיי האָבען זיך ערקענט, האָבען זיי זיך פריינדליך געגריסט און געפרעגט איינער ביי דעם אנדערן וויא אזוי זיי קומען אזוי פריה אין דיעזער שמוטציגער געסיל, וואו עס וואָהנען דיא ניעדריגסטע מענשען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, גנבים, מערדער, אויסגעלאסענע פרויען און דערגלייכען?

— וואָס איך בין אהער געקומען אזוי פריה, איז קיין וואונדער ניט, — האָט יוססוף געזאָגט, — אין מיין אונגליקליכער לאגע, — דו האָסט דאָך געוויס געהערט פון מיין אונגליק? — איז וואָס מען טהוט איז קיין וואונדער ניט, נויטה ברענגט צו

אלעס... אָבער וויא קומסט דו אין דיעזער צייט אהער? א פרומע און בעשיידענע פרוי וויא דו אין דיעזען שמוציגען אָרט?

— איך בין אויך ניט געקומען אהער שפּאַצירען, — האָט רעציע געענטפערט, — איך בין דיא זעלבע בעשיידענע פרומע פרוי וואָס פריהער, נאָר מיר האָט אויך גע־טראָפען א שרעקליכעס אומגליק און צוליעב דעם געפין איך מיך יעצט היער.

רעציע האָט מיטגעטהיילט דעם פּרינץ אלעס וואָס האָט זיך פּאַסירט מיט איהר און מיט סאַדי'ן אין דער לעצטער צייט, און צוגלייך אויך דעם פּלאַן, וויא זיא האָט געהאָפט איהם צו רעטען, וועלכער האָט זיך אָבער, צום אומגליק ניט איינגעגעבען, און סאַדי איז יעצט נאָך אין א גרעסערען געפאהר וויא פריהער.

— יעצט, מיין טהייערער פּרינץ, — האָט זיך רעציע געווענדט צו איהם, וויא זיא האָט געענדיגט איהר מיטטהיילונג, — יעצט ווייסט דו שוין ביז אויף א האָאָר מיין טרויעריגע לאַגע, און איך ווינש דאָס זעלבע צו וויסען, וואו עס האַלט מיט דיר אין דער וועלט. פיעלייכט האָסט דו פרעהליכערעס צו ערצעהלען פון זיך. בעט איך, מיר צו מאַכען פערגניגען און צו ערצעהלען.

— מיין אונגליקליכע לאַגע האָט ווירקליך אָנגעפאַנגען בעסער צו ווערען, — האָט יוססוף געענטפערט און האָט איהר ערצעהלט פון דער אויפנאַהמע, וואָס ער האָט געסטערן געהאַט ביי דעם נייעם סולטאַן, פון האַסאַן'ס בעפרייאונג און פון מוראַד'ס פערשפּרעכען אלעס צו טהאָן פיר איהם וואָס ער וועט נאָר פערלאַנגען.

— אלזאָ, טהייערער פּרינץ, ביזט דו דער איינציגער וואָס קאָן נאָך רעטען מיין סאַדי'ן פון טוידט. געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיך געפיהרט דורך דיעזער געסיל און איך האָב דיך בעגעגענט. געוויס איז דאָס נאָר א גאָט זאַך וואָס מיר האָבען זיך ביידע בעגעגענט... ווען איך זעלבסט האָב ניט פערדיענט דו זאָלסט פון מיינעטוועגען בעטען מוראַד'ן, האָט דאָס סאַדי ביי דיר געוויס פערדיענט. דיא איינציגע אורזאַכע, וואָס דיא פערשוואָרענע זיינען אזוי בייז געגען איהם, איז דאָס ער איז געוועזען טריי צו דיין פאָטער, און צו דיר זעלבסט. אלזאָ, האָט ער געוויס פערדיענט דו זאָלסט פון זיינעטוועגען בעטען מוראַד'ן, וואָס האָט דיר פערשפּראָכען צו ערפילען אלע דיינע פערלאַנגען.

— דו קאָנסט זיין רוהיג, — האָט איהר יוססוף פריינדליך געענטפערט, — איך וועל געוויס טהאָן וואָס איך וועל נאָר קאָנען, אום צו בעפרייען סאַדי'ן. ער וועט מיט גאָט'ס הילפע זיין פריי. און מיין ניט, דאָס איך האָב פערדרוס אויף דיר, וואָס דו האָסט זיך ענטזאַגט פון מיין ליעבע. ניין, פערקעהרט, דו ביזט דערמיט נאָך ביי מיר טהייערער געוואָרען, ווארום איין עהרליכע פרוי דאַרף זיך אנדערש ניט בעגעהען... איך מוז אָבער עטוואָס צייט האָבען, אום צו איבערלייגען, וואָס איך קאָן טהאָן. געהען

שוין ווידער צו מוראד'ן בעטען ער זאָל ווידער בעפרייען איינעם נאָך דעם וויא ער האָט ערשט בעפרייט אויף מיין פערלאַנגען האסאַן'ען, דאָס איז מיר ניט גאָר צום הערצען, אלזאָ, מוז איך מיך פריהער גוט בעזינען וויא איך זאָל דאָס דורכמאכען.

רעציע האָט ניט געוואוסט וויא איהם צו דאנקען, און איהרע האָפנונגען האָבען זיך ווידער אין איהר הערצען געשטארקט.

94.

דער דועל.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דער סצענע אין טאַווערנע, וואוהין דער אדמיראל שטראַדפאָרדט האָט מיט ליסט אריינגענאַרט סאדי'ן און צארא־בעי, און פון וואַנען זיי זיינען קוים ענטלאָפען מיט'ן לעבען, אזוי וויא אונזערע לעזער געדענקען, איז צארא־בעי געקומען צו ליידי שטראַדפאָרדט מיט א וויזיט. זיא האָט איהם אויפגענומען גאַנץ פריינדליך און העפליך, וויא אימער.

— נאָך דעם וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דיר און מיין מאַן, דעם פיאַניצע, האָב איך שוין גאָר ניט געגלויבט, דאָס דו וועסט לוסט האָבען ווידער צו מיר צו קומען. איך האָב זאָגאר ניט געוואָגט דיך מעהר צו לאַדען צו מיר, דעריבער מאכט מיר דיין יעצטיגער וויזיט פיעל מעהר פערגניגען וויא אלע פאָריגע.

— ווען דו האָסט אזוי גערעכענט, — האָט צארא־בעי געענטפערט, — האָסט דו וועגען מיר זעהר א פאַלשע מיינונג. דיא בלוטיגע און שענדליכע סצענע אין דער טאַווערנע האָט גאָר ניט צו דיר. וואָס ביזט דו שולדיג! איך וויים, דאָס דו האָסט דיעזען טויגעניכטס מעהר וויא איך, דאָס ער איז נאָר איין אומגליק אין דיין לעבען... מיר איז נאָר א גרויסער וואונדער וויא קומסט דו צו אזא מאַן? דו, דיא קלינסטע פרוי, וואָס איך האָב בעגעגענט, דיא גרויסע מענשען־קענערין, זאָלסט אויסוועהלען אזוי איינעם פיר א מאַן? וויא מען זאָגט, איז ער געווען דער זעלבער פערדאָרבענער יונג נאָך בעפאָר דו האָסט מיט איהם געהייראַטהעט?

— דיין וואונדער איז געוויס ניט אומזיסט,—האָט זיא געזאָגט,—דעננאָך האָב איך מיך ניט צו בעשולדיגען אין דיעזער הייראַטה. אין דעם איז נאָר שולדיג מיינע זעליגע מוטער. איך בין נאָך געוועזען א קינד האָט זיא מיך פערבונדען מיט דיעזעם אונמענש... קוים וואָס איז מיר געוואָרען זעכצעהן יאָהר, האָט מען מיך שוין מיט איהם פערהייראַטהעט...

— און צו וואָס האָט דאָס דיינע מוטער געטהאָן?—האָט געפרעגט צארא־בעי,— געוויס איז זיא דאָך ניט געוועזען אזוי דום צו מאכען אזא קרומע פאַרטיע?

— בעהיטע גאָט!—האָט ליידי שטראַדפאָרדט אויסגעשריען,—מיין זעליגע מוטער איז געוועזען זעהר א קלוגע פרוי, אָבער איהר לעבען טרעפען אזעלכע אומשטענדע,

אזעלכע צייטען, וואָס דער מענש קען זיך אנדערש ניט בעגעהן און מוז האנדלען וויא דער גרעסטער נאר אין אזעלכע פעלע, וואו מן דארף גראדע זיין העכסט פאָרזיכטיג און פערשטענדיג. דאָס איז אין גרעסטען טהייל דיא אורזאכע פון דיא קרומע פארטיען וואָס ווערען אָפט געשלאָסען אין דער וועלט. אום דוא זאָלסט פערשטעהען מיין אונגליק, וועל איך דיר אין קורצען מיטטהיילען אלעס וויא עס איז צוגעגאנגען מיט מיין פארטיע; אָבער דאָ אין גאסט צימער איז ניט דער אָרט דערפון. איך וויל ניט עס זאָל ווער הערען א וואָרט ווענען דעם. אם בעסטען וואָלט געוועזען אין גאָרטען, אין אלטאנקע.

— זעהר גוט,—האָט איינגעשטימט צארא־בעי,—אין גאָרטען איז יעצט פיעל אנגענעהמער וויא היער אין צימער.

— זיי זיינען ביידע ארונטערגעגאנגען אין גאָרטען, דיא אלטאנקע איז געשטאַנען צווישען געדיכטע ביימער, וועלכע האָבען איהר געשיצט פון דער ברענענדען זון, זיי האָבען ביידע גענומען פלאַטץ אויף א ווייכע האלב רונדע זאָפקע, וואָס לעבען איהר איז געשטאנען א רונדער טיש, געגרייט מיט אלעם גוטען.

— מיין זעליגער פאָטער איז געוועזען דער רייכער מארקיז פון טוויקהאם,—אזוי האָט זיא אָנגעפאנגען צו רעדען,—איינער פון דער אלט־ענגלישען אריסטאָקראַטיע... קעניגין וויקטאָריא'ס מאן, פרינץ אלבערט, האָט איהם זעהר געליבט און פלעגט איהם אָפט לאדען צו זיין טיש. ליידער זיינען זיי ביידע אין איין מאָנאט געשטאָרבען, און ביידע פלוצלונג... ביידע וויטווען, דיא קעניגין וויקטאָריע און מיין מוטער, האָבען איינע דער אנדערער אויפ'ן הארצען געוויינט מיט הייסע טרעהרען און זיינען ביידע קראנק געוואָרען. דיא קעניגין איז מיט דער צייט געזונד געוואָרען, אָבער מיין מוטער איז שוין פון יענער צייט אָן פון בעט ניט אראָב. זיא איז קראנק געוועזען פיעל יאָהר; דעננאָך בין איך ערצויגען געוואָרען וויא א פירשטען טאָכטער, וואָרום מיין מוטער איז געוועזען גענוג רייך אין געלד און אין גיטער. דאָס לאנד הויז, אין וועלכעם מיר האָבען געוואָהנט, האָט אויך געהערט צו איהר; דאָס איז געוועזען א ירושה פון איהר פאָטער. מיט דער צייט איז זיא געוואָרען אזוי שוואך, דאָס זיא האָט פערלאָרען אלע האָפנונג אמאָל געזונד צו ווערען. דאן האָט זיא שטארק גענומען זאָרגען פיר מיך, פיר מיין גליק, האָט גענומען זוכען פיר מיך א תכלית און האָט בעשלאָסען פאר איהר טויט מיך צו פערהייראטהען מיט איינעם אָרענטליכען מאן.

איך בין דאן אלט געוועזען,—האָט ליידי שטראדפאָרדט נאָך איינער קליינען פאוזע ווייטער געזאָגט,—זעכצעהן יאָהר. דיא לעצטע צייט האָבען מיר געלעבט גאנץ איינזאם, אָבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. ערשטענס, האָבען מיר געוואָהנט זעהר נייט פון שטאָדט; צווייטענס, ליעבט דיא וועלט נאָר צו בעזוכען אזעלכע הייזער,

וואו עס איז אימער פרעהליך און מען קען האָבען פערגניגען, אָבער ניט אזעלכע וואו עס איז דאָ א קראנקער וואָס אָכצט און עכצט אויף זיין בעט. אין דער גאנצער צייט פון איהרער לאנג דויערנדען קראנקהייט האָט איהר דיא קעניגין נאָר צוויי מאָל בעזוכט, מעהר ניט. אלע איבריגע איהרע פריינדע און בעקאנטע האָבען איהר פערגעסען אזוי וויא זיא וואָלט שוין לאנג געוועזען געשטאָרבען, נאָר איינער איז געוועזען פון זיי אן אויסנאהמע, איינער איז צו מיינעם אונגליק ניט געוועזען גלייך צו אלע איבריגע. דיעזער איינער איז געוועזען אדמיראל שטראַדפאָרדט, איין אלטער בעקאנטער וואָס פלעגט גאנץ אָפט בעזוכען מיין זעליגען פאָטער. אין יענער צייט איז ער נאָך ווירקליך געוועזען איין אדמיראל, דער צו נאָך א פרעהליכער יונג וואָס האָט ליעב צו לעבען. מיינע עלטערן זיינען צו איהם געוועזען גוט גענייגט. נאָך מיין פאָטערס טויט איז ער א צייט ביי אונז ניט געוועזען און מיין מוטער האָט איהם כמעט אין גאנצען פערגעסען.. נאָר וויא ער האָט ערפאהרען, דאָס מיין מוטער ליעגט קראנק און דאָס אלע פריינד און בעקאנטע האָבען איהר פערלאָזען, האָט ער זיך דערמאָהנט זיין אלטע פריינדשאפט צו מיין זעליגען פאָטער און האָט אונז ווידער אָנגעפאנגען צו בעזוכען. מיין מוטער איז איהם זעהר דאנקבאר געווען, ווארום מיט זיינע פרעהליכע ערצעהלונגען, מיט זיינע וויטצען האָט ער איהר עטוואָס אויפגעמונטערט, עטוואָס ליכטיגער געמאכט איהרע פינסטערע לאגע. וואָס ווייטער, האָבען מיר, איך און מיין מוטער, זיך צו איהם מעהר צוגעבונדען, מיר פלעגען איהם אָפט לאדען צום טיש, אָפט זיך האלטען עצות מיט איהם אין הויזליכע אינטערעסען. מיט איינעם וואָרט, ער איז געוואָרען אונזער הויז פריינד, וואָרום מיר האָבען געגלויבט, דאָס ער איז נאָך דערזעלבער עהרליכער מאן, דערזעלבער רייכער אדמיראל וויא ער איז אמאָל געוועזען, אָדער וויא ער האָט אמאָל אויסגעזעהען, צום אונגליק האָבען מיר זיך אין איהם שרעקליך גענארט; ער איז שוין דאמאָלס, ביי מיין פאָטערס לעבען, אויך געוועזען העכסט פערדאָרבען, אויסגעלאסען און פערזונקען אין שולדען. נאָר דאמאָלס האָט ער זיך נאָך וויא עס איז געהאלטען אויף זיין שטעלע, אָבוואָהל ער האָט פערלאָרן אין גאנצען די גונסט פון פיעל פאָרנעהמע לייט, אזוי וויא אויך פון מיינעם זעליגען פאָטער.. אָבער נאָך מיין פאָטערס טויט, האָט ער פערלאָרען דאָס לעצטע עהרען געפיהל, איז געוואָרען א שענדליכער טרינקער און א קאָרטען שפיעלער; עס האָט נאטירליך פיעל ניט געדויערט און ער האָט פערלאָרען זיין קעניגליכען דיענסט און צו גלייך דיא פריינדשאפט און בעקאנטשאפט פון אלע גוטע לייטע. יעצט האָט ער זיך צוגעקליעבען אנדערע פריינדע, אזעלכע פערדאָרבענע אויסגעלאסענע יונגען וויא ער זעלבסט, מענשען פון רייכע אריסטאָקראטישע פאמיליען, וואָס האָבען זיך אריינגעלאָזען אין טרינקען און אין קאָרטען, און האָבען אויסגעבראכט אויף דעם גרויסע פערמעגענס. פון אלעס

דיעזעם האָב איך און מיין מוטער דאָס מינדעסטע ניט געוואוסט. דיא גאנצע צייט פון מיין מוטער'ס קראנקהייט האָבען מיר געלעבט אָבגעזונדערט פון דער וועלט, אזוי וויא איך האָב דיר שוין פריהער געזאָגט, קיינער פלעגט צו אונז ניט קומען און מיר פלעגען געוויס אין אירגענדס ניט געהן, צוליעב דעם האָבען מיר ניט געוואוסט פון קיינער זאך וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער ווייסער וועלט. אלזאָ, האָבען מיר אויך ניט געוואוסט, וויא וויים דער אדמיראל האָט זיך אין דיעזער צייט געענדערט, אזוי וואָלטען מיר איהם אויף דיא שוועלע ניט ארויפגעלאָזען... אָבער אזוי וויא מיר האָבען איהם געהאלטען פיר איין עהרליכען מאן, האָבען מיר גערעכענט פון איהם פיר א גרויסע טובה, וואָס ער געהט צו אונז אין דער צייט, ווען אלע האָבען אונז פערגעסען.

אין אמת אָבער האָט ער נאָר געמיינט זיין אייגענע טובה. ער האָט אונז געקענט פון לאנג אָן פיר מענשען וועלכע עס איז גאנץ לייכט ארייאנצונארען אין זאק, און ער האָט געוואָרפען איין אויג אויף מיך און מיין פערמעגען. דיא הויפט זאכע האָט ער זיך גענעטהיגט אין מיין פערמעגען, אום צו קענען צופריעדען שטעלען זיינע שענדליכע ליידענשאפטען, וועלכע פאָדערן וואָס מעהר געלד. אום צו ערדייכען זיין ציעל, האָט ער ניט געברויכט ניט קיין פערמיטלער און שדכנים, ניט קיין געשענקע, וויא עס פיהרט זיך געוועהנליך, נאָר ליגען, ליסט און אויסגעטראכטע „חד־גדיא'ס": יעדעס מאָל וויא ער פלעגט ביי אונז זיין, און ער פלעגט זיין ביי אונז טעגליך, פלעגט ער ערצעהלען געשיכטעס פון אריסטאָקראטישע יונגע לייט, וואָס ווייסען ניט וויא צו בענוטצען זייער רייכטהום, וואָס פיהרען זיך אויף גאנץ שלעכט, זיינען גרויסע פער־שווענדער און מאכען אונגליקליך דיא אונשולדיגע מעדכען מיט וועלכע זיי הייראטהען. אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט צו ערצעהלען וויא שלעכט ווידער דיא ענג־לישע אריסטאָקראטען ערציהען זייערע טעכטער, וועלכע ווערען געוואָהנט פון קינד־הייט אָן צו דיא טהייערסטע פערגניגונגען, צום לוקסוס, צום לעבען איבער'ן פערמעגען, דאָס איז געפעהרליך פיר דעם וואָס האָט פיינד צו שווינדלען, צו הייראטהען מיט א טאָכטער פון דיעזע קלאסע. דערביי פלעגט ער געבען אָנצוהערען, דאָס אין דעם איז געמליך דיא איינציגע אורזאכע, וואָס ער האָט נאָך ביז אהער ניט געהייראטהעט; ער איז א מענש וואָס ליעבט צו געהן מיט'ן גראדען וועג און דעריבער האָט ער פורכט געהאט זיך צו פערבינדען מיט א מעדכען פון אן אריסטאָקראטישען הויז.

— אזעלכע געשפרעכע פלעגט ער פיהרען מיט מיין מוטער גאנץ אָפט און האָט אויסגעפיהרט וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געמאכט אויף איהר שוואכען געמיטה אזא גרויסען איינדרוק, דאָס זיא איז פון טאָג אָן געוואָרען מעהר בעזאָרגט וועגען מיך, איך זאָל נאָך איהר טויט ניט ארייגפאלען אין דיא הענד צו איינעם אונווירדיגען מאן, און צו גלייך איז ביי מיר געבליעבען, דאָס קיין בעסערע פארטיע וויא דיעזער אדמי־

ראַל קען פיר מיך ניט זיין. ענדליך, ווי זי איז אַמאָל געוואָרען זעהר שוואַך און זי האָט געמיינט, דאָס עס איז שוין געקומען פיר איהר די צייט צו שטאַרבען, האָט זי איהם זעלבסט אָנגעמוטהעט ער זאָל הייראַטהען מיט מיר, האָט איהם זאָגאַר שטאַרק געבעטען ער זאָל איהר טהאָן די געפעליגקייט אום זי זאָל קענען רוהיג שטאַרבען. דער פאַלשער יונג, וואָס האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט אַ געשעפט, האָט געבעטען עטליכע טעג זיך צו בעדענקען. מיין מוטער האָט אָבער ניט געקענט וואַרטען, זי האָט יעדע מינוט גערעכענט אַז זי שטאַרבט שוין, דעריבער האָט זי איהם שטאַרקער געבעטען, האָט איהם איינגערעדט, דאָס׳נאָך אַ פרוי ווי איך איז זעלטען צו בעגעגנען און ער האָט זיך געלאָזט איינריידען... מיט מיר האָט זי נאַטירליך וועניגער מיהע געהאַט, איהר ווילען איז אימער ביי מיר געוועזען הייליג, בפרט יעצט וואָס זי איז געלעגען אויף אַ טויטען בעט, דערצו בין איך דאַמאָלס געוועזען אַ קינד פון זעכצעהן יאָהר און האָב נאָך זעהר ווייניג פערשטאַנען די וועלט. מיט איינעם וואָרט איך האָב איינגעוויליגט, אָבוואָהל ער איז געוועזען מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך. אין דעמזעלבען טאָג איז געוועזען אונזערע פערלאָבונג (תנאים) און אין עטליכע טעג ארום די האָכצייט (חתונה).

— עס האָט אָבער אויך ניט פיעל געדויערט ביז מיר האָבען זיך ארומגעזעהן, דאָס מיר האָבען געטהאָן אַ גרויסען פעהלער. אין אַ קורצע צייט ארום האָבען מיר זיך דערוואוסט פון גוטע לייט, וואָס פיר אַ פערדאָרבענער יונג מיין מאַן איז, און מיר האָבען געהאַט גענוג געלעגענהייט אַליין אויך דאָס איינצוזעהען. דיעזער אומשטאַנד האָט פערקירצט די טויט־מאַטערנים פון מיין מוטער. זי איז געשטאָרבען, און איך, שוואַכעס און יונגעס קינד, בין געבליבען אין די לאַפּעס פון אַ ווילדע טהיער. טאָג טעגליך פלעגט ער קומען אַהיים שיכור ווי לוט; יעדע שטונדע איז פאָרגעקומען מיט איהם איין אַנדער סקאַנדאַל און גאַנץ אָפט פלעגט מען איהם לאַדען צום געריכט. מיין פערמעגען האָט ער זיך בעמיהעט אויסצוברענגען וואָס שנעלער. דערצו האָב איך מיך נאָך איבערצייגט, דאָס ער ליעבט מיך ניט און האָט מיך קיינמאָל ניט געליעבט, דאָס ער האָט נאָר געציעלט אויף מיין געלד און ניט מעהר...

— ביי דיעזע אומשטענדען האָב איך נאָר געקענט טהאָן איין זאַך, נעמליך, זיך ערווייטערן פון איהם און ניט האָבען מיט איהם קיינע געשעפטען, קיינע אויפטראַגע. דאָס איז מיר אָבער ניט לייכט אָנגעקומען. אַ יאָהר, אַ גאַנצען רונדען יאָהר, האָב איך געמוזט זיין מיט איהם אין איינער וואָהנונג, און עס איז מיר געוועזען אַזוי ווי צו וואָהנען אין איינעם שטייגע מיט אַ ווילדען טהיער. ענדליך, האָט ער פערשוועגדעט דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל, וואָס איך האָב איהם געגעבען אין דעם טאָג פון האָכצייט און ער איז געקומען צו מיר בעטען נאָך געלד. דאַן האָב איך מיך בענוצט מיט דיעזען

אומשטאַנד און האָב איהם א גראָשען ניט געגעבען, ביז ער האָט מיר ארויסגעגעבען א פאָרמעלען דאָקומענט, דאָס ער האָט בעקומען פון מיר דריי טויזענד פונט שטערלינג מיט דעם תנאי, ער זאָל דיא מינוט ארויסציהען פון מיינער וואָהנונג און זאָל מיך קיין מאָל ניט צווינגען מיט איהם ווידער צוזאמען צוקומען. ער האָט עס מיר זעהר גערנע געטהאָן, אום נאָר צו בעקומען פון מיר דאָס געלד. ער האָט געהאַלטען וואָרט און איז אין דעמזעלבען טאָג פון מיר אוועקגעגאנגען. דאמאָלס האָב איך אָנגעפאנגען פרייער צו אטהמען און צו גלייך האָב איך גענומען איין אדוואָקאט וואָס האָט מיר אויסגע־ווירקט אין קאָנסיסטאָריום, דאָס איך מעג הייראטהען מיט איינעם אנדערען.

— ביז אהער האָב איך דעננאָך מיך ניט בענוצט מיט דיעזעם רעכטע, אָבוואָהל פיעלע פאָרנעהמע לייטע האָבען מיר פאָרגעשלאָגען איך זאָל מיט זיי הייראטהען. איך האָב מיך בעשלאָסען צו ווארטען, ביז איך וועל בעקומען א פאָרמעלען גט, אום דער ניעדערטרעכטיגער מאַן זאָל מיר שוין ניט קענען מאכען קיין סקאנדאלען און זאָל ניט קענען זאָגען פאר דער גאנצער וועלט, דאָס איך האָב מיך פערהייראטהעט מיט איינעם אנדערען אין דער צייט וואָס איך בין נאָך פערבונדען מיט איהם. פון אונזער קאָנסיסטאָריום לאכט ער זיך אויס; ער זאָגט פאר אלעמען, דאָס איך בין נאָך זיין פרוי און ער לאָזט מיך ניט רוהען. ווען ער איז נאָר דאָ אין לאָנדאָן, קומט ער צו מיר וויא ער וואָלט נאָך ווירקליך געוועזען מיין מאַן, פרעסט און זויפט ביי מיר און רייסט אוים וויפיעל ער קען געלד. מעהר פון אלעם ליידע איך פון זיינער גראָבהייט, פון זיינער ווילדען אייפערזוכט, אזוי וויא ער וואָלט נאָך האָבען דאָס מינדעסטע רעכט אויף מיינע ליעבע, ער איז א בלוט־פיינד יעדען וואָס קומט אמאָל אריין צו מיר. מיט פיעלע האָט ער זיך שוין געשלאָגען אויף דועללען...

— אום פון איהם צו אנטלויפען, האָב איך אָפט געמוזט אָברייזען פון לאָנדאָן נאָך פאריז, וויען, בערלין, קאָנסטאנטינאָפאל. אין אלע דיעזע שטאָדט האָב איך גע־פיהרט בעקאנטשאפט מיט אונזערען געזאנדטען מיניסטאָרען און קאָנזולען, צו וועלכען עס האָט מיר קיין מאָהל ניט געפעהלט קיין רעקאָמענדאציאָנס בריעף. דורך דיא ענג־לישע מיניסטאָרען בין איך בעקאנט געוואָרען מיט פיעל פאָרנעהמע אויסלענדער, פון וועלכע איך האָב אימער געוואוסט אלע וויכטיגע פאָליטישע געהיימניסע. מיט דער צייט האָב איך זעלבסט אָנגעפאנגען זיך בעשעפטיגען מיט פאָליטיק און בין געוואָרען איין וואהרע דיפּלאָמאטין...

ביי איהרע לעצטע ווערטער איז געוואָרען צווישען דיא בוימער א גערויש פון טריט, אזוי וויא איינער וואָלט אָנקומען. ליידי שטראַדפאָרדט האָט זיך זעהר ער־שראָקען.

— מיין גאָט! — האָט זיא אויסגעשריען, — מען געהט אהער... דאָס הער!

זאָגט מיר, דאָס ער איז דאָס, דער גוטער אדמיראל, יא, יא, איך דערקען שוין זיין הוסטען.

— און ווען אויך ער, וואָס איז? — האָט זיך אָבגערופען צארא־בעי, — דו ביזט דאָך ניט אליין, און איך בין ניט קיין שרעקעדיגער...

— גראדע דאָס וואָס איך בין ניט אליין מאכט מיך אונרוהיג; איך האָב פורכט עס זאָל ניט ארויס א גרויסער סקאנדאל... איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, דאָס ער איז שרעקליך אייפערזיכטיג און דערצו א גרויסער גראָביאן, אם בעסטען איז, דו זאָלסט אוועקגעהען בעפאָר ער וועט דיך דערזעהען... בעהאלט דיך דאָ אונטער יענע בוימער. . .

— ניין! — האָט געענטפערט צארא־בעי, — איך בין ניט דער מענש וואָס בעהאלט זיך פאר דעם פיינד.

צארא־בעי האָט בעסער פאַרגעלייגט, זיא זאָל ארויסגעהען און איהם לאָזען אליין, אום זיא זאָל ניט זיין דערביי ווייא דער אדמיראל וועט זיך מיט איהם בעגעגענען. זיא האָט זיך אָבער אויך אזוי שנעל ניט גערירט פון אָרט און דערווייל איז אָנגעקומען דער אדמיראל. ווייא ער האָט דערזעהען לעבען זיין פרוי דעם טירקישען אָפיציער, איז ער געוואָרען אויפגעברענט פון כעס און איז ארויפגעפאלען אויף ביידען מיט דיא ניעדריגסטע זידעל־ווערטער.

— אהא! דו ביזט שוין ווידער ביי מיר אין דיא הענד! — האָט ער זיך געווענדט צו צארא־בעי, — יעצט וועסט דו שוין פון מיר ניט אנטלויפען ווייא דאָרמען אין דער טאווערנע... דיין גליק איז נאָר וואָס עס פאסט מיר ניט, וואָס איך שאָהן מיין עהרע, ווען ניט דאָס, וואָלט איך דיך גלייך דאָ אויף'ן אָרט דערשאָסען, ווייא א משוגענעם הונד. מיר פאסט עס אָבער ניט, אבוואָהל דו האָסט דאָס פערדיענט. איך וויל מיך בעסער אָברעכענען מיט דיר אויף איין דועל, ווייא איין עהרען מאַן, דו דאַרפסט מיר זיין דאנקבאר פיר דיעזע עהרע...

— איין עהרע, זאָגסט דו? — האָט זיך צארא־בעי אָבגערופען מיט א געלעכטער, — פיר דיר פיעלייכט אָבער ניט פיר מיר... איין עהרע צו געהען אויף א דועל מיט איינעם וואָס האָט זיך שוין פיעל מאָל געשלאָגען מיט געמיינע מאטראָזען און מיט גאס יונגען... דאָך שטעה איך ניט אָב פון א דועל, ווארום איך וויל בעפרייען דיעזע דאמע פון דיא שמערצען וואָס דוא מאכסט איהר אָן, אבוואָהל, ווייא איך ווייס, דו ביזט שוין לאנג ניט איהר מאַן; צווייטענס, וויל איך בעפרייען דיא וועלט פון א שעדליכען מענשען ווייא דו.

זיי האָבען לאנג איינער מיט דעם אנדערן געצאנקט, ווער פון זיי עס מאכט דעם אנדערן עהרע, ענדליך, האָבען זיי אָבגערעדט צווישען זיך אלעס וואָס בעלאנגט

צום דועל, האָבען בעשטימט, וואו און אין וועלכער צייט זיך צו שלאָגען, מיט וועלכע וואָפען און זיינען פון איינאנדער נעגאנגען.

אויף מאָרגען אום צעהן אוהר אין דער פריה איז דער דועל געשעהען, וויא מען האָט אבגערעדט, אין איין אָבגעלעגענעם גאָרטען אונטער דער שטאָדט. זיי האָבען זיך געשאָסען מיט רעוואָלווערען. דער אדמיראל איז געווען שטערבליך פערוואונדעט, צארא־בעי האָט אויך בעקומען א געפעהרליכע וואונד, אָבער ניט קיין שטערבליכע. דעם אדמיראל האָט מען גלייך פון דועל אוועקגעטראָגען אין האָספיטאל, צארא־בעי האָט מען אָבגעפיהרט צו איהם אויף'ן קווארטיר.

95.

דיא פרינצעסין ראָשאנע'ס בעפעהל.

עס איז נאָך ניט דאָ אויף דער וועלט א פיינדשאפט, וואָס דיא צייט זאָל אויף איהר ניט ווירקען; וויא שטארק דיא פיינדשאפט זאָל זיין, ווערט זיא מיט דער צייט שוואכער און שוואכער, ביז וואנען זיא הערט גאָר אויף. אָבער מיט אייפערזוכט איז דיא זאַך גאנץ אנדערס. אויף איהר מאכט דיא צייט קיין ווירקונג, זיא בלייבט אימער אזוי שטארק און בייז וויא אין אָנפאנג. אזוי איז אויך געווען מיט ראָשאנע.

אָבוואָהל עס איז שוין אוועק א היבשע צייט, אָבוואָהל רעציע איז געווען העכסט אונגליקליך, האָט זיך נאָך דיא פיינדשאפט פון ראָשאנע צו איהר ניט גע־שטילט און אפילו ניט געמינדערט. סאדי איז געווען פעראורטהיילט צום טוידט. קיין רעטונג איז פיר איהם ניט געווען. אום צו פערזיכערען רעציע'ן לעבענסמיטעל, האָט ער אָבגעשריעבען פיר איהר זיין גאנצעס פערמעגען. דערצו האָט ער איהר געבעטען, זיא זאָל אָנווענדען אלע קרעפטען אויפצוזוכען זייער קינד און זיא זאָל איהם וויא געהעריג ערציהען. וויא ראָשאנע האָט דאָס דערהערט, האָט זיא זיך בעשלאָסען אין דיזער אָקאזיע זיך נוקם צו זיין אָן רעציע'ן. זיא האָט גלייך בעפאָהלען איהר דינערין עסמא זיא זאָל געהען צו פאטימע'ן, וואָס איז געווען ראָשאנע'ס גערטנערין, און אָבנעהמען פון איהר דאָס פרעמדע קינד, וואָס ראָשאנע האָט מיט א צייט פריהער איבערגעגעבען צו איהר אין דיא הענט, זיא זאָל אויף איהם אכטונג געבען. (דיזעס קינד איז געווען רעציע'ס און סאדי'ס). יעצט האָט ראָשאנע געפאָדערט דאָס קינד צו זיך.

עסמא, וואָס איז פון נאטור געווען א גוטע, האָט זעהר ליעב געהאט דאָס עלענדע קינד, צו וועלכען זיא איז שוין צוגעוואָהנט געוואָרען. נאָך מעהר האָבען עס געליעבט פאטימע מיט איהר מאן, וועלכע האָבען קיין אייגענע קינדער ניט געהאט און האָבען זיך צוגעבונדען צום פרעמדען קינד אזוי וויא צו איין אייגענעם. ראָשאנע'ס בעפעהל האָט זיי אלעמען דעריבער געמאכט טרויעריג: דאָס הארץ האָט זיי געזאָגט,

דאָס זיי וועלען שוין מעהר דיעזעס קינד ניט זעהען. און דאָס קינד איז געווען זעהר שעהן און געראָטהען... עס האָט אָבער אנדערס ניט געקאָנט זיין, איין מאָל האָט די פּרינצעסין, דיא געוועלטיגערין בעפאָהלען, האָט מען געמוזט ערפילען. וויא עס האָט פאַטימע'ן וועה געטהאָן דאָס הערץ, האָט זיא דאָך געמוזט אָבגעבען דאָס קינד עסמא'ן, וועלכע האָט איהם גלייך ארויפגעטראָגען צו ראָשאַנע'ן. פאַטימע איז געבליבען לעבען דיא טרעפּ ווארטען, ביז עסמא וועט צוריק אראָבגעהן, אום צו הערען פון איהר וואָס דיא פּרינצעסין האָט געמאכט מיט דעם אונגליקליכען קינד.

פאטימע האָט געווארט א האלבע שטונדע, וואָס ביי איהר אין דיא אויגען איז געווען אזוי לאנג וויא א האלב יאָהר. ענדליך האָט זיך אויף דיא טרעפּ וויעדער בע־וויזען עסמא און נאָך מיט דעם קינד אויף דיא הענד. פאַטימע האָט כמעט אָנגעפאנגען פון פריידע צו טאנצען. איהר פרייד האָט אָבער לאנג ניט געדויערט. וויא זיא האָט געוואָלט פון עסמא'ן צוריקנעהמען דאָס קינד צו זיך, האָט זיא איהר ניט געגעבען.

— ניין, פאַטימע, — האָט זיא איהר מיט וויינענדיגע אויגען געזאָגט, — דאָס קינד וועט שוין ביי דיר ניט זיין.

— ווארום ? — האָט פאַטימע געפרעגט, — געפעלט איהר דען ניט וויא איך ערציהע עס ?

— ניין, האָט געענטפערט עסמא, — גראדע פערקעהרט, זיא האָט זיך גע־וואונדערט, וויא ריין און גוט דו האלסט איהם, זיא האָט געזאָגט, עס איז זעהר א שעהנעס און געראָטענעס קינד. זיא האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט, און פון דעסט־וועגען האָט זיא בעדויערט וואָס דו האָסט דיין מיהע בעסער ניט אָבגעליינט פיר איין אנדער עלענדעס קינד, פון וועלכען עס קען מיט דער צייט ארויסוואקסען א נוטציגער מענש. . .

— און ווארום קען פון איהם ניט ארויסוואקסען א נוטציגער מאן ? וואָס פיר א פעהלער האָט זיא ביי איהם געפונען ?

— זיא האָט קיין פעהלער ביי איהם ניט בעמערקט ; פערקעהרט, זיא האָט זיך ניט געקאָנט צו זאט אויף איהם אָנקוקען. זיין איינציגער פעהלער איז, וואָס ער זעהט אויס וויא צוויי טראָפּפען וואסער וויא זיין אונגליקליכער פאָטער סאדי... וואָס איז א מאָל געווען אונזער פּרינצעסין'ס געליעבטער און האָט דערנאָך געהייראטהעט מיט אלמאנזאר'ס טאָכטער רעציע... ניין, האָט דיא פּרינצעסין מיר געזאָגט, איך קאָן איהר דיעזע פרייד ניט פערגינען... זיא זאָל האָבען ביי זיך דאָס בילד פון סאדי'ן, פון מיינעם אמאָליגען געליעבטען ? זיא זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו טרייסטען ? ניין ! ניין ! דאָס קאָן איך ניט צולאָזען ! זייער קינד מוז שטארבען ! איך בעפעהל דיר, עסמא, דאָס ניט שפּעטער וויא אין דיעזען אבענד זאָלסט דו מאכען מיט איהם א סוף

און אריינגעוואָרפען עס אין וואַסער!... ניט אנדערש... אזוי האָט זיא געזאָגט און האָט אליין אָנגעטהאָן דעם קינד אויף'ן האלז א געלבען זיידען שנירעל, איך זאָל איהם געהן גלייך דערווערגען מיט דיעזען שנירעל... „אויב דו וועסט אויף דער שטעלע מיין בעפעהל ניט ערפילען, האָט זיא מיר געזאָגט וועסט דו מיר בעצאָהלען מיט דיין אייגענעם לעבען"! . . .

פאַטימע איז קוים געבליעבען שטעהען אויף די פיס. די פרינצעסין זאָל זיין אזוי טיראַניש, האָט זיא קיין מאָל ניט גערעכענט.

— און דו גלויבסט, עסמא, דאָס זיא וועט ווירקליך זיין אזוי טיראַניש און וועט דיך הייסען טוידטען, אויב דו וועסט לאָזען לעבען דאָס קינד? עס קאָן אין דער וועלט ניט זיין, זיא האָט דאָס נאָר געזאָגט פון אייפערזוכט, פון פערדרוס, וואָס סאדי האָט געהייראַטהעט מיט רעציע'ן און ניט מיט איהר. איך קען די פרינצעסין פון לאנג אָן. אז עס פאַלט אויף איהר ארויף אייפערזוכט, ווערט זיא בייז וויא א ווילדעס טהיר, אָבער, וויא עס געהט איהר אָב דאָס הערץ, איז זיא גוט און ווייך וויא א טויב... פאָלג מיך, עסמא, לאָז דאָס קינד לעבען; דערנאָך וועט זיא דיר נאָך אליין דאנקען דערפאַר.

— ניין, ליעבע פאַטימע, איך קען די פרינצעסין פיעל מעהר וויא דו. איך בין איהרע א געבאָרענע שקלאַפין, און פון צוועלף יאָהר אָן בין איך איהר קאַמער־מעדכען, אָבער דו ביזט א געדוננגענע און ניט לאנג אָנגעקומען צו איהר, דו האָסט כמעט מיט איהר קיין מאָל ניט געשפּראָכען און ווייסט נאָר וואָס אנדערע האָבען דיר געזאָגט וועגען איהר. אָבער איך זאָג דיר, דאָס זיא איז פון נאַטור א טיראַנין; טוידטען א מענשען איז ביי איהר נאָר א קלייניגקייט... ווען זיא ווייזט א מאָל אוים גוט און ווייכהערציג, איז דאָס מעהר ניט וויא געמאַכט, ווייל זיא וויל מען זאָל איהר האַלטען פיר א גוט מענש. אין אמת אָבער איז זיא א שרעקליכע טיראַנין. אונטער די צעהן יאָהר וואָס איך בין איהר קאַמער־מעדכען, האָט זיא אומגעבראַכט פון דער וועלט, דורך פערשיעדענע טוידט־שטראַפען, א האַלבעס דוצענד שקלאַפינען און א גאַנצעס דוצענד שקלאַפען!... און פרעג: פיר וואָס? געוויס וועט זיא מיר אויך ניט שאָהנען... און אויב דיין לעבען איז דיר ליעב, פאַטימע, האַלט מיך ניט אָב... עס קאָן זיין, פּיס־קאַלען, שפּיאָנען האָבען שוין בעמערקט און זיך איינגעהאָרכט אין אונזער געשפּרעך... דאָס איינגעל איז מיר אזוי טהייער וויא דיר, אָבער וואָס קאָן איך מאַכען... אויב איך וועל ניט ערפילען פינקטליך דעם בעפעהל, וועט דאָס איין אנדערער טהאָן און דערצו וועל איך נאָך מיין אייגענעם קאָפּ אויך פערליערען... אלזא, פאַטימע, בעוויין דאָס קינד אין דער שטיל, אָהן ליארם... דאָס זעלבע וועל איך אויך טהאָן, אָבער האַלט מיך

ניט אָב, לאָז מיך געהען ערפילען די פּרינצעסין'ס בעפעהל... וועה צו מיר, דאָס איך מוז ווערען זיין מלאך־המות!

פּאטימע האָט צום לעצטען מאָל א בליק געגעבען אויף דאָס אונגליקליכע קינד, האָט איהם אויסגעקוסט די גליעדער און איז אוועק אהיים מיט א צובראָכען הארץ ווי א מוטער, וועלכער מען האָט מיט געוואַלט ארויסגעריסען איהר איינציגעס קינד און אָבגעפיהרט אין שלאכט־הויז...

עסמא, איז ווייענדיג אוועקגעגאנגען מיט דעם אונגליקליכען קינד צום ברעג פון ים. קומענדיג צום וואסער, האָט זי אָנגעפאנגען צו קווינקלען, צו זי זאָל איהם ווירקליך דערווערגען צו ניין. זי האָט אפילו געהאט גרויס פורכט פאר דער פּרינצעסין; עס האָט זיך איהר גיט געוואָלט פערליערען איהר אייגענעם קאָפּ, אָבער זי האָט אויך פורכט געהאט צו טהאָן אזא מערדעריי. עטליכע מינוט איז זי אזוי געשטאנען לעבען וואסער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, ווי זיך צו בעשליסען. ענדליך האָט זי דערזעהען א קליין שיפעל צוגעבונדען צום ברעג, און עס איז ביי איהר געבליעבען, זי זאָל דאָס קינד ניט דערווערגען, אָבער אריינלייגען א לעבעדיגעס אין שיפעל און אוועקלאָזען מיט'ן וואסער. אזוי האָט זי ווירקליך געטהאָן. ווי דאָס קינד איז שוין געלעגען אין שיפעל, האָט זי די שיפעל אָבגעבונדען און אריינגעשטויסען ווייט אין וואסער. זי האָט געווארט ביז דאָס שיפעל איז פערשוואונדען געוואָרען פון די אויגען.

96.

די בעפּרייאונג.

אזוי ווי אונזערע לעזער געדענקען, האָט דער פּרינץ יוסוף פערשפּראָכען רעציע'ן אויסצואווירקען סאדי'ס בעפּרייאונג. ער האָט איהר פערשפּראָכען אין קורצען צו געבען איין אנטוואָרט, אָבער צוגלייך האָט ער איהר פאָרגעלייגט, זי זאָל זיך מעהר ניט אומקעהרען אין קאדידזע'ס הויז, וואוהין עס פּאסט ניט פיר איהם אריינצוקומען און וואו זי וועט דאָך יעצט זיין איינע אליין, ווארום סיררא איז דאָך פערבליעבען אין סעראסקיר־טהורם". ער האָט איהר געראטהען זי זאָל זיך בעסער בעזעצען אין סאדי'ס פּריוואט־וואָהנונג. זי האָט איהם געפאָלגט, און פּרינץ יוסוף אליין האָט איהר אהין אָבגעפיהרט. דער פערוואלטער האָט איהר בעגעגענט מיט דער גרעסטער עהרע און זי האָט אויסגעקליעבען פיר זיך א צימער וואו זי איז שוין פערבליעבען. דער פּרינץ האָט זיך זעהר פריינדליך מיט איהר געשיידט, האָט איהר נאָך א מאָל פערשפּראָכען צו טהאָן וואָס עס וועט נאָר מעגליך זיין פיר סאדי'ן און וואָס שנעלער, ווארום די צייט איז שוין קורץ.

דעם פּרינץ האָט זיך שטארק געוואָלט רעטען סאדי'ן. דעריבער איז ער קומענ־

דינ אהיים געווען זעהר פערזאָרגט און פערקימערט. פאר דער האנד איז קיין אנדער וועג ניט געווען איהם צו רעטען וויא צו געהען בעטען פיר איהם דעם נייעם סולטאן, אָבער גראדע דאָס איז פיר איהם געווען שטארק אונאנגענעהם. ערשט האָט מוראד איהם אליין בעפרייט און צוליעב איהם אויך זיין פריינד האסאן און געה איהם שוין וויעדער בעטען פיר איין אנדערן. דאָס האָט דער פרינץ גערנע געוואָלט אויסמיידען. אָבער וויא אנדערש קאָן ער איהם רעטען? ער איז א צייט ארומגעגאנגען ביי זיך אין צימער הין און הער, פערטיעפט אין געדאנקען וועגען דעם וואָס ער זאָל דאָ טהאָן.

דער סולטאן מוראד דער פינפטער האָט אין יענער צייט געוואָהנט אין זיין זומער־וואָהנונג. ער איז אויף זיין טראָהן דורכאויס ניט געווען אזוי גליקליך, וויא עס האָט זיך איהם פריהער געדאכט. אין דער רעגיערונג האָט ער קיין דעה ניט געהאט; דיא מיניסטאָרען און גרויס וועזירען האָבען געטהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט, און ביי איהם ניט געפרעגט. ער האָט געמוזט שווייגען און אונטערשרייבען זיין נאָמען אויף יעדען פאפיער, וואָס זיי האָבען איהם דערלאנגט. זיי האָבען דאָך איהם ארויפ־געזעצט אויף'ן טראָהן, און זאָל ער נעהמען געהען געגען זיי, וועלען זיי מאכען מיט איהם דאָס זעלבע וואָס זיי האָבען געמאכט מיט אבדול־אזיס... ער האָט אפילו אין דער שטיל ביסלעכווייז אָנגעפאנגען זיך ארומרינגלען מיט טיכטיגע און עהרליכע לייט; איינינגע פון זיי זיינען געווען טרייע פריינד פון דעם פאָריגען סולטאן, אָבער, אין דער לעצטער שורה איז איהם ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. זיין גאנצער פערגניגען איז נאָר געווען אין זיין הויזליכען לעבען. ער איז געווען זעהר א גוטער און א דעליקאטער מאן פון דער נאטור, און אלע אין הויז האָבען איהם געליעבט.

דעם גרעסטען פערגניגען האָט ער געהאט פון זיין איינציגען זוהן סאלאדין (וואָס איז א מאָל געווען ביי רעציע'ן). ער איז שוין אלט געווען פיערצעהן יאָהר, זעהר שעהן, קלוג און געבילדעט. מוראד האָט איהם זעהר ליעב געהאט, האָט זיך קיין מאָל ניט געקאָנט זאט אָנקוקען אויף איהם, פלעגט אָפט פערברייגען מיט איהם זיינע לייזינע שטונדען און אין דיעזע געשפרעכען פלעגט ער פערגעסען אָן אלע זיינע צרות. סאלאדין איז געווען דיא איינציגע נחמה פון אלע זיינע ליידען. דערפאר איז ער אָבער ביי איהם טהייער געווען וויא דיא אויגען אין קאָפּ. מוראד האָט נאָך גע־ווארט, ער זאָל ביי איהם עטוואָס בעטען, עס איז ביי איהם געווען דער גרעסטער פערגניגען איהם צופרידען צו שטעלען. סאלאדין איז אָבער געווען אזוי פערשטענדיג און בעשיידען, דאָס ער פלעגט גאנץ זעלטען בעאונרוהיגען זיין פאָטער מיט ביטטען, און דער פאָטער פלעגט איהם וויא פיעל מאָל פאָרלייגען, ער זאָל איהם זאָגען וואָס ער פערלאנגט נאָר, און עס וועט אלעם ערפילט ווערען.

גראדע אין דעם טאָג וואָס דער פרינץ יוסוף האָט זיך בעגעגענט מיט רעציע'ן

און האָט אָנגעפאנגען צו זוכען א מיטעל וויא צו רעטען סאדי'ן, גראדע אין דעם זעלבען טאָג וואָס האָט בעדארפט בעשטימט ווערען סאדי'ס שיקזאל אין „סעראסקיר־טהורם“ אויף לעבען אָדער טוידט, איז געוועזן סאלאדין'ס געבורטס־טאָג, מוראד איז געוועזן זעהר פרעהליך ביי דיעזער געלעגענהייט און ער האָט פאָרגעלייגט סאלאדין, ער זאָל עטוואָס פון איהם פערלאנגען וויל עס וואָלט פיר איהם געווען דאָס גרעסטע פערגניגען היינט צו טהאָן זיין ליעבען זוהן א געפעליגקייט. סאלאדין האָט זיך דאן דערמאָהנט אָן רעציע'ן, וועלכע האָט איהם, וויא מיר ווייסען, פיעל גוטעס געטהאָן און זעהר פיעל צוליעב איהם געליטען.

— מיין איינציגער וואונש איז, — האָט זיך אָבגערופען סאלאדין צום פאָטער,— צו ווייזען מיין דאנקבארקייט דער יעניגער פערזאָן וועלכע האָט פיעל גוטעס מיט מיר געטהאָן, פיעלעס אויסגעשטאנען צוליעב מיר און איז זיך בעגאנגען מיט מיר וויא א צערטליכע מוטער. איך ווייס, דאָס זיא האָט פיעלע יאָהרען פערלעבט אין דער גרעסטער נויטה און עלענד: אונזערע פיינדע האָבען איהר פיעל שמערצען אָנ־געטהאָן צוליעב מיר, יעצט איז זיא ווידער העכסט אונגליקליך. ביז אהער האָב איך געשוויגען, וויל ביז יעצט ביזט דו אליין אויך ניט געווען גליקליך און ביזט ניט אימשטאנדע געווען עטוואָס צו טהאָן פיר איהר, אָבער יעצט וויא אונזער לאגע האָט זיך געענדערט, מוזען מיר זיך קוויטירען מיט דיעזער שולד, רייכליך בעצאָהלען דיא סוממע מיט פראָצענט!

— און ווער איז דאָס, מיין קינד, יענע פערזאָן? — האָט מוראד מיט פערוואונ־דערונג געפרעגט.

— דיעזע פערזאָן איז קיין אנדערע אלס אלמאנזאר'ס טאָכטער רעציע, — האָט סאלאדין געענטפערט, — איך בין קוים אלט געווען דריי, פיער יאָהר וויא מען האָט מיך פערבאָרגען ביי איהר פאָטער אין הויז און זיא האָט מיך פיעל יאָהר צוגעזעהען וויא א צערטליכע מוטער, זיא האָט געטהאָן פיר מיר פיעל מעהר וויא גוטע עלטערן, און מעהר וויא איהר האָסט דו ניט צו פערדאנקען, וואָס איך בין לעבען געבליעבען און דו האָסט מיך ווידער געפונען... מיט איין וואָרט, זיא האָט געגוג ביי אונז פער־דיענט מיר זאָלען איהר יעצט פיר אלעס קעניגליך בעלאָהנען. דערצו נאָך וויל איך איהר פערזענליך זעהען און דאנקען מיט איין פריינדליכער האנד־דריקונג.

דיעזע ווערטער פון דעם פיערצעהן־יעהריגען קנאבע האָבען געמאכט אויף מוראד'ס הערצען א גרויסען איינדרוק. עס איז איהם ארויס טרעהרען פון דיא אויגען. . .

— יא, מיין קינד, — האָט ער זיך אָבגערופען, — מיר האָבען שוין אין אונזער לעבען פיעלע שלעכטע און פינסטערע צייטען געהאַט. אונזערע פיינדע האָבען אונז

געוואָלט אומברייינגען פון דער וועלט; עס איז געקומען אזוי ווייט, דאָס ביי מיר ביזט דו ניט זיכער געווען מיט'ן לעבען, דאן האָב איך דיך אָבגעגעבען צו דיעזען אל־מאנזאר. גאָט זיי דאנק, דאָס זיין טאָכטער איז זיך בעגאנגען מיט דיר וויא א צערט־ליכע מוטער און האָט דיר אזוי ערצויגען, דאָס עס איז א פרייד, א פערגניגען אויף דיר צו קוקען. יעצט פרעהט מיך, ליעבעס קינד, וואָס דו האָסט דיך אָן דעם דערמאָהנט, אין דיין געבורטס־טאָג, וואָס דו האָסט איין ערלעלעם דאנקבארעס הערץ. דיין וואונש ועט גלייך ערפילט ווערען, איך שיק שוין נאָך איהר און זיא וועט בעלאָהנט ווערען וויא דו נאָר פערלאנגסט.

מוראד האָט בעפאָהלען איינעם פון זיינע קאמער־הערן, ער זאָל אויפזוכען רעציע'ן, און זיך ערקונדיגען, וואָס מיט איהר איז. אין א שטונדע ארום איז דער קאמער־הערר געקומען צוריק מיט איין אנטוואָרט, דאָס קיינער וויים ניט וואו רעציע וואָהנט, דאָס דער איינציגער ביי וועלכען עס וואָלט מעגליך געווען עטוואָס צו ער־קונדיגען זיך וועגען איהר, איז דער פרינץ יוססוף, היינט אין דער פריה האָבען איהם איינינע קאוואסען געזעהען מיט איהר געהענדיג.

וויא דער סולטאן האָט דאָס דערהערט, האָט ער בעפאָהלען איין אדיוטאנט, ער זאָל דיא זעלבע מינוט פאָהרען צום פרינץ יוססוף און בעטען אין סולטאן'ס נאָמען ער זאָל זיך גלייך פאָרשטעלען ביי איהם אין קאבינעט.

דער אדיוטאנט האָט דערוויסט דעם פרינץ וויא ער איז נאָך ארומגעגאנגען הין און הער ביי זיך אין צימער, פערטיעפט אין געדאנקען איבער סאדי'ס בעפרייאונג. וויא ער האָט דערהערט, דאָס דער סולטאן רופט איהם ווידער צו זיך, האָט ער זיך דערשראָקען. געסטערן איז ער ביי איהם געווען און יעצט רופט ער איהם שוין וויע־דער? געוויס האָבען שוין בייזע צינגער אָנגערעדט אויף איהם, וואָס דען קאָן זיין דיא אורזאכע? וויא עס איז, ווען דער סולטאן רופט מוז מען געהען, זיין שרעק האָט אָבער מעהר ניט געדויערט, ביז ער איז ארויסגעגאנגען מיט דעם אדיוטאנט און האָט בע־מערקט דאָס עס ווארט אויף איהם א קארעטע אין וועלכער דער סולטאן אליין פאָהרט; ווען דער סולטאן וואָלט געווען אויף איהם בייז, וואָלט ער איהם ניט געמאכט אזא'ן עהרע.

מוראד האָט איהם ווירקליך אויפגענומען זעהר פריינדליך האָט איהם גע־זעצט לעבען זיך און האָט זיך אָבגערופען צו איהם אין א ליעבליכען טאָן.

— איך האָב דיך גערופען צו מיר, ערשטענס, וויל היינט איז מיין סאלאדין'ס געבורטס־טאָג און איך פערלאנג דו זאָלסט אויך נעהמען אנטהייל אין אונזער פאַ־מיליען־פריידע. צווייטענס, וויל איך אין דיעזען טאָג זיך אויסקוויטירען, גוטעס טהאָן מיט איין פערזאָן וועלכע האָט זעהר פיעל פערדיענט ביי מיר און ביי מיין קינד. עס

איז געווען א צייט וואָס איך האָב סאלאדין'ען ניט געקאָנט האלטען אָפען ביי זיך אין וואָהנונג, וואו ער איז ניט זיכער געווען מיט'ן לעבען, דיא סולטאַנין וואלידע, דיין גראָססמוטר האָט איהם געוואָלט אומברייננגען פון דער וועלט, ער זאָל דיר ניט שטעהן אין וועג צום טראָהן, יעצט האָבען זיך איהרע פּלענער געענדיגט מיט גאָר ניט, און דו מעגסט זיין רוהיג, ליעבער יוססוף, דאָס נאָך מיין טוידט וועסט דו ארויף אויף'ן טראָהן, ווייל דו ביסט דער עלטסטער פּרינץ וואָס האָט דאָס רעכט דערצו. ניט איך, ניט מיין סאלאדין וועלען דיר אין דעם אם מינדעסטען ניט שטערן, דו מעגסט אין דעם זיכער זיין.

— אָבער ניט וועגען דעם האָב איך געוואָלט מיט דיר שפּרעכען, ליעבער יוססוף, ניט דאָס איז מיין ציעל, — האָט מוראד ווייטער געזאָגט, — מיין ציעל איז צו וויסען וואו עס געפינט זיך יעצט יענע פּערזאָן, וואָס צוליעב איהר איז מיין איינציגער זוהן לעבען געבליעבען.

דאָ האָט מוראד מיטגעטהיילט דעם פּרינץ דיא גאנצע געשיכטע פון סאלאדין'ס קינדהייטס־יאָהרען, וויא ער האָט געמוזט זיין א צייט פערבאָרגען ביי דעם בעריהמטע[ן] אלמאנזאר אין הויז און וויא אלמאנזאר'ס טאָכטער רעציע האָט פיר איהם געטהאָ[ן] פיעל מעהר וויא איין צערטליכע מוטער, קורץ, ער האָט איהם מיטגעטהיילט אלע[ס] וואָס מיר וויסען שוין פון פריהער.

— דיעזע הימליש גוטע פרוי פערדיענט בעלאָהנט צו ווערען, — האָט מורא[ד] ענדליך געזאָגט, האָסט דו דאָס גליק דיעזעס צו וויסען, אלזאָ, פערלאנג איך דו זאָלס[ט] מיר מיטטהיילען אלעס וואָס דו ווייסט פון דיעזער פרוי, אום איך זאָל מיך קאָנע[ן] מיט איהר קווויטירען. פיעלייכט ווייסט דו וואָס עס איז איהר יעצט נעטהיגער וויז אלעם?

אונזערע לעזער קאָנען זיך זעלבסט פאָרשטעלען דיא פרייד פון דעם פּרינ[ץ] יוססוף. ער האָט א גאנצען פריה מאָרגען געבראָכען דעם קאָפּ, וויא צו רעטען סאדי'ן וויא צו בעטען פיר איהם דעם סולטאן, און יעצט שלאָגט מוראד זיך אליין אָן, ע[ר] זאָל איהם נאָר זאָגען, וואָס מען קאָן טהאָן גוטעס פיר רעציע'ן. און וואָס איז נאָ[ך] פיר איהר אזוי גוט וויא סאדי'ס בעפרייאונג?

דער פּרינץ יוססוף האָט נאַטירליך מיט דער גרעסטער פרייד ערצעהלט דע[ם] סולטאן אלעס וואָס ער האָט געוואוסט פון רעציע'ס הייראטה מיט סאדי'ן און פו[ן] איהר יעצטיגען אומגליק. ער האָט איהם פאָרגעשטעלט סאדי'ן פיר איין עהרליכסטע און פיינסטען מאן און האָט געזאָגט דאָס עס וואָלט געווען א גליק פיר מוראד'ן צ[ו] האָבען א טרייען דיענער וויא ער. ער האָט איהם מיטגעטהיילט, דאָס ער איז ארעס טירט אָהן דיא מינדעסטע שולד (וויא נאָך פיעלע אנדערע צו איהם) אין „סעראסקיר

טהורם", וואו מען וועט מיט איהם היינט, מאָרגען מאַכען א סוף מיט דער נייעָה מאָרד־מאַשינע.

מוראד איז נייגיעריג געוועזען צו וויסען וואָס דאָס איז פיר א נייע מאָרד־מאַשינע, פון וועלכער ער האָט ביז אהער גאָר ניט געוואוסט. צו וועלכען צוועק דיענט זיא? צו וואָס נוצט זיא?

וויא דער פּרינץ יוסטוף האָט איהם ערקלערט וואָס פיר א מאַשינע דאָס איז און צו וואָס זיא נוצט, האָט זיך מוראד א כאפּ געטהאָן פיר'ן קאָפּ. ער איז געוואָרען אזוי אויפגערעגט, דאָס ער האָט עטליכע מינוט ניט געקאָנט א וואָרט אויסרעדען. וויא ער האָט זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט ער אויסגעשריען:

— אזוי, מיין פריינד, בעטריגען מיך מיינע מיניסטאָרען און וויזירען! אזעלכע זאַכען טהוען זיי אָב אין מיין נאָמען, און איך וויים ניט דאָס מינדעסטע דערפון! איך הער דאָס ערשט, דאָס סאדי, דיעזער בראַווער סאדי, איז ארעסטירט! מען האָט געמאַכט א מאָרד־מאַשין, מען ארעסטירט, מען אורטהיילט מענשען, מען טוידטעט זיי אָהן מיין וויסען! אָ! ליעבער יוסטוף, דערוייל איז מיר ניט דאָ וואָס מקנא צו זיין. מיין טראָהן איז ארומגערינגעלט מיט מערדער, פאַלשע יונגען און עס וועט מיר נאָך קאָסטען, איך וועל האָבען גענוג קרענקונג, בעפאָר איך וועל פון זיי פריי ווערען.

וואָס סאדי'ן אנבעלאַנגט, האָט יוסטוף געבעטען מוראד זאָל גלייך שיקען אין „בעראַסקיר־טהורם" מיט איין אדיוטאַנט א בעפרייאונגס־בעפעהל און איינעם פון זיינע לייב־ארצטען, אין פאַל, אויב סאדי וועט שוין זיין טוידט, זאָל איהם דיעזער ארצט רעווידירען, אום צו וויסען; צו ער איז געשטאָרבען נאַטירליך אָדער דורך געוואַלט און מאָרד.

— גוט, — האָט געזאָגט דער סולטאַן, — איך שיק שוין איין אדיוטאַנט מיט איין לייב־ארצט אום צו בעפרייען דעם בראַווען סאדי, און מיר וועלען אונז דאָ עטוואָס דערוייל פערברענגען, עטוואָס געניסען צוליעב מיין זוהן'ס געבורטס־טאָג.

אין דער צייט וויא יוסטוף האָט געשפּראָכען מיט'ן סולטאַן וועגען סאדי'ס בעפרייאונג, איז ער שוין געלעגען אין טוידטען־צימער פון „סעראַסקיר־טהורם", ווייל מען האָט איהם שוין דאָרטען געהאַלטען פיר טוידט, פיר געשטאָרבען אויף דער גוטער זאַפּע, אויף וועלכער ער האָט דיעזע נאַכט איבערגענעכטיגט... אין אמת אָבער איז ער ניט געוועזען טוידט, נאָר אין אָהנמאַכט, אין חלשות פון דעם רעצעפּט וואָס ער האָט אין דער צייט איינגענומען... וויא עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזען, האָט סיררא זעהר גוט אויסגעפיהרט איהר פּלאַן. לאַ די וואָס זיא האָט גליקליך איבערגעגעבען סאדי'ן דאָס פלעשעל מיט דער מיקסטורע, האָט זיא נאָך געקאָנט מיט איהם זיך צוזאַמענרעדען און מינדליך ערקלערען איהם אלסדינג וואָס ער האָט

שוין פריהער געוואוסט פון דיא געשריבענע אינסטרוקציאָן. סיררא'ן האָט מען פער־האלטען שפּעטער, וויא זיא האָט שוין אלעס אָבגעטהאָן וואָס עס איז נעטהיג געווען, און מען האָט איהר פערהאלטען נאָר איבער איין אנדער אורזאכע.

אום פינף אוהר נאָכמיטאָג איז מוראָד'ס אדיוטאנט אין בעגלייטונג פון א לייב־דאָקטאָר געקומען אין „סעראסקיר־טהורם" מיט'ן בעפרייאונגס בעפעהל. הוסיין־פּאשא וואָס איז געווען דער קאָמענדאנט פון „סעראסקיר־טהורם", האָט זיי אויפ־גענומען מיט דער גרעסטער עהרע, האָט דריי מאָל געקוסט מוראָד'ס שרייבען און גערריקט צום שטערן. וויא ער האָט דורכגעלעזען דיעזען פּאפּיער, האָט ער געמאכט א טרויעריגע מינע און האָט געזאָגט:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, דאָס איך קאָן ניט ערפילען דעם וואונש פון מיין מאָנארך, ווארום סאדי איז שוין טוידט, ער איז פּלוצלינג געשטאָרבען... היינט אין דער פריה האָט מען איהם געפונען טוידט אין בעט אויף וועלכער ער האָט געשלאָפען... יעצט ליעגט ער אין טוידטען־צימער אויף דעם טיש... עס איז שוין עטליכע שטונדען, וויא איך האָב געשיקט בענאכריכטיגען זיין פאמיליע און עס וואונדערט מיך זעהר וואָס קיינער איז נאָך ניט געקומען איהם בעוויינען און צוגלייך אָבפיהרען אויף'ן בעגרעבענים־פּלאץ פון זיין פאמיליע...

— אלזאָ, — האָט זיך דער אדיוטאנט אָבגערופען, — פערלאנגען מיר, מען זאָל אונז אריינפיהרען צו איהם אין טוידטען־צימער, אום צו רעווידירען איהם, אזוי וויא עס שטעהט אין דיעזען פּאפּיער.

הוסיין'ען האָט דאָס אפילו גאָר ניט געשמעקט, אָבער ער האָט זיי דאָך געמוזט אריינפיהרען אין טוידטען־צימער. סאדי איז דאָרטען געלעגען אויסגעצויגען אויף א מאטראץ, דאָס געזיכט ארויף, בלאס וויא א טוידטער. אָבער וויא דער דאָקטאָר האָט איהם גענומען ארומזעהען, האָט ער גלייך ערקענט, דאָס ער לעבט נאָך, נאָר ער געפינט זיך אין חלשות פון דער מיקסטור וואָס ער האָט געסטערן איינגענומען. פון דיזער מיק־סטורע בלייבט דער מענש ליעגען אָהן געפיהל פיער און צוואנציג שטונדען. אָבער דער ארצט האָט סאדי'ן איינגעגעבען טראָפּענס וואָס האָבען געווירקט געגען דער מיקסטורע און סאדי האָט זיך אויפגעכאפּט פיעל פריהער. אין א שטונדע ארום וויא דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען צו איהם, האָט ער שוין אויפגעמאכט דיא אויגען און האָט ערקענט זיינעביידע רעטער. וויא זיי האָבען בעמערקט, דאָס ער איז שוין ווידער ביים פערשטאנד, האָבען זיי איהם גראטולירט מיט זיין בעפרייאונג. דיעזע פרעהליכע נאכריכט האָט אויף איהם נאָך בעסער געווירקט און ער איז שנעל געוואָרען אזוי געזונד און פריש, דאָס מען האָט איהם געקאָנט אָבפיהרען צו איהם אהיים.

יוססוף איז געבליעבען, וויא מיר האָבען געזאָגט, ביים סולטאן אויף'ן פּאַ־

מיליען־באל צוליעב סאלאדין'ס געבורטס־טאָג. ער האָט זיך דאָרטען פערגניגען געמאכט צוזאמען מיט אלע הויז־לייט, געגעסען, געטרונקען, און האָט אויסגעוויזען זעהר פרעהליך, אָבער דאָס האָט נאָר אויסגעוויזען; אין אמת איז ער געוועזן ביי זיך זעהר אונרוהיג און בעזאָרגט איבער סאדי'ן: עס איז שוין איינינע שטונדען וויא דער אדיוטאנט איז אוועק און ער איז נאָך ניט דאָ צוריק מיט א מעלדונג פון סאדי'ס בעפרייאונג? יוססוף האָט זיך געשראָקען פאר דעם געדאנקען, צו דער אדיוטאנט איז שוין ניט געקומען אהין צו שפעט, דאָס מען האָט שוין גאָר ניט געקאָנט מאכען? דער פרינץ האָט קוים דערלעבט דיא צייט, וואָס ער האָט געקאָנט נעהמען פון סולטאן אבשיעד. וויא ער איז געוועזן אין דרויסען, איז ער אריינגעשפרונגען אין דיא ערשטע קארעטע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען און איז אוועקגעפאָהרען צום „סעראסקיר־טהורם", אום זיך צו ערקונדיגען, וויא עס האלט דאָרטען מיט סאדי'ס בעפרייאונג.

וויא גרויס איז אָבער געוועזן, שטעלט אייך פאָר, זיין פרייד, וויא ער האָט אין האלב וועג בעגעגענט סאדי'ן פאָהרענדיג מיט דעם אדיוטאנט און דעם דאָקטאָר! דיא סצענע איז אונמעגליך צו בעשרייבען. יוססוף און סאדי זיינען געפאלען איינער דעם אנדערן אויפ'ן האלז, האָבען זיך געקוסט און געוויינט, האָבען מיטגעטהיילט איינער דעם אנדערן וואָס האָט מיט זיי פאסירט. יוססוף — וויא ער האָט אויסגעווירקט זיין בעפרייאונג. סאדי — וואָס ער האָט איבערגעטראָגען אין „סעראסקיר־טהורם", וויא עס איז צוגעגאנגען דיא לעצטע נאכט... יוססוף האָט זיך נאטירליך אומגעקעהרט מיט זיי דרייען און זיי זיינען אלע צוזאמען אוועקגעפאָהרען צו סאדי'ן אהיים, אום צו זיין ביי דער פרעהליכער סצענע וויא ער וועט זיך בעגעגענען מיט רעציע'ן.

דאָס האָט ווירקליך בעדארפט זיין א זעלטענע סצענע; אזא פרעהליכען ווידערזעהען צווישען מאן און פרוי איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען. צום אומגליק אָבער האָט זיך אזוי ניט אויסגעלאָזען וויא זיי האָבען גערעכענט; צום אומגליק איז זיי אויסגעקומען צו זיין ניט ביי איין זעלטען פרעהליכער, נאָר שרעקליך טרויעריגער סצענע, זיי האָבען געפונען רעציע'ן געפעהרליך קראנק, אָהן געפיהל. דיא מיטטהיילונג וואָס הוסיין־פאשא האָט איהר געשיקט פון סאדי'ס פלעטצליכען טויט, דאָס זיא זאָל איהם קומען בעוויינען און אויסריכטען צו דער בעגרעבעניס, דיעזע מיטטהיילונג האָט געמאכט אויף איהר אזא'ן איינדרוק, וויא מען וואָלט איהר געבען מיט א האק אין קאָפּ!... זיא איז געלעגען אָהן שפראך, אָהן געפיהל און אָהן א פולס. דער ארצט האָט זיך זעהר ערשראָקען און האָט געזאָגט, דאָס עס איז גאנץ שווער איהר ווידער געזונד צו מאכען. דיעזער אומשטאנד האָט נאטירליך פערניכטעט דיא פרייד פון סאדי'ס בעפרייאונג.

97.

לאַצאַרוס איז זיך נוקם.

ווי די לעזער און לעזערינען געדענקען, האָבען די גאָלדענע מאַסקען אָב־געלאָזען לאַצאַרוס'ן אויף זיעבען וואָכען מיט דעם תנאי, ער זאָל אין דיעזער צייט פּאַקען דעם שענדליכען מאנזור־עפענדי און בריינגען צו זיי פאר געריכט. איין אַנ־דערער, מעהר עהרליכער מאַן, וואָלט געוויס צופריעדענער געוועזען גלייך צו שטאַרבען איידער זיך צו פּייניגען גאַנצע זיעבן וואָכען, וואַרטענדיג אויף'ן טוידט (וואָרום מען האָט דאָך איהם ניט געשאָנקען, נאָר אָבגעלייגט די טויט־שטראַפע וואָס ער האָט פּערדיענט). לאַצאַרוס איז אָבער געוועזען אַ מענש אָהן אַ געוויסען, וואָס האָט גע־האַלטען פיר אַ גליק איין איבריגעס מאָל זיך אַנצוזויפען און אָנצופרעסען, און עס האָט איהם ניט געקימערט דאָס וואָס שפּעטער וועט זיין. נאָך זיעבען וואָכען צו זעטיגען זיין זינדיגען קערפּער מיט די שענדליכסטע פערגניגען, נאָך זיעבען וואָכען צו קענען אָבטהאָן די גרעסטע רציחות און מרדערייען אין דער וועלט — וואָס דאַרף ער מעהר? דערצו נאָך האָט ער געהאָפּט אין דיעזער צייט צו האָבען אַ געלעגענהייט זיך אָבצורעכנען מיט זיינע פיינדע, איבערהויפּט מיט סאַדי'ן, וואָס האָט ביי איהם צוגענומען די שעהנע רעציע. צוליעב מאנזור־עפענדי'ן אליין איז אויך פיר איהם כדאי געוועזען זיך אָבצובעטען אויף אַ צייט פון טוידט. „איך וועל שטאַרבען, האָט ער זיך גערעכענט, אָבער איך וועל האָבען פערגניגען צו זעהען פאַר מיין טויט זיין בלוט"!... און אפשר וועל איך מיך אָן די גאָלדענע מאַסקעס אויך נוקם זיין? איך וועל דאָך מוזען פאַראויס וויסען דעם אָרט וואו זיי רעכנען זיך צו פערזאַמלען און וואוהין צו בריינגען מאַנזור'ן: וועל איך אָנווייזען דער רעגיערונג און מען וועט זיי אַלעמען בעפאַלען...

די גאָלדענע מאַסקעס, ווידער, האָבען אויך געוואוסט וואָס זיי טהוען; זיי האָבען זעהר גוט געוואוסט מיט וועמען זיי האָבען אַ געשעפט און דריבער האָבען זיי אויף איהם גוט אַכטונג געגעבען, האָבען איהם געהיט די טריט און האָבען דאָס איהם געגעבען צו מערקען, וואָרום וואוהין ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, פלעגט ער זיך אַלץ בעגעגענען מיט אַ גאָלדענע מאַסקע. אָפט פלע־גען זיי איהם דערמאָהנען, ער זאָל וואָס צום שנעלסטען צושטעלען צו זיי די פּערזאָן וואָס מען האָט אָבגערעדט, און ווען ניט איז ער קיין מינוט ניט זיכער מיט'ן לעבען. לאַצאַרוס אָבער האָט אויף דעם געענטפערט:

— איך ווינש דאָס זעלבע נאָך מעהר ווי איהר, אָבער איך מוז האָבען אַ גוטע געלעגענהייט דערצו. אַלזאָ, מוז איך וואַרטען ביז דער נאַכט וואָס ער וועט זיין אין רואינע „קאַדריש"; ווי ער וועט געהען פון דאָרטען צוריק צו זיך אַהיים, וועל איך

איהם שוין אריינגנארען צו אייך אין דיא הענד. אָבער, איהר מוזט מיר יעצט זאָגען וויא מען קומט צו אייך, ווארום דאן בין איך געוועזן מיט פערבונדענע אויגען און האָב דעם וועג ניט געקאָנט זעהען.

— דו טהו נאָר דיין זאך, — האָט מען איהם געזאָגט, — בעשטים נאָר דעם טאָג און דיא שטונדע, און אויף'ן וועג פון „קאדריש" צו אונז וועלען דיך אויפוואַרטען אונזערע רייטער אום דיר צו ווייזען דעם וועג און בעהילפיג זיין אין דיעזער זאכע.

ענדליך איז געקומען דיא צייט, וואָס לאצארוס האָט געקאָנט פינקטליך ערפילען זיין וואָרט וויא מען האָט מיט איהם אָבגערעדט. מאנזור־עפענדי איז געזעסען אין ראטהס־קאבינעט פון רואינע „קאדריש" און זיין קארעטע האָט אויף איהם געוואַרט אין דרויסען. עס איז געוועזן אום צוועלף אוהר ביי נאכט. דיא נאכט איז געוועזן צום גליק א פינסטערע; אויף דיא קאָזלעס איז געזעסען איינגעהילט מאנזור־עפענדי'ס קוטשער סעלים, לאצארוס' איין אלטער בעקאנטער. באלד איז צו איהם צוגעגאנגען לאצארוס, וואָס איז געשטאנען ביז אהער בעהאלטען אין א וועלדעל דערביי, און האָט איהם געפרעגט וואָס ער מאכט. סעלים האָט זיך זעהר דערפרעהט וויעדער צו זעהען זיין אמאָליגען קאמעראד, וועלכען ער האָט שוין לאנג געהאלטען פיר געשטאָרבען. עס האָט זיך גלייך ביי זיי פערבונדען א געשפרעך, איינער האָט דעם אנדערן מיטגעטהיילט אלעס, וואָס האָט זיך מיט איהם פאסירט אין דער לעצטער צייט, ענדליך, האָט לאצארוס ארויסגענומען פון טאשע א פלאש וויין, האָט אזוי וויא געמאכט א שנאפס, דערנאָך האָט ער טראקטירט זיין קאמעראד.

— טרינק, ברודער, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהם. — ערוואַרם דיך עס איז גוט קאלט אין דרויסען, ווער ווייס וויא לאנג דו וועסט נאָך דאָ דארפען פריהרען...

סעלים האָט מיט דאנק גענומען דיא פלאש און האָט זיך קוים צוגעכאפט צו איהר. מעהר וויא דאָס האָט לאצארוס ניט בעדאַרפט... אין פלאש איז ניט געוועזן קיין וויין, וויא ער האָט געזאָגט, נור א שלאָף־טרונק אזוי וויא דער וואָס סירדא האָט צוגעריכט פיר סאדי'ן. לאצארוס האָט זיך נאָר געמאכט טרינקענדיג אום בעסער אָבצונארען זיין קאמעראד. וויא סעלים האָט זיך אָנגעטרונקען, איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען און איז אין א מינוט ארום אראָבגעפאלען פון דיא קאָזלעס אויף דר'ערד. דאן האָט איהם לאצארוס אוועקגעשלעפט אין וועלדעל, האָט אראָבגעצויגען פון איהם זיינע קליידער און האָט זיי זעלבסט אָנגעצויגען און זיך געזעצט לעבען דיא פערד אויף זיין אָרט.

אין א האלבע שטונדע ארום איז מאנזור־עפענדי ארויסגעגאנגען פון רואינע און האָט זיך אין דער שטיל, וויא געוועהנליך, אריינגעזעצט אין קארעטע. לאצארוס

איז אראָב פון דיא קאָזלעס, האָט פערשלאָסען דיא קארעטע (אין יענער צייט איז געווען געפעהרליך צו פאָהרען אנדערס וויא אין א פערשלאָסענע קארעטע), און האָט אריינגעלייגט דיא שליסעל צו זיך אין דער טאשע. וויא ער האָט זיך וויעדער געזעצט לעבען דיא פערד האָט ער געגעבען א פייף: אזוי האָבען שוין מיט איהם אָבגערעדט פאָראוים „דיא גאָלדענע מאסקעס"... אין דעם זעלבען אויגענבליק זיינען ארויסגעפלויגען פיער רייטער, אום צו ווייזען לאצארוס'ן דעם וועג און צו שיטצען איהם פון א בעפאל. צוויי רייטער האָבען זיך געשטעלט פאָראוים, צוויי פון הינטען דער קארעטע. לאצארוס האָט אָנגעטריעבען זעהר שנעל, אום שנעלער צו קומען צום ציעל פון דיעזער רייזע. אין א ווײלע ארום האָט זיך מאנזור־עפענדי ארומגעזעהען, דאָס דער קוטשער פאָהרט ניט וויא געוועהנליך; באלד האָט ער אויך בעמערקט, דאָס האַרט לעבען קארעטע רייטען אונבעקאנטע מענשען. ער האָט אָנגעפאנגען צו פרעגען ביים קוטשער, וואָס דאָס הייסט, אָבער דער קוטשער האָט איהם קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער איז געוואָרען אויפגעבראכט: זיין קוטשער זאָל איהם ניט געהאָרכען? דאָס האָט איהם נאָך קיין מאָל ניט געטראָפען... דאָ האָט ער שוין פערלאָרען דיא געדולד און האָט אויסגעשריען:

— זאָג, סעלים, וואוהין פיהרסט דו מיך? אויב דו וועסט מיר גלייך ניט ענטפערען, וועל איך דיך שיסען אויף'ן אָרט וויא א הונד!

לאצארוס האָט געוואוסט, דאָס מיט מאנזור־עפענדי איז ניט קיין געלעכטער, און דעריבער האָט ער ניט געוואַרט און איז אין דער זעלבער מינוט אראָבגעשפרונגען פון דיא קאָזלעס, האָט אָבגעשטעלט דיא פערד און מיטגעטהיילט דיא רייטער דאָס מאנזור־עפענדי האָט ביי זיך א רעוואָלווער, מיט וועלכען ער קאָן שיסען און מען מוז דאָס פון איהם בעצייטען צונעהמען, ווארום אויב ניט קאָן מען דערפון האָבען גרויסע אונאנגענעהמליכקייט...

— דו האָסט רעכט, — האָט זיך אָבגערופען איינער פון דיא פיער רייטער און איז גלייך צוגעריטען צום פענסטעריל פון דער פערשלאָסענער קארעטע. ער האָט גאנץ העפליך געגריסט מאנזור־עפענדי'ן און דערביי געזאָגט:

— יעצט זייט איהר שוין ניט קיין פרייער הערר, נור איין ארעסטאנט, געפאנגען, אין דיא הענד פון דעם העכסט שטרענגען, אָבער אויך העכסט גערעכטען געריכט פון דיא „גאָלדענע מאסקעס"; אלזאָ, אויב עס איז אייך טהייער אייער עהרע, זאָלט איהר דיא מינוט אונז אָבגעבען גאָר דיא געוועהר וואָס איהר האָט ביי זיך.

וויא מאנזור האָט דערהערט, דאָס ער האָט א געשעפט מיט דעם געהיימען געריכט פון דיא „גאָלדענע מאסקעס", איז איהם אריבער א קעלט איבער'ן לייב,

ער האָט א וואָרט ניט איבערגערעדט און גלייך אָבגעגעבען רעוואָלווער און קינזשאל. דערנאָך האָט ער געזאָגט דיעזע ווערטער:

— איך טהו וואָס איהר פערלאַנגט, ווייל איך האָב פורכט; ווייל איך קאָן זיך אַנדערש ניט בעגעהען, אָבער ניט ווייל איך האַלט פון אייער געריכט איך בין יעצט אין דער זעלבער לאַגע, וויא איינער, אויף וועמען עס זיינען בעפאלען רויבער, וואָס מען הייסט איהם, דאָס מוז ער טהאָן... איך מוז טהאָן וואָס דיא „גאָלדענע מאסקעס" הייסען מיר, אָבוואָהל דיא רעגיערונג האַלט זיי פיר געמיינע פערברעכער און מערדער... אָבער וואו איז מיין טרייער קוטשער? וואוהין פיהרט איהר מיך? וואָס ווילט איהר פון מיר?

— דו ווייסט אפילו אליין גאַנץ גוט אלע דיינע זינד, — האָט זיך אָבגערופען צו איהם דער רייטער וואָס האָט צוגענומען פון איהם זיינע געוועהר, — דערנאָך וועט מען דיר זיי אויף דעם געריכט אויסרעכנען אלע ביז איינע און מען וועט דיר בעווייזען, דאָס דו האָסט אין אלע דיעזע זינד דיך ווירקליך שולדיג געמאַכט. מען וועט דיר זיי אלע אויסרעכנען, אָבוואָהל פיר יעדע בעזונדער פון זיי פערדיענסט דו שוין פעראורטהיילט צו ווערען צום טוידט, אָבער מען וויל דיר געבען דיא מעגליכקייט זיך צו ענטשולדיגען; פיעלייכט קאָנסט דו דיך פערענטפערן... אם וועניגסטען, וועסט דוא האָבען א געלעגענהייט זיך מתודה צו זיין אויף יעדע איינציגע זינד און צוליעב דעם וועסט דו וועניגער ליידען אויף יענער וועלט... וועגען דיין קוטשער דאַרפסט דו דיך ניט קימערן, ער לעבט, און דער נייער קוטשער איז אויך ניט קיין פרעמדער, דו קענסט איהם גאַנץ גוט און ער קען דיך ניט וועניגער...

מאַנזור־עפענדי האָט זיך בעסער איינגעקוקט אין קוטשער און האָט אין איהם דערקענט זיין אלטען דיענער... דיעזער נייער אומשטאַנד האָט איהם נאַטירליך נאָך מעהר צורייצט; ער האָט אָבער גאָר ניט געקאָנט מאַכען און האָט געמוזט פאָהרען וואוהין מען האָט איהם געפיהרט.

98.

מאַנזור־עפענדי פאַר דעם געריכט פון דיא „גאָלדענע מאסקעס".

וויא זיי זיינען שוין אלע צוגעפאָהרען נאָהענט צום אָרט, וואו עס זיינען געוועזען פערזאַמעלט „דיא גאָלדענע מאסקעס", ד. ה. צו „דיא זיעבען טהורמען", האָבען זיך דיא רייטער אָבגעשטעלט, אָפען געמאַכט דיא קארעטע און אָנגעטהאָן מאַנזור'ן אויף'ן קאָפּ און דיא אויגען א געלבען קאַפּיושאָן און האָבען איהם ארויסגענומען פון קארעטע און געבראַכט צו פוס פאַר דעם געהיימען געריכט.

וויא ער איז שוין געוועזען אין „דיא זיעבען טהורמען", האָט מען איהם אָבגעדעקט דיא אויגען און ער האָט מיט שרעק דערזעהען „זיעבען גאָלדענע מאסקעס",

וועלכע זיינען געזעסען אויף זיעבע אָבגעהאקטע בוימער. עס האָט דאן געשיינט דיא לבנה און ער האָט געקאָנט בעמערקען, דאָס זיי זעהען אלע גלייך אוים, אזוי וויא זיי וואָלטען געווען צווילינג־ברידער. זיי האָבען אלע געהאט דיא זעלבע ערנסטע מינע און זיינען אויך אלע געווען אויף איין ארט אָרעם געקליידעט, אויף איין ארט שמוטציג און אָבגעריסען.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וויא עס איז אין יענער מינוט געוואָרען מאנזור'ן אויף'ן הערצען. ער, וואָס האָט געשפּיעלט דיא גרעסטע ראָלע אין טירקיי, דארף שטעהען פאר אָבגעריסענע בעטלער וויא א געמיינער פערברעכער פאר דעם געריכט! קיין גרעסערע בעליידיגונג, קיין גרעסערעס אומגליק האָט מען פיר איהם ניט געקאָנט אויסטראכטען. עטליכע מינוט האָט קיינער א וואָרט ניט אויסגערעדט, מאנזור האָט זיך געמאכט שמייכלענדיג, אָבוואָהל אין אמת האָט אין איהם געברענט דאָס בלוט. ענדליך, האָט זיך אָבגערופען איינע פון דיא מאסקעס:

— נו, מאנזור־עפענדי, דיא מאָס פון דיינע זינד איז שוין איבער פול און עס איז געקומען דער טאָג, וואָס דו מוזט בעשטראָפט ווערען. מיר וועלען זיין דיינע ריכטער און צוגלייך אויך דיא עקזעקיוטער, וואָס וועלען ערפילען דיא שטראפע איבער דיר. מיר זיינען זעהר שטרענגע, אָבער אויך העכסט גערעכטע ריכטער... דיינע זינד זיינען שרעקליך, פיר יעדע פון זיי האָסט דו צעהן מאָל דעם טוידט פערדיענט; אָבער דאָך וועט אונז זיין זעהר אנגענעהם, ווען דו קאָנסט דיך גערעכט מאכען מיט וואָס עס איז ווען דו וועסט דערווייזען, דאָס דיינע שולדען זיינען גאָר ניט אזוי גרויס וויא מיר מיינען.

— ווער אָבער האָט אייך געמאכט פיר ריכטער? — האָט מאנזור מיט שטאָלץ ביי זיי געפרעגט, — און זאָל שוין זיין, דאָס איהר זייט ווירקליך ריכטער, ווייסט איהר דען ניט ווער איך בין? ווייסט איהר דען ניט, דאָס איך בין דאָס הויפּט פון אונזער רעליגיאָן, דיא העכסטע און הייליגסטע פּערזאָן אין טירקיי, וועלכע ליעגט ניט אונטער קיין געריכט און דארף קיינעם ניט אָבגעבען קיין רעכנונג פון דעם וואָס זיא דענקט צו טהאָן?

— מיר ווייסען גאַנץ גוט, ווער דו ביזט, — האָט איהם געענטפערט דיא פאָר־זיטצענדע גאָלדענע מאסקע, — מיר ווייסען דיין הויכען ראנג און דאָך האָבען מיר יעצט דאָס רעכט דיך צו ריכטען. אין געוועהנליכע רוהיגע צייטען, ווען דיא רע־גיערונג פיהרט זיך וויא געהעריג איז, ווען דיא מיניסטאָרען און וויזירען זיינען טריי דעם גראָס־הערן, דעם סולטאַן, און יעדער פון זיי טהוט נאָר דאָס וואָס איז נוצליך פיר דאָס לאנד, אין אזעלכע צייטען ברויכען מיר ווירקליך ניט צו זיין ריכטער, און ביט אזוי געגען אזעלכע הויכע פּערזאָנען וויא דו, נור אויך ניט געגען דיא קלענסטע

פערזאָן אין לאַנד. אין געוועהנליכע רוהיגע צייטען זיינען גענוג דיא געוועהנליכע געריכטען און דיא געוועהנליכע געזעצע, און מיר ערלויבען זיך דאַמאָלס אויך ניט זיך אריינצומישען אין דיא אומשטענדע פון דער רעגיערונג. אָבער אין אזעלכע אונ־ רוהיגע צייטען וויא דיא יעצטיגע, איז דיא זאַך גאַנץ אנדערש. יעצט זיינען דיא מיניסטאָרען און וועזירען פאַלש, אונטריי דעם זולטאַן און דעם לאַנד, זיי זאָרגע נאָר פיר זיך זעלבסט און מאַכען אַן אין טירקיי מיט זייער פיהרונג פיעל אומגליק. דיא געוועהנליכע געזעצע האָבען יעצט ביי אונז זיין בעטרעף ניט, יעדער טהוט וואָס ער וויל און עס איז ניט דאָ קיינע ריכטער, קיינע גערעכטיגקייט און קיינע שטראַפע. אין אזעלכע צייטען, ווען דיא רעגיערונג איז שוואַך צו שיטצען דיא אָרד־ נונג אין לאַנד, פאַנגט אָן צו ווירקען אונזער געהיימעס געזעלשאַפט, און מיר האָבען דאָס רעכט צו ריכטען און צו שטראָפען דעם קלענסטען און דעם גרעסטען. אזוי פיהרט זיך „דיא גאָלדענע מאַסקעס" מעהר שוין וויא צוויי הונדערט יאָהר...

ווידער דאַרפסט דו ניט מיינען, — האָט דיא גאָלדענע מאַסקע ווייטער געזאָגט, — דאָס אונזער געריכט בעשטעהט פון גאָס־יונגען, אָבוואָהל מיר זיינען אזוי ארעם געקליידעט, ניין, צווישען מיינע קאָלעגען זיינען דאָ דיא וויכטיגסטע פער־ זאָנען פון גאַנץ טירקיי, אריסטאָקראַטען, אָפיצירען, גייסטליכע, רייכע גוט־בעזיצער, מענשען פון אלע קלאַסען, וועלכע קענען רוהיג און גלייכגילטיג ניט צוזעהען דיא שמערצען און דיא אומגליקען וואָס דו און דיינע קאַמעראַדען האָבען אָנגעמאַכט אין לאַנד. איינער פון אונז איז אלמאַנזאָר, וואָס קומט ארויס פון דעם אביסידישע כאַליפען... דו האַסט איהם לאַנג פיר געשטאָרבען, אָבער ער לעבט נאָך און נעהמט אנטהייל אין אונזער זאַכע!... אלזא, האָבען מיר שוין יא רעכט דיך צו ריכטען!

דיעזע ווערטער האָבען געמאַכט אויף מאַנזור־עפענדי א שרעקליכען איינדרוק ער איז געבליעבען ערשטוינט, ערשראָקען און האָט א וואָרט ניט אויסגערעדט.

דערנאָך האָט מען איהם אָנגעפאַנגען צו רעכנען, איינע נאָך דער אנדערע אַלע זיינע זינד און פערברעכען. ער האָט זיך געפּרופט לייקענען, אָבער מען האָט ארויסגעשטעלט נעגען איהם פיעלע עדות, וואָס האָבען איהם אויפגעוויזען אין אויג מיט דיא גרינדליכסטע בעווייזע, דאָס ער האָט ווירקליך געטהאָן דיא אלע מערד רייען, אין וועלכע מען בעשולדיגט איהם. איינער פון דיא עדות איז געוועזען לאַצאַר וואָס האָט איהם אויפגעוויזען אלע זינד וואָס ער האָט אויסגעפיהרט דורך זיין הי־ קורץ געזאָגט, מען האָט איהם אזוי שטאַרק צוגעשפּאַרט צום וואַנד, דאָס ער ה זיך ניט געקאָנט קעהרען און האָט זיך געמוזט מודה זיין, דאָס ער האָט ווירק געטהאָן אלסדינג אין וואָס מען האָט איהם בעשולדיגט, ער האָט זיך נאָר געקו פערענטפערן דערמיט, דאָס ער איז ניט גלייך צו אנדערע מענשען, דאָס איהם

ערלויבט צו טהאָן אזעלכע זאכען, וואָס קיין אנדער׳ער האָט קיין רעכט ניט צו טהאָן.

— זאָל זיין וויא איהר זאָגט, האָט ער זיך אָבגערופען, — אָבער דיא אלע זאכען זיינען גאָר פערברעכען און זינד פיר א פּריוואַט מאַן, און ניט פיר א פּערזאָן וויא איך, וואָס איז דיא הויפּט פון דער רעליגיאָן... מיר איז ערלויבט צו טהאָן אלסדינג, וואָס איך האַלט פיר נעטהיג פיר אונזער הייליגע רעליגיאָן... איך זעה, דאָס איהר פערשטעהט דאָס ניט און איהר וועט מיך געוויס פעראורטהיילען צום טוידט... אלזאָ, האָב איך מעהר ניט וואָס צו רעדען; עס פערדריסט מיך, וואָס איך האָב מיך גאָר אָנגעפאנגען צו ענטשולדיגען פאר אייך, ווארום ווער זייט איהר? — מענשען אָהן א גלויבען און אָהן א רעגיערונג?

— דאָס זאָלסט דו ניט זאָגען, — האָט זיך אָבגערופען צו איהם דער פּרעזידענט פון דעם געריכט, — דאָ זיטצען נאָטספירכטיגע לייט און טרייע דיענער פון דעם גראָס־הערען. גו, מיינע פריינדע, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע קאָלעגען, נעהמט ארונטער אייערע מאסקען און זאָגט איהם, ווער איהר זייט. איך טהו דאָס זעלבע: איך בין דער מאָללא פון קאָניאר, איך קום ארויס פון דעם געטליכען פּראָפעט, אלזאָ, בין איך נאָך א העכערע פערזאָן וויא דו, און ווען דו גלויבסט מיר ניט, נעהם איך ארונטער דיא מאסקע און דו וועסט זיך מיט דיינע אייגענע אויגען איבערציינען, דאָס מיינע ווערטער זיינען דיא ריינע וואהרהייט.

דער פּרעזידענט האָט אויסגעטהאָן דיא מאסקע און מאנזור־עפענדי האָט ווירקליך אין איהם דערקענט דעם מאָלא פון קאָניאר, דאָס זעלבע איז געוועזען מיט אלע איבריגע קאָלעגען פון דעם געריכט: וויא זיי האָבען אָבגעדעקט זייערע געזיכטער, האָט מאנזור־עפענדי, צו זיין גרעסטען ערשטוינען, געזעהען, דאָס זיי זיינען פאָרנעהמע און בעריהמטע מאָלא׳ס און אנדערע האָכגעשעצטע לייט אין טירקיי.

— יעצט זעהסט דו שוין, ווער מיר זיינען? — האָט זיך ווידער אָבגערופען צו מאנזור־עפענדי דער פּרעזידענט, — איבער אונז שטעהט נאָך דער גרויס געלעהרטער אלמאנזאר, וואָס קומט ארויס פון דעם אלטען כאליפען... דו מיינסט, ער איז געשטאָרבען, אָבער ער לעבט נאָך אונטער דעם נאָמען אבונעצע, אלעס וואָס מיר טהוען איז מיט זיין ווילען, אלזאָ, דארפסט דו שוין זעלבסט פערשטעהען דאָס אונזער דעקרעט איבער דיר איז דורכאויס א גערעכטער און א וואהרער...

— מיר דעקרעטירען צוויי זאכען, — האָט ער געענדיגט זיין רעדע, — ערשטענס, האָבען מיר דיך פעראורטהיילט צום טוידט פיר דיינע שרעקליכע זינד; צווייטענס, האָבען מיר בעשלאָסען, דאָס צוזאמען מיט דיר זאָל זיך שוין אויך ענדיגען דיין שטעלע, דאָס נאָך דיין טוידט זאָל מען שוין קיין נייעם שייך־אול־איסלאם מעהר ניט מאכען; ווארום דו ביזט ניט דער ערשטער שייך־אול־איסלאם וואָס האָט אזוי

אומגליקליך געמאכט אונזער עלענדעס לאנד; איין מאָל פיר אימער מוז נעהמען איין ענדע מיט דיעזער שענדליכער און געפעהרליכער שטעלע!...

וויא דער פרעזידענט האָט געענדיגט רעדען, האָט מען מאנזור־עפענדי'ן אָב־געפיהרט אין געפענגניס, וויא מען בענעהט זיך אימער מיט פערברעכער נאָך דעם וויא מען לעזט זיי פאָר זייער דעקרעט.

99.

דיא דריי פריינדע.

דריי טעג איז רעציע געלעגען אָהן לשון און האָט קיין זאך ניט געפיהלט, גלייך וויא א טוידטע. דיא ערצטע האָבען פיר קיין ארט ניט געקאָנט זאָגען בעשטימט, צו זיא וועט לעבען צו ניין. אויף דעם פיערטען טאָג האָט זיך צום גליק דיא קראַנקהייט עטוואָס געענדערט אויף בעסער, און דיא ערצטע זיינען אימשטאנד געווען צו ערפרעהען סאדי'ן מיט דער האָפנונג, דאָס זיא וועט לעבען און געזונד ווערען. דיא ערצטע האָבען קיין ליגען ניט געזאָגט, פון יענעם טאָג אָן איז רעציע געוואָרען אימער בעסער און בעסער. אין עטליכע טעג ארום איז זיא שוין געוואָרען אזוי גע־זונד, דאָס סאדי האָט זיך איהר געקאָנט פאָרשטעלען אָהן פורכט צו מאכען אויף איהרע נערווען א צו שטארקען איינדרוק.

סאדי'ס פרייד איז נאטירליך געווען זעהר גרויס און ער וואָלט זיך שעטצען העכסט גליקליך, אָבער זיין פרייד איז באלד פערביטערט געוואָרען מיט דער נאָטה־ווענדיגקייט צו פערליערען אויף אימער זיינע צוויי בעסטע פריינד, צארא־בעי און האסאן־פאשא.

אין אָנפאנג האָט סאדי גאָר ניט געהאָפט אויף דיא מעגליכקייט זיך אין קורצען צו זעהען מיט דיעזע פריינדע, ווייל צארא־בעי איז געווען אין לאָנדאָן, אזוי וויא מיר ווייסען, און וואָס האסאן'ען אנבעלאנגט, האָט סאדי פון זיין בעפרייאונג נאָך ניט געוואוסט, און ער האָט דעריבער גערעכענט, דאָס ער איז נאָך אימער פעסט ארעסטירט אין „שטיין־קאמער" און דאָס מען וועט איהם פעראורטהיילען צום טוידט. אָבער וויא סאדי איז צום ערשטען מאָל געזעסען און האָט זיך אונטערהאל־טען מיט רעציע'ן, האָט מען איהם פלוצלינג געמעלדעט, דאָס דיא ביידע פריינד וואַרטען אין גאסט־זאאל. ער איז געוואָרען ערשטוינט און ענטציקט.

— אָ, גרויסער גאָט! — האָט ער אויסגעשריען, — וויא פיעל פריידען, וויא פיעל גליק אין איין טאָג! מיין קליינעס הערץ איז ניט אימשטאנד זאָ פיעל גוטעס אויפצונעהמען אויף איין מאָל! —

— מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויס אין זאאל און דיא פריינדע זיינען גע־פאלען איינער דעם אנדערן איבער'ן האלז, מען האָט זיך געקוסט, געוויינט און גע־

לאכט, דיא פריינדע האָבען איינער ביי דעם אנדערן געפרעגט, איינער דעם אנדערן מיטגעטהיילט אלסדינג וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט. וויא דער ערשטער איינדרוק פון דיעזען אונגעריכטען וויעדערזעהען איז פאָראיבער, וויא יעדער האָט עטוואָס בערוהיגט זיין נייגיערדע, האָבען זיי זיך אלע דריי געזעצט לעבען א טיש פון אלעם גוטען, יעדער האָט זיך ערקוויקט מיט וואָס זיין הארץ האָט געלוסט און האָט דערביי מיטגעטהיילט זיינע קאמעראַדען אלעס וואָס עס איז זיי געווען אינטערעסאנט צו וויסען. וויא זייערע פערזענליכע אנגעלעגענהייטען האָבען זיך אויסגענומען און עס איז מעהר ניט געווען פון זיי וואָס צו ריידען, האָבען דיא פריינדע אָנגעפאַנגען צווישען זיך צו שפּרעכען איבער דיא פּאָליטיק און דיא לאַגע פון טירקיי אין יענער צייט. דיעזע לאַגע איז געווען, וויא מיר ווייסען, זעהר שלעכט און געפעהרליך, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט דאָס אונזערע פריינדע האָבען גלייך פערלאָרען זייער פרעהליכע מוטה און זיינען געוואָרען העכסט בעזאָרגט און בעקימערט.

— יא, מיינע פריינדע, — האָט געזאָגט האסאַן, — עס איז איין ענדע מיט אונזער פאטערלאנד, קיין גוטעס איז ניט צו ערווארטען, דאָס אומגליק איז שרעקליך גרויס, דאָס לאנד געהט אונטער מיט שנעלע שריטע!...

— אָבער גראדע דיעזעס דארף צווינגען יעדען פון אונז צו טהאָן אלעס וואָס ער קאָן אום צו רעטען אונזער פאטערלאנד, — האָט זיך אָבגערופען סאדי, — אין א צייט וויא דיעזע האָט קיינער קיין רעכט ניט צו שטעהען פון וויטען!

— לייזער ביזט דו ניט דער מענש צו שטרייטען מיט דיעזע שעדליכע און ניעדערטרעכטיגע לייט, — האָט איהם געענטפערט האסאַן, — דו ביזט צו עהרליך און מיינסט, דאָס אלע זיינען וויא דו. האָב איך דיר ניט געזאָגט דו זאָלסט זיין פאָרזיכטיג, דו זאָלסט בעצייטען ארעסטירען אלע ביז איינעם מיניסטאָרען און וויזירען, ווייל זיי האָבען צווישען זיך געמאכט א בונד, א פערשווערונג? ווען דו וואָלסט מיר דאן געפאָלגט, וואָלטען מיר צו קיין צרה ניט געקומען; דו אָבער האָסט ניט געקאָנט גלויבען, דאָס מענשען זאָלען זיין אזוי פאלש, אזוי אונטריי... און וואָס איז דיא ענדע געווען? דעם סולטאן האָט מען ערמאָרדעט, פון זיינע פריינד האָט מען געמאכט אש, און וויא פיעל האָט געפעהלט מען זאָל מיך מיט דיר אויך ערמאָרדען? ניין, מיין פריינד, מיט דיין עהרליכקייט און ליעבטגלויביגקייט קאָן מען יעצט גאנץ וועניג אויפטהאָן!... וויא איך זעה, ביזט דו נאָך יעצט אויך פערטיג צו גלויבען אין זייער עהרליכקייט...

— גיה, גיה, [illegible] — האָט סאדי געזאָגט, — יעצט בין איך שוין

גאָר ניט לייכט גלויביג; איך קען זיי שוין גאנץ גוט און בין פערטיג אַלעס צו טהאָן, אום נאָר צו רעטען פון זייערע הענד אונזער פאטערלאנד!

— זאָ לאנג עס װעלען לעבען מאנזור־עפענדי, הוסיין־רעשיד, — האָט זיך מיט היטץ אָבגערופען האסאן, — קאָן אונזער פאטערלאנד ניט געראַטעוועט זיין! אָ, דיעזע געפעהרליכע פערברעכער מוזען שטארבען! דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו זיכערן דאָס גליק פון אונזער לאנד.

— דו ביזט צו היטציג, מיין פריינד, — האָט איהם סאדי איינגעהאלטען, — איבער אזעלכע זאכען קאָן נאָר דער גראָס־הערר אליין געבען זיין בעשיעד, אָבער ניט דו אָדער איך, און ווען דיין לעבען איז דיר נאָך ליעב, זאָלסט דו מעהר דאָס פון דיין מויל ניט ארויסברייננגען....

— וויא איך זעה, — האָט איהם האסאן געענטפערט, — ווייסט דו ניט דיא לאגע פון דעם נייעם סולטאן זעלבסט, אָבער עס האלט שוין מיט איהם אזוי וויא מיט אבדול־אזיס'ן... זיינע טעג זיינען שוין געצעהלט... יא, יא, ער וועט שוין לאנג אויף זיין טראָהן ניט פערבלייבען, און וויא ער פאלט נאָר, פאלען מיר אלע מיט איהם צוזאמען!

— נו, דיא זאך איז נאָך גאָר ניט אזוי שלעכט, וויא דו מיינסט, — האָט סאדי געזאָגט, — דו קלערסט צופיעל איבער'ן קאָפּ, מיט אנדערע ווערטער צו זאָגען, דו ביזט א פאנטאסט.

— דו זאָגסט דאָס נור דעריבער, ווייל דו האָסט פורכט צו ריזיקירען דיין לעבען, ווייל דו ביזט שרעקעדיג וויא א האָז, — האָט האסאן אויסגעשריען מיט היטץ, — ביי מיר אָבער קומט אויס, דאָס יעצט דארף קיינער פון אונז אום זיין אייגענעם לעבען ניט שטעהען, דאָס יעצט מוז מען אלעס שטעלען אין קאָן, אלעס וואגען, אום נאָר בעהילפיג צו זיין דעם סולטאן און דעם לאנד!

— דו קלערסט צופיעל איבער'ן קאָפּ, — האָט סאדי ווידער געזאָגט, — בע־דענק זיך רוהיגער, וועסט דו זעהען, דאָס עס איז גאָר ניט אזוי שלעכט, וויא דו שטעלסט דיר פאָר.

—איך ווייס ניט ווארום דו האָסט דיך איינגעבילדעט, דאָס איך קלער איבער'ן קאָפּ, דאָס איך בין איין פאנטאזט, — האָט זיך האסאן אָבגערופען מיט פערדרוס,— איך מאך דיא געפאהר אפילו אויף האָאר ניט גרעסער וויא זיא איז ווירקליך; איך קלעהר ניט אויס פון קאָפּ, איך שפּרעך פון סידור. אלע וואָס האָבען געהאָלפען מוראד'ן ארויפשטייגען אויף'ן טראָהן, זיינען שוין יעצט מיט איהם ניט צופריעדען. זיי האָבען גערעכענט, דאָס מוראד וועט זיי לאָזען פיהרען דיא רעגיערונג, וויא זייער גוטער ווילען וועט זיין, און ער וועט שטעהען פון ווייטען און קוקען; זיי האָבען גערעכענט,

דאס ער וועט זיך נאר אגרופען סולטאן, דאס ער וועט זיך נאר אונטערשרייבען אויף דיא פאפיערען, וואס זיי וועלען פערפערטיגען, אבער ווייטער וועט ער זיך אין קיין זאך ניט מישען. מוראד, אבער, וויל זיך מיט אזא ראָלע ניט בעגנינען; ער וויל אויך „זאגען א דעה" אין דער רעגיערונג, ער וויל וויסען וואס טהוט זיך אין לאנד און וויל ניט מיט זיין נאמען, מיט זיינער אונטערשריפט מאכען הייליג אלסדינג, וואס זיי פערלאנגען. קורץ גערעדט, דיא פערשווערער האבען זיך ארומגעזעהען, דאס זיי האבען געמאכט א פאלשע רעכנונג, און זיי דענקען שוין צו מאכען מיט מוראד'ן דיא זעלבע ענדע וויא זיי האבען געמאכט מיט אבדול־אזיס'ן... עס איז שוין דא געדונגענע מערדער, וואס ווארטען נאר אויף א געלעגענהייט אום איבערצוטראנספארטירען איהם אויף יענער וועלט... אלזא, קומט ביי מיר אויס, דאס ווער עס איז טריי צו אונזער מאנארך, דער דארף ניט פירכטען צו ריזיקירען זיין לעבען, אום נאר איהם צו שיטצען געגען זיינע פיינדע. וואס מיך אנבעלאנגט, בין איך פעסט בעשלאסען אבצוגעבען פיר זיין רעטונג דעם לעצטען טראפען בלוט. און דו, סאדי? און דו, צארא? וואס דענקט איהר צו טהאן? זייט איהר דען ניט קיין פריינדע פון אונזער פאטערלאנד?

— דיינע ווערטער ריהרען מיך טיעף אין מיין הערצען, — האט זיך סאדי אבגערופען, — אבער דאך קאן איך דיר נאך קיין בעשטימטע אנטווארט ניט געבען.

— איך ליעב מיין פאטערלאנד, וויא דו, האסאן; איך בין אויך טריי צו מיין גראס־העררן ניט ווייניגער, וויא דו, אבער דאך מוז איך דיר אפען זאגען, דאס איך וויל מיינע ריינע הענד ניט בעשמוצען מיט בלוט־טהאטען. איך בין אזעלכע זאכען ניט אימשטאנד צו טהאן... און ווידער ווייס איך, דאס מיר וועלען גאר ניט אויספיהרען. איין מאל אבער קאן איך דא ניט ברייננגען קיין נוצען, האב איך מיך פעסט בעשלאסען אבצורייזען פון היער און פיר אימער זיך בעזעצען אין ענגלאנד, איך מיין אין לאנדאן. אין דיעזען לאנד ווייס מען ניט פון אזעלכע אונרוהען וויא ביי אונז. דארטען ווייס מען נים פון פיעל פרויען, פון הארעמען, און דיא קעניגליכע פאמיליען ווייסען דעריבער דארטען ניט פון אזעלכע אומגליקען, וויא ביי אונז. עס טהוט מיר פיעל לייד מיט אייך זיך צו שיידען, אבער וואס קאן מען מאכען איך מוז וואס שנעלער פון היער רייזען, ווארום ווען איך פערבלייב אין קאנסטאנטינאפאל לענגער, וועלען מיך נאך דיא פערשווערער צווינגען מיט געוואלט איך זאל זיי בעהילפיג זיין אין זייערע שרעקליכע פלענער... אלזא, מיינע פריינדע, מוז איך אין קורצען נעהמען פון אייך אבשיעד. —

— איך פערשטעה זעהר גוט, וואס דיר געפעהלט צו פאהרען נאך ענגלאנד, — האט זיך אבגערופען האסאן מיט א שמייכעל, — מיך איז שווער צו נארען. דו איילסט

דיך צו דער לײדי שטראַדפאָרדט, זיא איז דאָך שוין יעצט א וויטווע, אזוי וויא דו האָסט אונז ערצעהלט, אלזאָ, דענקסט דו מיט איהר צו הייראטהען... דאָס איז דיא וואהרע אורזאכע, וואָס דו קענסט היער ניט פערבלייבען, און דו ברויכסט גאָר ניט זיך צו בעציהען אויף דיין עהרליכקייט און זאָגען, דאָס דו קאָנסט ניט בעשמוצען דיינע ריינע הענד... פאָהר, האָב א גליקליכע רייזע, דאָס פאטערלאנד זאָל זיך בלייבען אין געפאהר, וואָס געהט עס דיר אָן, דו מוזט דאָך מיט דער שעהנער כריסטין הייראטהען!... ניין, מיינע פריינדע, איך זעה, דאָס איך האָב מיט אייך ניט וואָס צו מאכען, מיינע געדאנקען זיינען גאנץ אנדערע און עס בלייבט מיר קיין אנדער זאַך ניט איבער צו טהאָן, וויא אייך ווינשען גליק און אויף אימער פון אייך אוועקצוגעהען, אלזאָ, זייט מיר געזונד, מיינע פריינדע, און לעבט וואָהל.

האסאן האָט זיך מיט זיינע פריינדע געקושט און איז ווירקליך פון זיי מיט הערצענס וועהע אוועקגעגאנגען. סאדי און צארא האָבען איהם געפרופט אָבהאלטען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ער האָט זיך זאָגאר ניט אומגעקעהרט א בליק טהאָן אויף זיי, אזוי ווייט איז ער געווען מיט זיי אונצופריעדען. זיי האָט דאָס נאטירליך זעהר פערדראָסען. ערשטענס, איז זיי העכסט אונאנגענעהם געווען, וואָס ער איז אוועק פון זיי אונצופריעדען, כמעט אין כעס; צווייטענס, האָבען זיי איהם אליין בעדויערט, וויא ער איז געלאָפען אין פייער און האָט אזוי זיין לעבען ניט געשאָהנט. זיי האָבען איהם שוין אנדערש ניט גערעכענט וויא פערלאָהרען, דאָס האָט זיי ביידען זעהר געקרענקט. דיעזער אומשטאנד האָט זיי נאָך מעהר פערדרוס געמאכט, וויא זיי האָבען זיך ערקונדיגט, דאָס מאנזור־עפענדי איז פערשוואונדען געוואָרען, דאָס מען איז פריי געוואָרען פון דיעזען געפעהרליכען פערשווערער, וואָס האָט אלע אונגליקען אָנגעמאכט אן לאנד. איין מאָל איז דיעזער שעדליכער מאן ניט דאָ, איז שוין דיא לאגע פון דעם לאנדע, פון דער רעגיערונג און מוראד'ן זעלבסט גאָר ניט אזוי געפעהרליך, און דיא דריי פריינדע האָבען שוין צו גלייך ניט געהאט וואָס צו פירכטען און האָבען געקאָנט רוהיג בלייבען צוזאמען אויף זייערע ערטער.

אין א פאָאר שטונדען נאָך האסאן'ס אוועקגעהן, האָט צארא־בעי אויך גענומען אבשיעד פון סאדי'ן און האָט איהם דערביי פערשפּראָכען פאָר דעם אָברייזען נאָך ענגלאנד וויעדער אריינצוקומען צו איהם.

אזוי טרויעריג האָט זיך סאדי געשיידט מיט זיינע פריינדע און דיעזע טרויעריגע שיידונג האָט פערגיפטעט און פע ביטערט דיא פריידע וואָס ער האָט געהאט פון רעציע'ס געזונד ווערען.

נאָך מעשים טובים פון לאצארוס'ן.

וויא מען האָט מאנזור־עפענדי'ן אָפּגעפיהרט אין געפענגניס, האָט לאצארוס

אויסגעווירקט ביי „דען גאָלדענעז מאַסקען" זיי זאָלען איהם לאָזען לעבען נאָך עטליכע טעג. עס איז ניט שווער געווען דאָס אויסצואווירקען, ווארום יעצט וויא ער האָט שוין געהאַלטען וואָרט און האָט זיי צוגעשטעלט מאַנזור־עפענדי'ן, האָט ער שוין ביי זיי געהאט מעהר קרעדיט וויא דאָס ערשטע מאָהל; וויעדער האָבען זיי געוואוסט, דאָס ער וועט זיך שוין פון זייערע הענד ניט ארויסדרעהען, און צו ער וועט שטערבען מיט עטליכע טאָג פריהער, מיט עטליכע טאָג שפעטער, דאָס איז פיר זיי געווען פיעל גלייך.

דיעזער אויסוואורף אָבער האָט דערביי געהאט אַנדערע געדאנקען. ער האָט געהאָפט אין דיא עטליכע טעג זיך אָבצורעכנען מיט סאַדי'ן און, וויעדער אָנצוקלאָגען „דיא גאָלדענע מאַסקעס" פאַר דער רעגיערונג; יעצט האָט ער דאָך שוין געוואוסט זייער פערזאַמלונגס אָרט, וועלכען ער וועט אָנווייזען דער רעגיערונג, און מען וועט דיא אַלע געהיימע ריכטער בעפאַלען מיט קאַוואַסען און מען וועט ביז איינעם ארעס־טירען. דיא רעגיערונג וועט איהם געוויס זיין דאנקבאַר דער פיר, און ווער וועט דאַן זיין גלייך מיט איהם? אַלע זיינע פלענער וועלען זיין אויסגעפיהרט: מיט סאַדין זיך אָבגערעכענט, מיט מאַנזור־עפענדי'ן זיך אָבגערעכענט, און ער זעלבסט לעבט און האָט פערגעניגען!.....

לאַצאַרוס איז ארויס פון דיא „זיעבענטהורמען" העכסט פרעהליך; ער איז דורכאויס געווען זיכער, דאָס ער וועט אַלס דינג אויספיהרען, וויא ער האָט אויסגע־רעכענט. לײַדער האָט זיך זיין פּלאַן גענען סאַדי'ן איהם ניט איינגעגעבען. איינדרינ־גען אין סאַדי'ס וואָהנונג, האָט ער אויף קיין אָרט ניט געקאָנט; אָנטרעפען איהם אויף דער שטראַסע אין א שטילען אָרט איז אויך אונמעגליך געווען, ווארום סאַדי פלעגט אירגענדס ניט ארויסגעהן. ענדליך, דאָס ער האָט איהם שוין יא אָנגעטראָפען אין דער צייט, וויא ער איז געגאַנגען בעגלייטען צאַרא־בעי'ן אויף זיינער רייזע נאָך לאָנ־דאָן, האָט איהם סאַדי בעמערקט פונקט אין דער מינוטע וויא ער האָט זיך פערמאָס־טען איהם צו שטעכען מיט א קינזשאַל. סאַדי האָט איהם גלייך אָנגענומען און אי־בערגעגעבען אין דיא הענד פון איינעם פּאָליציי־אָפיציער.

דער אָפיציער האָט איהם געוואָלט אָבפיהרען אין דאָס געפענגניס־ הויז, וואו עס זיצען אַלע געוועהנליכע מערדער. דאָס האָט לאַצאַרוס'ן גאָר ניט געשמעקט; ער וואָלט דאָרטען פערפוילט געוואָרען זיטצענדיג און אזוי וואָלטען פון אַלע זיינע פלענער געוואָרען „א האָהן" — ער האָט זיך דעריבער אָבגערופען צום אָפיציער:

— איך וויים אפילו, דאָס דוא דארפסט מיך אָבפיהרען איז שטאָדט געפענגניס, אָבער איך בעט דיך, פיהרע מיך בעסער אין „סעראַסקיר טהורם" און שטעלע מיך פאַר הוסיין־פּאשא, — וואָס שפּיעלט יעצט דיא גרעסטע ראָלע. דוא וועסט קיין תרטה

ניט האָבען. איך האָב איהם צו ענטדעקען א געוויסען פּאָלימישען סעקרעט. דיא זאכע איז אזוי וויכטיג, דאָס הוסיין־פּאשא וועט דיר פיעל דאנקען, וואָס דוא האָסט מיך צו איהם געבראכט, און ער וועט אונז ביידען וויא געהעריג בעלאָהנען.

דער אָפיציער האָט זיך געלאָזט איינריידען. ער איז זעהר צופרידען געוועזען, וואָס ער האָט א געלעגענהייט צו געפעלען דעם קאָמאנדאנט פון „סעראסקיר־טהורם“ וועלכער איז אים שטאנדיג פיעל נוטעס פיר איהם צו טאָהן.

עס איז שוין געוועזען שפּעט אין דער נאכט, וויא דער אָפיציער האָט געבראכט זיין ארעסטאנט אין „סעראסקיר־טהורם“. הוסיין־פּאשא האָט שוין לאנג געשלאָפען און ביז אויף מאָרגען איז אונמעגליך געוועזען צו איהם אריינצוקומען. אויף מאָרגען האָט דער אָפיציער זיך געלאָזט מעלדען ביי דעם קאָמענדאנט און האָט געבעטען, מען זאָל איהם אויפוועקען פון שלאָף, ווארום ער האָט איהם מיטצוטהיילען זעהר א וויכטיגע זאך מיט וועלכער עס איז אונמעגליך צו ווארטען. מען האָט איהם אויפגעוועקט און וויא הוסיין־פּאשא האָט דערזעהן לאצארוס'ן האָט ער זיך ערפרייט.

— גוט, גוט, וואָס דוא ביזט געקומען, — האָט ער צו איהם געזאָגט, — איך האָב דיך שוין געוואָלט שיקען אויפזוכען. איך האָב דיך געוואָלט פרעגען, פיעלייכט ווייסט דוא וואָס עס איז פון דיינעם געוועזענעם העררן, איך מיין מאנזור־עפענדי, וועלכער איז זייט עטליכע טעג פערשוואונדען געוואָרען און קיינער וויים ניט וויא און וואוהין? דו אָבער ווייסט דאָך אלסדינג, און אויב דו ווייסט ניט שוין בעט איך דיך דוא זאָלסט זיך ערקונדיגען און מיר גלייך מעלדען. נו, און צוליעב וואָס האָסט דוא געפאָדערט, מען זאָל מיך וועקען פון שלאָף?

דאָ איז דער אָפיציער ארויסגעגאנגען, אום ניט צו שטערען לאצארוס'ן מיטצוטהיילען זיין סעקרעט. וויא לאצארוס איז געבליעבען אליין, האָט ער זיך אָבגערופען צו הוסיין־פּאשא מיט א טרויעריגער שטימע:

— דיא אורזאכע וואָס איך האָב מיך ערלויבט צו קומען צו דיר אזוי פריה און נאָך צו וועקען דיך פון שלאָף איז דער זעלבער אומשטאנד וואָס האָט געטראָפען מיט מאנזור־עפענדי. איך ווייםווירקליך וואו ער איז: ער געפינט זיך אין זעהר אגרויסען געפאהר. איך האָב פיעל מיט לייד מיט איהם... ער אז אריינגעפאלען צו דיא גאָלדענע מאסקעס אין דיא הענד. זיי האָבען איהם פעראורטהיילט צום טוידט. יעצט קען מען נאָך איהם פיעלייכט רעטען, איך האָב אויסגעשפּיערט דעם אָרט, וואו דיא „גאָלדענע מאסקעס“ קלייבען זיך צוזאמען. דיעזער אָרט איז „דיא זיעבען טהורמען“, זיי קומען דאָרטין צוזאמען אלע נאכט.

— איך דאנקע דיר, לאצארוס, פיר דיינע טרייהייט צו דיין אלטען העררן. שאדע וואָס מען מוז ווארטען ביז נאכט. ביי נאכט שיק איך אהין א ראָטע סאָלדאטען און מיר

וועלען זיך שוין מיט זיי פּאר אלעם אָברעכענען, דוא פערבלייב היער אין „סעראַס־קיר־טהורם", ביי נאכט וועסט דוא מיט נעהען מיט די סאָלדאטען און וועסט זיי וויי־זען דעם וועג.

אבונעצעס טרויעריגע ענדע.

אין די קריסטליכע פּראָווינצען פון טירקיי איז נאָך אימער ניט געווען שטיל און רוהיג. דער בלוטיגער שטרייט צווישען די טירקען און פערשיעדענע סלאווישע פעלקער וועלכע וואָהנען אין טירקיי האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. פיעלע טויזענדע מענשען זיינען שוין פון ביידע זייטען געפאלען. פיעלע טויזענד זיינען געוואָרען פער־וואונדעט, און געבליעבען אָהן הענד, אָהן פיס, אהן אויגן און דאָס גלייכען. אין גרעס־טען טהייל פלעגען זיעגען די טירקען, וועלכע זיינען געווען פיעל מעהר אין צאָהל און שטארקער וויא די קליינע סלאווישע פעלקער. אזוי איז אויך געווען אין דער שלאכט אין סערביען וואָס האָט געמאכט איין ענדע מיט אונזער אלטען בעקאנטען אבונעצע.

די שלאכט האָט געדויערט א גאנצען טאָג פון פריהמאָרגען ביז נאכט. אויף דעם שלאכטפעלד אָדער אויף דעם פּלאַץ פון שטרייט זיינען געבליעבען עטליכע הונדערט טוידטע און פערוואונדעטע. די פלינטען און הארמאטען האָבען שוין אויפגעהערט צו דאָנערן אין דער לופט; מען האָט שוין ניט געהערט די געשרייען פון די קאָמאנדירען, אָבער עס איז דאָך דאָרטען ניט געווען שטיל און רוהיג; יעצט האָבען אנדערע געשרייען בעטויבט די יעניגע וואָס האָבען זיך געקאָנט איינהאָרכען, יעצט האָבען געשטערט די רוהע די פערוואונדעטע וועלכע האָבען שרעקליך געזיפצט און געאָכצט, אנדערע האָבען געשריען פון זייערע שמערצען און האָבען געבעטען אויף זיך דעם טוידט, אנדערע האָבען געפיהלט וויא עס ברענט ביי זיי דאָס הערץ און זיינען אויסגעגאנגען פיר א טראָפּען וואסער, אנדערע האָבען געליטען הונגער, אנדערע האָבען געוויינט איבער פרוי און קינדער... קיינער האָט זיך אָבער ניט אָבגערופען, ניט די סערבען און ניט די טירקען. נאָר איינער האָט זיך געפונען, וואָס איז ניט געבליעבען גלייכגילטיג צו זייערע שמערצען און איז געקומען פערלייכטערן וויא ווייט עס איז מעגליך געווען זייערע שרעקליכע ליידען. דיעזער איינער איז קיין אנדערער ניט געווען וויא דער אלטער וויים־בערדיגער אבונעצע.

אונזערע לעזער וויסען שוין, דאָס דיעזער אבונעצע איז אין אמת געווען דער בעריהמטער געלעהרטער אלמאנזאר, רעציע'ס פאָטער. ער איז געווען א גרויסער מענשען־פריינד, וואָס האָט זיין לעבען אָבגעלעגט אויף דעם צו טהאָן גוטעס פיר אלע מענשען, צו העלפען אלע עלענדע, צו שיטצען אלע אונשולדיגע, בעדריקטע און בעליידיגטע. „די גאָלדענע מאסקעס" האָבען איהם זעהר געאַכטעט און ער איז

ביי זיי געוועזן שעף, אָדער הויפּט־קאָמאנדיר. ער האָט זיך בעוויזען אויף דעם שלאכטפעלד מיט א לאנטערנע אין דער האנד און מיט א פּאַק פול מיט עסענוואַרג, מיט ערפרישענדע געטרענקע, מיט פערשיעדענע רפואות און הייל מיטעל, מיט באנ־דאזשען, איבערצובינדען דיא פערוואונדעטע. ער איז געגאנגען איבער דעם פעלד און וואו ער האָט נאָר בעמערקט ליגענדיג א פערוואונדעטען, וועלכען עס איז נאָך מעגליך געוועזן צו העלפען, האָט ער געהאָלפען: איינעם האָט ער געשטילט דיא שמערצען מיט א טרונק, דעם אנדערן האָט ער געגעבען רפואות, דעם דריטען האָט ער איינגעבונדען און פערהאלטען דאָס בלוט. דיא ליידענדע און פערשמאכטעטע האָבען איהם אָנגעקוקט וויא א'ן ענגעל פון הימעל וואָס האָט זיך בעוויזען, אום צו לינדערן זייערע שמערצען.

צום אומגליק אָבער האָט ער באלד געמוזט אויפהערען דיא גוטע זאך וואָס ער איינער האָט אויף זיך גענומען. עטליכע רייטער זיינען פלוצלינג געקומען אויפ'ן שלאכטפעלד אום אויסצורויבען און ארומצונעהמען דיא טוידטע און פערוואונדעטע וואָס זיינען דאָרטען געלעגען. פיעלע פון דיעזע אומגליקליכע האָבען געהאַט ביי זיך געלד און טהייערע זאכען; אויף אנדערע זיינען געוועזן גוטע קליידער, און דיא טירקען זיינען געקומען אויסטרייסלען ביי זיי דיא טאשען און אראָבציהען דיא קליידער. זיי האָבען בעמערקט וויא איינער באנדאזשירט א פערוואונדעטען, און וויא זיי האָבען אין איהם ערקענט א טירק, האָבען זיי איהם אָנגענומען און גע־בראכט צום פּאָלקאָווניק מיט דער מעלדונג, דאָס זיי האָבען געפאנגען א גרויסען פערברעכער, נעמליך, א טירק וואָס האָט געשלאָסען פריינדשאפט מיט דיא פיינדע פון טירקיי, מיט דיא כריסטען פון סערביען.

דער אָבערסט האָט פאָרגעשטעלט דיא זאך דעם גענעראל. דער גענעראל האָט אבונעצע'ן אָבגעשיקט צום קריעגס־געריכט אין אדריאנאָפּאָל. דאָ האָבען איהם דיא געהיימע אגענטען און פיסקאלען גלייך ערקענט און האָבען געזאָגט דאָס ער איז דער זעלבער שלאנגען־בעשווערער, וואָס האָט שוין פיעל מאָל געווירקט געגען דיא טירקען און געגעבען עצות דיא כריסטען, וויא זיי זאָלען זיך פיהרען.

אבונעצע האָט קאלטבלוטיג אויסגעהערט אלע זינד, אין וועלכע מען האָט איהם בעשולדיגט, און האָט זאָגאר ניט געוואָלט זיך ענטשולדיגען פאר דעם גע־ריכט, אום עס זאָל זיך דורך דעם ניט ענטדעקען, דאָס ער איז אלמאנזאר, דער הויפּט רעדעלפיהרער פון אלע „גאָלדענע מאסקעס“.

דער קריעגס־געריכט האָט פעראורטהיילט אבונעצע'ן צום טוידט דורך ער־שיסען. אבונעצע האָט געגען דיעזען דעקרעט א וואָרט ניט גערעדט. ער האָט נאָר פערלאנגט מען זאָל איהם וואַרטען מיט דער שטראָפע פיער טעג, אום ער זאָל צייט

האָבען צו שרייבען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל צו זיין איינציגער טאָכטער. דיעזען וואונש האָט איהם דער גערינכט ניט ענטזאגט, און אבונעצע האָט גלייך אָבגעשיקט צו רעציע'ן א בריעף דורך א „גאָלדענע מאסקע", וואָס איז צו איהם געקומען אין דעם זעלבען טאָג. ליידער, איז אוועקגעגאנגען דיא פיער טעג, און עס איז ניט גע־קומען קיין רעציע און קיין אנטוואָרט. אויף דעם פיערטען טאָג געגען אבענד האָט מען דעם אונגליקליכען אבונעצע'ן ארויסגעפיהרט אויף'ן ריכט פלאץ, צוגעבונדען צו א זייל און צוועלף סאָלדאטען האָבען מיט צוועלף פלינטען אין איהם אויסגעשאָסען.

אזוי האָט דיעזער פייגער מאן געענדיגט זיין לעבען!

102.

האסאן פיהרט אוים זיין בלוטיגען פּלאַן.

אין דער זעלבער נאכט וואָס הוסיין האָט גערעכענט צו בעפאלען דיא פער־זאמלונג פון דיא „גאָלדענע מאסקעס" אין „זיעבען טהורמען", האָט ער בעקומען פון סולטאן א בעפעהל, ער זאָל גלייך קומען צו איהם אין פאלאץ, ווייל ער דארף זיך מיט איהם בעראטהען איבער וויכטיגע געגענשטענדע. הוסיין איז געוועזן דער איינציגער פון אלע מיניסטאָרען און וויזירען, צו וועלכען מוראד האָט געהאט א גרויסען צוטרויען. מיט איהם האָט מוראד געמוזט זיין פריינדליך, ווארום ער איז דאָך געוועזן, וויא מיר ווייסען, דער קריעגס־מיניסטער וואָס האָט פערוואלטעט מיט דער גאנצער ארמעע, אלזאָ, איז זיין הילפע איהם אימער געוועזן נעטהיג אום זיך אויפצוהאלטען אויף'ן טראָהן. ליידער, איז הוסיין אָבער אין הערצען געוועזן צו מוראד'ן ניט בעסער וויא ער איז געוועזן צום פאָריגען סולטאן, און אָבוואָהל הוסיין האָט זיך פאר איהם ניט ארויסגעוויזען און האָט זיך אימער געמאכט פיר טריי און געהאָרכזאם, איז ער דאָך געוועזן פיר מוראד'ן ניט וועניגער געפעהרליך וויא ער איז געוועזן פיר אבדול־אזיס'ן. ער איז נאָך געוועזן זעהר פאָרזיכטיג, מוראד זאָל אויף איהם קיין מינדעסטען חשד ניט האָבען. צוליעב דייעזער פאָרזיכטיגקייט איז גע־בליעבען ביי הוסיין אוועקצוואָרפען אלע זאכען און ערפילען מוראד'ס בעפעהל, דאָס הייסט, וואָס שנעלער זיך פאָרשטעלען ביים סולטאן אין קאבינעט, אָבוואָהל אין דער זעלבער נאכט האָט ער אָבגערעדט מיט אלע מיניסטאָרען צוזאמענצוקומען ביי מידכאד־פאשא אין הויז וואו מען האָט זיך בעדארפט בעראטהען וויא צו מאכען א נייע פערשווערונג געגען מוראד'ן. הוסיין האָט בעדארפט זיין דער פרעזידענט פון דער בעראטהונג. אָבער ער האָט ניט געוואָלט איינרייסען מיט'ן סולטאן, וועל־כען ער האָט, פערקעהרט, געוואָלט בעוויזען, דאָס ער איז צו איהם טרייער און געהאָרכזאמער וויא אנדערע מיניסטאָרען, וואָס האָבען אָפט ליעב זיך צו פער־שטעלען פיר קראנק אָדער אנדערע אורזאכען אויסצודענקען, איבער וועלכע זיי

מוזען בלייבען צו הויזע, און זיינען ניט אימשטאנדע צו ערפילען דעם סולטאן'ס בעפעהל זיי זאָלען קומען צו איהם. דער קריעגס־מיניסטער איז אויסגעפאָהרען צום סולטאן און האָט געשיקט מעלדען מידכאד'ן, מען זאָל אויף איהם ניט ווארטען, מען זאָל מאכען דיא בעראטהונג אָהן איהם, און אויב ער וועט זיך ניט פערזאמען ביים סולטאן, וועט ער שפּעטער אויך אונטערקומען.

וויא דיא לעזער געדענקען, האָט האסאן געברענט מיט דעם געדאנקען זיך אָבצורעכנען מיט דיא מיניסטאָרען און וויזירען וואָס האָבען אומגעבראכט פון דער וועלט אבדול־אזיס און וואָס האָבען זיך שוין יעצט בעשלאָסען מוראד'ן אויך אומצובריינגען. האסאן'ס געדאנקען איז געווען אויף איין מאָל צו ערמאָרדען אלע געפעהרליכע מיניסטאָרען און וויזירען, וואָס מאכען מיט זייער לעבען אומגליקליך דאָס לאנד און דעם סולטאן.

אום אויסצופיהרען דיעזען פּלאן, איז נעטהיג געווען א גוטע געלעגענהייט, וועלכע האסאן האָט געזוכט פון דער צייט אָן וויא ער האָט גענומען אבשיעד פון זיינע פריינדע. ענדליך, האָט ער זיך ערקונדיגט, דאָס ביי מידכאד'ן אין הויז וועט זיין א פערזאמלונג פון מיניסטאָרען און וויזירען. קיין בעסערע געלעגענהייט האָט ער ניט בעדארפט.

אין טירקיי איז דיא מאָדע, דאָס קיין פערזאמלונג קומט ניט פאָר אָהן א מאָהלצייט, און ווער רעדט שוין פון פּאראדנע מיניסטאָרען פערזאמלונגען. און וויא נאָר עס קומען דאָרטען צוזאמען עטליכע מיניסטאָרען זיך צו בעראטהען ווענען דיא געשעפטען פון דער רעגיערונג, ווערט שוין דערביי געגרייט א טיש מיט „אלעם גוטען". וואָס דיא פערזאמלונג איז גרעסער מאכט מען אלץ א גרעסערע, א פּאַראדנערע מאָהלצייט, מען דינגט צו נייע קוכער, סארוועך, לאָקייען און אנדערע בעדיענטע.

האסאן האָט זיך פערשאפט א גוטע רעקאָמענדאציאָן צו מידכאד'ס הויז־פיהרער אָדער עקאָנאָם און האָט זיך פערדונגען ביי איהם פיר איין אָפיציאנט אויף דעם באל וואָס וועט זיין אין דער נאכט פון דער גרויסער מיניסטאָרען פערזאמלונג. אזוי וויא האסאן איז געווען א שיינער יונג און ריין געקליידעט, האָט איהם דער הויז־פיהרער בעשטעלט צום פאָרנעהמסטען טיש, דאָס הייסט פיר דעם טיש וואו עס וועלען זיטצען דיא פאָרנעהמסטע געסט. מעהר וויא דיעזעס האָט האסאן ניט פערלאנגט.

אין דער בעשטימטער נאכט (דיעזעס וואר דעם 14טען יוני 1876), פון דער פערזאמלונג איז האסאן בעצייטען געקומען צו מידכאד'ן אין הויז אום צו ערפילען זיין דיענסט. פון אויבען האָט ער געטראָגען געוועהנליכע קליידער פון א וויטער,

אָדער א סאַרוועד; פון אונטען אָבער איז ער געווען געקליידעט אין זיין פּאַראַדנעם גאָלד געהעפטען מונדיר, מיט אַלע זיינע מעדאַלען און אָרדערס, אין גאָלד געשטיקטע פּאַנטאַלאָנען און אין א גאָלדענעם גורט אין וועלכען ער האָט אריינגעשטעקט א פינף־רעהריגען רעוואָלווער, א טהייערען קינזשאַל, און א שווערד אויף'ן זייט.

אום עלף אוהר האָבען אָנגעפאַנגען צוזאַמענצופאָהרען פערשיעדענע געסט וואָס זיינען געווען געלאַדען אויף דיא בעראַטהונג. אין פערלויף פון א שטונדע זיינען שוין געווען אויף זייערע ערטער כמעט אַלע מיניסטאָרען און וויזירען, עס האָט מעהר ניט געפעהלט וויא דער קריעגס־מיניסטער, הוסיין־פּאַשאַ. מיר ווייסען שוין דיא אורזאַכע וואָס ער האָט זיך פערשפּעטיגט צו קומען, אָבער האַסאַן האָט דיעזע אורזאַכע ניט געוואוסט, דעריבער, האָט איהם זיין ניט־קומען זעהר פיעל זאָרג גע־מאַכט. ערשטענס, האָט זיך האַסאַן מיט איהם געוואָלט אָברעכנען מעהר וויא מיט אַלע איבריגע; צווייטענס, האָט האַסאַן גערעכענט, פיעלייכט קומט ער ניט דעריבער ווייל ער האָט דערשמעקט דיא געפאַהר וואָס עס שטעהט פאַר אין דער פערזאַמלונג? עס איז דאָך מעגליך אז הוסיין האָט זיך ערקונדיגט פון האַסאַן'ס געהיימען פּלאַן, און דאַן האָט שוין האַסאַן בעדאַרפט זיכער זיין, דאָס מען וועט איהם ניט שעהנען און ער וועט ווידער פערליערען זיין פרייהייט, פיעלייכט אויך זיין קאָפּ!...

אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען האָבען פערביטערט האַסאַן'ס געמיטה ביז וואַנען דער קריעגס־מיניסטער מיט זיין אדיוטאַנט זיינען ענדליך אויך געקומען.

עס איז שוין געווען זעהר שפּעט און אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אָנגע־פאַנגען דיא בעראַטהונג. האַסאַן האָט זיך פעררוקט אין א ווינקעל הינטער דער מהיר און האָט זיך פון דאָרטען איינגעהאָרכט אַלעם וואָס דיא געסט האָבען צווישען זיך גערעדט.

— דיא לאַגע פון אונזער יעצטיגער רעגיערונג ווערט שלימער וואָס פון טאָג,— האָט זיך אָבגערופען מעחמעד־רושדי, — און וואָס מעהר געוואַרט, איז מעהר גע־נאַרט. ניין! מיר מוזען זיך בעשליסען אויף א געוואַלטיגען אקט, מיט געוואַלט מאַכען א נייע רעגיערונג... טהוען מיר דאָס ניט, וועלען מיר שפּעטער חרטה האָבען...

— עס איז שוין ווירקליך מעהר ניט צום אויסהאַלטען, — האָט געזאָגט הוסיין,
— מיר האָבען אונז מיט מוראַד'ן דורכאויס אָבגענאַרט. איך קום גלייך פון איהם. ער איז זעהר קרענקליך, שוואַרמיטהיג און גאַנץ אָפט זעהט ער אויס וויא איינער וואָס האָט פערלאָרען זיין פערשטאַנד... עס איז קיין אנדער מיטעל ניט דאָ וויא איהם אַרונטערצושטויסען פון טראָהן און ארויפזועטצען זיין ברודער אבדול־האַמיד... צו דיעזען ציעל דאַרפען מיר גאָר קיין געוואַלט און קיין ליאַרם... זאָ לאַנג דער גרויס־מופטי האָט איהם ניט אומגעגירטעלט מיט'ן שווערד פון דיא פּראָפעטען, איז ער

מעהר ניט וויא א קאנדידאט אויף'ן טראָהן, אָבער נאָך ניט קיין וואהרער סולטאן. וואָלט ער געווען פעהיג און וואָלט געפּאסט צו דער ראָלע פון א טירקישען סולטאן, וואָלטען מיר איהם געלאָזען זיטצען אויף'ן טראָהן. יעצט אָבער האָט זיך ארויסגע־וויזען, דאָס דיעזע ראָלע איז ניט פיר זיינע קרעפטען און זיין זינען, אלזאָ, האָבען מיר נאָך רעכט אָבצונעהמען פון איהם דעם טראָהן און אָבגעבען א'ן אנדער קאנ־דידאט, וואָס וועט בעסער טויגען וויא ער...

— איז דען ווירקליך אזוי שלעכט מיט זיין געזונדהייד און זיין פערשטאנד ? — האָט געפרעגט ראשיד־פּאשא.

— פיעל שלעכטער וויא מען קאָן זיך פאָרשטעלען, — האָט געענטפערט הוסיין־פּאשא, — דיא גאנצע צייט וואָס איך האָב מיט איהם גערעדט, האָט ער אויף מיר געגלאָצט מיט דיא אויגען; האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען א נארישען געלעכטער, און זעהר פיעל געפּלוידערט.. איין וואָרט האָט צום אנדערן ניט געקלעבט, איך האָב געמיינט, פיעליכט איז דאָס א צופאל וואָס ער איז געוואָרען מיט א מאָל ניט געזונד, און איך האָב געלאָזט אריינרופען אין קאבינעט דעם וויזיר פון הארעם, אום ער זאָל דאָס אויך זעהען און שיקען נאָך א דאָקטאָר. אָבער דער וויזיר האָט זיך אויס־געלאכט און געזאָגט, דאָס איז קיין נייעס ניט, ער איז אימער אזוי און דיא ערצטע קענען דאָ גאָר ניט העלפען... מיר זיינען שוין געוואָהנט צו דעם, האָט דער וויזיר געזאָגט, ער רעדט און טהוט אימער וויא א קינד.

— דאָס הייסט, ער איז אויסען זינען, — האָבען איינינע שטימען זיך אָבגע־רופען מיט א מאָל, — א'ן אידיאָט... אזעלכער קאָן קיין פיהרער פון א לאנד ניט זיין. ניין ! מען מוז וואָס שנעלער פון איהם פריי ווערען !...

— נו, און ווער קאָן אונז גאראנטירען, דאָס מיט אבדול־האמיד'ן וועט ניט זיין דיא זעלבע זאך וואָס מיט מוראד'ן ? — האָט געפרעגט מידכאַד־פּאשא.

— ווען ער וועט נים זיין בעסער וויא זיין ברודער, — האָט געענטפערט הוסיין־פּאשא, — וועלען מיר אונז מיט איהם ניט בעסער בעגעהען וויא מיט זיין ברודער... קאנדידאטען אויף'ן טראָהן זיינען דאָ גענוג...

דיעזער געשפּרעך האָט געווירקט אויף האסאן'ס געמיטה וויא אויל אויף גליהענדע קאָהלען, עס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען דאָס בלוט. ער איז געוואָרען אזוי אויפגעקאָכט, דאָס ער איז ניט געווען אימשטאנדע מעהר צו ווארטען. דערצו האָט ער אויסגערעכענט דאָס יעצט וועט איהם לייכטער זיין אויצופיהרן זיין פּלאן וויא שפּעטער ; יעצט זיינען מעהר ניט דאָ אין בעראטהונגס־זאאל וויא זעכס זיעבען פערזאָן, אָבער שפּעטער צו דעם מאָהלצייט וועלען פיעלייכט אָנקומען נייע געסט.

האסאן האָט זיך בעשלאָסען. ער האָט אין ווינקעל הינטער דער טיהר, וואגהין

ער האָט זיך פעררוקט מען זאָל איהם ניט זעהען, שנעל אראָבגעוואָרפען פון זיך דיא אויבערשטע קליידער און ער איז געבליעבען אין א גייעם מונדיר, וואָס האָט גע־גלאנצט מיט מעדאלען, אָרדערס און גאָלד בעפּוצונג. דיעזען מונדיר פלעגט ער טראָ־גען אין דער צייט ווען ער איז נאָך געוועזען האָף־מיניסטער ביי דעם ערמאָרדעטען סולטאן.

האסאן איז מיט האסט אריינגעלאָפען אין בעראטהונגס־זאאל, און דיא פער־שווערער זיינען געבליעבען זיצען וויא טוידטע פון שרעק... פון וואנען האָט ער זיך פּלוצלינג גענומען? וויא אזוי? אייניגע פון זיי האָבען געגלויבט דאָס זיי זעהען ניט האסאן’’ען, נאָר א טייפעל, וואָס האָט זיך פערשטעלט פיר דיעזען בעסטען פריינד פון אבדול־אזיס און איז געקומען זיך אָברעכנען מיט זיי פיר זיין טוידט, זייער שרעק איז ניט געוואָרען קלענער וויא האסאן האָט אין עטליכע סעקונדען ארום אָנגעפאנגען צו רעדען און זיי האָבען ערקענט, דאָס פאר זיי שטעהט דער ווירקליכער האסאן, דער געוועזענער גראָס־שייך און האָף־מיניסטער פון אבדול־אזיס, און ניט קיין טייפעל.

יעצט איז זיי איין אנדער זאך ארויף אויף’ן געדאנקען; זיי האָבען נעמליך, געגלויבט, דאָס מוראד האָט בעצייטען בעקומען צו וויסען פון זייער פערשווערונג און דאָס האסאן איז געקומען אין זיין נאָמען זיי אלע ארעסטירען. וויא קאָן אנדערש זיין? געוויס איז ער פון זיך אליין ניט געקומען; געוויס איז שוין מידבאַר’ס וואָהנונג בעלאגערט מיט סאָלדאטען, רייטער, קאוואסען, און מען וועט זיי גלייך אוועק־פיהרען אין „סעראסקיר־טהורם“ אָדער אין איין אנדער געפענגניס־הויז, און דער־נאָך וועט מען זיי שטעלען צום געריכט און מען וועט מאכען איין ענדע מיט זייער לעבען.

האסאן’ס שטימע האָט דערווייל געדאָנערט:

— נו, איהר זייט שוין פערטיג מיט אייער בלוטיגע בעראטהונג? מענשען־פיינדע, מערדער, פערשווערער!

דיא פערשווערער זיינען געוועזען בלאס וויא קאלך, עס האָט זיי געטרייסעלט דער מארך אין דיא ביינער. האסאן האָט זיך מיט ווערטער אליין ניט בעגניגענט. אין דער זעלבער מינוט האָט ער ארויסגעצויגען פון אונטערן גורט זיין רעוואָלווער און אויסגעשאָסען אויף דעם קריעגס־מיניסטער.

— דו ניעדריגער פעררעטהער, געה צום ערשטען אין דיא העלל!

דיא קוגעל איז ניט געגאנגען פערביי...

— אָ! איך בין ערמאָרדעט! — האָט הוסיין קוים געקאָנט אויסשרייען, — זיין בלוט האָט פערשפּריצט דעם טיש און דעם דיוואן אונטערן טיש. האסאן האָט יעצט אָנגעשטעלט זיין רעוואָלווער געגען ראשיד’ן.

— דו ניעדערטרעכטיגער קאַלענע פון מאנזור־עפענדי! — האָט ער אויסגע־שריען, — דו בלוט־הונד, דו האָסט מיט דיינע ליכט פערפינסטערט דעם זינען פון אבדול־אזיס, דו געה צום צווייטען אין דיא העלל!

דיעזעס מאָל האָט ער געשאָסען פערביי, אָבער האסאן האָט ארויסגעצויגען זיין קינזשאל און האָט איהם טיעף ארייננעזעצט אין ראשיד'ס הערצען. מעהר האָט שוין ראשיד ניט נעטהיג געהאט; ער איז געפאלען אויף'ן אָרט און איז שוין ניט אויפגעשטאנען.

נאָך ראשיד'ן איז נעגאנגען דער פלאָט־מיניסטער. האסאן האָט איהם שטערב־ליך פערוואונדעט און האָט זיך גענומען צו דיא איבריגע פערשווערער. עטליכע זיינען געפאלען טוידט, עטליכע געפעהרליך פערוואונדעט, צוויי דריי זיינען פערקראָכען אין לעכער אין אנדערע צימער און האָבען זיך ארויסגעדרעהט פון האסאן'ס האנד. דיא בלוטיגע סצענע האָט אזוי לאנג געדויערט, ביז עס איז געוואָרען א ליארם אין דער שטראסע און עס זיינען צוזאמענגעלאָפען בעוואפענטע קאוואסען, סאָלדאטען, אָפיציערען. האסאן האָט זיך פריי ניט געלאָזט נעהמען, אָבער ער האָט בעקומען א טיעפען שטאָך אין רוקען מיט א שטיק פון א ביקס... מען איז אויף איהם ארויפגע־פאלען און מען האָט איהם אוועקגעשלעפט אין „סעראסקיר־טהורם“. ווידער אין דאָס זעלבע געפענגניס־הויז, פון וועלכען ער איז דאָ ניט לאנג פריי געוואָרען.

103.

ווידער א נייער סולטאן!

דיא נאכריכט פון דער בעשריעבענער בלוט פערגיעסונג, וואָס איז געשעהען ביי מידכאד'ן אין הויז, האָט געמאכט אויף דיא איינוואָהנער פון קאָנסטאנטינאָפאָל א שרעקליכען איינדרוק. אָבער מעהר ווי אלע איז אויפגערירט געוואָרען דער סולטאן מוראד, ער האָט פון שרעק אויפגעהערט צו ווייזען זיך אויף דער ווייסער וועלט, ער האָט זאגאר אויפגעהערט צו געהען אין דיא מאָשעע בעטען גאָט, און ניט נור אין דער וואָכען, נאָר אויך אם פרייטאָג. ער האָט זיך זעהר געשראָקען פאר דעם טוידט, געוואָהל זיין לעבען האָט זיך שוין אזוי אויך קוים געהאלטען. אין דיא עטליכע מאָ־נאטען וואָס ער איז געזעסען אויף'ן טראָהן, האָט ער אין גאנצען חרב געמאכט זיין געזונדהייט, ערשטענס, איז אין דעם שולדיג געווען זיין שעדליכער אָרט לעבען, דיא שעהנע אָדאליסקען מיט וועלכע ער האָט צופיעל איבער דער מאָס פערבראכט, דיא שעדליכע וויינען, וואָס האָבען פערגיפטעט זיין בלוט. אָבער מעהר וויא אלעס האָט ער געהאט צו דאנקען מאנזור־עפענדי'ן, ראשיד'ן און זיין הארעם־מיניסטער, וועלכע האָבען צערשטערט זיין קערפער און זיין גייסט דורך דיא זעלבע מיטלען, וואָס זיי האָבען בענוצט געגען אבדול־אזיס.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס דיא שרעקליכע בלוט־פערגיעסונג ביי מידכאד'ן אין הויז האָט געהאט א טרויעריגע ווירקונג אויף זיין געמיטה און זיין געזונדהייט. עס איז מיט איהם געקומען אזוי וויט דאָס אין א קורצע צייט נאָך דיעזען אומגליק, האָבען איהם דיא ערצטע ענטזאגט דאָס לעבען! דאן איז געבליבען ביי דיא רעדעלפיהרער מען זאָל איהם פון טראָהן אראָבשטויסען און אנשטאָדט איהם ארויפזעצען זיין ברודער אבדול־האמיד.

דער שייך־אול־איסלאם האָט געלאָזט אויסרופען אין דיא מאָשעען און אָנקלעפּען אין דיא גאסען א בעקאנטמאכונג, דאָס מוראד איז געקומען צו אזא שטאנד, דאָס ער איז מעהר ניט פעהיג צו רעגיערען דאָס לאנד, און דעריבער, איז אנשטאָדט איהם ארויף אויף'ן טירקישען טראָהן זיין ברודער אבדול־האמיד.

דיעזע בעקאנטמאכונג האָט אויפגעריהרט גאנץ קאָנסטאנטינאָפּאָל. עס האָט אָבער פיעל ניט געדויערט ביז אלע האָבען זיך וויעדער בערוהיגט.

דער נייער סולטאן אבדול־האמיד פלעגט זיך טאָג־טעגליך ווייזען פאר דעם פאָלק, און פלעגט טאָג־טעגליך בעזוכען איין אנדער מאָשעע, זיינע צוויי ברידער, ראשיד, און נור־עדין זיינען איהם געוועזן בעהילפיג אין דער רעגיערונג. צום אומגליק איז נור־עדין געוועזן א קרענקליכער און איז באלד געשטאָרבען פון שווינדזוכט.

אבדול־האמיד האָט געלאָזט לעבען דיא זיהן פון דעם ערמאָרדעטען אבדול־אזיס, ער האָט זיי אָבער אלע אָנגעוויזען א פּאלאץ, אין וועלכען זיי האָבען געמוזט אימער וואָהנען און האָבען קיין רעכט ניט געהאט ארויסצוגעהען פון איהם אָהן זיין ערלויבניס. אין דער צאָהל פון דיעזע זיהן איז אויך געוועזן דער עלטסטער, דער גוטער און עדלער פּרינץ יוססוף. אלזאָ איז שוין געוואָרען איין ענדע מיט זיין פריהייט און ער איז מעהר שוין ניט געוועזן אימשטאנדע עטוואָס צו טהאָן פיר האסאן'ען.

עס איז געוועזן א גרויסע פארטיי וואָס האָבען געוואָלט וויעדער ארויפזעצען אויף'ן טראָהן מוראד'ן און וואָס האָבען אָנגעווענדט אלע מיטעל צו בעווייזען, דאָס ער איז גאָר ניט אזוי שוואך קערפּערליך און איז גאָר ניט אזוי בלעדזיניג אָדער צורמישט, ער זאָל ניט זיין אימשטאנדע צו רעגיערען, אָבער אבדול־האמיד, וואָס האָט געוויזען צו אלע גוטהערציגקייט און פריינדשאפט, האָט זיי אויך דאפיר קיין בייזעס ניט געטהאָן. פערקעהרט, ער האָט זיי געוואָלט איינגעהמען מיט גוטען. אייניגע פון זיי האָבען בעקומען וויכטיגע שטעלען אין דער רעגיערונג. סוליימאן־עפענדי, מוראד'ס אינטענדאנט, איז ביי איהם געוואָרען מיניסטער דעם פאָלקס בילדונג, אָבוואָהל ער איז געוועזן דער רעדעל־פיהרער פון מוראד'ס פארטיי.

אבדול־האמיד האָט געמאכט וויכטיגע ענדערונגען, רעפאָרמען, נייע פיהר־

דינגען אין שפּאאט פון האָף, אום צו פּערקלענערן דיא אויסגאבען. ביז איהם איז צום ביישפּיעל, איינגעפיהרט געוועזען אלע טאָג צו שיקען פּאָרציאָנען פון דער האָף־קיכע צו אלע הקאָף־לייטע. אזוי וויא אין האָף זיינען געוועזען מעהר וויא טויזענד בע־אמטע האָט דאָס געקאָסט צוויי הונדערט טויזענד פראנק א מאָנאט.

אבדול־האמיד האָט דיעזע מאָדע אויסגעבראכט, ער האָט, נעמליך, בע־פאָהלען אלע האָפליים זאָלען שפּייזען צוזאמען מיט איהם אין דעם גרעסטען שפּייזע־צימער און דורך דעם איז איינגעשפּאָרט געוואָרען מעהר וויא הונדערט טויזענד פראנק יעדען מאָנאט.

אויף דעם זעלבען וועג האָט ער זעהר פיעל פערקלענערט דיא אויסגאבען, וואָס האָבען ביז איהם געקאָסט דיא מוטער'ס פון דיא סולטאנען. ביז איהם פלעגט דיא מוטער פון א סולטאן שפּיעלען א גרויסע ראָלע אין דער רעגיערונג און פלעגט פיהרען א שטאאט וויא א קייזערין, אבדול־אזיס' מוטער, צום ביישפּיעל, האָט גע־האלטען אכציג יעוונוכען, מעהר וויא הונדערט שקלאפען און שקלאפינען, האָט פער־נומען א גרויסען פּאלאץ מיט א גרויסען שטאאט פון בעאמטע און האָפלייטע. גאנץ אָפט פלעגט דיא מוטער פון סולטאן פיהרען דעם זעלבען שטאאט אויך נאָך איהר זוהן'ס טוידט, און אזוי וויא אין טירקיי לעבען געוועהנליך דיא סולטאנען ניט לאנג און דיא מוטער'ס לעבען זיי איבער, קלייבען זיך אָפט צוזאמען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל מוטער'ס פון עטליכע סולטאנען, וועלכע לעבען אזוי רייך און פערברייגגען אזוי פיעל געלד, וויא זיי זיינען געוואָהנט געוועזען אין דער צייט פון זייערע זיהן'ס לעבען. דאָס פלעגט אָבקאָסטען דעם לאנד צעהנדליגע מיליאָנען. אום צו בעפרייען דיא רעגיע־רונג פון אזעלכע איבעריגע קאָסטען, האָט אבדול־האמיד בעפאָהלען מען זאָל זיך מיט דיא מוטער'ס אזוי בעגעהען וויא מיט דעם סולטאן'ס פרויען וואָס בלייבען נאָך זיין טוידט, דאָס הייסט, מען זאָל זיי גאנץ פיין אויסהאלטען און געבען צום לעבען, אָבער ניט וויא קייזערינען. זאָגאר מיט זיין אייגענער מוטער האָט ער זיך אויך בעמער ניט בעגאנגען; ער האָט איהר געגעבען א שעהנע וואָהנונג, אָבער דורכאויס ניט קיין קייזערליכען פּאלאץ, און בעשטימט א קליינעם געהאלט, ניט גרעסער וויא אויסצוקומען.

פון זיינע איבריגע נייע איינפיהרונגען איז וויכטיג צו דערמאָהנען, דאָס אבדול־האמיד האָט אויסגעבראכט דיא פּאָרצייטיגע צערעמאָניען אין אומגאנג מיט זיינע מיניסטאָרען און גרויס וויזירען. ביז יענער צייט, פלעגען דיא מיניסטאָרען און גרויס־וויזירען שפּרעכען מיט'ן סולטאן שטעהענדיג. ער אָבער פלעגט אימער בעטען זיצען זיין גרויס־וויזיר רושדי־פּאשא, אויך מידכאד־פּאשא, ווען זיי פלעגען איהם

אַבגעבען ראפּאָרט, און האָט זיי זאָגאר טראַקטירט מיט ציגארען און זיי האָבען גע־רויכט פאר איהם אין דיא אויגען.

אונזערע לעזער און לעזערינען זיינען געווים נייגיעריג צו וויסען דיא ענדע פון האסאַן־פּאשא? זאָלען זיי אָבער עטוואָס געדולד האָבען. שפּעטער וועלען מיר ערצעהלען פון איהם אלסדינג אין א בעזונדערן קאַפּיטעל. דערווייל קאָנען מיר זיי נאָר זאָגען, דאָס מען האָט איהם פּעראורטהיילט צום הענגען; מען האָט זיך אָבער ניט געאיילט אויף דער שטעלע צו ערפילען דעם דעקרעט און איהם ווירקליך צו הענגען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, דאָס האסאַן איז געווען בעליעבט ביים פאָלק און אין יענער אונרוהיגער צייט, ווען דאָס פאָלק איז אזוי אויך ניט געווען צופריעדען, האָט מען עס ניט געוואָלט אויפרייצען.

וועגען מוראד'ן איז אין קאָנסטאנטינאָפּאָל ארוים א קלאנג, דאָס מען האָט איהם פּערגיפטעט. דאָס האָט שרעקליך אויפגעבראכט אלע איינוואָהנער פון שטאָדט; עס איז אָבער ניט געווען ריכטיג, מוראד האָט נאָך דאן געלעבט, נאָר ער איז פון טאָג געוואָרען שוואכער. מען האָט איהם געהאלטען אין טשיראגאן, אזוי וויא מען וואָלט געוואָלט ער זאָל ענדיגען זיין לעבען אין דעם זעלבען פאלאַץ וואו עס איז גע־שטאָרבען אבדול־אזיס. צו אמת, צו ליגען, דיא איינוואָהנער זיינען דאָך געווען זעהר אויפגערעגט און צוליעב דעם האָט מען זיך אויך ניט געאיילט מיט האסאַן'ס דעקרעט.

104.

צווישען שרעק און האָפנונג.

וויא רעציע איז ארוים פון געפאהר און דיא ערצטע האָבען פערזיכערט דאָס זיא וועט אין קורצען אין גאנצען געזונד ווערען, איז סאדי'ס ערשטער געדאנקען געווען אָנצואווענדען אלע קרעפטען צו בעפרייען זיין פריינד האסאַן און דיא ארמע סיררא פון „סעראסקיר־טהורם". אזוי וויא מיט דעם גראדען וועג איז דאָס אונמעגליך געווען דורכצומאכען, האָט זיך סאדי בעשלאָסען אויסצופיהרען זייער בעפרייאונג אויף איין אנדער וועג. ווען עס איז אונמעגליך זיי צו בעפרייען אָפען, פאר אלע אין דיא אויגען, מיט דעם ווילען און וויסען פון דער רעגיערונג, דארף מען זיך בע־מיהען זיי צו בעפרייען אויף איין אנדער ארט. סאדי האָט זעהר פיעל געהאָפט אויף רעדיף־פּאשא, וואָס איז געוואָרען אנשטאָדט הוסיין־פּאשא קריעגס־מיניסטער און הויפּט־קאָמענדאנט פון „סעראסקיר־טהורם". דיעזער רעדיף־פּאשא האָט פיעל געהאט צו פערדאנקען סאדי'ן פיר דיא וויכטיגע שטעלע וואָס ער האָט יעצט פערנומען אין דער רעגיערונג. ווען ניט סאדי, וואָלט ער געבליעבען פיר אימער א שרייבערל אין מיניסטעריום און וואָלט קיין מאָל צו אזא גרויסקייט ניט געקומען. אָבער סאדי

האָט איהם עטליכע מאָל גוט פֿאַרגעשטעלט פאר דעם סולטאן אבדול־אזיס און צו־ליעב דעם האָט ער אָנגעפאנגען צו אוואנסירען ביז ער איז דערגאנגען צו דיא הויכע שטעלע פון קריעגס־מיניסטער. אלזא האָט סאדי געמעגט רעכנען, דאָס רעדיף וועט איהם געוויס בעהילפיג זיין אין דיעזער זאך און אין לעצטען פאל וועט ער איהם געבען א ראטה, וואָס ער זאָל טהאָן, צו ווענען ער זאָל זיך ווענדען.

ליידער האָט סאדי געהאט א גרויסען טעות. רעדיף האָט איהם אויפגענומ׳ען זעהר קאלט און נאָך קעלטער איהם געלאָזען פון זיך אוועקגעהען.

— איך האָב מיך דורכאויס אין דיר גענארט, — האָט ער זיך אָבגערופען צו סאדי׳ן, — איך האָב דיך ביז אהער געהאלטען פיעל קליגער און עהרליכער... וויא פערלאנגסט דו פון מיר אזא זאך? איך בין א געשוואָרענער דיענער און האָב קיין רעכט ניט ארויסצוגעבען דיא געהיימניסע וואָס מען טרויט מיר אָן...

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך רעדיף־פאשא אומגעקעהרט צו סאדי׳ן מיט׳ן רוקען און האָט איהם געזאָגט דורך דיא ציינער „אדיע“!.....

סאדי איז אוועק פון איהם העכסט געקרענקט, ערשטענס, האָט איהם פער־דראָסען, וואָס ער האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט. צווייטענס, איז ער געווען טיעף בעליידיגט מיט רעדיף׳ס גראָבהייט, ניעדריגקייט און אונדאנקבארקייט.

פון סאדי׳ס האָפנונג איז דערווייל גאָר ניט געוואָרען; האסאן און סירה זיינען געבליעבען אין געפענגניס. אונזערע לעזער ווייסען גאנץ גוט וויא אזוי האסאן איז אריינגעפאלען אין „סעראסקיר־טהורם“, אָבער זיי ווייסען ניט, פאר וואָס מען דאַרטען פערהאלטען סירא׳ן נאָך דעם וויא מען האָט איהר ערלויבט אהין אריינצו־געהען מיט׳ן קאָרב. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזען דאָס מען האָט בעמערקט וויא זיא האָט ביים ארויסגעהען געגעבען עטליכע סאָלדאטען, וואָס זיינען געשטאנען אויף דער וואכע, אָפיום. דאָס איז א קרימינאל־פערברעכען. עס האָט ניט געהאָלפען קיין ביטע און קיין בעטען, מען האָט איהר גלייך אָנגענומען און איינגעשפארט אין א קליין קעמערל. אין דיעזעם ענגען שטייגל איז זיא פערבליעבען דיא גאנצע צייט, וואָס זיא איז געזעסען אין „סעראסקיר־טהורם“. וואָס זיא האָט דאָרט אויסגעליטען, איז ניט צו בעשרייבען. ביי טאָג איז אין איהר שטייגל געוועזען הייס וויא אין א קאלך־אויווען; ביי נאכט פלעגט זיא פערפראָרען ווערען פון קעלט. דיא ערשטע טעג האָט מען זיך אָן איהר גאָר פערגעסען און זיא איז אום איין האָאָר ניט אויסגע־גאנגען פון דורסט און פון הונגער. צום גליק האָט מען זיך אָן איהר דאָך דערמאָהנט און מען האָט אָנגעפאנגען אלע טאָג איהר אריינטראָגען ברויט מיט וואסער. דער סאָל־דאט, וואָס פלעגט איהר טעגליך ברענגען דיא פּאָרציאָן ברויט מיט וואסער האָט פיעל מיטלייד מיט איהר געהאט. ער איז געוועזען פון נאטור א גוטער און דערצו איז איהם

שטארק נעפּעלען סירראַ'ס קלוגע רעדען. ער האָט געטהאָן אַלעס וואָס איז נאָר מעגליך געוועזען אום צו פערלייכטערן איהרע שרעקליכע לאַגע, פלעגט אָפט רייניגען איהר קעמערל, האָט איהר פערשאַפט פרישע שטרוי צום שלאָפען, א קליינע לאַמפּע, זיא זאָל ניט דאַרפען אימער זיטצען ביי נאַכט אין דער פינסטערניס, און פלעגט איהר צייטענווייז ברענגען פרוכט זיך צו ערקוויקען.

וויא גוט און פריינדליך דער סאָלדאַט איז צו איהר געוועזען, דעננאָך האָט זיך סירראַ אין א צייט ארום ארומגעזעהן, דאָס עס נעהמט מיט איהר געפענגניס קיין ענדע ניט און דאָס זיא וועט דאָ פערפוילט ווערען זיטצענדיג איידער מען וועט זיך אָן איהר דערמאָהנען און שטעלען צום געריכט. פון דער מינוטע אָן האָט זיא אָנגע־פאַנגען צו דענקען וויא צו ענטלויפען פון דאָרטען. וויא לויפט מען אָבער? דאָס קליינע פענסטערל איז אפילו ארויסגעקומען אויף א פרייען פעלד, אָבער עס איז געוועזען אויף דעם פיערטען שטאָק, און וויא שפּרינגט מען פון אזא הויך? מען דאַרף אָבער אויך ניט פערגעסען, דאָס מיר רעדען וועגען סירראַ'ן, וועלכע איז ניט געוועזען גלייך צו אנדערע מענשען. וואָס פיר אַן אנדערען איז געוועזען אונמעגליך, דאָס איז פיר סירראַ'ן געוועזען א געלעכטער.

נערעדט און געטהאָן; וויא נאָר סירראַ האָט זיך בעשטימט בעשלאָסען צו ענט־לויפען, האָט זיא זיך געווענדט צום סאָלדאַט (וואָס איז געוועזען צו איהר, וויא מיר האָבען שוין געזאָגט, זעהר גוט) מיט דיעזען ווערטער:

דוא נעהרסט מיך אזוי וויא דיא ראבען האָבען אין דער וויסטעניי גענעהרט אליהו הנביא, ווען ניט דוא וואָלט איך שוין לאַנג אומגעקומען פון דער וועלט. איך וויים ניט וויא דיך צו דאַנקען; אָבער דאָך מוז איך דיר זאָגען, דאָס דיינע מיהע וועט זיין אומזיסט, וואָרום איך פיהל דאָס אויף דעם אָרט וועל איך א לאַנגע צייט ניט לעבען. איך ווער שוואַך וואָס פון טאָג, און איך וועל שוין פיעל ניט ציעהען... ווען דוא ביזט מיר יאָ אזוי גוט, בעט איך ביי דיר נאָך א קליינע געפעליגקייט. קיין פיעל מיהע וועט דאָס דיר ניט קאָסטען, און איך וועל מיר מיט דעם רעטען מיין לעבען. איך האָב ביי זיך צעהן גולדען און איך פערלאַנג פון דיר דוא זאָלסט מיר קויפען פאָדעם, שטריק־נאָדלען, און איך וועל שטריקען זאָקען. דיא זאָקען וואָס איך וועל אויסשטריקען, וועט דיר גאַנץ לייכט זיין צו פערקויפען צווישען דיא סאָלדאַטען און ארעסטאַנטען, וועלכע געפינען זיך דאָ, אָדער אין דיא קראָמען, געהענדיג אין שטאָדט. וויא ביליג מען זאָל ניט פערקויפען וועלען מיר אלעס פעל פערדיענען. מיט דעם פערדיענסט וועלען מיר זיך טהיילען, מיר העלפט און דיר העלפט, נאָר פיר מיין העלפט וועסט דוא מיר קויפען וואָס צו עסען: הערינג, פּוטער, קעז און דאָס גלייכען. וואָס זאָגסט דוא אויף מיין פּלאַן?

דער סאָלדאט איז געוועזען „וואָס גערעדט, דאָס געמיינט“ און עס איז איהם גאָר אויפ'ן געדאנקען ניט געקומען, דאָס סיררא קען דאָ האָבען איין אנדער „אויסקוק“ וויא צו פערדיענען געלד. אלזאָ, האָט ער געגען סיררא'ס פלאן גאָר ניט געקענט האָבען. פיר וואָס זאָל ער איהר ניט טהאָן דיעזע געפעליגקייט? בפרט נאָך דאָס א העלפט פון דעם פערדיענסט וועט אָנקומען צו איהם? ער האָט דעריבער גלייך גענומען פון סירראַ'ן געלד און וויא עס האָט זיך איהם נאָר געמאכט א געלעגענהייט צו געהען אין שטאָדט האָט ער איהר איינגעקויפט שטריק־נאדלען און גראָבע פאָדעם, ווייל זיא האָט נאָר געוואָלט שטריקען געמיינע און ביליגע זאָקען, וועלכע עס איז לייכטער אויסצובריינגען.

אונזערע לעזער פערשטעהען אָבער גאנץ גוט, דאָס סיררא'ס פלאן איז ניט געוועזען נאָר צו ווערען א זאָקען־שטריקערין, דיא זאָקען איז נאָר געוועזען איין „אויסרייד“ זיא זאָל קענען האָבען גראָבע פאָדעם, אום אויסצוגלעכטען פון דעם א לאנגען שנור און זיך אראָבלאָזען אויף איהם דורך איהר פענסטערל. סיררא האָט אויסגערעכענט דאָס דיעזער שנור דארף זיין צוואנציג ארשין לאנג און דיק וויא א פינגער.

סיררא האָט געפלאָכטען דיעזען שנור עטליכע וואָכען, ווייל מעהר וויא ביי נאכט, און אויך ניט אלע מאָל, האָט זיא זיך ניט געקענט בעשעפטיגען מיט דיעזער ארבייט. זיא האָט געפלאָכטען דעם שנור מיט קניפלאך, איין קניפעל פון דעם אנדערן ווייט איין ארשין, אום זיא זאָל האָבען אָן וואָס זיך אָנצוהאלטען און זאָל זיך ניט אראָבגליטשען מיט איין מאָל.

עס איז איהר מעהר ניט געבליעבען צו דערפלעכטען וויא פינף ארשין, וויא זיא האָט זיך פלוצלינג ערקונדיגט פון איהר סאָלדאט, דאָס מען וועט איהר אין קורצען פיללייכט נאָך מאָרגען, שטעלען צום קריעגס־געריכט.

דיעזע נאכריכט האָט סירראַ'ן געצוואונגען זיא זאָל שוין מעהר ניט וואַרטען. זיא האָט זיך בעשלאָסען אין דערזעלבער נאכט צו ענטלויפען און ווען דער שנור איז נאָך ניט געוועזען גענוג לאנג, האָט דאָס איהר ווייניג געקימערט, וואָרום ביי איהר, וויא מיר ווייסען, האָט קיין בעטרעף ניט געהאט, אראָבצושפרינגען פון פינף ארשין. וויא עס איז געוואָרען נאכט האָט זיא זיך גענומען צו דער ארבייט, זיא האָט געמאכט אויף דעם שנור א פעטליע און אזוי וויא זיא האָט געהאט זעהר א גלייכע האנד, האָט זיא מיט איין וואָרף אין דער הויך ארויפגעוואָרפען דעם שנור פונקט אויף דעם אייזערנעם פערהאקער פון פענסטערל, נאָך דעם האָט זיא שטארק פערצויגען דיא פעטליע און האָט זיך ארויפגעווינדעוועט אין פענסטערל. דאן האָט זיא אראָבגעלאָזען דעם שנור אויף יענע זייט פענסטער און אין דער זעלבער מינוט האָט זיא זיך זעלבסט אויך ארונטערגעלאָזען. וויא זיא איז אָבער געקומען צום ענדע שנור איז איהר ענג געוואָרען

אין מח: וואָס זאָל זיא דאָ טאָהן? אראָבשפּרינגען האָט זיא זיך געשראָקען, ווייל עס איז געוועזען זעהר א פינסטערע נאכט און אונמעגליך געוועזען צו בעשטימען וויא הויך זיא איז געוועזען פון דר׳ערד, פּיללייכט נאָך גאנץ הויך. צוריק ארויפקלעטערן אין קעמערל איז אויך קיין פּלאן ניט געוועזען. עטליכע מינוט האָט זיא זיך אזוי געשלאָגען מיט דער דעה, ביז עס איז ביי מיר געבליעבען, דאָס דיא גלייכסטע זאך איז ניט צו קלעטערן צוריק און ניט צו שפּרינגען, נאָר אָבצו־ווארטען ביז עס וועט אויפגעהן דיא לבנה און עס וועט ווערען ליכטיגער און דאן וואָס גאָט וועט געבען דאָס וועט זיין. זיא האָט אונטערגעבונדען דעם שנור און געמאכט וויא א טרעפּל איינצושפּארען דיא פיס און איז אזוי געבליעבען אין דער לופט ווארטען ביז עס וועט ווערען עטוואָס ליכטיגער.

105.

גיעב מיר אָב מיין קינד!

פּרינצעסין ראָשאנע האָט אין דער לעצטער צייט געלעבט גאנץ אָבגעזונדערט פון דער הויכער אריסטאָקראטישען געזעלשאפט, וואו מען איז געוואָהנט יעדען צו בערייידען, צו שענדען, אין יעדען צו זוכען פעהלערן און איבער יעדען זיך לוסטיג צו מאכען. ראָשאנע האָט געוואוסט, דאָס „לייטישע מיילער“ האָבען זיך ניט געקענט צו זאט אָנריידען וועגען איהר, דאָס פיעל פון איהרע פריינדע און בעזאָנדערס פריינדינען האָבען זיך לוסטיג געמאכט איבער איהרע ליעבע צו סאדי׳ן, וואָס האָט איהר ניט געוואָלט קענען און האָט געפונען פיר זיך בעסער צו הייראטהען מיט א אָרמען מעדכען. איידער מיט איהר... אום אויסצומיידען דיעזע לייטע, האָט זיא זיך בעזעצט אין א זומער־הויז, זעהר ווייט פון שטאָדט, הארט לעבען באָספּאָר.

דיעזעס זומער הויז איז געוועזען א וואהרער פאראדיז, א גן־עדן אויף דער וועלט. עס איז געוועזען געבויט אין עכט אייראָפּייאישען געשמאק, מיט פּרעכטיגע לוסט גערטנער, פאָנטאנען, אייז־קעלערן, לאנגע און ברייטע־אלעען, בעזעצט פון ביידע זייטען מיט הויכען געדיכטען בוימען. ראָשאנע האָט אָפט ליעב געהאט איינע אליין צו שפּאציערען איבער דיעזע אלעען.

אמאָל איז זיא זיך אזוי אומגעגאנגען הין און הער אין דיעזע אלעען, אום זיך ארויסצושלאָגען פון געדאנקען דיא קרענקונג, וואָס האָט איהר ניט לאנג געמאכט דיא נאכריכט, דאָס סאדי איז פריי געוואָרען און ער פיהרט שוין ווידער א גליקליכעס לעבען צו זאמען מיט רעציע׳ן. זיא האָט שפּאציערט, וויא אימער, איינע אליין און איז ערשטוינט געוואָרען, וויא זיא האָט פּלוצלונג דערזעהען פון וויטען איהר קאמער־מעדכען לויפענדיג געגען איהר. ענדליך איז עסמא געקומען צו לויפען צו איהר אָהן אן אָטהעם און האָט איהר מיט גרויס פריידע געמעלדעט, דאָס סאדי איז געקומען און ער

געהט גלייך צו איהר. דיזער אונגעריכטער וויזיט האָט דער פּרינצעסין נאָר צו מישט דיא געדאנקען. וואָס זאָל זיא דאָ טהאָן? וויא זאָל זיא איהם אויפנעהמען? און וואָס פערלאנגט ער פון איהר?

איידער וואָס עס וועט זיין, האָט זיך ראָשאנע שנעל פערשלייערט דאָס געזיכט און האָט עסמאַ'ן געגעבען א וואונק, זיא זאָל פון דאָרטען אוועקגעהן און לאָזען איהר אליין. עסמא האָט אָבגעטראָטען, זיא איז אָבער ניט אוועק אהיים, נאָר פערקראָכען צווישען דיא ביימער, אום זיך איינצוהאָרכען וואָס דיא פּרינצעסין וועט שפּרעכען מיט'ן גאסט.

באלד איז סאַדי געשטאנען פאר דער פּרינצעסין. איהרע אויגען האָבען גלייך בעמערקט אָן זיין געזיכט, דאָס דיא אורזאכע פון זיין וויזיט איז ניט ליעבע צו איהר, זי האָט איהם דעריבער קאלט אויפגענומען און מיט א בעזע מינע געפרעגט, וואָס ער פערלאנגט און וויא אזוי האָט ער זיך נאָך ערלויבט איהר צו זוכען אין גארטען, וואוהין קיין פרעמדער האָט ניט מעהר רעכט אריינצוגעהן וויא אין הארעם?

— אָ, טהייערע פּרינצעסין!—האָט זיך אָבגערופען סאַדי מיט איינער טיעפען פערנייגונג,—איך קום ניט אהער מיט שלעכטע געדאנקען... גאָט בעהיט! איך קום אויך ניט צו בעטען א גענאָדע, א געפעליגקייט, איך זאָל מיך דארפען בעדענקען, אין וועלכער צייט און אין וועלכען אָרט עס פּאסט יא דיך צו זוכען און אין וועלכען ניט. איך בין געקומען פאָרדערן דאָס, וואָס עס קומט מיר, אויף וואָס איך האָב אלע רעכטע, מענשליכעס רעכט און נאַטירליכעס. אזעלכע זאכען קען מען ניט אָבלעגען, מיט אזעלכע זאכען לאָזט מען זאָגאר צו מאָנארכען און סולטאנען צו אין אלע צייטען און אין אלע ערטער. ביי אזעלכע זאכען ווערען בטל אלע צערעמאָניען... איך בין געקומען פאָרדערן מיין קינד, מיין איינציגען זוהן, איך ווייס, דוא האָסט איהם ארויסגעגנבעט פון מיינער פרוי און ער איז ביי דיר. אלזאָ, גיעב מיר איהם אָב צוריק! גיעב מיר אָב מיין קינד!

— אָ, דוא ליגנער!—האָט זיא אין צאָרן אויסגעשריען,—איך האָב דיין קינד ניט געשטאָהלען, וויא דוא זאָגסט; איך האָב עס געקויפט פיר גוטעס געלד צוזאמען מיט דיינער געליעבטער רעציע... מיינסט דוא פיללייכט אָבצונעהמען דאָס קינד מיט געוואלט אזוי וויא דיא מוטער? רייד זיך דאָס גאָר ניט איין; דוא וועסט דיין קינד מעהר ניט אָנזעהן!... מעהר האָסט דוא דאָ ניט וואָס צו מאכען און פאָרט פון היער, שיפער יונגע!...

— ווען אזוי, האָט סאַדי געאנטוואָרטעט,—וועל איך דיך אָנקלאָגען ביים סולטאן!

— דיינע מיהע וועט אָבער זיין אומזאָנסט,—האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל,
—דיין קינד איז שוין לאנג אוי.! דער וועלט ניט דאָ... איך האָב עס זעלבסט געהייסען

טויטען... און אונזערע סולטאנען קענען נאָר מאכען פון לעבעדיג טויט, אָבער ניט פון טויט לעבעדיג...

סאדי איז געבליעבען שטעהן פון דיעזער אנטוואָרט וויא פאראליזירט. עטליכע מינוט האָט ער א וואָרט ניט געקענט אויסשפרעכען. וויא ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אויסגעשריען:

— וועה צו מיר! וועה צו מיין ליעבער רעציע! אָבער נאָך מעהר וועה צו דיר, פערפלוכטע פערברעכערין! גאָטעס שטראפע וועט ניט פערזאמען דיך צו ערשלאָגען! מעהר וויל איך לעבען דיר ניט שטעהן, דוא פערפעסטעטעסט דיא לופט ארום דיך! איך זעה דיך צום לעצטען מאָל!

מיט דיעזע ווערטער האָט סאדי אומגעווענדט צו איהר זיין רוקען און האָט זיך ערווייטערט. וויא ער איז שוין ארויסגעגאנגען פון גאָרטען, האָט ער אין וועג אָנגעטראָפען עסמאַ'ן, וועלכע האָט איהם מיט טרעהרען אין דיא אויגען מיטגעטהיילט דיא גאנצע געשיכטע וויא עס איז צוגעגאנגען מיט זיין קינד, וויא ראָשאנע האָט שטרענג בעפאָהלען צו מאכען מיט איהם א סוף און נאָך דעם ארייגווארפען אין מעער און וויא זיא, עסמא, האָט דאָס קינד לעבעדיג ארייגעלעגט אין א קליין שיפעל און ארייגעשטויסען ווייט אין וואסער. מיט וויינענדע אויגען האָט זיא זיך ענטשולדיגט, דאָס אנדערש איז איהר אונמעגליך געוועזען צו טהאָן, ווייל דיא פרינצעסין, דיא טיראַנין וואָלט איהר דאפיר זעלבסט דעם קאָפּ ארונטערגענומען און דאָס קינד וואָלט זיא געלאָזט טויטען דורך איינע אנדערע.

אָבוואָהל עסמאַ'ס מיטהיילונג האָט סאדי'ן ניט געמאכט מעהר פריידע וויא ראָשאנעס זעלבסט (וואָרום, וויא עס איז, איז שוין זיין קינד אויף דער וועלט ניט דאָ), דעננאָך האָט ער איהר פיעל געדאנקט, און האָט דערביי געזאָגט:

— ווען אויך דוא האָסט מיינען טרויער וועניג פערלייכטערט מיט דיין מיטהיילונג, וואָרום מיין קינד איז געוויס פערשלונגען געוואָרען אין דיא וועלען פון ים, דאָך בין איך דיר פיעל דאנקבאר, וואָס דוא האָסט איהם בעהאנדעלט וויא א מוטער און וואָס דוא האָסט דיין אייגענעם לעבען געשטעלט אין געפאהר און האָסט דאָס קינד ניט געטויטעט וויא דיא פרינצעסין האָט דיר בעפאָהלען. דוא האָסט גענוג פערדיענט ביי גאָט און ביי מיר...

סאדי האָט ארויסגענומען פון טאשע א בייטעל פול מיט גאָלד און האָט איהר דערלאנגט. מיט א פערוואונדעטעס הערצען איז ער ארויף אויף זיין וואָגען אום זיך אומצוקעהרען צוריק נאָך הויזע, וואו רעציע האָט מיט אונגעדולד געווארטעט אויף אן אנטוואָרט. אָבער וואָס זאָל ער איהר זאָגען? ענטדעקען איהר דיא ריינע וואהרהייט, דאָס זיא האָט שוין מעהר ניט צו האָפען ווידער צו זעהן דאָס קינד, איז געוועזען אונ־

מענליך. זיא איז נאָך אימער ניט געוועזען אין גאנצען געזונד, און דיעזע נאכריכט וואָלט איהר געוויס וויעדער צו בעט געלעגט.

סאדי האָט לאנג געבראָכען דעם קאָפּ און ענדליך איז ביי איהם געבליעבען, ער זאָל זאָגען רעציע'ן א ליגען, נעמליך, דאָס ראָשאנע איז קראנק און מען האָט איהם צו איהר ניט צוגעלאָזען. וואָס האָט ער געקענט מאכען? עס האָט זיך איהם שטארק ניט געוואָלט ליגען זאָגען, אָבער רעציע'ס געזונדהייט איז איהם טהייערער געוועזען. מיט דיעזעם געדאנקען איז ער געקומען צו פאָהרען אהיים.

צום אונגליק אָבער, איז איהם גאָר ניט אויסגעקומען זיך צו בענוטצען מיט דעם ליגען, וואָרום וויא ער איז געקומען אהיים, האָט ער זיך צו זיינעם שרעקען דער־וואוסט, דאָס רעציע איז פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען און קיינער וויים ניט וואוהין. זיינע דיענער און הויז לייטע זיינען געוועזען אויסער זיך פון טרויער, האָבען געבראָכען דיא הענד, געוויינט, און קוים וואָס זיי האָבען דערזעהען סאדי'ן, זיינען זיי צוגעפאלען צו איהם מיט דער פראגע, צו וויים ער ניט פיללייכט וואו רעציע איז היינגעקומען. ער האָט זיי אָנגעקוקט העכסט ערשטוינט און צערשראָקען.

— איך פערשטעה ניט, וואָס איהר פרעגט,—האָט ער קוים געקענט אויס־שפּרעכען,—איך האָב דאָך איהר געלאָזען דאָ מיט אייך?... וויא לאנג איז שוין וויא זיא איז פערשוואונדען געוואָרען?

— איך פערשטעה ניט, וואָס ער פרעגט,—האָט ער קוים געקענט אויסשפּרע־כען,—איך האָב דאָך איהר געלאָזען דאָ מיט אייך?... וויא לאנג איז שוין וויא זיא איז פערשוואונדען געוואָרען?

— שוין מעהר וויא דריי שטונדען,— האָט איהם געאנטוואָרטעט דיא פער־וואלטערין פון זיין הויז,—אָבער וויא ביי מיר קומט אויס, איז זיא אליין אוועקגע־גאנגען, נאָר דיא „גאָלדענע מאסקע" האָט איהר פון היער אוועקגעפיהרט. מיר זיינען אלעמויא געוועהנליך געזעסען אין עס־צימער ביים אבענד־ברויט. דיא אויסוועניגסטע טהירען און דער קאָרידאָר זיינען געוועזען פעסט צו געשלאָסען, און דערנאָך וויא איך בין ארויס אין קאָרידאָר עטוואָס ארייננעהמען פון שפּייזע־אלמער, האָב איך דאָרטען פּלוטצלינג דערוואוסט דיא „גאָלדענע מאסקע"... פון שרעק האָב איך א געשריי גע־טהאָן: „רעטעט מיך!" אלע זיינען ארויסגעלאָפען אין קאָרידאָר צו מיר, אָבער זיי האָבען זיך ניט ווענינער ערשראָקען וויא איך און זיינען צולאָפען געוואָרען און האָבען זיך בעהאלטען אין דיא ווינקלען. דאָסזעלבע האָב איך אויך געטהאָן... באלד האָב איך געהערט שווערע טריט פון קאָרידאָר צום קאבינעט. דאָרט איז געוועזען איינע אליין אונזער געביעטערין רעציע... אין א סעקונדע ארום האָט זיך געהערט א לייכטער אויס־געשריי און גלייך נאָך דעם טריט פון קאבינעט צום קאָרידאָר. מיר זיינען געלעגען אין

דיא לעכער און האָבען ניט געוואגט א פּיפּס צו טהאָן: מיר וואָלטען נאָך ביז אהער דאָרט געלעגען, ווען עס וואָלט אין א האלבע שטונדע ארום ניט געקומען דער בריעף־טרעגער מיט א בריעף צו דיר... וויא מיר זיינען ארויס פון דיא ווינקלען, האָבען מיר זיך גלייך געוואָרפען צום קאבינעט, אָבער עס איז שוין געוועזען שפּעט: רעציע איז שוין ניט געוועזען!...

סאדי איז קוים געבליעבען שטעהען אויף זיינע פיס. ער האָט אויף קיין ארט ניט געקענט בעגרייפען צו וועלכען צוועק האָט דיא „גאָלדענע מאסקע" נעטהיג געהאט אוועקצופיהרען זיין פרוי און עס איז איהם אריין אין געדאנקען, פיללייכט איז דאָס ניט געוועזען אן אמתע, ווירקליכע גאָלדענע מאסקע, נאָר איינער פון זיינע פיינדע האָט זיך אזוי פערשטעלט, אום ארויפצו־ווארפען אויף זיינע הויז־לייטע א שרעק און לייכטער צו קענען ענטפיהרען פון איהם זיין געליעבטע פרוי? סאדי'ס שמערצען זיינען געוועזען ניט צום אויסהאלטען. ער האָט אנגעווענדעט אלע קרעפטען צו ערקונדיגען זיך וואו זיא געפינט זיך, עס איז אָבער פון איהר געווען ניט צו הערען ניט צו זעהען..

106.

דער סוף פון האסאן'ען.

דיא מיניסטאָרען, וועלכע דער העלדענמוטהיגער האסאן האָט ערמאָרדעט אויף דער פערזאמלונג ביי מידכאד'ן אים הויזע, זיינען בעערדיגט געוואָרען מיט גרויס פּאראד און עהרע. זיי האָבען דאָס אפילו גאָר ניט פערדיענט, אָבער דיא וועלט פיהרט זיך שוין אזוי פון אימער; מען בעלאָהנט אָפט ניט דעם יעניגען, וואָס האָט ווירקליך פערדיענט, נאָר דעם יעניגען, וואָס האָט בעסער געוואוסט זיין ראָליע צו שפּילען. האסאן איז געוועזען דער פיינסטער מאן, דער טרייעסטער דיענער פון דעם סולטאן, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וויא צו שפּיעלען דיא ראָללע, און דאָס האָט איהם עהרע און לעבען געקאָסט.

וויא דיא לעזער געדענקען, האָט האסאן בעקומען מיט א שטיק אין רוקען. אוי־סער דעם איז ער געפעהרליך פערוואונדעט געוועזען אין קאָפּ. דיא קאוואסען, וואָס האָבען איהם געפיהרט אין „סעראסקיר־טהורם", האָבען איהם זעהר טיראניש בעהאנ־דעלט און געשלאָגען אָהן רחמנות... דער סוף פון דעם איז געוועזען, דאָס מען האָט איהם געבראכט אין געפענגניס־הויז כמעט א טויטען. אין עטליכע טעג ארום איז ער ווירקליך געשטאָרבען.

דער קריענס־געריכט האָט זיך געטהאָן זיין זאכע און האָט געאורטהיילט האסאן'ען אזוי וויא ער וואָלט געלעבט. דיא רעגיערונג האָט דאָס געטהאָן, צוליעב דיא איבריגע מיניסטאָרען, וואָס זיינען לעבען געבליעבען אין דער שרעקליכע נאכט פון

דער פערזאמלונג. און ווידער, צו ווייזען דעם פאָלק, דאָס זיא בעגעהט זיך מיט אלע גלייך, מיט דעם גרעסטען וויא מיט דעם קלענסטען. דער קריעגס־געריכט האָט פער־אורטהיילט האסאן'ען צום שענדליכסטען טויט אין דער וועלט, נעמליך, צו הענגען. אין עטליכע טעג ארום וויא עס איז אין קאָנסטאנטינאפּאל געוואָרען רוהיגער האָט איהם אבדול־האמיד'ס רעגיערונג געלאָזען טויטערהייד אויפהענגען, וויא א ניעדריגען פערברעכער.

וויא דיא מאָדע איז אין טירקיי, איז ער געהאנגען גאנצע דריי טעג, און נאָך דעם האָט מען איהם בעגראָבען הינטער דעם צוים פון א בית־עולם. קיינער האָט איהם ניט בעוויינט, קיינער האָט איהם ניט בעטרויערט און בעדויערט. סאדי האָט מיט צוויי טעג פאר דעם געמוזט פיר אימער אבריייזען פון טירקיי.

פּרינץ יוססוף איז אפילו געוועזען אין קאָנסטאנטינאָפּאל; ער האָט פערגאָסען פיעל הייסע טרעהרען אויף זיין פריינד'ס שיקזאל און ער וואָלט גערנע געקומען וויי־נען צו איהם אויף דעם גראב, ווען עס וואָלט מעגליך געוועזען. לײדער, האָט פּרינץ יוססוף קיין רעכט ניט געהאט ארויסצוגעהן פון זיין וואָהנונג, אין וועלכער ער האָט געמוזט בלייבען, אין פערלויף פון זיין גאנצען לעבען.

שפּעטער וויא אלע האָט זיך דערוואוסט פון האסאן'ס טרויעריגען סוף צארא־בעי. ער האָט שוין דאן געוואָהנט אין לאָנדאָן און דיא טרויעריגע נאכריכט האָבען איהם געבראכט דיא ענגלישע צייטונגען.

107.

דיא צערעמאָניע פון דעם שווערד־אומגארטלונג.

דיזעלבע בעדייטונג וואָס אין אייראָפּא האָט דיא קרענונג האָט אין טירקיי דיא שווערד־אומגארטלונג, וואָס בעשטעהט אין דעם, דאָס דער שייך־אול־איסלאם גארטעלט אום דעם נייעם סולטאן דאָס שווערד פון דעם פּראָפעטען מאחמעד. ביז דיע־זער צערעמאָניע איז נאָך דער נייער סולטאן מעהר ניט וויא דער קאנדידאט אויפ'ן טראָהן, אָבער נאָך ניט קיין וואהרער סולטאן.

עטליכע טעג שוין האָבען געדויערט דיא פּאָרבערייטונגען וואָס מען האָט גע־מאכט אין קאָנסטאנטינאָפּאל צו דעם גרויסען פייערטאָג, אין וועלכען עס האָט בע־דארפט געשעהען דיזע פייערליכע צערעמאָניע און מען איז נאָך אימער ניט פערטיג געוועזען. ענדליך, איז געקומען דיזער געווינשטער טאָג. אום האלב צוועלף פאר מי־טאג איז דער סולטאן אבדול־האמיד מיט זיין גאנצען סויטע ארויסגעגאנגען פון שלאָס דאָלמא־באגדשא און איז אוועק אין דיא מאָשעע עבו־עיוב, אום דאָרטען צו פערריכטען דאָס טיטאנס־געבעט.

קיין מאהלער, קיין שרייבער איז ניט אימשטאנדע פאָרצושטעלען דיזען פּרעכ־

מינען צוג. פאָראויס האָט גערימען דער סולטאן אויף א טהייערען פערד. נאָך איהם האָבען גערימען דיא מיניסטאָרען, אין גאָלד געהעפטע מונדירען, אויף פערד מיט גאָלדענע שלייעס, זאמעטענע זאָטלען, בעפוצט מיט גאָלד און זילבער. ניט ווענינער האָבען געגלאנצט דיא טהייערע וואפען און געוועהר, וואָס זיינען אויף זיי געווען, ארום דיא רייטער, פוןביידע זייטען, זיינען געגאנגען צופוס זעהר פיעל יעוונוכען און א מענגע בעדיענטע וועלכע זיינען אויך געווען רייך אויסגעפוצט. אָבער דיעזער גאנצער פאראד האָט קיין בעטרעף ניט געהאט אין פערגלייך מיט דעם אופצוג וואָס איז געווען ביי נאכט, דיא אונגעוועהנליכע אילומינאציאָנען אין אלע שטראסען, דיא וואונדער שעהנע פייערווערק האָבען געמאכט קאָנסטאנטינאָפּאָל פיר א שטאָדט פון פייער. אין פיעל ערטער האָט מען געטהיילט דעם אָרימען פאָלק עסען, טרינקען, אין פיעל אנדערע ערטער האָט מען געוואָרפען פיר אָרימע לייט זילבערנע מינצען.

אלע איינוואָהנער פון קאָנסטאנטינאָפּאָל זיינען געווען אין פאָלער פריידע, נאָר מעהר פון אלע זיינען געווען לוסטיג, אויפגערעגט אין דיעזער נאכט דיא גייסט־ליכע, דיא לעהרער פון דער רעליגיאָן, פערשיעדענע דערווישען, אולעמען סאָפטי׳ס און דעסגלייכען. ווארום אין דיעזער נאכט שפיעלט דאָרט דיא רעליגיאָן דיא גרעסטע ראָללע.

אין דער זעלבער נאכט, וואָס אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט מען זיך אזוי לוסטיג געמאכט, איז מאנזור־עפענדי׳ן אין „זיעבען טהורמען“ גאָר ניט פרעהליך געווען. מען האָט איהם, נעמליך, אין דער זעלבער נאכט ווידער פאָרגעשטעלט פאר דיא זיעבען „גאָלדענע מאסקעס“ און מען האָט איהם געלעזען זיין דעקרעט, דאָס ער איז פעראורטהיילט צום טוידט. מען האָט שוין געמאכט אלע פאָרבערייטונגען, אום איהם ארונטערצונעהמען דעם קאָפּ. עס איז שוין געשטאנען א פּלאכע; דער תליון האָט געהאלטען אין האנד א שארפע בלאנקע האק, מיט וועלכער ער איז צוגעגאנגען צו מאנזור־עפענדי, אָבער אין דער זעלבער מינוט וויא ער האָט אויפגעהויבען דיא האנד, האָט פּלוצלינג א געשריי געטהאָן דער אָבער ריכטער, ער זאָל אָבהאלטען און זאָל צוריק שנעל אָבפיהרען מאנזור אין דעם זעלבען געפענגניס־אָרט, וואו מען האָט איהם פריהער געהאלטען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, דאָס ער האָט אין דיעזער מינוט בעקומען צו וויסען, דאָס לאצארוס פיהרט צו זיי פופצעהן בעוואפענטע קאוואסען, אום צו בעפאלען „דיא גאָלדענע מאסקעס“ און זיי אלע ארעסטירען.

— אָבוואָהל איך האָב אָם מינדעסטען ניט צו פירכטען פאר זיי, — האָט זיך אָבגערופען דער אָבער־ריכטער צו זיינע קאָלעגען, — ווארום איך בין זיכער, דאָס זיי ווייסען ניט וואוהין דיעזער לאצארוס פיהרט זיי, און דאָס זיי וועלען קיין מאָל ניט וואגען אונז צו בעלייביגען; אָבוואָהל איך בין זיכער דאָס זיי וועלען אונז

אָבגעבען דיא גרעסטע עהרע, דאָך וויל איך ניט זיי זאָלען מיט זייערע אויגען זעהען, זויא מען טוידטעט דיעזען פערברעכער, וועלכען זיי האָלטען נאָך פיר א הייליגען מאַן, אלזאָ, איז בעסער מען זאָל איהם וואָס צום שנעלסטען אוועקפיהרען פון דאנען.

אַלע האָבען איינגעשטימט מיט דעם אָבער־ריכטער. מען האָט שנעל אָבגע־בונדען דעם פעראורטהיילטען פון פּלאַבע און אוועקגעפיהרט, ריכטיגער צו זאָגען, אוועקגעטראָגען, ווייל ער איז שוין געוועזען האלב טוידט פון שרעק און האָט שוין קיין כח ניט געהאַט צו געהן.

עס איז נאָך ניט אוועק א מינוט נאָך דעם, וויא אין דיא „זיעבען טהורמען" האָט זיך בעוויזען לאַצארוס מיט פופצעהן קאוואסען. „דיא גאָלדענע מאסקעס" זיינען געבליעבען זיצען רוהיג אויף דיא ערטער, אזוי וויא זיי וואָלטען קיין זאך ניט מערקען.

— אַ, ברידער! — האָט אויסגעשריען לאַצארוס, — בעסער האָב איך מיר גאָר ניט געוואונשען. זיי זיינען דאָ אלע זיעבען. נעהמט זיי, דיא געהיימע מערדער, בינדט זיי וויא דיא שעפסען!...

לאַצארוס האָט אָבער געשריען אויף'ן ווינד, ווארום וויא דיא קאוואסען האָבען דערזעהען פאר זיך „דיא גאָלדענע מאסקעס", זיינען זיי געפאלען אויף דיא קניע, האָבען געבעטען גנאָד און זיינען שנעל, מיט דער גרעסטער פורכט און אכטונג, פון דאָרטען אוועקגעגאנגען.

לאַצארוס האָט גענומען אויף זיי שרייען און בייזערן זיך, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען, ניט זיין שרייען, ניט זיין סטראשען, דאָס ער וועט זיי אָנקלאָגען פאר דעם נייעם קריעגס־מיניסטער סרידאַר־פאשא, וואָס האָט זיי מיט איהם אהין געשיקט. עס איז נאָך ניט גענוג, וואָס זיי האָבען איהם ניט געהאָרכט, האָבען זיי נאָך איהם געוואָלט ערמאָרדען אויף'ן אָרט, פאר וואָס ער האָט זיי אָנגערעדט צו בעליידיגען אזעלכע הייליגע פערזאָנען, וואָס זיינען בעשיצער פון דער רעליגיאָן און פון אלע עהרליכע לייט. זיי וואָלטען געוויס געמאכט מיט איהם א סוף, ווען עס וואָלט זיך ניט אריינגעמישט דער אָבער ריכטער פון דיא „גאָלדענע מאסקעס". דיא ענדע דערפון איז געוועזען דאָס דיא קאוואסען זיינען אוועקגעגאנגען מיט ליידיגען און האָבען זעהר גערנע איבערגעלאָזען אין דיא „זיעבענטהורמען" לאַצארוס'ן, זייער אנפיהרער, וועלכער וועט זיי שוין קיין מאָל ניט אָנקלאָגען, ווענען דעם זיינען זיי שוין רוהיג געוועזען. וויא דיא קאוואסען האָבען אָבגעצויגען, האָט דער אָבער־ריכטער בעפאָהלען מען זאָל לאַצארוס'ן בינדען און וויעדער שטעלען פאר דעם געריכט.

108.

סאַדי ווערט פערטריבען פון טירקיי.

דיא מאָס פון סאַדי'ס אונגליקען איז נאָך ניט געווען פול... אין א טאָג ארום נאָך רעציע'ס פערשווינדען האָט ער זיך ערקונדיגט, דאָס אין דיעזען טאָג איז בעשטימט געוואָרען צו הענגען זיין פריינד האסאן! וויא שטארק ער איז געווען פערקימערט וועגען רעציע'ן, האָט דאָך דיעזע שרעקליכע נאכריכט אויף איהם געמאכט א שווערען איינדרוק. ער איז ניט געווען אימשטאנדע גלייכגילטיג צו לאָזען זיין יוגענד־פריינד שטארבען א שענדליכען טוידט, און ניט טהאָן פיר איהם אלעס וואָס איז איהם נאָר געווען מעגליך. סאַדי האָט זיך בעשלאָסען צו בעטען פיר איהם ביים סולטאן. עס איז איהם ניט שווער געווען אויסצואווירקען איין אויפנאהמע ביי אבדול־האמיד־ן ער האָט איהם אָבער גאנץ קאלט אויפגענומען, ווארום אבדול־אזיס'עס פריינדע זיינען איהם דורכאויס ניט געווען צום הערצען... ער האָט געקוקט אויף זיי וויא אויף פערזענליכע פיינדע, און וויא סאַדי האָט איהם נאָך ערקלערט, דאָס ער פערלאנגט ער זאָל צייגען זיין גנאדע צו האסאן'ען און זאָל איהם שאָהנען דאָס לעבען, איז אבדול־האמיד גאָר געוואָרען אויפגעבראכט געגען איהם, וואָס ער האָט זיך אונטערגעשטעלט צו פערלאנגען פון איהם אזא זאך...

— אבדול־האמיד האָט איינגעזעהען פיר זיך אין סאַדי'ס ביטטע א גרויסע בעליידיגונג.

— איך בין מיט דיר, סאַדי, העכסט אונצופריעדען, — האָט ער זיך אָבגערופען צו איהם מיט א'ן אונפריינדליכער שטימע, — ערשטענס, איז דאָ גענוג אורזאכען צו דענקען, דאָס דו האָסט אָנגערעדט האסאן'ען צו זיין בלוטיגען אויפטריט, און ווען אפילו דו האָסט איהם ניט אָנגערעדט, האָסט דו אם ווענינגסטען געוואוסט פון זיין בעשלוס, ווארום דו ביזט דאָך זיין טרייעסטער פריינד, און דאָך האָסט דו איהם ניט אָבגעהאלטען און אויך ניט געמעלדעט בעצייטען וועגען דעם דער רעגיערונג. צווייטענס, ביזט דו יעצט געקומען מיר אָנמוטהען, איך זאָל אזא פערברעכער, וואָס דיא גאנצע וועלט איז מיט איהם אויף, בעגנאדיגען און לאָזען לעבען? וואָס וועט מען זאָגען אין דער וועלט? דורך דיעזען אונזינניגען שריט וואָלט איך פערלאָרען מיין עהרע און פיעלייכט אויך מיין טראָהן, ווארום דאָס וואָלט געווען א גוטער בעוויז, דאָס איך בין ניט ביים פאָלען געזונדען פערשטאנד... א מענש מיט א פערשטאנד טהוט ניט אזעלכע זאכען... געוויס האלסט דו מיך אויך פיר „אויסען זינען", אויב ניט וואָלסט דו פון מיר דאָס ניט פערלאנגט. ווער ווייס, פיעלייכט איז דאָס דיין ציעל געווען איך זאָל פערליערען מיין טראָהן און מען זאָל ארויפזעצען פרינץ יוסוף?... דו ביזט דאָך מיט איהם אזוי בעפריינדעט... ביין גליק איז, סאַדי, וואָס

מען האָט דיך בעפרייט פון „סעראסקיר־טהורם“, איידער איך בין געוואָרען סולטאַן, זאָנסט וואָלסט דו שוין צייט דיין לעבען פון דאָרט ניט לויז געקומען. האָט מען דיך שוין יא בעפרייט, זיי זיך פריי, אָבער ניט ביי מיר אין לאנד... פיר מיר ביזט דו געפעהרליך!... אין פיער און צוואנציג שטונדען זאָל שוין דיין פוס אין קאָנסטאנטינאָפּאָל ניט זיין!

סאדי האָט זיך גענומען ענטשולדיגען, האָט אָנגעוויזען אויף זיין טרייהייט צום פאטערלאנד, אויף זיין וואהרע דאנקבארקייט צו דיא יעניגע וואָס האָבען מיט איהם גוטעס געטהאָן, און האָט פערזיכערט, דאָס ער וועט איהם אויך זיין טריי און דאנקבאר, ווען ער וועט איהם אויפנעהמען אין זיין דיענסט, אָבער אבדול־האמיד האָט ניט געוואָלט הערען און האָט איהם דערמאָהנט, וויא שלעכט ער האָט בעהאנדעלט דיא פרינצעסין ראָשאנע, וועלכער ער האָט געהאט צו פערדאנקען אלסדינג, ווארום ווען ניט זיא וואָלט ער פיר אימער געבליבען איין אָרימער שיפער־יונג, קורץ גערעדט, אבדול־האמיד האָט זיך צו איהם געצייגט זעהר שטרענג און בעז.

מיט א פערוואונדעטעם הערץ איז סאדי געקומען צו זיך אהיים און האָט זיך גלייך גענומען פערטיגען צום אָפּרייזען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, און נאָך דעם פון טירקיי. עס איז איהם שווער געוועזען איבערצוטראָגען אזוי פיעל שמערצען אויף איין מאָל. ער האָט שוין פערלאָרען דיא מינדעסטע לוסט צו א פּאָליטישען לעבען, צו נעהמען אנטהייל אין דער רעגיערונג. ער איז שוין צו מיעד געוועזען צו דעם. פון יעצט אָן וועט ער פיהרען איין שטילעס און פריעדליכעס פריוואט לעבען אין דער מיטטע פון זיין פאמיליע. דאָ האָט ער זיך אָבער דערמאָהנט, דאָס מען האָט איהם זיין רעציע אויך בערויבט און אָהן איהר וואָס פיר א לעבען קאָן ער שוין האָבען? — עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען; ער האָט ניט געוואוסט, צו וואָס זאָל ער זיך פריהער נעהמען, צו זאָל ער געהען צו זיינע פריינד אָבשיעד נעהמען, אָדער ער זאָל זיך שוין נעהמען פּאקען; וויא ער איז אזוי געשטאנען פערטיעפט אין זיינע פינסטערע געדאנקען, האָט זיך פּלוצלינג געעפענט דיא טיהר און אין צימער האָט זיך בעוויזען א „גאָלדענע מאסקע“. דיא מאסקע האָט איהם פריינדליך געגריסט, און האָט איהם געראטהען, ער זאָל ניט אָפּלעגען זיין רייזע ביז מאָרגען, נאָר ער זאָל נאָך היינט ביי נאכט אָברייזען פון שטאָדט דורך דעם טויער וואָס פיהרט נאָך אדריאנאָפּאָל, דאָס איז דער זיכערסטער וועג.

— און זאָרג ניט וועגען רעציע'ן, — האָט זיא געזאָגט צו סאדי'ן — זיא וועט קירצליך צו דיר צוריק קומען; איהר זאָלט אָבער זיין פאָרזיכטיג און ניט אָבטרעטען איינער פון דעם אנדערן ביז וואנען איהר וועט איבערפאָהרען דיא טירקישע גרענעץ,

וואָרום דאָ אין טירקיי האָט איהר פיעלע פיינדע וואָס ווילען איהך אומבריינגען פון דער וועלט.

סאדי איז געבליעבען ערשטוינט... ער האָט אָפען געמאכט דען מונד אום אויסצודריקען דער „גאָלדענער מאסקע“ זיין דאנקבארקייט; אָבער בעפאָר ער האָט אַ וואָרט אויסגעשפּראָכען, איז זיא שוין פערשוואונדען געוואָרען.

109.

דיא לעצטע אויגענבליקע פון דעם שלאנגען־בעשווערער.

אונזערע לעזער און לעזערינען ווייסען שוין, דאָס דער שלאנגען־בעשווערער אבונעצע איז געוועזען רעציע׳ס פאָטער אלמאנזאר. פיער טעג האָט ער געוואַרט אויף זיין טאָכטער און האָט זיך ניט דערוואַרט אפילו אויף א בריעף פון איהר, ביז מען האָט איבער איהם ערפילט זיין דעקרעט, אזוי וויא מיר האָבען שוין ערצעהלט.

נאָך דעם וויא דיא צוועלף סאָלדאטען האָבען אין איהם אויסגעשאָסען און עס האָט זיך ביי איהם אראָבגעלאָזען דער קאָפּ, האָט מען איהם אזוי געלאָזען צוגע־בונדען צום סלופּ. עס האָט זיך אזוי געמאכט, דאָס דיא קוגלען פון דיא סאָלדאטען האָבען איהם שטערבליך פערוואונדעט, אָבער ניט געטוידטעט אויף׳ן אָרט, עס האָט נאָך אין איהם א לאנגע צייט געקלאפּט דאָס הערץ און ער איז געוועזען ביים זינען און נאָך ניט אויפגעהערט צו ערוואַרטען זיין טאָכטער, וועלכער ער האָט געוואָלט מיט־טהיילען עטוואָס וויכטיגעס. עס קאָן ניט זיין, זיא זאָל ניט קומען: ער האָט דאָך געשיקט נאָך איהר א „גאָלדענע מאסקע“... האָט דען ווען געטראָפען דאָס א „גאָל־דענע מאסקע“ זאָל ניט ערפילען דאָס וואָס זיא האָט פערשפּראָכען?

אבונעצע אָדער אלמאנזאר האָט זיך ניט געאירט. וויא עס איז אויפגעגאנגען דיא לבנה און האָט בעלויכטען דיא אומגעגענד, האָט מען געקאָנט זעהען א אונגע־וועהנליכע קאראוואן, וועלכע איז בעשטאנען פון דריי מענער פוס־געהער און איין פערשלייערטע דאמע רייטענדיג אויף א טהייערען ווייסען פערד. דאָס פערד איז געוועזען געזאָטעלט מיט א רייכען זאָטעל, בעפּוצט מיט גאָלדענע קנעפּ און מיט זילבערנע שטרייפען. איינער פון דיא פוס־געהער האָט געפיהרט דאָס פערד פיר׳ן צוים דיא איבריגע צוויי זיינען געגאנגען פון הינטען: אזוי רייטען אָפט אין יענע לענדער פאָרנעהמע העררן און דאמען.

דיא רייטענדע דאמע איז געוועזען רעציע, דיא דריי פוס־געהער — „גאָלדענע מאסקעס“, וועלכע האָבען איהר געפיהרט צו איהר אונגליקליכען פאָטער. באלד האָט דיזע קאראוואן עררייכט איהר ציעל און איז אָנגעקומען אויף׳ן פלאַטץ וואו עס איז געשטאנען אבונעצע צוגעבונדען צום סלופּ, אזוי וויא עס איז שוין דאן געוועזען נאכט, אין שוין קיין מוטער מענש אויף דעם פלאַץ ניט געוועזען און מעהר וויא דיא דריי

מענער האָבען ניט צוגעזעהען דיא טרויעריגע סצענע, וויא רעציע האָט ערקענט אין דעם געשאָסענעם וואָס האָט געהאַלטען אין אויסגעהען איהר אונגליקליכען פאָטער! ווער איז אימשטאנדע צו בעשרייבען איהר שרייען, איהר וויינען, איהרע הענד־ברעכען? ווער איז אימשטאנדע איבערצוגעבען אלע איהרע קלאגע־ווערטער? איהרע פלוך־ווינשע? צוואנציג יאָהר האָט זיא ניט געוואוסט וואו איהר פאָטער איז היג־געקומען; צוואנציג יאָהר האָט זיא איהם בעוויינט וויא א געשטאָרבענעם, אָבוואָהל אין אמת האָט ער געלעבט, און יעצט אז עס איז איהר שוין יא בעשערט געוועזען מיט איהם זיך ווידער צו זעהען, זעהט זיא איהם אין אזא שרעקליכע לאגע! א מינוט פאר דעם טוידט!...

דיא „גאָלדענע מאסקעס" האָבען קיין מינוט ניט פערלאָרען אין אומזיסטע טרויסט ווערטער. זיי האָבען וואָס צום שנעלסטען אָפגעבונדען אבונעצען, אין וועלכען עס איז נאָך געוועזען א'ן אָטהעם פון לעבען, האָבען פערבונדען זיינע וואונדען און שטאנדע. אָבער פיר רעציען איז דאָס גענוג געוועזען, זיא האָט פערשטאנען אלעס וואָס זיין ליעבער טאָכטער, וועלכע ער האָט זיך ענדליך ערוואָרט, האָבען עטוואָס גע־שטארקט זיינע קרעפטען, און אויף עטליכע מינוט פערלענגערט זיין לעבען, אָבער וואָס פיר טהייערע מינוטען דאָס איז געוועזען פיר רעציע'ן!...

אין דיעזע עטליכע מינוט האָט ער געשפראָכען מיט רעציע'ן, אָדער ריכטיגער צו זאָגען, געמאכט מיט דיא ליפען, ווארום שפרעכען איז ער שוין ניט געוועזען אימ־שטאנדע. אָבער פיר רעציע'ן איז דאָס גענוג געוועזען, זיא האָט פערשטאנע אלע וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. דאָס ערשטע האָט ער געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט ערפילט זיין לעצטען וואונש צו זעהען זיך מיט איהר פאר דעם טויט. דערנאָך האָט ער איהר מיטגעטהיילט, דאָס ביים מאַללא פון קאָניאר געפינט זיך זיין לעבענס־בעשרייבונג און קוויטונגען פון לאָנדאָנער באנק אויף הונדערט טויזענד פונט שטערלינג, וואָס ער האָט אָבגעשריבען אויף איהר נאָמען. דיעזעס פערמעגען האָט ער בעקומען אין ערבשאפט (ירושה) פון זיינע עלטערן, און יעצט איז זיא דיא איינציגע ערבין פון דעם. דאָס אלעס וועט זיא בעקומען גלייך וויא זיא קומט צוריק נאָך הויזע. אם ענדע האָט ער איהר געוואונשען גליקליך אויסצולעבען דיא יאָהרען מיט סאדי'ן, וועלכער געפעלט איהם זעהר, און האָט איהר געראטהען וואָס צום שנעלסטען צו פערלאָזען טירקיי און בעזעצען זיך אין אייראָפאַ.

קוים וואָס אלמאנזאר האָט אויפגעהערט צו בעוועגען מיט דיא ליפען, האָט ער אויסגעהויכט דאָס לעבען... רעציע און איהרע בעגלייטער זיינען געפאלען אויף דיא קניע, און אויסגעבראָכען אין א שטארקען געוויין, זיי האָבען איהם בעוויינט און

גלייך פון דאָרטען אָבגעריסען, ווארום עס איז געפעהרליך געווען פיעל דאָרטען צו פערבלייבען.

110

מירראַ'ס רעטונג.

מירראַ איז געבליעבען הענגען אין דער לופט ווארטענדיג ביז עס וועט אויפ־געהען דיא לבנה און זיא וועט זעהען וואו זיא געפינט זיך אין דער וועלט. זיא איז אזוי געהאנגען, כמעט א האלבע שטונדע ביז זיא האָט זיך ערוואַכט און עס איז ליכטיג געוואָרען. דאָ האָט זיא זיך אָבער, צו איהר גרעסטען אומגליק, ארומגעזעהען דאָס זיא הענגט ערשטענס, מיט דעם געזיכט געגען דעם פענסטער פון דער וואך, וואו עס האָבען געשלאָפען סאָלדאטען. דאָס פענסטער איז געווען מיט א גראטע, דורך וועלכע זיא האָט זאָגאר געקאָנט זעהען וויא פיעל סאָלדאטען עס זיינען דאָרטען דאָס פון איהר צו דר'ערד איז ניט וועניגערגעווען. צווייטענס, האָט זיא בעמערקט, וויא פון איהר ביז איהר קעמערל. וואָס זאָל זיא דאָ יעצט טהאָן? אנאנדער מענש אויף מירראַ'ס אָרט וואָלט געוויס פון שרעק פערלאָרען מוטה און פערשטאנד, און וואָלט, אזוי צו אזוי, פערפאלען געגאנגען; אָבער מירראַ האָט קיין מוטה ניט פער־לאָרען און האָט גלייך געפונען א מיטעל וויא זיך ארויסצוראטען פון געפאָהר.

זיא האָט זיך, געמליך, ארויפגעכאפט אויף דאָס פענסטער פון דעם וואכט־הויז און האָט מיט אלע קרעפטען גענומען ציהען דעם שנור פון אויבען ביז וואנען ער האָט זיך פון אויבערשטען פענסטעריל אָבגעריסען... עס האָט פיעל ניט געדויערט ווארום ער איז שוין געווען האלב איבערגעשניטען מיט דעם שארף פון אייזען צו וועלכען ער איז געווען צוגעבונדען. דערנאָך האָט זיא איהם אָנגעבונדען אָן גראטע פון דעם וואכט־הויז (דיא סאָלדאטען האָבען צום גליק געשלאָפען וויא טוידטע) און האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף דר'ערד. פון דאָרטען איז זיא גלייך געלאָפען צום באָס־פאָר, וואָס איז געווען ניט וויים. אויפ'ן ברעג האָט זיא געפונען א פישער, וואָס האָט איהר פיר עטליכע פיאסטערס גערנע אריבערגעשיפט אויף יענע זייט. עס איז שוין אָבער געווען זעהר שפעט צו געהען אין שטאָדט און מירראַ האָט געפרעגט ביים פישער, וואו מען קען דאָרט איבערנעכטיגען, ווייל איהר וואָהנונג איז גאנץ ווייט און זיא קען זיך ניט בעשליסען אזוי שפעט אהין צו געהען.

— ווען דו ווילסט, קאָנסט דו ביי מיר איבערנעכטיגען, — האָט ער איהר גע־ענטפערט, — איך וואָהן אָן דאָרטען (ער האָט איהר אָנגעוויזען מיט'ן פינגער), עס איז נאָך דאָ פייער, וואהרשיינליך, שלאָפט מען נאָך ביי מיר ניט, מיין פרוי וועט זיך גערנע אויפנעהמען... קיין פערגעלטונג פערלאנג איך ניט.

מירראַ האָט איהם הערצליך בעדאנקט און האָט אָנגענומען זיין פארשלאָג.

דיא יונגע ווירטהין, דעם פישער'ס פרוי, האָט איהר ווירקליך זעהר פריינדליך אויפגענומען, ווייל אזוי איז שוין דיא מאָדע אין יענע לענדער אויפצונעהמען אלע רייזענדע און דורכגעהער, טהאָן פיר זיי אלסדינג און אָהן א גראָשען געלד... פריהער פון אלעם האָט דיא יונגע פרוי טראקטירט סירראַ'ן מיט קאפע, פריכטע און אנדערע לייכטע שפייזען. וויא זיא האָט שוין געשטילט איהר הונגער און דורשט, האָט זיא איהר צוגעריכט א בעקוועמע ווייכע בעט צום שלאָפען. אין דער גאנצער צייט, האָט דיא ווירטהין מיט איהר פריינדליך גערעדט, אָבער זיא האָט זיך ניט ערלויבט זאָגאר מיט איין וואָרט צו ווייזען איהר נייגיערדע דאָס זיא וויל וויסען ווער זיא איז, פון וואנען זיא קומט, וואוהין זיא געהט? אין יענע לענדער איז ניט איינגעפיהרט פאַרצולעגען דעם גאסט אזעלכע פראגען, אויף וועלכע עס איז ניט אימער אנגענעהם צו ענטפערן.

סירראַ האָט זיך געלעגט שלאָפען און האָט געפיהלט דיא גרעסטע דאנקבארקייט צו דער גוטער יונגער פרוי, ווארום זיא האָט שוין לאנג אזא בעט ניט געהאַט. ליידער האָט זיא אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפען, ווארום וויא זיא האָט זיך געלעגט, האָט אָנגעפאנגען צו וויינען א קינד. דיא ווירטהין האָט נאטירליך בעמערקט, דאָס דער גאסט קאָן ניט איינשלאָפען, און האָט געפונען פיר נעטהיג זיך צו ענטשולדיגען פאר איהר.

— פערצייהע מיר, — האָט זיא זיך אָבגערופען צו סירראַ'ן, — וואָס דאָס קינד שטערט דיר צו שלאָפען; עס איז אויך ביי אונז א גאסט, און איין גאסט דארף ניט נעהמען פיר איבעל, ווען עס קומט איהם אוים צו ליידען פון א צווייטען גאסט... דיעזעס קינד איז שוין ביי אונז א מאָנאטען פינף. מיין מאן, פאנגענדיג א מאָל פיש אין באָספאָר, האָט צו זיין וואונדער בעמערקט אויף'ן וואסער א קליין שיפעל, אין וועלכען עס איז געלעגען אן עלענדעס קינד... מען האָט איהם נאטירליך ארויסגענומען און אָבגעוואַרמט ביים פייער... נאָך עטליכע מינוט וואָלט ער שוין פערפראָרען געוואָרען... פון יענער צייט אָן איז ער ביי אונז... מיר ליעבען איהם זעהר, ווייל קיין אייגענע קינדער האָבען מיר ניט. אָבער דאָך וואָלטען מיר צופריעדענער געווען איהם איבערצוגעבען צו זיינע עלטערן. וויא עס שיינט קומט עס ארוים פון רייכע און פאַרנעהמע לייטע, ביי וועלכע ער וואָלט זיין פיעל גליקליכער וויא ביי אונז...

וויא סירראַ האָט דערהערט דיעזע מיטטהיילונג פון דער יונגער פרוי, איז איהר אַריין אין געדאנקען, צו איז דאָס אָפט ניט רעציע'ס קינד וואָס דיא פרינצעסין ראָשאנע האָט פון איהר געשטאָהלען? דיעזער געדאנקען האָט סירראַ'ן פיעל פערגניגען געמאכט; זיא האָט זיך פאָרגעשטעלט דיא פריידע פון רעציע'ן וויעדער צו האָבען ביי זיך איהר קינד. דיא שטימע פון דעם וויינענדען קינד איז איהר אויך

פאַרגעקומען אזוי וויא בעקאנט... סיררא האָט געוואָלט זיך איבערצייגען אין דעם מיט איהרע אויגען און האָט געבעטען דיא ווירטהין זיא זאָל אָנצינדען א לאָמפּ.

— ווען איך האָב קיין טעות ניט, — האָט זיא געזאָגט צו דער ווירטהין, איז עס דאָס קינד פון מיינע פריינדע. זיי זיינען זעהר רייכע און אויך עדעלמוטהיגע לייטע. איהר וועט רייכליך בעלאָהנט ווערען פיר אייער מיהע מיט געלד און דערצו נאָך וועלען זיי פיר אימער בלייבען אייערע פריינדע!

דיא ווירטהין האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט וואָס צום שנעלסטען אָנגעצונדען פייער. וויא זיא האָט געבראַכט דעם וויינענדען יונג צו סיררא׳ן האָט זיא אויסגעשריען מיט א פריידע־שטימע:

— יא! עס איז ווירקליך דער זוהן פון מיינע פריינדע!

סיררא האָט פון פרייד ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זיא האָט דאָס קינד אומגעארמט, געדריקט אָן איהר הערצען, געקוסט אין אלע גליעדער און האָט געוויינט מיט פריידע־טרעהרען...

— ליעבער יונג! — האָט זיא דערביי עטליכע מאָל געזאָגט, — דו ביזט שוין ווידער ביי מיר אויף׳ן הארצען! באלד וועסט דו דיין מוטער זעהען! באלד...

סיררא׳ס גליק איז געווען אָהן גרענצען, וויא דאָס קינד האָט איהר אויך דערקענט, אם וועניגסטען האָט זיך איהר געדאכט, דאָס דער יונג (איהם איז שוין געגאנגען דאָס דריטע יאָהר), האָט איהר דערקענט. איהר פרייד איז געווען אזוי גרויס, דאָס זיא האָט שוין געוואָלט נעהמען דאָס קינד און לויפען מיט איהם צו רעציע׳ן. זיא וואָלט דאָס געוויס געטהאָן, ווען זיא וואָלט ניט געווען שרעקליך מיעד. אויסער דעם האָט דיא ווירטהין פיר קיין ארט ניט געוואָלט אָבגעבען דאָס קינד אין אזא שמוציגען צושטאנד; זיא האָט נור געוואָלט איהם פריהער אויסבאָדען און אויספוצען אין א שעהנערען אנצוג. אלזאָ, איז סיררא פערבליעבען ביים פישער אין שטיבעלע ביז דיא מאָרגענדיגע נאכט. דעם גאנצען טאָג האָט זיא פערבראכט מיט דער יונגער ווירטהין, האָט איהר געהאָלפען אין איהר הויז־ארבייט, האָט אויסגעפרעגט ביי דעם ווירטה אלע קלייניגקייטען, וויא ער האָט געראַטעט דאָס עלענדע קינד, און האָט קוים דער־לעבט עס זאָל ווערען פינסטער, ביי טאָג האָט זיא פורכט געהאט זיך צו ווייזען אויף דיא ווייטע וועלט, ווארום דיא פאָליציי האָט איהר געזוכט אין אלע גאסען וויא מען זוכט געוועהנליך אלע אנטלאָפענע ארעסטאנטען. וויא עס איז אָבער געוואָרען נאכט, האָט סיררא מעהר א מינוט ניט געווארט, און איז צוזאמען מיט דעם גוטען פישער און זיין פרוי און מיט דעם אויסגעפוצטען קינד אוועק אין שטאָדט.

111.

א גליקליכע נאכט.

נאָך דעם וואָס סאדי האָט אויסגעליטען אין דער לעצטער צייט, איז ער בעלאָהנט געוואָרען מיט איין אונגעוועהנליך גליקליכע נאכט, עס איז געוועזן אום צעהן אוהר; ער האָט מיט א טרויעריגען געזיכט געמאכט פאָרבערייטונגען צו דער רייזע, מיט א מאָל האָט זיך געעפענט דיא טיהר און רעציע איז אריין א געזונדע, א פרישע! עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען סאדי'ס פרייד פון דיעזען וויעדערזעהען! ניט וועניגער וויא סאדי האָבען זיך געפרעהט אלע זיינע הויזלייט און בעדיענטע. רעציע האָט מיטגעטהיילט סאדי'ן דיא אורזאכע פון איהר פערשווינדען, דיא געשיכטע פון איהר פאָטער און דאָס איבריגע, וואָס מיר ווייסען שוין.

וויא זיי האָבען אזוי צווישען זיך גערעדט, האָט זיך בעוויזען אין קאבינעט א „גאָלדענע מאַסקע“, וועלכע האָט ארויסגענומען פון טאשע קוויטונגען אויף הונדערט טויזענד פונט שטערלינג אויף לאָנדאָנער באנק, האָט דאָס איבערגעגעבען רעציע'ן און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען. דיא לעזער און לעזערינען ווייסען שוין, וואָס דאָס איז געוועזן פיר קוויטונגען, און מיר פערשפאָרען דעריבער וועגען דעם וויעדער צו שפרעכען.

סאדי'ס און רעציע'ס פריידע אין דיעזער נאכט האָט זיך נאָך אָבער דער מיט ניט געענדיגט. סאדי האָט מיט אונגעדולד געשלונגען יעדעס וואָרט פון רעציע'ס ערצעהלונג פון דיעזער גרויסע סומע געלד, וואָס איהר פאָטער האָט בעקומען פון זיינע עלטערן און וואָס ער האָט יעצט איבערגעלאָזען פיר איהר מיט סאדי'ן, זיינע איינציגע קינדער און ערבען: ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און האָט נאָך זאָגאר ניט איבערגעצעהלט דאָס געלד, וויא אין קאבינעט האָט זיך בעוויעזען סיררא. רעציע האָט איהר שוין געהאלטען פיר טויט און האָט איהרע אייגענע אויגען ניט געגלויבט; עס איז אָבער דאָך געוועזען סיררא!

— סיררא! סיררא! — האָט רעציע אויסגעשריען און האָט איהר גענומען קוסען און האלדזען, — וואָס מאכסט דוא? גאָט זיי דאנק, דאָס דוא לעבסט! מיר האָבען געמיינט, דוא ביזט געשטאָרבען אָדער געטויט... מיר האָבען אָנגעווענדעט אלע אונזערע קרעפטען אום צו וויסען, וואָס מיט דיר איז, אָבער מיר האָבען דאָס מינדעסטע זיך ניט ערקונדיגט, נו, ערצעהלע שוין זעלבסט וואָס עס האָט זיך מיט דיר פאסירט; וואָס פיר א גליק, דאָס דוא ביזט יעצט געקומען, אין א שטונדע שפעטער, וואָלסט דוא שוין אונז ניט געטראָפען וואָרום מיר רייזען גלייך אָב פון טירקיי. עס איז אונז ניט ערלויבט מעהר היער צו וואָהנען, נו, וואָס שווייגסט דוא, ערצעהל שוין וואָס מיט דיר איז געוועזען, דיא צייט איז קורץ...

— האָב געדולד, ליעבע רעציע, איך וועל אלעס מיטטהיילען אין וועג... איך גלויב, דאָס איהר וועט מיך מיטנעהמען אויף אייער רייזע? מיר איז אויך אונמעגליך צו פערבלייבען... איך בין אין א גרויסע געפאהר... איך בין אנטלאָפען... אָבער דאָס אלעס וועל איך אייך שפּעטער מיטטהיילען, שפּעטער מיינע פריינדע. דערווייל האָב איך פיר אייך איינע אנדערע נאכריכט, וועלכע איז פיעל וויכטיגער: אייער קינד לעבט און איך ווייס אויך וואו עס געפינט זיך יעצט!...

רעציע און סאדי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען און האָבען פון וואונדער ניט געקענט א וואָרט אויסשפּרעכען.

— וואָס? איהר גלויבט מיר ניט?—האָט זיך סיררא אָבגערופען צו זיי,— גלייך וועט איהר אייך אין דעם איבערצייגען.

זיא איז ארויסגעלאָפען פון קאבינעט אין פאָרצימער, וואו עס זיינען געבליע־בען ווארטען דער פישער מיט זיין פרוי און מיט דעם געפונענעם קינד. סיררא האָט זיי געטהאָן א ווינק און זיי זיינען אלע מיט איהר אריין אין קאבינעט.

דאָס קינד און דיא מוטער האָבען זיך נאטירליך גלייך ערקענט, און וואָס פיר א סצענע פון פריידען טרעהרען, פון קוסען, פון פראגען און דאנקבארקייט עס איז דערביי פאָרגעקומען, דאָס זיינען מיר ניט אים שטאנדע צו בעשרייבען!

באלד האָט מען געדעקט א טיש צום אבענד־ברויט, אלע האָבען זיך געזעצט צום טיש, מען האָט געגעסען און געטרונקען פון דעם בעסטען און שעהנסטען, מען האָט זיך געפרייט און געדאנקט גאָט פיר אלעס גוטעס, וואָס זיי האָבען ערלעבט. ליידער האָבען זיי לאנג ביים טיש ניט געקענט בלייבען, ווייל מען האָט זיך נאָך בע־דארפט צו בערייטען צו דער רייזע. סאדי האָט נאָך אימער ניט בעשלאָסען וואוהין ער זאָל פאָהרען, אָבער מען האָט איהם פּלוצלונג געבראכט א בריעף פון צארא־בעי, מיט איינער מיטטהיילונג דאָס ער האָט זיך פערהייראטהעט מיט מיס שטראדפאָרדט, מיט וועלכער ער וואָהנט צוזאמען אין איהר לאנד־גוט, ניט ווייט פון לאָנדאָן. צארא־בעי האָט געענדעט זיינע מיטטהיילונג מיט דער ביטע, סאדי זאָל קומען מיט זיין פאַ־מיליע צו איהם אין געסט. נאָך דיעזען בריעף האָט שוין סאדי ניט געהאט וואָס צו קלערען; ער האָט אָנגענומען זיין פריינד'ס איינלאדונג און האָט גלייך געשיקט בע־שטעלען פיר זיך איין ענגלישען שיף. סאדי, האָט פאָרגעלעגט מיטצונעהמען אויף זיין רעכנונג דעם פישער מיט זיין פרוי וואָס האָבען גערעטעט זיין קינד, אָבער זיי האָבען זיך ניט געוואָלט שיידען מיט זייער פאטערלאנד און זיינען גאנץ צופריעדען געוועזען מיט דער רייכער געלד בעלאָהנונג וואָס זיי האָבען בעקומען.

דאָס סיררא איז אויך מיט זיי געפאָהרען נאָך ענגלאנד, ברויכען מיר ניט צו זאָגען, דאָס פערשטעהט יעדער אליין. פון סאדי'ס דיענער און הויז לייטע זיינען במעט

אלע זעהר צופריעדען געוועזען איהם צו בעגלייטען אויף דיעזער רייזע. איינעם פון זיי האָט אָבער סאדי זעלבסט געבעטען ער זאָל נאָך פערבלייבען א קורצע צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אום צו פערקויפען סאדי'ס וואָהנונג און אלעס דינג, וואָס מען האָט ניט געקענט מיטנעהמען מיט זיך.

אום זעקס אוהר אין דער פריה איז שוין סאדי מיט זיין פאמיליע און מיט אלע בעגלייטער געוועזען אויפ'ן שיף וואָס האָט באלד פערלאָזען דעם האפען פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, אום צו פאָהרען נאָך ענגלאנד.

112.

דאָס ענדע פון מאנזור־עפענדי, לאצארוס און פון דער פרינצעסין ראַשאנע.

דיא לעזער און לעזערינען געדענקען וויא אונגליקליך עס האָט זיך געענדעט לאצארוס'ס פּלאַן צו בעפאלען איבער דיא „גאָלדענע מאסקעס" מיט קאוואסען, וועל־כע, אַנשטאָט צו ארעסטירען דיא הייליגע מענער, האָבען זיי איבערגעלאָזען ביי זיי אין דיא הענד דעם ניעדערטרעכטיגען יונג. דער אָבעררעכטער האָט איהם געהייסען בינדען און ווידער שטעלען פאר דעם געריכט. יעצט האָט שוין דער באנדיט ניט גע־וואגט דאָס מינדעסטע צו פערלאַנגען, ער האָט זעלבסט פערשטאַנען דאָס נאָך דעם אקט וואָס ער האָט אָבגעטהאָן, פערדיענט ער ניט זאָגאר מען זאָל איהם אויסהערען, מען זאָל איהם לאָזען א וואָרט ריידען. איין זאך האָט ער נאָר פערלאַנגט, געמליך, מען זאָל איהם לאנג ניט מאטערן, מען זאָל שוין ערפילען איבער איהם זיין דעקרעט, דאָס הייסט, מען זאָל איהם שוין ארונטערנעהמען דעם קאָפּ, וויא מען האָט איהם פער־אורטהיילט, און עס זאָל שוין זיין איין ענדע.

דיא ריכטער האָבען זיך אָבער ניט געאיילט. מעהר וויא א שטונדע האָבען זיי זיך בעראטהען צווישען זיך, וואָס פיר א דעקרעט זיי זאָלען איהם יעצט בעשטימען זיי האָבען געשפּראָכען פראנצעזיש, אום לאצארוס זאָל ניט פערשטעהן. וויא לאצארוס האָט געזעהען, דאָס עס נעהמט קיין ענדע ניט מיט איהם, האָט ער פערלאָרען דיא גע־דולד און האָט געבעטען דיא ריכטער מען זאָל שוין מאכען איין ענדע מיט זיין לעבען און צו גלייך מיט זיינע שמערצען.

— דוא האָסט וועניג געדולד,—האָט איהם געאַנטוואָרטעט דער אָבער־ריכטער, —דערצו האָסט דוא א גרויסען טעות, ווען דוא מיינסט, דאָס דוא וועסט יעצט לויז ווערען און אָבקומען מיט דערזעלבע שטראפע, צו וועלכער מיר האָבען דיך פריהער פעראורטהיילט. ניין! יעצט איז שוין וועניג פיר דיך דעם קאָפּ צו פערליערען, דוא האָסט צו דיינע פריהערדיגע זינדע צו געלעגט פיעל נייע שרעקליכע פערברעכען, פיר וועלכע דוא פערדיענסט א שטרענגערע שטראפע וויא דעם טויט. אלזאָ, איז ביי אונז

געבליעבען מען זאָל דיך פערשיקען אין איין אָרט וואו דאָס לעבען איז פיעל שלעכטער וויא דער טויט, וואו דוא וועסט דיר ווינשען דעם טויט וויא איינע בעפרייהונג פון דיינע שמערצען, וועסט פלוכען דעם טאָג פון דיין געבורט, ביז וואנען דוא וועסט אליין מוזען מאכען איין ענדע מיט דיין פערפלוכטען לעבען... דערווייל אָבער וועסט דוא בלייבען איניגע וואָכען אין געפענגניס, ביז וואנען עס וועט קומען פון יענעם אָרט אונזער טראנספּאָרט שיף, אום דיך אהין אָבצופיהרען.

וויא דער אָבער־ריכטער האָט געענדיגט ריידען, האָט ער געטהאָן א ווינק, און מען האָט לאצארוס'ן אוועקגעפיהרט אין דאָס געפענגניס־צימער, וואָס איז געוועזען ביי דיא „גאָלדען מאסקע“ איינגעריכטעט אונטער דר'ערד. דאָרט האָט ער בעדארפט פערבלייבען ביז וואנען עס וועט קומען דאָס טראנספּאָרט־שיף.

עס איז איהם אויסגעקומען צו ווארטען עטליכע וואָכען. ענדליך, איז געקומען דאָס שיף און מען האָט איהם פערשיקט אין דעם בעשטימטען אָרט.

דיעזער פערשיקונגס־אָרט איז געלעגען אין דער בעוואוסטען אפריקאנישען וויסטעניי זאחארא אויף דער קליינער אָאזע (איין אָרט אין דער וויסטעניי (מדבר), וואו עס געפינט זיך וואסער און עס וואקסט וואָס עס איז, הייסט אָאזע) אָדער זאמד־אינזעל ען־דאָר. דיעזע אָאזע האלט ניט מעהר וויא א פּאָאר מייל און איז פון אלע זוי־טען ארומגערינגעלט מיט הויכע פעלזען־בערג, וועלכע זיינען בעוואקסען מיט ווילדע פּאלמבוימען און אנדערע זאָרטען בוימען. דיא בערג מיט דיא געדיכטע בוימען פער־שטעלען דיא אָאזע פון דיא ווינטען וואָס וועהען אימער אין זאחארא און פערשיטען אלעס דינג מיט זאמד און שטויב. ביי טאָג איז דאָרט אזוי הייס, דאָס מען קען אין דעם זאמד אָבבאקען איין איי, אָבער, דאפיר ביי נאכט איז דאָרט ניט צום אויסהאל־טען קאלט. עס וואקסט אויף דער אָאזע גראָז און אויך פיעלע פרוכט־בוימער, אָבער ווילדע און דיא פריכטע פון זיי זיינען אזוי זויער און ביטער, דאָס מען קען זיי אין מויל ניט נעהמען. טרינקען מוז מען דאָרט אימער געזאלצענע וואסער, ווייל מעהר וויא א פּאָר געזאלצענע קוועלען זיינען דאָרטען ניט דאָ. אָבער עס פיהרען זיך אויף דער אָאזע פיעל פערשיעדענע ווילדע טהירע לייבען, לעאָפּארדען, טיגערען, אנטילאָפּען און שרעקליך גרויסע גיפטיגע שלאנגען. אויסער דיא אלע זאכען, הויכט דאָרטען דיא ערד ארויס פון זיך שעדליכע גאזען, וואָס עס פּלאצט פון זיי דיא הויט און דיא גאנצע לייב ווערט בעדעקט מיט וואונדען און געשווירען אין דיעזען פערפלוכטען אָרט קומט קיין מאָל קיין מענשען'ס פוס ניט אריין, פיעל מעהר דאָס עס איז גאנץ שווער אהין צו קומען, איבער דעם שרעקליך טיעפען זאמד, וואָס ליעגט ארום־און־ארום. דער זאמד איז אזוי טיעף דאָס ער נעהמט איין אין זיך גרויסע טייכען און עס בלייבט פון זיי קיין שפור ניט, וויא פון א טראָפּפען וואסער וואָס מען גיעסט אמאָל אום אויף דר'ערד...

דיעזע פערפלופטע אַזוֹ האָבען דיא „גאָלדענע מאַסקעס" בעשוּימט פיר פערברעכער, וועלכע זיי האָבען פעראורטהיילט צום פערשיקען. אהין איז לאַצארוס אויך געוועזען פערשיקט. מען האָט איהם מיטגעגעבען אלע נעטהיגע געגענשטענדע, ער זאָל דאָרט קענען אין פערלויף פון א פאָר יאָהר אויסהאַלטען זיין לעבען, אום ער זאָל צייט האָבען צו פערזוכען אלע פלאָגען, אלע שמערצען און ליידען פון יענעם אָרט, און ער זאָל זיך אליין אין דיעזער צייט ארומזעהען, וואָס פיר א גרויזער זינדער ער איז געוועזען, און זאָל פאר דעם טויט תשובה טהאָן!... מען האָט איהם מיטגעגעבען א פלינטע, א ביקס, א שווערט, אויך א שפיעז, פייל־און־בויגען, פולווער קוגלען, ער זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו שיטצען געגען דיא ווילדע טהירען און ער זאָל קענען געהן אויף געיעג, ווייטער האָט ער בעקומען א מעסער, א האַק, א רידעל, א טאָפּ, פער־שיעדענע קערנער צום זייען, א ווארמע דעקע און פיעלע קליינינקייטען, אָהן וועלכע עס וואָלט איהם דאָרט א טאָג ניט מעגליך געוועזען איבערצולעבען.

דיא ערשטע עטליכע שטונדען, וואָס לאַצארוס האָט איינזאם פערבראכט אין זיין נייעם וואָהנונגס־אָרט, איז ער געוועזען ביי זיך גאנץ מוטהיג און האָט זיך פער־גלייכט מיט אדם הראשון, וועלכער איז אויך א צייט געוועזען איינער אליין אויף דער גאנצער וועלט.

אויף דעם ערשטען שפאציער־גאנג, וואָס ער האָט דאָרט געמאכט, האָט ער אָנגעטראָפען ליגענדיג אויף דר'ערד סקעלעטען פון מענשען... ער האָט פערשטאַנען, דאָס עס איז איבערגעבליבענע ביינער פון מענשען, וועלכע זיינען געוועזען פערשיקט אהער אזוי וויא ער, און דאָס האָט שוין פערפינסטערט זיין מוטה. נאָך מעהר האָט ער „אראָבגעלאָזען דעם נאָז" וויא עס איז געוואָרען נאכט און פערשיעדענע ווילדע טהיערע האָבען אָנגעפאנגען זייער קאָנצערט. עס האָט איהם געגרוילט פון דיעזער מוזיק... עס איז איהם אונמעגליך געוועזען איין אויג צו צוטהאָן. אין יעדער מינוט האָט צו איהם געקאָנט קומען מיט א וויזיט א הונגעריגער טיגער, א לייב, א היענע און דערגלייכען. ער האָט געמוזט אויף זיין דיא גאנצע נאכט און אויף קיין אויגענבליק ניט ארויסלאָזען פון האנד קיין געוועהר... דערצו איז ער א פערפראָרענער געוואָרען, ווארום ביי נאכט איז דאָרט געוועזען שרעקליך קאלט און עס האָט איהם דיא דעקע אויך ניט געהאָלפען, קורץ גערעדט, וואָס א שטונדע ווייטער, האָט ער אימער דאָרט נייע שרעקען אָנגעטראָפען!

דאָס שרעקליכסטע פון אלעם האָט ער אָבער ענטדעקט אין א פאָר טעג ארום, ער האָט, נעמליך, מיט זיינע שארפע אויגען דערזעהען פון ווייטענס מאַנזור־עפּענדי'ן, זיין שלימסטען פיינד, וועלכען מען האָט אויך אהין פערשיקט נאָך מיט א מאָנאט פריהער וויא לאַצארוס'ן. דיעזער פיינד איז איהם פיעל געפעהרליכער געוועזען וויא דיא

ווילדע טהיערע. געגען דיא ווילדע טהיערע איז ער געוועזן אימשטאנדע זיך צו שיטצען, אָבער דורכאויס ניט געגען מאנזור, וועלכער איז געוועזן איין אויסגעצייכענטער שיסער און האָט געהאט א זעלטען גלייכע און פליגקע האנד. פון איהם איינצוהיטען זיך איז געוועזן אונמעגליך און ווער רעדט שוין מיט איהם צו שטרייטען. לאצארוס איז זיכער געוועזן, דאָס וויא מאנזור וועט איהם נאָר דאָרט דערזעהען, איז א סוף מיט זיין לעבען. אלזאָ, איז פון דיעזער מינוט אָן שוין ענג געוואָרען פיר לאצארוס'ן דיעזע אָאזע, און געהעכדיג האָט ער זיך שוין יעצט געמוזט גוט ארומקוקען אום אויסצומיידען א בעגעגעניס מיט מאנזור־עפענדי.

ניט בעסער איז געוועזן דיא ענדע פון דער פרינצעסין ראָשאנע. דיא געשיכטע מיט סאדי'ס קינד איז בעשריעבען געוואָרען אין קאָנסטאנטינאָפּאָלער צייטונגען. צוליעב דעם האָט זיך ראָשאנע ערקונדיגט, דאָס עסמא האָט ניט ערפילט איהר בעפעהל פונקט וויא זיא האָט געוואָלט. אין א טאָג ארום נאָך דעם האָט זיך דיא פרינצעסין זעלבסט פערגיפטעט פון שאנדע און נאָך מעהר פון פערדרוס דאָס סאדי לעבט דאָך גליקליך מיט זיין געליעבטער פרוי, און זאָגאר מיט זיין קינד, און דאָס זיא, ראָשאנע, האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט.

גלייך פון לאָנדאָנער האפען איז סאדי מיט דער גאנצער פאמיליע אוועקגעפאָהרען צו זיין פריינד צארא־בעי, אין לאנדהויז. דיא פרייד פון צארא־בעי אין דעם אויגענבליק וויא ער האָט דערזעהען סאדי'ן ביי זיך אין הויז, איז אונבעשרייבליך. ניט וועניגער איז געוועזן פריינדליך צו איהם און צו דער שעהנער מירקין, צו רעציע, צארא־בעי'ס פרוי זארא. צוליעב דיא טהייערע געסט פון דעם פאָריגען פאטערלאנד, האט צאראבעי געמאכט א באָל פיר גוטע בעקאנטע און נאכבארען. דיא פאָרנעהמע ענגלענדער האָבען געשלאָסען בעקאנטשאפט מיט סאדי'ן, מיט זיין פרוי, האָבען זיי גראטולירט און איינגעלאדען צו זיך אויף בעלער... אזוי האָט זיך פיר סאדי'ן און זיין פרוי אָנגעפאנגען איין נייעס גליקליכעס לעבען און ביידע האָבען זיך געשעצט העכסט גליקליך, דאָס זיי וואָהנען שוין אין ענגלאנד, וואו עס קאָנען אזעלכע זאכען ניט געשעהען.

ע נ ד ע.